STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01215

RAYZES

Arn Vergelis

Permanent preservation of this book was made possible
by Mel & Sherry Gold
in honor of
their 50th wedding anniversary

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוואַנציק טעג אין אַמעריקע



13 נאָיאַבער

ווי שטענדיק פארן אוועקלאָזן זיך אין א ווײַטן וועג, האָב איך הײַנט זיך אופגעכאַפּט פונעם באַנאַכטיקן שלאָף אַף א שאָ אָנדערהאַלבן־צוויי פריִער, איידער עס איז געווען פאָרויסבאַשטימט. וועל איך טאַקע אויסנוצן די פרײַע צײַט און אָנהייבן מײַנע וועג־נאָטיצן דאָ אין דער היים, מיט א פּאָר שורעס וועגן דעם נעכטיקן אופנאַם באַם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר.

אַף אָט דעם דיפּלאָמאַטישן אופנאַם, ווו יעדערער אַף זײַן אויפן האָט, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, באַוויזן די קונסט פון ריידן און גאָרנישט ניט זאָגן, האָט דאָך איין מענטש מיר געזאָגט אַזוינס, וואָס מיט דעם לוינט אָנהייבן דעם טאָגבוך פון דער רײַזע קיין אַמעריקע. עס גייט א רייד וועגן דעם באַוווּסטן ניו־יאָרקער אַדוואָקאַט געבריִעל ריינער, דעם אייגנטימער פון דער יורידישער קאָמפּאַניע „קאָסמאָס”. ריינער אין מיט א כאַדאָשים צוויי צוריק געווען צוגאַסט אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, און דעריבער האָבן מיר זיך איצט באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע. אויסדריקנדיק די צופרידנקײַט מיט דעם, וואָס זעכצן טוער פון דער סאָוועטישער קולטור — שרײַבער, זשורנאַליסטן, אַקאַדעמיקער, פּראָפעסאָרן, מאָלער — וועלן זײַן אין אַמעריקע בייס דעם דרײַסיקיאָריקן יובילײַ פון אײַנשטעלן נאָרמאַלע באַציִונגען צווישן פּשא און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט געבריִעל ריינער דערציילט, מיט וואָס פאַר א גאַסטפרײַנטלעכקײַט עס איז אין אונדזער לאַנד אופגענומען געוואָרן די גרופּע אַמעריקאַנער ביזנעסמענער, וועלכע האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט איר רײַזע און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. זײַענדיק, ווײַזט אויס, פאַרכאַפּט פון א שטאַרקן פּאַטריאָטישן געפיל, האָט ער פּאַטעטיש אויסגעשריִען:

— מיינט אָבער ניט, אַז אין פאַרמעסט אַף גאַסטפרײַנטלעכקײַט האָט דער קאָמוניזם איבערגעיאָגט דעם קאַפּיטאַליזם, פּונקט אַזוי ווי, לע־

מאָשל, אין דעם פּאַרמעסט אַף באַהערשן דעם קאָסמאָס... מיינט עס ניט! אין א פּאָר טעג ארום וועט איר דערפילן, ווי גאַסטפריינטלעך עס איז אמעריקע...

— פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן...— האָב איך געענטפערט.

איצט שרײַב איך שוין אין אעראָפּלאַן. איך הייב אָן פון אָנהייב.

באַנאַכט איז אין מאָסקווע אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. אַפן וועג צום אעראָפּאָרט שערעמעטיעווא, ווען מיר זײַנען דורכן לענינגראַדער שאָסיי ארויס צו די בײַשטאָטישע וועלדער, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט דעם שאָפער: „זע, ווי וויל מאָסקווע באַגלייט ארויס: מיט א שניי"...

צוועלף אזייגער מיט דרײַסיק מינוט. אונדזער TY-104A פאָרט לאַנג־זאַם ארויס צום סטאַרט. עס דוכט: דער אעראָפּלאַן וועט אזוי, אַף דער ערד, דערפאָרן ביז אמעריקע. מיטאמאָל פאַרדרייט ער אַף רעכטס, שטעלט זיך אַף א רעגע אָפּ, דער פּילאָט שליסט אײַן אַלע מאָטאָרן, און — מיר פליען. באַם אופשטײַגן באַקומט זיך, פּונקט ווי דער פליגל, לעבן וועלכן איך זיץ, וואָלט אופגעשווומען אַף וואַסער אָדער „אופגעגאַנגען אַף הייוון".

דער טאָג איז זייער א כמאַרנער. ווען מיר הייבן זיך אוף העכער פון די וואָלקנס, צעעפנט זיך פּלוצעם אזא ליכטיקע און ברייטע זוני־קײַט, אז עס הייבט אָן שנײַדן אין די אויגן. די ווײַסע וואָלקנס אונטער די רעדער פונעם אעראָפּלאַן — ווי א שניי־פאַרוואָלגערט פעלד. דאָס בילד זעט אויס אזוי, גלײַך דו געפינסט זיך אַף א גיט הויכן באַרג־אַפּריס און אונטן זעסטו א שנייזיקן פליין.

די סטיואַרדעסע — זי רעדט א כיינעוודיק־אַקצענטירטן רוסיש און א פּליסיקן דײַטש — צעטיילט אונדז צײַטונגען און אינפאָרמאַציע־ביולע־טענען וועגן דעם רייס (די הייך — 9000 מעטער, טעמפּעראַטור אין דרויסן — מינוס 50, אין סאַלאָן — פּליוס 20, די שנעלקײַט — 750 קילאָ־מעטער א שאָ).

מע ברענגט אונדז עסן. איך נעם ארויס פון דער „קעשענע" פונעם פאָרויסשטייענדיקן שטול א הילצערן „טישעלע" און פּאַרפּעסטיק עס אַף די זײַטיקע ווענטלעך פון מײַן שטול, באַ די סאַמע קני. אַף אָט דעם „טישעלע" שטעלט די סטיואַרדעסע אוועק א טאַץ מיט קאָלטווו: הון מיט גרינע אַרבעס און מיט א זויערער אוגערקע, שוואַרץ ברויט, א בולקע־לע, פּוטער און שוואַרצע פיש־רויג, א גלאָז גאַזירט וואַסער, א גלאָז טיי מיט לימענע און צו איר — א שטיקל טאָרט, אַן עפּל...

פונעם צווייטן סאַלאָן קומט אַרײַן איליאַ ערענבורג און נעמט גלײַך זיך פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער פליט מיט „אונדזער" אעראָפּלאַן: „געהערט א מײַסע? איך דאַרף קיין קאָפּענהאַגען, טרעף איך פּונקט אַף דער זעלבער מאַשין, וואָס איר"... ער בייגט זיך אָן איבער מײַן אויער און זאָגט מיט געמאַכטער ערנסטקײַט: „איך וועל זען, וויאזוי איר וועט לאַכן, ווען איר וועט כאַפּן א פּאָר סטוסאַקעס פון דער אלוועלטלעכער ייִדישער רע־

אקציע. יאָ, יאָ. טשיקאַווע, זייער טשיקאַווע"... מײַן שאָכן באָריס פּאָלעוואָי גייט מיט אים אוועק אין צווייטן סאַלאָן, און לעבן מיר באַפרײַט זיך דער שכײנישער שטול. איך קלײַב זיך אריבער נעענטער צום אילומינאַטאָר און קוק ארויס אין דרויסן.

עס געפעלט מיר דאָס „שנייִקע פעלד" פון די וואָלקנס. ס'איז אזוי נאָענט, אז דאָס געפיל פון אילוזיע פארשווינדט קימאַט. מע קאָן עפּענען די טיר און אראָפּשפּרינגען פון דעם „בערגל" אין „שניי". אָן א פערטל דרײַ לויט דער מאָסקווער צײַט באַווײַזט זיך א גרויס וואסער, וואָס זעט אויס ווי אן אָנבערעגיקער, טונקל־גרויער, עטוואָס גלאַנציקער (ווי נאָך א רעגן) אספאלט. עס שפּרייט זיך אויס די באַלטיק. מיר גייען צו צו קאָפּענהאגען. דער יאם באקומט כוואַליעס (ווײַסע ריסן אפן „אספאלט"). צווישן די כוואַליעס באַמערק איך א שיף. אומגעריכט (ווײַזט אויס — לעבן סאמע יאם) דערשײַנט דער אעראָדראָם.

באַם ארויסגיין אפן פלי־פעלד וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן: ניטאָ קיין שניי. מע מעלדעט די טעמפּעראַטור אין קאָפּענהאגען: פליוס צען. דער מאָסקווער שניי איז פּונקט ווי „אויסגערונען".

די געבײַדע פונעם אעראָוואָקזאַל (לויט ווי מע דערציילט, איז עס דאָס אָריגינעלסטע, וואָס די ארכיטעקטור האָט אף דעם געביט ביז הײַנט אויפגעטאָן) — א שמאָלע, ווי א דורכויסיקער קאָרידאָר, געמאַכט פון בעטאָן און גלאָז. זי פארבײַט די געוויינלעכע דורכגענג צו די סעקטאָרן פונעם פלי־פעלד און אײנצײַטיק נעמט זי ארײַן אין זיך אלע געשעפטלעכע און אדמיניסטראטיווע ביוראָען, די זאַלן פאר די פּאַסאַזשירן, די עסצימערן.

אויסגעטאָן די מאַנטלען, שפּאַצירן מיר ארום און ריידן וועגן וועג־זאַכן. אין זאַל איז שטיל, געמיטלעך. מע פּאַקויפט סוווענירן: אלטפרענקישע (אָבער נײַ־בלישטשענדיקע, פארשטייט זיך) טעלעפאָן־אפּאַראַטן, וואָס זײַנען טיפּיש פאר דענעמאַרק אין אָנהייב יאָרהונדערט, פּראַוואָסלאַווע איקאָנעס, פארשיידענע שניצערײַען.

ווען מיר גייען ווידער צום פלי־פעלד, האַלטן אין איין שווינדלען פאר די אויגן דרײַ אויסיעס: SAS. אף די וועגעלעך, וואָס פאָרן ארום איבער די דורכגענג פונעם וואָקזאַל און אויך איבער דעם פלי־פעלד, אף די פליִיִעס פון די אעראָפּאָרט־אָנגעשטעלטע, אף יעדן טרעפּל פון די אוויִאַליִיִטערס, אף די פליגל פון די אוויִאָנען, — אומעטום SAS...SAS... כאָלילע, ס'איז גאָרנישט אזא מיסטעריעזער איניען! SAS באַטײַט: Scandinavian Airlines System (סקאַנדינאַווישע אוויִאַקאָמפּאַניע).

און אָט זײַנען מיר שוין אין אעראָפּלאַן, וואָס וועט אונדז „איבערשלעפּן" איבערן אטלאַנטישן אָקעאַן. דאָ איז אלץ אפן אמעריקאַנער מאַניר: די האַרטלעכע ענגלישע שפּראַך פון די סטיוּאַרדעסעס, די גראָבע פּעקלעך „ניו־יאָרק־טײַמס" (אײראָפּעיִשע אויסגאַבע), די שפּאָרעוודיקײַט אין דער פּלאַנירונג פונעם סאַלאָן.

מיר וועלן פליִען זיבן שאָ מיט צוואַנציק מינוט. דער מאַרשרוט: גרענלאַנד — איסלאַנד — קאַנאַדע — ניו־יאָרק. דער „באָיִנג", אן אויסגעצייכנטע מאַשין, נעמט ארײַן א מענטשן הונדערט צוואַנציק.

צוביסלעך ווערט מען פארוויגט פון דעם מאָנאָטאָנעם פליִען. מע דרעמלט, מע לייגט קימאט ניט קיין אכט אף דער וועלט־געאָגראפיע, וואָס שפרייט זיך אויס אָן אַנשוילעכע אונטער די פליגל פונעם עראָפּלאַן.

צווישן די פּאסאזשירן ציט צו זיך צו די אופמערקזאמקייט א פארשוין מיט א געשטופּלט, אויסדריקלעך פּאָנעם, א זייער געלאסענער און סאָלי־דער, א לייטיש־באבערדלטער. מיט אים שמועסן זיך דורך דער פּאָליטי־שער קאָמענטאטאָר פונעם מאָסקווער זשורנאל „נאָוואָיע ווערעמיא" לעוו בעזימענסקי און דער פּאָלקס־קינסטלער פון פּסםר דעמענטי שמארינאָוו. בעזימענסקי רעדט האלב־שפּאניש, האלב־לאטיין. עס ווייזט זיך ארויס, אז דער פארשוין איז דער עפּיסקאָפּ פון דער הויפּטשטאָט פון קאָלומביע באָ־גאָטע. ער קערט זיך אום אהיים פון דער אלוועלטלעכער סעסיע פון די קארדינאלן און בישאָפן פון דער קאטוילישער קירך. אין דער יוגנט, — דערציילט ער, — האָט ער געקעמפט אלס רעפּובליקאנער אין שפּאניע, דערנאָך אָפּגעגאנגען פון די „לינקע רייען", געוואָרן א מיסיאָנער און — אַן עפּיסקאָפּ... ער זאָגט, ווענדנדיק זיך צו אונדז אלעמען: „מײַנע הערן, קאָ־לומביע, זאָג איך אײַך, נייטיקט זיך אין קאָמוניזם"...

ווען מיר פליִען דורך גרענלאנד, ווארפן זיך אלע צו די איליומינאטאָרן אף דער רעכטער זײַט פונעם עראָפּלאַן. מע קוקט זיך אײַן אין דער אויסערגעוויינלעכער שיינקייט פון אָט דער אייביק ווינטערדיקער ערד, און דאָס דערמאָנט מיר אין דעם, וויאזוי, פארבײַפאָרנדיק דעם בײַקאל, ווארפן זיך די פּאסאזשירן פון די טראנססיבירער עקספּרעסן צו די פענצ־טער פונעם וואגאָן, און נאָזווע מענטשן שרעקן זיך, אז דער צוג וועט פון דעם זיך איבערקערן... עס זעען זיך, אף ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט, ווײַסע בערג, באלויכטענע אף די שפּיצן און שיפּוּים מיט א שטארקער זון, ווי מיט א פּראָזשעקטאָר. פיאָרדן, פיאָרדן, פיאָרדן... קיין סימען פון מענטשישע נעסטן...

דאָס פליִען פון אונדזער „באָינג" קאָן מען אָנרופן — א געיעג נאָך דער זון. טראָגנדיק זיך אף מײַרעוו מיט דער שנעלקייט פון קנאפּע טויזנט קי־לאָמעטער א שאָ, שטייען מיר קימאט ניט אָפּ פון דער זון, לויפן איר נאָך פּוסטריט, און דעריבער פארגייט זי ניט פון אונדזער האָריזאָנט. אף די זייגערס, וואָס ווײַזן נאָך די מאָסקווער צײַט, איז שוין דער פערצנטער נאָיאבער, איינס אזייגער מיט פינף מינוט נאָך האלבער נאכט. אין ניו־יאָרק אָבער איז נאָך דער דרײַצנטער נאָיאבער — פינף אזייגער מיט צען מינוט פארנאכט. אין איין דרײַצנטן נאָיאבער — צוויי דרײַצנטע נאָיאבערס!

אונטער אונדז — אַן אָקעאַן־צעגוס פון עפּעס אזוינס, וואָס מע קאָן אפי־לע ניט אָנרופן פײַערן. ס'איז פּונקט ווי מע וואָלט אראָפּגענומען דעם איי־בערשטן שיכט פון דער ערד, און דאָרט האָט זיך אנטפּלעקט דעם אויג א פײַערדיקע לאווע, וואָס לויכט און מינעט זיך, שפּילט און גיסט זיך איבער, הייבט זיך אוף ביז אהער, ביז צום „הימל", און פאלט ערגעץ אין דער נידער, אין דעם ברעג־וואסער פונעם אָקעאַן, — פון דעם עמעסן, דעם אט־לאנטישן...

דאָס איז — ניו־יאָרק.

14 נאָיאבער

נעכטן האָט דער דריצנטער נאָיאבער זיך נאָך געצויגן זייער לאנג. ער האָט אין זיך אריינגעכאפּט, אויסער דאָס פליִען פון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק, א היפּש ביסל וואָזגעניש אין דער טאמאָזשניע פון דעם ניו־יאָרקער אעראָ־פּאָרט איידעלווילד, א פּרעסע־קאָנפערענץ, דעם ווייטערדיקן איבערפלי פון ניו־יאָרק קיין וואשינגטאָן, דאָס איינאָרדענען זיך אין וואשינגטאָנער „קאָמאָדאָר"־האָטעל. באם אוונטברויט אין רעסטאָראַן פון האָטעל האָבן מיר געלויבט די היינטצייטיקע אוויִאציע: מיט איר הילף קאָן מען, אָפּעסנ־דיק פרישטיק אין מאָסקווע, זיך דערקלייבן צו דער וועטשערע קיין וואַ־שינגטאָן...

צוויי דעטאלן פון דער טאמאָזשניע־פּראַקטיק. ווי באוווּסט, פירט יעדע־רער מיט זיך, באם אריינפאָרן אין אמעריקע, א צייגעניש וועגן דעם, אז ער האָט באקומען פּאָקן־איינשפּריצונגען. וועלנדיק צונויפנעמען אָט די צייגענישן בא דער גאנצער סאָוועטישער גרופּע, האָט דער טשינאָווניק פונעם טאמאָזשניע־אמט אויסגערופן:

— מיסטער ווערגעליס! ווער פון אייך איז מיסטער ווערגעליס?

— איך...

— מיסטער ווערגעליס, זייט אזוי גוט און ברענגט אונדז די מעדיצין־קארטעס פון דער גרופּע... זאָגט, בא אלעמען זיינען גרייט די קארטעס?

— פארוואָס פרעגט איר עס בא מיר?

— ווייל די זשורנאליסטן, וואָס ווארטן דאָ, האָבן אונדז דערציילט, אז איר זייט דער וואָרטזאָגער פון דער גרופּע...

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעשמייכלט. איך האָב געזאָגט דעם טשינאָווניק, אז „וואָרטזאָגער" בא אונדז, דאָס הייסט אָנפירער פון דער גרופּע, איז ניקאָליי בלאָכין, דער „דריי מאָל פּרעזידענט", ווי מיר רופן אים צווישן זיך: פּרעזידענט פון דער מעדיצין־אקאדעמיע פון סאָ־וועטנפארבאנד, פּרעזידענט פונעם סאָוועטיש־אמעריקאנישן אינסטיטוט און — לעסאָף, פּרעזידענט פון אונדזער גרופּע. נו, בעקיצער, דעם טשינאָווו־ניק פון דער ניו־יאָרקער טאמאָזשניע וועסטו ניט איינריידן דאָס, וואָס שטימט ניט מיט זיינע אינסטרוקציעס. איך נעם צונויף די מעדיצין־צײ־גענישן און גיב זיי אָפּ דעם טשינאָווניק...

נאָך א „פּאסירונג" באם דורכגיין די טאמאָזשניע־פאָרמאליטעטן. פון די צוויי טשעמאָדאנעס, וואָס עס פירן מיט זיך באָריס פּאָלעוואָי און זיין פרוי יוליִא אָסיפּאָוונא, איז אָנגעקומען בלויז איינער, כאָטש געפלויגן איז אונ־דזער באגאזש אין איין עראָפּלאַן מיט אונדז. וואָס זשע איז דאָ פּאָרגע־קומען?

באָריס ניקאָלייעוויטש, וועלכער איז שטארק דערפארן אין אייסעק טור־ריזם, זאָגט מיט פלעגמאטישער רויִקייט:

— גאָרנישט ניט, בראטצי, גאָרנישט ניט... אָט וועט איר זען, אז אין וואשינגטאָן וועט דער טשעמאָדאן מיך אָניאָגן.

— יאָ, אָבער די רעטעניש... וויאזוי פארשווינדט עס א טשעמאָדאן...

— זיי דארפן „אויסטאַפּן" דעם באגאזש... נעמען זיי פון צוואנציק

טשעמאָדאַנעס ארויס איינעם און קערן אים אום אין א פּאָר שאָ ארום... בראַטצי, ערגערט זיך ניט, ס'איז אײַך ניט פליִען פון מאָסקווע קיין איר־קוטסק...

יוליִא אָסיפּאָוונא, זייער א ווילע פרוי, א לערערן, זאָגט מיט א שמייכל:

— זעט, ווי ער איז עס האָפערדיק באַ זיך, באָריס... און דער סעקרעט דערפון איז דאָס, וואָס אין טשעמאָדאַן ליגן (דערציילט עס ניט קיינעם!) בלויז עטלעכע קילאָ סוכארעס און א פּאָר פלעשלעך בראַנפן, וועלכע מיר האָבן מיטגענומען ווי א סוווענירֿ... זיי האָבן, זאָג איך אײַך, געטראָפן ניט אף דעם טשעמאָדאַן...

די פּרעסע־קאָנפערענץ אין איידלוואילד איז געווען פאַר אונדז אומ־געריכט, און נאָך מער אומגעריכט איז געווען דאָס, וואָס דאָרט איז פאָר־געקומען. נאָך די טאַמאָזשניע־פאָרמאַליטעטן האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט אין א זײַטיקן צימער, און —

וואָס טוט זיך דאָ? מיר האָבן גלײַך ניט פאַרשטאַנען. עס האָט א שלאָג געטאָן אנטקעגן אונדז א כוואַליע פון זשומעניש, שטופעניש, שרײַעניש, באַגלייט פון אופבליצנדיקע יופּיטערס און פון א גוטברודעריש קלאַפּעניש איבער די פּלייצעס.

צוויי סענסאַציאָנעלע פראַגעס האָבן פאַר אונדז פאַרגרייט די אמערי־קאַנער פּרעסע־לײַט. ערשטנס, אין מאָסקווע איז נאָך אונדזער אָפּפלי פאַרעפנטלעכט געווען א מיטיילונג וועגן דעם, אז אַן אמעריקאַנער פּראָפע־סאָר — פּרעדעריק באַרגהאָרן — איז אף איינער פון די מאָסקווער גאַסן אַרעסטירט געוואָרן לויט דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש. צי האָבן מיר עפּעס־וואָס צו זאָגן וועגן דעם? צי וועט אונדז געפעלן, אויב דאָס זעלבע וועט די אמעריקאַנער גאַהיים־פּאָליצײַ באַלד טאָן מיט עמעצן פון אונדז?

מיר ענטפערן, אז אונדז איז גאָרניט באַוווּסט וועגן דעם איניען. מיר זײַנען א דעלעגאַציע קולטור־טוער. און דעם זשורנאַליסט, וואָס פּרוווט אונדז דראָען, גיבן מיר אַן אייצע, ער זאָל שרעקן עמעצן אנדערש, ניט אונדז.

דאַן פאַרגיט מען די צווייטע פראַגע, טאַקע זי, די ייִדישע: צי ווילן מיר ניט עפּעס איבערגעבן און צי האָבן מיר ניט עפּעס געבראַכט מיט זיך פאַר די אמעריקאַנער אָפּטעראָפּסים פון די פאַרפאָלגטע און פאַרשטויסענע ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

דער ענטפער געפעלט ניט די זשורנאַליסטן. פון אָנהייב אָן שטעלט זיך אײַן א געוויסע אַטמאָספער. עס פילט זיך, אז די פּרעסע־לײַט, פּונקט ווי די באַאַמטע פון דער טאַמאָזשניע, באַגעגענען אונדז אין העסקעם מיט גרייטע אינסטרוקציעס.

וועגן אָט די אינסטרוקציעס מעלדעט אָן צערעמאָניעס איינער א זשור־נאַליסט. דער מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט, זאָגט ער, האָט זיך אָפיציִעל גע־

ווענדט צו די געהעריקע אמעריקאנער אינסטיטוציעס מיט א וואָרענונג צו זײַן פּאָרזיכטיק מיט דער דעלעגאַציע סאָוועטישע קולטור־טוער, וועלכע „שלייערט זיך אין א מאַנטל פון טוריסטן, נאָר טראָגט פּאַקטיש אַן אויס־געשפּראָכענעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער".

ווייסן מיר שוין, אין וואָס דאָ גייט. פאַר די אויגן באַ מיר בליצט דורך דאָס גוטמוטיקע געשטאַלט פונעם אמעריקאַנער פּאַטריאָטישן יוריסט אין דער אמבאַסאַדע אַף ספּאַסאָפּעסקאָווסקער פּלאַץ, לעבן ארבאַט. צוטראָגנ־דיק מיט צוויי פינגער צום מויל א פּיצינק וורשטעלע, וואָס איז ארופגע־שטעקט אַף א שטעקעלע, די גרייס פון א שוועבעלע, זאָגט געבריזעל ריי־נער: „...אין א פּאָר טעג ארום וועט איר דערפילן, ווי גאַסטפריינטלעך עס איז אַמעריקע". צוליב פּינקטלעכקײַט וואָלט איך אין דעם יוריסטס רייד אָנשטאָט אמעריקע געזאָגט „אָפיציעלע אמעריקע"...

איך טראַכט וועגן דעם אין א מאָמענט, ווען צו מיר ווענדט זיך מיט א פראַגע אײנער פון די ייִדישע צײַטונגס־לײַט. איך זאָג אים: „די רעכי־לעס וועגן פאַרפאָלגונגען פון ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערן דאָ באַ אײַך פאַרשפּרייט פון גרופּעס, וועלכע זײַנען פּאָליטישע אומפּרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך בין זיכער, אַז די ייִדישע מאַסן אין אמעריקע באַ־טייליקן זיך ניט אין די דאָזיקע העצעס".

ווען דער אָפיציעלער טייל פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז געפירט געוואָרן אַף רוסיש און ענגליש, איז פאַרענדיקט, דערפיל איך, ווי מיטאַמאָל גיט זיך קימאַט דער גאַנצער אוילעם קאָרעספּאָנדענטן א מין דריי איבער אַף אַן אַנדער זײַט און הייבט אָן ריידן מיט מיר ייִדיש. „אָ, — זאָג איך, — ראַבויסײַ, איר בראָקט דאָך גאַנץ פײַן מאַמע־לאָשן"... עמעצער צעלאַכט זיך, נאָר מע נעמט ווידער, שוין אָפן היימישן אויפן, איבער־שלאָגנדיק אײנער דעם אַנדערן די רייד, שטעלן פראַגעס:

— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם באַשלוס צו באָיקאָטירן אײַך?

— וועמען — אײַך?

— אײַך פּערזענלעך.

— ווער האָט אָנגענומען אזא באַשלוס?

— דער ראַט פון די ראַבאָנים.

— איך בין ניט געקומען צוגאַסט צו ראַבאָנים...

— וואָס איז אײַער ציל?

— איך וויל זיך באַקאַנען מיט אמעריקע און מיט דעם, וויאַזוי עס לעבן דאָ די ייִדן.

— איר ווילט מיט עפּעס פאַרגלײַכן?

— יאָ, מיט דעם, ווי עס לעבן די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד...

ווײַזט זיך ארויס, אַז מע קאָן איבערשלאָפן א נאַכט אין אַמעריקע, זײַן פאַר דער צײַט אין די צוויי הויפּטשטעט אירע און דאָך ניט קומען אין קיין מינדסטן באַריר מיט איר.

ווײַל אין ניו־יאָרק, נאָכן אראָפּוואַלגערן זיך פונעם הימל, האָבן מיר געזען בלויז די טאַמאָזשניע און דאָס צימער, ווו ס׳איז פאָרגעקומען די פּרעסע־קאָנפערענץ. אַזוינס קאָן זײַן ווו איר ווילט. אין טאַמאָזשניע־זאַל שטייען ניט קיין הימלקראַצערס. אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט און בלויז אַרויסגעשטעקט די נאָז אויפן פלי־פעלד, זײַנען מיר אַרײַן אין אַעראָפּלאַן און — אָט איז שוין וואַשינגטאָן! דער וועג פונעם וואַשינגטאָנער אַעראָ־פּאָרט צום האָטעל — א וועג ווי אַלע וועגן, דערצו נאָך באַנאַכט, מע פאָרט אַדורך די שטאָט זײַטלדיק. די הײַזער — ניט קיין הויכע, ניט קיין באַלויכ־טענע. קורץ געזאָגט: „ניט אַמעריקאַניש״.

אויפגעוועקט האָט מיך פון שלאָף זעקס אַזייגער אינדערפרי א שאַרפער קלונג פונעם טעלעפאָן. איך האָב א שטורכע געטאָן ראָבערט ראָזשדעסט־ווענסקין, דעם שאָכן מײַנעם לויטן האָטעל־נומער, — זאָל ער אויך זיך אויפכאַפּן און נעמען דאָס טרײַבל. ראָבערט, שטאַרק פאַרשלאָפן, זאָגט אין טעלעפאָן אַרײַן אַן האַקדאָמעס:

— ניע גאָוואָריו אַי ניע פּאָנימאַיו פּאָ־אַנגליסקי... (איך רייד ניט און פאַרשטיי ניט קיין ענגליש).

צוהערנדיק זיך א רגע צום טרײַבל, גיט ער עס מיר איבער:

— א מין שיטן מיט רייד: ס׳איז יאָ ענגליש און ניט ענגליש...

איך שרײַ אויך אַרײַן:

— ניע גאָוואָריו פּאָ־אַנגליסקי...

און דערהער אַן ענטפער:

— וואָס מאַכט איר זיך טאַמעוואַטע, צי איר האָט זיך שוין אָנגעטרונ־קען מיט אײַער רוסישער וואָדקע און ווייסט ניט, אַף וועלכער וועלט איר זײַט... איך רייד צו אײַך יידיש, און איר — פּאָ־אַנגליצקי, פּאָ־אַנגליצקי...

— ווער זײַט איר?

— א יידישער קאָרעספּאָנדענט...

— איך בין ערשט געקומען צו פליִען פון ניו־יאָרק... פון קאָפּענהאַגען... פון מאָסקווע... איך וויל שלאָפן.

— איך בין אויך ערשט געקומען צו פליִען פון ניו־יאָרק... וואָס מיינט איר, ס׳איז דאָ איין אווזאָן אַף דער וועלט? איך האָב נעכטן אַף איידעל־וואַילד ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן מיט אײַך א שמועס צו טאָן...

— ווילט איר עס לעמאַנהאַשעם טאָן איצט?

— וואָדען? מײַן באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז דער אינטערוויו זאָל זײַן ניט שפּעטער פון אַכט אַזייגער אינדערפרי. די זעצער וואַרטן. דער לינאָ־טיפּ שטייט.

— רעב ייִד, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר, איך וויל שלאָפן...

— און אַזוי ענטפערט א רעדאַקטאָר, דערצו נאָך פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד״! איז טאַקע געווען מײַן רעדאַקטאָר, וואָס זאָגט, אַז איר זײַט א סאָוועטסקי קאָמיסאַר, און מער גאָרנישט...

אין א פּאָר מינוט אַרום — נאָכאַמאָל דער זעלבער קלונג, ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל. ראָזשדעסטווענסקי זאָגט:

— עפּשער וואָלסטו זיך טאַקע צו אים אַראָפּגעלאָזט אין וועסטיבול, האַ? ער קאָן נאָך רופן פּאָליציי...

— אין וועסטיבול טויג ניט. איך וועל אים בעסער רופן אהער... ער וועט זײַן צופרידן צו שטעלן אויך דיר א פּאָר פראגעס...

— לאָמיר בעסער שלאָפן...

צום פרישטיק האָט די גאנצע גרופּע זיך צונויפגענומען אין רעסטאָ־ראן־זאַל. לעבן אונדז שמײַען ארום קאָרעספּאָנדענטן. די ניו־יאָרקער ייִדי־שע בירגערלעכע פרעסע האָט צוגעשיקט אהער א גרופּע רעפּאָרטיאָרן. באזונדערס טיילט זיך אויס דער נײַ־קאָרעספּאָנדענט פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" גערשן דזשייקאָבסאָן. די געדיכטע שווארצע באָרד און די אויסערגעוויינלעך ערלעכע אויגן מאכן אים ענלעך אף אן איידעם, וואָס איז אָקאָרשט אראָפּ פון קעסט.

איך לייען אָפט זײַנע קאָרעספּאָנדענצן אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאל". וואָס שײַעך דעם סאָוועטנפארבאנד, איז בא אָט דעם פארהעלטניסמעסיק יונגן צײַטונגס־מאַן דער עמעס, ווי מע זאָגט, ניט אײַנגעשטאנען. ווען מיר הייבן איצט אָן אונדזער ערשטן שמועס, באהאלט איך פון אים ניט, וואָס איך טראכט וועגן זײַן שרײַבעכץ. ער טוט זיך א כאַפּ פארן הארצן:

— אנטשולדיקט, איר האָט א טאָעס...

— מענטש אייגער, — זעץ איך פּאָר מײַן געדאנק, — קומט צו אונדז צו פאָרן... וועט איר מיט די אייגענע אויגן... יאָ, יאָ, איר וועט אופהערן זײַן א מיוון פון דער ווײַט...

און איך וואָרן אים פרײַנטלעך:

— אויב איר און אײַערע קאָלעגן וואַרטן צו באקומען פון מיר א סענ־סאַציע, מעגט איר זיך אומקערן אהיים קיין ניו־יאָרק...

דזשייקאָבסאָן שווערט זיך, אז ער „וויל בלויז דעם עמעס" און אז שרײַבן וועט ער „בלויז דעם עמעס" און אז „דער עמעס איז בעסער פונעם ליגן"...

די ערשטע באקאנטשאפט אונדזערע מיט וואשינגטאָן. מיר גייען זיך דורך צופוס פון דעם האָטעל ביז דער סאָוועטישער אמבאסאדע. עס ווארפט זיך גלײַך אין די אויגן: די שטאָט איז ווי צונויפגעשטעלט פון צוויי קאָמ־פּאָנענטן: רעגירונגס־געבײַדעס און געבײַדעס אף צו באדינען די באאמטע. ניטאָ קימאט דער געוויינלעכער שטייגערישער קאָמפּלעקס. מע זעט ניט אף די סקווערן קיין קינדער־וועגעלעך. ניטאָ קיין טעאטערן. אין צענטער פון דער שטאָט — מיניסטעריומס און אנשטאלטן. באם ארײַנגאנג אין יעדן רעגירונגס־הויז — א פּאָן אָדער צוויי פענער מיט שטערן און שטרײַפן. אין וואשינגטאָן האָט מען ליב פענער...

די מערהײַט וווינונגס־הײַזער — ניט קיין הויכע, מיט פאסאדן, וואָס שאפן דעם אײַנדרוק, אז די פּאָר טרעפּלעך, וועלכע גייען ארויס אף דער גאס, פירן ניט צום ארײַנגאנג אין א שטאָטישן מויער, נאָר צו א פּאר־גלאָזטער ווערענדע. אָט די וווינונגס־הײַזער קלעפּן זיך איינס צו איינס, איינס צו איינס, שאפן גאנצע מאסיוון, לאנגע גאסן, און, ביכלאל גערעדט, זײַנען זיי א מין אָנשוילעכע פארקערפּערונג פונעם פּריוואט־אייגנטימע־

רישן לעבנס־פּרינציפּ. יעדעס הויז אין דער גאַס־מאָזאַיִק איז עמעצנס א געקויפטע אָדער געדונגענע נעסט. אויב דער באַלעבאָס וועט וועלן, וועט ער זײַן שערבעלע אויסברעכן פון דער מאָזאַיִק — און גאָרנישט וועט זיך ניט ענדערן.

אין די שטאָט־גערטענער און סקווערן — א סאַך דענקמעלער. עס לויפן ארום היימישע וועווערקעס. צוגעווינטע צום מענטשן, וווינען זיי דאָ, ווי אין וואלד.

עס ווײַזט זיך ארויס, אז אונדזער האָטעל איז ניט ווײַט פונעם ווײַסן הויז. א צוויישטאָקיקס, פון דרויסן גאָר ניט אזא אָנזעעוודיקס, טיילט זיך עס דאָך אויס מיט די פיר קאָלאָנעס און מיט דעם פאָנטאַן באַם ארײַנגאַנג. מיר שטייען בא די הויכע שטאָלענע שטאַנגען פונעם פּארקן און קוקן אף דעם פּרעזידענטס נאַכלע דורך די שפּאַקטיוון פון אונדזערע סאָוועטישע פאָטאָ־אפּאַראַטן...

אף די גאַסן פון וואשינגטאָן — זייער א סאַך נעגרען. מערער מאַנצבלען, איידער פרויען. ווייניק קינדער.

אף יעדער גאַס — עטלעכע האָטעלן. זייער אָפט טרעפן זיך אופשריפטן און עלעקטרישע רעקלאַמעס, וואָס כאַזערן איבער איין און דאָס זעלבע וואָרט: «Parcing». אף אָט דעם אָרט קאָנט איר איבערלאָזן אײַער אווטאָמאָביל (פאַר געצאָלטס, פאַרשטייט זיך).

אין דער סאָוועטישער אמבאַסאַדע באַגעגנט מען אונדז, ווי לײַבלעך אייגענע. אנאַטאָלי פיאָדאָראָוויטש דאָברינין, דער אמבאַסאַדאָר, און זײַן פרוי פירן אונדז איבער די צימערן פונעם אלטן פּאַלאַץ, וואָס האָט געהערט נאָך צום צאַרישן רוסלאַנד.

נאָך דעם אויספירלעכן שמועס מיט דאָברינינען (ער באַקאַנט זיך מיט אונדז, שטעלט פאַר אונדז פאָר די אטאַשעס, סעקרעטאַרן, ראַטגעבערס, גיט איבער די לעצטע נײַס פון דער היים, דערציילט וועגן אייניקע ספּעציפישע פראַגן, פאַרבונדענע מיט אונדזער קומען קיין אמעריקע) קוקן מיר אין טעלעוויזאָר דעם פּרעזידענט קענעדיס אָרדנטלעכע פרעסע־קאָנפערענץ.

קענעדי רעדט וועגן דעם איניען באַרגהאָרן, און דאָס האָט (ווי ס'איז אונדז קלאָר געוואָרן נאָך אין ניו־יאָרקער אעראָפּאָרט) א מאָדנע „שײַכעס" צו אונדז, צו דער גרופּע קולטור־טוער. דער פּרעזידענט מעלדעט, אז אויב מע וועט ניט באַפרײַען באַרגהאָרנען, וועט דער אמעריקאַנער צאַד איבעררײַסן די סאָוועטיש־אמעריקאַנישע אונטערהאַנדלונגען וועגן קולטור־אויסטויש. בענעגייע אונדזער גרופּע דאַרף עס באַטײַטן, אז אף וויפל די איצטיקע רײַזע איז א קאָנקרעטע פאַרקערפּערונג פון אָט דעם אויסטויש, דאַרפן מיר ניט אויסרעכענען אף קיין סענטימענטן פון דער אָפיציִעלער אמעריקע.

אויב זיך אַבסטראַהירן פון דעם עצעם איניען, וועלכער ווערט באַהאַנדלט אף דער פרעסע־קאָנפערענץ, איז דער אײַנדרוק, וואָס דער פּרעזידענט קענעדי האָט געמאַכט אף אונדז, זייער א גוטער. ער גייט ארײַן מיט לײַכטע, גיכע טריט אין צימער, לויפט קימאַט ארײַן, טראָגנדיק אונ־

טערן אָרעם טעוועלעך מיט עפּעס פּאַפּירן. א יונגער, א הויכוווּקסיקער, א שלאַנקער, האָט ער דאָך א „צעוואַלגערטן" טראַט — עס פילט זיך די פּי־זישע טראַוומע, וואָס ער האָט באַקומען אין פּלאָט אלס אָפיצער בייס דעם צווייטן וועלט־קריג. די פּרעסע־קאָנפערענץ פירט ער דורך שטייענדיק. ער גיט שנעל א טיטשע מיטן פינגער אין א קאָרעספּאָנדענט, הערט אויס זײַן פראַגע, ענטפערט גלײַך און טוט ווידער א טיטשע אין א צווייטן קאָרעס־פּאָנדענט. ווען עס גייט אויס די צײַט פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ, כאַפּט ער די טעוועלעך צוריק אונטערן אָרעם און לויפט א שמייכלענדיקער אַרויס פונעם צימער...

ווען מיר קערן זיך אום אין האָטעל, וואַרט אויף מיר דער קאָרעספּאָנ־דענט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל". ער זאָגט, אז זינט איך האָב אינדערפרי אים צוגעזאָגט זיך באַגעגענען מיט אים אין מיטיק־איבעררײַס, האָט ער זיך פון אָרט ניט אופגעהויבן. מיר ריידן א שאָ צי מער, איך אײַל זיך ניט, — זאָלן די לייענער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" באַקומען אן ענטפער אויף פראַגן, וואָס אינטערעסירן זיי. דזשייקאָבסאָן זאָגט צו, אז ער וועט דעם שמועס אונדזערן איבערגעבן „אָן עמאָציעס", דאָס הייסט עמעסדיק.

איך קוק דערווײַל בא זיך אין צימער דורך די ניו־יאָרקער יידישע פּרעסע פאַר די ערשטע צען טעג נאָכאַנאַנד.

שווער צו פאַרשטיין די פאַרדאָרבענע קעגנערשאַפט פון געוויסע יידי־שע קרײַזן אין אמעריקע צו אלץ, וואָס עס טוט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי צו לינדערן די שטיקנדיקע אַטמאָספער פונעם קאַלטן קריג אויף דער יידישער גאַס. אָט איז, לעמאָשל, א פּראָסטער און פּאַשעטער איניען. מע האָט זיך דערוווּסט, אז פון מאָסקווע קומט אויף דרײַ וואָכן קיין אמעריקע א סאָוועטישער יידישער שרײַבער. ער קומט אָן פּרעטענזיעס, אָן דעקלאַ־ראַציעס, אָן א ספּעציעלער פּאָליטישער רעקלאַמע. ער קומט, קעדיי זיך באַקאַנען מיט אײַער לעבן, און איר קאָנט, אויב איר ווילט, זיך באַנוצן מיטן מאָמענט, קעדיי מיט אים זיך דורכשמועסן, בא אים עפּעס אויסקלאָרן. אויב אָבער איר ווילט עס ניט, בעט מען זיך בא אײַך ניט און מע האָט ביכלאַל צו אײַך גאָרניט. וועמען דער גאַסט וועט אינטערעסירן, דער וועט זיך מאַטריעך זײַן און אים געפינען, — אַזוי, ווי עס טוט זיך געוויינלעך בא מענטשן...

אָבער אין יענע קרײַזן האָט מיטאַמאָל זיך אופגעריסן א באָמבע! דער „פאָרווערטס" איז דעם ערשטן נאָכאַנאַנד אַרויס מיט א קאָפּ איבער דער גאַנצער ערשטער זײַט: „ווערגעליס, סאָוועט־יידישער רעדאַקטאָר, קומט אהער אופקלערן לאַגע פון יידן!". איז דאָך גוט! נאָר דער „פאָרווערטס" מאַכט אן אליאַרעם. ער רופט צונויף זײַנע אַקטיווע קויכעס. ער וויל ניט, ער וועט ניט דערלאָזן קיין אופקלערונג.

און אָט לויפט זיך שוין צונויף דאָס שוואַרצע כאַיל. דעם עלפטן נאָכאַ־נאַנדער, נאָך דעם, ווי ס'האָט אָן אופהער זיך געטומלט אין מעשעך פון צוויי וואָכן, טיילט דער „פאָרווערטס" מיט, אז „סינאַגאָג־קאָונסיל" — די אָרגאַני־זאַציע פון די אמעריקאַנער ראַבאָנים — סײַ פון די אָרטאָדאָקסן און קאָנ־סערוואַטיווע, סײַ פון די רעפאָרם־ראַבײַים — האָט אַרויסגעלאָזט א „סטייט־מענט" (א מין קאָמוניקאַט), אין וועלכן זי רופט צו באָיקאָט. אין „טאָג־

מאָרגן־זשורנאַל״ פאַרן עלפטן נאָיאבער לייען איך: „דער פּרעזידענט פון „סינאַגאָג־קאַונסיל״ האָט געזאָגט, אַז ער איז געצוווּנגען צו וואָרענען די אַמעריקאַנער ייִדן זיך צו היטן פון ווערגעליסעס פאַרפירערישע רייד״. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז געוואָלט האָבן די אַמעריקאַנער ראַבאָנים זען איינגעשלאָסן אין דער קולטור־דעלעגאַציע פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם מאָסקווער ראָוו, נאָר יענער „האָט זיך פאַרופן אויף זײַן קראַנקייט און עס קומט גאָר דער מאָסקווער פּאָעט״. איז אָט דעם איניען פאַראַן דער געע־העריקער פיירעש פונעם „פאָרווערטס״: „ס׳איז צו באַדויערן, וואָס דער געזונט־צושטאַנד פון האַראָוו לעווין איז ערגער פון ווערגעליי־סעס״...

עס פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק אויסצופּרוּוון, וויאַזוי עס וועט אויף דעם „סטייטמענט״ פון די ניו־יאָרקער ראַבאָנים רעאַגירן אַ הײַנטצײַטיקער רו־סישער יונגערמאַן פון מאָסקווע. ווען איך זעץ איבער ראָבערט ראָזש־דעסטווענסקין דעם טעקסט, לאָזט ער אינגאַנצן דורך די פּאַטעטישע דראַ־מאַטישקייט פון דעם ראַבאָנישן אויפרוף און באַווײַזט מיט זײַן פראַגע, וועלכע „פּראָבלעם״ עס האָט אים יאָ פאַרטשעפּעט:

— זאָג מיר, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ קאָנסערוואַטיוון ראָוו און אַ רעפאָרמיסטישן ראַבײַ?..

אָ, אַזאַ סאָרט פראַגע אָרדנט מיך אײַן. זי אָרדנט מיך אײַן שוין דער־פאַר, ווײַל איך פאַרמאָג צו איר אַ גרייטן ענטפער, וואָס האָט דערצו נאָך די פאָרם פון אַן אַנעקדאָט:

— שטעל זיך פאָר אַזאַ מין צופאַל. אין ניו־יאָרק, לאָמיר זאָגן, האָט אַ ייִד געקויפט אַ נײַעם „קאַדילאַק״ און ער קומט צום קאָנסערוואַטיוון ראָוו באַקומען אַ בראָכע. „וואָס איז דאָס „קאַדילאַק״?״ — פרעגט אים דער ראָוו. דער אָלרײַטניק ווערט אין קאַס: „אויך מיר אַ ראָוו! ווייסט אפילו ניט, וואָס אַ „קאַדילאַק״ איז״... אַוועקגעגאַנגען צו אַ רעפאָרמיסטישן ראַבײַ, מאַכט צו אים דער ייִד: „איך האָב געקויפט אַ נײַעם „קאַדילאַק״, וויל איך פון אײַך באַקומען אַ בראָכע״. „וואָס איז דאָס אַ בראָכע?״ — פרעגט דער ראַבײַ...

אויף ראָזשדעסטווענסקיס פּאָנעם איז צו זען, אַז עפּעס איז צו אים ניט דערגאַנגען.

— פאַרשטאַנען... פאַרשטאַנען... — זאָגט ער פלעגמאַטיש. — די צאָרע איז אָבער אין דעם, וואָס איך ווייס אויך ניט, וואָס אַזוינס איז אַ בראָ־כע...

— הייסט עס, ראָבערט איוואַנאָוויטש, אַז דו ביסט ניט קיין ראָוו, נאָר אַ ראַבײַ...

עס עפנט זיך די טיר, און צו אונדז קומט אַרײַן דער שטעלפאַרטרע־טער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ״ ניקאָלײַ אינאָזעמצעוו. ראָזשדעסטווענסקי זאָגט צו אים מיט אויפריכטיקער באַוווּנדערונג:

— ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, איר ווייסט, איך בין אַ ראַבײַ, ניט קיין ראָוו...

אינאָזעמצעוו טאַפּט בא אים דעם שטערן:

— איך גראַטוליר אײַך...

איך טראַכט וועגן דעם ראַבאָנישן באָיקאָט אין די זעכציקער יאָרן פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די ייִדישע רעאַקציע לאָזט אין גאַנג אירע עקסטרעמע מיטלען. זי איז שוין אַף אַזויפֿיל באַדנלאָז און געפֿאַלן, אַז זי מוז פֿרווון איבערצובלעטערן עטלעכע יאָרהונדערטער אַף צוריק און אַרויסלאָזן קעגן דעם פּראָגרעס די אינקוויזיציע.

16 נאָיאַבער

מיד פֿונעם צענשאָיִקן אַרומגיין און אַרומפֿאָרן איבער וואַשינגטאָן, נעם איך זיך דאָך פֿאַר דער פֿען אַף צו פֿאַרזעצן דעם טאָגבוך. קעדיי לײַכטער מאַכן פֿאַר זיך די מי, וועל איך טאָן אַזוי, ווי אין מאָסקווע האָבן געייצעט די כאַווײרים: געגוי, מיט פּראָטים, פֿאַרשרײַבן בלויז דאָס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער ספּעציפֿישער סוויווע, מיט וועלכער איך שטויס זיך בייס דער רײַזע צונויף. דאָס אַלגעמיינע, וואָס געהער זיך אָן צו דער גאַנ־צער גרופּע, וועלן דאָך זיכער פֿאַרצייכענען די קאָלעגן מײַנע. נו, און די טוריסטישע אײַנדרוקן — זיי זײַנען טאַקע אויסערגעוויינלעך אינטערע־סאַנט, נאָר... ווו נעמט מען צײַט אַף דאָס אַלץ צו פֿאַרשרײַבן?

די דרײַ טעג אין וואַשינגטאָן זײַנען שוין דורכגעלאָפֿן, מאָרגן פֿאָרן מיר אָפּ קיין ניו־יאָרק. אין דער הויפּטשטאָט פֿון אַמעריקע איז ניטאָ קיין ייִדישער יישעוו, דאָס הייסט, ייִדן זײַנען דאָ, נאָר ניט מיט דער נאַציאָנאַ־ליטעט ווערן אין אָט דער אויסטערלישער שטאָט באַצייכנט מענטשן. אין וואַשינגטאָן טיילט זיך די באַפֿעלקערונג אַף באַאַמטע און אַף באַדינער פֿון די באַאַמטע. צווישן די באַאַמטע איז אַ צעטיילונג אַף ראַנגען. פֿאַראַן אָן אונטערשייד צווישן ווײַסע און שוואַרצע...

קיין ייִדן־פּראַגע איז אין וואַשינגטאָן „ניטאָ״. אָבער וואָס איז שײַעך דער ייִדן־פּראַגע... אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד — מיט איר פֿאַרנעמט מען זיך דאָ גערן. אַף דער נעכטיקער פּרעסע־קאָנפֿערענץ פֿון אונדזער גרופּע, וואָס עס האָט אײַנגעאָרדנט די אַמבאַסאַדע פֿון פֿססר, איז געווען צווישן די זשורנאַליסטן אַ שאָליעך פֿונעם אַמעריקאַנער קאָנגרעסמען סימאָר אַלפֿערן, וועלכער האָט באַשלאָסן, אַז דאַפֿקע ער איז באַרופֿן צו אויסקלאָרן, וויאַזוי עס שמאַכטן די סאָוועטישע ייִדן.

געגוי וועגן אָט דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ וועל איך איצט ניט שרײַבן, ווײַל זי כאַזערט איבער דאָס, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין ניו־יאָרקער אַעראָפּאָרט.

כאָטש די וואַשינגטאָנער פּרעסע און טעלעוויזיע האָבן ערשט איצט, בייס מיר פֿאָרן שוין אָפּ פֿונדאַנען, ענדלעך אויסגעזאָגט דעם „סאָד״ וועגן אונד־זער זײַן דאָ, דאָך האָבן די מענטשן אין שטאָט געוווּסט וועגן אונדז, נאָכ־

געשפּירט מיט אינטערעס יעדן שפּאַן פון דער גרופּע, אויסדריקנדיק באַ דער מינדסטער געלעגנהייט רירנדיקע פרײַנטשאַפט.

עס וועט שווער זײַן צו פאַרגעסן די ערשטע באַגעגעניש מיט אָט דער אויסגעפּוצטער שטאָט, וואָס האָט אין מעשעך פון די לעצטע הונדערט פופציק יאָר ניט געוווּסט פון מילכאָמע און פון אומגליקן, אין דער צײַט ווען אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט האָבן אַזויפיל מאָל געקרעכצט אונטער די שטיוול פון פרעמדע און פון אייגענע סאָלדאַטן, געקראַכט פון באָמבע־אופרײַסן, אַריבערגעגאַנגען פון הענט צו הענט.

מע זעט ניט אינעם וואַשינגטאָנער פּייזאַזש קיין קוימענס פון פאַבריקן. אַן אָפּגעווײַטערטע פונעם אַמעריקאַנער אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, איז די הויפּטשטאָט אַף אירע צענטראַלע גאַסן אַזוי רײַך און אויסגערוט, אַז עס דוכט זיך: צווישן דעם גרינס פון די סקווערן האָט זיך צוגעלייגט אַן אויסגעפּעסטעטע נעגידעסטע. נאָר אָט זײַנען די ראַנד־גאַסן, ווו עס וווי־נען קליינע „קנעפּלעך" און פאַרשיידענערליי באַדינער און שוואַרצאַרבע־טער — די מערהײַט נעגערן. דער קאָנטראַסט איז אַ דערשיטערנדיקער. קליינע הײַזקעס. גרויסע נויט. קליינע הונגעריקע קינדער. גרויסע אַרבעטס־לאָזע מאַנצבלען...

אין אַלעקסאַנדריִע, אַ שטעטל, וואָס ליגט לעם סאַמע וואַשינגטאָן, האָבן מיר באַזוכט די קירכע, וווּהין עס קומען, לויט דער טראַדיציע, טפילע טאָן די פּרעזידענטן פון אַמעריקע. דזשאָן קענעדי איז נאָך דאָ ניט געווען. די אופזועערן פון דער קירכע האָט אונדז שטיל און פּאָרכטיק געזאָגט, ווײַזנדיק אַף אַן אָרט אין דער דריטער ריי:

— דאָ וועט ער זיצן... גאָר אינגיכן קומט ער... גאָר אינגיכן... ער וועט בעטן גאָט פאַר אַמעריקעס גרויסקײַט, פאַרן ווילזײַן פונעם אַמעריקאַנער פאָלק, פאַרן שאָלעם אַף דער וועלט...

אַזאַ טפילע פון אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט האַלט איך אונטער. איך וואָלט אים נאָר געבעטן, ער זאָל, ריידנדיק מיט גאָט וועגן דעם ווילזײַן פונעם אַמעריקאַנער פאָלק, האָבן אין זינען די קליינע שוואַרצע קינדער אַף די ראַנד־גאַסן פון וואַשינגטאָן.

יאָ, פּרעכטיק איז די הויפּטשטאָט פון אַמעריקע. איך האָב געקוקט אַף איר פון דער הויכער פּלאַטפאָרמע אַפן שפּיץ פונעם דענקמאָל דעם פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וועמעס נאָמען עס טראָגט די שטאָט, און פון דעם אַלטן קאַפּיטאָליום, דער אויסגעצאַצקעטער געבײַדע פונעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס (די אָרטיקע אײַנוווינער רופן זי „דער יאָמטעוודי־קער שטרודל"). געזען האָב איך אויך דעם מאָדערנעם וואַשינגטאָן: די „דרײַוו־אין" — די אָפענע קינאָ־טעאַטערס, וווּהין צושויער פאָרן אַרײַן מיט זייערע מאַשינעס, און אַזוי, זיצנדיק אין אוטאָמאָביל, קוקן זיי דעם פילם; די „סופּערמאַרקעטן" — גיגאַנטישע מאַגאַזינען־מערק, ווו דער באַ־זוכער באַדינט זיך אַליין. איך בין שאָענלאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די זאַלן פון דער נאַציאָנאַלער קונסט־גאַלעריי, געשטאַנען באַ וועלט־באַרימטע מאָנומענטן: באַם פּרעזידענט דזשעפערסאָנס מאַוזאָליי, באַ דעם מאַוזאָליי פונעם קעמפער קעגן קנעכטשאַפט אין אַמעריקע אַווראַאַם לינקאָלן. אין צענטער פון אַ פּאַרק, באַם טײַך פּאָטאָמאַק, זיצט ער, לינקאָלן, אין אַ

געראמען פּאַטעל פון ווײַסן מאַרמאָר, זיצט אין א פּרײַער פּאָזע, עטוואָס צעשפּרייט די פיס און, ווי נאָך א שווערער אַרבעט, אוועקגעלייגט ביידע הענט אויף די זײַטן פונעם פּאַטעל. ער זיצט אזוי, ווי עס זיצט אין מאָס־קווע באַם אַרײַנגאַנג אין דער געבײַדע פונעם קלײנעם אקאַדעמישן טעאַ־טער אלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש אָסטראָווסקי. נאָר אין מאָסקווע, אויפן טעאַטראַלן פּלאַץ, איז איצט א ווייכער, פרישער שניי, און אָסטראָווסקי זיצט אָנגעטאָן אין א וואַרעמען רוסישן פוטער. אין וואַשינגטאָן גייט מען נאָך אין לײַכטע מאַנטלען, לינקאָלן זיצט אין זײַן אָפענעם מאַוזאַליי אין א סערדעטל, אויפן האַלדז — א דין שאַרפעלע, פאַרבונדן אין א שלייף.

מיר פאָרן אוועק פון וואַשינגטאָן. מיר מײַדן אויס די שיינע אינדעפּע־דענס־אַוועניו און די 14־טע גאַס, שנײַדן דורך דעם לאַפאַיעט־פּלאַץ, און — ווידעראַמאָל א גרוס אײַך, אָרעמע ראַנד־גאַסן פון דער הויפּטשטאָט פון אַמעריקע...

17 נאָיאַבער

פאַרן אַראָפּשטײַגן אין ניו־יאָרק שטעל איך אויף אין זיקאָרן א פּאָר עפּיזאָדן, וועלכע איך האָב אין וואַשינגטאָן דורכגעלאָזט צו פאַרשרײַבן.

ערשטנס, דער סאָף פון דער געשיכטע מיט פּאַלעוואָיס טשעמאָדאַן.

— נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט! — שרײַט אויס באָריס ניקאָלײַע־וויטש, אַרײַנקומענדיק צום „לאַנטש" (א מין צווייטער פרישטיק אין אַמע־ריקע). — דעם טשעמאָדאַן מײַנעם האָט מען, זעט איר דאָך, טאַקע „גע־פונען"!.. און ווען איך האָב אים געעפנט, איז מײַן פרייד געוואָרן נאָך גרעסער, ווײַל די פּלעשער בראַנפן, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט צעברעכן, זײַנען מיט די העלדזלעך געווען אַרײַנגערוקט אין די שטעקשיך, כאָטש איך שווער אײַך, אז ניט איך, ניט מײַן פרוי האָבן עס ניט געטאָן. מיר האָבן פּאַשעט ניט געוווּסט וועגן אזא ראַיעל מיטל צו טראַנספּאָרטירן פלע־שער...

צווייטנס, וועגן מײַן לעצטער באַגעגעניש אין וואַשינגטאָן מיטן „טאָג"־קאָרעספּאָנדענט גערשן דזשייקאָבסאָן. בעשאַס אונדזער אויספּירלעכן שמו־עס אין האָטעל דעם פאָרעצנטן נאָיאַבער האָט ער מיך געפרעגט, צי עס איז מעגלעך, אז מע זאָל א „יידישע דעלעגאַציע פון אַמעריקע" אײַנלאַדן צו באַזוכן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און צי קען איך „מיט עפּעס מיטווירקן". איך האָב געענטפערט דזשייקאָבסאָנען, אז פאַרבעטן דעלעגאַציעס פון אויס־לאַנד איז ניט קיין איניען פאַר א רעדאַקטאָר פון א ליטעראַרישן זשורנאַל. א גרויסע צאָל יידן — געזעלשאַפטלעכע טוער, זשורנאַליסטן, שרײַבער, אַרטיסטן, פּראָסטע פּאָלקסמענטשן — באַזוכן אלס טוריסטן אונדזער לאַנד. ס'איז דאָס אָרט דאָ אויסצודריקן א ווונטש, אז דער שטראָם פון אַמערי־קאַנער יידן, וועלכע קומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָל ווערן שטאַרקער, ברייטער, האַסטיקער. דאָס וועט מיטהעלפן, אז יענע, וואָס זײַנען אָנגע־שטעקט מיט דער קרענק פון אַנטיסאָוועטיזם, זאָלן אויסגעהיילט ווערן...

פאַרן אָפּפאָרן פון וואַשינגטאָן האָב איך, באַגעגענענדיק דזשייקאָבסאָ־

נען, באוויזן אים זײַן באַריכט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" וועגן אָט דעם שמועס. דאָס קעפּל צום באַריכט זאָגט אָן ניט מער און ניט ווייניקער, אַז איך בין קעגן אײַנלאַדן אַמעריקאַנער ייִדן קיין רוסלאַנד.

— ווי קומט עס, דזשייקאָבסאָן? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר וועט שרײַבן דעם עמעס...

דער זשורנאַליסט מיט די ערלעכע אויגן איז אַ ביסל צעטומלט:

— איר האָט שוין באַקומען פֿון ניו־יאָרק די צײַטונג?.. פּריִער, איידער איך!..

און ער פֿאַרענטפֿערט זיך:

— אין רעדאַקציע איז פֿאַראַן אַ ספּעציִעלער „קעפּל־מאַכער"... קוקט אַרײַן, איך בעט אײַך, אין טעקסט... דאָרט איז מער פּרײַנטלעך... אין דער מאָס, פֿאַרשטייט זיך... אָבער דער „קאָפּ" — דאָס איז ניט מײַן אַרבעט.

— דזשייקאָבסאָן, איך וואָלט גערן אַ קוק געטאָן, וויאַזוי איר אָדער אײַער רעדאַקטאָר וואָלט געדרייט מיטן קאָפּ, ווען אַזאַ „קאָפּ" אין אַ סאָ־וועטישער צײַטונג זאָל איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ אײַערע רייד...

...דאָס לעצטע, וואָס איך וויל פֿאַרנאָטירן:

נעכטן איז געווען אָן אָפּשייד־אָוונט מיט דער סאָוועטישער קאָלאָניע אין וואַשינגטאָן. דער געזאַנדטער דאָברינין האָט מיך געבעטן דורכלייע־נען עטלעכע לידער. איך האָב אָנגעוויזן אָפֿן אוילעם — אַלע ניט קיין ייִדן — און געזאָגט, אַז, צום באַדויערן, האָב איך די ביכלעך מײַנע מיט איבער־זעצונגען אויף רוסיש געלאָזט אין האָטעל־נומער. דאָברינין האָט זיך פֿאַר־כידעשט:

— צוליב וואָס איבערזעצונגען? לייענט אין אָריגינאַל. אָט, נעמט, לע־מאָשל, מיך. איך פֿאַרשטיי ניט קיין ייִדיש, אָבער איך גלייב אין פּאָעזיע...

ניו־יאָרק באַגעגנט אונדז מיט אַ וואַרעמען וועטער. ס'איז, דוכט זיך, אויך דער פּאָליטישער קלימאַט עטוואָס לינדער געוואָרן. נעכטן האָבן די צײַטונגען מיטגעטיילט, אַז פּראָפֿעסאָר פֿרעדעריק באַרגהאָרן, דער „ספּעץ" אויף רוסישע איניאָנים, וועגן וועמען מע האָט דאָ אין אַמעריקע, דורך אַלע ראַדיאָס און אויף אַלע אָפֿיציִעלע פּרעסע־קאָנפֿערענצן, געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז ער איז נײַט קיין שפּיִאָן, — ער איז איצט שוין אין מאָסקווע באַפֿרײַט געוואָרן, באַרגהאָרן. נו, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, זאָגט מען וועגן דעם באַ אונדז אין דער גרופּע. די אַנטיסאָוועטישע רעאַקציע, וואָס שלאָפֿט שוין נעבעך ניט די פֿערטע נאַכט איבערן וויזיט פֿון אַנדערהאַלבן צענדליק טוער פֿון דער סאָוועטישער קולטור, האָט פֿאַרלאָרן איינע פֿון די צוויי „דעליקאַטע פֿראַגעס" אירע. ווײַטער וועלן מיר זען, וויאַזוי זי וועט זיך נאָך אָן אייצע געבן מיט דער צווייטער, דער ייִדישער...

איך באַוויַז ניט אַרויסשטײַגן פֿונעם אַעראָפּלאַן, ווי די ניו־יאָרקער כאַוויירים שטעלן מיר אָן „אולטימאַטום": אויף וויפֿל די פֿינף טעג, וואָס איך וועל זײַן באַם הודזאָן, זײַנען שוין מיצאַד די פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אויסגעכעזשבנט מאַמעש אויף מינוטן, דאַרף איך זיך ווי ווײַט

מעגלעך באפרײַען פון דער פּראָגראַם, וואָס איז פאַרגרייט פאַר דער גרופּע, און שטעלן זיך אין רעשוס טאַקע פון אָט די אָרגאַניזאַציעס.

איך גיב די האַסקאָמע — און די ארבעט הייבט זיך אָן דירעקט פון־דאַנען, פונעם לופט־פעלד. אין דער באַגלייטונג פונעם רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פּ. נאָוויק מאַך איך דורך אַ קורצע נעסיע אַף צו באַערן דעם אָנדענק פונעם גרינדער פון דער צײַטונג מוישע אָלגין און פון איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע (און אײנצײַטיק אַמערסטן ווידערשפּרעכלעכע) טוער פון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע דר. כאַיִם זשיטלאָווסקי. אַף דעם ניו־מאָנטעפיאָרע־בעסוילעם לייג איך קרענץ אַף אָלגינס און זשיטלאָווסקיס קוואָרים.

פאָרנדיק צוריק פון ניו־מאָנטעפיאָרע, קוק איך דורך די הײַנטיקע צײַטונגען. אין דעם „פאָרווערטס" טו איך זיך אַ גליטש איבער עטלעכע פּולאָנגעשפּיקעוועטע זײַטן און דערפיל, ווי די פּריש־צאַפּלדיקע וועלט־פּראָבלעמען און די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון דעם ייִדישן קלאַל האָבן זיך מיט דער ברייטער האַנט אַ שאָט געטאָן גלײַך פון די נאָטיץ־קעפּלעך אין דער „סאָציאַליסטישער" בלאַט: „פאַרשפּעטיגט די באַן און געפינט זײַן געליבטע" (אין אונטערקעפּל: „ער איז געפאָרען מיטן פעטער זעהן אַ כלה אין וואַרשע. — ער פאַרשפּעטיגט די באַן אָבער דער פאָטער שפּרינגט נאָך אַרײַן. — אויך אַ מיידעלע פון שטעטעל האָט פאַרשפּעטיגט דעם צוג און ביידע צערעדען זיך און ווערען נאָהענט. — דאָס האָט געפירט צו אַ ליבע"); „צוויי אַלמנות וואָס פרעגען די זעלבע פראַגע"; „ער האָט געהייראַט אַ צווייטען מאָל און די קינדער זײַנען אויף אים ברוגז. — זײַן ג׳גט׳ע טאָכטער וויל צונעמען זיין וואוינונג פאַר זיך"; „זי קריגט די טשעקס אויף דעם פריהערדיגען מאַנ׳ס נאָמען"; „זיי געהען אין שוויץ־באָד פאַרלירען וואָג"; „דער תהילים און די באַבסקע רפואות". ווײַטער — אַנאָנסן. אָט איז איינער פון אַ סאַך: „די חתונה וועלכע זיי וועלען אלעמאָל געדענקען... איר פאַראוועט זי אין האָטעל אַסטאָר. אָט דאָ, אין די עלעגאַנטע, פּולקאָם עיר־קאָנדישאָנס רומס, קריגען די אומפאַרגעסבאַרע מאָמענטען אַ שטענדיג אָרט אין אײַערע הערצער און אין זייערע".

און אַף אָט דער שונד־פּלאַפּלערײַ וועגן „טשעקס" און שוויצבאָד־איניאָנים, ווי אַ גרויסער שמייכל איבער דער אַנטיסאָוועטישער, אַנטיפּראָלעטאַרישער, אַנטי־ייִדישער בלאַט „פאָרווערטס" — שפּרייטן זיך אויס לעבן סאַמע קאָפּ אירן צוויי דעוויז־לאָזונגען: „די באַפרײַונג פון די ארבעטער וועט זיך אָן די ארבעטער אליין!" און — „ארבעטער פון אלע לענדער, פאַרייניקט זיך!".

— וואָס מאַכסטו אַזוי שטאַרק מיט די ליפּן? — פרעגט מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרגעניגן מײַן באַגלייטער, — דו לייענסט, צי דו שפּײַסט קערלעך?

— איך לייען און שפּײַ...

— איז, אויב אַזוי, קעדײַ אוועקלייגן אין אַ זײַט דעם „פאָרווערטס" און אַרויסקריכן פון דער מאַשין...

— ס׳איז שוין באַלד ניו־יאָרק?

— ניין, ס׳איז שוין פון לאַנג ניו־יאָרק...

ניו־יאָרק באַווײַזט זיך פאר מיר פון אינווייניק, פונקט ווי איך וואָלט צוגעקומען צו אים דורך אַן אונטערערדישן דורכגאנג, ארויסגעקראָכן אינמיטנדערינען און דערזען דעם „הײַנטצײַטיקן באָוול“ פון זײַן מיטן, פון דער סאמע קאָכעניש — אָן דעם עפעקט פון בעהאדראָגעדיקער אנטפּלעקונג, — אונטער דער שײַן פון א סאָף־הארבסטיקער באַטאָגיקער זון.

פון אָנהייב אָן, באם ערשטן עפענען די אויגן אף אַט דעם אָריגינעלסטן געפלעכט פון שטיין, שטאָל און בעטאָן, וואַכט אוף אין מיר דער ווידערגעפיל צו יענע פען־סקעפּטיקער, וואָס פאָלגן נאָך אָן אָפּגעלעבטער מאָדע צו ריידן לאָשנהאָרע אף ניו־יאָרק דער שטאָט. לויט יענער זשורנאַליסטישער מאָדע דארף מען באם באשרײַבן ניו־יאָרק א זידל טאָן די וואָלקנקראַצערס פאר זייער קריכן אין די הייכן און פאר דעם, וואָס זיי פארשטעלן דעם בען־אָדאָם די זון, מע מוז פּאַרטשעפּען מיט א וואָרט די שמאָלע, גרויע, פּוסטלעכע וואָל־סטריט און אויך, פארשטייט זיך, איר מיט ליכט פּאַרגאָסענע זאָרגלאָזע שכיינע — די בראָדוויי־גאַס...

און איך טראַכט איצט וועגן דעם פאַרהאָרעוועטן מענטשן, וואָס האָט דאָר נאָך דאָר און יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט מיט זײַן בלוט און שווייס געשריבן אף פיר גראַניטענע אינדזלען און אף א שטיקל קאָנטינענט די שטיינערנע פּאָעמע ניו־יאָרק, די פּאָעמע, אין וועלכער די שורעס — די הײַזער־פּאַראַפּילן — שאַפן בליציקע זיגזאַגן, אָנהייבנדיק פון די נידעריקע פאַרזשאַווערטע דעכער פון הארלעם און ביז דעם הונדערט צווייטן שטאָק פון „עמפּײַר סטעיט בילדינג“. דער ערשטער אײַנדרוק פון די ניו־יאָרקער ארכיטעקטור־ליניעס — דאָס איז מוסקולאטור, שטיינערנע מוסקולאַטור.

אז איך וויל דאָך א שטאָך טאָן ניו־יאָרק, ניט קענענדיק אים נאָך גענוי, באם סאמע אָנהייב פון מײַן זײַן דאָ (כ'בין איצט בא זיך אין נומער, אין גאָווערנאָר קלינטאָן־האָטעל, אף דער 7־טער עוועניו און 31־טער גאַס), שטרענג איך אָן דעם זיקאָרן און זוך אין אים אָפּ א „שיינעם“ אופטו פון די ניו־יאָרקער פּניי בייס די ערשטע טריט פון דער וועלט־שטאָט. מיט קנאַפּע דרײַ הונדערט פופציק יאָר צוריק האָט א פלינקער האָלענדישער גובערנאַטאָר אָפּגעקויפט, ניין — „אויסגעביטן“ בא די איראָקעזער פאר עטלעכע פלעשער דזשין און פאר א הויפן גלעזערנע צאַצקעס, וועלכע מע שאַצט אָפּ אין פיר און צוואַנציק דאָלאַר, א גרויס אינדזל. שפּעטער האָבן אליין די אינדיאַנער אף זייער שפּראַך אָנגערופן דאָס אינדזל „מאַנאַהאַטאַ“, — „מע האָט אונדז אָפּגענאַרט“. פונדאַנען שטאַמט דער הײַנטצײַטיקער ווילקלינגענדיקער נאָמען „מאַנהעטן“. „מע האָט אונדז אָפּגענאַרט“... — נאָך די איראָקעזער האָבן, דוכט זיך, די ערשטע אָט די ווערטער איבערגעכאַזערט די יידן־אימיגראַנטן, וועלכע האָבן, קומענדיק אָקאָרשט אף עליס־איילאַנד, דעם טרערן־אינדזל, דערווײַל נאָך געטראַכט אין די קאַטעגאָריעס פון יאַנקעוו־צווי סאָבעלס פּאָעמע „דער פּאַלנישע טאַלמיד־כאָכעם אין אַמעריקע“: „צוואהר בייא זיך האָב איך נור איין סענט, אונד מײַן זאָהן קענן זײַן פּילײַכט פּרעזידענט!“ ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און מע האָט שוין געהאַלטן בא יאַנקעוו אַדלערס „גלייבט

ניט אמעריקע", ווי דאָס „בראָנזווילער יידל" טוט מיטאמאָל א זאָג: „דאָ האנדלט מען שטענדיק מעציִעס, און ס'לאָזט זיך דערפון אויס א קרענק"... און ווייטער, אזוי לאנג, אזוי ברייט — ביז מוישע־לייב האלפערנס „אין גאָל־דענעם לאנד" — דער ליד, וואָס ענדיקט זיך מיט א שרעקלעכער שורע: „אין גאָלדענעם לאנד — א טליִע פאר מיר"...

איך פארשרייב אין נאָטיץ־ביכל מיינע א ליד:

דאָס טרערן־אינדזל עליס־איילאנד האָט באגאָסן זיך מיט טרערן.
די פרייהייט־סטאטוע האָט שיר איר פאקעל ניט ארויסגעלאָזט פון האנט.
געקוקט אף מיר און שטיל געשטאמלט: „זע, כ'מעג שווערן —
א ייד פון רוסלאנד... און מאשמאָעס — ניט קיין עמיגראנט..."
אראָפּגעבויגן זיך פון העליקאָפּטער, כ'האָב א קלאפּ געטאָן אין אקסל עליס־איילאנד,
געזוכט און ניט געפונען קעסלגארדן, דעם בארימטן קאראנטין.
פונקט ווי א וואָלקן, הענגט נאָך איצט איבער אמעריקע די בענקשאפט און דער עלנט
פון מיינע זיידעס, וועלכע זיינען פרום־פארגלייבט אוועק אהין.
דער העליקאָפּטער האָט געטאפּט א דאך אין עליס־איילאנד אף זיך צוזעצן א ווײַלע,
און איך בין גרייט געווען זיך מעלדן — שוין אן אוירעך אף דער ערד,
נאָר דער פּילאָט האָט זיך געכאפּט, אז ס'איז שוין שפּעט, מע דארף זיך אײַלן, —
ווײַזט אויס, אז דורכגיין עליס־איילאנד איז מיר ניט געווען באשערט...

נאָר לאָמיר ריידן וועגן פריילעכערע זאכן. מע קלינגט מיר אין טע־לעפאָן, איך זאָל אראָפּגיין אין האָל, ווײַל ס'איז צײַט פאָרן אָנצוקוקן א יידישן ספּעקטאקל, וועלכן מע שטעלט אין דער שטאָט ניו־יאָרק, ווו יע־דער דריטער צי, ווינציקסטנס, פערטער אײַנוווינער איז א ייד.

יאָ, אין ניו־יאָרק לעבן צווײ מיט א האלבן מיליאָן יידן. זיי האָבן ניט קיין סטאציאָנארן טעאטער. וועגן דעם באומרויִקן זיך ניט די „בירגער־לעכע קרײַזן". דער אופגעבלאָזענער אומרו, וואָס זיי ווײַזן יאָ ארויס, איז וועגן א טעאטער אין מאָסקווע, וועלכן זיי וואָלטן גלײַך ארײַנגעוואָרפן אין כיירעם אלס א „ניט־יידישן" — א סאָוועטישן.

אין ניו־יאָרק זײַנען דאָ עטלעכע יידישע טרופּעס. דאָס זײַנען פרײַ־וויליקע ענטוזיאַסטן, וועלכע האָבן ניט גאָרנישט: ניט קיין לאָקאלן, ניט קיין געלט, ניט קיין מעלוכישע אָדער געזעלשאפטלעכע סובסידיעס, אפילע קיין מעצענאטן ניט... אין פארגאנגענעם זומער האָט איינער אזא אידעאַ־ליסט, דער רעזשיסער און שוישפּילער יאנקעוו רעכטצײַט געשאפן אף קאָאָפּעראטיווע יעסוידעס א „רעפּערטואַר־טרופּע". מיט געוויסן דערפאָלג האָט ער אין א ניט צוגעפאסטן זאל, ווו סלופּעס פארשטעלן פונעם צושויִ־ער די קלײַנינקע בינע, באוויזן קאָבּרינס „דער דאָרפס־יונג". איצט האלט

דער „רעפּ״־טעאַטער באַ צוגעמאַכט ווערן. עס שפּילט אַ מער „גליקלעכע״ טרופּע — די „פאָלקסבינע״. אַהין פאָרן מיר איצט.

— איז וווּהין פאָרן מיר?

— אויף איסט־בראָדוויי, 175.

— דאָרט איז דאָך אָבער די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע...

— יאָ, טאַקע דאָרט. און דאָרט טאַקע, אין דער „פאָרווערטס״־געבײַדע, שפּילט דאָס טעאַטער...

ווונדער שעבעוווּנדער. אַזוינס צוטראַכטן איז אוממעגלעך. דעם ערשטן וויזיט, הייסט עס, שטעק איך אָפּ דעם „פאָרווערטס״. ווען זיי ווייסן עס... אַך, ווען זיי ווייסן עס.

דער גאַנצער קאָמפּלעקס קוקן טעאַטער איז, ווײַזט זיך אַרויס, דאָ גאָר אַן אַנדערער, ווי באַ אונדז אין מאָסקווע. עס פעלט די פײַערלעכקײַט באַם אופנעמען דעם צושויער. ס'קאָן אַוודאי זײַן, אַז אַזוינס איז אין ניו־יאָרק צו מערקן בלויז באַם יידישן טעאַטער, נאָר דאָס איז אַ קליינע טרייסט, און מיר האָט אין דער שטאָט פון רעקלאַמע געפעלט, גראָד אויף דעם אָרט און אין דעם מאָמענט, אַ ביסעלע מערער שײַן, מערער יאָמ־טעוודיקײַט. ס'איז ניט געווען דער העל־באַלויכטענער אַרײַנגאַנג, די גע־ראַמע פאָיע מיט שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, די פינקלענדיקע ליוסטרעס, אויסגעפּוצטע דילן, בופעטן און רייכער־צימערן. מיר זײַנען אויף אַן איי־בערשטן עטאַזש דורכגעגאַנגען אין דער ברייט אַ קאָרידאָרל און, דערלאַנ־גענדיק די בילעטן, גלײַך אַרײַן מיט האַק־און־פּאַק, מיט די מאַנטלען און מיט דער שטימונג פון דער גאַס, אין אַ טונקעלן, ענגן, גאָר קליינעם זאַל — אַזוינעם, וואָס באַ אונדז, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אַזאַ פאַראַן אין יעדן אַנשטאַלט. דער אוילעם האָט, אונטערקרעכצנדיק, אַראָפּגענומען, טאַקע דאָ אין זאַל, די מאַנטלען און געלאָזט זיי ליגן אויף די קני אָדער אויף די ווענט־לעך פון די שטולן. איך בין גרייט, ווי געזאָגט, אײַנשטימען, אַז וואַכע־דיקע גרויקײַט איז צו מערקן בלויז באַם יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, נאָר פון דעם ווערט דאָך ניט גרינגער, — עפּשער נאָך אַפילו אַ ביסעלע אומעטיקער ווערט פון דעם אויף דער נעשאָמע. אין מאָסקווע קומען ייִדן אין די שיינע קאָנצערט־זאַלן פון שטאָט — אויף אַ ייִדישער פאָרשטעלונג. בינאָמין שווארצער איז אַנומלטן אַרײַנגעגאַנגען אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ גלײַך נאָך אַ טורנע פון זײַן דראַמאַטישן קאָלעק־טיוו איבער די מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקן. אויף דער פּראַגע, אין וועלכע לאָקאַלן איז ער אַרויסגעטראָטן, האָט שוואַרצער, טראַכטנדיק, ווײַזט אויס, צעשטרייט וועגן עפּעס אַנדערס, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ניט טראַכטנ־דיק וועגן דעם, וואָס פאַר אַ באַדײַטונגספולע ווערטער ער רעדט איצט אַרויס, געענטפערט:

— אין טאַשקענט... אין דער געבײַדע פונעם רעפּובליקאַנישן אַקאַ־דעמישן טעאַטער... טויזנט זעקס הונדערט ערטער...

דער קאָמיטראַגישער פּאַראַדאָקס באַשטייט דערין, וואָס, אַרויסגייענ־דיק פון דעם שטיקנדיקן זאַלכל פונעם „פאָרווערטס״, כאַפּט זיך אַרײַן דער

פאַרשמײַעטער אַנטיסאָוועטישער זשורנאַליסט אין אַ צווייטן „רום" פון דעם זעלבן הויז און דראַקעט דאָרט אָן אַ פּאַסקוויל אַף די סאָוועטישע ייִדישע אַנסאַמבלען, וועלכע טרעטן אין דער זעלבער מינוט אוף אין גרויסע פילהאַרמאָנישע זאַלן, אין מאָדערנע טעאַטער־לאָקאַלן.

און דאָס איז בלויז די פאָרמעלע זײַט. איצט, נאָכן ספּעקטאַקל אין „פאָלקסבינע", אויג־אַף־אויג מיט זיך אַליין, טראַכט איך וועגן דעם, ווי מיר אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרמינערן אָפטמאָל דעם באַדײַט פון אונדזער אייגן האָב־און־גוטס. פאַרשטייט זיך, אַז עס דאַרפן געליבט ווערן די סימפּאַטישע שוישפּילער פון דאָוויד ליכטס טרופּע, וועלכע האָט מיט דער־פינדערישקײַט באַוויזן איינע פון לייוויקס שוואַכערע דראַמעס „מהר"ם (מאַהאַראַם) פון ראָטענבורג". אָבער ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז אין מאָסקווע וואָלטן די שטרענגע קאָמיסיעס ניט באַוויליקט צו קוואַליפיצירן אַזאַ טעאַ־טער ווי אַ פּראָפעסיאָנעלן. מע וואָלט געפאָדערט, אַז אין קאָלעקטיוו זאָל איַנגעשטעלט ווערן אָן איינהייטלעך ליטעראַריש לאָשן, אַז די שפּיל זאָל זיך באַפרײַען פון ליבהאָבערישער מעליצעדיקייט און מעלאָדראַמע און — דאָס וויכטיקסטע — אַז די טרופּע זאָל האָבן איר סטיל, איר אייגענעם פּאָ־נעם, זי זאָל געהערן צו אַ געוויסער שול פון סצעניִשער מײַסטערשאַפט. מע זאָגט, אַז אין דאָוויד ליכטס אַנסאַמבל האָט געשפּילט בלויז איין פּראָ־פעסיאָנעלער אַקטיאָר, די איבעריקע זײַנען ליבהאָבער. פרעגט זיך אָבער אַ קאַשע: אויב דאָס איז באַ די ניו־יאָרקער ייִדן טעאַטער, פאַרוואָס זשע זײַנען מיר אַזוי שעמעוודיק און געהיט אָנצורופן מיטן נאָמען טעאַטער דעם מאָסקווער אַנסאַמבל פון הויכקוואַליפיצירטע „גאַסט"־אַקטיאָרן אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון דער רוסלענדישער פע־דעראַציע בינִיאָמין שוואַרצער? און ווײַטער: צי איז, לעמאָשל, דער ווילֿ־נער ליבהאָבער־קרײַז, וואָס האָט העכער הונדערט אָנטיילנעמער, ווערט אָנגעפירט פון קוואַליפיצירטע פּראָפעסיאָנעלע רעזשי־מײַסטערס און באַ־קומט מאַטעריעלע שטיצע פון די רעפּובליקאַנישע פּראָפאַריינען, — צי איז אָט דער זעלבסטעטיקער קאָלעקטיוו ווילניקער טעאַטער, איידער די „פאָלקסבינע"? עמעס, באַ אונדז גיט מען ניט צו קיין באַדײַטונג, וויאַ־זוי זיך אָנרופן, און אין אַמעריקע ווייסט מען די קונץ. דאָס וואָלט געוועזן עפּשער ניט אַזוי שטאַרק וויכטיק, ווען מע וואָלט מיט דעם זיך ניט גע־נוצט אין אַנטיסאָוועטישע צילן.

18 נאָיאַבער

געשען איז עס הײַנט אינדערפרי, אין ניו־יאָרק. אַ גאַנץ פרײלעכער איניען איז עס. אַ שפּיל אַזאַ מיט אָפּהיטן זיך פון אַ פרעמד אויג, מיט טאָן גוטע זאַכן אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט וויסן. קורץ געזאָגט — קאָנספּיראַציע.

דרײַ קאַרפּן־קעפּ פון דער היגער ייִדישער געזעלשאַפט האָבן געוואָלט מיט מיר זיך זען. עס איז זיי מאַמעש אויסגעגאַנגען דאָס כּוח. אָבער צוויי פון זיי, מיטאַרבעטער פון דער ניו־יאָרקער ציוניסטישער צײַטונג, האָבן ניט געקאָנט אַזוי־אָ, אָן צערעמאָניעס, אַ שאַר טאָן פון זיך דעם ראַ־

באַנישן פאַרבאַט. דער דריטער איז באַוווּסט מיט זײַנע לינקע אָנשוויוּנגען. האָבן די צוויי געבעטן דעם דריטן, ער זאָל זײַן אַ קאָמפּאַניאָן אין געשפּרעך און אַז די טרעפונג זאָל פאָרקומען אין אַ פּריוואַטער קוואַרטיר. אַלע אינײנעם, הייסט עס, זײַנען מיר געווען זאַלבעפערט. איך וועל ניט אויסזאָגן, אין וועלכער פּריוואַטער קוואַרטיר מיר זײַנען געווען, קעדיי די גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאָסטע זאָל, כאָלילע, ניט באַמערקט ווערן פון די ייִדישע מאַקאַרטיס. איך וועל אויך ניט אויסזאָגן, וויאַזוי מע רופט די צוויי. אפילע פאַר זיך אַליין, אין מײַן אייגענעם טאָגבוך, וועל איך זייערע פאַמיליעס ניט פאַרשרײַבן, ווײַל עס קאָן דאָך זײַן, אַז איך זאָל דעם טאָגבוך אַמאָל פאַרעפנטלעכן; זאָל זיך אַזוי ניט מאַכן, ווי עס מאַכט זיך — נאָר מע קאָן דאָך דאָס העפטל פאַרלירן, אָדער אין וועג קאָן זיך ערגעץ פאַרהאַלטן אַ טשעמאָדאַן, אָדער (טפו! טפו! אַף מײַנע סאָנימס קעפּ!) מע טוט אַ שטאַרב, מע ווערט דערהאַרגעט, און עמעצער אַ זײַטיקער, פאַנאַנדערקלײַבנדיק די פּאַפּירן, נעמט און דערזעט דאָס, וואָס אין טאָגבוך איז אָנגעשריבן, — מיט איין וואָרט, די פאַמיליעס פון די צוויי וועל איך קיינעם ניט אויסזאָגן. איך וועל בלויז אָנרופן דעם דריטן, דעם לינקן, ווײַל ער, נאָכמען מײַזיל, רעדאַגירנדיק דעם „איקוף"־זשורנאַל, האָט דאָך שוין ניט וואָס צו פאַרלירן אין די אויגן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער רעאַקציע. אָבער די צוויי — זיי זײַנען געשטראָפט מיט דעם גוירל פון „בירגערלעך־ליבעראַלע" קלאַל־טוער, וואָס זייער טאָג־פּובליציסטיק קלינגט אָפט אין די אויערן פון די לינקע אַנטיסאָוועטיש, נאָר עס טרעפט, אַז זי קלינגט אין די אויערן פון די רעכטע פּראָסאָוועטיש. אַזוי צי אַזוי, נאָר, ווי געזאָגט, פירט מען קאָלומס אין אַ ציִעניסטישער בלאַט, און ס'איז בעסער ניט אויסזאָגן, אַז זיי האָבן זיך אין אַ פּריוואַטער קוואַרטיר געטראָפן קימאַט קאָנספּיראַטיוו מיטן קאָמוניסטישן רעדאַקטאָר, געטרונקען מיט אים מאַשקע און זיך געשפּעטשעט וועגן דיזן־דאָזן. זיי, די צוויי, זײַנען פּערזענלעך הויך געשעצט פון דעם קאָמוניסטישן רעדאַקטאָר. איינער איז אַ באַדײַטנדיקער ייִדישער פּאָעט, דער אַנדערער איז אַן אַלטער מײַסטער פון פּען־זשורנאַליסטיק. איצט זײַנען מיר שוין נאָענט באַקאַנט, און איך האָב ניט באַמערקט, ווי איך האָב דעם ערשטן גענומען רופן יאַנקעוו, דעם צווייטן — בענציִען. נו, דאָס איז שוין גענוג, ווײַטער וועל איך ניט גיין — די פאַמיליעס זייערע וועל איך ניט אָנרופן. ווײַל קאָנספּיראַציע איז קאָנספּיראַציע. מע האָט מיך, עמעס, ספּעציִעל וועגן דעם ניט געוואָרנט, נאָר וואָס, איך פאַרשטיי אַליין ניט? אָט האָבן זיי דאָך ביידע אין איין קאָל, קוקנדיק עפּעס אין אַ זײַט, מיר געמאָלדן, אַז אין דער עפנטלעכקײַט, דאָס הייסט אין דער פּרעסע, וועלן זיי וועגן אונדזער שמועס ניט דערמאָנען, ווײַל „איר פאַרשטייט דאָך אַליין... איר זעט דאָך גוט, ווי בייז עס זײַנען די אָנפאַלער"... נו, יאָ, איך פאַרשטיי און זע גוט...

אַף מײַן נאָמען זײַנען אָנגעקומען אײַנלאַדונגען צו באַזוכן, באַם אומקערן זיך אַהיים, אייניקע אַנדערע לענדער. דער פּרעזידענט פונעם קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס פאַרבעט אַף עטלעכע טעג קיין טאָראָנטאָ. עס טומלט

זיך ארום אן אײַנלאַדונג, וואָס איז געקומען פֿונעם דירעקטאָר פֿון דער יערושאַלאַימער רעליגיִעזער הייכל־שלוימע־ביבליִאָטעק דר. הארקאווי. פֿאַר וועלן מיך „אראָפּברענגען" קיין יִשׂראָעל ווערט הארקאווי געטאַדלט מיצאַד דער אנטיסאָוועטישער פּרעסע אלס א „פּאַרקויפּטער צום קאָמוניזם".

ווײַזט אויס, אז אָננעמען וועל איך די דריטע אײַנלאַדונג — די אײַנלאַדונג קיין פּאַריזש פֿון דער פּראָגרעסיוור אָרגאַניזאַציע „אוניאָן".

די דרײַ ליטעראַטאָרן פֿון דער גרופּע — פּאָלעוואָי, ראָזשדעסטווענסקי און איך — זײַנען סאָף טאָג אופגענומען געוואָרן אין פּרינסטאָנער אוניווערסיטעט. איינער פֿון די פּראָפּעסאָרן האָט באַם אַרײַנגאַנג אין אוניווערסיטעט־קאָרפּוס, באַגריסנדיק אונדז, געזאָגט אויך עטלעכע ווערטער אָף יִדיש.

צוערשט — א באַשיידענער (סטודענטישער!) אָוונטברויט מיט פּראָפּעסאָרן, פּעדאַגאָגן (צווישן זיי — א געוועזענער פּראַקטיקאַנט פֿונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט) און אויך סטודענטן פֿונעם רוסישן פֿאַקולטעט. דערנאָך גייען מיר אריבער אין א גרעסערן זאַל און טרעטן ארויס פֿאַר עטלעכע הונדערט סטודענטן.

דער שמועס דויערט א שאָ דרײַ. צווישן די בײַוועזנדיקע — א סאַך יִדישע יונגעלײַט. זיי ריידן ענגליש, עטוואָס רוסיש, אָבער ניט יִדיש. זיי ווילן וויסן טויזנט זאַכן וועגן יִדן. נאָך מײַן ארויסטרעטונג רינגלען זיי מיך ארום און וועדן גלײַך היימיש מיט מיר.

פֿאָרנדיק קיין פּרינסטאָן און צוריק, האָב איך מיט פֿאַרגעניגן באַקוקט די אומגעגנט פֿון ניו־יאָרק, די בלישטשענדיקע נײַע אַספּאַלטירטע טראַסע, בא די ראַנדן פֿון וועלכער עס שווינדלען און שווינדלען אַלטע הילצערנע סלופּעס (איך האָב פֿריִער געמיינט, אז דאָס איז עקזאָטיק, נאָר די באַגלייטער אונדזערע זאָגן, אז פּאַרבײַטן אָט די סלופּעס אָף אַנדערע וואָלט געקאָסט צו טײַער...), די הענגענדיקע וועגן און ריזיקע טונעלן, וואָס פּאַרייניקן די אינדזלען פֿונעם ניו־יאָרק־קאָמפּלעקס. באַם אַרײַנפֿאָרן אין א טונעל און באַם ארופֿאָרן אָף א בריק שטעלט זיך די מאַשין אָפּ, און באַאמטע באַקומען באַצאָלטס מעזומען, ווי אַמאָל־אַמאָל, ווען מע פּלעגט צאָלן יעדן פּעאָדאָל פֿאַר דורכפֿאָרן דורך זײַן ערד...

אָפּן בראָדוויי גייען מיר ארויס פֿון דער מאַשין און לאָזן זיך ביזן האָטעל צופֿוס. שפּעטער שוין, אין האָטעל, ווײַט פֿון דעם הור־הא און פֿון דער נעאָנישער קלאָנאַדע, — דאָ, אין דער געמיטלעכקײַט פֿונעם צימער, נאָך אַלץ א דערשיטערטער פֿונעם געווימל אָפּן בראָדוויי, בעט איך זיך מאַמעש בא דער פּען: „אײַל זיך ניט, לויף ניט צו פֿאַרשרײַבן דאָס, וואָס אַלע ווייסן שוין"... נו, בראָדוויי, דער „גרויסער ליכטיקער וועג" פֿון ניו־יאָרק, דאָס אכצנמײַליקע „געסעלע", וווהין עס זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַזויפֿיל רעסטאָראַנען, טעאַטערן, קאַבאַרע, דאַנסינגען, קינאָ־לאָקאַלן... ווער ווייסט ניט וועגן אָט דעם בראָדוויי? קעדיי אַזוינס וועגן אים דערציילן, דאַרף מען

אים ניט זען מיט די אייגענע אויגן. איך אָבער האָב אים אָקאָרשט געזען — וואָס טראַכט איך וועגן אים?

ס׳איז גאָרניט נייטיק דאַפקע מישן שײַן מיט ליכט.
אָט איז, לעמאָשל, דער בראָדוויי מיט שײַן באַצירט.
די שײַן דאָ אָנעמען פאַר ליכט איז ניט קיין כ״וו,
בראָדוויי איז דען אַ גאַס? בראָדוויי איז, אויב איר ווילט, אַ בריוו,
וואָס איז מיט בלענדיק־בלינדער שײַן
געשריבן
און געכאַסמעט
און געשטעמפּלט.

איך שטיי
אַף דעם בראָדוויי,
ווי אַף אַ הערעלע פון אַן עלעקטריש לעמפּל.
די שײַן
שלאָגט אין דער נאָז,
קלאַפּט אין די אויערן.
זי גיסט זיך אויס, ווי וואַסער פון אַ גלאָז,
זי רייכערט זיך אונטער די סטרעכעס פון די מויערן.
אָט איז זי געל,
אָט איז זי רויט,
אָט איז זי גרין...

אויב ס׳איז ניו־יאָרק אַ טונקלע קווייט,
איז דער בראָדוויי אַ געלע בין,
אויב ס׳איז ניו־יאָרק אַ גרויע וואַנט,
איז דער בראָדוויי אַף איר אַ גאָלדן העזל.

בראָדוויי דערמאָנט מיר אין אַ לעבעדיקן וועזן
מיט נערוון
און מיט נעגל
און מיט ציין.
וואָס ליכטיקער זײַן וואָרט,
אַלץ פינצטערער דער מיין.
וואָס פריילעכער דער טאַנץ,
אַלץ מידער איז דער טענצער.

זאָל אײַך ניט קימערן בראָדוויי...
ניט מער, פאַרהענגט אים, ווי אַ פענצטער.
די שײַן אַ ביסל דרייט אַרײַן. און זעצט זיך צו. ס׳איז נאַכט.
שוין צײַט צו רוען.
און האָט ניט מוירע, אַז ניו־יאָרק וועט אָן דעם צירונג
פון בראָדוויי פאַרבלײַבן קרוע־בלוע.

יעדער איינער, וועמען עס איז אויסגעקומען אין טײַגע צו טרינקען פון א קארגן, קאלט־קרישטאָלענעם קוואל, ווייסט, אז אין דעם דינעם זײַלעכל, וואָס איז צונויפגעקליבן פון אייניקע טראָפּנס און וואָס קוים־קוים עס קאַ־פּעט אראָפּ אף די פּארטריקנטע ליפּן, — אין אָט דעם זײַלעכל איז טאקע פארבאָרגן די נאטירלעכע סובסטאנץ וואסער. און אויב עמעצער וועט דיך אָפּשטופּן פון דעם קארגן זײַלעכל און אָנהייבן דיר גיסן אפּן קאָפּ גאנצע עמערס וואסער, — וועסטו ווערן פּיטש־נאַס, אָבער אין מויל וועט גאָרניט ארײַנפאלן, דעם דאָרשט וועסטו ניט שטילן, דאָס וואסער וועט פאר דיר פארלירן זײַן באדײַט.

דאָס זעלבע איז אויך נעגייע שײַן. אויב באטראכטן שײַן ניט ווי א מיטל אײַנצוריידן „קויף!" און „פארקויף!", נאָר ווי יענער פונק, וואָס האָט נאָך לאנגע יאָרהונדערטער קלאפּן א שטיין אין א שטיין סאָפּקאָלסאָף א בלישטשע געטאָן צווישן די פאַרהאַרטעוועטע ערדענע דלאָניעס פונעם אורמענטש, — אויב וועגן אזא שײַן ריידן, איז, פארשטייט זיך, אין דעם איינזאמען פּײַערל, וואָס ציטערט שוואך צווישן די דויערעסדיקע צעדערס אין דעם יעגערס טײַגע־שטיבל, פאראן מערער שײַן, איידער אין די טויזנטלאַמפּיקע עמערס שײַן, וועלכע בראָדוויי גיסט אויס דעם מענטשן אפּן קאָפּ.

19 נאָיאבער

האגאם צו שלאָפן איז מיר פארבליבן פון דער נאכט בלויז עטוואָס מער פון פיר שאָ, וועל איך דאָך דעם פארגאנגענעם טאָג פארצייכענען — און טאקע גענוי, מיט וואָס מער פּראָטים, ווײַל דאָס געזעענע און דורכגעלעב־טע פארדינט עס.

אינדערפרי בין איך געווען א גאסט באם אייגנטימער פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" ארטור דזשייקאָבס. בא אים אין קאבינעט האָבן אף מיר געווארט דער רעדאקטאָר ל. מעקלער און די מיטארבעטער ב.־צ. גאָלד־בערג, דר. כאַים שאָשקעס, מ. שטיקער, פיליפּ סאנדלער און מײַן „אלטער באקאנטער" גערשן דזשייקאָבסאָן. אלטע באקאנטע האָב איך דאָ געהאט נאָר צוויי. אויסער בענציען גאָלדבערגן, איז עס כאַים שאָשקעס, וועגן וועלכן עס לוינט בא אָט דער געלעגנהײַט זאָגן א פּאָר ווערטער.

מיט שאָשקעסן האָב איך זיך פיל מאָל באגעגנט אין מאָסקווע. מיר זײַ־נען שוין, אזוי צו זאָגן, צוגעוווינט איינער צום אנדערן. קענענדיק גוט רוסיש, דריקט זיך שאָשקעס אויס עלעגאנט אין זײַנע אָפּנהארציקע שמו־עסן מיט מיר, ווען ער קומט אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימ־לאנד": „איר ווייסט, — זאָגט ער גוטמוטיק, — איר זײַט מײַן דוואָיוראָדני וראג"[1].

---

[1] א ווערטערשפּיל. דער רוסישער אויסדרוק «двоюродный брат» באטײַט „שוועסטערקינד". דאָ איז דאָס וואָרט «брат» (ברודער) פארביטן מיטן וואָרט «враг» (סוינע).

שאָשקעס איז באַוווּסט און באַרימט אין דער זשורנאַליסטישער וועלט, ווי אַ באַגײַסטערטער ניט־עמעס־שרײַבער. פּונקט ווי אַ גלוכאַר, בײַס ער זינגט, הערט ניט און זעט ניט גאָרנישט אַרום זיך, אַזוי זעט ניט און הערט ניט כאַ͏ִים שאָשקעס די רעאַלע פֿאַקטן, ווען ער שרײַבט וועגן זיי. זאָג איך אַמאָל אין מאָסקווע דעם דר. שאָשקעס: „רעב כאַ͏ִים, אָט וועט איר זיך אומקערן אַהיים, און אין אײַערע באַריכטן וועל איך נאָכאַמאָל לייענען דאָס ניט געשטויגענע“... דר. שאָשקעס גיט ניט אַ פּינטל מיט אַן אויג. „אינגיכן, — זאָגט ער, — וועט אָפּפֿאַלן די נויטווענדיקייט אין דעם“. — „וואָסי, איר וועט אַריבערגיין אין דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט“?“ — „ניין, איך וועל אַוועקגיין אויף פּענסיע“... און ער גיט צו: „כאָטש מײַן אַרבעט אַלס זשורנאַליסט וועל איך פֿאָרזעצן, נאָר כ׳וועל ניט זײַן אָפּהענגיק פֿונעם באַלעבאָס“...

איצט, זיצנדיק באַם באַלעבאָס, בײַ דזשייקאָבסן אין אַרבעטס־צימער (אַליין אַרטור דזשייקאָבס זעט אויס צו זײַן אַן ערנסטער און אײַנגעהאַלטענער מענטש) און טרעפֿנדיק בײַ אים שאָשקעסן, פּאַרווילט זיך מיר אַ זאָג טאָן אים, דעם באַלעבאָס:

— זײַט אַ ביסעלע געהיט... ווײַל אויב אין איין שיינעם טאָג וועט כאַ͏ִים שאָשקעס אַוועקגיין אויף פּענסיע און געדרשן דזשייקאָבסאָן וועט זיך אויך אַוועקנעמען ריידן „בלויז עמעס“, — איז וואָס וועט איר דעמלט טאָן מיטן „טאָג־מאָרגן“?

איך בין אָבער אַ גאַסט, און ווי אַ גאַסט בײַ קאָרעקטע מענטשן, בין איך קאָרעקט. מײַן „דוואַיוראָדני וויראַג“ שענקט מיר אַ פּאָר סוווענירן. אַרטור דזשייקאָבס, פֿון זײַן זײַט, שיקט אַ מאַטאָנע דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ — אַ מאַרמאָרן אַש־טעצעלע מיט אַן אָפּגעדרוקטער זײַט פֿון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ אויף דער דעק. ניין, איך וועל איצט ניט לעשן מײַן פּאַלעמיש פֿײַער אויף דער צײַטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ און אויף אירע סאָלידע מיטאַרבעטער. ניין.

מיר הייבן אָן דעם שמועס, און אַלץ גייט גלאַטיק. פֿון דעם, וואָס עס איז גערעדט געוואָרן, ווילט זיך פֿאַרצייכענען אָט וואָס. דזשייקאָבס האָט מיך געפֿרעגט, צי געפֿין איך ניט פֿאַר נייטיק עפּעס זאָגן ספּעציעל די אַמעריקאַנער ייִדישע זשורנאַליסטן. איך האָב געענטפֿערט, אַז הײַנט־צו־טאָג איז עפּשער דאָס וויכטיקסטע, פֿון וואָס מע דאַרף אָנהייבן, — דערשלאָגן זיך, אַז דער טאָן און דער אויפֿן, וויאַזוי די ייִדישע בירגערלעכע פּרעסע באַהאַנדלט פֿראַגן, זאָלן זײַן אָנשטענדיקע, אָן בייזוויליקע אָנפֿאַלן.

א באַזוך אין רעדאַקציע פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט“. צוועלף אַזייגער באַטאָג. איך קום אַהער גלײַך נאָכן שמועס אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“. אַ מין שפּרונג פֿון איין וועלט אין אַן אַנדערער.

מיט אַ יאָר דרײַצן־פֿערצן צוריק האָב איך אין מאָסקווע רעדאַגירט אַן אַרבעטער־צײַטונג אויפֿן זאַוואָד „דינאַמאָ“. דאָרט פֿלעגט מיר אָפֿט אויסקומען צו זיצן באַם שעף פֿון דעם אָדער יענעם צעך, און, שפּירנדיק, ווי

פון דעם מאשינען־גערודער טרייסלען זיך די דורכזיכטיקע ווענט פון דער „קאַנטאָרקע״, — פּלעג איך טראַכטן, אַז ער, דער שעף פונעם צעך, האָט, זעט אויס, בעקיוון אוועקגעשטעלט זײַן שרײַבטישל אַזוי נאָענט צו די גע־שווינדע רעדער און שטאַרקע מאַטאָרן, קעדיי דער בלוט־דרוק בא אים זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם זעלבן ריטם, וואָס אין צעך. איך ווייס ניט, וועלכע אַנאַלאָגיעס עס האָט מיך איצט אומגעקערט צו דער פאַרגאַנגענ־הײַט, נאָר זיצנדיק אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״ און אַרויסקוקנדיק אַהין, וווּ עס שטייען קאַסעס מיט שריפט און עס אַרבעטן זעצערס, האָב איך זיך דערמאָנט אין יענער זאַוואָדישער צײַטונג, אין דעם קאַבינעט פונעם שעף פון צעך, וואָס אַרבעט, אָטעמט און לעבט אין ראַש־און־גערודער פון די מאַשינען.

פון נאָך מיטיק אָן און ביז שפּעט אין דער נאַכט כאַפּ איך אַרײַן אַ היפּשע פּאָרציע פאַרגעניגן באַם אַרומפּאָרן איבער ניו־יאָרק אין סעם פעוווזנערס מאַשין.

סעם פעוווזנער — אַ טוער אין די פּראָגרעסיווע קרײַזן, אַ הויכער, גע־זונטער, ברייטפּלייציקער, גוטמוטיקער מענטש, אַ געבוירענער אין אַמע־ריקע. איך זאָג אים: „סעם, ווען דו נעמסט ריידן אַף ייִדיש, זאָלסטו די מאַשין טרײַבן מיט אַלע קויכעס״. — „וואָס איזנס?״ — פרעגט שמייכלענ־דיק אַף זײַן אויפן פעוווזנער. „ווײַל פון דײַן ייִדיש נעמען זיך די רעדער אַליין אָפּשטעלן״.

אין גרינוויטש ווילעדזש, דעם ראַיאָן פון דער ניו־יאָרקער קונסט־באַ־העמע, לעבן אויף אין זיקאָרן די טראַדיציאָנעלע שילדערונגען פון אָט דעם ווינקל. אַ ווערטעלע צו זאָגן: פּראָסטע אַלטע הײַזער, און אין איינעם איז געווען דער באַרימטער פּראָווינסטאַון־טעאַטער, אין אַ צווייטן האָט געלעבט מאַרק טווען, דאָ און דאָרט — ניט קיין הויכע מויערן מיט הויכע פענצטער, פון הינטער אָט די פענצטער האָבן אַמאָל אַרויסגעקוקט מאָלבערטן און ערשט אָנגעמאָלטע בילדער פון קינסטלער — דעקאַדענטן, עקספּרעסיאָ־ניסטן, קוביסטן, באַדאַיסטן, סיורעאַליסטן...

אַף דער מעקדוגאַל־גאַס שליאָנדרען אַרום טוריסטן. איך ווייס ניט, וויאַזוי זיי, נאָר איך האָב דאָ גלײַך דערזען מײַן גרויס געווינס. דאָס איז אַ באָהעמישע קאַפּע, אויב מע קאָן מיט אָט דעם נאָמען אָנרופן אַן אויסגע־בליאַקעוועטן, אָפּגעלאָזענעם צימער מיט אַן אַרײַנגאַנג גלײַך פון דער גאַס — עטלעכע טישלעך, אַ פּיצינקע הילצערנע בינע, נידעריקע טאָפּ־טשאַנדלעך צום זיצן. אַף דער שילד איז אָנגעשריבן: «Why not?» — „פאַרוואָס ניט?״ באַם אַרײַנגאַנג — אַ פּלאַקאַט: „ס׳קאָסט ניט קיין אײַנ־טריט־געלט: ניטאָ דאָ קיין אינטימע אַטמאָספער, קיין גאַסטפרײַנטלעכקײַט. מע זינגט ניט מיט טאַלאַנט. ביטער — די קאַווע, די שפּײַז און די באַדי־נונג. דער פאַרוואַלטער איז אַ בראָדיאַגע. און דאָך — פאַרוואָס ניט?״.

טאַקע פאַרוואָס ניט אַרײַנגיין? אינווייניק אין «Why not?» איז כּמעט די באַלעבאַטים — דרײַ ייִדישע באָכערים — קיינער ניטאָ. זיי זײַנען עס טאַקע

מײַן גרויס גערווינס. איינער פון זיי הייסט פישל, דער צווייטער מענאכעם־מענדל, דער דריטער העשל.

פישל טאנצמאן איז צוואנציק יאָר אלט. זײַן פאך — פאריכטן טעלעוויזאָרס. אויב אזוי, איז צוליב וואָס נאָך „האלטן א קאפע"? פישל שמייכלט: „איר זײַט פון הימל אראָפּגעפאלן, צי וואָס? קעדיי איך זאָל קאָנען לעבן פון מײַן פאך, דארף איך, אז א טעלעוויזאָר זאָל, ערשטנס, צו דער צײַט קאליע ווערן, און, צווייטנס, מע זאָל רופן צו אים מיך און ניט קיין אנדערן פון די הונדערטער ארבעטסלאָזע כעווירעלײַט, וועלכע קאָנען פאַריכטן די צאצקע"...

און אָט איז פישלס קאָמפּאניאָן, מענאכעם־מענדל בען מוישע ליפשיץ, איין און צוואנציק יאָר אלט.

— מענאכעם־מענדל, דו ווייסט כאָטש, פארוואָס דײַן נאָמען נעמט בא אונדז אזוי אויס?

— ווײַל עס איז מײַן נאָמען...

— און דאָס איז גאָר?

— גאָר. מע האָט אײַך מיסטאמע געזאָגט, אז איך טרוים צו ווערן א ראדיסט ארום ספּוטניקעס... און איר זײַט דאָך פון רוסלאנד...

באטאָג איז מענאכעם־מענדל א סטודענט אין א ראדיאָ־אינסטיטוט. פארנאכט דערלאנגט ער טיי מיט בייגל אין דער שוטפעסדיקער קאפע. אף רוסיש זאָגט מען — בעז אָטריווא אָט פּראָיזוואָדסטווא, ער שטודירט, הייסט עס, די וויסנשאפטן, ניט אָפּוועדנדיק זיך פון זײַן „פּראָדוציר־ארבעט"...

— מענאכעם־מענדל, — מישט זיך ארײַן דער דריטער קאָמפּאניאָן, העשל ווײַנבערג, אין איין עלטער מיט די צוויי פריִערדיקע, א געוועזענער יעשיווע־באָכער, — מיר דוכט, מענאכעם־מענדל, אז דײַן נאָמען נעמט אויס דערפאר, ווײַל ס'איז געווען אזא יידישער מעכאבער מענאכעם־מענדל...

— פונוואנען ווייסטו, דער סאטמארער האָט עס דיר געזאָגט?

— ניין, מײַן מאמע... זי האָט געהאט מענאכעם־מענדלס א ביכל...

— ווייסט איר וואָס, יינגלעך, — נעם איך ווײַטער ציִען דעם שמועס, — ווער איר זײַט, וויים איך שוין. אָבער זאָגט מיר, וואָס טוט איר, אויב קיינער קומט ניט טרינקען קיין קאווע? איר זײַט דרײַ מײַלער. מע דארף דאָך אופהאלטן דאָס געשעפט...

ווײַזט זיך ארויס, אז אופהאלטן די קאפע — דאָס איז ניט די זאָרג פון די יינגלעך. אף דעם איז דאָ א באלעבאָס, אן ארענדאטאָר, אזוי צו זאָגן. ער דינגט דעם „קאפע־לאָקאל" און האלט דאָרט אוף די דרײַ „קאָמפּאניאָנען". די האכנאָסע באקומט ער. זיי באקומען א „פּראָצענט". דער באלעבאָס איז אן ארבעטער. נאטירלעך, אויך ניט קיין ראָקפעלער. די יינגלעך פירן דאָס געשעפט, פארופנדיק נײַגעריקע און דורשטיקע מיט דער הילף פון צוויי זינגער. צוליב די זינגער איז טאקע געמאכט די קליינע בינע, וואָס איז אפילע אויסגעשטאט מיט א מיקראָפאָן...

פרעגט זיך: וואָס עפּעס זינגער?

איז דאָס א טעמע פאר זיך. אין אמעריקע, בא דער יוגנט, איז איצט א מאָדע זינגען אלטע פאָלקסלידער. דאָס איז א מין מיטל, ערשטנס, צו קעגנשטעלן זיך דער קאָסמאָפּאָליטישער האשפּאָע פון דער הײַנטצײַטיקער

ראקעטן־ציוויליזאציע און, צווייטנס, א מיטל צו ראָמאַנטיזירן עטוואָס דאָס לעבן, וואָס שווינדלט דורך בא די קאָנטאָר־טישלעך, אף בירזשעס, בא שלעפּן פּעק און טרײַבן אוטאָס. טאקע ניט ווײַט פון דעם אָרט, ווו מיר געפינען זיך איצט, אין דעם טראַדיציאָנעלן וואשינגטאָן־סקווער, נעמט זיך די יוגנט אין די אָוונטן צונויף ארום דעם באסיין פונעם גרויסן פאָנטאַן און זינגט ביז שפּעט אין דער נאכט וווּנדערלעך־ריטמישע, אָפט צעצויגענע, אומעטיקלעכע, אָפט שטיפערישע אלטע־אלטע אמעריקאנער לידער.

פונדאנען, פון אָט דער מאָדע, נעמט זיך דאָס, וואָס אין «Why not?» זײַנען דאָ זינגער. פאר דער קונסט, פאר דער מי באצאָלט מען זיי ניט, זיי גייען ארום צווישן די טישלעך, ווי מע זאָגט, מיטן היטל. דאָך הייסט דאָס ניט, אז עס האָט ווייניקער די ווערט זייער קונסט — עכט און שיין קלינגען די שטימען בא אָט די צוויי יונגע פאָלקס־זינגער! דזשעק (יאנקל) און טשארלי זײַנען איצט פארנומען אין קיכל — זיי וואשן דאָס געפעס. מע טוט זיי א רוף. טשארליווישט אויס די הענט און רירט זיך צו צו דער גיטארע... איך זיץ א פארקישעפטער פון דער „ליד פון די אָנטרײַבער פון אָקסן". די אָקסן גייען שווער. דער אָנטרײַבער איז מיד. אמעריקע דארף נאָך דורכגיין א ווײַטן וועג, א ניט געפלאסטערטן... ס'איז נאָך איידער דער מילכאָמע פאר אומאָפהענגיקײַט, ס'איז נאָך פאר דזשאָרדזש וואשינגטאָנען.

טשארלי איז קיין ניו־יאָרק געקומען פון טעכאס. מע זאָגט, אז פון טעכאס קומען געווייגלעך מיליאָנערן. טשארלי שטעקט ארײַן די האנט אין קעשענע און באווײַזט א ביסל מינץ: „אָט איז ער, מײַן מיליאָן"... ווען די צוויי זינגער פארציִען א העברעיִשע ליד, שטעלט זיך ארײַן א נעגער־יינגל און נעמט אונטערהעלפן. „אף וועלכער שפּראך זינגסטו?" — „שפּראך? א ליד גייט פונעם הארצן, און שפּראך איז אף די ליפּן"... אך, סארא טאלאנט זיי האָבן צום ריידן, די ווילעדזשער...

ווען מיר פארלאָזן די קאפע, באגלייט אונדז אף דער גאס מענאכעם־מענדל. ער גייט עטלעכע טריט פאזע דער מאשין און שרײַט ארײַן אין אופגעעפנטן פענצטערל:

— מענאכעם־מענדל — ספּוטניק!... איר פארשטייט?!

ייִדישע ייִנגלעך פון אמעריקע... וואָס זאָלן מיר מיט אײַך צוזאמען ענטפערן די „פּאָליטישע" ראבאָנים און די „ראבאָנים" פון דער פּאָליטיק, וועלכע פריידיקן, אז די ייִדישע ייִנגלעך אין די וויסנשאפטלעכע לאבאָראטאָריעס פון דובנא — דעם סאָוועטישן וועלט־צענטער פון אטאָם־פיזיק, — די ייִדישע ייִנגלעך אף די אוראלער מעטאלורגישע און מאָסקווער אווטאָמאָביל־זאוואָדן, זיי, וואָס האָבן צוזאמען מיט מיליאָנען אנדערע ייִנגלעך און מיידלעך אופגעהויבן די אלטײַער צעלינא, זיי — די אינגאנצן שוין ניט ענלעכע אף זייערע שטעטלדיקע זיידעס סאָוועטישע ייִדישע יונגעלײַט, פון וועלכע עס קומען ארויס יעהודינס, לאנדאוס, קרייזערס, דימשיצעס[1], — אָט

---

[1] עליע יעהודין — פאָרזיצער פון א קאָלווירט אין קרים; לעוו לאנדאו — אקאדעמיקער, לאורעאט פון דער נאָבל־פּרעמיע; יאקאָוו קרייזער — ארמיי־גענעראל, הויפּט־קאָמאנדיר פון די סאָוועטישע מיליטער־קרעפטן אפן ווײַטן מיזרעך; וועניאמין דימשיץ — פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראט פון פססר.

די ייִדישע ייִנגלעך „דארפֿן גערעטעוועט ווערן", קעדיי אַף דעם ברעקעלע קעלער־טעריטאָריע פֿון «?Why not», איבערטרעטנדיק די אָפּגעקלאַפּטע עטלעכע טרעפּלעך, ווערן מיט דיר, ליבער מענאכעם־מענדל בען מוישע, שוטפֿים צו דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער לופֿט־פּאַרנאָסע...

ס'איז עפּשער פֿון פֿריִער בעקיוון געווען אזוי פֿארטראַכט: גלײַך פֿון גרינוויטש פּירט מען מיך אָפּ צו דעם סימבאָל פֿון אמעריקעס נײַער צי־וויליזאַציע, צום העכסטן ביניען אין דער וועלט „עמפּײַר סטעיט בילדינג".

אַפֿן וועג שמועס איך מיט איטשע גאָלדבערגן. ער טוט צוויי מאָל אָן אָטעם אַף די גלעזלעך פֿון די ברילן און ווישט זיי אויס:

— מע דארף האָבן ייִדישע שולן... איך זאָג עס אײַך דאָס צענטע מאָל.

— בא מיר האָט איר געפּויעלט, — ענטפֿער איך, — מע דארף עס נאָך פּויעלן בא דער מאַמען.

— בא וועלכער מאַמען?

— בא דעם קינדס מאַמען. קעדיי זי זאָל אָפּגעבן איר קינד אין א ייִדי־שער שול, דארף זי האָבן ייִדישע אוניווערסיטעטן, טעכנישע הויכשולן...

— אין אמעריקע זײַנען פֿאראן ייִדישע צוגאָב־קלאסן אין די אלגעמיי־נע שולן...

— אָבער ווי האלט עס מיט ייִדיש אין אָט די ייִדישע צוגאָב־קלאסן?

איטשע גאָלדבערג (ער איז פֿאָרזיצער פֿון דער אָרגאניזאַציע „פֿרײַנט פֿון ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג") ענטפֿערט מיט פֿארדראָס:

— העכער נײַנציק פּראָצענט צוגאָב־קלאסן ווערן פֿינאנסירט און אופּ־געהאלטן פֿון די רעכטע. דאָרט לערנט מען ניט קיין ייִדיש, — העברעיִש און היסטאָריע לויטן טאנאך...

— א יעשיווע אין מיניאַטור, הייסט עס...

— בא אײַך וואָלט עס געווען אנדערש...

האָב איך פֿאַר זיך א פֿארוואלגערטן „מאַסקיל" אין אמעריקע אין די זעכציקער יאָרן פֿונעם XX יאָרהונדערט...

ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק צו ריידן וועגן די וואָלקנקראצערס אין ניו־יאָרק און אין אנדערע שטעט פֿון די פֿאראייניקטע שטאטן ווי וועגן אן אר־כיטעקטור־עסטעטישער פּראָבלעם. גיכער פֿון אלץ איז דאָס א פּראָבלעם פֿון רענטע פֿאַר דעם באָדן, אַף וועלכן מע בויט אין אמעריקע הײַזער.

לעבן אונדזער האָטעל שטייט די וואָקזאַל־געבײַדע „גרענד־סענטראַל". מע דערציילט, אז צוריק מיט א יאָר זעקס־זיבן האָט די אדמיניסטראַציע פֿונעם וואָקזאַל פֿארקויפֿט די לופֿט איבער דער געבײַדע. יאָ, יאָ, ס'איז ניט קיין שפּאַס: „גרענד סענטראַל" פֿארנעמט א גוט אָרט (די געבײַדע גייט ארויס אַף דרײַ גאסן — אַף דער 42־טער, אַף לעקסינגטאָן־גאס און אַף וואנדערבילד־גאס), און לופֿט קאָסט ביליקער פֿון באָדן. אַף דעם סמאך האָט געלוינט מאכן דאָס געשעפֿט, און אַף דער געבײַדע פֿון „גרענד־סענט־

ראל״ איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דער גיגאַנטישער „צוגאַב״ פון דער פאַן־אַמעריקאַנער אוויאַקאָמפּאַניע...

איז אָט — וועגן איניען ארכיטעקטור, וואָלקנקראַצערס... די רענטע פאַר דער ערד, אף וועלכער עס שטייט „עמפּײַר סטעיט בילדינג״, האָט באַטראָפן עלף מיליאָן דאָלאַר. פאַרשטייט זיך, אז פאַר אזא פּויטעקע איז ווייניק אף אָט דעם אָרט אופהייבן צום הימל פופציק שטאָק, זיבעציק שטאָק, אכציק... מע האָט יאַקאָס דערצויגן ביז הונדערט צוויי שטאָק. דער מאַנהעטן־באָדן האָט עס אויסגעהאַלטן: דאָס אינדזל איז דורכויס פון גראַניט.

איצט, מאַך איך צו זיך, זײַ זיך מאַטריִעך און פאַרגעס אף א רעגעלע, ווי הויך עס האָט זיך דיר אַמאָל אויסגעוויזן די סאָלדאַטישע טראַנשייִ מיט די אויסגעהאַקטע סוקעוואַטע בעריאָזע־שטאַמען, צונויפגעלייגטע ווי א דאַך איבערן קאָפּ. פאַרגעס דאָס גאַפּיל פון הויכקײַט אין דעם גוט־געמאַכטן ערדשטיבל בא דער בירע און קריך בימכילע אַרויף אף דעם „דעכעלע״, וואָס איז פיר הונדערט מעטער ווײַט פון דער ערד...

ביז דעם זעקס־און־זעכציקסטן שטאָק שטעלט זיך די ווינדע ניט אָפּ. זי שיסט אונדז אַרויף אף דעם זעקס־און־אכציקסטן. דאָ איז די ערשטע טעראַסע, א זאַל פאַר סוווענירן. אף דער טעראַסע פונעם הונדערט צווייטן שטאָק טוט א שלאָג אין פּאָנעם דער שווערער אָטעם פונעם אָקעאַן. מע דערפילט, אז אויסער ניו־יאָרק איז פאַראַן נאָך עפּעס... די „וויטרינע פון אַמעריקע״ איז פון דער הייך פון „עמפּײַר סטעיט בילדינג״ ביז גאָר עפעקטפול.

איך בייג זיך אַראָפּ פונעם הימלקראַצער
איבער דער הויכער פּאַרענטש...

ניו־יאָרק, ביסט די פּרוכט פון קאָאָפּעראַציע
צווישן נאַטור און מענטש.
קעדיי איך זאָל זען דײַנע אַלע שויבן
און הערן דײַן גאַנצן ראַש, —
דו האָסט מיך מיט גוורע אופגעהויבן
אף הונדערט צוויי עטאַזש.

פאַר דעם נאָר אליין, פאַר אזא מין קויעך,
פאַר אזא מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג א דאַנק.

ס׳איז שוין טאַקע קימאַט ניט פאַרבליבן קיין צײַט זיך צולייגן, באַלד וועט א קלונג טאָן דער טעלעפאָן, און דער האָטעל־אופזעער וועט אין טרײַבל זאָגן א „גוט־מאָרגן״, — נאָר וויאַזוי האַלט מען זיך אײַן ניט צו באַשרײַבן אן עפּיזאָד באַם אָוונטברויט אין קאָשערן רעסטאָראַן „גליקשטערן״ אף דעלאַנסי־גאַס? אַלץ איז דאָ געווען ווי געוויינלעך, א רעסטאָראַן ווי א רעסטאָראַן, קאָשער איז קאָשער, די געהאַקטע לעבערלעך, די גריוון, די געפילטע פיש — אלץ איז אָלרײַט. אָבער מיטאַמאָל...

— הערט מיך אויס, ווער איז אָט דער יונגערמאַן, וואָס איר קעכלט אים אַזוי? דער פראַנצעזישער קעלנער, דער בונדאָוועץ, אָט דער, וואָס איז ערשט אוועקגעלאָפן אויפזוכן דעם באַלעבאָסעניו, זאָגט: ס'איז א סוואָ־רע, אַז דער יונגערמאַן דאַרף זײַן אַרן ווערגעליס פון מאָסקווע.

מײַן באַגלייטער, צו וועמען עס האָט זיך מיט אַזעלכע רייד געווענדט דער באַיאָרטער באָס־באָי (אופראַמער), טוט א שאָקל מיטן קאָפּ אין מײַן זײַט:

— פרעגט בא אים אַליין...

איך נעם אַרויס פון קעשענע דעם רויט־טאָוולדיקן פּאַס מיט די דײַט־לעכע רוסישע אויסיעס CCCP. דער באָס־באָי ווערט שטאַרק ערנסט. ער פאַרגעסט אין ווערגעלע, וואָס שטייט לעבן אים, א געלאָדנס מיט טע־לער. ער רירט זיך צו צום פּאַספּאָרט — די הענט ציטערן בא אים.

— איך בין א פּוילישער... בעשאס היטלערס גזירע זיך געראַטעוועט בא אײַך... געבענטשט זאָל זײַן די ערד... אין אופא בין איך געווען א פאַר־וואַלטער פון א גאָרקיך... איך וואָלט דערגאַנגען ביז... (ער טוט א דריי מיט די פינגער הויך איבערן קאָפּ), ווען איך בלײַב... און איצט דאָ, זעט איר דאָך, כאַווער...

איך גיס אים אָן א קעלישעקל. ער זאָגט אויף רוסיש:

— ניעלזיא, דאָראָגאָי, ניעלזיא... זאַ עטאַ יאַ מאָגו לישיטסאַ מעסטאַ... (מע טאָר ניט, טײַערער, מע טאָר ניט... פאַר דעם קאָן איך פאַרלירן דאָס אָרט...).

נאָר מיטאַמאָל צינדט זיך אָן א פּײַערל אין זײַנע אויגן. ער זאָגט מיט הארץ:

— טשאָרט ס נים!.. (כאַפּט אים דער רוּעך!..).

ער נעמט דאָס קעלישעקל, רירט זיך צו מיט דעם צו מײַנעם, טרינקט אויס דעם ווײַן און רעדט אַרויס פאַמעלעך און באַדאַכט:

— זאַ ראָדינו (פאַרן היימלאַנד).

דער באָס־באָי פירט אָפּ דאָס ווערגעלע מיט געפּעס. אַרום אונדזער טיש נעמען זיך דרייען נײַגעריקע. דער באָס־באָי גייט ווידער צו און שמייכלט:

— דער בונדאָוועץ האָט דעם באַלעבאָס ניט געפונען. אָבער צעפּויקט האָט ער אַלעמען... לויפן זיי, די קעכער און די קעלנערס, אויף אײַך א קוק צו טאָן...

פאָרנדיק פון „גליק־שטערן" צום האָטעל, האָבן מיר פאַרקערעוועט צו דער באַוערי, דעם ראַיאָן, וווּ עס האַלטן זיך אויף, ווי מע זאָגט דאָ, שערבּ־לעך פון מענטשן: היימלאָזע, אַרויסגעוואָרפענע פונעם לעבן, בראָדיאַגעס, שנאָרערס. מיר האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשין, און מיט פאַרקילט בלוט אין די אָדערן האָב איך געקוקט אויף איינער פון די שווערסטע טראַגעדיעס אין דער הארצלאָזער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. בא דער שײַן פון גאַס־לאַמ־טערנס האָבן געזוכט אויף די טראָטואַרן שטיקלעך אוועקגעוואָרפענע סיגאַ־רעטן און אויסגעשטרעקט די הענט, בעטלענדיק א „דאַים" (א גראָשן), געזונטע, נאָך גאָר ניט קיין אַלטע מענטשן, אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע, ניט קיין ראַזירטע, פיל פון זיי אָפּגעשוואַכטע פון אַלקאָהאָל, מענטשן־ברוכוואַרג, אַרויסגעוואָרפענע אין רינשטאָק פונעם לעבן. איך האָב זיך

דערמאָנט אין פעליקס דזערזשינסקיס אומשטערבלעכן אופּטו אין סאַמע אָנ־הייב פון דער אַקטיאַבער־עפּאָכע. דאָס איז געווען אין די פּריִע הונגעריקע צוואַנציקער יאָרן... היימלאָזע יעסוימים נאָך א וועלט־מילכאָמע און נאָך א בלוטיקער אינטערווענץ מיצאַד פרעמדע רויבערישע מעלוכעס, אין א צע־רויִנירט און אויסגעמוטשעט לאַנד... און איצט? איצט — אין דער „גאָלדע־נער" אמעריקע?!

ווײַזט אויס, אז עס איז דער שטאָט ניו־יאָרק ניט פרעמד דאָס געפיל פון ביטערן הומאָר, ווײַל מיט וואָס נאָך פאר א וואָרט, אויב ניט מיטן וואָרט „הומאָר", קאָן מען באַצייכענען דאָס, וואָס גראָד דאָ, אויף דער גאַס, וועל־כע מע רופט רינשטאַק, האָט די האַנט פון ביזנעס אוועקגעשטעלט אויס־געפּוצטע רייען פון דימענט־ און בריליאַנט־קראָמען, פון געשעפטן, אין וועלכע עס פאַרקויפט זיך אויסשטאַטונג פאר רײַכע רעסטאָראַנען און האָ־טעלן... עפשער איז דאָס דער אָנשוילעכסטער באַווײַז פון סאָציאַלע קאָנ־טראַסטן אין דער וועלט פון „געלן טײַוול"?

20 נאָיאַבער

דער הײַנטיקער אַרבעטסטאָג האָט זיך אָנגעהויבן פון א פּרעסע־קאָנ־פערענץ אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אז איך וועל ענט־פערן אויף פראַגעס וועגן דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

באָריס פּאָלעוואָי עפנט די פּרעסע־קאָנפערענץ. די אַרײַנפיר־דערקלע־רונג, וואָס איך מאַך אויף יידיש, זעץ איך אליין איבער אין רוסיש. ווײַטער, קעדיי פאַרלײַכטערן די פּראָצעדור, רייד איך בלויז רוסיש. די איבערזע־צונג אויף ענגליש מאַכט דער סאָוועטישער קולטור־אַטאַשע דמיטרי מוראַ־וויאָוו.

די פּרעסע־קאָנפערענץ ווערט טראַנסלירט דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע. בא דער גאַנצער אָנשטרענגונג באַווײַז איך, קוקנדיק אין זאַל, אַרומקלערן, ווי גרויס עס איז דער פּאַראַדאָקס פון אזעלכע פּרעסע־קאָנפערענצן. עס באַקומט זיך, אז דער הײַנט, אָנשטאָט אויספרעגן שטרענג דעם נעכטן, פאַרוואָס יענער וויל ניט אוועקגיין, דאַרף זיך גאָר פונקט ווי פאַרענטפער־ן נעכטן...

און עס קומען אויף שורעס פון א ליד:

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר ארויס פאר א מוסטער
דײַנע ראַבאָנים, דאַיאָנים, דאַרשאָנים, כאַזאָנים, באַדכאָנים,
שאַדכאָנים, דאַלפאָנים, באַטלאָנים...
לערן מיך שעצן די אָוועס,
זע, כ'זאָל ניט לעבן אין טאָעס,
זע, כ'זאָל א ייד זײַן
פונקט ווי אין איסט־סײַד, פונקט ווי אין איסט־סײַד:

מאָזעס איז שיין, און מוישע — אַלטפּרענקיש.
דראָשעס אין קלויז זאָגט איר אף ענגליש.
דײַנע ראַבאַים מאַכן ביזנעס,
דײַנע צאַדיקים — אין פאַלשקייט פאַרהריזנעט.

לערן מיך, לערן מיך סייכל.
פיר מיך אַרײַן אין דײַן הייכל,
ווײַז מיר, ווי ניט אין א שפּאַס
שפּילט אין דײַן טעמפּל דער דזשאַז.

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר אַרויס פאַר א מוסטער
דײַנע ראַבאָנים, דאַיאָנים, דאַרשאָנים, כאַזאָנים, באַדכאָנים,
שאַדכאָנים, דאַלפאָנים, באַטלאָנים...

און דער נעכטן איז בייז, און דער נעכטן איז טומלדיק, און דער נעכטן קריכט אף די גלײַכע ווענט. ווען איך דערמאָן עטלעכע אַלגעמיין באַוווּסטע פאַקטן פון אונדזער סאָוועטיש לעבן, קוויטשעט אַרויס אף מאַמע־לאָשן איינער א נעכטן־זשורנאַליסט:

— פאַרעדט ניט די ציין!

איך זעץ איבער פאַר מײַנע כאַווײרים דעם דעליקאַטן אויסדרוק אף רוסיש. ניקאָלײַ פּאָליאַנאָוו, דער אויסערן־פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון דער „איזוועסטיִא״, א מענטש מיט א פריילעכן כאַראַקטער, בייגט זיך אָן צו מיר און זאָגט, אָנווײַזנדיק אפן שרײַער: „גאָוואָריט פּראָ זובי, א או סאַמאָוואָ אָט סטראַכא פּערעד פּראַוודאָי זוב נא זוב ניע פּאָפּאַדאַיעט״... (ער רעדט וועגן ציין, און בא אים אַליין, פון שרעק פאַרן עמעס, טרעפט ניט א צאָן אף א צאָן...)

אונדזער אָנגריף אף די קאַלטע־מילכאָמע־לײַט ווערט נאָך שטאַרקער, ווען פּראָפעסאָר ניקאָלײַ מאָסטאָוועץ הייבט זיך אוף פון אָרט און זאָגט, צעפּירנדיק מיט די הענט:

— ס'איז פּאָשעט אומגלייבלעך, וויאַזוי אין אייניקע קרײַזן וויל מען זיך ניט צוהערן צום בעסטן איידעס — צו די פאַקטן וועגן דער ראַליע פון די סאָוועטישע ייִדן אין דער עקאָנאָמיק, אין דער אַרמיי, אפן געביט פון ליטעראַטור, קונסט, מעדיצין, וויסנשאַפט. טוט א טראַכט: צי וואָלט אַזא כאַשעווע ראָליע פון דעם ייִדישן פאָלק מעגלעך געווען אין א מעלוכע, ווו די אָפיציעלע פּאָליטיק איז אַנטיסעמיטיזם?

— צי וואָלט אין אַזא מעלוכע מעגלעך געווען, — זעצט פאָר מאָסטאָוועץ, — אַז ייִדן, וועלכע זײַנען אפן עלפטן אָרט לויט דער צאָל צווישן די סאָוועטישע פעלקער, זאָלן זײַן אפן דריטן אָרט צווישן די סטודענטן אין די הויכשולן, אפן דריטן אָרט צווישן די וויסנשאַפט־לײַט, זיי זאָלן געבן אַזא גרויסע צאָל גענעראַלן אין דער אַרמיי, א וויצע־פּרעמיער אין דער רעגירונג? צי וואָלט מעגלעך געווען, אַז ייִדן, וואָס ציילן עטוואָס מער פון איין פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, זאָלן אויסמאַכן פערצן

פּראָצענט צווישן די דאָקטוירים און שרײַבער, דרײַ און צוואַנציק פּראָצענט צווישן די מוזיקער אד״ג.

די ווערטער פון ניקאָלײַ מאָסטאָװעץ מאכן א רושעם, כאָטש קיין נײַס האָט ער ניט געזאָגט. אפילע דאָ אין אמעריקע רעדט וועגן דעם די פּראָגרעסיווע פּרעסע יעדן טאָג. פּאָשעט, מע פארשטעקט די אויערן, מע וויל ניט הערן.

איינע א קאָרעספּאָנדענטקע כאפּט זיך ארויס מיט א פראגע:

— אויב בא אײַך פארפאָלגט מען ניט די יידן, טאָ פארוואָס פּראָטעסטירט מען בא אונדז קעגן פארפאָלגונגען?

איך זאָג איר:

— דאָס פרעג איך טאקע בא אײַך...

ווען די פּרעסע־קאָנפערענץ ענדיקט זיך, גייט צו מיר צו אָט די פרוי. מע זעצט איבער אירע ווערטער:

— איך קלײַב זיך איבעראיאָר זײַן אין סאָוועטנפארבאנד, וועל איך א קוק טאָן... אויב איך אליין, מיט די אייגענע אויגן, וועל ניט זען קיין אונטערדריקטע יידן, דאן וועל איך אײַך גלייבן...

— סײַנג איז בעליווינג. אז מע זעט, גלייבט מען, — זאָג איך, און די פרוי לאכט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

נאָך דער פּרעסע־קאָנפערענץ פאָרן מיר — פּאָלעוואָי, ראָזשדעסטווענסקי און איך — אין „פעירלי דיקענסאָן אוניווערס״. דאָס איז א פּריוואטער אוניווערסיטעט, צען מײַל פון ניו־יאָרק, אין שכיינעסדיקן שטאט ניו־דזשערסי. עס לערנען זיך דאָ זעכצן טויזנט סטודענטן (דער סכארלימעד — צוויי מיט א האלבן טויזנט דאָלאר א יאָר!).

ווען מיר ענדיקן דעם שמועס מיט דעם צונויפגעזאמלטן אוילעם סטודענטן, רינגלט מען אונדז ארום און מע לאָזט מאמעש ניט אוועקגיין. דער אינטערעס צום סאָוועטנפארבאנד איז גוואלדיק גרויס.

עטלעכע פעדאגאָגן און דערציִער זײַנען לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד״. מיר פירן דורך גלײַך אפן אָרט א „שטייענדיקע לייענער־קאָנפערענץ״.

7.30 פארנאכט. א גראנדיעזער מאסן־מיטינג אין „קארנעגי האָל״, איינעם פון די גרעסטע זאלן אין ניו־יאָרק. העכער אָנדערהאלבן טויזנט מענטשן מערקן פײַערלעך אָפּ דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג, זינט עס זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן דיפּלאָמאטישע באציִונגען צווישן אמעריקע און דעם סאָוועטנפארבאנד. איינצײַטיק איז עס א באגעגעניש מיט אונדזער גרופּע.

אין זאל — ענטוזיאסטישע פרײַנטשאפט. באם ארײַנגאנג, אף דער גאס — א פײַנטלעכער פּיקעט פון בוירטשיסטן. צוויי אמעריקעס, צווישן וועלכע עס שטייען נאָך פאָר ביטערע שלאכטן.

די עטלעכע בווירטשיסטן (אמעריקאנער נאציסטן) האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „קאָמוניזם איז יידיש" און „85 פּראָצענט פאַרורטיילטע קאָמוניסטישע שפּיאָנען אין אמעריקע זיינען יידן". עס איז דאָ אויך געווען א שיטער גרופּקעלע אונגארישע „קאָנטרעס". אין איינעם א מאָמענט האָט געהאַלטן בא א געשלעג: די געקומענע אף דער פייערונג האָבן געוואָלט ארייַנלייגן אין קאָלנער די נאַציסטן. אָבער די פּאָליציי... אָ, די אמעריקאנער פּאָליציי ווייסט, ווען אָפּצוהיטן די אָרדענונג.

דער אָוונט איז דורך אין א געהויבענער שטימונג. אונדזער גאַנצע גרופּע, צוזאַמען מיטן סאָוועטישן אמבאַסאַדאָר אַנאַטאָלי דאָברינין און מיט די אָנפירער פונעם נאַציאָנאַלן ראַט פון סאָוועטיש־אמעריקאנער פרייַנטשאַפט מאַרגאַרעט ראַסעל, דר. זשעראָם דייוויס, דר. ק. לאַמאָנט און אַנדערע, איז געווען אף דער בינע. א נעגרישער זינגער האָט אויס־דריקלעך און פראַסט געזונגען די מעלוכע־הימנען פון ביידע לענדער. ווען די פאָרשטייער פונעם האַרעפּאַשנעם, פרייַנטלעכן ניו־יאָרק האָבן זיך א שטעל אוף געטאָן פארן הימן פונעם סאָוועטנלאַנד, האָט א ביסעלע פּייַכטקייַט געמאַכט גלאַנציקער די עטלעכע טויזנט אויגן אין דעם עטוואָס צוגעטונקלטן זאַל.

21 נאָיאַבער

ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. מיר פליִען קיין טשיקאַגאָ. געוויינלעך פאַרנאָטיר איך אין מעשעך פונעם טאָג עטלעכע מאָל מייַנע אייַנדרוקן. הייַנט אָבער האָב איך ניט געהאַט קיין צייַט כאָטש איין־איינציק מאָל זיך נעמען פארן טאָגבוך. איך וועל איצט, ווי ווייַט מעגלעך קורץ, פאַר־צייכענען דאָס וויכטיקסטע.

דערשיטערנדיק איז געווען דער אייַנדרוק פון וויליאַמסבורג — אָט דעם אוניקאַלן ווינקעלע, וואָס כאָטש מע טאָר עס, נאַטירלעך, ניט אי־דענטיפיצירן מיט דער יידישער אמעריקע, איז עס דאָך, אין א גרויסער מאָס, א מין סימבאָל פון די קאָנסערוואַטיווע שטרעמונגען אינעם אמערי־קאַנער יידישן לעבן.

דאָ איז קאָנסערווירט א פאַרגאַנגענע עפּאָכע. צוליב וואָס דאַרף עס דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, פרעגט זיך? איך ווייס ניט, עס קאָן זייַן, אז דאָס איז איינע פון יענע טראַנשייען, ווו קאַפּיטאַליזם און מיטלאַל־טער ליגן אַקסל־צו־אַקסל, באַשיצנדיק זיך פון א טויט־געפאַר פאַר זיי ביידן, וואָס קומט פון א דריטן, א קעגנזעצלעכן צו זיי קויעך.

ווי עס זאָל ניט זייַן, נאָר ווען איך בין דורכגעפאָרן די וויליאַמסבורגער בריק, האָב איך זיך דערפילט אזוי, פּונקט ווי די פאַנטאַסטישע „מאַשין פון דער צייַט" וואָלט מיך איבערגעטראָגן אין א ניט רעאַלער טקופע. מיטאַמאָל ווערן צערונען די וואָלקנקראַצערס, מע הערט ניט דעם ראַש און גערודער פון די בראָדווייען, מע זעט ניט קיין מענטשן אין הייַנט־צייַטיקע אָנצוגן, קיין פאַרליבטע פּאָרלעך, פאַרטראָגענע און גליקלעכע.

מע הערט ניט שפּילן מוזיק, זינגען לידער. איבער דעם פאַרשטילטן געסל, צווישן הײַזער — קרעמלעך, הײַזער — באַטעמעדראַשים, גלאַט אַלטע, אויסגעקרימטע הײַזער דרייען זיך אַרום קאַפּאָטעס און שטרײַמלעך, בערד־און־פּייעס־מענטשן, ניט קיין יונגע, ניט קיין אַלטע, ניט קיין פרייי־לעכע, ניט קיין טרויעריקע, אָף אַלעמען — דער שווערער אָל און די נאַיוולעכע וואַזשנעקײַט פונעם נאָך־באַרמיצווע־עלטער.

גייט זיך אַזאַ מענטש, אַרויסשטעלנדיק קונציק אָף דער הייך פון די קני דעם צונויפגעלייגטן אין אַ שטעקעלע שירעם, און קוקט אָף מיר, דעם פרעמדן, מיט נײַגער. זאָג איך אים: „שאָלעם־אַלייכעם״... ענטפערט ער: „אַלייכעם־שאָלעם, רעב ייִד. איר קלײַבט זיך מיך אָפּאַרטרעטלען?״ כ׳בין זיך מוידע: „איר געפעלט מיר״... ענטפערט ער איידל: „אָבער דאָס וועט ניט געפעלן מײַן רעבן״... — און גייט אוועק.

איך שטעל אָפּ אַ צווייטן — אויך אין אַ קאַפּאָטע און אין ווײַסע זאָקן, אויך מיט באָרד־און־פּייעס, אויך מיט אַ צונויפגעלייגטן שירעם.

— וויפל יאָר זײַט איר אַלט?

— דאָס זיבעצעטע.

— אַ יעשיוועבאָכער?

— וואָדען?

— ווו איז אײַער יעשיווע?

— אָט יענע. ניט די, לעם וועלכער מיר שטייען, און ניט יענע, וואָס אַנטקעגן, און ניט די ווײַטערע, וואָס איבער צוויי הײַזער, נאָר אָט די, איר זעט? צווישן רעב יאָנטלס יאַטקע און דער ווײַבערשער שול...

— איר קומט אַמאָל אויך אין מאַנהעטן?

— וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן? מײַן רעבע איז דאָ...

גיי איך צו צו אַ דריטן. ער זינגט שטיל און לוסטיק אַ בימבאָם־ניגנדל.

— איר האָט אַ ווײַב?

— פאַרוואָס ניט?

כאָטש ער טראָגט אויך אַ קאַפּאָטע און ווײַסע זאָקן און ער איז אויך מיט באָרד־און־פּייעס און שטעלט אויך קונציק אַרויס אָף דער הייך פון די קני דעם צונויפגעלייגטן שירעם, — דאָך דערשפּיר איך לויטן פײַערל אין זײַנע אויגן: ס׳איז אַ באָכער אַ גאַנעפעץ, וועלכער איז צופרידן מיטן שפּיצל, וואָס ער טוט אָף דער וועלט.

— איז האָט איר, הייסט עס, ליב דעם איניען?

— וועלכן איניען, זײַט אַזוי גוט?

— דעם, וועגן וועלכן איך האָב אײַך אָקאָרשט געפרעגט...

ער טוט אַ פיר מיטן גראָבן פינגער איבער די וואָנצעס, ווי ער וואָלט זיי צוגעגלעט, און זאָגט „קכע־קכע״.

איך זע שוין, סאַראַ מין פויגל דאָס איז, נאָר איך מאַך זיך ניט וויסנ־דיק.

— נו, און מיקויעך פּאַרנאָסע?

— מע זיצט אָף קעסט. די פלויניעסטע האָרעוועט, דער שווער האָדע־וועט. אַ טיפּעש אַ ייִד, אַ קאָשערער קאָלבאַסניק...

צוויי ייִנגעלעך, אַ יאָר אַכט־נײַן אַלט, שפּילן זיך מיט אַ פּילקע,

וואַרפנדיק זי פון איין טראָטואַר צום אַנדערן דורך דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. די פּייעס בײַ זיי דערגרייכן ביזן האַלדז, דרייען זיך אַרוף און זעען אויס ווי אונטערגעבונדענע צעפּלעך בײַ מיידעלעך. ביידע לעקן זיי מיט אַפּעטיט צוקערקעס, אַרופֿגעשטעקטע אויף לאַנגע שטעקע־לעך...

כאַפּט אַרײַן אײַער קינדהײַט, ייִנגעלעך, זאָלן אײַך וויל באַקומען סײַ די שפּיל, סײַ דאָס נאַשן.

די גאַס איז שמאָל. אויף די שילדן, אויף די טירן, אויף די פענצטער — אומעטום, וווּ ס'איז נאָר מעגלעך, האָט מען אָנגעשריבן דאָס וואָרט „כשר". זאָרגט אײַך ניט, די טרייפע ציוויליזאַציע איז ניט אַריבערגע־טראָטן די שוועל. דאָס לעבן איז דאָ קאָשער.

אין די קראָמען — כאַנעקע־לעמפּלעך, דריידלעך, מעזוזעס, טפילין, מענוירעס. וועגן דער סכוירע, וואָס מע פאַרקויפט, איז אויף די שילדן אָנגעשריבן אַזוי: „כאַסענע־ און באַרמיצווע־אינוויטעישנס", „ד'סאַטמאַר. פליייש־ און טשיקען־מאַרקעט", „סויבל־שטרײַמלעך צו באַקומען"...

אויף אייניקע ווענט זײַנען צעהאַנגען ניט קיין גרויסע פלוגבלעטלעך, שפּראַכלעך — אַ ייִדיש־לאָשנקוידעש־געמיש. איך נעם אויף אָנדענק אַ פּאָר אַזעלכע מוידאָעס. אָט איז איינע. „איבערגעזעצט" אויף אַ דורכויסיקן ייִדיש, מאַכט עס אָט וואָס: „אַ גוטע בסורע. אַן אויצער פון אויסגעקלי־בענע עסרויגים. איך האָב דאָס יאָר אויך די באַרימטע יאַנאָווער עסרוי־גים, באַשטימט — ניט קיין צוגעפּוצטע, און גריכישע. ס'איז ניטאָ זייער גלײַכן אין דער גאַנצער וועלט. מיליאָנען פון אַ סאַך דוירעס האָבן געבענטשט בלויז אויף די עסרויגים. צו באַקומען בײַ דעם ראָוו אַווראָם־יויסעף ציק".

אין וויליאַמסבורג קאָכט איצט. די היגע „אופּהאַלטער פון דער עמונע", די פרומאַקעס, וואָס זייערע קאַוואָנעס, ווי זיי זאָגן, זײַנען בלויז לעשעם שאָמאַיִם, זײַנען ניט צופרידן מיט דער אַפּיקאָרסישער און גאָטלעסטערי־שער מעדינע ייִסראָעל, ווו מע ברענגט אום דאָס גלויבן אין גאָט, ווײַל וועלטלעך לעבן איז דאָרט אויך דערלויבט. דער „רעבע, זאָל לעבן", אליין דער סאַטמאַרער, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אַ ווונק געטאָן, און אַ גרופּע עקסטרעמיסטן־פאַנאַטיקער האָבן אָנגעשמירט סוואַסטיקעס אויף דער געבײַדע פונעם ייִסראָעל־קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק. איצט זײַנען אין וויי־ליאַמסבורג צעקלעפּט מוידאָעס, אַז די שטרײַמלעך ווערן גערופן אויף אַ דעמאָנסטראַציע קעגן ייִסראָעל...

מײַן אײַנדרוק וועגן וויליאַמסבורג?

אויף יענער זײַט ברוקלינער בריק — אַ וווּנדער! —
הייבט אָן זיך דער אַכצנטער יאָרהונדערט.

לעם בריק האָט מאַנהעטען זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי
אַן אווטאָמאָביל מיט באַלויכטענע פאַרעס.
אויף יענער זײַט בריק שטייען געסעלעך טונקלע
פון וויליאַמסבורג — אין אַ געהייליקטער אַכדעס.

אדוני מעלעך, סאטמארער רעבע,
דער נײַער וועלט זײַ מוחל, זײַ מוחל,
פארגיב איר די זינד און שענק איר דאָס לעבן,
און זאָל זי דאָרט שטיין,
מיט בליצן באַלויכטן.

עס לויפן צונויף זיך די ווײַסע זאַקן,
עס קלײַבן זיך אויף די קאפּאָטעס אינײינעם.
זיי קוקן זיך צו צו מײַן הוילעך דערשראָקן,
און איך אף זיי קוק מיט כידעש מיט ריינעם.

בא מיר אין דער היים וועט מען טײַנען: ס'א ליגן,
אזוינס קאָן מען זען אין מוזיי בלויז ליגן...

ווי זאָגט שאָלעם־אַלייכעם: „ווען איך זאָל ניט וויסן, אז מיר זײַנען אין אמעריקע, וואָלט איך זיכער געמיינט, אז איך בין אין בראָד"... אָבער ניט אין הײַנטיקן בראָד, ווײַל איך צוגעבן, אין בראָד מיט הונדערט יאָר צוריק...

ערגעץ דאָרט, ווײַט אפן האָריזאָנט, זעען זיך שוין קוים־קוים די פײַערן פון טשיקאַגאָ. אמוויינקסטנס וועגן נאָך דרײַ געשעענישן פונעם פארגאנ־גענעם טאָג איז געבליבן איבערלאָזן כאָטש א סימען אינעם טאָגבוך. איך וועל דאָס טאָן, נאָר מיטן טנײַ, אז דו, פויגל איינער, וואָס דו טראָגסט מיך, זאָלסט אזוי שטארק ניט אײַלן.

צוזאמען מיט א גרופּע ניו־יאָרקער כאווײרים זײַנען מיר — לעוו בעזימענסקי און איך — געפאָרן גאנצפרי אפן בעסוילעם „קארמעל־סעמע־טערי" צו לייגן קרענץ אף די קוואָרים פון שאָלעם־אַלייכעם, מאָריס ווינטשעווסקי, אווראָם רייזען, ארן ליבערמאַן, יויסעף אָפּאַטאָשו, מאַני לייב. אין האָטעל איז צוגעקומען צו מיר אין גרויס אײַלעניש דער פּראָ־פעסאָר טשעגאָדײַעוו מיט א בוקעט פרישע בלומען אין האַנט:

— איר זײַט נאָך דאָ?.. זייער גוט... נאטאליע מיכײַלאָוונע (טשעגאָ־דײַעווס פרוי, דאָקטאָר פון פּלאַסטישער קונסט) האָט מיך געשיקט קריגן בלומען...

— וועגן וואָס גייט דאָ, אנדריי וואַסיליעוויטש? — האָב איך געפרעגט פארכידעשט.

— וואָס הייסט וועגן וואָס? איר פאָרט דאָך אף שאָלעם־אַלייכעמס קייווער!

— פירן מיר א קראנץ...

— א קראנץ איז א קראנץ, און בלומען פון מיר און פון נאטאליע מיכײַלאָוונען איז עפּעס אנדערש. איך בעט אײַך זייער, זאָגט ניט אָפּ...

איך האָב ניט אָפּגעזאָגט. טשעגאָדײַעוו איז א באַיאָרטער רוסישער מענטש. ער איז אפן געביט פון קונסט־קענטעניש איינער פון די גרעסטע

ספעציאַליסטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. איך האָב ניט אָפּגעזאָגט, פאַרשטייט זיך, אָט דעם פאַרערער פון שאָלעם־אַליכעמס געני.

ווען מיר זײַנען געפאָרן צוריק פונעם בעסוילעם, האָט איטשע גאָלד־בערג, זײַענדיק, ווי שטענדיק, א ביסל פאַרטיפט אין זיך, ארויסגערעדט, קוקנדיק פון דער ווײַט, פון א הויך בערגל, אף דער געדיכטער מאסע מאַצייוועס:

— ייִדן שטופּן זיך...

— פאַרוואָס איז אף דער מערהײַט שטיינער ניטאָ דאָס בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם? — האָב איך געפרעגט.

— בא אײַך איז עס אויך הײַנט א טראַדיציע, בא אונדז — ניט...

— פונדעסטוועגן, ווי טראַכט איר, וואָס וואָלט געווען אין פאַרקערטן פאַל: בא אײַך איז עס אײַנגעפירט און בא אונדז ניט?

— דער „פאָרווערטס" און דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", די ראַבאָנים און דער „אַרבעטער־קאָמיטעט" וואָלטן געשריגן ביז הייזעריק צו ווערן: „וואַנדאַלישער קרעמלין־פאַרבאָט! מע דערלויבט ניט צופעסטיקן אף ייִדי־שע מאַצייוועס דאָס בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם!.."

נאָכן באַזוכן דעם בעסוילעם האָב איך אָנגעשריבן א ליד:

צוגאַסט בא שאָלעם־אַליכעמען

פאַני שאָלעם־אַלייכעם, א ברייטן שאָלעם־אַלייכעם אײַך אין ניו־יאָרק
(אייגנטלעך, ניט אין ניו־יאָרק, נאָר הינטער ניו־יאָרק,
אפּן בעסוילעם „קאַרמל").
איך וויל בא אײַך בעטן, פאַני שאָלעם־אַלייכעם, אף באָרג
א ביסל ביטאָכן —
אמעריקאַניזירטן, קאַרגן.

דערום זײַט איר דאָך בא ייִדן א הומאָריסט,
אז באָרגן א שמייכל מע זאָל בא אײַך קענען
אפילע אף א בעסוילעם.
דאָס ביסל ביטאָכן צעגעבן איך וועל אומזיסט
דעם היגן אוילעם.

כ'וועל זאָגן:
אמעריקע, מיט שאָלעם־אַלייכעמען ביסט שוין פון לאַנג
פאַרקנאַסט,

איז נעם
נאָך זײַן טויט
דאָס דראָשעגעשאַנק — דעם ביטאָכן,
און האָדי!

פאַני שאָלעם־אַלייכעם, דאָס איז געווען אײַער מילדער שפּאַס —
קומען שטאַרבן אין קאַנטן אָט די.

איך ווייס, וויאזוי ס'האָט פּאַרטראָגן אײַך אַזש אַהער:
אין דעם אַלטן פאַרשליימיקטן וואַלד
מ'האָט געהאַקט דאָן דעם בוים,
און אויך איר אונטער האַק —
ווי אַ שפּענדל.
איר ליגט אויף דעם „קאַרמל" —
פון אײַערע ייִדן וואָלינער ניט אָפּגעצוימט,
אַ סוואָרע, זײַן אייביקע רו
האָט אַפילו געפונען דאָ
מענאַכעם־מענדל...

די שיפסקאַרטע אײַערע,
זי איז געווען אַ מוידאָע, אַז ס'דויערט דער בלוטיקער שפּאַס.
אַזוי צי אַזוי, נאָר געווען איז זי אויך
אַן אַרײַנגאַנגס־שײַן
סײַ אויף בראָנקס, סײַ אויף „קאַרמל", כ'מעג שווערן.
פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, איר אַליין האָט דאָס וואָרט דאָך פאַרפּאַסט:
לאַכן דורך טרערן.

געווען בין איך הײַנט אין „אײַערע" היימען — אין בראָנקס,
אויף קעלי־סטריט,
אין האַרלעם, אויף לענאָקס[1] — אויך דאָרט כ'בין געווען אַ רעגע.
איבער בראָנקס האָט געפירט מיך אויף אײַערע טריט אַ ייִד,
איבער האַרלעם — אַ נעגער.

פון דאָרט כ'בין געפאָרן קיין וויליאַמסבורג, אַזוי ווי איר — אויף אַ
„פּאָרד"־קאַדילאַק.
דאָס „פּאָרדל" — ווי אַ פערדל, לעהאַוודל...
(אויב ס'איז עמעס, וויליאַמסבורג, אַז דו ביסט די קאַסרילעווקע באַם
פּאָטאָמאַק,
האָב איך דיך ליב — אײַ לאַוו יו...
נאָר זײַ זיך מאַטריעך,
און גיי שוין וואָס גיכער פאַרבײַ,
און ס'וועט אויך ניט שאַטן, אויב וועסט אונדז אַן אייגענעם
שאָלעם־אַלייכעם געבן).

פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, ווי מיינט איר —
די טעמע קאַסרילעווקע, זי איז נאָך נײַ?
פּאַני שאָלעם־אַלייכעם,
ניו־יאָרק דאַרף אַ שאָלעם־אַלייכעם אַזוי ווי דאָס לעבן.

---

[1] **שאָלעם־אַלייכעם האָט אין ניו־יאָרק געוווינט צוערשט אויף 110 לענאָקס אַוועניו, האַרלעם, שפּעטער אויף 968 קעלי־סטריט, בראָנקס.**

און איך —
מיטאמאָל כ׳האָב צעטרוימט זיך
אף דעם „קארמל״־בעטוילעם,
איינער:

צוריקוועגס אהיים וואָלט איך מיטגענומען
אף דער שטילער פּאַלטאווטשינע
אייערע ביינער.

און דאן כ׳וואָלט ניט מוזן
שפּאַלטן דעם יאם,
קעדיי זען זיך מיט אייך,
טאטע,

און איר
וואָלט צוריק
געוואָרן די ערד,
וואָס געקומען פון דאָרט זיינט איר טאקע.

אין „איקוף״ — א ספּעציעלע זיצונג פונעם פּרעזידיום.

געווען אמאָל ניט ווייניק מיספאַרשטייענישן ארום א „ליידיקן שטול״ אף דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון „איקוף״. אין יענעם וויטן פארמילכאָמע־יאָר, ווען פאר דער געפאַר פון דעם אָנגעזאמלטן אין די קעלערס פון אייראָפּע דינאמיט האָבן זיך פאַרהאַקט גרענעצן, און דער מעהאַלעך צווישן לענדער און מענטשן איז געוואָרן לענגער, — אין יענעם וויטן, ביז גאָר אָנגעשטרענגטן יאָר האָבן אייניקע מאָמענטן געשטערט, אז פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער יידישער שרייבער־מישפּאָכע זאָלן קומען קיין פּאריז, קעדיי אָנטיילצונעמען אין דער ארבעט פונעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון „איקוף״. פונדאַנען איז אוועק אף גאַנצע יאָרצענדליקער א רייד וועגן א „ליידיקן שטול״ באם טיש פונעם קאָנגרעס.

איצט זיץ איך זיך גאַנץ באַקוועם אף א שטול באם טיש פונעם „איקוף״ און באַוויז נאָך א זאָג טאָן אין גוטן מוט צו נאָכמען מייזילן, וועלכער זיצט לעבן מיר, א וווּנדערלעך שלאַנקער פאר זיין עלטער, א באַהויכטער מיט שיינער גרויקייט, — אז זיין שטול, דוכט זיך, גיט פון מאָל צו מאָל זיך א נייג אָן אף רעכטס, עפּשער דערפאַר, ווייל א פּיסל באם שטול איז קירצער פון די איבעריקע, אָדער, ס׳קאָן זיין, איבער אָן אנדער סיבע. מייזיל ענטפערט, אז קעדיי דער שטול זאָל זיך ניט וויגן, איז נייטיק — ניט קירצער מאַכן די דריי איבעריקע פּיסלעך, נאָר צוגעבן דאָס, וואָס עס פעלט, צו יענעם, צום קירצערן. אזוי ריידן מיר זיך דורך, ביזוואַנען נאָך די אָפּיציעלע ארויסטרעטונגען דערמאָנט עמעץ פון די ביידזעבדיקע, אז ס׳איז פאַראַן קיבעד און מע קאָן איבערגיין צום געדעקטן טיש.

...און ענדלעך — דער פינאַל פונעם טאָג. אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס קומט

פאַר אַן אופנאַם, געווידמעט אונדזער גרופּע. איך פאַרהאַלט זיך דאָ בלויז א פּערטל שאָ, ווײַל אין שעראַטאָן־אַטלאַנטיק־האָטעל קלײַבן זיך שוין צונויף ייִדישע שרײַבער, קינסטלער, שוישפּילער, פאָרשטייער פון געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

דער גרויסער זאַל פונעם האָטעל איז פול געפּאַקט. דער פאָרזיצער מעלדעט, אַז דאָ געפינען זיך העכער פינף הונדערט קולטור־טוער.

נאָך מײַן ארויסטרעטונג איז דער טיש פאַרוואָרפן מיט צעטעלעך. אין מעשעך פון העכער א שאָ צײַט ענטפער איך אף זיי.

גלײַך פונדאַנען דאַרף איך פאָרן צום פלי־פעלד. מיט גרויס מאַטער־ניש שטופּ איך זיך דורך צווישן דעם ענטוזיאַסטישן אוילעם.

...איינס אַזייגער באַנאַכט. אונדזער „באָינג" מאַכט שוין קרײַזן איבער טשיקאַגאָ. איך נעם צונויף די ערשט פאַרשריבענע בלעטעלעך פונעם טאָגבוך און לייג זיי אַרײַן אין הײַנטיקן נומער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", אין וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט א רעדאַקציאָנעל אַרטיקל „די „איזאָלירער" זײַנען איזאָלירט". „די, וואָס האָבן געוואָלט אָרן וועראַגע־ליסן „איזאָלירן", — זאָגט זיך אין אַרטיקל, — זײַנען אַליין געוואָרן איזאָלירט. זיי שטעלן זיך ארויס פאַר א שפּאַלטעריש הײַפעלע אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע... זייער שטימע איז ניט די שטימע פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום!.."

22 נאָיאַבער

אַבי מע רעדט בלויז וועגן ניו־יאָרק ווי וועגן „א שטאָט, וואָס שלאָפט פון דרײַ באַנאַכט ביז פינף גאַנצפרי". נו, און טשיקאַגאָ — מיט וואָס איז זי בעסער?

געקומען שפּעט באַנאַכט אפן אָ'הייר פלי־פעלד, האָבן מיר אַלע, אָן סאַפּעק, געטראַכט וועגן איינס און דאָס זעלבע: וועגן אָפּרוען זיך נאָך די ניו־יאָרקער פינף קײַלעכדיקע מעסלעסן. די פרײַנט, וואָס האָבן אונדז אין אַעראָפּאָרט באַגעגנט, — מענדל טערמאַן, הערמאַן בוש און דזשעק קלינג (די אָנפירער פונעם טשיקאַגער ראַט פון אַמעריקאַניש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט) האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג (אין דעם פאַל געמיינט ווייכע געלעגערס) פאַר פופצן פון די זעכצן געסט. פאַרוואָס עפּעס פאַר פופצן? נו, און דער זעכצנטער, — איך, הייסט עס, דער זעכצנטער וויל דען ניט שלאָפן?

אָבער מענדל טערמאַן, דער שטאַרק פּאָפּולערער אין טשיקאַגאָ פּרעז־זידענט פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג, א רײַכער געשעפטמאַן (מיט אים און אויך מיט בושן און מיט קלינגן האָב איך זיך באַקאַנט מיט א פאָר יאָר צוריק אין מאָסקווע), טערמאַן האָט געהיימניספול געשוויגן דעם גאַנצן וועג, און ערשט באַם אַרײַנקומען אין דער „לאָבי" פון האָטעל האָט ער פּריילעך א זאָג געטאָן אף זײַן טשיקאַוון אַמעריקאַניש־ייִדישן „דיאַלעקט":

— שלאָפן נאָו. לוק פאָרוואַרד — קוק, ברודערקע...

איך האָב דערזען פאַר זיך עטלעכע מענטשן אין ציווילע אָנצוגן און אין מיליטערישע „פּילאָטקעס". זיי האָבן פֿײַערלעך געמאָלדן, אָפּהיטנדיק סאָלדאַטישן עטיקעט, אַז זיי שטעלן פאָר די צוויייטוויזנטקעפּיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישע מילכאָמע־וועטעראַנען פון טשיקאַגאָ „דעניעל טוניק פּאָסט". מיט זיי זײַנען אויך געקומען צוויי קאָרעספּאָנדענטן פונעם אָרטיקן ענגלישן זשורנאַל פאַר יידן „סענטינעל", און זיי פאַרלאַנגען צו „האָבן א קאָנפערענץ" מיטן רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אויך א וועטעראַן פון דער אַנטיפאַשיסטישער מילכאָמע. זײַענדיק צו אים פרײַנטלעך געשטימט, זאָגן זיי צו פאַרהאַלטן אים ניט מער ווי ביז אינדערפרי.

נו, איצט איז שוין, באַרעכהאַשעם, אינדערפרי. דער קאָמאַנדיר פון די וועטעראַנען פיליפ וויזשאָן, דער עלטערער וויצע־קאָמאַנדיר דזשאָרדזש פּרענקעל און דער פּאָרזיצער פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע דזשאָזעף עלביין האָבן מיר געגעבן די לעצטע עטלעכע פּעטש איבער די אַקסלען, וואָס דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז ס'איז אָ'קעי, און באַדויערנדיק, וואָס מיר פּערזענלעך האָבן זיך ניט באַגעגנט אַף דער עלבע, האָבן זיי מיר געשענקט א נומער „סענטינעל" פאַרן 14 נאָיאַבער מיט אן אַרטיקל פונעם אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל דזשעק פישביין וועגן מײַן באַזוך אין אַמעריקע (דאָס אַרטיקל הייסט « What are we afraid of ? » — „פאַרוואָס האָבן מיר מוירעז?") און אָפּגעלאָזט מיך א קאַפּעלע זיך אָפּרוען. איצט זיץ איך שוין בא זיך אין צימער און פאַרנאָטיר דעם דאָזיקן עפּיזאָד.

איבער דער פּוסטער גאַס טראָגט זיך דורך א וואָיענדיקע מאַשין — דאָס גייט צו וויסן וועגן זיך די פּאָליציי. צי זי דאַרף יאָ, צי זי דאַרף ניט — אַלציינס וואָיעט זי, קעדיי די שטאָט, וווּ עס ליגט באַגראָבן דער טויטער „קיניג" פון די גאַנגסטערס אַל־קאַפּאָנע און וווּ עס זײַנען נאָך ניט באַגראָבן הונדערטער לעבעדיקע, שטאַרק געפערלעכע גאַנגסטערס, — אָט די שטאָט זאָל ניט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַף דער וועלט פּאָליציי.

וועגן די גאַנגסטערס קומט אויס אויך מיר צו געדענקען, פאַרשטייט זיך, אַף מײַן אייגענעם אופן:

עס איז, כלעבן, שטאַרק טשיקאַווע,
ווי־אַזוי עס איז געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען.

ווען צוריק איך בין געקומען
אין דעם האַמילטאָן־האָטעל
און דעם שליסל אָפּגענומען
פון מײַן „נומער" — פון מײַן צעל,

און געוואָלט אַרײַן אין צימער,
דאָרט, וווּ איך אַליין שטיי אײַן,
האָט מיך, וויינקסטנס, געקימערט,
וואָס אין צימער ברענט די שײַן

און צוויי מאנספאַרשוינען פרעמדע
טרייסלען מײַנע זאַכן אויס —
ניט די הויזן, ניט די העמדלעך,
די פּאַפּירן מײַנע בלויז.

האָב איך ניט געפרעגט קיין פראַגן,
ווײַל ס'איז גאָרנישט ניט געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען...

הינטערן פענצטער מאַראַקעט אַ רעגן. ס'איז אַ ביסל „צוגעדרייט די שײַן” פונעם פאַרטאָג. עס טראַכט זיך. עס ווילט זיך זאָגן עפּעס אָפן אויער דער שלאָפנדיקער וועלט־שטאָט, דער צווייטער לויט דער גרייס אין אַמעריקע, דער שטאָט, וווּ ס'איז מיט פיר און פערציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ מיט זיבן און זיבעציק יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, נאָך וועלכער דער וועלט איז אײַנגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק — אָנפילן דעם ערשטן טאָג פונעם כוידעש מײַ מיט אַ נײַעם זין: צו דער פרילינג־פאַרב פון אָט דעם טאָג צוגעבן די רויטע קאַמפס־פאַרב.

אין מײַן זיקאָרן האָט טשיקאַגאָ אַן אייגן ערטעלע, און איצט קאָן איך נישט ניט טראַכטן וועגן דעם. אין דער ראָמאַנטישער פריִער יוגנט, געדענק איך, איז מיר אַמאָל אַרײַנגעפאַלן אין די הענט אַ ביכל, אין וועלכן כ'האָב דורכגעלייענט די שרעקלעכע און אויסטערלישע געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט אין טשיקאַגאָ אויפגעהאַנגען פיר אָנפירער פון די אַרבעטער נאָך דעם, ווי בײַם דעם ביטערן קאַמף פאַר אַן אַכטשאָ‏ִיקן אַרבעטס־טאָג האָבן פּראָוואָקאַטאָרן אָף דער מײַ־מאַניפעס־טאַציע אין 1886 געוואָרפן אין דער פּאָליציי אַ באָמבע. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַוטאָר פונעם ביכל איז דער פּאָלקס־העלד פון דעם אינדזל קובע כאָסע מאַרטי. דעמלט אָבער האָט עס פאַר מיר ניט געשפּילט קיין ראָליע. די באַשרײַבונג, וויאַזוי מע האָט געטייט די פירער פונעם טשיקאַגער אַרבעטער־פאָלק, האָב איך אויסגעלערנט אָף אויסווייניק און געלייענט פאַר כאַווײרים, ווי מע לייענט אַ זײַטל פון פרידריך שילערן צי פון עטעל וואָיניטש. אויך איצט געדענק איך מײַן מאָנאָלאָג וואָרט בא וואָרט: „מע בינדט זיי צונויף די פיס מיט רימענס, איינעם נאָך דעם אַנדערן. און פּונקט אַזוי, איינעם נאָך דעם צווייטן — פריִער ספּייסן, דערנאָך פישערן, ענגעלן און פּאַרסאָנסן, — טוט מען אָן אָפן קאָפּ קאַפּיושאָנען, וואָס פאַרשטעלן דאָס פּאָנעם. אַזוי לעשט מען געוויינלעך מיט קאָלפּעקלעך דאָס פײַער פון ליכט... מיטאַמאָל טוט אַ שורכע. עס פאַלט די ברעט, און פיר קערפּערס, אָפּציטערנדיק אָף די צונויפגעע־דרייטע שטריק און צונויפשטויסנדיק זיך איינער מיט דעם אַנדערן, בלײַבן הענגען אין דער לופטן”...

איך צעעפן דאָס פענצטער, אָטעם אַרײַן אין זיך די פײַכטקײַט פונעם רעגן. אַנטקעגן, אין אַ הויז פון גלאָז און בעטאָן, אַרבעטן אין קאָלאָסאַל־

גרויסע פוסטע קאָנטאָר־צימערן אופראמערנס. איבער דער גאס פאָרט ווידער דורך מיט א ווילד וואָיען, ווי אן אָפּגעבריטע, א פּאָליציי־מאשין. טשיקאגאָ ווײַזט ניט ארויס צו איר קיין אינטערעס. טשיקאגאָ איז, זעט אויס, געוווינט צו אזעלכע זאכן. די פארהאָרעוועטע פראָלעטארישע שטאָט טשיקאגאָ שלאָפט...

12 אזייגער 40 מינוט. זינט איך האָב פארשריבן די לעצטע נאָטיץ אין טאָגבוך, זײַנען דורכגעגאנגען א שאָ זיבן. איך פארצייכן פּינקטלעך די צײַט — ס'איז וויכטיק! עפּעס איז געשען, ווײַזט אויס, ניט געוויינלעכס. די ראַדיאָ גיט איבער, אז אין טעכאס, אין דער שטאָט דאלאס, האָט מען מיט צען מינוט צוריק געשאָסן אינעם פרעזידענט קענעדי. וויאזוי עס זײַנען פארלאָפן די געשעענישן און וואָס איך האָב געטאָן אין אָט דעם טאָג — דאָס וועל איך פארשרײַבן שפּעטער. איצט געפין איך זיך אינמיטן „יידישן טשי־קאגאָ" — דעם קווארטאל, וואָס רופט זיך אָלבאני־פּארק, — איך זיץ אין אן אוטאָ, וועלכער האָט זיך ווי צוגעשפּארט צו א ביכער־קראָם אף לאָרענס עוועניו, און הער די ראַדיאָ. איבער דעם דעכל פון אוטאָ גיסט א רעגן. דזשעק קלינג זעצט איבער די לאקאָנישע מיטיילונגען. דזשאָן פיטצדזשעראלד קענעדי לעבט נאָך. זײַן פרוי זשאקלין, וואָס איז מיט אים געזעסן אין אוטאָמאָביל, איז געבליבן גאנץ. דער גוּבערנאטאָר פון טעכאס קאָנעלי איז שטערבלעך פארוווּנדעט. דאָס איז פארלאָפן בעשאס דעם פרעזידענטס א באזוך אין דאלאס. דער מערדער האָט געשאָסן פונעם זעקסטן שטאָק פון א ביכער־סקלאד. דאָרט האָט די פּאָליציי געפונען א ביקס פון דער איטאליענישער סיסטעם „קארקאנאָ — 1891 — 1940", דרײַ אויסגעשאָסענע הילזעס און ליידיקע קאָקאָ־קאָלאָ־פלעשער.

אמעריקע, האָסט עס געטאָן? אמעריקע, האָסט עס דערלאָזט?

1 אזייגער 50 מינוט. א מיטיילונג: קענעדי — געשטאָרבן. מיר פאָרן צו קלינגן אהיים, קעדיי פון דאָרט טעלעפאָניש פארבינדן זיך מיטן האמילטאָן־האָטעל, מיט אונדזער גרופּע. אפן ראָג, לעבן א שול־געבײַדע, פירט א יונגע פּאָליציי־דינערן אריבער פיצינקע קינדער איבער דער גאס. זי וויינט אף א קאָל, די קינדער קוקן אף איר דערשראָקן. די גאס איז ליידיק. א מיטיילונג פונעם פּארקלענדער האָספּיטאל אין דאלאס: די ערשטע קויל האָט געטראָפן קענעדין אין האלדז און איז ארויס דורך דעם אייבערשטן טייל פון שארבן. די צווייטע קויל איז ארײַן אין שארבן.

דזשעק קלינג און איך — מיר ווארפן זיך דורך מיט קורצע פראזעס:

— וואָס טראכסטו וועגן דעם? — פרעגט דזשעק, ניט אופהערנדיק נאָכשפּירן נאָך דער ראַדיאָ.

— פרעגסט, ווע‌מעס ארבעט דאָס איז?

— נו, יאָ...

— קי פראָדעסט? ווע‌מען לוינט עס? זוך דעם שולדיקן צווישן די, וועמען עס לוינט דער פארברעכן...

בא דזשעקן אין שטוב איז געדעקט דער טיש. די פרוי פארווארפט אונדז מיט פראגעס. זי בעט זיך בא אונדז, מיר זאָלן נעמען עפּעס אין

מויל אַרײַן. איך טרינק אויס אַ גלאָז שטאַרקן סקאָטש. דזשעק וויל ניט. מיר קלינגען אין האָטעל. ניין, קיינער פון די רוסן איז ניטאָ אויפן אָרט. איך דערמאָן זיך: אינדערפרי האָבן איינזעמצעוו, מאָסטאָוועץ און בעזימענסקי מיך פאַרבעטן צופאָרן מיט זיי קיין ספּרינגפילד (באַ צוויי הונדערט מײַל פון טשיקאַגאָ), לייגן בלומען אויפן קייווער פונעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט אַווראַאַם לינקאָלן, וועמען עס האָט דעם 14 אַפּריל 1865 דערשאָסן דער מעטורעף דזשאָן ווילקס בוט, אַ געדונגענער און אונטערגעהעצטער פון די שקלאַפן־אייגנטימער. עס קאָן אַוודאי זײַן, אַז פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען די דרײַ סאָוועטישע מענטשן זײַנען געשטאַנען מיט פאַרנייגטע קעפּ באַם קייווער פונעם פּרעזידענט לינקאָלן, האָט אַ צווייטער מעטורעף, אַ געדונגענער און אונטערגעהעצטער פון די יאָרשים פון יענע שקלאַפן־אייגנטימער אין די דאָרעם־שטאַטן, געשאָסן דעם פּרעזידענט קענעדי.

איך האָב אינדערפרי ניט געקאָנט אָנעמען די אײַנלאַדונג פון מײַנע דרײַ פרײַנט, ווײַל ס'איז שוין געווען אָפּגערעדט וועגן אַן אַנדער פּראָגראַם פאַר מיר. גלײַך נאָכן פרישטיק בין איך מיט דזשעק קלינגען אַרויסגעפאָרן זען די אַרבעטער־פאַרשטעט פון טשיקאַגאָ. שפּעטער זײַנען מיר אַוועק אין אַלבאַני־פּאַרק, צו די ייִדישע קוואַרטאַלן. דאָ, אַרום קעדזי און לאָרענס עווענײַו, איז דער באַסטיאָן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אויף דער טשיקאַגער „ייִדישער גאַס". מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער אָרטיקער פאַרשטייערשאַפט פון דער „מאָרגן־פרײַהייט". שפּעטער האָבן מיר פאַרבראַכט אַ מינוט פופצן אין „קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפט".

באַ קיפּערן האָט מען צוליב אונדזער קומען אָפּגעשטעלט די אַרבעט. די באַלעבאַטים, די קונדן, די פּאַרקויפער — אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט און גענומען שטעלן פראַגעס. מע האָט מיר באַוויזן די סכוירע — מערסטנטייל געבראַכט פון ייִסראָעל. דאָס זײַנען „זייגערס מיט ייִדישן קאָלאָריט", שפּילצײַג, ריטואַל־אַרטיקלען און אויך ביכער, ענגלישע ביכער פאַר ייִדן. דערמאָנענדיק זיך, אַז אויף דער שילד איז אָנגעשריבן „קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפט", האָב איך געבעטן אַ ייִדיש בוך. איינער אַ פאַרקויפער האָט זיך פאַרענטפערט:

— מיר האָבן אַ ייִדישע אָפּטיילונג אין קעלער פון דער קראָם... די מערהײַט אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאַלט צו ייִדיש, דרוקט מען ביכער אויף ענגליש...

— פאַרוואָס זשע איז מען דאָ אַזוי הייס צו ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

— מע איז „הייס" צום סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל ס'איז קאַלט דער קריג...

אין דער רעגע האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אין אַמעריקע בין איך אויך געוואָרן אַ שטיקל אַמעריקאַנער, ווײַל ווי זיי טוען עס דאָ, האָב איך אַ היימישן טראַסק געטאָן דעם פאַרקויפער איבערן אַקסל און געזאָגט פרײַנטלעך:

— ביסט אַ קלוגער יאַט, אָלרײַט.

מיט אַ גוטער שטימונג האָבן מיר אָן עפּן געטאָן די אַרויסגאַנג־טיר

פון דער קראָם, אריבערגעשפאַנט די שוועל צום דרויסן ארויס און — דערהערט די גרויליקע יעדיע וועגן קענעדיס מאָרד...

2 אזייגער 10 מינוט. א נײַע ראַדיאָ־מיטיילונג: מיט א האלבער שאָ צוריק איז אין א דאלאסער קינאָ־טעאטער ארעסטירט געוואָרן איינער א לי הארווי אָסוואלד, פיר און צוואנציק יאָר אלט, א געוועזענער אמעריקאנער מאטראָס, וואָס איז אוועק אין סאָוועטנפארבאנד, דאָרט (אין מינסק) כאסענע געהאט, שפעטער זיך אומגעקערט קיין פשא. אָסוואלד ווערט כאראקטעריזירט אלס „מארקסיסט״, די לעצטע צײַט איז ער געווען טעטיק אין א „קאָמיטעט פאר גערעכטער האנדלונג בענעגייע קובע״.

וואָס איז דאָס — א הײַנטצײַטיקער וואָן־דער־ליובע?

דזשעק טעלעפאָנירט אין דער אָרטיקער ראַדיאָסטאנציע „דאבליו־בי־בי־עס״, ווו ס׳איז פארפלאנירט אף הײַנט האלב פיר באטאָג מײַנער אן אינטערוויו מיטן פּאָליטישן קאָמענטאטאָר פרײַס. דזשעק בעט, אז מע זאָל איבערטראָגן די טראנסליאציע אף אן אנדער טאָג. פון דער סטאנציע ענטפערט מען, אז דאָס איז אויסגעשלאָסן, ווײַל „פּונקט דאָס, וואָס מיסטער קלינג האלט פאר אן ארגומענט אף אָפּלייגן דעם אינטערוויו, איז אן ארגומענט אף ניט אָפּלייגן דעם אינטערוויו...״

איצט דארף איך באשליסן. איך פיל מאמעש, ווי די געדאנקען שטויסן זיך אומרויִק אין מײַן מויעך. בעשאס א ניט קלאָרער און ביז גאָר ערנסטער סיטואציע, וואָס פאַרויסזען איר אנטוויקלונג איז אוממעגלעך, געפין איך זיך ווײַט פון מײַן היימלאנד, אָפּגעריסן אפילע פון די עטלעכע לאנדסלײַט, מיט וועלכע איך בין נעכטן געקומען אין דער פרעמדער שטאָט. דאָס וואָרט פון דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן דעם מאָרד איבער קענעדין איז צו מיר נאָך ניט דערגאנגען, און איך וועל, מעגלעך, זײַן דער ערשטער סאָוועטישער בירגער אין לאנד פונעם געהארגעטן פרעזידענט, וואָס וועט דארפן פאר די אײַנוווינער פון אָט דער צעטומלטער שטאָט עפנטלעך אָפּשאצן אין א ראַדיאָ־אינטערוויו דאָס געשעענע.

אלץ רעדט לעטויוועס אָפּזאָגן זיך פון דעם הײַנטיקן שמועס מיט פרײַסן. און דאָך — אָפּזאָגן זיך טאָר איך ניט. דער סייכל־האיאָשער בלײַבט מיטאמאָל שטיין פאר א טרויעריקן „טאָמער״: טאָמער וועט מען פאלש אויסטײַטשן אזא אָפּזאָג...

10 אזייגער אין אָוונט. איך ענדיק פארנאָטירן די געשעענישן פון דעם הײַנטיקן טאָג.

ווען מיר זײַנען געפאָרן צו דער ראַדיאָסטאנציע „דאבליו־בי־בי־עס״, האָט געגעגנט. אף די גאסן זײַנען קימאט ניט געווען קיין מענטשן. טשיקאגאָ האָט אויסגעזען ווי א פארבײַגייער, וואָס האָט זיך אונטערן רעגן אָפּגעשטעלט בא דער מיטשיגאן־אָזערע, פעסטער צו פארקוטען זיך אין דעם נאסן רעגנמאנטל.

בא א ראָג האָט געוואַרט אף אונדזער מאשין איינער פון די נעכטיקע מילכאָמע־וועטעראנען דזשאָזעף (יויסעף־לייב) עלביין. ער וועט זײַן מײַן איבערזעצער. עלביין איז א געוועזענער פראָגרעסיווער טוער. ער איז אָפּגעגאנגען פון דער באוועגונג, אָבער ניט צעקריגט זיך מיט איר. נעכטן האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם קסאוויאד פון זײַנער א ליד „געדאנקען

וועגן הײַנטיקן לעבן פון ייִדן אין אמעריקע״. פאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע דיכטונג, אָבער מיר זאָגט די ליד זייער פיל.

מע זיצט דאָ גאַנצע נעכט און מע קלערט,
ווי דרייט מען אויס די וועלט פאַרקערט,
ווי רוקט מען דאָרט צוריק דעם זייגער! —

שרײַט אויס אין גרויסער פאַרזאָרגטקייט דער פּאָשעטער ייִדישער פאָלקס־מענטש אין אמעריקע.

הײַנט האָב איך געזען, ווי א טיפער קנייטש האָט זיך באוויזן אפן פּאָנעם פונעם אמעריקאַנער פאָלק. די פינצטערע קויכעס זײַנען דאָ פרײַ, זיי ווילדעווען. זיי האָבן אָפּגעראַמט פון וועג דעם פּרעזידענט, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם מאָסקווער אָפּמאַך וועגן אָפּשטעלן די אטאָם־אופּרײַסן און וואָס איז געווען געגייגט צו מאַכן אויספירן פון דער „נעגער־רעוואָליוציע״, ווי מע רופט דאָ די לעצטע מעכטיקע מאַניפעסטאַציעס קעגן די ראַסיסטישע לעבנס־קלאָלים אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

וועגן דעם, וויאַזוי מיר, סאָוועטישע מענטשן, שאַצן אָפּ קענעדיס לעבן און קענעדיס טויט, האָב איך טאַקע גערעדט הײַנט אויף דער טשיקאַגער ראַדיאָ, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע פונעם פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פּרײַס. ווען מיר זײַנען געזעסן אין דער סטודיע באַם מיקראָפאָן, האָבן זיך אויף יענער זײַט גלעזערנער וואַנט, דאָרט, ווו עס זיצט געוויינלעך דער דיספּעטשער, פאַרזאַמלט א מענטשן צוואַנציק אָנגעשטעלטע און אָנטיילנעמער פון א ווײַטערדיקער פּראָגראַם. זיי האָבן אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס.

פּרײַס האָט גלײַך נאָך די רייד וועגן קענעדיס טויט, ניט אראָפּנעמענדיק דעם טרויעריק־פרומען אויסדרוק אפן פּאָנעם, אין אײַלעניש א שטעל געטאָן די צווייטע פראַגע:

— פאַרוואָס פירט מען דורך אין סאָוועט־רוסלאַנד אַנטי־ייִדישע אַקציעס אונטערן אויסרייד פון קאַמף קעגן עקאָנאָמישע פאַרברעכנס?

איך האָב געענטפערט:

— זאָגט מיר, מיסטער פּרײַס, איר וואָלט זיך אונטערגענומען צו באַהויפּטן, אַז די אמעריקאַנער יוסטיץ פירט דורך אַן אַנטי־איטאַליענישע אַקציע, ווען זי מישפּעט גאַנגסטערס, וועלכע זײַנען גראָד איטאַליענער לויט דער נאַציאָנאַליטעט?

פּרײַס האָט אויסגעשריגן אופריכטיק:

— מע מישפּעט באַנדיטן, ניט קיין איטאַליענער!

איך האָב אײַנגעשטימט און בלויז באַמערקט:

— מע מישפּעט גאַנאָווים, ניט קיין ייִדן. פון ווען אָן האָט גנייווע א נאַציאָנאַליטעט, מיסטער פּרײַס?

נאָכדעם האָב איך שוין געניי ארומגערעדט דעם איניען, באַווײַזנדיק, ווי אופגעבלאָזן עס איז אין דער העצערישער פּרעסע דער פּראָצענט פונעם „ייִדישן אָנטייל״ אין די אַזויגערופענע עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. פון דער צווייטער זײַט, דאַרף אויך זײַן קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די

סאָוועטישע ייִדן, די הונדערטער טויזנטער ערלעכע האָרעפּאַשניקעס, שעמען זיך מיט דעם, וואָס צווישן זיי זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַגאַנ־ווענען דאָס פאָלק. מיר בעטן קיינעם ניט פאַרטיידיקן „אונדזערע" גאַנאַ־ווים. זאָל אַמעריקע זיך פאַרנעמען מיט „אירע" אייגענע.

ווען דער אינטערוויו האָט זיך פאַרענדיקט, זײַנען די פּאָר צענדליק מענטשן פון הינטער דער גלעזערנער וואַנט אַרײַן אין סטודיע. זיי האָבן עפּעס גערעדט אַלע מיטאַמאָל, געמאַכט מיט די הענט, געשטופּט זיך. איך האָב געפרעגט עלביינען, וואָס זיי זאָגן. יויסעף־לייב עלביין, דער געווע־זענער פּראָגרעסיווער טוער, אין וועמעס האַרץ און מויעך עס יוירט איצט דער כעזשבן־האַנעפּעש, — האָט אַ באַדײַטונגספולן שמייכל געטאָן:

— זיי זײַנען אונטערגעפאַלן אונטער אײַער באָלשעוויסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע...

נו, און דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פּרײַס?

באַם געזעגענען זיך קוקט פּרײַס מיר אַרײַן גלײַך אין די אויגן. ער האָט אַן אָפן, ערנסט פּאָנעם. די גרויסע שטופּלען מאַכן זײַן אויסזען היימיש, פּראָסט. ער צערעדט זיך אויף רוסיש:

— און דאָך טוט מיר ניט באַנק, וואָס כ'האָב אײַך געשטעלט די צווייטע פראַגע. ס'איז אַן אַלט, אויסגעפּרוּווט מיטל צו איבערצײַגן די יעניקע, וואָס גלייבן ניט... ווען איך אַליין וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, וואָלט מען געטײַנעט, אַז איך וויל פון שוואַרץ מאַכן ווײַס; אויך ווען איר וואָלט געזאָגט פּונקט דאָס זעלבע, נאָר לויט אײַער אייגענעם ווילן, וואָלט מען ווידער ניט געגלייבט. אַן אַנדער זאַך איז, ווען איך, דער אַמעריקאַנער קאָמענטאַטאָר, פרעג, ניט רעכענענדיק זיך אַפילו מיטן טרויעריקן מאָמענט, און איר, דער סאָוועטישער גאַסט, ענטפערט, — טאַקע אַזוי, ניט ווילנדיק, מיט באַוואָרענישן לעגאַבע דעם טרויעריקן מאָמענט... אָ, דאָס איז גאָר־גאָר אַן אַנדער זאַך!

— איר רעדט גוט רוסיש, מיסטער פּרײַס...

— בעשאַס דער מילכאָמע אין קאָרייע בין איך דאָרט געווען אַן אָפּי־ציִעלער איבערזעצער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

— דאָס האָט אָבער אַ שײַכעס צו דער קאָרייִשער שפּראַך, ניט צו רוסיש...

— דאָרט, ווו אין אַן ערנסטן איניען זײַנען פאַרמישט אַמעריקאַנער און עס פּידלט זיי ניט, דאָרט שאַדט ניט צו האָבן אונטער דער האַנט אויך די רוסישע שפּראַך...

אין האָטעל האָט פאַרנאַכט־צו זיך פאַרזאַמלט אונדזער גאַנצע גרופּע. מיר באַשליסן אַלס אויסדרוק פון טרויער אָפּשאַפן די פאַרפּלאַנירטע אויף די נאָענטסטע פּאָר טעג עפנטלעכע באַגעגענישן און אַרויסטרעטונגען. אַזויאַרום זײַנען פון מײַן פּראָגראַם אַרויסגעפאַלן דרײַ וויכטיקסטע פּונקטן: די אַרויסטרעטונגען אָפּן „באַנקעט פון 500", וואָס איז שוין געמאָלדן אויף שאַבעס, דעם 23 נאָיאַבער, און אויף דעם מיטינג פון ייִדישע געזעלשאַפט־לעכע טוער אין קאָנראַד־הילטאָן־האָטעל (מאָנטיק אינדערפרי), ווי אויך

דער באזוך אין דער אַרטיקער יידישער אינסטיטוציע „בערנארד האָרוויטש דזשויש קאָמיוניטי סענטער".

און נאָך איין באשלוס נעמען מיר אָן. דער אייגנטימער פונעם האמיל־טאָן־האָטעל, ווו מיר שטייען אײַן, האָט געגעבן די האסקאָמע, אז זונטיק זאָל דאָ פּאַרקומען א מין קאָנפערענץ פון צוויי הונדערט פּופּציק נאציסטן, אָנגעפאָרענע פון פארשיידענע שטעט. נאטירלעך, אז אין אזא קאָמפּאניע קאָנען מיר ניט פארבלײַבן. מאָרגן פאָרן מיר אריבער אין מאָריסאָן־האָטעל.

פארן אײַנשלאָפן קוק איך טעלעוויזיע. מע באווײַזט שוין דאָס וויפל־טע מאָל דעם אטענטאט אף קענעדין. עס הערט זיך דערבײַ דעם דיקטאָרס קאָל: „לי אָסוואלד האָט געקויפט די ביקס אין א טשיקאגער געשעפט דורך דער פּאָסט... אין דאלאס זײַנען א טאָג פאר קענעדיס קומען ארומ־געגאנגען איבער די גאסן עקסטרעמיסטן און געשריגן: „קענעדי וועט זײַן לוין באקומען אין גענעם!..." אן אַרטיקע צײַטונג איז הײַנט, מיטיילנ־דיק, אז עס קומט קיין דאלאס דער פרעזידענט, ארויס אין א שווארץ רעמל..."

דאָס אונטערהעצערישע שווארצע רעמל אין א דאלאסער צײַטונג פאר קענעדיס באזוך אין אָט דער שטאָט — און די שווארצע רעמלעך אין אלע צײַטונגען נאָך זײַן מאָרד אין א דאלאסער גאס...

מיטאמאָל רײַסן זיך מײַנע געדאנקען איבער. איך טו אזש א ציטער פון אומגעריכטקײַט. אפן עקראן איז פארשוואונדן דאָס בילד, וואזוי דזשאָן קענעדי טוט זיך אין דער אָפענער מאשין א וואקל און א נייג אָן אין דער לינקער זײַט און פאלט אנידער, ווי א פארשלאָפן קינד, אין שויס צו זײַן פרוי זשאקלין, — דאָס טרויעריק־דראמאטישע בילד איז פארשוואונדן, און אן אנדער דיקטאָר, אָבער קימאט מיט דעם זעלבן אײַנגעהאלטן־לײַ־טישן קאָל, מיט וועלכן ס'איז קאָמענטירט געוואָרן די קענעדי־טראגעדיע, גיט איבער א רעקלאמע־טעקסט פון אן אָרגאניזאציע, וואָס איר ציל איז לינדערן דעם טומל אף די גאסן פון די גרויסע שטעט אין אמעריקע. די רעקלאמע איז, ווײַזט אויס, מעכאניש אריבער פון די נעכטיקע און אייער־נעכטיקע פּראָגראמען אין דער הײַנטיקער. זי רעדט וועגן דעם, אז די דערמאָנטע אָרגאניזאציע פירט דורך א נאציאָנאלע וואָך פון שטילקײַט, א שאַ־שאַ־וואָך...

שאַ־שאַ, עס וואָיעט שוין ווידער א פּאָליצײ־מאשין אף טשיקאגאָס באנאכטיקע גאסן.

23 נאָיאבער

אינגדערפרי האָבן מיר באזוכט דאָס געשעפט פון איינעם פון די פארשפּרייטער פון סאָוועטישע פערזאָדישע אויסגאבעס גריגאָרי באָרי־סאָוויטש לאָצמאן. מיט גרויס שטאָלץ האָט ער אונדז באוויזן די באלעבאַ־טישקײַט זײַנע — טויזנטער און טויזנטער בענדער, סיסטעמאטיזירטע, ווי

אין א ביבליאָטעק. די צוויי רעדאַקטאָרן אין אונדזער גרופּע — פּאַלעוואָי און איך — פרעגן זיך אָן וועגן זייערע זשורנאַלן.

— אָ, „סאָוועטיש היימלאַנד"! — שרײַט אויס גריגאָרי באָריסאָוויטש. — איך האָב שוין לאַנג אַזאַ פּאָפּולערן זשורנאַל ניט געהאַט בײַ זיך. און ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מיסטער ווערגעליס, — זעצט ער פּאָר ענטוזיאַסטיש, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט, — איך בין זייער צופרידן, איך גרויס זיך, וואָס די רעאַקציע פּאַלט אַזוי שטאַרק דאָ אָן אויף אײַך...

גריגאָרי באָריסאָוויטש רעדט אַן עמיגראַנטישן רוסיש און פאַרופט זיך אָפט אויף דעם, וואָס „דאָס ווערטל זאָגט". באַזונדערס האָט ער ליב צו זאָגן „ווערך טאָרמאַשקע" — „מיטן קאָפּ אַראָפּ" הייסט עס, און טאַקע אָפט באַקומט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ. די סטיליסטן אין אונדזער גרופּע כאַפּן אַרויס מיט גרויס צופרידנקייט די פּענעס, ווען גריגאָרי באָריסאָוויטש זאָגט:

— Вы говорите вверх тормашки... Кеннеди выглядел в глазах расистов человеком вверх тормашки...

(איר רעדט מיטן קאָפּ אַראָפּ... קענעדי האָט אויסגעזען אין די אויגן בײַ די ראַסיסטן ווי אַ מענטש מיטן קאָפּ אַראָפּ).

אין אַרטיקן קונסט־מוזיי: ראַדען, שאַגאַל, קענט. אַ פּאָר טריט פון זיי — עקסטרעמער מאָדערניזם. גלײַך פונדאַנען פאָרן מיר אין טשיקאַגער אוניווערסיטעט. דאָ באַקוקן מיר דעם מוזיי פון מיזרעך־קולטור. פאַראַן אין אָט דער עקספּאָזיציע, צווישן אַנדערע, אויך אַלטערטימלעכע יידישע עקספּאָנאַטן.

אַזייגער זעקס פאַרנאַכט קומען מיר (טערמאַן, בוש און איך) עסן מיטיק צו דער געזעלשאַפטלעכער טוערן עלען לויס. דאָ האָבן זיך פאַר־זאַמלט אַ צוויי־דרײַ צענדליק אָנפירער פון יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַ־ציעס. די באַלעבאַטים און די געסט — זייער ליבע מענטשן. מיר שמועסן ביז צוועלף אַזייגער באַנאַכט.

אפן וועג אין מאָריסאָן־האָטעל, וווהין די גרופּע איז שוין אַריבער־געפאָרן, באַטראַכט איך די גאַסן אין „לופּ" (אַזוי רופט מען דעם צענטראַלן טייל פון טשיקאַגאָ). דאָ איז מיט אַכציק יאָר צוריק אויסגעבויט געוואָרן דער ערשטער וואָלקנקראַצער אין אַמעריקע — די אַזויגערו־פענע „געבײַדע פון סטראַכירונג". איצט זוכט די אַרכיטעקטור הײַנט־צײַטיקע פאָרמען. טשיקאַגאָ איז פאַרכאַפּט מיט אַ שפּאָגל־נײַעם וואָלקנ־קראַצער, וועלכער וועט די נאָענטסטע כאַדאָשים זײַן פאַרטיק. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון ווײַנונגען און גאַראַזשן. אויסערלעך זעט אויס דער וואָלקנקראַצער אַזוי, פּונקט ווי מע וואָלט די בעטאָנענע סטענגעס פון דער גאַס אויפגעהויבן מיט איין עק אין דער הייך און פאַרדרייט זי ספּיראַלאַר־טיק אַרום דעם ביסל רוים, ווו עס געפינען זיך צימערן און גאַראַזשן, —

אזש ביז צום הימל. די ערשטע שטאָקן זײַנען פּאַר מאַשינעס, די העכע־רע — פֿאַר מענטשן. אַן אײַנוווינער פֿון אָט דעם הויז וועט מיט זײַן אויטאָ אַרופֿאָרן איבערן אויסערלעכן ספּיראַל־„וועג" ביזן שטאָק, ווו עס איז אויסגעטײלט אַן אָרט פֿאַר זײַן מאַשין, און שפּעטער וועט ער מיט אַ ליפֿט זיך אופֿהייבן צו זיך אין דער דירע.

אױף די טשיקאַגער גאַסן ברענען דעקאָראַטיווע לעמפּעלעך אין די קרוינען פֿון די ביימער. מע גרייט זיך שוין צו ווײַנאַכט, וואָס פֿאַלט אויס דעם 25 דעקאַבער.

24 נאָיאַבער

הערמאַן בוש פֿירט מיך אָפּ נאָכן פֿרישטיק אין דעם שטעטל אָק־פּאַרק, לעבן טשיקאַגאָ, צו דעם היטער פֿון ראָקועל קענטס קונסט־אויצ־רעס, דעם נאָענטן פֿרײַנט און ביִאָגראַף פֿונעם גרויסן מאָלער — דזשאַן בערן דזשאָנס. די דירע דערמאָנט אַ בילדער־גאַלעריי, אין וועלכער ס'איז צײַטווײַליק ארײַנגעשטעלט געוואָרן מעבל. באַ דזשאָנסן וואַרטן שוין אױף אונדז ביידע טשעגאַדײַעווס — „די דאָקטאָרס פֿון דער קונסט" — און דער פֿאָלקס־קינסטלער פֿון פּססר שמאַרינאָוו.

דער שמועס וועגן קענטן דויערט אַ פּאָר שאָ. מע באַווײַזט אונדז אַ גרויסע צאָל בילדער זײַנע—באַוווּסטע און ניט באַוווּסטע. צענדליקער ביכער, וואָס קענט איז זייער אויטאָר אָדער וואָס קענט האָט זיי איליוס־טרירט. מאָנאָגראַפֿיעס וועגן קענטן. דזשאַן בערן דזשאָנס ווייסט, אַז אין איינעם פֿון די נומערן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט רעפּראָדוקציעס פֿון קענטס בילדער. ער בעט, איך זאָל אים צושיקן אָט דעם נומער פֿון אונדזער זשורנאַל.

עס קומט צו פֿאָרן טערמאַן. מיט אים לאָזן מיר זיך ווידער אַוועק אין טשיקאַגער מוזיי. מע קאָן זאָגן, אַז דער הײַנטיקער טאָג איז פֿאַר אונדז אַ טאָג פֿון קונסט. מיר קומט עס באַזונדערס צוניץ, ווײַל ווען קאָן איך זיך נאָך פֿאַרגינען צו האָבן אַזאַ באַגלייטער איבער די זאַלן, ווי אַליין טשעגאַדײַעוו, דער אויטאָר פֿון אַ פֿונדאַמענטאַלער און, ווי מע זאָגט, סאַמע אויטאָריטעטער מאָנאָגראַפֿיע וועגן דער אַמעריקאַנער מאָלערײַ־קונסט.

אַפּצוריקוועגס, פֿאָרנדיק אַהיים צו טערמאַנען, הערן מיר ראַדיאָ. אין דאַלאַס האָט מען ווידער געשאָסן. דאָס איז געשען אין טורמע־קעלער, בייס מע האָט געהאַלטן אין אַריבערפֿירן לי אָסוואַלדן פֿון איין טורמע אין אַ צווייטער. איינער אַן אייגנטימער פֿון אַ קאַבאַרע, אַ גאַנגסטער און פֿרויען־הענדלער דזשעק לעאָ רובי (די עמעסע פֿאַמיליע — רובינשטיין) האָט זיך ארײַנגעריסן אין קעלער און דערשאָסן אָסוואַלדן.

האָט איר אײַך שוין אַ פּאָרל: אַ „מאַרקסיסט" און אַ ייִד. ווי טאַ־לאַנטלאָז די רעאַקציע פֿאַרפּאַסט איצט אירע „לעבנס־סוזשעטן", ווי באַנאַל עס איז איר בולוואַר־פֿאַנטאַזיע. פֿאַרפּלאָנטערן די שפּורן, אָפּראַ־

מען די יעניקע, וואָס קאָנען זײַן אײדעס פֿון דעם גרויליקן מאָרד, — אָט וואָס עס וויל די רעאַקציע.

באַ טערמאַנען אין דער היים — אַ סאַך מענטשן. אונדזער גאַנצע גרופּע איז אַהער געקומען.

דער שמועס איז זייער אַ האַרציקער. מיר פֿאַרהאַלטן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט. מאָרגן פֿליען מיר אַרויס קיין קליוולענד.

25 נאָיאַבער

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די פּראָגרעסיווע קרײַזן האָבן נעכטן ניט נאָר געצוווּנגען דעם אײַגנטימער פֿונעם האַמילטאָן־האָטעל ניט צו דער־לאָזן דורכפֿירן דעם פֿאַשיסטישן מיטינג, נאָר זיי האָבן אין זעלבן האָטעל אײַנגעאָרדנט אַ קאָנפֿערענץ קעגן נאַציזם און מילכאָמע־פֿאַרברעכער! אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ זײַנען געקומען הונדערט דעלעגאַטן פֿון פֿאַר־שיידענע שטעט, צווישן זיי סעם פּעוויזנער פֿון ניו־יאָרק.

סעם זיצט איצט לעבן מיר און דעמאָנסטרירט זײַן ייִדיש:

— איך ספּיק און ספּיק און ספּיק, באָט דו ענדערסטענד ניט...

— איך פֿאַרשטיי, סעם...

איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס אַרבעטער־פֿאָלק אין טשיקאַגאָ און אין גאַנץ אַמעריקע ווערט אַלץ אַנטשיידענער אין קאַמף קעגן די שאָדן־קרײַזן. מיר געפֿעלט, וואָס אין דער קאָנפֿערענץ האָבן זיך באַטייליקט ליטווינער און ייִדן, אוקראַיִנער און פּאָליאַקן. סעם פּעוויזנער איז אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער פּרימאָרגן־זיצונג. צווישן די רעדנער איז געווען דער ראַבײַ שמועל־בער יאַמפּאָל, אַ קעמפֿער קעגן די נאַציסטן.

סעם דערציילט, אַז ווען פֿינף הונדערט מענטשן האָבן נאָך דער פֿרײַ־מאָרגן־זיצונג זיך פֿאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל פֿון האָטעל אויף אַ מאַסן־מיטינג, האָבן די בווירטשיסטן געוואָרפֿן אַ שטינק־באָמבע.

ווען מיר זיצן אַזוי אין האָטעל־האָל און רײדן, גייט צו אונדז צו אַ ייִד, די גרייס ווי אַ דינאָזאַוור, און טוט צו מיר אַ זאָג מיט אַ קעלכל, שוואַך און דין, ווי באַ אַ קאַמאַר:

— כאַווער... איר הערט? איך זאָג אײַך „כאַווער"...

איך האָב זיך אַ ווײַלע אײַנגעהערט אין דעם שוואַך־דינעם קעלכל און געענטפֿערט:

— איך הער...

— איך האָב, כאַווער, געלייענט אין די בלעטער אײַערס אַ וואָרט אויף דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק, אַז עס געפֿעלט אײַך, וויאַזוי דער אַפּיקוירעס מענדעלע מויכער־ספֿאָרים מאַכט אַ קריטיק אויף די כעסרוינעס פֿונעם פֿאָלק ייִסראָעל. וויל איך אײַך, כאַווער, אײַנלאַדן, איר זאָלט האַלטן אַ לעקציאָן פֿאַר אונדזערן אַ מיניען ייִדן וועגן אָט דעם מענדעלען...

— וואָס איז עס פֿאַר אַ מיניען ייִדן?

— אַ מיניען שיינע ייִדן...

דזשעק קלינג שלעפּט מיך באַם אָרבל:

— זאָג אים, אַז דו פֿאַרסט באַלד אַוועק פֿון טשיקאַגאָ, און אויס, און עק...

איך לייג צו אַ פֿינגער צו די ליפּן, אַז דזשעק זאָל שווײַגן. דעם ייִדן זאָג איך:

— איר ווייסט דאָך, צײַט איז געלט...

— נו, דאָס וועלן מיר באַוואָרענען, — טוט דער ייִד אַ קלאַפּ זיך איבער דער בוזעם־קעשענע.

— ניין, ניין. בעסער וועל איך אײַך דאָ אויפֿן אָרט זאָגן דעם לעקציאָן וועגן מענדעלען, און איר — זײַט זיך מטריח און גיט עס איבער דעם גאַנצן מיניען.

— נו, פּליז... פּליז.

— איר זאָגט, אַז איר זײַט שיינע ייִדן. איז הערט זשע, וויאַזוי אָט דער מענדעלע האָט אָנגעמאָלט די שיינע ייִדן. איינער, האָט ער געשריבן וועגן אײַך, איז אַ באַל־טאַקסע, איינער איז אַן אָרענדאַר, איינער איז אַ גאַבע, איינער — אַ באַל־אייצע, איינער — אַ טאַקיף, איינער — דעם רעבנס אַ קאָרעוו, איינער מאַכט באָם, איינער איז אַ מעיוכעס, איינער איז אַן אייניקל, איינער האָט אַ באָבע אין ערעץ־ייִסראָעל, איינער טאַנצט אויף אַלע כאַסענעס, איינער איז אַ שטאָט־פּעטער, איינער — קאָהאָלס יוירעש, און איינער — גלאַט אַ שיינער ייִד...

געענדיקט די לאַנגע פּראַזע, האָב איך זיך אַרומגעקוקט: ניטאָ דער ייִד. אַ גאַנצער דינאַזאַוור, און ווי אויסגערונען. סעם פּעוונער זאָגט, אַז אַנטרונען איז ער באַ די ווערטער „איינער מאַכט באָם". סעם מיינט, אַז מאַכן באָם הייסט — עפּעס פּראָדוצירן, און טאַקע בעפּיירעש פּראָדוצירן אַ פֿאַרבאָטענע זאַך, נו, לעמאָשל, סאַמאָהאָן... מיסטאָמע איז דער ייִד אַליין אין דעם פֿאַרמישט, ווײַל אויב ניט, איז פֿאַרוואָס האָט ער באַ דעם וואָרט געמאַכט אַ וואַיִוּוראָך?..

איך פֿאַרשרײַב אין נאָטיץ־ביכל:

מע טומלט אין ניו־יאָרק אַרום ייִדן.\
ווער טומלט עס? וואָס טומלט מען?\
האַ? וואָס?\
ייִדן זײַנען ניט קיין מעציִע,\
נאָר אויך ניט אַבי־וואָס.\
פֿאַרשידענע ייִדן.\
זײַנען פֿאַרשידן.\
פֿאַרשידן דאָס לעבן,\
אַפֿילע די נאָז.\
ווער עס איז מיטן טומל צופֿרידן, —\
באַ מיר רופֿט דער טומל אַרויס\
פֿאַרדראָס.

איך זאָג א ווילד־פּרעמדן:
יאָ, כ'בין א ייִד. אויב דו ווילסט וויסן, האָט מען אַף שיקערע אָרגיעס איבערגעקרימט מײַנע רייד, און אויב דו ווילסט וויסן, איז מײַן יידישער אלעפבייס געווען א שיפר בא אַליעג קאָשעוואָיען; מע האָט מיך געוואָרפן אין שײַטערס אַף פלעצער אין טאָלעדאָ, און דאָוויד דראַגונסקי האָט געצונדן שײַטערס פון גודעריאַנס טאַנקען.
איך בין א ייִד. לאָז מיך צורו.

איך זאָג א ווילד־אייגענעם, א קאַליע־מאַכער:
דו ביסט א ייִד? ניין, ביסט ניט קיין ייִד. א זון טומלט ניט אַרום דער מאַמעס נאָמען, סײַ ווען ס'איז דער מאַמען גרינג, סײַ ווען ס'איז איר שווער. שעם זיך אין דײַן ווייסטן האַלדז. שטופּסט די נאָז אין מײַן לעבן. פּאַדעסט אַרום מיר אַף פּאַראַדן מיט מענוירעס און מיט פּאַקעלן, מיט שויפער־בלאָזן און מיט צאַנקענדיקע ליכט. איך בין א סאָוועטישער ייִד. לאָז מיך צורו.

בעשאַסן געזעגענען זיך ריידן די פרײַנט אונדזערע וועגן א טשיקאַוון איניען. עס גייען אַרום אַף דער יידישער גאַס קלאַנגען, אַז אין ניו־יאָרק האָט מיט א טעג צען פאַר מײַן קומען קיין אַמעריקע זיך באַוויזן א שאַליעך פון יִסראָעל, וועמעס אויפגאַבע עס איז — מאָביליזירן די קליי־קוידעש און די רעאַקציע אַף ניט צו דערלאָזן מײַנע קאָנטאַקטן מיט די אַמעריקאַנער ייִדן[1]. מענדל טערמאַן הערט אויס דאָס, וואָס מע דערציילט, און פרעגט מיך:

— עס טוט דיר וויי, האַ? ס'איז דיר ביטער אַזוינס צו זען דאָ?

איך ענטפער:

— כ'בין אויסגעוואַקסן אין דער טײַגע... עס געפעלט מיר, איך זאָל גיין, און צווײַגלעך זאָלן מיך שלאָגן אין פּאָנעם...

ווען דער לײַבער הייבט זיך אוף אין דער לופטן, דערזע איך די שטאַרק ענלעכע אַף א גיגאַנטישן בלויען קראַב „גרויסע אָזערעס", וואָס

[1] באַמערקונג פונעם רעדאַקטאָר: אין קאָפּע צוויי כאָדאָשים אַרום, דעם 16 יאַנוואַר 1964, איז אין דער וואָכנבלאַט „פרײַ יִסראָעל" דערשינען וועגן אָט דעם איניען דער פאָלגנדיקער באַריכט: „דער קנעסעט־דעפּוטאַט ע. ווילענסקאַיאַ האָט אינטערפּעלירט דעם אויסערן־מיניסטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די יעדיִעס, וואָס זײַנען דערשינען אין דער יִסראָעלדיקער פּרעסע, אַז א הויכער באַאַמטער פון אויסערן־מיניסטעריום, ביניאָמין אליאַב, איז געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע, בּיכדיי צו אָרגאַניזירן די באַיקאָט־אַקציע קעגן דעם סאָוועטיש־יידישן שרײַבער אַרן ווערגעליס, הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז סאָף 1963 געקומען אַף א באַזוך אין אַמעריקע. דער אויסערן־מיניסטער גאָלדע מעיִר איז געבעטן געוואָרן צו ענטפערן: 1) צי איז ריכטיק די יעדיִע וועגן דער דאָזי־קער שליכעס פון ביניאָמין אליאַב? 2) צי מיינט ניט דער אויסערן־מיניסטער, אַז אַזאַ שליכעס איז אין סטירע צו די נאָרמאַלע באַציִונגען צווישן מעדינעס און אַז אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יִסראָעל איז צו האַנדלען פאַר אויסבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד?"

בא איינער פון זיי, בא מיטשיגאַן, שטייט טשיקאַגאָ, פונוואַנען איך פלי, און בא דער צווייטער, בא ערי, שטייט קליוולענד, וווהין איך פלי.

אין קליוולענד האָבן מיר ניט קיין פּראָגראַם. דער ציל איז — זיך אָפּרוען צוויי טעג בא סײַרוס איטאָנען, איינעם פון די רײַכסטע און איינצײַטיק געבילדעטסטע און קליגסטע מענטשן אין אַמעריקע, אַן איבער־צײַגטן אָנהענגער פון אַמעריקאַניש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט. אין ערראָפּאָרט באַגעגענען אונדז איטאָן און זײַן פרוי ען (אַנע). האַגאַם פאַר אונדז איז אָנגעגרייט אָן גרױסע א גאַנצע קאַלאָנע אויטאָמאָבילן, שטופן מיר, די שרײַבער און זשורנאַליסטן פון דער גרופּע, זיך אַרײַן אין די מאַשינעס, אין וועלכע עס פאָרן ער און זי. מיר מאַכן זיי, נאַטיר־לעך, ענג (באַזונדערס דער באַלעבאָסטע, בא איר זײַנען פּאַראַליזירט די פיס, און זי „פּאָרט" אַרײַן אין דעם ספּעציעל אויסגעשטאַטן גרויסן אויטאָמאָביל אויף איר זיץ־בענקעלע). מיר נעמען זיך פריילעך אַנטשול־דיקן, פאַרופנדיק זיך אויף דעם, אַז נײַגעריקײַט איז א טעווע בא מענטשן פון אונדזערע פּראָפעסיעס. ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז די איטאָנס זײַנען נאָך נײַגעריקער, איידער שרײַבער און זשורנאַליסטן, און אַז זיי זײַנען פּראָסטער פון פּראָסט, און אַז זיי ווילן אונדז טאָן אַלץ צוליב, און אַז זיי קוקן ביכלאַל אויף אַלץ מיט א קינדערש־גוטן הומאָר.

צוזאַמען מיט דעם פּאָרפאָלק פּאָלעוואָי, מיט פּאָליאַנאָוון און ראָזש־דעסטווענסקין זיץ איך גאַנץ ברייטלעך בא דער באַלעבאָסטע אין געראַ־מען אויטאָ. דאָס האָט זי אַליין, ען איטאָן, מיך „אויסגעקליבן", ווען ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר טראַכטן ניט פאָרן אין „פּערסאָנעלע מאַשינעס". פון די ערשטע רעגעס פאַרבינדט זיך א שמועס.

— וואָס שײַעך אײַך פּערזענלעך, — זאָגט די באַלעבאָסטע, ווענדנ־דיק זיך צו מיר, — וועלן מיר, קאַפּיטאַליסטן, אַרויסווײַזן אונדזער עגאָיס־טישן כאַראַקטער. איך וויל מיט דעם זאָגן, אַז בייס אײַער אָפּרו וועלן מיר ניט ווייניק אויך פון אײַך נאַשן... נו, עקספּלואַטירן אײַך...

זי נעמט גלײַך אויספרעגן, וואָס אַזוינס באַטײַט יידישע פּראָבלעמען, און באַמערקט פון איר זײַט, אַז אין אַמעריקע, זאָגט מען, זײַנען אויך פאַראַן יידישע פּראָבלעמען. איך ענטפער: דאָרט, ווו עס זײַנען פאַראַן יידן, זײַנען פאַראַן יידישע פּראָבלעמען. אין דעם פּראַט קאָן מען זאָגן, אַז היטלער האָט געוואָלט, עס זאָלן ניט זײַן אויף דער וועלט קיין יידישע פּראָבלעמען. פרוי איטאָן שרײַט אויס מיט דער אַמעריקאַנער, עטוואָס סענטימענטאַלער אומיטלבאַרקײַט: „אָ, עראָן (אַרן)! ווען איר וואָלט גע־געבן אַזאַ ענטפער אין דער טעלעוויזיע־וויקטאָרינע, וואָלט איך, א שטענ־דיקער מיטגליד פון זשורי אין קליוולענד, צוגעפּאַסקנט אײַך א פּרײַז!..." די פאַמיליע פון יעדן איינעם פון די רוסן רעדט ען איטאָן אַרויס אויף איר אייגענעם אופן: פּאָליאַנאָוו איז בא איר פּאָל־יאַ־נאָף, פּאָלעוואָי — פּאָלאָ־וואָי, ראָזשדעסטווענסקי — ניין, דאָס קאָן זי ניט אַרויסריידן, זי דער־וויסט זיך, אַז דאָס וואָרט „ראָזשדעסטוואָ" באַטײַט אויף ענגליש „קריסטמען", און זי זאָגט: „מיסטער קריסטמען"...

מיר פאָרן שוין א מינוט פערציק. די שטאָט איז געבליבן ליגן אין א זײַט. פאַזע דעם וועג ציען זיך רויט־ציגלנע קאָרפּוסן פון פאַרדס באַ־

ווּסטן זאוואָד „דער 21־טער יאָרהונדערט", ווּ אַלץ איז אויטאָמאַטיזירט, דער מענטש איז קימאַט איבעריק.

פונדאַנען איז שוין מיט דער האַנט דערלאַנגען צו סײַרוס איטאָנס גוט. ווען מיר קומען אָן אַהין און קריכן ערשט אַרויס פון די מאַשינעס, באַווײַזט זיך פון דעם נאָענטן וועלדל, רײַטנדיק אויף אַ פערד, אַ יעגער מיט אַ טיטשקע הינט, פונקט ווי ער וואָלט דערשינען פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָס מיינט, אַז ער שאַפט דערמיט אַ רוסישן קאָלאָריט, וואָס איז אונדז צום האַרצן. דערנאָך דעמאָנס־טרירט מען נאָך אַ קאָמפּאָנענט פונעם רוסישן קאָלאָריט — אַ „טראָיקע". מיר זעצן זיך ווידער אַרײַן אין די מאַשינעס און פאָרן אָפּ צו אַ פערמע, ווּ עס געפינען זיך שטאַלן מיט אָקסן פון אַ באַזונדער פּאָראָדע. איטאָן גרויסט זיך מיט אָט די אָקסן: אין גאַנץ אַמעריקע ווייסט מען, אַז אויסגע־האָדעוועט די פּאָראָדע האָט ער, איטאָן.

אויפן וועג צוריק פון דער פערמע דערציילט מיר פּראָפעסאָר מאָס־טאָוועץ וועגן סײַרוס איטאָנען — דעם מאַגנאַט, דעם מיליאַרדער. אויף דעם אינדוסטריעלן מיטעלן מײַרעוו פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אָט דער מענטש געשאַפן אַ מין „אימפּעריע" מיט אַ קאַפּיטאַל פון פיר מיליאַרד דאָלאַר, אין וועלכער עס גייען אַרײַן שאַכטעס און זאַוואָדן, אײַזנבאַן־ליניעס, בענק, שטאָלגוס־קאָמפּאַניעס. וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אײַנ־פלוס איטאָן האָט אויף די אָנפירנדיקע קרײַזן פונעם לאַנד, קאָן מען אורטיילן לויט אַזאַ עפּיזאָד. איינמאָל האָט דער האַנדלס־מיניסטער פון אַמעריקע ליויִס סטראַוס באַליידיקט דעם ראָש פון דער קליוולענדער פינאַנציעל־אינדוסטריעלער גרופּע. ווען סטראַוס האָט געוואָלט די דאָזיקע באַליידיקונג איבערכאַזערן עפנטלעך, האָט ער זיך געמוזט געזעגענען מיט זײַן מיניסטערישן פּאָרטפעל...

בלײַבנדיק אַ זון פון זײַן קלאַס, אַ קאַפּיטאַליסט, טרעט דאָך איטאָן אַרויס אַלס פּראָגרעסיווער טוער, וואָס קעמפט פאַר קאָעקזיסטענץ, פאַר פרײַנטשאַפט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז לאַוּרעאַט פון דער צווישנ־פעלקערלעכער שאָלעם־פּרעמיע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן פירער וולאַדימיר איליטש לענין.

נאָך דער עקסקורסיע זאָגט מיר איטאָן:

— איר זעט די הײַזקעס מײַנע? זיי זײַנען עלטער פון קליוולענד. אָט דאָס־אָ, דאָס גרעסטע צווישן זיי, איז אויסגעבויט אין די צײַטן פון די ערשטע קאָלאָניסטן.

אָ, איך ווייס, וואָס עס באַטײַט פאַר אַן אַמעריקאַנער דער ייִכעס פון וווינען אין אַ שטוב, וועלכע איז פאַרבליבן פון יענע צײַטן. אויף די וועגן פון אַמעריקע קאָנט איר זען אַרויסגעשטעלט אַלס סימבאָל באַם אַרײַנ־גאַנג אין זעלטענע הײַזער אַן אַלטע אָפּגעריבענע ראָד. דאָס דאַרף באַטײַטן: אונדז, פאַרבײַגייער! מערער אָפּשײַ פאַר דער שטוב, וואָס עס האָבן געבויט די פּיאָנערן פונעם לאַנד!..

אינוויייניק איז איטאָנס הויז אַלטמאָדיש. דאָ און דאָרט, אין שטיל־געמיטלעכע ווינקלען, טוט אַ ווייע אויף אײַך מיט אַריסטאָקראַטישער בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענער צײַט. אין גרויסן עסצימער הייצט זיך

דער קאַמין. און דאָך — ניטאָ קיין מאַסיוו מעבל, ווי אין ענלעכע הײַזער אין אייראָפּע. די צימערן זײַנען גערױם, לופטיק, פּראָסט אַרומגעשטעלט.

אין אַ כּודעש אַרום ווערט סײַרוס איטאָן אַלט אַכציק יאָר. אַ שלאַנקער, פון מיטעלן וווּקס, וואָלט ער מיט זײַן דאַר פּאָנעם, וואָס איז שטאַרק פאַרברוינט פון דער זון, אויסגעזען אינגאַנצן יונג, ווען ניט דער גרײַז־גרויער קאָפּ זײַנער. באָריס פּאָלעוואָי קוקט אין זײַן זײַט און דערציילט מיר:

אנומלטן האָט מען איטאָנען געמאָלדן, אַז ער דאַרף זיך שטעלן פאַר דער „מאַקאַרטי־קאָמיסיע" אַלס אַזאַ איינער, וואָס האָט ענגע באַציִונגען מיט דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט. שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ס'וועט אַרויסרופן אַ טומל, און מע האָט איטאָנען מיטגעטיילט, אַז ער דאַרף ניט קומען.

אָבער ער איז געקומען און געמאָלדן, אַז ער וויל פאַרשפּרייטן צווישן די זשורנאַליסטן און צווישן די באַאַמטע פון דער קאָמיסיע איינעם אַ וויכטיקן, לויט זײַן מיינונג, דאָקומענט. ווען ער האָט צעטיילט צווישן די בײַוועזנדיקע די געבראַכטע בראָשור, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער טעקסט פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און אַז דאָרט האָט איטאָן אונטערגעשטראָכן שורעס, וועלכע זאָגן צו די בירגער פון די פאַרייניקטע שטאַטן, אַז מע וועט קעגן זיי ניט אַרויסשטעלן אַלס באַשולדיקונג דאָס, אין וואָס מע באַשולדיקט איצט אים, איטאָנען. אָפּגעטאָן אָט די זאַך, האָט סײַרוס איטאָן געמאָלדן, אַז מער פאַרהאַלטן זיך אין דער דאָזיקער קאָמיסיע קאָן ער ניט, ווײַל ער אײַלט אויף אַ מיטיק אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. איבערלאָזנדיק די דערשטוינטע מיטגלידער פון דער טרויעריק באַוווּסטער קאָמיסיע אין אַ צושטאַנד, נאָענט צו כאַלאָשעס, איז דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט סײַרוס איטאָן אַוועק צופוס, אין דער באַגלייטונג פון אַ נײַגעריקער כאַפּטע פרעסע־ און ראַדיאָ־קאָרעספּאָנדענטן, צום הויז, אויף וועלכן ס'איז אויסגעהאַנגען די סאָוועטישע פאָן.

— וואָט קאַקאָי סטאַריק! (אָט וואָס פאַר אַן אַלטער דאָס איז!) — שעפּטשעט מיר אין אויער אַרײַן פּאָלעוואָי.

ען איטאָן האָט צו מיר אַן איניען. אירע אַ פרײַנדן, אַ פּראָגרעסיוו־געשטימטע ייִדישע פרוי, וויל מיך אײַנלאַדן מאָרגן אויף מיטיק אין אַ קליוולענדער האָטעל. זי בעט מיך זייער, ען איטאָן, זי וועט מיך באַלד פאַרבינדן מיט יענער פרוי דורכן טעלעפאָן. איך ענטפער: עסן מיטיק מיט אַ ייִדישער פּראָגרעסיווער פרוי, מיט ען איטאָנס אַ פרײַנדן — פאַרוואָס ניט? ען איטאָן איז באַגײַסטערט: זי האָט געמיינט, אַז עס וועט זײַן שווער מיך אײַנרײדן. סײַרוס איטאָן גייט צו צו אונדז. ער ווייסט, וועגן וואָס מיר שמועסן. מיט גרויס אָפּשײַ רעדט ער וועגן די ייִדן אין אַמעריקע, ספּעציִעל וועגן די קליוולענדער ייִדן, וועגן זייער איבערגעגעבנקײַט צום לאַנד, וועגן דער אַרבעטזאַמקײַט, ענערגיע. ער האַלט, אַז מײַן קומען קיין אַמעריקע און די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער, אין וועלכער עס גייען דורך די באַגעגענישן מיט דער פרעסע און מיט די אָרטיקע ייִדן, וועט „אַרײַנטראָגן אינפאָרמירטקײַט אין דער פאַרוואָרלאָזטער פראַגע" — אין דער פראַגע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. ער האַלט, ווײַטער,

אז „אזא פראָבלעם איז פאַראַן, און מע דאַרף זי ניט לאָזן אַף העפקער", ווײַל „אויב ס'איז עמעס, אַז אַמאָל האָבן אין טכום אַ סאַך ייִדן זיך פאַרנומען מיט האַנדל־וואַנדל, דאָס הייסט, ווי בײַ אײַך דריקט מען זיך אויס, מיט ספּעקולירן, איז דאָך אוואַדע עמעס, אַז הײַנטיקע צײַטן פאַר־נעמט מען זיך אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער מיט ספּעקולירן אַרום ייִדן, אַרום דער ייִדישער פראַגע"...

— די אַמעריקאַנער צײַטונגען, וואָס איך לייען, האָבן געמאַכט פון אײַך אַ סענסאַציע... נו, זאָל עס אײַך ניט אַרן... ווען עס גייט אַ רייד וועגן אַ קעגנער, איז בײַ אונדז אין לאַנד ניט אָנגענומען צו מאַכן אַ סענסאַציע פון אַזוינס, וואָס האָט ניט די ווערט...

פאַרנאַכט קומט פאַר אַ היימישע אופנאַמע: די מישפּאָכע איטאָן, אונד־זער גאַנצע גרופּע, איינער אַ רוסישער פּראָפעסאָר, וואָס לעבט שוין לאַנגע יאָרן אין אַמעריקע, דער „פּאָליטישער פּאַרוואַלטער" איטאָנס — נאָום קאַמינסקי, אַן אַסימילירטער ייִד, אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש. ראָבערט ראָזשדעסטווענסקי און איך לייענען לידער. מע רעדט וועגן קענעדיס טויט. פּראָפעסאָר קאַמינסקי דערציילט אייַנצלהײַטן וועגן דער לעווײַע פונעם פּרעזידענט, וועלכע איז פאָרגעקומען נעכטן אַפן אַרלינגטאָן־בעסוילעם אין וואַשינגטאָן. הײַנט לעבט שוין אַמעריקע „נאָרמאַל". די אָוונט־צײַטונגען זײַנען ווידער פול מיט רעקלאַמע און מיט פאַרשיידע־נערליי פּוסטע זאַכן. סײַרוס איטאָן זאָגט, קוקנדיק אַף אונדז מיט טרויע־ריקע אויגן:

— איצט וועט נאָכן סענטימענטאַלן טומל זיך אײַנשטעלן אַרום דעם מאָרד אַ שטילשווײַגן...

26 נאָיאַבער

אופגעוועקט האָט מען אונדז פינף אַזייגער פאַרטאָג — אַפן דאָרפישן שטייגער. באַם פרישטיק דערמאָנט עמעצער די שטאָט דאַלאַס, וווּ קענעדי איז דערשאָסן געוואָרן.

— דאַלאַס, — זאָגט סײַרוס איטאָן, — דאָס איז אַ מין אופגעקומענער גוויר מיט פּראָווינציעלע מידעס... די רײַכקײַט רינט דאָ איבער דער באָרד. און אַלץ איז אין דאַלאַס העכער דער נאָרמע: דער גרעסטער האָטעל אין דער וועלט (מיט אַן אייגענעם אַעראָדראָם); אַ באַנק, אין וועלכן די סטעליע איז געמאַכט פון גאָלד; אַ מענטש, וואָס איז דער גרעסטער מיליאַרדער אַף דער פּלאַנעטע (האַראָלדסאָן לאַפײַעט כאַנט לייגט אַרײַן יעדן טאָג אין קעשענע צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר ריינעם רעווען)... אין דאַלאַס איז פאַראַן אַ קלוב „דער ראַט פון די בירגער". אַרײַנקומען אַהין קאָן בלויז דער, וועמען עס זאָגט, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, „יאָ", אויב מע בעט בײַ אים הונדערט טויזנט דאָלאַר...

איטאָן רעדט מיט ווייטעק:

— ערגעץ האָט מען געשריבן, אַז קענעדין האָט דערהאַרגעט דער קלימאַט פון טעכאַס... יאָ, יאָ, טײַערע, דער קלימאַט אין טעכאַס, ווו אַ ביקס קאָסט ווערלוועלער פון אַ פּאָר שיך...

און ער ענדיקט מיט די ווערטער:

— איך האָף, אז דער פאל מיטן אומזיניקן אטענטאט אפן פּרעזידענט פון אמעריקע וועט זײַן פאר די אמעריקאנער א לערע, אז פונקט אזוי אומזיניק קאָן מיטאמאָל אומגעבראכט ווערן די גאנצע מענטשהײַט, אויב עס וועט גאָרניט געטאָן ווערן צו פארמײַדן עס.

נו, געגנוג רוען! צוויי מעסלעס איז שוין צופיל; דער נעכטיקער טאָג, א טאָג אָן ארבעט, איז אליין אויך איבערגענוג אף צו אופשטעלן די קויכעס.

נײַן אזייגער אינדערפרי זײַנען מיר שוין אין שטאָט, אין קליוולענד. מיר טרעטן ארויס אין א טעלעוויזיע־פּראָגראם. די גאנצע גרופּע אונד־זערע זיצט בא א טיש, דער אָרטיקער קאָמענטאטאָר שטעלט יעדן א פראגע. אף מײַן גורל פאלט אויס „די סאמע שווערע":

— פארוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאגאָגעס, איידער אין קליוולענד?

ווען די אופנאם־קאמערעס זײַנען שוין געווען אויסגעשלאָסן, האָט מיר געזאָגט דער קאָמענטאטאָר, אז פאר אים איז געווען אומדערווארט, וואָס מײַן ענטפער איז לויט דער צאָל ווערטער געווען קירצער פון דער אזוי אויך קורצער פראגע; דער סצענארי פון דער פּראָגראם האָט פאָרויסגעזען, אז איך וועל וועגן אזא „קאָמפּליצירטן איניען" ריידן אמווייניקסטן פינף מינוט.

בעקיצער — „פארוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאגאָגעס, איידער אין קליוולענד?". מײַן ענטפער:

— ווײַזט אויס דערפאר, ווײַל סע זײַנען דאָ ווייניקער גלייביקע...

בענעמאָנעס, איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, פארוואָס דער קאָמענטא־טאָר האָט פלאנירט, איך זאָל וועגן דעם ריידן מערער...

פונעם טעלעוויזיע־צענטער פאָרן מיר אין קלוב פאר געשעפטסלײַט („סיטי־קלאב") אף א פּרעסע־אינטערוויו. דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער רײַזע אונדזערער איבער אמעריקע האָט מען דאָ ניט געשטעלט קיין „יִידישע פראגעס". לויט דער באקאָשע פון די זשורנאליסטן האָב איך דערציילט וועגן אונדזער סאָוועטישן יאָמטעוו, וואָס הייסט „טאָג פון פּאָעזיע", און זיך ארויסגעזאָגט וועגן דער שאפונג פון אייניקע הײַנט־צײַטיקע אמעריקאנישע שרײַבער (וויליאם סאראָיאן, דזשאָן סטיינבעק, מיטשעל ווילסאָן). דער קאָרעספּאָנדענט פון „קליוולענד פרעס" האָט זיך מוידע געווען:

— מע רעדט וועגן אײַך בלויז מיט איין מאָס: א יִידישער פּאָעט, א יִידישער רעדאקטאָר, א סאָוועטישער פּראָפּאגאנדיסט... ווילן מיר זען, וואָס איר „קאָסט" פון אן אנדער זײַט...

א רײַזע איבער קליוולענד. פונעם ארכיטעקטור־שטאנדפּונקט איז דאָס א שטאָט פון מיטעלן גראד. גלײַך נאָך דער הויפּט־גאס הייבן זיך אָן די ארבעטער־פאָרשטעט. קליוולענד איז איינער פון די גרעסטע אינדוסט־ריעלע צענטרען פון אמעריקע.

אין האפן בא דער אָזערע ערי — אַן אלט אונטערוואסער־שיפל, עטלעכע בארזשעס. ס׳איז א גאנץ רויִק אָרט, מע זעט ניט קיין מעכטיקע קראנען, קיין גרויסע שיפן. ניט ווײַט פונעם האפן — אַן אוקראַיִנישער קווארטאל. אַף אייניקע שילדן זײַנען די אופשריפטן געמאכט אין רוסיש.

מיר קערן זיך אום אין „סיטי־קלאב״, וווהין עטלעכע אָרטיקע טוער האָבן אונדז פארבעטן אַף א לאַנטש. די קליוולענדער ווארטן שוין אַף אונדז. זיי זײַנען אלע געשטימט פרײַנטלעך.

ווען דער שמועס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, קומט ארײַן א באַיאָרטער מענטש, וואָס פירט זיך דאָ מיט אלעמען היימיש. עס זעט אויס, ער זאָל צווישן זיי זײַן דער „אָרעמער און פריילעכער״ — דער ליבלינג.

— איך הייס מעקס הארוויץ, — זאָגט ער צו מיר מיט א טאָן פון איינעם, וואָס קאָן אויך א שפּאס טאָן פון זיך אליין, — בא אײַך ווערט עס מאכן מאָרדכע־זעליק הורוויץ, אזוי ווי עס האָבן געהאט די האָזע צו רופן זיך אונדזערע טאַטעס און זיידעס...

מאָרדכע־זעליק הורוויץ שטאמט פון א שטעטל לעבן דווינסק. בייסן ערשטן וועלט־קריג האָט ער עמיגרירט, דערנאָך ארומגעוואַגלט איבער אייראָפּע, ניט איין יאָר זיך אָפּגעוואלגערט אין יאַפּאָניע און ענדלעך „געבליבן שטעקן״ אין אמעריקע, אין דער שטאָט קליוולענד. מעקס הארוויץ איז א קאָמיוואָיאַזשאָר. ניט לאנג צוריק איז ער געווען אין לענינגראד בא זײַנע קרוויווים.

— מאָרדכע־זעליק, — פרעג איך אים, — וואָס וואָלט איר מיר געקענט זאָגן יענע יידישע טוער אין אמעריקע, וועלכע שרײַבן אין די בלעטער, אז מע פארפאָלגט אײַערע לענינגראדער קרוויווים?

דער באַיאָרטער קליוולענדער קאָמיוואָיאַזשאָר האָט אַף א פאָלקסטימלעכן רוסיש געגעבן אַן אדרעס, וווהין אָפּשיקן די אויבנדערמאָנטע טוער. ציטירן די דאָזיקע ארויסזאָגונג פונעם פעטער מעקס איז ניט קעדײַ. אלס קאָמפּענסאציע וועל איך אַף טשיקאַווע ברענגען צוויי אנדערע „פסוקים״ זײַנע.

וועגן די אמעריקאנער קלאל־טוער פונעם טיפּ „שיינע יידן״ זאָגט מאָרדכע־זעליק:

— זיי ווילן יידישקײַט בא יענעם...

און אָט איז זײַן באַציִונג און זײַן שײַכעס צום איניען קאָסמאָס:

— איך בין גרייט אוועקפליִען אַף דער לעוואָנע, אבי מײַנע קינדער דאָ אין אמעריקע זאָלן האָבן אזא גורל, ווי די קינדער פון מײַנע קרוויווים אין לענינגראד...

ווען מע האָט אינדערפרי, בא די איטאָנס, מיר געזאָגט, אז מע פארבעט מיך אין אָרטיקן אוניווערסיטעט „אַף א שמועס וועגן די סאָוועטישע יידן״, האָב איך די מיסיע איבערגעגעבן דעם אקאדעמיקער קאָנסטאנטינאָוו, וועלכער האָט אלציינס געדארפט דאָרט זײַן.

אויסהערנדיק מײַן באקאָשע, האָט דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון פילאָסאָפיע בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר זיך איבערגעשראָקן אַף טויט:

— וואָס טוט איר מיט מיר? איר ווייסט דען ניט, אז אין דער סובסטאנץ, וואָס אנטפּלעקט זיך אין דעם סכום ווידערשפּרוכן ארום דער ייִדן־רעאַליטעט, האָב איך קיין מינדסטע אנונג ניט?!

— איך ווייס, פיאָדאָר וואסיליעוויטש, איך ווייס... אָבער העלפט מיר אָפּצוטאָן פאר דער גאנצער רייזע כאָטש איין שפּיצל דעם פארפירטן אוילעם...

...איצט האָב איך שוין יעדיעס, אז אָפּטאָן דעם אוילעם א שפּיצל האָט זיך ניט איינגעגעבן. ארויסטרעטנדיק אלס „ספּעציאַליסט אין דער ייִדן־פראַגע", האָט דערווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אקאַדעמיע פון פססר קאָנסטאנטינאָוו זיך ארופגעכאַפּט אפן פערדל פון א געניטן לעקטאָר, און האגאם ער האָט ניט געוווּסט קיין ציפערן און קיין דעטאַלן פון דעם איניען, האָט ער אזוי הייס און אופריכטיק גערעדט, אז די סטודענטישע אאודיטאָריע איז געווען באגייסטערט.

צו פיר אזייגער באטאָג זאמלען מיר זיך אלע צונויף אין אריסטאָקראַטישן „יוניאָן־קלאַב", אין סייַרוס איטאָאַנס ארבעטס־קאבינעט אפן צוויי־און־דרייסיקסטן שטאָק פון א וואָלקנקראצער.

מיר לאָזן זיך אראָפּ אין א גרויסן זאַל, ווו איטאָאַן גיט א באנקעט לעקאָוועד דער גרופּע טוער פון דער סאָוועטישער קולטור. עס זיינען בייַוועזנד די באלעבאַטים פון זיבעציק וויכטיקסטע פירמעס און בענק, וועלכע בילדן די מעכטיקע „קליוולענדער אינדוסטריעל־פינאנציעלע גרופּע". בא יעדן פון אונדז אף דער ברוסט שפּיליעט מען צו א קוויטל: אָט דער מענטש — איז אזא און אזא, ער הייסט אזוי און אזוי און טוט דאָס און דאָס... ווילט איר, קלייַבט אים אויס פאר אייַער קאָמפּאניע; ווילט איר, קלייַבט אויס אָן אנדערן.

ווען איך בין שוין קימאַט אָן קויכעס פון ריידן און ריידן און ריידן מיט די נייַגעריקע, גייט צו מיר ערשט צו א פּאָרפּאָלק — פון די סאַמע געהויבענע געסט, ווי עס זאָגט די איבערזעצערן. סיי ער, דער אייגנטימער פון א באנק, סיי זייַן פרוי זייַנען ניט קיין ייִדן. דער באנקיר דערציילט מיר: א שאָ צוויי פארן באנקעט האָבן די אָנפירער פון אָן אָרטיקן ייִדישן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו, זייַנע קליענטן, געבעטן אים, ער זאָל מיט מיר זיך צונויפריידן וועגן אָרגאניזירן א באגעגעניש מיטן קאָלעקטיוו. ער האָט צוגעזאָגט. האָט אָבער א מינוט צען פאר זייַן אָפּפאָרן אהער אָנגעקלונגען א פאָרשטייער פונעם ראַבאָנים־ראַט און געוואָרנט, אז אויב ער וועט אזא באגעגעניש אייַנאָרדענען, וועלן די ראַבאָנים רופן די גלייביקע ייִדן צו באָיקאָטירן זייַן באנק.

— וואָס טוט מען, מיסטער עדיטאָר (רעדאקטאָר)?

— בארויִקט זיך, איך פאָר אלציינס מאָרגן אינדערפרי אוועק קיין סאַן־פראנציסקאָ. גיט איבער א גרוס דעם דראמאטישן קאָלעקטיוו...

ווען דער באנקעט איז שוין געענדיקט און די כאַווײרים מייַנע פאָרן אָפּ אין „איטאָאַן־לענד" (אזוי־רופט מען דעם גוט מיט די פירמעס), פירט מיך איטאָאַנס פּאָליטישער פארוואַלטער נאַום קאַמינסקי אָפּ אין „ארקאנזאַס"

און לאָזט מיך איבער אין רעסטאָראַן פון אָט דעם האָטעל מיט עַן איטאָנס כאוועדטע, זייער א ווילע ייִדישע פרוי, וועמעס פאמיליע איך האָב, צום באַדויערן, ניט פאַרצייכנט.

מיר עסן מיטיק און שמועסן. א שאָ צי מער גערויערט עס. ווען דער מיטיק איז געענדיקט, דאַנק איך אָפּ און שטיי אויף אַף אוועקצוגיין. די פרוי איז פאַרכידעשט:

— איר מיינט, אַז דער שמועס מיט מיר — דאָס איז אַלץ? אין זאַל פון האָטעל וואַרטן הונדערט פופציק טוער פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. קומט!

אַן אַנדער ברייִרע האָב איך? ביז צוועלף באַנאַכט דויערט דער שמועס מיט די הונדערט פופציק. צווישן זיי איז פאַראַן אַפילע א ראָוו. ער האָט, קומענדיק אַף דער באַגעגעניש, געמאָלדן: „איך וויל ניט לעבן מיט די זיטן פון דער אינקוויזיציע"...

מיסטער קאַמינסקי איז מיט איטאָנס מאַשין אוועקגעפאָרן און פאַר מיר איבערגעלאָזט א טאַקסי. און ווײַטער געשעט אַזוינס, וואָס איצט, ווען איך פּלי שוין קיין סאַן־פראַנציסקאָ, לאַך איך, דערמאָנענדיק זיך אין דעם. אָבער באַנאַכט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען... נאָר לאָמיר עס דערציילן בעאריכעס.

ווי געזאָגט, זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן פון האָטעל גלײַך נאָך האַלבער נאַכט. צו איינס אַזייגער האָב איך געדאַרפט זײַן אַפּן אָרט. ס'האָט מיך עטוואָס אײַנגעוויגט. איך טרייסל אָפּ דעם שלאָף, טו א קוק אַף דעם זייגער און דערזע: דאָס ווײַזערל שטייט בא 2.30. מיר טראָגן זיך גאַנץ שנעל איבער עפּעס א שאָסיי. באַם רודער זיצט דער טאַקסיסט — א יונגער באָכער, אין א רעקל אַף בליץ־שלעסער, פון וועלכן ס'קוקט אַרויס א געקעסטלט העמדל — כלעבן, א מין אָסוואַלד, צי א רובי. דער קאַרק בא „מײַן" אָסוואַלד — א קוואַדראַטער, מער זע איך פון הינטן גאָרניט. לויט דעם, ווי עס גייען בא אים אַרום די אָדערן לעם די אויערן, שטויס איך זיך אָן, אַז ער קײַט גומי. ריידן מיט אים קאָן איך ניט.

נו, גוטערברודער, טראַכט איך זיך, עס האָט בא דיר א ווערט, אויב עמעצער האָט באַצאָלט פאַר דער טירכע, אוועקפירן א מענטשן אין האַצעפּלאָץ און דאָרט מאַכן אים די שפּיל. אין דער רעגע קערעוועט די מאַשין אָפּ אַף רעכטס. שאַ, מע דאַרף טאַקע אַזוי טאָן, פאָרנדיק צו די איטאָנס. דאָרט באַווײַזן זיך די הײַזער אין פינף מינוט אַרום, און דאָ פאָרן מיר ווידער אַף א זײַטיקן וועג א מינוט דרײַסיק. די מאַשין פאַר־קערעוועט נאָכאַמאָל — איצט אַף לינקס, און מיר פאָרן אַרײַן אין א פאַרטונקלטער אַליי. לעבן אונדז גייט א צווייטע מאַשין. מער זעט מען אַף דער אַליי קיינעם ניט און גאָרנישט ניט.

און אָט — פּריִער אונדזער אַוטאָ, דערנאָך דער צווייטער שטעלן זיך אָפּ. „מײַן" אָסוואַלד גייט אַרויס פון קאַבינע און שמועסט זיך דורך מיט זײַן קאָלעגע. דערנאָך זעצט ער זיך צום רודער און פאָרט ווײַטער. עס הייבט זיך אָן א ברייטער וועג. איך גיב א קלאַפּ גוטברודעריש דעם באָכער איבער דער פּלייצע און זאָג אים אַף א פאַרשטענדלעכן רוסיש:

— יעדיעם? (מיר פאָרן?)

ער ענטפערט ביטמימעס מיט עטלעכע הארטע גאַרגל־קלאנגען, וואָס קלינגען אין מײַנע וואכע אויערן, ווי, לעמאָשל, דאָס ברומען פון א טיגער. אין דער זעלבער צײַט טוט ער א ווונק צו מיר און צעלאכט זיך.

מיר פאָרן צו צו א בענזין־קאָלאָנקע. ניין, ניט קעדיי נעמען בענזין, נאָר קעדיי דורכשמועסן זיך. איצט זע איך שוין, אז דער ארבעטער בא דער קאָלאָנקע ווײַזט דעם שאָפער אָן דעם וועג. נו, דאנקען גאָט, מיר האָבן ניט מער ווי פארבלאָנדזשעט. אין צוויי־דרײַ מינוט ארום פארקע־רעווען מיר ווידער אף רעכטס, און עס באווײַזן זיך איטאָנס הײַזער. ס'איז פיר אזייגער פארטאָג. די כאַוויירים מײַנע און די באלעבאטים שלאָפן ניט. מע לויפט ארויס אין דרויסן מיט פריידיקע געשרייען, מע נעמט זיך קושן און האלדזן, ווי איך וואָלט אמווייניקסטן געקומען צוריק פון קאָסמאָס. דער שאָפער דערציילט עפעס איטאָנען מיט א פריילעך קאָל. איטאָן שטופּט אים אין האנט עטלעכע דאָלאר־פּאפּירלעך. איך געזעגן זיך מיטן טאקסיסט אף יידיש:

— זײַ געזונט, רעב אָסוואלד...

ער שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ: „אָסוואלד... אָסוואלד"...

איך באווײַז זיך אײַנוואשן און איבערטאָן זיך, — און מע דארף שוין גיין עסן פרישטיק. ווען איך קום ארײַן אין עסצימער, האלט ען איטאָן אין האנט א צײַטונג און באווײַזט זי מיט אופגעבראכטקײַט ניקאָלײַ בלאָ־כינען און זײַן פרוי נאדיעזשדא געגריכאָוונען. די צײַטונג הייסט « The plain dealer » („דער געשעפטסמאן פונעם פליין"). אף איין זײַט איז אָפּגעדרוקט א גאנץ פײַנער רעפּאָרטאזש וועגן אונדזער נעכ־טיקן פרעסע־אינטערוויו, אפילע צוויי פאָטאָס, אָבער אף דער צווייטער זײַט... די גאנצע רעקלאמע־זײַט איז ארײַנגענומען אין א רעמל, און אונטער א ריזיקן קאָפּ אף רוסיש «Остановитесь!» איז אָנגעפּאטש־קעט אן אומגעהערטער לויט זײַן אנטיסאָוועטישן מעשוגאַס ראבאָ־נישער אופרוף, אז מע זאָל „זיך אָפּשטעלן", מע זאָל אופהערן „שנײַדן יידן אין די גאסן" בא אונדז אין באָלשעוויסטישן רוסלאנד... די ראבאָנים האָבן אָפּגעקויפט די גאנצע רעקלאמע־זײַט פון דער אפּאָליטי־שער געשעפטלעכער צײַטונג און ארײַנגעגאָסן אהין זייער פּאָליטישן סאַם. סארא רײַכע ראבאָנים...

עס קומט ארײַן נאום קאמינסקי און ברענגט דעם פרישן „קליוולענד פּרעס". דאָ איז וועגן דעם נעכטיקן אינטערוויו דערציילט אין א פרײַנט־לעכן טאָן.

מיר נעמען זיך געזעגענען מיט אונדזערע הארציקע באלעבאטים. די פרויען קוויטשען באַם געזעגענען זיך, די מאנצבלען ברומקען אונטער. מע וויל זיך ניט צעשיידן. מע מוז זיך צעשיידן. די איטאָנס זאָגן צו קומען קיין מאָסקווע אין א פּאָר כאדאָשים ארום.

מיר פליִען קיין סאַן־פראנציסקאָ. אין טשיקאגאָ נידערן מיר אראָפּ און גייען איבער פון איין עראָפּלאן אין א צווייטן (עס בײַט זיך די אוויִא־ליניע), ניט ארופּשטעלנדיק קיין פוס אף דער ערד פונעם עראָ־

פּאָרט. גלײַך פון דעם טראַפּ פאַלן מיר אַרײַן אין אַ מין קאָרידאָר־איבער־גאַנג, וואָס פירט צום טראַפּ פון דעם צווייטן „באָזנג".

אין ראַיאָן פון דענווער, דעם „האַרץ", אַזוי צו זאָגן, פון קאָלאָראַדאָ, הייבן זיך אָן די באַוווּסטע „פעלדזן־בערג", וואָס ציִען זיך שוין ביזן אָקעאַן, ביז סאַן־פראַנציסקאָ. די שפּיצן פון די בערג זײַנען פאַרשנייט. און איינצײַטיק איז קאָלאָראַדאָ פול מיט זון, ווי אַן איידלשטיין איז פול מיט „וואַסער", וואָס שפּילט, רינט, פליסט — און גיסט זיך ניט אויס.

ווען מיר פליִען פאַרבײַ דעם העכסטן אין אָט די בערג „פּיראַמיד־פּיק", גייט דער „באָזנג" אַרויס פון די וואָלקנס, עס פאַרשווינדט דער שניי, און אין די קנייטשן פון די שוואַרץ־גרינע בערג הייבן זיך אָן באַווײַזן הײַזער הײַפעלעך הײַזער, פון וועלכע ס'גייען אַוועק אויף מײַרעוו, צו די גרויסע שטעט, דינע ווײַסע וועגן — אָט זע איך פון דער הייך, ווי די וועגן לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ טאָל, אין וועלכן סע איז צעוואָרפן אַ פאַר־העלטניסמעסיק גרויסע פאַר אָט די קאַנטן שטאָט אָקלענד. אויף לינקס דערזע איך אַ וואַסער. דאָס איז דער סאַן־פראַנציסקער אײַנגוס. נאָך איין מאָך מיט די פליגל — און מיר זײַנען אין פריסקאָ, ווי די אַמעריקאַנער רופן צערטלעך די געטלעך־שיינע שטאָט באַם שטילן אָקעאַן — סאַן־פראַנציסקאָ.

28 נאָיאַבער

אויף שיפּוּים פון די קאָרדילערן־בערג, אין געדיכטע שאָטנס פון דעם גרויסן קאַליפאָרניער פלאַכלאַנד ליגן צעוואָרפן שטעט און פערמעס. אין איינער אַזאַ שטאָט לעב איך שוין אַ מעסלעס. איך האָב זי ליב באַקומען, די שיינע פרעמדע שטאָט, פאַר איר ניט וועלן זײַן ענלעך אויף אַ ווײַסלײַ־ביקער באַסיעכידע, וואָס פאַרווײַלט זיך און פעסטעט זיך באַם זון־באַלויכ־טענעם זוים פון אָקעאַן. הײַנט פרי־פאַרטאָג האָב איך זי געזען אין אַ פּראָ־סטער בלוזע, ווען זי איז געפאָרן אויף אַרבעט אין אַן אָפענעם באַרג־טראַמווײַטשיק, — אַראָפּגעלאָזט די פיס צו דער ערד, אַ ביסעלע פאַר־שלאָפן, ווײַל מע איז דאָך פאָרט אַ דאָרעם־שטאָט און עס טרעפט אַמאָל, אַז ביז שפּעט אין דער נאַכט מאַכט מען זיך פריילעך.

אויך אין דער שטאָטס פאַרגאַנגענהײַט, פונקט ווי אין דער געשיכטע פון אָט דעם גאַנצן קאַנט קאַליפאָרניע, זעט מײַן אויג מערער שווערע האָרעוואַניע, איידער זאָרגלאָזע אידיליע, מערער שווייס און אָפּטמאָל אפילע גרויל, איידער ראָזעווע פאַרנאַכטן און בלויע פאַרטאָגן. מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט אין קאַליפאָרניע געלעבט אַ פאָלק, — ניט קיין בעסערס און ניט קיין ערגערס פון אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, — עס האָבן דאָ געלעבט די אינדיאַנער. זיי, די באַלעבאַטים פון דער קאַליפאָרניער ערד, זײַנען גאַסטפרײַנטלעך אַרויס באַגעגענען די שפּאַניער, וועלכע האָבן שפּעטער באַ דעם בלויען אָקעאַן אופגעשטעלט אַ מיליטערישע פעסטונג און אָנגערופן זי מיטן נאָמען פונעם הייליקן פראַנציסק. עס זײַנען אַריבער קאַרגע צוויי יאָרהונדערטער — אַ קורצע צײַט, — און הײַנט האָט מען מיר באַוויזן אַ בעסוילעם, ווו עס ליגן

טויזנטער קאַליפאָרניער אינדיאַנער. אַף אַ צייַלעם, וואָס איז געמאַכט פון צווייַגן פון דער אייביקער סעקוואָיע, איז אָנגעשריבן: „אין אָנדענק פון די פאַרגעסענע, וועלכע רוען דאָ"...

קאַליפאָרניע — דאָס לאַנד פונעם גאָלדענעם פיבער, פון דזשעק לאָנ־דאָנס „לעוואָנע־טאָל", און דאָס זייַנען דאָך אויך ניט קיין גלאַט ראָמאַנ־טישע געשיכטעס וועגן גאָלדענע כאַלוימעס. און די נאַפּט־טורעמס, וועלכע אַנדערשן הייַנט איינגאַנצן איבער דעם קאַליפאָרניער פּייזאַזש, זיי זייַנען דען ניט ענלעך אַף צעצווייַגטע הערנער פון אַ הירש, וואָס וואַקסן אַרויס פונעם מאַרך און בלוט פון יענע אַמעריקאַנער, וועלכע פאַרן אין די אינדערפריִען מידע, אין אָפענע טראַמווייַטשיקעס, אַף זייער שווערער האַרעוואַניע?

נעכטן, פינף אַזייגער פאַרנאַכט, ווען אונדזער מאַשין איז אין דעם גרויסן שטראָם אווטאָמאָבילן געקראָכן פונעם פלי־פעלד צום האָטעל, האָט סאַן־פראַנציסקאָ ביסלעכווייַז זיך פאַר אונדז צעעפנט מיט אַ באַזונדערן כיין. גרויסע גרופּעס ווייַסע הייַזער לאָזן זיך דאָ אַראָפּ, ווי אַן אַמפיטעאַ־טער, פון די הויכקייַטן צום אָקעאַן. עס זעט אויס, פּונקט ווי דער שוים פון ריזיקע כוואַליעס וואָלט דערגרייכט די נאָענטע בערג און אַף זיי פאַר־קילט געוואָרן.

אין צענטער שטאָט — עטלעכע וואָלקנקראַצערס, באַלויכטענע ביז דורכזיכטיקייַט, און אַרום זיי — קליינע ווייַסע הייַזער, קליינע ווייַסע שטייַגעלעך, קליינע ווייַסע נעסטעלעך — אַ סאַך, אַ סאַך, אַ סאַך, אַ סאַך. באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ.

אָפּגעגעסן אין האָטעל אָוונטברויט און אויסגעבאָדן זיך, זייַנען מיר אוועק אין סינעראַמע. דער פילם, אַ טיפּישע פאַר אַמעריקע קאָוובאָי־געשיכטע פון די פּיאָנערן־צייַטן, גייט דרייַ שעה מיט אַן איבעררייַס, פּונקט ווי עס גייט אין טעאַטער אַ ספּעקטאַקל אין צוויי אַקטן. די מיידלעך, וואָס קוקן נאָך דער אָרדענונג אין זאַל, טראָגן קאָוובאָי־קאָסטיומען — ברייטראַנדיקע קאַפּעלוישן, געקעסטלטע העמדלעך, לעדערנע הויזן און לאַנגע שפּאָרס אַפן גאַרטל. דאָס איז — רעקלאַמע.

און איצט וועל איך פאַרצייכענען די אייַנדרוקן פון הייַנטיקן טאָג. דער ערשטער אייַנדרוק: 22 גראַדוס צעלסי. מיר האָבן הייַנט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ווי דעם 28 נאָיאַבער. אין מאָסקווע איז דעם 13 נאָיאַבער אויסגעפאַלן אַ שניי. און דאָ, אין סאַן־פראַנציסקאָ, האָב איך איצט, אין צוויי וואָכן אַרום, זיך געבאָדן אין אָקעאַן.

אָנהייב טאָג. אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט אין אַ טוריסטישן אווטאָ־בוס. דער שאָפער, אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם, רעדט אָן אופהער אין מע־גאַפאָן אַרייַן. ווען ער ווייַזט אָן אַף אַ הויז, זאָגט ער גלייַך, וויפל דאָס הויז קאָסט אָדער וויפל עס „קאָסט" דער מענטש, וואָס לעבט דאָרט. באַזונ־דערס גרויס איז דער מעקעך אין נאָבכיל, דעם ראַיאָן פון די העכסטע בערגלעך אין סאַן־פראַנציסקאָ. אַפן נאָבכיל האָבן אַמאָל געוווינט בלויז מיליאָנערן. הייַנט זייַנען דאָ אויסגעבויט רעגירונגס־אַנשטאַלטן און האָ־

טעלן. ווען מיר פאָרן פונדאנען אראָפּ, באקומט זיך, ווי סאן־פראנציסקאָ וואָלט בא יעדן קער פון דער מאשין באוויזן אף דער דלאָניע א נײַעם שטאָטישן אנסאמבל.

אונטן ליגט דער כינעזישער קווארטאל. אין גערוימען פארק „גאָלדענע טויערן" — א דעקאָראטיוו „יאפּאָניש סעדל". און אָט זײַנען מיר שוין בא די עמעסדיקע גאָלדענע טויערן, בא דעם אײַנגוס, וועלכער טראָגט אָט דעם נאָמען. איבער אים שפּרייט זיך די העכסטע בריק אין דער וועלט, וואָס דערמאָנט מיר א גיגאנטישע מעווע איבער אן אומענדלעך וואסער. ניט ווײַט פונדאנען זעט זיך דאָס פעלדזן־אינדזעלע, אף וועלכן עס שטייט אן איימעדיק, סוידעספּול געבײַ — די געוועזענע טורמע אלקאַ־טראַס. דזשעק לאָנדאָן האָט אמאָל געשריבן, אז אָט די סטראשידלע וועט פארניכטעט ווערן, „ווען מיר וועלן זײַן מערער אין צאָל און יעדערער וועט קאָנען זיך באוואָפענען מיט א לאָם"... געשען איז אָבער גאָר עפּעס אנדערש. אין איינער א נאכט, ניט לאנג פאר אונדזער קומען קיין סאן־פראנציסקאָ, זײַנען די ארעסטאנטן געהיים אריבערגעפּעקלט געוואָרן פונדאנען אין אנדערע ערטער, און אלקאטראס האָט אופגעהערט צו זײַן א טורמע. פארוואָס? ווײַל זיי, די ארעסטאנטן, האָבן זיך אויסגעלערנט בײַקומען דעם גרויזאמען שטראָם ארום אינדזל.

דורך די „גאָלדענע טויערן" קומען מיר ארויף אף א וועג, וואָס פירט אין די בערג, צו דעם טויזנטיאָריקן וואלד פון סעקוואָיען. דאָ גייען מיר ארום א שאָ אָנדערהאלבן, ווי מורעשקעס צווישן די אומגלייבלעך הויכע, גראָבע שטאמען. זעכצן טויזנט סעקוואָיען. איינע ליגט אלס מוסטער, ארומגעקלעפּט מיט צעטעלעך, וואָס דערציילן, אז געלעבט האָט זי סאכאקל טויזנט מיט פופציק יאָר; בייס דער אנטדעקונג פון אמעריקע האָט זי שוין, אזוי צו זאָגן, פון לאנג אריבערגעשפּאנט די ביימערשע בארמיצ־ווע...

אין א פיש־רעסטאָראן אין סאן־פראנציסקער האפן, וווּהין מיר זײַנען ארײַן עסן מיטיק, באמערק איך אפן לינקן פוס פון דער יונגער קעלנערשע א מין באגילדעט בראסלעטל.

— וואָס איז דאָס?

זי שמייכלט:

— בא אונדז, ווען א מאנצבל קוקט אף א פרוי, דארף ער וויסן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. א פינגערל אף דער האנט באטײַט דאָס זעלבע, וואָס אומעטום: „פארהייראט"; א בראסלעט אפן פוס באטײַט „פארקנאסט"; נו, און אויב ניט דאָס, ניט יענץ, איז ביטע — קוקט...

— הא־א־א! — רײַסט זיך בא מיר ארויס. — סאן־פראנציסקאָ איז ניט ניו־יאָרק.

און ס'דערמאָנט זיך מיר דאָס ליד, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אין ניו־יאָרק וועגן יונגע ווײַבלעך:

אין ניו־יאָרק
קענען יונגע ווײַבלעך שיסן.
יונגע ווײַבלעך

האָבן וואָס צו שיצן.
נעכטן האָט מען אָף דער פינפטער אַוועניו
די מיסיס בעל
פאַרגוואַלדיקט
(אַזוינס האָט זי פאַר אירע זעקס און אַכציק יאָר
נאָך קיינמאָל ניט געהאַט).
די געפאַר איז אין ניו־יאָרק
פאַר יונגע ווייבלעך
גוואַלדיק.
אַנטאָן צאַרעס קאָן א קלערק,
און א שאָפער,
און א סאָלדאַט.
אין אַמעריקע קענען יונגע ווייבלעך שיסן.
יונגע ווייבלעך
האָבן וואָס צו שיצן.

פאַרנאַכט, נאָכדעם, ווי עטלעכע מענטשן פון אונדזער גרופּע האָבן זיך פאַרנייגט פאַרן סעקוואָי־ציילעם מיטן אויפשריפט: „אין אָנדענק פון די פאַרגעסענע, וועלכע רוען דאָ", האָט דער אַרטיקער מיליאָנער סיריל מאַגנין אײַנגעאָרדנט אין האָטעל „פּיירמאָנט" אַן אויפנאַמע לעקאָוועד די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור. מאַגנין איז ליבעראַל געשטימט און האַלט ניט פון מילכאָמע. צום סאָוועטנפאַרבאַנד באַציט ער זיך מיט נײַגער, קלײַבט זיך קומען צו אונדז צוגאַסט.

פאָרמעל זײַנען מיר פאַרבעטן אָפּעסן מיטן באַלעבאָס אינדיק־פלייש אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַמעריקאַנער יאָמטעוו „טאָג פון דאַנקבאַרקײַט" (אין אָט דעם טאָג עסט מען אינדיקעס). פאַקטיש זעט עס אויס אַזוי. צוערשט — א מיטיק (טאַקע מיט יענעם מין פויגל, וואָס צוליב אים איז דער גאַנצער טאַראַראַם). אויפן ערשטן שטאָק פונעם האָטעל, אין א געראַ־מען זאַל, זיצן אויסגעזעצט אַרום טישן א מענטשן פּופּציק־זעכציק. אין צענטער שטייט אונדזער טיש. מע עסט, און גאָר. שפּעטער הייבט מען זיך אויף אויפן דאַך פונעם טורעם, וואָס קרוינט די געבײַדע פונעם האָטעל. דאָ טרינקט מען קאָניאַק מיט סאָק. דער דריטער אַקט פון דער דראַמע איז עפּעקטפול. ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אויפן זעקסטן שטאָק, גייען פאַרבײַ א קינסטלעכן גאָרטן און פאַלן אַרײַן אין נאָך א רעסטאָראַן. די טישן זײַנען סערווירט. אָף א קליינער עסטראַדע טרעט אַרויס, אין דער באַגלייטונג פון א דזשאַז, די באַוווסטע נעגערישע זינגערן עללאַ פיטצזשעראַל, וועלכע מאַגנין האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט, דוכט זיך, פון ניו־יאָרק.

בעשאַס מע האָט אויפן טורעם געטרונקען קאָניאַק, האָט דער גאַסט־פרײַנטלעכער באַלעבאָס געבעטן דעם ראַטגעבער פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט קאָלאָסאָווסקין, וועלכער איז געקומען צו פאָרן קיין סאַן־פראַנציסקאָ לייענען א לעקציע און איז אויך געווען אין „פּיירמאָנט", — ער זאָל צוזאַמען מיט מיר זיך צוזעצן צו זײַן טיש.

שפּעטער האָב איך אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, טאַקע דאָ אויפֿן אָרט, פֿאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל אונדזער שמועס. קאָלאָסאָווסקי האָט איבער־געזעצט סיריל מאַגנינס ערשטע ווערטער:

— איך בין אַן אַמעריקאַנער ייִד. איר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַזוינס?..

געענטפֿערט האָב איך אויף מאַמע־לשון:

— ווען איך האָב אײַך הײַנט דערזען, האָב איך זיך טאַקע געכאַפּט, אַז איר זײַט אַ ייִד...

ווײַטער האָט מען געמוזט דאָך אָנקומען צום איבערזעצער, ווײַל מאַגנין איז זיך מודיע געווען, אַז ניט נאָר ער, נאָר „כּמעט אַלע סאַן־פֿראַנציס־קער ייִדן" זײַנען „פֿולקום אַסימילירט".

איך האָב געבעטן דעם ראַטגעבער, ער זאָל איבערזעצן אויף ענגליש, אַז בײַ אַן אַסימילירטן אין די אויגן זעט אויס אַליין דער ריבווינעשעלוי־לעם אַסימילירט. קאָלאָסאָווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר פֿאַרוווּנדערט, נאָר איבערגעזעצט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. דער קאַליפֿאָרניער מיליאָנער האָט זיך צעשמייכלט. בײַם דיפּלאָמאַט איז, ווי איך האָב פֿאַר־שטאַנען, אַ שטיין אַראָפּ פֿון האַרצן.

— אַ סאַך ייִדן בײַ אונדז אין אַמעריקע זײַנען מיליאָנערן. עטלעכע הונדערט מאַן, מיין איך...

— כ'בין זיכער, אַז די איבעריקע זעקס מיליאָן אַמעריקאַנער ייִדן האָבן דערפֿון שטאַרק האַנאָע...

אַלע פֿיר מאַנצבלען בײַם טיש (צו אונדז האָט זיך נאָך צוגעזעצט בלאָכין) האָבן היימיש געלאַכט.

סיריל מאַגנין האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויף מײַן אַקסל.

— איר זײַט רײַך?

— איך האָב עטלעכע לידער־זאַמלונגען.

— איר זעט אויס צו זײַן גליקלעכער פֿון מיר.

— איך ווינטש אײַך...

— וואָס ווינטשט איר מיר?

— מע מעג מיט פּראָפּאַגאַנדע?

— וויאַזוי איר ווילט...

— סײַרוס איטאָן איז רײַכער פֿון אײַך... און דאָך איז ער גליקלעך...

פֿאַרן גיין שלאָפֿן, ווען איך האָב שוין פֿאַרענדיקט די נאָטיצן וועגן הײַנטיקן טאָג, האָט ניקאָלײַ וולאַדימיראָוויטש מאָסטאָוועץ מיר אָנגע־קלונגען, איך זאָל אויף אַ רעגע אַרײַנגיין אין זײַן נומער. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ געדרוקטע אין גרינער פֿאַרב פּראָקלאַמאַציע, וואָס עמעצער (ווײַזט אויס, אַ געקומענער פֿון טשיקאַגאָ) האָט בייסן אָונטבראַכט איבער־געלאָזט אויפֿן טיש, בײַ וועלכן מאָסטאָוועץ איז שפּעטער געזעסן.

אָט איז דער טעקסט פֿון דעם בלעטל: „אַ ייִדישער מאַרקסיסט האָט דערהאַרגעט אײַער פּרעזידענט! שטיצט אונדזער פּאַרטיי, די אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי. אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר געפּרוווט אויפֿוועקן אונדזערע ברידער אַמעריקאַנער קעגן אָט די ייִדישע פֿאַרעטער. דער מערדער האָט

געקויפט די ביקס בא א ייִדן טאַקע דאָ אין טשיקאַגאָ. אונטערשריפט: לינקאָלן ראָקוועל, קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי, 1928 נאָרט רענדאָלף סטריט, אַרלינגטאָן, ווירזשיניע".

29 נאָיאַבער

טאַמאַרא מאַמעדאָווא, דער סעקרעטאַר פון אונדזער גרופּע, האָט מיר געזאָגט באַם פרישטיק, אַז דער אַרטיקער ראַוו פּײַן, א מענטש, וואָס זעט א ביסל ווײַטער פונעם בעלעמער, וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קאָמפּליצירטע „דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען". 9.00 אינדערפרי. מאַמעדאָווא קלינגט מיר אין נומער, איך זאָל אַזוי גוט זײַן און אין ערגעץ ניט אוועקגיין, ווײַל אין א מינוט פופצן — צוואַנציק אַרום וועט מיר טעלעפאָנירן פּײַן. 9.10. עס קלינגט האַראָוו פּײַן. ער זאָגט, אַז צווישן די אַמעריקאַנער ראַבאָנים זײַנען פאַראַן ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זײַנען ניט פאַרסאַמט מיט אַנטיסאָוועטיזם. איך שאָקל מיטן קאָפּ צום טעלעפאָן־טרײַבל און האַלט א קורצע רעדע וועגן מײַנע גוטע געפילן צו גוטע ראַבאָנים. האַראָוו פּײַן וויל זיך מיט מיר זען, און ער האַלט, אַז בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, ווען איך נעם אָן זײַן אײַנלאַדונג און קום צוגאַסט צו אים אין סינאַגאָגע. איך ענטפער, אַז א שול איז צוליב דאַווענען. די איבעריקע זאַכן, מיין איך, דאַרף מען טאָן אויסער דער שול. אויסהערנ־דיק מײַנע אַרגומענטן, בעט דער ראַוו, איך זאָל ניט אַרויסגיין פון צימער א מינוט פינף, — ער דאַרף זיך באַראַטן. 9.30. האַראָוו פּײַן טעלעפאָנירט, אַז 2 אַזייגער באַטאָג קומט ער צו מיר אין האָטעל אין דער באַגלייטונג פון דעם „אַקטיוו" פון זײַנע מיספּאַלעלים. 14.00. נאָך אָן אופנאַם באַם מער פון סאַן־פראַנציסקאָ קריסטאָפער בין איך געקומען צוריק אין האָטעל, קעדיי שמועסן מיטן דרייסטן קאַליפאָרניער ראָוו. געטראָפן האָב איך אָבער א טעלעפאָנאָגראַמע פון אים. ער קאָן ניט קומען. ער בעט אַנטשולדיקט זיך געגן לויט אַזאַ און אַזאַ נומער. איך קלינג. האַראָוו פּײַן אַנטשולדיקט זיך און באַדויערט, וואָס דרינגענדיקע הייליקע פליכטן לאָזן אים ניט קומען. ער כאַזערט נאָכאַמאָל איבער די באַקאָשע, איך זאָל באַזוכן זײַן סינאַגאָגע...

באַטאָג קומט פאָר א פּרעסע־קאָנפערענץ אין האָטעל „פּאַלאַס". נאָך דעם אָפיציעלן שמועס, וואָס האָט מיט גאָרנישט זיך ניט אונטערגעשיידט פון א סאַך אַנדערע אַזעלכע שמועסן, איז צוגעגאַנגען צו מיר א זשורנאַליסט און זיך פאָרגעשטעלט:

— אַלבערט ליימאַן פון אָקלענד. איך בין דער רעדאַקטאָר פון „קאַלי־פאָרני דזשויִש רעקאָרד".

— זייער אָנגענעם.

— בייסן אינטערוויו מיט אַלעמען האָב איך ניט געוואָלט פרעגן אונדזערע אָנגעווייטיקטע פראַגן. שמייכלט ניט, בא אונדז איז נאָך ניטאָ קיין פעלקער־פרײַנטשאַפט... און איצט זאָגט מיר, צי איר ווייסט, אַז אין אָקלענד, וואָס ליגט אַף יענער זײַט בריק און גיסט זיך קימאַט צונויף מיט סאַן־פראַנציסקאָ, לעבן צוואַנציק טויזנט ייִדן.

— ניין, איך ווייס ניט.

— קאָן זײַן, אַז די צאָל איז ניט פּינקטלעך... אָבער די סינאַגאָגעס אין אָקלענד האָב איך אַליין געציילט. צוועלף סינאַגאָגעס... ווי איר זעט, לעבן די ייִדן באַם קאַפּיטאַליזם ניט שלעכט. אַף צוואַנציק טויזנט ייִדן — צוועלף סינאַגאָגעס...

— נו?

— וואָס נו? וואָס נו?

— נו, טאַקע וואָס נו?

— טאַקע דאָס נו, וואָס אין דער סאָציאַליסטישער מאָסקווע האָט איר אַף עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן בלויז דרײַ סינאַגאָגעס...

— זאָגט איר דאָך אַליין, אַז מאָסקווע איז אַ סאָציאַליסטישע... פאַרוואָס מיינט איר, אַז מיר דאַרפֿן גיין צוריק צום קאַפּיטאַליזם... צו סינאַגאָגעס... און זײַט אַף מיר ניט אין קאַס, אויב איך וועל אײַך נאָך מער פאַטערן די שטימונג...

— וואָס זשע?

— אין מאָסקווע זײַנען פֿאַראַן ניט דרײַ, נאָר צוויי סינאַגאָגעס...

— און אין דער זעלבער צײַט זאָגט איר, אַז די ייִדן אין מאָסקווע לעבן בעסער, איידער די ייִדן אין אָקלענד אָדער אין ניו־יאָרק?..

— מיסטער ליימאַן, איר טראַכט טאַקע אפּאָנעמעסן, אַז דעם וווּל־שטאַנד פֿון אַ פֿאָלק קאָן מען מעסטן מיט דער צאָל קלויסטערס, סינאַגאָגעס, מעטשעטן? איר אַליין זײַט אַ גלייביקער, מיסטער ליימאַן?

— ניין, פֿאַר זיך דאַרף איך קיין סינאַגאָגע ניט האָבן.

— דאַרפֿט איר זי, הייסט עס, האָבן פֿאַר מיר, פֿאַר אונדז, פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן? מיסטער ליימאַן, באַ אַזאַ זעלטענער געלעגנהײַט, ווען איר טרעפֿט זיך מיט אַ מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט, געשיקט זיך, האָט איר ניט קיין מער ערנסטע פֿראַגעס צו באַהאַנדלען?

— עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אַליין די טעמע איז אײַך דערעסן...

— טאַקע יאָ. אין מאָסקווע פֿאַלט אונדז ניט אײַן צו ריידן וועגן סינאַגאָגעס. און דאָ... אַף יעדער פּרעסע־קאָנפֿערענץ. אין קליוולענד האָט מען מיר צוריק מיט אַ פּאָר טעג געשטעלט די זעלבע פֿראַגע. קוקט זיך אײַן אין אײַער אייגענער אַמעריקע, מיסטער ליימאַן. זי איז שוין אויך געווען אין קאָסמאָס... עפּשער וואָלט געהאַט אַ זין, אַז איידער פֿרעגן אַזעלכע קאַשעס, זאָלט איר בעסער צופֿאָרן צו אונדז אין סאָוועטנפֿאַר־באַנד...

פֿאַרנאַכט איז געקומען צו אונדז אין האָטעל דער אַמעריקאַנער שרײַ־בער אַלבערט קאַן. ער פֿירט אונדז אָפּ אין זײַן מאַשין אַף דער פּערמע פֿונעם רײַכן אַדוואָקאַט און געשעפֿטסמאַן האַלטען, וועמען די אָרטיקע רעאַקציאָנערע קרײַזן האָבן ניט לאַנג צוריק שיר ניט דערפֿירט צו באַנ־קראָט פֿאַר זײַנע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

האַלענס שטוב שטייט באַם סאַן־פֿראַנציסקער אײַנגוס, באַם סאַמע וואַסער. ווען מיר קומען אַרײַן, איז שוין פֿול מיט געסט. מיר טרעפֿן דאָ דעם פּרעזידענט פֿון דער קאַליפֿאָרניער אָרגאַניזאַציע פֿון אַמעריקאַניש־

סאָוועטישער פּרעזידענטשאַפֿט פּראָפֿעסאָר ראָבערטס, דעם באַקאַנטן פּובלי־ציסט ראָבינסאָן, דעם פּאָרזיצער פֿונעם פּראָפֿאַריין פֿון פּאָרט־ און סקלאַד־אַרבעטער פֿון דעם שטילאָקעאַנישן ברעגלאַנד ברידזשעס. א סאַך ייִדן זײַנען דאָ צווישן די געסט. זיי שאַפֿן א גרויסע טומלדיקע גרופּע. באַזונ־דערס ציט צו די אויפֿמערקזאַמקייט איינס א גאַנץ טשיקאַווע געזינדל. זי, די מאַמע, א כיינעוודיקע שוואַרצע פֿרוי פֿון מיטעלן עלטער, — זי זאָגט וועגן זיך (אין א געבראָכענעם רוסיש), אַז זי שטאַמט פֿון קערטש און אירע עלטערן זײַנען גריכן, נאָר, „אויב איר ווילט, זײַנען זיי אויך עטוואָס ייִדן". אַרום איר דרייט זיך אַרום איר פֿינקטלעכע קאָפּיע, ייִנ־גער פֿון איר אַף א יאָר צוואַנציק. און דעריקער... דעריקער ער, דער מאַן! אָט זיצט ער א לעבעדיקער, א געזונטער אַפֿן טרעפּל... אָבער ווען ער, דער ייִדישער דאָקטער, וואָלט באַצײַטנס ניט אַנטלאָפֿן פֿון דײַטשלאַנד, — וואָס וואָלט מיט אים געווען?

מע טרעט מיר אָפּ אַן אָרט לעבן דעם דאָקטער, און דאָ, אַפֿן דיל, וואָס איז געמאַכט פֿון סינטעטישן וואַילעק, קומט פֿאָר עפּעס אַזוינס, וואָס מע וואָלט געקאָנט אין א שפּאַס אָנרופֿן „סימפּאָזיום פֿון ייִדן פֿון דער זײַט יאָם מיט א ייִדן פֿון יענער זײַט יאָם וועגן דעם, וואָס עס דאַרפֿן טאָן ייִדן פֿון ביידע זײַטן יאָם".

איינער פֿון די געסט, דער קאָמענטאַטאָר פֿון דער אָרטיקער ראַדיאָ וויליאַם מאַנדעל, זאָגט מיט א פּאָלעמיש פֿײַערל אין די אויגן:

— מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, זײַנען פּאַטריאָטן פֿון אַמעריקע, פֿון אונדזער היימלאַנד, מיסטער שעף־רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

איך ענטפֿער, אַז עס וואָלט אויסגעזען גאַנץ טשיקאַווע, ווען דער קאָמענטאַטאָר פֿון דער סאַן־פֿראַנציסקער ראַדיאָ זאָל זײַן א פּאַטריאָט פֿון סאַן־דאָמינגאָ אָדער פֿון סאַוד־אַראַביע.

— אָבער זאָגט זשע דעם עמעס. איר וואָלט גערן אײַנגעגאַנגען, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן זײַן פּאַטריאָטן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד!

— ניין, מיר וואָלטן ניט „אײַנגעגאַנגען". מיר נייטיקן זיך ניט אין אימ־פּאָרטירטן פּאַטריאָטיזם. פּונקט אַזוי פֿאַרעכענען מיר ניט פֿאַר קיין וויר־דיקע בירגער פֿון אונדזער לאַנד יענע מאָראַלישע קריפּלען, וועלכע גיבן אָפּ אַף עקספּאָרט, לעטוויוועס אָן אַנדער מעדינע, זייער „פּאַטריאָטיזם".

דער דאָקטער, א מענטש א באַדאַכטער, רופֿט צו דאָס ווײַב און רעדט מיט איר אַף דײַטש. ער וויל, זי זאָל באַשטעטיקן, אַז ווען ער איז אַנט־לאָפֿן פֿונעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו האַלטן „דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון העגעלן און היינען" אויך פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד.

— ייִדן לעבן הײַנט אַף ביידע זײַטן באַריקאַדע, — זאָגט ער מיטאַמאָל הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, — זיי לעבן סײַ דאָ, סײַ דאָרט... דאַרפֿן זיי העלפֿן צענעמען די באַריקאַדע...

איינער פֿון די אָנוועזנדע, וואָס האָט דעם אָנבליק פֿון א „גוד לוקינג מען" — א מענטש, וואָס זעט גוט אויס, — קערט אונדז אום צו דער פּאָלעמיק וועגן פּאַטריאָטיזם. ער פֿרעגט, טײַטנדיק אַף מיר מיטן פֿינגער:

— זאָגט, איר זײַט א פּאַטריאָט פֿון ייִשׂראָעל?

— איך בין א פאַטריאָט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.
דער גוד־לוקינג־מען לאָזט אַרויס א געשריי, ווי, לעהאַוודל, א גלאַדיאַ־טאָר, וואָס האָט אָוועקגעלייגט זײַן קעגנער:
— איר הערט? איר הערט? א ייִד, און איז ניט קיין פאַטריאָט פון יִשׂראל!..
— אויב איר זײַט א פאַטריאָט פון דאָרטן, איז פאַרוואָס דרייט איר זיך אַרום דאָ? — האָט געלאָזן און שטיל א פרעג געטאָן א באַיאָרטער מענטש, וואָס איז געזעסן עטוואָס אין א זײַט.
דער גוד־לוקינג־מען האָט אַף אים זיך א לאָז געטאָן:
— איר זײַט א קאָמוניסט, דאָס ווייס איך...
— איר האָט ניט געטראָפן, איך בין פּשוט ניט קיין ציוניסט... די קאָמוניסטן פון יִשׂראל זײַנען זיכער פאַטריאָטן פון יִשׂראל.
אין דער זעלבער מינוט זײַנען אין צימער אַרײַנגעקומען האַלענס זון (אויספּילנדיק די פליכטן פון דעם סאַר־האַמאַשקים, האָט ער אַרײַנגע־בראַכט און צעגאָסן אין די קויסעס עטלעכע פלעשער ווײַן) און א יונגע נעגערן, וועלכע האָט צעטיילט קליינע בוטערבראָדלעך, ווי אַף א דיפּלאָ־מאַטישן אופנאַם. איך האָב געפרעגט דעם באַלעבאָס, האַלענען, צי איך קאָן זיך דורכשמועסן מיט דער נעגערן.
— אָ, יאָ, פאַרשטייט זיך! — האָט האַלען געענטפערט. — אונדזער פרײַנדן האָט ניט לאַנג צוריק געענדיקט א פּריוואַטן קאָלעדזש. זי וועט ענטפערן אַף אַלע אײַערע פראַגעס.
איך האָב געפרעגט, צי זי ווייסט וועגן דער נעגער־רעפּובליק גאַיִטי. יעס, יעס, זי ווייסט. איז זי עפּשער א פאַטריאָטקע פון גאַיִטי? די נעגערן האָט זיך אָנגעכמורעט. זי פאַרשטייט ניט דעם מיסטער, וואָס פאַרגיט אַזא פראַגע. זײַענדיק אַן אַמעריקאַנערן, קאָן זי דען זײַן א פאַטריאָטקע פון אַן אַנדער לאַנד? זי אַנטשולדיקט זיך, זי האָט ניט געוואָלט דעם גאַסט באַליידיקן...

30 נאָיאַבער

דער דערהויבנסטער מאָמענט פון הײַנטיקן טאָג — די מאַסן־באַגע־געניש אין גרויסן זאַל פונעם האָטעל „פּאַלאַס". אַהער זײַנען געקומען עטלעכע הונדערט פּראָגרעסיווע מענטשן פון סאַן־פראַנציסקאָ.
נאָך די אָפּיציעלע באַגריסונגען הייבט זיך אויף אַף דער בינע א דיריגענט. ער טוט א מאַך מיט דער האַנט, און אומגעריכט, אַזוי ווי די מענטשן אין זאַל זיצן, הייבן זיי אָן זינגען, און הערט נאָר, הערט: זיי זינגען אַף ייִדיש! אין האָטעל „פּאַלאַס" קלינגען די קאַבאָלעס־פּאָנעם־לידער „שאָלעם אַליכעם" און „זײַט באַגריסט, טײַערע געסט".
שפּעטער טרעט אַרויס אַן אינטערנאַציאָנאַלער כאָר פון פערצן זינגער (איך זע צווישן זיי עטלעכע נעגערן און אויך ייִדן). די „קאַנטאַטע וועגן מענטשן־רעכט" (מוזיק דזשיימס וווד) איז אָריגינעל מיט דעם, וואָס דער טעקסט אירער קאָפּירט פּינקטלעך א פּאָליטישן דאָקומענט.
די קאַנטאַטע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

דעם צענטן דעקאבער
טויזנט נײַן הונדערט אכט־און־פערציקסטן יאָר
האָט די אסאמבליי פון דער אָרגאַניזאַציע
פון די פאראייניקטע נאַציעס
אָנגענומען און פראָקלאַמירט
די אלגעמיינע דעקלאַראַציע וועגן
מענטשן־רעכט.

און ווײַטער זינגט מען אונדז דורך די דעקלאַראַציע:

אלע מענטשן זײַנען לויטן געבורט פרײַע
און גלײַכע,
זיי זײַנען באַשענקט מיט פארשטאַנד און געוויסן,
און זיי דאַרפן איינער מיטן אַנדערן זיך באַגיין
לויט די קלאָלים פון ברידערשאַפט.
אלעמען געהערן אלע רעכט און אלע
פרײַהײַטן,
וואָס זײַנען פראָקלאַמירט אין דער דאָזיקער
דעקלאַראַציע, אאוו.

ניין, דאָ איז ניטאָ ניט קיין ריטם, וואָס א ליד פאָדערט, ניט קיין גראַם. דער טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט איז צעקלאַפּט אף שורעס, און שוין. אזא אײַנפאַל געפעלט מיר.

ווײַטער קומט פאַר די באַגעגעניש אף אזא אויפן. ארום לאַנגע טישן זעצן זיך אויס די סאַן־פראַנציסקער, און צוזאַמען מיט זיי בא יעדן טיש — א סאָוועטישער גאַסט. דאָרט, ווו איך שמועס מיט די ייִדן, זײַנען פינף־זעקס טישן צונויפגערוקט אזוי, אז זיי ציִען זיך לענגויס דער וואַנט ביז צום סאַמע אַרויסגאַנג. מע זיצט, מע שטייט, מע שטופּט זיך, מע ראַשט. דער שמועס איז א געמיטלעכער, די שטימונג — א פרײַנטלעכע. ווען איינער פונעם אוילעם טוט א פרעג וועגן „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם", דערהערן זיך קוילעס: „ס'איז אונדז נימעס!", „ענטפערט ניט!". מע בעט מיך דערציילן „אזוי ווי עס איז" וועגן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. אַנטקעגן מיר, אף דער צווייטער זײַט טיש, שטעלט זיך אוף א מאַן פון א יאָר פערציק און שטרעקט צו מיר אויס א פאַרברוינטע האַרטע האַנט.

— וועגן אײַער לאַנד דערציילן אונדז באַבעמײַסעס שלעכטע, זייער שלעכטע מענטשן... איצט, ווען איר זײַט צו אונדז געקומען, הענגען זיי זיך מאַמעש אָן אף אונדז, מיר זאָלן ניט הערן, וואָס איר רעדט... טרעפט זשע, איך בעט אײַך, וואָס איך וויל זיי איצט זאָגן...

איך האָב צעפירט מיט די הענט: „שווער צו טרעפן".

— איך וויל זיי זאָגן: רוקט זיך אָפּ, ראַבויסײַ, רוקט זיך אָפּ א ביסעלע אָן א זײַט. לאָזט אונדז זיך דורכשמועסן מיט רוסלאַנד...

דער סאַן־פראַנציסקער אוילעם אַפּלאָדירט. עס געפינען זיך נאָך עטלעכע באַלאָנים אַרײַנצוזאָגן די „ראַבויסײַ", נאָר מיטאַמאָל נעמען ווידער

הילכן אפּלאָדיסמענטן. עס דערהערן זיך אויסגעשרייען: „העלאָ, מײַקלו!״, „מײַקל גאָלדו!״.

דאָס איז געקומען דער באַוווּסטער אַמעריקאַנער שרײַבער מײַקל גאָלד. ער קוקט אַף מיר א פּאָר רעגעס, איך קוק אַף אים. מיר נעמען זיך אַרום, גלײַך ווי ניט דאָס ערשטע מאָל זעען מיר זיך. און דער שמועס איז אויך „פון א מיטן״:

— די מאָסקווער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ האָט ניט לאַנג צוריק מיטגעטיילט...

— אַז איך שרײַב דעם צווייטן טייל „יידן אָן געלט״...

— איז דאַרף איך אײַך ניט איבעריקס זאָגן, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד״...

— וועט באַקומען פונעם ראָמאַן א פּאָר קאַפּיטלען.

אַזוי ריידן מיר זיך דורך עטלעכע מינוט. א האַלבע פּראַזע זאָג איך, און א האַלבע ער. אין דער ערשטער העלפט איז די פראַגע, אין דער צווייטער — דער ענטפער. די ווערטער אונדזערע ווערן אָבער ביסלעכווײַז פאַרשווּנקט מיט דעם האַסטיקן שטראָם פון אויסגעשרייען, וואָס אַרום אונדז, און דאָ האָט מען נאָך פון די אַנדערע טישן גענומען רופן מײַקל גאָלדן צו זיך, און אויך בא „מײַן״ טיש איז אַוועק ווײַטער דער שמועס מיטן אוילעם, — און מיר האָבן זיך צעשיידט... איצט, ווען איך שרײַב אָט די ווערטער, נאָגט מיר אַזש באַם האַרצן, וואָס בלויז עטלעכע מינוט האָב איך זיך געזען מיט מײַקל גאָלדן.

די באַגעגעניש אין האָטעל „פּאַלאַס״ איז פאָרגעקומען פאַרנאַכט. דעם ערשטן טייל טאָג, ביז מיטיק, האָב איך שפּאַצירט איבער דער שטאָט. אַף דער געשעפטס־מאַגיסטראַל מאַרקעט־סטריט, אַף די רוּיקערע גאַסן קאַליפאָרניאַ און מייסאָן,— אומעטום האָב איך געזען די טיפּישע אַמעריקאַנער בּרעגלאַנד־שטאָט, וואָס איז ענלעך...

נאָר וועגן דעם טאָקע, וועגן דעם, אַף וואָס עס איז ענלעך סאַן־פראַנציסקאָ, מוז איך עפּעס פאַרנאָטירן...

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין האָטעל נאָך דעם שפּאַציר איבער דער שטאָט, האָט אין האָל געוואַרט אַף מיר א מענטש. בא זיך האָב איך שוין באַרעכנט, אַז יעדע אַמעריקאַנער שטאָט באַגעגנט מיך מיט איר אייגענעם טשודאַק. אין טשיקאַגאָ, לעמאָשל, איז עס געווען דער ייִד דער דינאָזאַוור, און דאָ — א נײַ געשטאַלט, כלעבן א מין מאָדאָנע אין הויזן: אַפן פײַן געטאָקטן האַלדז — א קעפּעלע מיט קוטשעראַווע האָר, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, די בעקעלעך — צונטער־רויט. אָנגעטאָן אין א גרין סאַמעטן רעקעלע מיט א ברוינעם קאָלנער. זיצט ער זיך אַזוי בענימעסדיק־צאַרט און האַלט צוגעדריקט צום האַרצן א פּעקל ביכער. ער רעדט סוידעסדיקשטיל, ציט אויס און פאַרשנורעוועט ביידע ליפּן, ווי ער וואָלט דאָס וואָרט פּרוּער אויסגעזויגן, דערנאָך עס אָוועקגעלייגט צווישן די ציין.

— איך קאָלעקציאָניר אַרויסזאָגונגען וועגן סאַן־פראַנציסקאָ. איר זעט אָט דעם אַלבאָם? צוויי טויזנט פיר הונדערט זעקס און דרײַסיק אויסלע־

דישע געסט האָבן דאָ אָנגעשריבן, אַף וועלכער שטאָט עס איז ענלעך פריסקאָ.

— ווילט איר, אז איך זאָל זײַן דער צוויי טויזנט פיר הונדערט זיבן־און־דרײַסיקסטער?

— יאָ, מיסטער. און נאָך א באקאָשע האָב איך צו אײַך. מע זאָגט, אז אין רוסלאנד זײַנען ניטאָ קיין מיינונגס־פארשיידנהײַטן. אָבער טוט א קוק, וואָס צוויי רוסן, וועלכע זײַנען אין איין און דער זעלבער צײַט געווען בא אונדז צוגאסט, האָבן אָנגעשריבן וועגן סאַן־פראנציסקאָ...

אפן פאָנעם פון דער מאדאָנע האָט זיך באוויזן א גוטמוטיק־סקעפּטיש שמייכעלע. צוויי רוסישע ביכער, צעעפנט אף די נייטיקע זײַטלעך, האָבן זיך אוועקגעלייגט פאר מײַנע אויגן. אין ערשטן בוך איז געווען אָפּגעדרוקט שווארץ אף ווײַס, אז סאַן־פראנציסקאָ איז „אפּאנעמעסן און אפילע ניט אויסערלעך, נאָר טאקע מיטן גאנצן טאָן פונעם לעבן ענלעך אף אונדזער אָדעס: זי איז פונקט אזא ראשיקע, פריילעכע, פילנאצי׳אָנאלע, עס לעבן דאָ פונקט אזוי אָפּן די מענטשן, פונקט אזעלכע קלינגענדיקע זײַנען זייערע שטימען אף דער גאס, פונקט אזוי אופגעלעבט־באריידעוודיק זײַנען זיי...״

אין דעם צווייטן בוך האָט די מאדאָנע אָנגעוויזן מיר אף אן אָרט, ווו ס׳איז געזאָגט, אז „באטאָג, ווען סאַן־פראנציסקאָ ווערט פארגאָסן פון דער בלענדנדיקער זון, ווען עס שפרייט זיך אויס איבער דער שטאָט א בלויער הימל, איז זי אין באזונדערע אירע טיילן שטארק ענלעך סײַ אף קיִעוו, סײַ אף סאָטשי, סײַ אף אָדעס״...

— ווי קומט עס צו די רוסן? — שעפּטשעט מיר אין אויער ארײַן די מאדאָנע. — איינער זאָגט קאטעגאָריש, אז פריסקאָ איז ענלעך אף אָדעס, און דער צווייטער גיט פון זיך צו נאָך צוויי שטעט... צי דען מעג מען אזוי אין סאָוועטנפארבאנד?

איך האָב געשמייכלט צו דער מאדאָנע, ווי מע דארף צו א מאדאָנע שמייכלען. אפילע אונטערגעוונקען: „איך קען דיך, שעלמע״... די מאדאָנע האָט ניט אויסגעהאלטן:

— וואָס זשע ענטפערט איר ניט, מיסטער? און, ווייניקסטנס, וואָס טראכט איר וועגן דעם?

— איך טראכט, אז סאַן־פראנציסקאָ איז ענלעך אף סאַן־פראנציסקאָ.

1 דעקאבער

זיבן אזייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך אופגעהויבן אין אייביק בלויען קאליפאָרניער הימל — און אָט איז שוין לאָס־אנדזשעלעס, די גוואלדיק צעוואָרפענע, אויסערגעוויינלעך לאנגע, אף נײַנציק פראָצענט איינשטאָק־קיקע „שטאָט פון דער קיניגן פון די מאלאָכים״, ווי עס האָבן צוריק מיט הונדערט צוויי און אכציק יאָר אָנגערופן זייערע כאלופּעס פיר און פערציק שפאניער — עלף מאנצבלען, עלף פרויען, צוויי און צוואנציק קינדער, — וועלכע זײַנען געקומען אהער די ערשטע.

איצט האָט לאָס־אַנדזשעלעס צוויי מיט א האלבן מיליאָן איַינוווינער, צוזאמען מיט די פאָרשטעט (לאָנג־ביטש, בערבאנק אאא.) — העכער זעקס מיליאָן.

אין ערראָפּאָרט באגעגנט אונדז דאָס פּאָרפּאָלק לי קאר און בען קאר —ביידע סעקרעטארן פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער געזעל־שאפט פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פריַינטשאפט. בען קאר זאָגט מיר, אז זיַין פולער נאָמען איז ביניאָמין און אז איך קאָן מיט אים ריידן יידיש.

— איר שלעפּט נאָך די פיס? — פרעגט ער מיך מיט א טאָן פון אן אלטן באקאנטן.

איך דערוויס זיך בא אים, אז דער ייִדישער יִשעוּ איז דאָ זייער א גרויסער — בא א האלבן מיליאָן מענטשן. אף די צוויי טעג, וואָס אונדזער גרופּע וועט דאָ זיַין, איז פאר מיר פארגרייט א פּראָגראם, צוליב וועלכער מע דארף „גוט שלעפּן די פיס".

נאָך א קורצער באראטונג פאָרט די גרופּע גליַיך פון ערראָפּאָרט אוועק אין דיסניי־לענד, דעם בארימטן פּארק פאר קינדער, וועלכן עס האָט געשאפן דער קינסטלער און רעזשיסער־מולטיפּליקאַטאָר וואָלט דיסניי. דאָ, אין אָט דעם צויבער־וועלטעלע, עפנט זיך אוף אן אומזעבארע טיר, און מיר גייען אריַין אין דיסנייס מיַיסעלעך וועגן דעם שניי־מיי־דעלע און די זיבן גנאָמען, וועגן הילצערנעם ייִנגעלע פּינאָקיאָ, וועגן דריַי כאזיירימלעך. מיר גייען איבער אין פארגאנגענעם יאָרהונדערט — זעצן זיך אריַין אין אן אָפּענעם דיליזשאנס, פאָרן מיט דער קאָנקע פארביַי א ברייטער ריטשקע (געמיינט, וויַיזט אויס, דעם אלטן טיַיך מיסיסיפּי), אף וועלכער עס וויגט זיך א דאמף־שיף מיט צוויי אומגעלומפּערט גרויסע קוימענס. מיר גייען אריַין אין שמאָלע געסלעך, איבער וועלכע ס'דרייען זיך ארום די אָוועס פון די היַינטציַיטיקע אמעריקאנער — בונטע זשיליעטן, הויכע צילינדערס, מופטעס, פעדערן, ווייערס, לאנגע קליידער מיט שלייפן. אף רעכטס און אף לינקס — היַיזער מיט געשניצטע גאנעקעס, קלייטן און אפטייקן אונטער אלטע שילדן, אף די ראָגן — פּאָליציי־ליַיט אין פארציַיטיקע קאסקעס. אף א הויכן ערד־אָנשיט, מאכנדיק א קריַיז איבער אָט דער גאנצער מעדינע, פאָרט ארום א צוג מיט קליינע וואגאָנדעלעך, און פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דו קריכסט ארויס פון אזא וואגאָנדל און ווילסט זיך לאָזן גיין צו איינעם פון די געשניצטע גאנעקעס, קעדיי אָפּטראָגן אהיים דאָס טאָרבעלע גאָלד, וואָס דו האָסט אָנגעשווענקט אין א פארוואָרפענעם קאניאָן, — פּונקט אין דעם מאָמענט רופט מען דיך אריַין אין א מאָדערנעם פּאוויליאָן, ווו מע באוויַיזט דעם אטראקציאָן „אין א ראקעטע אף דער לעוואָנע".

די שיַין ווערט אויסגעלאָשן, דער „פּילאָט" וואָרנט דיך, זאָלסט זיך גוט צובינדן צום שטול, א שטארקער מאָטאָר נעמט טרייסלען די ראקעטע, אף אן עקראן ווערט באוויזן א קינאָ־לענטע, וויאזוי די ערד דערוויַיטערט זיך, זי ווערט אלץ קלענער און קלענער, אף א צווייטן עקראן, וואָס הענגט איבערן קאָפּ, דערזעסטו, ווי עס דערנעענטערט זיך און לויפט דיר אנטקעגן די לעוואָנע...

— גייט ארויס אין דרויסן, — שעפטשעט מיר עמעצער פון דער גרופּע אפּן אויער, — מע וואַרט דאָרט אויף אײַך.

איך קריך ארויס פון דער ראַקעטע, — ניין, ניט לעבן א לעוואָנע־קראַטער, נאָר אויף אונדזער זינדיקער ערד, אין דעם אמעריקאַנער שטאַט קאַליפאָרניע, ניט ווײַט פון דער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס, אין אַנגעמאָלטן און אויסגעטרוימטן „דיסניי־לענד".

— שאָלעם אליינעם. איר דאַרפט גלײַך פאָרן אין שטאָט אויף אונדזער מיטינג... דער אוילעם האָט זיך שוין פאַרזאַמלט... העכער טויזנט צוויי הונדערט מאַן...

אין דער מאַשין באַקאַן איך זיך מיט אווראָם מײַמודעסן, איינעם פון די אָנפירער פונעם אָרטיקן ייִדישן יישעוו. מיר פאָרן א מינוט דרײַסיק — פערציק. צוויי אזייגער באַטאָג שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דער פיגאַראָ־גאַס לעבן א טעאַטער. מײַמודעס אָטעמט פרײַ אָפּ:

— ניטאָ קיין פּיקעטן...

איך דערוויס זיך, אז די אולטראַ־רעאַקציאָנערן, וועלכע זײַנען דאָ זייער אַקטיוו סײַ אויף דער אַלגעמיינער, סײַ אויף דער ייִדישער גאַס, האָבן געוואָרנט, אז זיי וועלן אראָפּרײַסן די באַגעגעניש מיטן מאָסקווער גאַסט. די אָרטיקע ענגלישע צײַטונג פאַר ייִדן איז הײַנט אינדערפרי ארויס מיט אן אונטערהעצעריש לייטאַרטיקל. קעדיי אויסמײַדן סקאַנדאַלן באַם ארײַנגאַנג אין טעאַטער־לאָקאַל, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם מיטינג געדונגען צוויי פּריוואַטע פּאָליציאַנטן. איך טו אַזש א פּליעסקע מיט די הענט פון האַנאָע: די היטער פון דער אָרדענונג אין אן אמעריקאַנער שטאָט לייגן צו די פינגער צו די דאַשעקעס, ווען עס גייט פאַרבײַ א ייִדישער פּאָעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער וועט זיך באַלד דורכשמועסן מיט זיירע לאַנדסלײַט.

דער זאַל איז פול געפּאַקט. אויף דער בינע, וואָס איז דערווײַל נאָך פאַרשטעלט פונעם זאַל מיטן פאָרהאַנג, דערזע איך אַלטע באַקאַנטע: די פּראָגרעסיווע פּובליציסטקע גינאַ מעדעם („אָ, איך דערמאָן זיך מײַן רײַזע קיין בירא־בידזשאַן... איר זײַט געווען דעמלט א קליין ייִנגעלע"), די דיכטערן סאָרע פעל־יעלין, דעם דיריגענט נייטן סאַמאַראָף און זײַן פרוי סילוויאַ — מיט זיי האָב איך זיך געטראָפן אין מאָסקווע. מע באַקענט מיך מיטן אָנפירער פונעם ייִדישן פאָלקס־כאָר גאַווריעל סאָנשיין — זײַן „כאָיל" שטייט שוין אויסגעשטעלט, גרייט צו טאָן עפּעס.

און דאָ טאַקע הייבט זיך אָן א לײַדנשאַפטלעכע פּרעליודיע צום מיטינג. א נעגער שטעלט זיך אוועק א שפּאַן פאָרויס פאַר דעם ייִדישן כאָר און זינגט דעם אמעריקאַנער הימן, ווענדנדיק דאָס פּאָנעם צום פּאָרטרעט פונעם דערהאַרגעטן פּרעזידענט פון אמעריקע. שפּעטער זינגט דער כאָר אויס דרײַ לידער: „קירכן־גלאָקן" פון אווראָם רייזען, כאַים זשיטלאָווסקיס „און דו אקערסט און דו זייסט" און מוישע בראָדערזאָנס „בראַנד און פײַער".

דער פאָרזיצער פירט דורך די צערעמאָניע פון „ארופרופן אויף דער בינע פאַרזענלעכקײַטן" (באַ אונדז הייסט עס „אײַנלאַדן צום טיש די מיטגלידער פון פּרעזידיום"). די דאָזיקע פּראָצעדור העלפט מיר פעסט־

צושטעלן, ווי גרויס עס איז אין לאָס־אנדזשעלעס די צאָל געזעלשאפט־
לעכע און קולטור־אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן, צוזאמען מיט די פראָ־
גרעסיווע קערפערשאפטן פון ניו־יאָרק, טשיקאגאָ, קליוולענד, סאַן־פראַנ־
ציסקאָ און אנדערע אמעריקאנער שטעט, אָפגעוואָרפן מיט ביטל די „באָי־
קאָט"־היסטעריע פון די אָרגאניזירטע קלעריקאלן און פראָפעסיאָנעלע
פעדלער פון אנטיסאָוועטישער סכוירע.

דער פרײַנטשאפט־מיטינג פארציט זיך ביז זעקס אזייגער פארנאכט.
אף וויפל אין אײַנלאדונגס־בילעט איז געווען א צוזאָג, אז ס'וועלן זײַן
„פראגעס און ענטפערס", האָט יעדערער אין זאל געהאלטן, ווײַזט אויס,
פאר זײַן כויוו אָנצושרײַבן אמוויניקסטנס איין צעטעלע אין פרעזידיום.
וואָס איז דאָרט נאָר ניט געווען געשריבן, אין אָט די צעטעלעך! די לאָס־
אנדזשעלעסער ייִדן האָבן זיך פאָשעט דורכגעשמועסט מיטן גאסט, און
אף א גאנץ היימישן אויפן... „צעשפּיליעט דעם קאָלנער, אניט וועט איר
זיך אָפגיסן מיט שווייס. די כאָליערע וואָלט זיי ניט גענומען, ווען זיי דינגען
א גרעסערן לאָקאל"; „וואָס זאָגט איר עפּעס אף אמעריטשקע? בא אונדז
אין דער היים, אין ניקאָלקעס ראַסייע, אז מע פלעגט הארגענען א פּריס־
טאוו, איז געווען סיביר און וויסעליצעס, און דאָ פירט מען איבער א
פרעזידענט, און שאַ־שטיל"; „דו זאָגסט, אז מאָרגן וועט „סאָוועטיש היימ־
לאַנד" ווערן א כוידעש־מעגעזין און מאָרגן וועלן אין מאָסקווע אָנהייבן
ארויסגיין ייִדישע ביכער. וויל איך דיך וואָרענען: אל טיסהאַלייל בעיוים
מאָכאָר — בארים זיך ניט מיטן מאָרגעדיקן טאָג. אָדער: ניי זיך ניט קיין
בײַטל, איידער דו האָסט דאָס געלט"; „איך בין אן אגענט אין א סטראַ־
כיר־געזעלשאפט. כ'וואָלט געוואָרן א גוטער כאווער פון סאָוועט־יוניאָן,
ווען איר גיט מיר צו פארדינען. כוץ דעם, דארפט איר וויסן, אז נאָך
קענעדיס טויט מעגט איר זיך יאָ פארסטראכירן".

פארשטייט זיך, אז די מערהײַט צעטעלעך זײַנען געווען זאכלעכע
און האָבן געפאָדערט א גענויען ענטפער. אָנדערהאלבן שאָ האָט געדויערט
דער שמועס ארום די פראגעס פון דעם לאָס־אנדזשעלעסער פרײַנטלעך־
געשטימטן אוילעם. צום סאָף, ווען אלע זײַנען שוין שטארק מיד געוואָרן,
האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אז די ניט־פארענטפערטע צעטעלעך וועל
איך אוועקפירן מיט זיך קיין מאָסקווע און בא א געלעגנהײַט ענטפערן
אף זיי שריפטלעך.

7 אזייגער פארנאכט. אין דער גאסטפרײַנטלעכער שטוב בא מיני און
מעקס פאלער — פאָשעטע האָרעפאשנע מענטשן — האָבן זיך פארזאמלט
עטלעכע צענדליק פראָגרעסיווע ייִדישע טוער. אין א גערוימען צימער
זיצט מען — ווער אף א שטול, ווער אפן דיל, ווער לעבן דעם געדעקטן
טיש. מע זינגט לידער און מע טרינקט א גלעזל ווײַן.

ביז איינס באנאכט זיצן מיר דאָ, און קיינער וויל ניט גיין אהיים. דער
דיכטער כאַיִם שווארץ שענקט מיר זײַן בוך, און, בלעטערנדיק עס, שטויס
איך זיך אָן אף א ליד וועגן די קאלטע־מילכאָמע־לײַט. „איר האָט צעעפנט
אלע העצע־קראנען", — ווארפט זיי דער דיכטער אויס. אך, ווען ניט דאָס

געפֿיל, אַז די יעניקע, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער ליד, שטייען אונטער די פֿענצטער און קוקן אַף אונדז מיט סינע, — וואָלט איך עפּשער געקאָנט מיינען, אַז איך זיץ באַ זיך אין דער היים...

2 דעקאַבער

דער לעצטער טאָג אין אַמעריקע. מאָרגן אינדערפֿרי פֿליִען מיר אַרויס קיין פּאַריזש. הײַנט בין איך געווען באַם פֿראַנצויזישן קאָנסול, וואָס האָט זײַן זיץ־אָרט דאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וואָלט וועלן, פֿאָרנדיק צוריק אַהיים, זיך פֿאַרהאַלטן אין פּאַריזש אַף א טעג צען, און געבעטן, אויב עס איז מעגלעך, אַרויסגעבן מיר א וויזע. דער קאָנסול האָט מיט א שטיל, מילד קאָל געענטפֿערט, אַז ער וואָלט זיכער באַפֿרידיקט מײַן באַקאָשע, ווען איך קום צו אים מיט א פּאָר טעג פֿריִער. איצט איז עס אוממעגלעך איבער טעכנישע סיבעס: פֿאַר איין טאָג וועט ער ניט באַ־ווײַזן זיך פֿאַרבינדן מיט פּאַריזש. דאָך, — האָט דער קאָנסול מיך געגלעט מיט זײַן שטיל, מילד קאָל, — מעג איך רויִק זיך אַרײַנזעצן אין אעראָפּלאַן פֿון דער קאָמפּאַניע „Air France“, ווײַל ער וועט מאָרגן אינדערפֿרי האָבן א טעלעפֿאָן־געשפּרעך מיט זײַן שעף אַף קע ד׳אָרסיי — דעם מיניס־טעריום פֿון אויסערן־איניאָנים פֿון פֿראַנקרײַך, און איך מעג, קומענדיק אין פּאַריזש, זיך פֿאַרופֿן אַף אָט דעם שמועס...

...אָט וויִאַזוי עס איז דורכגעגאַנגען דער הײַנטיקער טאָג. צען אַזייגער אינדערפֿרי איז אין האָטעל, ווו מיר שטייען אײַן, פֿאָרגעקומען א פּרעסע־קאָנפֿערענץ. איך האָב געטראַכט זיך באַגעגענען דאָרט און זיך דורכ־שמועסן מיטן רעדאַקטאָר פֿון דער ענגלישער צײַטונג פֿאַר יידן, וואָס האָט נאָך דעם נעכטיקן כוליגאַנישן אַרטיקל אָפּגעדרוקט הײַנט א צווייטס, פֿול מיט געמיינע אָנפֿאַלן. גענוג צו זאָגן, אַז די העכער טויזנט לאָס־אַנדזשע־לעסער יידן, וואָס זײַנען נעכטן געקומען אָפּנעמען א לעבעדיקן גרוס פֿון די סאָוועטישע יידן, האָט דער רעדאַקטאָר אָנגערופֿן „לאוד מאוטס“ און „סיידער באָמס“ — שרײַער און טויגעניכצן.

דער רעדאַקטאָר איז אָבער אַף דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ ניט געקומען.

נאָך דער באַגעגעניש מיט די זשורנאַליסטן שפּאַציר איך אַרום א שאָ אָנדערהאַלבן, צוזאַמען מיט עטלעכע לאָס־אַנדזשעלעסער פֿרײַנט, איבער דער שטאָט.

די צענטראַלע גאַס פֿון לאָס־אַנדזשעלעס איז די לענגסטע אין דער וועלט: דאָס איז אַן אַמאָליקער שאָסיי־וועג, אַרום וועלכן עס האָט זיך געבויט די שטאָט, און ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אויסגעצויגן האָט זיך די גאַס אַף העכער פֿערציק קילאָמעטער. אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווען מע קלײַבט זיך אויס צו א פֿרײַנט, וואָס לעבט „אַף יענעם עק גאַס“, גיסט מען אָן א פֿולן באַק בענזין און מע לייגט אַרײַן אין אווטאָ עטלעכע פֿלע־שער קאַלטן לימאָנאַד: בעשאַסן לאַנגזאַמען פֿאָרן אין שטראָם פֿון די אווטאָמאָבילן וועט זיך ניט איין מאָל פֿאַרוועלן א טרונק...

אין דעם טייל שטאָט, ווו עס זײַנען קאָנצענטרירט אדמיניסטראטיווע אנשטאלטן, גייען מיר אַרײַן אין א גרויסן עס־לאָקאל, — א טיפּישן פאר קאליפאָרניע, א מין „פאבריקא־קוכניא“ לויט אונדזערע באגריפן. די אָנגעשטעלטע אין פארשיידענערליי ביוראָען האָבן דאָ די מעגלעכקײַט אָפּעסן פאר פופצן — צוואנציק מינוט. אינגאנצן נײַ פאר מיר איז די גרויסע צאָל ווענטלעך, וואָס צעטיילן דעם לאָקאל אף באזונדערע קעמערלעך. דער אמעריקאנער האָט ליב, מע זאָל אים „ניט קוקן אין טעלער אַרײַן“, און די קויהאנים פון פּריוואט־אייגנטום האָבן דאָס גלײַך אופגעכאפּט און אויסגעפּלאנירט דעם עס־לאָקאל אזוי, אז די צוויי ווענטלעך אין דער פאָרם פון לײַכטע באריערן צווישן די טישלעך זאָלן שאפן אן אילויזיע פון אן „אייגענער נעסט“. די צוויי אנדערע ווענטלעך, ווידער, שליסן אײַן די „נעסט“ אין אלגעמיינעם אנסאמבל פונעם לאָקאל. דעם עמעס גערעדט, בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד וואָלט אזא „קאָנסטרוקציע“ ניט אויסגעהאלטן קיין איין טאָג אפילע. בא אונדז, אז מע זעצט זיך אוועק עסן, ווערט מען גלײַך פאַניבראט מיטן שאָכן, מע גיט אים צורייכערן, אויב ער האָט אפילע שוועבעלעך, מע רייכערט אויס זײַנעם א סיגארעט, כאָטש די אייגענע זײַנען אף קיין האָר ניט ערגער. דערנאָך גיסטו אים אָן א גלעזל פון דער פלאש, וואָס שטייט לעבן דײַן טעלער, און דו פּרוּווסט אויך זײַנס, און פרעגסט אים אויס: „זעמליאק, ביסט אן אָרטיקער, צי עפּשער ניט?“ און עס ווײַזט זיך ארויס, אז מע איז, פארשטייט זיך, שיר ניט פון איין שטאָט און שיר ניט פון איין גאס. און דעם פאשיסט האָט מען געשלאָגן צוזאמען, עמעס, אף פארשיידענע פראָנטן — איינער, לעמאָשל, אפּן צאָפן, לעבן מורמאנסק, אין דער ברעג־ארטילעריע, און דער צווייטער בא דעם דניעסטער, אין א קאוואלעריע־קאָרפּוס, — נאָר געשלאָגן האָט מען דאָך איין קאט, דעם פאשיסט, און איוואן פּעטראָוויטש, א שאָכן פונעם ארטילעריסט, האָט, געדענקט זיך, אויך געדינט אין דער קאוואלעריע ערגעץ אף דאָרעם. „איוואן פּעטראָוויטש? דאָס איז דאָך מײַן עסקאדראָנע סטארשינא!“ — און מע טרינקט נאָכאמאָל אויס צו גלעזעלעך, און מע רופט זיך שוין אף „דו“. איז ווי זאָלן דאָ אויסהאלטן ווענטלעך מיט באריערן?..

בעשאס איך זיץ אזוי און טראכט, זאָגן מיר די פרײַנט מײַנע, אז א שאָכן באם צווייטן טישל, וואָס האָט צופעליק געהערט אונדזער שמועס און זיך דערוווּסט, ווער איך בין, וויל מיט מיר זיך באקאנען. אין מעשעך פון א מינוט צען הער איך אויס דעם שאָכנס רייד, און עס ווערט מיר אומעטיק. לעבן מיר, א געקומענעם פון אויסלאנד, האָט זיך צוגעזעצט א מענטש, וואָס רעדט לאָשנהאָרע אף זײַן אייגן לאנד!

— אלע לעבן בא אונדז פון גאזלאָוואָניע... א גאנעוו אף א גאנעוו. מע נארט אָפּ, מע מאכט אן אָנשטעל... גלייבט ניט, אויב מע וועט אײַך ווײַזן א נײַע מארקע אווטאָמאָבילן. מע פארבט איבער דאָס אלטע און מע זאָגט, אז דאָס איז נײַ... אמעריקע איז שוין לאנג הינטערשטעליק... יאָ, יאָ!

— ניטאָ קיין אמעריקאנער קולטור, אלץ איז אָנגעשלעפּט פון אייראָפּע...

— די היגע שרײַבער, געבוירענע אין אמעריקע, האָבן דען עפּעס

געשאפן? לייוויק איז פון רוסלאנד, אש און אָפּאטאָשו — פון פּוילן... קיין אייגנס ניטאָ... און מע גוידערט זיך נאָך...

ווען דער שאָכן האָט געענדיקט ריידן, האָב איך, ווענדנדיק זיך ניט צו אים, נאָר צו מײַנע פרײַנט, געזאָגט:

— אויך בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד טרעפן זיך אזעלכע ברוגזים... זיי באריידן דאָס אייגענע לאנד... ווען עס קומט א פרעמדער טוריסט, שליאָנדרען זיי ארום אים... עס געפעלט זיי ניט די ערד, וואָס טראָגט זיי אף זיך... בא אונדז זײַנען קיין סאך אזעלכע ברוגזים ניטאָ, עס עקלט פון זיי...

נייטן גארפילד, דער פאָרזיצער פון די לאָס־אנדזשעלעסער קולטור־קלובן, איז א פארמעגלעכער מענטש, וואָס איז דורכגעגאנגען א קאָמפּלי־צירטן און זיגזאגארטיקן וועג. בא אים אין שטוב באגעגן איך זיך צוויי אזייגער באטאָג מיט א פּאָר צענדליק יידישע שרײַבער און זשורנאליסטן. בעשאסן שמועס דערפיל איך, אז עפּעס טוט זיך אין צווייטן צימער ארום דעם טעלעפאָן. די שטימונג, וואָס איז ערשט געווען א דערהויבענע, ווערט מיטאמאָל בא אייניקע פון די בײַווײַזנדע באשווערט מיט אומרו. אלע פינף — צען מינוט קלינגט דער טעלעפאָן, גארפילד גייט אוועק אראָפּצו־נעמען דאָס טרײַבל און קערט זיך אום אן ערנסטער, בארויקנדיק מיט א שטיל וואָרט די געסט. איך פרעג זיך אָן, וואָס עס איז געשען, און נייטן גארפילד ענטפערט א ביסעלע פארשעמט, אָבער רויק:

— אנאָנימע מענטשן וואָרענען, אז זיי וועלן אופרײַסן די שטוב, אויב מיר וועלן זיך ניט צעגיין... לאָמיר פאָרזעצן, טײַערע פרײַנט.

אין א שאָ אָנדערהאלבן ארום, ווען דער שמועס איז געענדיקט און די געסט נעמען זיך געזעגענען, זאָגט צו מיר גארפילד:

— איר בלײַבט אָפּעסן מיטיק מיט מײַן געזינדל...

— וואָס זשע? — פרעג איך אים אין שפּאס. — ס׳איז אײַך גאָר ניט טײַער אזא שיין הויז?

— ע! — טוט נייטן גארפילד א מאך מיט דער האנט. — אויב זיי וועלן עס אופרײַסן, זאָל כאָטש זײַן פאר וואָס...

נאָך איין גרופּע לאָס־אנדזשעלעסער יידן האָט „באשטעלט" א זעונג מיט מיר. דאָס זײַנען די ענגליש־ריידנדיקע, די שפּראכלעך־אסימילירטע. צו זיי פאָרן מיר אוועק נאָך דעם מיטיק בא די גארפילדס.

ס׳האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער אוילעם. מיר ריידן זיך דורך מיט דער הילף פון אן איבערזעצערן.

די אסימילירטע ווילן וויסן, צי מע האָט דאָס רעכט צו אסימילירן זיך אין סאָוועט־יוניאָן. איך שיס אויס מיט א געלעכטער. זיי שיסן אויס מיט א צווייטער פראגע: צי האָבן די אסימילירטע אין סאָוועט־יוניאָן זייער אייגענע אָרגאניזאציע? ניין, אן אייגענע אָרגאניזאציע האָבן בא אונדז טויבשטומע און בלינדע. די איבעריקע מענטשן זײַנען אָרגאניזירט לויטן פּראָפעסיאָנעלן און געזעלשאפטלעכן פּרינציפּ...

איינער אַן אַסימילירטער ייִד שטעלט זיך אויף פון אָרט און זאָגט צו מיר אַף אַ וואָלינער ייִדיש:

— איך בין אַ געקאָנטשעטער אַדוואָקאַט. ווען איר זאָלט מיר, פּריי־מערנע, ציזוגן, אַז איכן עסן בילקע מיט פּיפּעקעס, גיי איך ווסיאָ ראַוונאָ ניט צוריק צי זשאַרגאָן...

איך ענטפער אים מיט אַ ניט ווייניקער וואָלינער ייִדיש:

— איך זוג אַך צי פּיפּיקעס מיט בילקע, אַבי מיטשעט ניט דעם זשאַר־גאָן.

דער געקאָנטשעטער אַדוואָקאַט מאַכט זיך ניט פאַרשטייענדיק, און ער זאָגט צו דער איבערזעצערן:

— פּליז.

די איבערזעצערן סאַבעלאַ, אַ שיינע יונגע פרוי, אַ לערערן פון ייִדיש אין די צוגאָב־קלאַסן, איז אַליין אויך ניט שטאַרק באַקי אין ייִדיש־לאָשן. ווען זי זעצט איבער מײַנע רייד, זאָגט מען איר אונטער פון די ערטער, און זי ענדיקט אַלעמאָל ערגעץ אין מיטן, אויסדריקנדיק צוטרוי צו די אַסימילירטע: „נו, און דאָס איבעריקע האָט איר אַליין פאַרשטאַנען...”

צווישן די צעטעלעך, וואָס מע האָט מיר צוגעשיקט, איז פאַראַן איינס אַזאַ: „איך גיב אײַך איבער די אַדרעסן פון פינף לאָס־אַנדזשעלעסער סינאַ־גאָגעס, וועלכע מע האָט ערשט ניט לאַנג פאַרשמירט מיט סוואַסטיקעס: 1) קאָנגרעגיישאָן בית אל, 8056 בעווערלי בולוואַרד; 2) קאָנגרעגיישאָן אוהב שלום, 8301 וועסט דריטע גאַס; 3) אינסטיטוט אָוו דזשויִש עדיוקעישאָן, 8399 וועסט דריטע גאַס; 4) פעירפעקס טעמפל, 525 סאַוט פעירפעקס עוועניו; 5) קאָנגרעגיישאָן אנשי ספרד, 8631 וועסט פּיקאָ בולוואַרד. איך אייצע אײַך אַרײַנפאָרן אין די דאָזיקע סינאַגאָגעס און זען מיט די איי־גענע אויגן, אַז אויב עס איז ערגעץ־ווו פאַראַן אַ פּראָבלעם פון טעראָר קעגן די רעליגיִעזע טעמפּלען, איז עס באַ אונדז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע”.

ווען איך בין אַזייגער צען פאַרנאַכט אַרײַנגעקומען אין דער וווינונג פון לי און בען קאַר, איז דאָרט געווען אָף טיש און אָף בענק. אַ סאַך מענטשן האָבן פאַרפולט דאָס הויז. ס'איז געגאַנגען דער אָפּשייד־אָוונט מיט אונדזער גרופּע.

דאָ האָבן מיר זיך געזעגנט ניט נאָר מיט לאָס־אַנדזשעלעס, נאָר מיט גאַנץ אַמעריקע. יעדן איינעם פון די סאָוועטישע געסט האָט מען געבעטן, ער זאָל מיט עטלעכע ווערטער זיך ווענדן צום לאַנד, וואָס מיר פאַרלאָזן עס מאָרגן. ווען די ריי איז דערגאַנגען צו מיר, האָב איך געפּרוווט אָפּקער־מען מיט לייענען אַ ליד, נאָר אין צווייטן צימער, וווהין איך בין אַרײַן גלײַך נאָך מײַן אַרויסטרעטונג, האָט די באַלעבאָסטע לי קאַר מיך דאָך געצווונגען האַלטן אַ „פּאָליטישע רעדע”:

— טײַערע פרײַנט! ווען איך בין אין ניו־יאָרק געקומען אַ קוק טאָן אַף „עמפּײַר סטעיט בילדינג”, האָט מען מיר דערציילט, אַז דאָס דאָזיקע ריזיקע געבײַ האָט זעקס מיט אַ האַלבן טויזנט פענצטער און אַז יעדן

פענצטער וואשט מען צוויי מאָל א כוידעש. איך וויל איבערגעבן א ווונטש דעם אמעריקאַנער פאָלק, אז עס זאָל האלטן טאָמיד ריין נאָך איין פענצטער, דאָס פענצטער, וואָס קוקט ארויס צו דער נײַער וועלט...

3 דעקאבער

איך שרײַב דאָס לעצטע זײַטל אין מײַן אמעריקאַנער טאָגבוך. אוואדע, ווען איך וועל זיך אומקערן אהיים, וועט מיר עפּעס אין די נאָטיצן געפעלן און עפּעס ניט געפעלן, און ניט אלץ האָב איך באוויזן צו זען און פאַר־שרײַבן, און ניט אומעטום בין איך געווען גערעכט. איין זאך קאָן איך זיך אָבער דערלויבן צו זאָגן: אין טאָגבוך איז אלץ באשריבן אזוי, ווי ס׳איז געווען, — גאָרנישט איז ניט צוגעטראכט און ניט צוגעפּוצט.

איך שרײַב איצט ווידער אין אעראָפּלאַן. עלף אזייגער אינדערפרי האָבן מיר געזאָגט א „זײַ־געזונט" די גאַסטפרײַנטלעכע אמעריקאַנער. מיר פאָרן אוועק פונדאַנען מיט א גוטער שטימונג, און קיין שום זאך קאָן אונדז אָט די שטימונג ניט פאַטערן. אינדערפרי האָט ניקאָלײַ פּאָליאַנאָוו געבראַכט צום פרישטיק א צײַטונג, אין וועלכער ס׳איז מיטגעטיילט, אז נעכטן האָט אין מאָנטרעאַלער אעראָפּאָרט, וווהין מיר פליִען איצט, זיך צעקלאַפּט באַם אופשטײַגן א פּאַסאַזשיר־לײַנער, פונקט אזא ווי אונדזערער, אכט און נײַנ־ציק מענטשן זײַנען אומגעקומען. איך האָב געכאַפּט א קוק אף מײַנע כאַווײרים, אף די „בראָדיאַגעס" פון די לופט־וועגן. א וואָלקנדל פון טרויער איבערן טראַגישן גוירל פון אזויפיל מענטשן האָט זיך אויסגעשּ־פּרייט אף אלעמענס פּנעמער. איצט זיצט מען בא די איליומינאַטאָרן רויִק, מע רעדט וועגן דעם, וואָס עס שטייט אונדז פאָר, וועגן מאָסקווע, וועגן דער נאָענטער באגעגעניש מיטן היימלאַנד.

מיר פליִען אף מיזרעך, דער זון אנטקעגן, און אלץ באקומט זיך איצט אנדערש, איידער דעמלט, ווען מיר זײַנען געפלויגן פון אייראָפּע קיין ניו־יאָרק. דער טאָג איז איצט ווי אײַנגעשרומפּן.

צוויי אזייגער באטאָג, לויט דער לאָס־אנדזשעלעסער צײַט, איז שוין געווען אָוונטלעך־טונקל, ווײַל דאָרט, וווּ מיר זײַנען געפלויגן, איז די שאָ געווען שוין א שפּעטע. דרײַ אזייגער וועדט פינצטער. מיר פליִען אדורך טאָראָנטאָ, וואָס זעט זיך ארויס מיט פײַערן פון אונטער די טונקעלע שיטערע וואָלקנס, ווי א העל־באלויכטענע שטוב, וואָס שטייט אין א סאָד, זעט זיך ארויס דורך די ביימער־קרוינען, ווען מע קוקט אף איר פונעם דאך פון אן אנדער שטוב, א העכערע פון איר.

פינף אזייגער פאַרנאַכט נידערן מיר אראָפּ אין פאַרשנייטן מאָנטרעאַל. אונדזער אעראָפּלאַן פּאָמפּעט ארײַן אין זיך אזויפיל בענזין, וויפל מע דאַרף, קעדיי אריבערשלעפּן אונדז אף יענער זײַט אָקעאַן, און מיר הייבן זיך ווידער אוף אין הימל. איך פיר איבער דעם זייגער אף דער פאַריזשער צײַט.

עס הייבט אָן צו טאָגן. פריִער ווערט ליכטיק־ראָזלעך דער האָריזאָנט. די ליכטיקײַט, שוין א גרוילעך־געדיכטע, פאַרהאַלט זיך אף די וואָלקנס,

ביזוואנען עס פארשווינדט סײַ די ראָזלעכע, סײַ די גרוילעכע שײַן, און עס ווערט פּאָשעט ליכטיק.

מיטאמאָל טוט א פינקל אין א דורכרײַס פון די וואָלקנס א הויפן פײַערן — א שטאָט, ווו מע האָט אין קאיאָר נאָך ניט אויסגעלאָשן די עלעקטרע. דו דערמאָנסט זיך, ווו דו ביסט, און דו שרײַסט אויס: „הערט א מײַסע, דער אָקעאן האָט זיך געענדיקט!"... יאָ, אונטער די פליגל שפּרייט זיך שוין אייראָפּע.

דער אעראָפּלאן אין הימלען גרויסע
טראָגט זיך פרײַ. קיין ראכוועס אים ניט פעלט.
ווו איז דאָ דער איבערגאנג, ראבויסײַ,
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט?

אך, ווען אף דער ערד איך וואָלט עס וויסן, —
ווי ס'איז גרינג אין אזא טרוים צו זײַן:
ערשט געווען נאָך אין קאפּיטאליזם,
איצטער שיר אין קרעמל ניט ארײַן!

דאָ אָבער, אף אָט דער טעריטאָריע,
צווישן די צעשפּרייטע פליגל צוויי,
איך — א קאָמוניסט, און דו — א טאָרי,
ער — פון א קאטוילישער פארטיי.

מירן דרעמלען ביזן סאמע לאנדן,
אף א היפּשער הייך איבער דער ערד, —
פּראָלעטאריער און פאבריקאנטן,
פּאציפיסטן,
סאָכרים פון געווער.

צווישן אונדז א האמפּערניש א הייסע
וועגן דער פריזור בא יענער פרוי,
אונטער אונדז שווימט לאנגזאם דורך א קרייסער,
אָנגעשטעלט די רערן אף כאנאָי.

איינער קוקט אהין און טוט א גענעץ,
און א צווייטן נעמט אזש דורך א קעלט...
אין אעראָפּלאן גייט דורך די גרענעץ
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט.

א קאָל אין רעפּראָדוקטאָר הייסט אונדז זיך צובינדן צו די בענקלעך. אין דער זעלבער מינוט נעמט דער לײַנער אראָפּנידערן. ווען ער שלאָגט דורך די וואָלקנס, דערזעען מיר הײַזער און גרינס. איבער די וועגן לויפן ווײַסע מאשינעס. דער אעראָפּלאן טוט מיט די רעדער זיך א שווערן קלאפּ אין פּאריזש...

1964

גאנץ
פאריזש

מיט וואָס שיידט זיך אונטער פּאַריזש פון ניו־יאָרק

פּאַריזש איז אַן אַלטער סאָד, וואָס איז געוואַקסן, ווי עס דוכט זיך, אָן דער הילף פונעם מענטשן און האָט אַליין אויסגעקליבן פאַר זיך באָדן און לופט. אַן אומפאַרמײַדלעכע געזעצמעסיקײַט האָט אָנגעוויזן, ווו עס זאָל זײַן פרײַע לאָנקע און ווו געדיכטעניש, ווו ס'זאָלן זיך שטופּן עפּל־ און באַרן־ביימער און ווו צווישן זיי זאָל אומגעריכט זיך באַווײַזן אַ סאָסנע צי אַ ווײַסע צאָפּנדיקע בערעזע...

ניו־יאָרק איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער מענטש איז געקומען אויף אַ שעטעך ערד און באַוויזן, וואָס ווו עס דאַרף שטיין און וואַקסן. האָט זיך עס אַלץ אוועקגעשטעלט און וואַקסט ביזן הײַנטיקן טאָג. גרויס איז עס און הויך — אַ מוירע אַ קוק צו טאָן. שיין איז עס בעפּיירעש. ווען פון דער מאָדע גייט אַרויס איין קאָרע אויף די ביימער און עס ווערט אַ מאָדע אויף אַ צווייטער, בײַט מען איבער אין ניו־יאָרקער סאָד די קאָרע: אָנשטאָט אַזאַ און אַזאַ דעקאָראַטיוון מירמל־שטיין באַווײַזט זיך אַן אַנדערער, איין סאָרט ניט־זשאַווערנדיקער שטאָל ווערט אויף די פאַסאַדן מיטאַמאָל פאַר־ביטן אויף אַ צווייטן...

אין ניו־יאָרק, ווען מע רעכנט אויס, אַז עס לוינט אויפצושטעלן אויפן אָרט פון אַ זעקס־און־פופציקשטאָקיקן הימלקראַצער אַ הימלקראַצער פון זעקס און אַכציק שטאָק, טראָגט מען אַראָפּ דעם זעקס־און־פופציקשטאָ־קיקן...

אין פּאַריזש, ווען מע דאַרף אַראָפּטראָגן אַ צווייִשטאָקיקן „פּאַלאַץ", וואָס פון אַלטקײַט איז ער שוין ביזן דאַך אײַנגעזונקען אין דער ערד, קומט פאָר אַזאַ יוירונג צווישן די מענטשן אויף דער גאַס, ווי דאָס כאַשעווע הויז שטייט, אַז מע קאָן מיינען, ס'איז ערעוו אַ צווייטן שטורעם פון דער באַסטיליע.

אין פּאַריזש — וויפל איר זאָלט ניט גראָבן, וועט איר זיך ניט דער־

גראָבן צו דעם אָרט, ווו די וואָרצלען פון דער שטאָט הייבן זיך אָן; ס׳איז אויך אומעגלעך אָפּטיילן איין וואָרצל פונעם צווייטן, אראָפּטרייסלען פון זיי די ערד. בא ניו־יאָרק זײַנען די וואָרצלען שוואַכער, ביז הײַנט זײַנען נאָך פריש די דערמאָנונגען וועגן די עמיגראַנטישע צײַטן...

פאַראַן אינווייניק אין ניו־יאָרק א יידישע שטאָט ניו־יאָרק (אפן גודזאָן ווױנען מערער יידן, איידער אין גאַנץ יזראעל), א שטאָט דורכויס פון איטאליענער (זייער צאָל איז דאָ גרעסער, איידער אין רוים). און ווער האָט ניט געהערט וועגן דער אָפּגעזונדערטער נעגער־שטאָט האַר־לעם? די הויפּטשטאָט פון אירלאַנד דובלין און די הויפּטשטאָט פון איסלאַנד רייקיאַוויק קאָנען „אנטלײַען" אירלענדער און איסלענדער אין די איר־לענדישע און איסלענדישע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק. און די דאָזיקע אלע שטעט אין דער שטאָט ניו־יאָרק לעבן מיט זייער „אלטער היים", מיט זייערע טראַדיציעס, מיט זייער וועלט און אונטערוועלט, מיט זייערע זשאַרגאָנען. הינטער יעדערער פון זיי פאַרשליסט זיך באַנאַכט די טיר, און פאַרטאָג גייען ארויס מאַכנעסווײַז די מענטשן, וואָס פאַרטריבן אהער און אויסגעמישט האָט זיי די ביטערע מאַכט פון געלט, און דאָך זײַנען זיי אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, יעדערער פאַר זיך. פאַריזש לעבט אויך, פאַרשטייט זיך, לויט די געזעצן פונעם קאַפּיטאַליזם און דאָרט איז אויך פאַראַן א סאַך אָפּגעפרעמדטקײַט, נאָר אויב ריידן וועגן פאָלקס־כאַראַקטער, לעבן אין פאַריזש אויסגעשפּראָכענע פאַריזשער. אפילו אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל, ווו איר קאָנט טרעפן אלע נאַציאָנאַליטעטן פון דער וועלט, איז באַשײַמפּערלעך צו זען און צו פילן א געמיינזאַמען פאַר אלעמען פאַריזשער כאַראַקטער.

עמעצן קאָן זיך דוכטן, אז איך וויל, ער זאָל ליב קריגן פאַריזש מערער, איידער ניו־יאָרק. אָבער דאָס איז ניט אזוי. איך מיין, אז ניו־יאָרק פּאַסט אמבעסטן פאַר די ניו־יאָרקער אײַנוווינער און פאַריזש — פאַר די פאַריזשער.

א געשיכטע וועגן דעם געוועזענעם קאַזיאָנע ראַבינער פון טשערניגאָוו שנייערסאָן און וועגן דעם געוועזענעם נאָוואָזיבקאָווער שנײַדער דראַגונסקי

לויט יצחאָק שנייערסאָנס אײַנלאַדונג בין איך געקומען דאָס צווייטע מאָל קיין פאַריזש. מיט א יאָר אָנדערהאַלבן צוריק האָט מיר וועגן אָט דעם פיר־און־אכציקיאָריקן רײַכן פאַריזשער אינדוסטריעלער, דעם אמאָליקן קאַזיאָנע ראַבינער פון דער אוקראַינישער שטאָט טשערניגאָוו, דערציילט א שיינע געשיכטע דער סאָוועטישער גענעראַל דאָוויד דראַגונסקי, וועל־כער איז דעמלט, אויך לויט שנייערסאָנס אײַנלאַדונג, געפאָרן קיין פאַריזש אף דער עפענונג פון דעם מעמאָריאַל פונעם יידישן מאַרטירער, וואָס זײַן פּרעזידענט איז יצחאָק שנייערסאָן.

דער צווייט מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דראַגונסקי שטאַמט פון נאָוואָזיבקאָוו (אַ שטעטל לעבן טשערניגאָוו), פון אַן אָרעמער שנײַדער־שער מישפּאָכע, וואָס האָט עטלעכע און דרײַסיק לעבנס אוועקגעגעבן דער מילכאָמע. גענעראַל דראַגונסקי, דער איינציקער פאַרבליבענער פון דער מישפּאָכע, האָט זיך אין פּאַריזש געטראָפן מיט זײַן געוועזענעם לאַנדס־מאַן, און יענער האָט אים גלײַך דערקענט:

— הא, פון די דראַגונסקיס... וואָדען, איך געדענק אײַך ניט? געווינט האָט איר אין סאַמע פאַרבלאָטיקטן הינטערגעסל פון נאָוואָזיבקאָוו, וואָס איז אַרײַנגעגאַן אין מײַן „יעפּאַרכיע". און איך... איר ווייסט, ווו מײַן הויז איז געשטאַנען?

דראַגונסקי האָט ניט געוווּסט.

— מײַן הויז איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן דער רעזידענץ פונעם גענע־ראַל־גובערנאַטאָר...

גענעראַל דראַגונסקי, דער זון פון אַ קאַפּצן אַ שנײַדער, האָט ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, געענטפערט:

— ס'איז עפּשער אַ צופעליקײַט, נאָר ניט לאַנג צוריק איז מיר אויס־געקומען צו זײַן קאָמאַנדיר פונעם טשערניגאָווער מיליטערישן גאַרניזאָן, און איך האָב געווינט... איר ווייסט, ווו איך האָב געווינט?

שנייערסאָן האָט ניט געוווּסט.

— מײַן רעזידענץ איז געווען גופא אין דעם הויז פונעם געוועזענעם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

אַף דער אויסשטעלונג פון ייִדישן ווידערשטאַנד

אַף דער שטילער גאַס זשאָפּרוא ל'אַניע שטייט דאָס הויז פון דעם ייִדישן דאָקומענטאַציע־צענטער. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט ייִצכאָק שנייער־סאָן געגרינדעט אין 1943 אין דער ניט אָקופּירטער זאָנע פון פראַנקרײַך (אין גרענאָבל) אַף צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער אויסראָטונג פונעם ייִדישן פאָלק. שפּעטער האָט מען אין באַפרײַטן פּאַריזש אופגעבויט דעם בנין.

מײַן באַקאַנטשאַפט מיטן מעמאָריאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין דעקאַבער 1963, ווען איך בין אַרײַנגעקומען באַערן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן. איצט, דאָס צווייטע מאָל, בין איך דאָ דער פאָרשטייער פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען אַף דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג פון ייִדישן ווידערשטאַנד, אין וועלכער די סאָוועטישע וועטעראַנען האָבן זייער בײַטראַג.

ווען מע זאָל אַף אָט דער אויסשטעלונג באַווײַזן מאַרטירערײַ אָן ווי־דערשטאַנד, וואָלט עס סײַ ניט געשטימט מיט די היסטאָרישע פאַקטן, סײַ ס'וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר די קדושים.

ייִצכאָק שנייערסאָן, אַ מענטש מיט אַ ברייטן קוק, האָט עס פאַרשטאַ־נען, און דאָס האָט דערנענטערט די אידיי פונעם מעמאָריאַל צו אונדז, סאָוועטישע מענטשן. דאָך איז פאַראַן אין דער עקספּאָזיציע פון דער

אויסשטעלונג אויך אזוינס, וואָס רופט ארויס א שטארקן ווידערגעפיל בא אלעמען, ווער עס וויל ניט פארשווענכן דעם אָנדענק פון די מארטירער און פון די העלדן מיט היינטצייטיקער פּאָליטיקאנעריי.

פּאָשעט אומגלייבלעך איז געווען צו זען צווישן די עקספּאָנאטן א בלעטל, געווידמעט זשאבאָטינסקין — אן עפּיטאפיע, וואָס א געוויסע עקסטרעמע גרופּע האָט אָפּגעדרוקט אין געטאָ. די אָנפירער פונעם מעמאָ־ריאל האָבן ניט געלייקנט, אז זשאבאָטינסקי האָט ניט, ווייך גערעדט, קיין מינדסטן שייכעס צום אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד. הערנדיק אונדזער קריטיק, האָבן זיי אומבאהאָלפן צעפּירט מיט די הענט און איינער פון זיי האָט מיטאמאָל גענומען דערציילן וועגן דעם גלעט־בייטראָג פון א יידישער וועלט־אָרגאניזאציע אין דעם מעמאָריאל, און, — האָט ער שולדיק גע־שטאמלט, — מע מוז זיך מיט דעם רעכענען...

דער זעלבער „ארגומענט" איז ארויסגעשוואומען, ווען ס'איז אוועק א רייד וועגן דעם פּאָטאָ־בילד, אף וועלכן ס'איז באוויזן, וויאזוי אדענאוער שרייבט אונטער די פארפליכטונג אויסצוצאָלן שעלומים־געלטער. „יאָ־יאָ, — האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ די טוער פונעם מעמאָריאל, — שעלו־מים־געלטער איז ניט מארטירעריי און ניט ווידערשטאנד. פיל מענטשן זאָגן אפילע, אז דאָס איז אויסקויף־געלט פארן בלוט פון די קדושים. אָבער דער מעמאָריאל מוז זיך רעכענען..."

און דאָך זיינען דאָס אלץ בלויז דעטאלן, כאָטש זייער און זייער פאר־דריסלעכע. איינגאנצן גענומען, איז די אויסשטעלונג פון יידישן ווידער־שטאנד א וויכטיקע דאָקומענטן־זאמלונג, וואָס ברענגט היינט נוץ דעם קאמף קעגן נעאָפאשיזם. די שטארקע אופווירקונגס־קראפט פון אָט דער אויסשטעלונג און פונעם מעמאָריאל ביכלאל האָב איך דערפילט אף זיך, ווען איך האָב א דערשיטערטער באקוקט דאָס געביי און זיך צוגערירט צו איינציקע פון די הונדערט טויזנט אָריגינעלע דאָקומענטן, וועלכע זיינען דאָ צונויפגעזאמלט.

באם סאמע אריינגאנג לאָזט מען זיך אראָפּ אף עטלעכע טרעפּ אין א זאל, ווו עס ליגט א שטיין אפן סימבאָלישן קייווער פון די זעקס מיליאָן. זעקס זייטיקע פּראָזשעקטאָרן צעטרייבן די טונקלקייט ארום די זעקס שפּיצן פונעם מאָגנדאָוויד־שטיין. אן אָוואלע עפענונג אין דער סטעליע שאפט די אילוזיע פון א קרעמאטאָרי. אף א ווייס־באלויכטענער וואנט — אן אופשריפט פון „איכאָ": „הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי — נער וזקן, בתולותי ובחורי נפלו בחרב" (קוקט און זעט, צי איז פאראן נאָך אזא שמערץ, ווי מיין ווייטעק — יונג און אלט, מיינע טעכטער און מיינע זין זיינען געפאלן פון דער שווערד).

יעדער באזוכער קאָן אריינשרייבן אין א ספּעציעלן בוך די נעמען פון יידן, פארשניטענע בעשאס היטלערס הערשאפט. דער מעמאָריאל וויל פארהיטן פאר דורעס א זייכער פון קאָנקרעטע מענטשן — קדושים.

אין איינעם פון די צימערן פונעם מעמאָריאל האָב איך זיך אָנגע־שטויסן אף אן עקספּאָנאט, וואָס כאָטש ער האָט ניט קיין דירעקטע שייכעס צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין אונטערשטן זאל, איז ער דאָך ניט צופעליק ארויסגעשטעלט אין דעם זעלבן הויז, ווו עס געפינען זיך דער

סימבאָלישער קרעמאַטאָרי און דער סימבאָלישער קייווער פונעם ייִדישן מאַרטירער.

צי האָט דער אווטאָר פון די נירנבערגער אַנטי־ייִדישע געזעצן אַלפרעד ראָזענבערג געקאָנט אַמאָל טראַכטן, אַז זײַנס אַ נאָטיץ־ביכל וועט באַוויזן ווערן אין אַ ייִדישן מוזיי? איך האָב מיט עקל און נײַגער געמישט דאָס בלאָקנאָטל, אין וועלכן עס זײַנען, צווישן אַנדערן, פאַרשריבן די טעלעפאָן־נומערן פון די הויפּט־אַטאַמאַנען פונעם פאַשיזם, בײַס זיי האָבן נאָך זיך געריסן די גאָרגלען אין די מינכענער ביר־שענקען. „היטלער, — איז אף איינעם אַ זײַטל אָנגעשריבן, — הויז־טעלעפאָן 2 9031, פּאַרטייִשער 2 4781... העס — 3 3940... הימלער — Wahenst N° 182, Zandshut »

ניט איין מאָל האָבן זיי שפּעטער געביטן די נומערן פון זייערע טעלעפאָנען, די אַדרעסן פון רעזידענציעס. אָבער די האַנט פון גערעכטיקײַט האָט זיי דערגרייכט, און אין מוזיי פונעם ייִדישן מאַרטירער ליגט איצט ווי אַ נויטווענדיקע אומרייניקײַט אַ נאָטיץ־ביכל פון איינעם פון זיי.

אַ שטרײַק אפן פּאַריזשער אויפן

זינט איך לעב, האָב איך נאָך ניט געזען קיין עמעסן שטרײַק. אַ געבוירענער נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען האָב איך געקאָנט אַזוינס זען?

און בעשאַס איך האָב באַם אַרויסשטײַגן פונעם עראָפּלאַן געהערט זאָגן, אַז פּאַריזש שטרײַקט, זײַנען פאַר די אויגן מיר אופגעקומען קאַדרען פון קינאָפילמען וועגן די פאַררעוואָליוציאָנערע צײַטן, און איך האָב דערוואַרט צו זען אף די גאַסן פון פּאַריזש רײַטער־פּאָליציי, וואָס וואַרפט זיך אַרוף מיט אַרויסגעכאַפּטע שאַשקעס אף מאַניפעסטאַנטן. אינדערעמעסן אָבער איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

פּאַריזש האָט געשטרײַקט. ספּעציִעלע פּלאַקאַטן פון די סינדיקאַטן האָבן מיטגעטיילט, אַז דאָס איז „אַ שטרײַק פאַר ערלעכקײַט", אַ רויִקער, אָבער אָנשוילעכער דיִאַלאָג מיט דער רעגירונג.

אָט איז דער דיִאַלאָג:

די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פונעם מעלוכע־סעקטאָר (צו דער רעגירונג): באַלעבאָס, דו מיינסט טאַקע, אַז צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט?

רעגירונג: וואָס ווילסטו פון מײַן לעבן, מוסיע אַרבעטער?

די אַרבעטער: בײַס אונדזערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען, מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, האָסטו צוגעזאָגט העכערן די נידעריקע לוינען אונדזערע. מיר קאָנען מער ניט וואַרטן... דער יאַקרעס איז גרויס...

רעגירונג: וועסט ווי־ניט־איז דורכקומען...

דערהערט אַזאַ ענטפער, האָבן צוויי מיליאָן אַרבעטנדיקע מענטשן אוועקגעלייגט אף צוויי טעג „שער־און־אײַזן". אין פּאַריזש זײַנען לענגויס די טראָטואַרן געשטאַנען פולע קאַסטנס מיסט, די גאַס־אופראַמערס האָבן געשטרײַקט; אין די אַנשטאַלטן און מיניסטעריומס זײַנען געווען צוגעמאַכט די פענצטערלעך, צו וועלכע עס גייט געוויינלעך צו אַ באַזוכער. דעם 27

יאנוואר, פאַרנאַכט, נאָך דעם, ווי איך האָב שוין א טאָג צײַט אָפּגעלעבט אין פּאַריזש, האָט איינער פון די כאַווײרים שאַרפזיניק אונטערגעזאָגט, ווי־אַזוי כ׳זאָל פאַרצייכענען דאָס „סאַמע טשיקאַווע״ פון אָט דעם טאָג: „פאַר־שרײַב אַזוי: ס׳איז א טאָג, ווען אין פּאַריזש איז קיינער ניט געבוירן גע־וואָרן און קיינער איז ניט געשטאָרבן״, — עס איז גאָרנישט פאַרשריבן אין די ביכער. די סיבע דערפון: ס׳האָבן ניט געאַרבעט די ביוראָען פון ציווילער רעגיסטראַציע.

און אָט ווי־אַזוי דער שטרײַק האָט אויסגעזען אויפן פּאַריזשער מעטראָפּאָ־ליטען. אין פראַנקרײַך, ווי באַוווּסט, זײַנען פאַראַן עטלעכע פּראָפאַריינישע צענטערן. קעדיי דער עפּיזאָד, וואָס איך וועל איצט באַשרײַבן, זאָל זײַן פאַרשטענדלעך, וועל איך זאָגן פאָרויס, אַז די פראַנצויזישע פּראָפאַריינען האָבן אַבּרעוויאַציע־נעמען, וואָס יעדער פראַנצויז ווייסט זיי פּונקט אַזוי גוט, ווי מיר אין סאָוועטנפאַרבאַנד וויסן, וואָס אַזוינס איז אונדזער פּראָ־פאַריינישער וועצעספּעעס.

„די עס־זשע־טע, — הייבט אָן דער פּאַריזשער אײַנוווינער צו שיטן מיט אַבּרעוויאַציעס, — האָט צוזאַמען מיט עס־עף־דע־טע און עס־זשע־עס זיך גע־ווענדט צו דער עף־גע־א־אָקאַ, ניט אויסמײַדנדיק אויך די פּע־ע־ען, מע זאָל אײַן קאָנטאַקט מיט פּאַרס אַוווריער און מיט די אויטאָנאָמע פאַרנעמען א געמיינזאַמע אַקציע״...

איז אָט, אין ערשטן שטרײַק־טאָג האָב איך געדאַרפט פאַרנאַכט־צו זיך דערקלײַבן פון דער גאַס זשאָפּרוּאַ ל׳אַניע צום טעאַטער־זאַל אַלהאַמבּראַ אויפן רעפּובליק־פּלאַץ. איך האָב געאײַלט, מוירע האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן אויפן פײַערלעכן אָוונט, געווידמעט דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער באַ־פרײַונג פון אָשווענטשים. מײַן באַגלייטער, אַן אָנגעשטעלטער פונעם מע־מאָריאַל פון ידישן מאַרטירער, האָט, זעענדיק, אַז די טאַקסי שטעלן זיך ניט אָפּ, אַרײַנגעפירט מיך אין מעטראָ. „פאַרוואָס קויפן מיר ניט קיין בי־לעטן?״ — איז געווען מײַן ערשטע פראַגע. „די קאַסירן שטרײַקן, זיי גע־הערן צו עס־עס־דע־טע״. — „נו, און אויב מע שטרײַקט, איז פאַרוואָס גייט דער צוג?״ — „ווײַל אַהין, וווהין מיר באַדאַרפן, וועט באַלד דורכגיין א צוג מיט א מאַשיניסט פון די אויטאָנאָמע סינדיקאַטן. זיי שטרײַקן ניט״. — „און אויף יענער פּלאַטפאָרמע? פאַרוואָס איז דאָרט ניטאָ קיין אוילעם?״ — „ווײַל פון דאָרט גייען אָפּ צוגן מיט מאַשיניסטן פון עס־זשע־טע. זיי שטרײַקן״.

ווען מיר זײַנען אָפּגעפאָרן צוויי סטאַנציעס, פירט מיך מײַן באַגליי־טער אַרויס צוריק פון מעטראָ אויף דער גאַס. „אַזוי שנעל זײַנען מיר גע־קומען?״ — „ניין, די נאָענטסטע סטאַנציע שטרײַקט, דער פּערסאָנאַל, וואָס געהערט צו פּאַרס אַוווריער, לאָזט ניט דורך דעם צוג״. — „וואָס זשע טוט מען?״ — „מירן א פּאָר קוואַרטאַלן גיין צופוס און זיך איבערזעצן אויף דער ליניע, וווּ מע שטרײַקט ניט, און דאָרט איז שוין מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען״...

אַזוי האָט געשטרײַקט פּאַריזש.

שפּעט באַנאַכט האָב איך זיך אומגעקערט צופוס פונעם טעאַטער־זאַל אַלהאַמבּראַ אין מײַן האָטעל, און כ׳האָב פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל א ליד:

איך לעב אין דעם נעכטן

איך לעב אין דעם הײַנטיקן טאָג.
אויך נעכטן געלעבט כ'האָב אין נעכטיקן הײַנטיקן טאָג.
און דאָ, מיטאמאָל:
הײַנט איך לעב אין דעם נעכטן! —
אז דאָס איז א כאָלעם, עס איז בא מיר רעכט שוין...

פאריזש מיך באגעגנט מיט היימישן שניי,
נאָר כ'זע אף דעם היימישן שניי —
פאָליציי!
(בא מיר אין דער היים איז א נעכטיקס דאָס וואָרט,
עס הייסט „פאָליציאַנט" — ווער ס'איז וואָס־אין־דער־קאָרט).

א שטרײַק אין פאריזש. ס'איז די שטאָט אף א שלאָס.
א נעכטיקן מיין האָט דאָס וואָרט „באלעבאָס".
איך ווין אין האָטעל דאָ, א טיר בא א טיר,
מיט עפּעס א לעפּישעוואַטן באַנקיר.
ער רעדט מיט מיר נעכטיקע רייד. איך פארשטיי,
אז ער איז נאָך דאָ אף דער וועלט. — טוט מיר וויי.

איך לעב, גאָט צו דאנקען, אין הײַנטיקן טאָג.
אויך נעכטן געלעבט כ'האָב אין נעכטיקן הײַנטיקן טאָג.
און דאָ, מיטאמאָל:
הײַנט איך לעב אין דעם נעכטן! —
אז דאָס איז א כאָלעם, עס איז בא מיר רעכט שוין...

עטוואָס וועגן דאָרע טייטלבוים, הערשל מײַער, שארל דאָבזשינסקי

וועגן אָט די דרײַ מענטשן וועט מיר זײַן גרינגער צו דערציילן אין צו־זאמענהאנג מיט איינער א געשעעניש.

ווען הערשל מײַער האָט מיר מיטגעטיילט, אז די פראנצויזישע שרײַ־בער ווילן אָרגאניזירן אין זשורנאל „עראָפּ" אן אופנאם אין צוזאמענהאנג מיט מײַן קומען קיין פאריזש, האָב איך אים געפרעגט, וואָס איך דארף צוליב דעם טאָן.

— זיך אוועקזעצן און אָנשרײַבן א רעדע...

— אָבער קיין רעדעס שרײַב איך ניט.

— וואָס דען טוסטו?

— איך רייד, און שוין... ווי פּיאָטער וועליקי האָט געהייסן...

— וואָס האָט ער געהייסן?

— ער האָט אמאָל צוגעשיקט די באָיארן א שריפטלעכע פאראָרדענונג:

„איך באפויל ריידן ניט לויט א פאפירל, קעדיי מע זאָל זען אײַער טיפ־שעס".

— הער מיך אויס, — האָט מײַער אָנגעהויבן צעצלען די ווערטער, און דאָס האָט באַטײַט, אז ער האָט קיין צײַט ניט צו שפאסן, — דער אופנאם איז פון גרויסער וויכטיקײַט...

— איך פארשטיי...

— עס ווען בײַזײַן א סאך גרויסע פראנצויזישע שרײַבער...

— איך פארשטיי...

— דער זשורנאל „עראָפ" איז זייער אן ערנסטע ליטעראַרישע אויס־גאבע...

— איך פארשטיי...

— איז זעץ זיך אוועק און שרײַב אָן א רעדע!

מיר וואָלטן נאָך לאנג ניט פארשטאנען איינער דעם אנדערן, ווען דאָרע טייטלבוים זאָל זיך ניט ארײַנמישן און מיט איר געזונטער לאָגיק פון א פרוי ניט קלאָר מאכן דעם איניען:

— מײַן מאן האָט דיר ניט געזאָגט דאָס סאמע וועזנטלעכע: עס ווען בײַזײַן פראנצויזן, וואָס ווייסן ניט קיין יידיש. דײַן רעדע וועט איבער־זעצן שארל דאָבזשינסקי. נאָר ער איז אויך ניט אזא מייוון בעלאָשן. דארף ער זי האָבן אָנגעשריבן...

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אז א שאָ דרײַ־פיר פאר דער באגעגעניש קום איך צו די מײַערס אהיים, דאָרט וועט שוין זײַן דאָבזשינסקי, און מיר טוען אָפּ אלץ, וואָס מע דאַרף.

און אָט זיץ איך שוין אין א טאקסי. דער וועג איז ווײַט, די מאשין דארף דורכפאָרן א שטיק פאריזש, דערנאָך א וועלדל און אין א שטילער פאָרשטאָט זיך אָפּשטעלן בא דער וווינונג פונעם פאָרפאָלק — דעם פובלי־ציסט הערשל מײַער און דער דיכטערן דאָרע טייטלבוים.

דער פלאן אונדזערער קראכט פון אָנהייב אָן.

אין אָט דער שאָ קערן זיך אום טויזנטער פאריזשער אײַנוווינער פון דער ארבעט, און איך פאל ארײַן אין דעם שטראָם אווטאָמאָבילן, פון וועלכן מע קאָן זיך ניט ארויסרײַסן ניט אָף לינקס, ניט אָף רעכטס.

איך טו א קוק אפן זייגער, און פון קאס מאך איך א „בראָכע" אָף רו־סיש. דער שאָפער קערעוועט אויס צו מיר דאָס פּאָנעם און צעשמייכלט זיך: „זעמליאקו!". מע צערעדט זיך, און עס ווײַזט זיך ארויס, אז מײַן לאנדס־מאן איז א רוסישער ווײַסגווארדייער, א געוועזענער אָפיצער. ער איז שוין אלט צוויי און זעכציק יאָר און ארבעט אלס שאָפער.

— אָף אײַער אָרט, — זאָג איך אים, — וואָלט איך אוועקגעוואָרפן פּאַ־ריזש און זיך אומגעקערט אהיים...

— אָף אײַער אָרט, — ענטפערט ער, — וואָלט איך דאָס, וואָס איר דארפט אָנשרײַבן בא אײַערע כאווירים, אָנגעשריבן דאָ, אין דער מאשין...

אן אײַנפאל פון א ווײַסגווארדייער! ווען ניט זײַן פאַרשאָלטענע פאַר־גאנגענהײַט, וואָלט איך אים א קוש געטאָן! איך כאַפּ ארויס דאָס נאָטיץ־ביכל, און פונקט ווען די מאשין שטעלט זיך אָפּ באם געוווּנטשענעם ציל, ענדיק איך שרײַבן די רעדע. ארויסקריכנדיק, הער איך רויק אויס דעם

שטורמישן דועט פון די באַלעבאַטים: „ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? מע דאַרף דאָך שוין באַלד אַרויספאָרן אין „עראָפּ"!"

אין עטלעכע מינוט אַרום זיץ איך שוין מיט שאַרל דאַבזשינסקין און לייען אים וואָרט בײַ וואָרט די רעדע. הערשל מײַער איז אַוועק אין הויף צוגרייטן דעם אויטאָמאָביל. דאָרע טייטלבוים טוט זיך איבער אין אַ זײַטיקן צימער און פאַרגעסט ניט אונטערצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דאַבזשינסקין און מיט מיר:

— שאַרעלע, זעץ איבער ריכטיק דאָס וואָרט „אכרײַעס". אין אָט דעם־אָ קאָנטעקסט איז דער טײַטש... (זי זאָגט עפּעס אויף פראַנצויזיש).

— אוי, איר זײַט דאָך שוין אינגאַנצן פאַרשמאַכט! באַלד ברענג איך טיי...

זי לויפט טאַקע אַרײַן מיט צוויי גלעזער אין די הענט, גיט אונדז ביידן, לויט דער ריי, אָפּצובײַסן פון איין פוטער־בולקע און רעדט דערבײַ: „פונקט ווי קינדער. ווי קינדער, זאָג איך אײַך..." דערנאָך איז זי ווידער ניטאָ און באַווײַזט זיך — איין מאָל מיט אַ וואָרט, אַ צווייט מאָל מיט עפּעס צום עסן, און אַזוי ביזן אַוועקגיין פון שטוב.

אין צענטער פון דער שטאָט פאַלן מיר אַרײַן נאָך אין אַ גרעסערער ענגשאַפט. ס'איז דאָ צײַט צו קלערן, און איך דערמאָן זיך, אַז מיט צען יאָר צוריק האָט אַראַגאָן אין אַ פאָרעדע צו שאַרל דאַבזשינסקיס בוך לידער „אַ שטורעם פון האָפענונג" אויסגעשריגן מיט פאַרשטענדלעכן פרייד־ציטער: „אונדזער פּאָעזיע, די גרויסע פּאָעזיע ווערט פאַרגעזעצט. איר הערט, וואָס איך זאָג? איר הערט, דאַבזשינסקיס פאַרגייער?..". עס קאָן זײַן, אַז אַראַגאָן האָט עס באַזונדערס שטאַרק דערפילט, איבערלייענענדיק אין דאַבזשינסקיס נאָכמילכאָמע־ליד „זאָרג פאַר דער צוקונפט" די שורעס: „דאָס געזאַנג פון פאַרצווייפלונג איז ניט דאָס שענסטע. וועלקנדיקע הערצער זינגען פאַלש", — די שורעס, וועלכע האָבן מיט אַ נײַער העלער שײַן פון נאָכמילכאָמעדיקער ווידערופשטעלונג פונעם לעבן באַלויכטן זײַנע, אַראַגאָנס, אייגענע דערשיטערנדיקע שורעס: „דאָרט, ווו איך שטאַרב, שטייט אויף טכיִעס־האַמייסים דאָס פאָטערלאַנד"...

איך קוק אויף דאַבזשינסקין, אויף זײַן שאַרפן פּראָפיל, כאָטש ברייט, אַפּי־לע אַ ביסל מאָנגאָליש, זײַנען בײַ אים די קינבאַקן. איך קוק אויף זײַנע שמאָלע הענט, וואָס האַלטן פעסט דעם רודער פונעם אויטאָמאָביל, — און טראַכט זיך: ווען מע האָט אין 1942 אים, אַ דרײַצניאָריק קינד, אויסבאַ־האַלטן פון די היטלעראָווצעס ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פונעם פעטעניטשן פראַנקרײַך, בין איך, שוין אַ פיר־און־צוואַנציקיאָריקער, אָנ־געטאָן אין שווערע סאָלדאַטישע שטיוול, געגאַנגען אים צוהילף דורך לענ־דער און ליידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַן אַלמענטשלעכע אַנטיפאַשיסטישע שלאַכט, אָבער מע דאַרף געדענקען, אַז אויך דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער אכרײַעס האָט מיך געפירט אַהין, ווו עס האָט געברענט די וואַרשעווער געטאָ, און ווײַטער אַהין, ווו עס איז אין טויט־געפאַר גע־לעגן באַהאַלטן מײַן ייִנגער ברודערל, דער קומענדיקער דיכטער פון פראַנקרײַך.

— שאַרל, — רײַס איך איבער אויך זײַנע מאַכשאָוועס, — האָסט ניט פאַרגעסן, וויִאַזוי מע דאַרף טײַטשן דאָס וואָרט „אַכרײַעס"?

— אַזוינס פאַרגעסט מען דען?.. מיר פאַרשפּעטיקן אין „עראָפּ"...

דעם זשורנאַל „עראָפּ" האָט געגרינדעט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק ראָמען ראָלאַן. איצט איז דער שעף־רעדאַקטאָר זײַנער — פּיער אַבראַהאַם, אײנער פון די עלטסטע טוער פון דער פראַנצויזישער פּראָגרעסיווער קולטור און ליטעראַטור.

אָט גייט ער אונדז אַנטקעגן, אַ שמייכלענדיקער פון קאָפּ ביז די פיס, אַ שטאַרק טשיקאַווער אויסערלעך: דאָס פּאָנעם פול מיט קנייטשן, מיט בינטעלעך האָר. און אָט איז „די צאַרטע" — ווי מע רופט דאָ היימיש מאַדלען בראַון, דעם געוועזענעם וויצע־פּרעזידענט פונעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, הײַנט — דירעקטאָר פונעם פאַרלאַג „עדיטער רעיִוני"; אָט זײַנען זיי — אַנדרע ווירמסער, וואָס איז בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד פּאָפּולער ווי אײנער פון די בעסטע פּאַריזשער פּובליציסטן; זשאַק מאַדאָל, פּרעזידענט פונעם נאַציִאָנאַלן קאָמיטעט פון די פראַנצויזישע שרײַבער; די באַוווסטע פראַנצויזישע ראָמאַניסטן, עסייִסטן, דיכטער, און צווישן זיי — ניט אָפּגעזונדערט, נאָר ווי אַ טייל פון פראַנקרײַכס ליטעראַרישן רום — ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער. אָט זײַנען צוויי שרײַבער פון דער אַפריקאַנער רעפּובליק דאַהאָמיי לעאָן אַגאַסי און באַקאַרע טהאַאָרע; אָט איז דער טערקישער מאָלער און דיכטער אַבידין. און אָט — «Здравствуйте, что слышно дома?» (שאָלעם־אַלייכעם! וואָס הערט זיך אין דער היים?) — דאָס זײַנען פּאַריזשער קאָרעספּאָנדענטן פון די מאָסקווער צײַטונגען „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיִא".

וועגן דעם אופנאָם גופע: פּונקט ווי אַף אַ שיף, נאָך דעם, ווי מע האָט אַנטדעקט נײַע ערד, קומען זיך צונויף אין קאַיוט־קאָמפּאַניע די מענטשן, קעדיי אַ שמועס טאָן וועגן דעם כידעש פון אָט דער אַנטדעקונג, — אַזוי זײַנען אויך אַהער אַ סאַך פון די פאַרזאַמלטע געקומען פאַרכידעשטע און גרייטע זיך צעשרײַען פאַר פרייד:

— הערט נאָר, הערט: „סאָוועטיש היימלאַנד"!

— ייִדישע ליטעראַטור! יאָ, יאָ...

שמאַד־שטיק פון דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע

איך האָב געזען דעם פּראָגרעסיוון טייל פונעם ייִדישן ייִשעוו אין פּאַריזש, געזען אים אַף מאַסן־מיטינגען און בײַ כאַווערישע באַגעגענישן, אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „אוניִאָן" און אין די טראַדיציִאָנעלע לאַנדסמאַנשאַפטן, אין די היימען פון נאָענטע פרײַנט און אין דער רעדאַקציע פון דער „נײַער פּרעסע". די פּראָגרעסיווע טוער קומען אַרויס פון די טיפענישן פונעם פאָלק, און אין פאָלק לעבן זיי. מע קאָן וועגן זיי זאָגן — רעוואָליוציִאָנערע ראָמאַנטיקער, און אײנצײַטיק — אַ קאָהאָרטע קעמפער.

ווי אַן אַנשוילעכער קאָנטראַסט צום פּראָגרעסיוון ייִדישן פּאַריזש, ליגן פאַרהריזנעט אין די זומפּן פון אַ „ריין־ייִדיש וועלטל" די ווייניק פּאָפּולע־

רע רעאַקציאָנער־רעכטע גרופּקעס. נאַטירלעך, פֿאַראַן דאָרט צווישן די קלאַל־טוער ערלעכע מענטשן, וואָס זײַנען אָדער געשטרויכלט געוואָרן אין געוויסע צײַטן, אָדער עס בינדט זיי צו צו דער דאָזיקער זײַט באַריקאַדע דער אָדער יענער פּערזענלעכער מאָטיוו.

אָט איז איינער פֿון פֿיל פֿאַקטן, וואָס באַווײַזן, וויאַזוי די אַנטיסאָוועטישע סוויווע דעגענערירט.

געווען א „געשיכטע מיט רויטן טינט". אויב ריידן ערנסט, האָט זי די ווערט, מע זאָל זי אַרײַנשטעלן צווישן די אַנעקדאָטן פֿון די כעלמער כאַכאָמים. אָבער א „געשיכטע" איז עס דאָך, וועל איך זי דערציילן.

„דאָס וואָרט „יעווריי" (ייִד) אין די סאָוועטישע פּאַספּאָרטן שרײַבט מען מיט רויטן טינט!" — האָבן אין איין שיינעם טאָג מיטאַמאָל זיך צעשריגן די אַנטיסאָוועטישע בלעטער. אַף אַלע ראָגן האָט מען צעטראָגן די „איבערראַשנדיקע נײַס וועגן א דיסקרימינאַציע פֿון סאַמע געפֿערלעכסטן כאַראַקטער, וועגן וועלכער די ייִדישע וועלט איז נאָך ביז איצט בכלל ניט געווען אינפֿאָרמירט". אָט די ווערטער זײַנען אַרויסגענומען פֿון אַן אַרטיקל, וואָס עס האָט אָפּגעדרוקט דער אַוטאָר פֿון דער „געשיכטע", איינער אַן אונטערוועלט־זשורנאַליסט לענעמאַן, ווײַט־ווײַט ניט קיין כעלמער נאַר, ווײַל עס סטײַעט אים אײַנפּאַלערישקײַט צו מאַכן א לעבן פֿון באַקן ליגנס, אויסרעכענענדיק, אַז עס וועלן זיך געפֿינען כעלמער, וועלכע גלייבן. לענעמאַן האָט געאַרבעט אַף טיש און אַף בענק. ער האָט אײַנגערוימט די לייענער א סאָד, אַז די אינפֿאָרמאַציע וועגן „רויטן טינט" האָט מען באַקומען „אין מאָסקווע, פֿון באַגלייבטע ייִדישע קוועלן. וואָס פֿאַרא קוועלן דאָס זײַנען, מוז בלײַבן, נאַטירלעך, בעסאָד"... און ווען דער ערשטער ציל איז, דוכט זיך, דערגרייכט געוואָרן — אַרום דעם פּראָפֿעסיאָנעלן בלאָפֿער האָט זיך צונויפֿגענומען א רעדל פֿון איבערגעשראָקענע „אָנשטענדיקע קלאַל־טוער", — דאַן האָט זיך דערהערט דער דראַמאַטישער רוף, מע זאָל אַרויסציִען די שווערדן: „די ייִדישע וועלט טאָר ניט מער שווײַגן. זי דאַרף אַמשאַרפֿסטן רעאַגירן און פּראָטעסטירן קעגן דער נײַער גזיירע, און עס מוז אַלץ געטאָן ווערן, אַז זי זאָל וואָס שנעלער ווערן אָפּגעשאַפֿט" (אַזוי שרײַבט ער טאַקע, לענעמאַן: אָפּגעשאַפֿט).

האָב איך טאַקע, בײַ מײַן ערשטן באַזוך אין פּאַריזש, זיך געווענדט מיט א פֿראַגע צום אוילעם אין זאַל פֿונעם האָטעל „מאָדערן": וויאַזוי, טײַערינקע, זאָל עס ווערן אָפּגעשאַפֿט, אויב ס'איז נישטאָ בכלל? „דערווײַז, אַז ס'איז נישטאָ!" — איז דער אוילעם געווען אײַנגעשפּאַרט. אָבער וויאַזוי דערווײַזט מען עס, אַז אַפֿילע מײַן אייגענעם פּאַס, ווי עס פּירט זיך באַם אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד, האָב איך איבערגעלאָזט אין מאָסקווע?

און ס'איז געבליבן אַזוי: ווען עמעצער פֿון די בײַוועזנדיקע אין זאַל וועט זײַן אין מאָסקווע, קומט ער אַרײַן אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" און, ווי נאָר ער קומט אַרײַן, טוט מען א רוף פֿון דער גאַס עטלעכע מענטשן, וואָס וועלן זיכער געהערן צו פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, ווײַל אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד לעבן, גאָט צו דאַנקען, העכער הונדערט פֿעלקער, — און מע נעמט בא זיי קוקן די פּאַספּאָרטן, ניט פֿאַרגעסנדיק

עפּענען אויך די פּאַספּאָרטן פון די מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד”. און דאַן...

— טײַערע געסט! איר געדענקט מײַן צוזאָג? לאָמיר עס טאַקע גלײַך דאָ, אויפן אָרט, דורכמאַכן...

— אײַ, הערט שוין אויף... ס'א ביזאָיען...

— נו, און לאָזן די לענעמאַנס טאָן זייער אַרבעט איז ניט קיין ביזאָיען?

דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין דער רעדאַק־ציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד” אין א פינף כאַדאָשים אַרום נאָך דעם עפּי־זאָד אין פּאַריזשער האָטעל „מאָדערן”.

דער גאָלדפאַדען־כאָלעם

דעם יידישן טעאַטער כאָלעמט זיך א גאָלדפאַדען־כאָלעם. א גוטער כאָלעם. א כאָלעם אַף דער וואָר.

מע זעט אַף דער בינע די אָרעמע יעסוימע מירעלע און מאַרקוסן — איר געגאַרטן; אָט איז קוני־לעמל, אָט — די באָבע יאַכנע; און האָצמאַך איז דאָ...

וואָס מיינט מיט אַזא ספּעקטאַקל יאַנקעוו ראָטבוים, דער רעזשיסער פונעם „גאָלדפאַדען־כאָלעם” אין פּאַריזשער יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל? עפּשער וויל ער פּאָשעט אָפּפרישן אין זיקאָרן אַן אַלטע שפּיל? איך זאָג עס דעם שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזשער „נײַער פּרעסע”, מיילעך קעניג, וואָס זיצט לעבן מיר אין צושויער־זאַל „אַנטרעפּאָ”, — צעלאַכט ער זיך:

— קוק ווײַטער, וועסטו זען...

מיט קעניגן האָב איך א שאָ פאַר דעם ספּעקטאַקל, פאַרברענגענדיק בא אים אין דער היים אין שטעטל סאָרסעל, וואָס לעבן פּאַריזש, געשמועסט וועגן יידישער קולטור און, פאַרשטייט זיך, אויך וועגן טעאַטער. מיילעך האָט זיך געקלאָגט: ניטאָ קיין פּיעסן אַף נײַע טעמעס. שוין לײַכטער צו־נויפזאַמלען געלט אַף אונטערצוהאַלטן דעם טעאַטער מאַטעריעל, איידער בײַקומען די שוועריקײַטן מיטן רעפּערטואַר...

פּרווו איך געבן אַן אייצע:

— איר האָט דאָ אין פּאַריזש אַזא דראַמאַטורג, ווי כאַיִם סלאָוועס. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס מע מאַכט מיטינגען בלויז וועגן וועלט־פּראָבלעמען. עפּשער וואָלט געהאַט א זין צונויפרופן די פּאַריזשער יידן אַף א מיטינג, און זאָלן זיי אָפּשפּילן א סצענע סלאָוועסן: דאַיאָש א דראַמע וועגן הײַנ־טיקן לעבן, און שוין!

— כאַיִם סלאָוועס איז טאַקע כאַיִם סלאָוועס, און דו, פונדעסטוועגן, טו א קוק, ווי:אַזוי יאַנקעוו ראָטבוים נעמט אַן אַלטן, טראַדיצ:יאָנעלן מאַטעריאַל און שלאָגט פון אים אויס דעם הײַנטיקן פונק...

איך קוק דעם ספּעקטאַקל און געפין אויס, אַז וווען אַפילע דער רעפּער־טואַר פונעם יידישן טעאַטער זאָל פול זײַן מיט אַקטועלסטע, פּריש־צאַפּל־דיקע פּיעסן, וואָלט מען אַלציינס באַדאַרפט, טאַקע צוליב די הײַנטיקע פּראָבלעמען, שפּילן אַזוינס, ווי דער „גאָלדפאַדען־כאָלעם”, וואָס קלינגט,

ווי אָנגעשריבן הײַנט און פֿאַרן הײַנט. פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון קונסט איז עס — קאַמף פֿאַר רעאַליזם, קעגן שונד, פֿאַר געזונטע פֿאָלקס־טראַדיציעס; און אויב נעמען דאָס טאָגטעגלעכע אויסקומעניש פֿונעם פּראָסטן ייִדישן מענטשן, איז דען אין פּאַריז, ווו מע שפּילט דעם „כּאַלעם", ווייניק פֿאַראַן פֿון דעם, וואָס קומט פֿאָר אויף דער בינע?

וועגן וואָס שמועסט מען אין פּאַריז

קוידעמקאָל ווו שמועסט מען אין פּאַריז: אויף דער גאַס? אין די הויפֿן? אין די סקווערן? אויף די פּריזבעס?

אין פּאַריז שמוזנסט מען געוויינלעך אין קאַפֿע.

מע טרינקט שוואַרצע קאַווע אָדער אַ גלאָז רויטן ווײַן — און מע שמועסט. קאַווע אָדער ווײַן איז די געלעגנהייט; דער שמועס — די נויטווענדיקייט. איך זאָג עס דערפֿאַר, ווײַל אין אונדזער ווילער צײַט, לאָמיר זיך מוידע זײַן, טרעפֿט אָפֿט זאָס פֿאַרקערטע: אַ בוטל בראַנפֿן מיט צובײַסעכץ איז די נויטווענדיקייט און אַ שמועס דערבײַ — די געלעגנהייט.

אין אַ פּאַריזשער קאַפֿע דאַרפֿסטו ניט זוכן קיין פֿרײַ אָרט בײַ אַ טישל, אויך ניט אויסקוקן די אויגן, וואַרטנדיק אויף דער קעלנערשע. גייסט אַרײַן מיט דײַן פֿרײַנט אָדער פֿרײַנדן, באַקומסט אין איין אויגנבליק אַ בוטל מיט קעלישעקלעך און — שמועס וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט.

אָפֿטער פֿון אַלץ זײַנען מיר אַהין, אין קאַפֿע, געגאַנגען זאַלבעצווייט — איך און מײַן אַלטער פֿרײַנט שאַרל שטיינמאַן, דער קולטור־סעקרעטאַר פֿון „אוניאָן".

שאַרל איז אַ פּאַשעטער פֿאָלקסמענטש. צווישן עטלעכע פֿענעמער איז זײַן פּאָנעם ניט דאָס שרײַענדיקסטע, צווישן עטלעכע מיינונגען איז זײַן מיינונג ניט די קאַטעגאָרישסטע, ער איז ווי אַ ריפּטל ברויט לעבן דעם גאַנצן לעבל. בלײַבסטו מיט אים אַליין, איז דיר מיט אים גוט.

מיר באַשליסן, לעמאָשל, גיין אַ קוק טאָן דעם לעצטן קינאָ־פֿילם. קעדיי זיך צונויפֿרײדן, וווהין צו גיין, קומט מען אַרײַן אין אַ קאַפֿע. מע זופּט פּאַמעלעך די קאַווע, ריידנדיק וועגן אַלץ, אָבער ניט וועגן דעם איניען גופֿע, — און עס הייסט, מע האָט זיך צונויפֿגערעדט: מע וועט גיין אין יענעם קינאָ־זאַל, וואָס איז אַנטקעגן דער קאַפֿע; וווהין דען זאָל מען גיין? דאָרט, אויף דער צווייטער זײַט גאַס, וועט שאַרל נעמען די בילעטן, און ביז וואָס־ווען זעצט מען זיך דערווײַל צו בײַ אַ טישל אין דער דערבײַיִקער קאַפֿע. נאָכן פֿילם דאַרף מען אַ שמועס טאָן וועגן דעם פֿילם, און ווו מע „שמועסט" אין פּאַריז, ווייסן מיר שוין...

צי אָט, אַ צווייטער בײַשפּיל. זײַענדיק אין רעדאַקציע פֿון דער „נײַער פּרעסע", באַם מיטרעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג מ. ווילנער, וואָס איז שטענדיק פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט, זאָג איך אים, אַז עס וואָלט שוין עפּשער צײַט געווען אַ שמועס טאָן. ווילנער טראַכט ניט לאַנג און לייגט פֿאָר, מיר זאָלן אַראָפּגיין (פֿאַראַן אויף רי פּאַראַדי אַ קאַפֿע, וווהין עס קומען געוויינלעך אַרײַן די מיטאַרבעטער פֿון „אוניאָן" און פֿון דער „נײַער פּרעסע").

גייען מיר, הייסט עס, אראָפּ, קעדיי אין א רויִק אָרט זיך דורכשמועסן. מיר זיצן בא א טעפּעלע קאווע. די באלעבאָסטע פּרעגט זיך אָן בא ווילנערן, צי ער האָט שוין היינט דורכגעמאכט די מעדיצינישע פּראָצעדור, וועלכע דער דאָקטער האָט אים מיט א וואָכן צוויי צוריק צוגעשריבן אף יעדן טאָג. דערנאָך הייבן מיר זיך אוף פון די ערטער און גייען צוריק אין רעדאקציע, און דאָרט שמועסן מיר זיך ערשט דורך.

און אז עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן שמועסן, וועל איך דערציילן, וועגן וואָס און וויאזוי מע האָט אין פּאריזש געפירט א שמועס אין אן אנדער אָרט, ניט אין קאפע, נאָר צווישן היכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, אף א צונויפקום אין „אליאַנס איזראעליט אוניווערסעל".

אליאַנס איזראעליט אוניווערסעל? וואָס איז עס?

אמאָל־אמאָל איז געווען די אזויגערופענע קאָנסיסטאָריע פון די פראנצויזישע ייִדן. מיט א יאָר פינף פאר זיין מארש אף מאָסקווע האָט נאפּאָלעאָן געשאפן די דאָזיקע ייִדישע רעליגיעז־וועלטלעכע אדמיניסטראציע אלס א באקוועם געצייג צו האלטן מיט איר הילף אין געהאָרכזאמקייט די ייִדן פון פּאריזש. די אידיי צו גרינדן גראָד א קאָנסיסטאָריע נעמט זיך פון דעם, וואָס נאפּאָלעאָן האָט געזען אין די ייִדן בלויז א רעליגיעזע גרופּע. דערפאר טאקע איז לויט א געזעץ, אן אונטערגעזאָגטן פון דער רעגירונג, דער נאָמען „ייִד" פארביטן געוואָרן אף „איזראעליט", ווייל „ייִד דערמאָנט גיכער א נאציע, איידער א רעליגיע", שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס מיט דעם דאָזיקן נאָמען זיינען פארבונדן „אומגליקלעכע פאָרורטיילן"...

אין הונדערט יאָר ארום (נעמלעך, אין 1905), ווען אין פראנקרייך איז די רעליגיע אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער מעלוכע, איז אויך די קאָנסיסטאָריאלע סיסטעם פארשוווּנדן, כאָטש ביז היינטיקן טאָג פארבלייבט דער רודימענט, וואָס הייסט קאָנסיסטאָריע, אָבער איצט איז דאָס שוין א געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, א מין „לאָזשע" פון פראנצויזיש־רײדנדיקע ייִדן.

אדמיראל לוי קאן איז פּרעזידענט פון דער קאָנסיסטאָריע און אייניצייטיק פון דעם „אליאַנס איזראעליט אוניווערסעל", וואָס אייגנטלעך איז עס איינס און דאָס זעלבע. געשאפן געוואָרן איז דער אליאַנס דאן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פראנצויזישע קאָלאָניזאציע פון די אראבישע לענדער און פונעם מיטעלן מיזרעך. דערלויבנדיק צו שאפן אין יענע געביטן יודאיסטישע שולן מיט דער פראנצויזישער אונטעריכט־שפּראך, האָט מען אויסגערעכנט, אז די אביטוריענטן פון אָט די שולן וועלן אונטערהאלטן און פארשפּרייטן די פראנצויזישע ווירקונג. ביז היינט האָט דער „אליאַנס איזראעליט" נאָך פארהיט ניט ווייניק שולן אין סיריע, ליבאן, אפילע אין אינדיע. דער אידייִשער אינהאלט פונעם אליאַנס איז א יודאיסטישער (ייִדישע רעליגיע, טראדיציאָנעלע דערציִונג), די פּראָגראם — פילאנטראָפּיע און אקציעס אף צו פארטיידיקן די ייִדן פון דיסקרימינאציע.

„אליאַנס איזראעליט אוניווערסעל" פארייניקט אסימילירטע ייִדן — „פראנצויזן פון מוישעס גלויבן", ייִדן, וועלכע לעבן זיך אויס אין דער פראנצויזישער קולטור. זיי שעמען זיך א ביסל אונטער מיטן „טכום־ייִד". ייִדיש אלס שפּראך גייט זיי ניט אָן. זיי זיינען פראנצויזן! צו ייִסראָעל

באציִען זיי זיך מיט סימפּאַטיע — ניט ווי ציִעניסטן, פאַרשטייט זיך. אַנטי־סאָוועטיש זײַנען זיי ניט.

איז פאַרוואָס דערצייל איך וועגן דעם? אַך, יאָ, עס איז געקומען צו רייד, אַז אין פּאַריזש, ווען מע וויל זיך דורכשמועסן, קומט מען אַרײַן אין אַ קאַפע. אָבער קאַפעען זײַנען ניט ס'איינציקע אָרט. אָט בין איך געווען אויף אַן אוּפנאַם, געווידמעט דער אויסשטעלונג פון ייִדישן מאַרטירער און ייִדישן ווידערשטאַנד, אין אַריסטאָקראַטישן „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", און דאָרט...

נאָר לאָמיר מאַכן אַ שטיקל איבערײַס און דערווײַל דערציילן וועגן עפּעס אַנדערש.

דיִאַלאָג דורך מאָנאָלאָג

אַפילו אַ קינד ווייסט הײַנטיקע צײַטן, וויִאַזוי עס קומט פאָר אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. מע שטעלט פראַגן, און מע באַקומט אויף זיי אַן ענטפער. און אַז ייִדן האָבן ליב צו שטעלן פראַגן, ווייסט אויך אַפילו אַ קינד אין וויג.

עס מאַכט זיך אָבער, אַז אויב די פּרעסע־קאָנפערענץ איז בלויז אַ ייִדישע, דאָס הייסט אַ „היימישע", באַגייט מען זיך אָן פראַגן, ווײַל גופא די פראַגע, וואָס מע פרעגט פון זאַל, איז שוין אַ גרייטער ענטפער.

קומען קומט עס פאָר אַזוי. עס הייבט זיך אויף דער מענטש, וואָס זאָגט, אַז ער וויל שטעלן אַ פראַגע, און אָנשטאָט פרעגן „ענטפערט" ער זיך אַליין, און דערצו אַזוי, ווי אים גלוסט זיך. און עס באַקומט זיך אַ דיִאַלאָג דורך אַ מאָנאָלאָג. אַ מאָנאָלאָג אָנשטאָט אַ דיִאַלאָג.

דערנאָך קומט דער פראַגע־שטעלער צו זיך אַהיים און דערציילט: „איך בין געווען אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ; פרעגט ניט, איך האָב זיי דאָרט גוט אַרײַנגעזאָגט"...

דאָס איז געווען בײַס מײַן ערשטן באַזוך אין פּאַריזש, אין איינעם פון די זאַלן פון האָטעל „מאָדערן". אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ זײַנען געקומען פאָרשטייער פון די ייִדישע צײַטונגען, אויך — שרײַבער, געזעלשאַפטלעכע טוער.

דער דיכטער שולשטיין האָט אָנגעהויבן דעם דיִאַלאָג מיט האַלטן אַ רעדע אָנשטאָט שטעלן אַ פראַגע. נאָך אים האָבן דאָס זעלבע געטאָן שלעווין און ליטווין. אַלע דרײַ זײַנען, ווי באַוווּסט, אָוועקגעגאַנגענע פונעם פּראָגרעסיוון לאַגער.

דערזען אַזאַ זאַך, האָבן סײַ דער פּאָרזיצער (שאַרל לעדערמאַן, פּרעזידענט פון „אוניִאָן"), סײַ דער זאַל גענומען זיך באַאומרויִקן. וואָס איז שײַעך מיר, בין איך פאַרן קומען קיין פּאַריזש דורכגעגאַנגען די שול פון פּרעסע־קאָנפערענצן אין אַמעריקע, און ס'איז מיר אַפילו געפעלן, וואָס גלײַך פון אָנהייב האָט זיך אין „מאָדערן" אײַנגעשטעלט אַ רעאַלע אַטמאָספער.

איך האָב געזאָגט:

— לאָזט זיי זיך אויסריידן דאָס האַרץ. ס'איז, מיינט איר, אַזוי גרינג דאָס אומקערן זיך אַהיים, אויב באַם אוועקגיין האָסטו אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר?

יאָ, די ערנסטע שרײַבער צווישן די אָפּגעגאַנגענע וועלן אַזוי אָדער אַנדערש זיך מוזן „אומקערן אַהיים", — אויב ניט, וועלן זיי פאַרטשאַכנעט ווערן. אַז שולשטיין, שלעווין, ליטווין האָבן באַ דער געלעגנהייט, ווען מע קאָן ווידער זיך צונויפזאַמלען אין איין צימער מיט די געוועזענע קאַמפּס־כאַווירים, גענומען מיט איבערגעטריבענער היץ אַרויסשטעלן דראַמאַטישע טײַנעס, — איז עס דאָך, אין לעצטן סאַכאַקל, געווען אַ מין באַוואָרעניש: „זאָל מען זען, אַז מיר ווייטעקן פאַר דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער היים".

איך האָב געדולדיק אָף די טײַנעס געענטפערט.

מוישע שולשטיין, לעמאָשל, האָט זיך באַקלאָגט אָף דעם, אַז אין מײַן אַרטיקל „די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור" האָב איך פאַר־געוואָרפן די שרײַבער גראַדע, סוצקעווער, העלער, שלעווין אידייענלאָזי־קײַט.

— מיר וואַרפן ניט אַרײַן אַלע אַוועקגעגאַנגענע אין איין זאַק, — האָב איך זיך באַמיט צו דערקלערן אונדזער שטאַנדפּונקט. — איך וואָלט ניט צונויפגעמישט אַוראָם סוצקעווערן, לעמאָשל, מיט בעניאָמין שלעווינען. יעדערער האָט זיך זײַן גאַנג. דאָס, וואָס העלער, שלעווין און טאַקע שול־שטיין אַליין האָבן געשאַפן אין זייער רעוואָליוציאָנערן פּעריאָד, שאַצן מיר...

זינט יענער פרעסע־קאָנפערענץ איז אַריבער ניט ווייניק צײַט, אָבער אויך הײַנט קאָן איך איבערכאַזערן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט דעמלט:

איך בין צופרידן, וואָס כ'האָב זיך געטראָפן מיט די „אין קאַס געוואָר־רענע", זיי זעען אויס אין לעבן אַנדערש, איידער איך האָב זיך זיי פאָר־געשטעלט פונדערווײַטנס. אין לעבן זײַנען זיי מענטשלעכער, איידער אָפן פּאַפּיר, דאָס הייסט — ניט אַזוי פײַערלעך־אָפּאָסטאָליש, פּיל־פּיל שוואַכער און מיט מער זוכעניש. ס'איז עמעס, אַז די, וועלכע זײַנען אַוועק פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, האָבן ליב אַרויסצושטעלן די פּילבאַרקײַט פון זייער געוויסן. דאָס ווערט באַ זיי מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט אין אַן אײַנ־ריידעניש, וואָס האָט (צי ווילן זיי עס יאָ, צי ווילן זיי עס ניט) אַ ספּעקו־ליאַטיוון בײַטאַם. „איך, דער לײַטישער מענטש"... — האַלט אַזאַ שרײַבער אין איין אײַנריידן דעם לייענער. ס'איז קלאָר, אַז יענע, וואָס האָבן טאַקע אַפּאַנעמעסן פאַרהיט דאָס געוויסן, וועלן פריִער אָדער שפּעטער „אומקערן זיך אַהיים".

און דעמלט וועט מוישע שולשטיין צי בעניאָמין שלעווין ניט זײַן ענלעך אָפן שעפּעלע אין שולשטיינס מאָשל אין זײַן לעצטער זאַמלונג „גאָלד און פײַער" — אָפן שעפּעלע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן דורך אַ דונער און גענומען ברענען. דאָס שעפּעלע איז אומגעקומען, ווײַל קיינער פון דער סטאַדע האָט ניט געהאָלפן לעשן דאָס פײַער. מענטשן זײַנען אָבער ניט קיין שאָף, און די ייִדישע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט איז ניט קיין סטאַדע...

7*

ווען וואָס שמועסט מען פאָרט אין פאַריזש

פאַזע די ווענט — טישן מיט קיבעד. לעבן די טישן — א צוואַנציק־דרײַסיק מאַנצבלען. זיי האַלטן אין איין אײַנריידן איינער דעם צווייטן: נעמט עפּעס אין מויל אַרײַן.

ווען מע כאַפּט א טרונק, אויב דאָס איז שוין ניט דער ערשטער, קוקט מען אַף די שכיינים אַזוי, ווי מע וואָלט זיך פאַרענטפערן פאַר עפּעס; ווען מע בײַסט צו, איז — ווי מע וואָלט געטאָן עמעצן א טויווע.

עס האָבן שוין געהאַלטן אָפּיציעלע רעדעס רענע קאַסען — ערן־פּרעזי־דענט פון „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" און מיטגליד פונעם מעלוכע־ראַט פון פראַנקרײַך, אַדמיראַל לוי קאַן און צוויי מיניסטאָרן: סענטעני און טריבולע.

איצט פירן צווישן זיך די צוואַנציק־דרײַסיק מאַנצבלען א היימישן שמועס. מע גייט איבער פון גרופּע צו גרופּע און מע וואַרפט אַרײַן א וואָרט.

א מינוט צען נאָכאַנאַנד רעדט צו מיר אַף רוסיש, ניט לאָזנדיק מיך אַרײַנשטעלן א וואָרט, מײַן שאָכן:

— מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק זײַנען אין פאַריזש געווען פאַרעגיסטרירט זיבן טויזנט מוזיקאַנטן, איצט זײַנען פאַרבליבן — איר ווייסט וויפל? — צוויי טויזנט!

— קומט קיין באָרדאָ, וועט איר זען. אין דאָרטיקן אָפּערע־טעאַטער זײַנען געווען פינף און זעכציק זינגער און הונדערט אָרקעסטראַנטן. איצט אַרבעטן דאָרט אַרום־און־אַרום פינף און פערציק מענטשן!

— אין פאַריזש, אַפן פּלאַץ פּיגאַל... אַלע פרײַטיק שטעלט זיך דאָ א בירזשע פון פּויקער, פידלער, אַקאָרדעאָניסטן, גיטאַריסטן.

דער שאָכן מײַנער מיינט אַוואַדע, אַז איך בין א מוזיקאַנט. און ער? ווער ער איז, ווייס איך ניט. דערווײַל האַלט ער מיך שוין פאַרן עלנ־בויגן און גייט זיך דורך מיט מיר איבערן צימער:

— אַליקס קאָמבעל, דער בעסטער סאַקסאָפאָניסט פון אייראָפּע! ער שפּילט שוין ניט עטלעכע יאָר!

דער דירעקטאָר פונעם יידישן מעמאָריאַל יִצחק שנייערסאָן איז מיר געקומען צוהילף פונקט דאַן, ווען עס האָט מיך שוין אָנגעהויבן באַשלאָגן א קאַלטער שווייס.

— רענע קאַסען קאָן אײַך ניט אָפּשטעלן, — האָט געזאָגט שנייער־סאָן, — אַזוי שנעל לויפט איר איבערן צימער...

קאַסען, א באַיאָרטער, פעסט־געבויטער מענטש מיט א גראָוער, לויטן אויסזען האָרטלעכער, קורץ־געשווירענער באָרד, איז געווען גוט געשטימט. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער געהאַלטן אינמיטן דערציילן דעם מיניסטער פון קאָאָפּעראַציע טריבולע וועגן אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג פון די פראַנצויזישע קאַצאָווים:

— דער קאָלעגע פינאַנץ־מיניסטער ווערט דאָרט געקרוינט מיטן נאָמען „הענקער"... איר ווייסט איבער וואָס?

דער מיניסטער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, און דאָס האָט באַטײַט נײַגעריקײַט.

— פאַר דעם קאַרגן יאָר, זינט מ׳האָט אײַנגעפירט סטאַבילע פּרײַזן אױף פלייש, זײַנען זיבן קאַצאָווים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

דערזען מיך, האָט רענע קאַסען אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף שנייער־סאָנען:

— מײַן אַלטער כאַווער האָט מיר אָקאָרשט דערציילט, אַז ער האָט איך אײַנגעלאַדן צו זיך אויף אַ פּרײַטיקצונאַכטס... עסן געפילטע פיש און הערן, ווי מע זינגט זמירעס... און איר האָט אָנגענומען די אײַנלאַ־דונג... עס געפעלט מיר, וואָס באָלשעוויקעס זײַנען געוואָרן אַזוי בייגעוור־דיק!

— די באָלשעוויקעס האָבן דען אַמאָל זיך אָפּגעזאָגט צו עסן געפילטע פיש?

— נו, און הערן זמירעס?

— פּרעזידענט, איר רעדט וועגן וויצן, וואָס אַזעלכע האָט מען שטענדיק אויסגעטראַכט צו מאַכן אויף אונדז פּאַראַדיעס...

— איר האָט אין זינען די געשיכטעס וועגן דעם, אַז בא די באָלשע־וויקעס זײַנען נאַציאָנאַליזירט די ווײַבער, אָדער אַז לויטן פּאַרטיי־סטאַטוט איז ראַזירן זיך — אַן איבערבלײַבעכץ פונעם קאַפּיטאַליזם?

— אַן ערעך...

— דעריבער איז טאַקע גוט, וואָס באָלשעוויקעס קומען איצט קיין פּאַריזש, און זיי מײַדן ניט אויס אַ ייִדישן מעמאָריאַל, אַן „אַליאַנס איז־ראַעליט״ און אַנדערע אַזעלכע אינסטיטוציעס.

— איך בעט אײַך, זאָגט מיר, צי איך האָב אַ טאָעס. עס דוכט זיך מיר אויס, אַז די איציקע קאַמפּאַניע פון זיך זאָרגן פאַר די סאָוועטישע ייִדן איז מערסטנטייל געבויט אויף אומוויסנהײַט און קוריאָזן, וועלכע דער־מאָנען דאָס טיפּשעס וועגן נאַציאָנאַליזירטע ווײַבער.

— עס קאָן זײַן... עס קאָן זײַן...

אין אָט דער רעגע האָט מיך ווידער אונטערגעכאַפּט דער פּרי־ערדיקער שאָכן מײַנער. דאָס מאָל האָט ער זיך צערעדט וועגן די „שאַנסאָניע״ — די פּאָפּולערע אין פּאַריזש זינגער־קאָמפּאָזיטאָרן:

— זיי האָבן אײַנגענומען אַלע קאָנצערט־זאַלן אין פּאַריזש! אין „אָלימ־פּיע״, אויפן בולוואַר פון די קאַפּוצינען, האָט זיך ווידער באַוויזן שאַרל אַזנאַוור. אין צוועלף מיליאָן קאָפּיעס זײַנען זיך צעגאַנגען זײַנע גראַ־מאָפאָן־פּלאַטן. איצט טוט אַ קוק אויפן מאָנפּאַרנאַס. דאָרט, אין „באָבינאָ״, האָט אָקאָרשט אויפגעהערט צו קיצלען דעם עולעם מיט זײַן שטילער שטים זשאָרזש בראַסאַנס, און עס רעוועט שוין אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון פינף דזשאַז־מעשוגאָיִם דער ראָק־נ־ראָליסט עדי מיטשעל. מע שמועסט...

— וואָס שמועסט מען? — האָב איך קימאַט אויסגעשריגן. — וואָס שמועסט מען אין פּאַריזש?

דער שאָכן האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט צאַרטקײַט:

— קומט אויסטרינקען אַ גלעזל... איך האָב אײַך פאַרמוטשעט.

„סאווא?" — „סאווא"

ארומפּאַרנדיק אנומלטן איבער פּאריזש מיט איינעם א דאָרטיקן גוטנ־פריַינט, א ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, מע רופט אים דאָק־טאָר פּאָל הירשמאַן, האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן, וואָס ער טראַכט, אשטייגער, וועגן אזא איניען:

— פּארוואָס איז קימאַט ניט צו זען אין דער יידישער ליטעראַטור קיין באַשרײַבונגען פון רײַזעס איבער פרעמדע לענדער?

— אָ־לאַ־לאַ... מ'איז דען ארומגעפאָרן, קעדיי באַשרײַבן?..

— דאָקטאָר פּאָל... בא יידישע שריפטשטעלער האָבן די העלדן גע־האַלטן אין איין ארומוואַנדערן. און זיי אליין, די מעכאַברים, זײַנען אויך ניט געזעסן אף איין אָרט. און איר זאָגט...

— ניט דאָס זאָג איך. אָ־לאַ־לאַ! געווען וואַנדערונגען, נאָר ניט קיין רײַזעס. א ייד, און א יידישער שרײַבער בעסויכעם, לאָזט זיך אוועק אין אן אנדער לאַנד צוליב עפּעס. ער פאָרט מיט זײַן פּעקל דײַגעס, מיט זײַנע צאָרעס, מיט אן אייגענער שליכעס. גלאַט אזוי, אף טשיקאַוועס־וועגן, פאָרט מען ניט. דעריבער זײַנען ניטאָ קיין רײַזע־באַשרײַבונגען.

מיט „אָ־לאַ־לאַ" קאָן ער איבערגעבן אלע מענטשלעכע געפילן: גלויבן, צווייפל, אנציקונג, אײַנשטימיקײַט, פּאַרדראָס, צופרידנקײַט, פאַריבל, גע־דולד, אומגעדולד, צאַרטקײַט, בייזקײַט, אופרעגונג, קאַס...

און אָט איז נאָך א וואָרט פון דעם דאָקטאָר פּאָלס לעקסיק.

באַגעגענענדיק מיך, טוט ער געוויינלעך א פרעג:

— סאווא?

און איך ענטפער:

— סאווא.

„סאווא", ווען מע זאָגט עס ארויס פרעגנדיק, באַטײַט: „וואָס מאַכט איר?" אָדער „ווי גייט עס?". „סאווא" אין טאָן פון אן ענטפער באַטײַט: „אלץ איז אין אָרדענונג".

דאָקטאָר פּאָל באַווײַזט מיר פּאַריזש מיט אזא לײַכטקײַט, פּונקט ווי ער וואָלט ארויסגערוקט און ארײַנגערוקט שופלאָדן פון א קאָמאָד. אָפּגע־שטעלט די מאַשין, טאַנצט ער ארויס פון איר און זאָגט:

— דאָס איז נאָטר־דאַם...

ער קערעוועט זיך אויס צו נאָטר־דאַם מיט דער פּלייצע, געפינט אפן אַספאַלט עפּעס א צייכן און מעלדעט פײַערלעך:

— מיר געפינען זיך אין געאָגראַפישן צענטער פון פּאַריזש!

מיר פאָרן ווײַטער. מײַן באַגלייטער רעדט מיט ענטוזיאַזם:

— א פּאַראַדאָקס, אָ־לאַ־לאַ! אין די בורזשואַזע הויפּטשטעט לאָנדאָן, בערלין און אויך אין פּאַריזש וווינט די בורזשואַזיע אין דעם מײַרעוו־טייל שטאָט, און די אָרעמשאַפט — אין די מיזרעך־קוואַרטאַלן. אויב באַ־נוצן אן אלטן באַגריף, באַקומט זיך, אַז, בויענדיק די שטעט, האָבן די פּראָלעטאַריער „אָפּגעשפּאַרט" פאַר זיך די מיזרעך־וואַנט, דעם אויבנאָן...

— יידן דאַרפן אלץ פאַריידישן...

— וואָס זשע מיינט איר, אָ־לאַ־לאַ? אָט פאָרן מיר איצט איבער א גאַס... זי הייסט רי דע ריוואָלי. די מערהייט קראָמען געהערן דאָ צו ייִדן. איז ווייסט איר, וויאַזוי ייִדן רופן זי, די גאַס?

און ער צעלאַכט זיך:

— ריוועלע! אָ־לאַ־לאַ! פון ריוואָלי איז געוואָרן ריוועלע... און אפן „פלעצל" זײַט איר געווען? אָ, אָ! לאָמיר צופאָרן צום „פלעצל".

דאָס „פלעצל", די רי דע ראָזיע, איז א מין פאַריזשער ווײַטשעפּל אָדער ברוקלין. דאָ הערט מען ייִדיש־לאָשן; דאָ קאָן מען טרעפן הונדערטער פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן אפן אוראַל זיך געראַטעוועט פון היטלערן...

ווען די פראַנצויזישע שפּראַך זאָל באַשטיין דורכויס פון אַזעלכע ווערטער, ווי „אָ־לאַ־לאַ" און „סאַוואַ", וואָלט איך עפּשער געקאָנט בייס מײַן זײַן דאָ זיך אויסלערנען ריידן אף פראַנצויזיש...

ווען מיר פאָרן פאַרבײַ דעם לוווּר, ווערט דאָס פּאָנעם באַם דאָקטאָר פּאָל פּארוואָלקנט. וואָס איז געשען? מײַן באַגלייטער באַווײַזט מיר מיט א ווונק „וואָס מע מאַכט פונעם לוווּר". מע רייניקט זײַנע ווענט, און פון א שוואַרץ־גרײַזן סימבאָל פון דעם אַלטן פּאַריזש איז דער לוווּר איצט געוואָרן „א ווײַסע צאַצקע". די פּאַריזשער טוישווים קאָנען זיך ניט צוגעוווינען צו אַן אויסגעפּוצטן בורבאָנער פּאַלאַץ, צו א ווײַסלײַביקן לוווּר...

יאָ, אָן צווייפל, יעדערער, ווער עס קומט קיין פּאַריזש, מוז זען דאָס, וואָס דער דאָקטאָר פּאָל באַווײַזט מיר. קעדיי אָנקוקן נאָך עפּעס, לויף איך געוויינלעך אוועק — איין מאָל מיט איינעם, א צווייט מאָל מיט א צווייטן פּאַריזשער פרײַנט, אַמאָל גאָר־גאָר אינדערפרי, אַן אַנדערשמאָל טיף־טיף באַנאַכט, — איך לויף אוועק, ניט ווייסנדיק אליין וווּהין, פאָלגנדיק דעם אײַנגעבוירענעם שרײַבערישן אינטערעס צו דעם, וואָס ס'איז מיר נאָך ניט באַקאַנט.

אָט איז, אף טשיקאַוועס, א באַנאַכטיקער שפּאַציר צוזאַמען מיט מ. ווילנערן, כאַיִם סלאָוועסן, מיילעך קעניגן, שאַרל שטיימאַנען. סלאָוועס, וועלכער האָט ניט געקאָנט מיט אונדז פאַרבלײַבן ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט געאײַלט צו באַווײַזן מיר א פּאָר „זײַנע" געסלעך פון פּאַריזש.

אין א הויף, ווי אַלע הויפן, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אַלט הויז, אַזא ווי אַלע אַלטע הײַזער, האָט ער געזאָגט סוידעספּול:

— דאָ האָט געוווינט א מענטש מיטן נאָמען גיליאָטען... ער האָט געבראַכט דעם פראַנצויזישן פּאָלק א געוויסן אינסטרומענט...

דערנאָך זײַנען מיר ביז אינדערפרי געזעסן אין א קעלער אפן מאָנמאַרטר, אף רי דע סאָל, וואָס אף ייִדיש איז דאָס, דוכט זיך, „די גאַס פון די ווערבעס", — געזעסן אין קאַבאַרע „לאַ פּאַן אַזשיל", וואָס אף ייִדיש איז עס, דוכט זיך, „דער רירעוודיקער קראָליק".

פרעגט זיך: פאַרוואָס עפּעס אין א קאַבאַרע, באַנאַכט?..

אהער קומט מען זינגען אַלטע פראַנצויזישע לידער. מער גאָרנישט.

אין א גרויסן צימער, ווו די ווענט זײַנען באַפּוצט מיט גראַוויורן און קופּערנע באַרעליעפן, זיצן מאַנצבלען און פרויען, באַיאָרטע און יונגע. צווישן זיך איז מען, פאַרשטייט זיך, ניט באַקאַנט. געבראַכט אהער

אָט די מענטשן אין א באנאכטיקער שאָ און צונויפגענומען זיי איינעם האָט דער נײַגער צו דער פארגאנגענהײַט פונעם פאָלק.

א מיידל אין א העל־גרויער בלוזע איז מעכאבעד יעדן איינעם מיט א גלעזל ווײַנטרויבן־ווײַן. ווען די גייסט אוועק פונדאנען בא דער שײַן פון פארטאָג, קאָנסטו, אויב דו ווילסט, איבערלאָזן עטלעכע פראנק אפן טישל, וואָס שטייט באם ארויסגאנג.

א זינגער — פון דעם איבעריקן אוילעם שיידט אים אונטער בלויז די גיטארע, אף וועלכער ער אקאָמפאנירט זיך אליין — פארציט מיט א פאר־טרוילעכער אינטאָנאציע, ווי בא א היימישן טיש, די ליד פון א ווײַטן יאָרהונדערט, און אלע בײַוועזנדיקע זינגען מיט...

...צוזאמען מיט יענע מענטשן אין פאריזש, וועלכע כאפן זיך אוף פון שלאָף די ערשטע, — מיט די, וואָס וואשן באגינען די גאסן, וואָס ראמען אוף דאָס מיסט, מיט גארסאָנען פון די קאפעען און מיט שאָפערן פון די ערשטע אווטאָבוסן — בין איך אנומלטן, אין אן אָנהייב פעווראל־טאָג (אין פאריזש איז דער וועטער אין אָט דער צײַט א לינדער), ארויס אין גאס און נאָכגעשפירט, וויאזוי די פאָליציי־לײַט, אנגעטאָן אין פעלערינעס, וועקן אוף מיט רעספעקט די קלאָשארן, זיי זאָלן זיך מאטריען זײַן און באפרײַען דאָס אָרט אף די ווארעמע ווענטיליאציע־ארויסגאנגען פונעם מעטראָ, ווו זיי שלאָפן. צו איינער א קאָמפאניע פון דרײַ שטארק פאר־שלאָפענע קלאָשארן האָב איך זיך צוגעזעצט און דערפאר באקומען א פאָר שלונג פון א בוטל. דער עלטערער צווישן מײַנע נײַע באקאנטע האָט, געגעגנדיק, א שילט געטאָן די „פינפטע רעפובליק” און מאיעסטעטיש מיטגעטיילט, אז ער האָט זיך נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן ספעציאַליזירט אף „ארויסלאָזן” פאלש געלט. ער ווייסט אייניקע ציפערן וועגן זײַן לאנד, לעמאָשל, אז אין פראנקרײַך זײַנען אין גאנג טויזנט דרײַ הונדערט מוס־טערן פון נאָכמאכן דעם דאָלאר...

אין א פרײַער שאָ בלאָנדזשע איך ארום איבער פאריזש. אָט איז דער אלטער „רוימישער וועג”. די פארצײַטיקע גאס סען־זשאק מיט ארײַנגע־וואקסענע איינע אין צווייטן געבײַען און מיט היסטאָרישע קלויסטערס. איך בין געקומען אהער אף א ראנדעוווּ מיט מײַן באליבטן העפקער־יונ־גערישן דיכטער פראנסוא וויאָן. דאָ האָט ער מיט א יאָר פינף הונדערט צוריק געוואָרפן א שטיין אין א כוצפעדיקן גאלעך, און יענער האָט נע־בעך אויסגעהויכט די נעשאָמע. ווען מע האָט וויאָנען פארמישפעט צום הענגען, האָט ער אָנגעשריבן א ליד, ניט אינגאנצן קיין פריילעכע, נאָר אויך ניט אינגאנצן קיין אומעטיקע:

אָ, פראנסוא, ניט לאַך, נאָר קלאָג,
דער טויט — ער לאָזט דיר גריסן,
און וויפל ס׳האָט דײַן הינטן וואָג,
וועט באלד דײַן האלדז שוין וויסן.

יאָ, איז ווו האָבן מיר איבערגעלאָזט דעם דאָקטאָר פאָל, צוזאמען טאקע מיט מיר, ווען מיר זײַנען ארומגעפאָרן איבער דער שטאָט פאריזש צו באקוקן אירע שיינע דענקמעלער?

מיר פאָרן און פאָרן, און קומען צום דאָקטאָר פּאָלס ווינונג, און דאָרט וואַרט אַף אונדז אַ געשמאַקער מיטיק, וועלכן ס'האָט צוגעגרייט עטל אַליין, דעם דאָקטאָרס פרוי.

דערזעענדיק מיך, פרעגט עטל אַף פראַנצויזיש:

— סאווא?

— און איך ענטפער אויך אַף פראַנצויזיש:

— סאווא.

נאָר ניט אום שאַבעס

ס'האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז פּריוואַט־צונאַכטס בין איך געקומען צוגאַסט צו יִצחאָק שנייערסאָנען גלײַך נאָך דעם, ווי איך האָב געזען אַ נײַעם פראַנצויזיש־יִשׂראָעלדיקן פילם „נאָר ניט אום שאַבעס".

דאָס איז אַ מעשׂה, ווי אַזוי קיין טעל־אַוויוו, וווּ עס האַלט באַם שטאַרבן אַ זאָקן אַ באַל־אַווייערעניק, אײַלן פון פאַרשיידענע מעקוימעס, אַף צו באַקומען אַ כיילעק פון דער יערושע, זײַנע אומגעזעצלעכע באָנים. נאָ־טירלעך, אַז די מאַמזיירים ווילן לעמאַנהאַשעם קומען צום טערמין, נאָר אין וועג שטייט זיי פאָר בײַצוקומען אַ סאַך שוועריקײַטן, און איינע פון זיי איז דאָס, וואָס אין יִשׂראָעל איז פיל זאַכן פאַרבאָטן צו טאָן אום שאַבעס...

אַף וויפל איך בין געקומען צו יִצחאָק שנייערסאָנען, ווען פּאַריזש איז שוין, אַזוי צו זאָגן, אַרײַנגעפאָרן אין שאַבעס, האָב איך זיך באַמיט ניט ריידן וועגן פּאָליטישע איניאָנים. איינעם פון די געסט, אַן אַוסטראַליער ראָוו, וואָס האָט געוואָלט טאַקע דאָ, בײַ שנייערסאָנען אין שטוב, זיך דערוויסן, ווי אַזוי איך קוק אַף דער פראַגע וועגן „אַרויסלאָזן אַלע סאָוועטישע יִידן קיין יִשׂראָעל", האָב איך געזאָגט:

— נאָר ניט אום שאַבעס. וועגן פּאָליטיק לאָמיר ריידן אינדערוואָכן...

שטייענדיק אינמיטן צימער צווישן מיר און דעם פּראָפעסאָר בער מאַרק, וועלכער איז בײַ דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג אינעם מעמאָריאַל געווען דער פאָרשטייער פונעם וואַרשעווער היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט דער דאָזיקער ראָוו דאָך דורכגעשמוגלט אַ ביסל פּאָליטיק:

— אין אַוסטראַליע וועל איך דערציילן, אַז בײַ האָראָוו שנייערסאָנען אין שטוב בין איך געשטאַנען צווישן צוויי באָלשעוויקעס, און ס'האָט מיר ניט פאַרשאַט...

באַם טיש איז געווען אַלץ, וואָס עס דאַרף זײַן בײַ אַ פּריוואַטיקצו־נאַכטס־טיש אין אַ באַלעבאַטיש־טראַדיציאָנעלער יִדישער שטוב: פינקלענ־דיקע לײַכטער, געפילטע פיש, וואַרעמער קוילעטש.

ווען דערצו האָט זיך נאָך באַוויזן אַ יויך מיט קניידלעך, האָב איך געפּרוווט אַרויסווײַזן מײַן קאָמפּעטענטקײַט, פרעגנדיק בײַ בער מאַרקן:

— פאַרוואָס מיטאַמאָל קניידלעך? ס'איז דאָך הײַנט ניט פייסעך...

מאַרק האָט געלאָזט אין גאַנג אַ סאָלידן אַרגומענט:

— אַז מע גיט, עסט מען...

יִצחאָק שנייערסאָן, וואָס איז בײַגעווען בא אונדזער קורצן סימפּאָ־זיום וועגן קניידלעך, האָט ארײַנגעשטעלט א וואָרט:

— עפשער מיינט איר, אז מע האָט געמאכט קניידלעך, קעדיי פירן, אזוי צו זאָגן, אן אגיטאציע פאר מאצע?

איך האָב געענטפערט:

— באלד וועט איר זען, וואָס איך מיין.

און גענומען עסן יויך מיט קניידלעך.

נאָך דער וועטשערע זײַנען מיר געזעסן אין א געראַמען זײַטיקן צימער, און דער באלעבאָס האָט דערציילט בער מארקן, דעם פּראָפעסאָר קיווילאָוויטש (א פּאריזשער מאטעמאטיקער) און מיר וועגן איינעם אן עפּיזאָד פון זײַן לעבן אין טשערניגאָוו. איך האָב זיך בעקיוון צוגע־מאָסטעט עטוואָס אין א זײַט, קעדיי, פארשטעלנדיק זיך מיט עמעצנס א פּלייצע, פארשרײַבן אפן אָרט שנייערסאָנס דערציילונג ווי זי שטייט און גייט...

— באם צאר־באטיושקא, יִמאך שמוי וועזיכרוי, איז געווען אזא פּאסקודסטווע — מאקלאקאָוו, ניקאָלײַ אלעקסייעוויטש. פאר מײַן צײַט האָט ער געהאלטן די גענעראל־גובערנאטאָרסטווע פון טשערניגאָוו, שפּעטער איז ער געוואָרן מיניסטער ווגוטרעניך דיעל.

מיט אָט דעם מאקלאקאָוון איז, שטעלט אײַך פאָר, מיר אויסגעקומען צו פירן מילכאָמע.

איר דארפט וויסן, אז זײַן ברודער, וואסילי אלעקסייעוויטש, איז גע־ווען א באוווסטער קאדעט. בייסן בייליס־פּראָצעס האָט ער געפירט די זאשטשיטע. מעהיי־טײַמע האָט ניקאָלײַ אלעקסייעוויטש זיך געסטארעט צו באווײַזן, אז ער שטייט ניט אף איין ברעט מיט וואסילי אלעקסייע־וויטשן. אין איין שיינעם טאָג נעמט ער און גיט אָפּ א פּריקאז ארויסצו־שיקן די יִידן פון די דערפער, וואָס גייען ארײַן אין טשערניגאָווער גו־בערניע.

און דאָ הייבט זיך אָן די מילכאָמע צווישן דעם קאזיאָנעם ראבינער און דעם גובערנאטאָר. ווען עס קומען פאָר די וויבאָרעס אין דער דומע, טו איך אייניקע ארבעטן לעטויוועס די קאדעטן, דאָס הייסט — אין וואַ־סילי אלעקסייעוויטשעס נוץ. מיטאמאָל באקום איך א קוויטל, אז מע שיקט מיך ארויס פון טשערניגאָוו! נו, ווי־ס׳ניט־איז האָב איך דאָס מאָל זיך אויסגעדרייט, און מיינט ניט, אז איך האָב זיך בארויִקט. כ׳האָב גענומען שרײַבן אין די גאזעטן אזוינס, וואָס דעם גובערנאטאָר איז עס ניט געווען צום הארצן. דערווײַל האָט ער באפוילן אראָפּנעמען די פענצטער פון די הײַזער, ווו יִידן וווינען, קעדיי זיי זאָלן מוזן זיך ארויסקלײַבן פון דאָרטן. מיך רופט ער ארויס, און ווײַל איך בין געווען צווישן די יעכידיי־סגולע אין שטאָט, רעדט ער מיט מיר אײדל:

— גאָספּאָדין קאזיאָני ראווין, — זאָגט ער מיט א זיס קעלכל, — אויב איר ווילט וויסן, זײַט איר, אלס יעווריי, בא אונדז אין דער רוסלענדי־שער אימפּעריע א מין אינאָסטראניעץ, אן עטראנזשע, הייסט עס...

(צו אונדז אפן דיוואן האָט זיך צוגעזעצט נאָך איינער פון די געסט,

א פאַריזשער, וואָס פאַרשטייט קיין רוסיש ניט, און שנייערסאָן האָט גלײַך גענומען איבערזעצן אייניקע רוסישע ווערטער אויף פראַנצויזיש).

דערהערט אַזעלכע רייד, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, אַז איך ווייס ניט, וואָס זײַן וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטווע וויל פון מיר. מאַקלאַקאָוו האָט צעפּירט מיט די הענט:

— עפּעס געדענק איך ניט, איך זאָל אײַך געבן אַ ראַזרעשעניע — אַ פּערמיסיאָן — צו שטופּן די נאָז אין אונדזערע גאָסודאַרסטווענע איניאַ־נים... — און מיטאַמאָל, אופשטייענדיק, אַ וואָרף געטאָן אין מײַן זײַט: — גאָספּאָדין קאַזיאָני ראַווין, פאַרנעמט זיך מיט מעטריקעס און מיט אַנדערע אַזעלכע זאַכן און ניט מיט פּאָליטיק. אויב ניט...

איך האָב נאָר באַוויזן זאָגן: „זשע רעגרעט, מעסיע" — איך באַדויער, מײַן הער, — גערעדט האָב איך, נאַטירלעך, אויף רוסיש: איך וויל, אַז איר זאָלט פּאַשעט פאַרשטיין, וואָס איך האָב גערעדט... סאָזשאַליעיו, וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, — האָב איך באַוויזן אים אַרײַנזאָגן וועגן זײַן גראָבקײַט. איך האָב אַפילע זיך צעקאָכט באַם אַרויסגיין אויף דער גאַס און אויסגעשרײַען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן: „בא אַזאַ גובערנאַטאָר וויל איך ניט זײַן קיין ראַבינער!..” האַקלאַל, לאַנג האָט מײַן גוידערן זיך ניט געדויערט. מע האָט מיך, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, פאַרנומען אין כאַדגאַדיע, און איך האָב געמוזט פאַרבײַסן די צונג...

דער אַווסטראַליער ראָוו, וואָס איז געזעסן אין אַ זײַט און, ווי איך האָב געמיינט, קלאָל ניט געהערט, וועגן וואָס מע רעדט דאָ, האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו מיר און, אָנעמענדיק אַ פּולע ברוסט מיט אָטעם, געפרעגט:

— הײַנט לאָזט מען בא אײַך אויך ניט וווינען די ייִדן אין די דערפער?

האָב איך געענטפערט:

— נאָר ניט אום שאַבעס. מיט פּאָליטיק לאָמיר זיך פאַרנעמען אינ־דערוואָכן...

אין לוווּר

אויב איר זײַט נאָך ניט געווען אין לוווּר צוזאַמען מיטן באַרימטן קונסט־קענער כיל אַראָנסאָן, אײַצע איך אײַך ספּעציעל צוליב דעם צו־פאָרן קיין פּאַריז. איך האָב אָט דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן געהאַט, וועל איך אײַנקורצן אײַך דערציילן.

קוידעמקאָל אַליין דאָס פאָרן צום לוווּר.

אײַנמיטן וועג בעט אַראָנסאָן אָפּשטעלן די מאַשין:

— איך האָב אין דעם הויז אַ קוינע... דרײַ עקזעמפּליאַרן פון מײַן בוך האָט ער שוין אײַנגעשאַפן פאַר זײַנע קרויווים! וואַרט צו אַ רעגע, איך וועל אָפּנעמען דאָס געלט...

כיל אַראָן איז אַליין דער פאַרקויפער פון זײַן בוך „בילדער פון מאָנפּאַרנאַס". ווען איך דערצייל אים, בא דער געלעגנהײַט, ווי־אַזוי עס ווערן פאַרקויפט די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד,

שרײַט ער אויס, שטייענדיק שוין אפֿן טראָטואַר לעבן דעם הויז פֿון זײַן קוינע:

— קלוגיטשקעו!.. פּרוווט לעבן אַ שטיקל צײַט באַם קאַפּיטאַליזם, וועט איר ניט נאָר זיך ניט כידעשן, וואָס די היגע יידישע שרײַבער ליגן נײַן איילן אין דר׳ערד, נאָר איר וועט זיך פֿאַרײנוועגס צוגעווינען ראַטעווען די יידישע שרײַבער אין סאָוועטן־רוסלאַנד...

אין אַ מינוט צען אַרום קערט ער זיך אום מאַמעש אַ שײַנענדיקער:

— טאַקע אַ פֿײַנער קוינע, געזונט זאָל ער מיר זײַן... ער האָט אַ סאַך קרויוואים... די פֿראַנקן וועלן מיר צוניץ קומען...

ווי נאָר עס עפֿנט זיך די טיר פֿונעם לוווער, הער איך אויף צו דער־קענען דעם אַזוי אויך אומיטלבאַר־עקספּאַנסיוון, צעשטרייטן, ווי אַלע קינסטלערישע נאַטורן, כיל אַראָנסאָנען. ער איז דאָ געוואָרן עפּעס אַזוי פֿרײַ פֿון אַלע טאַרמאָזן, אַז עס איז אַ מוירע אים איבערצולאָזן אייגעם אַליין. און עס באַקומט זיך שוין שיר ניט, אַז ניט כיל אַראָן וועט מיך אַרומפֿירן איבערן לוווער, נאָר אַז איך וועל אַף אים דאָ אַכטונג געבן.

איך שטעל זיך פֿאָר, אַז דאָס זעלבע וואָלט זיך געטאָן מיט אונדז, פּאָעטן, ווען עס געשעט אַזאַ נעס און עס דערשײַנען פֿאַר אונדז — מיט זייערע אומשטערבלעכע ווערטער אַף די ליפּן — אַליין די שעפֿער פֿון „שיר־השירים״, „איליאַדע״, „פֿאַוסט״...

אין לוווער זעט כיל אַראָנסאָן אויס, ווי ער וואָלט אַליין אַראָפּ פֿון עפּעס אַ בילד און ווייסט אַלע סודעס פֿון דאָרטן. ווען איך שטיי באַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס „דזשאָקאָנדע״, טוט ער מיך אַ טרייסל באַם אַקסל און פֿרעגט:

— הינטער איר פּלייצע שפּילט מוזיק, איר הערט?

איך שעם זיך צו זאָגן, אַז איך „הער ניט״.

דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך אין דעם גרויסן כעט, וואָס עס איז ערשט ניט לאַנג באַגאַנגען דער קולטור־מיניסטער פֿון פֿראַנקרײַך אַנדרע מאַלראָ, אוועקשיקנדיק מאָנאַ ליזאַן, מע זאָל זי אָנקוקן אין אַמעריקע, צעשרײַט זיך כיל אַראָן אַף מיר:

— וואָס פֿאַרשטייט איר?! מיר זײַנען געשטאַנען פֿאַר דער געפֿאַר פֿון אַ נאַציאָנאַלן אומגליק! די פֿינף הונדערט מיליאָן נײַע פֿראַנקן, אַף וועלכע מע האָט פֿאַרסטראַכירט „דזשאָקאָנדע״, האָבן די ווערט אַ שפּײַ אַנטקעגן דעם, וואָס עס האָט געקאָנט מיט איר געשען... יאָ, יאָ! גאַנץ פֿראַנקרײַך האָט געפֿאָדערט אַן אַלפֿאָלקישן רעפֿערענדום וועגן דער פֿראַגע, צי עס איז דערלאָזבאַר צו פֿירן מאָנאַ ליזאַן איבערן אָקעאַן!

און ער ענדיקט מיט אַ שטאָלץ פֿײַערל אין די אויגן:

— מיר, פֿראַנצויזן, האַלטן פֿאַר אומטאַקטיש צו פֿאָדערן, אַז אַ שיינע פּרווי זאָל ערגעץ גיין. דער, וואָס וויל זי זען, דאַרף אַליין צו איר קומען.

ווען מיר גייען צו צו ראַפֿאַעלס פֿאָרנאַרינאַ, רוימט כיל אַראָן מיר אײַן אַ סאָד מיט אַזאַ היימישער פֿאַרטרוילעכקײַט, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט וועגן מענטשן, וואָס וווינען אַ טיר באַ אַ טיר מיט אים:

— מע זאָגט, זי איז געווען זײַן געליבטע... ע, מע מעג ניט אין אַלץ גלייבן...

אין איינעם אַ זאַל הייסט ער אוועקגיין אין אַ זײַט אַ יונגן קינסטלער, וואָס קאָפּירט אַ בילד. יענער פֿאָלגט אים און קוקט אים נאָך מיט פֿאַר־ערונג. ווײַזט אויס, מע קען דאָ כּיל אַראָנסאָנען.

ער שטעלט מיך אוועק אין אַ פּאָזיציע, וואָס ער געפֿינט פֿאַר דער בעסטער אויף צו באַקוקן דעם גאַנצן זאַל, און האַלט פֿאַר מיר אַזאַ רעדע:

— רובענס האָט געהאַט אַמווייניקסטנס פֿופֿציק טאַלמידים, צווישן זיי אָט דער־אָ, וואַן־דייק. אָפּט ווייס איך ניט, צי ער, רובענס, צי זײַנער אַ טאַלמיד האָט אָנגעשריבן דאָס אָדער יענץ בילד. עפּשער האָט ער טאַקע צוגעלייגט אַ האַנט. אָבער זײַן ווײַב עלען פֿורמאַן, — קוקט זיך גוט אײַן אין איר! — איר בילד האָט ער געמאָלט אַליין. פֿאַר דעם קאָן איך קאַווירן! ער האָט פֿאַר איר כאַסענע געהאַט, ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר און אים איז געגאַנגען דאָס פֿינף־און־פֿופֿציקסטע. צען יאָר האָט ער מיט איר געלעבט, ביזן טויט...

ווען מיר גייען אַרויס פֿונעם לוווּר, ווו מיר זײַנען פֿאַר עטלעכע שאָ דורכגעגאַנגען — ניין, דורכגעלאָפֿן — עפּשער צוואַנציק זאַלן, זאָגט כּיל אַראָנסאָן:

— פּ־פּ־ו, זיך אָפּגערוט אַ ביסל...

רי פּאַראַדי, 14

„פּאַראַדי״ הייסט גאַניידן. רי פּאַראַדי — די גאַס פֿון גאַניידן.

אַ גאַס, ווי אַלע גאַסן. אַ סאַך קראָמען מיט פּאַרפֿאַר, פּאַיאַנס און קאָלערליי געפֿעס.

זײַט זיך מאַטריַזעך און קוקט אַרײַן אין רי פּאַראַדי, 14, אין אָט דעם הויף, וואָס איז איינצײַטיק אַ מין געסעלע. גייט אַרײַן, שעמט זיך ניט. אויב איר זײַט אַ מענטש פֿון פֿאָלק, אַ מענטש פֿון גוטן ווילן, וועט איר דאָ זײַן באַ זיך אין דער היים. גייט אַרײַן, טײַערע.

דאָ איז דער שטאַב פֿונעם ייִדישן פֿאַרבאַנד פֿון ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף („אוניאָן״), דאָ קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון דער „נײַער פּרעסע״, וועלכע איז אויף שטענדיק פֿאַרבליבן אין דער געשיכטע פֿון דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף מיט אירע נײַנציק שלאַכט־נומערן, דערשינענע אומלעגאַל אין אָקופּירטן פֿראַנקרײַך...

יאָ, דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּאַריזש איז אַ העראָישע פּאָעמע, און רי פּאַראַדי, 14 — די ערשטע שורע אין דער פּאָעמע.

אַ לויב צו דיר, פּראָגרעסיווער ייִדישער פּאַריזש!

אַ לויב צו דיר, רי פּאַראַדי, 14!

ווען איך האָב אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן אַלבערט יודינען, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון „אוניאָן״: „אויף וואָסער פּלאַטפֿאָרם שטייט אײַער אָרגאַ־

ניזאציע?״, האָט יודין געענטפערט: „מיר שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון הונדערט צוואנציק טויזנט דעפּאָרטירטע בייס דער היטלערישער גזירע פראַנצויזישע ייִדן, צווישן זיי פינף און צוואַנציק טויזנט קינדער. מיר שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון די זיבן טויזנט ייִדן, וועלכע מע האָט דעם 21 אויגוסט 1941 אַראָפּגעשלעפּט פון די בעטן אין 11־טן אַראָנ־דיסמאַן (אַ ראַיאָן אין פּאַריזש) און אָפּגעשיקט אין דעם געגנעם פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער „דראַנסי״; פון די דרײַסיק טויזנט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע מע האָט אין מעשעך פון איין נאַכט, דאָנערשטיק דעם 16 יוני 1942, אַרײַנגעוואָרפן אין ווינטער־וועלאָדראָם און דערנאָך — צו טויזנט מענטשן אין אַן עשעלאָן — אָפּגעשיקט אין די קרעמאַטאָריעס. מיר שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון דעם יונגן מאַרסעל רײַמאַן (דעם פּאַריזשער טשאַפּײַעוו), וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין עקזעקוטירן דעם „מיליטערבעפעלסהאַבער פון גראָס פּאַריזש״ גענעראַל פאָן שאַוט־בערג; פונעם ערשטן פּאַריזשער אָטריאַד פרײַשיסער און פּאַרטיזאַנער, פונעם צווייטן אָטריאַד מיטן נאָמען „סטאַלינגראַד״, פונעם דריטן „עליטאַ־אָטריאַד״, פון די פּאַרטיזאַנישע באַטאַליאָנען „קאַרמאַניאָל״ אין ליאָן, „ליבערטאַ״ אין גרענאָבל און „מענדל־לאַגער״ (אויפן נאָמען פון איר גרינדער) אין טולוז. מיר גייען ניט אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרם פון די ייִדישע קאַמפּס־גרופּן באַם „אוניאָן״ אויף אַ שפּעטערן עטאַפּ פון דער מילכאָמע; פון די פינף און דרײַסיק גרופּעס פון דער ייִדישער פּאַטריאָ־טישער מיליץ בייס דעם פאָלקס־אויפשטאַנד אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט. מיר וועלן קיינמאָל ניט אַראָפּגיין פון דער פּלאַטפאָרם פון מוני נאַדלער און מוישע בורשטין — די גרינדער פון דער אומלעגאַלער „נײַער פרעסע״, וועלכע זײַנען דערשאָסן געוואָרן, און פון אַ סאַך אַנדערע פאָלקס־העלדן, פון די, וועגן וועלכע מאָריס טאָרעז האָט געשריבן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פון דאַוויד דיאַמאַנטס בוך „ייִדישע העלדן אין פראַנצויזישן ווידערשטאַנדס־קאַמף״: „בייס די פינצטערע יאָרן פון דער אָקופּאַציע און פון דער ווישי־הערשאַפט האָבן זיי, פּונקט ווי אַלע פראַנצויזן, וואָס זײַנען געבליבן טרײַ דעם פאָטערלאַנד, געשטעלט העכער פון אַלץ דעם גײַסט פון איבערגעגעבנקײַט און מעסירעסנע־פעש...״

א לויב צו דיר, פּראָגרעסיווער ייִדישער פּאַריזש!

א לויב צו דיר, רי פּאַראַדי, 14!

א לויב צו די נאָכפאָלגער פונעם לעגענדאַרן עלי וואַלאַך, וועלכער האָט געטרוימט צו ווערן אַ דיכטער. זײַנע הימנען צום לעבן, וואָס ער האָט פאַרן טויט איבערגעלאָזט אין אייביקן אוצר פון דער פּאָעזיע, זײַנען אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון בריוו צו ראָמען ראָלאַנען. אָט וואָס מיר לייענען אין דעם לעצטן פון זײַנע בריוו, — עלי וואַלאַך האָט אים אָנגעשריבן אין עלטער פון קאַרגע איין און צוואַנציק יאָר, גרייטנ־דיק זיך גיין צו דער וואַנט אויפן מאָן־וואַלעריאַן, באַ וועלכער די געסטאַ־פּאָווצעס האָבן אים דעם 27 יולי 1942 דערשאָסן:

„ליידן דאַרפן ניט אָפּהאַלטן פון שמייכלען. איך לאַך. איך קען נאָך ניט אַלע מעגלעכע ליידן... ווען איך גיי, קוק איך ניט די גאַנצע צײַט

אויף מײַנע פיס, איך ווענד מײַן בליק צום וועג. דער וועג איז א שווערער און א פּײַנלעכער. מע גייט בארג־ארויף, בארג־אראָפּ, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז גיין פאָרויס, טאָמיד גיין פאָרויס...״

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר באם אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך הײַנט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

אויסגעוועזן שוין וויפל ערטער
אין אבסטראקטן יידיש־לאנד;
וווּ געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט,
ניט דערפאָרן צו קיין ראנד.

ס׳טראָגט דער וואָגן שנעל זיך טאקע
(אײַנגעשפאנט אין אים א הירש!) —
מיטן דישעל אין מאָנאקאָ,
מיט די רעדער אין פאריזש.

ערשט ארויס פון א נעסיע,
בין איך ווידער נאווענאד,
ווערסטן ציִען זיך און ציִען,
און דער וועג — ער איז ניט גלאט.

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר אין אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך הײַנט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

1965

ווען מיר וועלן
איבערפאָרן
די ווייסל,
ווען מיר וועלן
איבערפאָרן
די וואַרטאַ...

פוילן הייבט זיך אָן אַף דער מיט פון אַן אײַזנבאַן־בריק גלײַך נאָך דעם, ווי דער צוג פארלירט פון אויג דעם סעמאפאָר פון דער סטאַנציע ברעסט, און איידער ער דערזעט טעראַספאָל. דאָרט צעגיסט זיך דער בוג אין א ברייטן לימאַן, אַן אָנגעשפּיקעוועטן מיט אינדזעלעך, אַף וועלכע עס האַלטן זיך אויף ווילדע געגנדן.

פוילן הייבט זיך אָן אַזוי:

עס רוקט זיך אָפּ די טיר אין קופּע, און א יונגער מיליטערמאַן, אָנגעטאָן אין א רעקל מיט אָנגעבייטע קעשענעס און אין גאָלף־הויזן, באַווײַזט זיך אַף א רעגע און טוט אַ זאָג מיט אַזא קאָל, פּונקט ווי ער וואָלט בא זיך אין שטוב געעפנט די טיר אַף ארײַנצולאָזן א לאַנג־דער־וואַרטן גאַסט:

— דזיען דאָברי, פּאַן גענעראַל.

ער לייגט צו צוויי פינגער צו דער קאָנפעדעראַטקע און גיט א קלאַפּ אַן אָפּצאַס אין אַן אָפּצאַס. מיט „פּאַן גענעראַל" האָט ער געמיינט מײַן שאָכן, דעם גענעראַל אַפאַנאַסי דמיטריִעוויטש גאָנטשאַראָוו, מיט אים אײנײנעם פאָר איך קיין פוילן אַף די פײַערונגען באַם פאַרלייגן א דענק־מאָל אין אָשווענטשים. גאָנטשאַראָוו איז געווען דער שעף פונעם שטאַב פון דער נײַנטער אַרמיי, וועלכע האָט זיך ארײַנגעריסן אין טויט־לאַגער און געראַטעוועט די לעבן־געבליבענע אַסירים. טאַקע פון זיי, פון די געראַטעוועטע, גייען ארײַן אין אונדזער דעלעגאַציע אַלעקסאַנדער לעבע־דיעוו, הײַנט דער פאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון א מאָסקווער צײַטונג, און יעקאַטערינאַ בעלאָסטאָצקאַיאַ (אַף דער מילכאָמע און אין טויט־לאַגער האָט זי געטראָגן דעם קאָנספּיראַטיוון נאָמען „נאַטאַשע").

פוילן הייבט זיך אָן מיט נידעריקע לאָקאָמאָטיוון, א סאַך קלענערע, ווי בא אונדז אַף די סאָוועטישע אײַזנבאַנען, מיט וואַגאָנען פון אַן אַנדער פאָרם, איידער בא אונדז. אין די דערבײַיִקע דערפלעך זײַנען די כאַטעס, ווי אַף דער אוקראַיִנע, געדעקט מיט שטרוי, די זעלבע „מאַזאַנקעס", ווי באַם דניעפּער, נאָר דער טראַדיציאָנעלער קאָסטיאָל אינמיטן דאָרף — דאָס

איז שוין פּוילישער קאַלאַריט. ביסלעכווײַז בײַטן זייער אויסזען אויך די שטיבער. אַף זייערע רויט־טשערעפּענע דעכער באַווײַזן זיך טורעמלעך, און פון פאָרנט, באַם אַרײַנגאַנג, ווי מיידעלעך בא דער מאַמעס פאַרטעך, שטייען מיטן פּאָנעם צו דער גאַס באַזשע מאַטקעס.

בא די וואַגאָן־פענצטער קומט פאַר אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פּוילן. בעלאַסטאָצקאַיאַ, אַ פרוי אין די פּרײַע פערציקער, מיט אײַנ־געהיטער, ניט געקוקט אַף די שווידערלעכע ניסיוינעס, שיינקײַט, שטייט לעבן מיר אין אַ קאָפּטל אָן אַרבל. אַף איר האַנט — דער אויסגעברענטער לאַגער־נומער 69835. ווען עס הייבט אָן קלאַפּן אַן אַנטקעגנדיקער צוג, קערעווע איך זיך אָפּ פונעם פענצטער און דערזע אַף בעלאַסטאָצקאַיאַס האַלדז אַ רונדן אײַנגעזאָטענעם קאַרב, ענלעך אַף אַ שנירעלע.

— וואָס איז עס, נאַטאַשע? — שרײַ איך איבער דאָס קלאַפּן פונעם צווייטן צוג.

אין אַ רעגע אַרום לויפט ווידער אָן אַף די פענצטער די ליכטיקײַט, עס שטילן זיך אײַן די רעדער, און בעלאַסטאָצקאַיאַ ענטפערט מיט אַ רויִק קאָל:

— מע האָט מיך אין מינסקער געסטאַפּאָ אופגעהאַנגען, איז אָפּן האַלדז געבליבן דער סימען...

און איך דערוויס זיך:

אָנהייב מילכאָמע האָט בעלאַסטאָצקאַיאַ, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָמ־סאָמאָלקעס, געלערנט אין אַ שול פון אויסשפּירער־דעסאַנטלער. זי איז געווען סטאַראָסטע פון דעם קלאַס, און ווײַלכן ס'איז אַף איינער פון די פאַרטעס געזעסן זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ.

קאַטיושען — „נאַטאַשען" האָט מען אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסגע־וואָרפן אַף אַ פּאַראַשוט ניט ווײַט פון מינסק, און דערנאָך האָט זי אַף דער אָקופּירטער ערד געטאָן די אַרבעט, וואָס דאָס היימלאַנד האָט איר געהייסן טאָן. אויסגעגעבן האָט זי אַ באַכערל, וועמען זי אַליין, נאַטאַשע, האָט אַנומלטן אָנגעהאָדעוועט און געגעבן אַ נאַכטלעגער לויט דער באַ־קאָשע פון די באַלעבאַטים פון דער קוואַרטיר, ווו זי איז אײַנגעשטאַנען. דאָס באַכערל איז געווען אַן אַגענט פון געסטאַפּאָ.

ווען נאַטאַשע דערציילט, וויאַזוי מע האָט זי געפּײַניקט, איז שווער צו זאָגן, וואָס עס ווילט זיך אין אָט דער מינוט טאָן. ניין, ניט טרייסטן זי און ניט שרײַען אַליין פון ווייטעק. קאָן זײַן, אַז עס כאַפּט אָן אַ פאַרלאַנג זיך צושפּאַרן צו דער וואַנט און איבערכאַפּן דעם אָטעם. די הענקער האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז געבליבן אויסצופּרוּוון דאָס לעצטע מיטל. זיי האָבן זי צוגעפירט צו דער טליִע, וואָס איז געשטאַנען אין דער פּײַני־קונגס־קאַמער, און געפרעגט:

— לייקנסט נאָך אַלץ, אַז דו ביסט די סאָוועטישע אויסשפּירערן נאַ־טאַשע?

— איך בין ניט נאַטאַשע, — האָט געענטפערט נאַטאַשע.

מע האָט איר באַפוילן זיך אופהייבן צום שטריק. מע האָט זי אופגע־האַנגען.

שפּעטער האָט זי זיך דערזען ליגן אַף אַ טאָפּטשאַנדל אין דער זעלבער

פּײַניקונגס־קאַמער. מע האָט זי אַראָפּגענומען פון דער טליִע און ווידער געבראַכט צום באַוווסטזײַן.

— איצט לייקנסטו נאָך אַלץ, אַז דו ביסט די סאָוועטישע אויסשפּירערן נאַטאַשע?

— איך בין ניט נאַטאַשע.

— מיר וועלן דיך נאָכאַמאָל אופהענגען.

— איר קאָנט מיך אופהענגען צען מאָל נאָכאַנאַנד, נאָר איך בין ניט נאַטאַשע, — האָט געענטפערט נאַטאַשע.

די געסטאַפּאָווצעס זײַנען אָפּגעטראָטן אַף זייער אויפן, פאַרשטייט זיך. מע האָט דאָס מיידל ניט אופגעהאַנגען, נאָר דעפּאָרטירט קיין אַשווענטשים, אין פרויען־לאַגער בירקענאו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער ערשטער טאָג אין פּוילן.

פאַן זביגניעוו קוניצקי, דער באַגלייטער פון אונדזער דעלעגאַציע, אַנטשפּרעכט אַף אַזויפיל מײַן פאַרשטעלונג וועגן אַן אינטעליגענטן פּאָליאַק פון אַמאָליקן שניט, אַז ער האַלט אײַן אײַן וועקן באַ מיר נײַגער, און ווען איך קוק אַף עפּעס, שטייענדיק לעבן אים, שטערט ער מיר, ווײַל איך קוק מערער אַף אים, איידער אַהין, וווהין איך דאַרף קוקן.

פאַן קוניצקי איז שוין אַ באַיאָרטער מענטש, אָבער ער איז לעבנסלוסטיק, ווי אַ יונגערמאַן. אַ קליינינטשקער, אַ דאַרער, אַן עלעגאַנטער, שטעלט ער זיך מיטאַמאָל אָפּ אינמיטן גאַס און נעמט דערציילן וועגן זיך: „איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן געדינט דער לאָנדאָנער רעגירונג, געווען דאָרט דער געהילף פונעם קולטור־מיניסטער. אָבער גלײַך, ווי כ׳האָב דערפילט, אַז יענע רעגירונג האָט מער אין זינען לאָנדאָן, איידער וואַרשע, בין איך אָן וואַקלעניש אַריבערגעגאַנגען קיין וואַרשע...״

פאַן קוניצקי ווייסט גוט, אַז אַ גענעראַל איז גרעסער אין ראַנג, איידער אַ פּאָעט, און אַז אַ פרוי איז נאָך וויכטיקער פון אַ גענעראַל. מיר מעגן צוגיין צו אונדזער מאַשין אפילע אַזוי, אַז איינער איז אָפּגעטיילט פונעם צווייטן אַף עטלעכע מעטער, כאַפּט ער פריִער אַרויס פון צווישן אונדז און לאָזט דורך אין דער מאַשין נאַטאַשען, דערנאָך זאָגט ער מיט צערעמאָניע „טאָוואַרישטש גענעראַל״... און ערשט דעמלט טוט ער פריילעך אַ קנאַק מיט די פינגער צו לעבעדיעוון און צו מיר...

אונדזער באַגלייטער — ניט ער ווײַזט אונדז וואַרשע, נאָר ער זינגט זי אויס. מיר שפּאַצירן איבער דער אויאַזדאָוווער אַליי, און פאַן קוניצקי שרײַט אַף אַ קאָל: „איר זעט? — אויך די ביימער, פאַרשניטענע פון דער אַרטילעריע, האָבן מיר רעסטאַווירט!״. „רעסטאַווירט״... אין וואַרשע קאָן מען דאָס דאָזיקע וואָרט הערן קימאַט אַזוי אָפט, ווי דאָס וואָרט „וואַרשע״ אַליין. מע האָט רעסטאַווירט מיט אַלע פּישטשעווקעס הונדערטער הײַזער. אפילע די לייבן און די פייגל אַף די פראָנטאָנען. אפילע די שטאָכעטן פון אַ ווײַטן יאָרהונדערט. אפילע די לאָדן, די אײַזערנע דאַשעקעס איבער די טירן באַ די הײַזער אין סטאַרע מיאַסטאָ. די פּאַשיסטן האָבן אופגעריסן און אַרויסגעפירט דעם דענקמאָל קאָפּערניקן.

אָבער אָט, טוט נאָר א קוק! — באם סטאשיץ־פּאלאץ שטייט ווידער אף זײַן אָרט דער בראָנזענער ניקאָלײַ קאָפּערניק און קוקט פונדאנען אף דער פולשטענדיק אופגעשטעלטער (רעסטאווירטער!) אלטער היסטאָרישער גאס קראקאָווסקע פּשעדמעסטשיע.

און ניט נאָר מיט דעם רעסטאווירטן אָוואר גרויסט זיך ווארשע, ניט נאָר מיט דער קאָלאָנע פונעם קיניג זיגמונד אפן זאמקאָווער פּלאץ, ניט נאָר מיטן פּאלאץ פון די מאלאכאָווסקיס, וואָס איז א מוסטער פונעם ראָקאָקאָ־סטיל. ווארשע פארגעסט ניט צו באווײַזן אויך איר נײַע ארכיטעקטור. דאָס הויז פון דער פּארטיי, אָדער, ווי מע רופט עס, דאָס „אלגעמיינע הויז" — א פונדאמענטאל און איינצײַטיק עלעגאנט געבײַ, פול מיט זון און מיט לופט, — איז אופגעבויט אף די זלאָטעס, וואָס עס האָבן צונויפגעזאמלט די מיטגלידער פון דער פּוילישער ארבעטער־פּארטיי. ווארשע גרויסט זיך מיטן גראנדיעזן קולטור־פּאלאץ — א מאטאָנע פונעם סאָוועטנפארבאנד, מיט דעם געבײַען־קאָמפּלעקס אף דעם דאָמבראָווסקי־פּלאץ, מיט דער פּײַערלעכער און גרויסקראכישער, צוגעפּוצטער און שטרענגער, פריילעכער און צוריקגעהאלטענער מארשאלקאָווסקי־גאס.

— זביגניעוו קאזימיראָוויטש, — רופט זיך אָן צו קוניצקין דער גענעראל גאָנטשאראָוו, — מיר האָבן נאָך ניט געזען די ייִדישע ווארשע...

— פאָרן מיר אין מוראנאָווער ראיאָן, דאָרט איז געווען די געטאָ.

אפאנאסי דמיטריעוויטש דערציילט, אז וועגן אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ זײַנען צווישן די אָנגרײַפנדיקע סאָוועטישע סאָלדאטן ארומגעגאנגען לעגענדעס. אלעקסאנדער לעבעדיעוו גיט צו:

— בא אונדז אין אָשווענטשים פלעגט מען פון בלאָק צו בלאָק איבערגעבן די נײַס פון מוראנאָוו. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן ברענגען פון דאָרט געפאנגענע. יאָ, מיר האָבן זיי גערופן אזוי, ווי מע רופט סאָלדאטן, גענומענע אפן שלאכטפעלד. קריגסגעפאנגענע האָבן מיר זיי גערופן...

— די ייִדישע ווארשע, — זעצט פאָר פאן קוניצקי, — איז פאר אונדז א בלעטל געשיכטע פון דער הויפּטשטאָט. אָט נעמט, לעמאָשל, די דאָזיקע גאס. — מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף דער אנילעוויטש־גאס. — ניט צופעליק איז די אלטע גענטשע אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען פונעם קאָמענדאנט פון דער ייִדישער קאמפּס־אָרגאניזאציע אין געטאָ... גענשעגאס, נאלעווקעס, נאָוואָליפּקי — נאָך פון נאפּאָלעאָנס צײַטן איז דאָ געווען דער ייִדישער קווארטאל.

פאן קוניצקיס קאָל איז ווארעם און היימיש:

— קומט צו די נאלעווקעס. די גאס, אף וועלכער עס הייבן זיך אָן די ייִדישע וואָרצלען אין פּוילן, האָט גענומען איר נאָמען פונעם אוקראַיִנישן אטאמאן סעמען נאליוואַיקאָ. יאָ, יאָ! מע האָט אים געבראכט קיין ווארשע נאָכן אונטערדריקן זײַן קאזאקישן אופשטאנד. דאָ, לעבן א קלויסטער, צווישן גערטענער און הײַזקעס, האָט מען אים מעקאבער געווען, דעם אומגעבראכטן בונטארישן אטאמאן...

די מאשין מאכט א קרײַז ארום אנילעוויטשעס בונקער, ארום דעם דענקמאָל די העלדן פון ווארשעווער געטאָ. ס'איז שוין פארנאכט. מיר שפּאנען איבער די אלטע גאסן, אף וועלכע צענדליקער הויכע נײַע גע־

בײַען האָבן צעגאָסן זײער שײַן. מיטאמאָל — א שטיק סטאַרטשענדיקע פון דער סאמע ערד, צעשטשערבעטע, פאַרצויגענע מיט גרויקײַט אין דער אָונטיקער טונקלקײַט, וואנט, וועלכע די בויער פון ווארשע, אײַנגעליבטע אין רעסטאווראציע, היטן אָפּ, ווי א טײַערן סימען.

איך גײ צו צו דער וואנט, און אפן סאָלדאטישן אויפן דריק איך צו צו איר דעם שטערן.

באנאכט זײַנען מיר אָפּגעפּאָרן קײן אָשווענטשים.

צווישן די פאסאזשירן פון אונדזער צוג זײַנען בלויז צווײ — גאָנטשאַראָוו און איך — ניט געוועזן מיט עטלעכע און צוואנציק יאָר צוריק פאַרשפּאַרט אין טויט־לאגער. די איבעריקע הונדערטער מאנצבלען און פרויען, פאַרזאמלטע פון פוילן, פראנקרײַך, האָלאנד, סאָוועטנפאַרבאנד, ייִסראָעל, גריכנלאַנד, טשעכאָסלאָוואקיע, אונגאַרן און אנדערע לענדער, זײַנען דאָ פאַרבונדן צווישן זיך מיט יענער טראגישער היימישקײַט, וואָס טרעפט, ווײַזט אויס, בלויז צווישן געוועזענע ארעסטאנטן.

א גאנצע נאכט שלאָפט מען ניט.

— לאָמיר זיך צוזעצן אָף דער נאַרע... — זאָגט אײנער צום אנדערן, אָנווײַזנדיק אפן געלעגער אין וואגאָן־קופּע.

מע זעצט זיך צו, מע רעדט, מע רעדט, מע רעדט...

— הײ, דו, מוזולמאַן[1], אויב דו דערוויסט זיך, ווען מיר קומען אפן אָרט, האָסטו א טעלער בונאזופּע[2], — רופט זיך אָן מיט א שמײכל אלעקסאנדער לעבעדיעוו צום איצטיקן מיניסטער פון שיף־פאַרקער פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק יאַנוש בוראקעוויטש.

— א טעלער בונאזופּע? — פרעגט איבער בוראקעוויטש. — אײַ, אײַ, מײַן הער, גיכער פון אלץ באקום איך א Genicksshuss[3].

מע צעלאכט זיך. הײַנט קאָן מען מיט אזעלכע ווערטער זיך מאכן פריילעך...

דער געוועזענער קאצעטלער יאַנוש בוראקעוויטש לאָזט ניט איבער לעבעדיעווס פראגע אָן ענטפער. אָט וויאזוי ער באצײכנט די צײַט, ווען מיר קומען אָן קײן אָשווענטשים:

— אונדזער צוג וועט גײן ניט אין אויוון ארײַן, נאָר אָף ארבעט...

דאָס הײסט, אז מיר קומען אָן קײן אָשווענטשים פאַרטאָג. אין טויט־לאגער איז געווען אזא סיידער: די באנאכטיקע עשעלאָנען פלעגן גלײַך אָפּגעשיקט ווערן אין קרעמאטאָריע, די אינדערפרי־יקע — אָף ארבעט.

א גרײַז־גרויע ייִדישע פרוי פון האָלאנד זעצט זיך אויך צו אָף דער „נאַרע” און הײבט אָן שטיל זינגען, קוקנדיק מיט דורכדרינגלעכע „נו, דערמאָן זיך”־אויגן אָף נאטאשע בעלאָסטאָצקאיא:

---

[1] Muselmann — אָף דעם לאגער־זשאַרגאָן א קאצעטלער אין דער לעצטער סטאדיע פון הונגער־אויסגעשעפּטקײַט.

[2] Bunassuppe — א מין באלאנדע, געקאָכט אָף קאַרטאָפל־אָפּפאלן.

[3] א קויל אין נאַקן.

O du, mein Bubikopf,
Im Lager Auschwitz war ich zwar
So manchen Monat, so manehes Jahr...

— יאָ, ריווקע, יאָ... — זאָגט שטיל באַטאַשע, — די עסעסאָווצעס פלעגן שטאַרק שלאָגן, אויב עמעצער אין קאַראַנטין האָט ניט פאַרגעדענקט די ווערטער פון אָט דעם באַנאַלן דײַטשישן לידל... און איך, די ייִדן, פלעגט מען לערנען זינגען אַ צווייטע... אַ כויזעק־ליד...

O du, mein Jerusalem... — דערמאָנט זיך גלײַך ריווקע די האַלענדערן.

און איך, וואָס איך זיץ דאָ דערבײַ, דערזע מיטאַמאָל אַ וואַלד אין אַ גרויסער־גרויסער ווײַטעניש, אַ וואַלד, פאַרשנייט און פאַרשאָטן, פאַרווייט און פאַרהוקעט, און איך זיץ מיט מײַנע אָדנאָפּאָלטשאַנעס אַרום אַ פאַרטאָפּטשעטן שײַטער. מיר זײַנען אַנגעטאָן אין ווײַסע פעלצלעך, מיר זײַנען הונגעריק און ניט געגאָלט. מיר וועלן באַלד אַטאַקירן דאָס שטעטל, פיר־פינף ווי־אָרסט פונעם וואַלד. דאָרט איז אַ פאַשיסטישער צוואַנגס־לאַגער. מיר זיצן באַם פאַרלאָשענעם שײַטער און קעדיי דערוואַרעמען מיט האַס די הערצער, מורמלען מיר אין דער שטיל:

Вставай, страна огромная,
Вставай на смертный бой...

די נאַכט לויפט דורך ווי אַ כאָלעם. איך גיי אַרויס אין קאָרידאָר פונעם וואַגאָן זיך אָפּצופרישן באַם אָפענעם פענצטער. דאָ איז פול מיט מענטשן. „כאַווער גענעראַל, — רעדט עמעצער צו גאָנטשאַראָוון, — כאַווער גענע־ראַל... ווען איר וואָלט געקומען מיט צען טעג פריִער... מיט צען טעג! כאַווער גענעראַל, פון דעם אַכצנטן ביז דעם פינף־און־צוואַנציקסטן יאַנוואַר האָבן די דײַטשן אַרויסגעפירט פון אָשווענטשים אַכט און פופציק טויזנט קאַצעטלער... די געזונטע... מע האָט זיי אַפּן וועג אומגעבראַכט... איבערגעלאָזט האָט מען זעקס טויזנט קראַנקע... כאַווער גענעראַל, איר האָט געעפנט די טויערן דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן יאַנוואַר... עך, ווען איר קומט מיט צען טעג פריִער"...

גאָנטשאַראָוו שטייט באַם אָפענעם פענצטער. די מילך־שײַן פונעם פאַרטאָג פאַלט אויף זײַנע פעלד־פּאָגאָנעס, אַפּן גרינעם פראָנט־מונדיר, וואָס ער האָט, ווײַזט אויס, בעקיוון אָנגעטאָן איצט, אַפּן וועג צום טויט־לאַגער אָשווענטשים. ער איז אָן אַ היטל, דער גענעראַל, און דאָס גיט צו זײַן פאַרזאָרגטן פּאָנעם אַזאַ אויסדרוק, פונקט ווי ערשט איצטער שטייט פאַר צו באַשליסן: זיך דורכרײַסן צו אָשווענטשים מיט צען טעג פריִער, אָדער מיט צען טעג שפּעטער...

— האַרציקער מײַנער, — רעדט אַרויס פאַרקלעמט גאָנטשאַראָוו, — מיר האָבן ניט געהאַט אין דער נײַנטער אַרמיי קיין פאַראַשוטיסטן, פאַר־שטייסט עס? ס'איז שוין געווען סאַך מילכאָמע, די ווונדן באַם סאָוועטישן פאָלק האָבן זיך געלאָזט פילן... דו פאַרשטייסט עס? מיר זײַנען געגאַנגען מיט טאַנקען איבער אָט די זומפּיקע ערטער, און פריִער זיך דורכרײַסן

האָבן מיר... פאַרשטייסט עס, הארציקער מײַנער? מיר האָבן ניט געקאָנט...

אפאנאסי דמיטריִעוויטש נעמט ארויס פון פלאנשעט א פעלד־מאפּע.

— זע, — זאָגט ער מיט אן אײַנגעהאלטענעם טרויער אין קאָל, — מיר זײַנען געגאנגען פונעם סאנדאָמירער פלאצדארם... מיר האָבן ניט באוויזן איבערכאפּן דעם אָטעם נאָך די בלוטיקע שלאכטן. די דײַטשן האָבן זיך געקלאַמערט פאַר יעדן בערגעלע, פאַר יעדן בלאָטקעלע... פון קראָקע ביז אָשוועטשים זײַנען מיר געגאנגען ניט מער ווי צו צען־צוועלף קילאָ־מעטער א טאָג...

דער מענטש, וואָס רעדט מיט גאָנטשאַראָוון, שטייט אָנגעשפּאַרט אף קוליעס. ער הוסט, כאַפּט אלעמאָל ארויס א טיכעלע און לייגט עס צו צום מויל. נאָך דער באפרײַונג פון אָשוועטשים זײַנען בא אים פּאַראַליזירט געוואָרן ביידע פיס. ער איז קראַנק אף שווינדזוכט. א סאָוועטישע מעדיצין־שוועסטער פון דעם גענעראַל גאָנטשאַראָווס ארמיי האָט אים געפונען שוין צווישן די טויטע. א קליינינקע, א דארינקע, מיט קויכעס פון א קינד, האָט זי אים, דעם דרײַסיקיאָריקן מאנצבל, וואָס האָט געוויגן ווייניקער פון איר, גענומען אף די הענט און דרײַ קילאָמעטער געטראָגן קיין בזשעזשינקי, ווו ס׳איז אין יענעם טאָג געשטאנען דער לאזארעט...

אין דרויסן איז שוין אינגאנצן ליכטיק. מיר פאָרן צו צו דער באַן־סטאנציע אָשוועטשים. דאָס ערשטע, וואָס איך דערזע: א הויכער קוימען שטאַרצט איינזאם אין הימל. „וואָס איז עס, א קרעמאַטאָריי?״ — טו איך בא עמעצן א פרעג. „ניין, ס׳איז דער אָשוועטשימער כימישער זאַוואָד, די גרעסטע אונטערנעמונג אין שטאָט...״

א שטאָט? א זאַוואָד? אין אָשוועטשים ווינען מענטשן?

איך הייב אוף די אויגן און דערזע:

א שטאָט, ווי אלע שטעט. א מאָדערנער וואָקזאַל — בעטאָן און גלאָז. אף די טרעפּ, וואָס פירן צום צווייטן שטאָק, — מיידלעך אין רויטע און בלויע זאָקן. עטלעכע מאנצבלען און פרויען וואַרטן אף דער פּלאַטפאָרמע.

די געוועזענע קאַצעטלער גייען ארויס פון די וואַגאָנעס. מע טרײַבט זיך אליין אונטער מיטן ביטערן וואָרט: ראוס! ראוס!

אָשוועטשים איז אויסגעפּוצט מיט פאָנען און טראנספּאראַנטן. די שטאָט שלאָפט שוין ניט. דער פּלאַץ באַם וואָקזאַל איז פול מיט מענטשן. מע באגעגנט די געוועזענע אָשוועטשימער ארעסטאַנטן.

מיר לאָזן זיך אוועק אין לאַגער, אין דער פאָרשטאָט זאַסאָלע.

אָשוועטשים איז בייס דער מילכאָמע ניט רויִנירט געוואָרן. עס לעבן דאָ ארום צוועלף טויזנט אײַנוווינער. מיר גייען פאַרבײַ א קינדערגאָרטן. באַם סאַמע טויט־לאַגער שטייען זאַמד־קאַסטנס, ארום וועלכע קינדער שפּילן זיך. אויך עטלעכע הוידלקעס זײַנען דאָ פאַראַן. דאָס קליינוואַרג ווייסט נאָך מיסטאָמע ניט, אז אף יענער זײַט הויכער וואַנט, סאַכאַקל א צוויי־דרײַ הונדערט מעטער פון די הוידלקעס, שטייט נאָך ביז איצט א טליִע, אף וועלכער די געהאנגענע זיידעס און באָבעס האָבן, ניט דער־

גרייכנדיק מיט די פיס צו דער ערד, פריִער זיך א פּאָר מאָל אהער־אהין א הוידע געטאָן און שפּעטער שוין געבליבן הענגען מיט אויסגעצויגענע הענט און פיס, ווי אָט די ליאלקעס אין קינדערגאָרטן, וואָס באָמבלען זיך אף ווייַסינקע שטריקעלעך.

מיר זאָל זייַן פאר אייַך, קינדערלעך, גרינגע פלאטערלעך... ווען מע זאָל מיך לאָזן, וואָלט איך אייַך אוועקגעפירט זיך שפּילן אפן צווייטן ברעג ווייַסל, אין פעלד אריַין, אין וואלד אריַין, ווייַטער פון אָט דעם אָרט, ווייַטער פון אָט דעם גרויל. נאָר אויב דאָ איז אייַער היים און אויב איר האָט דאָ זאמד־קאסטנס און הוידלקעס, איז שפּילט זיך געזונטינקערהייט. און מיך לאָזט דערווייַל דורך אהין, אף יענער זייַט וואנט, ווער איך שפּעטער, ווען איר וועט אונטערוואקסן, אייַך דערציילן, וואָס איך האָב דאָרט געזען...

צום טויער פונעם טויט־לאגער זייַנען מיט דייַטשישער אקוראטקייַט צוגעפּעסטיקט דריַי ווערטער, אויסגעשמידטע פון מאסיוון אייַזן: «Arbeit macht frei». דאָס איז געווען נאָך איין עסעסישער שווינדל, פּונקט ווי דאָס שפּילן פונעם אָרקעסטער באַם טרייַבן די אומגליקלעכע אף צוואנגס־ארבעט...

— כאוויירים, מיר געפינען זיך אפן קייווער פון פיר מיליאָן מארטירער. — מיט אָט די ווערטער האָט אונדז באגעגנט אין דער „אָפּיצערישער צוזאמענווינונג“, וואָס שטייט באַם סאמע טויער פונעם טויט־לאגער, דער פּרעמיער־מיניסטער פון פּוילן יוזעף ציראנקעוויטש, א געוועזענער אָשווענטשימער געפאנגענער.

אין דרויסן איז געווען אזוי שטיל, אז ווען מיר, א מענטשן צוואנציק פארזאמלטע אין דער „אָפּיצערישער צוזאמענווינונג“, זייַנען געגאנגען צום ארויסגאנג, האָב איך א טראכט געטאָן: געשיקט זיך, וועט מען לייגן דעם שטיין פארן דענקמאָל די קאָרבאָנעס פון אָשוועטשים בא אזא קליינעם אוילעם? אזוי שטיל איז געווען אין דרויסן! און ווען איך בין ארויס דורך דער אָפענער טיר, האָב איך א ציטער געטאָן. פּופציק טויזנט מענטשן זייַנען געשטאנען מיטן פּאָנעם צו די גרויסע לאגער־בלאָקן — די ליפּן צוגעשלאָסן...

ווען די פייַערלעך־טרויעריקע מאניפעסטאציע האָט זיך אָפּגעשטעלט אף דעם געוועזענעם אָשווענטשימער אפּעל־פּלאץ, לעבן דעם זעקס־און־צוואנציקסטן בלאָק, און אף דער טריבונע איז צום מיקראָפאָן צוגעגאנגען ציראנקעוויטש, האָט זיך דערהערט אן אליארעם־רוף פון פאבריק־סירענעס, באגלייט מיט דעם פּייַפן, וואָס האָט בעשייַטע געהאט גערופן די ארעסטאנטן אפן אפּעל...

איצט, ווען איך דערמאָן זיך אין אָט די צוויי רופנדיקע, יאָמערנדיקע, ווי דינע שארפע ריטעלעך איבערגעפלאָכטענע קלאנגען, טראכט איך: דאָס איז געווען א גענ:יאלער געדאנק, וואָס האָט מעגלעך געמאכט, אז עס זאָלן אין איין אויגנבליק זיך אויסשפּרייטן צוויי פאנטאסטיש־מעכטיקע פליגל: אף איינעם ווערט די אָשוועטשים־טראגעדיע פונעם 1940—1945 אראָפּגעבראכט צו אונדז אין 1965, ווי א פייַנלעכע דערמאָנונג, און אפן צווייטן

פליגל קומט דאָס יאָר 1965 און אין קרעפּטיק־פאַרבײַלטע הענט נעמט עס איבער פון די פאַרשטאַרט־אויסגעשטרעקטע הענט פון אָשווענטשים די צוואָע: קיינמאָל זאָל אזוינס מער ניט געשען! קיינמאָל מער!

נאָך ציראַנקעוויטשעס און גאָנטשאַראָווס רעדעס קומט די ריי פון דעם אפּעל לעזיקאָרן די קדושים, וועלכן עס לייענען אונטערן שרויט פון מיליטערישע פּײַקלעך דער רעקטאָר פונעם ווארשעווער אוניווערסיטעט, א געוועזענער לאַגער־געפאַנגענער, פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו טורסקי און דער גענעראַל עוגעניוש קושקאָ. דער אפּעל איז שעקספּיריש לויט זײַן דראַמאַטישקײַט: די צוזאַמענשטויסן פון טויט און לעבן, פון דערהאַרגעטע און זייערע מערדער, פון גוטס און שלעכטס. „אײַך רוף איך, דערמאָר־דעטע... איך רוף אײַך, אומגעבראַכטע אין די טפיסע־קאַזעמאַטן און אף די גאַסן פון שטעט... אײַך, דערשאָסענע בא דער טויטן־וואַנט אין אָשווענ־טשים און אין באַבי יאַר הינטער קיִעוו... איך רוף אײַך, פאַרפּײַניקטע מיט שטעקנס אין וועג, בא דער אַרבעט און אף די אַפּעל־פּלעצער... איך רוף אײַך, געשטאָרבענע פון אויסשעפּונג, פאַרפרוירענע אף די וועגן, דערשאָ־סענע אין די ריוון. אײַך רוף איך, מאַרטירער פון לענינגראַד און פאַרמיש־פּעטע אף הונגער־טויט אין די געטאָס, אײַך, אויסגעהונגערטע אין די קאַר־צערס, אײַך, געפאַלענע בייס דער עוואַקואַציע פון די לאַגערן... איך רוף אײַך, קאָרבאָנעס פונעם שרעקלעכסטן פאַרברעכן, אײַך, וואָס זײַנען „אוועק דורכן קוימען”, אײַך רוף איך, פאַרסאַמטע מיט דיזעל־גאַז פון אווטאָס און מיטן גאַז „ציקלאָן”... איך רוף אײַך, דערמאָרדעטע, אײַך, אַלעמען — צוואַנציק מיליאָן קאָרבאָנעס פונעם שרעקלעכסטן פאַרברעכן, צוואַנציק מיליאָן קאָרבאָנעס פון דעם פאַשיזם. איך רוף אײַך אַלעמען: קאָמוניסטן און גאַלאָכים, פּאָליאַקן און פראַנצויזן, רוסן און יידן, יוגאָסלאַוון און מאַדיאַרן, זקיינים און קינדער — קאָרבאָנעס פון דעם זעלבן פאַרברעכן, פאַרייניקטע דורכן טויט... איך רוף אײַך, געשטאָרבענע, קעדיי עס זאָלן הערן די לעבעדיקע”...

און גלײַך, ווי באַם פּראָפעסאָר טורסקי וואָלטן שוין אויסגעגאַנגען די קויכעס און ער קאָן מער ניט פאָרזעצן ווײַטער די קלאָג־ליד פון דער מענטשהײַט, שטעלט ער זיך אָפּ, א בלאַסער, א דערשיטערטער, און דעם אפּעל זעצט פאָר דער גענעראַל קושקאָ:

„אײַך אַלעמען, קאַמפס־כאַוויירים — אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געקעמפט, ווי סאָלדאַטן, סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געשטאָרבן אַלס אַרעסטאַנטן. איך רוף אײַך, די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט שאָלעם געמאַכט מיטן פאַרברעכן. איך רוף אײַך, סאָלדאַטן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אָשווענטשים און בוכענוואַלד, אײַך, אופשטענדלער פון טרעבלינקע, פון ווארשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָ... איך רוף אײַך, געפאַלענע העלדן פון דעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט, סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער דיוויזיע, וועלכע האָט אופגעבראָכן דעם אָשווענטשימער טויער און פאַרלאָשן די קרעמאַ־טאָריעס... אײַך רוף איך — שטייט אוף און זאָגט איידעס: וואָס פאַר א גוירל מענטשן זאָלן ניט פאַרגרייטן פאַר מענטשן, איז אויך אין דעם מענטשנס קויעך דעם דאָזיקן גוירל צו ענדערן”...

און פּראָפעסאָר טורסקי, שוין א באַרויִקטער, א גרויזאַמער, ענדיקט דעם אַפּעל:

„הערט אויס, איר אַלע, וואָס איר זײַנט געווען באַדראָעט צו פּאַרטי־ליקט ווערן! הערט אויס, איר, טעכטער און זין פון די געפאַלענע און אויסגעמאָרדעטע! הערט אויס, איר אַלע, וואָס איר האָט האַנאָע פון דער זון, פונעם לעבן, איר, וואָס איר ליבט און לעבט און באַגערט! הערט אויס, איר אַלע, וואָס איר ווילט דאָס אַלץ ניט פאַרלירן! אין נאָמען פון אײַערע נאָענטע, אַף וועלכע איר וואַרט אָן האָפענונגען, אין נאָמען פון די, וועמעס קערפּערס עס זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, אין נאָמען פון די, נאָך וועלכע עס איז אפילע קיין נאָמען ניט פאַרבליבן, — אין נאָמען פון זיי אַלעמען באַשווער איך אײַך: געדענקט און לאָזט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן! אין נאָמען פונעם גליק, דעם ברוטאַל צעשטערטן דורכן פאַשיזם, אין נאָמען פון די ניט פאַרענדיקטע אַרבעטן, ניט דערגרייכטע האָפענונגען, איבערגעריסענער צאַרטער ליבע, אין נאָמען פון דעם פּאַכעד אין די אויגן פון די געשטאָרבענע — באַשווער איך אײַך, לעבעדיקע: מער קיינמאָל ניט! ווײַל דאָס, וואָס איז געשען איין מאָל, קאָן געשען נאָכאַמאָל. אָבער אויב די גרענעצלאָזע אָנשטרענגונג האָט צו דעם איין מאָל א סאָף געמאַכט, איז אויך מעגלעך ניט צו דערלאָזן, עס זאָל זיך איבערכאַזערן אין דער צוקונפט. מער קיינמאָל ניט! רום זייער אָנדענק!״

אַפן פּלאַץ עטעמען שווער פופציק טויזנט מענטשן. ווען מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון דער טריבונע, טוט מיר מיטאַמאָל, באַם סאַמע ערשטן טראָט מײַנעם איבערן ברוקירטן פּלאַץ, א שטאַרקן קלאַפּ איבערן האַרצן א נאָענטע כוואַליע פון אָט דעם איבערגעכאַפּטן מענטשישן אָטעם. איך הייב אויף דעם קאָפּ און דערזע לעבן דער טריבונע א דרײַ־פיר צענדליק ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זעען אויס פון דער זײַט, ווי איין גרויס לעבעדיק וועזן, א שטאַרק אומגליקלעכס אין אָט דער רעגע, א וועזן, וואָס ווייסט, מעגלעך, זײַן שרעקלעך אין זײַן צאָרן אין א רעגע אַרום.

שווער צו זאָגן פאַרוואָס, נאָר איך שטעל זיך אָפּ און קאָן ניט אָפּרײַסן דאָס אויג פון אָט די יונגעלײַט. צוויי מיידלעך אַרעמען אַרום א דריטע, וואָס וויינט, האַלטנדיק נידעריק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אַלע איבעריקע שווײַגן. די ייִנגלעך קערעווען אָפּ די קעפּ — זיי האָבן, ווײַזט אויס, מוירע, אַז זיי וועלן זיך אויך צעיאָמערן.

אַלעקסאַנדער לעבעדיעוו שעפּטשעט מיר אַפן אויער:

— דאָס זײַנען געבוירענע אין די טויט־באַלאַקן פון אָשווענטשים... אונדזערע קינדער...

איך גיי צו צו איינעם א שטאַרק קענטלעכן — שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, עטוואָס פּײַכטע, ווייטעקדיקע אופגעריסענע אויגן:

— ביסט א ייִד?

דאָס ייִנגל טוט זיך ניט קיין ריר. ער רעדט אַרויס, קוקנדיק, ווי ביז אהער, אין א זײַט:

— איך ווייס ניט.

— קיינער פון אונדז ווייסט ניט, ווער מיר זײַנען, — זאָגט א צווייט ייִנגל, — די מאַמעס האָבן אונדז געבוירן באַהאַלטענערהייט, שפּעטער

האָט פאַרהיט אונדז דאָס לעבן די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־אָרגאַ־ניזאַציע. די מאַמעס און די טאַטעס זײַנען אוועק אין דער גאַז־קאַמער...

איינע פון די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן אַרומגעאַרעמט די דריטע, האָט אַליין זיך אויך צעיאָמערט, און זי, די דריטע, די שטאַרק פּאַרווייִנטע, בעט זיך בא איר, ווישנדיק מיטן שאַלעכל דאָס נאַסע פּאָנעם און דעם האַלדז:

— הער אויף, רויזע, וואָס האָסטו זיך צעוויינט?

— און זי איז א ייִדישקע? — ווײַז איך אַף רויזען.

— זי ווייסט אויך ניט... פּאַשעט, זי האָט זיך א נאָמען געגעבן נאָך א ייִדישער פרוי.

— רויזע, נאָך וועמען האָסטו זיך געגעבן א נאָמען?

— די מומע רויזע איז מיר געווען א פרעמדע... איך בין אַלט געווען דרײַ כאַדאָשים, און פון הונגער בין איך שוין געווען א האַלבער מעס... האָט זי עפּעס געטאָן מיט זיך, און ס'האָט זיך בא איר באַוויזן מילך אין די בריסט... די מומע רויזע האָט מיך אויסגעהאָדעוועט.

— וווּהין איז זי דערנאָך אַהינגעקומען?

— אין פיר־און־פערציקסטן האָט זי געטראָגן פאַר די אופשטענדלער פון דער „זאָנדערקאָמאַנדע" דעם דינאַמיט, וועלכן ס'האָבן געגאַנוועט אין „אוניאָן־ווערקע" דרײַ אַנדערע מיידלעך. מיט אָט דעם דינאַמיט האָט מען אין אָקטיאַבער־כוידעש אופגעריסן דעם קרעמאַטאָריי IV. דער אופשטאַנד איז אָבער דורכגעפאַלן, און אין יאַנוואַר פינף און פערציק האָט מען די מומע רויזען און אירע כאַווערטעס אופגעהאַנגען... מע זאָגט, אַז זי איז דאַן אַלט געווען וויי־ניקער, ווי איך איצט...

די שווײַגנדיקע מענטשן־מאַסע גייט מיט בלומען אין די הענט צו דער „שוואַרצער וואַנט", בא וועלכער עס פלעגן פאָרקומען די צעשיי־סונגען. דער וועג ליגט פאַרבײַ דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן בלאָק. אַף זײַן טיר — אַן אופשריפט אַף ייִדיש: „דאָ וועט געעפנט ווערן די אויס־שטעלונג פון ייִדישן ווידערשטאַנד און אומקום". איך פרעג בא לעבע־דיעוון, וויפל ייִדן עס זײַנען אומגעקומען אין אָשווענטשים. „פון יעדע פיר אומגעבראַכטע זײַנען דרײַ געווען ייִדן", — ענטפערט ער.

דער וועג פון דעם אַפּעל־פּלאַץ ביז צום אַרויסגאַנג ליגט דורך דעם שרעקלעכן עלפטן בלאָק, פונוואַנען קיינער פון די אַסירים איז צוריק ניט געקומען. דאָרט האָט מען די אומגליקלעכע פאַרמוטשעט אין די קאַרצערס און אין די בונקערס. אויב אָבער דער מענטש איז געווען, ווי מע זאָגט, פון אײַזן, האָט מען אים דערשאָסן בא דער „שוואַרצער וואַנט".

בישכיינעס מיטן עלפטן בלאָק — דער צענטער. מענגעלעס קיניגרײַך. דאָ פלעגט מען סטעריליזירן די פרויען און קאַסטרירן די מאַנצבלען. דאָ האָט דער „פּראָפעסאָר" הירט אָפּגעקליבן „לעבעדיקן מאַטעריאַל" אַף צו שאַפן אין סטראַסבורג א קאָלעקציע פון הונדערט פּופציק סקעלעטן צוליב אַנטראָפּאָלאָגישע אויספאָרשונגען אין דעם עסעס־אינסטיטוט פאַר דער־לערנען די ראַסע.

אַזוי — פון בלאָק צו בלאָק, פון מאָרד צו מאָרד. אַזוי — פון שטעכיק דראָט צו שטעכיק דראָט, פון דעם ארײַנגאַנג אין לאַגער צום „אַרויסגאַנג" דורכן קוימען...

...ווען מיר גייען אוועק פונעם הויפט־לאַגער און קומען אָן אין בזשעזינקי, הייבט אָן מאַראַקען אַ רעגן. אונטער אַ גרוי־פאַרכמאַרעטן הימל קומט פאַר דער מיטינג אפֿן אָרט, ווו ס׳וועט אופֿגעשטעלט ווערן דער דענקמאָל.

בזשעזינקי... בירקענאו... פאַר דער מילכאָמע זײַנען דאָ געשטאַנען די שטאַלן פון אַ פוילישער קאַוואַלעריע־טייל. שפּעטער האָט מען אין די אומריינע שטאַלן פאַרטריבן טויזנטער אומשולדיק־ריינע מענטשן־שוועסטער.

אין בזשעזינקי האָבן זיך געפונען די אָשווענטשימער גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון דעם „קאָמבינאַט פון טויט" רודאָלף פראַנץ פערדינאַנד העס האָט אָנגעשריבן אין דער פּויליִשער טורמע, איידער מע האָט אים אופגעהאַנגען, זײַן אויטאָביִאָגראַפיע. דאָס „ווערק" פון דעם מעטורעף איז ניט געווען ברייט פּובליקירט. ווען איך בין אָרײַנגעקומען אין דעם אָשווענטשימער מוזיי, האָב איך געבעטן עס מיר באַווײַזן. אָט איז איינע אַ שטעל פון דעם קאָמענדאַנטס אויטאָביִאָגראַפיע:

„קליינע קינדער (...) זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין די קאַמערעס מיט שפּילעכלעך אין די הענט, פאַרווײַלנדיק זיך און איבערקרימענדיק איינער דאָס צווייטע. איך האָב באַמערקט, אַז די פרויען, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטויסן אָדער געוווסט, וואָס עס דערוואַרט זיי, האָבן, צונויפנעמענדיק אַלע קויכעס, ניט זײַענדיק בעקויעך צו באַהאַלטן דעם טויט־אומרו אין די אויגן, דאָך געשפּאַסט מיט די קינדער אָדער צערטלעך זיי באַרויִקט (...) עס פלעגט טרעפן, אַז אייניקע פרויען, אויסטועענדיק זיך, האָבן אומגעריכט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן יאָמער־געשריי, געכומען זיך רײַסן די האָר פון קאָפּ, מיט איין וואָרט — זיך אָנגעהויבן אופירן אַזוי, ווי זיי וואָלטן אַראָפּ פון זינען. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען זיי אַפּגיך אוועקפירן הינטער דער געבײַדע און דערהאַרגענען, אויסשיסנדיק פון אַ קליינקאַליבער־ביקס אין נאַקן..."

אַ גרויסן דאַנק דיר, אַלטע פּוילישע מאַמע־שטאָט קראָקע, וואָס דו האָסט מיר געגעבן אַ געלעגער נאָך דעם, ווי כ׳האָב אַ טאָג צײַט אַרומגעוואָגלט אין אָשווענטשים. אַ דאַנק דיר פאַרן געלעגער. האַלעווײַ וואָלסטו געקאָנט מיר שענקען אויך שלאָף...

איך וועל זיך ניט צושפּאַרן, ניין. כ׳וועל זיצן שטילערהייט, אַ נאַכט אָפּזיצן אין צימער פונעם האָטעל.

טאַקע דאָ, אין האָטעל, האָט הײַנט דער מיניסטאָרן־ראַט פון פּוילן גלײַך נאָך אונדזער אָנקומען פון בזשעזינקי אײַנגעאָרדנט אַן אָוונטברויט פאַר די אויסלענדישע געסט. זיץ איך איצט און וויל זיך דערמאָנען, וואָס עס איז מיט אַ האַלבער שאָ צוריק פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל אפֿן ערשטן שטאָק. אָך, יאָ, דער פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט איז צוגעגאַנגען צו דער סאָוועטישער אויסשפּירערן „נאַטאַשע" און געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטים: „פרויען און מאַנצבלען, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם לאַגער, לאָמיר אופשטיין און אויסטרינקען ביזן דעק פאַרן אָנדענק

פון די צוויי סאָוועטישע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען דעם זיבן־און־צוואַנ־ציקסטן יאַנוואַר טויזנט נײַן הונדערט פינף־און־פערציקסטן יאָר דערהאַר־געט געוואָרן באַם עפענען די טויערן פון אָשווענטשים"... ציראַנקעוויטש האָט אָנגעזאָגן נאָכאַמאָל: „לאָמיר זיך ניט אָפּשטעלן און אופהייבן א טאָסט פארן געזונט פון אונדזער אָשווענטשימער נאַטאַשע"...

איך וויל זיך דערמאָנען עפּעס נאָך. עפשער א וואָרט עמעצנס באַם עסן, עפשער כאָטש וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דער זאַל, נאָר איך האָב איצט א געפיל, פּונקט ווי דער זיקאָרן וואָלט זיך איבערגעריסן אין בזשעזינקי.

איך וויל זיך דערמאָנען, צי בין איך ווען־עס־איז אין מײַן לעבן געווען אַזוי מיד, ווי איצט.

יאָ, איך בין מיד. נאָר איך וועל זיך ניט צושפּאָרן. אפן טישל לעבן מײַן עלנבויגן ליגט א הײַנטיקע צײַטונג, און ארײַנקוקנדיק אין איר מיט א ווינקל פונעם אויג, כאַזער איך איבער פאַר זיך א שורע אף דער ערשטער זײַט: „אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד לעבן איצט בא פערציק טויזנט גיט באַשטראָפטע מילכאָמע־פארברעכער"...

פלוצעם דערטראָגט זיך פון הינטערן פענצטער א דינע זילבערנע מע־לאָדיע, וועלכע עס שפּילט אויס אפן קאַטעדראַל־טורעם פון דער שטאָט א מעטאַלענער האַרניסט. אין סאַמע מיטן רײַסט זיך די מעלאָדיע איבער. עפּעס האָט געטראָפן מיטן האַרניסט! דאָס קומט פאַר אַזוי אומגעריכט, אז עס הייבט אַזש אָן צו קלעמען באַם הארצן. איך טו א קוק אפן זייגער: האַלבע נאַכט. ערגעץ האָב איך געלייענט וועגן דער טראַגעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ יעדע נאַכט אין אָט דער שאָ אין קראָקע אפן קאַטעדראַל־טורעם, נאָר עס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען אַזויפיל יאָרן, זינט איך האָב עס געלייענט...

ווען איך באַשליס אָנקלינגען צום פאַן קוניצקי און אים פרעגן וועגן דער איבערגעריסענער מעלאָדיע, דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר און עס קומט ארײַן אפאַנאַסי דמיטרי־עוויטש גאַנטשאַראָוו.

— איך האָב טאַקע פארשטאַנען, אז איר שלאָפט ניט... נו, זאָג איך אײַך, איז עס א טרומייטערל! איר האָט געהערט?..

ער זעצט זיך צו אפן דיוואַן:

— די לעגענדע דערציילט, אז בייס א באַלאַגערונג פון דער שטאָט האָט דעם סוינעס א פײַל געטראָפן אין האַרניסט... ער איז אראָפּגעפאַלן פונעם טורעם... פון דעמלט אָן קלינגט יעדע האַלבנאַכט איבער דער גרויסער דרעמלענדיקער שטאָט די זעלבע מעלאָדיע און רײַסט זיך איבער אף איין און דער זעלבער נאָטע.

גאָנטשאַראָוו גייט צו צום טיש און לייגט ארויף אף אים א שווערע האַנט.

— דאָס איז איין האַרניסט. ער איז געפאַלן אין שלאַכט... ווען אין גאַס טוט א כוליגאַן א קלאַפּ א פרוי אָדער א זאָקן, לויפן זיך צונויף מענטשן און מע פארדרייט אים אף הינטן די הענט... און דאָ האָט מען אין סאַמע מיטן פון דער וועלט פארסאַמט מיט גאַזן, דערשאָסן, פארמוטשעט פיר מיליאָן מענטשן. פיר מיליאָן! פארוואָס איז מען זיך ניט צונויפגעלאָפן?

— אפאנאסי דמיטריִעוויטש, די וועלט־מילכאָמע קעגן פאשיזם באַטײַט, אז מע איז זיך יאָ צונויפגעלאָפן...

— איך וויל דאָ ניט פירן קיין דיפּלאָמאַטישע פּאָלעמיקעס, איך זאָג, ווי א סאָלדאַט: געקומען צוהילף אַף אן עמעס, געקומען פון דער וואָלגע איז דער סאָוועטישער סאָלדאַט... אַף יענער זײַט לאַמאַנש און אריבער דעם אָקעאַן איז דען ניט דערגאַנגען דער ווייגעשריי פון די געטאָס? מע האָט דען ניט געהערט, ווי שוידערלעך עס שורעווען מיליאָנען פיס פון א גאנץ פאָלק אַף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די גריבער? דער פויפּסט, אלע הייליקע פאָטערס האָבן אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער... די מעלוכע־מענער האָבן יאָרנלאַנג פּלאַנירט, וויאַזוי מישט מען זיך אַרײַן מיט וואָס ווייניקער ריזיקע...

דער טעלעפאָן הייבט אָן צו קלינגען מיט באַנאַכטיקן אומרו.

— שלאָפסט אויך ניט? — פרעגט אין טרײַבל נאַטאַשע. — ווו איז סאשע? איך קלינג אים, און ער ענטפערט ניט...

— לעבעדיעוו וועט ניט פארפאלן ווערן. שלאָף, שלאָף, נאַטאַשע.

— גרינג צו זאָגן: שלאָף...

גאָנטשאַראָוו זוכט אין די שאַפקעלעך:

— פאַראַן דאָ עפּעס אויסצוטרינקען?

— ניין.

— עפּשער זאָלן מיר ארויסגיין אין גאַס, זיך אָפּפרישן א ביסל?.. ס'וועט שוין באלד נעמען שאַריִען אַף טאָג...

אין קאָרידאָר, בא לעבעדיעווס טיר, שטעלן מיר זיך אָפּ און קלאַפּן אָן. איין מאָל, א צווייט מאָל, שטאַרקער און שטאַרקער. קיינער ענטפערט ניט.

ווען מיר גייען ארויס אין גאַס, דערזעען מיר לעבעדיעוון אַפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר. די הענט פאַרוקט טיף אין די קעשענעס פונעם מאַנטל, דער קאָלנער אופגעשטעלט, זעט ער אויס, ווי א מענטש, וואָס גייט צופוס אַהיים אין א שלעכטן וועטער.

— אהא, — שרײַט ער צו אונדז פונדערווײַטן, — עס שלאָפט זיך ניט? עך, וואַיאַקעס... בעסער וואָלט איר א קוק געטאָן, וואָס עס טוט דאָרט נאַטאַשע. איר האָט שוין, ווײַזט אויס, פארגעסן, אז הײַנט האָט זי דורכגעמאכט א רײַזע צוריק קיין בירקענאַו?

צען אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די סעסיע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אָשווענטשימער קאָמיטעט. גאָנטשאַראָוו און איך זײַנען בײַגעווען אלס געסט בלויז אַף דער ערשטער זיצונג. איצט פאָרן מיר צוזאַמען מיטן פאַן קוניצקי אַף א טאָג קיין זאַקאָפּאַנע, צו די קאַרפּאַטן.

ארום אונדז, אין די דערווײַל נאָך נידעריקע קאַרפּאַטן־בערג און אַף די ברייטע פעלדער, האָט זיך צעשפּילט און צעלויכטן א פאַרשפּעטיקטער, א זאַפטיק־איבערגעזעטיקטער פרילינג. פאַר די אויגן שווינדלען פריילעכע דערפער. איין דאָרף פאַר דעם צווייטן שפּרייט אויס אזעלכע טעפּיכער פון גראָז און פון קוויטן, אז דאָס אויג ווערט פאַרבלענדט,

קוקנדיק אַף זיי. העכער אין די בערג זעען זיך נאָך פּאסן שנייי, אָבער אויך דאָרט שפּריצט פון אַלע זײַטן מיט זון, און פון זיי טאקע, פון די הויכע ערטער, קײַקלען זיך אראָפּ מיט א גאָרגל־געָרויש בלינדע ערדענע ריטשקעלעך, וואָס קריכן מאמעש די פעלדער אין די ביינער אַרײַן און שאנעווען ניט באזונדערס די טאָלן: ווארפן זיך ארוף אַף זייערע עטוואָס אײַנגעבויגענע באוואקסענע פּלייצעס און טוען מײַסים מיט די קוסטעס, מיט די ליים־גריבער.

בא א וועלדל קריכן מיר ארויס פון דער מאשין, עס זאָלן אָפּגיין א ביסל די גלידער. אפאנאסי דמיטריִעוויטש ווערט מיטאמאָל יאָמטעוודיק אופגעלויכטן, זײַנע אויגן שמייכלען זיך איבער מיט דער וועלט. „זעט, ווי דאָס לעבן באנײַט זיך, זעט!" — באווײַזט ער אַף אַן אומגעוואלגער־טער ליפּע, וואָס דאָך איז זי נאָך ניט ארויסגעריסן פון דער ערד. די אלטע ליפּע וועט זיך שוין מער ניט אופהייבן, נאָר פונקט דאָרט, ווו זי איז אײַנגעבראָכן, אין סאמע ריס, האָט זיך באוויזן א נײַע שפּראָצונג, וועלכע האָט שוין איבערגענומען בא דער מאמען די וואָרצלען.

באטאָג פאָרן מיר דורך פּאָראָנינאָ, דאָס גאליציאַנישע דאָרף, ווו עס האָט א צײַט געלעבט און געארבעט לענין. מיר גייען אַרײַן אין צווייִשטאָ־קיקן הויז, ווו לענין און זײַנע כאוויירים פלעגן זיך טרעפן. אין איינעם פון די צימערן אפן ערשטן שטאָק — א טיש פאר א מענטשן צען און בא די זײַטן נאָך צוויי קליינע טישלעך. עס ווארפן זיך אין די אויגן די לײַנענע טישטעכער און דער גרויסער הענג־לאָמפּ מיטן ארויסגעדרייטן האלב פארקוילטן קנויט. סײַ דאָ, סײַ אפן אייבערשטן שטאָק זײַנען די דילן געמאכט פון געהובלעוועטע ברעטער, די ווענט, וואָס טיילן אָפּ איין צימער פונעם צווייטן, זײַנען צונויפגעלייגט פון ברייטע, אָפּגעטעסעטע פון ביידע זײַטן, יאָדלע־שטאמען. אין הויף ריזלט פריילעך א ריטשקע, איבער וועלכער עס איז אריבערגעוואָרפן א הילצערן בריקל. אַלץ איז דאָ פּאָשעט, ראַיעל. דאָס, וואָס געהערט צו דער נאטור, האָבן די מענטשן ניט צוגעפּוצט, און איינצײַטיק היטן זיי עס זאָרגזאם אָפּ. זי ליגט, די נאטור, אינמיטן דאָרף, ווי א הויפן צײַטיק־אויסגעלושטשעטע קערנער אַף דער זיכערער דלאָניע פון א פּויער. און דאָס, וואָס דער פּויער האָט געשאפן פאר זײַן לעבן — די הײַזער און די שטאלן, די קלייט און דער קלוב, — אַלץ איז אזוי פעסט צוגעשפּארט צו דער נאטור און פארקנאָטן אַף איר „ראָשטשינע", אז מע קאָן זאָגן אויך פארקערט: דאָס דאָרף פּאָראָנינאָ איז א טייל פון די קארפּאטן באם סאמע אָנהייב זייערן, און דאָס, וואָס די בערג זײַנען אַף אָט דעם אָרט ניט קיין הויכע, איז בלויז דערפאר, ווײַל זיי טראָגן אַף זיך דאָס דאָרף פּאָראָנינאָ און היטן זיך עס אופצוהייבן צו הויך, קעדיי ניט צו צעשיטן עס...

זאקאָפּאנע ליגט אין די טאטרען, וועלכע הייבן זיך אָן אין פּוילן און ווערן ברייט און הויך אין טשעכאָסלאָוואקיע. דאָס איז א פריילעך און געמיטלעך שטעטל. ס'איז איצט ניט דער „סעזאָן", אָבער אומעטום, ווו מיר האָבן דאָ באוויזן צו זײַן, האָט מען געקוקט אַף אונדז ווי אַף טוריסטן, און דאָס האָט געלינדערט די אָנגעשטרענגטקײַט פון די לעצטע פּאָר טעג.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין זאקאָפּאנע, און איצט פאָרן מיר שוין

צוריק קיין ווארשע — דורך קאַטאָוויץ, טשענסטאָכאָוו, טאָמאַשאָוו־מאַזאָ־וועצקי.

אָקאָרשט זײַנען מיר נאָך געווען דאָרט, אין דעם מילדן באַרג־ייִשעוו, נאָר מיר ריידן שוין וועגן אים ווי וועגן א דערמאָנונג.

מיר שטעלן אוף אין זיקאָרן דעם וועג צו דער באַרג־אָזערע „מאָרסקע אָקאָ״. אין די טאָלן ליגט נאָך דער שניי, ווי בא אונדז היינטער מאָסקווע אין סאמע ברען פון ווינטער. אף די שיפּוּים פון די בערג פאָרן ארום אף שניי־שיך פרילינגדיק אָנגעטאָנענע יונגעלײַט. און דאָ, לעם די גרויסע הורבעס, שלאָגט זיך דורך א וועג, ברויזט און רוישט, קאַשערט די שטיינער אפן דנאָ פונעם טאָל און האלט אין איין באַשפּריצן דעם דער־בײַיקן וואלד — א וואסערפאל. מע רופט אים מיטן נאָמען פון אדאם מיצקעוויטש, וואָס האָט געהאט, דוכט זיך, א ניט ווייניקער שטורמישן כאראקטער, איידער ער.

אינמיטנדערינען גייען אריבער דעם וועג מיט א באַלעבאַטיש אײַנגע־האַלטענעם טראָט עטלעכע הירשן — ווײַזט אויס, זיי קומען פון דער דערבײַיקער וואלד־ווירטשאפט, — און פאר מיר, דעם געוועזענעם יעגער אין דער טײַגע, וועלכער איז צוגעווינט צו דער שרעקעוודיקייט פון אָט דעם באַלעכײַ, זעט עס אויס, ווי זאקאָפּאַנע וואָלט אונדז פארווײַלט.

בא דער סאמע אָזערע, ארײַנגעשטעקט די טעלעוויזיע־אנטענע אין אשיק־גרויען (שוין פארנאכטיקן) הימל, שטייט א געראם הילצערן הויז, א מין קאַפע־קלוב, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער אָזערע: „דאָס יאם־אויג״ („מאָרסקע אָקאָ״). בא צוויי לאנגע, אויסגעשקראבעטע מיט א מעסער ביז ווײַסקײַט, טישן זיצן ייִנגלעך און מיידלעך און שפּילן אין בלאָנדזש, אין קאָרטן, אין שאָך. אלע טרינקען ביר פון מאסיווע קוואָרטן. מע רעדט ניט צווישן זיך — די פּאָר ווערטער, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער שפּיל, זאָגט מען ארויס שטיל און געמאָסטן, מע קאָן מיינען, אז עס זיצן דאָ פרעמדע צווישן זיך מענטשן, נאָר פרעגט בא דער פארוואלטערן פונעם זאל, בא דער אלטער גוטמוטיקער פאני סטעפא, וועט זי אײַך דערציילן, אז, לויט דער היימישער סטאטיסטיק, גייט פונדאנען יעדע וואָך אוועק א פּאָרל אײַנקויפן קדושן־פינגערלעך.

ווען מיר זײַנען ארײַנגעקומען אין זאל, האָט די פארוואלטערן אונדז געוואָרנט, אז אויב מיר, גאָנטשאראָוו און איך, וועלן זיך אוועקזעצן טרינ־קען ביר אָפּגעזונדערט פון אלעמען, וועלן מיר „קיינמאָל ניט כאסענע האָבן״. מיר האָבן גלײַך געכאפּט די פאני סטעפא באם וואָרט, און זי האָט געמוזט זיך צוזעצן צו אונדזער טיש איינינעם מיט איר באַהעלפערן, דער שטיפערקע באַסיע, וואָס אין א פּאָר רעגעס ארום האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז פאני סטעפאס טאָכטער. מע האָט אפילע ארײַנגעכאפּט א פּאר־טיע בלאָנדזש, און ס׳איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס די מײַסע וואָלט זיך געענדיקט, ווען ניט דער שטענדיק וואכזאמער פאן קוניצקי, וואָס האָט אפן סאמע עלעגאנטן אופן געלאָזט צו וויסן, אז ער דערווידערט ניט, מע זאָל אופשטיין און גיין...

ווײַטער דערמאָנען מיר זיך מיט אלע איינצלהײַטן, ווי׳אזוי אין זאקאָ־פּאַנע האָבן מיר מיטן פוניקוליאָר זיך אופגעהויבן צום שפּיץ באַרג און

מיטאמאָל דערהערט: א צענדליק מענטשן ריידן אף רוסיש! דאָס איז געווען א גרופּע סטודענטן פון נאָוואָסיבירסק. זיי האָבן לעבן זאקאָפּאנע פלאנירט אריבערגיין די גרענעץ מיט טשעכאָסלאָוואקיע, קעדיי פאָרזעצן זייער טוריס־טישן מארשרוט.

דער וועג קיין ווארשע פירט אונדז אינגיכן ארוף אף אן אָפן פלאכ־לאנד.

אין קאטאָוויצע עסן מיר אָפּ מיטיק און פאָרן אף צאָפן, צו דער הויפּט־שטאָט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

ווען נאָך טשענסטאָכאָוו גייט די מאשין ארוף אף א בריקל איבערן טײַך ווארטא, הייבט אָן פּאן קוניצקי זינגען דעם פּוילישן מעלוכע־הימן: „פּזשעיעדזעם ווײסלע, פּזשעיעדזעם ווארטע, — בענדזעמי פּאָליאקאמי...״ (ווען מיר וועלן אריבערפאָרן די ווײַסל, ווען מיר וועלן אריבערפאָרן די ווארטא, דעמלט וועלן מיר זײַן פּאָליאקן).

— זביגניעוו קאזימיראָוויטש, האָט אף מיר ראכמאָנעס, — בעט זיך באם פּאן קוניצקי גאָנטשאראָוו, — אויב איר וועט זינגען דעם הימן, וועל איך זיך מוזן אין דער מאשין אופשטעלן...

זביגניעוו קאזימיראָוויטש רײַסט איבער דאָס זינגען און זאָגט פּײַער־לעך:

— כאָוועך גענעראל, אין אָט דער מינוט פאָרן מיר דורך די ווארטא און מע קאָן אונדז שוין רעכענען פאר האלבע פּאָליאקן. לאָמיר דערצײַען ביז ווארשע, ביז דער ווײַסל, און דאן זײַנען מיר פּאָליאקן אף אלע הונדערט פּראָצענט...

איך דערוויס זיך באם פּאן קוניצקי, אז די ערשטע האָבן אָט די ווערטער פונעם הימן געזונגען דעם גענעראל דאָמבראָווסקיס סאָלדאטן, וועלכע זײַנען געקומען פון איטאליע צו באפרײַען די פּוילישע ערד.

אזוי פאָרן מיר פון טײַך צו טײַך ביז אין דער שפּעטער נאכט ארײַן. „הונדערטפּראָצענטיקע פּאָליאקן״ ווערן מיר בא דער שײַן פון גרויסע עלעקטרישע לאמטערנס אף דער בריק איבער דער ווײַסל.

אינדערפרי דערציילט מיר לעבעדיעוו וועגן דער סעסיע פונעם צווישנ־פעלקערלעכן אָשווענטשים־קאָמיטעט. דאָרט איז געווען א טשיקאווער וויקועך ארום דעם יידישן בלאָק אף דער טעריטאָריע פונעם געוועזענעם טויט־לאגער. ווען עס איז געגאנגען א רייד וועגן דעם געלט, וואָס די נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס טראָגן ארײַן אף אופצובויען דעם אָשווענטשי־מער דענקמאָל, האָט דער פאָרזיצער פונעם פארבאנד פון די געטאָ־קעמפער אין יִיסראָעל גראיעק („סטעפאן״) געמאָלדן, אז דער דאָזיקער פארבאנד וועט זיך באשטײַערן, אויב דער יִידישער בלאָק אין אָשווענ־טשים וועט הייסן ניט יִידישער, נאָר יִיסראָעל־בלאָק.

דאָס האָט ארויסגערופן מאמעש א שטוינונג בא די דעלעגאטן. ערשטנס, צי איז עס דער פּאסיקער פאל אף צו דינגען זיך? צווייטנס, אין די יאָרן פון דער אָשווענטשימער טראגעדיע איז יִיסראָעל נאָך אפילע אף דער

וועלט ניט געווען און די דרײַ מיליאָן ייִדן זײַנען אין אָשווענטשים אומגעקומען ניט אלס ייִסראָעל־בירגער, נאָר אלס ייִדן. די פּרעטענזיעס צו רעפּרעזענטירן דאָס גאנצע ייִדישע פאָלק האָבן אזוי ווײַט פאַרפירט אייניקע פּאָליטיקער פון ייִסראָעל, אז זיי האָבן אפילע דעם אָנדענק פון די קדושים א וואָרף געטאָן אף זייערע קאָניונקטור־קאַרטן.

שוין אף דער ערשטער זיצונג פון דער סעסיע איז קלאָר געוואָרן, אז קיינער פון די דעלעגאטן וועט ניט אונטערהאלטן אזעלכע פּרעטענזיעס, און גראַיעק איז געווען געצוווּנגען צו מעלדן, אז ייִסראָעל וועט זיך באשטײַערן פארן דענקמאָל און אויך צושיקן עקספּאָנאטן פאר דעם ייִדישן מוזיי־בלאָק...

די סאָוועטישע דעלעגאַציע פליט ארויס קיין מאָסקווע. איך בלײַב נאָך איבער אין פּוילן. באם געזעגענען זיך פרעגן מיר איינער דעם אנדערן, צי ס׳איז טאקע אן עמעס, אז מיר האָבן זיך באגעגנט צום ערשטן מאָל אין דעם טאָג פון אונדזער אָפּפאָרן קיין ווארשע, דאָס הייסט, אז באקאנט זײַנען מיר צווישן זיך ווייניקער פון א וואָך...

וועגן די עטלעכע טעג, וואָס איך בין נאָך געווען אין פּוילן — וועגן דער רײַזע קיין ווראָצלאוו און וואלבזשיך, וועגן טרעבלינקע, — וועל איך איצט ניט שרײַבן קיין נאָכאנאנדיקן רעפּאָרטאזש. איך טראכט, אז בעסער וועט זײַן פארענדיקן די פּוילישע רײַזע־פארצייכענונגען מיט דרײַ פארבליבענע פון יענע טעג פארנאָטירונגען.

די ערשטע פארנאָטירונג. טרעבלינקע. 17 אפּרעל 1965.

אף אַט דער קליינער באַן־סטאַנציע אין דער פּוילישער מאזאָוויע בין איך אָנגעקומען אין אן עסעריק־קאַלטן טאָג. ס׳האָט זיך געדוכט, אז דער פרילינג, וואָס האָט ערשט נעכטן אזוי שפּרודלדיק געשפּילט, איז געווען ניט מער ווי אן אויסדאכטעניש.

איך בין דורכגעגאנגען דעם וועג פון דער באַן־ליניע און ביז דעם אָרט, ווו דער אייבערשטער שיכט ערד איז אראָפּגענומען, און יעדער איינער, וואָס קוקט אהין אראָפּ, בריט זיך אָפּ אין די פארשטיינערטע קוילן פון דער קרעמאַטאָרי. אין דעם טרעבלינקע־דענקמאָל בין איך ארײַן ווי אין א וואלד. איך האָב קיין טאָעס ניט: „כ׳בין ארײַן אין דענקמאָל, דער דענקמאָל איז א וואלד, א וואלד פון שטיינער. די לעבעדיקע האָבן זיי געבראכט אהער און אוועקגעשטעלט אלס א זייכער פון די דערמאָרדעטע. וויפל שטיינער שטייען דאָ — הונדערטער, טויזנטער? איך ווייס ניט. דאָס גאנצע טרעבלינקער פעלד, ווו עס איז געווען דער טויט־לאַגער, איז פארפּולט מיט גרויע שטיינער. קליינע און גרויסע. שפּיציקע און פארקײַ־לעכיקטע. שטיינער — זיידעס מיט אײַנגעבויגענע פּלייצעס. שטיינער — טאַלייסים, שטיינער — פויסטן, שטיינדעלעך — מיידעלעך מיט אויסגע־

וואַשענע צעפּעלעך. אָט איז אַ מאַמע מיט אַ צעלאָזט שאַלכל, זי לויפט, דוכט זיך, צו פאַרדעקן איר קינד. אָט איז אַ שטיין ווי אַ שטיינהעקער: געזונט און ברייט אין די אַקסלען, נאָר די הענט געבונדן. לעבן אים שטייט טאַקע זי, זײַן באַשערטע. עס טיילט זיי אָפּ ניט מער ווי דאָס שטיינערנע שווײַגן. שטיינער מיט אָפּגעהאַקטע צווײַגן און מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ. מאַמעס מיט פאַרבראָכענע הענט. אַ יונג, וואָס הייבט אויף אַ שטיין. שטיי־נער — געהאַנגענע, שטיינער — אויסגעגאַנגענע פון הונגער. שטיינער, וואָס אַנטלויפן, און שטיינער, פאַרוווּנדעטע אין שלאַכט...

ניט געסטײַעט האָבן קיין שטיינער פאַר אַלע אַכט הונדערט טויזנט מענטשן — קאָרבאָנעס. האָט מען אויף יעדן שטיין אויסגעהאַקט דעם נאָמען פון אַ שטעטל.

דאָס איז דער טרעבלינקער דענקמאָל: אַ געדיכטער שטיינערנער וואַלד.

איך בין אַרומגעגאַנגען אין אָט דעם וואַלד און ניט געוועזן בעקויעך ניט פרעגן עפּעס, ניט זאָגן עפּעס. די ליפּן האָבן געשעפּטשעט — ס'איז געוואָרן אַ ליד. טאַקע דאָ, צווישן די שטיינער, האָב איך זי פאַרשריבן:

וואַלד... וואַלד... וואַלד...
גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!

אַ וואַלד פון שטיינער אויף מענטשנס ביינער.
אַ וואַלד אָן סאָסנעס,
אַ וואַלד אָן טאַנען.
אַ וואַלד פון כײַקעס,
אַ וואַלד פון כאַנעס.
אַ וואַלד אָן מאָכן
און אָן קוקאַווקעס,
אַ וואַלד פון פייגעס,
אַ וואַלד פון כאַוועס.
ניטאָ קיין פייגל,
ניטאָ קיין צוויטשערס —
אַ וואַלד פון כאַימס,
אַ וואַלד פון איטשעס.
ניטאָ קיין קראָנען,
קיין אַלטע דאָרנס,
אַ וואַלד פון יוינעס,
אַ וואַלד פון זאָרעכס.
אַ וואַלד אָן גראָז,
אַפילו אָן סאָוועס.
אונטער די שטיינער
ליגן שפּינאָזעס.
אַ שטיין —
איינשטיין,
פון זײַן מאַרך און געביין,

א שטײן פון זײַן כײן,
פון זײַנע צײן,
פון זײַן גײן, פון זײַן שטײן,
פון זײַן יאָ, פון זײַן נײן —
א שטײן!

שטײנער, שטײנער,
וואָס טוט איר מיט זיך פארדעקן?
א שטײן — א שטעטל?

א שטײן — א שטעטל!
לוקאָוו און זשארנאָוו —
שטײן... שטײן...
ווערזשבניק און סארנאָוו —
שטײן...
עפּשער געבליבן פּינטשאָוו? נײן...
עפּשער — א סימען פון ראדזין? נײן...
פּולאוו — פארשטײנט,
ראדאָם — פארשטײנט,
לוקאָוו — פארשטײנט,
יודנרײן!
געבליבן בלויז שטארצן
ניסראָפּים־קוימענדלעך.
ניטאָ, ניטאָ שוין
די מוישעלעך, שלוימעלעך.
און דאָ, אין דעם וואלד,
די שטײנער, פארוויינט,
שטײען געבויגן אף מענטשנס געבײן.

וואלד, וואלד, וואלד...
גוואלד, גוואלד, גוואלד!

א וואלד שטײט פארגליווערט אף מענטשנס
בײנער.

די שטײנער
אין הימל ווארפן שטײנער!

די צווייטע פארנאַטירונג. 19 אפּרעל 1965

געטאָ... מע איז שוין צוגעווינט צום וואָרט „געטאָ". עס דוכט זיך, אז צומאָל פארגעסט מען אפילע, וואָס געטאָ איז אזוינס. מע דערלויבט זיך צו זאָגן: „צוריק אין געטאָ"...

יידן, די שטענדיק עקספּאנסיווע יידן, האָבן די ערשטע „פארכאַפּט"

פאַר זיך דאָס וואָרט געטאָ, כאָטש עס זײַנען דאָך געווען אויך אינדזאַנער אין די רעזערוואַציעס, די נעגער־„שטאָט” האַרלעם אין אַ באַרעמהאַרציקן לאַנד. ייִדן, קאָן מען מיינען, האָבן מיט זייער אייגענעם ווילן אַליין זיך פאַרשפּאַרט אין די געטאָס...

ייִדישע געטאָס ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען „בלויז”, אַזוי צו זאָגן, אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קאָרדאָן, אַ מיטל צו האַלטן די ייִדן אין אַ זײַט פונעם לעבן. די ייִדישע געטאָס בײַם דער נאַציִמעהומע — דאָס איז דער פּלאַץ לעבן שעכטהויז און דאָס שעכטהויז אַליין.

איך טראַכט וועגן ייִדישע געטאָס, שטייענדיק באַם וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל אין אַ טריבן אינדערפרי, אין צוויי און צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דעם, ווי די ייִדישע געטאָ איז געוואָרן אַ שלאַכטפעלד, אַ טעריטאָריע פון אייביקן רום פאַר די פאַרשפּאַרטע און פאַרורטיילטע, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט זייערע אויסגעשעפּטע קויכעס קעגן דעם קויעך פון די קוילערס.

נאָך דער וואַרשעווער געטאָ טאָרן דאָך שוין אוודע ניט זײַן קיין געטאָס אָף דער וועלט. ווען די וואַרשעווער געטאָ איז דערשטיקט געוואָרן, זײַנען די לעצטע מוירדים אירע דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אַרויס פון געטאָ אין וואַלד אַרײַן. ניט — אַרײַן אין געטאָ. אַרויס פון געטאָ!

איך שטיי באַם וואַרשעווער דענקמאָל און טראַכט: ס'איז דאָך ניט קיין דענקמאָל, אַ שטיק וואַנט איז עס אין מוראַנאָוו. עס שטעלט זיך מיר פאָר: די פאַשיסטישע היישעריקן קריכן ווידער צו דער געטאָ. די לעבעדיקע קעמפער האָבן זיך אָוועקגעשטעלט צו באַגעגענען זיי מיט פײַער. אָט שטייען די מוירדים צוגעדריקט צו דער וואַנט אין סאַמע בּרען פון שלאַכט; אַ שרעקלאָזער יונג מיט אַן איבערגעבונדענעם קאָפּ — די גראַנאַטע גרייט אין דער האַנט. לעבן אים, פוןביידע זײַטן, זײַנע שלאַכטכאַווירים, אינגאַנצן יונגע. אַ באַיאָרטער מענטש הייבט זיך אוף, שוין אַ פאַרווונדעטער, איבער דעם קערפּער פון אַ געפאַלענעם. הינטער זיי אַלעמען און עטוואָס העכער פון זיי — אַ פרוי אין אַ צעפליקטן קלייד, די האָר צעלאָזט איבער די אַקסלען. זי איז שווער פאַרווונדעט. מיט די לעצטע קויכעס דריקט זי צו צו דער ברוסט אַ קינד...

און עס ווילט זיך אויסשרײַען צו די, וואָס לאָזן זיך ווילגיין אָפּן כעזשבן פון נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פונעם ייִדישן פאָלק: קומט צו גיין צו אָט דער וואַנט און טראַכט זיך אַרײַן אין דעם, וואָס לעבן איר איז זיך פאַרלאָפן אין יענע טעג. הערט זיך אײַן אין דער שרויט־פײַקלערײַ פון די מיליטערישע פויקן בײַס דער איצטיקער אָנדענק־צערעמאָניע און אין די ווערטער, וואָס דער ערן־באַטאַליאָן פוילישע סאָלדאַטן זאָגט הויך און פײַערלעך, ווען עס ווערן דערמאָנט די געטאָ־קעמפער. הערט, הערט: „געפאַלן אָפּן פעלד פון רום!..”

איר, וואָס איר וואַרפט הײַנט שטיינער אין די שלאַכט־כאַווירים פון די געטאָ־העלדן און, אויסרעכענענדיק, אַז פון אַ העכער אָרט וועט גרינגער זײַן צו טרעפן, באַמיט איר זיך אַפילע אַרופצוקריכן אָף די טרעפּ

פונעם וואַשינגטאָנער ווײַסן הויז, — פאַרוואָס זײַט איר אין דער ביטערער שאָ פון דער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק ניט געקראָכן אַף די וואַשינגטאָנער טרעפּ צו פאָדערן הילף פאַר די געטאָ־מאַרטירער?

אזוי שטיי איך בא דער וואַרשעווער דענקמאָל־וואַנט און טראַכט וועגן ייִדישע געטאָס און וועגן די, וועלכע רופן אונדז צוריק אַהין: פאַר די אויגן שווימט אַ טײַך פון מענטשן, אַ טײַך פון בלומען־קרענץ. הײַנט איז דער פלאַץ פון די געטאָ־העלדן דער צענטראַלער אין וואַרשע. ניין, ניט נאָר ייִדן — די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט שטראָמט הײַנט צו אָט דעם פלאַץ.

נײַע הויכע הײַזער שטייען אַפן אָרט פון די געטאָ־כורוועס. אַ זיכערע רויִקײַט, כאָטש זי איז דורכגעזיפּט דורך דער שרויט־פּײַקלערײַ פון סאָלדאַטישע פּויקן, שפּרייט זיך אויס איבער דער געוועזענער געטאָ. און ניט געקוקט דערויף, וואָס דער מילכאָמע־אומרו איז אַזוי ווײַט פון אָט דער רויִקײַט, איז מיר דאָך ניט שווער זיך אומצוקערן מיט די געדאַנקען צו דער פּאַנאָראַמע פונעם אופשטאַנד אין געטאָ.

פאַרנאַכט, אין פאַרטונקלטן זאַל פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, אַף דער פײַערלעכער אָנדענק־פאַרזאַמלונג, וועל איך זאָגן אַזוי:

— די ייִדישע געטאָ פון וואַרשע! מע קאָן זי פאַרגלײַכן צו אַ ברענענדיקן טאַנק, דערצו נאָך אָן אַרומגערינגלטן פון די סאָנים, צו אַ ברענענדיקן טאַנק, וועמעס שלאַכט־עקיפּאַזש האָט געשאָסן ביז דער לעצטער מינוט. דער מעטאַל פונעם טאַנק איז שוין צעשמאָלצן, די טאַנקיסטן זײַנען שוין פאַרקוילט, אָבער אַרום דעם טאַנק איז אַזוי גרויס די צאָל פונעם סוינעס פּעגירים, אַז דאָס דערלויבט די לעבן־געבליבענע אופצוהייבן איבער די קעפּ פון די דאַנקבאַרע דוירעס דעם טאַנק, ווי אַן אייביקן דענקמאָל...

דריטע פאַרנאָטירונג

בעשאַס איך גיי אַרום איבער די קולטור־אַנשטאַלטן פון וואַרשע — דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „פאָלקס־שטימע”, דעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער און דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, — פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, אַז אינעם דימיען וואָלט עפּשער קעדײַ געווען אַזוי־אָ מיטן שפּאַן אויסצומעסטן דעם מעהאַלעך צווישן נאָוואָגרודסקע, 5, און דעם אָרט, וווּ ס'איז פאַרן קריג געווען טלאָמאַצקע, 13.

גרויס איז דער מעהאַלעך צווישן אָט די צוויי צײַט־אָפּשניטן. זײַענדיק איצט דאָ, טראַכט איך, אַז ווען ס'וואָלט געשען אַזאַ נעס און איך וואָלט, לעמאָשל, שוין דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, געוווּסט דאָס, וואָס איך ווייס איצט, און געהאַט אַן ארײַנפּאַר־שײַן קיין פּוילן, וואָלט איך, קאָן זײַן, אַרומגעגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, ווו ייִדישע שרײַבער פון פּוילן האָבן דאַן געוווינט, און צוזאַמען מיט יעדן איינעם פון זיי געפּרוווט אַרײַנדרינגען אין דעם, וואָס עס וועט זײַן שפּעטער.

איך וואָלט געקומען אין וואַרשע צו מוישע בראָדערזאָנען און עפֿראַיִם

קאגאנאָווסקין, וועלכע מיר האָבן נאָכן נײַן־און־דרײַסיקסטן שוין געהאַלטן פאַר אונדזעריקע, סאָוועטישע. שיין און שווער איז געווען זייער וועג. ריין און מוטיק — זייער געמיט. אויך דער אומרו זייערער און דער ווייטעק און אַלץ, וואָס שפּעטער איז זיי אויסגעקומען איבערלעבן, — אַלץ איז געווען באַהויכט מיט דער גרויזאַמער צײַט. טראַכטנדיק וועגן זיי און וועגן די בעסטע, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זיי געשאַפן די דעמלטיקע ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן, פאַרשטיי איך, פאַרוואָס מאָרדכע געבירטיג, דער וואַרשעווער פֿאָלקס־זינגער, האָט מיט זײַן דערשיטערנדיקער ליד „עס ברענט" אַרויסגעשריגן נאָך פאַרן קריג דעם פאָרגעפיל פונעם שפּע־טערדיקן געטאָ־שוידער. איך וואָלט צווישן יענע, וועלכע האָבן אין דער טלאָמאַצקע־דרײַצן־וואַרשע געשאַפן ליטעראַטור פון פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, געזען אויך אַלטער קאַציזנען, און נאָכאַמאָל וואָלט איך היינט איבער־געלייענט, לעמאָשל, זײַן דראַמע „דעם ייִדנס אָפּמאַך" און דערזען אין איר די שילדערונג פון דער היטלער־מאַגייפע דורכן טיפּאַזש פון דער ווײַטער שפּאַנישער אינקוויזיציע. פונדאַנען זעט שוין מײַן אויג די ווערק פון די שעפער פון דער געהייליקטער געטאָ־ליטעראַטור.

איך וואָלט אַרײַנגעקומען אין די אָקופּאַציע־יאָרן, אין רינגעלבלומס אונטערערדישן אַרכיוו און אויסגעשריגן, ניט היטנדיק זיך פאַר פּאָליצײַען און עסעס־לײַט: „יאָ, זיי זײַנען דערגאַנגען, די קסאָווים אײַערע!".

זײַענדיק מיט די ייִדישע שרײַבער אין וואַרשעווער געטאָ, וואָלט איך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די פאַרלוסטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עס וואָלט מיר ווײ געטאָן דאָס, וואָס עס זײַנען צוזאַמען מיט די קעמפער פאַרשניטן געוואָרן די געטאָ־לידער פון ייִסראָעל שטערן, די פּאָעמע „ייִזקער" פון ייִצכאָק קאַצענעלסאָנען, יעהוישוע פערלעס געטאָ־ראָמאַן. איך וואָלט צווישן אַנדערס געזאָגט די שרײַבער־קדושים, אַז ייִצכאָק קאַצענעלסאָנס וועג צוריק פון דער העברעיִשער ליטעראַטור צו דער ייִדיש־„זשאַרגאָנישער" איז פאַרשטענדלעך און קלאָר: אויפן מוראַנאָווער שלאַכטפעלד האָט דאָס פאָלק גערעדט פּראָסט ייִדיש. איך וואָלט זיי אויך געזאָגט, אַז יעהוישוע פערלע האָט מיט זײַן כראָניק „כורבן־וואַרשע" גע־בראַכט נאָך איין באַווײַז, אַז אפילו אין דער צײַט, ווען דער כאַלעף ליגט אויפן האַלדז, איז די ליטעראַטור דאָך אַ שפּיגל פון דעם לעבן.

פון וואַרשע וואָלט איך אַוועק איבער די שטעט פונעם דעמלטיקן פּוילן. געווען אַ גאַליציאַנער גרופּע ייִדישע שרײַבער. יאַנקעוו שודריך און מוישע שימל זײַנען אומגעקומען מיט אַ שוידער־טויט. ווען, לאָמיר זאָגן, איך טרעף נאָך שודריכן באַם לעבן, וואָלט איך מיט אים איבײנעם זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט אין לוואָוו, נאָך דער באַפרײַונג, באַגעגנט זײַן ערשטן סאָוועטישן פרילינג און, ווענדנדיק זיך צו אים, האָט ער געשריבן:

איך עפן די פענצטער — קום, גאַסט מײַנער ליבער,
און רו זיך אַ ביסעלע אָפּ פון די וועגן.
און שפּעטער וועסט גיין אין שכײנישע שטיבער,
אָף אַלטע באַקאַנטע און נאָענטע זיך פרעגן.

מיר האָבן דיר אַלע אַזױפֿיל צו זאָגן!
דו קאָנסט דאָך אונדז, ברודער, מיסטאָמע, ניט פֿאַרגעסן,
אױ, שװער איז די בענקשאַפֿט געװען אונדז צו טראָגן,
און ס'איז שױן דער װינטער געװען אונדז דערעסן.

שודריך, שימל און אַנדערע זײַנען גלײַך פֿונעם קורצן, ביז גאָר קורצן סאָװעטישן פֿרילינג אַרײַנגעפֿאַלן אין סאַמע שרעקלעכסטן — אין פֿאַשיסטישן — װינטער. און דאָרט זײַנען זײ אומגעקומען אין דער ברױנער װיוגע...

איך װאָלט אױך געקומען צו אַ גרופּע ייִדישע שרײַבער, װאָס זײַנען פֿאַרבליבן אין זיקאָרן פֿון דער ליטעראַטור װי „יונג־װילנע". ס'װאָלט עפּשער ניט געשאַדט, אַז דעמלט זאָל אײנער פֿון זײ, אַװראָם סוצקעװער, אַף פֿרײַער הערן זײַנע אײגענע װערטער, אין װעלכע עס האָט אין יאָרן אַרום דערמאָנט בײס אַ „שמועס אַרום רונדן טיש" אין רעדאַקציע פֿון „סאָװעטיש היימלאַנד" מײער פֿאַדאַלקי, דער קאָמאַנדיר פֿונעם סאָװעטישן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, װאָס האָט געראַטעװעט סוצקעװערן. דער פּאַרטיזאַנער, איצט אַן אָנפֿירער פֿון אַ בױ־טרעסט, האָט דערציילט: „װען מיר האָבן סוצקעװערן אַרײַנגעזעצט אין אַן אַעראָפּלאַן אַף אָפּפֿירן אים פֿון דער אָקופּירטער טעריטאָריע קײן מאָסקװע, האָט ער אונדז פֿאַרזיכערט: קײנמאָל, ביז מײַן לעצטן אָטעם, װעל איך ניט טאָן קײן שלעכטס דעם לאַנד, װאָס האָט מיך געראַטעװעט".

אומגעפֿער דאָס זעלבע װאָלט איך געקאָנט זאָגן אַ צװײטן „יונג־װילנער" — כאַים גראַדען...

דער יונגער װילנער דיכטער הירש גליק האָט געשאַפֿן דאָס אומשטערבלעכע „זאָג ניט קײנמאָל". װען הירש גליק װאָלט לעבן געבליבן און אַפֿילע װען ער װאָלט הײַנט געלעבט אין די אױסלאַנדס, אַלצײנס איז אומעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז זײַן פּען זאָל שרײַבן אַנטיסאָװעטישע לידער. איך װײס ניט, צי עס איז טאַקע געװען פֿאַרטראַכט װי אַ סימבאָל, נאָר פֿאַר מיר איז עס טיף סימבאָליש און פֿון גרויסן באַדײַט — דאָס, װאָס „זאָג ניט קײנמאָל" איז אָנגעשריבן אױפֿן מאָטיװ פֿון אַ רוסישער סאָװעטישער זינגליד.

נאָך װעגן אײן װילנער פּאָעט — װעגן לײזער װאָלפֿן — טראַכט איך. מיר זאָגן לײזער װאָלף, און עס קומען אױף אין זיקאָרן: „די בלויע שװאַלב", „אײַזיק־מײער דיק און די אַלמאָנע ראָם", „עס זיצט דער יעיצער־האָרע מיט אַ ייִנגל אונטער אַ בױם"... אין 1943 איז אין אוזבעקיסטאַן געשטאָרבן דער האָפֿענונגסלאָז־קראַנקער לײזער װאָלף, זיך ניט דערװאַרט ביזן זיג, אין װעלכן ער האָט אַזױ געגלײבט.

ניט לאַנג פֿאַרן טױט האָט דער דיכטער געשריבן:

א לויב, אַ לויב די רױטע רעפּובליקן
פֿון פֿרײַ און פֿרײדיק מעכטיקן פֿאַרבאַנד!

1965

COMO EL URUGUAY NO HAY



אפן וועג קיין מאָנטעווידעאָ
שטעלט מען זיך אָפּ אין אמסטערדאם

— די לאטײַן־אמעריקאנישע שווייץ!
— דער גאנײדן אף דער־וועלט!
— די געבענטשטע ארקאדיע!
— דאָס גליקלעכע אינדזל אפן קאָנטינענט!

אזוי רופט מען אָן אורוגוויַ אין דער טוריסטישער רעקלאמע. די אונ־טערשטע שורע איז טאָמיד איינע און די זעלבע: Como el Uruguay no hay — אזוינס, ווי אורוגוויַ, איז ניטאָ.

און אָט פלי איך אהין צו די פײַערונגען לעקאָוועד דעם דרײַסיקיאָריקן יובילײַ פון דער פּראָגרעסיווער טאָג־צײַטונג „אונדזער פרײַנט״.

נאָך אין מאָסקווער אעראָפּאָרט האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן א טשיקאווער פּאסאזשיר. ער איז געווען קלענער אין וווּקס, איידער זײַנע פּעק, און גראָב ווי זיי. ער האָט זיך, קאָן מען זאָגן, ארומגעקײַקלט צווישן די פּעק, פארטרײַבנדיק זיי, ווי אף א ביליארד־ברעט, אין די לוזעס פונעם באגאזש־טראנספּאָרטיאָר. ווען מע האָט אונדז פארבעטן גיין צום פלי־פעלד, האָט ער א כאַפּ געטאָן צוויי שטארק גרויסע פּעקלעך, דאָס זײַנען געווען ביכער, און מיט זיי זיך אזוי שנעל אוועקגעקײַקלט, אז באם אעראָ־פּלאן איז ער געווען דער ערשטער.

גייענדיק איבערן פלי־פעלד, האָב איך דערזען: מײַן ייִד שטייט באם טראַפּ און שאָקלט זיך. „ס׳איז אים ניט גוט געוואָרן מיסטאמע״, — איז דורכגעלאָפן א געדאנק. נאָר באם אעראָפּלאן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער ייִד טוט טפילע.

דאָ טאקע האָב איך זיך מיט אים באקאנט. צוערשט האָט ער, טאראש־

טשענדיק מוירעדיק די אויגן, געמאכט א געשריי: „אָ־אָ־אָ־אָ!‟, „שלאָג ניט איבער!‟, גלײַך אָבער, פֿאַרענדיקנדיק די טפֿילע מיט די ווערטער „יעהי ראַצן... שעיוויליכיינו בעשאלוים — זאָל באַוויליקט זײַן: מיך ברענגען מיט פֿרידן‟, האָט ער א געשמאַקן טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און דערלאַנגט מיר די האַנט:

— א ייִד?

— יאָ, מא שמייכעם?

— איך הייס הוגאָ וואַן גאָלדסמיט. פֿאַרוואָס הוגאָ, פֿאַרוואָס וואַן און פֿאַרוואָס גאָלדסמיט — איז ניט אײַער דײַגע. ווײַל וואָס האָט מען אונטער היטלערן ניט געטאָן, מע זאָל בלײַבן לעבן...

— זאָגט מיר, פֿאַרוואָס אינמיטנדערינען א טפֿילע?

— א שיינער מיטנדערינען! מע גייט זיך זעצן אין אַן אַוויאָן! מע שטעלט אײַן דאָס לעבן. איר ווייסט די מישנע? ווען א מענטש גייט אַהין, ווו ס׳איז פֿאַראַן א סאַקאָנע, זאָל ער מיספּאַלעל זײַן מיט א קורצער טפֿילע...

— עפּשער וועט איר מיך אויך אויסלערנען?

— איך דאַרף אײַך ניט לערנען. אָט איז א קאַרטל מיט דער „טפֿילע האַדערעך‟, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט: שטעלט דאָס קאַרטל ארײַן אין דער פּאָדערשטער שויב פֿון אײַער אווטאָ, וועט איר כאָטש אָף דער יאַבאָשע זײַן באַוואָרנט פֿון א וועג־קאַטאַסטראָפֿע.

— זעט, מע וויל שוין צונעמען דעם לייטער, לאָמיר ארופֿגיין, רעב הוגאָ.

— ע־כע־כע... אמאָליקע צײַטן איז געווען גענוג א מעזוזע, ווײַל מע איז געזעסן אין שטוב. אָבער צו אָט דעם פֿויגל וויל מען קיין מעזוזע ניט צוקלאַפּן: ס׳איז ניט קיין ייִדישער פֿויגל... גיט מען זיך אַן אייצע, מע זאָגט א טפֿילע...

אין עטלעכע מינוט ארום, שוין אינווייניק אין דעם „טו־114‟ האָט דער האָלענדישער טוריסט הער הוגאָ וואַן גאָלדסמיט ארויסגערופֿן א קליינטשיקן צווישנפֿעלקערלעכן קאָנפֿליקט.

ווי באַוווּסט, איז בא יעדן פּאַסאַזשיר אין בילעט אָנגעוויזן, וויפֿל האַנט־באַגאַזש ס׳איז דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך אין סאַלאָן פֿונעם אעראָ־פּלאַן. ביכער, שטייט בעפֿיירעש שוואַרץ אָף ווײַס, מעג מען נעמען אַזויפֿיל, וויפֿל ס׳איז נייטיק אָף צו לייענען אין וועג. האָט אָבער דער הער גאָלד־סמיט, וואָס איז געזעסן צווישן צוויי פֿרעמדע דאַמעס, צעבונדן זײַנע פּעק־לעך, ארומגעלייגט זיך פֿון אַלע זײַטן מיט ביכער, און ס׳האָט זיך ארויס־געוויזן, אז ער פֿירט מיט זיך א גאַנצע ביבליאָטעק. די דאַמעס האָבן גע־מאַכט א גוואַלד, איז צוגעגאַנגען די סטיואַרדעסע און געבעטן גאָלדסמיטן, ער זאָל אָפּגעבן די פּעקלעך אין באַגאַזש. יענער האָט זיך אָנגעצונדן:

— איך גלייבט ניט, אז פֿאַר דרײַ שאָ קאָן מען איבערלייענען אַזאַ ביסל ביכער? מיר, ייִדן, לייענען ניט, מיר שלינגען!

ער האָט א כאַפּ געטאָן א בוך און באַוויזן, וויאַזוי מע „שלינגט‟. איך האָב פֿונדערווײַטנס נאָכגעשפּירט נאָך דער פּאַסירונג. פּלוצעם בין איך פֿון אומגעריכטקײַט אַזש אונטערגעשפּרונגען אָף מײַן אָרט: אין די הענט בא הוגאָן פֿון אַמסטערדאַם האָב איך דערזען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד‟!

איך בין צוגעגאנגען צום אָרט, ווו דער קאָנפליקט האָט געפלאַקערט. ס׳האָט ניט געדויערט קיין מינוט, און איך האָב פעסטגעשטעלט: דער האָ־לענדישער טוריסט פירט מיט זיך צו צען־פופצן עקזעמפּליאַרן פון דעם לעצטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" און פון די יידישע ביכער, וועלכע זײַנען לעצטנס דערשינען אין מאָסקווע. דערזען, אַז איך שמייכל, האָט הוגאָ וואַן גאָלדסמיט געזאָגט:

— וואָס איז דער געלעכטער? איר מעגט זײַן זיכער, אין באַגאַזש פיר איך אַלץ, וואָס א טוריסט דאַרף פירן פון רוסלאַנד: מאַטריאָשקעס, קאַוויאַר, א סאַמאָוואַרל, עטלעכע פּושקעלעך מיט ספּוטניקעס, א פלעשל וואָדקאַ, צוויי פּאָטאָ־אַלבאָמען, א דיאַפילם וועגן דער „בעריאָזקאַ"...

— יאָ, אָבער צוליב וואָס אַזויפיל עקזעמפּליאַרן?

— א ייִד דאַרף זיך שטענדיק אַרײַנמישן... אַז איך פיר, מיסטאָמע דאַרף איך.— און שוין אינגאַנצן פאַרטרויליך:— בא אונדז רעדט מען, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד גייען ייִדן אַרום פאַרשמידט אין קייטן פאַר וועלן האָבן אַף דער ביכער־פּאָליצע א ייִדיש בוך...

— ווער רעדט אַזוי?

— מע רעדט... איך האָב אויך גערעדט... ס׳איז א מאָדע בא אונדז צו דײַגען וועגן די ייִדן אין די סאָוועטן... איצט שעם איך זיך, און כ׳האָב באַשטימט מיטברענגען אָט די ביכלעך און גיין פון שטוב צו שטוב מיט זיי.

— איר האָט עפּעס א שײַכעס צום געדרוקטן וואָרט?

— ניין, גאָט זאָל אויסהיטן... איך האַלט א פאַבריקל, האַלט איך.

אין א רעגע אַרום זײַנען מיר שוין געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין אונד־זער שמועס, אַז ערשט דאָס אַראָפּנידערן אין אַמסטערדאַם האָט אונדז אומגעקערט צום „צווישנפעלקערלעכן קאָנפליקט", וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן פאַרן אופשטײַגן אין מאָסקווע. דער פּאַסאַזשיר הוגאָ וואַן גאָלדסמיט האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז פאַרן גאַנצן וועג האָט ער ניט אײַנגעשלונ־גען קיין איינס פון די פיל צענדליקער ביכער, וועלכע ער האָט, ברעכנדיק דעם געזעץ, געפירט מיט זיך, ווי האַנט־באַגאַזש. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דער סטיואַרדעסע איז נימעס געוואָרן צו וואַרטן, ביז מירן פאַר־ענדיקן דעם שמועס, האָט זי א מאַך געטאָן אַף אונדז מיט דער האַנט און אַריבערגעפירט אײנע פון דעם הער הוגאָס שכײנעס אַף מײַן אָרט. אַליין איז זי צוגעגאַנגען צו אונדז בלויז איין מאָל — געוואָלט דערלאַנגען די טאַצן מיט איבערבײַסעכץ, נאָר מיר זײַנען געווען אַרומגעלייגט מיט ביכער און פאַרטאָן אין די רייד...

אַזוי זײַנען מיר געקומען צו פליען קיין אַמסטערדאַם, אין אַעראָפּאָרט שיפּהאָל.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז געקומען צו מיר אין האָטעל דער הער הוגאָ וואַן גאָלדסמיט צוזאַמען מיט א יונגנמאַן פון א יאָר פיר־פינף און צוואַנ־ציק, וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס זײַנעם אַן איידעם און אַלס אַן „אײַעריקן, א קאָמוניסט".

— בא אונדז אין דער היים זײַנען מיר — איך און ער — צוויי קעגנע־רישע פּאַרטייען.ביידע האָבן מיר טײַנעס צו די סאָוועטן. איז דאָך גוט? אָבער איך האָב טײַנעס, ווײַל די סאָוועטן מאַכן זיך ניט קיין צימעס פון די ייִדן ווי א נאַציאָן, און ער, פאַרקערט, טײַנעט, אַז ס'איז דיסקרימינאַציע, ווען דאָרט, ווו ייִדן ווילן זיך ניט אויסטיילן און זײַן באַזונדער, טוט מען אַלץ, קעדיי צו דערמאָנען, אַז זיי זײַנען מענטשן פון אַן אַנדער נאַציאָן, דאָס הייסט פרעמדע...

איך האָב זיך צוגעזעצט צום יונגנמאַן:

— זײַט זיך מאַטריח, כאַווער, גיט מיר צו פאַרשטיין...

הער הוגאָ האָט מיר איבערגעשלאָגן די רייד:

— ער איז ניט קיין ייִד... רעדט צו אים האָלענדיש...

גרינג צו זאָגן: האָלענדיש... ווען איך קען ריידן האָלענדיש, וואָלט איך פון קאַיאָר אָן שוין געווען אין גאַס און זיך דערוווּסט בא פאַרבײַגייער, ווי אַזוי מע זוכט אָפּ דאָס געסעלע, ווו שפּינאָזע איז געבוירן געוואָרן, און ווי אַזוי מע קומט צום הויז פון אַנאַ פראַנק...

איך בעט דעם הער הוגאָ, ער זאָל מיר איבערזעצן, וואָס עס זאָגט זײַן איידעם.

דער יונגערמאַן נעמט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע די פּראָגרעסיווע האָלענדישע צײַטונג „דע וואַרכײַט". אינעם אַרטיקל „סאָוועטישער בירגער אָדער בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט" ווערט געזאָגט, אַז דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון אָט דער צײַטונג געראַרד פּאָמהאָוועז האָט געהאַט א שמועס מיט מיר. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אָנגעוויזן, אַז בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד שרײַבט מען וועגן די ייִדן אין אָפיציעלע דאָקומענטן, אַז זיי זײַנען בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. „צי איז דאָס ניט קיין סימען פון דיסקרימינאַציע, פון ניט אַרײַנלאָזן די ייִדן אינעם אַלגעמיינעם קלאַל?" — האָט ער געפרעגט. אויף דעם האָב איך, לויט דער צײַטונג „דע וואַרכײַט", געענטפערט, אַז „ווען בא אונדז וואָלט מען אָפּגענומען דאָס דאָזיקע רעכט און מע וואָלט ניט אָנערקענט אונדזער אָנגעהעריקײַט צו דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט דאָס טאַקע באַטײַט דיסקרימינאַציע".

די האָלענדישע צײַטונג זאָגט ווײַטער אַרויס א מיינונג, אַז „מע מוז צווייפלען, צי אַזאַ אַרויסזאָגונג איז פּראָגרעסיוו. דער באַגריף ייִדישע נאַציאָנאַליטעט האָט שוין מער קיין קיום ניט. דאָס אָנערקענען די ייִדן אַלס נאַציאָנאַליטעט נאָך דער רעוואָליוציע איז געווען, אָן ספק, א וויכטיקער טראָט פאָרויס. נאָר איבערלאָזן אויך אויף ווײַטער דעם דאָזיקן באַגריף באַטײַט פּאַקטיש, אַז עס ווערט איגנאָרירט די רעאַלע זאַכלאַגע, און דאָס רופט אַרויס א געפאַר, אַז עס זאָלן אויפקומען ערנסטע מיספאַרשטייענישן אַרום דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס קאָן פאַרטאָרמאָזירן דעם אַסימיליאַציע־פּראָצעס בא די ייִדן און אָפּווענדן די באַמיונגען פון דער איינציק רעאַלער פּראָבלעם — פון באַוואָרענען די גלײַכבאַרעכטיקונג, לעמאָשל, פון דעם אוקראַיִנישן ייִדן בענעגייע דעם אוקראַיִנער, פון דעם ליטווישן ייִדן בענעגייע דעם ליטווינער, פון דעם רוסישן ייִדן בענעגייע דעם רוס. אין די סאָוועטישע רעפּובליקן לעבן דאָך און

ארבעטן זײַט־בײַ־זײַט סאָוועטישע בירגער — ייִדן און ניט־ייִדן. דאָס שטענדיקע זיך פאַרופן אױף ייִדישער נאַציאָנאַליטעט איז אין סטירע צו אָט דער געזונטער אַנטוויקלונג"...

האקלאל, דער אומבאַקאַנטער יונגער כאַווער פון אַמסטערדאַם האָט, אופמישנדיק אין אַלטן נומער פון אַ האָלענדישער צײַטונג, וועלכער איז צו מיר קיין מאָסקווע ניט דערגאַנגען, אוועקגעשטעלט פאַר מיר די „אָנגעוויײַטעקטע פראַגע" גאָר פון אַן אַנדער זײַט, פון דער פאַרקערטער. זײַן קריטיק איז געקומען, אַזוי צו זאָגן, פון לינקס.

איך האָב געבעטן דעם הער הוגאָ, ער זאָל מיר דורכלייענען דאָס אַרטיקל פון אָנהייב, און אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן, ווײַל טאַקע דאָ גופא, אין דער צײַטונג „דע וואַרכײַט" און אין דעם זעלבן אַרטיקל, האָב איך געפונען דעם ענטפער, אױף וועלכן עס האָט אַזוי געוואַרט דער יונגער כאַווער פון אַמסטערדאַם.

אָט וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן אין אָנהייב פונעם אַרטיקל:

„לויט די סאָוועטישע געזעצן זײַנען ייִדן אַ נאַציאָנאַליטעט. פאַר אונדז אין נידערלאַנד קלינגט עס מאָדנע. בײַ אונדז איז פאַראַן בלויז איין נאַציאָנאַליטעט. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז די לאַגע אַן אַנדערע. דאָרט לעבן העכער הונדערט נאַציאָנאַליטעטן, און צווישן אָט די הונדערט נאַציאָנאַליטעטן רופט מען אָן אויך די ייִדישע. און דאָס איז ניט צוגעטראַכט פון עמעצן, ס'איז אַ רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. בײַם צאַריזם האָבן די ייִדן זיך גערעכנט אַלס נאַציאָנאַליטעט און זיך רעגיסטרירט אַלס נאַציאָנאַליטעט, נאָר דאָס האָט זיי ניט געגעבן קיין שום רעכט. פאַרקערט, ס'האָט גורעם געווען רעכטלאָזיקײַט, דיסקרימינאַציע און פאַרפאָלגונגען. די ייִדישע בירגער האָט מען געצוווּנגען לעבן אין געטאָ. מע האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו אַ סאַך פּראָפעסיעס. און וויפל ייִדן זײַנען אומגעקומען בײַס די בלוטיקע פּאָגראָמען, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט די צאַרישע פּאָליציי? די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט באַפרײַט די ייִדן, פאַרניכטעט די געטאָ און אָפּגעשאַפן די פאַרפאָלגונגען"...

דער הוגאָ האָט סאָפּקאָלסאָף ראַכמאָנעס געקראַגן אױף מיר און פאָרגעלייגט אַרויסגיין אין גאַס. מיר האָבן נאָך זייער לאַנג גערעדט וועגן דעם אַרטיקל אין „דע וואַרכײַט". דער יונגער האָלענדער האָט זיך פאַרענטפערט:

— מיר ווילן זיך דערגרונטעווען צום עמעס... איך פאַרשטיי, אַז מע טאָר ניט אַרויסלאָזן פון אויג די קאָנקרעטע באַדינגונגען אין יעדן לאַנד באַזונדער. בײַ אונדז איז איין נאַציאָנאַליטעט. בײַ אײַך — הונדערט. ווען איר זאָלט וועלן פירן פּראָפּאַגאַנדע קעגן האָלאַנד, וואָלט איר לײַכט געקאָנט אונדז באַשולדיקן אין דעם, אַז עס ווערט דאָ פאַרווישט, פאַרדעקט און געמאַכט צונישט, אַזוי צו זאָגן, די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, און אויך אין דעם, אַז די ייִדן בײַ אונדז האָבן ניט זייער ייִדישע ספּעציפיק... אַזוי איז עס, אַזוי... אָבער בײַ אונדזערע קליינבירגער, שוין אָפּגערעדט פון דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע, איז לעצטנס אָנגענומען צו באַשולדיקן אײַך...

איך האָב באַוויזן מיט א ווונק אפן הער הוגאָ וואַן גאָלדסמיט:
— ער זאָגט אויך אזוי... האגאם עס איז זיכער, אז איר און ער זײַנט צוויי קעגנזעצלעכע פּאַרטייען...

און אמסטערדאם האָט דערווײַל זיך פּאַנאַנדערגעוויקלט פאַר די אויגן, ווי א גרויסער ברוין־ווײַסער לײַוונט פון אן אלטן האָלענדישן מײַסטער, אף וועלכן די שטיבער און די קאַנאַלן זײַנען, דוכט זיך, געבליבן די זעל־בע, ווי אין XVI און XVII יאָרהונדערטער, נאָר די מענטשן האָבן אראָפּגע־צויגן פון זיך די בגאָדים מיט די הויכע קײַלעכדיקע קעלנער און זיך אָנ־געטאָן לויט דער הײַנטיקער מאָדע.

די אמסטערדאמער מויערן זײַנען צונויפגעלייגט פון פּונקט אזעלכע טונקעלע רויטלעך־ברוינע שמאָלבלעכע ציגל, ווי די מאָסקווער אלטע פאַב־ריק־קאָרפּוסן אָדער די קרעמל־וואַנט. קימאַט אין יעדן הויז זײַנען די פענצטער פון דרויסן ארומגערעמלט מיט ווײַסע פּאַסן. פון דער גאַס פאַר־מאַכן זיך ניט די טירן באַם אַרײַנגאַנג. די טרעפּ, וואָס פירן אפן העכערן שטאָק, זײַנען מערסטנטייל פאַרשפּרייט מיט סטעזשקעס — טעפּיכער, זיי לאָזן זיך אראָפּ דירעקט צום טראָטואַר. די דעכער פון די הײַזער זײַנען מיט הויכע, שמאָלע בוידעמער.

די שטאָט איז ניט קיין גרויסע, פאַרהעלטניסמעסיק א נידעריקע (קימאַט אומעטום א פירשטאָקיקע) און ניט קיין ראַשיקע. א שטאַרק געמיטלעכע שטאָט. אן אלטע שטאָט. די דײַטשן האָבן, ווײַזט אויס, בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זי ניט באַוויזן צו רויִנירן.

אף די גאַסן — ווייניק אויטאָמאָבילן, שטילע טראַמווײַען (די וואַגאָנען — העל־גרויע פון אויבן, טונקל־גרויע פון אונטן; צום לעצטן וואַגאָן איז צוגעפּעסטיקט א פּאָטשט־קעסטל. דער פּאַסאַזשיר וואַרפט אַרײַן „אין טראַמווײַ" דעם בריוו, וואָס ער דאַרף אָפּשיקן, און מיט דעם זעלבן טראַמ־ווײַ פאָרט ער אהין, וווהין ער דאַרף פאָרן). דער סאַמע פּאָפּולערער טראַנספּאָרט איז דער וועלאָסיפּעד. אף וועלאָסיפּעדן פאָרן אלע: באַיאָרטע פרויען מיט פּראָדוקטן־קוישלעך, קליינע קינדער, קאַלע־מיידלעך... אף די טראָטואַרן זײַנען אין אספאַלט אויסגעהאַקט רינוועלעך אף אוועקשטעלן די וועלאָסיפּעדן.

אנטקעגן דעם האָטעל Die Port van Cleve, ווו איך שטיי אײַן, גע־פינט זיך דער אלטער קיניגלעכער פּאַלאַץ, און אפן פּלאַץ (מע רופט אים דאַם) האָדעוועט אמסטערדאם טויבן. עס קומען ליבהאָבער מיט שקאַר־מיצלעך אין די קעשענעס, זיי שטרעקן אויס די הענט, און אויסגעכאָליעטע פייגל זעצן זיך פאַרטרויליך אוועק אף זייערע דלאָניעס, אף די אַקסל...

נאָענט לעבן דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ הייבן זיך אָן די שמאָלע אמסטער־דאַמער געסלעך. אומעטום, אף רעכטס און אף לינקס — קאַנאַלן. אמסטער־דאַם שטייט אף וואַסער.

הער הוגאָ וואַן גאָלדסמיט פירט מיך אין דער יִידישער געטאָ. דאָס הייסט, א געטאָ איז דאָס געווען אמאָל. איצט קומט מען אהער א „שמעק טאָן" אים, דעם אמאָל. דער וואַטערלאָאָ־פּלאַץ, די גרויסע גאַס מוידער־

סטראַט... דאָ האָבן געלעבט רעמבראַנדטס העלדן. דאָ, אין געטאָ, איז געבוירן געוואָרן שפּינאָזע.

אמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אהינגעטאָן שפּינאָזען?
אמסטערדאַם, איך קום אַרײַן אין דײַנע געסלעך בעכיפּאָזן,
איך טראָג אהין דערמאָנונגען, ווי עמער וואַסער אין א שאָכנס
שטוב,
ווי טאַטשקעס ערד, מיט וועלכע מע פאַרשיט א גרוב.
אמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אהינגעטאָן שפּינאָזען?

איך זאָג דאָך ניט, אַז באַרעך האָט געמוזט ניט ערגעץ־ווּ, נאָר
דאָ זײַן.
איך זאָג, אַז באַרעך איז געווען, און כ׳וויל אים דאָ נאָך טרעפן.
איך קלאַפּ אין דײַנע טירן: עפנט, עפנט!
און עמעץ טוט שוין בייז א זאָג דאָרט: „סאַרא האָזע״...
אמסטערדאַם, וווּהין האָסטו אהינגעטאָן שפּינאָזען?

אמסטערדאַם, שפּינאָזען, זאָגסטו, האָסטו ניט פאַרלוירן?
פאַרליר זשע ניט זײַן מאַמען, כאַנע־דווירען.
ס׳איז מוידערסטראַט נאָך נאַס פון אירע טרערן,
דעם כיירעס רײַסן אויף אירע פאַרדראָסן,
און צײַטן שרײַען, אמסטערדאַם, זאָלסט הערן:
— אמסטערדאַם, דערוואַרעם אינעם שויס דײַנעם שפּינאָזען!..

דער הער הוגאָ רעדט וועגן די ייִדן אין אמסטערדאַם:

— מיר האָבן איצט בא צוועלף טויזנט ייִדן... און ס׳איז קעדײַ צו דער־מאָנען, אַז אין אָנהייב יאָרהונדערט, מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק, איז די צאָל ייִדן אין שטאָט געווען אין פינף מאָל גרעסער, איידער איצט... נאָר ניט דאָס איז דער איקער. די האָלענדער זײַנען לאָיאַל צו אַנדערע פעלקער, צו אונדז אויך. און דאָך האָט אונדזער קולטור דאָ ניט אָפּגעגליקט: „די ייִדן גייען אַרײַן אין דער האָלענדישער נאַציע!״ — אַזוי זאָגט אַפילע מײַן איידעם. נאָר ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, רייד איך נאָך אַלץ אַף ייִדיש און פיר אַרײַן קיין אמסטערדאַם פון מאָסקווע א ייִדיש ביכל...

איך פּרווו מאַכן א היסטאָרישע פּאַראַלעל:

— מיט העכער דרײַ און א האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט א צופעלי־קער יאַם־שטורעם אַרויסגעוואָרפן אַפן מיזרעך־ברעג פון פריסלאַנד, לעבן דער שטאָט עמדען, פיר פּאָרטוגעזישע מאַראַנען — דרײַ מאַנצבלען און א פרוי, וועלכע האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין אמסטערדאַם און געשאַפן דעם קערן פאַר דער קומענדיקער ייִדישער געמיינדע. איר פאַרשטייט, הער הוגאָ, ווען ניט אָט דער יאַם־שטורעם, וואָלטן עפּשער די ייִדן געקומען קיין אמסטערדאַם אין פופציק צי אין הונדערט יאָר שפּעטער, און עפּשער וואָלטן זיי ביכלאַל אהער ניט געקומען... פונדאַנען נעמט זיך דער ווידערשפּרוך: פון איין זײַט — א טראַדיציאָנעלער ייִדישער צענטער, פון דער צווייטער

זײַט — זייער שוואכע וואָרצלען, וואָס האַלטן ניט אויס דעם פּאַרמעסט מיט די הײַנטצײַטיקע קאָסמאָפּאָליטישע ווינטן...

— אײַ, הער רעדאַקטאָר, הער רעדאַקטאָר... איך גיב אײַך מאַטעריאַל פאַר קריטיק, און איר נעמט גאָר אַרויסהעלפן האָלאַנד... און בײַ אונדז, ווייסט איר דאָך, איז די לעצטע צײַט אַ ביסל אָפּגעלעבט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער געפיל, בלויז דערפאַר, ווײַל ווו מיר זאָלן זיך ניט באַגעגענען, ריידן מיר וועגן די בידנע, אומגליקלעכע, געקריוודעטע, נעבעך, ייִדן אין סאָוועטן־רוסלאַנד...

איך האָב פאַרגעלייגט דעם הער הוגאָ וואַן גאָלדסמיט:

— לאָמיר צוגיין זיך פאַרנייגן פאַר אַנאַ פראַנקס באַהעלטעניש...

ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו פּרינסענגראַכס, 263, האָט ערגעץ אין דער נאָענט זיך צעקלונגען אַ טורעם־גלאָק. איינס... צוויי... דרײַ... פיר... איך האָב זיך דערמאָנט אַ שורע אין אַנאַ פראַנקס טאָגבוך: „דער טאַטע, די מאַמע און מאַרגאָ קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוווינען צום קלינגען פון דעם וועסטערטורעם־גלאָק, וואָס שלאָגט אויס יעדע פערטל שאָ״...

די גאַס ציט זיך לענגאויס אַ קאַנאַל. דאָס הויז האָט אין צענטראַלן טייל פונעם פאַסאַד גרויסע פענצטער, דער אונטערשטער שטאָק איז טיפּיש פאַר אַ קאָנטאָר...

און דאָס איז אַלץ. און אַנאַ פראַנק איז ניטאָ. און דער וועסטערטורעם־גלאָק קלינגט ווידער: איינס...

הער הוגאָ האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסן מיך דערפרייען:

— איר ווייסט, הער רעדאַקטאָר, ניט לאַנג צוריק האָט איינער אַ האָ־אַגער ייִד, מײַנער אַ באַקאַנטער, דינלאָס הייסט ער, פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו די ייִדן פון האָלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט...

— דעהײַנע...

— ער רופט, מע זאָל אַראָפּנעמען דעם קײַרעם פון באָרעך שפּינאָזען...

— אַראָפּנעמען דעם כײַרעם, אין וועלכן מע האָט שפּינאָזען אַרײַנגע־לייגט מיט דרײַ הונדערט יאָר צוריק?

הער הוגאָ שווײַגט. ער קוקט אויף מיר מיט כיטרע אויגן. ער האַלט, ווײַזט אויס, אַז סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסרופן בײַ מיר אַ וואָרט פון קריטיק אין שײַכעס מיט דער לאַגע פון די ייִדן אין האָ־לאַנד...

אורוגווײַער פּאַראַדאָקסן

פליִענדיק פון אַמסטערדאַם קיין מאָנטעווידעאָ, האָט אונדזער לײַנער זיך אָפּגעשטעלט אין ציריך און אין ליסאַבאָן, דערנאָך דורכגעשניטן דעם מיזרעך־ברעג פון אַפריקע, דעם אָקעאַן, דערגרייכט לאַטײַן־אַמעריקע בײַ ריאָ־דע־זשאַניירע, פאַרקערעוועט פון דאָרט אויף דאָרעם און גענומען אַראָפּ־נידערן צו מאָנטעווידעאָ.

ס׳איז געווען אווגוסט — דער לעצטער כוידעש פון ווינטער 1965. ניין, כ׳האָב קיין טאָעס ניט געהאַט: ס׳איז געווען אווגוסט — דער לעצטער כוידעש פונעם אורוגווייִער ווינטער. פאַר מײַן ארויספליִען פון מאָסקווע האָט דער ראַטגעבער פון דער אורוגווייִער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע מיך געוואָרנט: „געדענקט, אַז אין אווגוסט איז בא אונדז ניט זומער. טוט אָן א וואַרעם לײַבל״...

ווען אָט דער וואָרענונג האָב איך זיך דערמאָנט, ווען, ארויסגייענדיק פונעם לײַנער אין ערפּאָרט קאַראַסקאָ, לעבן מאָנטעווידעאָ, האָב איך דערזען, אַז דער טערמאָמעטער ווײַזט פיר און צוואַנציק גראַדוס... וואַרעמקײַט.

דאָס איז, וואָלט איך זאָגן, דער סאַמע אומשולדיקער פון די פּאַראַדאָקסן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך צונויפגעשטויסן אין דער ווײַטער דאָרעם־אַמעריקאַנער רעפּובליק. די אורוגווייִער אַליין זעען ניט אײַן קיין פּאַראַדאָקס אין דעם, וואָס ווינטער קומט אויס גאַנץ אָפט זיך באַהאַלטן פון דער היץ אין געדיכטן שאָטן פון אַן אָמבו־בוים. אויב אָבער אַן אויער פון ווײַטע צאָפנדיקע קאַנטן וועט אָנהייבן דערווײַזן, אַז לויט די אָנגענומענע נאָרמעס דאַרף אום ווינטער זײַן קאַלט, וועלן זיי מיט א שמייכל זאָגן: „נישקאָשע, טײַערינקער, כאַפּט זיך ניט אַזוי, לעבט אָפּ בא אונדז א שטיקל צײַט, וועט איר נאָך כאַפּן א ציטער״... און שטעלט אײַך פאָר, אַז אַזוי איז עס טאַקע, כ׳בין אַליין אַן איידעס. אין איינעם א טאָג איז די טעמפּעראַטור געפאַלן ביז 7—8 גראַדוס וואַרעמקײַט, און ס׳איז געווען א ווינט, און ס׳איז געווען א רעגן...

— און, — וועט צוגעבן אַן אורוגווייִער, — עס טרעפט, אַז אַפן גראָז באַווײַזט זיך אין די קאַיאָרן, נו, וויאַזוי רופט מען עס בא אײַך אין רוסלאַנד: ווען דאָס גרינע גראָז ווערט ווײַס־ווײַס און אַזוי קאַלט, אַז מע קאָן זיך אָפּברינען...

נאָר איך כאַזער איבער: דער פּאַראַדאָקס מיטן וועטער איז דער סאַמע אומשולדיקער אין אורוגוויי.

אָט איז א צווייטער פּאַראַדאָקס. אַנומלטן האָט א גרופּע כאַווײרים פונעם אורוגווייִער „איקוף״ און פון דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט״ מיך פאַרבעטן אָף א שפּאַציר איבערן ברעגלאַנד פון לאַ־פּלאַטאַ. מיר זײַנען געפאָרן איבער וווּנדער־שיינע ערטער. פון איין זײַט — אומענדלעכע גאָלדענע פּליאַזשן, פון דער צווייטער — רײַכע האָטעלן, רעסטאָראַנען, קאַזינאָ, פּרעכטיקע ווילעס.

אָט איז דער פעשענעבעלער קוראָרט־יִישעוו פּיריאַפּאָליס, עטוואָס אין א זײַט פון אים — דער געמיטלעכער דאַטשע־ראַיאָן לאָס טאָסקאָס, און ווײַטער — פּונטאַ־דעל־עסטע, דער גאַניידן פאַר מיליאָנערן. די לאַנגע ריי ברעג־יִישווים, וועלכע מע קאָן אָנרופן דער אַריסטאָקראַטישער קוואַרטאַל פון אורוגוויי, טראָגט א קלינגענדיקן נאָמען — „קאָנטעגרילן״.

וועט איר דאָך זאָגן: נו, פּליאַזשן... נו, ווילטיק... נו, מיליאָנערן... וואָס איז דער כידעש? מע איז דאָך אין אורוגוויי, אין דער געבענטשטער אַרקאַדיע.

איך האָב אויך אזוי געטראכט. אף מאָרגן נאָכן שפּאַציר איבער די קאָנ־טעגרילן זאָגן מיר אָבער די כאוויירים פונעם „איקוף" און פון „אונדזער פריינט":

— מירן זיך דורכפאָרן אין די קאַנטעגרילן.

פרעג איך פארכידעשט:

— ווידער קאַנטעגרילן? איר מיינט, אז איך בין געקומען אהער שעפּן נאכעס פון דעם, ווי עס לעבן מיליאָנערן?

און דאָ הייבט זיך אָן דער פּאראדאָקס. עס ווייזט זיך ארויס, אז אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ איז פאראן נאָך איין קווארטאל, שוין אָ שטאָטי־שער, וואָס הייסט קאַנטעגרילן, — דער ראיאָן פון אזא דאכקעס, וואָס אפּי־לע אין די לענדער פונעם קאפּיטאליזם איז אזוינס שווער צו געפינען. די הייזער זיינען דאָ קיין הייזער ניט. פון שטיקלעך בלעך, פון פּאַפּיער און קארטאָן זיינען „צונויפגעקלעפּט" כאלופּעס, וואָס זיינען ענלעך מער אף נאָרעס, איידער אף וווינונגען. דאָ איז ניטאָ ניט קיין קאנאליזאציע, ניט קיין באלייכטונג, ניטאָ ניט קיין הויפן, ניט קיין פּלויטן, ניט קיין ברינע־מער; ניטאָ קיין שולן, קיין פּאָליקליניקעס, קיין קליטן — ניטאָ דאָס אַלץ, וואָס דארף זיין אין א וווין־אָרט פאר מענטשן. אָבער דאָך לעבן דאָ, אין אָט די כאלופּעס, טויזנטער מישפּאָכעס, איינוווינער פון דער אורוגווייער הויפּטשטאָט, עס לעבן דאָ קינדער, אלטע לייט, קראנקע, געזונטע...

אליין די איינוווינער פון אָט די פארכוישעכטע, פארבלאָטיקטע, פּאר־וואָרלאָזטע גאסן האָבן אָנגערופן דעם קווארטאל „קאַנטעגרילן". דאָס אורוגווייִשע פאָלק, וואָס האָט ליב א שארף וואָרט, האָט דערמיט אונ־טערגעשטראָכן די טרויעריקע רעאלקייט סיי פון די ערשטע, סיי פון די צווייטע קאַנטעגרילן. קאָן זיין, אז אין אָט דער טאלאנטפולער שפּיל פון דער פאָלקס־פאנטאזיע ליגן פארלייגט סוזשעטן פון קומענדיקע רעוואָליר־ציאָנערע דראמעס וועגן די איבערוואנדערונגען פון איינע קאַנטעגרילן אין די אנדערע.

קורץ גערעדט, מיר זיינען געקומען אין די קאַנטעגרילן נומער 2, ווי עמעצער האָט זיך דאָרט אפּן אָרט אויסגעדריקט. מיר זיינען ארייגעג־גאנגען אין דער ערשטער „שטוב", וואָס האָט זיך אונדז געטראָפן אפן וועג, און אָט זיינען מיר צוגאסט בא א האָרעפּאשנער אורוגווייער מישפּאָכע.

עס האָט אונדז באגעגנט די באלעבאָסטע רופינא ראָסא אאידא גאָנסאָ־לעס. זי האָט ניט געוווּסט, ווער מיר זיינען, און דאָך אונדז באגעגנט גאסטפריינטלעך:

— קומט ארייַן, טייערע געסט.

רופינא ראָסא אאידא שעמט זיך ניט מיט איר אָרעמקייט.

יאָ, מע לעבט אין א נאָרע פון קאָנסערוון־באנקעס. יאָ, אין שטוב זיי־נען ניטאָ אפילע קיין בענקלעך אף זיך צוצוזעצן. נאָר די גאנצע מישפּאָכע ארבעט פון פארטאָג ביז באנאכט. פארשטייט זיך, מע קאָן ניט זאָגן, אז די ארבעט זאָל ברענגען גרויס פארגעניגן, נאָר אין דעם גייט עס דאָך, אז אן אנדער באשעפטיקונג איז אומעגלעך צו געפינען.

דער ראָש פון דער פאמיליע איז ניטאָ אין דער היים. ער פאָרט ארום אף א פורל איבער די געסלעך און ליקן פון מאָנטעווידעאָ און נעמט צו־

נויף אין די הויפן דאָס אויסגענוצטע פּאַפּיר. פון צען קינדער זײַנען זעקס נאָך קליינערהייט אָפּגעגעבן געוואָרן אין רײַכע הײַזער פאַר דינסטן און שיק־ייִנגלעך...

מיטאַמאָל דערזע איך, אַז אין צימער הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע, — וואָס, מיינט איר, הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע? — אַן עלעקטריש לעמפּל. טאַקע אַן עמעס עלעקטריש לעמפּל! איך זוך מיט די אויגן די דראָטן, דעם איינשליסער...

— סיניאָרע רופינאַ, בא אײַך איז דאָ עלעקטרע?

איידער די באַלעבאָסטע ענטפערט אויף מײַן פראַגע, מאַכט זי אַ „פאַר־לויפיקע באַמערקונג":

— זײַט מויכל, נאָר בא אונדז אין די קאַנטעגרילן איז יעדערער אַ כאַווער. מײַן מאַן עדואַרדאָ גאָנסאַלעס איז אַקטיוו אין לינקן באַפרײַונגס־פראָנט...

— נו, זאָגט זשע מיר, כאַווערטע רופינאַ, דאָס עלעקטרישע לעמפּל ברענט, אָדער ניט?

— ניין, עס ברענט ניט. נאָר קומט אַרײַן אין וועלכער הײַזקע איר ווילט, וועט איר דאָרט זען אַן עלעקטריש לעמפּעלע. צווישן זיך האָבן מיר אָפּגעמאַכט: ווען מיר וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ בעסער לעבן, וועלן מיר אָנצינדן אין אונדזערע קאַנטעגרילן אַלע לאָמפּן, ס׳וועט זײַן ליכט, אַ סאַך ליכט, ניט ווייניקער, ווי אין זייערע קאַנטעגרילן. און דאַן וועט מען זיך שוין קענען מיט די קאַנטעגרילן בײַטן.

פּאַראַדאָקסן... פּאַראַדאָקסן...

איך בין אין דעם לאַנד דורכגעפאָרן מיטן סטעפּ (מע רופט אים פּאַמפּאַ) פון דעם טײַך לאַ־פּלאַטאַ ביז דעם טײַך אורוגווײַ, און עס האָט מיך דערשי־טערט אַ בילד, וואָס איז פאַר מיר געווען פרעמד און אומנאַטירלעך. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זײַנען די פעלדער לענגאויס אַלע וועגן אַרומגעצוימט מיט שטעך־דראָט. זיי, די פעלדער הינטער דעם דראָט, ליגן ניט קיין באַאַרבעטע. איבערן גאַנצן ראַכוועסדיקן פליין, ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט, שפּרייט זיך פאַרגעלט ווילדגראָז. דאָ און דאָרט פּאַשען זיך בעהיימעס און שאָף. די איינזאַמע פיגור פונעם גאַוטשאָ אויף זײַן הויכן פערד מאַכט לעבעדיקער און פאַרביקער די לאַנדשאַפט.

— היי, גאַוטשאָ! גאַוטשאָ!

— ע־ע־ע!

— די פּאַמפּאַ הינטערן דראָט איז אײַערע?

— ניין.

— די שאָף — אײַערע?

— ניין.

— וואָס באַצאָלט מען אײַך פאַר פּאַשען די שאָף?

— עטלעכע פּעזעס און אַ שטיקל שעפּסן־פלייש מיט לאָקשן...

ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַן פונעם שטעך־דראָט, האָב איך זיך געכאַפּט,

אז כ׳האָב ניט געפרעגט, ווי עס הייסט דער באַיאָרטער גאוטשאָ מיטן ער־דיש־פּראָסטן, זייער־זייער צעקנייטשטן פּאָנעם.

— אויב דו ווילסט טרעפן אין פינטל, רוף אים כּואַן פּועבלאָ, — האָט געייצעט דער שעף־רעדאַקטאָר פון „אונדזער פרײַנט״ מייער טשיזש, — כּואַן איז דער פאַרשפּרייטסטער נאָמען בײַ די גאוטשאָס, כּואַן פּועבלאָ — כּואַן פון פאָלק...

עטוואָס שפּעטער, ווען ס׳איז ווידער געקומען צו רייד וועגן דער אָפּגעצוימטער ראַכוועסדיקער פּאַמפּאַ, האָט מייער טשיזש געזאָגט מיט צאָרן:

— לאַטיפונדיסטן... פּאַראַזיטן... ס׳איז, אויב דו ווילסט וויסן, פעאָדאַ־ליזם... אפילו רעשטן פון לײַבייגנטום, אויב דו ווילסט וויסן... — מיטאַ־מאָל האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ צו דער קרוין פון א בוים, בײַ וועלכן מיר זײַנען געשטאַנען, און פאַרטראַכטערהייט געפרעגט: — דו הערסט, וואָס עס שרײַט דער פויגל?

איך האָב זיך צוגעהערט.

— אָך, דו קענסט דאָך ניט קיין שפּאַניש... — האָט טשיזש זיך דער־מאָנט און געגעבן מיר צו פאַרשטיין: — ס׳איז אַן אָרטיק נאַריש פייגעלע... „בענטעוועאָ״ רופט מען עס — „איך־זע־דיך־גוט״. וועסטו דאָך פרעגן: ווע־מען זעט עס, דאָס פייגעלע, אַזוי גוט? איז הער א מײַסע. דאָס דאָזיקע ביני־טעלע פעדערן, ווען עס דערזעט א מענטשן, שרײַט עס מיט שפּאָט: „בי־טשאָ פעאָ!״ דו הערסט? — ער האָט צוגעוואַרט א רעגע, איך זאָל הערן. — עס שרײַט: „ביטשאָ פעאָ״, „ביטשאָ פעאָ״, אויף יידיש באַטײַט עס: „מיִעסע באַשעפעניש״, „מיִעסע באַשעפעניש״. פאַרשטייסט? דאָס לעבן אין דער פּאַמפּאַ איז אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי פּאַראַדאָקסאַל, אַז א פייגעלע, וואָס ווייסט ניט וועגן דער עקזיסטענץ פון קלאַסן בײַ די מענטשן, וועגן לאַטי־פונדיסטן און גאוטשאָס, — אָט דאָס פייגעלע האָט זיך אויסגעלערנט אויסלאַכן דעם מענטשנס פּאַראָנדקעס: מיִעסע באַשעפעניש, ביטשאָ פעאָ...

אויף מאָרגן, ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר שפּאַצירט אין פּײַסאַנדו איבער די גאַסן, און כ׳האָב געפרעגט בײַ טשיזשן, פאַרוואָס איז אין שטאָט אַזוי טונקל (אַגעוו, אויך מאָנטעווידעאָ איז ניט בעסער באַ־לויכטן). טשיזש האָט מיר אויפגעקלערט:

— שוין באַלד א יאָר, ווי עס איז ניט געווען קיין גוטער רעגן.

— בײַ אײַך מאַכט מען עלעקטרע פון רעגן?

— וואָס זשע מיינסטו? מיר האָבן אין לאַנד בלויז צוויי הידראָסטאַנ־ציעס, ביידע אויפן טײַך נעגראָ. גייען ניט קיין רעגנס, פאַלט דער ניוואָ בײַ די דאַמבעס...

— און מע זיצט אין דער פינצטער?

— נאָך א מין זיצן.

— איז נעמט און בויט אויס אַן עלעקטראָסטאַנציע אויף אַן אַנדער טײַך.

— די רעגירונג האָט א פּראָיעקט פון א דאַמבע טאַקע דאָ, לעבן פּײַ־סאַנדו, אויפן טײַך אורוגווײַ, באַם „סאַלטאָ גראַנדע״ (דאָס הייסט באַם

גרויסן וואַסערפאַל). דאָס דאַרף זײַן אַ בויונג בעשותפֿות מיט אַרגענטינע. פֿינאַנסירן זי דאַרף אַמעריקע. זי וויל אָבער ניט...

— נו, און באַם סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט מען געבעטן הילף? דער סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד זאָגט דען אַמאָל אָפּ?

— ניין, מע האָט ניט געבעטן...

— אָבער דאָס איז דאָך אַ פּאַראַדאָקס! מע דאַרף, עס זאָל זײַן ליכטיק...

— יאָ, אַ פּאַראַדאָקס. דערווײַל איז פֿינצטער...

— און אויב פֿרעגן בײַ זיי? — האָב איך אָנגעוויזן אויף די ערשטע פֿאַר־בײַגייער, אַ יונג פּאָרל, זי — קימאַט אַ קינד נאָך, מיט פֿעך־שוואַרצע צע־לאָזטע איבער די אַקסלען האָר, און ער — אַ הויכוווּקסיקער, אַן אַרבעטער־יונג, אָנגעטאָן אין אַ בלוזע מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל. — אויב פֿרעגן בײַ זיי? וואָס וועלן זיי זאָגן?

מייער טשיזש האָט אַ שמייכל געטאָן:

— זיי צווייפֿלען ניט, אַז אין אורוגווײַ וועט זײַן ליכטיק.

אונדזערע פֿרײַנט אין „אונדזער פֿרײַנט”

די ערשטע ייִדן האָבן זיך באַוויזן אין מאָנטעווידעאָ צוריק מיט אַ יאָר פֿופֿציק. געקומען זײַנען זיי פֿון די שכנישע לענדער, דערהויפּט פֿון אַרגענטינע, וווּ אויף דער בסולע־ערד פֿון דער פּאַמפּע האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרפֿעסטיקט די ייִדישע קאָלאָניעס — דאָס מעשׂיכיסטישע ווערק פֿונעם באַראָן הירש. שפּעטער, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָבן מאַכנעס יונגע אימיגראַנטן שוין געשטראָמט דירעקט פֿון פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, בעסאַראַביע. דאָס איז געווען אַ האַרעפּאַשנער (אין זײַן מערהײַט) אוי־לעם, וועלכער האָט פֿאַרזוכט די פּאַנסקע און באַיאַרישע פֿאַרפֿאָלגונגען, דעם פּאַוויאַק און די סיגוראַנצע, געוווּסט אויך פֿון מאַרקסיסטישע קרײַז־לעך און ערשטמײַיִקע מאַניפֿעסטאַציעס... אין אורוגווײַ זײַנען די ייִדן ניט געגאַנגען אין סטעפּ אַרײַן, דער ייִשעוו האָט זיך קאָנצענטרירט אין מאָנטעווידעאָ גופֿא, און דאָס איז די סיבע, פֿאַרוואָס הײַנט־צו־טאָג וווינען קימאַט אַלע פֿופֿציק טויזנט אורוגווײַער ייִדן אין דער הויפּטשטאָט פֿונעם לאַנד.

מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיטן פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו פֿון אורוגווײַ, דאָס הייסט מיטן דאָרטיקן ייִדישן פּאָלקסמענטש, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿאַר מײַן רײַזע אַהער. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט קיין מאָסקווע אָנקומען אַ גאַסט פֿון דער ווײַטער לאַטײַן־אַמעריקאַנישער רעפּובליק. און איך מוז זיך מוי־דע זײַן, אַז די ערשטע צײַט פֿלעג איך בײַ אים זיך אָנפֿרעגן אויף עקזאָטיק...

רעאַל איז פֿאַר מיר בלויז געווען די צײַטונג „אונדזער פֿרײַנט”, אירע אַכט זײַטן אינדערוואָכן און צוועלף אום שאַבעס, דאָס האַרטלעכע פּאַפּיר, אויף וועלכן זי דרוקט זיך — מיט אויסיעלעך, און דעריקער מיטן אויסלייג, וואָס מאַכן זי שטאַרק ענלעך צו אונדזערע סאָוועטישע ייִדישע אויסגאַבעס

פון די דרײַסיקער יאָרן. איך פלעג זיך מאַמעש וווּנדערן: ווי קומט עס „אַהין" אַזאַ פאַרשטענדלעכע פאַר אונדז בלאַט? ווען די פאַרוואַלטערן פון „אונדזער פרײַנט" עסטער בורשטיין איז אַנומלטן געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע זיך היילן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז שוין אַן אַלטע צײַטונג, און ס'איז נאָך אַ פראַגע, ווער אַף וועמען עס איז ענלעך: זי אַף אונדזערע אויסגאַבעס צי אונדזערע אויסגאַבעס אַף איר... אַליין עסטער בורשטיין האָט אַרײַנגעבראַכט מיט זיך אַזויפיל געמיטלעכע פּאַשטעטעס, אַזויפיל קאָלאָריט פון אַ פאַרוואָרצלטן ייִשעוו, אַז עס האָט געצויגן אַ קוק צו טאָן, וויאַזוי דער דאָזיקער ייִשעוו זעט אויס דאָרט, אין זײַן ווײַטער ווײַט.

און אָט איז מאָנטעווידעאָ. איך גיי אַרויס פון האָטעל אַף דער ראַמבלאַ פּאָסיטאָס — אַף דער „ברעג־גאַס באַ די גריבלעך". דער דאָזיקער נאָמען וואָלט געקלונגען עקזאָטיש, ווען מע ווייסט ניט, פון וואַנען ער שטאַמט. די נעגרען־שקלאַפן פלעגן אויסגראָבן באַ [ד]עם טײַכל, וואָס האָט זיך אין יענע צײַטן אַרײַנגעגאָסן אין דער לאַ־פּל[א]טאַ, גריבלעך אַף צו שווענקען דאָס וועש פון זייערע ווײַסע הארן. איצט איז שוין ניטאָ ניט דאָס טײַכל, ניט די גריבלעך. גיי איך אַרויס אַף דער ראַמבלאַ פּאָסיטאָס, און אין צען־פופצן מינוט אַרום בין איך שוין אַף כוליִאָ ערעראַ איִאָבעס 1171, אין דער רעדאַקציע פון „אונדזער פרײַנט".

באַ אַ זײַטיק טישל דערזע איך טאַקע זי, די פאַרוואַלטערן, עסטער בורשטיין, אַ מידע פון איר פרײַוויליקער שווערער מי, אַ גליקלעך־שמייכלענדיקע צום טומלדיקן מאָנטעווידעער אַמכאָ, וואָס לאָזט ניט דורך די געלעגנהייט אַרײַנצוקומען מיט אַ טײַנע, אָדער מיט אַן אייצע, אָדער מיט אַ באַקאָשע, אָדער מיט אַ גלאַט־אַזוי־זיך־וויזיט אין דער רעדאַקציע פון דער באַליבטער פאָלקס־צײַטונג.

איך גיי אַרום איבער דער רעדאַקציע, פון טישל צו טישל און באַקאַן זיך מיט די, וועלכע זײַנען „שולדיק" אין דעם, וואָס אין מאָנטעווידעאָ דערשײַנט טאָגטעגלעך, אין מעשעך פון דרײַסיק יאָר, די מוטיקע ייִדישע צײַטונג. אָט דערמאָן איך זיך, אַז, בלעטערנדיק אין מאָסקווע דעם „אונדזער פרײַנט", פלעג איך אַלע מאָל זיך אָפּשטעלן באַ אַ פעליעטאָן אַף אַן אינווייניקסטער זײַט, ווו אין אַ שאַרפזיניק־וויציקן פערז, ניט שטאַרק קיין ראַפינירטן פון פּראָפעסיִאָנעל־דיכטערישן שטאַנדפּונקט, רעדט איינער אַ באַשטענדיקער אווטאָר זיך דורך מיטן לייענער וועגן קאָלערליי טאָג־פּראַגן. דער אווטאָר שרײַבט זיך אונטער מיטן פּען־נאָמען „איטשעלע". האָב איך מיר אויסגעמאָלט, אַז דאָס דאַרף זײַן איינער פון יענע אַרײַנזאָגער, צו וועלכע עס ציט זיך אַ גלײַכער פּאָדעם פון די אַמאָליקע הערשעלע אָסטראָפּאָליערס. אויך אויסערלעך האָב איך אים זיך פאָרגעשטעלט, אָט דעם איטשעלע: גרינג ווי אַ פעדערל, שאַרף דער קין, פאַרשנורעוועטע קלוגע ליפּעלעך, שפּיציקע לאַנגע אויערן... בין איך טאַקע בייס מײַן ערשטן באַזוך אַף כוליִאָ ערעראַ איִאָבעס געבליבן שטיין מאַמעש אָן לאָשן, ווען אין רעדאַקציע־צימער, לעבן סאַמע אַרײַנגאַנג, האָב איך באַ אַ הויכער „קאָנטאָרקע", אַ מין זשורנאַליסטישן ווערקשטעל, ענלעך אַף אַ שטענדער, דערזען איטשעלען — אַ הויכוווקסיקן, ברייטפּלייציקן, אַן ערנסט־שוואַר־

לעכן, באַיאָרטן, אײַנגעהאַלטענעם אין די באַוועגונגען און אין די רייד מענטשן. און נאָך גרעסער איז געווען מײַן פאַרוואונדערונג, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז „איטשעלע״ — דאָס איז יִצחאָק שיינער, דער סאַלי־דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון „אונדזער פּרײַנט״...

איך ווייס ניט, צי דער מאָנטעווידעער יִדישער שרײַבער פישל טאָבּיאַש איז אַן אָנגעשטעלטער אין „אונדזער פּרײַנט״, ס׳איז אָבער ניט געווען קיין פאַל, איך זאָל קומען אהין און ניט טרעפן בא דער אַרבעט פישל טאָ־בּיאַשן. און דאָס וויכטיקסטע: טאָבּיאַשעס גלענצנדיקע לויט דער פאָרם אַרטיקלען, עסייען און פּאָליטישע קאָמענטאַרן שטעלן אים אוועק צווישן די באַדײַטנדיקע יִדישע ליטעראַטור־קענער און פּובליציסטן — ניט נאָר פון לאַטײַן־אַמעריקע. און דאָך מוז ער צוזאַמען מיט זײַן פרוי כאַנע טאָ־בּיאַש (אַן אָנפירערן פון דער „יִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פרויען־באַוועגונג״) זיך פאַרנעמען אין דער היים מיט א מלאָכה, קעדיי צו פאַרדינען אפן לעבן.

און אזוי צוביסלעך קומען מיר צו צו דעם יִנגסטן לויט די יאָרן, דעם עלטסטן צווישן די רעדאַקטאָרן פון „אונדזער פּרײַנט״ — מיר קומען צו צו מייער טשיזשן[1].

איצט, ווען איך שרײַב אָט די שורעס, ווייס איך שוין, פאַרשטייט זיך, פאַרוואָס עס האָט מיך אין מאָנטעווידעאָ אזוי געצויגן צו באַגעגענען זיך מיט די אָנהייבער פון דער „דינאַסטיע טשיזש״; דעמלט אָבער האָב איך נאָך ניט געוווּסט, אַז מייער טשיזשס באָבע שטאַמט פון וואָלין, פון א דערפל לעבן דעם שטעטל אולאַנאָוו, וואָס איז מיט מײַן וואָלינער געבורט־שטעטל ליובאַר ווי א שטוב מיט אַן אַלקער, — ניין, איך האָב עס ניט גע־וווּסט. און פונדעסטוועגן האָט מיך געצויגן אַרײַנצוקומען אין דער שטוב, ווו עס וווינט די אַלטע כּײַע־סאָרע, וועגן וועלכער מע האָט מיר דערציילט אַזויפיל טשיקאַווע זאַכן.

מײַן אורוגווײַער קאָלעגע, דער שעף־רעדאַקטאָר פון „אונדזער פּרײַנט״, האָט מיך געבראַכט אַף דער אַלטער גאַס אַגראַציאַדאַ, צו א ניט הויך הויז, ווו באַם אַרײַנגאַנג האָט אײנער פון די אײַנוווינער — מייערס טאַטע שלוי־מע טשיזש — אַרויסגעשטעלט א טאָוול מיט פאָטאָ־קאַרטלעך (ער איז א פאָטאָגראַף). מיר האָבן זיך אופגעהויבן אַף הילצערנע טרעפּ אין א באַ־שיידענער דירע, און איך האָב דערזען פאַר זיך א טיש מיט מענטשן, וואָס בלויז קעדיי זיך צוצוזעצן צו אזא טיש און א שמועס טאָן מיט די, וואָס זיצן אַרום אים, בלויז צוליב דעם אליין איז שוין קעדײַ געווען צו קומען פון מאָסקווע קיין מאָנטעווידעאָ.

מיט א יאָר פינף און פופציק צוריק איז א יונגערמאַן פונעם וואָלינער שטעטל כמעלניק, מאָרדכע דובינסקי, אָנגעקומען קיין אַרגענטינע. אין דרײַ יאָר אַרום האָט ער אַרויסגענומען אהין זײַן יונג ווײַבל כּײַע־סאָרע („איך

[1] אין מאָמענט, ווען די נאָטיצן ווערן פובליקירט אין א בוך־פאָרם, איז שוין מ. טשיזש ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז אין 1973 אומגעריכט געשטאָרבן אין עלטער פון פיר און פערציק יאָר.

האָב כאַסענע געהאַט קיין כמעלניק, — זאָגט זי, — און אָנגעשפּאַרט אַזש קיין בוענאָס־אײַרעס...״).

אין 1928 האָט כײַע־סאָרעס טאָכטער ראָכל כאַסענע געהאַט קיין אורוג־ווײַ פאַר שלוימע טשיזשן, און די מישפּאָכע האָט אָנגעשפּאַרט אַזש קיין מאָנטעווידעאָ. מייערס טאַטע איז דאַן אין דעם יונגן יישעוו געוועזן איינער פון די אָנפירער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. איצט, בא אָט דעם טיש, לאָזט זיך מייער ווילגיין און טרײַבט לייצאָנעס: ער טוט א ווונק אַפן טאַטן, וואָס איז אַלע יאָרן געווען און איז אויך אַף דער עלטער גע־בליבן א פּוללײַביקער („ווי א פּעטער בורזשוי״), און זאָגט מיט א פריי־לעך קאָל:

— די געפּאַר פאַר דער באַוועגונג אין די יאָרן, ווען ס'האָט געווילדעוועט דער עקאָנאָמישער קריזיס, די אַרבעטסלאָזיקײַט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין די רייען פון א הונגער־דעמאָנסטראַציע, לעמאָשל, האָט זיך באַ־דאַרפט באַווײַזן כאָווער שלוימע טשיזש, דער „פּעטער בורזשוי״, און שרײַען: „גיט אונדז ברויט! מיר זײַנען הונגעריק!..״

דער „פּעטער בורזשוי״ שמייכלט אונטער. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, נאָר צוזאַמען מיט זײַנע אַנשיי־האַדאָר האָבן ער און זײַנע כאַווײרים יאָ־קאָס אין יענע הונגעריקע טעג „אָפּגעשפּאָרט״ פאַר דעם הײַנטיקן דאָר א פּראָגרעסיווע טאָג־צײַטונג... שלוימע טשיזש דערמאָנט זיך, וויאַזוי אין איינעם א זומער־אָוונט פון 1934 האָבן זיך צונויפגענומען די, וועלכע זײַ־נען איצט שוין פאַרוועבט אין לעגענדעס — דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „אונדזער פרײַנט״ מוישע ריכטער, דער גרינדער פונעם ערשטן מאָנ־טעווידעער יידישן קולטור־צענטער „מאָריס ווינטשעווסקי״ באָרעך יאָפּע, דער שטענדיק פאַרהאָרעוועטער און פאַרהאַוועטער „באַלעבאָס״ פון רע־דאַקציע מוישע גאָלדבערג, און צווישן זיי אויך מוישע טשיזש, דער קו־מענדיקער מיטגליד פונעם ערשטן דירעקטאָריום פון „אונדזער פרײַנט״, — און מע האָט געפּאַסקנט קורץ און שאַרף: עס וועט זײַן א יידישע פּראָגרע־סיווע צײַטונג אין מאָנטעווידעאָ; מע טרעט צו אַרויסצוגעבן צוליב דעם ספּעציעלע אַקציעס צו 5, 10 און 25 פּעזעס; מע הייבט אָן פאַר „אונדזער פרײַנט״ שאַפן אַבאָנענטן...

— נו, איז טאַקע טשיקאַווע צו וויסן, — טוט א ווונק שלוימע טשיזש צו מייער טשיזשן, — וואָס וואָלט הײַנט געטאָן דער סיניאָר שעף־רע־דאַקטאָר, ווען דער „פּעטער בורזשוי״ וואָלט מיט דרײַסיק יאָר צוריק ניט צונויפגעקלאַפּט פאַר אים דאָס זיץ־בענקעלע אין רעדאַקציע? האַ?

דער סיניאָר שעף־רעדאַקטאָר האַלט אַף די הענט דאָס מיידעלע טאָמקע, דאָס אור־אייניקל פון כײַע־סאָרע פּאַסאַלי (אַזאַ איז איר וואָלינער מיידל־שער נאָמען). לעבן דעם סיניאָר רעדאַקטאָר פון דער יידישער צײַטונג זיצט א יונגע פרוי מיט אויסגעשפּראָכן אינדיאַנישע געזיכט־שטריכן, — זי הייסט אַלמאַ. זי איז א דערצויגלינג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אורוגווײַ. זי הייבט שוין אָן ביסלעכווײַז צו פאַרשטיין אייניקע באַ־זונדערע יידישע ווערטער. און אויב צו דעם אַלעם נאָך צוגעבן מייער טשיזשס מאַמע, וואָס איז ביז הײַנט אַקטיוו אין דער פרויען־באַוועגונג,

און א פעטער זײַנעם, וועלכער זיצט אויך דאָ באַם טיש, און א כאַוועד א יוגאָסלאַוו, אן אינזשעניער, וואָס קומט אַרײַן צו די טשיזשס און איז דאָ אן אייגענער מענטש, — אויב אָט אַזוי, פאַמעלעך, ניט געכאַפּט, א שמו־עס טאָן מיט יעדן איינעם פון זיי, וועט עפשער ניט סטײַען קיין טאָג מיט קיין נאַכט, אָבער דאָס בילד פון אורוגוויַ וועט זיך אויספורעמען גאַנץ אָנשוילעך...

ווען איך קלײַב זיך שוין אוועקגיין, טיילט מען מיר מיט די גרעסטע און די סאַמע אָפּגעהיטע באַ יעדן אין האַרצן יעדיע: צו אכציק יאָר איז די באָבע כײַע־סאָרע ארײַנגעטראָטן אין דער אורוגווייַער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר זאָל זײַן פאַר דײַן שטאָלץ האַרץ, כײַע־סאָרע די וואָלי־נערן...

מיט אייניקע טעג שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט באַקאַנט מיט דער פאַרצווײַגטער פּראָגרעסיווער אַרבעט אין „ייִדישן מאָנטעווי־דעאָ״ — מיטן פּרעכטיקן קולטור־פּאַלאַץ אָף זשיטלאָווסקיס נאָמען (מע רופט אים היימיש „דאָס מוישע־ריכטער־הויז״; אויסגעבויט איז דער פּאַ־לאַץ אָף די אָפּגעשפּאָרטע פּעזעס פונעם אַרבעטס־פאָלק); מיט דעם פּראָג־רעסיוון קולטור־צענטער אין מאָנטעווידעער ייִדישן שטאָט־ראַיאָן, וואָס טראָגט (פון שפּאַנישע, פאַרשטייט זיך, שפּראַך־וואָרצלען) דעם צופּעליק־קעגנזעצלעכן און דעריבער גוטמוטיק־שמייכלענדיקן נאָמען גאָיעס (גויִ־עס?); מיט דער צענטראַלער ייִדישער שול „דר. כאַים זשיטלאָווסקי״; מיט דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פרויען־באַוועגונג און יוגנט־און קאַדעטן־באַוועגונג; מיטן קולטור־קרײַז „שאָלעם־אַליכעם״, מיט דער ביכער־קאָמיסיע, ביבליאָטעק־קאָמיסיע, דראַמקרײַז און כאָר, — ווען איך האָב זיך מיט דעם אַלעמען געניטער באַקאַנט, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער פּראָגרעסיווער ייִדישער ייִשעוו אין אורוגוויַ איז א מוסטער סײַ פון געוויסער טראַדיציאָנעלקײַט (די באָבע כײַע־סאָרע), סײַ פון הײַנטצײַטי־קער פאַרפונדעוועטקײַט (פאַראַן דאָ אן אַנשטאַלט פון קעגנזײַטיקער הילף, אן אייגענער שפּיטאָל, א באַנק, און אַפילע... א „פּראָגרעסיווער בעַ־סוילעם״).

די ייִדישע רעאַקציע — א פּאַרזונקענע שיף

שטעלט אײַך פאָר אָף איין רעגעלע אַזאַ אידיליע: קיין אורוגוויַ קומט צו פאָרן פון מאָסקווע א גאַסט, און, ווײַל אורוגוויַ איז אורוגוויַ — Como el Uruguay no hay, טרעפט ער דאָ בלויז מענטשן פון גוטן ווילן, אַזעלכע, וואָס זיי זוכן ניט צו פאַרקלאַפּן מיט אויסגעדראָשענע, איינזײַטיקע פאָרווורפן דעם דיאַלאָג צווישן דעם גאַסט און דעם נײַגע־ריקן אוילעם.

נאָר אין אורוגוויַ איז דאָך אויך פאַראַן אַן „אייגענע״ ייִדישע רע־אַקציע. וואָס עמעס איז עמעס, זי איז, ווי איך האָב זיך איבערצײַגט, טאַ־

לאַנטלאָזער, איידער איר גלײַכן אין אנדערע לענדער פון דער „פרײַער וועלט", נאָר זי איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט און האָט אויך אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג.

וועגן דעם, פונוואַנען עס קומט ארויס די אורוגווײַער יידישע רעאַקציע, האָב איך, שוין נאָכן אומקערן זיך פון מײַן רײַזע, געפונען אַן ארטיקל — טאַקע אין דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט". דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער טוער קאַרלאָס לעוואָוויטש דערציילט, אַז נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן זײַנען צוזאַמען מיטן אימיגראַנטישן שטראָם געקומען קיין מאָנטעווידעאָ גווירים־אדירים און זייערע אידייִשע מעשאָרסים, וועלכע האָבן אפן נײַעם אָרט גלײַך גענומען זיך אײַנקויפן אין ייִכעס דורך מיטהעלפן דער דיקטאַטור פונעם דר. טעררא, וואָס האָט דאַן געווילדעוועט אין אורוגווײַ. „אָנגעזעענע ציִעניסטישע, אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע" קלאַל־יִיסראָעל־אַסקאָנים, — שרײַבט ק. לעוואָוויטש, — האָבן זיך אָפיציִעל פאַרנומען מיט מעסירע. זיי האָבן אַדאַנק דער מעסירע־באַשעפטיקונג באַקומען מעלוכע־פּאָסטנס און שפּעטער געהאָלפן צענזורירן ייִדישע בריוו, אָנגעוויזן אַף פּאָליטיש־פאַרדעכטיקע עלעמענטן..."

איז אָט, הייסט עס, פון וועלכע מעקוירים עס שטאַמען די הײַנטצײַטיקע „פּײַנע ייִדן", וועלכע קאָרטשען פון זיך מיליץ־יוישערס און שטאַדלאָנים פאַר די „געקריוודעטע" ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד...

אין נאָמען פון די „פּײַנע ייִדן" אין אורוגווײַ רעדט אַ „צענטראַל־קאָמיטעט", וואָס, פון איין זײַט, פאַראייניקט ער מיט גרויסע מאַטערנישן פיר שטאַרק פאַרשיידענע, צווישן זיך צעקריגטע קעהילעס: אַ ספאַרדישע, אַן אונגאַרישע, אַן אשקענאַזישע און אַ דײַטשישע, און פון דער צווייטער זײַט, איז ער אַליין אָפּהענגיק אין זײַן טעטיקײַט פונעם ציִעניסטישן אויבער־ראַט, וועלכער ווייסט אויך ניט, אַף וועלכער וועלט ער איז: די „פאַרטייען" און „גרופּירונגען", וואָס גייען אין אים ארײַן, האָבן אין זינען בלויז און אויסשליסלעך זייערע אייגענע אינטערעסן... דער דאָזיקער ביניען וואָלט זיך פּראָסט און פּאָשעט צעפאַלן, ווען די „פּײַנע ייִדן" וואָלטן ניט געווען סאָלידאַר צווישן זיך אין איין פונקט — אין פּײַנטשאַפט צום פּראָגרעסיוון נוסעך אין ייִדישן לעבן.

קורץ גערעדט, אין אורוגווײַ האָט קיין אידיליע אַף דעם גאַסט ניט געוואַרט.

דער גאַסט — דאָס בין איך, און, אַ צוגעוווינטער צו אָפטע צוזאַמענשטויסן מיט דער רעאַקציע, וואָלט איך עפּשער ניט גענומען דערציילן ספּעציִעל וועגן דעם אורוגווײַער וואַריִאַנט אירן, אָבער בײַם מײַן רײַזע קיין מאָנטעווידעאָ האָב איך דערפילט, ווי אָפּגעשוואַכט עס איז הײַנט די אַנטיסאָוועטישע ייִדישע רעאַקציע, ווי דעמאַסקירט זי איז אין רעזולטאַט פון דעם, וואָס פאַר די לעצטע פּאָר יאָר האָבן די פאָלקסמאַסן אָנגעהויבן צו באַקומען אַלץ מער און מער אינפאָרמאַציע פונעם ערשטן קוואַל וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, — דערפילט האָב איך עס באַשײַמפּערלעך בײַם מײַן רײַזע קיין אורוגווײַ, און וועגן דעם לוינט צו דערציילן.

געציילטע טעג פאַר מײַן אָנקומען אין מאָנטעווידעאָ האָבן די מאַנהיגים פונעם רעכטן לאַגער, פּילדערנדיק אין זייער צײַטונג „הײַנט" און דורך דער ראַדיאָ „קאָל ציון בעורוגווײַ" וועגן „סאָוועטישן רישעס און סינעס־ציון", געקלאָגט זיך, אַז עס ווערן קלוימערשט „געשטעלט שווער־ריקײַטן די קאָנטאַקטן". אויב אַזוי, האָט מען איצט געקאָנט דערוואַרטן אַ געוויסע באַפרידיקונג אויך אין יענעם לאַגער, אַף וויפל גופא דער באַזוך פון אַ ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער איז אַ קאָנקרעטער אויסדרוק פון קאָנטאַקטן. אָבער די רעאַקציאָנערע ייִדישע זשורנאַליסטן און קלאַל־טוער האָבן פּאַרקערעוועט גאָר אין אַן אַנדער זײַט. די צײַטונג „הײַנט" איז אַרויס מיט אַ דעקלאַראַציע פונעם „ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט" (ווי־דעראַמאָל וועגן „רישעס", „סינעס־ציון" אדג.). ווען אין צוזאַמענהאַנג מיט מײַן קומען איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אַף וועלכער עס האָבן זיך געמאָלדן די אַלגעמיין־אורוגווײַישע (פון אַלע ריכטונגען) און פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונגען, האָט דער „הײַנט", אַרויס־שטעלנדיק זיך אַף לײַטיש געלעכטער, געלאָזט וויסן, אַז, אַזוי און אַזוי, „ער וועט ניט גיין הערן", וואָס מע וועט אים דאָרט זאָגן, „ער וועט שוין בעסער פּאָרזעצן פּראָטעסטירן קעגן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם". נו, אַז אַ צײַטונג, ביפראַט נאָך אַ צײַטונג פון אַ „ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט", וויל פּראָטעסטירן, איז דאָך ניט שײַעך... אָבער אויסגעזען האָט עס, ווי מײַנער אָדער אײַערער אַ שאָכן וואָלט זיך אוועקגעשטעלט אונטער די פענצטער און געשריִען, אַז בא מיר אָדער בא אײַך אין שטוב קומען פאָר שלעכטע זאַכן, און ווען מיר גייען אַרויס צו אים אַף דער גאַס, קעדיי דערציילן, וואָס אין שטוב טוט זיך, פאַרשטעקט ער זיך די אויערן און זאָגט, אַז פון אונטער די פענצטער וועט ער אַלציינס ניט אוועקגיין, ער וועט ניט אופהערן שרײַען אַף דער גאַנצער גאַס, אַז אין שטוב בא אײַך צי בא מיר קומען פאָר שלעכטע זאַכן...

און דאָך איז עס פון סאַמע אָנהייב געווען אַ רעטעניש: וואָס קומט פאָר מיט דער ייִדישער רעאַקציע? עפּעס בעלעבעפּטשעט זי פּוסטע ווער־טער און מאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן אָנגעדרייט מעכאַניש שפּילעכל, וואָס טרייסלט זיך נאָך, בייס אַלע האָבן זיך שוין אָפּגעקערט פון דעם. אין די גרויסע לאָקאַלן פון מאָנטעווידעאָ נעמען זיך צונויף טאָגטעגלעך טויזנטער ייִדן, קעדיי אויסהערן דעם גרוס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד; אַף אָט די באַגעגענישן האָבן, ניט אָנפרעגנדיק זיך באַם „ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט", אַ פּלייץ געטאָן אויך די ציִוניסטיש־געשטימטע פּאָשעטע פּאָלקסמענטשן, און ער, דער „צעקאַ", שרײַט נאָך אַלץ: „איך וויל ניט הערן!..". ניט קענענדיק אויסבאַהאַלטן דעם ביזאָיען, האָט דער אַרויסגעבער פון דער באַלעבאַטיש־רעליגיִעזער וואָכנשריפט „מאָמענט" ב. מאַרגוליעס געמוזט אָנשרײַען אַף זײַנע קאָלעגן. אָט וואָס ער האָט געשריבן אין זײַן צײַטונג: „מיר האָבן זיך דערנידעריקט. עפּעס האָט עס אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים, עפּעס אַ פּאַכעד איז אונדז באַפאַלן, און מיר האָבן זיך פאַר אים אויסבאַהאַלטן... איז דאָס געווען אין אונדזער אינטערעס און צו אונדזער קאָנוועניענץ? וואָס פאַר אַ קאָשמאַר איז אונדז

באפאלן, אַז מיר זאָלן אזוי ציטערן פארן לפני מי אתה עומד?[1] לפי ענוות דעתנו[2], זײַנען מיר געווען ווײַט פון אויסגערעכנט צו זײַן. מיר האָבן מיט אונדזער מאכרים זײַן ווערגעליסן פּראקטישעס גאָר ווייניק דערגרייכט — און לאָמיר אויך מעגאלע־סאָד זײַן, — ס'האָט אף אים אויך גאָר ווייניק געווירקט".

יאָ, די אופירונג פון דער מאָנטעווידעער ייִדישער רעאקציע איז געווען א רעטעניש... ס'איז אָבער דורכגעגאנגען ניט קיין סאך צײַט, און דער שטויִנענדיקער אוילעם האָט זיך דערוווּסט די סיבע דערפון. פיל מענטשן האָבן אפילע ניט געגלייבט, אַז אזוינס קאָן געשען. אָבער ס'איז א פאקט: א באראטונג פון די ייִדישע ציִעניסטישע קלאל־טוער פון אורוגווײַ און פון די בירגערלעך־רעכטע מיטארבעטער פון דער ייִדישער פּרעסע אין אורוגווײַ האָט צונויפגערופן... די ייִסראָעל־אמבאסאדע. אף דער באראטונג (אין דער געבײַדע פון דער אמבאסאדע) האָט איינער פון די דיפּלאָמאטן פאָרגעלייענט א טעלעגראמע פון יערושאָלאיִם, פונעם ייִסראָעלדיקן אויסערן־מיניסטעריִום. דער אורוגווײַער ציִעניסטישער פּרעסע און דעם „ייִדישן צענטראל־קאָמיטעט" איז געמאכט געוואָרן א פאָרווּורף, פארוואָס זיי האָבן ניט אראָפּגעריסן די ערשטע קאָנטאקטן פונעם מאָסקווער גאסט מיט די ייִדן אין אורוגווײַ, און ס'איז באפוילן געוואָרן צו פּרוּוון אָרגאניזירן א באָיקאָט... די אָרטיקע רעאקציע איז געבליבן ווי צעמישט: קעדיי לאָזן אין גאנג די כײַרעם־מאשין, האָט ניט געסטײַעט קיין קויכעס, איז געבליבן אוועקצוגיין אין א זײַט, מאכן אן אָנשטעל, אַז מע זעט ניט, וואָס בא די מאָנטעווידעער ייִדן קומט איצט פאָר, און, פארוקנדיק דעם קאָפּ צווישן די קני, איבערכאזערן איינס און דאָס זעלבע: „מיר זעען ניט, מיר הערן ניט... מיר פּראָטעסטירן..."

האָט זיך עס געטאָן א ביסל אף דער „ייִדישער גאס" אין מאָנטעווידעאָ! מע האָט געלאכט אין די קולעקעס. און וואָס ווײַטער, האָט מען אלץ מער געלאכט. די רעדלפירער פון דער רעאקציע, פּריטשמעליעטע פון דער יערושאָלאיִמער טעלעגראמע, האָבן זיך פארשטעקט אין די פינצטערע ווינקלען, און דערווײַל האָט אין דעם מאָנטעווידעער זאל „פּאלאסיא דע גאליסיא" א טויזנטקעפּיקער אוילעם — פּראָגרעסיווע ייִדן און ציִעניסטן — אויסגעהערט א רעפעראט וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד; אין די מאָנטעווידעער פארנאכטן זײַנען העל באלויכטן געווען די פּראָגרעסיווע קולטור־הײַזער; שמועסן און באגעגענישן מיט דער יוגנט, אומאָפּהענגיק פון פּאָליטישע ריכטונגען, מיט די שול־קינדער, מיט די אקטיוויסטן פון דער „מוטואליסטא" (פארבאנד פון קעגנזײַטיקער הילף) זײַנען געווען געווידמעט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, די נײַע ווערק פון מאָסקווער, קיִעווער, טשערנאָוויצער, ביראבידזשאנער, קעשענעווער, ווילנער, אָדעסער שרײַבער, די קאָנצערטן פון די ייִדישע זינגער און טעאטער־אנסאמבלען אין סאָוועטנפארבאנד און, פארשטייט זיך, ווי א שטענדיקע גרונט־פראגע, דעם עקאָנאָמישן מאצעוו פון די סאָוועטישע ייִדן.

---

[1] ליפניי מי אטאָ אוימייד — פאר דעם, פאר וועמען דו שטייסט.
[2] לעפי אניוס דאָאטיינו — געמיינט: לויט אונדזער באשיידענער מיינונג.

אפן צווייטן טאָג נאָך מײַן אָנקומען קיין מאָנטעווידעאָ האָט מיך אין האָטעל באַזוכט דער דירעקטאָר פון דער היגער ראַדיאָ־טראַנסלירונג „קאָל ציִען בעורוגווײַ" און ארויסגעבער פון דער וואָכנבלאַט אף שפּאַניש „סעמאַנאַריאַ העברעאַ" יוסף יערוזאַלימסקי. זײַענדיק א געטרײַער דער־ צויגלינג פון דער טראַדיציאָנעל־ציִעניסטישער סוויווע, איז יערוזאַלימסקי דערצו נאָך א געשעפטסמאַן, א קלײַענט בא אָט דער סוויווע. דאָס באַ־ טײַט: אויב אין איין שיינעם טאָג זאָלן אף יערוזאַלימסקין אָנהייבן קוקן קרום די דייעזאָגער פון די קעהילעס און פונעם „יידישן צענטראַל־קאָ־ מיטעט", הערט ער גלײַך אוף צו באַקומען באַצאָלטע אַנאָנסן, אף וועלכע עס האַלטן זיך סײַ זײַן ראַדיאָ און סײַ זײַן וואָכנבלאַט, און דאָס באַטײַט אַן אומפאַרמײַדלעכן באַנקראָט פאַרן הער דירעקטאָר און ארויסגעבער. לויט דער נאַטור איז יערוזאַלימסקי גאָר קיין אָבסקוראַנט ניט, ער וויל, זעט אויס, אויך ניט האַנדלען מיט אַנטיסאָוועטיזם. אין דער זעלבער צײַט געדענקט ער, אז גוטן ווילן שמירט מען ניט אף ברויט, ווי פּוטער. קעדיי האָבן ברויט מיט פּוטער, זײַנען נייטיק געצאָלטע אַנאָנסן... אין יערוזאַ־ לימסקין האָב איך געזען אַן אופריכטיקן קעגנער. אין מעשעך פון אַן ערעך א וואָך צײַט פלעגט ער טאָגטעגלעך ארײַנקומען צו מיר און, אופּעפענע־ דיק דאָס קעסטל פון זײַן מאַגניטאָפאָן און אויסרעגולירנדיק די מאַשי־ נעריע, א זאָג טאָן מיט א ריין געשעפטלעכן טאָן:

— איז וועלן מיר, הייסט עס, פאַרזעצן די פּאָלעמיק אונדזערע...

מיר האָבן באַם מאַגניטאָפאָן ניט געלייענט פון א פּאַפּיר. מיר האָבן געשמועסט, געפירט א פּאָלעמיק, ווי א קאָמוניסט מיט א ציִעניסט, וועגן א ברייטן קרײַז פראַגן. מיר האָבן געשמועסט, און דאָס רעדל מיט דער לענטע באַם מאַגניטאָפאָן האָט זיך געדרייט.

בייס אונדזער ערשטער באַגעגעניש איז געוועזן אָפּגערעדט, אז מירן פאַרשרײַבן אַן אינטערוויו אף איין טעגלעכער טראַנסליאַציע, דאָס הייסט אף א שאָ צײַט. אף מאָרגן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין טויזנטער היימען פון די מאָנטעווידעער יידן האָט מען די פּאָלעמיק צווישן דעם סאָוועטישן קאָמוניסט און דעם אורוגווײַער ציִעניסט געהערט מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט, און עס האָבן זיך גלײַך א שאָט געטאָן באַקאָ־ שעס און פאָדערונגען, מע זאָל דעם שמועס פאַרזעצן. יערוזאַלימסקי, א פאַרכאַפּטער פונעם אינטערעס צו זײַן „אונטערנעמונג", איז געקומען ווידער צו מיר, און מיר האָבן געשמועסט, און דאָס רעדל מיט דער לענטע באַם מאַגניטאָפאָן האָט זיך געדרייט. בייסן פאַרענדיקן איבער־ געבן די צווייטע ראַדיאָ־שאָ אין עפּיר האָט יערוזאַלימסקי צוגעזאָגט די צוהערער א דריטע טראַנסליאַציע, און ווײַטער — א פערטע און א פינפטע...

נאָר... אין איינעם א טאָג איז יוסף יערוזאַלימסקי געקומען אין האָטעל א פאַרזאָרגטער, כאָטש ער האָט עס ניט שטאַרק ארויסגעוויזן. „די ווײַטערדיקע טראַנסליאַציעס, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר דער־ ווײַל אָפּשטעלן, אָבער מיר דאַרפן פאַרזעצן דעם שמועס און פאַרשרײַבן אים, ווײַל עס וועט דורכגיין א טאָג־צוויי, און מיר וועלן ווידער ארויס אין עפּיר".

די געצוווּנגענע פּאַוזע האָט יערוזאַלימסקי דערקלערט דערמיט, וואָס עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַנאָנסן, וועלכע ער מוז טראַנסלירן. ער קאָן ניט מיט פּאָליטיק פאַרנעמען די גאַנצע וואָך. אינדערעמעסן אָבער איז געווען אַן אַנדער סיבה: די אַנאָנס־געבער האָבן געדראָעט, אַז אויב „קאָל ציון בעורוגוויי" וועט פאָרזעצן איבערגעבן די שמועסן וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט דער הער דירעקטאָר יערוזאַלימסקי אופהערן צו האָבן ברויט מיט פּוטער. די ייִדישע רעאַקציע האָט אַ טופּע געטאָן אַף יערוזאַלימסקין מיטן פוס. דער דירעקטאָר פון „קאָל ציון בעורוגוויי" האָט פונדעסטוועגן פאָרגעזעצט קומען צו מיר אין האָטעלנומער, מיר האָבן געשמועסט און דעם שמועס פאַרשריבן. יערוזאַלימסקי איז אַלעמאָל געווען זיכער, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן די טראַנסליאַציעס ווידער איבערגעגעבן ווערן אין עפיר. נאָר דאָס זײַנען געווען בלויז גוטע האָפענונגען. אָנשטאָט פאָרזעצן, ווי עס איז עפנטלעך געמאָלדן געוואָרן, צו טראַנסלירן די פראַגן און ענטפערס וועגן די ווירקלעכע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט דער זעלבער יויסעף יערוזאַלימסקי איבערגעגעבן אין עפיר אַן אומגלייבלעכע לויט דער אַנטיסאָוועטישער טיפּשעס אַרויסטרעטונג פון איינעם אַ זעליק שאָשאַן — ניין, ניט קיין געזעלשאַפטלעכן טוער פון אורוגוויי, נאָר אַ צוגעשיקטן פון ייִסראָעל, אַ שעליעך פונעם טעל־אַוויווער מאַפּאַם אין מאָנטעווידעאָ. אַף וויפל די שאָשאַנס האָבן, אַזוי צו זאָגן, געזאָלט אונטערהאַלטן מיט זייער פײַער יענע געוויסע טעלעגראַמע פון יערושאָלאַיִם, איז, ווײַזט אויס, די מאַפּאַמישע אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטונג געווען פאַר יויסעף יערוזאַלימסקין אַ מין מעגלעכקײַט צו באַווײַזן, אַז נישקאָשע, די אַנאָנס־געבער מעגן זײַן רויִק, ווײַל „קאָל ציון בעורוגוויי" איז ניט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פונעם סאָוועטישן פּראָפּאַגאַנדיסט...

נו, און די ראַדיאָ־צוהערער, די מאָנטעווידעער ייִדן? זיי האָבן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, געשטוינט, צוקוקנדיק דעם ספּעקטאַקל, און, אַף וויפל אין אַזעלכע טרויעריקע סיטואַציעס איז שטענדיק דאָ ביזע־ביי־זאַיענדיקער קאָמיזם, האָבן זיי אויך געלאַכט...

בעקיצער, פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אורוגווײַער ייִדישער רעאַקציע קאָן ניט אַריבערטראָגן, ווען וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן דערציילט אַ סאָוועטישער ייִד, און ניט ער, דער מייליך־יוישער באַ דער לאַ־פּלאַטאַ. אַגעוו, ווען איך האָב אין אַ מעסיבע פון פרײַנט, אויסדריקנדיק אומצופרידנקײַט, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז פאַר די אָנפירער פונעם „ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט" פון אורוגווײַ וואָלט בעסער געווען צו פאַרנעמען זיך מיט אייגענע ייִדיש־אורוגווײַער איניאָנים, וועלכע זײַנען זיי מער באַקאַנט, איידער אונדזערע, סאָוועטישע, — האָט מען זיך איבערגעקוקט פאַרכידעשט:

— ביסט זיכער, אַז דער טערק ווייסט אונדזערע נויטן און דײַגעס?

איך האָב אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס גאָר אַ טערק? און מע האָט מיר דערציילט, אַז דער גלאַוונער מאַכער אין „צענטראַל־קאָמיטעט", טאַקע דער זעלבער, וואָס האָט בײַ מײַן קומען אין מאָנטעווידעאָ אָפּגעדרוקט אין „הײַנט" די דעקלאַראַציע וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אַ רײַכער ייִד פון טערקײַ, און געוויינלעך איז ער גאַנץ ווײַט פון ייִדישע בויטן אין אורוגווײַ.

אַ צופאַל האָט מיר ווידער דערמאָנט וועגן אָט דעם דאָזיקן קלאַל־טוער און זײַנע אינטערעסן. דאָס איז געווען אין יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אָף אַ שפּאַציר אין דער ריכטונג פון פּונטאַ דעל עסטע. פאָרנדיק מיטן ברעגלאַנד, האָבן מיר אונטערוועגנס אַרײַנגעקוקט אין דער עלעגאַנטער בײַשטאָטישער יאַטקע „דער שמייכלענדיקער אָקס", און וועלכער עס הענגט אַ פּילצוזאָגנדיקער פּלאַקאַט „בייגער אומזיסט", — און פון דאָרט האָבן מיר פאַרקערעוועט צו אַ פאַרבליבענער פון די אַלטע צײַטן ניט גרויסער פעסטונג „סאַנטאַ ראָסאַ" („די הייליקע ראָזע").

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. אויסער אַלע פאַרגעניגנס, וואָס איך האָב דאָ געהאַט, האָב איך נאָך באַקומען אַ פאַרשטעלונג, וויאַזוי מאָנטעווידעער ייִדן זעצן איבער פון שפּאַניש אָף ייִדיש. אָנווײַזנדיק אָף די אויסיעס, אויסגעקריצטע באַם אַרײַנגאַנג אין דער פעסטונג “Fortin — Santa Rosa”, האָט דער טומלדיק־פריילעכער פּראָגרעסיווער טוער זונדל זוץ, וואָס טיילט זיך אויס אין גאַנץ מאָנטעווידעאָ מיט זײַן שטאַלטנעקײַט און הויכן וווּקס, אַ פרעג געטאָן בײַ מיר:

— צי ווייסטו, וואָס עס באַטײַט Fortin?

און גלײַך אַליין געגעבן אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער:

— Fortin איז אָף ייִדיש Fortaleso... אַ, דו פאַרשטייסט ניט...

Fortin, Fortaleso... נו, מאַלענקאַיאַ קרעפּאָסט!..

— אַ קליינע פעסטונג, — האָב איך געזאָגט אָף ייִדיש.

— זעסטו דאָך... אַז דו ווילסט, קענסטו אַליין איבערזעצן פון שפּאַניש...

איז אָט, ווען מיר האָבן שוין ווי עס געהער צו זײַן באַקוקט די Fortin — Fortaleso — מאַלענקאַיאַ קרעפּאָסט — קליינע פעסטונג, זײַנען מיר אַוועק כאַפּן פרישע לופט אין דעם דערבײַיִקן וואַלד. און מע צערעדט זיך מיט אַן אָרטיקן מענטשן, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער באַלעבאָס פונעם וואַלד איז, — מיינט איר, ווער? — דער אָנפירער פונעם ייִדישן „צענטראַל־קאָמיטעט", דער „טערק".

גייען מיר אַרום אין דעם „טערקס" וואַלד — מיר, ייִדן פון אורוגווײַ און פון סאָוועטנפאַרבאַנד, און ריידן וועגן דעם, אַז מיסטאָמע האָט ער ספּעציִעלע סיבעס, צוליב וועלכע ער שענקט זײַנע טעג און נעכט דעם פאַרוואָרלאָזטן און פאַרגעסענעם ייִדישן פאָלק. עפּשער איז ער אַ פרומער ייִד, און ער וויל העלפן אומקערן די סאָוועטישע אַפּיקאָרסים צו ייִדישקײַט? דער מענטש, וואָס האָט אונדז דערציילט, וועמעס וואַלד דאָס איז, האָט געזאָגט שמייכלענדיק:

— קומט, וועל איך אײַך באַווײַזן, סאַראַ פרומער ייִד דער באַלעבאָס פונעם וואַלד איז...

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אַ שפּאַן פּופּציק, און באַם ראַנד וואַלד, דאָרט, ווו אַן אָפענע לאָנקע קומט אַרויס צום הייפּל פון דער „פּאָרטין סאַנטאָ ראָסאָ", האָבן מיר דערזען אַ קאַטוילישע גאַטסמוטער מיט אַ יעזוסל אַף די הענט. ווײַזט אויס, אַז דער „נאַציאָנאַלער ייִד", וואָס קעמפט פאַר ייִדישקייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וויל מיט דער הילף פון אָט דער קאַטוילישער הייליקייט צוגעבן טוריסטן כיישעק צו באַזוכן זײַן וואַלד, און עפּשער לוינט אים ביכלאַל צו זײַן אין מיסכער־איניאָנים אַ קאַ־טאָליק...

ריאָ דע לאַ־פּלאַטאַ — דער טײַך פון זילבער... אַמאָל פלעגט מען איבער אָט דעם גרויסן וואַסערוועג אַרויספירן פון באָליוויע און פּערו דעם טײַערן מעטאַל. הײַנט זײַנען פאַראַן מער צוגעפּאַסטע מיטלען דאָס צו טאָן. לאַ־פּלאַטאַ האָט פאַרלוירן איר זילבערנע ראָמאַנטיק.

און טאַקע, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַפן האָריזאָנט, פּונקט אַנטקעגן דעם מאָנטעווידעער האַפן, די טונקעלע קאָנטורן פון אַ האַלב־פאַרזונקענער שיף, איז מיר געקומען אַפן זינען, אַז דאָס איז עפּשער איינע פון יענע קיילעס, וועלכע האָבן זיך אונטערגעריסן די קרייזשעס, פּירנדיק פולע טריומען מיט שווערן זילבער, און דערנאָך, שוין אַ שטאַרק אָפּגעניצטע, געבליבן שטעקן באַם אַרײַנגאַנג אין האַפן.

נאָר דערוווּסט האָב איך זיך וועגן דער פאַרטרונקענער שיף גאָר אַן אַנדער געשיכטע. ניין, ס'איז דאָ ניטאָ קיין ראָמאַנטיק, אַפילע אַף קיין גראָשן ניט. אַן ענגלישער דאַמפּער, „קאַלפּעאָן סטאַר", אָנגעלאָדן מיט אורוגווײַער פלייש, איז צוריק מיט אַ יאָר זעקס אַרויף אַף אַ זאַמדבאַנק. דער דעמלטיקער מיטגליד פונעם רעגירונגס־ראַט און דירעקטאָר פון דער לאַנד־צײַטונג „דיאַ" פּאַטשעקאָ, אַן אויוועקבאָטל, איז אַרויס מיט אַ באַ־שולדיקונג, אַז דאָס האָבן די סאָוועטישע טראַולערס, וועלכע כאַפּן וואַל־פישן אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַרײַנגעהאַקט אַ מינע אין „קאַלפּעאָן סטאַר". פּאַטשעקאָ האָט געפאָדערט, אַז אורוגווײַ זאָל צערײַסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דעם „רוסישן אַגרעסאָר". גאַנץ מאָנטעווידעאָ אָבער, אויסער פּאַטשעקאָן, האָט געוווּסט, אַז די אַלטע שיף האָבן דערטרונקען אַליין די באַלעבאַטים אירע, קעדיי צו באַקומען אַ גרויסע פּויטעקע פאַר דער סטראַכאָווקע. די אײַנוווינער פון דער שטאָט וואָלטן זייער גיך פאַר־געסן אין אָט דער געשיכטע, וואָס איז אַזוי טיפּיש פאַרן קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ לענגערע צײַט האָט מען פון דער פאַרזונקענער שיף ניט אַרויס־גענומען דאָס פלייש, און וויפל מאָנטעווידעאָ האָט זיך ניט פאַרשטעקט די נאָז, האָט פון דער רייניקער לאַ־פּלאַטאַ זיך געטראָגן אַזאַ איפּעש, אַז מע האָט שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן. באַ די ברעגן פון דעם גרויסן טײַך האָט געעטעמט, געהאַרעוועט, געפרייט זיך און געליטן די וווּנדער־שיינע שטאָט, צו וועלכער עס פלעגן קומען און פון וועלכער עס פלעגן אָפּשווימען הונדערטער און הונדערטער שיפן, עס האָט זיך אַפילע געקאָנט דוכטן, אַז פאַרבײַגייענדיק לעבן דעם אָרט, ווו עס האָט געשטעקט די ווערעמדיקע „קאַלפּעאָן", האָבן די לעבעדיקע שיפן זיך אָפּגעקערט פון

איר, ווי פון א פייגער, — און זי איז געשטאנען און געוואַרט, ביזוואַנען געוואַגטע פּײַערלעשער צוזאַמען מיט סאַפּיאָרן האָבן אַרויסגעלאָזט פון איר אין דעם יאָגנדיקן וואַסער די פאַרפוילטע געדערים.

איצט שטייט „קאַלפּעאָן סטאַר" אַ פאַרגעסענע, אין אַ זײַט פון די קאָמוניקאַציעס. די מאָנטעווידעער קוקן שוין ניט אַפילו אין איר זײַט, און פרעגט נײַן און נײַנציק פּראָצענט היגע אײַנוווינער, ווער עס איז פּאַטשעקאָ, וועלן זיי ניט וויסן וואָס צו ענטפערן. די גאַנצע געשיכטע איז אַ פאַרס, און איך, אַ גאַסט, רייד וועגן איר בלויז דערפאַר, ווײַל „קאַלפּעאָן סטאַר" דערמאָנט מיר שטאַרק די מאָנטעווידעער יִידישע רעאַקציע, און עס ווילט זיך פרעגן באַ דעם אורוגווײַער יִידן:

„הער מיך אויס, טײַערינקער, ווען וועסטו שוין אַרויסוואַרפן דאָס טוכלע אַנטיסאָוועטישע „פליישׂ" פון די פאַרזונקענע טריומען פון „דײַן" יִידישער רעאַקציע?"

האָרנעראָ

צי ווייסט איר, וואָסער פייגעלע איז דאָס סאַמע אורוגווײַישע, דער אורוגווײַער וואָראַביי, אַזוי צו זאָגן? איך בין געגאַנגען אין דער פּאַמפּע און צו די ראַנטשאָס, קעדיי עס זען, און גלייבט מיר, אַז דאָס איז ניט קיין עקזאָטישער פויגל, ער האָט ניט קיין לאַנגן בלאָו־רויט־גרינעם צעפּעדערטן עק. ער הייסט האָרנעראָ, פונעם וואָרט האָרנאָ — אויוון. ער בויט זײַן נעסט נאָענט לעבן דעם מענטשנס היים, געוויינלעך אויף אַ סטויפּיקל פונעם פּלויט אָדער אויפן דאַך פון אַ ראַנטשאָ, ניט אין געדיכטע גרינע קרוינען, ווי אַנדערע פייגל. די נעסט בויט דער האָרנעראָ, ווען ער געפינט פאַר זיך אַ „זי", ער קלעפּט אויס פאַר זײַן קומענדיק געזינדל אַ היימעלע פון ליים, פעדערן, וואָל, טרוקענע צווײַגלעך, און די נעסט זעט אויס ווי אַ ליימענער דאָרפישער אויוון. אַליין איז דער האָרנעראָ אַ גרוי־ברוינלעכער, ווי די אויסגעטריקנטע ליים פון זײַן נעסט. האָרנעראָ, זאָלט איר וויסן, איז אַ האָרעפּאַשניק, דער גאַוטשאָ צווישן די פייגל. ווען איך טראַכט וועגן אורוגווײַער פאָלק, מאָל איך מיר אויס דאָס געשטאַלט פון אַ האָרנעראָ; ווען איך טראַכט וועגן האָרנעראָ, שטעל איך אים זיך ניט פאָר אָן אורוגווײַ.

פאַר די ווייניקע טעג פון מײַן רײַזע האָב איך זיך מאַמעש אײַנגעליבט אין די פּאַשעטע (גרוי־ברוינלעכע, ווי אויסגעטריקנטע ליים) מענטשן, וואָס האָבן אויסגעבויט זייער נאַציאָנאַלע נעסט צווישן בראַזיליע און אַרגענטינע. בראַזיליע איז מוירעדיק גרויס. אַרגענטינע איז מוירעדיק גרויס. אורוגווײַ איז דאָס קלענסטע לענדעלע אין לאַטײַן־אַמעריקע. אייניקע טײַנען אַפילו, אַז די ענגלענדער האָבן אַמאָליקע יאָרן צוגעטראַכט אורוגווײַ, קעדיי ניט לאָזן בראַזיליע זיך „צודריקן" צו אַרגענטינע. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן אין דעם „גרויסן צאָפּנדיקן שאָכן", אין אַמעריקע, וואָס טוט אַלץ, אַז דער „קליינער דאָרעמדיקער שאָכן", אורוגווײַ, זאָל זײַן פאַר אים אַ מין פּולוואַרק, וואָס אַרבעט אויס פליישׂ...

און ניט געקוקט אף אַט דער „איידעלער" ארומרינגלונג און אף דעם, וואָס אין מעשעך פון יאָרהונדערטער האָבן זיך אין אויסגעליטענעם לאַנד געהאלטן אין איין בײַטן קאָלאָניזאַטאָרן — שפּאַנישע אף פּאָרטוגעזישע און פּאָרטוגעזישע אף שפּאַנישע, ניט געקוקט אף דעם, האָט דער מענטש — דער האָרנעראָ — אופגעבויט זײַן נאַציאָנאַלע נעסט, און ער היט זי אָפּ און פאַרפולקומט זי.

די ספּעציפישע שטריכן פונעם אורוגווײַער פאָלקס־כאַראַקטער קאָן מען זען בא דעם גאַוטשאָ — באַם דאָרפס־מענטש, דעם אָנטרײַבער פון פי, וואָס איז געוויינלעך, ווי מע זאָגט אף ייִדיש, א מענטש אָן א גאַל — אפילע אין דער שפּראַך פונעם לאַנד האָט עס באַקומען אָן אָפּשפּיגלונג. ווען מע וויל זאָגן: „האָסט מיר געטאָן א טויווע", זאָגט מען: „האָסט מיר געטאָן א גאַוטשאַדאַ..."

דער גאַוטשאָ גייט ארום מיט באָרוועסע הארטע פּיס איבערן שטעכיקן ווילדגראָז פון דער פּאַמפּע. זײַן אייבערשטער מאַלבעש, די פּאָנטשאָ, וואָס דינט אים אויך פאַר א קאָלדרע, — דאָס איז א שטיק וואָלן צײַג מיט אָן אויסשניט אף דורכצושטופּן דעם קאָפּ. ער, דער גאַוטשאָ, האָט ליב זײַנע פאָלקס־זינגער — די פּאַיאַדאָרן. טאַנצן טאַנצט ער אונטערן אַקאָמפּאַנע־מענט פון א גיטאַרע און אונטערן געזאַנג פון זײַנע שכיינים. מע זאָגט, אַז ניט ווייניקער פון פופציק מינים טענץ האָט ער געטאַנצט: א סיִעליטאָ, ווען דער זינגער ווענדט זיך מיט זײַן ליד צום cielo — cielito (צום הימל — הימעלע), א פריילעכן ליבע־טאַנץ גאַטאָ, א פּעריקאָן, א מי־לאָנגאַ...

און דאָ אף אַט דעם אָרט פון מײַן באַשרײַבונג פונעם אורוגווײַער פאָלקס־כאַראַקטער, ווען איך רייד וועגן די טענץ פונעם גאַוטשאָ, וועל איך אָנקומען צו אָן איבערגעניצעוועט ייִדיש ווערטל: דער טאַנץ גייט ניט פאַר... דער מאַטע.

וואָס איז עס אזוינס — א מאַטע?

— קומט צו מיר ארײַן אויסטרינקען א מאַטע...

— פון א מאַטע זיך אָפּזאָגן — איז כילעל־האַשעם...

— מיר האָבן שוין מיט אים, גאָט צו דאַנקען, ניט איין מאַטע אויסגע־טרונקען...

א מאַטע איז א טרינקעכץ, בא די אורוגווײַער און אַרגענטינער — קימאַט אזא נויטווענדיקײַט, ווי ברויט, ווי זאַלץ, ווי לופט... אינמיטן שטאָט גייט ארום א באַיאָרטער מאַנצבל און האַלט אין דער האַנט א טע־פּעלע, אין וועלכן ס'איז מיט זודיק וואַסער פאַרגאָסן אָן אָנגעדרויבלטער געוויקס (מע רופט אים זשערבאַ). די דאָזיקע ביטערע „טיי" זופּט דער באַיאָרטער פּעטער, ניט ארויסלאָזנדיק פון מויל די באָמביליאַ — אזא טרײַבל מיט א פאַרברייטערטן עק, וואָס איז ארײַנגעשטעלט אין טעפּעלע.

זשערבאַ וואַקסט אין פּאַראַגווײַ. בא אונדז אין מאָסקווע קאָנט איר זי זען אין די אַפּטייקן — מע רופט זי „פּאַראַגווײַער טיי", און זי דינט (זאָלן מיר טויזנט מאָל מוכל זײַן די אורוגווײַער ווילע מענטשן, איך

בין ניט שולדיק אין דעם) אין דער מעדיצין פאר אן אָפּפיר־מיטל. ווען איך בין געקומען קיין מאָנטעווידעאָ, איז די טעמע נומער איינס דאָרט געווען די דראמאטישע יעדיִע, אז זשערבא איז ווידער טײַערער געוואָרן, דער אָרעמער מענטש וועט מוזן פארלייגן דאָס העמד פון לײַב, קעדיי קויפן פאר זיך זשערבא. און אויב איר ווילט וויסן, — האָט מען מיר גלײַך געמאָלדן, — איז די מײַסע דערפון אזא: ווען אין איין שיינעם טאָג זאָל פאראגווײַ אופהערן, כאָלילע, פארקויפן אורוגווײַ זשערבא, וואָלט אויסגעבראָכן א מילכאָמע...

ווי אומעטום, האָבן אויך דאָ די ייִדן איבערגענומען ניט ווייניק כאראקטער־שטריכן פון דער ארומיקער באפעלקערונג. אין אורוגווײַער פאָלק האָט ניט דער נאציאָנאלער אנטאגאָניזם קיין וואָרצלען. עמעס, פאראן דאָ פאר אויסלענדער א וואָרט „גרינגאָ״, וואָס האָט א בײַטאם פון ביטל. נאָר מע דארף וויסן, וויפל געברענטע צאָרעס די אויסלענדישע קאָלאָניזאטאָרס האָבן געבראכט די מענטשן אף דער לאַ־פּלאטא. פאר די ייִדן האָט דער גאוטשאָ ביכלאל ניט צוגעטראכט קיין ספּעציפישן נאָמען. ייִדן הייסן בא אים צערטלעך „רוסאָ״, פונקט ווי רוסן, טשעכן, ליטווינער, יוגאָסלאוון, פּאָליאקן.

איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר עס טוט מיר וויי, וואָס די ייִדישע אימיג־ראנטן אין אורוגווײַ האָבן אין די 20—30־ער יאָרן זיך ניט דורכגעשלאָגן צו דער פּאמפּע. דאָס הארץ זאָגט מיר אונטער, אז זיי וואָלטן געוואָרן גוטע שכיינים מיט די גאוטשאָס. צום באדויערן, האָט דאָס לעבן צוגעגרייט פאר די ייִדן אין אורוגווײַ גאָר אן אנדער גורל. געקומען זײַנען זיי אין א לאנד, ווו די ערד האָט שוין פארכאפּט דער לאטיפונדיסט און אין דער שטאָטישער עקאָנאָמיק איז געהאנגען איבערן קאָפּ די כמארע פון א שווערן קריזיס. האָבן זיי קיין אנדער ברייֵרע ניט געהאט און גענומען זיך צו די אלטע פּראָפעסיעס (גלײַך ווי מע וואָלט נאָך געלעבט אין די אמאָליקע שטעטלעך): מעלאָכע און קליינהאנדל.

אין מאָנטעווידעאָ האָט מען מיר דערציילט וועגן דער טרויעריקער פּיי־גור פונעם קאטשיוואטשניק, וואָס האָט אין דער ניט ווײַטער פארגאנגענ־הײַט פארפולט די ייִדישע גאס. אייניקע פון די עלטערע מענטשן זײַנען דאָ אין דער יוגנט געווען קאטשיוואטשניקעס. זיי פלעגן ארומגיין איבער די הויפן מיט א קויש סכוירע אפן בויך, און אף א געמישטן ייִדיש־שפּאנישן זשארגאָן פלעגן זיי מיט טרערן אין די אויגן פרווון אײַנריידן דעם אָרעמען אורוגווײַער, ער זאָל אײַנהאנדלען א מעציִע: שפּיגעלעך, צינד־מאשינקעס, זייף, העמדער, נאָדלען, טיכעלעך — מיט איין וואָרט „קאטשיוואטשעס״, קלייניקײַטן. ווען אזא וואנדערנדיקער לופטמענטש פלעגט, טופּענדיק מיט זײַנע אלפּארגאטאָס (לײַוונטענע שיך), זיך באווײַזן מיטן קויש בא א ראנ־טשאָ אין דער פּאמפּע, פלעגט שווער זײַן אים אונטערצושיידן פונעם גאוי־טשאָ, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָסביידע האָבן זיי ניט געזען איינער אינעם צווייטן קיין פרעמדע. זונדל זוץ, וואָס ווייסט, וויִאזוי מע רופט אלצדינג אָן אף רוסיש, האָט מיר געזאָגט, אז „עס וועט ניט

שאטן, אויב מע וועט קאטשיוואטשניקעס, לעמאָשל, אָנרופן „קאָראַביי־ניקעס״...

עטוואָס שפּעטער נאָך די קאטשיוואטשניקעס האָבן זיך באוויזן די „קלאַפּערס״ — אגענטן בא די אזויגערופענע קוועטניקעס (מער פאַרמעג־לעכע, איידער די קאטשיוואטשניקעס, אָבער אויך אז־אַך־און־וויי־סאָכרים, וועלכע האָבן פאַרקויפט סכוירע אָף קרעדיט). קעדייי „נעמען דעם קוינע״, פלעגן די אגענטן אָנקלאַפּן אין זײַן טיר. אכוץ די קאטשיוואטשניקעס, קוועטניקעס און קלאַפּערס, זײַנען בא די אורוגווײַער יידן נאָך געווען קאמבאלאטשניקעס. דאָס וואָרט נעמט זיך פונעם נאָמען פון דער „גאס פון דרײַ לאָמפּן״, ווו מע האָט געהאנדלט מיט אלטווארג.

דער קאטשיוואטשניק, דער קלאַפּער, — זיי האָבן שוין געהאט זייער אייגענעם פאָלקלאָר, זייערע מידעס, זייערע גענג, וואָס באוויזן, אז דאָס איז א טיפּיש אורוגווײַיש־ארגענטינישע דערשײַנונג — א יידישע לויטן כאראקטער און א גאוטשישע לויט דעם געמיט־צושטאנד. ווען דער מאָנ־טעווידער קאטשיוואטשניק וואָלט, פונקט אזוי ווי א געוויסער יעהופעצער לופּטמענטש, געהאט זײַן אייגענעם שאָלעם־אליי־כעם, וואָלט ער הײַנט עפּ־שער אויך, ווי זײַן פאָרגייער, געקומען פון מאָל צו מאָל אין שטוב ארײַן צו די זין און טעכטער פון די ערשטע אימיגראנטן און געמאכט זיי פריילעך און טרויעריק מיט א מײַסע וועגן דעם דורכגעלעבטן לעבן... די קאטשי־וואטשניקעס פון מאָנטעווידעאָ זײַנען אלס פּראָלעטאריזירטער עלעמענט ארײַן אין דער פּראָגרעסיווער באוועגונג צוזאמען מיט די יידישע האָלץ־ארבעטער, שטעפּער, בײַטלמאכער, שנײַדער.

אין מאָנטעווידעאָ ליגן בישכיינעס די יידישע און נעגרישע געטאָס. אנ־סינא, די נעגער־גאס, און אלוועאר, די אמאָליקע צענטראַלע גאס פונעם יידישן ראיאָן, זײַנען, ווי שוועסטער, ענלעך איינע אָף דער צווייטער. דער ארכיטעקטאָר רעוס האָט פאַרשטאנען, וואָס ער בויט... ביידע גאסן זײַנען אָפּגעטיילט פון דער שטאָט. זיי זעען אויס ווי גרויסע לענגלעכע הויפן. אין די פאַרנאכטן שיט ארויס די אָרעמקײַט אָף דער גאס — טאקע אזוי היי־מיש ווי אין א הויף. ביידע געטאָ־קווארטאלן הייסן „באריאָ רעוס״ („רעוי־סעס קווארטאל״; די נעגערן גיבן נאָך צו „דעל סור״: „רעוסעס קווארטאל אָף דאָרעם״, ווײַל דאָס איז א דאָרעם־געגנט פון מאָנ־טעווידעאָ).

אָף אלוועאר האָב איך זיך דערפילט, ווי אין אן אלטער טכום־שטאָט בא אונדז אָף דער אוקראַינע. פאזע דעם „שליאך״ (אזוי פלעגט מען דאָך רופן די אויסגעברוקירטע גאס אין שטעטל) שטייען מויערלעך מיט אָפּגע־קלאַפּטע געטינקעוועטע ווענט. קימאט יעדעס מויערל האָט א טויער — אָף ארײַנפאָרן מיט „פערד־און־וועגעלע״. אין די הויפן טריקנט זיך גרעט. בא די אינווייניקסטע ארײַנגאנגען — הילצערנע גאנעקעס.

און אָט איז די נעגער־געטאָ. איך בין אהער געקומען הארט פאר דער פײַערונג פונעם טאָג פון אומאָפּהענגיקײַט פון אורוגווײַ, וועלכער איז אויך

דער טאָג, ווען די אורוגווײַער רעוואָליוציע האָט באַפרײַט די נעגרען פון שקלאַפערײַ. די אייניקלעך פון יענע שקלאַפן אָרדענען אײַן אין אָט דעם טאָג קאַרנאַוואַלן.

אױף דער גאַס אַנסינאַ, טאַקע אינמיטן דער גאַס, האָט אַ כאַפּטע שוואַרצע ייִנגעלעך מיך אַרײַנגעשלעפּט מיט גוטמוטיקן צוטרוי אין זייער שפּיל אין פוטבאָל. אורוגווײַער, ווי באַוווּסט, רופט מען „פאַנאַטיקער פון דער לעדער־נער פּילקע". אין עטלעכע מינוט אַרום האָט „מײַן" קאָמאַנדע (איבער מיר אַוואַדע) פאַרשפּילט. איצט איז פאַרבליבן אַוועקצוגיין, נאָר די ייִנגלעך, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ „רוסאָ" און אַ „סאָוועטיקאָ", האָבן גענומען מיך אײַנריידן, איך זאָל קומען אױף זייער קאַרנאַוואַל. קעדיי שוין אײַנגאַנצן געווינען מײַן האַרץ, האָט איינער פון די נעגער־ייִנגלעך, דער סאַמע וווּקסיקער פון זיי, מיר דערציילט, אַז ניט ווײַט פון־דאַנען, סאַכאַקל אַ פּאָר קוואַרטאַלן ווײַטער, איז פאַראַן אַ גאַס דוראַזנאָ, ווו די ייִדן האָבן אויסגעבויט אַ „ליכטיקן מויער אױף צו לייענען און צו לערנען". און אַז זײַנע „קאַמפּאַניעראָ־רוסאָ" האָבן אַ פּאָר מאָל געבראַכט אים אַהינצו אױף אַ „יאָמטעוו פון געזאַנג".

ווען איך האָב געזאָגט די כעוורעלײַט, אַז, צום באַדויערן, פּאָר איך מאָרגן אַוועק פון מאָנטעווידעאָ און איצט מוז איך גיין טאַקע אַהין, אין „ליכטיקן מויער, וואָס די ייִדן האָבן אויסגעבויט אױף צו לייענען און אױף צו לערנען" — אין זשיטלאָווסקי־פּאַלאַץ, הייסט עס, האָבן זיי געמאָלדן, אַז דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, האָב איך טאַקע געזאָגט, נאָר אָפּלאָזן קאָנען זיי מיך ניט: זיי ווילן מיר כאָטש באַווײַזן, פון וועלכן הויף זיי זײַנען, און דאָס איז פינף שפּאַן פונדאַנען, אױף דער גאַס קואַריים, וואָס הייסט אַזוי נאָך אַ טײַך ערגעץ אין דער טיפעניש פון אורוגווײַ...

דעם הויף רעמלט אַרום פון דרײַ זײַטן אַ לאַנג צווייסטאָקיק געבײַ מיט אַ הילצערנער גאַלעריי, וואָס ציט זיך, ווי אַ באַלקאָן, אַרום דעם גאַנצן הויז אױף דער הייך פונעם צווייטן שטאָק. אַזעלכע אָרעמע הויפן הייסן קאָנוועטיזשאָ, דאָס הייסט אַ הויף, ענלעך אױף אַ מאָנאַסטיר. די קאָנווענ־טיזשאָ, וווהין מיר זײַנען געקומען, רופט זיך „מעדיאַ מונדאָ" („האַלבע וועלט"). און טאַקע, ווען איך און מײַנע כאַווײרים זײַנען אַרײַן אַהער, האָבן פון אַלע טירן, פון אַלע ליקן, פון אויבן און פון אונטן, זיך אַ שאָט געטאָן אַזויפיל פריילעכע קינדער און זקיינים, פרויען און מאַנצבלען, אַז עס האָט זיך געדוכט: אַ האַלבע וועלט קומט זיך דאָ צונויף.

עטלעכע שאָ האָב איך פאַרבראַכט אין „מעדיאַ מונדאָ". מיך האָט איבער־ראַשט די פרײַנטלעכע באַציִונג פון אָט די מענטשן, די אַריסטאָקראַטיש־קײַט, וואָלט איך זאָגן, פון זייער כאַראַקטער און דער נאַטירלעכער פּאַט־ריאָטיזם זייערער. ווען איך האָב זיך געזעגנט געזעגענען, האָט דער יונגער באָכער וואַשינגטאָן ריוויעראַ, דער זון פון דער אָפּראַמערן פונעם הויף, וועלנדיק פאַרגלעטן אַ ביסל פּאַר אַן אויסלענדישן שרײַבער די אָרעמ־קײַט פון זײַן לאַנד, געזאָגט:

— מיינט ניט, אַז גאַנץ אורוגווײַ לעבט אַזוי, ווי מיר...

אין א מיקראָוועלט פון דער צוקונפט

ווען עס קומט מיר אויס צו זײַן אין א קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, איז מיר טשיקאווע צוצוקוקן, וויאזוי די פּראָגרעסיוו־געשטימטע מענטשן שאַפן פאַר זיך א מין מיקראָוועלט פון דער צוקונפט. דאָס האָט זיך באַזונדערס גע־פּילט אָף די זיצונגען פון דעם „אורוגווײַער פאָלקס־קאָנגרעס", וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַלאַסיאָ פעניאראַל. וועגן דעם דאָזיקן קאָנגרעס, וועל־כער האָט געהאַט בולעטע אַטריבוטן פון פאָלקס־פּראָנט, האָט ניט ווייניק געשריבן די פּרעסע, און איך וועל בלויז זאָגן, אז ווען איך בין אַרײַן אין גראַנדיעזן לאָקאַל פון פּאַלאַסיאָ פעניאראַל, האָט דאָס בילד, וואָס איך האָב דערזען, מיר דערמאָנט די פאָלקס־סצענעס אָף גראַווירן פון די צײַטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָס פאָלק וואָלט א מאַך געטאָן אָף די אָפּיציעלע מאַכטהאָבער מיט דער האַנט און זיך צונויפגעקומען אין אָט דעם זאַל, פּראָקלאַמירנדיק א נײַעם טיפּ מאַסן־פּאַרלאַמענט, וואָס כאָטש ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין אַף צו דורכפירן שוין איצט אין לעבן זײַנע באַשלוסן, וועלן זיי דאָך אָפּן סאַמע ערנסטן און קאָמפּעטענטן אויפן באַהאַנדלט ווערן, ווײַל מיט דער צײַט וועלן גראָד די באַשלוסן רעגולירן דאָס לעבן פון דער אָריענטאַלער רעפּובליק אורוגווײַ[1].

דער שלאַל פאַרבן אין זאַל — די טראַנספּאַראַנטן, פענדעלעך, רויטע באַנטן, די פאַרשיידנקאָלירקע בלוזעס אָף די מענער, די היטעלעך, ווייערן בא די פרויען; די שײַן פון פּילצאָליקע פּראָזשעקטאָרן, די פּרײַזע פּאָזעס בא די מענטשן, וועלכע זײַנען געזעסן אָף שטולן, אָפּן דיל, געשטאַנען אין די דורכגאַנגען, לענגויס די ווענט און אָף די גאַלערייען; די טריבונע, ענלעך אָף אַן אָפּענער וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע, וואָס עמעצער האָט אוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן זאַל; די טעמפּעראַמענטפולע זשעסטן פון די רעדנער און דער איבערוף מיטן זאַל, דאָס אָפּטע פּאַטעטישע סקאַנדירן, — דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזט אַן אײַנדרוק, וואָלט איך זאָגן, פון א מאַכטהאָבנדיק פאָלק.

אַן ערעך דער זעלבער פאָלקס־גײַסט הערשט דאָ אויך אין דער ייִדי־שער פּראָגרעסיווער סוויווע. דער פּאָשעטער מענטש און זײַן מישפּאָכע לעבן זיך געזעלשאַפטלעך אויס אין א וועלט פון פּראָגרעס, באַוווסטזיניק איגנאָרירנדיק די בורזשואַזע קאַנאָנען. דער מאָנטעווידער האַרעפּאַשנער ייִד האָט ניט נאָר זײַן פּראָגרעסיווע צײַטונג, ניט נאָר דעם קולטור־פּאַלאַץ, די וועלטלעכע און דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, די פּראָגרעסיווע שול פאַר זײַנע קינדער, — ער פאַרמאָגט אויך, ווי עס איז שוין געזאָגט גע־וואָרן, אַן אייגענעם באַנק, וועלכער באַזירט זיך אָף גאָר נײַע יעסוידעס: יעדער אַקציע־האַלטער האָט איין שטים, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי ער

[1] Republica Oriental del Uruguay — די מיזרעך־רעפּובליק פון אורוג־ווײַ — דער אָפּיציעלער נאָמען פונעם לאַנד.

האָט אַרײַנגעלייגט אין באַנק איין פּעסאָ צי טויזנט. פֿאַראַן אויך אַן אייגע־נער שפּיטאָל. די נײַע געבײַדע זײַנע, וועלכע איך האָב באַזוכט, איז אויס־געבויט אַף די אָפּשפּאָרונגען פֿונעם פֿאָלק און איז פֿון מעדיציניש שטאַנד־פּונקט אַ מוסטער־אַנשטאַלט. פֿאַראַן אויך אַ „פּראָגרעסיוועס" בעסוי־לעם.

מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק האָב איך אין ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס" געליי־ענט אַ באַשרײַבונג פֿון אָט דעם הייליקן אָרט. „דאָ אין מאָנטעווידעאָ האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן באַשלאָסן זיך אָפּצוזונדערן פֿון דער ייִדישער רעאַק־ציע ניט בלויז באַם לעבן, נאָר צו ליגן אויך באַזונדער נאָכן טויט", — אַזוי הייבט אָן זײַן רעפּאָרטאַזש דער „פֿאָרווערטס"־זשורנאַליסט. ווײַטער קאָן ער שוין ניט אײַנהאַלטן דעם קאַס. ער דערזעט, אַז די אופשריפֿטן אַף די מאַצייוועס זײַנען „געשריבן מיט דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון דעם מאָסקווער „עמעס""; אַז — „אַף אַ צאָל מאַצייוועס זײַנען אויסגעקריצט גאָלדענע סערפּן מיט האַמערס און פֿון דעם גרעסטן טייל מאַצייוועס קוקן אַראָפּ די פּענעמער פֿון די אַוועקגעגאַנגענע כאַווייריםאון כאַווערטעס..." און דער „פֿאָר־ווערטס"־זשורנאַליסט איז זיך מוידע: „איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום די אַלייען פֿון דעם דאָזיקן פּאָליטישן בעסוילעם... און אָנשטאָט געפֿילן פֿון נאַ־טירלעכן טרויער, האָב איך געהאַט געדאַנקען, וואָס זײַנען געווען מער פּאָ־ליטיש, ווי פֿילאָסאָפֿיש"...

יאָ, פּאָליטיק איז אומעטום... אָט איז אַ בוילעטער בײַשפּיל פֿון פּאָלי־טישן קאַמף אַרום דער מאָנטעווידעער „געזעלשאַפֿט פֿון קעגנזײַטיקער הילף" („מוטואַליסטאַ") און איר באַנק.

ווען איך בין צוזאַמען מיט איינעם פֿון די פֿינף דירעקטאָרן פֿון דעם באַנק, לייבל סטאָלאָוויטש, און מיט כאַנען, זײַן פֿרוי, געקומען אַף דער גאַס דאַמינגאָ־אַראַמבורו און בין אַרײַן אין קאַבינעט, ווו עס האָבן געוואַרט אַף אונדז דער פֿאָרזיצער מיילעך אַלטמינץ, דער סעקרעטאַר שייע פֿורמאַן און די אַנדערע אָנפֿירער פֿון אָט דעם אַנשטאַלט, האָב איך דאָ געטראָפֿן אַזאַ געשעפֿטלעך־רויִקע אַטמאָספֿער, אַז עס האָט זיך געדוכט: אַ באַנק ווי אַלע בענק, פֿון קיין ווינטן און זאַווערוכעס ווייסט מען דאָ ניט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ באַלערעוודיקן עפּיזאָד.

אַלעמאָל, ווען עס קומען פֿאָר וואַלן אין דירעקטאָראַט פֿון דעם באַנק, קערן די ציִעניסטן די וועלט אַף צו פֿאַרכאַפּן אים. צוריק מיט אַ יאָר פֿינף האָט די רעאַקציע, באַקומענדיק אין איר רעשוס אַ ליסטע פֿון העכער 50 אַקציע־האַלטער, זיך דערשלאָגן, אין העסקעם מיטן סטאַטוט פֿון דעם באַנק, אַז עס זאָלן דורכגעפֿירט ווערן אויסעראָרדנטלעכע וואַלן פֿונעם דירעקטאָ־ראַט. ביז הײַנט געדענקט מען נאָך אין מאָנטעווידעאָ יענע פֿאַרביטערטע שלאַכטן צווישן צוויי שטרעמונגען אין ייִדישן לעבן. אין מעשעך פֿון דער גאַנצער נאַכט פֿון די וואַלן, פֿון זיבן אָוונט און ביז זיבן אינדערפֿרי, איז אַן אוילעם פֿון עטלעכע טויזנט מענטשן געשטאַנען אונטערן רעגן און געוואַרט אַפֿן רעזולטאַט פֿון די וואַלן. ווען מע האָט געמאָלדן, אַז געזיגט האָבן ווידער

די פראָגרעסיווע, האָט זיך אופגעהויבן אזא „הורא“, אז די פּאָליציי האָט, ווי מע דערציילט, ארויסגעפּאָדערט א צוגאָב־אָטריאַד אף דער גאַס דאָ־מינגאָ־אַראַמבורו...

מיט מענטשן פון גוטן ווילן אף דער „בירגערלעכער זײַט“

ניט געדעכט זײַנען יענע, וואָס טײַנען, אז א מענטש פון גוטן ווילן, וועלכער האַלט זיך פונדעסטוועגן אף דער רעכטער זײַט פון דער באַרי־קאַדע און גייט ניט אוועק פון דאָרט, איז א באַלעבעסל. ניין, דאָס איז ניט אזוי. איך האָב געזען ניט ווייניק אזעלכע מענטשן — און אלע זײַנען זיי וויסנדאָרשטיקע, זוכנדיקע, אלע זײַנען זיי אין וועג צו א נײַער וועגדונג, און גייענדיק, שטרעקן זיי אויס פאַרויס די הענט און זוכן אן אָנשפּאַר, און אף זייערע פּנעמער איז צו זען אקשאָנעס און אנטשלאָסנקײַט. מע דאַרף געדענקען, אז די פּראָפּעסיאָנעלע רעכטע פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע טאַקע צווישן זיי, צווישן די זוכנדיקע. א מענטש פון גוטן ווילן אף דער „בירגער־לעכער זײַט“, אויב ער וויל גיין צו נײַע אנטפּלעקונגען, דאַרף אין סאַמע אָנהייב מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען אף ארויסבאַפרײַען זיך פון אונטערן פּרעס פון פּראָפּאַגאַנדיסטישן שאַנטאַזש, און צוליב דעם זוכט ער אינפאָר־מאַציע, זוכט אָפענע דיסקוסיעס מיטן צאַד־שעקענעגעד, סטאַרענדיק זיך ניט נאָר ריידן, נאָר אויך הערן, הערן, הערן...

וועגן א פּאָר באַגעגענישן אין אורוגווײַ מיט אזעלכע מענטשן וויל איך דערציילן.

אין מאָנטעווידעער „פאַקולטעט פאַר הומאַניסטיק און וויסנשאַפט“ (אן אומאָפּהענגיקער אקאַדעמישער אנשטאַלט) האָב איך פאַרבראַכט א שאָ צי מערער מיטן דעקאַן דר. ראָדאָלפאָ טאַליטשע, א באַוווּסטן ביִאָלאָג.

דר. טאַליטשע רעדט ניט ווי א לינקער. ער אײַלט זיך ניט גלייבן אין דעם, וואָס איך זאָג אים. זייער אָפט שמייכלט ער אונטער, און דאָס איז בא אים, ווײַזט אויס, אן אויסדרוק פון דערווידערונג.

דר. טאַליטשע איז ניט קיין ייִד. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך, ווײַל ס'איז אים שטאַרק נייטיק געווען אויסקלאָרן עטלעכע יידישע פראגן. ווען מיר ווערן א ביסעלע היימישער, זאָגט ער אָפנהאַרציק:

— איר ווייסט, אַרום ייִדן קאָן אָפּלעקן א ביינדל ווער עס וויל... פאַ־ראַן א טראַדיציע צו זען אין דעם ייִדן א באַליידיקטן און געקריוודעטן. אויב איך, לעמאָשל, האָב א שעם פון א מענטשן מיט א גוט האַרץ, קומט מען צו מיר און מע לייגט מיר פאָר זיך אָנשליסן צו די, וואָס פאַרטיידיקן ייִדן. פון וואָס פאַרטיידיקן? פון וועמען פאַרטיידיקן? ניט וויכטיק! טאָמער פאַלט מיר אײַן צו צווייפלען, אז מע באַליידיקט זיי טאַקע, די ייִדן, און איך בעט עס מיר דערווײַזן, איז דאָס אליין שוין א סימען, אז מע האָט

אין מיר געהאַט אַ טאָעס, איך בין אַ מענטש מיט ניט קיין גוט האַרץ...

איך זאָג דעם הער דאָקטאָר, אַז אַזאַ קוק אויף ייִדן ווי אויף אַ פֿאָלק, וואָס ראַק מע דאַרף עס פֿאַרטיידיקן, באַליידיקט אונדז. ראַדאָלפֿאָ טאַליטשע איז זיך מודה:

— איר געדענקט מיסטאָם, אַז מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט מען אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ דורכגעפֿירט אַ קאָנפֿערענץ וועגן דער לאַגע פֿון די סאָוועטישע ייִדן. בין איך אויך שיר ניט אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אַהין...

— יאָ, יאָ, — זעצט ער פֿאָר, — מע פֿלעגט קומען צו מיר פֿון ריאָ און דערציילן, ווי ביטער ס'איז די ייִדן אין מאָסקווע, מע פֿאַרפֿאָלגט זיי... איר ווייסט ניט, אַז ייִדן פֿאַרפֿאָלגט מען? איר ווייסט ניט וועגן שפּאַנישן גייַ־רעש? וועגן דרייפֿוסן און בייליסן? וועגן קעשענעווער פּאָגראָם? וועגן היט־לערס מײַסים? און איצט האָט דאָס רעדל זיך אַזוי אַ דריי געטאָן, אַז מע מוז דרינגענדיק פּראָטעסטירן קעגן די באָלשעוויקעס... אַן ערעך אַזאַ איז געווען די לאָגיק בא די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ אין ריאָ־דע־זשאַניירע. מע פֿלעגט נאָך צוגעבן, אַז דער נאָמען גופֿא פֿון דעם אינסטי־טוט, מיט וועלכן איך פֿיר אָן, שליסט אײַן דאָס וואָרט „הומאַניזם", און פֿון דעם איז געדרונגען, אַז איך מוז זיך אָנשליסן אין די פּראָטעסטן, קומען אויף דער קאָנפֿערענץ...

— וואָס זשע האָט איר געענטפֿערט, דר. טאַליטשע?

— איך האָב געלאָזט וויסן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ, אַז בא אַזעלכע פּרעסט, ווי אין קאַלטן קריג, וועלן ניט אָנוואַרעמען אונדזערע שטיבער די טרישטשענדיקע שײַטערס, וועלכע מע צעלייגט אויף אָפֿענע פֿלעצער, און אַז דער הומאַניזם איז ניט קיין שײַטל האָלץ, וואָס מע קאָן עס אַ וואָרף טאָן, קעדיי אונטערהאַלטן די שײַטערס... איך האָב געענט־פֿערט, אַז איך וועל גיין בלויז אויף אַזאַ קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער עס האָבן דאָס וואָרט ביידע צדדים... צי האָט מען פּינקטלעך איבערגעגעבן מײַן ענטפֿער דעם סענאַטאָר שטיינברוק, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער קאָנפֿערענץ, צי ניט, ווייס איך ניט און עס אַרט מיך גאָר ווייניק...

ווען דר. טאַליטשע האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿונעם בראַזיליער סענאַטאָר אַהאַראָן שטיינברוק, האָב איך זיך דערמאָנט אין איינער אַ געשיכטע.

דאָס איז געשען שוין נאָך דער קאָנפֿערענץ וועגן די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע עס האָבן צונויפֿגערופֿן אונדזערע מיליך־יוישערס אין ריאָ־דע־זשאַניירע. קיין מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ בראַזיליער דעלעגאַציע פֿון פּאַרלאַמענטאַריער. איר אָנפֿירער, סענאַטאָר שטיינברוק, האָט ניט געקאָנט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ניט באַזוכן די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", ווײַל זײַן מאַמע, וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי אים באַגלייט אין דער רײַזע, איז אַ לייענערן פֿון אָט דעם זשורנאַל. און וועלנדיק שוין גאָר אינגאַנצן מיך מאַכן גליקלעך, האָט דער סענאַטאָר אויסגעשריִען מיט ענטוזיאַזם:

— איך בין, זײַט וויסן, געווען פּרעזידענט פון דער קאָנפערענץ אין ריאָ לעטויוועס די רוסישע ייִדן!

ס׳איז מיר געווען א שאָד צו אנטוישן דעם כאַשעוון גאסט. מע האָט אים אײַנגערעדט, אז די סאָוועטישע ייִדן וואַרטן מיט אומגעדולד, עס זאָלן זיך אין ריאָ־דע־זשאַניירא, און טאקע לויט דער אײַנלאַדונג פונעם סענאטאָר שטיינברוק, צונויפקומען וואָס מערער וויכטיקע פּערזענלעכ־קײַטן, און די טעמע פון זייער שמועס זאָל זײַן: וויאַזוי ראַטעוועט מען די סאָוועטישע ייִדן. ווען איך האָב געזאָגט דעם סענאטאָר, אז ער איז, לויט אונדזער מיינונג, פאַשעטע אויסגענוצט געוואָרן מיצאַד פּראָ־פעסיאָנעלע אנטיסאָוועטשיקעס, איז ער אזש אונטערגעשפּרונגען אף זײַן אָרט:

— מאמע, האָסט דאָך אויך אזוי געזאָגט!

דעם סענאטאָרס מאמע האָט פאַריכט אונטערן שאלכל די גראָווע האָר און געזאָגט אף אונדזער אוקראַיִנישן ייִדיש:

— ער וועט מיין אזיי נישט טין...

אף מאָרגן, ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין זאַל, ווו דער אויבער־סאָוועט פון פּסטר האָט אײַנגעאָרדנט אַן אופנאַם לעקאָווועד דער פּאַרלאַ־מענט־דעלעגאַציע פון בראַזיליע, האָט דער סענאטאָר שטיינבּרוק שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זײַן רעדע. שפּעטער האָבן מיר זיך גענומען דורכשמועסן און ניט באַמערקט, ווי עס האָט לעבן אונדז זיך אָפּגעשטעלט דער מאַרשאַל בודיאָני און א פאַרכידעשטער געזאָגט:

— יא סלישו יעווריי־סקויו רעטש... (איך הער ריידן ייִדיש...).

איך בין ניט אָרעוו, צי כ׳וועל אינגאַנצן פּינקטלעך איבערגעבן דעם ווײַטערדיקן געשפּרעך, נאָר בעערעך איז עס געווען אזוי.

דער סענאטאָר שטיינבּרוק האָט געבעטן, איך זאָל זאָגן בודיאָנין, אז, צום באַדויערן, ריידן מיר וועגן קאַלטן קריג צווישן ייִדן...

סעמיאָן מיכײַלאָוויטש האָט געזאָגט מיט האַרץ:

— איך געדענק א סאך ייִדן אין מײַנע רײַטער־קאָרפּוסן, און כ׳ווייס אויך די ייִדישע סאָלדאַטן און אָפיצערן איצטער. ייִדן שלאָגן זיך גוט דעמלט, ווען עס פירט א מילכאָמע דאָס סאָוועטישע פאָלק... אָבער צום קאַלטן קריג... איך צווייפל, אז ייִדן זאָלן האָבן צו אים א נייגונג!

ווי ער זאָל וועלן, אז דער סענאטאָר זאָל בעסער אַרײַנדרינגען אין די ווערטער, האָט ער פאָרגעזעצט עטוואָס לאַנגזאַמער:

— ייִדן ווייסן גוט, אז אויב דער קאַלטער קריג וועט ווערן א הייסער, וועלן דאָס קאַפּאָרע־הינדל ווידער זײַן זיי... אָ, דאָס ווייסן מיר אלע זייער גוט, און מיר ווילן דאָס ניט... מיר וועלן עס ניט דערלאָזן.

...און נאָך וועגן א מענטשן פון גוטן ווילן (ווי עס דוכט זיך מיר אויס), וועלכער געפינט זיך אף דער „בירגערלעכער זײַט“, — וועגן דעם באַוווּסטן אורוגווײַער זשורנאַליסט מאַוריסיאָ מילער — ווילט זיך מיר אינקורצן דערציילן.

מילער איז א רעדאקטאָר פון איינער פון די פּאָפּולערסטע אין לאַטײַן־אַמעריקע ליטעראַריש־פּובליציסטישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע

אויסגאבעס — „מארטשא״ („גאנג״), א וואָכנשריפט, וואָס פּראָקלאַמירט איר פּאָזיציע אלס פּרייע פון צײַט־ווייענישן.

מאוריסיאָ מילער האָט מיך אָפּן צווייטן טאָג פון מײַן זײַן אין אורוג־וויי פארבעטן „אויסטרינקען א קאַוועלע״ אין א „נייטראַלן האָטעל״. מיר האָבן זיך געטראָפן, געטרונקען שווארצע קאווע. מילער האָט געקוקט אף מיר, איך אף אים. דער ערשטער רעזולטאַט איז געווען אָט א וועל־כער: מאוריסיאָ מילער האָט געמאָלדן, אז ווי אים דוכט זיך, בין איך גאָרניט אזוי געפערלעך, ווי די מאָנטעווידעער ציוניסטן מאָלן מיך אויס (כ'האָב פארגעסן צו זאָגן, אז מאוריסיאָ מילער, כאָטש ער איז א זשור־נאַליסט פון, אזוי צו זאָגן, אלורוגווייער מאסשטאב, רעדט דאָך וועגן זיך ווי וועגן א ציוניסט).

מילער האָט ניט געלייקנט, אז ער האלט מיך אין דערלערנען, קעדיי שפּעטער ארויסטראָגן דעם פּסאק־דין. איך האָב אויך ניט געלייקנט, אז איך האלט אין דערלערנען מילערן. קוידעמקאָל, — האָט מילער געזאָגט, — דאַרף ער פעסטשטעלן, וואָס איך האָב די ווערט אלס דיכטער און צי דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז טאַקע א יעש פון פּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. אין מעשעך פון אַן ערעך א וואָך צײַט פלעגט ער רעגולער ארײַנקומען צו מיר אין האָטעל, נעמען בא מיר אלטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד״, פארוואַרפן מיך מיט פראַגעס, ניט פארשרײַבנדיק גאָרנישט, נאָר ארײַנקוקנדיק מיר טיף אין די אויגן ארײַן. ער פלעגט באזוכן די מאָסן־אָוונטן, אף וועלכע איך בין ארויסגעטראָטן, און דאָרט, האָב איך באמערקט, האָט ער שוין עפּעס יאָ פארשריבן... אין איינעם א פארנאַכט האָט מאוריסיאָ מילער מיך פארשלעפּט צו זיך אהיים, ווו איך בין אומגעריכט ארײַנגעפאלן אין א געזעלשאַפט, וועלכע מע קאָן, לויט איר פּאָליטישן ספּעקטער, אָנרופן די אורוגווײַער יידישע געזעלשאַפטלעכקײַט אין מיניאַטיור. נעבאַמע מילער, די יונגע פריילעכע באַלעבאָסטע, איז א טאָכטער פונעם מאָנטעווידעער הויפּט־ראַוו מילעווסקי. אירע געסט זײַנען געווען, פון איין זײַט, די פּראָגרעסיווע טוער מייער טשיזש, זונדל און עסטער זוץ; פון דער צווייטער זײַט — דער טאָלעראַנט־אײַנגעהאַלטענער ארויסגעבער פון דער רעליגיעזער וואָכנבלאַט „דער מאָמענט״ בערל מאָר־גוליעס און דער אָנגעשטעלטער אין פּאַלעסטיניש־אורוגווײַער באַנק פימא ווייצמאַן, א גרויסער באַלן צו זאָגן מעווינעס אף אלץ, וואָס „שמעקט סאָוועטיש״; מאוריסיאָ מילער אליין און זײַנער א ברודער — א מענטש מיט פארשטאַנד פאַר די פּראָגרעסיווע טענדענצן —ביידע זײַנען זיי געווען דער „מיטן״, דער „דריטער קויעך״ אף אָט דער היימישער באַגע־געניש, וואָס האָט זיך געצויגן א גאַנצע נאַכט.

אין דער „מאַרטשאַ״ איז מילער ארויס מיט אַן עסיי וועגן אונדזערע באַגעגענישן. דער נאָמען פונעם עסיי איז א גאַנץ כאַראַקטעריסטישער — „א דיכטער אָדער א קאָמיסאַר, וואָס זוכט דעם דיאַלאָג״.

מאוריסיאָ מילער שטרײַכט אונטער, אז, רעדנדיק וועגן דעם דיאַלאָג, האָט ער מוירע, מע זאָל אים ניט כוישעד זײַן „פון ביידע זײַטן״, — אז ער דינט „אָדער וואָל־סטריט, אָדער דעם קרעמל״. דעם שטורעם פון ספּייקעס אין דער נעשאָמע פונעם פּראָמינענטן אורוגווײַער זשורנאַליסט

האָט אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען איינגעשטילט — טרעפט ווער? „מײַן שוויגער",— באַמערקט אין קלאַמערן מאַוריסיאָ מילער (ער רעדט דאָ וועגן דער רעבעצן מילעווסקי), — מײַן שוויגער רופט מיך אָן „פּאַרעווע". זי האָט אין זינען אַ מיטלפּונקט אין דער שטרענגער רעליגיעזער יידישער קיך, וואָס טיילט אָפּ פליישיגס פון מילך; עס איז ניט קיין שלעכטע מעטאַפאָרע פאַר דעם טערסעריזם (פאַר דער דריטער פּאָזיציע צווישן מיזרעך און מײַרעוו)..."

ווען דאָס וואָלט געזאָגט ניט מאַוריסיאָ מילערס שוויגער, נאָר איך, וואָלט מען מיך געקאָנט באַשולדיקן אין אויסנוצן די שטרענגע רעליגיעזע יידישע קיך אין פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן. נאָר איך זאָג עס ניט. איך זאָג, אַז דער זוכנדיקער, סימפּאַטישער מאַוריסיאָ מילער איז אַ מענטש פון גוטן ווילן, און גוטער ווילן האָט ניט ליב זיך צושפּאַרן אָף לאַנג צו יענער זײַט פון דער באַריקאַדע.

צי בין איך טאַקע ניט געווען אין אַרגענטינע?

ס'איז נאָך אַ גרויסער סאָפעק, צי איך בין טאַקע אַפּאַנעמעסן ניט געווען אין אַרגענטינע. כאַפּט זיך ניט מיט אײַערע אויספירן, ווײַל, צוריק גערעדט, קאָן זיך אַמאָל אַרויסווײַזן, אַז איך בין דאָרט יאָ געווען...

די אײַנלאַדונג האָב איך דערהאַלטן גלײַך נאָך מײַן קומען קיין מאָנטעווידעאָ. ווײַטער האָבן די געשעענישן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַזוי.

אין יענע טעג האָט דער סאָוועטישער געזאַנדטער סערגיי ראָמאַנאָוויטש סטריגאַנאָוו זיך געקליבן צו פאַרלאָזן אורוגווײַ, ווײַל ס'איז שוין געווען פאַרעפנטלעכט אַן אוקאַז וועגן אַריבערפירן אים אָף אַן אַנדער אַרבעט. אָף דעם אָפּשייד־אָופּנאַם אין דער געזאַנדשאַפט האָב איך, צווישן אַנדערס, דערציילט דעם געזאַנדטן פון אַרגענטינע, וועלכער איז דאָ בײַגעווען, וועגן דער אײַנלאַדונג. ער האָט, שמייכלענדיק פרײַנטלעך, עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: „מיר וועלן זײַן צופרידן... מיר וועלן זײַן צופרידן"...

אָף מאָרגן זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער אַרגענטינער געזאַנדשאַפט די נייטיקע פּאַפּירן מיט אַ באַקאַשע אַרויסגעבן מיר אַן אַרײַנפאָרוויזע קיין בוענאָס־אײַרעס. די געזאַנדשאַפט האָט מיט דער גרעסטער אָפּעראַטיווקײַט צוגעשיקט... אַן אָפּזאָג.

שפּעטער האָב איך דורכגעלייענט אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" אַ בריוו, צוגעשיקט פון אַ בוענאָס־אײַרעסער לייענער א. לינק. „מיר האָבן דאָ געפּרוּווט זײַטיק זיך צונויפריידן מיטן צווייטן לאַגער, — שרײַבט א. לינק,— מיט די „קעמפער" פאַר דער יידישער קולטור... אין סאָוועטנפאַרבאַנד; אַדעראַבע, האָבן מיר זיי געזאָגט, אָט האָט איר אַ

מעגלעכקײַט צו אָפּנעמען אַ גרויס פון דער ערשטער האַנט וועגן דעם לעבן פון די ייִדן, פאַר וועמענס גורל איר זאָרגט אַזוי. זעט, טוט עפּעס אין די הויכע פענצטער״...

אין די „הויכע פענצטער״ האָט קיינער ניט אָנגעקלאַפּט. עמעס, אַן אַנדער צײַטונג, די אַרגענטינער בירגערלעכע „ייִדישע צײַטונג״, ברענגט אַ ווערסיע פון אָט דעם איניען, וועלכע פאַלט ניט אין אַלע פּראַטים צונויף מיט דעם, וואָס עס האָט דערציילט די „מאָרגן־פרײַהײַט״. אין נומער פון 16 אויגוסט 1965 שרײַבט י. האָרן: „ווי נאָר עס איז באַקענט געוואָרן, אַז אָרן ווערגעליס ווײַלט אין מאָנטעווידעאָ, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער קומט אויך אַהער. עס האָבן וועגן דעם גערעדט „פּראָגרעסיווע״ און אויך געוועזענע פּראָגרעסיווע... ווען קומט ער און ווער ברענגט אים? — האָבן אייניקע געפרעגט. און דער ענטפער איז געווען: „מ׳וועט שוין״... ווײַטער האָבן אייניקע ייִדן געקלונגען טעלעפאָניש, געוואָלט וויסן, צי עס איז ריכטיק, אַז היגע ייִדיש־נאַציאָנאַלע הויפּט־אינסטיטוציעס מאַכן באַמיִונגען פאַר אָרן ווערגעליסן, און פון די הויפּט־אינסטיטוציעס האָט מען געענטפערט, אַז מע ווייסט ניט. „האַלבע פּראָגרעסיווע״, אָדער אַזוי־גערופענע „פּאָליטישע פּושקע־מעקלערס״ האָבן אייניקע טירן געפּרוווט אָנקלאַפּן״...

אַזוי אָדער אַנדערש: צי מע האָט ניט געקלאַפּט אין די „הויכע פענצ־טער״, צי מע האָט יאָ געקלאַפּט אין די „הויכע טירן״, — נאָך דער „ניין״ פונעם אַרגענטינער אויסערן־מיניסטעריום איז געווען אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווײַס. אַ. לינק באַשרײַבט ווײַטער, וויאַזוי דער פּראָגרעסיווער ייִדישער בוענאָס־אײַרעס האָט זיך אָן אייצע געגעבן:

פון בוענאָס־אײַרעס קיין מאָנטעווידעאָ איז אַ האַלבע שאָ פליִען. איןביידע לענדער דאַרף מען ניט האָבן קיין וויזעס אויף איבערצוכאַפּן זיך אויפן קעגנײַבערדיקן ברעג פון דער לאַ־פּלאַטאַ. מאַכמעס דעם טאַקע האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז כאָטש איך בין אין אַרגענטינע ניט געווען, בין איך דאָך, דוכט זיך, יאָ געווען אין אַרגענטינע.

די אָנפירער פונעם דאָרטיקן פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו (שאַמשן דרוקאַראָוו, צאַלעל בליך, רוווון סינײַ, יאָסל גאָלדבערג) זײַנען געקומען צוגאַסט אין מאָנטעווידעאָ, און איך האָב אין מעשעך פון צוויי וואָכן, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, בײַס מאַסן־פאַרזאַמלונגען און הײמישע באַגעגענישן, געהאַט די מעגלעכקײַט צו זײַן מיט זיי צוזאַמען.

געווען אויך אַן עפּיזאָד, וואָס איז אָנגעווייעט דורך די ווינטן פונעם קאַלטן קריג. איך האָב זיך דערוווּסט, — כ׳בין אין יענעם טאָג געווען אײַנ־געלאַדן „אויף לאַטקעס״ צו כאַנע און פישל טאָביאַש,—אַז צו זיי וועט אַרײַנ־קומען אויף אַ קורצן שמועס מיט מיר איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער בוענאָס־אײַרעסער צווייוואָכנשריפט אין דער שפּאַנישער שפּראַך „נועוואַ סיאָן״ („נײַער ציִען״) סלוצקי. די צײַטונג איז אַ מאַפּאַמישע. די באַלעבאָס־טע האָט מיך געפרעגט, צי וועט עס מיר ניט „אָפּשלאָגן דעם אַפּעטיט צו די לאַטקעס״, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, עפּשער איז דער בוענאָס־אײַרעסער רעדאַקטאָר פון די, וואָס ווילן יאָ דערגיין דעם

עמעס. עפשער האָט ער, זײַענדיק אין מאָנטעווידעאָ, מיך געהערט ריידן, און איז מיט עפּעס ניט מאַסקים, ווײַל עפּעס אויסקלאָרן, ארויסזאָגן זײַנע באַמערקונגען; עפּשער ווײַל ער וויסן מײַן מיינונג וועגן דעם מאַקאַרטיס־טישן אַקט פונעם אַרגענטינער אויסערן־מיניסטעריום, וואָס האָט אָפּגעזאָגט אין אַן אַרײַנפאָר־וויזע אַ סאָוועטישן שרײַבער, אָדער ער ווײַל, פאַרקערט, אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. קורץ, איך האָב געענטפערט כּאנען, אַז באַ אַזאַ ליבהאָבער פון לאַטקעס, ווי איך, איז אומעגלעך אָפּצושלאָגן דעם אַפּעטיט, און אַז איך בין אַפילו גרייט אָפּטרעטן אַ סקאָווערדע לאַטקעס דעם רעדאַקטאָר פונעם „נײַעם צײַט".

ווען איך בין געקומען צו די טאָבזשאַעס, זײַנען שוין אַלע געווען אַפן אָרט. דעם הער סלוצקי האָט באַגלייט נאָך אַ שעליעך פון דעם ייִסראָעלדיקן מאַפּאַם אין אורוגווײַ — דער אָנפירער פון דער אורוגווײַער מאַפּאַמישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „האַשאָמער האַצאַיר" (אַגעוו־אורכע ווײַל איך נאָכאַמאָל וועגדן די אופמערקזאַמקייט פונעם לייענער אויף דעם, וויאַזוי די ציוניסטן פון ייִסראָעל זײַנען זיך נויהעג אין אַ פרעמד לאַנד, אויב מע דערלויבט זיי זיך דאָרט אופירן ווי באַ זיך אין דער היים. קעדיי טויפּעס צו זײַן די פּאַראַדאָקסאַלקייט פון אַזאַ אופירונג, דאַרף מען בלויז זיך פאָרשטעלן, וואָס די זעלבע ציוניסטן וואָלטן געזאָגט, ווען דער מאָסקווער קאָמסאָמאָל, לעמאָשל (גאָט זאָל אָפּהיטן!), וואָלט געשיקט אין אַן אַנדער לאַנד זײַנע מענטשן אויף צו אָנפירן מיט אַן אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון יונגע קאָמוניסטן...).

ווײַטער האָט די גאַנצע מײַסע אָנגעהויבן אויסזען ווי אַן אַנעקדאָט. די צוויי ציוניסטישע פונקציאָנערן האָבן אוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ מאַגניטאָפאָן און געבעטן, כּ'זאָל „אַרײַנריידן אין ענטפער" אויף זייערע פראַגן, דערבײַ האָבן זיי מיך געוואָרנט, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט מיט זיך בלויז איין טאַשמע, און כ'וועל מוזן ריידן „קורץ און שאַרף". אַ קוק געטאָן אויף דעם צעטל פראַגן, וועלכן מײַנע אינטערוויוערן האָבן צוגעגרייט, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז די ענערגישע מאַפּאַמאָווצעס ווילן אין הענדעם־פּענדעם אַרויסבאַקומען פון מיר אַ מאַגניטאָפאָן־לענטע, קעדיי שפּעטער זי אַרײַנשטעלן אין די צייַנרעדער פון דעם קאַלטן קריג.

איך האָב געבעטן אײַנשליסן דעם מאַגניטאָפאָן, און גלײַך פון אָנהייב, האָבנדיק אין זינען די מענטשן, וואָס וועלן אין בוענאָס־אײַרעס הערן דאָס געזאָגטע, האָב איך גענוי אופגעקלערט מײַן באַציִונג צו די מאַנעווערן פון די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס פּרוּוון ווידער אַרויסשלעפּן די געפּייגערטע קאַץ — דעם שוין לאַנג אָפּגעפרעגטן פראַגע־קאָמפּלעקס, קעדיי אָנשטאָפּן מיט אים די מויכעס פון זייערע צוהערער. דער רעדאַקטאָר פון „נועווא סיאָן" און דער פירער פון „האַשאָמער האַצאַיר" האָבן גענומען באַווײַזן מיר מיט די הענט און מיט די אויגן, אַז די לענטע לויפט און מײַן אַרײַנפיר־רעדע פאַרציט זיך, נאָר איך האָב אויך אָט דעם דיאַלאָג אויף שטומלאָשן „אַרופגעצויגן" אויף דער לענטע. איך האָב געמאָלדן, אַז מיר, סאָוועטישע מענטשן, קומען מיט אָפענע הערצער צו די פאָלקסמאַסן פון אַנדערע לענדער, און עס זײַנען ניט נייטיק קיין באַזונדערע אָנשטרענ־

גונגען, קעדיי צו באקומען בא אונדז אן ענטפער אף אלץ, וואָס דאָס הארץ גלוסט. און וואָס איז שײַעך דעם עפּיזאָד דאָ, בא די טאָבּיאַשעס אין שטוב, איז שוין עפּשער צײַט, אז די מאָפּאַמישע טוער זאָלן אליין ענטפערן אף פראגן וועגן דער פּאָליטיק פון די רעגירונגס־קרײַזן אין יִיסראָעל, וועלכע ברענגט שאָדן און שאנד זייער לאנד.

די לענטע האָט זיך געענדיקט. אין צימער האָט נאָך א קורצע ווײַלע זיך געהערט, ווי עס שורעוועט דער פּוסטער מאגניטאָפאָן־וואליק און ווי עס סקריפּעט ווייך דאָס מאָטאָרל, דערנאָך איז געוואָרן שטיל. כאַנע טאָבּיאַש איז ארײַנגעקומען פון דער קיך א פארהאָוועטע און מיטגעטיילט, אז מע קאָן שוין גיין צום טיש. איך האָב געזאָגט צו מײַנע אינטערוויו־רער:

— קומט עסן לאטקעס... מיט פּאָליטיק זײַנען מיר שוין זאט...

דער פאָרשטייער פונעם אורוגווײַער „האשאָמער האצאַיר" האָט געענט־פערט:

— לאטקעס? עפּעס ווילט זיך ניט...

ניט צוזעצנדיק זיך צום טיש, האָט געפּרוווט גיין אף א קאָמפּראָמיס דער רעדאקטאָר פון „נועווא סיאָן":

— נו, עפּשער בלויז איין לאטקע...

טאָמער מיינט אָבער עמעצער, אז דער בוענאָס־אײַרעסער רעדאקטאָר מיט זײַן מאָנטעווידעער פּארטיי־קאָלעגע האָבן בא מיר אָפּגעשלאָגן דעם כיישעק צו קומען קיין ארגענטינע, איז מעג ער וויסן, אז גראָד דער ווילן צו זײַן דאָרט האָט מיך שפּעטער געבראכט צו די ארגענטינער ברעגן — שוין פון אן אנדער זײַט, ניט פון דער זײַט פון לא־פּלאטא, נאָר פון דער זײַט פונעם טײַך אורוגווײַ, אין דער שטאָט פּײַ־סאנדו.

דער טײַך אורוגווײַ האָט געגעבן א נאָמען דעם לאנד. די שטאָט בא אָט דעם טײַך איז א שטילע און געמיטלעכע. פאר איין אינדערפרי האָב איך ארומגערײַזט דעם ראיאָן, ווו עס איז קאָנצענטרירט די אינדוסטריע אירע: א ביר־ברויערײַ (געבויט האָבן זי טשעכישע אינזשעניערן, און אויסגעשטאט איז זי מיט טשעכישע מאשינען), א צוקער־פאבריק, א גארבערײַ, א טעקסטיל־פאבריק, א קאָנדיטערײַ אין צענטער שטאָט — איר נאָמען איז „פּאמאָסא" — „באָוווסטע", א בוימל־פאבריק...

אָפּגעפּארטיקט זיך מיט די פאבריקן, בין איך אוועק אין פּײַסאנדוער האפן און דאָ אוועקגעשטעלט זיך באם ברעג טײַך, ווי, לעהאוודל, באם טײַך סאמבאטיען, וואָס איבערקומען אים איז ניט מעגלעך. פון יענער זײַט טײַך אורוגווײַ איז געלעגן ארגענטינע. דער וועטער איז געווען א לויטערער, דער טײַך אורוגווײַ איז ניט קיין ברייטער, און איך האָב, זאָג איך אײַך, זיך דערפילט שוין דאָרטן, אף צעפּיקעניש די שטרענגע באַלע־באטים פון דעם לאנד.

איז פרעג איך אײַך: צי וועט שוין זײַן אזוי ריכטיק צו מיינען, אז איך בין ניט געווען אין ארגענטינע?

אורוגווײַער שרײַבער

איך מוז גלײַך זאָגן, אַז ביז דער רײַזע האָב איך געוווּסט בלויז אַ צוויי־דרײַ שרײַבערישע נעמען פֿונעם הײַנטיקן אורוגווײַ.

מיט יאָרן צוריק, געדענק איך, בין איך געווען פֿאַרכאַפּט פֿונעם רוסישן שרײַבער־פּעדאַגאָג מאַקאַרענקאָ, און, שטודירנדיק די ליטעראַטור, וואָס עס שאַפֿן אין פֿאַרשיידענע לענדער זײַנע נאָכפֿאָלגער, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם אורוגווײַער שרײַבער־פּעדאַגאָג כעסוּאַלדאָ (זײַן פּולער נאָמען איז כעסואַלדאָ סאָסאַ), וועמענס ראָמאַן „דאָס לעבן פֿון אַ לערער" האָט זײַנערצײַט געמאַכט אַ גרויסן רוישעם. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז כעסואַלדאָס ווערק „דאָס לעבן פֿון אַ לערער" האָט געהאַט אַ פֿאָרזעצונג — דעם בוך „אויסער דער שול", וואָס צוליב אים האָט די רעאַקציע געצווּנגען דעם אורוגווײַער מאַקאַרענקאָ וואַרפֿן זײַן פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט.

און נאָך וועגן צוויי אורוגווײַער הײַנטצײַטיקע ראָמאַניסטן האָב איך געוווּסט: וועגן מאַריאָ בענעדעטי, דעם אויטאָר פֿון בעסטסעלערס דאָ אין לאַנד, און וועגן דעם „אורוגווײַער זשאָרזשי אַמאַדו", דעם אויטאָר פֿון רעאַליסטישע ראָמאַנען („גרענעצן, וואָס דער ווינט טראָגט", „פֿון פּאַכעד צו ווירדע", „די אויגן פֿון וואַלד") אַלפֿרעדאָ גראַווינאָ.

ס'איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי צופֿרידן איך בין געווען, וואָס אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפֿט, אויף דער געזעגעניש מיט סערגיי ראָמאַנאָוויטש סטריגאַנאָוון, האָב איך גלײַך אין דער ערשטער מינוט זיך אָנגעשטויסן טאַקע אויף זיי, אויף בענעדעטין, גראַווינאָ און כעסואַלדאָ סאָסאָ.

נאָר איידער כ'וועל דערציילן וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט די מאָנטע־ווידעער ראָמאַניסטן, וועל איך זיך דערלויבן ברענגען אַ שטיקל פֿאָר־געשיכטע.

בלעטערנדיק איינמאָל בײַ זיך אין דער היים, אין מאָסקווע, אַ זאַמלונג פֿון לאַטײַן־אַמעריקאַנישע דיכטער אין דער רוסישער איבערזעצונג, האָב איך דורכגעלייענט עטלעכע לידער פֿונעם אורוגווײַער פּאָעט כאָסע אַלאָנסאָ־אי־טרעליעס. עפּעס איז געווען אין די לידער אַזוינס, וואָס איז מיר אַלס פּאָעט געווען באַזונדערס נאָענט. האָב איך בײַ אַ באַקאַנטן שפּאַניער פֿון דער מאָסקווער ראַדיאָ באַקומען אַ טעקסטועלע איבערזע־צונג פֿונעם אָריגינאַל פֿון איינער אַ ליד און זי איבערגעדיכטעט אויף ייִדיש. אָט איז זי:

האָפּ־האָפּאַ!

אנומלטן אין ראַנטשאָ
　　　געטרונקען כ'האָב אַ מאַטע.
געטראַכט פֿון מײַנע צאָרעס. נאָר מיטאַמאָל עס האָבן
צעטופּעט זיך פֿיל טלאָען, גלײַך עמעץ וואָלט אַ סטאַדע
געטריבן אין דער פּאַמפּע, געשריִען הויך „האָפּ־האָפּאַ!"

בין איך ארויס אין דרויסן,
דערזען: עס רײַט א פאסטעך,
געבויגן צו דער גריווע. איבער דעם סטעפּ צעשאָטן —
ניין, ניט קיין סטאדע רינדער עס טרײַבט דער רײַטער
האסטיק, —
ניט שעפּסן טרײַבט דער פאסטעך, נאָר אומעטיקע שאָטנס.

— היי, גוטערברודער, זאָג מיר:
א גאנצן טאָג געריטן,
וווּהין נאָך טראָגט דער שעד דיך
אין אָט דער שאָ דער שפּעטער?
— צו גאוטשאָס איך אײַל זיך, אף שעפּסענע יארידים —
פארקויפן דאָרט א סטאדע פון האָפענונגען פעטע.

— נו, פאָר און זײַ מאצליעך.
און זאָלסט ניט האָבן מוירע,
אז איך, לעמאָשל, וועל דאָס גליק דיר ניט פארגינען.
דו קום צו מיר אפּצ׳ריקוועגס, כ׳האָב אויכעט אָט די סכוירע,
זי אָפּטרעטן דיר, פאסטעך, איך וועל בעכאָצי־כינעם.

איך ווייס, ווער ס׳איז דער פאסטעך.
ער איז אונדזער אנטוישונג.
ער איז אוועקגעריטן, נאָר שטייט בא מיר צוקאָפּנס.
און ווען ארום מײַן ראנטשאָ עס נעמען ווינטן רוישן,
דערטראָגט זיך פון דער פאמפּע
דעם פאסטעכס קאָל: „האָפּ־האָפּא!"

שוין אין די ערשטע מינוטן אף דעם אופנאם באם סאָוועטישן געזאנדטן האָב איך מיט דער הילף פון מײַנע פרײַנט זיך דערוווּסט, ווער איז ווער. אָט דאָס איז דער וועטעראן צווישן די אורוגווײַער היסטאָריקער פראנסיסקאָ ר. פינטאָס, איינער פון די גרונטלייגער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון אורוגווײַ: אלס דעלעגאט פונעם III קאָנגרעס פון קאָמינטערן, האָט ער געהאט דאָס גליק פערזענלעך זיך צו באגעגענען מיט לענינען. און אָט די גוטמוטיקע פרוי — דאָס איז פאולינא מעדיירעס, וועלכע האָט ניט לאנג צוריק באקומען אן ארגענטינער פרעמיע פאר א פראָזע־בוך וועגן דעם, וויאזוי אין אורוגווײַ קוקט מען אף דער רעוואָליוציע אין קובא.

מאריִאָ בענעדעטי האָט באם באקאנען זיך מיט מיר א זאָג געטאָן, ווי גלײַך ער וואָלט איבערגעלייענט אף מײַן פּאָנעם דאָס, וועגן וואָס איך האָב אין דער מינוט געטראכט:

— איך שווער אײַך, איך וויל עס אײַך ניט אויסוואָרפן, נאָר איך שווער אײַך, אז אין מאָסקווע ווייסט מען ווייניקער אונדזער ליטעראטור, איידער מיר ווייסן די סאָוועטישע...

איך האָב געענטפערט:

— האָט איר טאַקע אַ מעגלעכקייט גלייך דאָ אַפן אָרט עפּעס־וואָס אויסלערנען איינעם פון די, וואָס ווייסן ווייניק די אורוגווייער ליטעראַטור...
— איר ווילט אַ לעקציע?
— ניין, איך וויל בעטן, איר זאָלט מיר זאָגן, ווער עס איז כאָסע אַלאָנסאָ־אי־טרעליעס... איך האָב איבערגעזעצט זיינע אַ ליד אַף ייִדיש...
— אָ, מיט דעם האָט איר מיך גלייך געפאַנגען... מיר, די אורוגווייער, האָבן, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל קיין ייִדישן דיכטער ניט איבערגעזעצט...
בענעדעטי איז אַ דאַרלעכער, ניט קיין הויכער. מע קאָן אים געבן אַ יאָר פינף און פערציק. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר אין אַ העל־באַ־לויכטענעם ווינקל פונעם זאַל, און איך האָב דערזען זיינע גוטע גרויסע אויגן. מיט די שפּיץ פינגער האָט ער געצופּט די קורצע וואָנצעלעך. מיר איז געפעלן געוואָרן, וואָס ריידנדיק וועגן כאָסע אַלאָנסאָ־אי־טרעליעס, האָט ער ניט גענומען דערציילן אַ לאַנגע לעבנס־געשיכטע, נאָר, פּונקט ווי פאַרבייגייענדיק, אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר דעטאַלן און זיי אַ וואָרף געטאָן פאַר מיר, זייענדיק, ווייזט אויס, זיכער, אַז זיי וועלן אַליין זיך שוין צעעפענען:
— „פּאַכאַ בראַווא" הייסט באַ אונדז דאָס ווילדגראָז, וואָס וואַקסט אין דער פּאַמפּע... אַלאָנסאָ־אי־טרעליעסעס ערשטע פּאָעטישע זאַמלונג הייסט „פּאַכאַ בראַווא"...
— זיינע לידער וועגן די גאַוטשאָס האָט ער אונטערגעשריבן „פּעטערל פּאַנטשאָ". עס פלעגן זיי זינגען וואַנדערנדיקע זינגער...
— מיט דרייסיק יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן... ווען מיר צערײדן זיך איצט ניט וועגן אים, איז ווען וואָלט איך זיך דערמאָנט אין דעם פּעטערל פּאַנטשאָ?..

באַ אַלפרעדאָ גראַווינאַ אין דער היים, אין אַ געמיטלעכן צימער מיט שפּאַנישע פּרעסקעס אַף די ווענט, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַזעלכע שעפער פון דער אורוגווייער ליטעראַטור, ווי לעאָנידאַס ספּאַרטאַקיס, אָליווערא אוביאָס, בעלטראַן מאַרטינעז, רובען יאַקאָווסקי, מאַקסימאָ מיינעראָ. אַלע זיי און אונדזער באַלעבאָס אַלפרעדאָ גראַווינאַ זוכן אַן ענטפער אַף פּראַגעס, וואָס אונדז, סאָוועטישע שרייבער, זעען זיי אויס קלאָר און פּאָשעט. צי איז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם קריטישן רעאַליזם, אָדער ער איז זיינער אַן אַנטיפּאָד, פּונקט ווי דער קרי־טישער רעאַליזם איז אַן אַנטיפּאָד פונעם ראָמאַנטיזם? אויב דער סאָציאַ־ליסטישער רעאַליזם איז דער בעסטער קינסטלערישער מעטאָד, פאַרוואָס זשע נייטיקט ער זיך, קעדיי באַזיגן דעם קריטישן רעאַליזם, אין דעם, אַז די סאָציאַלע סיסטעם אין לאַנד זאָל זיין אַ סאָציאַליסטישע? צי קאָן דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם נעמען די אויבערהאַנט אין אַזאַ לאַנד, ווי אורוגוויי — נאָך באַם קאַפּיטאַליזם?
איך האָב, פון מיין זייט, געפרעגט די אורוגווייער פריינט:
— זאָגט, איך בעט אייך, די דאָזיקע פּראָבלעמען שטייען שוין איצט אַפן טאָג־סיידער פון אייער ליטעראַטור?
אַלפרעדאָ גראַווינאַ האָט אויסגערופן:

— בריוסאָוו און בלאָק האָבן באַדאַרפט האָבן געציילטע כאַדאָשים, קעדיי אין סאָף פון זייער וועג איבערנעמען דעם מעטאָד פון דער רעוואָליר־ציע — דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. נאָך טשעכאָוון זײַנען שוין אין רוסלאַנד קיין גרויסע שרײַבער — קריטישע רעאַליסטן ניט געווען... שוין א האַלבן יאָרהונדערט קוקן מיר פאַרגאַפטע אָף אָט דעם בילד, אין דער צײַט, ווען אין רוסלאַנד גופע האָט מען געמאַכט דעם אויסוואַל אין מעשעך פון כאַדאָשים...

ווי א סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונג איז אופגענומען געוואָרן מײַן קורצע אינפאָרמאַציע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. בא די אורוגווײַער, ווי איך האָב שוין געשריבן, זײַנען ייִדן פאַרעכנט צווישן די „רוסאָ". ווען עס פאָדערט זיך מער פּינקטלעכקײַט, רופט מען אונדז העברייער, וואָס בא אונדז אין די אויערן קלינגט עס פונקט אַזוי, ווי עמעץ וואָלט די הײַנטצײַ־טיקע פראַנצויזן גערופן גאַלן, די גריכן — עלינען...

דער דורכשניטלעכער אורוגווײַער, ארײַנגערעכנט אויך דעם אינטעלי־גענט, האָט אָן שום בייזן ווילן (פּאַרקערט, גראָד דערפאַר, מיסטאָמע, ווײַל די טומלערײַען ארום די ייִדן דערגייען ניט צו אים) ארויסגעלאָזט פונעם כעזשבן אונדזער נאַציאָנאַלן אויסדרוק אינעם אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פון דער וועלט־ליטעראַטור. און דאָ מיטאַמאָל — א הונדערט שרײַבער שאַפן זייערע ווערק אָף דער שפּראַך ייִדיש! פאַרשיידנערליי אַסאָציאַציעס, פאַ־ריינען, געזעלשאַפטן פון ייִדישע שרײַבער פונקציאָנירן אין פאַרשיידענע לענדער! די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין געגעבן א פאַלאַנגע קלאַסיקער פון וועלט־פאַרנעם!

לעאָנידאַס ספּאַרטאַקיס, א גריך, האָט מיט סענטימענטאַלער האַרציקײַט דערציילט, וויאַזוי ער, דער אורוגווײַיש־שפּאַנישער דיכטער, פאַרלירט ניט די פאַרבינדונג מיט גריכנלאַנד, דעם געבורטס־לאַנד פון זײַנע עלטערן, און ער טוט אַלץ, אַז די גריכישע ליטעראַטור זאָל זײַן באַוווּסט אין לאַטײַן־אַמעריקע.

— רובען, — האָט ער אָנגעוויזן אָף יאַקאָווסקין, — וועט, גלייב איך, איצט שוין האָבן אין זינען דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט...

רווון יאַקאָווסקי, וועלכער גיט ארויס אָף זײַנע אייגענע מיטלען א ספּעציעלן כוידעש־זשורנאַל פון שפּאַנישער פּאָעזיע „אַקי פּאָעסיאַ" („דאָ — פּאָעזיע"), האָט שוין קאָנקרעטע פּלענער, וויאַזוי צו אַנטדעקן פאַר די אורוגווײַער דעם קאָנטינענט, וואָס הייסט ייִדישע ליטעראַטור. דערווײַל — זיצנדיק לעבן מיר אין אַלפרעדאָ גראַווינאַס שטוב — זעצט ער איבער ווערטערלעך פאַר זײַנע קאָלעגן די ליד „רעאַביליטאַציע", וועלכע כ'האָב אָנגעשריבן דאָ, אין מאָנטעווידעאָ:

אין מאָנטעווידעאָ,
אין דער ווײַטער מעדינע,
ווײַט פון דער גרוב, וווּ מײַן מאַמע ליגט,
האָט אָף א באַנק,
צווישן ייִנגלעך גרינע,
ברייט זיך צעלייגט

א פארברעכער פון קריג.
פרעגן די יינגלעך,
ענטפערט דער דײַטש
(כ׳זיץ בא א זײַט, און פאר זיך איך פארטײַטש...)

אין מאָנטעווידעאָ,
אין דאָרעם־אמעריקע,
רעדט ער פון הײַסין,
רעדט פון זשמערינקע,
רעדט פון ליובאר,
רעדט פון די גריבער,
ווייסט ניט, אז איך, וואָס פארניכטעט האָב אים,
הער איצט זײַן שטים.

ס׳פרעגן די יינגלעך,
ענטפערט דער דײַטש
(כ׳זיץ בא א זײַט און פאר זיך איך פארטײַטש...)

די יינגלעך פרעגן:
וואָס טראכט ער, דער נאצי,
וועגן רעאבילִיטאציע.

און מיטאמאָל —
דער נאצי לאכט.
— רעאבילִיטאציע... — זאָגט ער צארט.
— וואָס איז אזוינס „רעאבילִיטאציע"? —
ער לאכט אזוי שטארק, אז די אָדערן פלאצן:
— רעאבילִיטאציע...
— רעאבילִיטאציע...
— אָן רעאבילִיטאציע בין איך טרייף...
אף רעאבילִיטאציע קוקט מען פארשידן...
אמאָל כ׳האָב געמאכט פון יידן זייף,
כ׳זאָל מאכן צוריק
פון זייף — יידן?!

זע איך די יינגלעך.
זע איך דעם דײַטש.
ס׳פײַפט פאר די אויגן א בײַטש.

גראווינאָ פרעגט מיך מיט פארדראָס:
— אָט דאָס האָט איר געשריבן בא אונדז? וועגן דײַטשן?
איך לייען דורך, און יאקאָווסקי זעצט איבער נאָך א ליד:

ווי א היגער

זעט: אין דער פּאמפּע מיך פאָלגן
אײַערע פערד די פּאטלאטע,
ווײַל כ׳האָב געבראכט פון דער וואָלגע
טרײַשאפט צו דער לא־פּלאטע.

ניין, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געווען כ׳וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אן אורוגווײַער.

כ׳דריי זיך ארום אין דער פּאמפּע
מיט די פארברוינטע יונגאטשן,
טו זיך מיט זיי אויך אן אמפּער
וועגן אן אייסעק פון גאוטשן.

און אפּדערנאכט, שוין פארמאטערט,
זעץ איך זיך צו אין די גראָזן,
טרינק א געוויינלעכע מאטע,
רעד אף א שפּאניש א פּראָסטן.

ניין, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געווען כ׳וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אן אורוגווײַער.

טשאו

מײַן געזעגענונג מיט מאָנטעווידעאָ האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג. כאָטש איך בין געווען שטארק פארנומען, פלעג איך דאָך אָפּשפּאָרן אמאָל א שאָ און אמאָל צוויי שאָ און אוועקגיין זיך געזעגענען מיט מאָנטע־ווידעאָ.

דאָס האָט באטײַט —

נאָכאמאָל און נאָכאמאָל קומען אף פּלאסא אינדעפּענדענסיא (אומאָפּ־הענגיקײַט־פּלאץ), אין סאמע צענטער פון דער שטאָט, ווו דער נאציאָנא־לער העלד, גענעראל כאָסע ארטיגאס זיצט רײַטנדיק — זיצט שטאָלץ און היימיש, מיט אן אנטבלויזטן קאָפּ.

נאָכאמאָל און נאָכאמאָל זיך לאָזן גיין מיט דער הויפּט־גאס „18 דע כו־

ליאָ״ און נאָכאַנאַנד זיך אָפּשטעלן א פאַרבלעגדטער פון דעם מירמלנעם גלאַנץ פון אַלטע און נײַע מויערן, וועלכע דערמאָנען מיט עפּעס די פּאַלאַצן פון די איטאַליענישע דאָזשן; ווערן איבעראַשט פון די פּרעכטיקע אַרײַנגאַנגען, ווו עס וואַרפן זיך אין די אויגן, צווישן די קאָלאָנעס, קאָפּיעס פון וועלט־באַרימטע סקולפּטורן, און ס׳איז שווער צו פאַרעלן באַ זיך, אַז דאָס, וואָס דו זעסט איצט אַף די גאַסן פון מאָנטעווידעאָ, כאָזערט בלויז איבער יענעם גרויסן ווונדער, וואָס קעדיי אַף אים א קוק צו טאָן, קומען מענטשן אַרײַן מיט א צאַפּלדיק האַרץ אין די שענסטע מוזיי־זאַלן פון אייראָפּע.

דאָס האָט אויך באַטײַט —

אַרומגיין איבער די אויסגעפּוצטע אַפן פּאַריזשער אויפן שטאָטישע בולוואַרן, קומען צום פּאַרק באַטליע־אי־אָרדאָניעס און אָפּשטעלן זיך באַם דענקמאָל לעקאָוועד די ערשטע אײַנוואַנדערער: בישכיינעס מיט דעם הײַנטצײַטיקן אַספאַלטירטן וועג, אַף אַן אָפּענער זוניקער וואַלד־לאָנקע, — אַן אַלטע אַרבע אַף הויכע הילצערנע רעדער, אײַנגעשפּאַנט אין זעקס אָקסן. דער אָנטרײַבער פּאָרט נאָך דער אַרבע אַף א פּאַרהאָרעוועט פערד, האַלטנדיק אין דער רעכטער האַנט א לאַנגן שטעקן.

נו, און אַוואַדע און אַוואַדע אַרופגיין אַפן סעראָ — דעם באַרג פון מאָנטעווידעאָ, דעם זעלבן באַרג, וועלכן עס האָט נאָך לאַנגע וואָגלענישן איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן דערזען פונדערווײַטנס מאַגעלאַנס א מאַטראָס, און ער האָט אויסגעשריִען מיט פרייד: «Monte vide eu !» — „א באַרג זע איך!״ — און אַזויאַרום, ניט ווילנדיק, געגעבן דעם נאָמען פון דער צוקינפטיקער שטאָט: Montevideo.

זיך געזעגענען מיט מאָנטעווידעאָ — הייסט אַרײַנגיין אין א פּאַריזשאַדאַ — א מין פלײשיקער רעסטאָראַציע. דער אָפּענער אויוון, ווו עס טרעשטשעט פּריילעך א פײַער, שטייט אין זעלבן צימער, ווו די באַזוכער עסן. אין אויוון הענגט א גרויסע מעטאַלענע נעץ — פּאַריזשיא הייסט זי, אונטער וועלכער מע שאַרט צונויף ברענענדיקע קוילן. אַף דער נעץ בראָט זיך פלייש, ווורשט. אַז מע זאָגט: „קום עסן א פּאַריזשאַדאַ״, הייסט עס ניט, כאָלילע, עסן די רעסטאָראַציע. דאָס הייסט, אַז מע רופט עסן געבראָטן פלייש, וואָס האָט אויך אַן אייגענעם נאָמען — אַסאַדאָ. אין דער האַפנגעגנט פון מאָנטעווידעאָ בין איך געווען אַף א מאַרק, ווו עס שטייט א לאַנגע ריי אויוונס און לעבן זיי — טישלעך. דו באַקומסט אַן אַסאַדאָ, א שטיקל ברויט דערצו און א גלאָז פּראָסטן ווײַן. דאָס פלייש לייגט מען אַרויף אַף א ברעטל, ניט אַף א טעלער, דו צעשנײַדסט עס, פאַרטרינקסט יעדן ביסן מיט ווײַן און האָסט האַנאָע...

געזעגענענדיק זיך מיט מאָנטעווידעאָ, קום איך אַרײַן נאָכאַמאָל אין די היימען פון די אָרטיקע ייִדן, וואָס האָבן אַזוי אָרגאַניש זיך צונויפגעגאָסן מיטן קאָלאָריט פונעם לאַנד. באַם פּראָגרעסיוון טוער פּינכעס קאַנאָניטש איז די שטוב פול מיט קרויוויים און באַקאַנטע. איידער מע זעצט זיך צום

טיש, גיי איך ארויס צוזאמען מיט דעם באלעבאָס אין הויף בא דער שטוב. דאָ בליִען (אום ווינטער!) עטלעכע גרויסע צונטער־רויטע רויזן. פון א לימענע־ביימל שײַנען אראָפּ געל־ברוינלעכע פּיירעס. קאָנאָניטש טוט א ווײַז מיט דער האנט אף א רויז:

— פונקט ווי פאר איר איז ניטאָ בא אונדז אין לאנד קיין קאלטער ווינטער, אזוי איז פארן סאָוועטנפארבאנד ניטאָ בא אונדז אין פאָלק קיין קאלטער קריג...

מיט א צווייטן געזעלשאפטלעכן טוער, מיט אווראָם די־אמאנטן, האָב איך זיך באפרײַנדעט בייס מײַן ארומפאָרן איבער דער שטאָט. אדאנק די־א־מאנטן האָב איך א סאך געזען אין מאָנטעווידעאָ און אין ערגעץ ניט פארשפּעטיקט. א קאפּעטשקע א שווײַגער, האָט ער דאָך בייס מײַן לעצטן באזוך בא אים אין שטוב אוועקגעלייגט אזא מין פּאָליטישע רעדע:

— האלעווײַ האלט עס שוין אזוי מיט זיי אין די ניו־יאָרקן, ווי עס האלט מיט זיי דאָ...

און אָט איז א וואָרט פון לייזער טרעשטשאַן, דעם פּרעזידענט פון דער ייִדישער מוטואליסטא:

— איך בין א פּראָסטער ייִד, כאָטש א פּרעזידענט... בא ייִדן זײַנען אלע פּרעזידענטן... איך זאָג אײַך ווי א פּראָסטער ייִד, אז אומזיסט רעדט איר אין זיי אזויפיל ארײַן. דאָס אייניציקע, וואָס וואָלט זיי געקאָנט באפרידיקן, איז, ווען מע פארמאכט די סאָוועטן און מע ברענגט צוריק אראָפּ מיקאָל־קען...

אזוי האָב איך זיך געזעגנט מיט מאָנטעווידעאָ.

איך האָב, קאָן מען זאָגן, דאָ געטרונקען מיטן ברייטן אוילעם א מאטע.

און טרינקען א מאטע איז ניט דאָס, וואָס איר מיינט, טײַערער לייע־נער. איר מיינט אוואדע, אז טרינקען א מאטע איז דאָס זעלבע, וואָס טרינ־קען א גלעזל טיי: מע נעמט די קיילע אין האנט און מע טרינקט. איז האָט קיין פאריבל ניט, איר וועט מוזן אויסהערן, וו־אזוי מע טרינקט א מאטע אינדערעמעסן.

וויכטיק איז — וואָס מע טוט ניט. ווען מע טרינקט א מאטע, איז דער ערשטער קלאל — זיך ניט אײַלן. אָנדערהאלבן־צוויי שאָ איז ניט קיין סאך צײַט אף אויסצוטרינקען א מאטע, ווײַל אָט דאָס טרינקען איז קימאט א פײַערלעכע פּראָצעדור; ווײַטער לאָזט מען ניט, אז דאָס וואסער, מיט וועלכן מע פארגיסט די זשערבא, זאָל אופזידן. מע מישט ניט מיט דער באָמביזשא די זשערבע־טײַעלעך אפן דעק און מע טרינקט ניט אויס דאָס וואסער ביזן סאָף, קעדיי אין שיסעלע, וואָס איז געמאכט פון אן אויסגע־דויבעטער קליינער טיקווע, זאָל ניט בולקען. די מאטע ציט מען ארײַן אין זיך, ווי דורך א שטרויעלע, — מע זופּט זי ניט. דאָס שיסעלע מיט דער מאטע גיט מען איבער נאָך יעדע דרײַ־פיר שלונג דעם שאָכן, און ס'וואָלט

אויסגעזען מאָדנע־ווילד און ניט אָנשטענדיק, ווען איר זאָלט יעדעס מאָל אָנהייבן דאנקען. ווען עמעצער זאָגט א דאנק, איז פארענדיקט דאָס טרינקען די מאטע.

האָב איך געזאָגט, געזעגענענדיק זיך: א דאנק מאָנטעווידעאָ, א דאנק אורוגווײַ, א דאנק די ייִדישע מענטשן פון אָט דעם לאנד...

און נאָך:

אין צוויי שוועסטער־שפראכן, אין דער איטאליענישער און שפאנישער, איז פאראן א וואָרט „טשאו". אף שפאניש זאָגט מען עס באם געזעגענען זיך, אף איטאליעניש — באם באגעגענען זיך. און האגאם איך האָב זיך אין אָט דעם מאָמענט טאקע געזעגנט, האָב איך „טשאו", געזאָגט ניט אף שפאניש, נאָר אף איטאליעניש:

— צום באגעגענען זיך, טײַערע פרײַנט, בא דער לא־פּלאטא...

1965

אין נעפּל



צוליב וואָס בין איך געפאָרן קיין לאָנדאָן

איצט האָב איך זיך שוין אומגעקערט צוריק אהיים קיין מאָסקווע. די ענגלישע שטעט, וואָס איך האָב בעשאס דער רײַזע געזען פון דער נאָענט, האָבן זיך איצט דערווײַטערט פון מיר, געוואָרן פונקט ווי נעענטער אײנע מיט דער אַנדערער, און איך זע שוין ניט בלויז זיי אַליין, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד, אין וועלכן כ׳בין א קורצע צײַט געווען צוגאַסט.

איך זע עס, דאָס בריטישע לאַנד, אין א וואַרעמען טיף־האַרבסטיקן כוי־דעש, ערעוו ווײַנאַכט, ווען אף די איליומינירטע גאַסן און פּלעצער, אין שאָטן פון מאָדערנע סינטעטישע יעלן, זיצט אין זײַן טראַדיציאָנעלער אײַנ־זאַמקײַט דאָס אַלטע אינדזל־פאָלק, טיף פאַרטאָן אין מאַכשאָ־ווֹעס.

נאַטירלעך, קיין ענגלאַנד האָט מיך געקאָנט ברענגען, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מענטשן, וועלכע קומען אַהער פון ווײַטע מעקוימעס, די נײַגע־ריקײַט צו זען מיט די אײגענע אויגן אָט דעם אוניקאַלן מענטשלעכן שייוועט, וואָס איז אין דער איצטיקער וועלט מיט עפּעס ענלעך אף א באַיאָרטן „טשודאַק״ צווישן יונגעלײַט. ער רופט אַרויס ניט ווייניק פריי־לעכע וויצן מיט זײַנע אַלטמאָדישע געננ, וועלכע זײַנען, כאָלילע, ניט קיין פויעל־יויצע פון אויוועדבאָטלדיקע רעמיניסצענצן, נאָר א מין שפּיל מיט זיך אַליין, א שפּיל, צו וועלכער ער, דער באַיאָרטער, איז פון קאַדמוינים צוגעוווינט און וואָס העלפט אים זיך מאַכן פריילעך אף זײַן אייגענעם אויפן.

קעדיי זען דאָס טשיקאַווע לאַנד און פּרוּוון עס פאַרשטיין, וואָלט עפּשער געננוג געווען זיך אָנשליסן צו די טוריסטן, וועלכע טאָפּטשען מיט גרויס פלײַס די גאַסן אין לאָנדאָן, עדינבורג, מאַנטשעסטער. איך מוז אָבער גלײַך זיך מוידע זײַן, אַז ניט צוליב דעם טוריסטישן פאַרגעניגן בין איך געקומען.

אין ענגלאַנד האָט מיך געצויגן אַ קוק צו טאָן קוידעמקאָל אויף דעם באַ־רימטן „וויַיטשעפּל“ — דער אַמאָליקער טומלדיקער לאָנדאָנער ייִדישער געטאָ, וואָס איז אומבאַמערקט ווי צעגאַנגען געוואָרן אין דער צײַט, אופּ־געהערט געבן וועגן זיך צו וויסן, ווי עס וואָלטן ניט געווען אויף דער וועלט ניט דער זינגענדיקער ייִדישער ענגליש פֿון די וואָלינער, לאָדזשער און קאָוונער אימיגראַנטן, די „פּאָלאַקעס“, ווי אָרטיקע יאַהודים האָבן זיי גע־רופֿן; ניט די „דרעס מעיקינג“ (פּאָשעט גערעדט — שנײַדער־וואַרשטאַטן), „פּאָקעט־בוק“־שאַפּן (פֿאַבריקלעך פֿון לעדערנע טײַסטערס) און אַנדערע אַזוינע ערטער, וווּהין ס'האָט אַ שטראָם געטאָן, ווי אין פּרײַוויליק אויסגע־קליבענע פּאַסטקעס, דער קליינשטעטלדיקער אַמכאָ. אַ טייל איז שפּע־טער געבליבן שטעקן אין די שוויץ־שאַפּן, און אַ טייל איז אַוועק אין „שעלטער“ (אויף מאַמעלאָשן — אין העקדעש, וווּ מע האָט באַקומען נאַכט־לעגער און אַ טעלער זופּ)... געשיקט זיך, זײַנען בלויז צו כאָלעם געקומען די פּאָליטישע לאָנדאָנער יאַרידן, אויף וועלכע עס פֿלעגט אָנגיין אַ פּערמאַ־נענטע אַמפּעריש צווישן די איסט־ענדער און וועסט־ענדער ייִדישע פּאָלי־טיקער? עס זײַנען שוין טאַקע ניטאָ די היציקע כסידים פֿונעם אַנאַרכיסטישן „אַרבײַטער־פֿרײַנט“, די צדאָקע־פּאָליטיקאַנער פֿון דער „אינגליש זייאָניסט פֿעדערעישן“, וועלכע אָט קושן זיי זיך מיט דער מיליאָנערסקער ענגליש־ייִדישער פֿילאַנטראָפּיע און אָט שילטן זיי זיך? וווּהין זײַנען פֿאַרשוווּנדן פֿון וויַיטשעפּל די פּרעזידענטן פֿון לאָקאַלע טרעד־יוניאָנס, אַרבעט־אָנווײַז־ביוראָען, אונטערשטיצונגס־פֿאַריינען, בילדונגס־אַסאָשיִעישנס, די דורכפֿי־רער פֿון „לעקטשורס“ און „עקסקוירשנס“ — עס זאָל אומעטיק ניט זײַן די הונגעריקע אימיגראַנטן? און דער „לאָנדאָנער יוד“, די „אַבענד־נײַעס“, דאָס „פּוילישע ייִדל“, „די צײַט“?

און לעסאָף — צי קאָן מען נאָך דאָ אָפּזוכן שפּורן פֿון די פּיאָנערן פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן ייִדן — אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט — אָרן ליבערמאַנס, מאָריס ווינטשעווסקיס שפּורן אין לאָנדאָן?

איצט, אויף דער שוועל פֿונעם 1967 יאָר, ווען אין דער שײַן פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿון דער נײַער אָקטיאַבער־עפּאָכע קוק איך זיך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל צו צו דעם הײַנטיקן מאַצעוו פֿון מײַן פֿאָלק, האָט זיך מיר פֿאַרוואָלט אַרײַנקוקן אויך אין דעם „וויַיטשעפּל־לאַנד“, וווּ אין דער נאָך ניט ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט האָבן צענדליקער טויזנטער ייִדן, אַרויסגע־שטויסענע פֿון דעם ביטערן, אָבער טיף פֿאַרוואָרצלטן טכום־שטייגער, איבערגעלעבט דערשיטערנדיקע סאָציאַלע דראַמעס. איך האָב געוואָלט זען, וואָס עס איז געוואָרן מיט די זין און אייניקלעך פֿון אָט די אופּגערו־דערטע אימיגראַנטן, צי האָבן זיי, ווי מע זאָגט עס, געפֿונען אַ רויִקן האַפֿן אין דעם אינדזל־לאַנד, און ווי האַלט בײַ זיי הײַנט מיט אָפּהיטן און פֿאַר־מערן די פֿאָלקס־אוצרעס, וועלכע זייערע אָוועס האָבן, אָן סאָפעק, מיט־גענומען מיט זיך אַפֿן נײַעם וווּין־אָרט.

אָבער איידער איך וועל דערציילן וועגן דעם ייִדישן ייִשעוו אין ענג־לאַנד, וויל איך כאָטש אינקורצן זאָגן וועגן דעם ענגלענדער גופֿע, ווי איך האָב אים אין זײַן לאַנד געזען.

אלץ קאפויר?

— איר פֿאָרט קיין ענגלאַנד? זאָלט איר ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָרט איז אַלץ קאַפּויר...

די דאַזיקע ווערטער האָט מיר געזאָגט אַ מענטש, וואָס האָט אַכט יאָר אָפּגעלעבט בא דער טעמזע און זײַנע פֿרײַנט אין מאָסקווע רופֿן אים „דער ענגלענדער".

נו, אויב ער אַליין האָט אַ שעם פֿון אַן ענגלענדער, איז דאָך מעגלעך, אַז אויך בא אים זאָל זײַן אַלץ קאַפּויר. און קאַפּויר אַף קאַפּויר — איז שוין ניט קאַפּויר...

ווען איך בין אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם לאָנדאָנער אַעראָוואָקזאַל, קעדײַ פֿאָרן אין האָטעל, האָב איך ניט ווילנדיק געמוזט פֿון דער ערשטער רגע אָן זיך דערמאָנען אין דער וואָרענונג פֿון מײַן מאָסקווער באַקאַנטן. ווי געווײנלעך, האָב איך, אַריבערגײענדיק די גאַס, אַ קוק געטאָן אַף לינקס, צי עס טראָגן זיך ניט אַף מיר קיין אויטאָמאָבילן, און בין שיר ניט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז אָנגעלאָפֿן... פֿון רעכטס!

— דער שאָפֿער איז שיכּור, צי וואָס? פֿאַרוואָס שטעלט מען אים ניט אָפּ?

איינער פֿון די פֿרײַנט מײַנע האָט, אָנשטויסנדיק זיך, אַז איך בין, נעבעך, גרין פֿון אויבן ביז אַראָפּ, אַ ווונק געטאָן מיט אַ שמייכל צו דער גאַס. איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. אַלע שאָפֿערן זײַנען שיכּור צי כאַסערדייע? אָט איז נאָך איין מאַשין, און נאָך איינע, און גאַנצע צענער, פֿופֿצן, צוואַנציק — אַלע פֿאָרן זיי אַף דער לינקער זײַט גאַס, ניט אַף דער רעכטער! וואָס שטייט ער, דער באָבי (אַזוי רופֿט מען אין ענגלאַנד די פּאָליצײ־לײַט), ווי אַ גולעם? בא אונדז אין מאָסקווע...

— בא אײַך אין מאָסקווע — אַזוי, און בא אונדז אין ענגלאַנד — קאַפּויר...

דאָס האָט געזאָגט אַן עכטער ענגלענדער, אַ לאָנדאָנער, און אים מעג מען גלייבן.

ווען מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו אונדזער מאַשין, האָב איך, וועלנדיק זיך אוועקזעצן לעבן דעם שאָפֿער, אָן עפֿן געטאָן דאָס טירל אַף רעכטס פֿון אים, אַזוי ווי איך טו אין דער היים, און... שיר ניט אַרופֿגעפֿאַלן אַף אים טאַקע, אַף דעם שאָפֿער. לאָזט זיך אויס, אַז אין ענגלאַנד שטייען די מאָטאָרן אין די אויטאָמאָבילן אַף דער רעכטער זײַט און ניט אַף דער לינקער, די שאָפֿערן זיצן דעריבער אַף דער רעכטער זײַט.

מיר פֿאָרן, און אַף די גאַסן האָב איך די מעגלעכקײַט צו זען, וואָס עס הייסט „קאַפּויר־מאָדעס". דאָס אולטראַ־מאָדערנע (עקסטראַוואַגאַנטע) און דאָס אַלטע־שעבעלטע (דער סנאָביזם) אין דעם אָנטאָן באַם דורכשניטלעכן ענגלענדער זײַנען אַרויסרופֿעריש. אָט שטייט אַפֿן טראָטואַר, לעבן אַ קינאָ־טעאַטער, אַ גרופּע יוגנטלעכע. די מיידלעך — אין מיני־סקערטס, קליידלעך די גרייס ווי אַ גענעץ, דערצו נאָך אין „רוסישע שטיוועלעך" אַף הויכע אָפּצאַסן; האַלב פֿון דעם מיידלס ווּקס גייט אוועק אַף די אָפּגעדעקטע

ווי ווײַט מעגלעך פּיס. די ייִנגלעך (מיט אָנגעשמירטע, ווי בײַ מיידלעך, באַקן, אונטער די אויגן — בלויע, שוואַרצע אָדער גרינע פּאַסן) טראָגן, אַנ־שטאָט באַנאַלע הויזן, מיני־דזשינסן מיט אַ גרויסער קעשענע אויפן פּונפּאַרנט. עס זעט מיר אויס מאָדנע, וואָס די זין פֿונעם פֿעלדמאַרשאַל מאָנטגאָמעריס „אײַזערנע סאָלדאַטן" דרייען, שפּאַצירנדיק אויפן טראָטואַר, מיט די היפּטן און סטאַרען זיך, אַז די לאַנגע האָר זאָלן ווי ס'געהער צו זײַן ליגן אויף די שמאָלע אַקסלען.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די „דערפֿינדערין" פֿון מיני־סקערטס מערי קוואַנט האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען פֿון דער ענגלישער קיניגין דעם טיטל „ייִנגערע באַראָנעטע". הייסט עס, אַז מיט אולטראַ־מאָדערן וואַרפֿט מען זיך דאָ ניט. פֿאַר די מיידלעך, די „מיני־סקערטקעס", זײַנען גאַסטפֿרײַנטלעך צעעפֿנט די טירן פֿונעם גרויסן ספּעציאַליזירטן מאַגאַזין „ביבאַ". מע טוט אויך ניט פֿאַרגעסן אין די עקסטראַוואַגאַנטע יונגעלײַט. פֿאַראַן אַזאַ פּיפּיקער געשעפֿטסמאַן דזשאָן סיוועַרס, אויך נאָך אַ יונגער־מאַן, — האָט ער אין צענטער פֿון לאָנדאָן אָפּגעדונגען אַלטע פֿאַרלאָזטע סקלאַדן און אין זיי געעפֿנט עטלעכע קראָמען, אין וועלכע פֿאַרקויפֿער, ווי צווײ טראָפּן וואַסער ענלעכע צו די קוינים, קלײַבן צו פֿאַר זיי דאָס מאָ־דערנע קלאָפּערגעצײַג, אונטערפֿײַפֿנדיק אַ לידל פֿון דעם ביטניקעס־רעַ־פּערטואַר און דרייענדיק דערבײַ מיט אַלע איבֿורים.

אין גרויסבריטאַניע האָט מען ליב הומאָר, נאָר מע קערט זיך אָפּ פֿון ביליקע קאַלאַמבורן. אַהער איז דערגאַנגען פֿון יענער זײַט אָקעאַן איינער אַזאַ קאַלאַמבור, וואָס וויקלט זיך אַרום דעם וואָרט „מיני־ענגלאַנד" און לאָזט צו וויסן, אַז מיט דער צײַט וועט די אַמאָליקע הערשערין פֿון די ים־מען ווערן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מע וועט זי קאָנען פֿאַררעכענען פֿאַרן איין־און־פֿופֿציקסטן שטאַט פֿון פּשאַ... און כאָטש אָסקאַר אואַלד האָט אַמאָל אַ שפּאַס געטאָן, אַז בײַ ענגלאַנד און אַמעריקע איז פֿאַראַן פֿיל געמיינזאַמס, אויסער... דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי ריידן, — דאָך איז ניטאָ קיין גרע־סערע באַליידיקונג פֿאַרן שטאָלצן ענגלענדער, ווי דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז איבער אָט אַזאַ סאָרט „געמיינזאַמקײַט" וועט צו ענגלאַנד צוגעשטוקע־וועט ווערן דער מאָדערנער עפּיטעט „מיני".

די צווייטע קאַפּויער־עקסטרעמקײַט פֿון דעם ענגלישן לעבנס־סטיל — די אַלטמאָדישקײַט — שטעלט זיך האַרטנעקיק קעגן, אויף ניט אונטערצו־געבן זיך, דער סופּער־מאָדע. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז דאָס זײַנען קעגנ־זעצלעכע אָדער, כאָלילע, פֿײַנטלעכע טענדענצן. גיכער איז דאָס נאָך איין באַווײַז פֿון דעם קאַפּויר אינעם כאַראַקטער פֿון דעם ענגלענדער.

איר קאָנט אין לאָנדאָן אויף טריט און שריט באַגעגענען מאַנצבלען אין ברייטע אומגעלומפּערטע הויזן און אין מאַנטלען ביז די פּיאַטעס. וואָס אָפּגעטראָגענער עס איז בײַ אָט די מאַנצבלען דאָס אָנטאָן, אַלץ כאָשעוווער זײַנען זיי בײַ זיך. אין די זאַלן פֿונעם וועסטמינסטער־פּאַלאַץ קאָן מען זען פּאָליטישע טוער פֿונעם לאַנד, אומיסטן, ווײַזט אויס, ניט קיין געגאָל־טע, אָנגעטאָנענע אין רעקלעך מיט אויסגעריבענע אַרבל, פּונקט ווי אין פּראַנקרײַך, לעהאַוודל, די קלאָשאַרן...

דאָס שטרעבן צו זײַן ניט ענלעך אויף אַנדערע דריקט זיך בײַ די ענג־

לענדער אויס ניט נאָר אין דעם אַרט אָנטאָן זיך. כ'האָב נאָך ניט באַוויזן קומען אין האָטעל, ווי אַפּן וועג האָב איך אין די ערשטע שמועסן זיך אָנגעשטויסן אַף מײַלן (ניט קילאָמעטערס) פֿונעם דורכגעפֿאָרענעם מעהאַלעך, אַף דיוימען און פֿוטן.

א סעדרע פֿאַר זיך איז — וויאַזוי עסט מען אין ענגלאַנד. איר האָט אַמאָל געזען, אַז אַ פֿאָלק זאָל מיטן אייגענעם ווילן זיך אָפּזאָגן פֿון ברויט און עסן סעכערעס? אין האָטעל „עמבאַסי", ווו איך בין אײַנגעשטאַנען, האָט די קעלנערן שיר ניט אַ רוף געטאָן צוהילף דעם באַלעבאָס, ווען איך האָב איינמאָל אַף אירער אַ פֿראַגע געענטפֿערט, אַז איך וויל אַף פֿרישטיק אַ שטיקל וואַרעם, פֿריש קאָרנברויט (קימאַט ווי באָנציע שווײַג).

אין ענגלאַנד איז קאָרנברויט אַ יעקאַר־האַמצײַעס. פֿאַרן אָפּפֿאָרן פֿון מאָסקווע האָב איך געפֿרעגט בא אונדזער „ענגלענדער", וואָסער סווועניר איז בעסער פֿון אַלץ מיטצונעמען, האָט ער געענטפֿערט: „אַ פּאָר לעבלעך שוואַרץ ברויט"...

אַלע טאָג עסט דער ענגלענדער צו פֿרישטיק אַ פּאָר דינע פּאַסיקלעך בעקאָן און אַן אויסגעגאָסן איי. איך זיץ אינדערפֿרי אין רעסטאָראַן פֿון האָטעל, און די אויגן ווילן שוין מער ניט קוקן אַף דער לויזער פּרעזשעניצע. מיטאַמאָל זע איך, ווי אַף דער גאַס, הינטערן פֿענצטער, דרייען זיך אַרום מיידלעך, וואָס אַ הינערצוכט־פֿירמע האָט זיי געדונגען אַף צו רעקלאַמירן אייער. זיי זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסע לײַוונטענע קאָלפּעקעס, ענלעכע אַף צעעפֿנטע פּיסקעלעך פֿון הינדעלעך, און אין ווײַסע שיכעלעך ווי הינערשע לאַפּקעלעך. „עסט אייערן!" — ריידן זיי מיך אײַן, און איך רוק אָפּ פֿון זיך דאָס נימעס געוואָרענע איי...

און אָט זײַנען נאָך אַ פּאָר טשיקאַווע שטריכן פֿון ענגלאַנדס לעבנשטייגער.

וויאַזוי האָט מען הײַנטיקע יאָרן, לעמאָשל, כאַסענע אין לאָנדאָן און וויאַזוי געט מען זיך? אַף צו ווערן מאַן־און־ווײַב קאָן מען זיך, אויב מע וויל, באַגיין אָן ליבעס און אויך אָן שאַדכאָנים. אין לאָנדאָן זײַנען פֿאַראַן צוויי ביוראָען, אין וועלכע עלעקטראָנע רעכן־מאַשינעס זוכן פֿאַר אײַך אָפּ פֿון טויזנטער וואַריאַנטן אַ לעבנספּרײַנט לויט אײַער געשמאַק, און קאָסטן קאָסט עס אײַנגאַנצן פֿיר שילינג... אויב עס קומט אָן אַזוי גרינג דאָס צונויפּגיין זיך, איז צו דערוואַרטן, אַז אויך דאָס צעגיין זיך וועט אָנקומען גרינג. נאָר ניין, דאָ מישט זיך שוין אַרײַן דער ענגלישער קאָנסערוואַטיזם. אַ געט ווערט ניט דערלויבט, אויבביידע צדאָדים — זי און ער — ווילן אים. לויט אַן אַלטן געזעץ, דאַרף אומבאַדינגט איינער זיך לאָדן מיטן צווייטן...

דער יורידישער סטאַטוט פֿון דעם הײַנטצײַטיקן אויטאָמאָביל־טראַנספּאָרט ווערט רעגולירט לויט אַ געזעץ פֿון 1853 יאָר בעשײַכעס... פּאַסאַזשיר־דיליזשאַנסן. דער פֿלאָנטער איז אַזוי גרויס, אַז אויב אַ ריכטער וויל, קאָן ער פֿאַרמישפּעטן אַ שאָפֿער פֿון אַ טאַקסי אַף קאַטאָרגע צי אַפֿילע אַף טויט פֿאַר אָפּזאָגן זיך פֿירן אַ פּאַסאַזשיר אין אַן אָרט, ווו עס איז פֿאָרגעקומען אַ מענטשלעכע דראַמע.

וועגן די אַלע קאַפּויר־טשיקאַוועסן פֿונעם ענגלישן שטייגער קאָן מען אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך. איך וועל דערווײַל איבערכאַפּן דעם אָטעם, ווײַל

מיר וועלן נאָך מיט אײַך, כאַשעוועור לייענער, אין גאַנג פון דער רײַזע ניט איין מאָל צונויפשטויסן זיך מיט זיי. און איצט איז צײַט זיך נעמען פאַר מער ערנסטע אינײַאָנים. צוליב פּינקטלעכקײַט וועל איך זאָגן, אַז, צוזעענדיק דאָס אַלץ, האָב איך צײַטנווײַז געטראַכט: אַ שאָד, וואָס די ייִדן אין ענגלאַנד האָבן פאַר די קאַרגע הונדערט יאָר, וואָס זיי לעבן צוזאַמען מיט די טוישווים פונעם לאַנד, דאָך ניט איבערגענומען עפּעס־וואָס וועזנטלעכס פון זייער כאַראַקטער, וועלכער איז ניט אַזאַ פּראָסטער, ווי מע קאָן מיינען פונעם ערשטן קוק; אַלנפאַלס, ס׳איז ניט קיין כאַראַקטער מיט אַ פּרימיטיווער קאַפּויר־לאָגיק. די ענגלענדער פאַרגינען זיך, אַרויסשטעלנדיק זייער סנאָביזם, כויזעקן פון זיך אַליין, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז איר מעגט פון זיי כויזעקן,—איר וועט אומגעריכט דערזען פאַר זיך דעם האַרטלעכן, שטאָלצן, עטוואָס גרויסהאַלטערישן בריט. איר וועט דערפילן זײַן אײַנגעהאַלטענעם און פאַרבאַהאַלטענעם טעמפּעראַמענט, זײַן זיכערקײַט, אַז ער איז קליגער פון אײַך און אַז ער איז טאָמיד גערעכט; אויסהערנדיק, וואָס איר וועט אים זאָגן, און ניט פאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט, ווײַל ער האָט זיך ניט אָנגעטאָן די מי דאָס צו פאַרשטיין, וועט ער אַרויסשטאַמלען: „אָך, ווי אינטערעסאַנט"... און דערבײַ טראַכטן וועגן אײַער מאַניר אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס עס קומט אײַך אויפן געדאַנק: „דער מענטש איז אופריכטיק, ווי אַ טיפּעש"... פאַר זיך אַליין וועט ער דערקלערן אײַער נאַיִווקײַט דערמיט, וואָס איר זײַט דאָך, אייגנטלעך, „פון אייראָפּע" (זײַן אייגן לאַנד האַלט ער ניט פאַר אַ טייל פון אייראָפּע, עס איז, זעט איר, אַ באַזונדערער קאָנטינענט)... און ער וועט אָנהייבן ריידן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, נו וועגן דעם, לעמאָשל, אַז אין ענגלאַנד איז קימאַט אוממעגלעך צו קויפן אַ הויז אויף שטענדיק: אויף וויפל עס גילטן נאָך די פעאָדאַלע רעכט אויף ערד, קאָן מען קויפן דאָס הויז... בלויז אויף 99 יאָר. און, ניט ענדערנדיק דעם אויסדרוק פון לאַנגווײַל אויפן פּאָנעם, וועט ער אײַך פּאַמעלעך געבן צו פאַרשטיין די סיבע, פאַרוואָס אויף דער לאָנדאָנער עסטראַדע שטויסט די אולטראַ־מאָדערנע מוזיק, וועלכע רופט זיך „יע־יע", צוביסלעך אַרויס די מוזיק פון בעטהאָווען און ליסט: „מיט קלאַסיק,—וועט ער זאָגן, קנייטשנדיק די נאָז,—פאַרדינט מען אויף אַ ביפשטעקס, און מיט „יע־יע" מאַכט מען אַ לעבן"...

פאַרוואָס די גאַנצע וועלט האַלט אין איין ברעכן זיך דעם קאָפּ, וויאַזוי צו „צעקײַען" דעם כאַראַקטער פונעם ענגלענדער, פאַרשטיי איך יאָ; איין זאַך פאַרשטיי איך אָבער ניט, און נעמלעך, וויאַזוי האָט עס דער ייִד, וואָס לעבט שוין אַ לאַנגע צײַט אין איין שטוב מיטן ענגלענדער, ניט „צעקײַט" אים און ניט טראַנספאָרמירט עפּעס פון זײַנע „קונץ־שטיק" אויפן ייִדישן אויפן...

ווו ביסטו, ווײַטשעפּל?

לאָנדאָן איז איינע פון די גרעסטע און שענסטע שטעט אין דער וועלט. אַ גאַסט פון דער ווײַט ווייסט מאַמעש ניט, פון וואָס אָנצוהייבן די באַקאַנטשאַפט מיט לאָנדאָן: פון דער טאַוער־פעסטונג, אָט דעם איידעס פון וויל־

העלם דעם באַצווינגערס צײַטן; צי עפּשער פֿון די צוויי פּאַלאַצן — דעם בוקינהעמער, דאָרט לעבט די קיניגן עליזאַבעט (אין אַ שול־כרעסטאָמאַטיע ווערט געזאָגט, אַז זי „הערשט, נאָר רעגירט ניט"), און דעם וועסטמינסטער, דאָרט געפֿינט זיך דער פּאַרלאַמענט (ער, פּאַרקערט, „רעגירט, נאָר הערשט ניט"). אייניקע טוריסטן הייבן זיך אויף אויפֿן אייבערשטן שטאָק פֿונעם פּאָטשטאַמט־טורעם „בליו־פּיטער" (580 פֿוט די הייך!). אויף אָט דעם שטאָק, וואָס דרייט זיך אַרום זײַן אייגענער אַקס, איז דאָ אַ רעסטאָראַן, און, זיצנדיק באַם טישל, קאָן מען זען די פּאַנאָראַמע פֿון דער שטאָט. די מערהײַט געסט אָבער פֿון דער ענגלישער קרוינשטאָט גייען אַרום איבער אירע גאַסן: איבער דער באַרימטער סיטי, איבער די רעספּעקטאַבעלע האַנדלס־צענטרען אָקספֿאָרד־סטריט און רידזשענט־סטריט, איבער דער גאַס פֿון ענגלאַנדס מיניסטעריומס אוהײַטהאָל; נאַטירלעך, מע שטייט אָפּ שאָענלאַנג אויף פּיקאַדילי, לעבן דער סטאַטוע פֿון עראָס, און אויפֿן טראַפֿאַלגאַר־פּלאַץ, בײַ דער סקולפּטור פֿון דער יונגפֿרוי מאַריִע מיטן אייפֿעלע יעזוסן; מע שאַצט אָפּ ווי ס׳געהער צו זײַן די קוראַנטן פֿון דעם ביג־בען; און אויב ס׳איז זונטיק, איז וווּאַזוי זיך ניט אַרײַנכאַפּן אין הײַד־פּאַרק, צום „ווינקל פֿון די ספּיקערס", ווו אין די רו־טעג רעדט זיך לאָנדאָן אַראָפּ פֿונעם האַרצן, — יעדערער קאָן דאָ האַלטן אַ רעדע וועגן וואָס ער וויל און ווי לאַנג ער וויל.

דאָס אַלץ איז ביז גאָר אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט. אויך איך האָב ניט דורכגעלאָזט די מעגלעכקײַט דאָס צו זען. איך בין זיך אַפֿילו ניט באַגאַנגען אָן דעם באַהעמע־ראַיאָן סאָהאָ, וואָס אַנטקעגן אים זעט אויס דער פּאַריזשער פּליאַס פּיגאַל, וואָס איז באַוווּסט אַלס אָרט פֿון זנוס און אויסגעלאַסנקײַט, ווי אַ פּאַרקערפּערונג פֿון צנִיעס. אויך אויף דער גאַס פֿון די ביטניקעס (קאַרנעבי־סטריט) בין איך געווען, און אויך אויף דער גאַס פֿון די שנײַדערס (סעוויל ראָו), און אויף האַרלי־סטריט — אויף דער גאַס פֿון דאָקטוירים, און אויך אויף דער קלוב־גאַס מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען „פּעל־מעל"...

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש האָב איך אין איינעם אַ טאָג זיך אָוועקגעלאָזט צום ווײַטשעפּל, דעם היסטאָרישן ייִדישן ראַיאָן.

ווען צוריק מיט דרײַ הונדערט יאָר, נאָכן גייִרעש ענגלאַנד, האָבן די ייִדן באַקומען פֿון קראָמוועלן אַ דערלויבעניש ווידער אַרײַנצופֿאָרן אין לאַנד, האָבן זיי אין לאָנדאָן אָנהייב זיך באַזעצט אין די טאַוער האַמלעטס, אײַנגעשלאָסן ווײַטשעפּל. אהער האָט אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט דערגרייכט דער גרויסער שטראָם ייִדישע עמיגראַנטן פֿון דער רוסישער אימפּעריע — פֿון אוקראַיִנע, פּוילן, ליטע, ווו ס׳האָט אונטערן טײַטל פֿון די ראָמאַנאָווס געווילדעוועט די פּאָגראָם־רעאַקציע. בײַ אַ הונדערט טויזנט אָנגעפּאָרענע ייִדן האָבן שוין צום אָנהייב פֿונעם נײַעם יאָרהונדערט זיך באַזעצט אין געטאָס: אין דער לאָנדאָנער („באָראָ און סטעפּני" מיטן ווײַטשעפּל אין דער מיט), אין דער מאַנטשעסטערער („טשיטעם"), אין דער ליווערפּולער („בראַונלאָו היל") אאַ.

שוין באַלד הונדערט יאָר אַריבער פֿון יענער צײַט. אַצינד לעבן אין ענגלאַנד... איך בעט אײַך, וויפֿל ייִדן לעבן איצט אין ענגלאַנד?

ווײַזט זיך ארויס, אז דאָס איז א סאָד... אָדער, פּינקטלעכער געזאָגט, עס וועט זײַן בעסער, אויב מע וועט ניט וויסן, וויפל ייִדן עס וווינען הײַנט אין ענגלאנד. האיטאָכן? איז אף דעם דאָ א טערעץ.

אין טאָך געגומען, איז באוווסט, אז די ייִדן אין ענגלאנד מאכן אויס אן ערעך איין פּראָצענט לעגאבע דער באפעלקערונג פונעם לאנד, דאָס הייסט ארום פינף הונדערט טויזנט נעפאשעס. איז אָבער פארשפּרייט אזא אָבערגלויבן צווישן די קלאל־טוער פון דעם ייִדישן יישעוו: ביזוואנען אין לאנד איז פאראן ניט מער פון איין פּראָצענט ייִדן, וועט די באצילע פון אנטיסעמיטיזם ניט האָבן קיין שליטע איבער די ענגלענדער; ווי נאָר עס ווערט אָבער כאָטש מיט איין ייִד מערער פון איין פּראָצענט, אזוי גלײַך ברעכט אויס די יודאָפאָבישע עפּידעמיע.

בעסער וואָלט איך זיך שוין ניט געכאפּט צו זאָגן, אז די ייִדן האָבן גאָרנישט ניט איבערגענומען פון די ענגלישע קונץ־שטיק...

בעקיצער, אזוי צי אנדערש, נאָר אַלע ווייסן, אז פון דעם האלבן מיליאָן ייִדן אין גרויסבריטאניע לעבן בא צוויי הונדערט פופציק טויזנט אין לאָנדאָן. איז וווהין גייט מען דאָ זיך זען מיט א ייִדן? אין ווײַטשעפּל, פארשטייט זיך.

אזוי האָב איך זיך געטראכט, און כ׳האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס, ווען כ׳האָב עס געזאָגט די צוויי לאָנדאָנער טוישווים, וועלכע האָבן מיך באגלייט קיין ווײַטשעפּל, — פּנינע אײַזענשטאט און סיד דאגלאס — האָבן זיי זיך עפּעס האנאָעדיק צעשמייכלט.

סיד דאגלאס קען קיין ייִדיש ניט. דאָס הייסט, ריידן רעדט ער יאָ אף א מין מאמעלאָשן, נאָר עס זעט אויס, ווי ער וואָלט מיט ייִדישע ווערטער זיך געקאשערט דאָס מויל. די ווערטער, עפּעס מאָדנע קײַלעכדיקע און הארטע, קלאפּן אָן בא אים אין גאָרגל און קײַקלען זיך ארויס — אמאָל פּיצינקע און אמאָל צופיל צעצויגענע, אָבער טאָמיד אָן די שפּראַך־רימענדלעך, וואָס פארבינדן געוויינלעך באזונדערע ווערטער אין פראזעס.

פארלויפנדיק עטוואָס דעם וועג, וועל איך דאָ זאָגן: בא מיר איז געבליבן דער אײַנדרוק, אז די מערהײַט ענגלישע ייִדן, וואָס ריידן שוין יאָ ייִדיש, ריידן אזא ייִדיש, ווי סיד דאגלאס.

סיד דאגלאס פירט דעם אווטאָ און זאָגט מיר עפּעס. עס זעצט איבער פּנינע, אויב איר ווילט פערעלע, א טאָכטער פונעם געזעלשאפטלעכן טוער פון ייִסראָעל דר. שמועל אײַזענשטאט. פּנינע האָט כאסענע געהאט מיט אן ענגלענדער, זי וווינט אין לאָנדאָן און האָט זיך אויסגעלערנט פארשטיין דעם דאָרטיקן ייִדיש. אליין איז זי מיט יעדן ביינדעלע אירס, מיט אלע טעוועס און טנועס אף דורך און דורך היימיש־ייִדיש, און איך דארף ניט איבערפרעגן, ווען זי גיט מיר עפּעס צו פארשטיין.

— ער זאָגט, — מאכט זי צו מיר און גיט א פיר מיט די אויגן אף דאגלאסן, — אז אין ווײַטשעפּל איז ניטאָ וואָס צו פאָרן... ניטאָ שוין דאָרט קיין ייִדן...

— וואָס זשע, זיי זײַנען, כאָלילע, אויסגערונען?

עס גייען אוועק גוטע עטלעכע מינוט, ביזוואנען פנינע גיט צו פארשטיין דאגלאסן, וויאזוי עס קאָן געמאָלט זײַן, אז ייִדן זאָלן „אויסרינען".

— אַ, יעס! — שרײַט ער אויס. — יעס!

דערנאָך גיט מיר פנינע איבער:

— ער זאָגט, אז, קעמינהעג ייִסראַעל, איז מען ניט געזעסן אַף איין אָרט. דאָס הייסט, ייִדן האָבן זיך ארופגעארבעט און זײַנען אריבער צו לעבן אין אנדערע ראיאָנען פון שטאָט. ווי באַ וועמען די קעשענע טראָגט אויס, פארשטייט זיך.

אונדזער וועג איבער די גאסן מאָדעלירט טאקע די וואנדערונגען פון די איסט־ענדער ייִדן. אָט דאָס איז ווײַטשעפּל. ניין, ניין, גאָרנישט ניט פון דעם, וואָס אמאָל איז געווען. איצט איז דאָס א לאָנדאָנער אינדוסטריִעלער ראיאָן. אָבער שטייט א רעגע! א שפור איז פונדעסטוועגן יאָ פארבליבן. דער שפור איז — א ייִדישער מארק. א ייִדישער מארק אינמיטן ווײַטשעפּל, ארײַנגעשפּארט אין שמאָלע ליקן צווישן גרויע מויערן. דער מארק הייסט „דאָס געסל פון די אונטערקליידלעך". פארוואָס עפּעס אזוי? ווײַל דאָ איז אזא שטופּעניש, אז מע קאָן באַ א פארטראָגן ווײַבל אומבאמערקט אראָפּ־ציִען, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, דאָס אונטערקליידל און טאקע דאָ אפן אָרט עס פארקויפן איר אליין פאר האלב אומזיסט.

שוין קימאט א שאָ, ווי מיר שווימען ארום איבער דעם „געסל פון די אונטערקליידלעך". געוועלבלעך, קרעמלעך, שטעלעכלעך, גלאט קופּקעלעך אלטע מאלבושים און כפּייצים; אײַזנווארג, פעסער מיט סמאָלע, לעבעדיקע הינער, שטריק, קאָלדרעס, פּאָרנאָגראַפישע קארטלעך, שטעקשיך, מעזוזעס, סאמאָווארן, געאָגראַפישע מאפּעס, קאָלאָניִאלע קורצע הייזלעך, דעמבענע שאפעס פון אמאָליקע שטעטלדיקע שטוב־גארניטורן...

איז בלויז דאָס פארבליבן פון ווײַטשעפּל?

דער ווײַטשעפּלער אימיגראנטישער אמכאָ האָט, ווי פנינע פארטײַטשט עס מיר, זיך ארופגעארבעט און מיט גרויס קעגנווילן זיך אסימילירט. אַף זײַן אייגענעם אויפן, פארשטייט זיך. דאָס הייסט — זיך יאָ אסימילירט און זיך ניט אסימילירט. איך וואָלט געזאָגט אזוי: זיך אסימילירט אין לאָשן, געבליבן קימאט דער זעלבער אין טאָך. און דאָס וועט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, שאפן דעם דיסהארמאָנישן טיפּ יאהודים.

וועגן דעם, אז די פוילישע, אוקראַיִנישע און ליטווישע ייִדן זאָלן וואָס גיכער זיך צעשיידן מיט זייער אמאָליקן שטייגער, מיט דעם לאָשן, מיט די טכום־מינהאָגים, מיט דעם מאכן מיט די הענט, מיטן איבערדרייען אפן ייִדישן אויפן די שפּראך פון די „באלעבאטים פונעם לאנד", — וועגן דעם האָבן זיך נאָך אין יענע ווײַטע צײַטן געזאָרגט די צדאָקעגעבער, די אויסגעיידלטע „ייִדישע פירער". דעם עמעס גערעדט, האָבן זיי זיך פּאָשעט געשעמט מיטן אָרעמען ברודער, א ביסעלע אפילע זיך געמיִעסט פון אים. דערנאָך, לעס־ברײרע — מע האָט די אָנגעפּאָרענע פּאָרט געדארפט ארײַנ־פירן אין דער גענעלשאפט פון די האָנאָריסטע ענגלענדער, — איז געבליבן וואָס גיכער צו אסימילירן, אנגליזירן, אינטעגרירן זיי... מע האָט זיי ארײַנ־געכאפּט מיט אומזיסטע פרישטיקס אין לאָרד ראָטשילדס „פרײַער שול",

אין וועלכער אויסער ענגליש האָבן זיי זיך בימכילע געלערנט „ענגלישע מאנירן". אזוי, מיט דעם אוניווערסאלן פאר יענער סוויווע „האנטבוך פון הערמאן לאנדוי און יוסעף דזשייקאָבס" אין קעשענע, האָט דער אי־מיגראנט צוביסלעכווײַז גענומען ווערן „א שטיקל ענגלענדער". אין יאָרן ארום, ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט אף די פיס, האָט ער פארלאָזן ווײַטשעפל און זיך איבערגעקליבן אין דעם „בעסערן" ראיאָן — העקני.

— מיינט ניט, אז מע איז שוין דאָ געוואָרן ענגלענדער, — זאָגט פּני־נע, — קיין העקני האָט דער ייִד געשלעפּט מיט זיך די געטאָ...

און איך קלער מיר מײַנס:

גענוג שוין, גענוג צו מעסטן
לאָנדאָן אהין און אהער.
...אין ענגלאנד איז דאָ א שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקווער...

פון יענער זײַט לאָנדאָנער נעפּל
באווײַזן זיך אָוועס פארטראכט,
ווי גײַסטער פון גרויען ווײַטשעפּל,
וווהין ס'האָט די נויט זיי געבראכט.

איך פרעג אין טראָלייבוס א שאָכן,
„ווו שווימען מיר?" — כ'פרעג אין א שפּאס.
„מיר שווימען, — ער ענטפערט, — אין סאָהאָ,
דער זינדיקער לאָנדאָנער גאס..."

כ'דערמאָן זיך די ליד פון דרײַ שוועסטער,
פון מאָריס ווינטשעווסקין איך קלער.
...אין ענגלאנד איז דאָ א שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקווער...

מיר „שלעפּן" זיך קיין העקני. אף לינקס פון אונדז (טאקע דאָ, אין ווײַטשעפּל) שפּרייט זיך די פאראדאָקסאלע „מעדינע קאָקני".

אין אן אלטן קלויסטער הענגט א גלאָק: „באו!" רופט מען אים. ווײַזט אויס דערפאר, ווײַל ער ברומקעט „באו!". די מענטשן, וועלכע וווינען ארום אָט דעם קלויסטער, אין די גאסן, ווו מע הערט נאָך דאָס ברומען פונעם „באו", הייסן „קאָקני". וואָס איז דאָס אזוינס — „קאָקני"? א שייוועט, א סעקטע, אן אײַנפאל? דאָס קאָן קיינער ניט זאָגן. ס'איז אָבער אן עמעס, אז זיי, די קאָקני, ריידן אפילע אף א באזונדערן דיאלעקט און מיט א ספּע־ציפישן אקצענט, זיי פארמאָגן אן אייגענעם שטייגער, זינגען אייגענע ליי־דער. „איך בין א קאָקני!" — נעמט זיך איבער אזא איינער. אין לאָנדאָן זאָגט מען: מע קאָן ריידן אפן קאָקני־זשארגאָן, און דאָס זאָל ניט שטערן צו ווערן אויסערן־מיניסטער פון גרויסבריטאניע (ווי ערנעסט בעווין, לע־מאָשל).

און מיר געפעלט, וואָס קאָקני און ווײַטשעפּל האָבן זיך אַזוי צונויפגעפלאָכטן. איך וואָלט געוועזן אַ באַלן, עמעצער זאָל מיר זאָגן, צי בערנאַרד שאָוס פּראָפעסאָר היגינס (פון „פּיגמאַליאָן"), וועלכער האָט, ווי באַוווּסט, שטאַרק ליב געהאַט דאָס לאָשן פון די קאָקני, — צי אים איז אויסגעקומען אויך הערן, ווי אַזוי בישכיינעס מיט דעם קאָקני־זשאַרגאָן האָט געטומלט, געקרעכצט, געשריגן, זיך געזידלט און געלאַכט אַן אַנדער „זשאַרגאָן", ווי מע רופט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אונדזער ייִדיש. איך קאָן שווערן, אַז אָט דער „זשאַרגאָן", דער צווייטער, וואָס איך ווייס דאָך, סאַראַ געמבע ער האָט, — ער איז געווען בעקויעך אַפילו צײַטנווײַז פאַרקלאַפּן דעם געברום פונעם „באָו"...

אין העקני איז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג פאַראַן אַ צענטער פונעם „אַרבעטער־רינג" — דער אַלטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן נוסעך. די מיטגלידער פונעם „אַרבעטער־רינג" זײַנען שוין לאַנג קיין אַרבעטער ניט און זיי לעבן שוין ניט אין העקני. עס איז פאָרגעקומען אַ נײַע „איבערוואַנדערונג" פון די אַמאָליקע אימיגראַנטן — נעענטער צו די צענטראַלע גאַסן פון שטאָט, דאָס הייסט, אַז די סאָציאַלע באַזע פון די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָט זיך ווידער געענדערט. פּראָגרעסיוו־געשטימטע מענטשן פון דעם מיטל־קלאַס — אָט וועגן עס זײַנען איצט אויף דער לאָנדאָנער ייִדישער גאַס די יאָרשים פונעם ראַדיקאַלן עלעמענט פון אָנהייב יאָרהונדערט. אויב דאָן, ברייטשיס פונעם ייִשעוו, זײַנען, ווי מע דערציילט, פינף און נײַנציק פּראָצענט ייִדן־אימיגראַנטן געווען אַזוי אָדער אַנדערש פון פּראָלעטאַרישן גראַד, זײַנען איצט בלויז פינף פּראָצענט ייִדן אין ענגלאַנד — פּראָלעטאַריער. קאָן זײַן, אַז דערפאַר איז אַזוי שוואַך אין דער ייִדישער סוויווע די אָרגאַניזירטע פּראָגרעסיווע און וועלטלעכע באַוועגונג. פאַרקערט, די קאָנסערוואַטיוו־בירגערלעכע און רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע שיכטן האָבן מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, אַ פּרעסע אויף ענגליש, טראַדיציאָנעלע פאַרבינדונגען אויף דער „ענגלישער זײַט", ווי אויך אַ מער־ווייניקער סטאַבילע פינאַנציעלע באַזע. דעם דאָזיקן מאַצעוו נוצן אויס אין זייערע אינטערעסן די קאָלערליי ייִדישע „אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס", און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין ענגלאַנד איז אָנשטאָט דעם ייִדן, וועלכן מיר זײַנען געוווינט צו טרעפן אין ניו־יאָרק, וואַרשע, פּאַריזש, פאַראַן אַן ענגלענדער פון ייִדישן גלויבן, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען אין די טיפּישע פאַר דער ייִדישער גאַס סאָציאַלע באַוועגונגען, — ניט געקוקט אויף דעם, קאָנט איר אין לאָנדאָן געפינען „פאָרשטייערשאַפטן", „ביוראָען", „סעקציעס", „צענטראַלע קאָמיטעטן" פון קאָלהאַמינים ציִעניסטישע שטרעמונגען, ווי אויך פון די ייִדישע „סאָציאַליסטישע" גרופּירונגען. אין אַ געוויסער מאָס איז עס אַ קאָפּיע פון דער פּאַרטייען־פּאָליטרע אין ייִסראָעל. עמעס, אין טאָך זײַנען דאָס „שטאַבן" אָן אַרמייען, פאָרשטעטער געדרעדט, — יעדע גרעסערע ייִדישע פּאָליטישע גרופּירונג אין אַמעריקע אָדער ייִסראָעל האָט אירע פאָרשטייער אין לאָנדאָן. פאַר די פּאַרטייען אַליין איז קלאָר און אומבאַשטרײַטבאַר, אַז עס האַנדלט זיך ניט אַזוי אין פירן אַן אַרבעט צווישן די ענגלישע ייִדן גופע, ווי אין דעם, אַז אין מעשעך פון געציילטע מינוטן זאָל מען, זיצנדיק אין לאָנדאָן, קאָנען אײַנ־

שטעלן קאָנטאַקטן מיט אַן אנדער „ייִדישער פּאַרטיי״ אָדער „אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע״.

א ראַכמאָנעס אויף די ענגלישע ייִדן. עס זעט אויס, ווי זייער נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג וואָלט זיך ערגעץ אין א פּריִערדיקן יאָרצענדליק אָפּגעשטעלט, און איצט זײַנען זיי אין דער הינזיכט, זאָל מען מיר מוחל זײַן פאַרן פאַרגלײַך, אַזוי ווי יענע פעדערלעך, אויף וועלכע עס נעסטן זיך און פעדערן זיך די אָנגעפּלויגענע פון אַנדערע מעקומעס פייגל. בלויז מיט דעם קאָן מען דערקלערן די פענאָמענאַלע דערשײַנונג, וואָס, האָבנדיק שוין פון לאַנג פאַרלאָזט די טעריטאָריעלע געטאָ, דעם ווײַטשאַפּל, הייסט עס, און אויסערלעך, דוכט זיך, אײַנגעטונקט און אויסגעווייקט אין דעם אַסימיליאַציע־שטראָם, זײַנען די יאַהודים דאָך פאַרבליבן אין אַן ענגער, אָפּגעצאַמטער גײַסטיקער געטאָ מיט א רעזשים פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט.

וועגן דעם ריידן מיר צווישן זיך — פּנינע אײַזענשטאַט, א פרוי פון ייִסראָעל, סיד דאַגלאַס, א לאָנדאָנער ייִד, און איך, א ייִדישער שרײַבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, — ווען מיר פאָרן דורך די קייזנאָוו־גאַס, די „רעזידענץ״ פון די לאָנדאָנער באַלעבאַטישע כסידים... מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָבן אויף אָט דער גאַס געוווינט געשעפטסלײַט־מיליאָנערן. איצט איז עס די ציטאַדעל פון די אָרטאָדאָקסן. קימאַט ווי אין ניו־יאָרקער וויליאַמסבורג, שווינדלען דאָ אַרום, לעבן באָטעמעדראָשים און יעשיוועס, ייִדן מיט בערד־און־פּייעס און אין יאַרמלקעס. איך מורמל פאַר זיך און מיין דערבײַ אָט די ייִדן:

א דעסאַנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאַנט:
מיטאַמאָל — א מענטש מיט עפּעס גאָר אַן אַנדער פאַרשטאַנד!
שטעלט זיך האַרטנעקיק אַוועק אַנטקעגן אים און שרײַט,
אַז ער איז געקומען עפּעס פון אַן אַנדער צײַט,
און ער לאָזט דאָ הערן ס׳קאָל פון עפּעס גאָר אַן אַנדער לאַנד, —
א דעסאַנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאַנט!

היי, פאַרקלאַפּט,
פאַרקלאַפּט,
פאַרקלאַפּט
זײַנע פאַרפירערישע רייד,
א געדיכטע נעץ שפּרייט אויס וואָס גיכער,
ווען ער גייט.
דרייט זיך אָפּ פון אים, ווען ער שטרעקט אויס צו אײַך די האַנט,
ווײַל וואָס ער זאָל ניט זאָגן — א דעסאַנט בלײַבט א דעסאַנט.
אַז קיינער זאָל ניט הערן אים,
לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, —
היי, פאַרקלאַפּט, פאַרקלאַפּט, פאַרקלאַפּט זײַנע פאַרפירערישע רייד!

האָט ניט מוירע, אַז די וועלט וועט ריידן וועגן אײַער שאַנד, —
א דעסאַנט האָט זיך באַ אײַך אַרויסגעזעצט, א דעסאַנט!

א באזוך אין הויז פון קלארקענועל־גרין

א פּאָר ווערטער וועגן אן אוניקאלן ווינקעלע פון אָט דער שטאָט — וועגן דעם הויז פון קארל מארקס.

מיטן דירעקטאָר פונעם מוזיי, פּראָפעסאָר ענדריו ראָטשטיין האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין מאָסקווע, א וואָכן צוויי פאר מײַן ארויספאָרן קיין ענגלאנד. „ווען איר וועט זײַן אין לאָנדאָן, זאָלט איר לעמאנהאשעם זיך ארײַנכאפּן אף קלארקענועל־גרין, 37„א". דאָרט וועט איר זיך דערוויסן אזוינס, וואָס איז אינטערעסאנט ספּעציעל פאר אײַך"...

און אָט איז קלארקענועל־גרין. שוין העכער דרײַסיק יאָר געפינט זיך אף אָט דער באשיידענער גאס, אין איינעם פון די לאָנדאָנער ארבעטער־צענטרען, די מעמאָריאלע מארקס־ביבליאָטעק. פּראָפעסאָר ראָטשטיין פירט מיך ארום איבערן אלטן הויז, וואָס דער באוווסטער ארכיטעקטאָר דזשיימס סטיר האָט אויסגעבויט נאָך אין אָנהייב XVIII יאָרהונדערט.

אין א פּיצינק צימערל, די גרייס ווי א קאיוטע אף א טײַך־דאמפער, האָט לענין רעדאגירט די „איסקרא". דאָס איז געווען אין 1902—1903 יאָר. זיבעצן נומערן פון דער לעגענדארער צײַטונג זײַנען דאָ דערשינען. און...

— איר מעגט עס וויסן: פון די זיבעצן נומערן האָבן זעכצן אויסגעזעצט ייִדישע זעצער... — זאָגט מיר ענדריו ראָטשטיין, און ער שפּירט אופּמערקזאם נאָך, וויאזוי איך וועל רעאגירן אף זײַנע ווערטער.

איך טראכט בא זיך, ווי פארלאָזט עס איז די באלעבאטישקײט אין דער וויסנשאפט בא אונדז, ייִדן. און ווען איך דערוויס זיך נאָך, אז די כאווײרים פון לענינס ארומרינגלונג פלעגן דרוקן אייניקע זייערע ארטיקלען אין ייִדישן „וועקער" און אז לענין אליין (זײַן קאָנספּיראטיווער נאָמען איז דאָ געווען יאקאָב ריכטער) איז אין 1903 ארויסגעטראָטן מיט א רעדע וועגן דער פאריזשער קאָמונע אף א פארזאמלונג פון ייִדישע ארבעטער אין „ארבעטער־רינג", — פאלט מיר אײַן, אז עפּשער וואָלט געהאט א זין אָנשטאָט זיך אמפּערן דאָ, אין לאָנדאָן, מיט די געשפּענסטער פונעם ייִדישן מיטלאלטער אף דער קייזנאָוו־גאס, בעסער א פרעג טאָן זיי:

— נו, און די „איסקרא" האָט איר געלייענט, ראבויסײַ? פּרוווט אָקאָרשט ארײַנקוקן אין די לאָנדאָנער נומערן פון דער „איסקרא", וועט איר פארשטיין, ווו מיר האָבן געהאלטן אין כעזשבן נאָך מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק...

איך מאך צו די אויגן און זע לענינען אין לאָנדאָן מיט פופצן יאָר פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. וולאדימיר איליטש פלעגט ליב האָבן גיין הערן די רעדנער אין הײַד־פּארק. און דאָרט — זעט נאָר, וואָס די געשיכטע קאָן זיך פארגינען! — דאָרט פלעגט ער מיט פארזשמורעטע שמייכלענדיקע אויגן זיך צוקוקן צו איינעם פון די אמערסטן באליבטע אָראטאָרן, צו בערנארד שאָו, וועלכער האָט, נאטירלעך, ניט געקאָנט דאן וויסן, אז צווישן זײַנע צוהערער שטייט א רוסישער עמיגראנט, וועמען ער וועט אין 1921 שענקען א בוך מיטן אופשריפט: „דעם איינציקן אָנפירער פון א מעלוכע אין אייראָפּע, וועמעס פייִקײַטן, כאראקטער און קענטעניש אנטשפּרעכן דעם פּאָסטן, וואָס ער פארנעמט..."

צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר ענדריו ראָטשטיין פאָר איך אפן הייַגעטער בעסוילעם, אף קאַרל מאַרקס׳ קייווער. דאָרט זאָגט מיר ראָטשטיין:

— פאַרגלייַכט אָט דעם ביוסט פון קאַרל מאַרקסן מיטן ביוסט, וואָס שטייט אין מאָסקווע. דאָ איז מאַרקס עטוואָס מיד פון זייַן טיטאַנישער אַרבעט, ער איז אינמיטן קאַמפּס־געפעכט, ער איז אויך באַטריבט פון דעם, וואָס ער זעט אין קלאַסישן לאַנד פון קאַפּיטאַליזם... ער איז מער אייַנגעטונקען אין דער טאָגטעגלעכקייַט פון זייַן צייַט... און אין מאָסקווע, אפן פּראָספּעקט, וואָס טראָגט זייַן נאָמען, האָבן זיך די קנייטשן אף זייַן פּאָנעם אויסגעגלייַכט, די אויגן קוקן פריילעכער, ער זעט די פּרוכט פון זייַן אַרבעט.

און טראַכטנדיק א רעגע, גיט ענדריו ראָטשטיין צו:

— ביידע דענקמעלער זייַנען געטרוי אפן אָרט...

דער וועג צום וועסטמינסטער

עס האָט זיך אויסגעגעבן א זוניקער טאָג. אין לאָנדאָן א זוניקער טאָג? ערעוו ווייַנאַכט? יאָ, אין לאָנדאָן איז דער טאָג הייַנט א זוניקער, און ס׳שמעקט שוין מיט ווייַנאַכט.

אף דער גאַס פאַרקויפט מען, ווי טאָמיד, געבראָטענע קאַשטאַנעס. צווישן די הייַזער שווינדלען אַרום מיידלעך מיט ברייטע פאַרוסיגע האַנט־זעקלעך, סטודענטקעס, וואָס האָבן אף עטלעכע טעג זיך אָנגעדונגען אין די פּאָסט־אָפּטיילונגען צו צעטראָגן די נייַיאָר־ווינטשעוואַניעס. איך קאָן ניט פאַרשטיין, וויאַזוי די מיידלעך שיידן אונטער איין הויז פון א צווייטס. דער צענטער פון שטאָט, ווו עס געפינען זיך די באַרימטע פּאַלאַצן, — דאָס איז, לויט דער סטאַטיסטיק, בלויז פּופצן פון די זיבן הונדערט צוואַנציק קוואַדראַטע מייַל, וואָס לאָנדאָן פאַרנעמט. אף די איבעריקע זיבן הונדערט פינף מייַל, צווישן פּאַרקן און סעדער, ציִען זיך גאָר נישט קיין הויפּטשטאָטישע קוואַרטאַלן — ענגע רייען אַלצייַנע שטיבער, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט, אויסגעאַרבעטע אין איין קאָליר, געשטעמפּלטע מיט איין שטאַמפּ, צוגעקייטלטע איינע צו דער אַנדערער מיט נידעריקע אַלצייַנע גאַראַזשן. אינווייניק פּאַסט צו יעדע פאַמיליע די וווינונג פאַר זיך, פון דער גאַס איז אָבער שווער צו געפינען דאָס אייגענע הויז. מע ווינצלט זיך: קעדייַ העלפן די שול־קינדער אָפּזוכן דעם וועג אַהיים, הענגט מען אויף באַם אַרייַנגאַנג די פאָטאָגראַפיע פון דער מאַמען...

אין א שאָ אַרום דאַרף איך זייַן אין וועסטמינסטער. דאָרט וועלן די לייבאָר־דעפּוטאַטן עמריס היוז און דזשוליוס סילווערמען מיר באַווייַזן די געמיינדעס־פּאַלאַטע פונעם עלטסטן פּאַרלאַמענט אין דער וועלט. דערווייַל איז ניטאָ וואָס צו אייַלן זיך. גייענדיק מיט פּאַמעלעכע טריט, פּרוּוו איך אַרופּציִען אף זיך דעם זעלבן לאַנגווייַל, וואָס איז נאַטירלעך פאַר א לאָנ־דאָנער טוישעוו. אף איינעם א ראָג שטעלט מיך אָפּ א באַיאָרטער מאַן. זייַן באַגלייטערן, א לעדי אין פּענסנע, זעצט איבער זייַנע ווערטער אף א באַליביק לאָשן. ער בעט מיך אַרייַנטרעטן אין א פילאַנטראָפּישער געזעל־

שאפט — אין וועלכער דאָס הארץ גלוסט מיר. ער רעכנט זיי אויס. עטלעכע פון זיי פאטראָנירן קינדער. איינע, גאָר א כאָשעווע, — מיט איר פירט אָן די קיניגן עליזאבעט, — זאָרגט וועגן באלעכאַים. א צווייטע העלפט יענע כאָשעווע איידל־געבוירענע לעדיס און דזשענטלמענער, וועלכע שעמען זיך מיט זייער אָרעמקייט. נאָך א געזעלשאפט זאָרגט וועגן דעם אָפּרו פון מידגעוואָרענע פערד, זי דינגט אָף צונויפגעזאמלטע שילינגס פרישע פערד, קעדיי צו פארבייטן די מידע... דער אלטער מאן פארינטריגירט מיך מיט א מיטיילונג וועגן דעם, אז אין דער טאוער־פעסטונג לעבן אָף מעלוכע־אויסהאלטונג צוויי ראָבן. עס רעכנט זיך, אז ביזוואנען קיינער האָט די ראָבן ניט ארויסגעגאנוועט, איז אויסגעשלאָסן א פיינטלעכע אינוואזיע אין דער פעסטונג... פון דעם מעלוכע־בודזשעט ווערט אויך טעגלעך אויסגעטיילט פינף שילינג אָף אופצוהאלטן א קאָטער, וועלכן מע רופט פעט און ווענעמעס כויוו איז כאפן מייז אין דער געביידע פונעם אינערן־מיניסטעריום. ווי גרויס איז די סומע — פינף שילינג אָף האָדעווען א קאָטער? איינער א דאָקטער מיולער האָט ניט לאנג צוריק פאָרגעלייגט פאר דערוואקסענע ענגלענדער א טעגלעכע דיעטע, וואָס וועט ארום־און־ארום קאָסטן איין שילינג...

איך האָב נאָך צייט ארייַנצוגיין אין א פּאָר קראָמען. א ווערטעלע צו זאָגן — לאָנדאָנער קראָמען! דאָ האלט מען ניט פון נעאָן־פייערן און פון שרייַענדיקע שויפענצטער. ס׳איז אייַך ניט בראָדוויי. איר קאָנט נאָך הייַנט אין לאָנדאָן אָפּזוכן די קראָם פון די יאָרשים פונעם היטלמאכער לאָק, וועלכער האָט אופגענייט דעם אדמיראל נעלסאָן זייַן דרייַעקעכיקן הוט, און זיך צוזעצן אָף דער זעלבער באנק, אָף וועלכער ס׳איז געזעסן נעלסאָן. אָף פּיקאדילי קאָנט איר ארייַנגיין צום מיסטער דיסמאָר און אָן קאָפּדרייעניש קויפן בא אים פאר מעזומען אָדער אין קרעדיט אן עראָפּלאַן. איר קאָנט באשטעלן א טעקסט פאר אייַערער ארויסטרעטונג אין פארלאמענט, לעמאָשל, און אפילע א מאנוסקריפּט פון א ראָמאן, וועלכן איר האָט די פולע רעכט ארויסצוגעבן אונטער אייַער נאָמען.

דער טאָג איז א זוניקער. איך גיי איבער די לאָנדאָנער גאסן. איך גיי צום וועסטמינסטער. די אווטאָבוסן טראָגן זיך פארביי מיר, און איך זע, אז זיי זייַנען האלב־פּוסטע. לויט די קלאָלים מעגן אין אן אווטאָבוס פאָרן שטייענדיק ניט מער, ווי פינף פּאסאזשירן. עס קומט מיר אפן זיקאָרן א נאָטיץ, וואָס כ׳האָב אינדערפרי געלייענט אין א צייַטונג: אין ענגלאנד ווערט פאנאנדערגעארבעט א מאָדעל פון א בענקל, אָף וועלכן מע וועט קאָנען זיצן... שטייענדיק. אין די אווטאָבוסן און אין מעטראָ וועלן ארייַן מער מענטשן...

גיי איך זיך ווייַטער מייַן וועג, און מיטאמאָל... גאָטעניו אין הימל!
איך פארשפּעטיק דאָך אָף מייַן ראנדעוווּ אין ענגלישן פּארלאמענט!

זיך ארייַנגעכאפּט אין אן „אָסטין״, ווייַז איך מיט אלע מייַנע אייוורים דעם שאָפער, ער זאָל מיך גיכער „אונטערוואַרפן״ צום וועסטמינסטער. „אָסטין״ — דאָס איז דער טיפּישער לאָנדאָנער טאקסאָמאָטאָר, אליין א שטיקל אנטיק פון דער ענגלישער הויפּטשטאָט. אן אלטמאָדישער שווארצער אווטאָמאָביל, איז ער אינעווייניק גרויס און פוסטלעך, מע קאָן אין

אים אוועקשטעלן א טישל און אונטערוועגנס דערוויַל עפּעס איבערכאַפּן.

דער שאָפער זאָגט, אַז מײַנע שאַנסן זײַנען פיפטי־פיפטי. דאָס באַטײַט, אַז מיר קאָנען פאַרשפּעטיקן, ווײַל עס הייבט זיך אָן די שאָ פון „פּיק", און איבער לאָנדאָן, ווי באַוווּסט, פאָרן אַרום באַ אָנדערהאַלבן מיליאָן אויטאָמאָבילן, דערצו נאָך, ווערטלט מען זיך, איז אומעגלעך צו געפינען אין לאָנדאָן צוויי פּאַראַלעלע גאַסן...

קורץ, גאָט איז א פאָטער, און מיר זײַנען געקומען צום וועסטמינסטער פּונקט צו דער מינוט.

אין דעפּוטאַטן־הויז פון גרויסבריטאַניע האָבן דזשוליוס סילווערמען און עמריס היוז מיט גרויס גאַסטפרײַנטלעכקײַט מיר באַוויזן די וואַנט־מאָלערײַען אף ביבלישע סוזשעטן, דעם סענטראַל־לאָבי, וווהין עס קומען אַרײַן באַזוכער אף צו טרעפן זיך מיט זייערע דעפּוטאַטן, דעם טייל פון דער געבײַדע, וואָס שטייט ביז הײַנט נאָך רויִנירט פון די נאַציסטישע באָמבאַרדירונגען. עמריס היוז, דער דעפּוטאַט פון דעם שאָטלענדער גראַפנטום ערשײַר, האָט מיך אַרײַנגעפירט אף א זיצונג פון דער געמיינ־דעס־פּאַלאַטע, און, זײַענדיק אף אָט דער זיצונג, האָב איך זיך געקאָנט איבערצײַגן, אַז די מאַמע פון די פּאַרלאַמענטן איז טאַקע אַן אַלטע מאַמע מיט פיל אָפּגעלעבטע מידעס.

אָט איז איינע אירע א מידע. ווען די דעפּוטאַטן גייען אַרײַן אין זאַל, פאַרנייגט זיך יעדערער פאַר דעם ספּיקער, אָבער ניט אויס אָפּשײַ צום ראָש פון דער פּאַלאַטע, ניין. זיי פאַרנייגן זיך פאַר דעם אָרט, וווּ דער ספּיקער זיצט, ווײַל פּונקט דאָרט האָט זיך אַמאָל געפונען אַן אַלטאַר. דער אַלטאַר איז שוין לאַנג ניטאָ, אָבער די טעווע זיך בוקן צו אים איז געבליבן.

אָט גייט דער ספּיקער פּאַמעלעך און וואַזשנע, מיט דער בולאַווע אין האַנט, אין א פּאַריק און אין א מאַנטיע. עטלעכע באַדינער טראָגן דעם שלייף. און אָט איז דער פּרעמיער־מיניסטער. ער זיצט אף דער רע־גירונגס־באַנק, פּונקט אַנטקעגן דעם לידער פון דער אָפּאָזיציע. צווישן זיי שטייט א גרויסער טיש, וואָס צעטיילט די צוויי קעגנער געניי אף אַזאַ מעהאַלעך, זיי זאָלן ניט קאָנען איינער דעם צווייטן „דורכשטעכן מיט די שפּאַגעס". דער פּרעמיער פון גרויסבריטאַניע לייגט אַוועק אָן צערעמאָניעס די פיס אף אָט דעם טיש, וואָס איז דער סימבאָל פון די אַלטע גוטע טראַ־דיציעס פון זײַן לאַנד...

צוויי טריט פונדאַנען געפינט זיך די לאָרדן־פּאַלאַטע — אַן אַבסאָליו־טער אַנאַכראָניזם אין ענגלאַנדס פּאַרלאַמענט־סיסטעם. עמריס היוז האָט ניט לאַנג צוריק אַרײַנגעטראָגן א פּראָיעקט פון א געזעץ אָפּצושאַפן אָט די פּאַלאַטע. ער האָט געזאָגט: „איך זע ניט קיין שום נוצן אין דעם, וואָס אין דער לאָרדן־פּאַלאַטע זיצן טיטולירטע דזשענטלמענער בלויז דערפאַר, וואָס זיי זײַנען, לעמאָשל, יאָרשים פון איינעם פון די עלף מאַמ־זיירים פון איינעם פון די ענגלישע קיניגן..."

אין סילווערמענס אַרבעט־צימער שמועסן מיר וועגן דעם מאַצעוו פונעם יידישן פאָלק. סילווערמען זאָגט:

— די יידן וואָלטן איצט באַדאַרפט אָנהייבן פון דעם, וואָס די ענגלענ־

דער האָבן אײַנגעפּירט באַ זיך שוין מיט יאָרהונדערטער צוריק. זיי דאַרפֿן זיך דערשלאָגן, אַז די טראַדיציעס (וואָס מוזן אומבאַדינגט בלײַבן!) זאָלן זײַן גוטמוטיקער, נאָכגיביקער, ניט אַזעלכע בײַסיקע און פּרעטענציעזע. איך וואָלט געזאָגט, אויב איר וועט זיך ניט באַליידיקן פֿאַר דעם, אַז די בייזע, פּרעטענציעזע טראַדיציעס באַ די ייִדן העלפֿן מיט (קלוימערשט, אין נאָמען פֿון פֿאַרהיטן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אינטעגראַציע מיט אַנדערע פֿעלקער), זיי העלפֿן מיט, זאָג איך, דער אינטעגראַציע...

אויסגעהערט סילוועדמענס ווערטער, האָב איך זיך ניט באַליידיקט. עמריס היוז האָט באַם געזעגענען זיך אַ פֿרעג געטאָן:

— זײַט אַזוי גוט: דאָ אין ענגלאַנד איז כאָטש פֿאַראַן אַ קולטור־לעבן אויף ייִדיש?

דער סאָף איז אַ גוטער: ער פֿרעגט מיך, צי ס'איז אין ענגלאַנד דאָ ייִדישע קולטור...

ייִדישע קולטור באַ דער טעמזע

איך שמועס מיט מײַנעם אַ פֿרײַנט, אַ לאָנדאָנער ייִדן:

— הער מיך אויס. אין דער הויפּטשטאָט פֿון גרויסבריטאַניע קאָן מען עפּשער צוגיין פֿאַרנאַכט הערן אַ ייִדישן זינגער?

— מע קאָן ניט.

— עפּשער אַ פֿאָרלייענער?

— אויך ניט.

— נו, און אין ייִדישן טעאַטער קאָן מען זיך ארײַנכאַפּן?

— מער ווילסטו גאָרניט?

— עפּשער אַן אָוונט פֿון ייִדישער פּאָעזיע? אַ רעפֿעראַט וועגן פּראָבלעמען פֿון ייִדישער קונסט? באַ אונדז אין מאָסקווע...

— וואָס איז באַ אײַך אין מאָסקווע?

— באַ אונדז אין מאָסקווע טרעפֿט, אַז באַטאָג קומט פֿאָר אַ באַגעגעניש פֿון ייִדישע שרײַבער און קונסט־טוער, פֿאַרנאַכט — אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ ייִדישן עסטראַדע־קאָלעקטיוו.

— איז עס דאָך באַ אײַך...

— און באַ אײַך?

— באַ אונדז קאָנסטו סײַ באַטאָג, סײַ פֿאַרנאַכט...

— געניסן פֿון ייִדישער קולטור?

— אויסהערן אַן אויטאָריטעטע מיינונג, אַז ס'איז נאָך דאָ ווייניק ייִדישע קולטור באַ אײַך...

— פֿונדעסטוועגן, וואָס איז פֿאַראַן פֿון דעם מין אין לאָנדאָן?

— פֿאַראַן שטעטצל.

— דער אַלטער פּאָעט א.־נ. שטענצל?

— דער אַלטער אַקשן שטענצל.

— איך מיין אָבער גאָר עפּעס אַנדערש. ווער, לעמאָשל, פֿירט דורך באַ אײַך קולטור־אַקציעס אויף ייִדיש?

— שטענצל. ער האָט געשאפן די געזעלשאפט „פרײַנט פון ייִדישן וואָרט“.
— וויפל מיטגלידער האָט זי?
— פרעג בעסער ניט...
— וואָס טוט זי, די געזעלשאפט?
— שטענצל האָט אונטער איר שילד אײַנגעפירט אין די ווינטער־כאדאָשים א סעמינאר פון ייִדיש־וויסן.
— גייען מיר אהין?
— עס רעדט זיך אזוי — א „סעמינאר“... לאָמיר בעסער ריידן וועגן פריילעכערע זאכן... שטענצל, ווייסטו דאָך מיסטאמע, לאָזט ארויס א ליטעראריש העפטל „לאָשן און לעבן“. טאקע א העפטל, ניט קיין זשורנאל. דרײַסיק — פערציק זײַטעלעך פון בראָשור־פאָרמאט. שטענצל איז דער הויפּט־אווטאָר און דער ארויסגעבער...
— און ווער איז רעדאקטאָר?
— שטענצל.
— ווער פארקויפט דעם זשורנאל?
— שטענצל... ווען ייִדן קומען זיך צונויף אף אן אסיפע, קאָנסטו בא דער טיר זען דעם אלטן אקשן שטענצל מיט א פעקל זשורנאלן.
— איז עפשער שטענצל אויך דער לייענער פון „לאָשן און לעבן“?
— וואָס דען מיינסטו? כאָטש... דאָ איז פאראן א ניואנס. יעדע וואָך קלײַבט מען צונויף אין אונדזער לאָנדאָן א ייִדישן ליטעראַרישן „שאבעס־נאָכמיטאָג“... עס קומען לייענער...
— ווער קלײַבט צונויף?
— שטענצל.
— מאָרגן איז שאבעס. וועסט מיך פירן אהין?
— שטענצל האָט מיר פארבאָטן דאָס צו טאָן. ס'איז, זאָגט ער, ניט פאר א מאָסקווער גאסט...
— הארגע מיך, אויב איך פארשטיי עפּעס...
— באלד וועסטו פארשטיין. אײנמאָל איז מען שוין באגאנגען א טאָעס. פון פוילן איז געקומען א זשורנאליסט, האָט מען אים געבראכט אפן „שאבעס־נאָכמיטאָג“. שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן וועגן דעם... שטיי, שטיי, כ'וועל דיר באלד באווײַזן...
מײַן פרײַנט שלעפּט ארויס פון טישקעסטל אן אלטע ווארשעווער „פאָלקס־שטימע“, און איך לייען:
„שאבעס נאָך מיטאָג בין איך אוועק אינעם ווײַטשעפּל אף בערנער־סטריט, 33, אין דעם הויז פון בערנארד בארען. דאָרט קומען עס פאָר יעדע וואָך שטענצלס ליטערארישע „שאבעס־נאָכמיטאָגס“.
אין א גרויסן אוןברייטן זאל, וואָס מאכט גיכער דעם אײַנדרוק פון א פארלאָזענעם ארבעטס־שאפּ, זײַנען געזעסן עטלעכע צענדליק עלטערע מענטשן, מענער און פרויען.
אין דרויסן איז אין יענעם נאָכמיטאָג געווען גאנץ ווארעם. דאָ האָט אָבער פון אלע זײַטן געיאָגט א קעלט, און די פארזאמלטע זײַנען געזעסן אין די מאנטלען און פוטערס.

סאמע אויבן, בא א טישל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט א צעריסן שטיקל טוך, איז געזעסן שטענצל. לעבן אים איז געשטאַנען (אויך אין א מאַנטל) אַן עלטערע פרוי מיט א זילבערנעם קאָפּ האָר און געלייענט עפּעס פון א יידיש בוך...

זיצנדיק אין דעם האַלב־טונקעלן זאַל, האָב איך ניט געוווּסט, צי איך דאַרף די פּערציק אָדער פופציק יידישע פאָלקסמענטשן באַדויערן דער־פאַר, וואָס פון דעם פערטל מיליאָן לאָנדאָנער יידן איז פּונקט אַף זיי געפאַלן דער גורל פאַרצווזעצן די יידישע קולטור־אַרבעט, אָדער איך דאַרף זיי צוזאַמען מיט שטענצלען באַוווּנדערן דערפאַר, וואָס ניט געקוקט אַף זייער קליינער צאָל, אַף די שווערע באַדינגונגען (אפילו פאַר דעם דאָזיקן זאַל דאַרפן זיי צאָלן, צונויפנעמענדיק צווישן זיך די סומע) און אַף דער אַרומיקער דערדריקנדיקער אַטמאָספער, זעצן זיי דאָך פאָר אַף אַן אָקשאָנעסדיקן אויפן די דאָזיקע „יידיש־ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס", דעם סעמינאַר פאַר יידיש־וויסן און דאָס אַרויסגעבן דעם כוידעש־זשורנאַל".

וועגן א.־נ. שטענצלען האָט מען מיר אין מאָסקווע, נאָך פאַר מײַן רײַזע קיין ענגלאַנד, דערציילט, אַז ס׳איז א יידישער ליטעראַרישער קאַנדיד, א טראַגיש באַדנלאָזער, צעפּאַלאָשעטער, שטענדיק מאָבּיליזירטער און איינ־צײַטיק צעטומלטער, אַמאָל א פאַרטאַרמאָזירטער (ווען ס׳איז, דוכט זיך, קלאָר, וויאַזוי צו האַנדלען) און אַמאָל א גוואַלדיק עקספּאַנסיווער (ווען די ענערגיע איז אַרויסגעוואָרפן אַפּן ווינט), קורץ — א קולטור־פאַנאַטי־קער אין א האַרצלאָזער סוויווע. ער איז ניט פייִק זיך צו פאַרקויפן, דעריבער קאָן ער ניט אין אַט דער סוויווע צוגעבן געגנוג גלאַנץ און מאַסשטאַב זײַן ערלעכער און, אין טאָך גענומען, גרויסאַרטיקער אונטער־נעמונג.

אַף מײַנער א באַגעגעניש מיטן אַקטיוו פונעם „אַרבעטער־רינג" האָט א.־נ. שטענצל פלוצעם זיך באַוויזן פון גאָר־גאָר א נײַער זײַט — אפילו פאַר די, וואָס ווייסן אים פון דער נאָענט. ווען דער אוילעם אין זאַל, א פרײַנטלעך געשטימטער, האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן דורכריידן זיך מיט מיר, איז ער אַרויף אַף דער בינע און אין איין אָטעם אויסגעשריִען:

— איר ווילט וויסן, צי מע שטעלט דענקמעלער אונדזערע קדוישים אין דעם לאַנד, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון אומקום, וועל איך אײַך זאָגן! כ׳וועל אײַך זאָגן, אַז דער בעסטער דענקמאָל אונד־זערע קדוישים איז די בערלינער וואַנט. די בערלינער וואַנט! ווײַל זי איז א שוץ פאַר די לעבעדיקע!

עס האָבן זיך מיר דערמאָנט צוויי שורעס פון אַוורהם־נאָכעם שטענצלס א ליד:

טויזנטער יידישע שטעטלעך און אַזויפיל געטאָ־ווענט,
מוז אײַך שוין איינע, די בערלינער, ווילגעפעלן...

דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט. דער ענטפער אַף דער פראַגע איז געווען אַן אויסשעפּנדיקער. אין אָט דער אַטמאָספער האָט אַף א רעגע זיך אויס־געוויזן, אַז אין לאָנדאָן איז שוין גאָר ניט אַזוי געפאַלן דאָס פּראָגרעסיווע

געמיט אף דער ייִדישער גאַס און אַז דער לאָנדאָנער „אַרבעטער־רינג" איז נאָך ניט אַזוי אָפּגעשוואַכט, ווי עס קאָן זיך דוכטן.

אָבער נאָר אף איין רגע האָט זיך עס געקאָנט אויסווײַזן. דער עמעס איז, אַז די איינציקע מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד, וועלכע פירט איר אופקלער־אַרבעט אין ייִדיש, האָט ניט קיין ברייטע באַזע, און אַפילע צוזאַמען מיט די „פרײַנט פון ייִדישן לאָשן" (וואָס אַלפּי־קלאַל זײַנען דאָס איינע און די זעלבע מענטשן) און אויך מיט דער ניט גרויסער „ייִוואָ"־סעקציע אין לאָנדאָן און מיט דער מאַפּאַישער „ייִדישער קולטור־געזעל־שאַפט", — צוזאַמען מיט זיי איז די ייִדישע קולטור־„גאַס" גיכער פון אַלץ אַ „געסעלע", אין וועלכן עס שטייען אָפּגעזונדערטע שטיבלעך — איינס מיט אַ פּאַראַיאַריקער סוקע צום דרויסן־צו, אַ צווייטס מיט אַן אַלטמאָדיש געשניצטן גאַנעק, אף וועלכן אַ קרײַזל קלאַל־טוער, ניט קיין קלענערע אידעאַליסטן, ווי שטענצל, זיצן אין די פאַרנאַכטן און זײַנען זיך מעהאַנע מיט ניגונים, מער אַלטצײַטיקע, איידער הײַנטצײַטיקע.

לויט דער פּראָגראַם און לויט דער טעטיקײַט איז דער „אַרבעטער־רינג" אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע מיט אַ געזעלשאַפטלעך־פּובליציסטישן פּראָ־פיל. דאָ, זאָגט מען, זײַנען הײַנט פאַרהאַקט פאַרן אַנטיסאָוועטיזם די טירן. די באַזע פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שוין אַלט. קאַרעוו זעכציק יאָר, איז שוין שמאָל, און דאָס איז דערפאַר, ווײַל אירע מיטגלידער זײַנען ווי זאַלץ אין וואַסער צעגאַנגען געוואָרן אין גרויסן לאָנדאָן און אין די פאַרשיידענע שיכטן פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט. זי איז אָרעם, האָט באַשיידענע האַסאָגעס. איבערגעגעבן אירע אַלטע אידעאַלן, גייט זי ניט אַרײַן אין קיין נײַע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס, און דעריבער הערט זיך ניט אַרום איר דאָס קלינגען פון געזעלשאַפטלעכן קלייזײַען.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מײַן אָנקומען קיין לאָנדאָן האָט דער דינאַמישער אָנפירער פונעם „אַרבעטער־רינג" אַוורעמל (מע רופט אים אין לאָנדאָן נאָך היימישער: אַוורעמעלע) האַלאַנד צונויפגערופן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, און מיר האָבן עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד געשמועסט. אַוורעמל האַלאַנד איז נאָך אַ יונגער אָדלער, אָבער אף רעכטס און אף לינקס פון אים אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן צעשפּרייט זייערע אַלטע פליגל זײַנע קאָלעגן, — די אַלטע סיווע פליגל, פון אונטער וועלכע עס זעען זיך קוים אַרויס די אַמאָל שאַרפע שנאָבלען. שמועל אײַזנשטיין, דער פינף־און־אַכציקיאָריקער אַנאַרכיסט, האָט מיט אײַנפאַרשטענדעניש פאַר דער איצטיקער צײַט גערעדט מיט מיר וועגן קראָפּאָטקינען, ווי וועגן אַ לעבעדיקן. שוין לאַנג צעביטן דעם זיבעטן צענדליק האָט דער באַקאַנ־טער לאָנדאָנער בונדיסט י. בירנבוים. מיט אַ צוגעשטילט קאָל דערציילט ער, אַז זײַן ייִנגערער כאַווער לויטן צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „אַרבעטער־רינג" טשאַרלי גרין—„טוט אַ קוק אף אים, ער איז ערשט אינגאַנצן איין און זיבעציק יאָר אַלט" — איז אַן אַלטער סאָציאַליסט, און „ער וועט זיך בעסער לאָזן אויסשטעכן אַן אויג, איידער לאָזן פאַלן אַ שטויבעלע אף סאָוועט־רוסלאַנד..." זייער פּאָפּולער אין ייִדישן לאָנדאָן איז דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „אַרבעטער־רינג" דזשעק פּירס.

ער שטעלט פֿאַר דעם ראַדיקאַלן פֿליגל פֿון די ענגלישע ייִדן אין קעהילע־ראַט פֿונעם לאַנד — דעם „באָארד אָוו דזשויִש דעפּיוטי״.

אָפֿן גערעדט, האָב איך סײַ פֿון דעם שמועס מיט די מיטגלידער פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „אַרבעטער־רינג״, סײַ פֿון דער באַגעגעניש מיט אַן אָנדערהאַלבן הונדערט אַקטיוויסטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָגן דעם אײַנדרוק, אַז זי ווערט געצוימט ניט אַזוי מאַכמעס דעם מאַנגל פֿון מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן, ווי מאַכמעס דעם ניט קענען זיך אַרויסרײַסן פֿון די אייגענע דאַלעדאַמעס און אָנצינדן אַ נײַעם פֿלאַם אין דעם אַלטן לאַמטערן.

ס'איז ביכלאַל אין דעם גאַנצן לאָנדאָנער ייִשעוו צו מערקן אַן אײַנרייִדעניש, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן, זאָל זיך דאָס ייִדישע קולטור־לעבן שלעפּן אַזוי ווי עס שלעפּט זיך. פֿונדאַנען נעמט זיך די אַפּאַטיע, דאָס פּאַקטישע אָפּגעבן דאָס גײַסטיקע לעבן פֿונעם ייִשעוו אין רעשוס פֿון קלייקוידעש און דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן — אין רעשוס פֿון פֿאַרביזנעוועטע, קאָנסערוואַטיווע מאַנהיגים.

אויג־אָף־אויג מיט דער מומע איטאַ

קימאַט אַלעמאָל, ווען עס ענדיקט זיך מײַנער אַן אַרבעטסטאָג אין ייִדישן לאָנדאָן, פֿאָר איך אַרײַן אויף אַ פּאָר אָפּדערנאַכטיקע שאָען צו מײלעך שוואַרצן אין זײַן געמיטלעכער היים. איך ווייס פֿון פֿריִער, אַז דאָ וועל איך, זוכנדיק אַ מעגלעכקײַט זיך אָפּצורוען פֿון באַטאָגיקע באַראַטונגען און פּאָלעמיקעס, ווידער אויף אַ נאָווינע זיך באַראַטן און פּאָלעמיזירן.

דערנאָך, ווען איך וועל זיך שוין „גוט אָפּרוען״, וועט מײלעך אָדער זײַן פֿרוי ראָזע אָפּפֿירן מיך אויף אַ קאָנפֿערענץ מיט נאָך איינער פֿון די פֿילצאָליקע לאָנדאָנער דזשויִש אָרגאַניזיישנס, און דאָרט וועל איך נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל ענטפֿערן אויף אַקטועל־ברענענדיקע פֿראַגעס:

— צי שטייט באַם אַרײַנגאַנג אין רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַ פּאָליציאַנט? צי שטייט ער טאַקע, אָדער ער זיצט גאָר אויף אַ פֿערד? און צי איז ער נאָך דערצו ניט קיין געהיים־אַגענט?

— ווען וועט מען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד עפֿענען ייִדישע בילדונגס־שולן, דאָס הייסט כאַדאָרים?

מײלעך שוואַרץ וועט דערבײַ זיצן, עטוואָס אָנגעבויגן אין אַ זײַט דעם קאָפּ, און וואַרטן אויף מײַן ענטפֿער. אין דער היים טײַנעט ער געוויינלעך מיט מיר אײַן, אַז בייס אַזעלכע דיסקוסיעס איז מײַן איינציקער כויוו צו זײַן „שטאַרקער פֿון אײַזן״.

יאָ, אָבער ווער איז, אייגנטלעך, מײלעך שוואַרץ? טאַקע אַן עמעס, כ'האָב פֿאַרגעסן מיטיילן, ווער ער איז.

מײלעך שוואַרץ האַנדלט מיט דימענטן. ער איז אַ קאָמוניסט. שאַט־שאַט, וואָס געפֿעלט אײַך דאָ ניט? דאָס, וואָס אַ סויכער איז אַ קאָמוניסט, צי דאָס, וואָס אַ קאָמוניסט איז אַ סויכער? מײלעך שוואַרץ וווינט אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. און דאָרט קאָן אַפֿילע אַ לאָרד זײַן אַ קאָמוניסט.

אנדערש געדעדט — א קאָמוניסט קאָן דאָרט ווערן א לאָרד... פּאַרוואָס זשע זאָל א סויכער, וואָס האַנדלט מיט דימענטן, ניט זײַן קיין קאָמוניסט?

מײַלעך שווארץ איז א געוועזענער דימענטן־שלײַפער. ער האָט זיך אויך, ווי אנדערע, „ארופגעארבעט". עס טרעפט זייער אָפט, אז ארומפאָרנ־דיק מיט מיר איבער לאָנדאָן, פארלאָזט ער מיך אף א צען — פופצן מינוט און כאַפּט זיך ארײַן אין זײַן קלוב, קעדיי א שמעק טאָן צו די געשעפטן.

אין ענגלאנד פירט זיך, אז יעדער פּאָליטישער טוער, געשעפטסמאַן, זשורנאַליסט, צארבאלעבאַזמניק, קאָלעקציאָנער, פּאַציפיסט, שריפטשטע־לער האָט זיך זײַן „קלאַב". א קלוב פּארבײַט אלץ, וואָס איר ווילט: די בירזשע, דעם געריכט, אפילע דעם פּארלאַמענט. דאָס הייסט, יענע הויכע אינסטאנצן ווערן, פארשטייט זיך, ניט אָפּגעשאַפט. נאָר ווען די צדאָדים קומען אהין נאָך דעם, ווי מע איז אָפּגעזעסן אין קלוב א שאָ צוויי בא א גלעזל מאשקע, מאכט מען אָפּ דאָס, וואָס מע דארף, אפגיך, פונקט ווי די פּראָבלעם וואָלט קיינמאָל גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען.

אן אלטער אנעקדאָט (מע זאָגט, ס'איז אן עמעס) דערציילט:

געווען איז עס נאָך פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, אין דעם ניט־לײַטישן לאָנדאָנער סאָהאָ. דער פּאָליציי האָט אויסגעזען קאָשע, וואָס פון דעם פאַרדעכטיקן קלוב „ביפסטייק", בישכיינעס מיט לעסטער־סקווער — דעם פּלאַץ פון קאַפעען און קינאָ־טעאַטרען, — גייען אלע פארנאכט ארויס עפּעס מאָדנע הערן — סאָלידע, צופרידענע, א ביסל אונטערן גלעזל. בעקי־צער, די פּאָליציי האָט באשלאָסן, אז זי האָט אופגעדעקט א שאַנד־הײַזל, און זיך ארײַנגעריסן אהין.

בא א לענגלעכן הילצערנעם טיש זײַנען געזעסן פיר דזשענטלמענען. „ווער זײַט איר?" — האָט דער סערזשאַנט געפרעגט בא איינעם פון זיי. „איך בין דער לאָרד־קאַנצלער". — „און איר?" — „דער קענטערבערי:ער ארציבישאָף"... דער דריטער האָט זיך פּאָרגעשטעלט אלס פּרעזידענט פונעם ענגלישן באַנק. דער סערזשאַנט איז אין קאַס געוואָרן: „נו, און איר וועט מיסטאמע זאָגן, אז איר זײַט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דער פּרעמיער־מיניסטער פונעם לאַנד?" — „זעט, וויאַזוי האָט איר גע־טראָפן?.." — האָט זיך פאַרכידעשט באַלפור...

אין איינעם א טאָג האָט מײַלעך שווארץ מיך געבראַכט צו פירן אין „רעפאָרם־קלאַב", ווּהין ס'האָט מיך אײַנגעלאַדן דער לאָנדאָנער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער גרויסער ייִסראָעלדיקער טאָג־צײַטונג „האַארעץ" אלעף שעם.

באַם ארײַנגאַנג געזעגן איך זיך מיט מײַלעך שווארצן און לאָז, עס זאָל מיך נעמען אונטערן אָרעם דער דערפאַרענער און קלוגער זשורנאַליסט אלפרעד יאַקאָוולעוויטש שערמאַן — דאָס איז דער אייגנטלעכער נאָמען פונעם צײַטונגס־מאַן, וואָס שרײַבט זיך אונטער אלעף שעם.

אלפרעד יאַקאָוולעוויטש רעדט א קאָרעקטן רוסיש. זײַנע שפּראַכן זײַנען איווריט, רוסיש, ענגליש. ייִדיש קען ער ניט. אין רעסטאָראַן פונעם קלוב וואַרט אף אונדז שמועל גאָלדסמיט. „סאַמועל מיקײַלאָוויטש גאָלדסמיט", —

טוט ער א שרײַב אָן מיט ענגלישע אויסיעס אױף א וויזיט־קאַרטל. זײַן מיין איז צו באַווײַזן, אז נישקאָשע, ער ווייסט ניט ערגער פון אלפרעד יאקאָווּ־לעוויטשן, ווי־אזוי זיך אָנצורופן אױף רוסיש. שמועל גאָלדסמיט איז א קאָוונער ייִד און ווי אלע קאָוונער — א גרויסער באַקי אין די טויזנטערליי ניואַנסן פון ייִדיש־לאָשן. זײַן אמט איז — אײַראָפּעיִשער רעדאקטאָר פון דער ייִדישער טעלעגראַפן־אגענטור (איטא).

— זייער אָנגענעם צו טרעפן זיך מיט דער מומע איטא... אבי איך האָב געמיינט, — זאָג איך, — אז די מומע איז א ייִדענע.

מאכט צו מיר שמועל גאָלדסמיט:

— איך ווייס, אז איר זײַט ניט אײַנגעליבט אין דער מומע איטא. זי האָט, פאַרשטײַ איך, מאנכע מאָל באַרעדט אײַער סטראַי. ווייל איך אײַך גלײַך זאָגן, אז ס׳איז דאפקע גוט, וואָס די מומע איז איצט, ווי מע זאָגט, אין מאַנצבלשע הענט, דאָס הייסט אונטער דער האשפּאָע פון מענטשן, אזעלכע, לעמאָשל, ווי איך, וואָס פאַרשטייען די רעאַלע סיטואַציע און זײַנען טיף אין הארצן לאָיאַל און אפילע פרײַנטלעך צום סאָוועטנפאַר־באַנד. בעט איך אײַך אויסהערן — ס׳איז דאָ א פּלאַן.

מיר זעצן זיך צו צום טיש, און דאָ פאַראייניקט זיך צו אונדז אן אמע־ריקאַנער — סיגאל איז זײַן פאַמיליע, — וואָס איז ערשט געקומען פון ניו־יאָרק מיט א שליכעס פון דער הויפּט־אדמיניסטראַציע פון איטא.

— נו, איז וואָס זשע האָט איר פאַר א פּלאַן? — פרעג איך בא גאָלד־סמיטן.

— א פּלאַן, מיר זאָלן האָבן אין מאָסקווע א שטענדיקע פאַרשטייער־שאַפט, וועלן מיר שוין רעגולער באַזאָרגן מיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אלע ייִדישע בלעטער. און אויך אז אונדזער פאַרשטייער אין מאָסקווע זאָל זײַן דער אײַראָפּעיִשער רעדאקטאָר. וועט די אינפאָר־מאַציע זײַן א ראַיעלע...

נאַטירלעך, איך בין פון קיינעם ניט געווען באַופטראָגט צו פירן וועלכע־ניט־איז אונטערהאַנדלונגען מיט דער ייִדישער טעלעגראַפן־אגענטור. מיר האָבן גערעדט ווי קאָלעגן, און דעריבער איז מיר גרינג געווען צו זאָגן אלץ, וואָס איך מיין. און זיי, די איטא־פאַרשטייער, האָבן געהאַט גענוג לוסט צו אויסהערן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט.

ניטאָ אין דער פּאָליטיק קיין מער שעדלעכע באַשעפטיקונג, ווי פאַרנע־מען זיך מיט פאַרשפּרייטן סוביעקטיוו־צוגעקליבענע אינפאָרמאַציע. אזוינס איז דערלאָזבאַר בלויז מילכאָמע־צײַט, ווען דעזינפאָרמירן דעם סוינע איז פּונקט אזוי באַרעכטיקט, ווי שיסן אין אים. אָבער אין צײַטן, ווען לענדער און פעלקער לעבן אין נאָרמאַלער שכיינעס, דאַרף דאָס אונטערדריקן דער פּרעסע פאַלשע אינפאָרמאַציע צוגעגלײַכט ווערן, לויט מײַן טיפסטער איבערצײַגונג, צו פאַרברעכנס קעגן שאָלעם און מענטשלעכקײַט.

קיינער צווייפלט ניט, אז קעדיי א נײַעס־אגענטור זאָל קאָנען געבן גענוג אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פון א לאַנד, איז דאָס בעסטע, אז זי זאָל דאַרט האָבן ספּעציעלע פאַרשטייער. צי קאָן מען אָבער פאַרגעסן, אז יאָרצענדליק נאָך יאָרצענדליק באַגייט זיך איטא אָן אזעלכע פאַרשטייער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און דאָס שטערט איר ניט צו פאַרוואַרפן די ייִדישע

פּרעסע פון דער וועלט מיט אַזויפיל ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע „נײַס", אַז ווען מע זאָל וועלן אופּפלאָנטערן דאָס, וואָס זי פאַרפּלאָנטערט, וואָלט מען באַדאַרפט שאַפן אַ ספּעציעלע „אַנטי־איטאַ".

אַצינד, פאַרשטייט זיך, ווילן געוויסע טוער פון דער איטאַ אַ פּרווו טאָן צעשיידן די מומע מיט בערל־אײַזיקן — דעם ביז־איצטיקן שלימאַזל־דיקן באַשערטן אירן. איז אַדרבא, פאַרוואָס ניט? זיי ווילן אָבער, מע זאָל איר גלײַך דערלאַנגען אַ גאָלדענע קאַרעטע, קיין אַנדער אַרויספאָר פון בערל־אײַזיקס מאַיאָנטקעס שטייט איר ניט אָן.

האָב איך געזאָגט גאָלדסמיטן און סיגאַלן:

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דאָ אַ נײַס־אַגענטור „נאָוואָסטי". זי אַרבעט אַף געזעלשאַפטלעך־קאָאָפּעראַטיווע יעסודעס. צײַטונגס־פאַרייניקונגען און פּרעסע־אַגענטורן פון פאַרשיידענע לענדער באַקומען דורך איר זאַכ־לעכע אינפאָרמאַציע. מיט דעם שפּאָרן זיי אײַן ניט ווייניק געלט, וואָס וואָלט אַוועקגעגאַנגען אַף אופהאַלטן אייגענע ביוראָען אין מאָסקווע און אין אַנדערע סאָוועטישע שטעט. אַוודאי לוינט עס, און ס'איז אויך רעזול־טאַטיוו, ווײַל דער ברייטער לייענער גלייבט, אָן ספק, אין דער ראַיעל־קײַט פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס „נאָוואָסטי" שעפּט פונעם ערשטן קוואַל. און איר גלייבט ניט, ראַבויסײַ? די מומע איטאַ, לאָזט זיך אויס, גלייבט נאָך ניט!

— אַף וויפל איר דאַרפט האָבן ספּעציעלע אינפאָרמאַציע, יידישע, — האָב איך ווײַטער געטײַנעט צו די איטאַ־טוער, — וואָלט מען געקאָנט, מיין איך, זיך צונויפרײדן מיט „נאָוואָסטי", זי זאָל אין איר אַפּאַראַט געפינען די נייטיקע מיטלען אַף זאַמלען פאַקטן וועגן לעבן פון די סאָוועטישע יידן. אויך די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וואָלט ניט ווייניק דאָ צוגיין געקומען... מיט איין וואָרט, באַווײַזט, אַז אײַערע באַמיִונגען זײַנען ערנסטע. הייבט אָן פון דעם, וואָס איז הײַנט רעאַל...

אַזוי שמועסן מיר אַ שאָ און צוויי. און ווו איז אונדזער גאַסטפרײַנטלע־כער באַלעבאָס אַלפרעד יאַקאָוולעוויטש שערמאַן, דער אָרגאַניזאַטאָר פון אָט דעם געשפּרעך? עפּעס האָב איך שוין פּונקט ווי אײַנגאַנצן אין אים פאַרגעסן! אָבער זאָרגט זיך ניט. מיט אַלפרעד יאַקאָוולעוויטשן וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אין לאָנדאָן.

און דערווײַל, אויב ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד וועגן די ענגלישע קלובן, וואָלט איך גערן פאַריינוועגס דערציילט, וויאַזוי איך האָב זיך באַגעגנט (אויך אין אַ קלוב, פאַרשטייט זיך) און זיך דורכגערעדט מיטן היפּשן אוילעם יידישע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער פון לאָנדאָן — דעם באַדאַכטן, עטוואָס צוריקגעהאַלטענעם, זייער שלעכט אינפאָרמירטן, אָבער בעלי־ספק ניט פײַנטלעכן בענעגייע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך וואָלט עס גערן געטאָן שוין דאָ, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, אָבער דאָס קאַפּיטעלע האָט זיך אַליין ווי פאַרענדיקט, די מומע איטאַ איז די מומע איטאַ, און די לאָנדאָנער יידישע זשורנאַליסטן און קולטור־טוער זײַנען גאָר עפּעס אַנדערש. אַפילו שמועל גאָלדסמיט אַליין, ווען ער גיט זיך אַ קערעווע אויס און באַווײַזט זיך שוין פון אַן אַנדער זײַט — אַלס ליטעראַטור־קענער און שריפטשטעלער, ווען ער באַווײַזט זיך, כאַזער

איך איבער, אין אַט דער בעסערער ראַליע אַף דער געזעלשאַפטלעכער באַגעגעניש, וועגן וועלכער איך וועל דערציילן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, זעט ער אויס צו זײַן אַ פּלעמעניק פון עמעצן אַנדערש, ניט דער מומע איטאַס.

מאָרגן איז זונטיק, און אײדער עפּעס־וואָס, וועלן מיר דערווײַל כאַפּן אַ קוק, וואָס דאָס איז פאַר אַ טאָג אין לאָנדאָן.

זונטיק אין לאָנדאָן

איך אײַלע אײַך זיך אַרײַנכאַפּן אַף אַ זונטיק קיין לאָנדאָן. איר וועט קיין כאַראַטע ניט האָבן.

אין אַ זונטיקדיקן טאָג איז לאָנדאָן קיין קאַפּעלע ניט ענלעך אַף פּאַריזש אָדער ניו־יאָרק.

לאָנדאָן איז לאַנגווײַליק. מע קאָן אַפילע זאָגן, אַז אין דעם לאַנגווײַל, אײַגנטלעך, איז דער גאַנצער „צימעס" פון אַ זונטיק אין לאָנדאָן. צוריק מיט דרײַ הונדערט פופציק יאָר איז אַרויס אַ געזעץ, וואָס האָט נאָך ביז הײַנט זײַן האַשפּאָע אַפן לעבן אין לאַנד. לויט אַט דעם געזעץ טאָר מען זונטיק ניט אַרבעטן, מע טאָר ניט באַקן קיין ברויט, שיפּן זיך אַפן טײַך, גײן אַף טאָרעאַדאָרישע פּאָרשטעלונגען און אין בערן־צירק. זונטיק טוט מען אין ענגלאַנד ניט אָן קיין בעסערע מאַלבושים, אײדער אינדערוואָכן. די יוגנט פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין ספּאָרט, אַפילע אין פוטבאָל שפּילט מען ניט זונטיק.

וואָס זשע טוט מען יאָ? מע איז זיך מעכײַע מיטן לאַנגווײַל.

מע גײט אויסהערן אַ פּאָר רעדעס אין הײַד־פּאַרק. אַגעוו, די הײַנט־צײַטיקע ענגלישע געאָגראַפן הייבן אָן פונדאַנען, פון דעם באַרימטן „ווינקל פון ספּיקערן", צו מעסטן און ציילן אַלע מעהאַלעכן — אין לאָנדאָן גופע („פון דעם ווינקל פון ספּיקערן ביז דעם ראָג פון אַזעלכע און אַזעלכע צוויי גאַסן איז אַ קײַמעלאָן פון אַזויפיל און אַזויפיל מײַל") און אין מאַססשטאַב פון גאַנצע קאָנטינענטן, דאָס הייסט דעם מעהאַלעך פון לאָנדאָן ביז טאָקיאָ, אַשטייגער, הייבט מען אָן מעסטן בא דער קליינער הילצערנער טריבונע אין הײַד־פּאַרק...

זונטיק קומט אַרײַן אַ לאָנדאָנער אײַנוווינער אין איינעם פון די זיבן טויזנט ביר־הײַזער, וועלכע מע רופט אָן מיטן נאָמען „פּאַב". דאָ, אין טראַדיציאָנעלן ענגלישן ביר־הויז, איז דאָס קיניגרײַך פון די מאַנצבלעך. אין דער ענגלישער געזעלשאַפט זײַנען די מאַנצבלעך אָן און פאַר זיך אַ באַזונדערע קאַסטע, וואָס האָט אירע אײַנגעשטעלטע אין מעשעך פון יאָרהונדערטער קלאָלים. אַ דזשענטלמען דאַרף האַלטן זײַן שירעם ניט צעעפנט, אַפילע אויב עס גייט אַ רעגן. עס איז ניט שיין פאַר אַ דזשענטל־מען צו שפּילן פידל, טראָגן ברוינע אָדער גרינע אָנצוגן. זופּ פון אַרבעס עסט אַ דזשענטלמען מיט אַ טיי־לעפעלע. שמועסנדיק מיט עמעצן, דאַרף ער זיך אופהאַלטן קאַלט און סקעפּטיש.

וואָלט אַלץ טאַקע אויך איצט געווען אַזוי, ווי בײַ ענגלענדער פירט זיך, נאָר בײַ אָט דעם טיש איז אָט דעם „פּאַב" זיצן ייִדן, און מיר ריידן מיט טעמפּעראַמענט, ריידן היימיש, כאָטש באַקאַנט זײַנען מיר צווישן זיך ערשט עטלעכע מינוט.

אַף רעכטס פון מיר, מיטן פּנים צום בופעט, בײַ וועלכן אַ יונג מיידל צעגיסט דעם ביר, זיצט אַ געשטופּלטער ייִד פון אַ יאָר זעכציק, אויב ניט מער, כאָטש זאָגן זאָגט ער, אַז ער איז אַלט „אַ וואָסערע פיר־פינף און פערציק". ער בייגט זיך אַריבער איבערן טיש און שעפּטשעט צו מיר: „אויב איר וועט מיך כאַפּן בײַ אַ ליגן, און ס'וועט באַלד אַהער ניט אַרײַנ־קומען נאָך מיר איינער אַ ייִדישער לאָרד, — עס איך אויף די שליאַפּע מײַנע. איר וועט זען!..." קיין שליאַפּע האָט דער ייִד ניט געטראָגן, און דעריבער האָט ער, לאָמיר גלײַך וועגן דעם מוידיִע זײַן, גאָרנישט ניט אופגעגעסן, כוצן געזאַלצענעם בייגעלע, וואָס מע סמאַקעט אויס און מע שלינגט דערנאָך אַראָפּ צוזאַמען מיטן ביר. דערוווּסט זיך, אַז איך קום פון סאָוועטן־רוסלאַנד, האָט דער ייִד געמאַכט אַ געשריי: „איך בין ערשט פאַראַיאָרן געפלויגן מיט אַ דעלעגעישן קיין יאַפּאַן, האָב איך זיך אָפּן וועג אָפּגעשטעלט אין ריסנלאַנד, אין יעליסאַוועטגראַד... דרײַ כאַדאָשים אָפּגע־ווען אין אַ קעלער פון טשעקאַ..." האַקלאַל, דער ייִד איז „אַ שוטעף אין אַ סטראַכיר־קאָמפּײַן" — אַזוי, האָט ער געבעטן, זאָל איך אים טיטולירן. לויט ווי ער דערציילט, סטראַכירט זײַן פירמע פון וואָס איר ווילט: פון אַ רעגן, פון אַ בייזן כאָלעם, פון אַ שלעכט אויג... אויב איר פאָרט אַוועק אין אורלויב און איר זײַנט ניט זיכער, צי איר וועט קענען בלײַבן טרײַ דער קאַלע אײַערער, — קאָנט איר זיך פאַרסטראַכירן פונעם יעיצערהאָרע...

אַנטקעגן דעם „שוטעף אין אַ סטראַכיר־קאָמפּאַניע" זיצט אַ גראָווער מענטש: גראָו די באָרד, גראָו די ברעמען, די וויִעס, אַפילו די הערעלעך אין די אויערן — גראָו. דער קאָפּ אָבער איז ראָזעווע־גלאַט און גלאַנצט מיט אַ פרישן קינדערשן גלאַנץ. ער רעדט מיט אַ יונגנמאַן, ווײַזט אויס אַ קאָרעוו זײַנעם, וועמען ער אירצט און רופט אָן אַלע מאָל מיט אַן אַנדער נאָמען: אַף איין שפּראַך — אַזוי, אַף אַ צווייטער — אַנדערש.

דער גראָווער מאַן איז אַ געוועזענער קאַצעטלער. ער שלעפּט אַרויס פון קעשענע עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, אַף וועלכע עס זײַנען אין ענגליש אָפּגעדרוקט די אַנטיסעמיטישע „פּראַטאָקאָלן פון די זיקניי־ציִען". „די אַרטיקע נאַציסטן צעשיקן עס דורך פּאָטשט, — זאָגט ער מיט פאַרבי־טערונג, — קיינער שטערט זיי ניט..."

איך דערוויס זיך, אַז סײַ ער, סײַ דער יונגערמאַן זײַנען פאַראַיאָרן, בייס דעם אויסברוך פון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין ענגלאַנד, אַוועק אין דער זעלבסטוואָך, וועלכע די לאָנדאָנער קעהילע האָט געמוזט אַרויסשטעלן אַף צו באַשיצן די באָטעמעדראָשים פון אָנפאַלן מיצאַד כוליגאַנישע עלע־מענטן.

איך פרעג דעם „שוטעף אין דער סטראַכיר־קאָמפּאַניע":
— און איר זײַט אויך געווען אין דער זעלבסטוואָך?
דער „שוטעף" טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— עט... אז אין לאנד אָרודעווען פראנק־און־פרײַ פאשיסטן, קאָן מען די ייִדן פארסטראכירן פון וואָס איר ווילט, נאָר ניט פון אנטיסעמיטיזם...

דער קאצעטלער שטאמט פון אונגארן. ער זעט אויס אזוי, פונקט ווי ער וואָלט געווען נאָך ביז הײַנט א קאצעטלער. מיטן אָפיציעלן ענגלאנד האָט ער א ניט־געדעקטן כעזשבן. ניט לאנג צוריק האָט ער אויסגעלייענט אין א ייִסראָעלדיקער צײַטונג, אז אין אָנהייב 1944 האָט איינער א ייִד פון אונגארן זיך דערקליבן קיין קאַיר און איבערגעגעבן דעם ענגלישן פאָרשטייער מאָין, אז ס׳איז נאָך דאָ א מעגלעכקײַט צו ראטעווען א מיליאָן ייִדן, און יענער האָט אף דעם געענטפערט: „ווּהין וועל איך אהינטאָן א מיליאָן ייִדן?!"

ווען מיר געזעגענען זיך, זאָגט דער קאצעטלער:

— איך וואָלט זיך ניט געכידעשט, ווען אזא מאָין זאָל איצט ארײַן אין א קאָמיטעט, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פון די סאָוועטישע ייִדן...

ער האָט אויסגעריסן פונעם נאָטיץ־ביכל א זײַטעלע און אָנגעשריבן אף דעם עטלעכע ווערטער.

— דאָ האָט איר דעם אדרעס פון מײַן שוועסטער. אויב ס׳וועט אײַך אויסקומען צו זײַן אין לעמבערג, בעט איך אײַך איבערגעבן איר א גרוס.

— ווי:אזוי קומט אײַער שוועסטער קיין לעמבערג?

— פיר און צוואנציק מענטשן פון אונדזער מישפּאָכע זײַנען אומגעקומען... טאקע מיט אים, מיט דעם מיליאָן ייִדן, וואָס מאָין האָט ניט געוווסט, ווהין, לעבעדיקע, זיי אהינצוטאָן... מיך האָט די סאָוועטישע ארמיי געראטעוועט פון אָשווענטשים... מײַן שוועסטער איז געווען אין לעמבערגער געטאָ... די סאָוועטישע ארמיי האָט זי געראטעוועט...

אף די לאָנדאָנער גאסן איז צוגעפאלן די נאכט. די נאכט און דער נעפל. ניט גערעכט זײַנען די, וואָס זאָגן, אז דער לאָנדאָנער נעפל פאַרדעקט מיט זיך, ווי מיט א גראָבער שאַל, דאָס פּאָנעם פון דער שטאָט. ניין, גיכער איז דער לאָנדאָנער נעפל א דינע און לײַכטע וואָל, הינטער וועלכער ס׳איז אומעגלעך צו באהאלטן דאָס פּאָנעם.

עטוואָס וועגן דעם לעבן און וועגן די זאָרגן פון קאָלעגן־זשורנאליסטן

קוידעמקאָל, טײַערער לייענער, לאָמיר זיך צונויפריידן, וואָס פאר א באטײַט מיר ווען אין אונדזער ווײַטערדיקן שמועס צוגעבן די ווערטער „ייִדישער שרײַבער", „ייִדישע פּרעסע", „ייִדישער זשורנאליסט". מיר פארשטייען, אז א ייִדישער שרײַבער איז דער, וואָס שרײַבט אף ייִדיש. אויב ער וועט ארויסגעבן אף ייִדיש א ראָמאן וועגן אן אנדער פאָלק, לאָמיר זאָגן וועגן ווײַסרוסישן אָדער אוזבעקישן, וועט ער פארבלײַבן א ייִדישער שרײַבער. פון דער צווייטער זײַט, איז קיין סאָפעק ניט, אז וועגן איסאק באבעלן אָדער ליאָן פויכטוואנגערן, האָגאָם זיי האָבן

ניט ווייניק ווערק, ווו די הויפּט־העלדן זײַנען ייִדן, וועט, דוכט זיך, קיינער בא אונדז ניט זאָגן, אַז זיי זײַנען ייִדישע שרײַבער.

אנדערש זעט אויס די זאַך אין ענגלאַנד. דאָרט איז איסאַק באַבעל אַ ייִדישער שרײַבער. אַ צײַטונג אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס איז אויסגערעכנט פֿאַר ייִדן, איז אַ ייִדישע צײַטונג. אַנטשולדיקט, זי גייט דאָך אָבער אַרויס אויף ענגליש! דערויף וועט דער ענגלישער ייִד ענטפֿערן: און ווער גיט די אַנאָנסן? — ייִדן! און וועגן וועמענס צאָרעס און קאָפּדרייעניש רעדט זיך אין איר? — וועגן ייִדישע צאָרעס און וועגן ייִדישע קאָפּדרייענישן...

זײַנען מיר, הייסט עס, טײַערע לייענער, געקומען צו אַן אויסגלײַך וועגן אָט דעם איניען. צו וועלכן אויסגלײַך? — וועט איר פֿרעגן. איך דענק, מיר וועלן זיך צונויפֿריידן, אַז די ווערטער „ייִדישער שרײַבער", „ייִדישער זשורנאַליסט" זאָלן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד באַצייכענען דאָס, וואָס זיי באַצייכענען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און אין ענגלאַנד...

איך האָב אין ענגלאַנד אָנגענומען די אײַנלאַדונג זיך צו באַגעגענען מיט דעם פֿאַריין פֿון ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן פֿון ענגלאַנד. מיט וועמען געגנוי כ׳וועל זיך באַגעגענען — דאָס וועלן מיר זען אין „קלאַב", וווּהין איך פֿאָר.

אויפֿן וועג צום „קלאַב" שמועס איך מיט אַ זשורנאַליסט, וואָס איז נאָענט צו די קרײַזן פֿון „דזשויִש אָבסערווער", דעם אָרגאַן פֿון דער ענגלישער ציִוניסטישער פֿעדעראַציע. איצט דאַרף מען שוין צום נאָמען פֿון דער דאָזיקער וואָכנבלאַט צושטעלן „אַלעווהאשאָלעם". דערמלט אָבער, אויפֿן וועג צום פֿעשענעבעלן „קלאַב", האָב איך, שמועסנדיק מיט מײַן לאָנדאָנער קאָלעגע, בלויז דערשפּירט, אַז אין דער „פּרײַער פּרעסע" שמעקט מיט אַ „פּאַסירונג". פֿון די רייד פֿונעם לאָנדאָנער זשורנאַליסט האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז „דזשויִש אָבסערווער" איז „אין די גוטע צײַטן" פֿינאַנסירט געוואָרן... פֿונעם ייִסראָעלדיקן זיכערהײַטס־מיניסטעריום. זינט אָבער עשקאָל איז אַרויף אויפֿן בענקל אָנשטאָט בען־גוריאָנען האָט מען די סובסידיע אָפּגעשאַפֿט. „דזשויִש אָבסערווער" האָט דאַן באַקומען אַ צוטריט צו „אַנדערע נאַציאָנאַלע פֿאָנדן", און, ווי מע זאָגט — ווער עס צאָלט, דער באַשטעלט די מוזיק... „דזשויִש אָבסערווער" האָט אָנגעהויבן פֿון מאָל צו מאָל זיך בריקעווען.

שוין נאָכדעם, ווי איך האָב פֿאַרלאָזט ענגלאַנד, האָט דער סקאַנדאַל טאַקע אויסגעבראָכן, און איך וועל אינקורצן וועגן אים דערציילן, קעדיי די ווײַטערדיקע באַשרײַבונג זאָל אַרײַנעמען אין זיך מער פֿאַרב און שטימונג־שאַטירונגען.

געשען איז אָט וואָס.

אין איינעם פֿון די נומערן פֿון „דזשויִש אָבסערווער" איז קריטיקירט געוואָרן דער יוסטיץ־מיניסטער פֿון ייִסראָעל פֿאַר דורכפֿירן געהיימע געריכט־פּראָצעסן. אין אַ צווייטן נומער האָט געדאַרפֿט גיין אַן אַרטיקל וועגן דער אַרבעטסלאָזיקײַט אין ייִסראָעל.

נאַטירלעך, אַז אין דער מעדינע גופֿא איז די אָנגערופֿענע אין דעם אַרטיקל צאָל — זעקס און נײַנציק טויזנט אַרבעטסלאָזע — ברייט באַוווּסט.

„דזשויִש אָבסערווער״ האָט זיך פאַרופן אויף דעם יִיסראָעל־סטאַטיסטיקער כּאנויך סמיט. אָבער אַ מיטיילונג וועגן דעם אין אַ לאָנדאָנער צײַטונג וואָלט געקאָנט שטערן דער אַליִע קיין יִיסראָעל. און די „דעמאָקראַטיע״ האָט גענומען אַרבעטן!

דער פּרעמיער־מיניסטער פון יִיסראָעל האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום יִיסראָעל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. דער אַמבאַסאַדאָר האָט געמאַכט אַ דרוק אויף דער ציִעניסטישער פעדעראַציע פון ענגלאַנד. די פּירערשאַפט פון דער פעדעראַציע האָט באַפוילן דעם שעף־רעדאַקטאָר פון „דזשויִש אָבסערווער״ דזשאָן קימטשי, ער זאָל זײַן אַ ביסעלע סטאַטעטשנער און דאָס „קראַמאָלע״־אַרטיקל אַרויסנעמען פון זאַץ. קימטשי האָט דערווידערט: סטײַטש, און ווו איז פרײַהײַט פון וואָרט? און צי איז דערלאָזבאַר, אַז דיפּלאָמאַטן פון אַן אַנדער מעלוכע זאָלן באַפוילן אַן ענגלישער צײַטונג יאָ אָדער ניט צו דרוקן אַן אַרטיקל? אויסגעהערט אַזעלכע רייד פונעם כּוצפּעדיקן רעדאַקטאָר, האָט די פעדעראַציע געגעבן אַ פאַראָרדענונג דירעקט דער דרוקערײַ, זי זאָל ניט דרוקן דעם גאַנצן נומער „דזשויִש אָבסערווער״.

קורץ: דזשאָן קימטשי איז באַזײַטיקט געוואָרן. די לאָנדאָנער וואָכנ־בלאַט „דזשויִש אָבסערווער״ האָט, נעבעך, אויסגעצויגן די פּיס. עס זײַנען אַזויאַרום אָפּגעשטעלט געוואָרן די קאָנקורענץ־באַטאַליעס, וועלכע זי האָט אין מעשעך פון פופצן יאָר געפירט קעגן דער סאָלידער „דזשויִש קראָ־ניקל״.

אָך, יאָ — „דזשויִש קראָניקל״... איך קאָן ניט עפענען די טיר, וואָס וועט אונדז — מיך און אײַך, טײַערע לייענער — אַרײַנלאָזן אין גאַסט־פרײַנטלעכן „קלאַב״, ביזוואַנען איך וועל ניט דערציילן כאָטשבי גאָר אינקורצן וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט אָט דער הונדערט פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער באָבעשי, דער עלטסטער צווישן די ענגלישע... ניין, יִידישע... ניין, ענגליש־יִידישע צײַטונגען אין דער וועלט.

עס געדענקט זיך, אַז „דזשויִש קראָניקל״ איז די ערשטע צווישן די אויסלענדישע צײַטשריפטן געקומען אַ קוק טאָן אויף „סאָוועטיש היימלאַנד״. צי האָט זי דאַן, די באָבעשי, ניט געוואָלט אונטערדרוקן אַ לאָנדאָנער שידעך דעם געזונטן מאָסקווער באָכערעץ?.. (איך שפּאַס, פאַרשטייט זיך. וואָסי, מע טאָר שוין ניט אַ שפּאַס טאָן?). מיר האָבן אויף קיראָוו־גאַס נאָך גע־האַלטן אין צעשטעלן די טישן, ווען פון לאָנדאָן איז אָנגעפאָרן אַ גאַסט — דער באַיאָרטער זשורנאַליסט יויעל צאַנג, און מע מוז אַנערקענען, אַז פון דעמלט אָן האָט „דזשויִש קראָניקל״ זיך באַמיט אָפּצוהיטן אַ געוויסע לאָיאַלקײַט צו „סאָוועטיש היימלאַנד״.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, איז „דזשויִש קראָניקל״ געשטאַ־נען פאַר אַ דעליקאַטן אויסוואַל: אָדער אָנשליסן זיך אין ניט פּאָפּולערן מאַיאָפּיס־טאַנץ פון די יאַהודישע אַסקאָנים, אָדער זיך רעכענען מיטן ווילן פון טויזנטער לייענער און פאַרעפנטלעכן אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע. אַן אויסוועג האָט „דזשויִש קראָניקל״ געפונען אַזאַ: אין איין און דעם זעלבן נומער האָבן זיך באַוויזן צוויי אַרטיקלען — דאָס ערשטע, אַן אַנ־טיסאָוועטישס, האָט אין נאָמען פון „אָנפירנדיקע קרײַזן״ אין דער יִידישער

קעהילע גערופן צו „באַיקאָט“; דאָס צווייטע האָט אָפּגעשפּיגלט א מער־ווייניקער אָביעקטיוון צוגאנג צו די אופטועו און פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור און ליטעראטור און איז קאטעגאָריש ארויסגעטראָטן קעגן די כיירעם־מעטאָדן.

מיילעך שווארץ האָט געפּויעלט בא מיר, איך זאָל אין זײַן שטוב זיך טרעפן מיט דעם מיטארבעטער פון „דזשויִש קראָניקל“, וואָס האָט געשריבן די העצערישע נאָטיץ. ס׳איז געקומען א גאנץ סימפּאטישער שטילער מענטש, גאָר ניט קיין טיפּישער צײַטונגס־וואָלף. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז אווראָם רייזענס א פּלעמעניק, א זון פון דעם באוווּסטן ליטעראטור־פאָרשער זאלמען רייזען. הייסן הייסט ער שאָול.

— גאָט איז מיט אײַך, — האָט ער אויסגעשריִען, — וואָס פאר א שײַכעס האָב אי̇ך צו אָט דער נאָטיץ? עמעצער האָט דאָך געדארפט פארשרײַבן דאָס, וואָס די „באָרד“[1] האָט פארלאנגט אָפּצודרוקן. זאָגט איר, וואָס אירווילט זאָגן, וועל איך עס אויך פארשרײַבן...

מיר האָבן אָפּגעמאכט, אז איך גיב אן אינטערוויו, און דער „דזשויִש קראָניקל“ דרוקט אים אָפּ „אָן שמאדשטיק“, ווי שאָול רייזען האָט זיך אויסגעדריקט. לעמאַן־האָעמעס מוז איך זאָגן, אז „דזשויִש קראָניקל“ האָט געהאלטן וואָרט. איר פּאָזיציע אין אָט די טעג איז געווען א קאָנסטרוקטיווע, און איך בין ניט זיכער, צי די „באָרד“ וועט עס איר בא א פּאסיקן מאָמענט ניט אויסוואַרפן.

אין א פּאָר טעג ארום האָט מיך אײַנגעלאדן צוגאסט דער שעף־רעדאקטאָר פון „דזשויִש קראָניקל“ וויליאם פרענקעל. אין רעדאקציע־לאָקאל אָף פורניוואל־סטריט האָבן זיך פארזאמלט רעדאקטאָרן און קאָמענטאטאָרן פון דער צײַטונג. דער עלטסטער צווישן זיי, ווי ס׳האָט מיר אויסגעזען — דזשאָרדזש דע פּאָול — האָט פון אָנהייב אָן געגעבן אָנצוהערן, אז „דזשויִש קראָניקל“ איז קעגן דעם ביליקן טאַראראַם ארום דער פראגע וועגן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, און דאָס אייניציקע, אין וואָס די רעדאקציע נייטיקט זיך, איז — פאקטן. וויליאם פרענקעל האָט באשטעטיקט אָט דעם געדאנק. איך האָב פאָרגעלייגט: לאָמיר זיך דאָ אפּן אָרט צונויפרעדן, אז אין „דזשויִש קראָניקל“ וועט אײַנגעפירט ווערן א ספּעציעלער קאָלום אונטערן באדינגלעכן נאָמען „דיִאלאָג מיט „סאָוועטיש היימלאנד“. דאָס וועט זײַן א טריבונע פאר אינפאָרמאציע און פּאָלעמיק. זאָל דער לייענער אין ענגלאנד שטעלן פראגן. פון מאָסקווע וועט קומען אן ענטפער. איינצײַטיק וועט געוויס „סאָוועטיש היימלאנד“ און זײַן לייענער האָבן וואָס צו פרעגן בא אײַך. מיסטאמע וועט גאנץ אָפט זיך מאכן, אז איר וועט פּאָלעמיזירן מיט אונדזער אויפן צו באלײַכטן די אָדער יענע פראגע. און מיר וועלן פּאָלעמיזירן מיט אײַך. און דער לייענער וועט געווינען פון דעם. און דער קאלטער קריג אין אָט דעם ווינקעלע וועט פארביטן ווערן

[1] אזוי רופט מען אין א שפּאס די פארוואלטונג פון דער ייִדישער קעהילע „באָארד אָף דזשויִש דעפּיוטי“, וועלכע האָט ארופגעלייגט איר שווערע האנט אפּן לעבן פונעם האלבמיליאָניקן ייִשעוו אין ענגלאנד און האלט אים אוף אין די דאַלעדאמעס פון „צוויי בייזן“: באָטעמעדראָשים־ביזנעס, ווי מע זאָגט אין לאָנדאָן.

מיט פּרוכטבאַרער דיסקוסיע. און ס'וועט, לאָמיר האָפן, אַנהייבן פאַר־שווינדן דער בייזוויליקער פּעלשער, דער אונטערהעצער, וואָס לעבט און מערט זיך אין דער אַטמאָספער פון דעזינפאָרמאַציע, פּונקט ווי אַן אומ־ריינע פליג לעבט און ווערט פעט אויף דער הניי־קוטשע.

וויליאַם פרענקעל און אַלע אַנדערע באַם טיש האָבן אויסגעהערט דעם פאָרשלאָג מיט אַזאַ אויפריכטיקער באַפרידיקונג, אַז איך האָב שוין גענו־מען ברעכן זיך דעם קאָפּ, וויאַזוי אָנהייבן דאָס ערשטע אַרטיקל אינעם קאָלום. איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „דזשויש קראָניקל" האָט אַפילע אַ זאָג געטאָן: „ס'איז קיין סאָפּעק ניט, אַז אַזאַ קאָלום — אין יעדן נומער און אויף איין און דעם זעלבן אָרט — וועט צוציִען אַ גרויסע צאָל נייע לייענער. די אַלטע לייענער וועלן אויך האַנאָע האָבן..." וויליאַם פרענקעל איז מיט דעם ווידער געוועזן מאסכים, ער האָט אָבער געזאָגט: „איר פאַר־שטייט מיסטאָמע, אַז אַזאַ זאַך טוט זיך ניט באַלד. לאָמיר אַ טראַכט טאָן... לאָמיר אַ טראַכט טאָן..."

איך האָב פאַרשטאַנען די וואַקלעניש. איך בין ניט קיין נאַיִווע קינד. „דזשויש קראָניקל" איז ניט „דזשויש אָבסערווער". „דזשויש אָבסערווער" איז אַלט געווען פופצן יאָר, און „דזשויש קראָניקל" — הונדערט פינף און צוואַנציק יאָר. אַן עלטערע צייטונג איז ווי אַן עלטערער מענטש. „דזשויש קראָניקל" און זיין שעף־רעדאַקטאָר וויליאַם פרענקעל וועלן אַ טראַכט טאָן...

דערלאַנג דיין פּראַוודאַ־מאַטקאַ, ברודערל!

אין געראַמען צימער פונעם „קלאַב", וווהין איך בין אַריין, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ מענטשן פערציק — פופציק. זיי האָבן גערעדט, געלאַכט, געמאַכט מיט די הענט, געדרייט איינער באַם אַנדערן די קנעפּלעך אויף די אָנצוגן.

באַם סאַמע אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט טרינקעכצן. איך האָב ניט באַוויזן צו מאַכן אַ טראָט איבערן צימער, ווי איינער פון די בייוועזנדע, ער איז געזעסן לעבן דער טיר, אַ ביסל שוין בעגילופן, — האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם עלנבויגן און אויסגעשריִען:

— לייג זיי אַריין אין קאָלנער אַריין!

צוערשט האָט מיר אויסגעוויזן, ווי דער אוילעם זאָל ניט האָבן רעאַ־גירט אויף דעם אויסגעשריי. נאָר אין אַ מינוט אַרום האָב איך דערהערט עטלעכע גוטמוטיקע שטימען:

— ליסקי... ליסקי האָט אים שוין פאַרכאַפּט.

— ווען וועט ער אים אָפּלאָזן?..

ליסקי? געשיקט זיך, זאָל דאָס זיין דער זעלבער י.־אַ. ליסקי, וואָס רעדאַגירט, ווי מע האָט מיר דערציילט, אַ קוים־קוים זשיפּענדיקע לאָנ־דאָנער וואָכנצייטונג „די יידישע שטימע"?

איך האָב טאַקע גלייך וועגן דעם אַ פרעג געטאָן אים אַליין, דעם מענטשן באַ דער טיר, און ער האָט געענטפערט הויך אויף אַ קאָל:

— דאָס בין איך — ליסקי... דער סאַמע פאַרשטויסענער און פאַרשאָל־טענער רעדאַקטאָר אין דער וועלט. צעמעלויצע זיי, איך בעט דיך! מאַך פון זיי אַש און פּאָרעך! זיי האָבן עס אַלע קאָשער פאַרדינט. — און אַ שלעפּ געטאָן מיך צום טיש. — טרינק אויס אַ גלעזל מאַשקע, וועסטו האָבן קויעך מיט זיי צו ריידן...

דערזען, אַז עס דערנעענטערט זיך צו אונדז איינער פון די הערן, וועלכע זײַנען געזעסן באַם פּרעזידיום־טישל, האָט ליסקי נאָכגעביק זיך אומגעקערט אויף זײַן אָרט און פון דאָרטן, האַלטנדיק זיך באַם האַרצן, געזאָגט צו מיר מיט אַ געלאָסן קאָל:

— ע, ס'ניטאָ קיין גאַנצערע זאַך, ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ...

ווײַטער האָט שוין געשמועסט מיט מיר דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון נעם ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פֿאַריין, וועמען ליסקי האָט אָפּ־געטראָטן דאָס אָרט:

— יאָ, יאָ, פּרענקעל. יוסעף פּרענקעל. קיין שײַכעס ניט צו פּרענקעלן פון „דזשויִש קראָניקל"...

מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום טישל. צווישן אוילעם זײַנען געווען עטלעכע מײַנע אַלטע באַקאַנטע: נ.־א. שטענצל, יויעל צאַנג, אַלפרעד יאַקאָוולעוויטש שערמאַן, שמועל גאָלדסמיט, שאָול רייזען. עטוואָס אין אַ זײַט איז געזעסן יאַנקעוו זאַנטאַג, דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער פּערטליאָר־שריפט אויף ענגליש „דזשויִש קוואַטערלי". מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך געהאַט מיט אים אַ לענגערן שמועס. זאַנטאַג קלײַבט זיך ווידמענען איינעם פון די נאָענטסטע נומערן „דזשויִש קוואַטערלי" דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך מיט דעם פינף־און־זיבעציקיאָריקן דיכטער און איבערזעצער יויסעף לעפּטוויטש בין איך שוין באַקאַנט, און אפילע פון גאַנץ לאַנג אָן: מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן מיר זיך געטראָפן אין פּאַריזש. די צוויי ייִדישע פּאָעטן פון ענגלאַנד — שטענצל און לעפּטוויטש — זײַנען „גענוג באַשיידן, קעדיי ניט פּרעטענדירן", אַז זייערע לידער זאָלן דערשײַנען אין אַ בוך־פאָרם. גענוג, וואָס אָט די „זשאַרגאָן־דיכטער" האָבן זיך זייער „לאָשן און לעבן". בלעטערנדיק טאַקע דאָס זשורנאַלכל, האָב איך צו־ביסלעכווײַז אופגעשטעלט פאַר זיך דאָס געשטאַלט פונעם דיכטער יויסעף לעפּטוויטש, דעם זינגער פונעם אָפּגאַנג־מאָטיוו, פון „אַמאָל איז געווען אַ לעבן". זײַנע שטימונגען זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין ענגלאַנד: שטימונגען, וועלכע זײַנען מער ווי אויסגאַנגסלאָז, זיי זײַנען שוין ווי דער „גרוס פון יענער־וועלט". לעפּטוויטש שרײַבט: „מיר („מאַנגער, אוקין און איך" — אַזוי הייסט די ליד) האָבן זיך אין אַ ייִדישן קייווער געלייגט. ביסט ווידער אַ גליד אין דער ייִדישער קייט". און אָט איז אַ גאַנצע ליד לעפּטוויטשס. זי הייסט „פונדרויסן" און איז פאַרעפנטלעכט אין „לאָשן און לעבן":

איך גיי אין גאַס און קוק צו,
ווי מענטשן גייען פאַרבײַ.

איך בין נישט מער אין דער שפּיל,
איך שטיי אין דרויסן פון זיי.

איך בין נישט מער אין דער שפּיל
פון טאָן און פון ברעכן,
פון בויען אַפּסניי,
פון שטרעבן צו דערגרייכן.

איך קוק זיך צו ווי אַ פרעמדער.
איך בין שוין אַרויס פון דער הויט.
כאָטש איך לעב, איז דער קוק מײַנער,
ווי פון איינעם, וואָס איז טויט.

כ'הייב צום הימל מײַן קאָפּ
פון דער וועלט אַרויס.
איך וויל טויטערהייט וויסן,
ווי דאָס לעבן דאָ זעט אויס.

אויף וויפל דער ברייטער לייענער ווייסט קלאָל ניט אַט דעם פּאָעט, וועל איך ברענגען נאָך איין קורצע ליד זײַנע:

— ריבוינעשעלוילעם, איך בין צו דיר געקומען.
— ביסט שטענדיק בײַ מיר געווען.
— איך בין געווען ווײַט פון דיר.
— איך האָב דיך שטענדיק געזען.
— וואָס ליגט דאָרט אין דעם אָרן?
— דײַן טויטע מוירע.
— ווער רעדט דאָס מיט מיר איצט?
— דאָס רעדט צו דיר דער בוירע.

לאָמיר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען געקומען אין אַ לאָנדאָנער „קלאַב". לידער לייענט מען אויף באַגעגענישן אין מאָסקווער קלובן. דאָ אין לאָנדאָן קומט מען אין „קלאַב" אַרײַן זיך דורכצושמועסן.

שמועסן מיר טאַקע. דער פּאָרזיצער יויסעף פרענקעל האָט זיך שוין געווענדט צום אוילעם מיט אַ באַקאָשע, מע זאָל זײַן לאָיאַל און פּרײַנט־לעך צו דער וועלט־מעדינע, פונוואַנען עס קומט דער גאַסט, און מע זאָל אָפּהיטן די אייגענע ווירדע און דעם קאָוועד באַם פּאָלעמיזירן. איך דאַנק דעם ליבנסווירדיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר האַלטן גוט די לייצעס און לייג דאָך פאָר, מיר זאָלן פירן אַ ווי ווײַט מעגלעך אָפנהאַרציקן, ניט באַגרענעצטן דורך עטיקעט־קלאָלים שמועס. אַ שמועס ניט פאַר דער פּרעסע, נאָר פאַר זיך.

פיר שאָ נאָכאַנאַנד, ביז האַלבנאַכט, האָט זיך געצויגן די פּאָלעמיק. איך מוז איצט זאָגן, אַז די ניט־אינפאָרמירטקײַט פון מײַנע מיטשפּרעכער

אין די איניאָנים, וועגן וועלכע עס איז געגאַנגען א רייד, האָט מיך מאָמעש דערשיטערט. ס'איז אָבער אין זייערע פראַגן און ארויסזאָגונגען געווען אן אופריכטיקער ווילן דערגיין דעם עמעס, און דאָס האָט מיך פאַרפליכטעט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, מיט דער גרעסטער זאָרג פאַר דעטאַלן און אַרגומענטאַציע, צו ריידן וועגן זאַכן, וואָס פאַר אונדזערן א סאָוועטישן ייִדן זײַנען זיי קלאָר ווי דער טאָג. יויעל צאַנג האָט געהאַלטן אין איין אײַנריידן מיך, אז זיי אין ענגלאַנד „אַסימילירן זיך וואָלאַנטאַר”, פרײַוויליק הייסט עס, און מיר אין רוסלאַנד „ווערן געטריבן מיט א בײַטש”... מיכאַל זילבערבערג, וואָס שטעלט פאָר אין לאָנדאָן דעם ניו־יאָרקער „ייִוואָ” (און פאַריינווועגס דעם „פאָרווערטס”), האָט געוואָלט וויסן, צי „סאָוועטיש היימלאַנד” וועט שוין אַמאָל אָנהייבן דרוקן די ווערק פון ייִדישע שרײַבער פון אַנדערע לענדער; ווען איך האָב אים געענטפערט, אז זינט „סאָוועטיש היימלאַנד” דערשײַנט, טוט ער עס מיט דער פולער האַנט, האָט זילבערבערג פאַרלאַנגט, איך זאָל „באַווײַזן מיט פאַקטן”... ביז גאָר אָריגינעל פאַר הײַנטיקע צײַטן האָט זיך בייסן שמועס באַוויזן דער לאָנדאָנער פאָרשטייער פונעם ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל” האַרנדאָרף. „ניין, זאָגט מיר, צי קאָן זײַן ייִדישער העמשעך אָן א יעשיווע?” — האָט ער פאַטעטיש אויסגערופן.

אין דער זעלבער צײַט האָט מען מאַמעש געשלונגען יעדעס וואָרט וועגן דעם לעבן און וועגן דער קולטור פון די סאָוועטישע ייִדן, און, צווישן אונדז גערעדט, — מע האָט אויפגענומען ווי לאַכלוטן נײַע און אפילע ווי סענסאַציאָנעלע ניט וויניק פאַקטן, וואָס די ייִדישע פרעסע האָט וועגן זיי שוין הונדערטער מאָל געשריבן.

מיט עטלעכע טעג פאַר אָט דער באַגעגעניש איז דאָ אין לאָנדאָן פאָרגעקומען מײַנע א פרעסע־קאָנפערענץ, און איך מעג שווערן, אז אַלע די, וואָס האָבן אין „קלאַב” געהערט מײַנע ענטפערס, האָבן געשטעלט די זעלבע פראַגעס און באַקומען די זעלבע ענטפערס אויך דאָרטן. דער אונטערשייד איז אָבער געווען אין דעם, וואָס אין „קלאַב” האָבן ניט געסקרייפעט קיין פענעס און די ראַדיאָ־קאָמפּאַניע „בי־בי־סי” האָט ניט געדרייט איר בליאַסקענדיקע אַפּאַראַטור. דאָ האָט מען גערעדט היימיש. מע האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און מע האָט, אַדעראַבע, גערופן דעם צווייטן צאַד, ער זאָל דערווידערן. איך האָב געזאָגט: אָנשטאָט צו טומלען אין דער פרעסע וואָלט איר בעסער ווי געהעריק זיך פריִער באַקאַנט מיט דער עמעסער לאַגע בא אונדז. דאַן וואָלט איר אײַנגעשפּאָרט צײַט אָף צו באַשעפטיקן זיך מיט אײַערע אייגענע איניאָנים.

מעגלעך, אז איך האָב צום סאָף פונעם שמועס איבערגעשאַצט דעם קויעך פון פאַקטן און פון לאָגיק, ווען כ'האָב זיך פאַרגינט צו געבן מײַנע מיטשפּרעכער אַן אייצע:

— כאָשעווע קאָלעגן, צײַט שוין אָנהייבן זינגען נײַע מעלאָדיעס, לאָמיר א דריי טאָן דאָס רעדל צו פרײַנטשאַפט.

צען צי עפּשער פופצן מענטשן מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן ריידן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, פונקט ווי מע וואָלט טאַקע דאָ אָפן

אָרט געדאַרפט קומען צו א באַשלוס: יאָ פּריִנטשאַפט אָדער ניט פּריִנט־שאַפט...

בעשאַסן טומל האָב איך דערוויַיל געבלעטערט מיַין נאָטיץ־ביכל און דאָרט זיך אָנגעשטויסן אַף א ליד, וועלכע כ'האָב אָנגעשריבן נאָך דער פּרעסע־קאָנפערענץ אַף דער לאָנדאָנער יידישער גאַס:

די „גאַס" איז צו מיר ניַיגעריק,
מע שטייט קעפּ־אַף־קעפּ:
„זעט, ער האָט קיין דיַיגעס ניט!"
„כיַי געלעבט"...
אָדער, פּאַרקערט, ראַכמאָנעסלעך,
איַינגעוויקלט אין א יידישער בלאַט,
טראָגט מען, ווי שאַלעכמאָנעסן,
פון „צאַד" צו „צאַד":
דער טויבן־צאַד צום שפּאַרבער־צאַד,
דער „לינקער" צאַד צום רעכטן צאַד,
דער גערעכטער צאַד צום שלעכטן צאַד...

אין אָנגעלאָף, אין ברומגעוואָרף
מע טוט א פרעג מיך:
— זאָג דיַין וואָרט.
וואָס מאַכסטו פאַר א לעבן דאָרט,
ווי לעבסטו דאָרטן, אַף אן אָרט?

ענטפער איך:
— אויסגעטאָן זיך פון דעם גאָלעס
און אריַין אין לעבנס מיט,
טראָג איך ליכט אין מיַינע פּאָלעס
און געוויכטער אין די טריט.
פון די קאָסעס —
ביזן קאָסמאָס,
פון די פלוגן —
ביז די פלוגן,
אָט אזוי מיַין גאַנצער דאָר,
וועגן דעם — צו איַיך מיַין וואָרט.

עס לויפן אָן „געוועזענע",
„ליַיטישע" און „מעסיקע",
זיי זיַינען צופיל שלאַבעריק
צו ריידן מיט א געדאַנק:
— איר לעבט דערוויַיל נאָך, כאַוועריל?
— מע לעבט. און איר?
— א דאַנק...

זאָג איך צו זיי:
— מיר זײַנען געזונט־מאָווער,
מיר זיצן בא הויכע ברעגן,
מיר קוקן אף איַיך, ווי אף אָוואר,
מיר האָבן אויך א י ך וואָס צו פרעגן!

גיבן זיך א שאָט אריַין
די שאָדן־לײַט, די שלעגער.
א מעהומע... וואָס וועט זײַן?
זידלערײַ — צי ערגער?
זיי נעמען שטעלן קלאָצקאשעס,
און גיסן אויס פּאָמוּיניצעס,
און וואַרפן מיט די פויסטן אויך,
און שפּילן אָפּ קאדאָכעסן.

זאָג איך צו זיי:
— איך מאך מיר א קליינעם צימעס...
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט די גאס זיך איַינגערעדט,
אז זי אליין אין יוישער לעבט.
און דאָך — וואָס איז די אזוי ניַיגעריק?
וואָס שטייט זי קעפּ־אָפּ־קעפּ?

ווען דער טומל איז געוואָרן עטוואָס שטילער, האָב איך דערהערט א רויק, אָבער גאנץ פעסט קאָל, געווענדט צו מיר:

— דערלאנג דײַן פראַוודא־מאַטקא, ברודערל!

איך האָב געמיינט, אז דאָס רעדט ליסקי, אָבער, טוענדיק א זוך מיט די אויגן, האָב איך באמערקט, אז ער זיצט אף זײַן אָרט בא דער טיר און דרעמלט... די פּערציק־פופציק לאָנדאָנער יידישע בירגערלעכע זשורנא־ליסטן און שרײַבער, וועלכע האָבן פארפולט דעם געראַמען צימער פונעם „קלאַב", האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן אין איין געשטאלט, צו וועלכן כ'האָב, שעפּטשענדיק שטיל־שטיל, זיך געווענדעט מיט די שורעס פון מײַנער א צווייטער ליד:

ס'וואַקסט מײַן וועלט ארומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן.
איצט איך בין צו דיר געקומען
וועגן מײַנע וועלטן מעלדן.

בין איך שוין א שאָק מיט יאָרן
ניט געווען אין קלויז אוואדע,
און מיט דעם איך וועל אצינדער
זיך פאר דיר ניט זײַן מיסוואדע.

האָב איך שוין די קינדער מײַנע
ניט געטויוולט, ניט געמאלעט,
און א ייִד איך בין פארבליבן,
און א מענטש, באגלײַך מיט אלע.

האָב איך שוין אזויפיל צײַטן
ניט געהאנדלט, ניט געוואנדלט.
וואָס זשע ווילסטו — איך זאָל ווידער
איבערלעבן אָט די שאנדע?

איצט איך בין צו דיר געקומען
וועגן מײַנע וועלטן מעלדן:
ס׳וואקסט מײַן וועלט ארומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן.

מײַן באגעגעניש מיט שמואל־יוסף אגנאָן

איך האָב זיך דערוווּסט, אז עס ווײַלט בא דער טעמזע, נאָכן באקומען אין שטאָקהאָלם די נאָבעל־פּרעמיע, שמואל־יוסף אגנאָן. גלײַך האָב איך זיך פארבונדן טעלעפאָניש מיט אָט דעם פינף־און־זיבעציקיאָריקן ייִשׂראלדיקן ראָמאַניסט און אים געזאָגט, אז כ׳וואָלט וועלן זיך טרעפן מיט אים.

אין עטלעכע טעג ארום האָב איך איבערגעלייענט אין די ענגלישע צײַטונגען, אז די ייִשׂראלדיפּלאָמאטן, וואָס זײַנען אקרעדיטירט אין לאָנדאָן, האָבן, דערווייסנדיק זיך וועגן אונדזער טעלעפאָנישן געשפּרעך, געמאכט „דראמאטישע פּרוּוון", קעדיי איבערצײַגן אגנאָנען, אז ער זאָל „רעזיגנירן פון דער טרעפונג"...

מיר האָבן גלײַך אפן אָרט אָפּגערעדט זיך צו זען אף מאָרגן, שאבעס אין אָוונט, און האָבן אויך פון פריִער באשטימט, אז די באגעגעניש זאָל זיך ניט לאנג פארציִען, ווײַל סײַ אגנאָן, סײַ איך זײַנען געווען שטארק פארנומען.

ווען איך בין געפאָרן צו דער ווילע, וווּ אגנאָן איז אײַנגעשטאנען, האָט מיך קעסיידער געעגבערט דער געדאנק, אז די צוטיילונג פון דער נאָבעל־פּרעמיע איז דאָס מאָל מאָטיווירט געוואָרן אף א מאָדנעם אופן. די שוועדישע קיניגלעכע אקאדעמיע האָט, נעמלעך, צוגעטיילט איר העכסטע ליטעראטור־פּרעמיע צוויי שרײַבער — אגנאָנען און זאקס, וועלכע, ווי עס זאָגט זיך אין קאָמוניקאט, „פארקערפּערן די גײַסטיקע ירושע פונעם ייִדישן פאָלק". זאקס איז א דײַטשישע דיכטערן. אגנאָן שרײַבט אין העברעיִש. ס׳איז געגוג איבערצולייענען איין בוך זײַנס, קעדיי עס זאָל ווערן קלאָר, אז זײַן „אומדערשיטערלעכע טראדיציאָנעלקײַט" איז ניט קיין אויסגעשפּראָכענער קאָנסערוואטיווער פאקטאָר, נאָר גיכער א נאציאָנאל־אייגנטימלעכער, האגאם זײַנע ווערק זײַנען ניט פרײַ פון אר־כאיִזמען. מע דארף אויך צוגעבן, אז אין אגנאָנס ראָמאנען און דערציי־

לונגען ווערט אָפּט געשילדערט דאָס גאַליציאַנישע שטעטל, וואָס האָט ניט אויסגעמיטן די אָפּקלאַנגען פון דער אַקטיאַבער־רעוואָליוציע.

די שאַפונג פון ש.־י. אַגנאָן קען מען, אַלזאָ, ניט באַצייכענען בלויז ווי „גײַסטיקע ירושע". די שוועדישע אַקאַדעמיקער, וואָס האָבן מיט זייער באַשלוס אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן, ווײַזט אויס, ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז ריידנדיק וועגן דער שאַפונג פון אַ לעבע־דיקן שרײַבער, ווי וועגן ירושע, שליסן זיי זי אויס פון דער הײַנטצײַטי־קער לעבעדיקער ליטעראַטור.

איך פאַרשטיי, אַז די אוטאָרן פונעם קאָמוניקאַט פון דעם נאָבעל־קאָמיטעט וואָלטן געקאָנט, אויב זיי זאָלן וועלן, ברענגען ניט ווייניק מאָ־טיוון לעטויוועס דער אויבן־דערמאָנטער פאָרמולירונג. אַליין אַגנאָן באַ־האַלט פון קיינעם ניט אויס, אַז ער האָט ליב אונטערטראָגן דעם גײַסטיקן ווײַן אין אַלטע ביבלישע קיילים. צוליב דעם קלײַבט ער אויס די פאָרם פונעם כסידישן קישעף־מײַסעלע, נוצנדיק אָפּט די לעגענדע וועגן דעם פאַרשטעלטן צאַדיק. און דאָך... דאָך וואָלט מיך שטאַרק פאַרכידעשט, ווען אַ מענטש, וואָס האָט געלייענט אַגנאָנען, זאָל זאָגן, אַז די ווערק פון אָט דעם שרײַבער זײַנען באַם שאַפן זיי שוין ירושע.

נאַטירלעך, אַז ריידן מיטן לאָורעאַט אַף אַזאַ דעליקאַטער טעמע איצט, ווען ער איז נאָך אונטערן פרישן אײַנדרוק פון דער קיניגלעכער צערע־מאָניע אין שטאָקהאָלם, האָב איך זיך ניט געקליבן.

ערגער איז געווען מיט אַ צווייטן איניען: כ'האָב ניט געוווסט, אין וועלכן לאָשן איך דאַרף מיט אים שמועסן — אין העברעיִש אָדער אין ייִדיש. צי האָט אַגנאָן נאָך אײַנגעהיט די פאַרבינדונג מיט דער שפּראַך פון די גאַליציאַנישע שטעטלעך?

דער באַלעבאָס פונעם הויז, אַ לאָנדאָנער קלאַל־טוער האַרי לאַנדי, האָט זיך אופגעהויבן מיט מיר אַפן צווייטן שטאָק און העפלעך פאַר־געשלאָגן:

— גייט אַף רעכטס, ביטע...

ווען איך האָב פאַרקערעוועט, לויט דער אייצע פונעם רעכטן קלאַל־טוער, אַף רעכטס, בין איך אַרײַנגעקומען אין אַ צימער פון דער הויז־ביבליאָטעק. באַ אַ טיש איז געזעסן אַ באַשיידן־געקליידטער עלטערער מאַן. זײַן פּאָנעם איז פול מיט דינע קנייטשעלעך — אַף די באַקן, אונטער די אויערן, אַרום די אויגן, אַפן שטערן. ס'איז אַזוי צעקנייטשט דאָס פּאָ־נעם, אַז עס זעט אויס ווי אָפּגעבריט.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט אין ייִדיש. אַגנאָן האָט אין אָנהייב אָנגעדײַט, אַז ער, פון זײַן זײַט, האָט אויסגעקליבן די דאָזיקע שפּראַך, קעדיי, שמועסנדיק, פאַרגעסן אין עפּעס אומאָנגענעמס. כ'האָב פאַרשטאַ־נען, וואָס עס האָט אים אין אָט די טעג געקאָנט פאַרשאַפן אַגמעסנפּעש.

די ייִסראָעל־אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן האָט קאָרעוו הונדערט מיטאַרבע־טער. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אוועקגעלייגט אין אַ זײַט אַלע מעלוכישע זאָרגן, קעדיי ניט דערלאָזן די באַגעגעניש פון צוויי שרײַבער: אַ ייִסראָעלדיקן און אַ סאָוועטישן. גלײַכצײַטיק, ווען ס'איז געקומען קיין לאָנדאָן זייער באַרימטער לאַנדסמאַן, האָבן זיי זיך

ניט באַמיט אים אופנעמען ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אונטערן טערעץ, אַז אַגנאָן זעט אויס צו זײַן מיד, האָבן די ייִסראָעל־פאָרשטייער אָפּגעשאַפן די פריִער־באַשטימטע פּראָגראַם פון זײַנע אַרויסטרעטונגען און זיך באַגרענעצט מיט אַן אָפיציִעלן מיטיק. דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פונעם טעל־אוויווער „מאַאַריוו", וועלכער איז געווען אויפן מיטיק, האָט דערנאָך געשריבן, אַז אַגנאָן, קוקנדיק אויף די אָנגעבלאָזענע דזשענטלמענער אין די סמאָקינגען אַרום טיש, האָט אים געזאָגט אויפן אויער: „זינט איך לעב האָב איך ניט געזען אַזאַ מאָדנעם עולם..." און דער קאָרעספּאָנדענט גיט צו: „ס'איז אָן צווייפל, אַז ער, אַגנאָן, וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך געטראָפן מיט פּאָשעטע ייִדן. אָבער אַזאַ מעגלעכקייט האָט מען אים ניט געגעבן".

די שטעלונג פון די אָפיציִעלע ייִסראָעל־פאָרשטייער האָט אַגנאָנען ניט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגן. שמועסנדיק מיט מיר, האָט ער עס ניט אויסבאַהאַלטן...

שמואל־יוסף אַגנאָן דריקט זיך אויס מיט געפּרעסטע, פּינקטלעכע ווערטער. אָט זײַנען אַ פּאָר מוסטערן פון זײַנע רייד:

„כ'וועל אײַך זאָגן אָפן: זוכט ניט בײַ מיר קיין ראַפינירטע מאַנירן. איך בין אַ פּאָשעטער ייִד. אַ געקראָכמאַליעטן מאַנזשעט טראָג איך דאַן, ווען מע קען ניט אַנדערש..."

„איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין סאָציִאַל־דעמאָקראַט. כ'האָב מורא, מײַנע אייגענע זאָלן ניט טראַכטן, אַז איך וויל זיך דאָ איצט צוכאַנפּענען צו אײַער פּאַרטיי"... (אויסער ש.־י. אַגנאָנען זײַנען אין צימער געווען זײַן פרוי, די טאָכטער מיט איר מאַן און אַ פּלעמעניצע).

„אַ נײַנצניאָריקער באָכער, בין איך שוין געווען אַ ציִעניסט און אַפילו דער „סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע" אין בוטשאַטש. אָבער דערמיט האָט זיך מײַן פּאָליטישע קאַריערע פאַרענדיקט. מע האָט מיך פון דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע מעשאַלייעך געווען, און מיט רעכט"...

„מע זאָגט „וועלט־אָנשויונג". דאָס איז אַ ביסל צו אַ קאָמפּליצירט וואָרט. וואָס שײַעך מיר, וואָלט געווען בעסער צו זאָגן „וועלט־אָפּשפּיגלונג". איך שפּיגל אָפּ די וועלט אין מײַן אייגענעם שפּיגל"...

„איר זענט גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז מײַן קינסטלערישער מעטאָד איז נאָענט צו אײַערן, צום רעאַליסטישן. האַגאַם מעטאָד און „וועלט־אָפּשפּיגלונג" זײַנען ניט קיין פערד, וועלכע מע קען אויסשפּאַנען פון איין וואָגן און אײַנשפּאַנען אין אַ צווייטן, פונדעסטוועגן דענק איך, אַז פון וועלכער שטאַל מע זאָל דאָס פערד ניט אַרויספירן, וועט עס מיך אַרומטראָגן איבער דער רעאַלער וועלט. ס'איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך אין דעם, וואָס איך, זיצנדיק אין רעאַליסטישן וואָגן, דערצייל דעם לייענער קישעף־מײַסעס. איך טו עס צוליב דעם, קעדיי דער לייענער זאָל זײַן באַהערשט מיצאַד דעם קישעף פון דער קונסט"...

אין יענע טעג האָט מען אין לאָנדאָן גערעדט וועגן פאַרשאַרפטן געפיל פון הומאָר בײַ אַגנאָנען. לעמאָשל: בײַם איבערגעבן אים די נאָבעל־פּרעמיע

האָט ער אין זײַן רעדע אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס שוועדישע פֿאָלק איז ניט אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם; דאָס איז דערפֿרייענדיק, — האָט ער געזאָגט, — האָגאַם עס דערוויַטערט דאָס קומען פֿון מאָשיִעכן... די ענגלענ־דער, גרויסע מעווינים אַף הומאָר מיט אַן אונטערטעקסט, האָבן אויסגע־טײַטשט אָט די ווערטער אַזוי, אַז מאָשיִעך וועט קומען ערשט דעמלט, ווען ס'וועט די ייִדן זײַן גוט פֿאַסקודנע.

און אָט איז אַגנאַנס אַ וויץ — מאַמעש אַ שאָלעם־אַלייכעמישער: „איך זאָג אײַך דעם עמעס, אַז ווען איך זאָל ניט פֿאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, וואָלט איך אָן סאָפֿעק געשטאָרבן פֿון הונ־גער“...

פּאָר אַגנאָנען זײַנען כאַראַקטעריסטיש אַזעלכע, לעפּאָנעם קעגנזעצלע־כע, אייגנשאַפֿטן, ווי דער נאַיִווער אויפֿן פֿון פֿירן אַ געשפּרעך, און גלײַכ־צײַטיק — טיפֿע כאָכמע; אַנעקדאָטישקײַט אין פֿראַט, ערנסטקײַט אין די אויספֿירן.

„קריטיקער פּרעגן, — זעצט אַגנאָן פֿאָר, — פֿאַרוואָס כ'האָב אין דעם ראָמאַן „אַ גאַסט אַף אַ ווײַל“ איבערגעגעבן די סימבאָלישע „שליסלען“ פֿונעם ייִדישן לעבן אין די הענט פֿון אַ קאָמוניסט. איצט האָב איך די מעגלעכקײַט צו פֿרעגן בא אײַך: צי קענט איר עמעצן אַנדערש, ניט קיין קאָמוניסט, וועמען מע זאָל קאָנען פֿאַרטרויען די דאָזיקע שליס־לען?“...

פֿאַרענדיקט האָט ער הויך אַף אַ קאָל, קעדיי אַלע אין שטוב זאָלן הערן:

„צוויי דריטל דערפֿון, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן, ליגט נאָך אין מאַנו־סקריפּטן. איצט וועל איך אַלץ פֿאַרעפֿנטלעכן, און איר וועט דעמלט זען, אַז כ'בין נעענטער צו די פּראָבלעמען פֿונעם יאָרהונדערט, איידער מע טראַכט“...

אונדזער אָפּגערעדטקײַט, אַז דער שמועס וועט זיך ניט פֿאַרציִען, איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן. וואָרפֿנדיק אַ בליק אָפֿן זייגער, האָב איך ניט גע־קענט באַהאַלטן מײַן פֿאַרלעגנהײַט: מיר ריידן שוין צוויי שאָ! בא אַגנאָנען איז אָבער געווען אַן אַנדער דײַגע: „בעסער וואָלטן מיר זיך דורכגע־שמועסט אונטער פֿיר אויגן... כאָטש איך האָב ניט כאַראָטע, וואָס איך האָב אײַנגעלאַדן די נאָענטע. זיי זײַנען נײַגעריקע מענטשן. זאָלן זיי הערן... איז זײַט אַזוי גוט און זאָגט מיר, ווו האָט איר פֿאַרבראַכט, אַשטייגער, נעכטן אין אָוונט. טשיקאַווע צו וויסן, מיט וואָס עס פֿאַרנעמט זיך אַ סאָוועטישער קאָמוניסט אין לאַנדאָן“...

פֿאַראַן אין לאָנדאָן אַ גאַסטפֿרײַנטלעך „פּושקין־הויז“. אַהין קומען אַרײַן פֿאַרשיידענע מענטשן, קעדיי צו הערן עפּעס וועגן דעם לאַנד פֿון פּושקינען. כ'האָב דערציילט אַגנאָנען, אַז איך בין נעכטן אין אָוונט געווען טאַקע אין יענעם הויז.

— וועגן וואָס האָט איר דאָרט געשמועסט?

— וועגן די ליטעראַרישע דיסקוסיעס ערעוו דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע שרײַבער.

— עפשער וועט איר אויך מיר דערציילן, וועגן וואָס מע דיסקוטירט איצט אין מאָסקווע?

— ס׳איז דאָ ניט לאנג פאָרגעקומען א פּאָלעמיק וועגן גורל פון דעם ראָמאַן...

אגנאָן וויסט וועגן דער דיסקוסיע. ער איז קעגן די „אנטיראָמאַניסטן״. ער איז פארן טראדיציאָנעלן ראָמאַן, וועלכן ער האלט פאר אן אומפאר־טרעטבארן זשאנער און וועגן וועלכן ער רעדט ווי וועגן אן „אוניקאלן אויצער פון דער מענטשהייט״...

וועגן וואָס נאָך האָבן מיר געשמועסט מיט שמואל־יוסף אגנאָ־נען?

מיר האָבן, פארשטייט זיך, גערעדט וועגן זיינע ווערק. און דאָ וועל איך ברענגען נאָך איין מוסטער פונעם אגנאָנישן הומאָר. ער האָט אנומלטן זיך אויסגעדריקט אזוי: „איך שרייב מיינע ביכער, און דערנאָך בין איך נייגעריק צו לייענען די פארטייטשונגען פונעם פראָפעסאָר קורצ־וויל וועגן דעם, וואָס כ׳האָב אינדערעמעסן געמיינט מיט אָט די ווערק״...

איך בין זיך מודיע, אז כ׳ווייס ניט, ווער עס איז קורצווייל. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק...

בירמינגהעם. מאנטשעסטער. עדינבורג

ווען איך זאָל איצט נעמען געגנוי באשרייבן מיין רייזע איבער די שטעט פון גרויסבריטאניע, וואָלטן די נאָטיצן מיינע זיך שטארק צעוואָקסן. וועל איך ברענגען בלויז אייניקע שטעלן פונעם טאָגבוך, וועלכן כ׳האָב געפירט אין וועג.

...פון לאָנדאָן פאָר איך ארויס מיט דער באן. מיין איבערזעצערן וויוויען ארנאָלדאָוונא פּיקסנער איז א סטודענטקע פונעם לעצטן קורס פון דעם סלאווישן פאַקולטעט אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט.

איך פרעג זי, וויאזוי זעצט מען איבער אין רוסיש דעם אופשריפט אף דער סטאנציע־געביידע, וואָס האָט זיך באוויזן אין פענצטער פון וואַ־גאָן. זי הייבט אָן שארן מיט די הענט אין רענצל, געפינט דאָרט אן ענג־ליש־רוסישן ווערטערבוך, זוכט אָפּ דעם טייטש פון יעדער וואָרט באזונדער און פארשרייבט די צונויפגעשטעלטע פראזע אף א זייטעלע פונעם נאָטיץ־ביכל. איבערוקנדיק אף א גאנץ דעליקאטן אויפן דעם טראָפּ פון איין זילב אפן צווייטן, שרייט זי אויס מיט פרייד אף רוסיש:

— יא נאַפּי׳סאַלאַ!

דאָס וויל זי, איך זאָל דורכלייענען אין איר נאָטיץ־ביכל דעם טייטש פונעם אופשריפט אף דער סטאנציע. ווען איך קלייב זיך שוין עס צו טאָן, שווינדלט דורך אין פענצטער א נייע סטאנציע, און כ׳האָב שוין ווידער

וואָס צו פרעגן בא וויוויען אַרנאַלדאָוונא פּיקסנער. און ווײַל זי האָט דעם ווערטערבוך צוריק אַרײַנגעלייגט אין רענצל, הייבט זי אָן פונסנײַ שארן מיט די הענט, און די אויבנבאשריבענע פּראָצעדור כאזערט זיך איבער באַנײַס, ביזוואנען אין פענצטער פון וואגאָן באווײַזט זיך א דריטע סטאנציע...

קיין גרויסע שטרעקעס זײַנען אין גרויסבריטאניע ניטאָ. פון לאָנדאָן קיין בירמינגהעם — צוויי שאָ פאָרן. פון בירמינגהעם קיין מאנטשעסטער — נאָכאמאָל צוויי שאָ. ביז עדינבורג פון מאנטשעסטער — „גאנצע" פיר שאָ. און ווײַטער פאָרן איז שוין ניטאָ וווהין, סײַדן אַרײַן מיט די רעדער אין יאַם. די וואגאָנעס זײַנען ניט צעטיילט אף שלאָף־קעמערלעך, וואָס פאר־האקן זיך אף באנאכט, ניטאָ קיין קאָנדוקטאָרן, וועלכע זידן אוף פאר די פּאסאזשירן טיי און פּאַכן אף די סטאנציעס מיט די פענדלעך; מע גיט ניט די פאסאזשירן קיין געלעגערס. ניטאָ קיין „ווייכע" וואגאָנעס און קיין „הארטע" וואגאָנעס. אלע וואגאָנעס זײַנען הארט: מע זיצט אָפּ די פאָר שאָ און מע שווײַגט, פארשטייט זיך. ענגלענדער ריידן ניט איינער מיטן אנדערן גלאט אזוי אין דער וועלט אַרײַן.

דארף אָבער טרעפן... מיט מיר טרעפט דאָ אלעמאָל דער קאפּויר... איך ווייס ניט, וויאזוי וועט זײַן ווײַטער, — דאָס פאָרפאָלק מיטן קינד, אונד־זערע שכיינים, וועלן באלד, אף עפּעס א קליינער סטאנציע, אונדז פאר־לאָזן, — אָבער איצט לאָזן זיי מיך ניט שרײַבן, מע רעדט, און מע רעדט און מע רעדט. דאָס מיידעלע האלט אין איין אָנפרעגן זיך, צי אין מאָסקווע זײַנען דאָ מענטשן בוטערבראָדן.

— וואָס הייסט בוטערבראָדן מענטשן?

די מאמע לאכט, זי לאכט אזוי ניט געצוימט, פונקט ווי זי וואָלט געוועזן, ראכמאָנע־ליצלאָן, א יידענע פון די בערדיטשעווער פּיסקעס:

— א בוטערבראָד הייסט, ווען דער אלטיטשקער אָרעמער מאן לאָזט פאר א פונט סטערלינג אָנקלעפּן אף זיך וואָסער רעקלאמע דו ווילסט... ער גייט ארום איבער די גאסן, דער מענטש בוטערבראָד... כא־כא!

האָב איך מיט איר, מיט דער מאמען, געטראָפן, און ס'ווערט מיר שוין אײַנגאנצן גוט, ווען זי הייבט מיר אָן מיט אלע פישטשעווקעס באווײַזן („אך, סארא פראָווינציאַלן איר זײַט דאָרט בא די סאָוועטן!"), וואָס אזוינס עס איז א באָד־קאָסטיום פאר פרויען — „טאָפּלעס".

— א באָד־קאָסטיום אָן דעם אייבערשטן טייל! — כיכיקעט זי. — מײַק! בא די סאָוועטן האָבן די שרעקלאָזע מאנצבלען מוירע פאר „טאָפּלעס"... כא־כא!

מײַק — איז דער מאן און דער טאטע. ער איז אַן אלצוויסער. א צעשטרײַטער פון גרויס אָנגעלייענטקײַט. האָט ליב, אז אלע זאָלן וויסן, וואָס ער לייענט. פאר דעם פערטל שאָ, וואָס מיר פאָרן צוזאמען, האָט ער מיר שוין איבערגעזעצט אף פויליש (ער האלט, אז פויליש איז דאָס זעלבע, וואָס רוסיש) קימאט די גאנצע רעדע, וואָס עס האָט געהאלטן אין בלעקפּול דער לידער פון די קאָנסערוואטאָרן אין פּארלא־מענט.

אין פענצטער באוויַזט זיך א סטאַנציע. דאָס פּאַרפאַלק מיטן מיידעלע קלײַבט זיך ארויסגיין. מיסטער מײַק פארלירט אין אײַלעניש א פּעקל, און — צי עס דאכט זיך מיר, צי אזוי איז עס טאקע געווען, נאָר אין מײַנע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער פרויס אומצופרידענע שטים:

— עך, מײַק, מײַק! מוישע...

אף דער באַנק, וווּ ס'איז ערשט געזעסן דאָס געזינדל, האָט זיך שוין צוגעשפּאַרט א פארשוין: הויט און ביינער, מיט א באַנטיק באַם קראַגן און מיט א האַלדז־קנאָפּ פּונקט אריבער דעם באַנטיק. ער האָט פארלייגט א פוס אף א פוס, די פינגער פון ביידע הענט שטײַף איבערגעפלאָכטן און אוועקגעלייגט זיי אף די קני, די אויגן אָנגעצילט צו דער באַגאַזש־פּאָליצע, עטוואָס העכער פון וויוויען ארנאָלדאָוונעס לינקן אויער.

ער שווײַגט, ווי א פיש אין וואסער, אָדער, אַנדערש געזעדט, ווי א הונדערטפּראָצענטיקער ענגלענדער.

אויב מאכן א בײַט:

אָנשטאָט אָט די ברוינלעך־פארייכערטע אַלטע וואַגאָנעס אָן טאמבורן אוועקשטעלן אף די רעלסן שווערלײַביקע גרינע דאַטשנע וואַגאָנעס פון דער מאָסקווער בײַשטאָטישער באַן און פּאַזע דעם וועג אויסשפּרייטן וועלדער דאָרט, ווו עס ציען זיך פליינען מיט איינזאמעביימער; אין די שטעטלעך, וואָס קייטלען זיך איינס צו דעם אַנדערן, אָנהייבנדיק פון לאָנדאָן און ביז צו בירמינגהעם, פארבײַטן די אלציינע הויכע ציגלנע היַזער — שטרענג טיפּיזירטע פאר יעדער גאַס — מיט איינשטאָקיקע פרייַלעכע, באקלעפּטע מיט גרינס „דאטשעס", וועלכע זײַנען עטוואָס אָפּגערוקט פון דער אײַזנבאַן און ארומגעצוימט מיט פילפארביקע פּלויטן, —

אויב מאכן אזא בײַט,

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז מע פאָרט פון מאָסקווע קיין סערפּוכאָוו.

דער „אימפּעריאַל־האָטעל" אין בירמינגהעם — א פרעכטיק הויז, מיט א גוטער קיך, מיט באקוועמע צימערן. דער אדמיניסטראַטאָר — א ייִד, א סימפּאַטיקער פון סאָוועטנפארבאַנד, ער קאָן זיך ניט אָנדערציילן וועגן די גרויסע מײַלעס פון זײַן שטאָט. „אין בירמינגהעם, — זאָגט ער, — אַרבעט מען אויס אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, אָנהייבנדיק פון א שפּילקע און ביז א שיף־אַנקער".

שטעל איך טאקע מיט גרויס אײַלעניש אוועק אין האָטעל־נומער דעם טשעמאָדאַן און לויף גלײַך ארויס אין גאַס, דערפילנדיק זיך דאָ עפּעס מאָדנע שנעל פאַראַנקערט און גרייט צו דערגרונטעווען זיך צו דער שפּילקע, פון וועלכער עס הייבט זיך אָן בירמינגהעמס באַלמעלאָכישער שעם.

קיין בירמינגהעם האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אויף א סטודענטישער ליאַמע, ניט אלס א גלאַדיאַטאָר אויף דער ארענע פון פּאָליטישע געפעכטן, נאָר, פּאַשעט געזאָגט, ווי א גאַסט — אזא, וואָס האָט ליב פאַרברענגען און אַונט אין א פריילעכער קאָמפּאַניע.

אלזאָ, אויס צײַטונגס־לײַט, אויס ראַבאָנישע קאָמיטעטן, אויס סאָלידע פּאָליטיקער. זאָל לעבן די סטודענטישע ליאַמע אין דער שטאָט פון טשאַרטיסטן און אינדוסטריעלע רעוואָלוציעס.

אויף דורכפירן די ליאַמע מיטן מאָסקווער גאַסט האָט מען אויסגעוויילט א קאָמיטעט. מיט אים באַגעגן איך זיך צום אלעמערשטן אין איינעם פון די אוניווערסיטעט־לאָקאַלן באַ א סטודענטישן אָונטבראָיט. דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט — וולאַדימיר איסאַקאָוויטש פּושקין... יאָ, יאָ, פּושקין! און שטעלט אײַך פאָר: מיט עפּעס ענלעך אויף אלעקסאַנדער סערגייעוויטשן. געקרײַזלטע האָר, גראַבלעכע ליפּן. „דער זיידע מיט דער באָבען מײַנע זײַנען מינסקער ייִדן. דער טאַטע מיט דער מאַמען — געבוירן אין ענגלאַנד. מע האָט דערפאַר טאַקע מיך ניט אָנגערופן אלעקסאַנדער, ווײַל דעמלט וואָלט איך שוין אויסגעזען ניט אנדערש — פּושקינס א גילגל“...

די פּאַטראָנעסע פון דער ליאַמע — די באַיאָרטע רוסישע גרעפין קוטאַיסקאַיאַ, יעווגעניאַ אלעקסאַנדראָוונאַ, די טאָכטער פון א צאַרישן גובערנאַטאָר, — איז די איינציקע, וואָס רעדט דאָ מיט מיר וועגן דעם טומל ארום דער אזויגערופענער ייִדן־פראַגע. ווען מיר לאָזן זיך גיין אין זאַל אַרײַן צו די סטודענטן, נעמט זי מיך אונטערן אָרעם און זאָגט מיט א ווייכער שטים:

— דאָ, אין סלאַווישן פאַקולטעט, זײַנען פאַראַן ייִדישע יונגעלײַט, וועלכע שטאַמען פון די אַמאָליקע אימיגראַנטן. זיי וויסן, באַטירלעך, אז איר זײַט ניט גלאַט א גאַסט פון מאָסקווע, נאָר א סאָוועטישער ייִדישער פּאָעט. אין אײַער אָנוועזנהײַט וועלן זיי, פּונקט ווי וואָלאָדיע פּושקין, ניט ארויסווײַזן קיין איבערגעטריבענעם אינטערעס צו אײַך ווי צו א סאָוועטישן ייִד. איך קען זיי גוט. די לעצטע פּאָר טעג האָט זיך צעפּלאַקערט א פּאָלעמיק ארום אײַער קומען. דאָס ענגלישע גלײַכווערטל זאָגט: „פליגן איז לײַכטער צו כאַפּן אויף צוקער, איידער אויף עסיק“... אויף דעם צוקערל פון דער הײַנטיקער באַגעגעניש האָבן זיך געפּרוווט אוועקזעצן אייניקע „פליגן“ פון צווישן די סטודענטן. נאָר אָט וועט איר באַלד זען, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט...

דער זאַל איז פול געפּאַקט. פאַראַן א „פּרעזידענטקע פון דער ליאַמע“, די יונגיטשקע, שפּילעוודיקע ראַזאַלינע איטאָן. ווען ניט דאָס ענגלישע אָנטאָן, וואָלט מען זי געקענט אָנעמען פאַר א פּיאָנער־וואָזשאַטע אין א מאָסקווער שול.

באַלד הייבט אָן זינגען דער רוסישער כאָר — א צען־פופצן באַבערדלטע ייִנגלעך און קורץ־געשוירענע מיידלעך. מע זינגט „פּאָדמאָסקאָווניע וועטשערא“, „קאַטיושאַ“. די גרעפין קוטאַיסקאַיאַ ווײַזט מיר אָן אויף איינער א פרוי, וואָס זיצט צווישן די פּראָפעסאָרן און לערער: „די אלמאָנע פונעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר בײַקאָוו... א מאָדנע זאַך:

אזעלכע, ווי זי, ייִדישע לויטן אָפּשטאַם, טראָגן מיט זיך אָפּט מער עמי־גראַנטישע בענקשאַפט, איידער אפילו מיר, רוסישע עמיגראַנטן... אָט וועט איר זען: זי וועט באַלד מיט גרויס הארץ פאַרלייענען בלאָקן...״

טאַקע אַן עמעס. ביַיקאָווא לייענט די פּאָעמע „צוועלף״:

Черный вечер.
Белый снег.
Ветер, ветер!
На ногах не стоит человек...

פון איר שטיל קאָל ווייעט מיט גרויל פאַרן שטורעם פון די ניט־פאַר־שטענדלעכע געשעענישן און מיט אַן אונטערבאַוווסטזיניקן אָפּשיַי צו זיי. איך מאַך צו די אויגן, און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ אין אַ סאַלאָן פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, אין פּעטראָגראַד, צווישן „געוועזענע״, וועלכע זיַינען פונעם לאַנד ניט אַוועק, אָבער אין פּערזענלעכן לעבן זיַינען זיי פאַרבליבן מיט דער פאַרגאַנגענהיַיט. און ס׳איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דעם, וואָס מיר האָט זיך אין אָט דער מינוט אויס־געוויזן, און דער פאַקטישער זאַכלאַגע, נעמלעך, — אַז די מערהיַיט, מי־סטאַמע, פון אָט די רוסישע עמיגראַנטן — די היַינטיקע פּראָפעסאָרן און לערער פונעם אוניווערסיטעט אין אַן ענגלישער שטאָט, — האַגאַם זיי זיַינען פון זייער רעוואָליוציאָנערן לאַנד אַוועק, האָבן זיי איצט אין פּער־זענלעכן לעבן, אין די געפילן, אין די סימפּאַטיעס, אין די בענקשאַפטן זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער אַלטער היים, דאָס הייסט צו דער צו־קונפט.

ווען ביַיקאָווא ענדיקט דעקלאַמירן, איז אַן איבעריַיס אין דער פּראָג־ראַם, און מיר שמועסן זיך דורך. איין געדאַנק ביַיקאָוועס איז די ווערט, צווישן אַנדערס, צו פאַרצייכנט ווערן. זי רעדט וועגן אַסימיליאַ־ציע:

— באַ אונדזערע ענגלישע ייִדן זיַינען די זאַמע פאַרביסענע אַסימיליאַ־טאָרן די אייגענע נאַציאָנאַלע אָנפירער. אַסימילירן זיך אין אַן אַנדער שפּראַך, קולטור, סוויווע איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי אַסימילירן זיך אין אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט...

מיר צעגייען זיך פון דער ליאַמע באַנאַכט. בירמינגהעם שלאָפט. עס מאַראַקעט אַ רעגן.

— דאָ סווידאַניאַ, — זאָגט מיר די פּרעזידענטקע ראַזאַלינע איטאָן, — ווען אַ גאַסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד קומט צו אונדז אויפן פאַקולטעט, איז פּונקט ווי ער וואָלט געבראַכט אַ טרונק וואַסער פון דער וואָלגע.

איך געזעגן זיך מיט דער גרעפין קוטאַיסקאַיאַ. אירע אַש־טונקעלע אויגן אויפן לענגלעכן מאָגערן פּאָנעם שיַינען מיט צופרידנקיַיט. וויַיזט אויס, אַז זי האָט אַ כיילעק אין דעם, וואָס „אויפן צוקערל פון דער היַינטיקער באַגע־געניש״ האָבן זיך ניט אַוועקגעזעצט אייניקע „פליגן״ פון צווישן די סטו־דענטן...

און אַט איז דער אלטער־אלטער מאַנטשעסטער. דאָ קאָן מען מער, ווי אין אנדערע ענגלישע שטעט, זען, ווי עס ווערן אראָפּגעטראָגן דער אכצנ־טער און דער נײַנצנטער יאָרהונדערטער און עס פארבײַט זיי דער גלאָז־בעטאָנענער, דער הויכוועקסיקער, פילעטאזשיקער, ווינקלפאַרמיקער צוואנ־ציקסטער יאָרהונדערט.

אלט איז דאָ דער וואָקזאַל. הינטער זײַנע גרוי־טונקעלע גלעזערנע דעכלעך איז ווי פארקאָנסערווירט די צײַט פונעם פּאָטער פון לאָקאָמאָטיוו סטעפענסאָן. אָבער לענגויס דער אײַזנבאַן פינקלען שוין מיט מאָדערנער נײַקײַט די קאָרפּוסן פונעם אוניווערסיטעט־שטעטל. אהין טאקע פירט מיך אָפּ גלײַך פון דער באַן איינער פון די פּרעזידענטן פון דער אָרטיקער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג מיטן סאָוועטנפארבאַנד דאָקטאָר ראסעל.

אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט קוק איך א סטודענטישן ספּעקטאַקל „ראָ־בין הוד". גלײַך נאָך דעם קומט פּאָר, טאקע דאָ אין אינסטיטוט, א באגע־געניש מיט די ייִדן פון דער שטאָט.

...מערקווירדיק איז דער גורל פון אַט דעם מענטשן, וועלכן כ׳האָב באַ־געגנט אין מאַנטשעסטער.

א יונגער מאַנצבל מיט שיינע געזיכט־שטריכן, א הויכוועקסיקער, א צו־געלאָזענער, איז ער מיר שטארק צום הארצן, און ווען ער באגלייט מיך אין האָטעל, בעט איך אים, ער זאָל מיר דערציילן וועגן זיך.

זײַן נאָמען איז אווראָם ווײלער.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?

— איך דריי זיך ארום גלאָז...

וויפל כ׳האָב זיך ניט געשלאָגן, האָב איך ניט געקאָנט פעסטשטעלן, צי ער האנדלט מיט גלאָז, צי ער מאכט גלאָז, צי ער איז גאָר א גלעזער. ער דרייט זיך ארום גלאָז...

זײַן ווײַב איז זייער א קראנקע. קיין גרויסע גליקן פון דעם גלאָז האָט ער ניט. דאָס לעבן איז שווער.

עפּשער האָט אים מער אָפּגעגליקט אין דער פריִער יוגנט, אין דער קינדהײַט?

צו פופצן־זעכצן יאָר האָט אים אין ווילנע געטראָפן די מילכאָמע. זײַן גאַנצע מישפּאָכע איז דערמאָרדעט געוואָרן. ער האָט שפּעטער איבערגע־לעבט די געטאָ, ארומגעוואָגלט איבער טויט־לאגערן. אלפּי־נעס ראטעוועט ער זיך און קומט קיין לאָנדאָן. דאָ דרייט ער זיך ארום גלאָז...

אווראָם ווײלער רעדט א פּרעכטיקן ייִדיש.

איך פרעג אים אין א שפּאַס:

— וואָס דרייט איר זיך ארום מיר? ווייניק צאָרעס האָט איר?

— אָך, טרײַבט ניט איבער. באַ אונדז זײַנען טאקע די ייִדישע אסקאָ־נים פאנאטישע אנטיקאָמוניסטן, נאָר מע הערט זיי ווי דעם קאָטער. און

אויב איר ווילט וויסן, פארוואָס איך קלעפּ צו אײַך, איז, ערשטנס, טוט אף טשיקאַוועס א זוך אין יידישן מאַנטשעסטער, — צי וועט איר געפינען א סאך אַזעלכע, מיט וועמען מע זאָל קאָנען זיך דורכריידן אף ניט קיין גע־פּאַטערט מאַמעלאָשן... און צווייטנס: וואָס מיינט איר, דער סאָוועטנפאַר־באַנד איז עפּעס אַזוי־אָ... א ווערטעלע צו זאָגן!

מיר פאָרן ווײַטער אף צאָפן. מיר „הייבן זיך אוף" צו שאָטלאַנד. אין מאַנטשעסטער איז דער וועטער נאָך געווען א שפּעטזומערדיקער, און דאָ, אָנדערהאַלבן שאָ פאָרן פון מאַנטשעסטער, נאָכדעם, ווי ס'האָט דורכגע־שווינדלט לאַנקאַסטער, האָט מיטאַמאָל דאָס גראָז זיך גענומען באַדעקן מיט שניי־שימער, די לאַנדשאַפט, א בערגלדיקע, האָט זיך אײַנגעהילט אין העל־בלויע קאַלטע שאָטנס. אף די העכערע בערגלעך, אף זייערע שפּיצן, ווערט די ווײַסקײַט אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און מע מעג שווערן, אַז דאָרט ליגט שניי. אויך דאָ, האַרט לעם די רעלסן, זעען די פעלדער שוין אויס, ווי זיי וואָלטן געווען לײַכט פאַרפּאַראָשעט מיט א שניי־עלע.

נאָר אָט פאָרן מיר דורך די אַלטע שטאָט קאַרלײַל און לאָזן זיך אַראָפּ גלײַך נאָך אירע צאָפּנדיקע פאָרשטעט אין א טאָל, ווו די ערד איז ווידער באַדעקט מיט גרין גראָז און ס'איז קיין סימען ניטאָ פון ווינטער. עפּשער איז עס דערפאַר, וואָס ס'איז שוין נאָך עלף אינדערפרי, די זון וואַרעמט שוין.

ווײַטער — ווידער בערג. שניי אף זייערע שפּיצן, שניי־שימער אף די פעלדער און לאָנקעס. דאָ זעט מען שוין זעלטן די טיפּישע ענגלישע אינ־דוסטריעלע שטעטלעך מיט סטאַנדאַרטע ציגלנע מויערן, אַלציינע קאָרפּוסן פון זאַוואָדן. דאָ איז דער פּייזאַזש א דאָרפישער. אף די לאָנקעס, לענגויס דעם גאַנצן וועג, פּאַשען זיך אף דעם ווײַס־באַדעקטן גראָז אָטאַרעס שאָף, מע זעט אויך סטאַדעס בעהיימעס און ניט קיין גרויסע טאַבונען פערד.

איינס אַזייגער באַטאָג. אף א קליינער באַרגיקער סטאַנציע פּירט מען אונדז אַריבער אף אַן אַנדער ליניע. א טייל וואַגאָנעס גייט אַוועק אף גלאַז־גאָ, א צווייטער טייל — אף עדינבורג.

מיר טרייסלען זיך אין צוג נאָך א מינוט דרײַסיק, און — זײַ געגריסט, עקזאָטישע שטאָט פון די שאָטלענדישע באַרדן, שטאָט פון מאַריע סטיואַרט.

אהער פאַרפאָרן זעלטן מענטשן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, סײַדן אָנטייל־נעמער פון די באַרימטע עדינבורגער פעסטיוואַלן. אימפּאָנירט מיר דאָס פאַרקריכן אַזוי ווײַט, און איך בעט דעם מיסטער טאָם קעמפּבעל, דעם ווי־צע־פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון שאָטלענדיש־סאָוועטישער פרײַנט־שאַפט, וועלכער באַגעגנט מיך בא דער באַן, ער זאָל נעמען א צימער אין א נאָענטן האָטעל, קעדיי מיר זאָלן ניט פאַטערן צופיל צײַט אף אײַנאָרדע־נען זיך.

לעם סאמע וואָקזאל גייט דורך די הויפּט־גאַס. אין „ראָיאל בריטיש האָטעל" גיט מען אונדז א מאַפּע פון דער שטאָט, און —

איצט בין איך א טוריסט. טאַקע בלויז א טוריסט. דאָס ערשטע מאָל, זינט איך פאָר ארום איבער פרעמדע מעקוימעס.

שפּעט אין אָוונט קער איך זיך אום א מידער אין האָטעל, און א געפיל פון בענקשאַפט און עלנטקייט לאָזט מיך ניט איינשלאָפן. איך נעם א ביי־געלע פּאַפּיר און פאַרשרייב מיין „עדינבורגער מאָטיוו":

איעדן מעסלעס, ארום צוועלעף אזייגער באַנאַכט,
שטאַרב איך.
עס איז שוין אריין אין דער טעווע,
אז צוועלעף אזייגער באַנאַכט נעמט מיך ציען צום שטאַרבן.
איך לייג זיך אוועק אפן רוקן,
און טו פון זיך אָפּ די געדאַנקען,
און בייג איין די פיס אין די קני
(כ'האָב ליב אָט אזוי צו שטאַרבן),
מיט כיישעק פאַרמאַך איך די אויגן
און שטאַרב.

עס טרעפט, אז סע לאָזט מיך ניט שטאַרבן
א הינטל, וואָס בילט בא מיין רו
(געהערט שוין? — א פּאַשעטער קעלעוו,
און אָפּשאַפן קאָן ער מיין צוועלעפטע שאָ...),
אמאָל אויך א צאָרע,
וואָס איז נאָך אין וועג,
לאָזט ניט שטאַרבן.
און אָפטער פון אלץ — די בענקשאַפט.

דעריקער איז טאַקע אצינדער די בענקשאַפט, וואָס לאָזט מיך ניט שטאַרבן.
כ'בין פינעף מעסלעס נאָכאַנאַנד ניט בעקויעך געווען צו שטאַרבן אין לאָנדאָן,
און נאָך א מעסלעס — אין מאַנטשעסטער,
אין בירמינגהעם — נאָך א מעסלעס,
און איצטער, אין עדינבורג, ווידער איך קאָן ניט שטאַרבן.
איך לייג זיך אוועק אפן רוקן,
און בייג איין די פיס אין די קני,
און מאַך צו די אויגן, —
און שטאַרב ניט.

די בענקשאַפט אהיים לאָזט ניט שלאָפן.

שוין צײַט, שוין לאנג צײַט, בעריק...

דער לעצטער פארנאכט פאר מײַן אָפּפאָרן פון ענגלאנד האָט מיך גע־בראכט אין א... בודיסטן־הויז, א מין קולטור־פּאלאץ פאר אָפּשטאמיקע פון אינדיע. די געזעלשאפט פאר ענגליש־סאָוועטישע קולטור־פארבינדונגען, וועמענס אָפיציעלער גאסט איך בין געווען, האָט אָפּגעדונגען אין אָט דעם הויז א לאָקאל, וואָס נעמט ארײַן א מענטשן פינף־זעקס הונדערט, און אײַנ־געאָרדנט א געזעגענונגס־אָוונט.

פרײַנטשאפט איז פרײַנטשאפט. אין בודיסטן־הויז האָבן זיך פארזאמלט פרײַנט, און די געזעגעניש איז געווען א פרײַנטלעכע. איך וויל אָבער דערציילן וועגן גאָר עפּעס אנדערש. דער דורכפאל פון די יידישע רעאק־ציאָנערע קרײַזן איז בעשאס דעם באזוך מײַנעם אין גרויסבריטאניע גע־ווען אזא באשײַמפערלעכער, אז זיי האָבן אין אָט דעם לעצטן פארנאכט זיך אנטשלאָסן אויף א פּראָוואָקאציע.

א צענדליק יונגעלײַט אין יארמלקעס — יעשיוועבאָכערים, ווײַזט אויס, — אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָרן, וועלכע זײַנען ארומגעגאנגען צווישן די בענק און אָפן אָנגעפירט מיט דער „אָפּעראציע", האָבן געפרווט מיך ניט לאָזן ריידן: געטומלט, געקרימט זיך, געמאכט באליידיקנדיקע צווישנרופן. איך בין געווען געצווונגען צו דערמאָנען זיי, אז מיר געפינען זיך אין א לאנד, וווּ מע הייבט אָן יעדן עפנטלעכן שמועס מיט די העפלעכע און פארפליכטנדיקע ווערטער „לעדיס ענד דזשענטלמען!.."

ס'האָט אָבער געהאָט א פּולע, ווי ארבעס אין וואנט. אייניקע פון די כעוורעלײַט האָבן ביסלעכווײַז גענומען צוריקן זיך נעענטער צו דער בינע. האָב איך ארויסגעכאפּט איינעם פון זיי, — זײַן ארבעט איז דאָ באשטאנען דעריין, וואָס ער האָט אלע מאָל, ווען כ'האָב געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, געשריִען ווי א געקוילעטער: „אָ־אָ־אָ־אָ!", — כ'האָב צו אים א ווונק געטאָן:

— אדעראבע, קום ארויף אויף דער בינע. מירן א שמועס טאָן...

אין זאל איז געוואָרן שטיל. דער עולם האָט געוואַרט, וואָס ווײַטער וועט זײַן.

— קום זשע ארויף...

ער איז זײַטלדיק צוגעגאנגען צום טיש, דערבײַ געקוקט אויף מיר מיט פארדאכט, פּונקט ווי כ'וואָלט, ווייניקסטנס, געטראָגן אָפן גארטל א גראַ־נאטע.

— וואָס שרײַסטו?

ער האָט געשוויגן.

— מיטאמאָל, ברודערקע, האָט בא דיר שוין אינגאנצן אָפּגענומען דאָס לאָשן...

ער האָט עפּעס א זאָג געטאָן אויף ענגליש, און דער איבערזעצער האָט פארטײַטשט:

— יידיש פארשטייט ער ניט.

— וואָס זשע, בלויז איווריט?

— בלויז ענגליש.
— וויאזוי רופט מען אים?
— בערעק. בערל...
איך האָב זיך געווענדט צום אוילעם:
— זעט, סאַרא כוצפּע! אַליין קאָן ער קיין קאָמעץ אונטערן אַלעף ניט אוועקשטעלן, און פאַדערן פאָדערט ער יידיש־לאַשן... פאַר מיר. און נאָך אַ מין פאָדערן...
דער זאַל האָט געלאַכט. איך האָב געשענקט בערעקן אַ טאָבעל־קאַלענדאַר אויף יידיש, וועלכן „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַרויסגעלאָזט פאַר זיינע לייענער, און איבערגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע:
— האָסט אַ פלוינעסטע, רעב בערעק!
— יעס, יעס.
— וויאזוי האַלט זי אויס פון דיר?
עטלעכע מענטשן פון פּובליקום האָבן אין איין קאָל מיר איבערגעגעבן בערעקס ענטפער:
— ער זאָגט, אַז אין דער היים פירט ער זיך אויף לויטיש. ער שרייט ניט אַזוי...
דעם עמעס געזאָגט, איז ערשט שפּעטער צו מיר דערגאַנגען, אַז די היסטאָריקע פון די „יאַרמלקעס" איז פון פריער איינסצעניִרט. און ס'קאָן זיין, אַז כ'וואָלט קלאָר וועגן דעם ניט געטראַכט, ווען ניט איינע אַ פּראַזע, וואָס עס האָט מיר אין דער זעלבער נאַכט, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געזעגנדיקט די באַגעגעניש אין בודיסטאַן־הויז, געזאָגט אַ דזשענטלמען, וועמען מע קאָן פולשטענדיק גלייבן.
וועגן אָט דעם ווייטערדיקן עפּיזאָד איז אָבער קעדיי צו דערציילן מיט פּראָטים.
ווען איך בין אַזייגער איינס באַנאַכט אַרויסגעגאַנגען פונעם בודיסטאַן־הויז, קלייבנדיק זיך פאָרן אין האָטעל (ניין אינדערפרי האָב איך שוין געדאַרפט זיין אין אַעראָפּאָרט, קעדיי אָפּפליען קיין מאָסקווע), האָט מיר אַ פריינט דערמאָנט, אַז איך האָב צוגעזאָגט, אויסער דער פּראָגראַם, זיך טרעפן אין די לעצטע שאָען פאַרן פאַרלאָזן לאָנדאָן מיט אייניקע טוער פון דער „אַנגלאָ־דזשוייש אַסאָשיעישן" — אַ פאַראייניקונג פון פולקום אַסימילירטע ענגלישע יידן.
אינעם הויז פון דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן פון „אַנגלאָ־דזשוייש אַסאָשיעישן" סימאָר העריסאָן האָבן זיך פאַרזאַמלט זיינע קאָלעגן. די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע העריסאָן האָט מיך באַגעגנט, זיינען געווען:
— האַגאַם אונדזער אַסאָציאַציע האָט אירע פאָרשטייער אין „באָארד", טיילט זי בעשום־אויפן ניט די שאַנד פאַר דעם היינטיקן מיעסן סקאַנדאַל, וואָס עס האָבן איינסצעניִרט די עקסטרעמיסטן אין „באָארד"...
איך האָב ניט געקאָנט באַהאַלטן מיין פאַרוווּנדערונג:
— זיצנדיק דאָ, — פונוואַנען ווייסט איר, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען?

הערי‏סאָן האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן דעם האַלדז פון אַן ענגן קראַגן:

— פאַר אײַך, מײַן טײַערער, איז מיסטאַמע קיין סאָד ניט, אַז אין ידישן לאָנדאָן איז די אַקוסטיק אַ בעסערע, איידער אין לאָנדאָן בּיכלל... גלייבט מיר, אַז די נײַס וועגן אונדזער שמועס אינמיטן דער נאַכט וועט צו זיי דערגיין נאָך שנעלער, איידער צו אונדז איז דערגאַנגען דאָס גוואַל־דעוועט אין אינדוסישן טעמפּל...

די קורצע דעקאַבער־נאַכט האָט שוין געהאַלטן באַם סאָף, ווען מיסטער סימאָר הערי‏סאָן און זײַנע קאָלעגן האָבן אויסגעשעפּט זייערע פּילצאָליקע פראַגן.

ווען מיר האָבן פאַרן געזעגענען זיך שפּאַצירט איבער דער שטילער אײַנגעשלאָפענער גאַס, האָט איינער פון הערי‏סאָנס פרײַנט, אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט אונדזער פריִערדיקן שמועס, מיר דערציילט אַ געשיכטע, וועלכע האָט אומגעריכט פאַר מיר אַליין געוואָרפן אַ שײַן אויף מײַן עפּנט־לעכן ראַנדעוווּ מיט בעריקן.

די ענגלישע פּרעסע האָט אין יענע טעג געשריבן וועגן אַ פאַרוואָרפן שטעטל אויף דער גרענעץ צווישן ענגלאַנד און שאָטלאַנד, — מע רופט דאָס שטעטל בעריק, — וואָס האָט אין 1856 פאַרשלאָפן דעם אַזויגערופענעם פאַריזער שאָלעם־אָפּמאַך צווישן גרויסבריטאַניע און פראַנקרײַך, פון איין זײַט, און רוסלאַנד, פון דער צווייטער זײַט, און דעריבער „ווייסט עס ניט", דאָס שטעטל בעריק, אַז דער קרימער קריג איז פאַרענדיקט, און אין מעשעך פון הונדערט צען יאָר געפינט עס זיך אין אַ פאַרצויגענעם באַרויגעז (אין „מילכאָמע־צושטאַנד") מיט רוסלאַנד, דאָס הייסט — הײַנ־טיקע צײַטן — מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

מע קאָן פרעגן: וואָס עפּעס מיצקעדרינען אַ שטעטל בעריק? וואָס פאַר אַ מעכוטן איז עס מיט וועלט־מעדינעס, מיט אַ קרימער קריג?
איז די מײַסע דערפון אַזוי.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָט דער ענגלענדער פאַרכאַפּט אָט דאָס שטעטל באַ שאָטלאַנד. פּאַשעט גערעדט — אַרײַנגעלייגט אַ פרעמד שטעטל צו זיך אין קעשענע. נאָר קעדיי באַרויִקן די געמיטער, האָט דער אַלטער דזשאָן בול צוגעטראַכט אַזאַ שפּיצל: ער האָט קלוימערשט געמאַכט דאָס שטעטעלע בעריק פאַר אַ גאַנצן יאַטעבעדאַס, פאַר אַ „געביט מיט אויסשליסלעכע רעכט". לעמאָשל, אין די אָפּיציִעלע פּאַפּירן פון דער אימ־פּעריע איז בעריק געשטאַנען אין איין ריי מיט שאָטלאַנד און וועלס. די קיניגן וויקטאָריִא האָט דערקלערט רוסלאַנד מילכאָמע אין נאָמען פון ענג־לאַנד, שאָטלאַנד, וועלס, אינדיע, קאַנאַדע, אַוסטראַליע און... בעריק. דאָס וואָלט עפּשער איצט קיינעם ניט געאַרט, נאָר באַם שליסן דעם פּאַריזער שאָלעם האָט מען אין גרויס אײַלעניש פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אויך בעריקס „קריג" מיט רוסלאַנד איז פאַרענדיקט. און דער קריג, מישטיינס־געזאָגט, דויערט ווײַטער. אויך הײַנט זײַנען די עטלעכע פּאָליציִאַנטן פון בעריק איינע אַליין גרייט זיך שלאָגן מיט רוסלאַנד, קעדיי מיט דער צײַט, אויב די אומשטענדן וועלן עס דערלאָזן, אײַנשליסן אָט דאָס רוסלאַנד אין זײַנע, בעריקס, דאַלעדאַמעס.

ס׳איז אן ענגלישער שפּאַס. אַ קאַזוס. די אײַנוווינער פון בעריק זײַנען גוטמוטיקע פּראָווינציאַלן, און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין שום טײַנעס ניט צום ווײַטן גרויסן לאַנד פון די בערעזעס.

אויסהערנדיק אָט דעם צווישנפעלקערלעכן אנעקדאָט, האָב איך אין מײַן פאַנטאַזיע געמאַכט פון בעריק — בערעק און זיך, אַזוי צו זאָגן, אויסגעטײַנעט מיט אַ געוויסער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס מע קאָן זיי אָנרופן „די בערעקס״, אָדער, אויב איר ווילט, — „די בעריקס״:

— האָדי, אַן עק זאָל עס נעמען... נו, געננוג. וואָס דאַרפט איר, מע זאָל פון אײַך לאַכן? קוקט זיך אַרום. עס איז גענוג, איר זאָלט בלויז אַ ביסעלע זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, און אַלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג... שוין צײַט, שוין לאַנג צײַט, בעריק...

1967—1966

ווידער
אין וועג



צי זײַנען דאָ ייִדן אין מאָנאַקאָ

פארוואָס זאָלן טאַקע ניט זײַן קיין ייִדן אין מאָנאַקאָ? אין אַמעריקע, לעמאָשל, יאָ, און אין מאָנאַקאָ ניט? עמעס, ס'איז אַ גרויסער סאָפעק, צי מע קען גלייבן דעם קלאַנג, אַז אליין דער מאָנאַרך פון מאָנאַקאָ, דער פּרינץ רעניע III, איז אַ ייִד, אַפילע ער זאָל עס מיר זאָגן, וועל איך אים אויך ניט גלייבן. אָבער נעמט אַף טשיקאַווּעס אָט דעם־אָ מענטשן, וועלכער האַלט אַ פליישיג־געוועלב מיטן באַרויִקנדיקן שילדל כשר, — אים איז דען פאַרזאָגט צו זײַן אַ ייִד?

אַזוי צי אַזוי, נאָר ווײַבאַלד איך בין געקומען קיין מאָנאַקאָ, וועל איך זיך סטאַרען די זאַך אויסקלאָרן, און אויב, לאָמיר זאָגן, די צאָל ייִדן מאַכט דאָ אויס אַ גוטע פּאָר מיליאָן, וועט מיך ניט אַרן, מע זאָל זיך עטוואָס טויע זײַן אין דער סטאַטיסטיק, ווײַל ייִדן, באָרעכהאַשעם, אַז זיי ווילן, זײַנען זיי זיך בויהעג פונקט ווי די כינעזער: אַ מיליאָן אַרוף, אַ מיליאָן אַראָפּ... עס גייט איצט אין דעם, צי אין מאָנאַקאָ זײַנען קלאַל דאָ ייִדן, און אויב יאָ, איז ווי האַלט עס דאָ מיט דער באַרימטער ייִדן־פראַגע.

צווישן אונדז גערעדט, ווען איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, האָב איך שוין געהאַט אייניקע ידיִעס פון דעם מין. צום בײַשפּיל, עס איז מיר געווען געבוי באַוווּסט, אַז אין מאָנאַקאָ איז דאָ אַן אָפּטיילונג פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס מיט אַ יוישעוו־ראָש, דעם „פּרעזידענט פון דער ייִדישער קולטור־אַסאָציִאַציע פון מאָנאַקאָ", וועמען מע רופט זשאַן־פּיער אַביטאָל. אויב אַזוי, איז שוין, דוכט מיר, קלאָר, אַז ייִדן אין מאָנאַקאָ זײַנען פאַראַן, און אַ פּראָבלעם אויכעט. נאָר פון דער צווייטער זײַט, קאָן דאָך טרעפן, אַז די „אָפּטיילונג" איז געעפנט צוליב קאָוועד־וועגן, אָן ייִדן...

קיין דעפּעש, אַז איך פאָר קיין מאָנאַקאָ, האָב איך דעם הער אַביטאָל ניט געשיקט איבער צוויי סיבעס. ערשטנס, בין איך צום מיטללענדישן יאַם געפאָרן ניט ספּעציִעל צוליב מאָנאַקאָ, נאָר ווײַל ס'האָט מיך פאַרבעטן צו־

גאַסט מאַרק שאַגאַל, און זײַן וווינונג געפֿינט זיך אין שטעטעלע סען־פּאָל דע וואַנס, לעם דער מאָנאַקער „גרענעץ". בין איך פּאַשעט, נאָכן באַזוך בײַ שאַגאַלן, פֿאַרפֿאָרן צו פֿראַנקרײַכס שאָכן. און צווייטנס? צווייטנס, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער איז אין מאָנאַקאָ דאָ, אַשטייגער, ווי אין אַמע־ריקע, אַן אייגענער ראַבאָנים־„קאָונסיל", און דער הער אַביטאַל וועט פֿאַר די ראַבאָנים זיך אַרויסריידן, אַז איך קום צו פֿאָרן...

האַקיצער, איך בין געקומען קיין מאָנאַקאָ אָן טומל, געקומען צו פֿאָרן פֿון פּאַריזש, און איך מוז זיך גלײַך מודה זײַן, אַז בײַם שרײַבן די ערשטע שורעס פֿון אָט די רײַזע־נאָטיצן פֿיל איך, ווי עפּעס שטימט ניט בײַ מיר מיט דער כראָנאָלאָגיע. בענעמאָנעס, איך פֿאַרשטיי אַליין ניט, פֿאַרוואָס כ'האָב באַדאַרפֿט פֿאַרכאַפּן די פֿיש פֿאַר דער נעץ — זיך אײַלן צו באַ־שרײַבן די נעסיִע קיין מאָנאַקאָ, ווען אייגנטלעך האָט זיך מיט מאָנאַקאָ די נעסיִע גאָר פֿאַרענדיקט, און ניט זיך אָנגעהויבן; אָבער מאָנאַקאָ גופֿע איז אַזוי ניט געוויינלעך, און די אײַנדרוקן זײַנען אַזוי פֿילפֿאַרביק, אַז פֿון זיך אַליין האָט זיך אין פּאָדערפּלאַן פֿון מײַנע באַשרײַבונגען אַ שטעל געטאָן דאָס „פּירשטנטום פֿון דער רולעטקע".

וועלן די נאָטיצן מײַנע זיך אָנהייבן פֿונעם סאָף, און שפּעטער, אויב עס וועט קלעקן פּולווער, וועלן מיר זיך רוקן אָף צוריק — צו מײַן באַגע־געניש מיט מאַרק שאַגאַלן און צו מײַנע פּאַריזשער פּאַסירונגען אין סעפּ־טיאַבער 1968.

דער וועג פֿון דער פֿראַנצויזישער דאָרעם־שטאָט ניצע ביז מאָנאַקאָ דויערט פֿערציק מינוט. די רעדער פֿונעם אויטאָמאָביל וויקלען אָף דאָס שנירעלע אַספֿאַלט לענגאויס דעם מיטללענדישן יאַם, און איך זיץ אינמיטן, צווישן בערג און בערג, און האַלט אין איין דרייען דעם קאָפּ — פֿון יאַם צו די אַלפּן, פֿון די אַלפּן צום יאַם.

די שיפּועים פֿון די בערג זײַנען, ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט, געדיכט באַ־האַנגען און אַרומגעשטעלט מיט ווײַסע און קאָליריקע שטיינערנע און הילצערנע ווילעס. די פֿאַנטאַזיע פֿון די בויער האָט זיך דאָ צעשפּילט, וואָלט איך זאָגן, מיט פֿאַרשײַטקײַט. פֿאַר די אויגן שווינדלען פּאַלאַצן: איינער הענגט אָף אַן אָפּגרונט, דער צווייטער שפּרינגט קלוימערשט אין יאַם אַרײַן; איינער איז ענלעך אָף אַ הוידעלקע, אַ צווייטער אָף אַ בריק; און ווײַטער שטופּן זיך, ווי אָף אַ מאַסקאַראַד, פּאַלאַצן מיט הערנער און פּאַ־לאַצן מיט שנאָבלען, פּאַלאַצן־טונעלן, פּאַלאַצן־גראָטן, פּאַלאַצן־האָטעלן, פּאַלאַצן־מאָטעלן, פּאַלאַצן־יאַכטעס און פּאַלאַצן — פּאַשעט פּאַ־לאַצן.

אַגעוו, וועגן יאַכטעס. אין די יאַם־אײַנגוסן בײַ מאָנאַקאָ, ניצע, קאַן, מאַנטאָן שטייען פּלאָטיליעס פּריוואַטע יאַכטעס. צוזעענדיק עס, טראַכט איך מיר: אָט דער פֿיזשאָן, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום ניט־דאָיִק און ברענגט ניט, מינאַסטאַם, דער וועלט ניט קיין געדאַנק, ניט קיין אַנדער געשאַנק, — ער פֿאַרמאָגט עס אָפּן בערגל אַ פּאַלאַץ און אין דער בוכטע אַ יאַכטע. אַך

טי, ריבוינעשעלוילעם, ריבוינעשעלוילעם! שיינע פּאַראָנדקעס אין דײַן וועלטל...

דער רײַכער מענטש איז צוגעקומען צום מיטללענדישן יאַם, איבערלאָזנדיק אין דער טיף פונעם קאַנט די אָרעמע ברידער זײַנע. דער יאַם־האָטי־כוין איז דאָ אַזאַ שטילער און לײַטישער, אַזאַ צוגעלאַשטשעטער צו די בערג, אַז ער דערמאָנט אַזש אַ שטוביק קעצעלע, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אונטער דער ברענענדיקער זון בײַ די סאַמע פּיס פון די אַלטע אַלפּן.

אַמאָל האָבן אויף אָט דעם אָרט בײַ אָט דעם יאַם געבראָזט אָקעאַנען לײַדנשאַפטן. איר זעט דעם סטאַטעטשנעם פעלדז און דעם גרויען שלאָס אויף זײַן שפּיץ, דאָס, וואָס מע רופט, אייגנטלעך, מאָנאַקאָ? מע דערציילט, אַז אין איינעם אַ קילבלעכן יאַנוואַר־טאָג, מיט קנאַפּע זיבן הונדערט יאָר צוריק, האָט אין די טויערן פון יענעם שלאָס אָנגעקלאַפּט אַן אָרעמער מאָנאַך, אויף פראַנצויזיש — מאָנאַקאָ, און טאַקע ער איז עס געוואָרן באַלעבאָס פון מאָנאַקאָ. פון אים, ווי עס ווערט דערציילט, קומט אַרויס דער הײַנטיקער פּרינץ רעניע דער דריטער. איך ווייס ניט, צי עס איז געווען אויך אַ רעניע דער צווייטער, אַ רעניע דער ערשטער; אָבער אַ שאַרל דער דריטער — אַזאַ איז זיכער געווען. איך ווייס עס דערפאַר, ווײַל וועגן דער באַוווּסטער קאַזינאָ אין מאָנטע־קאַרלאָ, אַנטקעגנאיבער דעם מאָנאַקער פעלדז, האָט מען מיר דערציילט, אַז ער, שאַרל III, האָט אויסגעבויט אָט דאָס שפּיל־הויז מיט הונדערט יאָר צוריק, און פון דעם שטאַמט דער נאָמען מאָנטע־קאַרלאָ — קאַרלס באַרג.

איך קום אַרײַן אין קאַזינאָ. די שווייצאַרן, ענלעכע אין זייער אוניפאָרם אויף גענעראַלן, — עפּשער זײַנען זיי דערצו נאָך ייִדן אויך? ניין, די שווייצאַרן זײַנען מאָנאַקער, דאָס הייסט, זיי האָבן ניט קיין נאַציאָנאַליטעט. עפּשער איז דער קרופּיע אַ ייִד? צי כאָטש דאָס לאָפּעטקעלע, מיט וועלכן דער קרופּיע שאַרט איבער פאַר אַ טאָג באַרג מיט גאָלד, — עפּשער איז כאָטש זײַן לאָפּעטקעלע אַ שטיקל מעכוטענעסטע מיט דער ייִדישער לאָפּעטע, מיט וועלכער די מאַמעס אונדזערע פלעגן איבערקערן אויף דער אַנדערער זײַט דעם זשאַר אין אויוון, אַ מיש טאָן די בלוי־בורשטינענע פלעמעלעך און, צעוואָרפנדיק, ווי אויף אַ קאַזינאָ־טיש, הויפנס גאָלדענע קוילן און באַקומענדיק צוריק אין צעהיצטן פּאָנעם אַרײַן, ווי אויסגאָב־געלט, אַ היפּש ביסל מעשענע פונקען, פלעגן זיי פונעם פײַער אַרויסכאַפּן מיט איר טאַקע, מיט דער לאָפּעטע, דאָס געווינס, די אימפּעריאַלן־ברויטעלעך און די העל־ברוינע וועקסלען־פּיפּאָלעקעס... ניין, ניין! דער קרופּיע איז אַ מאָנאַקער, און זײַן לאָפּעטקעלע האָט קיין מינדסטע שײַכעס ניט צו אונדזערע מאַמעס לאָפּעטעס.

און פונדעסטוועגן, וועגן עפּעס־וואָס פונעם „ייִדישן קאָמפּלעקס” האָב איך אין מאָנטע־קאַרלאָ זיך יאָ דערוווּסט. און שטעלט אײַך פאָר, אַז פאַרמישט אין דעם איז דער מעסוקן רײַכער גריך, טאַקע דער זעלבער, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל די מאַנצבלען פון אַמעריקע, — אין איין שיינעם טאָג האָט ער בײַ זיי אונטער דער נאָז אַרויסגעפירט צו זיך אויף זײַן „אייגענעם” אינדזל, ניט ווײַט פון מאָנאַקאָ, די שיינע אַלמאָנע פונעם פּרעזי־

דענט קענעדי און מיט איר געשריבן טנאָים. אריסטאָטעל סאָקראַט איז זײַן נאָמען. די פאַמיליע — אָנאַסיס; ס'איז אים קאַרג געווען, וואָס ער איז אריסטאָטעל, האָט ער זיך נאָך גערופֿן סאָקראַט אויך...

ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער אריסטאָטעל סאָקראַט האָט אַ היפּש ביסל יאָרן געהאַט דעם גרעסטן פּאַקעט אַקציעס פֿון מאָנטע־קאַרלאָ, דאָס הייסט, ער איז פּאַקטיש געווען באַלעבאָס. אָבער מיט דער צײַט האָט זיך דעם מאָנאַקער פּרינץ רעניע אײַנגעגעבן פֿאָטער צו ווערן פֿון אָנאַסיסן, און אַרום דער דאָזיקער סענסאַציע טומלט זיך ביז איצטער.

די מעשׂה האָט מיך פֿאַרכאַפּט מיט אירע קאָליזיעס: פּונקט דעמלט, ווען אונטן, צופֿוסנס דעם באַרג, לעם דער רולעטקע, געווינט מען און מע פֿאַר־שפּילט צען פֿראַנק, הונדערט פֿראַנק, טויזנט פֿראַנק, קומט פֿאָר אויבן, אויפֿן באַרג, אין אַלטן שלאָס, אַן אַנדער שפּיל, אין וועלכער דער באַלעבאָס דער מיליאַרדער פֿאַרשפּילט דעם באַלעבאָס דעם פּרינץ גאַנץ מאָנטע־קאַרלאָ מיט האַקל־באַקל — מיט דער רולעטקע, מיטן קרופּיע, מיט די וואַזשנע לאַקייען, מיט דער באַוווסטער אָפּערע, וועלכע געפֿינט זיך אונ־טער איין דאַך מיט דער קאַזינאָ, — גאַנץ מאָנטע־קאַרלאָ מיט אַלע־אַלע פֿראַנקן, פֿונטן, דאָלאַרן, וואָס ליגן אין די קעשענעס סײַ בײַ די, וואָס געווינען, סײַ בײַ די, וואָס פֿאַרשפּילן.

האַ? אַ קאָליזיע!

איך וויל דאָ ניט האַלטן קיינעמס צד, אָבער וועגן דעם באַוווּסטן מי־ליאַרדער אָנאַסיס דאַרף איך פֿונדעסטוועגן זאָגן, אַז ווען איך האָב זיך גענומען אָנפֿרעגן, צי זיצט ער ניט ערגעץ דאָ נאָענט אויף אַ שטיין און באַוויינט דעם אומגליק, וואָס איז מיט אים פֿאָרלאָפֿן, — האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז ער איז אויף זײַן פּערזענלעכער לוקסוס־שיף צוגעפֿאָרן צו זיך אַהיים, קיין אַטען, און דאָרט אונטערגעטראָגן אַ באַשיידענע מאַטאָנע — עטלעכע מיליאָן דאָלאַר! — דער כונטע „שוואַרצע פֿאָלקאָוויקעס", וועלכע האָט מיט אַ צײַט צוריק פֿאַרכאַפּט די מאַכט באַם אַקראָפּאָל.

און איצט — נאָך איין „קלייניקייט", וועלכע וועט אונדז שוין צופֿירן דירעקט צו דער „ייִדישער פּראָבלעם". אריסטאָטעל סאָקראַט האָט אַרויס־געוויזן אַ ביז גאָר שטאַרקע פּאַרינטערעסירטקייט, עס זאָל וואָס לענגער זיך פֿאַרציִען די מילכאָמע צווישן ייִסראַעל און די אַראַבישע מעלוכעס, און ער האָט צוליב דעם געטאָן אַלץ, וואָס אַזאַ סאָרט מיליאַרדער איז בעקויעך צו טאָן. וועט איר פֿרעגן — האיטאַכן? אָן ייִדיש־אַראַבישער סינע איז ניט מעגלעך, אַז אַ גריך זאָל אַרומשווימען אויף זײַנע שיפֿן איבערן מיטללענ־דישן ים? איז שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איר האָט געטראָפֿן. אויב דער סועצער קאַנאַל איז פֿאַרמאַכט, זײַנען דעם מיליאַרדערס נאַפֿט־טאַנקערס קי־מאַט די איינציקע טראַנספּאָרטירער פֿונעם „שוואַרצן גאָלד" צווישן דעם נאָענטן מיזרעך און אייראָפּע, און צוליב דעם איז נייטיק די מילכאָמע.

יאָ, עפּעס־וואָס האָב איך פֿונדעסטוועגן זיך דערוווּסט אין מאָנאַקאָ, און מיר קאָנען זיך שוין פֿאַמעלעך אַרויסקלײַבן פֿון די אָנדערהאַלבן קוואַדראַ־טע קילאָמעטער טעריטאָריע, וואָס דאָס פֿירשטנטום פֿאַרנעמט, און אַרי־בערפֿאָרן אין שכייניסדיקן לאַנד, קיין פֿראַנקרײַך, ווו עס וואַרט אויף אונדז מאַרק שאַגאַל.

מיט מאַרק שאַגאַלן

פֿאַראַן היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע מײַן פֿאַנטאַזיע זאָגט זיך אָפּ אויפֿצונעמען ווי קאָנקרעטע מענטשן. הארגעט מיך, אויב איך קאָן זיך אויסמאָלן, נו לאָמיר זאָגן, טאָריטשעלין אין אַ מענטשלעכן הוילעך. אין מײַן פֿאָרשטעלונג איז טאָריטשעלי גיכער אַ נאַטור־דערשײַנונג, ניט קיין מענטש, אַ מין באַצייכענונג פֿון אַן אָרט, עפּשער אַ גרוב, צי אַ טאָל אַזאַ, וווּ ס'איז (גאָט זאָל אָפּהיטן!) גאָרנישט ניטאָ: ניט קיין לופֿט, ניט קיין ליכט, ניט קיין לעבן — אַ טאָריטשעלי־פּוסטקײַט. איר וועט מיר אויך ניט אײַנריידן, אַז דער ראַמבאַם, אַשטייגער, האָט געהאַט מידעס פֿון אַ בען־אָדאָם — זיך געשוירן די האָר, פֿאַרשנורעוועט אַ שוך, געגעסן, ווי מענטשן עסן, אַרײַנלייגנדיק די שפּײַז אין מויל אַרײַן.

אַן ענלעך געפֿיל האָב איך אויך געהאַט אין באַצוג צו שאַגאַלן.

אַ ווערטעלע אויסצורײדן — מאַרק שאַגאַל! מיסטאָמע האָט איר אויך, ווי איך, געהערט זאָגן: „עס הענגען צוויי שאַגאַלן"... „ער דערציילט וועגן דעם שאַגאַל, וועלכן ער האָט געזען מיט יאָרן צוריק"... „ס'איז אַ נײַער שאַגאַל"... אַזוי טאַקע זאָגט מען: אַ שאַגאַל...

צו שאַגאַלן קיין סען־פּאָל דע וואַנס איז מיט מיר פֿון פּאַריז מיטגעפֿאָרן עווא גאָלדגעוויכט, אַ פֿרוי מיט אַ זעלטענעם גורל, — וועגן איר וועל איך נאָך דערמאָנען שפּעטער, — און אין דער דאָרעם־שטאָט קאָן האָט זיך צו אונדז פֿאַרייניקט אַן אָרטיקער כאַווער — טעוויע שומאַכער. אַזוי זײַנען מיר אַינדרײַען, קומענדיק קיין סען־פּאָל דע וואַנס, אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ וועלדל, פֿינקטלעכער עפּשער — אין אַ פּאַרק, וואָס שאַגאַל האָט (ווי מע האָט מיר דערציילט) אָפּגעקויפֿט פֿאַר זיך, און דאָרט איז זײַן וווינונג, און ער אַרבעט דאָרט.

ווי עס טרעפֿט, זײַנען מיר, קעדיי ניט פֿאַרשפּעטיקן, געקומען פֿרײַער פֿאַר דער אָפּגעשטעלטער שאָ, און אַ באַיאָרטע באַדינערן האָט באַם אַרײַנגאַנג אין דער ווילע אונדז געזאָגט, אַז זי מוז גיין פֿרעגן, ווײַל, ווי איר איז באַוווּסט, דאַרף אַ גאַסט אָנקומען אין אַ האַלבער שאָ אַרום. אָבער בעוויסוי האָרעגע איז אַרויס צו אונדז עפּעס אַ מאַנצבל, אויך אַ באַיאָרטער, מיט אינגאַנצן שוין גרײַזע האָר, מיט בינטלעך קנייטשן אַרום די שמייכלענדיקע אויגן, און זיך צערעדט אויף ייִדיש, אַז, פֿאַרשטייט איר מיך, וועגן וואָס גייט דאָ? — קומט שוין אַרײַן! איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז עפּשער וועט בעסער זײַן, ער זאָל פֿונדעסטוועגן גיין וואָרענען דעם באַלעבאָס, מאַרק שאַגאַלן, וועגן אונדזער קומען פֿאַר דער צײַט. נאָר הערט, הערט! — דער באַיאָרטער פֿרײלעכער מאַנספּאַרשוין אין צעקנייטשטן פּולאָווער, וועלכן ער האָט אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ העמדל פֿון געקעסטלטן צײַג, דאָס איז גאָר אַליין מאַרק שאַגאַל! אין עטלעכע רעגעס אַרום זײַנען מיר שוין געזעסן אַרום אַ טיש, און פֿונעם אייבערשטן שטאָק האָט זיך צו אונדז אַראָפּגעלאָזט שאַגאַלס פֿרוי, וואַווא, און ס'איז שוין געגעבן געוואָרן דער ענטפֿער אויף דער טראַדיציאָנעלער פֿראַגע „וואָס טרינקט איר?", — און ס'איז אַוועק אַ געשפּרעך.

אויב מע וויל, קאָן מען עס אָנרופן געשפּרעך, אָבער ס'איז אין א גרויד סער מאָס עפּעס אנדערש. א מענטש, וואָס פארשטייט ניט קיין יידיש און קיין רוסיש (מע האָט גערעדט אףביידע שפּראכן, וואווא קען בעסער רוד סיש), וואָלט פון דער זײַט געמיינט, אז ס'איז א מין זאבאווע, א לעצאָנעס, א ריידעניש־אויסגעשרייעניש, א לאכעניש־אונטערזינגעניש, אן אופשפּריני געניש פון דער העלער הויט, אן ארויסגייעניש־צוריקקומעניש, — און אלץ אָן באזונדערע סיבעס דערצו. אזוי — פיר שאָ נאָכאנאנד. און צום סאָף, ווען עס זײַנען צוגעקומען וואוואס ברודער און שאגאלס אדמיניסטראטאָר, איז מען שוין ניט געווען „צוגעשריבן" צום טיש. דער אוילעם איז געוואָרן גרעסער, האָט מען געקאָנט זיך אונטערכאַפּן אונטערן אָרעם און אָפּגיין אין א זײַט, אָדער ביכלאל זיך ארויסשטעלן פון צימער אף יענער זײַט טיר, דאָרט, ווו עס וואקסן די עטלעכע ביימער, וועלכע וואווא האָט מיט אירע אייגענע הענט פארזעצט און זי גרויסט זיך מיט זיי.

א טייל פון דעם געשפּרעך צווישן מיר מיט שאגאלן וואָלט מען געקאָנט איבערגעבן אן ערעך אזוי:

— עהע!

— נו־ו־ו?

— זע נאָר, זע! קיין איין גראָווע האָר ניט...

— וואָס ליגט עס דאָרט? רויע בולבע, וואָלט איך שווערן...

— בולבע און הערינג ברענגט אונדז געוויינלעך נאדיע לעזשע[1] פון מאָסקווע; ליגט די מעצ:ע אינמיטן טיש...

— שיינערייַנעקאפּאָרע...

— מע רעדט נאָך יידיש, אזא יאָר אף מיר... נאפּרימער, פאראן א וואָרט „מלינירטער הערינג"...

— מארינירטער?

— וואָדען? עס קומט אזוי אָפּט אפן זינען הערינג, ווײַל דער טאטע, א ליכטיקן גאניידן, רעב יעכעזקל שאגאל, איז געווען א מעשאָרעס אין א געשעפט פון הערינג, בא יאכנינען...

און אזוי ווײַטער, און דאָס גלײַכן. אָבער אף אזא מין אויפן קאָן מען איבערגעבן בלויז א טייל פון אונדזער געשפּרעך. ניט וויניק צײַט האָבן מיר גערעדט אויך פון טאָך־זאכן. לעמאָשל, שאגאל האָט דאָ און דאָרט דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן קינדהײַט, וועגן וויטעבסק, וועגן זײַנע ערד שטע מאָלערײַען.

אין אוטאָבי:אָגראפישן בוך „מײַן לעבן" שרײַבט שאגאל: „אויב מײַן קונסט האָט ניט געשפּילט קיין שום ראָליע אין לעבן פון מײַנע עלטערן, האָט, לעהייפעך, זייער לעבן און דאָס, וואָס זיי האָבן געשאפן, שטארק באאײַנפלוסט מײַן קונסט".

וויטעבסק... וויטעבסק... און נאָכאמאָל וויטעבסק... די שטאָט פון זײַנע אָוועס. ער רעדט וועגן וויטעבסק, און ווידעראמאָל וועגן וויטעבסק. וואָס איז עס פאר א שטאָט אזא, פון וועלכער עס קאָן זיך אף קיין איין רעגע

[1] נאדיע לעזשע — די פרוי פון דעם באוווּסטן פראנצויזישן מאָלער פערד נאן לעזשע. אן אָפּשטאמיקע פון ווײַסרוסלאנד.

ניט אָפּוועגדן אין די נעשאָמע־כאַלוימעס א מענטש, וואָס האָט זי שוין ניט געזען מיט די אייגענע אויגן גאַנצע פינף צענדליק יאָר? עפּשער שטייט די שטאָט אַף מאַגניטן, און די הײַזער אירע זײַנען געמאַכט פון מאַגניטן, און אירע אײַנוווינער טראָגן דאָס גאַנצע לעבן, דאָר־אויס, דאָר־אײַן, מאַג־ניטן אין די הענט? עפּשער איז עס א שטאָט א מאַגניט? אין ענציקלאָפּע־דישן ווערטערבוך, וועלכן ס'האָבן אַרויסגעגעבן בראָקהאַוז און עפּראָן, שטייט געשריבן, אַז וויטעבסק איז א שטאָט אַף דער דווינע, ניט אַף מאַג־ניטן; אין 1910 יאָר (דער 23־יאָריקער קינסטלער האָט שוין, עמעס, דאַן פאַרלאָזט וויטעבסק און איז פּונקט אין דעם יאָר געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין פּאַריזש, אָבער ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן רוסלענ־דישע שטעט ניט געהאַט קיין טעווע גיך צו בײַטן זייער אויסזען, און ווי־טעבסק אין 1910 — דאָס איז אָן סאָפעק דער טיפּישער שאַגאַלישער ווי־טעבסק), — אין 1910 יאָר איז וויטעבסק געווען „א שטאָט מיט 101 528 אײַנוווינער... מיט גוראַלניעס — 5, שטריקלדרייער־וואַרשטאַטן — 5, טע־פּערײַען — 5, מאַסלאָבאָיקעס — 2... מיט 1 מענערשער גימנאַזיע און 2 פּרויען־גימנאַזיעס, מיט 7 פּריוואַטע מיטל־ און אָנפאַנג־שולן און מיט א דוכאָוונע סעמינאַריע...” וועגן מאַגניטן דערמאָנען ניט בראָקהאַוז און עפּראָן.

איז מיסטאָמע דאָ אַן אַנדער סיבע, פאַרוואָס מאַרק שאַגאַל קאָן זיך ניט אָפּרײַסן פון וויטעבסק.

זײַן טאַטע־מאַמע... „איר זעט, דאָס איז א פאָטאָגראַפיע פון אונדזער שטוב אַף וואָראַיע פּאָקראָווסקאַיע, נײַן און צוואַנציק. איצטער טראָגט די גאַס דעם נאָמען פון פעליקס דזערזשינסקין. די פּאָטאָ האָט מען מיר צוגעשיקט פון וויטעבסק. אַן אַלטע שטוב. לעם איר איז געשטאַנען דאָס קלייטל, נאָר מע זעט עס ניט. שפּעטער האָט מען עס איבערגעבויט”... ער מישט אוף זײַנס א בוך און טײַט מיטן פינגער אַף א פּאָטאָבילד: „דאָס איז אונדזער הויף. אין יענע יאָרן פלעג איך מײַנע פּערסאָנאַזשן אַראָפּמאָלן פון נאָענטע מענטשן”... ער בלעטערט א קאַטאַלאָג מיט רעפּראָדוקציעס פון זײַנע בילדער: „אָט דאָס, אויב איר ווילט וויסן, איז די מאַמע! פייגע־איטע... א פרומע ייִדענע געווען, דעם ליאָזנער שויכעטס א טאָכטער. איר האָט געהערט וועגן שטעטעלע ליאָזנע? — פון דאָרטן איז זי. ווען איך האָב זי געמאָלט, האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן... און דאָס איז דער טאַטע, ער איז געווען אין יענער מינוט מיד פון קאַטשען די פעסער מיט הערינג... אַפן גאַנצן לעבן זײַנען פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן דעם טאַטנס ברוינע הענט, פאַרבראַקנעטע פון קעלט און צוגעזשאַווערטע פון הערינג־ראָסל... טאָמיד דערפרוירענע. די מאַמע איז געשטאָרבן אין פערצנטן יאָר. דער טאַטע איז אין רעוואָליוציע־צײַט, ווען ער האָט איינמאָל געטראָגן אַף זיך א מאַסע, אַרײַנגעפאַלן צווישן צוויי אווטאָמאָבילן... ס'איז געווען דעמלט א זעלטענע זאַך — אווטאָמאָבילן, האָט דער טאַטע, א באַל־כאַלוימעס, זיך באַוויזן צו באַקענען מיט זיי”...

די קונסט פונעם יונגן שאַגאַל האָט „ניט געשפּילט קיין שום ראָליע” אין לעבן פון זײַנע עלטערן... פאַרשטייט זיך, דאָס נעמט זיך פון דער זאָרג פון טאַטע־מאַמע פאַרן מאָרגן פון זייער קינד אין א צײַט פון טראַגישער

באַדנלאָזיקייט. ווען שאַגאַל האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן זײַנס אַ בילד דער מאַמען, האָט זי געזאָגט: „יאָ, מײַן זון, איך זע, אַז דו קענסט עס. אָבער הער מיך אויס, עפּשער וועסטו בעסער ווערן אַ מענטש אין געשעפט. ס'איז מיר אַ ראַכמאָנעס אָף דיר"... די העל־בלויע אויגן שאַגאַלס, נאָך אַלץ קיין קאַפּעלע ניט אויסגעוועפּטע, שמייכלען אונטער: „אַנומלטן האָב איך געוואָלט שענקען מײַנס אַ בילד דעם פעטער זוסיע, דעם פאַריקמאַכער, האָט ער ניט געוואָלט נעמען... און אַן עלטערפעטער, פון דער מאַמעס צאַד, פלעגט מיר ניט געבן די האַנט, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, אַז האַלטנדיק אים פאַר דער האַנט, וועל איך אים אָנמאָלן"... אַ קונדייסיש פײַערל בליצט אוף אין די אַלטע קינדערשע אויגן: „מיינט איר עפּשער, אַז איך האָב אים ניט אָנגעמאָלט? עטע־טעו! אָט איז ער — אָף דעם בילד „וואַי־נאַ", אײַנגעם מיטן פעטער נויעך, וועלכער האָט ליב געהאַט שפּילן פידל. ס'איז געווען אין 1914, ווי נאָר ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. געמאָלט האָב איך זיי דורך אַ שפּאַרונע אין דער טיר. געקוקט דורך אַ שפּאַרונע, און געמאָלט די צוויי ייִדן"...

ער דערציילט גערן וועגן פּיקאַנטע דעטאַלן. „ווען איך האָב געמאָלט דאָס בילד „דאָס געבורט", האָט די מאַמע, שעמענדיק זיך אַ ביסל פאַר איר זון, אַ זאָג געטאָן, אַז בײַ דער קימפּעטאָרן דאַרף דער בויך זײַן באַנדאַזשירט. מיינט איר וואָס? — כ'האָב זי גלײַך געפאָלגט און פאַרבאַנדאַזשירט דער געווינערן דעם בויך"... און ווײַטער: „פאַרן „ייִד, וואָס דאַוונט" האָט מיר פּאָזירט אַן אָרעמאַן, וועמען איך האָב געזען גיין איבער די הײַזער... און דעם „גרינעם ייִדן" האָב איך געמאָלט — טרעפט פון וועמען? — פונעם סלוצקער מאַגידן!"

שאַגאַלן איז, פאַרשטייט זיך, באַקאַנט, ווי:אזוי עס שאַצן אָפּ זײַן שאַפונגס־מאַניר יענע מעווינים, וועלכע זײַנען אין זייער הייליקער נאַ:זוקײַט טיף פאַרגלייבט, אַז אַ מענטש, וואָס פליט איבער די דעכער, אָדער אַ באָק מיט פאַרטרוימטע מענטשלעכע אויגן, אָדער אַ מיידל מיט אַ טאָפּלט פּאָנעם אדג. — זײַנען שעלוי־קעדערעך־האַטעוועדיק. שאַגאַל האָט שוין אפילע ניט איין מאָל זיך „מוידע" געווען פאַר זײַנע אָפּאָנענטן, אַז ער זעט די וועלט „ניט מיט די אויגן פונעם סייכל, נאָר מיט די אויגן פון דער נעשאָמע". שאַגאַלס שטעלונג איז אַלגעמיין באַוווּסט. און דאָך האָט זיך מיר פאַרוואָלט הערן פון אים אַליין וועגן די פּרינציפּן פון דער אינסטינקטיווער וועלט־שילדערונג, לויט וועלכער די רעאַלע ווירקלעכקײַט ווערט איבערגעאַנדערשט מיט דער הילף פון אַ כאָלעם־קישעף און וועלכע גייאָם אַפּאָלינער, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען שאַגאַלס בילדער, האָט טרעפלעך באַצייכנט מיט איין וואָרט: איבערנאַטירלעך — סיורנאַטיורעל! (אַגעוו, עס דאַרף גלײַך געזאָגט ווערן, אַז ווען דעם גרויסן דיכטערס אויסגעשריי „סיורנאַטיורעל!" איז שפּעטער איבערפּראַזירט געוואָרן מיצאַד אַנדערע אַזוי, אַז ער האָט אָנגעהויבן קלינגען ווי סירעאַליזם, וואָס האָט שוין באַצייכנט אַ געוויסן אַנטירעאַליסטישן נוסעך, האָט שאַגאַל אויסגעדריקט זײַן קעגנערשאַפט דערצו. אויך דעם קוביזם, אַזאַ ווי ער איז אַנטשטאַנען אַלס קונסט־שול, האָט שאַגאַל ניט אופגענומען. עמעס, בעשאַס ער האָט דאָס ערשטע מאָל געווױנט אין פּאַריזש, אין 1910 — 1914, האָט ער ניט אויס־

געמיטן דיווירקונג פונעם קוביזם, נאָר, ווי עס באַווײַזן אַ ריי בילדער זײַנע פון יענער צײַט, לעמאָשל „איך און דאָס דאָרף״, ווו דער סוזשעטי־שער שטאָף שפּרייט זיך פּאַנאַנדער אַף אַ קאָמפּאָזיציע פון דרײַעקן און פון אַ קרײַז, — האָט ער באַם קוביזם גענומען, אין גרונט, נײַע קאָנסטרוקציע, קאָמפּאָזיציע, איבעראַנדערשנדיק אים, דעם קוביזם, דורך אַרײַנפירן אין זײַן פּאַליטרע דאָס מענטשלעכע. און, לעסאָף, וואָס שײַעך סימבאָליזם, האָט שאַגאַל אַליין גאַנץ אָפן וועגן דעם זיך אַרויסגעזאָגט: „כ׳בין קעגן דעם, אַז מע זאָל מיט די באַגריפן „פאַנטאַזיע״, „סימבאָליזם״ באַצייכענען מײַן שאַפן״...). כ׳האָב געוואָלט, שאַגאַל זאָל אַליין דערציילן, וויאַזוי באַ דעם וויטעבסקער ייִנגל, וועמען טאַטע־מאַמע האָבן געטרוימט צו מאַכן פאַר אַ בוכהאַלטער אָדער פאַר אַ פאָטאָגראַף, האָט זיך גענומען באַווײַזן, צוזאַמען מיט דעם דראַנג צו שעפערישקײַט, אַ קאָנצעפּציע פון מאָלערײַ, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון די טראַדיציאָנעלע אָנזאַמלונגען פונעם רענעסאַנס און פון דעם רעאַליזם פון XIX—XX יאָרהונדערטער, זאָגט זיך אָפּ פון אַנאַטאָמישע קלאָלים, פון פיזיאָזש־לאָגיק, איבערלאָזנדיק בלויז אַזעלכע קאָמפּאָנענטן, ווי קאָליר, שטימונג, קאָלאָריט.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דער העלער הויט באַווײַזט זיך ניט אַזאַ אוני־קאַלע אַנדערשקײַט באַ אַ קינסטלער. אויב פילבאַר זיך צוהערן צו דעם, וואָס שאַגאַל דערציילט, קאָן מען אין זײַנע לעבנס־ווידעראַנאַנדן אופּכאַפּן ניט ווייניק וויכטיקס אין דעם פּראַט.

קוידעמקאָל, פאַרשטייט זיך, גייט עס אין דעם, וואָס שאַגאַל אַלס קינ־סטלער האָט זיך אין אָנפאַנג פאָרמירט אין דער, אַזוי צו זאָגן, שאָלעם־אַלייכעמישער עפּאָכע פון דעם ייִדישן לעבן, אין אַ צײַט, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט שוין מיט דער גאַרער קראַפט באַהערשט די מויכעס פון דעם ווײַטערדיקן דאָר ייִדישע קינסטלער און ווען דאָס לעבן גופע פון די ייִדן אין אַזאַ טכום־שטאָט, ווי וויטעבסק, האָט ניט באַוויזן צו בײַטן דעם „יעהור־פעצער סטאַנדאַרט״ אַף אַן אַנדערן. אַפילע איצט, אין סאָף 1968, שמועסנ־דיק מיטן שוין צוויי־און־אַכציקיאָריקן שאַגאַל, דערפיל איך באַשײַמפער־לעך, קימאַט פיזיש, אַז יאָ־יאָ, עס איז געווען אַמאָל באַ דער דווינע אַ דאָר־טיקער, אַ וויטעבסקער מאָטל פייסי דעם כאַזנס, אַ קינד פון דעם זעלבן שניט, ווי באַ שאָלעם־אַלייכעמען, דערצו נאָך אַ געבענטשטס מיט פייִ־קײַטן פון אויסערגעוויינלעכער קונסט־עמפינדונג. און ווען דער פילעווו־דיקער ייִדישער באָכערעץ איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער גענומען אָפּמאָלן די שטאָט וויטעבסק אַזאַ, ווי ער האָט זי געזען מיט זײַנע מאָטלפייסידיקע פאַרוווּנדערטע אויגן, — אַ שטאָט מיט ייִדן־לופטמענטשן, מיט סינאַגאָגעס און קלויסטערס, מיט כופּעס און מיטעס, מיט בעסוילעמס, מיט קלעזמערס, מיט ליבעס און פידלער, מיטן האָן — דעם אָנזאָגער פון אַ טאָג־אופגאַנג, און מיטן באָק — דעם גילגל פון אַ זינדיקן.

קוקט זיך אײַן אינעם בילד „דער פלײַענדיקער ייִד איבער די דעכער פון וויטעבסק״, באַטראַכט אופמערקזאַם דעם מענטשן אין דער קאַפּאָטע, וואָס האָט ניט קיין באָדן אונטער די פיס, וויאַזוי ער שוועבט, פאַרוואָרפן דאָס זעקל איבערן אַקסל, אַרויסגעשטעלט פאָרויס דאָס שטעקעלע, — און איר וועט פאַרשטיין, פון וועלכע לעבן־רעאַלקײַטן עס קומט דער

„מיטן־קאָפּ־אַראָפּ“־נוסעך בא שאַגאַלן, זײַן טעווע „איבערצופלאַנצן גלי־דער“, אויב אָנווענדן א הײַנטצײַטיקן טערמין. און ווען שאַגאַל דערמאָנט זיך איצט אין אייניקע מילדע עפּיזאָדן פון זײַן פריִער יוגנט, מעג ער זיך שוין מאכן ניט וויסנדיק, אז ער רעדט פאַקטיש וועגן דער אַנטשטייונג פונעם קינסטלערישן געשטאַלט. „עס איז געווען א שיינער טאָג, און דער זיידע איז אַרופגעקראָכן אפן דאַך און, זיצנדיק אף די שינדלען, זיך גע־קוויקט מיט מערן... ניט קיין מיִעס בילדו!“ אָדער: „די שטאָט האָט זיך גע־שפּאָלטן, ווי עס פּלאַצן די סטרונעס פון א פידל, און אלע אײַנוווינער האָבן אָנגעהויבן צו שוועבן איבער דער ערד“... און אין 1918, ווען ס'האָט טאַקע אַפּאַנומעסן געפּלאַצט עפּעס גאַר־גאַר באַדײַטנדיקס, און דער מענטשלע־כער גײַסט האָט גענומען זוכעריש שוועבן איבער דער ערד, אין דעם יאָר, ווען דער ערשטער סאָוועטישער פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי, מיט וועמען שאַגאַל האָט זיך באַקענט אין פּאַריז מיט זעקס יאָר פריִער, בעט אים זיך שטעלן בעראָש פון דער קונסט־שול אין וויטעבסק, — דאַן האָט קיינעם ניט געאַרט, וואָס שאַגאַל, ווי ער דערציילט, האָט געזאָגט לונאַטשאַרסקין: „דעריקער, פרעגט מיך ניט, פאַרוואָס איך האָב די קו געמאָלט בלוי אָדער גרין און פאַרוואָס מע זעט א קאַלב אין בויך פון דער קו אף מײַנע בילדער...“

די פּראָבלעם פון קאָליר איז, ווי איך האָב זיך נאָכאַמאָל איבערצײַגט, איינע פון די וויכטיקסטע בא שאַגאַלן. קאָליר איז זײַן גרויסער סאָד. אין קאָליר לייגט ער אַרײַן דעם אונטערטעקסט פון זײַן ווערק. ער זעט אין פריִען אויסוואַל פון קאָליר די שעפערישע פרײַהײַט. זאָלן מיר מוחל זײַן סאָציאָלאָגן, נאָר איך מיין, אז גייענדיק מיט דער רעוואָלוציע (ביז הײַנט גרויסט ער זיך מיט דעם, וואָס אין וויטעבסק איז ער געווען „קאָ־מיסאַר פון קונסט“, און אף מײַן פראַגע, וועלכע צײַט האַלט ער פאַר דער גליקלעכסטער אין זײַן לעבן, האָט ער געענטפערט: „די צײַט, ווען כ'האָב אין מאַלאַכאָווקע געלערנט מאָלערײַ די יעסוימים פונעם בירגערקריג... איך און בעלאַ האָבן דאַן געהאַט איין שמאָל אײַזערן בעטל...“), — גייענדיק מיט דער רעוואָליוציע, האָט שאַגאַל, אויסער, פאַרשטייט זיך, דער גרונט־האַנאָכע, אַז די רעוואָליוציע וועט אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע און אומרעכט, באַדאַרפט זײַן זיכער, אז די רעוואָליוציע וועט אים ניט פרעגן, פאַרוואָס ער זעט די קו א בלויע אָדער א גרינע. און טאַקע, עס איז א פאַקט, אז דעם 7 נאָיאַבער 1918, אין ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליו־ציע, האָבן אין וויטעבסק איבער די קעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן זיך גע־וויגט שאַגאַלס טראַנספּאַראַנטן, אף וועלכע פליִענדיקע פערד האָבן סימבאָ־ליזירט דעם פרײַהײַט־שוווּנג און העגער פון אַן איבערנאַטירלעכער („סיור־נאַטורעלער“) שאַגאַלישער רויטער פאַרב האָבן גערופן זיך אופּכאַפּן פונעם דויערעסדיקן שלאָף און אָנשליסן זיך אין די מאַרשירנדיקע קאָ־לאָנעס.

שאַגאַל דערציילט וועגן זײַנע „אַגיט־פּלאַקאַטן“, און עס ווערט מיר שוין אײַנגאַנצן קלאָר, וואָס פאַר א פונקציע עס האָט בא אים פאַרב, קאָ־

ליר. ווען שאגאל רעדט וועגן פארב, באקומען אלעמאָל זײַנע אויגן אן אנדער פארב.

— בא יעהודע פען, — און איך זאָג אײַך נאָכאמאָל, אז ער איז געווען מײַן בעסטער לערער, — בא אים בין איך געווען פארעכנט פאר א רע־וואָליוציאָנער. פארוואָס, מיינט איר? ווײַל איך האָב זיך ארײַנגעריסן אין זײַן שול מיט נײַע פארבן...

— פארוואָס בין איך געקומען קיין פאריזש? צוליב וואָס האָב איך באדארפט האָבן פאריזש? אײַ, הערט מיך אויס. קיין פאריזש בין איך גע־קומען זוכן פארב...

— זײַט מיר מויכל פאר א הײַנטיק וואָרט: דער גאנצער סעקרעט פון מײַסטערשאפט ליגט אין דער „כימיע”... יעדער מאָלער דארף ארײַנטראָגן זײַן אייגענעם פיגמענט, דאן וועט ער געפינען זײַן „כימיע”, און ער וועט האָבן זײַן אייגן פּאָנעם...

— אויב דו מאָלסט אָן א ציג ווײַס און א וואָראָנע שווארץ, ביסטו ניט קיין רעאליסט, נאָר א שלעכטער באלמעלאָכע. פארב טראָגט ארײַן אין רעאליזם דאָס, וואָס אף רוסיש רופט מען אָן „טאָטשקא זרעניא אוטאָרא” (דעם אווטאָרס שטאנדפונקט).

שאגאל רעדט וועגן פארב... פאר מײַנע אויגן גייען דורך זײַנע ביל־דער: די הארמאָניע פון געל־ווײַס און סאמעט־שווארץ אין „דער ייִד, וואָס דאוונט”, דאָס גרינע פארכידעשטע פּאָנעם פונעם אווטאָר און דער ווײַסער, צניעסדיק אומשולדיקער קאָפּ פונעם אָקס אין „איך און דאָס דאָרף”, דער שניי מיט די טונקעלע שאָטנס און די בלויע קלויסטער־קופּאָלן אין „איבער די דעכער פון וויטעבסק”; עס שפּרייט זיך אויס א רעגנבויגן פון בילדער: „דאָס בלויע הויז”, „דער געלער האָן”, „דער רויטער ייִד”, „די וועלט אין רויט און שווארץ”, רויטע נאקעטקײַט”, „דאָס טונקעלע דאָרף”, „דער גרינער כאזער בא דער קאָרעטע” אאוו. אדג.

וויאזוי האָט שאגאל דאָס אלץ געקאָנט זען? צי גלייבט ער טאקע, אז אין דער קונסט זײַנען מעגלעך איבערנאטירלעכע פארוואנדלונגען? אף אָט די פראגן ענטפערט אליין שאגאל, ווען ער נעמט מיטאמאָל ריידן וועגן י.־ל. פערעצן:

— מאָלנדיק די איליוסטראציעס צו פערעצן, האָב איך מיטן גאנצן הארצן געגלייבט, אז ס'איז טאקע דאָ אף דער וועלט דער ייִד דער צאדיק, וואָס האָט קאָנטאקט מיט א געטלעכער צויבער־קראפט און איז דער אווטאָר פונעם נעס; אזא צאדיק איז דער קינסטלער, און אזא נעס איז די קונסט...

אין פערעצעס כסידישע דערציילונגען האָט ארײַנגעקוקט א וויטעבסקער כיידער־ייִנגל, וועמעס טאטע און די קרויווים זײַנען געווען כסידים; און דאָס כיידער־ייִנגל האָט בא א צאדיק אײַנגעזען ניט דאָס מיסטישע, נאָר דאָס פאָלקסטימלעכע, יענע צויבער־קראפט, וועגן וועלכער מע פלעגט אין די אָסיען־נעכט, בא ארײַנגעדרייטע לאָמפּן, וועבן א מײַסעלע: „האָט זיך באוויזן אפן שליאך א ייִד מיט א ווײַסער באָרד, א פארשטעלטער, מיט א טאָרבע אף דער פּלייצע”...

אין דעם גייט עס טאקע, אז אויך אין איינעם פון די גרעסטע ווערק זײַנע, אין די הונדערט און פינף אָפּאַרטן, געווידמעט דער טאנאך־טעמע, האָט שאגאל געמאָלט זײַן שטענדיקע נאַטורשטשיצע, די שטאָט אויף דער דווינע, און דורך דער אייביקייט פונעם טאנאך האָט אויף די מענטשן פון וויטעבסק געקוקט ניט קיין לאמדן, נאָר א פארטרוימט ביידער־יינגל, וועלכער האָט ערלעך געגלייבט אין ניסים. דאָס ביידער־יינגל פון דער גאס „וטאָראַיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ" נעמט פונעם טאנאך פאר זײַנע וויזיעס ניט דאָס מיטאָלאָגיש־אַבסטראַקטע — לעמאָשל, דעם מאבל אָדער קאַינס פאר־ברעכן, — נאָר די אָוועס און נעוויִים, וועמען ער קאָן אראָפּמאָלן בא זיך אין שטאָט, אויף „וטאָראַיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ". עס דארף, נאַטירלעך, בלויז סטײַען קויעד־האדימיען... שאגאלס פּאָעמע מיט אירע אלע 105 קאפיטלען איז ניט קיין אידעאַליזאציע פון דער ביבל־לעגענדע, ניט קיין ווערק פון העלעניסטישן נוסעך, נאָר א צונויפפאָרונג פון דער ביבל מיט דעם רעאַלן לעבן. אווראָם אָווינו באווײַנט סאָרען, פארשטעלנדיק זיך דאָס פּאָנעם מיט א פארהאָרעוועטער, שווערער האנט. אויך ייִרמעיאָהו, דער לײַדנדיקער נאָווי, וויינט מענטשלעך־ערדיש. און ריווקע באַם שטעטלשן ברונעם איז ערדיש־מיידלש. און יוסעף איז שטעטלש־אומבאהאָלפן, ווען ער ווערט פארפירט. און מוישע ראביינו, ווען ער צעברעכט די לוכעס, איז מענטש־לעך אופגעבראכט...

איך זאָג שאגאלן:

— העיויס איר האָט באהאנגען די אָוועס און נעוויִים מיט נאָענטע צו אונדזער צײַט שטריכן, האָבן זיי ווי פארלאָרן די נאַציאָנאלע אורשפּרינג־לעכקײַט און געוואָרן אלמענטשלעך...

ענטפערט ער:

— ניטאָ הײַנט קיין יידישע מאָלערײַ. פאראן גוטע מאָלערײַ און שלעכ־טע מאָלערײַ.

און טוט שטיפעריש א שמייכל:

— מער ניט, אויב זייער גוטע מאָלערײַ, קאָן איך זי אָנעמען פאר יידישער...

בין איך אים מויכל, ווי מע זאָגט אין אזא פאל, די היפּערטראָפיע פונעם נאַציאָנאלן געפיל — פאָרט שוין אָפּגעוועזן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע בא פינף צענדליק יאָר אין קאפּיטאַליזם, — און איך נעם אויף אים שפּארן פון אן אנדער זײַט:

— אילוסטרירנדיק דעם טאנאך, האָט איר פּונקט ווי אינגאנצן ניט געדענקט אין מיקעלאנדזשעלאָס מוישע ראביינו און אין זײַן דאָוויד האמע־לעך, ווי אויך אין רעמבראנדטס ביבל־געשטאלטן, די אראָפּגעמאָלטע פון אמסטערדאמער יידן... איר האָט, זעט אויס, געפּויעלט בא זיך, אז דער טאנאך איז אָקאָרשט געשאפן געוואָרן, און אז איר זײַט זײַן ערשטער אילוסטראַטאָר, און אז וויטעבסק איז דאָס אָרט, וואָס דער טאנאך בא־שרײַבט...

— ווּאזוי האָט איר געטראָפן?!

און ער פארווארפט א ביסל דעם קאָפּ אויף הינטן:

— גלייבט מיר אפן וואָרט, אז קעדיי מאכן אין דער מאָלערײַ עפּעס

טאָכיקס, באדארף מען ארויסציִען מערער פון הונדערט פּראָצענט... אוי, ווי שווער עס איז צו שאפן עפּעס טאָכיקס...

ער רופט מיך ארויס אין דרויסן, „צו וואווּאס ביימער", טוט דאָרט א שפּיל זיך מיט זײַן באליבטן הונט, און רוימט מיר אײַן אין אויער אריַין:

— פון די שיישעס־יעמיי־בערײישיס[1] — פון זיי דארף א מאָלער אָנ־הייבן צו שעפּן זײַנע פארבן... שפּעטער, ווען די וועלט איז שוין באשאפן, איז ניט שײַעך צו שאפן נײַס, עס בלײַבט איבער בלויז צו קאָפּירן...

מיר האָבן גערעדט וועגן רוסלאנד. וועגן רוסישן מאָטיוו בא שאגאלן. ניט זײַענדיק מאסקים מיטן געדאנק, אז ס'איז ניטאָ קיין ייִדישע מאָלערײַ, פונקט ווי ניט מאסקים, אז ס'איז ניטאָ קיין פראנצויזישע, קיין רוסישע מאָלערײַ, — דערלויב איך זיך ארויסזאָגן אן אנדער געדאנק, דעהײַנו — אז ווען שאגאל וואָלט געשאפן בלויז די זעקס און נײַנציק גראווירן, וועלכע איליוסטרירן גאָגאָלס ראָמאן „טויטע נעפּאשעס", וואָלט מען אים געקאָנט פארעכענען צווישן די אמערסטן קאָלאָריטפולע רוסישע מאָלער. שאגאל דערציילט, אז „דער גאנצער מעשוגאַס פון מאָלערײַ" האָט זיך אין אים צעשפּילט, ווען ער האָט אין איין שיינעם טאָג, נאָך אין שול, דערזען בא א כאווער דעם איליוסטרירטן רוסישן זשורנאל „ניווא". דאָס האָט אים דערמוטיקט צו בעטן באם טאטן דרײַ כאדאָשים נאָכאנאנד צו פינף רובל א כוידעש אָף צו באצאָלן פאר דער לערע אין יעהודע פּענס „שול פאר מאָלן און צייכענען". דערנאָך איז געווען פּעטערבורג. קעדיי באקומען פּראוואָזשיטעלסטווא, וויַיזט דער צוואנציקיאָריקער שאגאל ארויס נאָך מער דערפינדערישקײַט, איידער באם שאפן זײַנע בילדער.

בעשאסן וועלט־קריג און גלײַך נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט מארק שאגאל, אומקערנדיק זיך פון זײַן ערשטער רײַזע קיין פּאריזש, ווידער געלעבט אין פּעטערבורג. ער דערמאָנט, צווישן אנדערע, זײַנע באגעגענישן מיטן ליטעראטור־קריטיקער באלמאכשאָווּעס, וואָס האָט אים געהאָלפן אָריִענטירן זיך אין דער ייִדישער ליטעראטור. און ווען ער קומט אָן אין 1919, צוזאמען מיט בעלאן, קיין מאָסקווע, איז ער שוין אן אייגענער מענטש אין דער ליטערארישער און טעאטראלער סוויווע. דאָ וועט ער „שפּילן א ראָמאן" מיט דער „שטראָם"־גרופּע (מיר געדענקען, אז ער איז דער אוטאָר פון דער הילע פונעם ערשטן סאָלידן ייִדישן סאָוועטישן זשורנאל „שטראָם" און אויך — דאָס איז טשיקאווע! — פון דער הילע פונעם זשורנאל „כאליאסטרע", וועלכן פּערעץ מארקיש האָט ארויסגעגעבן אין ווארשע). ער הייבט אָן מיטארבעטן אין דער ייִדישער טעאטער־סטו־דיע, וועלכע וועט שפּעטער פארוואנדלט ווערן אין „גאָסעט", און דאָרט שאפט ער זײַנע אויסטערלישע דעקאָראציעס און וואנט־געמעלן.

שאגאל האָט ערגעץ געשריבן, אז זײַנע ערשטע געמעלן האָט ער געמאָלט אָף זעק, וועלכע ער פלעגט אופהענגען איבערן בעט, אָבער די

[1] די זעקס טעג פון וועלט־באשאף.

פילצאַליקע שוועסטער זײַנע פלעגן זיי אראָפּנעמען, ווײַל מע האָט באַדאַרפט אין די זעק אָנשיטן בולבע. און אָט איצט, אין „גאָסעט", מאָלט ער אַף די ווענט. אין די פאַנדן פון דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, אין מאָסקווע, היט מען זאָרגפעליק די פּריזן און פאַנאָס, מיט וועלכע שאַגאַל האָט אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרן באַדעקט די ווענט און דעם סופיט פונעם „גאָסעט".

— אין רוסלאַנד געפינען זיך די בילדער, וועלכע כ'האָב געשאַפן ביזן אכצנטן־נײַנצנטן יאָר. ניט צו פּאַרזינדיקן, מע גיט אַף זיי גוט אכטונג. עס נאָגט אָבער דאָס האַרץ: שוין לאַנג צײַט זיך זען מיט מײַנע קינדער... שוין לאַנג צײַט...

ער פאַרטראַכט זיך אַף א רעגע:

— איך רוק זיך שוין ביסלעכווײַז איבער דעם נײַנטן יאָרצענדליק. די אַלע מעדאַלן, וואָס א מאָלער קאָן האָבן, האָב איך שוין. איצט פעלט מיר איינס: א קוש טאָן די בעריאָזקע. אָבער מיט די אייגענע ליפּן. א קוש גיט מען ניט איבער מיט א צווייטן...

ער האָט צו מיר א באַקאָשע:

— זאָגט די מענטשן אין דער „טרעטיאַקאָווקע", אַז מײַן פאַריקמאַכער, נו, דער, וועמען כ'האָב אַראָפּגעמאָלט פון מײַן פעטער, איז אייל אַף פּאַפּיר, זיי זאָלן מער ניט שרײַבן אין די קאַטאַלאָגן, אַז ס'איז גואַש... ווען גאָט וועט העלפן און איך וועל זיך אַראָפּכאַפּן קיין רוסלאַנד, זאָלן זיי אָנצײַען נײַע לײַוונטן און צוגרייטן די מאָלערײַ מײַנע פונעם „גאָסעט", איך זאָל קאָנען א ביסל אָן אַרבעט טאָן. ס'איז קליי־פאַרבן, כ'ל עטוואָס אָפּפרישן... איר ווייסט מיסטאָמע — קיין איין בילד מײַנס, וואָס איז פאַרבליבן בא אײַך, איז ניט אונטערגעשריבן. איך וועל אונטערשרײַבן מײַנע בילדער פאַר רוסלאַנד...

מיט א יאָר פופצן צוריק האָב איך אָנגעשריבן א ליד וועגן שאַגאַלן. מיר זײַנען נאָך דעמלט פערזענלעך ניט געווען באַקאַנט. אָט איז די ליד:

ס'האָט מארק שאַגאַל אַרומגעקרײַזט די וועלט,
פאַרקניפּט מיט פרעמדע שטעט עס איז זײַן גורל.
נאָר, פאַרנדיק פון היים צו היים, פאַרפעלט
ער האָט די שטאָט — די נעסט פון זײַן געבוירן.

און אין פּאַריזש ער הערט דער מאַמעס קאָל,
געהיים אין האַרץ אין אייגענעם ער היט עס:
אַף יעדן נײַעם הימל, וואָס ער מאָלט,
דעם שטערן פרווט ער אָנמאָלן פון וויטעבסק.

דער גאָטגעבענטשטער מאָלער מארק שאַגאַל
האָט צוגעווינט זיך זײַן אינדר'היים פּונוויטן,
פאַרגעסן בלויז אָט יענעם פּראָסטן קלאַל:
אַפילע שטערן הימלשע זיך בײַטן...

איצט פיל איך, אז די „פארב״ אין מײַן אלטער ליד איז ניט די געהעריקע. אף דעם אָרט, ווו עס לאָזט זיך פילן דער פאָרוורף, איז אָנגעמאָלט „א ציג ווײַס און א וואָראָנע שווארץ״. דאָס הייסט ניט, אז כ׳וועל די ליד ארויסנעמען פון מײַנע ווײַטערדיקע זאמלונגען. אָבער אין זיי וועל איך אײַנשליסן אויך לידער וועגן שאגאלן, וועלכע כ׳האָב פארצייכנט אין נאָטיץ־ביכל, ווען די בערגלעך פון סען־פּאָל דע וואנס זײַנען שוין פארבליבן הינטער מײַן פּלייצע:

מיט מארק שאגאלן
אין שטעטל סען־פּאָל דע וואנס

1. באם מיטללענדישן יאם

א סוואָרע, דאָס אָרט איז מיר קענטלעך,
געקומען אהער כ׳בין ניט סטאם.
אינמיטן א יאם מיט לענדער
ליגט דער מיטללענדישער יאם.

באם ברעג פון אן אנדער מעדינע
עס פאלט ארײַן אזוי רײַך
אין יאם האטיכוין — די דווינע,
מארק שאגאלס טײַך.

און פונקט ווי דער ברעג וואָלט געהיט עפּעס
אזוינס, וואָס פארטרויט אים מע האָט, —
באהאלט ער אין אלפּן־בערג וויטעבסק,
מארק שאגאלס שטאָט.

איך דארף זײַן שטארקער פון אײַזן
ניט אויסצונוצן דעם שאנס —
אוועקטראָגן אזש קיין רײַסן
דאָס שטעטל סען־פּאָל דע וואנס.

אין פרעמדע בערג א פארוויקלטן,
ברענגען שטיל, ווי געהיים,
אזוי ווי א קינד צום וויגל,
מארק שאגאלן אהיים.

2. די בערעזע

אין סאָד בא מארק שאגאלן פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט...

באם פלאנצןביימער אף דער הארטער רויערד
איז וויפל וועסנעס שוין אין סאָד פארטאָן
אליין די באלעבאָסטע וואלענטינע
(סע שפאסט שאגאל: די פלאנצן פאָלגן נאָר א יעפאסטויער...)
און טאקע — אלע ביימער,
אויסער דער בערעזע,
צוויטען שוין און גרינען,

בלויז די בערעזע נעמט זיך דאָ ניט אָן,
מיט יעדער וועסנע פלאנצט מען זי באנײַס א קאָן.

ס׳האָט וואלענטינע שוין די ערד צעדרויבלט ארום ביימל
און אָנגעפויעט עס, פארשטעלט פון ווינט,
געזאָגט: „ראסטי, ראָדנאיא״ אזוי היימיש, —
קאָן דוכטן, אז ס׳וועט זײַן שוין גוט אצינד:
דאָס באסיעכידקעלע אין סאָד בא וואלענטינען,
דאָס בלאָנדע ביימעלע אליאָנושקא — עס וועט
אימירצעשעם א מאָקעם דאָ געפינען,
און האָבן וועט עס זאפטן אויך צו זעט...

גייט דורך א וואָך, און די בערעזקע צאנקט.
איר קאָרע — געל,
דאָס שטענגל — קראנק,
די צווײַגלעך טונקעלע, פארטריקנטע זיך ברעכן.
און ס׳זאָגט שאגאל צו וואלענטינען: „דו בארעכן —
אונטער דער הויט עס האָבן אויך בערעזעס א פיגמענט,
און ווּ זיי זאָלן וואקסן, איז געווענדט
אין זייער ביימערשן כאראקטער.
דער וואָרצל באם בערעזקעלע —
ווײַזט אויס, פון דער פאָגאָדע דאָ ער בראקנעט.
און הערסטו, ס׳איז די זאך אין דעם,
וואָס אין דעם סאָד אין אונדזערן עס פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט״...

3. א ראָמאַנטישע געשיכטע,

דערציילט פון מארק שאגאלן

אין אכצנטן יאָר אין הארבן
עס האָט ניט געפעלט קיין סאך,
כ׳זאָל ווערן פון אלע פארבן
אין רוסלאנד דער קאָמיסאר.

געהאט א מאנדאט כ׳האָב טאקע
פון לונאטשארסקין אליין
(מײַן קראנקער, אָרעמער טאטע
פון פרייד צי פון שרעק האָט געוויינט...)

„אף אָנפירן, — איז געמאָלדן אין יענעם מאנדאט, — מיטן קלאל וויטעבסקער פרײַע מאָלער באשטימט מען דעם כאווער שאגאל...״

אין אָנהייב א רוף א שארפן
געדרוקט אין דער שטאָטישער בלאט:
„וויטעבסקער קינסטלער! מיר דארפן
האָבן אצינד דעם פלאקאט!
וויטעבסקער קינסטלער! אָקטאָבער
ווערט אלט שוין א קײַלעכיק יאָר,
ער דארף ניט די פארב פון לאָרבער,
קיין שווארצע אויך ניט, און גאָר.
אָקטאָבער וויל פארבן בונטע —
די רויטע פרײַער פאר אלץ,
די ברוינע פארב די געזונטע,
די פארב פון ברויט מיט זאלץ.
לעמאנעשעם אויך די בלויע:
אָן הימלען עס איז ניטאָ
ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער,
ניט קיין טויב, ניט קיין קראָ.
אין הימל, אף די פלאקאטן
מאָלט דעם מענטשן, אזוי ווי ער פליט.
איבער דעכער מײַן אָרעמען טאטן
לאָזט אויך מאַכן א צוויי־דרײַ טריט.
אין זיבעטן טאָג פון נאָיאבער מאָנאט
מיר דארפן באפוצן דעם יאָמטעוו דאָ הי.
כ׳האָב געהערט, אז איר פרעגט זיך אָנעט:
ווער באצאָלן וועט פאר דער מי? —
די רעוואָליוציע וועט צאָלן.
בײַטן די פארב — אין דעם איז די קונץ.
זאָלן אלע מאָלער מאָלן! —
מארק שאגאל. קאָמיסאר פון קונסט״.

האקיצער, אַוועק איז אַן ארבעט.
אין סטודיע בא אונדז האָט געדאכט:
פון אונדזערע רויטע פארבן
וועט אָנצינדן זיך דער דאך!

יאָ, ס׳איז דער יאָמטעוו געווען שוין
באפוצט מיט פלאקאטן ניט שלעכט:
פליִענדיקע מענטשן
אף פליִענדיקע פערד!
איבער די קאָלאָנעס —
פליִענדיקע נעשאָמעס!
העכער
פון די דעכער
פליט אונדזער געלעכטער!
אונדזער פרייד —
פליִענדיקערהייט!
פערד — בודיאָניס,
דאָס לעבן — ניַי,
פליִען קאָן עס
פראנק־און־פריַי!

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

געווען בין איך יונג — א מעכײַע!
קיין שעם אף דער וועלט ניט געהאט.
געטרוימט: אין דעם רויטן כאַיִל
זיַין א רויטער סאָלדאט.

נאָר וואָס זאָל איך לאנג דאָ בריַיען? —
אין ציַיטן ארום, אין פאריזש,
געוואָרן איך בין א מין „דיַיען"
אין אטעליע לא־ריש.
געפאסקנט סיַי קונסט, סיַי מידעס
אין אונדזער באָהעמישן קריַיז,
געהאט פאר די אויגן מיַין וויטעבסק,
דערמאָנט זיך באניַיס און באניַיס,
אז דעמלט, אין יאָר אין הארבן
(עס איז ניט געווען קיין געדאכט),
איך האָב זיך גערעכנט
פון פארבן
אין רוסלאנד א קאָמיסאר.

די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד איז בײַ שאַגאַלן ניט קיין פֿליכט מיט רוסלאַנד פונדערווײַטנס און אויך ניט קיין פֿליכט בענעגייע רוסלאַנד מיצאַד אַן אָוועקגעגאַנגענעם. שאַגאַל האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט אַזוי: „איך האָב קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן מײַן אַלטע היים, וועלכער איך בין גע־בליבן טרײַ אין מײַן קונסט, ווי אַ מאָלער און ווי אַ זון פֿונעם פֿאָלק". איבער שאַגאַלס שאַפֿונג גייט אַרום רוסלאַנד — אַ שטוב־באַלעבאָסטע, וואָס וואַרפֿט זיך ניט אין די אויגן, נאָר איז שטענדיק דאָ. אין אַ מינוט פֿון זעלבסט־אַנאַליז קומט ער צום אויספֿיר: „איך האָב באַנוצט... פּראָווינ־ציעלע רוסישע אַרכיטעקטור, ווי אַ קוואַל פֿון פֿאָרמען". אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָן איך זיך זײַנע צוויי פֿרי̈ע בילדער — „דער קאַצעוו", ווו עס גיט וועגן זיך שטאַרק צו וויסן דער רוסישער לובאָק, און „די פֿרוי, וועלכע שוואַנגערט" — אַ בילד, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אייניקע קונסט־שאַצער צו בויען טעאָריעס וועגן דעם, אַז שאַגאַל גייט אין זײַן שאַפֿונג פֿון דער רוסישער איקאָנע.

ווען אין זײַן וועלט רײַסט זיך אַרײַן — און שפּעטער שפּרייט זיך אויס — פּאַריז, קומט ניט דער נײַער מאָטיוו אין סטירע מיטן רוסישן מאָטיוו. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, האָט ער די בילדער „דער קאַצעוו" און „די פֿרוי, וועלכע שוואַנגערט" געמאָלט אין פּאַריז, אין הויז פֿון דער קינסטלערישער באַהעמע לאַ־ריש, ניט ווײַט פֿון דער פּאַריזשער בוינע („מײַן אַטעליע, — שרײַבט ער, — איז דאָ געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט בילדער, מיט לײַוונטן, וואָס זײַנען ניט געווען קיין לײַוונטן, נאָר מײַנע טישטעכער, מײַן בעטגעוואַנט, מײַנע נאַכט־העמדער, צעשניטן אויף שטיקער"). אויך די גאַגאַל־אָפּאָרטן האָט ער געמאָלט אין פּאַריז; פֿאַר זיי האָט ער זיך גענומען מאַמעש אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זײַן קומען אַהער אין 1923.

דער פֿראַנצויז קוקט אַ פּאַרקישעפּטער אויף שאַגאַלס „פּאַריז דורך מײַן פֿענצטער" און „דער זיוועג פֿונעם אייפֿעל־טורעם", ער זעט מיט שאַגאַלס אויגן דעם קאָנקאָרד, די באַסטיליע, די קירכע נאָטר־דאַם, די בריקן איבער דער סען. און מיטאַמאָל — עס טאַנצט העכער פֿון די פּאַריזשער מאַנסאַרדע־טורעמלעך אַ פֿרוי! וואָס איז עס? אַ ווונק אויף דעם ייִדן, וואָס שוועבט איבער די וויטעבסקער דעכער? פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר פּאַריז גייט בעסער אונטער אַ גראַציעז־טאַנצנדיקע פֿרוי אין אַ דורכזיכטיק־בלויען קלייד, אָבער דער מאָלער שאַגאַל — ער האָט זיך ווייניק־וואָס געענדערט. איבער זײַן אייפֿעל־טורעם, איבער דעם נאָטר־דאַם שוועבט אַרום די פֿאַרליבטע פּאָר, וואָס איז ווי אַריבערגעפֿלויגן פֿון דעם וויטעבסקער הימל אינעם פּאַריזשער און וועט פֿרי̈ער אָדער שפּעטער צוריק זיך אומקערן...

רײַך איז מאַרק שאַגאַלס לעבנס־ווערק. ס'האָט אונדז ניט געסטײַעט קיין צײַט דורכצושמועסן זיך וועגן זײַנע אילוסטראַציעס צו לאַפֿאָנטענען, צו „דאַפֿניס און כלאָע", צו בעלאַ שאַגאַלס צוויי ביכער. מיר האָבן ניט גערעדט וועגן זײַנע ליטאָגראַפֿיעס צו „טויזנט און איין נאַכט", וועגן די צירק־אַקראָבאַטן, וועגן דעם סופֿיט אין דער פּאַריזשער אָפּערע, וועגן זײַן קעראַמיק, פֿרעסקעס, סקולפּטורן, וועגן די דעקאָראַציעס צו סטראַווינסקיס

„פײַער־פױגל״. אָבער באַזונדערס טוט מיר באַנק, װאָס איך האָב בא אים ניט אַרױסגערופֿן דעם כּײשעק צו זאָגן עפּעס װעגן אַ בילד, פֿון װעלכן כ׳האָב בלױז געזען אַ רעפּראָדוקציע, און ס׳איז אומעגלעך עס צו פֿאַרגעסן. „די קרײציקונג״ הײסט דאָס בילד. ס׳איז מאַרק שאַגאַלס װײ־געשרײ, װען ער האָט, זײַענדיק בײסן צװײטן װעלט־קריג אין אַמעריקע, זיך דער־װוּסט װעגן דעם מאָרד איבערן ייִדישן פֿאָלק, װאָס די פֿאַשיסטן פֿירן דורך מיט כּײַישער אַכזאָריעסדיקײַט.

גרױס איז געװען דער װינד־און־װײ פֿון דעם קינסטלער. ס׳איז אים אױסגעקומען אָפּלײגן אין אַ זײַט די ביטאָכנדיקע ליריש־טרױמערישע פֿאַרבן און מאָלן װיטעבסק אין פֿלאַמען („די נעשאָמע פֿון דער שטאָט״, „דאָס רױטע פֿערד״ אאַ.). אױפֿן בילד „די קרײציקונג״ איז צום צײלעם צוגעצװאָקט ניט קריסטוס, נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק. אין אָפּשײַן פֿון פֿײַערן, װען „דאָס שטעטל ברענט״, הענגט אַן אױסגעמאַגערטער, נאָך יונגער ייִד מיט אַ געל בערדל, אין אַ טאַלעס אױפֿן נאַקעטן לײַב, און הינטער אים — שיפֿן מיט פּלײטים, ברענענדיקע באָטעמעדראָשים, טױט־לאַגערן מיט אַסירים...

יענע צײַטן זײַנען שױן פֿון לאַנג פֿאַרשװוּנדן. שאַגאַל װײסט, אַז װיטעבסק איז געװען אַש און איז געװאָרן צוריק װיטעבסק, איצט שױן אַ נײַע גרױסע שטאָט — אַ קראַך. אַלײן שאַגאַל קאָן איצט ניט אָן אַ שמײכל לײענען דאָס, װאָס ער האָט ערשט נעכטן, דוכט זיך, אָנגעשריבן װעגן װיטעבסק: „דאָרט זיצן, װאַרטנדיק אױף מיר, גרינע ראַבאָנים, פּױערים אין זײערע בעדער, ייִדן — רױטע, גוטע, אײדעלע — מיט זײערע שטעקנס און זעק, זײ זיצן אין די גאַסן, אין די הײַזער, אַפֿילו אױף די דעכער. זײ װאַרטן אױף מיר. איך װאַרט אױף זײ...״ װי־אַזױ װעט אױסזען װיטעבסק, װען שאַגאַל װעט אַהין קומען? װאָסערע מענטשן װאַרטן דאָרט אױף אים? אַך, פֿרעגט ניט, ס׳איז אַן אַנדער װיטעבסק, דאָס שאַגאַלישע איז אַװעק אין דער געשיכטע, האַגאַם צופֿעליק האָבן זיך אױסגעשײלט פֿון די סרײפֿעס און זײַנען אַלפּי־נעס פֿאַרבליבן... װאָס מײנט איר? — די דװאָריאַנסקע סאָבראַניע, דעם גובערנאַטאָרס הױז, די קאַלאַנטשאַ... שאַגאַל װעט זײַן איבעראַשט: ער װעט דערזען די גרױסע פֿליגל, װאָס זײַנען װיטעבסק האָט באַקומען, די הײַנטצײַטיקע ליכטיקע קװאַרטאַלן, די פּילצאָליקע זאַװאָדן. יעהודע פּענס שול פֿאַר מאָלערײַ — שאַגאַלס קונסט־שול — איז איצט אַ פֿאַקולטעט בא אײנעם פֿון די אָרטיקע אינסטיטוטן. אין דעם װיטעבסקער מוזײ זײַנען מיט אַ ברײטער האַנט אױסגעשטעלט פּענס בילדער. שאַגאַל זאָגט מיר:

— איך דענק, אַז כ׳װעל עטלעכע מײַנע זאַכן שענקען דער גאַלערײ אין װיטעבסק, זײ זאָלן דאָרט זײַן, זאָלן זײ... װאָסי, פֿאַר װיטעבסק װעל איך קאַרגן בילדער? אײַ, הערט שױן אױף...

אין מעשעך פֿון אונדזער גאַנצן שמועס איז פֿון אונדז ניט אָפּגעגאַנגען װאַװאַ. זי האָט געהאַלטן אין אײן אַרײַנקוקן אין אונדז, — ניט אײַנװײ־ניק אין יעדן באַזונדער, נאָר אין דעם װעלטל, װאָס האָט זיך צװישן

אונדז אויסגעשפּרייט. די כּיינעוודיקע פּרוי, וואָס שטאַמט פון א מיליאָ־נערסקער מישפּאָכע — פון די בראָדסקיס (טאַקע פון די „עמעסע בראָד־סקיס", נאָר דער טאַטע אירער איז געווען ניט דער סאַכאַראָזאַוואָדטשיק, ער האָט געווינט מיטן געזינד אין באַקו און „זיך פאַרנומען מיט נאַפט") — זי איז, ווי שאַגאַל האָט זיך אויסגעדריקט, „דער רוסישער מאָטיוו אין זײַן איצטיק לעבן".

איך דערצייל איר א טשיקאַווע געשיכטע. אין קיִעוו געפינט זיך אין בראָדסקיס מויער דער רעפּובליקאַנישער שרײַבער־פאַרבאַנד. אין די צי־מערן שטייען טישלעך, און מע אַרבעט, ווי אין אַנדערע אַנשטאַלטן. פאַראַן א קלוב, א רעסטאָראַן אין אונטערשטן שטאָק. בלויז איין צימערל האָבן די אוקראַיִנישע שרײַבער ניט פאַרנומען, מע האָט עס פאַשעט צוגע־מאַכט — דאָס איז די אַמאָליקע „שטובּיקע סינאַגאָגע" בא די בראָדסקיס. איך דערצייל עס וואַוואַן, און זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ. יאָ, זי איז נאָך געווען א קינד, א קליין מיידעלע. זי האָט געלעבט א געוויסע צײַט אין קיִעוו, באַם פעטער, און זי געדענקט דאָס סינאַגאָגעלע אינמיטן שטוב. איין זאַך פאַרשטייט זי ניט: צוליב וואָס דאַרפן עס האָבן די שרײַבער? סײַדן צו בלאָזן שופער, ווען עס באַווײַזט זיך א גוטער בוך? זי איז, אויב פאָלגן שאַגאַלן און ריידן מיט זײַנע רייד, אין א בלויער שטימונג. זי הערט זיך צו, וויאַזוי מיר שמועסן היימיש וועגן מענטשן, וועלכע זי האָט קיינ־מאָל אין לעבן ניט געזען, אפילע וועגן אייניקע, קאָן זײַן, ניט געוווּסט. דאָברושין, האָפשטיין, ענגעל, מיכאָעלס, פאַלק, נאַטאַן אַלטמאַן, דער ניס־טער, די אַרטיסטן פונעם „גאָסעט", די קינדער פון דער מאַלאַכאָווקער יִדישער קאָלאָניע, וועלכע זײַנען הײַנט שוין באַיאָרטע מענטשן. מיר דערמאָנען דעם סקולפּטאָר בראַזער פון יעהודע פּענס שול, און דאָ קומט אפן געדאַנק זאַיִר אַזגורס (אויך פון פּענס טאַלמידים) „יעהודע האַלייווי". פרעגט מיך שאַגאַל: „פונוואַנען ווייסט א הײַנטיקער מינסקער סקולפּטאָר, וויאַזוי ס'האָט אויסגעזען יעהודע האַלייווי?" ענטפער איך: „און פונוואַנען ווייסט דער הײַנטיקער מאָלער מאַרק שאַגאַל, וויאַזוי ס'האָט אויסגעזען אַווראָם אָווינו?".

וואַוואַ קלײַבט נאַכעס. זי לאָזט אונדז ריידן, וואָס מיר ווילן. זי מישט זיך ניט. שאַגאַל רעדט וועגן ליבע צו רוסלאַנד: „ווען איך שטעל איצט אוף אין זיקאָרן מײַן גאַנץ לעבן, ווײַזט זיך אַרויס, אז כ'האָב קיינמאָל ניט געזאָגט קיין פרוי „איך האָב דיך ליב"... אפילע בעלאַן און וואַוואַן — אויך ניט. וועגן ליבע רעדט מען ניט. ביפראַט — וועגן ליבע צום היימ־לאַנד"... דאָ דערמאָנט ער זיך: „איך האָב ניט לאַנג צוריק, צוליב אַן אויס־שטעלונג, אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע א זאַך, וועלכע כ'האָב אָנגערופן „זדראַווסטוווי, ראָדינאַ"... עפּשער וועט איר זיך מאַטריִען זײַן און זיך דערוויסן..."

מיר געזעגענען זיך. ווען מיר גייען צום אַרויסגאַנג, שטעלט שאַגאַל זיך אָפּ לעבן די טרעפּ, וואָס פירן צו די אייבערשטע צימערן, און טוט שטיפעריש א פיר מיט דער האַנט:

— טרעפֿ! באַ פּייגע־איטע שאַגאַל אין שטוב זײַנען אַזעלכע טרעפֿ ניט געווען...

לעבן דער דרויסן־טיר שטייען צוויי פֿיגורעלעך פֿון עפּעס אַ כּלי, כ׳האָב זיך ניט צוגעקוקט פֿון וועלכער. שאַגאַל האָט זיי באַקומען אַ מאַטאָנע פֿון איטאַליע. ער צעלאַכט זיך מיט פֿאַרגעניגן, ווען איך רופֿ זיי אָן „מאַמזיירימלעך". „איך נעם זיי ניט צו פֿונדאַנען... ס׳געפֿעלט מיר, וואָס זיי פֿאַרשטעלן שאַגאַלן"... — דערבײַ טוט ער אַ ווונק אויף די צוויי פּרעסקעס מיט דער כסימע "Chagall", וועלכע זײַנען אַרײַנגעפּאַסט אין דער וואַנט פֿון בײדע זײַטן טיר.

באַ דער שטוב וואַרט אויף אונדז אַ בלישטשענדיקער, גרויסער אויטאָמאָביל, אַזאַ אויסערגעוויינלעך באַקוועמער, אַז ס׳איז, כּלעבן, אַן אוווירע אין אים אַרײַנזעצן דאָס אַמאָליקע וויטעבסקער יינגל, וואָס האָט, זײַענדיק שוין אין פּאַריז און ניט קאָנענדיק אוועקוואַרפֿן די וויטעבסקער שטיק, געשריבן וועגן זיך: „איך בין אַ זון פֿון אַ באַלמעלאָכע. אָפּט, ווען איך בין אין אַ סאַלאָן, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָב איך כּיישעק אַ שפּײַ טאָן אויף די בלישטשענדיקע פּאַרקעטן..."

שאַגאַל איז אײַנגעשפּאַרט: אַראָפּפֿירן אונדז פֿונעם בערגל מוז ער אין זײַן אייגענעם וואָגן. מיר זעצן זיך אַרײַן אין אויטאָמאָביל — שאַגאַל, וואַוואַ, איר ברודער, דער אַדמיניסטראַטאָר, עווע גאָלדגעוויכט, טעוויע שומאַכער און איך. און גלייב מיר, טײַערער לייענער, אַז אויך פֿאַר דיר וואָלט זיך דאָרט געפֿונען גענוג אָרט.

— אויף ווידערזען... נאָר טאַקע אויף ווידערזען!

פֿאָרנדיק צוזאַמען מיט מײַנע כאַווירים קיין ניצע, האָב איך זיך גערעבראָכן דעם קאָפּ, פֿאַרוואָס שאַגאַל האָט די טראַדיציאָנעלע געזעגענונגסווערטער איבערגעכאַזערט צוויי מאָל.

פֿראַנקרײַך איז ניט בלויז פּאַריז

אַ פֿײַנע מעדינע — פֿראַנקרײַך. מיינט אָבער ניט, אַז אין פֿראַנקרײַך שטייט אויף יעדן טריט־און־שריט אַן אייפֿעל־טורעם, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿאַרגאָסן מיט אַספֿאַלט, און ווו איר זאָלט ניט אַ קוק טאָן, גייט מען אַריבער די גאַס דורך טרי־ומפֿאַלע אַרקעס.

אין פֿראַנקרײַך וואַקסט גראָז! אין פֿראַנקרײַך זײַנען דאָ ביימער! איך האָב מיט די אייגענע אויגן געזען אין פֿראַנקרײַך גראָז און ביימער. עס זײַנען פֿאַראַן אין פֿראַנקרײַך בעהיימעס און פֿערד, וועלכע האָבן פּאַשע צום קײַען און קוואַל־וואַסער צו טרינקען.

קעדיי זיך זען מיט שאַגאַלן, בין איך דורכגעפֿאָרן פֿראַנקרײַך פֿון צאָפֿן אויף דאָרעם. אין פּאַריז, אַפֿן ל׳אָגער וואָקזאַל, האָב איך געקויפֿט אַ פֿענע, געשניצט פֿון שטײַפֿן האָלץ, מיט דע גאָלס קאָפּ אויף דעם עק. „עקסעלענץ, — האָב איך געוואָרנט, — זע, אַז אין דײַן זכוס זאָל דאָס פֿענעלע ניט שרײַבן קיין קראַמאָלע זאַכן..."

אין וואָגאָן נעמט מען זיך דורכשמועסן, און עס ווערט היימיש. עווע

גאָלדגעוויכט, מײַן באַגלייטערן, האָט „פאַרבראַכט" די היטלער־צײַט אין אָשווענטשים. דער אויסגעבערענטער נומער אף איר האַנט ענדיקט זיך מיט דער צאָל 13. דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס דער סאַך איז געווען א גליקלעכער: עווא איז געבליבן לעבן. איר ברודער איז אלט געווען צוואַנ־ציק יאָר, ווען די נאַציס האָבן אים דערשאָסן. זײַן פּאַרטיזאַנישן דרײַלינג האָט אויסגעגעבן — זאָל עס זיך ניט אוועקלייגן ווי א פלעק אף אונדזער פאָלק — א ייִד, א רײַכער ייִד, בא וועמען די פּאַרטיזאַנער האָבן געפּאָדערט געלט אף צו קויפן געווער. עוואס מאַמע, א פּוילישע ייִדענע, האָט גע־לעבט אין בעלגיע און דאָרט הייליק פּאַרדינט דעם נאָמען, מיט וועלכן עס האָבן זי געקרוינט ניט קיין סענטימענטאַלע מענטשן: „די מוטער פון די בעלגישע פּאַרטיזאַנער". און נאָך א נאָמען האָט זי דערוואָרבן אף די עלטערע יאָרן, פאַנאַנדערטראָגנדיק אין א קוישל איבער די הויפן פלוגבלעטלעך, — „אונדזער גאָרקיס מוטער".

אין די פענצטער פון וואַגאָן קוקן אַרײַן גוט קולטיווירטע פעלדער. אף די בערגלעך — אלטע שלעסער מיט א פולן קאָמפּלעקס עקזאָטיק צו זיי. עס זעען זיך פונדערווײַטן כורוועס פון אמאָליקע פעסטונגען, אָפט בישכיינעס מיט שטעטלעך, אין וועלכע ס'איז ניטאָ קיין איין אלט הויז. אין די שטעטלעך — בונטע רעקלאַמעס, וועלכע שרײַען און ווינקען צו די פענצטער פונעם צוג. ווײַטער שווינדלען נאָכאַמאָל פעלדער. אף זיי — ציגלנע קעלערס פאַר דעם אויבס. די פעלדער זײַנען פּאַרלאָזט, ס'איז שוין אָפּגעווען די פּרוכטיקע צײַט, איצט זײַנען זיי קילבלעך־פּוסט, די לופט איז אָנגעפילט מיט ראָסע.

אין קופּע אַנטקעגן אונדז זיצט א פרוי מיט א זויג־קינד. זי ווייסט ניט, אז איך „מאָל זי אראָפּ" אין נאָטיץ־ביכל:

די מאַדאָנע אין צוג פּאַריזש — מאַרסעל

דעם קינד —
דער גרעסטער צוטרוי.
אָ קינד,
ווי רײַך דו ביסט,
ווען ס'לאָזט דיך צו די מוטער
צו אירע שיינע בריסט.

די קאָקאָס־ניס ניט וויאַנען,
די מילך אין זיי — געשמאַק.
ס'פּאַרנייגט זיך מאַריאַנע
אריבער דיר, זשאַן־זשאַק.

און אלטע וויגליד זינגען
זי וועט מיט ליפּן־בעז.
עס קלאַפּן אירע פינגער
אין טאַקט פון מאַרסעליעז.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין שטעטעלע דיזשאָן, וואָס איז ברייט באַוווּסט, ווײַל דעם אמת פונעם מער האָט אין מעשעך פון לאנגע יאָרן דאָ פארנומען דער פּאָפּולערער קאנאָניק קיר און ווײַל דאָ מאכט מען זענעפט — גאָרטשיצע. אָף יעדן טיש אין פראנקרײַך שטייט באם עסן א סלאָיִקל זענעפט מיט דער מארקע פון דיזשאָן.

ניין, פראנקרײַך איז ניט בלויז פּאריזש. אָט איז ליאָן — א גרויסע שטאָט מיט א ברייטן טײַך. מע זעט גלײַך: ס׳איז אן ארבעטער־שטאָט. די הײַזער — פּראָסטע, די מענטשן — פארנומענע. און אָט איז אוויניאָן. „דאָ געפינט זיך די עלטסטע סינאגאָגע אין גאנץ פראנקרײַך״, — זאָגט מיט ווירדע עווא גאָלדגעוויכט.

וואָס ווײַטער אָף דאָרעם, אלץ דאָרפישער ווערט דער פּייזאזש. און מיטאמאָל — מארסעל! און דער מיטללענדישער יאם! דער צוג ווערט פארפאלן אין א טונעל, און ווען ער רײַסט זיך ארויס אָף דער ליכטיקער שײַן, גיבן זיך א שאָט פון די ארומיקע שטיינערנע בערגלעך א שלאל מיט רויטע דעכער; פון א בוכטעלע, פון אן אײַנגוסל טוט זיך א וואָרף צום צוג דער יאם און ווערט ווידער אנטרונען. ווי פון אונטער דער ערד, באַווײַזט זיך א הויפן עקסטרא־מאָדערנע מויערן און גלײַך נאָך זיי — א פּאָר אלטע געסלעך, ווו מארסעל דעמאָנסטרירט אָף דורכגעצויגענע פון שטוב צו שטוב שטריקלעך, וואָס פאר א גרעט עס טראָגן זײַנע אײַנוווינער.

פון מארסעל ביז טולאָן און ווײַטער — ביז קאן פאָרט מען מיטן ברעג פונעם „יאם צווישן די לענדער״, ניט זעענדיק גופע דעם יאם. לענגויס דעם וועג ציט זיך א קייט בלויע בערג, און בא זיי צופוסנס — פעלדער און לאָנקעס. די נאכט פאלט גיך צו. אָף די געדיכט־באוואקסענע בערג גיסן זיך צונויף די ביימער־קרוינען. איבער דער אווטאָסטראדע, וואָס גייט דורך פאראלעל מיט דער אײַזנבאן, פליִען ארום אָן אופהער פלאטערלעך — די פײַערן פון אווטאָמאָבילן. רויטע פלאטערלעך — אהין, געלע — אהער.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין דער „שטאָט פון די פעסטיוואלן״ — אין קאן.

פראנקרײַך איז ניט בלויז פּאריזש.

טאקע פונדאנען, פון קאן, זײַנען מיר אָף מאָרגן ארויסגעפאָרן קיין סען־פּאָל דע וואנס, צו שאגאלן.

פּאריזשער נײַס

ווען איר פאָרט פון דעם פּלאַץ קאָנקאָרד, לענגויס דעם בולוואר סען־זשערמען, צום פּלאַץ אָדעאָן, דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דער לאטײַנישער קווארטאל, — פארגעסט ניט פארקערעווען אָף רעכטס, אין שטילן געסעלע סען־סימאָן, פונקט אנטקעגן דעם ארײַנגאנג אין דער סאָוועטישער אמבאסאדע אָף ריו דע גרענעל. איר וועט דאָרט זען א קליינעם, געמיטלעכן האָטעל אָן א נאָמען, נאָר דערפאר איז ער, ווי געזאָגט, געמיטלעך, און איר קאָנט דאָרט וויפל דאָס הארץ גלוסט ריידן רוסיש: די מאדאם,

וואָס זיצט אין אופּנאַם־צימער, וועט אַף אַלע אײַערע רייד ענטפערן מיט דער גרעסטער העפלעכקײַט, אַז זי פאַרשטייט ניט. אַלע אינדערפרי פאָרט אַהער אַרײַן, קעדייי „אָפּנעמען“ מיך, דער סעקרעטאַר פון „אונזיאַן“ שאַרל שטיינמאַן. ער פאַרשטייט רוסיש ניט מער פון מײַן האָטעל־באַלעבאָסטע, דערפאַר אָבער מאַכט ער אַ רוישעם אַפילע אַף איר, ווען, ניט אופהייבנ־דיק זיך צו מיר אַפן דריטן שטאָק, טוט ער מיך אַ רוף דורכן אינערלעכן טעלעפאָן, ניט אַף פראַנצויזיש און ניט אַף רוסיש:

— קים שען אַרופ! די צאַט שטעיט ניט...

— וואָס הערט זיך עפּעס אין פּאַריזש? — פרעג איך באַ שאַרלען.

פאַר די פיר יאָר, וואָס איך בין ניט געווען אין דער צוויי־טויזנט־יאָריקער שטאָט, האָבן זיך באַ איר צווישן די אַלטע קנייטשן באַוויזן נײַע געזיכט־שטריכן. אַפן פּאָן פון די קלאַסישע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען זעען זיך אַרויס, ווי אַרײַנגעשטעלטע ציין, אַלץ מער און מער גלאַט־אָפּגעפּאָלירטע פּילשטאָקיקע „בילדינגס“ — „אַ־ליאַ אַמעריקען“. ניט ווײַט פון דעם אייפעל־טורעם שטייט שוין אַ בלישטשענדיקער האָטעל, וועלכן עס האָט אויסגעבויט די ניו־יאָרקער פירמע „הילטאָן“. אַרום דעם פּלאַץ דע דעפאַנס האָט מען, ווי מיט אַ בעזעם, אויסגעקערט די האַלב־צעוואַלגערטע הײַזער, און מע האַלט דאָ אין איין בויען רעזידענצן פון גלאָז, אַליומיני און „אַ ביסעלע בעטאָן“ פאַר בענק, קאַרטעלן, מעלוכע־אַנשטאַלטן. ניטאָ שוין דער פאַרייכערטער, ווי אַן אַלטער גאַזע־לאָמפּ, וואָקזאַל מאָנפּאַרנאַס, וווּ מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָבן דער קאָמוניסטישער פּאָלקאָווניק ראָל־טאַנגי און דער גאָליסטישער גענעראַל לעקלערק אָפּגענומען די קאַ־פּיטוליאַציע באַם דײַטשיש־נאַציסטישן קאָמענדאַנט פון פּאַריזש פאָן כּאָלטיץ. אַ גאַנצע כּאָפּטע געזונטע, פרייליעכע הימלקראַצערס, ניט באַלאָ־דענע מיט קאָלאָנעס און סקולפּטורן, שטופּן זיך דאָ אַפּן אָרט פון דעם אַלטן מאָנסיניאָר.

ס'איז מיר אַ שאָד דאָס אַלטע פּאַריזש:

פלאַס דע מאַרע — „די זומפּן־געגנט“,
אַלטע סטאַטועס ליגן שוין נאַזנדיק,
מע טייט זיי פון ראַכמאָנעס וועגן:
עניטאַ נאַזיאַ...

אַמאָליקע פּאַלאַצן — פּאַרוקעט אין די הויפן,
מיטן פּאָנעם צו דער גאַס — הײַנטיקע מויערן.
פון דעם נײַעם פּאַריזש די צײַטן אַנטלויפן,
דאָס אַלטע פּאַריזש וועט אייביק דויערן.

מע וואַשט פּאַריזש. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען זיך נאָך גע־שפּאַרט, צי עס לוינט אָפּוואַשן די סאַזשע פונעם לוווּר. הײַנט ענדיקט מען שוין וואַשן גאַנץ פּאַריזש. די טונקל־גרויע שטאָט איז טיילווײַז גע־וואָרן געל־ווײַס. די הײַזער, וועלכע מע האָט געוואַשן די ערשטע, האָבן שוין ווידער אַ קאָליר, ווי לעמאָשל, די הענט באַ אַ קלאָשאַר. עמעצער

האָט אונטערגערעכנט, אַז די אָפּעראַציע האָט אָפּגעקאָסט באַ צוויי מיליאַרד צוויי הונדערט מיליאָן נײַע פראַנק — אַ גוטער פאַרדינסט פאַר די עטלעכע הונדערט פירמעס, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אַלס וואַשער. בעסער וואָלט מען די פּויטעקע אָפּגעגעבן אַף בויען נאָך אַשטעלעמס, ווי מע רופט דאָ די קוואַרטאַלן נײַע וווינונגס־הײַזער, אין וועלכע דאָס דירע־געלט איז צוגענגלעך.

יאָ, איז וואָס הערט זיך טאַקע אין פּאַריזש?

שאַרל שטיינמאַן כידעשט זיך, וואָס איך ווייס ניט, אַז מע האָט שוין פעסט באַשלאָסן אַריבערטראָגן אַף אַ נײַ אָרט די פּאַריזשער האַלעס — דעם צענטראַלן הורט־מאַרק, וועלכן עמיל זאָליאַ האָט אָנגערופן „דער בויך פון פּאַריזש". הונדערט יאָר איז דער מאַרק געשטאַנען מאַמעש צוויי טריט פונעם לוווּר, און די נאַטורמאָרטן זײַנען דאָרט ניט קיין ערגערע, איידער אַף די לײַוונטן אינעם קונסט־מוזיי.

איך וועל דאָ ניט באַשרײַבן די בערג פּרוכטן און אויבסן, די קאָלהאַ־מינים פליישן, די לעבעדיקע אויפעס און שטוב־באַלעכאַזים, די קאַצאָווים־יונגען אין פאַרבלוטיקטע פאַרטעכער, די פּילקאָלירקע סטײַעס פּאַריזשער הענדלערקעס און גלאַט פּאַריזשער פרויען אַפן מאַרק. ניט דאָס בין איך איצט אויסן. ס'איז, עמעס, גרויע פּראָזע, און דאָך לאָזט מיך ניט צורו אַן אַנדער פראַגע, נעמלעך: ווען מע וועט דעם „בויך פון פּאַריזש" אַרי־בערפירן, ווי דאָס איז שוין באַשטימט, אַזש צום שטעטעלע רענזשיס, אין דער געגנט פונעם אַעראָפּאָרט אָרלי, — ווּהין וועלן זיך דעמלט אַהינטאָן, זײַט מויכל, די שטשורעס, וועגן וועלכע מע דערציילט, אַז זייער צאָל אַפן פּאַריזשער הורט־מאַרק קאָן מען זיך אויסמאָלן אַזוי: יעדע נאַכט פרעסן זיי אויף באַ די צוויי הונדערט טאָן עסנוואַרג...

ווען איך בין אין איינער אַ שפּעטער שאָ אַרײַנגעפאָרן אין די האַלעס (זיי מאַכן זיך ניט צו אַ גאַנצן מעת־לעס), האָט זיך מיר גלײַך געוואָרפן אין די אויגן אַ „טראַנספּאַראַנט", וועלכן ס'האָט באַ זײַן סכוירע אַרויסגעשטעלט אַ הענדלער מיט פיש: „זכרנו את הדגים..."[1] די פּירקאַנטיקע אויסיעס זײַנען פּונקט ווי געוועזן אָנגעשריבן פון די קוינים אַליין: „מיר געדענקען דעם טאַם פון די פיש"...

— רעב ייִד, — האָב איך געזאָגט דעם פיש־הענדלער, — איר מאַכט פונעם כומעש רעקלאַמע פאַר אײַערע פיש...

— וואָס דאַבערט ער? — האָט דער ייִד אַ פרעג געטאָן באַ אַ צווייטן ייִדן, וועלכער איז געשטאַנען דערבײַ.

און ער האָט גענומען מיט גרויס נײַגער זיך נאָכפרעגן באַ מיר:

— איר ווילט עפּשער אַ פּאָר העכט, צי בעסער שלײַען? אַף נעמאָנעס, מיט אַ קאַרפּ וועט איר זיך אויך, כאָלילע, ניט וואַרגן... אַפילע פּלאָטעצעס איז אַ מײַכל, אַזאַ יאָר אַף מיר...

איך האָב ניט געלאָזט זיך אַראָפּשלאָגן פונעם דערעך:

---

[1] זאָכאַרנו עס האַדאָגים.

— ווינבאַלד איר האָט אָנגעשריבן „זכרנו את הדגים", ווייסט איר דאָך געוויס, אַז דאָס איז אַ מין בונטאַרסקע לאָזונג פון די ייִדן אין מוישע ראַבייִנוס צײַטן, ווען דער מידבאַר איז שוין אַלעמען געלעגן אין דער לעבער...

דער הענדלער מיט פיש האָט ווײַטער געשפּילט זײַן שפּיל:

— איך זע, אַז איר זײַט אַ גרויסער מייוון אַף געפילטע פיש, דער בויך זאָל אײַך קיינמאָל ניט ווי טאָן... זאָגט אונדז, איך בעט אײַך (ער האָט באַוויזן מיט דער האַנט אַף זיך און אַפן צווייטן פּאַריזשער ייִדן), צי האָט איר, זיצנדיק בא דער טוירע, ניט פאַרגעסן אַ טונק טאָן אַ שטיקל ברויט אין געפעפערטער פיש־יויך?

איך האָב געזען, אַז מיט דעם ייִדן איז ניטאָ מער וואָס צו ריידן, בין איך אַוועק אין דער טיף פון פּאַוויליאָן, און דאָרט האָט מיך אָנגעיאָגט דער צווייטער ייִד. ער איז אַ „פּענסיאָנער בא די זין". דאָס הייסט, זײַנע זין האַלטן אים אַף דער עלטער אויס. האָט ער געגנוג צײַט צו זיצן און שפּיגלען זיך, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, אין די האַלעס, וועלכע ער האָט ליב, ווײַל ער האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין פּאַריזש.

— מאָסיע לעאָ, וואָס מיט אים האָט איר ערשט זיך געוועקסלט מיט אַ פּאָר אידייען, איז אַ קינד פון די האַלעס. זינט אונדזער קיניג לוי דער גראָבער האָט אַף אָט דעם אָרט אָוועקגעשטעלט דעם מאַרק, זײַנען שוין פאַריבער אַכט מיט אַ האַלבן הונדערט יאָר, און דאָס איז גענוג, עס זאָל זיך אויסאַרבעטן אַ באַזונדער טיפּ פאַריזשאַנער פון די האַ־לעס.

— דער דאָזיקער טיפּ טיילט זיך מיט עפּעס אויס?

— בײַסיק לאָשן... ניט בייז, נאָר בײַסיק... עטוואָס פון יאַריד־קאָמע־דיאַנטן...

דער פּענסיאָנער בא זײַנע זין ווייסט די האַלעס אַף אויסווייניק:

— דאָ איז געשטאַנען דער שאַנד־סלופּ פאַר שווינדלער. מע פלעגט זיי האַלטן צוגעבונדן, און יעדער איינער האָט געמעגט וואַרפן אין זיי, וואָס ער האָט געוואָלט: ווערעמדיקע פּרוכטן, פוילע פּאָמידאָרן, טוכלע אייער, שמוציקע זידלווערטער... און דאָ איז געשטאַנען דער עשאַ־פאָט...

שפּעטער האָב איך וועגן די האַלעס זיך אָנגעהערט אַ גאַנצן פּאַק מיט מײַסעס. איינע פון זיי האָט, קאָן מען זאָגן, אַ שײַכעס צו דער געשיכטע פון דער שטרײַק־באַוועגונג אין פראַנקרײַך... פון קאַדמוינים אָן, נאָך בא לוי דעם גראָבן, האָט אַ פּריווילעגירטע כעוורע פון די האַלעס געהאַט דאָס רעכט צו טראָגן אַף די הענט דעם אָרן פון אַ געשטאָרבענעם קיניג — טראָגן אים אַ שטיק וועג, אָנהייבנדיק פונעם קיניגלעכן פּאַלאַץ און ביז סען־דעני. איז הערט אַ מײַסע — מיט פינף הונדערט יאָר צוריק איז עס געשען! — די מאַרק־לײַט (אין בלויע העמדלעך און אין ברייטע קאַפּעליושן) האָבן געטראָגן דעם אָרן פון שאַרל דעם זיבעטן, און אינמיטנדערינען האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און ס'האָט זיך שוין בעמיילע געמוזט אָפּשטעלן די גאַנצע פּראָצעסיע. „כעווּרע האַלעס" האָט, מאָלט אײַך אויס, דערקלערט

א שטרײַק. זיי װעלן װײַטער ניט טראָגן דעם געקרױינטן ניפּטער, ביז־װאַנען מע װעט זיי ניט העכערן די סכירעס. און זיי האָבן דעם שטרײַק געװוּנען (האַגאַם די פּראָפּאַרציאָנישע באַוועגונג האָט אין פראַנקרײַך זיך אָנגעהױבן ערשט מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער)...

און דאָ, אױף דעם אָרט, שלאָג איך זיך אַליין איבער די רייד און פרעג בא זיך: סטײַטש, אָט דאָס־אָ הערט זיך טאַקע הײַנט אין פּאַריז?

ניין, אין פּאַריז זײַנען הײַנט זיכער דאָ אַנדערע נײַס, נאָר פונוואַנען זאָל איך פון זיי וויסן? קומענדיק פונעם האָטעל צו פאָרן אױף רי פּאַראַדי, 14, אין לאָקאַל פון „אוניאָן", נעם איך װידעראַמאָל צושטיין צו שאַרל שטיינמאַנען:

— װאָס הערט מען עפּעס אין פּאַריז?

— װייסטו װאָס? — פּרוּװט ער פון מיר פּאָטער װערן. — נאַ דיר א פּעקל „זייער װאָרט", עפּשער װעסטו זיך דערװיסן עפּעס נײַס בא די פּאַריזשער ציוניסטן...

„קיין טעל־אָוויוו, — זאָגט אָן די פּאַריזשער ציוניסטישע טאָג־צײַטונג „אונדזער װאָרט", — איז אָנגעקומען דער ייִד יִצחק שיכטמאַן מיט זײַן פרוי און דרײַ קינדער, װעלכער איז געװען דער לעצטער ייִד אין דער רויטער כינע. װי שיכטמאַן דערציילט, איז ער געבוירן געוואָרן אין אָדעס..." (װאָס זאָגט איר אױף דעם קיטײַעץ?..). א צווייטע „פּאַריזשער" נײַס — פון... װאַרשע. אין פּוילן קורסירן צוויי „רעװעליאַציעס": איינע — אַז „דער נאַצי־פאַרברעכער מאַרטין באָרמאַן לעבט אין טעל־אָוויוו אין דער דירע פון גאָלדע מעיר, און יענע האַלט אים אַלס איר קאָכאַנעק, דאָס הייסט געליבטן"; און די צווייטע — אַז „מאָשע דאַיאַן איז ניט מאָשע דאַיאַן, נאָר א פאַרשטעלטער אָטאָ סקאָרצעני — דער אָבערשטאַנדאַרטען־פּיורער"... „אונדזער װאָרט" גיט צו: „פּיירושים צו דעם פּאָגראָמיסטישן מעשוגאַס אין פּוילן זענען איבעריק!.." איצט לאָמיר נאָשן א ביסל נײַס פון פראַנקרײַך גופא. „באַראָן ראָטשילד האָט פאַרלוירן אַן אויג באַם שפּילן אין דער שפּיל פּאָלאָ..." מיר דריקן אויס אונדזער מיטלײַד דעם באַראָן ראָטשילד און זוכן װײַטער. די „גוטע נײַס" קומט סאָפּקאָלסאָף אין דער רובריק „דער פּאָליטישער טאָג". פאַרגלײַכנדיק אין א ספּעציעל אַרטיקל די טראַדיציאָנעלע לאַנדווירטשאַפטלעכע יאַרידן, װעלכע קומען פּאָר יעדעס יאָר, — איינער אין א װײַטן דערפל באָקרואַסאָן, אין טאָל פון דעם טײַך ראָן, און א צווייטער אין סען־דעני, לעבן פּאַריז, — שרײַבט די פּאַריזשער צײַטונג „מאָנד", אַז װאָס שײַעך סען־דעני, איז אָט די שטאָט „שוין אין פינפטן יאָרהונדערט געווען באַרימט מיט דעם, װאָס דאָ פלעגט מען פאַרקויפן אױף דעם מאַרק קינדער, און מיט אָט דעם מיסכער האָבן זיך באַשעפטיקט די ייִדן"... די ייִדישע צײַטונג „אונדזער װאָרט" מאַכט א שאַלשעלעס דער פראַנצויזישער צײַטונג „מאָנד": אײַ־אײַ־אײַ, „מאָנד", „מאָנד"...

האַקיצער, פאַראַן נײַס אין פּאַריז.

אין פּאַריז װײַזט מען א ייִדישן פילם — „מאַזלטאָװ". צוזאַמען מיט דער דיכטערן דאָרע טייטלבוים און מיט איר מאַן דעם פּובליציסט הערשל

מײַער קום איך אַף שאַנז־עליזיי צו זען דעם פילם, און שפּעטער, זיצנדיק אַף דער טעראַסע פון אַ קאַפע, לעבן קינאָ־טעאַטער, מײַדן מיר אויס צו ריידן וועגן אים. ניין, ס׳איז ניט קיין ייִדישער פילם, ס׳איז אַ פילם, וואָס באַווײַזט אַ ייִדישע כאַסענע. די אַרטיסטן ריידן פראַנצויזיש. די כאַסענע איז אַ ייִדישע, און דעריבער שרײַט מען אַף ייִדיש „מאַזלטאָוו״, מע זינגט ייִדישע לידער און מע טאַנצט, אַרײַנשטעקנדיק אין קאַמזויל די גראָבע פינגער פון די הענט. דער אַוטאָר, רעזשיסער, פּראָדיוסער פון „מאַזלטאָוו״ און אויך דער אויספּילער פון דער הויפּט־ראָל איז דער סימפּאַטישער פינף־און־דרײַסיקיאָריקער קלאָד בערי. די „לעבעדיקע רעקלאַמע״ פונעם פילם איז די היימיש־אויסזעענדיקע, שטעטלדיק־ליבהאַרציקע פּאַריזשער „ליובקע קאָזאַק״ — רעגינע („יאָסל בעקערס טאָכטער פון בעלוויל״ — זאָגט מען וועגן איר אין ייִדישן פּאַריזש). אין פילם זינגט זי ייִדישע לידער און פאַרווײַלט דעם עולם מיט דעם, וואָס זי האָט ליב אַ סאַך צו עסן. אין לעבן איז „רעזשין״ (רעגינע) אַ באַלעבאָסטע פון אַ קאַפע, פון אַ גאַנצן רעסטאָראַן, פון דעם איינציקן, ווי מע גיט איבער, וווהין מע קאָן ניט גלאַט אַזוי, ווען עס פאַרווילט זיך, אַרײַנגיין, — מע דאַרף מיט עטלעכע טעג פריִער באַשטעלן אַ טיש. פאַרוואָס עפּעס? ווײַל צוגאַסט בא „רעזשין״, אין איר קאַפע, קאָן מען שטענדיק זען די סאַמע באַרימטע פּאַריזשער באָהעמע.

איז אָט, רעגינע זינגט אין „מאַזלטאָוו״ ייִדישע כאַסענע־לידער — אַזעלכע ווי „בעלץ, מײַן שטעטעלע בעלץ״, „אַ קראַנקער שנײַדער נייט און נייט״... פאַרדאָן, פאַרוואָס זײַנען דאָס דאַפקע כאַסענע־לידער? דאָרע טייטלבוים באַרויִקט מיך: „אײַ, נאַרעלע, אַבי אַ ייִדישע ליד״... און הערשל מײַער רעדט אַרויס איראָניש, אונטערגעשטראָכן־פראַנצויזיש: „קאָלאָ־ריט־ט־טו!״, „עקזאָטיק־ק־קו!״. וועגן דער שפּיל פון די אַרטיסטן ריידן מיר ניט. ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. אין קאַפע אַף שאַנז־עליזיי איז גענוג, אַז מע טרינקט קאַווע...

שפּאַצירנדיק אינדרײַען איבער דער „שענסטער אַוועניו פון דער וועלט״, לייענען מיר די רעקלאַמעס פון אַנדערע פילמען. דער „קינאָ־ראַנטרע״ (דאָס הייסט, דער סעזאָן) הייבט זיך געווייטלעך אָן אין פּאַריזש אין דער צווייטער העלפט סענטיאַבער, דעריבער קאָן מען שוין איצט זען, מיט וואָס עס וועט דאָ זײַן פאַרנומען דער עקראַן.

ווי שטענדיק, באַווײַזט מען אַ סאַך אַמעריקאַנער פילמען: דעטעקטיוון, קאָוובאָי־געשיכטעס, וועסטערנס. די שוועדישע לענטעס זײַנען עראָטישע. שווער צו קויפן אַ בילעט אַף דעם איטאַליעניש־ענגלישן פילם „ראָמעאָ און דזשוליעטאַ״ און אַף דעם סאָוועטיש־אונגאַרישן „שטערן און סאָלדאַטן״. פראַנקרײַך גופא באַווײַזט אַ לײַכטע קאָמעדיע „דער טאַטויִרטער״ (מיט זשאַן גאַבען אין דער הויפּט־ראָל) און דעם פילם פון פראַנסואַ טריפאָ „געגאַנוועטע קושן״ — אַן עלעגאַנטע קאָמישע נאָוועלע וועגן אַ צעשטרייטן יונגנמאַן, וועלכער זוכט אַן אָרט צווישן מענטשן (מערסטנס צווישן פרויען), ווען ער קערט זיך אום אַהיים פון דער מיליטער־דינסט. פּאַריזש האָט ליב פריילעכע פילמען! אָט איז איינער מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „מע דאַרף ניט אָנעמען טאַמעוואַטע מענטשן פאַר ווילדע ענטלעך״.

דאָס איז א פּאַראָדיע אויף די אמעריקאנער גאנגסטער־פילמען. גאנגסטערס אין ראָזעווע מאסקיר־קליידער ראַבעווען צו גאָלד, ווען מע פירט דאָס אריבער פון א באנק. גאנגסטערס אין שווארצע קליידער נעמען אָפּ דאָס גאָלד בא די גאנגסטערס אין ראָזעווע קליידער. גאנגסטערס אין בעזש־קליידער נארן אריבער אויף זייער זייט די געליבטע פון דעם אטאמאן פון די גאנגסטערס אין שווארצע קליידער און פארכאַפּן מיט איר הילף דאָס גאָלד. די שיסעריי, די אויפרייסן, די געשרייען מאכן אזש ציטערן דעם עקראן. די פּאריזשער צושויער לאכן אזוי שטארק, אז אין זאל טרייסלען זיך די ווענט...

אויב איר ווילט, זייט איר גערעכט: ניט דאָס זיינען די היינטיקע פּאריזשער נייס! נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז זייענדיק אין פּאריזש, האָב איך קיין אנדערע נייס ניט געהערט...

גאנץ פּאריזש

איך קום צו פּאריזש, ווי מע קומט צו א פרוי —
אויף א ביסעלע צייט, אויף א קאפּעלע פרייד,
זי באגעגנט אזוי:
„איך געטרוי, איך פארטרוי...״
זי געזעגנט מיט לייד:
„מע צעשיידט״... „מע צעשפּרייט״...

וואָס מאכסטו, פּאריזש?
וואָס ווארטסטו?
וואָס לאכסטו, פּאריזש?
וואָס טראכטסטו?

עס טרעפט, ס׳נעמט אן אנדערע דעם אויבנאָן —
אווינימאָן, צי ליאָן, צי דיזשאָן, צי טולאָן, —
נאָר דאָס דויערט ניט לאנג,
ווייל פּאריזש לאָזט ניט אָפּ
ניט דעם גוף,
ניט דעם שלאָף,
ניט דאָס הארץ,
ניט דעם קאָפּ.

וואָס ווילסטו, פּאריזש?
וואָס פילסטו?
וואָס שפּילסטו, פּאריזש?
וווּהין צילסטו?

פאריזש מיך פארנארט אין איר גאס־בודואר,
און איך ווער פון באנאכט אין פאריזש א קלאָשאר,
און דאָ גלײַך
ווער איך רײַך,
אזש א ראָטשילד איך ווער,
און דאָס הארץ איז מיר לער...

וואָס שטוינסטו, פאריזש, דו שיינס דו?
וואָס וויינסטו, פאריזש?
וואָס מיינסטו?

איך קום אין געצײַל קיין פאריזש — אף א ווײַל,
ס'איז דער אייפל מײַן דאך,
מאָנפּארנאס איז מײַן טיש.
קיין פאריזש כ'האָב געבראכט קופּידאָנישע פײַל,
כ'פיר אוועק פון פאריזש
גאנץ פאריזש, גאנץ פאריזש.

ערעוו ראָשעשאָנע

ס'איז ערעוו ראָשעשאָנע. מע פירט אונטער סאכאקלען פון דעם 5728־טן יאָר (התשכ״ח). דערווײַל רעדט מען אין דער פרעסע און אף אסיפעס וועגן טאָג־פּראָבלעמען. די היימישע יאָר־סטאטיסטיק, לויט וועל־כער ס'ווערט פעסטגעשטעלט די צאָל יידן, זייער עקאָנאָמישער מאצעוו און קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט אין באזונדערע יישווים און אין דער גאנצער וועלט, — זי וועט באקאנט ווערן שפּעטער, אמווייניקסטן אין אכט — צען כאדאָשים ארום. אזוי, צום בײַשפּיל, איז ערעוו דעם איצטיקן נײַעם יאָר דערשינען דאָס אמעריקאנער יידישע יאָרבוך פארן 1967־טן, דאָס הייסט פארן 5727־טן יאָר (התשכ״ז) לויט דער יידישער צײַטרעכע־נונג. ס'איז אונטערגערעכנט, אז די צען מיליאָן יידן, וואָס די וועלט האָט געהאט פארהיט נאָך דער היטלער־מאגייפע, האָבן זיך פאר צוויי און צוואנציק מיט א האלבן יאָר פארמערט ביז דרײַצן מיליאָן 538 טויזנט. לאָמיר אויסשפּײַען דרײַ מאָל, אז קיין בייז־אויג זאָל ניט שאטן, און לאָ־מיר א צי טאָן דאָס יידישע פאָלק באם אויער: וואקסן זאָלסטו!

פון דער סטאטיסטיק דערוויסן מיר זיך אייניקע פּיקאנטע איינצלהײַטן. זי איז אומרויִק, די סטאטיסטיק, וואָס אין ענגלאנד פאלן אויס אין יידישן יישעוו אף יעדע אכט און זיבעציק כאסענעס הונדערט לעווײַעס. זי פירט אויס, אז אין האָלאנד גייט ביכלאל אונטער יידישקײַט, ווײַל דאָרט זײַנען דרײַסיק פּראָצענט יידן ניט מאלע זייערע קינדער, דרײַ און פופציק פּראָ־צענט האָבן כאסענע אָן כופּע־וועקידושן, און פינף און פופציק פּראָצענט ווילן אפילע ניט, אז נאָכן טויט זאָל מען זיי ברענגען צו קייווער־ייִס־ראָעל...

יאָ, מיר מערן זיך, קיין אײַנהאָרע, — זאָגט די סטאַטיסטיק, — אָבער אין דאָרעם־אַפריקע זײַנען בלויז פערציק פּראָצענט פון דער הונדערט־טויזנטקעפּיקער ייִדישער באַפעלקערונג ייִנגער פון פיר און צוואַנציק יאָר, אין פאַרגלײַך מיט פינף און פערציק פּראָצענט בײַ די אַנדערע פעלקער...

פאַראַן בײַ דער סטאַטיסטיק פּראָבלעמען נאָך נעענטערע צו אונדזער טאָגטעגלעכקייט. לעמאָשל, ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז אין די מײַרעוו־לענדער, דאָרט, וווּ מע האַלט אין איין ראַכמאָנעס האָבן אויף די סאָוועטישע ייִדן, זײַנען אין 1967 פאָרגעקומען דרײַ הונדערט דרײַצן אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטישע אינצידענטן, ניט רעכענענדיק די העצע דורך פּאָטשט און אין דער „ספּעציִעלער״ פּרעסע, די פּילצאָליקע פאַקטן פון דיסקרימינאַציע באַם פאַרדינגען דירעס, באַם אָנעמען אויף אַרבעט אאַז״וו. עס זײַנען פאַרעגיסטרירט צוואַנציק אַטענטאַטן אויף סינאַגאָגעס, דרײַ און דרײַסיק אָנפאַלן אויף ייִדישע יוגנט־קלובן, זעקס און פופציק אַקטן פון שענדן בעסאָלמענס.

פון דער צווייטער זײַט, דאַרף מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג די „קאָמפּענסירנדיקע פאַקטן״. ס׳איז עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס אַליין דער פּויפּסט פּאַוועל VI האָט געדופן אויסצומײַדן באַשולדיקונגען קעגן ייִדן; ניט לאַנג צוריק האָט מען אויף אַ מאָלצײַט אין ענגלישן קיניגלעכן פּאַלאַץ דערלאַנגט צום טיש דורכויס קאָשערע מײַכאָלים; אין פראַנקאָס שפּאַניע ווערן אָפּגעריכט געמיינזאַמע גאָטעסדינסטן פון ייִדן און קאַטויליקער... ווער קאָן דען צווייפלען, אַז אַזעלכע ראַדיקאַלע מאָסמיטלען וועלן דערנעענטערן צווישן זיך די פעלקער, און דער אַנטיסעמיטיזם מיטן נעאָנאַציזם וועלן פאַרשווינדן, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געווען אויף דער וועלט...

נאָר לאָמיר זיך באַנוגענען מיט פראַנקרײַך. ערעוו יאָמקיפּער האָב איך זיך געפונען אין פּאַריזש. דאָ וואַרפט זיך קוידעמקאָל אין די אויגן, אַז פאַר דער לעצטער צײַט האָט דער היגער ייִדישער יישעוו זיך שטאַרק געענדערט.

פראַנקרײַך ציילט הײַנט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. אַרום דרײַ הונדערט טויזנט פון זיי זײַנען אַפריקאַנישע ספּאַרדים. אַזאַ אייגנאַרטיקע סטרוקטור האָט דער דאָזיקער יישעוו קיינמאָל ביז איצט ניט געהאַט. אַמאָל, אין די „גוטע צײַטן״, ווען די פראַנצויזישע האַשפּאָע אין צאָפן־אַפריקע און אין די אַראַבישע לענדער איז געווען זייער שטאַרק, האָבן מיט די ייִדן פון דער אָריִענטאַלישער וועלט זיך פאַרנומען די אָפּטיילונגען פונעם פּאַריזשער „אַליאַנס איזראַעליט״. אין אַלזשיר, מאַראָקאָ, טוניס האָט דער „אַליאַנס״ געהאַט פראַנצויזישע שולן און פאַרשיידנערליי צדאָקע־אָרגאַניזאַציעס. אַ גרויסע צאָל פּעדאַגאָגן, דערצויגלינגען פון דער פּאַריזשער „אָריִענטאַלישער נאָרמאַל־שול״, האָבן אין מעשעך פון קימאַט הונדערט יאָר פאַרמירט פון די ייִדן אין אַלזשיר „פראַנצויזישע בירגער״. אין די לעצטע יאָרן האָבן פיל ייִדן פון די צאָפן־אַפריקאַנישע לענדער אַריבערגעוואַנדערט קיין פראַנקרײַך און באַזעצט זיך אין שטעט, וווּ קיין ייִדן זײַנען פריִער קיינמאָל ניט געווען.

די פּראָבלעם קאָנצענטרירט זיך שוין איצט, ווי מיר זעען, אַרום דער עצם סטרוקטור פונעם ייִדישן ייִשעוו. די צאָל אַפריקאַנישע ספאַרדים איז אומגעריכט געוואָרן אַ פיל גרעסערע, איידער די צאָל אייראָפּעיִשע אַשקענאַזים. אין דער זעלבער צײַט אָבער זײַנען די אָריִענטאַלישע ייִדן ניט אײַנגעפונדעוועט, זיי זײַנען נאָך ניט אָרגאַניזירט אין פאַרבאַנדן, אַסאָציִאַציעס, פּאַרטייען, קאָמיטעטן. זיי זיצן נאָך אַלץ, ווי מע זאָגט, אויף די פּעק, פאַרפילנדיק די אוועדיקע בידאָנווילס. אויפן ערשטן קוק, האָבן זיי קיין שום שײַכעס ניט צו די אַלטגעזעסענע פּאַריזשער און מאַרסעלער ייִדן, צו די געקומענע פון די וואַרשעווער, לאָדזשער, בוקאַרעשטער, יאַסער טכום־געסלעך. זייער לאָשן איז ניט ייִדיש. זיי ריידן אַ ספּעציפישן אַראַביש און טײַלוויַיז — שפּאַניאָליש, לאַדינאָ. אַפילע זייער לאָשנקוידעש, באַם דאַוונען, האָט אַן אייגענע אויסשפּראַך. די טויזנטיאָריקע קולטור פון ייִדיש איז פאַר זיי לאַכלוטן פרעמד.

קומט אויף די פראַגע: צי וועלן זיך ווען־עס־איז צונויפטרעפן אָט די צוויי אינגאַנצן פאַרשיידענע טיילן פונעם ייִדישן ייִשעוו אין הײַנטיקן פראַנקרײַך? ווי טיף וועלן זיך אַנטוויקלען די קאָנטאַקטן, די קעגנזײַטיקע קולטור־האַשפּאָעס? ווי באַוווסט, שטייט די דאָזיקע פּראָבלעם שוין לאַנג פאַר ייִסראָעל. אין פראַנקרײַך האָט זי זיך ערשט באַוויזן. געפינענדיק זיך דאָ אין אַזעלכע כעזשבן־האַנעפעשדיקע טעג, ווי ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער, האָב איך, נאַטירלעך, ניט געקאָנט זיי פאַרבײַגיין.

אויף וויפל ייִדישקײַט בײַ די פּאַריזשער ספאַרדים איז דורכויס אַ רעליגיעזער אייסעק, האָב איך באַשטימט צו באַזוכן אין די יאָמים־נוראָיִם די ערטער, וווּ די ספאַרדים דאַוונען. קיין מאָסקווע האָב איך באַדאַרפט אָפּפאָרן מאָצע־יאָמקיפּער. האָב איך געבעטן אַ פּאַריזשער קאָרעספּאָנדענט פון אַ סאָוועטישער צײַטונג, ער זאָל צו קאָלנידרע צופאָרן מיט מיר אין ווינטערדיקן צירק, וועלכן די אָריִענטאַלישע ייִדן, וואָס האָבן ניט קיין אייגענעם בעסמעדרעש, דינגען אָפּ אויף די יאָמים־נוראָיִם.

אין פּאַריזש איז אין אָט די טעג אַ מאַנגל אין סינאַגאָגעס. דאָ זעט מען ניט, עס זאָלן זיך פאַרמאַכן באָטעמעדראָשים, נאָר מע זעט אויך ניט, עס זאָלן זיך עפענען נײַע. ביזן קומען פון די ספאַרדים האָט פאַר די עלטערע מענטשן, באָרעכהאַשעם, געקלעקט געווג אָרט אין די אַלטע סינאַגאָגעס, כסידים־שטיבלעך און מיניאָנים. אין האָטעל „מאָדערן“, אין זעלבן זאַל, וווּ אַ קײַלעכיק יאָר קומען פאָר פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, קאָנט איר אין די יאָמים־נוראָיִם זען אַן אוילעם דאַוונער פון די ציִעניסטישע קרײַזן; מע ברענגט אין האָטעל אַרײַן אַ סייפערטוירע, אויף די ווענט הענגט מען אויף דידאַקטישע פּלאַקאַטן פון דעם מין „אסור לדבר בשעת התפילה“ (מע טאָר ניט ריידן בײַסן דאַוונען), און — דאַוונט, ייִדן, דאַוונט... די ספאַרדים אָבער קאָנען זיך מיט אַזעלכע האַלבע מיטלען ניט באַנוגענען. ווען איך האָב זיי געזען דאַוונען אין גרויסן פּאַריזשער ווינטערדיקן צירק, האָב איך געטראַכט, אַז די פרומקייט טראָגט בײַ זיי אַ ריין עטישן

כאַראַקטער. קליין און גרויס שטייט דאָ מיט פאַרגלאָצטע אויגן, ווי יענוועלטיקע, און זינגט מיט פאָרכטיקער היסלײַוועס. זייער דאַווענען איז אַ מין געזאַנג. אַלע דאַווענען אויף אַ קאָל. דאָס מאַכט אַן אײַנדרוק, פונקט ווי דאָ וואָלט געדאַוונט אַ טויזנטקעפּיקער כאָר פון גאָלע כאַזאָנים.

איך צערייד זיך (מיט דער הילף פון מײַן כאַווער, דעם זשורנאַליסט, אויף פראַנצויזיש) מיט איינעם אַ יונגן מענטשן, וואָס האָט אַן אויסזען פון אַ הײַנטוועלטיקן. ער איז בייז, לעמײַ איך בין אים מאַפסיק אינמיטן דאַווענען. מיט גרויס מי גיט זיך מיר אײַן אים געבן צו פאַרשטיין, אַז מײַן שמועס מיט אים איז זייער בייטיק. זײַן נאָמען דערמאָנט אין די נעמען פון טאַנאַך — מאָזע בען עזריעל. ער איז אַ לערער אין אַן אָנפאַנג־שול, און זײַן גאַנצער קלאַס שילער דאַוונט הײַנט צוזאַמען מיטן לערער.

רעב מאָזע בען עזריעל (איך רוף אים אָן „כאַווער“, און ער צעשײַנט זיך. „כאַווײרים, — דערציילט ער, — קומען איצט אַלע טאָג אונדז העלפן; מיר וווינען אין „רויטן פאַס“ פון פּאַריזש, און אונדזער מער איז אַ קאָמוניסט“), — רעב מאָזע בען עזריעל איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז זיי, די אָריענטאַלישע ספאַרדים, האָבן פאַרהיט אין זיך שטריכן פונעם אור־יידנטום.

— אין לערן־פּלאַן פון אײַער שול גייען אַרײַן אויך רעליגיעזע לימודים? — פרעג איך בא אים.

— מיר טײַטשן אויס פאַר די שילער דעם שולכן־אָרוך...

עס איז, ווי מיר זעען, צוגעקומען נאָך אַ גרונט־פּראָבלעם אין דעם אַזוי אויך פּראָבלעמפולן לעבן פון דעם פּאַריזשער יידישן יישעוו. דרײַ הונדערט טויזנט מאָזע בען עזריעלס וווינען איצט אונטער איין דאַך מיט די שאַרלס, מיט די פּאָלס, מיט די רעגינעס. זיי האַלטן נאָך ניט באַם אַרײַנטרעטן אין פּראָגרעסיוון „אוניאָן“, עס איז אָבער אויך אַ גרויסער סאָפעק, צי עס וועט זיך אײַנגעבן דער ניט סאָלידער פּאַריזשער יידישער רעאַקציע צו פאַרמיסטיקן מיט אַנטיסאָוועטיזם זייערע נעשאָמעס. דער מיטאַרבעטער פון דער „נײַער פּרעסע“, וועלכער האָט מיך, אייגנטלעך, אַרופגעפירט אויפן געדאַנק, איך זאָל זיך אַראָפּכאַפּן יאָמקיפּער אין ווינטערדיקן צירק, האָט אַרויסגעזאָגט די סוואָרע, אַז העיויס די אַפריקאַנער ספאַרדים זײַנען פון קאַדמוינים געגאַנגען מיט גאָר אַנדערע היסטאָרישע וועגן, איידער „מיר דאָ“, און פאַר זיי איז לאַכלוטן פאַרהוילן אַלץ, וואָס די יידן אין דער הײַנטיקער וועלט האָבן דורכגעמאַכט: די אינטעגראַציע איבער קאָנטינענטן, דער טכום, די פאַרשיידענע באַוועגונגען (כאַסידיזם, האַסקאָלע אוקעדוימע), די סאָציאַל־פּאָליטישע ריכטונגען („בונד“, ציעניזם), די טויזנטיאָריקע שפּראַך יידיש און די ליטעראַטור און קולטור אויף אָט דער שפּראַך, די באַנײַטע העברעישע שפּראַך און די אויפלעבונג פון איר ליטעראַטור, און, לעסאָף, די פּעריאָדישע נאַציאָנאַלע קאַטאַקליזמען, אָנהייבנדיק פון דער אינקוויזיציע און ענדיקנדיק מיט די היטלערישע טויט־לאַגערן, — אויף וויפל דאָס אַלץ האָבן די אַפריקאַנישע

ספארדים אויסגעמיטן, איז שוין א סאָפעק, צי ס'זאָלן אופקומען אלגעמיינע פּראָבלעמען איצט. וואָס שײַעך מיר, טראכט איך אנדערש, און איך כאזער איבער: יאָ, ס'איז צוגעקומען נאָך איינע א גרונט־פּראָבלעם אין דעם אזוי אויך פּראָבלעמענפולן לעבן פון דעם פאריזשער ייִדישן ייִשעוו.

ס'וואָלט געווען א טאָעס צו פארמאכן די אויגן אפילע אף אזא „דעטאל", ווי די געשלעגן צווישן אראבער און ייִדן (מערסטנס, אָריִענטאַלישע) אפן בעלוויל בעשאס די מאסן־אומרוען, וועלכע האָבן אין אָנהייב יון 1968 געבושעוועט אין פאריזש.

בעלוויל... דער אָרעמער בעלוויל... איינער פון די באלעבטע ייִדישע קווארטאלן בא דער סענע. לעצטנס, האָבן די אָנגעפּאָרענע אלזשירער ייִדן געגומען אָפּקויפן אפן בעלווילער בולוואר און אין די ארומיקע געסלעך די קליינע געוועלבלעך, יאַטקעס, קאפעען. דער דאלעס איז דאָ אזוי „אוניווערסאל", אז ערגעץ אין א בעלווילער געסל — אין רי ראמפּאָנאָ, צי רי ביסאָן, צי אין אן אנדער בעלווילער געסל — זײַנען טאָמיד די „אראבישע אראבער" און „ייִדישע אראבער" און „ייִדישע ייִדן" שטייגעריש געייניקט אין זוכן אן אויסוועג פון אים, פון אָט דעם דאלעס.

גיי איך ארום איבער בעלוויל און פּרוּוו זיך דערוויסן בא זײַנע אײַנוווינער די סיבע פון די ראסן־געשלעגן, בייס וועלכע עס איז געוואָרן א טעל פון פיל ייִדישע און אראבישע געשעפטן; מענטשן האָבן זיך געוואָרפן איינער אפן אנדערן מיט אײַזערנע דראָנגען; מע האָט שיר ניט צעטראָגן די קאפע „לע קײַרואן" אף רי ל'אָריאָן און די סינאגאָגע פון זשיליען ליאקרוא; עס האָט געברענט א מאראָקאנישע שענק און נאָענט לעבן איר — א ייִדישער „האָטעל" (ס'רעדט זיך אזוי — „האָטעל", פאקטיש איז עס א מויער — א שטײַג מיט א גרויסער צאָל קעמערלעך אף צו פארדינגען).

איך פרעג: וואָס האָט איר געהאט איינער צום אנדערן? צי איז טאקע אף בעלוויל אזוי זיס די ייִדן? צי לעקן דאָ האָניק די אראבער? ווי קומט עס, אז, לעבנדיק שטענדיק אין שאָלעם און אין ברידערשאפט, האָט איר זיך פּלוצעם צעבוצקעט?

קיינער ענטפערט ניט. מע דערמאַנט זיך, אז אין יענע טעג האָבן אפן בעלוויל ארומגענישטערט פּראָוואָקאטאָרן, וועלכע האָבן אונטערגעוואָרפן אין שײַטער טרוקענע צווײַגלעך, געזוכט צו צעבלאָזן א ראסן־סרייפע. די טיקסיע־וויניאנקורס, די פאשיסטן, איז נייטיק געווען אזא קריגערײַ. און דאן איז אפן בעלוויל געקומען די מרא"פּ, די „באוועגונג קעגן ראסיזם און אנטיסעמיטיזם, פאר שאָלעם", און זיך געווענדט צו די אײַנוווינער פונעם קווארטאל מיט א רוף: „לאָזט זיך ניט פּראָוואָצירן!".

פרעג איך בא אײַך: אפילע אָט דער איינציקער עפּיזאָד — ער רעדט דען ניט וועגן דעם, אז די פּראָבלעם איז א פּראָבלעם? און אומאָפּהענגיק, לעמאָשל, צי ס'האָט עס פון פריִער פאָרויסגעזען די מרא"פּ, צי ניט, האָט

זי געמוזט און וועט נאָך, ליידער, מוזן ניט איין מאָל מיט אָט דער פּראָבּלעם זיך פאַרנעמען...

נו, און די אַלטע, די דורעסדיקע פּראָבּלעמען, וועלכע קומען פון „ביידע זײַטן פון דער באַריקאַדע"? דאָס איז שוין אַ סטאַבילע זאַך. אַפּן פּאַדער־פּלאַן שטייט די פּרעסע: דאָס ציוניסטישע „אונדזער וואָרט" און די בונדיסטישע „אונדזער שטימע" — אָף איין זײַט באַריקאַדע (האגאם זיי שיסן אַמאָל אויך איינער אין צווייטן), און די „נײַע פּרעסע" — אָף דער צווייטער זײַט. עס דערמאָנט זיך אַ שטעל אין איינעם אַן איבערזיכט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וועגן דעם ייִדישן ייִשעוו פון פראַנקרײַך. דער אַוטאָר האָט געהאַלטן אין איין צעפּירן מיט די הענט: „דער עמעס איז, אַז די קאָמוניסטישע צײַטונג האָט אַ גרעסערע צירקוליאַציע פון די אַנדערע צוויי צײַטונגען. פאַרוואָס? וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? ווו ליגט די סיבע? — קיינער קאָן ניט געבן קיין קלאָרן ענטפער אָף אָט דער רעטעניש. עס איז מאַמעש אומעגלעך צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אין פראַנקרײַך, ווו די צאָל ייִדישע אַרבעטער איז קליין און די מערסטע ייִדן זײַנען פון מיטלשטאַנד, — וויאַזוי איז עס מעגלעך, אַז דער קאָמוניסטישער אײַנפלוס איז אַזוי גרויס אינעם ייִדישן לעבן..."

דער „פאָרווערטס"־זשורנאַליסט וואָלט מיט מער פאַרשטאַנד אופגענומען די רעאַלע זאַכלאַגע אין דער ייִדישער סוויווע, ווען ער וואָלט ערעוו ראָשעשאָנע דורכגעלייענט אופמערקזאַם די סאַכאַקל־אַרטיקלען אין די צוויי בירגערלעכע בלעטער און אין דער „נײַער פּרעסע". וועגן וואָס האָט געשריבן „אונדזער וואָרט", אַשטייגער, וועלנדיק באַווײַזן, אַז די פּאַריזער בירגערלעכע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעטאָן נוצלעכס פאַר דעם פּאַריזשער ייִדישן ייִשעוו? קעדיי צוגרייטן קאַדרען דערציִער אין די ייִדישע יוגנט־קרײַזלעך און קולטור־אינסטיטוציעס פון פראַנקרײַך, האָבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געעפנט קורסן אין... ייִסראָעל. זיי שיקן זייערע קולטור־אָנגעשטעלטע זיך סטאַזשירן אין ייִסראָעל. אין די זומער־כאַדאָשים ווערן אָרגאַניזירט אַזויגערופענע „אוניווערסיטעטן", אין וועלכע די צוהערער — ייִדישע יוגנטלעכע פון פּאַריזש, מאַרסעל, ליאָן — „באַקאַנען זיך מיט ייִסראָעלדיקע פּראָבּלעמען". דער „פאָנד־סאָציאַל" — אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע — „איז באַטייליקט אין דער פינאַנסירונג פון דער בויונג פון אַ „פראַנצויזיש הויז" אין... ייִסראָעל". פילנדיק, ווײַזט אויס, אַז ס'איז ניט אַלץ אין אָרדענונג, מע קאָן שוין מיינען, אַז עס גייט אַ רייד ניט וועגן פראַנצויזישע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר וועגן פיליאַלן פון אָרגאַניזאַציעס פון ייִסראָעל, נעמט „אונדזער וואָרט" אין אַ צווייט אַרטיקל פון דעם ערעוו־ראָשעשאָנע־נומער צו באַרויִקן דעם אוילעם. וועגן זעלבן „פאָנד־סאָציאַל" ווערט מיטגעטיילט: „ער האָט געענדערט זײַן אַנטי־ייִדישיסטישע אײַנשטעלונג".

אין דער זעלבער צײַט וועט דער ייִד פונעם פּאַריזשער „פּלעצל", דער פּאָשעטער פראַנצויזישער ייִד, בלעטערנדיק די „נײַע פּרעסע", דעם ערעוו־ראָשעשאָנע־נומער אירן, דערפילן מיט אַלע כושים, אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן זײַן לעבן, וועגן זײַנע נויטן, און אויך, פאַרשטייט זיך, וועגן

זײַן אכרײַעס פאַרן קיום פונעם ייִדישן פאָלק אין אַ וועלט פון שאָלעם און פּראָגרעס.

אין דעם, און ניט אין עפּעס אַנדערס, איז „דער סאָד", וואָס אין פראַנקרײַך איז אַזוי גרויס דער קאָמוניסטישער אײַנפלוס אין ייִדישן לעבן. מע קאָן מאַסקים זײַן מיט „אונדזער וואָרט", וואָס שטעלט פּעסט אין זײַן ערעוו־ראָשעשאָנע־נומער: „פראַנקרײַך האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט ציוניסטישע מאַנהיגים, דאַקעגן האָט זיך פראַנקרײַך קיינמאָל ניט אויס־געצייכנט מיט קיין ציוניסטישער מאַסן־באַוועגונג. איצטער האַלטן מיר באַ אַזאַ לאַגע, אַז מיר האָבן זיך מער ניט וואָס צו גרויסן ניט מיט קיין מאַנהיגים און ניט מיט קיין ציוניסטישע מאַסן"...

וועגן אָט די אַלע זאַכן האָב איך געטראַכט, זײַענדיק ערעוו ראָשע־שאָנע אין פּאַריזש.

צוויי טשיקאַווע באַגעגענישן

קיין פראַנקרײַך בין איך דאָס מאָל געקומען, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ פּריוואַטער פּראָגראַם. כ׳האָב דאָ געהאַט בלויז איין עפנטלעכע באַגעגע־ניש — מיטן אַקטיוו פונעם „אוניאָן". מער ווי אַן אַנדערשמאָל האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו באַקאַנען זיך מיט פּאַריזש.

נאַטירלעך, כ׳האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, קעדיי זײַן צו־גאַסט באַ מײַנע אַלטע באַקאַנטע. באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט איינע אַ באַגעגעניש.

פאַר דער לעצטער צײַט האָט זיך באַוויזן אַ שפּאָגל־נײַער אַנטיסאָוועט־טישער סנײַפּער, דער פּיד־שאַמעס פונעם „פאָרווערטס"־פּאָליש עליעזער ווייזעל. דאָס איז פון דעם מין „סנײַפּערס", וואָס שיסן פון פלאָקנס און ליאַרעמען, אַז אַרום זיי וואַלגערן זיך טויטע און פאַרוווּנדעטע. אַנטקעגן ווייזעלן איז געווען פּאַשעט אַ מאַלעך דער באַרימטער נאַווער בלאָפּער כאַים שאָשקעס, אַלעווהאַשאָלעם. וויסנדיק, אַז די אַנטיסאָוועטישע סכוירע איז דערווײַל נאָך גאַנגבאַר, כאַדאָטײַעוועט ווייזעל אויס אַ וויזע קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, און דאָרט לעבט ער אָפּ אַ וואָך צי צוויי אין אַ מאָס־קווער האָטעל (אָפּן כעזשבן, פאַרשטייט זיך, פונעם ניו־יאָרקער „פאָר־ווערטס"), און שוין — מער דאַרף ער ניט. ער קערט זיך אום קיין ניו־יאָרק און הייבט גלײַך אָן געבן סכוירע. ער האָט, מאָלט אײַך, „גערעדט" מיט דעם, מיט יענעם, „געווען אופגענומען", „געזען מיט די אייגענע אויגן", „זיך געשעפּטשעט און געשושקעט".

ווען איך בין געקומען קיין פּאַריזש, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער וואַאַד פון דער אָרטיקער קעהילע, דער „קריף", וואָס איז, ביכלאַל גע־רעדט, ניט קיין שוטעף אין אַנטיסאָוועטישע אַקציעס, — האַלט איצט באַם אַרויסלאָזן אַ בראָשור וועגן די „גערוידעפּטע ייִדן" פון רוסלאַנד, וועלכע איז אָנגעפּראָפּט מיט שקאָרים, און דער צושטעלער פון „מאַטעריאַלן" פאַר דער דאָזיקער בראָשור איז... עליעזער ווייזעל.

איך האָב זיך א טראַכט געטאָן: געשיקט זיך, איז שוין אַלץ הפקר און ס׳איז אינגאַנצן ניט מעגלעך צו כאַפּן דעם גאַנעוו? — און כ׳האָב גע־בעטן מײַנעם א פּרײַנט, ער זאָל מיך צונויפירן מיטן פּרעזידענט פונעם „קריף״ דר. מאָדיאַני.

דר. מאָדיאַני האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אהיים. איך בין צו אים גע־קומען אינײנעם מיטן סעקרעטאַר פון „אוניאָן״, מיטגליד פון דער ביוראָ פון „קריף״ אדאַם.

מיר האָבן לאַנגע עטלעכע מינוט גערעדט וועגן אַלץ און וועגן גאָר־ניט, דערנאָך האָט אַליין דר. מאָדיאַני זיך אָרופגעשלאָגן אַף דער טעמע וועגן דער בראַשור. זײַענדיק, ווײַזט אויס, ווײַט פון די פּראָפּאַגאַנדע־געענג, האָט דער אַלטער שפּאַנישער ייִד, דער רײַכער געשעפטסמאַן, בא וועמען דער פּאָסטן פון א ראש פון דער ייִדישער קהילה איז א געזעל־שאַפטלעכע פליכט, — א מאַך געטאָן צו מיר: זעט איר, דער „קריף״ ווײַזט אַרויס סימפּאַטיע צום רוסישן ייִדנטום, א סימען האָט איר, אז מע האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַף אַרויסגעבן אזא און אזא בראַשור. איך האָב אים געענטפערט, אז ווי מע רעדט, איז דער מאַנוסקריפּט פון דער בראַשור פול מיט רעכילעסן, וועלכע זײַנען פאַרפאַסט פון א מענטשן פון דער אַמעריקאַנער אַנטיסאָוועטישער אונטערוועלט. דר. מאָדיאַני האָט זיך שטאַרק גענומען ערגערן. ער האָט מיר, עמעס, געזאָגט, אז אזעלכע סיגנאַלן זײַנען שוין געווען, נאָר די אידיי צו מאַכן אָט די בראַשור נעמט זיך אין אַלגעמײַן פון גוטן ווילן, און אפילע איצט, ווען די בראַשור איז שוין אין דרוק, וועט געטאָן ווערן דאָס מעגלעכע אַף צו באַזײַטיקן פון דאָרט די אומדערלאָזבאַרע ערטער. איך האָב אָפן אַרויסגעזאָגט דעם דר. מאָ־דיאַני דאָס, וואָס כ׳האָב געוווּסט, נעמלעך, אז די בראַשור ווערט פינאַנ־סירט פון אַמעריקאַנער קאַנאַלן, און ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס טאַ־קע פון דאָרט האָט מען צוגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט, ווײַל ווער עס צאָלט, דער באַשטעלט די מוזיק. און זאָל דר. מאָדיאַני מיר טויזנט מאָל מויכל זײַן, נאָר בא אזעלכע אומשטענדן דוכט זיך מיר אויס, אז דער אַרויסגעבער פון דער בראַשור, דער פראַנצויזישער „קריף״, איז ניט דער באַלעבאָס איבער דעם פּלאַן, ער איז בלויז א „האַנט״ פון געוויסע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס. דר. מאָדיאַני האָט, ווי געזאָגט, זיך שטאַרק געערגערט. אַף מײַנע ווערטער, אז די בראַשור ווערט פינאַנסירט פון אַמעריקאַנער קאַנאַלן, האָט ער מיר ניט געענטפערט ניט יאָ און ניט ניין. ער האָט בלויז נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט: „מיר וועלן נאָך עפשער באַווײַזן עפּעס דאָ טאָן... מיט דער בראַשור האָבן מיר געוואָלט שטאַרקן דעם גוטן ווילן״...

נאָך איינע א באַגעגעניש האָט זיך פאַרקריצט בא מיר אין זיקאָרן.

אַנומלטן האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אז אין פּאַריזש לעבט א ברודער פון דעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער דער ניסתּר. אַפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק זיך זען מיט אים. אין א דירע פון עפשער צען צימערן, אין סאַמע צענטער פון פּאַריזש, האָב איך געטראָפן א זעקס־און־זיבעציקיאָריקן זאָקן, וואָס וווינט איינער אַליין אין דער גאַנ־צער דירע. ער איז שטאַרק ענלעך אַף זײַן עלטערן ברודער פּינכעס

קאהאנאָוויטשן (דעם ניסטער), און די לעבנס־געשיכטע זײַנע איז ווערט, מע זאָל וועגן איר זאָגן א פּאָר ווערטער.

מיט אכט און פערציק יאָר צוריק איז מארק („רופט מיך בעסער מאָטל, אזוי ווי אמאָל אין דער היים") קאהאנאָוויטש אָנגעקומען קיין פראנקרײַך, ווו ער, דער קיִעווער ייִדישער יונגערמאַן, האָט פארבונדן זײַן גורל מיט א שווייצארישער פרוי און זיך אָפּ שטענדיק באזעצט אין פאריזש. אלע זײַנע יאָרן האָט ער קאָלעקציאָנירט בילדער פון פראנצויזישע מאָלער. ער פירט מיך ארום איבער די צימערן און באווײַזט זײַן אוצער. גאָגען, מאטיס, מארקע, פיקאסאָ, סוטין, פּיסאראָ, רענוא, מאנע... פון די הײַנטיקע קינסטלער — ווייִרא דא סילווא, פּארקער, קלאָווע, אקערמאַן... א גאנצע בילדער־גאלעריי. „דאָס איז מײַן פּריוואט אייגנטום, — זאָגט מארק קאהאנאָוויטש, — אַבער ווו זאָל איך דאָס אלץ אהינטאָן?" ער דערציילט מיר א מײַסע. בעשאסן קריג איז ער ניט ארויסגעפאָרן פון פראנקרײַך. פארשטעלנדיק זיך מיט דער פרויס שווייצארישער בירגערשאפט, האָט ער אזוי „אָפּגעשטופּט" די מילכאָמע מיט היטלערן. א סוואָרע, אז מיט דער בייטראַלער שווייץ האָט ער געהאט אייגיקע פארבינדונגען, וועלכע וואָלטן ניט שטארק געוועזן צום הארצן די היטלעריסטן... און נאָך א זאך: אין סאמע ברען פונעם קריג האָט ער געגעבן א ניידער, אז אויב רוסלאנד וועט ברעכן די פאשיסטן דעם קארק, וועט ער אָפּפירן קיין מאָסקווע א מאטאָנע — דאָס בעסטע בילד פון זײַן קאָלעקציע. „און שטעלט אײַך פאָר, ביז הײַנט האָב איך דעם ניידער ניט אויסגעפילט, — ניט ווײַל איך האָב פארגעסן, צי, כאָלילע, איך האָב איבערגעטראכט, נאָר ווײַל איך קאָן עפּעס ניט אָפּריידן וועגן דעם מיט דער סאָוועטישער געזאנדשאפט. אָדער זיי דאָרטן פארשטייען מיך ניט, אָדער איך פארשטיי זיי ניט..." ווען ער זאָגט מיר די דאָזיקע ווערטער, טראכט איך זיך: „אַן עמעסער ניסטער: ער איז ווערט זײַן עלטערן ברודער"... איך מאך צו די אויגן, און עס שווימט אויף א טונקל־לענגלעך פּאָנעם, מיט גלאטע טונקעלע וואָנצעס, די האָר אפן קאָפּ זײַנען פון צוויי ניט קאָנטראסטירנדיקע צווישן זיך פארבן — די גראָווע פארב גיסט זיך אריבער אין דער שווארצער, און עס באקומט זיך א קאָפּ טונקל־גראָווע האָר, די אויגן — טונקעלע, שטארק אויסדריקלעכע — „באלעבאטים אפן פּאָנעם". אזוי, האָבנדיק פאר זיך זײַן געשטאלט, וועסטו ניט זאָגן, אז דאָס איז א ניסטער. ניין, ס'איז א שטילער מענטש, וואָס איז פונקט אין דער רעגע, ווען דו זעסט אים, זיך מעיאשעוו וועגן עפּעס מיט זיך אליין. נאָר אָט הייבט ער אָן ריידן, און דו דערפילסט גלײַך דעם ניסטער: „געזונט, דאנקען גאָט... געזונט... און הערט א מײַסע! כ'בין, זאָג איך אײַך, געזונט און שטארק; אין פולער אָרדענונג בא מיר דער כוש־האָריִע און דער כוש־האָרייעך און דער כוש־האשמיִע, און דאָך פרעגט מיך, וויִאזוי עס זעט אויס און וויִאזוי עס שמעקט און מיט וואָס עס גיט וועגן זיך צו הערן די וועסנע, וועל איך אײַך ניט קאָנען זאָגן, — ע, ניין..."

מארק קאהאנאָוויטש דערציילט מיר אויך, אז ער וויל באזוכן רוסלאנד, זיך זען מיט עלטערע ניסטער (פּינכעסעס פרוי) און מיט זײַן על־

טערער שוועסטער, וועלכע וווינט אין קיִעוו, ער טראַכט באַ דער גע־לעגנהײַט זיך אָנפרעגן אין די סאָוועטישע בילדער־גאַלערייען, וואָס פאַר א מאַטאָנע זיי ווילן פון אים האָבן, — ווייסט ער ניט, וויאַזוי מע דער־שלאָגט זיך א דערלויבעניש. ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם א בריוו אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט און באַקומען א העפלעכן ענטפער, עפּעס א צו שטאַרק העפלעכן און ניט אײַנגאַנצן קיין קלאָרן. פּאָזשאַ־לויסטאַ, קומט צו פאָרן, מירן זײַן זייער צופרידן. די ווערטער זײַנען אַזוי אויסגעפוצט, אַז ער ווייסט ניט, צי ער דאַרף טאַקע גיין באַקומען די וויזע. איך האָב געקוקט אױף דעם אלטן איינזאַמען מענטשן און ניט גע־גלייבט די אייגענע אויגן: ווי נאַיִוו ער איז! ווי איינזאַם ער איז! זײַן ווײַב איז שוין געשטאָרבן. איין טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט מיט א פּאַקיסטאַנער און וווינט אין קאַראַטשי. די צווייטע טאָכטער האָט צוויי קינדער און וווינט באַזונדער. ער אליין דרייט זיך ארום א גאַנצן טאָג אין זײַן פּאַריזשער דירע...

נאָכן שמועס מיט דעם גיסטערס ברודער בין איך אוועקגעפאָרן אױף רי גרענעל, אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, און מאַמעש ניט אָפּגעטראָטן פונעם קולטור־אַטאַשע, ביז וואַנען ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט הײַנט־מאָרגן אליין באַזוכן דעם אלטן ייִדן און אים מיט די וואַרעמסטע ווערטער געבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז בלויז געבליבן צו באַשטעלן א בילעט און אַרײַנזעצן זיך אין א רעאַקטיוון לײַנער. און מאָלט אײַך אויס, אַז דאָס האָט געהאָלפן. אין עטלעכע טעג ארום איז קיין מאָסקווע געקו־מען צו פליִען — נאָך אכט און פערציק יאָר אָפּזײַן אין פראַנקרײַך! — א טײַערער גאַסט, דעם גיסטערס ברודער מאָטל קאַהאַנאָוויטש.

צוריק אהיים

עס קומט אָן א מאָמענט, ווען אין פענצטערל פונעם עראָפּלאַן גיט פּאַריזש זיך א שטעל אוועק פּאָפּערעך, אונטער א ווינקל, פּונקט ווי אָט די אלע מויערן וואָלטן געשטאַנען אפן שיפּוע פון א באַרג, קימאַט פּער־פּענדיקולער דער אנדערער זײַט באַרג.

און כאָטש דאָס, וואָס איך זאָג דאָ, רופט ניט ארויס קיין צווייפל, זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז ניט די שטאָט שטעלט זיך אוועק ווינקלדיק, קרום, נאָר דער עראָפּלאַן.

דער עראָפּלאַן איז א סאָוועטישער, און אין אים דערפילט מען זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס ריידן צווישן זיך די פּאַסאַזשירן:

— נאָט אײַך א הײַנטיקע „פּראַוודאַ"...

— וואָס האָט איר זיך אָנגעטאָן אין די שמאָכטעס? אין דער היים זײַנען שוין פרעסטלעך, וועט איר אויסזען ווי א לעץ...

— און אױף „רי וואָלגאַ" זײַט איר געווען? איר ווייסט, ס'איז א געסל באַם בולוואַר דאַוווּ...

— וואָס דאַרפט איר דאָס געסל, אַז איר האָט אין סאַמע צענטער

פון פאריזש א גאס „מאָסקווא" און א גאס „לענינגראַד" און אויף די אויסערלעכע בולווארן — דעם סטאַלינגראַדער פּלאַץ, און אין שטילן בור־זשואזן קווארטאל, ניט ווײַט פון דער אוועניו וואגראם, א גאס „פּיאָטער דער גרויסער".

— אין וואלאָגדע בין איך טאָמיד פּארטאָן מיט עפּעס, און גלייבט מיר, אויף ארײַנגיין אין קלויסטער סטײַעט קיין צײַט ניט. און דאָ, אין פּאריזש, בין איך גלײַך אוועק אויף רי דאריו, א קוק טאָן, ווי עס זעט אויס א פּראוואָסלאוונע צערקווע.

— ע, איר האָט בלויז געמאכט אן אָנשטעל, אז איר גייט אין קלויס־טער, אינדערעמעסן האָט אײַך געצויגן אין רעסטאָראַן „פּעטראָגראַד", וואָס אנטקעגן דער צערקווע.

— ס'איז געווען, אז איך בין א גאנצן אָוונט אָפּגעזעסן אין קאבארע „ראַספּוטין". דאָרט נעמט זיך צונויף די עמיגראַציע. איינער א קאזאצקע סאָטניק האָט מיך אין „ראַספּוטין" אײַנגערעדט, איך זאָל מיט אים צו־פאָרן אָפן צווייטער סען־זשענעוויעוו־דע־בוא, ווו עס ליגט שוין דער עלטערער דאָר רוסישע עמיגראַנטן.

— דאָס דערמאָנט מיר אין ערמלערס פילם „פאר דעם געריכט פון דער געשיכטע". דאָרט „שפּילט" זײַן אייגענע ראָל דער געוועזענער דעפּוטאַט פון דער מעלוכע־דומע שולגין. איז אָט, אויף דער פּראגע, ווו עס געפינט זיך איצט דער צענטער פון דער פּאריזשער רוסישער עמיגראַציע, האָט שולגין אין אָט דעם פילם געענטפערט מיט א ביטערער איראָניע: „אין סען־זשענעוויעוו־דע־בוא"...

ווען דער „טופּאָליעוו" האָט זיך שוין אופגעהויבן איבער די וואָלקנס און ס'איז אינגאנצן פארשוואונדן פּאריזש, באקאָן איך זיך נעענטער מיט דעם כאווער, וואָס זיצט לעבן מיר. ער איז פון דאָרעם־אוראַל, אן אגראָ־נאָם. קיין אויסלאנד איז ער ארויסגעפאָרן דאָס ערשטע מאָל, און ער בענקט נאָכן אוראַל.

— בא אונדז אין פּאריזש, אין „אסטאפּיעווסקער" סאָווירט, האָט מען שוין פארשאָטן דאָס ווייץ אין עלעוואַטאָר... פּאריזש איז קלענער פון פערשאַמפּענאָוז...

איך נעם אויף אים קוקן מיט נײַגער, ער באמערקט עס ניט און זעצט פאָר:

— פערשאַמפּענאָוז האָט העכער פיר טויזנט אײַנוווינער, פּאריזש — בא צוויי מיט א האלבן טויזנט... דאָס טײַכל, אויף וועלכן פּאריזש שטייט, קיזיל־טשיריק הייסט עס, איז א קליין טײַכל...

איצט רוקט איך זיך שוין אָפּ, אויף וויפל מע קאָן, ווײַטער פון מײַן שאָכן. ער מיינט, אז איך מאך פאר אים אן אָרט, און רוקט זיך צו צו מיר:

— די יוגנט בא אונדז אין פּאריזש איז זייער א ווילע. אלע מעכאַ־ניזאַטאָרן און מעלקערנס האָבן מיטלבילדונג...

— כאווערל, איר זײַט קראַנק? כאַפּט א דרעמל, טײַערינקער...

דער אוראַלער אגראָנאָם הערט אויף צו ריידן און צעלאכט זיך. ער

פאַרשטייט שוין, וואָס עס האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין פאַרלעגנהײַט. מיסטאָמע מיין איך, אַז ער איז, כאָלילע, ניט באַ די געדאַנקען. נאָר ניין, אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז ריינער עמעס. ער קומט פון אַ דאָרף, ניט ווײַט פון טשעליאַבינסק, דאָס דאָרף הייסט טאַקע פּאַריזש. דאָס האָבן אין אָנהייב פון פאָריקן יאָרהונדערט די אָרענבורגער קאַזאַקן, באַזעצנדיק זיך אין די אוראַלער סטעפּעס נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער מילכאָמע, אַ נאָמען געגעבן זייערע דערפער „פּאַריזש", „פערשאַמפּענאַוז", „לײַפּציק", „וואַרנע", „טאַרוטינאָ"...

איז — אַף ווידערזען, רי וואָלגאַ באַ דער סענע!
און — שאָלעם־אַלייכעם, פּאַריזש אַפן אוראַל!

1968

בריוו פון
אייראָפּע

ערשטער בריוו

נײן, און נאָכאַמאָל נײן! קײן אײן װאָרט ניט װעגן דער פּראַקטיקער עסטרײַכישער קרײַנשטאָט װין, ביזװאַנען איך װעל אײַך ניט ארויסשרײַבן דאָס, װאָס כ'האָב זיך דאָ דערװוּסט װעגן אײנעם א טראַגישן איניען.

איך דאַרף אײַך ניט דערציילן, װיאַזוי די לעצטע צײַט טומלט זיך ארום דער אַליִע פֿון א צאָל ייִדן פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד קײן ייִסראָעל. די ציִעניסטן האָבן אופֿגעהויבן א װאַיִצאַקו: לאָז ארויס מײַן פֿאָלק... זיך אַלײן װיל מען ניט „ארויסלאָזן" פֿון די אײַנגעזעסענע ערטער, עס גײט גאָר אין די סאָװעטישע ייִדן, װעלכע דאַרפֿן, הײסט עס, נעמען אױף זיך די לאַסט צו דערשלעפּן ביזן סאָף דעם ציִעניסטישן אידעאַל.

איז אָט, אין סאַמע אימפּעט פֿונעם שװינדל, װען ניט װײניק אָפּגענאַרטע זײַנען שוין אװעקגעפֿאָרן אָדער גרײטן זיך אװעקפֿאָרן קײן ייִסראָעל, האָב איך אין װין, אין דער רעדאַקציע פֿון דער עסטרײַכישער טאָג־צײַטונג „Volksstimme" („פֿאָלקסשטימע") זיך באַקאַנט מיט מאַטעריאַלן, װעלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געװאָרן אין די טעג, װען איך בין פֿון מאָסקװע ארויסגעפֿאָרן אױף דער רײַזע קײן מײַרעװ־אײראָפּע. „טױזנטער ייִדן װילן זיך אומקערן פֿון ייִסראָעל קײן סאָװעטנפֿאַרבאַנד", — האָט מיטגעטײלט די צײַטונג, און דאָס האָט פֿאַרכידעשט פֿיל מענטשן: ניט קײן ייִסראָעל, נאָר פֿון ייִסראָעל, ניט פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד, נאָר קײן סאָװעטנפֿאַרבאַנד...

װעגן דעם, אַז ייִדן קערן זיך אום פֿון ייִסראָעל, װײסט מען בײַ אונדז אין מאָסקװע, ס'איז אַפֿילע שוין פֿאַראַן א גאַנצע קאָלאָניע „ריקװאַנדערער", װי מע דריקט זיך אױס אין עסטרײַך (אױף רוסיש — „װאָזװראַשטשענצי"). מיך פּערזענלעך האָבן פֿאַרינטערעסירט די פּראָטים, װעלכע כ'האָב זיך דערװוּסט פֿון דער „פֿאָלקסשטימע". א גרופּע פֿון נאָענט צו דרײַ צענדליק געװעזענע סאָװעטישע ייִדן, װעלכע זײַנען לעצטנס אַנט־

לאָפּן פון יִשׂראל, האָט באַזוכט די רעדאַקציע און דערציילט, אַז די אויי־לים פון ראַטנפאַרבאַנד קאָנען זיך ניט אײַנגלידערן אין דער מדינה, ווײַל דאָרט לאָזט זיך גלײַך פילן די אָפּוועזנהײט פון היימישקײט בײַ אײן בירגער בענעגייע דעם צווייטן, דער עגאָיזם פון די באַלעבאַטים אַף דער אַרבעט, די אומבאַהאָלפענע לאַגע פון באַיאַרטע און פון קראַנקע, די סיסטעם פון באַרגן אַלץ, וואָס איז נייטיק צוליבן לעבן, דער מיליטעי־רישער רעזשים אַדג.

אוילים ווילן צוריק אַהיים. די יִשׂראלדיקע מאַכט־אָרגאַנען טוען אַלץ, קעדיי צו שטערן זיי אַוועקפאָרן. מע פאָדערט, אַז זיי זאָלן אומקערן דאָס „הילפס־געלט פאַר אַרײַנוואַנדערער" („עזרא קאַספּיט לעאָלע") — דאָס געלט, וואָס מע האָט זיי געגעבן, ווען זיי זײַנען געקומען אין אָרעאָפּאָרט לאָד. אומקערן הייסט אָפּאַרבעטן — פאַרשטייט זיך, אין די טערמינען, וואָס עס שטעלן אײַן די יִשׂראלדיקע מאַכט־אָרגאַנען. ביזוואַנען דער אַרײַנגעוואַנדערטער אַרבעט אָפּ דעם כויוו, געפינט מען שוין צענדליקער טערוצים אַף צו שטערן אים אַוועקפאָרן פון דער מדינה. באַזונדערס געהער עס זיך אָן צו יונגעלײַט, וועלכע טויגן פאַר דער אַרמיי. אַזויאַרום, ווערט קימאַט אומעגלעך צו פאַרלאָזן יִשׂראל לעגאַל. די אַנטוישטע, פון זייער זײַט, טראַכטן צו טערוצים: מע פאָרט קיין עסטרײַך „זיך היילן" אָדער „צוגאַסט צו קרוויוים", און צוריק קערט מען זיך ניט אום. ס'איז פיל שווערער באַקומען בײַ דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין ווין אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך ווידער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איידער באַי־קומען אין מאָסקווע אַן אַרויספאָר־וויזע. קעדיי ניט הונגערן, פאַרדינגט מען זיך דערווײַל פאַר קעלנערס, וועשערנס, דינסטן, פריקאַזשטשיקעס, שוואַרצאַרבעטער. ווען די עסטרײַכישע ציוניסטן דערוויסן זיך, אַז קיין ווין איז אומלעגאַל געקומען אַ נײַער אַרײַנוואַנדערער פון יִשׂראל, הייבט מען אים אויך דאָ אָן צו שאַנטאַזשירן. אַלס אויסוועג לייגט מען פאָר די יונגע און געזונטע אַרויספאָרן אין אַן אַנדער לאַנד און דינען דאָרט אין די אַנטיסאָוועטישע צענטרען.

אַ גרופּע יִידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד — „ריקוואַנדערער" — האָט זיך פון ווין געווענדט מיט אַ בריוו צו דעם יִשׂראל־פּרעמיער גאָלדע מעיִר: „לאָזט אַרויס פון יִשׂראל אונדזערע ברידער און שוועסטער, גיט אַ מעגלעכקײט די סאָוועטישע יִידן זיך אומקערן אַהיים!" (זאָלן דאָס דערהערן די יענקע, וועלכע זײַנען אָפּגענאַרט פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע: ניט „לאָזט אַרויס די יִידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין יִיִס־ראל", נאָר פאַרקערט). די אויטאָרן פונעם בריוו דעקן אויף דעם עמעסן טאָך פון דער „עזרא קאַספּיט לעאָלע" — דעם קאַפּקאַן אַף צו אײַנהאַלטן דעם אַרײַנוואַנדערער. אין יִשׂראל איז די לאַגע אַזאַ, אַז אַפילע אַלטע טוישווים פונעם לאַנד באַגעגענען שוועריקײטן באַם קריגן סטאַבילע אַר־בעט, די נײַע אוילים זײַנען געצוווּנגען צו פאַרקויפן די זאַכן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי לעבן כאָטש די ערשטע צײַט אָן נויט. דעריבער איז גערעכטיק די פאָדערונג, אַז ווען אוילים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרלאָזן די מדינה און פאָרן צוריק אַהיים, זאָלן זיי ניט דאַרפן אומקערן דאָס געלט, וואָס מע האָט זיי געגעבן באַם

אריינקומען, ווייל די סאָוועטישע יידן זיינען אָפּגענארט געוואָרן. „מיר בעטן אייך, פרוי פּרעמיער־מיניסטער,— ווערט ווייטער געזאָגט אין דעם בריוו,— איר זאָלט ארויסווייזן די זאָרג וועגן דעם, אז מע זאָל מער פאר די יידן אין יישראָעל, וועלכע זיינען געקומען פון סאָוועטנפארבאנד, ניט שאַפן אן אטמאָספער פון דראָונגען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איר אין יישראָעל זייט ניט אונדזערע שוועסטער און ברידער, אונדזערע שוועסטער און ברידער זיינען פארבליבן אין סאָוועטנפארבאנד".

ווען כ'האָב זיך דערוווּסט אין רעדאקציע פון דער ווינער טאָג־צייטונג וועגן דער געשיכטע מיט די אנטלאָפענע פון יישראָעל, האָב איך איבער־געגעבן דורך מענטשן, וועלכע ווייסן, ווו זיי וווינען, אז איך וויל זיך מיט זיי זען. אָף מאָרגן איז פאָרגעקומען אונדזער באגעגעניש. א דערשי־טערטער האָב איך געקוקט אָף די אומגליקלעכע פליטים. זיי האָבן איבער־געשלאָגן איינער דעם אנדערן די רייד. ניט נאָר פרויען, נאָר אויך מאנצבלען האָבן געוויינט. איך האָב עטלעכע פון זיי פארבעטן אין אן אנדער צימער, קעדיי פארשרייבן וואָרט נאָך וואָרט דאָס, וואָס זיי האָבן דערציילט.

עס רעדט זיך אויס דאָס הארץ די מישפּאָכע קאבאנאָוו

„— איך הייס יאנקעוו, פופציק יאָר בין איך אלט, א ניקעליראָווטשיק אין די וואַרשטאַטן פונעם קאָלכאָז „קראסנאיא גאָרקא". פאר דער ארבעט פלעג איך האָבן צוויי הונדערט זעכציק — צוויי הונדערט זיבעציק קארבן א כוידעש. דאָס ווייב איז געווען א באלעבאָסטע אין דער שטוב. דימקע, דער זון,— אָט איז ער, פערצן יאָר אלט — האָט זיך געלערנט אין שול. באסיע! אָדער איך וועל ריידן, אָדער דו. דערצייל שוין, מיילע, פארוואָס מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט קיין יישראָעל.

— צוויי מיינע ברידער זיינען געשטאָרבן פון אינפארקטן. בא אונדז אין דער מישפּאָכע האָבן אלע מאנצבלען געהאַט שוואכע הערצער. אין דער מילכאָמע האָט די מאמע כאסענע געהאַט מיט א פּאָליאַק און איז ארויסגעפאָרן מיט אים און מיט איין שוועסטער מיינער אזש קיין בראַ־זיליע. א צווייטע שוועסטער איז אוועקגעפאָרן פון פּוילן קיין יישראָעל. נאָך איינע האָב איך אין קיִעוו. עטיע הייסט זי. די מאמע איז אן אלטע, זי ווערט בלינד. זאָגט אליין, וויאזוי האלט מען אויס און מע טוט ניט עפּעס אָף צוריפנעמען דאָס געזינד איניינעם. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן טומלען ארום פארייניקן מישפּאָכעס, האָבן מיר פון ביידע עקן וועלט זיך אוועקגעלאָזט קיין יישראָעל, צו מיין עלטערער שוועסטער. איין עטיע איז געבליבן אין דער היים, א געזונט איר אין קאָפּ...

אָף דער דערלויבעניש פונעם „אָוויר" האָבן מיר געוואַרט צוויי מיט א האלבן כוידעש. דעם 30 אפּרעל 1970 זיינען מיר ארויסגעפאָרן. ביזן 7 מיי אָפּגעוועזן אין טראנזיט־לאגער אין ווין, און דערנאָך — קיין ייש־ראָעל. דעם 8 יול זיינען מיר שוין פון יישראָעל אנטלאָפן. סאכאקל אָפּ־

געוועז אין דער מעדינע צוויי כאדאָשים מיט איין טאָג... ווײַטער שווײַג איך. זאָל ער ריידן. עס באקומט זיך, אז איך בין די גאנצע שולדיקע...

— וואָס זאָל איך דערציילן? אין טעל־אוויוו, אין אעראָפּאָרט, איז מיר פון דער ערשטער מינוט קלאָר געוואָרן, אז מיר האָבן זיך גוט ארײַנגעפּאַקט. גלײַך פון וועג האָט מען אונדז אלעמען אוועקגעשטעלט אונטער א שטרענגן קאָנטראָל. מע דארף ענטפערן אף פראגעס וועגן אָבאָראָנע אין סאָוועטנפארבאנד. אויב דער מענטש איז פארן ארויספאָרן געווען באָקי אין די הויכע פענצטער, אָדער געווען אמאָל א מיליטערמאן, מאכט מען אים א באזונדערן פארהער. די יונגעלײַט פירט מען גלײַך אָפּ אין א קאבינע, ווו א דאָקטער שאצט זיי אָפּ און א מאיאָר נעמט זיי אפן דיסקאָנט.

אין אעראָפּאָרט האָט מען אונדז געגעבן אין האנט הונדערט פונט אף דרײַ מענטשן; פופצן פונט דארף מען גלײַך אומקערן לעטויוועס יִיסראָעל. דימקע, ווילסט עפּעס זאָגן?

— פארוואָס דערציילסטו ניט, פאפּע, אז ווען דער ארײַנוואנדערער קערט שפּעטער אום צוריק די האלוואָע, דארף ער אָפּגעבן ניט פינף און אכציק פונט, נאָר אלע הונדערט...

— יאשע, לאָז מיך זאָגן וועגן דער שוועסטער. מיר זײַנען געקומען צו איר וווינען אין באט־יאם, לעבן טעל־אוויוו. זי האָט צוויי צימערן אף פיר מענטשן. די דילן פון צעמענט, נידעריקע סטעליעס. אין דער שטוב איז ענג, פינצטערלעך. ווי נאָר מיר האָבן אוועקגעלייגט די זאכן, האָט די שוועסטער זיך א וואָרף געטאָן צו אונדז, פונקט ווי אמאָל אין שטעטל, ווען צו אָרעמעלײַט פלעגט קומען צוגאסט א קאָרעווו — וואָס האָבן מיר איר געבראכט? די שוועסטער ארבעט אין א גאָרקיך — וואשט געפעס. איר מאן איז געשטאָרבן. איין טאָכטער ארבעט אף א פאבריק פון טעקסטיל־בגאָדים, זי נייט קעלנערלעך, די צווייטע האָט איר אייגענע מישפּאָכע, לעבט שווער — גייט מיט אירע צוויי קינדער און מיטן מאן עסן מיטיק צו דער מאמען. פאראן נאָך בא דער שוועסטער א זון, דאָוויד, איז ער אפן פראָנט.

— באסיע, דער כאווער האָט קיין צײַט ניט. דערצייל בעסער, ווי־אזוי מיר זײַנען אוועק אין דער פינלענדישער אמבאסאדע און אָנגעגעבן די דאָקומענטן אף אומקערן זיך אהיים...

— כאַפּ זיך ניט. דער פלעמעניק מײַנער, דאָוויד, איז איינמאָל געקומען פון דער ארמיי זיך זען מיט אונדז. מיר האָבן אים פון מאָסקווע געבראכט א זייגערל „פּאָליאָט” און אן עלעקטרישע בריטווע. „מומע, — מאכט ער צו מיר, — און איך האָב ארָאָפּגענומען א זייגער בא אן אראַבער...” איך קוק אף אים און פארשטיי ניט: „בא א געפאנגענעם?”. ער דערציילט מיר: „בייס א שיסערײַ אף דער סירישער גרענעץ זע איך, עס ליגט א געהארגעטער אראבער. האָב איך בא אים אראָפּגענומען דעם זייגער”...

— ווען מיר זײַנען ארויסגעגאנגען פון דער פינלענדישער געזאנדשאפט, האָט אף דער גאס געווארט אף אונדז עפּעס איינער אין טונקעלע ברילן. ער האָט גענומען אף אונדז שרײַען: אמעריקע האָט געפאטערט אף אײַך

אזויפיל געלט, און איר טראַכט שוין וועגן צוריק... עס קומט אײַך פאַרשיקט צו ווערן אַף אייביקע יאָרן אין מידבער...

— זאָגסט מידבער, יאַשע. אַ מידבער איז באַ זיי דאָס לעבן... שטעלט אײַך פאָר, איך קום אַרײַן אין אַ שפּײַז־קרעמל. אַפן שטעלעכל ליגט וווּרשט, זייף, צוקערקעס, הערינג. די קרעמערקע בלאָזט דעם גוידער: „פלייש גיב איך אײַך גלײַך פונעם אײַז־קאַסטן, באַ אײַך האָט איר עס ניט געזען" (אין אָדעס האָב איך שוין געהאַט אַ כאָלאָדילניק מיט אַ יאָר פופצן צוריק). איינמאָל זײַנען מיר געווען צוגאַסט באַ אַלטע ייִסראָיילים אַף אַ „רײַכער גאַס". זיי פירן אונדז אַרום איבער דער שטוב און דרייען אָפּ אַ קרענטל נאָך אַ קרענטל: „איר זעט — הייסע וואַסער, קאַלטע וואַסער... באַ אײַך האָט איר עס ניט געזען..." איך האָב זיך צעוויינט: זיי האַלטן אונדז פאַר ווילדע מענטשן. זיי ווייסן עפּשער ניט, אַז דאָס, מיט וואָס זיי נעמען זיך איבער, איז באַ אונדז שוין פון לאַנג ניט קיין נאָווינע... אַ ראַכמאָנעס אַף זיי.

— ווען אַ מישפּאָכע קומט אָן אין דער מעדינע, גיט מען איר ניט קיין שטענדיקע וווינונג, נאָר אַ האָטעל. ביטע — מע וועט פאַר אײַך באַצאָלן! פאַר דרײַ כאָדאָשים, וואָס איר לעבט אין האָטעל און איר עסט דאָרטן, ליפן אָן דרײַ טויזנט פונט. דעם כויוו פאַרשרײַבט מען אין לײַ־ביכל, וואָס איר האָט באַקומען אין אַעראָפּאָרט. אין אָט דעם „אויסווײַז פון אַן אַרײַנגעוואַנדערטן" („טעודאַט אָלע") פאַרשרײַבט מען, וואָסערע זאַכן איר האָט מיט זיך געבראַכט און וויפל געלט איר קאָסט אָפּ דער מעדינע. צוביסלעך זײַט איר שוין קיין באַלעבאָס ניט איבער זיך אַליין. פון אוועקפאָרן קאָן קיין רייד ניט גיין. ווען איך מיט באַסיען און מיט דימקען זײַנען געקומען זיך צעצאָלן פאַר צוויי כאָדאָשים, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעמוטשעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זײַנען שולדיק אַ היפּשע פּויטעקע: טויזנט פופציק פונט פאַר אַריבערפליִען פון ווין קיין טעל־אוויוו, צוויי הונדערט פינף און פערציק פונט פאַר סטראַכירן דעם באַגאַזש, הונדערט פונט, וועלכע מע האָט אונדז אַנטליִען, הונדערט פינף פונט פאַר איבערפירן דעם באַגאַזש פון כײַפע קיין באַט־יאַם, סאַכאַקל טויזנט פינף הונדערט ייִסראָעלדיקע פונט. איצט לאָמיר ציִען דעם כעזשבן ווײַטער. קעדיי באַוואָרענען, אַז דער מענטש, וואָס פאָרט אוועק קיין ווין, זאָל זיך אומקערן צוריק קיין ייִסראָעל, פאַרקויפט מען אים אַ בילעט „הין־און־צוריק", ניט אַנדערש. פאַר דרײַ מענטשן — זעקס בילעטן, וועלכע קאָסטן פיר טויזנט פונט. קורץ, ווען מיר האָבן באַשלאָסן אַ פּרוּוו טאָן דאָס מאַזל, האָבן מיר צוליב דעם געדאַרפט האָבן פינף טויזנט פינף הונדערט פונט (ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבן ניט גענומען קיין האָטעל, אַנדערש וואָלט די סומע דערגרייכט זיבן טויזנט פינף הונדערט פונט). קיין אַרבעט האָב איך ניט געהאַט. מע האָט מיר פאָרגעלייגט קערן די גאַס, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין אַ ניקעליראָווטשיק, און איך וועל בעסער שטאַרבן פון הונגער... באַסיע, דערצייל ווײַטער.

— דאָס האָב איך ניט דערלאָזט, אַז מײַן יאַשע זאָל קערן די גאַס. איך בין שולדיק, בין איך אַרויס אין גאַס, טאַקע בעפּויעל־מאַמעש — אַרויס אין גאַס און גענומען אויספאַרקויפן אונדזער גאַנץ האָב־און־גוטס. מיר

האָבן געבראַכט מיט זיך פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד זיבן הונדערט פערציק קילאָגראַם זאַכן, און קיין ווין האָבן מיר אַרויסגעפירט בעסאַכאַקל איין טשעמאָדאַן. פאַרקויפט האָב איך צוויי נײַע טעפּיכער און איינעם אַן אַלטן. אַן אײַז־קאַסטן „מאָסקווא“, אַ טעלעוויזאָר „טעמפּ“, אַ ניי־מאַשין „וועריטאַס“, עטלעכע סאַמאָווארן, עטלעכע! אַ פּילעסאָס „אוראַל“, דרײַסיק לײַלעכער. אַ היפּש ביסל געפעס. אַ גאַז־פּליטע (איך האָב זי פאַרקויפט דער שוועסטער פאַר צוויי הונדערט פונט, אַ שכיינע האָט געוואָלט געבן פאַר איר פיר הונדערט, נאָר פאַרקויפט האָב איך זי דער שוועסטער). פאַר אַלע זאַכן האָב איך אָפּגעלייזט דרײַ טויזנט פערציק פונט. אָבער געגייטיקט האָבן מיר זיך אין פינף טויזנט פינף הונדערט. וואָס טוט מען? כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז בא מיר איז אַ נידעריקער לייקאָציט, און אויסגעזען האָב איך — אַף מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן. בין איך אַוועק צו אַ פּריוואַטן דאָקטער און האָב מיט זיך מיטגענומען אַ פלעשל דוכי „קראַסנאַיאַ מאָסקווא“ און עטלעכע האַנטעכער. פאַר דעם האָט דער ליבער מענטש מיר געגעבן אַ פּאַפּירל, אַז איך מוז אַרויספאָרן קיין ווין זיך היילן. אַליין פאָרן קאָן איך ניט, מיט אַ קראַנק ווײַב דאַרף פאָרן דער מאַן, און דאָס קינד קאָן מען אויך ניט איבערלאָזן אַף פרעמדע הענט... עמעס, דער „סאָכנוט“ האָט געטײַנעט, אַז דימקען זאָלן מיר לאָזן אין דער מעדינע. פאַר אַ מאַשקן, הייסט עס. נאָר ניט בא באַסיען נאַרט מען אויס אַ ייִנגל אַף צו מאַכן פון אים אַ סאָלדאַט. האַקיצער, מע האָט אונדז אָנשטאָט פּאַספּאָרטן אַרויסגעגעבן אַ צײַגעניש אַף אַ יאָר צײַט. אַ טשינאָווניק פון דער רײַזע־ביוראָ איז געווען ווילִיק צו נעמען אין דער יאַד, און דערפאַר האָט ער דעביוועט פאַר אונדז דרײַ אַוויאַ־בילעטן קיין ציריך (די שווייצאַרישע געזאַנדשאַפט גיט אַרויס וויזעס, ווען מע האָט בילעטן בלויז אַהין, דאָס הייסט אין איין עק). אַף מאָרגן האָבן מיר צונויפגענומען דאָס רעשט זאַכן און געזעגנט זיך נאָר מיט דער מאַמען. די שוועסטער ווייסן ביז איצט ניט, ווו מיר זײַנען...

— איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ וועג מיר האָבן געהאַט. צוויי טעג זיך אָפּגעוואַלגערט אין ציריך, האָבן מיר מיט קאַמע צאָרעס געפונען דעם עסטרײַכישן קאָנסול, און ער האָט אונדז פון ראַכמאָנעס וועגן אַוועקגעשטעלט די וויזע — פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען טוריסטן...

— שוין יענע טוריסטן... בראָדיאַגעס, און מער גאָרניט...

— דעם 10 יול זײַנען מיר מיטן צוג אָנגעקומען קיין ווין. עטלעכע מעסלעס געשלאָפן אַפן וואָקזאַל. דעם 13 יול זיך דערשלאָגן צו דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט און אָנגעגעבן די פּאַפּירן...

— אָבער מע דאַרף דאָך, זײַט מויכל, עסן!..

— דו שרײַסט אַזוי, פּונקט ווי דער כאַווער קאָן דיר ברענגען עסן פון מאָסקווע. פאַרשטייט זיך, מע וויל עסן... מיר זײַנען אַוועק אין אַ סינאַגאָגע און געבעטן דעם שאַמעס, ער זאָל אונדז העלפן אָנקומען אַף עפּעס אַן אַרבעט. „טוט אַ פּרווו, — האָט ער געצייצעט, — זיך אײַנאָרדענען באַם הער פאָראַנד, אין סעמערינג“... דער הער פאָראַנד האָט אַ קאָשערע סטאָלאָווע אין ווין און אַ פּאַנסיאָנאַט אַף צוואַנציק נומערן אין שטעטל סעמערינג, אַ הונדערט קילאָמעטער פון ווין, אין די בערג. די רעקאָמענדאַציע

פון דער סינאַגאָגע האָט, שטעלט אײַך פאָר, געהאָלפֿן. אין פּאַנסיאָנאַט האָב איך זיך געשטעלט וואַשן דאָס געפּעס און רייניקן די קאַסטריוליעס, געמוזט אָנבייגן דעם קאָפּ, כאָטש איך האָב דעם אופֿזעער פון פּאַנסיאָנאַט ניט פאַר־געסן צו זאָגן, אַז איך בין פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער, א ניקעליראָוו־שטשיק. באַסיע, דערציייל ווײַטער...

— יאַשע איז געוואָרן א פּאַסודאָמאָיקע. איך — אָן אופּראַמערן, איינע אַפּן גאַנצן פּאַנסיאָנאַט. אויסער דעם, האָב איך געוואַשן די פּאָדלאָגעס. אין צוויי עס־צימערס און אין צוויי קיכן — אין דער פליישיקער און אין דער מילכיקער — און אויך אין קליינעם שולעכל אַפּן ערשטן שטאָק. דימקע איז געווען אָן אָפּיציאַנט. באַדינט זעכצן טישן דרײַ מאָל א טאָג. מע האָט אים געגעבן א סידער און טפילן און געהייסן זיך אויסלערנען דאַוונען, ווײַל אַנדערש וועט ער ניט קאָנען אַרבעטן אין א קאָשערן פּאַנסיאָנאַט.

איינמאָל איז קיין סעמערינג געקומען פון ענגלאַנד אַף אָפּרו א ראָוו, און ווען ער האָט דערזען דימקען, האָט ער געגומען אים אײַנריידן, ער זאָל מיט אים פאָרן קיין ענגלאַנד אין א שול פאַר ראַבאָנים, ווו ער וועט זיך לערנען און אויך זײַן אָן איבערזעצער פון רוסיש. מיך מיט יאַשען וועט מען דערפאַר דאָ אין ווין אײַנאָרדענען אַף א גוטער אַרבעט. איצט שטעלט איר זיך שוין פאָר, וואָס פאַר א ראָוו זיי האָבן געוואָלט פון דימקען מאַכן! פון גרויס דערשרעק זײַנען מיר אַנטלאָפן פון סעמערינג צוריק קיין ווין. עטלעכע מעסלעס זײַנען מיר ווידער געשלאָפן אַפּן וואָקזאַל, ביזוואַ־נען יאַשע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין א קלייט פאַר א באַטאַגיקן סטאָ־ראָזש — נאָכקוקן, אַז די קוינים זאָלן ניט גאַנווענען. אין א וואָך אַרום האָט אים אָבער דער באַלעבאָס, אָן קיין שום סיבע דערוף, אַרויסגע־טריבן...

— איר ווילט וויסן, וואָס מיר טוען איצט? שוויַג, באַסיע, איך וועל זאָגן אַזוי ווי סע איז. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך... מיר גייען אַלע טאָג אין סינאַגאָגע און בעטן א נעדאָווע... קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. ווען מיטן דונעי קומט אָן קיין ווין א סאָוועטישע שיף, לויפן מיר אַוועק אין האַפן און בעטן זיך בא די מאַטראָסן, זיי זאָלן אין דער היים דערציילן וועגן אונדזערע צאָרעס. באַסיע טראָגט זיך אַרום מיט א מעשוגענעם געדאַנק...

— מײַן געדאַנק — זיך אָנטאָן א מיסע! איך האָב קיין מוירע ניט צו זאָגן! בא דער פּאָסאָלסטווע פון יִסראָעל וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן! עפּשער וועט עס העלפן, אַז כאָטש דימקען זאָל מען ראַטעווען פון זיי.

— מאַמע, איך וועל אַהינצו מער ניט פאָרן... ווייַן ניט, מאַמע... און די פּיאַטעס פון די פיס שמאַרצן מיר שוין ניט... דיאַדיע, איר ווייסט, וואָס מע האָט מיט מיר אָפּגעטאָן? ס'איז געווען דעם 30 יוני, ווען אין די שולן הייבן זיך אָן קאַניקולן און די שילער נעמען זיך צונויף בא א קאָסטיאָר. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין קלאַס האָט מען געמאַכט א קוקלע, אַף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן, אַז דאָס איז א סאָוועטישער מעלוכע־מאַן, און מע קלײַבט זיך די קוקלע פאַרברענען אַפּן שײַטער, האָב איך זי צוגענומען צו זיך און זי באַהאַלטן אונטערן קישן. פאַר דעם האָט מען מיך אַוועקגע־שטעלט אַף דער ספּאָרט־פּלאַטשאַדקע א באָרוועסן אַפּן אָנגעגליטן אַס־

פאלט — די היץ איז דערגאנגגען ביז פערציק גראד — און מיט פארדרייטע אף הינטן הענט מיך אָפּגעהאלטן אזוי עטלעכע שאָ. די פיס האָבן זיך מיר אָפּגעבריט, איך האָב א לאנגע צײַט ניט געקאָנט שטיין אף זיי. דאָ אין ווין האָב איך ערשט אראָפּגענומען די באנדאזשן... טאטע, דו ווײנסט שוין אויך...״

צווייטער בריוו

איך דערמאָן זיך איצט אין אונדזערע שמועסן, ווען איר האָט מיך אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד״ באגלייט אף מײַן איצטיקער רײַזע. דאָס ערשטע, וואָס עס קומט מיר אפן זינען, איז וויאזוי מיר האָבן דעמלט אָנגעמאָלט אין אונדזער פאנטאזיע די שטאָט ווין, און וויאזוי זי זעט אויס אינדערעמעסן. ווין האָט זיך אסאָציִירט הויפּטזאכלעך מיט דער ליריק פונעם ווינער וואלד און פון דעם בלויען דונײַ, מיט די מעלאָדיעס פון שטראוסעס וואלסן, וועלכע לאָזן זיך הערן דורך צעעפנטע טיר־און־פענצטער.

ניט נאָר אײַך, נאָר אויך מיר האָט זיך געדאכט, אז פונקט ווי אין די אידילישע צײַטן, זײַנען די ווינער אײַנוווינער „פריילעך און זאָרגלאָז״, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם וואלס „אפן וווּנדערלעכן בלויען דונײַ״, וואָס איז א מין צווייטער הימן פון עסטרײַך.

פארשטייט זיך, ווין איז ניט געוואָרן אויס ווין. האגאם אין איר הימל האָבן זיך שוין באוויזן קאָנטורן פון עטלעכע צענדליק פילשטאָקיקע, פיר־קאנטיקע בעטאָן־קאסטנס — הײַנטצײַטיקע מויערן — און אף די גאסן איז ענג פון אווטאָמאָבילן, זעט זי דאָך ניט אויס ווי א מאָדערנער סופּער־קראך, אין וועלכן די קלאנגגען און פארבן, די ריטמען און פאָרמען זײַנען טעאַטראליש־פארשארפט און איבערגעטריבן. ווין איז אײַנגעפונדעוועטער, אײַ־דער אוועלכע־ניט־איז אנדערע אייראָפּעיִשע הויפּטשטאָט, זי איז ענלעך אף אן אלטער שטוב מיט אלט מעבל. אָבער אין דער דאָזיקער שטוב איז די שטימונג ניט אזוי פריילעך און זאָרגלאָז, ווי ס׳האָט אויסגעזען אין די אלטע אידיליעס.

נעכטן איז אין האָטעל „סטעפאני״, ווו איך וווין, געקומען צו מיר צו־גאסט דער דירעקטאָר פונעם ווינער אינפאָרמאציע־צענטער שימען וויזענ־טאל. דערציילנדיק, וואָס פאר א צאָרעס ער פערזענלעך האָט בייסן נאצי־רעזשים איבערגעלעבט אין יאנאָווער טויט־לאגער און אין מאוטהאוזען, האָט ער מיטאמאָל איבערגעריסן די זיכרוינעס און א זאָג געטאָן:

— פון עלף מיניסטאָרן אין דער עסטרײַכישער רעגירונג זײַנען פינף — געוועזענע נאציס...

איך בין געבליבן מאמעש דערשטוינט, כאָטש ס׳איז אויך פאר מיר קיין סאָד ניט, אז עסטרײַך האָט א שעם פון א גאניידן פאר פאשיסטישע יידן־מערדער (לעמאָשל, איך דערמאָן זיך, וויאזוי מע האָט דאָ דרײַ מאָל געמישפּעט אייכמאנס געהילף פראנץ נאָוואקן. פאר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשיקט צום טויט פיר טויזנט יידן, האָט דער עסטרײַכישער געריכט אין 1962 אים פארמישפּעט צו אכט יאָר טפיסע, אין 1964 — אָפּגעשאפן

דעם אורטייל און אין 1969 דאָך אים פּאַרמישפּעט אַף ניַין יאָר, דאָס הייסט עפּעס מער ווי אַף איין טאָג פאַר יעדן דערמאָרדעטן יידן...).

און דאָך בין איך געווען דערשטוינט פון דעם, וואָס וויזענטאַל האָט מיר געזאָגט. די רעגירונג אין דער נייטראַלער עסטרייַך איז איצט א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, און אין שפּיץ פון איר שטייט...

וויזענטאַל איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג מיט א ביטערער פראַזע:

— די נאַציס האָבן לאַנג געוואָרט, עס זאָל קומען אין עסטרייַך א קאַנצלער א ייד, וועלכער זאָל זיי מאַכן קאָשער...

איך וועל דאָ ניט גיין איַיך באַלעסטיקן מיט אַנאַליזן און אָפּשאַצונגען פון דער פערזענלעכקייַט און פון דער טעטיקייַט פון שימען וויזענטאַלן, וועלכער איז אַן און פאַר זיך א קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכלעכע פּי־גור... מייַן שמועס מיט אים איז פאָרגעקומען גלייַך נאָך דעם, ווי איך האָב איַיך אָפּגעשיקט דעם בריוו, אין וועלכן ס'איז אַראָפּגעשריבן די טרויעריקע געשיכטע פון דער מישפּאָכע קאַבאַנאָוו, און כ'מוז זיך מודיע זייַן: בעשאַס וויזענטאַל האָט גערעדט וועגן עסטרייַכישע מיניסטאָרן, איז מיר דורכגע־לאָפן א געדאַנק צו זאָגן אים, אַז ניט ווייַט פון עסטרייַך איז פאַראַן נאָך איין לאַנד, וווּ אַלע מיניסטאָרן זייַנען יידן און דער פּרעמיער — אויך; און צי איז ניט צייַט, אַז אַן אינפאָרמאַציע־צענטער, באַגלייַך מיט יענעם, וואָס טוט נוצלעכס אין שייַכעס מיט דער פאַרגאַנגענהייַט, זאָל איצט פאַרפיקסירן דאָס, וואָס די דאָזיקע מיניסטאָרן שיקן אָן סיי אַף דעם אייגענעם פאָלק, סיי אַף אַנדערע פעלקער.

אַגעוו, איך האָב באַ מיר אין נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן נאָך עטלעכע קלאָג־געשיכטעס, וועלכע ס'האָבן מיר דאָ אין ווין דערציילט פּליטים פון יִסראָעל. ניטאָ קיין צייַט צו שרייַבן וועגן זיי, בעסער וועל איך צוּוואַרטן ביזן אומקערן זיך אַהיים, אָבער פון דער צווייטער זייַט, האָב איך זיך באַטראַכט, אַז וועגן איינעם אַן איניען מוז דער לייענער וויסן שוין איצט, ווייַל עס גייט א רייד וועגן אַן אַפּערע, וועלכע איז אין יִסראָעל אָר־גאַניזירט, אַזוי צו זאָגן, אין מעלוכישן מאַסשטאַב און איז געווענדט אויס־שליסלעך קעגן די סאָוועטישע יידן; ס'איז נייטיק, אַז אין סאָוועטנפאַר־באַנד זאָל מען וואָס גיכער זיך דערוויסן וועגן דעם.

די פרוי, וועלכע האָט מיר דערציילט וועגן דער אַפּערע, האָט אַליין פון איר שטאַרק געליטן. דאָרע מאָסטאָוואַיאַ איז אַרויסגעפאָרן פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק דעם 20 אַפּרעל 1970, אָפּגעלעבט אין יִסראָעל קימאַט צוויי כאַ־דאָשים און פון דאָרט אַנטלאָפן קיין ווין. אין מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק איז זי געווען א דאַמען־פאַבריקמאַכער, האָט גוט פאַרדינט, געלעבט מיט איר מאַן אין א וווילאייַנגעאָרדנטער דירע אַף דער לענין־גאַס. צוויי ברידער אירע וווינען אין זשמערינקע, איינער איז געווען א שאַכטיאָר אין וואָרקוטאַ, כאַסענע געהאַט פאַר א מעדיצינישער שוועסטער. איצט לעבט ער אין זייַן אייגן הויז און איז א קאַצעוו אין א זשמערינקער שפּייַז־קלייט. דער צווייטער ברודער איז א בריגאַדיר פון א שוסטער־בריגאַדע.

מאָסטאָוואַיאַ האָט ניט געהאַט קיין שום סיבעס צו פאַרלאָזן דאָס אייַנגע־זעסענע אָרט. אין איר לעבן איז אָבער געשען אַזוינס, וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרגלעטן. בעשאַס דער מילכאָמע איז די עלטערע

שוועסטער אירע כאַנע (אַנע דאַווידאָוונע) געבליבן מיט צוויי קינדער אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע און זיך פון דאָרט ניט אומגעקערט. זי אַליין, דאָרע, האָט זיך עוואַקויִרט אין דער שטאָט אָרסק, דערנאָך קיין קיזיל־אָרדאַ. פון יענער צײַט אָן זײַנען אַ סאַך וואַסערן פאַרלאָפן, און מיטאַמאָל האָט זיך אָפּגעפונען כאַנע! זי לעבט מיט אירע קינדער אין ייִסראָעל און איז רײַך. כאַנע האָט צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַ פאָטאָגראַפיע. דאָרע האָט פאַרגאָסן טרערן, זי האָט שוין אַפילע איר שוועסטער ניט דערקענט — יענע איז עלטער פון איר אַף גאַנצע פופצן יאָר — נאָר פאָרט אייגן בלוט. און דאָ האָט נאָך כאַנע צוגעשיקט אַ פּעקל און אַ צווייט פּעקל, און געענדיקט האָט זיך עס מיט אַן אײַנלאַדונג אַריבערצופאָרן קיין ייִסראָעל.

דאָרעס ברידער און דער מאַן האָבן געוואָרנט: ס'איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, מע וויל אונדז פאַרנאַרן קיין ייִסראָעל, די פרוי אַף דער פאָטאָגראַפיע איז ניט כאַנע. אָבער דאָרע איז שוין געווען ווי אין אַ היפּנערפּלעט, זי האָט אָנגעגעבן די פּאַפּירן אין „אָוויר", און אין אָנדערהאַלבן — צוויי כאַדאָשים אַרום געקראָגן אַ וויזע. ביזן לעצטן טאָג האָט זי געאַרבעט אַף איר אַלטער שטעלע. ווען זי איז געקומען אין טעל־אַוויווער אעראָפּאָרט, איז איר אַנטקעגנגעקומען ניט איר שוועסטער, נאָר איינער אַ שלוימע אַראָנאָוויטש מאָגילניק, אַ זשמערינקער שוסטער (אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל אין 1967 צוזאַמען מיטן ווײַב, צוויי טעכטער און אַ זון; זײַן שוועסטער איז געבליבן אין טשערנאָוויץ. לעצטנס איז ער אויך אַנטלאָפן פון ייִסראָעל, נאָר דערוויסנדיק זיך, אַז מאָסטאָוואַיאַ געפינט זיך אין ווין, האָט ער זיך דאָרט פאַרעגיסטרירט באַם סאָוועטישן קאָנסול און אַליין אוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, דאַכט זיך קיין בעלגיע — מוירע געהאַט, צי זיך געשעמט, פאַר דאָרען צו בלײַבן מיט איר אין איין שטאָט...).

מאָגילניק האָט אין אַעראָפּאָרט לאָד געזאָגט דאָרען, אַז איר שוועסטער כאַנע איז קיינמאָל אין ייִסראָעל ניט געווען, ווײַל זי און אירע קינדער זײַנען אומגעקומען אין מאָהיליאָווער געטאָ. וואָס איז שײַעך די בריוו מיט דער פאָטאָ מיט די פּעקלעך, איז דאָס אַלץ געשיקט געוואָרן פון דעם אַזוי־גערופענעם „רוסישן קאָמיטעט", וועלכער קריגט אַרויס באַ נײַע אוילים אַדרעסן פון זייערע קרוווים און באַקאַנטע און אויך יעדיִעס וועגן זייער לעבן, און דערנאָך שיקט ער אין נאָמען פון עמעצע און פאַלשע שוועסטער, ברידער, שוועסטערקינדער, אַפילע אין נאָמען פון, אַזוי צו זאָגן, „טויטע נעשאָמעס", בריוו און פּעקלעך. דער ציל איז — פאַרנאַרן קיין ייִסראָעל.

שלוימע אַראָנאָוויטש מאָגילניק איז געווען אַן אַגענט פונעם „רוסישן קאָמיטעט". מע האָט אים דאָרט גערופן „סיעניאַ". אָנשטויסנדיק זיך, אין וואָס דאָ גייט, האָט מאָסטאָוואַיאַ זיך אָפּגעזאָגט אין אַעראָפּאָרט פון דער „האַלוואָע" און פון אַ „קוואַרטיר" און איז אוועקגעפאָרן קיין כײַפע נעכטיקן צו „סעניען". אַף מאָרגן האָט זי אָפּגעזוכט אין ראַמאַט־גאַן (אַ פאָרשטאָט פון טעל־אַוויוו) אירע אַ באַקאַנטע — מײַע רופט מען זי — אַ שכנײַדערקע פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק, און יענע האָט איר געזאָגט: „זאָלסט ניט נעמען קיין ייִסראָעל־פּאַס, פאָר גלײַך צוריק; איך און מײַנע עלטערן גייען אויך יעדן טאָג אין דער פינלענדישער געזאַנדשאַפט. מיר זײַנען שוין צוויי מאָל געפאָרן קיין ווין, נאָר דאָרט פאַרציט זיך דער איבעריען".

ווען דאָרע איז ווידעראַמאָל געקומען קיין לאָד נאָך איר באַגאַזש, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאָנטײנערס האָט עמעצער אופגעבראָכן און צוגענומען די סאַמע ווערטפולע זאַכן: אַן אַקאָרדעאָן, אַ טעפּיך, טײַערע גאַרדינען, אַ וואָלענע קאָלדרע אַא. זי האָט געמאַכט אַ טומל, האָט מען איר אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר אַף אַ סומע פון אַכט הונדערט זעכציק פונט, פון װעלכע זי דאַרף אומקערן הונדערט פופצן פונט אַלס אַ שטײַער; אַף די הענט, הייסט עס, באַקומט זי זיבן הונדערט פינף און זעכציק ייִסראָעל־פונט. מאָסטאָוואָיאַ האָט אויך געבראַכט מיט זיך פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק אַ מאָטאָציקל, האָט מען איר פאָרגעלייגט אים איבערלאָזן פאַר מילכאָמע־נויטן. ווען זי האָט דערווידערט, איז איר צוגעשטעלט געוואָרן אַ כעזשבן אַף טויזנט צוויי הונדערט פונט פאָשלינע פאַרן מאָטאָציקל (ווען זי וואָלט אים פאַרקויפט, איז זײַן פּרײַז אין ייִסראָעל סאַכאַקל הונדערט פונט).

דאָרע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן פאַרן וויזאַ־בילעט פון ווין קיין לאָד, ווײַל מע האָט זי אַהער פאַרנאַרט, און אויב מע וועט זי ניט ארויסלאָזן צוריק, — האָט זי געוואָרנט, — וועט זי גיין אין אַלע רעדאַקציעס און אין די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס און דערציילן וועגן דער אַפּערע. דעם 23 יון 1970 האָט מען איר געגעבן אַ צײַגעניש (כײַפע, №55995), אַז זי קען אַרויספאָרן פון ייִסראָעל. פאַר אַן וויזאַ־בילעט פון טעל־אַוויוו קיין ווין (אַהין־און־צוריק!) האָט זי געמוזט באַצאָלן צוויי הונדערט צוויי און זעכציק דאָלאַרן, די דאָזיקע סומע האָט זי אויסגעלייזט, פאַרקויפנדיק קימאַט אַלץ, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך. פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק האָט זי ארויסגעפירט זעקס הונדערט קילאָגראַם באַגאַזש, פון ייִסראָעל קיין ווין האָט זי געבראַכט צוועלף קילאָגראַם.

וואָס ווײַטער?

די עסטרײַכישע וויזע ענדיקט זיך. מאָסטאָוואָיאַ זאָגט, אַז אויב מע וועט איר ניט דערלויבן זיך אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט זי איבערגיין די גרענעץ, און — זאָל מען שיסן! (זי דערציילט: זי האָט אַ סיבע צו טראַכטן, אַז קיין דערלויבעניש וועט מען איר ניט געבן. באַם אָפּפליִען פון מאָסקווע, אין שערעמעטיעווער אַעראָפּאָרט, האָט זי אויסגעשריגן ציוניסטישע לאָזונגען. אַזוי געווען פאַרבלענדט, אַזוי געלאָזט זיך אָפּנאַרן...).

האַקיצער, מאָסטאָוואָיאַ האָט געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלע אופדעקונג. דער „רוסישער קאָמיטעט", ווי ער ווערט פון איר געשילדערט, איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מענטשן־האַנדל, מיט אַרויסנאַרן בירגער פון איין לאַנד און צושטעלן זיי אין אַ צווייט לאַנד. לויט די אָנגענומענע נאָרמעס, דאַרף אַזאַ אָרגאַניזאַציע געמישפּעט ווערן.

דאָרע האָט זיך באַגעגנט מיט פאָרשטייער פונעם „רוסישן קאָמיטעט" אין כײַפע. די אָנפירערן איז איינע אַ דאָרע פישער. פאַראַן דאָרט נאָך דרײַ אַנדערע פרויען (איינע שטאַמט פון זשיטאָמיר) און אַ מאַנצבל. דער קאָמיטעט, ווי עס דערציילט דאָרע, ווערט פינאַנסירט פון ענגלאַנד און פשאַ.

אַמאָל פלעגט געטאָן ווערן דאָס זעלבע, אָבער אין קלענערע מאַסשטאַבן און מיט אַ צומיש פון נאַיוון דאָן־קיכאָטיזם.

עס דערמאָנט זיך, לעמאָשל, אַ פאַל פון דער געשיכטע, וויִאַזוי מיט

א יאָר פינף און פערציק צוריק האָט מען צוליב רעקלאַמע־צוועקן איבער־געפּעקלט קיין פּאַלעסטינע פון פּוילן דעם יאַבלאָניער רעבן רעב כאַצקעלע מיט עטלעכע הונדערט זײַנע כסידים. מע האָט געפּויקט וועגן דעם אין אַלע פּויקן. נאָכעם סאָקאָלאָוו האָט אין שײַכעס מיט דעם געמאָלדן אָפן ווינער ציִעניסטישן קאָנגרעס, אַז „בּאַ יִדן איז קיין קלאַסן ניטאָ, זיי וואַנדערן פון איין קלאַס אין צווייטן, א סימען, אַז דער יאַבלאָניער רעבע מיט זײַנע כסידים זײַנען שוין הײַנט ערדאַרבעטער"... אין מעשעך פון א קורצער צײַט האָבן די עטלעכע הונדערט מישפּאָכעס פון ר'עב כאַצקעלעס כסידים געפּאַטערט זייערע בעבעכעס, אופגעגעסן די ציִעניסטישע קיצווע און מאַ־מעש — זיי גייען אויס פון הונגער. אין דער צײַטונג „האַארעץ" האָט מען וועגן דעם געשריבן: „אין יאַבלאָניע, אַפּאָנעם, האָט קיינער ניט געוווּסט, אַז באַזעצן זיך אף 50 דונאַם (קנאַפּע 5 דעסיאַטין) ערד, וואָס א העלפט פון זיי איז שטיינער און פעלדזן, איז אַן אבסורד און אַז מיט א סומע פון 50 ביז 200 פונט, וואָס אין יאַבלאָניע איז דאָס אויך א מאַטבייע און ס'קלעקט אף א שענק אָדער אף א קלייט, קאָן מען זיך אין פּאַלעסטינע אף קיין ערד ניט באַזעצן". איז א טייל כסידים אַנטלאָפן צוריק אין „גאָלעס", צוריק צום פריערדיקן „קלאַס"; א צווייטער טייל האָט געעפנט קלייטלעך און שענקלעך אין כײַפע. דער ציִעניסטישער „נאַציאָנאַל־פאָנד" האָט זיי פּאַ־שעט אָפּגענאַרט. דער העלדישער ציִעניסטישער רעבע האָט זיך אומגע־קערט צוריק קיין וואַרשע.

דריטער בריוו

איך האָב צו אײַך א באַקאָשע. אין מאָסקווע, אין יִדישן אָפּטייל פון דער לענין־ביבליאָטעק, איז עפּשער מעגלעך צו געפינען אין אַלטע קוועלן עפּעס־וואָס וועגן דעם לעגענדאַרן לאַנד, וואָס זײַן נאָמען האָט אף לאַטײַן זיך געשריבן Terra Ammiracionis. לויט דער לעגענדע איז אין אַכט הונדערט נײַן און פופציק יאָר אַרום נאָכן מאַבּל געקומען פון Terra Ammiracionis קיין עסטרײַך (אָדער אין די ערטער, ווו עס געפינט זיך איצט עסטרײַך) דער יִד אווראַהאָם מיט זײַן ווײַב שאָשאַנע און מיט זייערע צוויי זין. אווראַהאָם האָט, קלוימערשט, געגרינדעט אף דער עסטרײַכישער ערד א יִדיש קיניגרײַך, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן 210 יאָר פון דער קריסטלעכער ערע (עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גוואַל־דאָוונע פינקטלעכקײַט, מיט וועלכער ס'ווערן אין דער לעגענדע געבראַכט די יאָרן...).

אין דעם בוך „רעכטספּערהעלטניסע דער יודען", אף וועלכן איך האָב זיך אָנגעשטויסן דאָ אין ווין, איז וועגן דעם איניען מער גאָרנישט ניטאָ. דער ווינער יִד, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן אף דעם אָרט אין אויבנדערמאָנטן סייפער, איז אויסן געווען צו אָנדײַטן, אַז יִדן וווינען אין עסטרײַך שיר ניט פון נויעכס צײַטן. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער עס איז א פאַקט פון דער געשיכטע, אַז דער עסטרײַכישער הערצאָג פרידריך דער קריגערישער האָט אין זײַנער א גראַמאָטע פאַרן 1244 יאָר שוין באַצייכנט די יִדן אַלס אונטערטאַנען פונעם לאַנד.

אמאָל, אין די צײַטן פון דער עסטרײַכיש־אונגארישער אימפּעריע, האָבן זיך דאָרט געגעסטעט א מיליאָן — אָנדערהאלבן מיליאָן יידן, וועלכע האָבן אופגעבויט, צווישן אנדערן, אזעלכע טראַדיציאָנעלע יישובים, ווי גאליציע, בוקאָווינע. אין דער שטאָט ווין האָבן אין יענער ערע געלעבט ארום הונדערט פופציק טויזנט יידן, צײַטנווײַז — גאנצע צוויי הונדערט טויזנט.

שרײַבנדיק אײַך וועגן דעם, ווילט זיך מיר, עס זאָל טאַקע דאָ, אין זעלבן בריוו, פארצייכנט ווערן, אז אין יאנוואר 1971 איז די צאָל יידן אין עסטרײַך דערגאנגען ביז... צען־עלף טויזנט.

דער כעזשבן ווערט געמאכט אף א פאַשעטן אופן. מע דאַרף ניט ווארטן, עס זאָל פארעפנטלעכט ווערן די אָפיציעלע סטאטיסטיק. אין ווין, אף שאָטענרינג, 25, אין א פירשטאָקיק הויז, געפינט זיך די אזויגערופענע „איזראעליטישע קולטוס־געמיינדע". דאָ זײַנען אין א ספּעציעלער קארטאָטעקע ארײַנגעטראָגן אכט טויזנט מיטגלידער פון דער געמיינדע. יעדער ייד דאַרף זיך פארעגיסטרירן און צאָלן א קולטור־שטײַער. דעם אנשטאלט איז באוווּסט, אז א פּאָר טויזנט ווינער יידן מײַדן אויס דעם שטײַער (מע וועט זיי דערפאר ניט לייגן אין „פרידהאָפע", דאָס הייסט אפן יידישן בעסוילעם). אזויארום האָבן מיר שוין א מעגלעכקײַט איבערציילן דאָס „ווינער יידנטום" — בא צען טויזנט נפאשעס. נאָך טויזנט לעבן אין אנדערע שטעט פון עסטרײַך. סאכאקל אין גאנצן לאנד — עלף טויזנט יידן.

דער דורכשניטלעכער עסטרײַכישער ייד איז איצט אסימילירט סײַ שפראכלעך, סײַ שטייגעריש. יידן זײַנען, אזוי צו זאָגן, „דײַטשן". דאָס איינציקע, וואָס קייטלט צו א הײַנטיקן עסטרײַכישן יידן צו זײַן שטאָם, איז רעגיסטראציע אין דער „קולטוס־געמיינדע" (ניט קולטור־געמיינדע, נאָר קולטוס־געמיינדע!).

פאר דער לעצטער צײַט איז צוגעקומען נאָך א „קייטעלע", וואָס איז אויסגעשמידט פון „זאָרג" פאר די סאָוועטישע יידן. די ווינער ציוניסטן, איבערגעמישט מיט אן אגענטור פון באצאָלטע מאנהיגים פון יסראָעל, נעמען פון מאָל צו מאָל צונויף א געוויסע צאָל יידן און שרײַען אף דײַטש, אז מע דאַרף זיך באגיין בעסער מיט יידיש אין סאָוועטנפארבאנד. די געשיכטע פון די יידן אין עסטרײַך ווייסט שוין וועגן א פאל, ווען באם אימפעראטאָר פערדינאנד דעם II, אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאָרהונדערט, איז געווען אײַנגעפירט, אז יעזויטישע גאלאָכים זאָלן האלטן פאר דעם יידישן אוילעם מיסיאָנערישע דראָשעס אין דײַטש...

איך שרײַב אײַך דעם בריוו אונטערן פרישן אײַנדרוק פון א שמועס מיטן וויצע־פּרעזידענט פון דער „קולטוס־געמיינדע" פון די עסטרײַכישע יידן קארל לאצאס — א לינקער סאָציאל־דעמאָקראט, איינער פון די אָנפירער פונעם „פּראָפאריין פון שטראסן־פארקער". לאצאס איז, כאָלילע, ניט קיין סאָוועטן־פרעסער. מיט אים צוזאמען איז צו מיר אין האָטעל געקומען דאָקטאָר קורט ווײַס, א פּראָגרעסיווער טוער, און איך האָב באמערקט, אז זיי ביידע, ניט נאָר ווײַס אליין, זײַנען מיד פון די ציוניסטישע סקאנדאלן. און דאָך האָב איך בא קארל לאצאסן ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן א פּאָשעטע זאך: מיר זאָלן ריידן ניט בלויז וועגן די פּראָבלעמען פון די סאָוועַ־

טישע ייִדן, נאָר אויך כאָטש עטוואָס וועגן די קולטור־באַדערפענישן און אנדערע פּראָבלעמען פון די ייִדן אין עסטרײַך.

דאָקטאָר קורט ווײַס האָט מיך געפירט אין זײַן אווטאָמאָביל צו באַווײַזן מיר דעם ווינער וואַלד. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון קאַלענ־בערג, ווו טוריסטן ווערן ניט מיד צו קוקן אויף דער פּאַנאָראַם פון גאַנץ ווין, האָב איך בײַ מײַן באַגלייטער געפרעגט עטלעכע פראַגעס, און ער, פירנדיק די מאַשין איבער אַ געדרייטן באַרג־וועג, האָט געענטפערט קורץ און שאַרף.

— איך האָב אַמאָל ערגעץ געלייענט וועגן ייִדישע אינסטיטוציעס אין ווין. צי האָב איך קיין טאָעס ניט? לעמאָשל, דער מוזיי...

— געשפּערט (צוגעמאַכט. — א. וו.).

— די ביבליאָטעק?

— געשפּערט.

— דער שפּיטאָל?

— געשפּערט.

— וואָס זשע איז ניט געשפּערט?

— די פרידהאָפּע... דרײַ אין ווין, איין און דרײַסיק אין פּראָווינץ.

— צוליב וואָס אַזויפיל בעסאַלמענס?

— מען באַגראָבט די טויטן...

— וואָס נאָך איז ניט געשפּערט?

— די אַלטערס־היים (אַ מוישעוו־זקיינים).

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וועלכע זאָרגן האָט איצט די „קולטוס־געמיינדע“?

— אופזיכט אַאוף דער מיקווע...

— נאָך?

— הילפע דער אַרמע־לײַט...

— נאָך?

— די שטאָדט־סינאַגאָגע...

— נאָך?

— מער ניכט.

— וועלכע געלט־מיטלען באַקומט דער ראַט פון דער „קולטוס־געמיינ־דע“, אויסער דעם שטײַער, וואָס עס צאָלן די אַכט טויזנט פאַרעגיסטרירטע ייִדן?

ענטפערנדיק אויף דער לעצטער פראַגע, האָט דאָקטאָר קורט ווײַס מיר דערציילט, אַז די „קולטוס־געמיינדע“ פאַרמאָגט אין ווין זעכציק הײַזער, אַ מין ירושע פאַרן ייִדישן פאָלק, וואָס איז פאַרבליבן פון פאַרשטאָרבענע ייִדן. די דאָזיקע הײַזער פאַרדינגט מען, און עס סטײַעט שוין געלט אויף צו „באַגראָבן די טויטן“ און אויף העלפן די לעבעדיקע „אַרמע־לײַט“.

נו, און מיקויעך דער פאַרלעגערישער טעטיקײַט פון דעם „קולטוס“־אַנשטאַלט?

איין מאָל אין כוידעש ווערט אַרויסגעגעבן אַ בלאַט אין דער דײַטשי־שער שפּראַך „די געמיינדע“. זיצנדיק אין אווטאָמאָביל פונעם דאָקטאָר קורט ווײַס, צעעפן איך דעם יאַנוואַר־נומער פון דער בלאַט און לייען אויף

דער ערשטער זײַט: דער בונדעספאַרבאַנד פון דער איזראַעליטישער קול־טוס־געמיינדע טרעט אַרויס מיט שטאַדלאָנעס פאַר די רעכט פון די ייִדן אין סאָוויעט־אוניאָן.

עס ווערט מיר גרינגער אַפן האַרצן. דאַנקען גאָט, די עסטרײַכישע „איז־ראַעליטישע קולטוס־געמיינדע" זאָרגט נאָך אַלץ וועגן אונדז, סאָוועטישע ייִדן. מיט איר הילף וועלן מיר שוין יאָקאָס ניט פאַרפאַלן ווערן...

דאָקטאָר קורט ווײַס בעט מיך אין אַ שפּאַס, איך זאָל פאַר די ווינער מייליך־יווישערס איבערלאָזן — שריפטלעך אָדער מינדלעך — אַ מין „דעפי־ניציע", וואָס עס איז בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ ייִד, אין פאַל אויב מע וועט אים דאַרפן אָפּגעפינען, קעדיי אים העלפן. איך גיב איבער פאַר די מייליך־יווישערס מײַן ענטפער:

ווער איז אַ ייִד

די שײַלעס אײַערע — זיי האָבן דאָך איין מײַלע:
מע זעט, ווּהין דאָס שטריקעלע זיך ציט.
איך ענטפער גלײַך, ראַבויסײַ, אַף דער שײַלע,
וואָס מוטשעט אײַך אַזוי:
ווער איז אַ ייִד?

דאָס לאַנד, ווּ כ'לעב, געווען אַמאָל אַ ציצנס,
איצט אין סינטעטיק האָט עס אַ געשמאַק.
אַ ייִד איז דער, ווער ס'טראָגט שוין ניט קיין ציצעס
און ווייסט ניט, וואָס עס איז אַ לאַפּסערדאַק.

דעם מענטשן מיר דערקענען לויט די מידעס
און לויטן ייִכעס, וואָס אין זיך ער היט.
אַ ייִד איז דער, וואָס פרעגט ניט, ווער אַ ייִד איז,
און איז פון זיך אַליין אַ ייִד.

פערטער בריוו

מינאַסטאַם טרעפט עס ניט בלויז מיט מיר.

אַ ייִדישער שרײַבער, ווען ער קומט אין דער שווייץ, אין זשענעווע, לאָזט ער זיך אַוועק, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אַ קוק צו טאָן אַף דעם בלוי־ווײַטלעכן מאָנבלאַן, און אין אָט דער רעגע (זאָל עס קיינעם ניט ווונ־דערן...) ווערט ער פאַרפּלייצט פון דערמאָנונגען, און ער דערזעט פאַר זיך, אויב עס איז דערלויבט אַזוי זיך אויסדריקן, די מאָנבלאַן־הייכן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. האַגאַם די ליטעראַטור אונדזערע איז ניט אין דער שווייץ פאַרפלאַנצט געוואָרן און זיך ניט לעם די אַלפּן צעצווײַגט און צע־בלעטערט, קער זי זיך דאָך עפּעס אָן מיט דעם דאָזיקן לאַנד, ווײַל ס'איז

געווען א צײַט, ווען דרײַ מאַנבלאַנען אין איר געשיכטע — מענדעלע מוי־כער־ספֿאָרים, שאָלעם־אַליכעם און כאַים־נאַכמען ביאַליק — האָבן זיך צו־נויפגעטראָפן אין זשענעווע. און איך שטעל מיך פאָר, אז עס האָט געקאָנט געשען אזא פאַל: טאַקע אינדרײַען האָבן זיי געקאָנט אנומלטן ארומשפּאַ־צירן, קוקנדיק אף דעם בארג, וואָס געפינען געפינט ער זיך אין פראַנקרײַך, נאָר שפּיגלען שפּיגלט ער זיך אין דער זשענעווער אָזערע...

דאָס דאָזיקע בילד איז הײַנט אזוי באשײַמפּערלעך געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן, אז צוגייענדיק צום ברעג פון דער זשענעווער אָזערע און דערזעענדיק אין דער ווײַט דעם מאָנבלאַן, בין איך גרייט געווען אָפּשטעלן דעם ערשטן פארבײַגייער און א פרעג טאָן בא אים, צי ער האָט דאָ צופע־ליק ניט באגעגנט אן אלטן, שטאָלץ־אויסגעגלײַכטן מאַן מיט א ווײַס־גראָווען קאָפּ האָר און מיט א רונד־ארומגעוואַקסן ווײַס בערדל, אן אָנגעטאָנענעם אין א לײַכטן מאנטל מיט א פליושענעם קעלנערל און אין א שליאַפּע מיט שמאָלע ראַנדן, — א באיאָרטן באברילטן מאַן מיט א שטעקל אין דער האַנט — מענדעלע מויכער־ספֿאָרימען. צי עפּשער האָט דער פארבײַגייער צופעליק באגעגנט שאָלעם־אַליכעמען, ווען עס איז איבעריק צו פאָר־שטעלן פאַר אים, ווײַל ווערנדיק אף א צײַט א „שווייצעדיקער", ווי שאָ־לעם־אַליכעם האָט ליב געהאַט זיך אויסדריקן, האָט ער זיך אזוי ארײַנ־געטאָן אין דעם לעבן פון זשענעווע, אז א סאַך מענטשן האָבן דאָ אים שוין געקענט אין פּאָנעם.

פון דעם „גאָלעס שווייץ", וואָס די ייִדישע קלאַסיקער האָבן אָפּגעפּראַ־ווועט מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק, איז ניט פארבליבן אין דער ליטעראַטור קיין באזונדערער שווייצאַרישער פּעריאָד, אָבער וואָס עמעס, איז עמעס: א מענטש, ווען ס'איז נאָענט דאָס ייִדישע וואָרט, קאָן ניט, זײַענדיק אין דער שווייץ, ניט א פּרווו טאָן צו געפינען דאָרט עפּעס א שפּור, וואָס עס האָבן עפּשער איבערגעלאָזט מענדעלע, שאָלעם־אַליכעם, ביאַליק...

וועל איך אײַך גלײַך פון אָנהייב אָן מוזן אנטוישן: ניין, ס'איז ניט געבליבן אין דער הײַנטיקער שווייץ אפילע קיין מינדסטער זייכער פון אונדזער ייִדישן ליטעראַטור־אוואַר, אפילע קיין דערמאָנונג, אז דאָרט האָבן זיך אמאָל אָפּגעשטעלט אף זייער לעבנס־נאַווענאַד דרײַ גרעסטע ייִדישע שריפטשטעלער. נאָך מער: ס'איז א שווערע האלאָכע צו געפינען אין אָט דעם לאַנד וועלכן־ניט־איז בוך אף ייִדיש, הערן כאָטש א ייִדיש וואָרט, באהאַנדלען מיט עמעצן א ייִדישן פּראָבלעם, אויב ניט רעכענען, פאַרשטייט זיך, די ארומגעצופּטע פון אלע זײַטן „ייִדישע פּראַגע"... אין סאָוועטנפארבאַנד.

אין דער הײַנטיקער שווייץ, פּונקט ווי אין עסטרײַך, ענגלאַנד, איטאַליע, האָט דאָס לעבן איבערגעמאַכט מיט פּלײַס דאָס פאָלק ייִסראָעל — געשאַפן פון דעם אן עקסנאַציאָנאַלע מאַסע פון יאַהודים, דאָס הייסט פון אזעלכע מענטשן, וועלכע שטאַמען פון ייִדן, נאָר האָבן שוין פון לאַנג פארלאָרן דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־אַטריבוט אָדער ביכלאַל אים ניט געהאַט, און זיי לעבן אין די דאַלעדאַמעס פון א ייִדיש־אָפּשטאַמיקער קאַסטע. די דאָזיקע סוויווע איז, פּונקט ווי שפּינוועבס פאַר א שפּין, שטאַרק גינסטיק פארן

ציוניזם, בא וועמען דאָס יידישע פאָלק איז ניט מער ווי א בירזשע, ווו ער האנדלט מיט אקציעס פון א יידיש לאנד. דער דורכשניטלעכער פּראָפעסיאָנעלער ציוניסט איז א פּאָליטישער מעקלער, עמעצנס אן אגענט. די יידישע מעדינע און דאָס יידישע פאָלק דארף ער האלטן ווי ווייט מעגלעך פעסט אין די הענט, קעדיי פון דער „ארענדע" צו באקומען א פעטן ביסן.

אויב איר ווילט וויסן, איז דער שווייצארישער (אָדער עסטרייכישער, אָדער ענגלישער) ציוניסט אפילע קיין ייד ניט. ער איז, אויב איר ווילט וויסן, אזא איינער, וואָס האָט זיך מיטאמאָל געכאפּט, אז אָט, עס האלט באם שטארבן, דאכט זיך, עפּעס א קאָרעוו זייַנער, וואָס מע רופט אים יידיש פאָלק, און כאָטש ער, דער ציוניסט, דארף אף צען קאפּאָרעס דאָס, וואָס נאָכן אלטן קאָרעוו וועט פארבלייבן, איז ער אָבער, אלס א שטיקל יוירעש, געגייגט צו מאכן ארום דעם קאָרעווס נאָמען א געשעפטל...

איר מעגט זיך וואונדערן, נאָר טאקע מיט אָט דעם ציוניסט, פון וועלכן מע האָט פריער בא אונדז אין רוסלאנד פּאָשעט אָפּגעשפּאָט, — מיט אים שטויסן מיר זיך איצט צונויף, ווען מיר קומען אין די אויסלאנדס, און — איר מעגט אייַך לאכן! — ער שטעלט אונדז פראגן, און מיר דארפן אים ענטפערן... גאָטעניו אין הימל, וויאזוי טראָגסטו דאָס איבער?

אין דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ, אין בערן, האָב איך אָפּגעשטאט א וויזיט דעם פּרעזידענט פונעם ראט פון די שווייצארישע קעהילעס דאָקטאָר געאָרג ברונשוויג. ער איז לויטן פאך אן אדוואָקאט. רעדט דייַטש (און איך בין, טראכט איך זיך דערבייַ, לויטן פאך א יידישער שריפטשטעלער. רייד יידיש). איך זאָג אים (דורך אן איבערזעצער...): כ'בין מאסקים מיט אייַך, ווען איר באשטייט אף דעם, אז א ייד, וואָס האָט אן אינטערעס צו יידישער קולטור, דארף באקומען די מעגלעכקייט זיך אויסלעבן אין איר. עס האָט זיך אזוי געמאכט, אז היינט בין איך צוגאסט בא אייַך אין שטאָט, אין בערן, און האָב א פרייַען פארנאכט. וועט איר עפּשער מיר אָנטאָן דעם פארגעניגן און געבן מיר די מעגלעכקייט צו פארברענגען דעם אָוונט אין א יידישער קולטור־סוויווע?

אינצווישן מייַן פראגע און דעם דאָקטאָר ברונשוויגס ענטפער קלינגט דער טעלעפאָן (מיר זיצן אין דער אדוואָקאטישער קאָנטאָר). דאָקטאָר ברונשוויג שושקעט ארייַן אין טרייַבל עטלעכע אייצעס צו זייַנעם א קליענט. דערנאָך מאכט ער אן איבערייַס און קוקט אף מיר א לאנגע מינוט, ווי ער וואָלט געטראכט דערבייַ: איך זאָל אזוי וויסן פון שלעכטס, צי איך וייס, וואָס דער מענטש וויל פון מיר... און ער ענטפערט, ענדלעך, אף מייַן באקאָשע. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אז אין בערן דארף א קולטורעלער מענטש פארברענגען די צייַט מיט קולטור. אָבער מיט יידישער קולטור?! פארשטייט זיך, ווען דער גאסט זאָל האָבן צייַט און צוווארטן ביז פרייַטיקצונאכטס, וואָלט ער געקאָנט פארברענגען דעם אָוונט אין סינאגאָגע...

— הער ברונשוויג, איך בין ניט קיין גלייביקער.

— די יודאיסטישע רעליגיאָן איז ניט בלויז א רעליגיאָן פאר גלייביקע.

— אָבער מיר ריידן דאָך איצט וועגן יידישער קולטור...

— קלאָר, מײַן טײַערער, קלאָר. בא די סאָוועטן איז ניטאָ קיין ייִדישע קולטור. מיר אין דער שווייץ פירן א קולטור־ארבעט צוהילף די רוסישע ייִדן. מיר נעמען, לעמאָשל, צונויף די סטודענטן...

— ...אָף צו פּאָפּוליאַריזירן די ייִדישע קולטור?

— קעדיי פּאָפּוליאַריזירן קולטור, דאַרף מען זי פריִער האָבן, נאָר בא די סאָוועטן איז זי ניטאָ...

— און אין דער שווייץ?

— אַלץ, וואָס מיר קאָנען, טוען מיר. מיר העלפן די רוסישע ייִדן... אין דעם פּראַט בין איך אָן אָפּטימיסט. וויפל דער קרעמלין זאָל ניט וועלן זיך אויסדרייען, וועט עס אים ניט העלפן. באַזונדערס אַריַינגעטאָן אין דער קאַמפּאַניע זײַנען בא אונדז די ייִדישע סטודענטן...

— די סטודענטן פון ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן?

— וואָס הייסט — ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן?

— אַנטשולדיקט, איר זאָגט, ייִדישע סטודענטן אין דער שווייץ...

— ייִדן לויט דער נאַציאָן, זאָג איך...

אַגעוו, וועגן די אַזויגערופענע ייִדישע סטודענטן אין דער שווייץ (דאָס זעלבע — אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע). אַלץ הייסט — ייִדישע סטודענטן... מע רופט זיי אַזוי אָן ניט דערפאַר, ווײַל די ייִנגלעך און מיידלעך שטודירן ייִדישע וויסנשאַפטן, אָדער שטודירן אַלגעמיינע וויסנשאַפטן אין ייִדיש. כאַס־וועכאָלילע! די סטודענטן, געבוירענע פון ייִדישע עלטערן, אויסער דעם, וואָס זיי באַזוכן די אוניווערסיטעטישע ספּאָרט־קלובן און דיסקוסיע־קרײַזלעך, האָבן זיי נאָך אָן „אייגענעם" פּאַר־באַנד, וועלכן ס'האָט זיי אונטערגערוקט דער ציִעניזם. דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פונעם פאַרבאַנד באַשטייט דערין, וואָס ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די סאָוועטישע ייִדן. זאָגט דעם „ייִדישן סטודענט", אַז ער דאַרף עפּעס אויסקעמפן בא דער שווייצאַרישער מאַכט צוליב זיך אַליין, אַלס א ייִד, וועט ער א קוועטש טאָן מיט די אַקסל: גענוג, וואָס ער קעמפט פאַר דעם „ייִדישן אויסדרוק" באַם רוסישן ייִדן, ווײַל מען נאָך, אַז ער אַליין זאָל פאַרייִדישט ווערן...

ווען כ'האָב דורכגעלייענט אין די צײַטונגען, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק זײַנען „ייִדישע סטודענטן" אַרויס אין בערן אָף א דעמאָנסטראַציע בא דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, האָב איך פאַרבעטן עטלעכע פון זיי — די אָנפירער — דורכצושמועסן זיך. מיט איינעם, מישעל ווילליאַרן, בין איך שוין געווען באַקאַנט פריִער. א הויכוווּקסיקער באַבערדלטער באָכער, לויטן אויסזען — אָן „איבערגעוואַקסענער סטודענט", האָט ער צוגעצויגן מײַן אויפמערקזאַמקײַט, ווען אין גאַסט־זאַל פונעם זשענעווער „פּאַלאַץ פון די פעלקער" האָט א גרופּע יונגעלײַט, צווישן זיי אויך ער, מיך אָפּגעשטעלט און געבעטן, איך זאָל צושטימען, אַז זיי זאָלן בײַזײַן אָף מײַן פּרעסע־קאָנפערענץ, כאָטש זיי זײַנען ניט קיין זשורנאַליסטן. גערעדט מיט מיר האָט אין נאָמען פון אַלעמען מישעל ווילליאַר, — ער איינער איז א „דײַטש", די איבעריקע זײַנען „פראַנצויזן", זייער שפּראַך קען איך ניט.

ווען די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט, איז מישעל ווילליאַר

צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער איז ניט מאסקים מיט מײַן ענטפער אויף אַ פראַגע וועגן דער צאָל סאָוועטישע ייִדן, וועלכע ווילן עמיגרירן קיין ייִשׂראל.

— לויט אײַך קומט אויס, אַז מע קאָן ניט אָנרופן די פּינקטלעכע צאָל. איך אָבער ווייס, וויפל ייִדן עס ווילן ארויספאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד...

— טשיקאַווע...

— פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווילן ארויספאָרן צוויי הונדערט אַכציק טויזנט ייִדן.

— ניט מערער, ניט ווייניקער?

— ניין.

— פונוואַנען האָט איר גענומען די ציפער?

— דאָס וועל איך אײַך זאָגן אַ צווייט מאָל...

כ׳האָב אַזוי לאַנג אײַנגעטײַנעט מיט וויליאַרן, ביז וואַנען ער האָט מיר דערציילט, אַז די צאָל צוויי הונדערט אַכציק טויזנט האָט אָנגערופן אויף אַן אינסטרוקטאַזש מיט שווייצאַרישע סטודענטן איינער אַ ייִשׂראל־דיפּלאָמאַט, צווי יאַנוין, אַן אָנגעשטעלטער אינעם אויסערן־מיניסטעריום פון ייִשׂראל, געענוי — אין דעם „אָפּטייל פאַר די איניאָנים פון די סאָוועטישע ייִדן״.

שפּעטער, בײַס מײַנע טרעפונגען מיט די סטודענטן, זײַנען ארויפגעשווומען נאָך אייניקע דעטאַלן אין שײַכעס מיט מישעל וויליאַרן. לעמאָשל — אַז ער איז שוין פון לאַנג קיין סטודענט ניט. „מײַנע אָנפירער האָבן אָבער באַשלאָסן מיך איבערלאָזן בא דער סטודענטן־באַוועגונג״... ווער עס זײַנען זײַנע אָנפירער, וועט ער מיר זאָגן אַ צווייט מאָל. און נאָך אַ דעטאַל: מישעל וויליאַר איז עטלעכע מאָל געווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— אַלס טוריסט?

— יאָ.

— ווי געפעלט אײַך דאָס לאַנד?

— כ׳האָב ניט געהאַט קיין צײַט צו קוויקן זיך מיט שיינקײַטן פון דער נאַטור...

— וואָס דען האָט איר געטאָן?

— מײַן אָביעקט איז געווען דאָס גרוזינישע ייִדנטום.

— איר זײַט קיין גרוזיע געפאָרן, קעדיי צו פירן דאָרט ציוניסטישע אַגיטאַציע?

— מיר קעמפן פאַר די רעכט פון סאָוועטישע ייִדן ארויסצופאָרן קיין ייִשׂראל.

— און פאַר אײַערע אייגענע רעכט קעמפט איר אויך?

— אויב מיר ווילן ארויספאָרן, איז די טיר פון דער שווייץ אָפן.

— פאַרוואָס ווילט איר ניט ארויספאָרן?

— די שווייץ איז אונדזער היימלאַנד.

— פונוואַנען האָט איר גענומען, אַז עס ווילן ארויספאָרן פון זייער היימלאַנד די סאָוועטישע ייִדן?

— דאָ בײַ אונדז רעדט מען וועגן דעם...

די סטודענטן האָבן גערן געענטפֿערט אויף מײַנע פֿראַגעס. זיי באַקומען אינסטרוקציעס פֿון אויסלאַנד. דער שטאַב פֿונעם „וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע סטודענטן״ געפֿינט זיך אין לאָנדאָן. עס האָבן אים געשאַפֿן און עס פֿינאַנסירן זײַן טעטיקייט די אָפֿיציעלע קרײַזן פֿון ייִשׂראל. אויך די אַנדערע „שווייצאַרישע״ „ייִדישע״ אָרגאַניזאַציעס שטייען אונטער אַ קאָנטראָל פֿון אויסלאַנד און ווערן פֿון דאָרט אָנגעפֿירט. אין דעם פּראַט איז כאַראַקטעריסטיש די אַזויגערופֿענע „ליגע פֿאַר רעפּאַטריִרן די רוסישע ייִדן״ (ניט עמעס, אַ סוזשעט פֿאַר אַ קאָמעדיע: בײַ די ברעגן פֿון דער זשענעווער אָזערע שטייען שיפֿן פֿון די ציִעניסטן אויף צו „רעפּאַטריִרן״ צו די ברעגן פֿונעם יאַרדן די ייִדן פֿון די געגנטן בײַם פּריפּעט, בײַם דניעפּער, בײַ דער דווינע, בײַ דער ווילִיע, בײַם דניעסטער, בײַם סלוטש, בײַ דער בירע...).

„פּאַטריִא״ — Patria — באַטײַט היימלאַנד. „רעפּאַטריִאַציע״ — אומקערן פּליטים אָדער איבערוואַנדערער צוריק אין זייער היימלאַנד. צענדליקער דורות ייִדן אין וואָלין, אין ליטע זײַנען פּליטים? יוסף בומאַגין, וואָס האָט מיט זײַן האַרץ פֿאַרשטעלט פֿון די דײַטשן די ערד פֿון זײַן היימלאַנד רוסלאַנד, — ער און זײַנע אָוועס האָבן דען אין רוסלאַנד געלעבט ווי צײַטווײַליקע איבערוואַנדערער? און צי איז מעגלעך אויך „רעפּאַטריִרן״ די גרוב אויפֿן ליובאַרער פּישטשאַן, אין וועלכער עס ליגט דאָס געביין פֿון מײַן דערשאָסענער מאַמע? און וואָס באַטײַט ביכלל — רעפּאַטריִרן אַ פֿאָלק? מע קאָן דען איבערפֿלאַנצן אַ וואַלד? אַפֿילע דעם איינצלנעם בוים, דעם צעדער, וואָס האָט שוין אָנגעזעטיקט מיט זײַנע זשאָלודיעס די ערד, אין וועלכער ער איז פֿאַרוואָרצלט, — אים קאָן מען דען „רעפּאַטריִרן״? מיט אַ זאַסטעפּ אים אויסגראָבן און אַריבערטראָגן, לעמאָשל, קיין ליבאַן, בלויז דערפֿאַר, ווײַל די אַמאָליקע צעדערס זײַנען געוואַקסן אין יענעם לאַנד און לויטן זיכּאָרן רופֿט מען אויך אים אָן „ליבאַנער צעדער״? ווער וועט אַריבערטראָגן אין לאַנד פֿונעם צעדערס „אָוועס״ די אויסגערונענע זאַפֿטן און די פֿאַרטריקנטע סמאָלע פֿון זײַן שטאַם, דעם שטויב, אין וועלכן עס זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן זײַנע ניסלעך?

ווען איך האָב זיך אָנגעפֿרעגט וועגן דער „ליגע פֿאַר רעפּאַטריִרן די רוסישע ייִדן״ בײַ איינעם אַן „אָסט־יודע״, בײַ אַזאַ (פֿון די זעלטענע אין אָט די קאַנטאָן), וואָס ניט נאָר זיי שטאַמען פֿונעם אַמאָליקן טכום, נאָר זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון דאָרט דאָס ייִדישע לשון, — ווען איך האָב בײַ אים געפֿרעגט, וויאַזוי מע קוקט אויף דער דאָזיקער „ליגע״ אין דער שווייץ, האָט עס אים פֿאַרדראָסן:

— מאַלע וואָס פֿאַראַ „ליגעס״ עס שיקט אַהער אַרײַן אַמעריטשקע! אין איין שיינעם טאָג האָבן זיי געעפֿנט אין ציריך אַן אָפֿיס מיט אַ שפּאָגלנײַעם שילדל פֿון אַ „ליגע״! ס׳איז זיי, זעט אויס, ווייניק די ניו־יאָרקער „דזשויִש דעפֿענס ליג״...

אַן אָפֿיס בלײַבט, פֿאַרשטייט זיך, אַן אָפֿיס. ניט מער. דאָס שילדל איז ניט בעיכוילעס צוצודעקן דעם באַלאַגאַן. אָבער אין דעם אָפֿיס זיצן מאַנהיגים, אַזויגערופֿענע „פֿירער פֿון דעם ייִשעוו״. ווער זײַנען זיי? דער

ציריכער „אָסט־יודע” האָט ארויסגענומען פון טאש אן אויסשניט פון א יידישער צייטונג און אָנגעהויבן לייענען מיט א ניגן און מיט א קוועטש — אפן ווילנער צי אפן אָדעסער מאניר, — וואָס עס שרייבט וועגן דעם א בירגערלעכער זשורנאליסט. „די גרעסטע טייל פון אונדזערע וואָרטזאָגער, — רעדט זיך אויס דאָס הארץ דער זשורנאליסט, — פארמאָגן ניט, ליידער, קיין קולטור־אספיראציעס און זיינען בלינד פאר געשיכטלעכער פערספעקטיוו. זיי זיינען ניט מעסוגל אָפּצושאצן אינטעלעקטועלע און קולטורעלע ווערטן. זייער הויפּט־קויעך איז בעיקער אין קאמפאניי־עווען, אין זאמלען געלט... דאָס זיינען מענטשן, ווייטע פון יידישקייט, אָן וואָרצלען און אָן פליגלען, מעגושעמדיקע פיגורן, מיט געשליפענע צינגעלעך און דארע מויכעס. יידישע פּראָבלעמען? — זיי ווייסן אפילע ניט, וואָס אזעלכס עס זיינען יידישע פּראָבלעמען... איך האָב אמאָל געפרעגט א „פּרעזידענט” פון אָט דער קאטעגאָריע, צי ער לייענט א יידיש בוך, האָט ער מיר געענטפערט, ווי דער העלד אין א ווערק פון שלוימע ביקל: „אז מע דרוקט אזויפיל ביכער, ווי זאָל מען נעמען צייט צו לייענען?..”

יאָ, ס׳איז בעעמעס א טרויעריק בילד, און עס לייגט זיך ניט אפן סייכל, וויאזוי עס האָט זיך איינגעגעבן דער סאראנטשא, די לעכצנדיקע נאָך פארנאָסע „מאנהיגים”, ארופצוכאפּן זיך אפן רוקן פון די אָפּגעשוואכטע יידישע יישווים. איך ווייס, אז ווען איך וועל אין מאָסקווע אייך דערציילן וועגן מיין איצטיקער רייזע איבער אייראָפּע, וועט איר מיך פרעגן, פארוואָס עס איז שווער אראָפּצוזעצן אָט די לייט פונעם רוקן און אזוי איידל א נעם טאָן יעדן איינעם פון זיי פארן קאָלנער. מיסטאמע וועט עס טאקע אזוי פּאָרקומען, אָבער דערווייל האָט דער ציעניזם אין אייראָפּע און אין אמעריקע ארופגעצויגן א נעפּל אף געוויסע טיילן פון די יידישע יישווים, און דאָרט כידעשט מען זיך שוין ניט, וואָס מאָדערנע טאקסע־לייט, יאָרשים פון יענע, ועמען מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט אין זיינע ווערק אָנגעוויזן אף דער טיר פונעם יידישן לעבן, — זיי האָבן היינט איינגערעדט די קרענקלעך־„נאציאָנאלע” יאהודים אין אייראָפּע און די פארביזנעוועטע יידן אין אמעריקע, אז ביזוואנען מע וועט ניט אריבערפירן דאָס לעבן פונעם פאָלק אפן ציעניסטישן סיידער, וועלן יידן פון אָט די לענדער ניט טאָרן אָפּשטעלן דאָס ווארפן געלט אין דער יסראָעל־פּושקע און דאָס סקאנדאליעווען ארום דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועטן־רוסלאנד. און פונקט ווי באם שטיין שעמענעסרע פארגעסט א ייד אין דער אייגענער שטוב, אין ווייב־און־קינדער, אזוי פארגעסן די אייראָפּעישע און אמעריקאנער ציעניסטיש־פארטשאדעטע יידן אין די באדערפענישן פון די אייגענע יישווים אין אייראָפּע און אמעריקע.

פינפטער בריוו

איך שרייב אייך געוויינלעך מיינע בריוו אין די באנאכטיקע שאָען, ווען גופע דאָס זיין אין איינזאמקייט איז שוין אן אָפּרו, און איך וועל דעריבער ניט זשאלעווען קיין צייט, ניט קארגן קיין פּראָטים אף צו

מאכן פולער דאָס בילד וועגן ייִדישן לעבן אין די ערטער, ווו איך געפין זיך איצט.

בא וועמען נאָך, אויב ניט בא די ייִדן, דאַרף זײַן ברייט פאַרשפּרייט דער מין ליטעראַטור, וועלכער דערציילט וועגן רײַזעס איבער קאַנטן און לענדער! בא ייִדן אין זייער צעשפּרייטקײַט ווערט איר געפינען אַלע פאַרבן פון דער הויט, אַלע מאַנירן צו ריידן, אַלע גערעכטן צו עסן, אַלע מינים בגאָדים, אַלע לעשוינעס. ס׳איז א פאַקט, אַז ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער שטייען אונטער פאַרשיידענע פענער, זינגען פאַרשיידענע הימנען. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אין זשענעווער „פּאַלאַץ פון די נאַציעס״, איידער עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן מײַן פּרעסע־קאָנפערענץ, געהערט, ווי עס האָבן געשמועסט צווישן זיך צוויי ייִדן — זשורנאַליסטן. איינער האָט געזאָגט: „מיר — זאַמביער״, דער צווייטער האָט געענטפערט: „מיר — ניי־זעלאַנדער״. ס׳האָט געפעלט, אַז איך, אין מײַן ריי, זאָל זאָגן: „מיר — רוסן״...

עס דאַרף זײַן קלאָר, אַז ס׳איז א מיספאַרשטייעניש, מער ניט ווי טיפּשעס, ווען אַן אַמעריקאַנער ראַוו, לעמאָשל, וויל אָנבינדן זײַן ייִדיש־קײַט א ייִדן פונעם סווערדלאָווסקער זאַוואָד „אוראַלמאַש״, וועמענס טאַטע האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק אַרויסגעוואָרפן דאָס ראַבאָנישע ייִדיש־קײַט פון יענער זײַט פּלויט. מינאַסטאַם וואָלט א סאַך בעסער געווען, אַז אין אַמעריקע זאָלן ייִדישע פאַרלאַגן אַרויסלאָזן עטלעכע גוטע ביכלעך, — ניט קיין ציִעניסטישע און ניט קיין בונדיסטישע, נאָר גוטע ביכלעך — וועגן דעם, וויאַזוי ייִדן לעבן הײַנט אין סווערדלאָווסק אַפן אוראַל.

צוליב דעם דאַרפן ערנסטע ייִדישע שרײַבער זיך אָפּגעווינען פון כאַסמענען פרעמדע אַמעראַצישע דעקלאַראַציעס מיט פאָדערונגען, אַז ייִדן זאָלן אומעטום לעבן אַזוי, ווי עס ווילן די ראַבאָנים און ראַבאַיִם, און זיי, די ייִדישע שרײַבער, דאַרפן זיך צוגעווינען אַרומצופאָרן מיט נאָטיץ־ביכלעך איבער די ייִדישע יישווים פון דער וועלט, קעדיי מיט די אייגענע אויגן זען און פאַרצייכענען, וויאַזוי עס לעבן אין די יישווים די ייִדן.

פאַרשטייט זיך, ס׳זײַנען פאַראַן רײַזנדער און „רײַזנדער״. מיר געדענ־קען, אַשטייגער, וואָס פאַר אַן עקל עס האָבן ניט לאַנג צוריק אַרויסגערופן בא אונדז אַלעמען די שמירעכצן (אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״) פונעם אַפעריסט ש. ל. שנײַדערמאַן, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַף עטלעכע טעג, ווי א טוריסט, צו אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד און, ניט ווייסנדיק ווו אײַן און ווו אויס, גענומען אין זײַנע רײַזע־נאָטיצן אָנמעסטן אַף אונדז דעם הוילעך, וועלכן עס האָבן אין ניו־יאָרק צוגעשניטן די דאָר־טיקע „באַזאָרגער״. אַזעלכע רײַזנדער טאָר מען ניט אַרופלאָזן אַף דער שוועל פון א לײַטישער שטוב.

אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וועגן וועלכער איך האָב שוין אויבן דער־מאָנט, אין זשענעווער „פּאַלאַץ פון די נאַציעס״ האָב איך געהאַט דעם קליינעם פאַרגעניגן צו ענטפערן אַף א פראַגע, וועלכע האָט זיך אָנגעקערט צו דער פאַרזאָן פון נאָך איינעם א ליומפּען־זשורנאַליסט — עליִעזער ווייַ־זעל, דעם זעלבן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געכאַפּט געוואָרן בא דער האַנט, ווען ער האָט פון ניו־יאָרק, ווי א גאַנגבאַרע סכוירע, צוגעשטעלט

פאַר דעם רײַכן ספּאַרדישן ייִדן אין פּאַריזש, מאָדיאַני, דעם פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער ייִדישער קעהילע, אַן אַנטיסאָוועטישע שפּאַרגאַלקע, אַ מין „זאַגאָטאָווקע" פאַר אַ רעכילעס־בראָשור וועגן די סאָוועטישע ייִדן.

די פראַגע אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ האָט מיר געשטעלט די קאָרעספּאָנדענטקע פונעם פּאַריזשער „לע מאָנד" איזאַווישניאַק, וועלכע געהערט צו יענעם טייל פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס זאָגט „מיר — פראַנצויזן". מאַדאַם ווישניאַק איז אַ ציִעניסטקע.

— וואָזוי שאַצט איר אָפּ די ווערק פונעם ייִדישן שרײַבער אליִעזער ווייזעל? — האָט געפרעגט איזאַ ווישניאַק מיט אַזאַ אויסזען, פּונקט ווי נאָך מײַן ענטפער וועט זי שוין באַשליסן, צי די קאָנפערענץ מיט עטלעכע הונדערט זשורנאַליסטן אין „פּאַלאַץ פון די נאַציעס" וועט קאָנען פאָרגעזעצט ווערן, צי ניט.

אָרעמע ייִדישע ליטעראַטור, מע דאַרף האָבן צען קעפּ, קעדיי צו דערגיין מיטן סייכל, וואָס פאַרא קויכעס עס האַלטן דיך הײַנט אויף באַם לעבן — אַ פאַרלאָזטע און פאַרוואָרלאָזטע, אָן אָפּענע פון אַלע זײַטן פאַר גראַפּאָמאַנען און פּרעכע לײַט. ביז דער לעצטער צײַט האָסטו געהאַט צאָרעס בלויז פון אַזעלכע, וואָס האָבן טאַלאַנט אַף אַ פּרוטע, נאָר פאַרמאָגן שווערע טויזנטער, קעדיי אָפּדרוקן אַ בוך אין פאַרלאַג „אַליינעניו" און דערמיט ווערן אַ „שרײַבער"; איצט לײַדסטו פון נאָך אַ סאָרט „שרײַבער", פון אַזוינע, וואָס פאַרדינגען זיך צו אַ „קאַמפּײַן" אין קאַלטן קריג, און אַפילע ווען זיי נעמען זיך אָן די מי צו דעקן זייער כויוו מיט, מישטיינסגעזאָגט, „ליטעראַטור", דאַרפן זיי ניט שרײַבן קיין ווערק מיט סוזשעטן, כאַראַקטערס, פּייזאַזשן, שפּראַך־קאָלאָריט אַדג. גענוג, אַז פון זייער פּען זאָלן אַראָפּרינען שורעס שמוץ, פון וועלכע עס זאָלן זיך באַקומען זײַטלעך מיט רעכילעסן אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, — און זיי קאָנען זיך שוין אָנרופן מיטן זעלטענעם נאָמען „שרײַבער", „ייִדישע שרײַבער"... אָרעמע ייִדישע ליטעראַטור!

דאָס, וואָס איך זאָג דאָ וועגן אַזעלכע „שרײַבער", האָט אַ שײַכעס צו אליִעזער ווייזעלן.

פאַראַן געוויסע סימאָנים, אַז די ערנסטע ייִדישע שריפטשטעלער פון דער בירגערלעכער זײַט שטרעבן צו אָרגאַניזירטע קאָנטאַקטן מיט די סאָוועטישע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס. איך מיין, אַז דאָס איז אַ געזונטע שטרעבונג. און אין דער זעלבער צײַט טראַכט איך, אַז די אָנוועזנהײַט פון ליטעראַרישע פּראָוואָקאַטאָרס אַף דער בירגערלעכער זײַט קאָן צונישט מאַכן אַזעלכע קאָנטאַקטן אין סאַמע אָנהייב.

אַף די פּרעסע־קאָנפערענצן סײַ דאָ אין זשענעווע, סײַ אין צירי́ך און אויך אין ווין האָב איך גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס ערשטע, וואָס מע דאַרף איצט טאָן, איז — אויספאָרשן דעם מאַצעוו, די טענדענצן און די אַנטוויקלונגען אין יעדן ייִדישן ייִשעוו. אָן אָביעקטיוו בילד איז נייטיק!

אין דער שווייץ האָב איך געפונען מענטשן — מע קאָן זיי, ליידער, איבערציילן אַף די פינגער, — וועלכע זײַנען מאַסקים מיט אָט דעם געדאַנק. ס'איז נאָך פריש אין זיקאָרן דער שמועס מיט צוויי־הערש דרוקמאַנען, דעם

רעדאַקטאָר פונעם פראַנצויזישן טייל („רעווי זשוויוו״) פון דער ציריכער צײַטונג „איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט״, וועלכע גייט אַרויס אין צוויי שפּראַכן (רעדאַקטאָר פון דעם דײַטשישן טייל און, ווי עס זעט אויס, שעף פון דער גאַנצער אויסגאַבע איז קורט ראָזשעווסקי).

צווי־הערש דרוקמאַן האַלט, אַז קיין בעסערע צײַטונג פאַר די ייִדן אין דער שווייץ, ווי דאָס „איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט״, איז ניט נייטיק און ניט מעגלעך. פון די אומגעפער צוואַנציק טויזנט ייִדן אין לאַנד ריידן צוויי דריטל אַף דײַטש. די איבעריקע — אַף פראַנצויזיש. דרוקמאַן זאָגט מיט שטאָלץ: „דאָס „איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט״ איז בעשאַס דער לעצטער מילכאָמע געווען די איינציקע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט, וועלכע איז טאָמיד געלעגן בײַ געבעלסן אַפן טיש! דער רײַכסמיניסטער פון פּראָפּאַגאַנדע האָט זי געלייענט, קעדיי וויסן, וואָס עס זאָגן די ייִדן״... אַפן נירנבערגער פּראָצעס, — דערווייס איך זיך ווײַטער, — האָט די גליקלעכע צײַטונג געהאַט דעם סטאַטוט פון אַ דאָקומענט...

פאַראַן עפּעס היימישעס אין דעם, וויִאַזוי צווי־הערש דרוקמאַן דריקט אויס די געדאַנקען. וועלנדיק אויסברײַען, אַז די ייִדן אין דער שווייץ שמעלצן זיך צונויף מיט דער אַלגעמיינער מענטשן־מאַסע, זאָגט ער: „אין זשענעווע זײַנען דאָ אַזויפיל ייִדן, אַז סע קאָן זיך אויסווײַזן, אַז עס איז ביכלאַל ניטאָ קיין ייִדן״...

די ייִדן אין אָט דעם לאַנד זײַנען שטענדיק געווען און פאַרבליבן „דרויסנדיקע״, פּונקט אַזוי ווי די שווייץ גופא איז ניט קיין נאַציאָנאַל־קאָנסאָלידירט לאַנד. די שווייצאַרער פילן זיך אַלס שווייצאַרער בלויז אין אויסלאַנד; אין לאַנד פילן זיי זיך אַלס זשענעווער, טעסינער, ציריכער, באַזעלער...

אורשפּרינגלעך זײַנען אין זשענעווע געווען עלזאַסער ייִדן. די סינאַ־גאָגע — אַן עלזאַסער, דער נוסעד־האַטפילע — אַן עלזאַסער. ערשט אין דער צײַט פון דער רעוואָליוציע פון 1905 האָט זיך באַוויזן אַ מיזרעך־אייראָפּעיִשער אוילעם עמיגראַנטן — סאָציאַליסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן. פון די באַלקאַנישע לענדער קומט זיך ביסלעכווײַז צונויף אַ קליינע ספאַר־דישע קעהילע, וועלכע איז נאָכן זעקסטאָגיקן קריג אַפן נאָענטן מיזרעך (יוני 1967) אויסגעוואַקסן אַפן כעזשבן פון די פּליטים. פאַראַן אין זשענע־ווע אויך אַ „דזשויִש־אינגלישע״ סוויווע מיט אַן אייגענער סינאַגאָגע און מיט אַן אייגענעם כיידער.

די דאָזיקע עטנישע צעדרויבלטקײַט ברענגט צו פולקומער אָפּוועזנ־הײַט פון ייִדישער קולטור אין לאַנד. ווי וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש האָט מיר צווי־הערש דרוקמאַן דערציילט וועגן דעם, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט אַ דײַטשישע (ניט קיין ייִדישע) ליטעראַרישע פאַריי־ניקונג דורכגעפירט אַן אָוונט פון ייִדישער כאַזאַנישער ליד. דער סאָליסט איז געווען אַ כאַזן פון באַזעל — קאַרמאַן, אַ ליטווישער „העברעיִזירטער ייִד״. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן אָוונט זאָגט צווי־הערש דרוקמאַן: „בײַ אונדז אין דער שווייץ איז פאַר אַ ייִדישער ליד פאַראַן אַן אינטע־רעס... בײַ די דײַטשן״.

ער גיט א גוטן קנייטש דעם שטערן און דערמאָנט זיך, אז מיט א יאָר צוריק האָט דער זשענעווער טעאַטער „מאר" געוויזן דזשוזעפּע ווערדיס אָפּערע „אאיִדא", און אין דער ראָל פון אַמאָנאַסראָ, אאידאס פאָטער, איז ארויסגעטראָטן דער כאזן פון פילאַדעלפיע סיימאָר שווארצמאן.

כלעבן, עפּשער האָט א זין, אז אויך אין אנדערע לענדער פון אייראָפּע, דאָרט, ווו מע זאָרגט זיך אזוי וועגן דעם מאצעוו פון דער יידישער קול־טור אין סאָוועטנפארבאנד, זאָל מען, אפן שווייצארישן שטייגער, אָפּפרישן די קולטור־קאַדרען מיט כאזאָנים, באדכאָנים, ראבאָנים...

זעקסטער בריוו

אזא איז זי שוין, די שווייץ, אז אלע אנדערע לענדער זיינען גערן אָנצומעסטן אף זיך איר געשטאַלט, אָנרופן זיך מיט איר נאָמען. זיי מאכן אַן אָנשטעל, אז עס איז פאר זיי דער גרעסטער קאָוועד צו האָבן בא זיך פונקט אזא הימל, ווי זי, פונקט אזעלכע בערג און טאָלן. אורוגוויַ, לע־מאָשל, וויל האָבן די זכיִע צו רופן זיך „לאטייַן־אמעריקאנישע שווייץ", ליבאַן — „די שווייץ פונעם נאָענטן מיזרעך". מע דערציילט, אז גרענלאנד האָט ניט געפונען פאר זיך קיין בעסערן טיטל, ווי „די שווייץ פונעם צאָפנדיקן אייַז־אָקעאַן"...

יעדע צוויי־דריַ טעג פאָר איך ארויס פון זשענעווע צו זען די שווייץ: קיין לאָזאַן — מיט אַן אויטאָמאָביל, לענגויס דעם ברעג פון דער אָזערע, און ווייַטער קיין בערן דורך פריבורג; קיין ציריך — א ווייַטער מעהאַ־לעך! — פאָר איך מיט דער באַן.

מייַנער א באקאנטער, וואָס לעבט שוין א לענגערע צייַט אין זשענעווע, האָט מיר געזאָגט, אז אין דער שווייץ זייַנען אינטערעסאנט ניט אזוי די שטעט, ווי דאָס, וואָס ליגט צווישן די שטעט. א סימען, אז קאָלערליי רייַכע און באַרימטע פראנצויזן, דייַטשן, איטאַליענער קויפן ביסלעכווייַז אויס „דאָס, וואָס ליגט צווישן די שטעט". ניט בלויז טשאַפּלין, סימענאָן, סאָפי לאָרען האָבן דאָ זייערע ווילעס. די גאַנצע מיליאָנערסקע אייראָפּע איז געוואָרן א שוטעף צום פאָלק פון דער שווייץ.

דער זעלבער באקאנטער מייַנער האָט מיר דערציילט אזא לעגענדע: ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די וועלט אף לענדער און פעלקער, האָט ער איינמאָל דערזען א קליין ערטעלע אין די בערג, דאָס איז געווען די שווייץ. אראָפּ א קוק צו טאָן, האָט ער אָנגעקלאפּט אין א שטוב און האָט געבעטן א טרונק וואסער. „פארוואָס עפּעס וואסער? בעסער מילך"... — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע. גאָט האָט געליבט אין הארצן די באַלעבאָס־טע. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס קווערטל מילך און געזאָגט א דאנק. די באַלעבאָסטע האָט אים אָבער איבערגעשלאָגן: „דאנק ניט, באצאָל א פראנק..."

פאר א מענטשן, וואָס קומט פון אזא לאַנד, ווי רוסלאַנד, איז בעעמעס שווער צו פארשטיין דאָס אלץ, וועגן וואָס מייַן זשענעווער פרייַנט האָט

מיר דערציילט. בא אונדז איז דען מעגלעך, אז א פּרעמדער, אן אויסלענ־
דער, זאָל קויפן א שטיק רוסישע ערד און זיך דאָרט צעלייגן, ווי בא
זײַן טאטן אין ווײַנגאָרטן? עס קאָן דען געמאָלט זײַן, אז א פּויערטע פון
פּסקאָוושטשינע, לעמאָשל, אָדער פון הינטער פּאָלטאווע זאָל נעמען געלט
פאר א טרונק? קאָן זײַן, אז די גאנצע קונסט פון צווישנפעלקערלעכע
קאָנטאקטן באשטייט אין דערקענען (ניט נאָכמאכן) איינער דעם צווייטן.
ווען דער שווייצארישער נאצי־אָנאלער שרײַבער מאקס פריש האָט ניט לאנג
צוריק געזאָגט, מיינענדיק די שווייץ: „די דאָזיקע מעלוכע איז ניט מײַן
היימלאנד", — האָט עס, לויט מײַן פארשטאנד, אויסגעזען לאכלוטן אומ־
דערלאָזבאר — לײַכטזיניק, ניהיליסטיש. איך וווּנדער זיך אויך, וואָס עס
קומט מיר אויס שאָענלאנג צו אײַנטײַנען מיט די זשורנאליסטן אין דער
שווייץ, פארוואָס בא אונדז אין לאנד קוקט מען קרום אף יענע, וועלכע
פאָרן ארויס קיין אויסלאנד אף צו בלײַבן דאָרט.

זייער פיל זאכן זײַנען אנדערש בא זיי, ווי בא אונדז. אין סאָוועטנפאר־
באנד פירט מען ניט קיין דיסקוסיעס, אשטייגער, וועגן דעם, וויאזוי
אָפּשאצן דעם אופּטו פון א ליטווינער אָדער פון א ווײַסרוס, וועלכער האָט
בימיי היטלער, אײַנשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, געהאָלפן א יידן
אויסמײַדן דעם טויט. אזא ווײַסרוס אָדער ליטווינער איז נאָך בעשאס דעם
קריג אָדער גלײַך נאָך אים באלוינט געוואָרן מיט א מעלוכישן אָרדען,
און ער ווערט באהאנדלט ווי א העלד. אין דער שווייץ האָט אזא פּאסירונג
זיך געענדיקט אף אן אנדער אויפן. איינער א פּאָליציי־אָפיצער — מע
רופט אים פּאָל גרינינגער — האָט געהאָלפן די דײַטשישע יידן איבערגיין
די גרענעץ און זיך אויסבאהאלטן אין דעם שטילן נײַטראלן לענדעלע.
ס'איז אָבער אין יענער צײַט געווען אן אָפּמאך, לויט וועלכן מע האָט ניט
געטאָרט ארײַנלאָזן אין דער שווייץ קיין מענטשן, אף וועמענס פּאספּאָרט
ס'איז געשטאנען דער פאטאלער בוכשטאב „J" — דער צייכן, אז מע
איז א ייד. גרינינגער האָט געהאנדלט ניט אין גײַסט פונעם אָפּמאך און
איז דעריבער רעפּרעסירט געוואָרן. זינט דעמלט זײַנען שוין דורכגע־
גאנגען מער פון דרײַסיק יאָר, און ערשט איצט האָבן די מאכט־אָרגאנען
פון דער שווייץ רעאביליטירט גרינינגערן.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען איינעם פון די גרויזאמסטע עפּיזאָדן
פון דעם צווייטן וועלט־קריג, וועלכן די היסטאָריקער רופן אָן „דער
זעלבסטמאָרד בא דער גרענעץ". אין 1939 האָבן טויזנטער יידן א שטראָם
געטאָן אין דער נײַטראלער שווייץ, האָפנדיק ניצל צו ווערן פון פארניכ־
טונג. די שווייצארישע רעגירונג האָט אָבער דערקלערט, אז די קוואָטע פון
פּליטים אין זייער לאנד איז זיבן טויזנט, און אזא צאָל איז שוין אין פּע־
ריאָד פון 1933 ביזן 1938 ארײַנגעקומען. פאר דרײַ יאָר (1939—1942) האָט
די שווייץ אופּגענומען בלויז אכט הונדערט פופציק פּליטים פון דײַטשלאנד
און האָלאנד, און דאָס אונטער א דרוק פון די דעפּוטאטן פונעם שווייצא־
רישן בונדעסראט. בא דער גרענעץ מיט דײַטשלאנד איז געשטאנען א
גרויל־געשריי. מענטשן זײַנען געלאָפן ווי פון א מוירעדיקער סרייפע, מע
האָט זיי אָבער געכאפּט און צוריק געוואָרפן אין פײַער ארײַן. דער וועג
איז געווען איינער — אין די טויט־לאגערן.

נייך, עס איז געווען נאָך איין וועג. באַ די גלײַכגילטיקע גרענעץ־סלופּעס פֿון דער שווייץ זײַנען ייִדן מאַסנווײַז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דעם בוך „די מילכאָמע איז געווונען געוואָרן אין דער שווייץ" (די אווטאָרן — פּיער אַקאָס און פּיער קער) ווערן געבראַכט צוויי דאָקו־מענטן פֿון יענער צײַט.

דער פּאָליציי־שעף פֿון דער שווייץ ראָטמונד האָט אין יול 1942, אין אַ באַריכט וועגן זײַנעם אַ באַזוך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אָראַניענבורג, אַזוי מאָטיווירט פֿאַר דעם פּאַרלאַמענט די פֿאָדערונג, אַז מע זאָל ניט לאָזן די ייִדן „אַרײַנדרינגען אין דער שווייץ": „איך מוז דאָ צוגעבן, אַז ייִדן ווערן (אין טויט־לאַגער אָראַניענבורג. — א.וו.) גאָרניט באַהאַנדלט אַזוי אומראַכמאָנעסדיק. איך האָב ניט געפֿונען קיין שום סימען פֿון דעם, אַז זיי ווערן מאַסגווײַז פֿאַרניכטעט...".

אין דער זעלבער צײַט האָט דער ציריכער דאָקטער רודאָלף כ., מיטגליד פֿון אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, וועלכע האָט באַזוכט אייניקע מיזרעך־אייראָפּעיִשע לענדער, באַריכטעט דעם מיליטער־דעפּאַרטאַמענט: „...אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז די פֿאַרניכטונג פֿון ייִדן אין פֿולן גאַנג. די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס אַרבעטן אָן אופֿהער. הונדערטער, טויזנטער קאָרבאָנעס... אַפֿילע פֿרויען מוזן אַליין פֿאַר זיך אויסגראָבן די קוואָרים. די עסעס־לײַט הייסן די זקיינים אַרײַנשפּרינגען אין די גריי־בער, און דאָרט ווערן זיי דערשאָסן... טײַכן בלוט, הויפֿנס טויטע און אומגעהייערע אינויִם..."

די רעגירונג פֿון דער שווייץ האָט, נאַטירלעך, געגלייבט איר פּאָליציי־גענעראַל. דעם באַרעמהאַרציקן דאָקטער האָט מען באַפֿוילן, ער זאָל מאַכן אַ שווײַג. באַ די גלײַכגילטיקע גרענעץ־סלופּעס פֿונעם לאַנד זײַנען אומ־גליקלעכע מענטשן מאַסנווײַז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דאָס איז געווען אין די ווײַטע פֿערציקער יאָרן. איצט זײַנען שוין אין דער שווייץ אַנדערע צײַטן. מע האָט דאָ, ווי געזאָגט, אַפֿילע רעאַביליטירט דעם ניט דיסציפּלינירטן גרינינגערן, וועלכער האָט געהאָלפֿן ייִדן אַריבער־גיין די גרענעץ. נאָך מער (איר מעגט שטוינען...) — אין 1936 האָט אַ יונגער ייִד דאָוויד פֿראַנקפֿורטער דערהאַרגעט אין דער מיזרעך־שווייצאַ־רישער שטאָט דאַוואָס דעם נאַצישן פֿירער ווילהעלם גוסטלאָף און איז פֿאַרמישפּעט געוואָרן אויף אַכצן יאָר טפֿיסע, — איז ער איצט אויך פֿול־שטענדיק אַמניסטירט געוואָרן!

אַנדערע צײַטן. די שווייץ האָט ניט אומזיסט פֿאַרבונדן איר גוירל מיט זייגערס, — זי פֿילט די צײַט...

זיבעטער בריוו

זשענעווע שטייט מיט אירע פֿאָרשטעט האַרט באַ דער גרענעץ מיט פֿראַנקרײַך. אַלע וועגן, אויסער איינעם, דעם לאָזאַנער, פֿירן פֿונדאַנען צו דער גרויסער שכיינעסדיקער מעדינע. זיצנדיק אַנומלטן אין אַ זשענע־ווער טראָלייבוס, האָב איך זיך פֿאַרקוקט אויף דער שטאָט און בין שיר ניט

אַרײַנגעפאָרן קיין פראַנקרײַך, ווו אין א קליין דערפל ענדיקט זיך דער מאַרשרוט.

אַגעוו, צופעליק איז עס געשען אין מאָמענט, בײַס טאַקע דאָרט, אַפן פראַנצויזישן „בלויען ברעג”, אין דער שטאָט ניצע, איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער אָנפירונג פונעם יִדישן וועלט־קאָנגרעס. כאָלילע, ווען איך „פאַרשלאָף” די גרענעץ און יאָווע זיך אַרײַן פון הינטן־אַרום קיין ניצע, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז איך בין געקומען פון מאָסקווע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט אַף דער זיצונג פונעם יִדישן וועלט־קאָנגרעס...

איך בין אַרויס פונעם טראָלייבוס א פאָר טריט פאַרן גרענעץ־שלאַגבאום, וועלכער באָמבלט זיך דאָ ווי אַן איבעריקע זאַך, ווײַל קיינער לאָזט אים ניט אַראָפּ און קיינער הייבט אים ניט אויף. דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער, א יונגער מענטש מיט אַראָפּהענגענדיקע באַקן און מיט א בײַכל, הערט ניט אויף צו טרינקען קאַווע אין דער צײַט, ווען אַהער און אַהין, פון דער שווייץ קיין פראַנקרײַך און פון פראַנקרײַך אין דער שווייץ, טראָגן זיך אָן אויפהער אויטאָמאָבילן. לעם דעם ברעטלדיקן, גרין־געפאַרבטן בײַדל, אין וועלכן עס זיצט באַם צעעפנטן פענצטער דער קאַווע־טרינקער, האָט עמעצער צוגעקלאַפּט צו א סלופּ א טראַנספּאַראַנט, וואָס איז מיט דער פאַרשריבענער זײַט געווענדט צו פראַנקרײַך. קעדיי דורכלייענען, וואָס אַפן טראַנספּאַראַנט איז אָנגעשריבן, שטעל איך זיך אַוועק באַ א זײַט פונעם סלופּ, מיטן לינקן פוס אין דער שווייץ און מיטן רעכטן פוס אין פראַנקרײַך. דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער בלאָזט אַראָפּ פון דעם קאַווע־טעפּל די פּאַרע און טוט צו מיר א שעלמישן ווונק, וואָס דאַרף באַטײַטן, אַז ס'וועט קיין אומגליק ניט געשען, אויב איך וועל דעם לינקן פוס צושטעלן צום רעכטן.

אַפן טראַנספּאַראַנט איז אָנגעשריבן: „הער פראַנצויזישער פּרעזידענט! באַצאָל דעם כויוו פון נאַפּאָלעאָנען!”. דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער דערזעט מײַן פאַרכידעשטקײַט, רופט ער מיך צו מיט א פינגער, און דערבײַ דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט וועט ער מיך א כאַפּ טאָן און אַרײַנזעצן אין קאַטאַלאַזשקע פאַר אַרײַנשמוגלען זיך מיט א פוס אין א פרעמדער מעדינע. ער שפּאַרט אָבער אונטער מיט בײדע דלאָניעס די אַראָפּהענגענדיקע באַקן און דערציילט מיר א געשיכטע, אַז דער טראַנספּאַראַנט שטעקט שוין דאָ מער פון א יאָר צײַט. דאַן איז געפּײַערט געוואָרן דער צווייהונדערטסטער געבוירנטאָג פון נאַפּאָלעאָנען, און די אײַנוווינער פונעם קליינעם שווייצאַרישן שטעטל סען־פּיער האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיט הונדערט זיבעציק יאָר צוריק האָבן זייערע עלטערזיידעס געהאָלפן באַנאַפּאַרטן אַריבערצוגיין מיט זײַנע כאַיאָלעס די אַלפּן באַם באַרג־שפּיץ סען־בערנאַר. פאַר דעם האָט באָנאַפּאַרט געבעטן צושטעלן א כעזשבן וועגן דעם שאָדן, וואָס די אָפּעראַציע האָט אָנגעמאַכט דעם שטעטל, און ער וועט באַצאָלן מיט מעזומען.

דער כויוו באַטרעפט פינף און פערציק טויזנט דרײַ הונדערט פיר און דרײַסיק פראַנק און נײַנציק סאַנטימען. דאָס שווייצאַרישע שטעטל האָט

צום צווייהונדערטסטן געבוירנטאָג פונעם פראַנצויזישן אימפּעראַטאָר צוגעשטעלט א כעזשבן דעם פּרעזידענט פון פראַנקרײַך...

— און דער פּרעזידענט האָט באַצאָלט?

— דערווײַל נאָך ניט. מע שפּאַרט זיך, צי דער כויוו דאַרף געדעקט ווערן לויטן טאַריף פונעם 1800־טן יאָר, ווען די געשעעניש איז פאָרגעקומען, צי לויטן הײַנטיקן קורס פונעם פראַנק, און אויך צי עס דאַרף גענומען ווערן אין אכט די לעצטע דעוואַלוואַציע...

ווען איך שלעפּ דעם לינקן פוס צוריק איבער פון פראַנקרײַך קיין שווייצאַריע, טראַכט איך זיך ווידער: ריבוינעשעלוילעם, ווי גוט איז, וואָס עס האָט מיך ניט א טראָג געטאָן ווײַטער — אזש ביז ניצע; ווען דאָס זאָל געשען, וואָלט מען דאָך טאַקע געקאָנט מיינען, אז איך בין געקומען פון מאָסקווע זיך אונטערהערן, וואָס אין אָט דער שטאָט רעדט מען אף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

און דאָך מוז איך זיך מודע זײַן, אז עפּעס־וואָס האָב איך יאָ געהערט. זײַענדיק אין זשענעווע, וועלכע איז מיט ניצע ווי א שטוב מיט אן אַלקער, וואָלט איך זיך געדאַרפט שוין אײַנגאַנצן פאַרשטעקן די אויערן, קעדיי גאָר־נישט ניט הערן פון דעם, וואָס אין יענער שטאָט האָבן גערעדט צווישן זיך די כאַשעווע וועלט־ייִדן.

און גערעדט האָבן די וועלט־ייִדן וועגן א גאָר מיִעסן אַנטיסאָוועטישן באַלאַגאַן, וועלכן די ייִדישע רעאַקציע קלײַבט זיך אין א כוידעש אַרום אײַנאָרדענען אין דער בעלגישער הויפּטשטאָט בריסעל.

דערווײַל וועל איך פון דעם אײַך מער גאָרנישט ניט שרײַבן. מאָרגן פלי איך אַרויס קיין בריסעל, און דאָרט וועל איך זיך באַקאַנען מיטן איניען פון דער נאָענט.

אכטער בריוו

Warnung. Sie betreten militärisch bewachte Gebiet. Auf den Anruf „Halt“ sofort stillstehen und den Weisungen der Bewachungstruppe nachkommen.

איר שטעלט זיך ניט פאָר, ווי פאַרוווּנדערט איך בין געווען, דערזעענדיק אין זשענעווער אַעראָפּאָרט די דאָזיקע דײַטשיש־געשריבענע און אין דײַטשישן נוסעך אויסגעפורעמטע וואָרענונג. „מיליטעריש־בעוואַכטער געביט...“, „האַלט!“, „שטילשטעהען!..“ — צי דערמאָנט עס אײַך ניט אין געוויסע צײַטן?

יעדנפאַלס, ווען בא דער דאָזיקער מודעאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פונקט לעבן מיר א פולגעפּאַקטער מיטלוווּקסיקער באַיאָרטער מאַן אין גראָבע האָרן־ברילן, אָנגעטאָן אין א צעקנייטשטן טונקל־גרויען מאַנטל, און צווישן אים און מיר איז גלײַך אויסגעוואַקסן נאָך איין פּאַסאַזשיר — א הויכער, דאַרער הער מיט א פּאָרטפעל אין האַנט, — האָב איך א זאָג געטאָן אף רוסיש, איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס, צו די צוויי צופעליקע שכיינים

מײַנע, אַז באַ אונדז אין מאָסקווע, בעשאַס מע פּראָדוצירט אַ קינאָפילם וועגן דער דײַטשישער אָקופּאַציע, טרעפט אויך, אַז מע הענגט אויף אין גאַס אַזאַ מודיאָע. אַף דעם וואָלט זיך דער איניען פאַרענדיקט, ווען עס מישט זיך ניט אַרײַן מײַן באַגלייטער, דער סאָוועטישער פּרעסע־אַטאַשע באַ דער אייראָפּעיִשער פאַרשטייערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, און ער נעמט ניט איבערזעצן אַף פראַנצויזיש דאָס, וואָס „מסיע שעף־רעדאַקטאָר פון אַ סאָוועטיש־ייִדישן זשורנאַל" האָט דאָ פאַרבײַגייענדיק באַמערקט. דער פולגעפּאַקטער, מיטלוווקסיקער, באַיאָרטער מאַן אין גראָבע האָרן־ברילן, אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשטן טונקל־גרויען מאַנטל, האָט, פון זײַן זײַט, אָנגעהויבן דערציילן, אַז עס גייט דאָ ניט אין פּראָדוצירן קינאָפילמען, נאָר אין אַ גאַנץ רעאַלער נויטווענדיקײַט צו באַוואַכן אין אייראָפּע די ציווילע אַעראָדראָמען, ווײַל פון יענער זײַט אָקעאַן איז אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן די מאָדע צו גאַנווענען אינמיטן פלוג אַעראָפּלאַנען אָדער צו באַגעגענען זיי באַם אַראָפּנידערן מיט שיסערײַ און מיט דער רועך ווייסט וואָס. דאַן האָב איך געבעטן דעם פּרעסע־אַטאַשע, ער זאָל דערמאָנען אונדזער מיטשפּרעכער, וויִאַזוי אין דער זעלבער זשענעווע, ווו עס הענגט די מודיאָע, האָבן צײַטונגען געשריבן, אַז עס געפעלט זיי ניט, וואָס אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען געכאַפּט באַ דער האַנט עטלעכע פאַרשווינער, וועלכע האָבן זיך געקליבן אָוועקלאַקכענען אַן אַעראָפּלאַן, און מע האָט זיי ווי עס געהער צו זײַן באַשטראָפט. אַף דעם האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז אויב איך האָב אין זינען דעם פּראָצעס אין לענינגראַד איבער אַ גרופּע „לויפער נאָך ייִסראָעל", איז עס אַן עפּיזאָד פונעם קאַמף, וואָס גייט איצט אָן. די זאַך פון די לויפער איז — פּרוּוון אַנטלויפן. די זאַך פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען איז — כאַפּן זיי און באַשטראָפן, און די זאַך פון דער מײַרעוודיקער פּראָפּאַגאַנדע איז — טײַטשן עס אַזוי, ווי זי וויל. אויסהערנדיק אַזעלכע קלוגע דיבורים, האָב איך גענומען זיך ברעכן דעם קאָפּ, ווער עס קאָן זײַן אונדזער נײַער באַקאַנטער. ווײַזט אויס, אַז מײַן פרײַנט, דער פּרעסע־אַטאַשע, האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס איך טראַכט, האָט ער מיך אָפּגעפירט אין אַ זײַט און אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער, אַז דער פולגעפּאַקטער מיטלווקסיקער באַיאָרטער מאַן אין גראָבע האָרן־ברילן, אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשטן טונקל־גרויען מאַנטל, איז פּאָל אַנרי ספּאַאַק, דער געוועזענער אויסערן־מיניסטער פון בעלגיע, געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם מיליטערישן בלאָק פון די מײַרעוו־לענדער „נאַטאָ". אין זשענעווע איז ער געווען אַ גאַסט־רעדנער באַ די סטודענטן פונעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, און ער קערט זיך אום צו זיך אַהיים. דער הויכער, דאַרער הער מיטן פּאָרטפעל אין האַנט איז זײַן סעקרעטאַר.

אין סאַלאָן פונעם אַעראָפּלאַן האָט ספּאַאַק גלײַך אײַנגעדרעמלט, און דער סעקרעטאַר, איבערבייגנדיק זיך איבער מײַן פּלייצע, האָט געבעטן, איך זאָל ענטפערן אַף איינער אַ פראַגע. דעם ענטפער וועט ער פאַרשרײַבן וואָרט באַ וואָרט און שפּעטער איבערגעבן דאָס פאַרשריבענע ספּאַאַקן, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער פראַגע. אין דער לעצטער צײַט איז די מײַרעווודיקע פּרעסע פול מיט שרײַבעכצן וועגן דעם, אַז דער סאָוועטי־

שער געריכט האָט ניט געהאט קיין יורידישן סמאך ארויסצוטראָגן טויט־אורטיילן צוויי אָנטיילנעמער פון דער באַנדע, וועלכע מע האָט ארעסטירט באם פארכאפן א פּאסאזשיר־אעראָפּלאן. און אנדער זאך, אויב עס וואָלט זיך זיי איינגעגעבן צו באגיין דעם פארברעכן... אין פאָרטפעל בא ספּאאקן ליגט פונקט אן אמעריקאנער צייטונג מיט אן ארטיקל וועגן דעם. דאָס אליין, וואָס דער אויבער־סאָוועט פון פּסםר האָט שפּעטער באַגנעדיקט די פאַרורטיילטע, זאָגט איידעס וועגן דעם, אז די אמעריקאנער צייטונג איז עפּשער גערעכט...

איך האָב פאָרגעלייגט דעם סעקרעטאר, ער זאָל אָנשטאָט מיין ענטפער אף דער פראַגע פאַרשרייבן א ציטאטע פון איינעם א יורידישן דאָקומענט: „א פערזאָן, וועלכע איז באַגאַנגען אן אקט פון לופט־פּיראַטסטווע, אָדער האָט זיך פארמאָסטן אף אָט דעם פאַרברעכן, אָדער האָט בלויז געפּרווּוט באַגיין לופט־פּיראַטסטווע, קאָן פאַרורטיילט ווערן צום טויט״... (מיין קור־סיוו. — א. וו.).

ווען דער סעקרעטאר האָט אף מיר א קוק געטאָן, ווי איינער רעדט: „וואָס שטופּסטו מיר אייערע געזעצן?!״ — האָב איך אים געהייסן פאַר־שרייבן, פונוואַנען איך האָב דאָס געבראַכטע גענומען. און גענומען האָב איך די ציטאטע פון דער פעדעראַלער געזעצגעבונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע. פּולע זאַמלונג. נאָרמע, וועלכע איז אָנגעהעריק לופט־פּיראַטסטווע. פּאַראַגראַף 1472. אַפּטייל 49. פּונקט J.

אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרעמל ספּאאק, און ווען דער סעקרעטאר האָט אים דערציילט, אין וואָס דאָ גייט, איז ער גע־וואָרן ווי אָפּגעפרישט און גענומען ריידן אזוינע ווערטער, אז איך האָב מאמעש ניט געגלייבט די אייגענע אויערן:

— די פּראָפּאַגאַנדע קעגן רוסלאַנד איז געוואָרן שווינדעריש־גראָב, די פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען אָן א פּונק אין הארצן. אלץ, וואָס עס וואָלט אין דער היים געווען גוט, איז אין רוסלאַנד שלעכט, און פאַרקערט. ניט לאַנג צוריק האָט זיך געטומלט ארום א סאָוועטישן אעראָפּלאַן, וועלכן עס האָבן מיט גוואַלד פאַרכאַפּט אינדערלופטן צוויי באַנדיטן — ליטווינער, און קיי־נעם איז ניט איינגעפאַלן צו פאָרשטעלן דעם אינצידענט ווי א באַווייז פון דער רוסישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. צוויי באַנדיטן האָבן פאַרכאַפּט אן אעראָפּלאַן, און שוין. איצט איז געווען גענוג, אז די באַנדיטן זאָלן זיין ייִדן...

איך האָב איבערגעשלאָגן ספּאאקן די רייד, ווענדנדיק זיך צו זיין סעק־רעטאר:

— איר קענט, אויב איר ווילט, פאַרצייכענען פאַר דעם הער ספּאאק אויך די פאַמיליעס פון די באַנדיטן — ניט־ייִדן, וועלכע מע האָט געמיש־פּעט אין לענינגראַד... מורזשענקאָ, לעמאָשל, איז אן אוקראַאינער, פיאָדאָ־ראָוו — א רוס...

— נו, און ווער איז קוזנעצאָוו? — האָט מיט נייגער זיך אָנגעפרעגט דער בעלגישער מעלוכע־מאַן, ארויסווייזנדיק מיט דעם, אז ער האָט זיך שוין פאַרנומען מיט אָט דעם איניען.

איך האָב געענטפערט:

— קוזנעצאָווס טאַטע איז א רוס, זײַן מאַמע — א ייִדישקע. ווען קוז־נעצאָוו איז געגאַנגען אַף דעם פֿאַרברעכן, און אויך ביז דעם, האָט ער קלאל ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס און קיין שײַכעס צום ייִדישן פֿאָלק. שטייענדיק אָבער פֿאַרן מישפּעט, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן א הייסער ייִד: אַף דעם קאָן מען הײַנט א ספּעקוליר טאָן...

אלזאָ, מיט פּאָל אַנרי ספּאַאַקן האָב איך בײַס אונדזער צופֿעליקער באַגעגעניש ניט געהאַט קיין באַזונדערע כלוקעדייעס, און די גאַנצע גע־שיכטע וואָלט מיסטאַמע ניט פֿאַרצייכנט געוואָרן, נאָר ס'האָט מיך א צי געטאָן אָנצושרײַבן אײַך א בריוו, און אין בעלגיע בין איך ערשט א שאָ צײַט, ניט מער, — וועלן מיר דערווײַל זיך מוזן באַגיין מיט אָט דעם וועג־עפּיזאָד, וואָס אַן און פֿאַר זיך האָט ער א געוויסן אינ־טערעס.

נײַנטער בריוו

ערשט אָנגעקומען קיין בריסעל, און — הײַדא אַף גראַנד־פּלאַס! ס'איז זונטיק, און איך וועל נאָך באַוויזן צופֿאָרן אַפֿן פֿייגל־מאַרק, וועלכער פֿאַרכאַפּט אין די רו־טעג דעם סאַמע אויבנאָן פֿון דער שטאָט.

כאָטש „גראַנד" הייסט גרויס, איז דער פּלאַץ א קליינער. עס רינגלען אים אַרום אַלטע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען — דאָס געבײַ פֿון קאָרפּאָראַ־ציעס, דעם „קיניגס הויז", די שטאָט־ראַטושע. אין דער מיט פֿון אָט דעם שטיינערנעם הייכל קלינגט און קײַקלט זיך, קאַכט און בולקעט, ריזלט און כאָרכלט, לאַכט און וויינט א בונטער פֿייגל־אוילעם — פּאַפּוגײַען און טויבן, טוווע־פּיטשוגעס און קאַנאַרייקעס, ראָבן און שוואַלבן, און וואָס דען ניט? ווען איך בייג זיך אָן צו די שטײַגעלעך און פֿאַרגעס א קוק טאָן אַרום זיך, דאַכט זיך מיר אויס, אַז געקומען בין איך אַף דער מאָסקווער טאַגאַנקע, צו די דאָרטיקע אולענשפּיגעלס...

ביז שפּעט אין אָוונט גיי איך אַרום איבער בריסעל און זוך טיל אולענ־שפּיגעלן. די שמאָלע געסעלעך, וועלכע ציִען זיך פֿונעם גראַנד־פּלאַס צום יוסטיץ־פּאַלאַץ, זעען אַרטערווײַז אויס פּונקט אַזוי ווי אַמאָל־אַמאָל, ווען בריסעל, די „שטאָט אַף די זומפּן", האָט זיך ערשט אויסגעפּיקט פֿון דער באַרגיקער לאַנדשאַפֿט. די דענקמעלער אַף די פּלעצער זײַנען אַלע באַדעקט מיט גרינעם זשאַווער — מיט דער „גרויקײַט" פֿון מעטאַל. ווען איך הייב זיך אוף ביזן אומגעלומפּערט־מאַסיוון פּאַלאַץ פֿון דער יוסטיץ, דערזע איך אין דער ווײַט דאָס הײַנטצײַטיקע בריסעל מיט די שלאַנקע, פּלאַטשיקע מויערן, מיט די לײַכטע בריקן איבער קאַנאַלן, מיט די גראַציעזע הייב־קראַנען אין האַפֿן.

איך גיי אַף מײַן טרעפֿונג מיט טיל אולענשפּיגעלן, און איך זע אין וועג — ניט בלויז די שטרענגע גאָטיק פֿון טעמפּלען, נאָר אויך די בעטאָ־נענע סומנעקײַט פֿון לאַנגע שורעס באַראַקן, „נאַטאָ"־קאַזאַרמעס. אין האַפֿן טרעף איך אָן ניט נאָר אַף צעווייקטע (פֿון לאַנג שווימען) באַר־

זשעס, — ערשט געקומענע פון אנטווערפּען, ליעזש, גענט, — נאָר אויך אָף עטלעכע צײַטווײַליק־פּאַראַנקערטע נײַנקע קאָנאָנען־שיפלעך, וועלכע פילן דאָ אויס עפּעס אַ שליכעס...

גיין גיי איך צופוס — סײַ ווײַל צו טיל אולענשפּיגעלן איז עפּעס ניט שיין פאָרן אָף הײַנטיקע רעדער, און סײַ ווײַל דער שטאָט־טראַנספּאָרט פון בריסעל איז ניט פאַר מײַן פאַרשטאַנד: אָף פיל גאַסן, אַשטייגער, זײַנען פּאַראַלעל דורכגעלייגט צוויי פּאָר טראַמווײַ־רעלסן — דאָס האָבן קאָנקורירנדיקע קאָמפּאַניעס געמאַכט, יעדע פאַר אירע וואַגאָנעס, אַ וועג; אויסער דעם, זײַנען איינע טראַמווײַען באַצייכנט מיט אַ נומער, אַנדערע — מיט אַן אָס. איצט — גיי טרעף, מיט וועלכער קאַליע צו פאָרן און אין וועלכן טראַמוויי זיך אַרײַנזעצן...

ענדלעך קום איך צו דער שטילער סאַזשלקע אין איקסעל (איינע פון די בריסעלער קאָמונעס). אונטער דרײַ צעצווײַגטעביימער שטייט אַ דענקמאָל פון גרויען שטיין. טיל אולענשפּיגעל און נעלע, צוגעשפּאַרט צו זײַן אַקסל... לעבן זיי — אַ וועבשטול און אַ טשוהונענער קעסל אָף הייַמישע קוילן... אפן דענקמאָל זײַנען אָנגעמאָלט (פינקטלעכער — אויסגעקלאַפּט) אַ סאָווע („כאָכמע”) און אַ שפּיגל („זעלבסטדערקענונג”). „אול ען שפּיגעל” — סאָווע און שפּיגל...

איצט בעט איך מײַנעם אַ בריסעלער כאַווער, אַ געוועזענעם ווידערשטענדלער, ער זאָל מיך פירן צום אָרט, ווו עס טרעפן זיך בריסעלער ייִדן. זאָגט ער: „אז מע וויל, טרעפט מען זיך אין קאַפע „מעטראָפּאָל”, טרעפט מען זיך...”

איך נעם אַ קופּל ביר „וויעל” מיט עטלעכע אָנגעשניטענע פאַרפּרעגלטע קאַרטאָפל־רעדעלעך און פיל זיך שוין ווי אַן עמעסער בעלגיער. „מעטראָפּאָל” איז אַ סאַך וואַזשנער, איידער אַ פּאַשעט ביר־הויז, אַ „בראַסערי”, פונדעסטוועגן ווערט דאָ נאָך פאַרהיט געוויסע שטימונג און פרײַקײַט פון געמיט, אז מע זאָל קאָנען אָפּזיצן אַ שאָ און צוויי און זיך דורכשמועסן.

אין אָנהייב רעדט מען וועגן בריסעל. אָך, יאָ — בריסעל איז דאָס זעלבע פּאַריזש, כאָטש דער אספאַלט איז אַ ביסל שיטערער און די שטייבער אַ ביסל נידעריקער. ווען איינער באַם טישל דערוויסט זיך, אַז איך בין הײַנט געווען אפן פייגל־מאַרק, שפּילט ער מיר אָפּ אַ סצענע. פייגלשמייגל. ס'איז אַ ייִדישע זאַך — פייגל? בעסער וואָלט איר געגאַנגען אפן בריסעלער „אַלטן מאַרק”, אין דער אומגעגנט מאַראָל, לעבן ייִדישן בעדל אָף רי דע לאַוואַר...

צוביסלעכווײַז גייט מען אַריבער אָף פּאָליטיק. אַ קרומע וועלט, און גאָר. באַ זיך אין דער היים וויל מען ניט קיין סקאַנדאַלן, האָט מען זיך אַרופגעזעצט אָף בעלגיע. ווי נאָר מע פאַרטראַכט אין די שטאַטן צי אין ייִסראָעל עפּעס אַ שרײַענדיקע אסיפע, מאַכט מען זי אין בריסעל. ....

אָט, לעמאָשל, די ציִעניסטישע וועלט־קאָנפערענץ וועגן די סאָוועטישע ייִדן. קאַרג וועלט־שטעט פאַראַן אָף דער וועלט? האָט מען אויסגעקליבן נאָכאַמאָל בריסעל. פון דער צווייטער זײַט — פאַרוואָס זאָל מען אַזאַ קאָנ־

פערענץ וועגן די סאָוועטישע ייִדן ניט מאכן טאקע דאָרט, אין סאָוועטנ־פארבאנד?

קימאט אלע בא די טישלעך זײַנען נאָך אונטערן שווערן אײַנדרוק פון א מיטינג אין זאל „דע לא מאדלען", וואָס די אָרטיקע ציִעניסטן האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק אײַנגעאָרדנט. מע האָט געמיינט, סע וועט גיין א רייד וועגן אייגענע צאָרעס. איז ארויסגעטראָטן א פאריזשער פּראָפע־סאָר — ראָבערט מיזראכי — און גערעדט וועגן דעם, ווי מע דריקט אונטער די ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד; און אָרטיקער, בעלגי־שער ציִעניסט — דאָוויד זיסקינד — האָט זיך געמאָלדן אלס פאָרזיצער פונעם „קאָאָרדינִיר־קאָמיטעט" פון ייִדישע אָרגאניזאציעס, וועלכע זאָרגן זיך וועגן די סאָוועטישע ייִדן; דער פּראָטעסטאנטישער אדוואָקאט קוטוריע האָט דאָ אפן מיטינג קאָאָרדינירט זײַנע פּרעטענזיעס צום סאָוועטנפאר־באנד מיטן הויפּט־ראָוו פון בעלגיע דרייפוס.

די צײַטונגען שרײַבן, אז דער מיטינג אין זאל „מאדלען" איז געווען א מין רעפּעטיציע צו דער „וועלט־קאָנפערענץ".

בא איינעם א טיש זיצט אן אָנגעשטעלטער אין דער עקסטרעמער אָרגאניזאציע „קעמפנדיקע ייִדישע קרעפטן". די דאָזיקע אָרגאניזאציע האָט ניט לאנג צוריק צעשיקט דראָונגס־בריוו צו די בריסעלער ייִדן, וועלכע האלטן ניט אונטער די פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג.

דער „קעמפנדיקער ייִדישער קויעך" רעדט מיט מיר אָפענע רייד:

— איר זײַט אהער עקסטרע אראָפּגעקומען, ווײַל דאָס הארץ בא אײַך פילט, אז עפּעס טוט זיך דאָ...

עס ענטפערט אים אָפּ א יונגער באָכער בא א צווייט טיש:

— דאָ טוט זיך „עפּעס" אָן דער האסקאָמע פון די בעלגישע ייִדן... מע ציט אונדז ארײַן אין אזעלכע אפּערעס, ווײַל אין בריסעל איז די אטמאָ־ספער אזא... כלעבן, א ביזע־ביזאָיען...

— בעלגישע ייִדן — דאָס זײַנען מיר!

— איר — די ציִעניסטן?

— יאָ, יאָ!

— זינט בריסעל איז געוואָרן דער „הויף" פון דער „נאטאָ", האָט די ציִעניסטישע מאכנע אין בעלגיע אויסגעקליבן פאר זיך די ראָליע פון א צוגעבונדענעם הונט אָף אָט דעם הויף...

— א הונט, וועלכער בײַסט די באָלשעוויקעס? איך וויל זײַן אזא הונט!

— איר ווילט זײַן אזא הונט, ווײַל אפן אטלאנטישן „הויף" גיט מען אײַך א פולע שיסל מיט ביינער. הריזעט, הריזעט, און דערנאָכדעם וועלן די באלעבאטים אָפּשינדן פון אײַך די הויט.

עמעצער האָט צוגעגעבן:

— שוין ניט אָפּגערעדט פון אונדז, בעלגישע ייִדן...

דער „קעמפנדיקער ייִדישער קויעך" איז אופגעשפּרונגען פון אָרט:

— בײַס זיך אָפּ די צונג, סוינע־ייִסראָעל, אנטיסעמיט! פאָר קיין מאָסקווע!..

— און דו פאָר קיין טעל־אוויוו. וואָס זיצסטו דאָ?

— אז מירן דארפן, וועלן מיר פאָרן!

קעדיי ניט דערלאָזן צו א סקאנדאל און עטוואָס אויסגלייַכן דעם „סטיל״ פונעם וויקועך, האָב איך, קוקנדיק אין דער „ציוניסטישער זייַט״ פונעם קאפע־זאל, פארגעבן א פראגע:

— עפשער וועט עמעצער מיר זאָגן, ווער עס רופט צונויף די אסיפע אין אייַער שטאָט, געווידמעט די סאָוועטישע יידן?..

דער „קעמפנדיקער יידישער קויעך״ האָט פארבויגן א פינגער:

— די אמעריקאנער „קאָנפערענץ פארן רוסישן יידנטום״...

דער יונגער באָכער באַם צווייטן טישל פארבייגט אויך א פינגער און רופט אויס פייַערלעך:

— האָט איר אייַך די ערשטע הונדערטפּראָצענטיקע יידיש־בעלגישע אָרגאניזאציע...

ניט לייגנדיק קיין אכט אף אָט דער רעפליק, פארבייגט דער „קעמפנ־דיקער יידישער קויעך״ א צווייטן פינגער:

— די לאטייַן־אמעריקאנער „קאָנפערענץ וועגן די יידן אין פססר״...

ווידער מישט זיך אריַין דער יונגער באָכער:

— און דאָס איז די צווייטע הונדערטפּראָצענטיקע יידיש־בעלגישע אָרגאניזאציע...

דער „קעמפנדיקער יידישער קויעך״ איז אופגעבראכט:

— איכל דיר ברעכן די ביינער, מעשומעד!

ער זעצט פאָר:

— די דריטע כאָשעווע אָרגאניזאציע, וואָס רופט צונויף די וועלט־אסיפע, דאָס איז דער יסראָעלדיקער „ראט פון פאָרשטייער פון די געזעלשאפטן, וועלכע פארנעמען זיך מיט די איניאָנים פון די סאָוועטישע יידן״...

בא די טישלעך ברעכט אויס א געלעכטער. דער יונגער באָכער גייט צו צום „ציוניסטישן טישל״, מאכט דעם אָפּאָנענט זייַנעם א נאָז און טוט דערנאָך א טרייסל איבערן קאָפּ די רעכטע האנט מיט פארבויגענע דריַי פינגער:

— ראבויסיַי, איר האָט דאָ אָקאָרשט געהערט, וואָס פארא דריַי הונ־דערטפּראָצענטיקע יידיש־בעלגישע אָרגאניזאציעס עס רופן צונויף אין בריסעל די אסיפע וועגן די סאָוועטישע יידן...

בא אייַך, טייַערע, קאָן זיך שאפן אן אייַנדרוק, אז די ציוניסטן אין בריסעל זייַנען לעמעלעך, און דער פּראָגרעסיווער קויעך אף דער יידישער גאס איז דאָ אזוי שטארק, אז עס איז טיפּיש פארן יישעוו דער נאָרוואָס באשריבענער עפּיזאָד. צום באדויערן, איז אָבער ניט אזוי. פונקט ווי אין אנדערע מייַרעוו־לענדער, און עפשער נאָך אין א גרעסערער מאָס, האָט זיך איצט אין בעלגיע אייַנגעגעבן דעם ציוניזם אָפּצוסאמען די מויכעס פון א גרויסער צאָל יידן, ספּעקולירנדיק אף זייערע נאציאָנאלע געפילן, פארשטייט זיך.

געגנויער וועגן דעם — אין אן אנדער בריוו.

צענטער בריוו

איך פאָר ארום איבער בעלגיע. ס'איז גאָרניט אזא גרויסע קונץ דורכ־שנײַדן בעלגיע „פון" און „ביז". אן אנעקדאָט דערציילט, אז מע האָט דאָ געפרעגט איינעם א מענטשן, וועלכער איז ארויס אף פענסיע: „מיט וואָס וועסטו איצט זיך פארנעמען?" — האָט ער געענטפערט: „כ'וועל צופוס ארומגיין גאנץ בעלגיע..." — „דאָס וועסטו באווײַזן אָפטאָן ביזן מיטיק, — איז מען נאָך אלץ געווען נײַגעריק. — און וואָס וועסטו טאָן שפעטער?"

אין בריסעל וווין איך אפן הויף פון אונדזער געזאנדשאפט, אין אלטן „שאטאָ" (שלאָס), וואָס איז פארבליבן פון די פעאָדאלע צײַטן. דער אייגנ־טימער פונעם שאטאָ, א גראף, וועלכער האָט סימפאטיזירט דעם סאָוועטנ־פארבאנד, איז נאָכן קריג געקומען צו אונדזער געזאנדטן און געבעטן, מע זאָל בא אים נעמען א מאטאָנע — דעם שאטאָ. מאָסקווע האָט אָבער דערלויבט בלויז קויפן דעם שאטאָ, און דער גראף האָט באקומען א סימבאָלישע סומע.

די צימערן, אין וועלכע איך לעב, זײַנען ענלעך צו טאנץ־זאלן, און איך פארשטיי, פארוואָס דער אלטער באלעבאָס האָט געוואָלט פון זיי פּאָטער ווערן: שלאָפן אין זיי איז אומעגלעך, און ביכלאל זײַנען זיי ניט צוגעפאסט צום שטייגער. ווען איך קער זיך אום פארנאכט פון מײַנע ארומפאָרעכצן איבער בריסעל און איבער בעלגיע, זעץ איך זיך אוועק אף א פליושענעם שטול לעם א באגילדעטן טישל און טראכט זיך: אראָפ־נעמען דעם שניפס, צי ניט? — טאָמער וועט באלד א סקריפע טאָן די אויסגעפוצטע טיר און א כאָפטע טאנצנדיקע באשעפענישן וועט זיך ארײַנשארן, ניט פרעגנדיק אף דעם מײַן האסקאָמע...

טשיקאווע, אין וואָס וועלן די ברוים זײַן אָנגעטאָן? ווען מע געפינט זיך אין אזא שטאָט, ווי בריסעל, ווערט מען פארכאפט פון דער בלוטיקער דרײַ־צדאָדימדיקער מילכאָמע צווישן „מיני", „מאקסי" און „מידי". האגאם די אטאקעס פון „מידי" און „מאקסי" זײַנען אין פארגאנגענעם הארבסט געווען אומראכמאָנעסדיקע, איז דאָך דאָס פרויען־קלייד דערווײַל ניט גע־פאלן. באזונדערס שטארק איז געווען דער דרוק פון „מידי", וועלכע האָט אָבער אף אזא וויכטיקן פלאצדארם, ווי ענגלאנד, שיר ניט פארשפילט אין רעזולטאט פון א העכסט־אויסדריקלעכן עפיזאָד. ווען די פרינצעסן מארגארעט האָט אין דער עפנטלעכקײַט צום ערשטן מאָל זיך באוויזן אין „מידי", איז די לאָנדאָנער צײַטונג „דיילי מיראָר" ארויס מיט אזא דערעך־אגעוודיקער באמערקונג: „עס קען ניט זײַן קיין בעסערע פראָפאגאנדע פאר „מיני", ווי מארגארעטס אויסזען אין „מידי"..."

די מאנצבלען זײַנען צופרידן. אין יעדן פאל, טאָמער וועט זיך דאָס רעדל א דריי טאָן אף צוריק, איז פאראן א רעזערוו־וואריאנט, ווי'אזוי בא די פרויען איבערלאָזן די קני אָפגעדעקט. נעכטן פארנאכט האָבן פרײַנט אין ליעזש מיך פארבעטן אין א רעסטאָראן, און דאָרט האָבן זיך אָנגע־טראָפן פאָרלעך — סײַ זי, סײַ ער אין קורצע הייזעלעך, „שאָרטן". דאָס קאָן מען, אויסער אלע זאכן, פארשטיין, ווי א מין „רעוואָלט" קעגן די

געווינשאפטן, האגאם די טראדיציע איז אומעטום אין בעלגיע שטארק. אפילע אין דער ארבעטער־שטאַט ליעזש האָב איך באמערקט, אז מע איז, אשטייגער, צוגעווינט צו דער בוטאפאָרישער מאָנארכיע — ווי צו די סאָרטן ביר „סטעלא", „לאמאַט", „קאָליע" (נאָך דעם, ווי עס האָט באנ־קראָטירט די פירמע „בראָסערי דע גלין", איז „קאָליע" ביסלעכווײַז פאר־שוונדן, אָבער דאָס איז, כאָלילע, ניט קיין אָנדײַטונג אף דער בעלגישער מאָנארכיע...).

אין ליעזש האָט די אָרטיקע אָפטיילונג פון דער געזעלשאפט פון בעל־גיש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט אײַנגעאָרדנט מײַנע א באגעגעניש מיט איר אקטיוו און אויך א פרעסע־קאָנפערענץ. בייסן שמועס מיט די זשור־נאליסטן האָט א קאטוילישער גאלעך, דער ארויסגעבער פון אן אָרטיקער רעליגיעזער צײַטונג, מיך געפרעגט, צי „מיר" וואָלטן אָפּגעטראָטן „זיי" די פארברעכער, וועלכע זײַנען לעצטנס געמישפּעט געוואָרן אין לעניג־גראד. איך האָב געענטפערט, אז אויסער אוועקטרײַבער פון ערהאָפּלאנען זײַנען אין אונדזער לאנד אויך פאראן „פאָשעטע" גאנאָווים, שיקורים, כוליגאנעס, פאראזיטן אדג.; — עפשער וועט דער גוטהארציקער קאטוילי־שער גאלעך אוועקנעמען בא אונדז קיין בעלגיע אויך די אנדערע אויס־גערעכנטע לײַט? פארוואָס בלויז די „אוועקטרײַבער"?

— ווײַל די דאָזיקע „אוועקטרײַבער" זײַנען אומשולדיקע ייִדן...

— אומשולדיקע אוועקטרײַבער פון ערהאָפּלאנען?

— ייִדן...

— און ייִדן, מיינט איר, האָבן צווישן זיך נאָר „אוועקטרײַבער"? פאראן אויך ייִדן שיקורים, בויאנעס, אפילע ראָצכים. נעמט זיי בא אונדז צו, וועלן די נארמאלע ייִדן זײַן אײַך דאנקבאר. ווען איר וועט די יעניקע איבערדערציִען, איז אײַער זאך — צוריק זיי אומקערן אָדער ניט...

דער גאלעך האָט דערווידערט אָן א קאפל איראָניע:

— אָנשטאָט זיי דאָ איבערדערציִען, וועלן מיר בעסער זיי אָפּשיקן קיין ייִסראָעל, ווײַל ווער ווייסט דען ניט, אז אכוץ אין זייער אייגענעם היימלאנד זײַנען ייִדן אין ערגעץ אפאנעמעסן ניט פאטריִאָטיש.

ווען איך האָב אָפּגעפאסקנט דעם גאלעך, אז ער איז פון די „נאָיוו־אײַנגעגלייבטע" אנטיסעמיטן, האָט ער אויסגעשריגן:

— הייליקע מאריִ! ווען איך פריידיק אונדזער טראדיציִאָנעלן בעלגישן פאטריִאָטיזם, קעדיי פארפלאנצן אים אויך בא די ייִדן, בין איך שוין בא זיי אן אנטיסעמיט...

נאָך דער פרעסע־קאָנפערענץ האָט אן אָרטיקער ליעזשער ייִד מיך צו־געפירט צום פלאץ אין צענטער שטאָט, ווו עס שטייט א דענקמאָל דעם קאָמפּאָזיטאָר גרעטרי. א געבוירענער אין ליעזש, האָט ער אין זײַן צוואָע פארזאָגט, אז מע זאָל אין אָט דער שטאָט מעקאבער זײַן דאָס הארץ זײַנס.

— מיר, בעלגישע ייִדן, — האָט זיך אָפּגערופן מײַן באגלייטער, — האלטן זיך בא דער טראדיציע פון גרעטריס פאטריִאָטיזם, ניט פון דעם גאלעכס.

אונדזערע הערצער זײַנען צוגעבונדן צום לאַנד, וווּ מיר זײַנען געבוירן געוואָרן...

איך מוז בא דער געלעגנהײַט באַמערקן, אַז די קאַטוילישע גײַסטלעכע און זייער פּרעסע האָבן ניט נאָר אין ליעזש אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אַקטיווקײַט, אָנעמענדיק דעם צאַד פון מײַנע אָפּאָנענטן בייס די צוזאַמענשטויסן מיט דער אַנטיִסאָוועטישער רעאַקציע אַרום דער פראַגע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין בריסעל, נאָך דעם, ווי איך האָב קימאַט פיר שאָ נאָכאַנאַנד מיט די גרעסטע געניטקײַטן און פּראָטים געענטפערט אַף פראַגן, בין איך געצווּנגען געווען צוציִען די אויפמערקזאַמקײַט פון די זשורנאַליסטן אָט צו וואָס:

אין דער סאָלידער קאַטוילישער צײַטונג „ליבר בעלזשיק“ איז אין אַ מיטיילונג פון זשענעווע איבערגעגעבן געוואָרן אַף אַ גאַנץ אָריגינעלן אויפן דער אינהאַלט פון מײַנע ענטפערס אַף פראַגן, וועלכע מע האָט מיר געשטעלט אין „פּאַלאַץ פון די נאַציעס“. פראַגע פון אַ זשורנאַליסט: צי מעגן סאָוועטישע ייִדן עסן מאַצעס? ענטפער פון ווערגעליסן: איך ווייס ניט; פראַגע: ווי גרויס איז די צאָל ייִדן צווישן די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד? ענטפער: איך ווייס ניט; פראַגע: ווען אין מאָסקווע אָדער אין מינסק אָדער אין אַן אַנדער שטאָט שלאָגט מען ייִדן אין גאַס, צי מישט זיך אַרײַן די מיליציע? ענטפער: איך ווייס ניט... אאַזוו. אד״ג. — סאַכאַקל האָב איך, לויט דער קאַטוילישער מיטיילונג, געענטפערט אַכצן מאָל „איך ווייס ניט...“. „ווייס איך ניט, צוליב וואָס עס נייטיקט זיך אין אַזאַ אינפאָרמאַציע די צײַטונג „ליבר בעלזשיק“, — האָב איך געזאָגט מײַנע צוהערער, די זשורנאַליסטן פון בריסעל, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ מיטאַרבעטער פון „ליבר בעלזשיק“. ווען איך האָב די פראַגע פאָרגעגעבן דעם דאָזיקן מיטאַרבעטער, האָט ער זיך עטוואָס פאַרויטלט און געענטפערט: „איך ווייס ניט...“

ווי קומט עס, וואָס די בעלגישע פּאָליטישע קרײַזן, צווישן זיי — זײַלן פונעם קאַטוילישן קלויסטער, ווידמענען זיך מיט אַזאַ ברען דער נאַציִאָנאַלער פראַגע... אין סאָוועטנפאַרבאַנד? ווען איך קוק נאָכאַמאָל דורך דאָס צעטל פון די אָראַטאָרס אַפן מיטינג אין זאַל „מאַדלען“, זעט מיר אויס אַפן ערשטן קוק מאָדנע, וואָס דאָרט (ווי איך האָב אײַך שוין געשריבן אינעם פאָריקן בריוו) האָבן זיך צונויפגעקרייצט די הענט פון ייִדישע רעאַקציִאָנערן (פון דעם אָנגעדונגענעם ציִעניסט ריסקינד, פונעם ראָוו דרייפוס) און פון דער, אַזוי צו זאָגן, רעגירנדיקער רעאַקציע פונעם לאַנד. אַפן אַנטיסאָוועטישן מיטינג זײַנען אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ מעלוכעמיניסטער און פון אַ ריי סענאַטאָרן און דעפּוטאַטן אַרויס מיט העצערישע רעדעס וועגן דער לייזונג פון דער נאַציִאָנאַלער פראַגע בא אונדז אין לאַנד פאָרשטייער פון די פירנדיקע פּאַרטייען פון לאַנד — פון דער סאָציִאַל־קריסטלעכער, סאָציִאַליסטישער, פּאָלקס־ליבעראַלער, פון דער „וואַלאָנישער פאַרייניקונג“, פון דער פעדעראַציע פון די פּראָטעסטאַנטישע קלויסטערס אד״ג. אין דער אָנפירונג פון קימאַט אַלע בעלגישע פּאַרטייען זײַנען איצט פאַראַן ציִעניסטן. זיי קומען צוהילף דעם הערשנדיקן קלאַס,

קעדיי ווי־ניט־איז צו פארשלאָגן מיט דער „יידישער פראגע" די פלאמאנדיש־וואלאָנישע רײַסערײַען אין לאנד. מיט אינסצענירטע מעלאָדראמעס וועגן „סאָוועטישן אנטיסעמיטיזם" ווענדט מען אָפּ די אופמערקזאמקײַט פון די „אייגענע צאָרעס". דאָ דארף מען זוכן אויך די סיבע פון דעם, וואָס גראָד בריסעל איז אויסגעקליבן געוואָרן אלס דאָס אָרט פאר דער פארפלאנירטער אנטיסאָוועטישער וועלט־אסיפע פון די ציוניסטן.

איינדערעמעסן אָבער וואָלט ניט געשאדט צונויפרופן אן אסיפע וועגן די נאציאָנאלע רײַסערײַען אין בעלגיע. ווי באוווסט, לעבן אין בעלגיע פינף מיט א האלבן מיליאָן פלאמאנדער און פיר מיליאָן וואלאָנער. דאָס לאנד רעדט אף צוויי לעשוינעס — אף פראנצויזיש (די וואלאָנער) און אף א דיאלעקט פון דער האָלענדישער שפראך פלאמאנדיש, אָבער די הערשנדיקע קולטור איז פראנצויזיש, אפילע „די לעגענדע וועגן טיל אולענשפיגעל", דעם פלאמאנדישן נאציאָנאלן עפּאָס, האָט שארל דע קאָסטער אָנגעשריבן אף פראנצויזיש, און דערנאָך ערשט איז דער ראָמאן איבערגעזעצט געוואָרן אף פלאמאנדיש.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די קאטוילישע עפיסקאָפּן אויסגענוצט דעם אופגעוואכטן נאציאָנאלן געפיל פון די פלאמאנדישע פויערים, קעדיי צונויפשטויסן זיי מיט די וואלאָנישע ארבעטער — שאכטיאָרן פונעם קוילן־באסיין באָרינאזש, מעטאלורגן און מאשינבויער פון ליעזש אדג. פונקט דעמלט, ווען אין בריסעלער זאל „מאדלען" האָבן קאטוילישע גאלאָכים געשריגן: „יידן פון סאָוועטנפארבאנד, פאָרט קיין יסראָעלי!", — האָבן זייערע פאנאטיקער־מיספאלעלים אין דער שטאָט לעווען געהאלטן אין סקאנדירן אף פאָליטישע יארידים די לאָזונגען: „וואלאָנער, גייט אײַך אוועק!" און „לעווען איז בלויז א פלאמאנדישע שטאָט!".

בעלגיע איז צעשפאָלטן אף צוויי נאציאָנאלע לאגערן, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס דערפארענע בעלגישע פאָליטיקאנער כאפּן זיך אונטערצוהאלטן דעם טומל ארום דער נאציאָנאלער פראגע אין אן אנדער לאנד, דערצו נאָך, ווען די „פראגע" איז אזא פילבארע, ווי די יידישע.

עלפטער בריוו

מיט א צײַט צוריק, בײַס מײַנעם א באזוך אין פאריזש, האָט מען מיר דערציילט וועגן א כאראקטעריסטישן עפיזאָד, וועלכער איז פאָרגעקומען אין בריסעל באם נאָרוואָס אנטהילטן דענקמאָל די יידן — קאָרבאָנעס פונעם פאשיזם. ווען ס'איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון לייגן קרענץ און ס'האָט זיך געטאָן אף טיש און אף בענק (ווײַל וואָס פאר א ציעניסטישע כעוורע וועט זשאלעווען עטלעכע צענדליק פראנק אף צו ווערן א מעכוטן צום אָנדענק פון יענע, וועמען זיי, די ציעניסטן, האָבן אין ברען פון דער שכיטע זיך אָפגעזאָגט צו ראטעווען?), — דאן איז צום פאָסטאמענט צוגעגאנגען א גרופע געוועזענע ווידערשטענדלער, מיטגלידער פון דער פראָגרעסיווער פאָלקס־אָרגאניזאציע „יידישע סאָלידאריטעט" (פאר אויסבאהאלטן פונעם אָקופאנט טויזנטער יידישע קינדער און פאר נעמען אן

אַנטייל אין די פּאַרטיזאַנישע אַקציעס איז א גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע דערשאָסן געוואָרן אין בריסעל אפן „טיר נאַסיאָנאַל“ און אין ברעדאנק; נאָך מערער זײַנען אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע),— די גרופּע געוועזענע ווידערשטענדלער איז צוגעגאַנגען צום פּאַסטאַמענט און אוועקגעלייגט א קראַנץ מיט אן אויפשריפט: „פאַר די ייִדישע קאָרבאָנעס פונעם נאַציזם און פאַר די אראַבישע קאָרבאָנעס פון די ייִסראָעלדיקע עקסטרעמיסטן“.

ווען די ציִוניסטן ארום דעם מאָנומענט האָבן אָנגעהויבן טומלען, זײַנען די ווידערשטענדלער שווײַגנדיק צוגעגאַנגען נעענטער צו דעם מראַמאָרנעם זײַל און צעשפּיליעט אף דער ברוסט די רעקלעך, פון אונטער וועלכע ס׳האָבן זיך באוויזן צייכנס וועגן באקומענע וווּנדן און שלאכטבאלוינונגען.

דער דאָזיקער עפּיזאָד באווײַזט, ווי גרויס עס איז די פײַנטלעכקײַט צווישן די „זײַטן פון דער באריקאַדע“ אף דער ייִדישער גאס אין בעלגיע: צווישן דער „ייִדישער סאָלידאַריטעט“, צוזאמען מיט פיר אנדערע אָרגאַניזאַציעס — „אמיקאַל“, „קאָנטאַקט 66“, „עלטערן־קאָמיטעט“, „פאַרבאַנד פון ייִדישער פּראָגרעסיווער יוגנט“, און דער ציִוניסטישער פעדעראַציע, דעם פאַרבאַנד פון די „ייִדישע סטודענטן“ („סענטר לאיק“), דעם בעלגישן פיליאַל פון דער ציִוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצ׳א“ און אנד.

דער ייִדישער יישעוו אין בעלגיע ציילט איצט צווישן פערציק און פופציק טויזנט נעפאשעס (ביז דער היטלערישער אָקופּאַציע — אכציק טויזנט). די ייִדן וווינען דעריקער אין בריסעל (ארום פינף און צוואנציק טויזנט), אין אנטווערפּען, ליעזש, שאַרלערואַ.

אנטווערפּען, לעמאָשל, פאַרמאָגט גאַנצע צוויי קעהילעס, און אויסער דעם — אָפּגעזונדערטע כסידישע גרופּעס: בעלצער, סאטמארער... פאַר דער לעצטער צײַט זײַנען די אָבסקוראַנטן, די קלייקוידעש, די ציִוניסטן געשטאַרקט געוואָרן אדאנק דער אטמאָספער פון אנטיסאָוועטיזם און רעאַקציע, וואָס הערשט אין לאַנד, און טאַקע זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן אף דורכצופירן אין בריסעל דעם צונויפלוי פון אלדאָס פינצטערס אין דער ייִדישער „וועלט“. בא אזא לאגע איז שווער אָפּצושיידן דעם „אידייִשן ציִוניסט“ פון יענעם, וואָס מאכט גלאַט ביזנעס. די בריסעלער כאווײרים האָבן מיר דערציילט, אז אין שפּיץ פון די ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס שטייען דאָ מענטשן, וועלכע זײַנען שוין געווען אין ייִסראָעל, נאָר דאָרט האָבן זיי אײַנגעזען, אז אין בעלגיע גייען די געשעפטן בעסער, און מע האָט זיך אומגעקערט, קעדיי אײַנריידן דעם ייִדישן פאָלק, עס זאָל אוילע זײַן קיין ייִסראָעל.

די ציִוניסטן פאַרנעמען זיך אין בעלגיע מיט וואָס איר ווילט — אָנהייבנדיק פון שאפן אן אטמאָספער פון אָפּגעפרעמדטקײַט צום אייגענעם לאַנד און ביז שאפן בעלגישע פיליאַלן פון דער ניו־יאָרקער פאשיסטישער „דזשוּיִש דעפענס ליג“.

די ייִדישע קולטור איז אין בעלגיע א מידבער. אין גאַנצן ייִשעוו ווערט ניט געדרוקט קיין איין ייִדישער אָס. דערפאַר אָבער זײַנען אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאַנדן, קרײַזלעך און קלײַזלעך דאָ א שלאל. מע ציילט

אָן באַ פערציק בלויז ציִוניסטישע קאָמיטעטן און פאַרבאַנדן, צווישן זיי אַזעלכע פאַרזעעניש, ווי דער „פאַרבאַנד״, וועלכער האָט צוגעטראַכט פאַר זיך אַ נאָמען „מאַרקסיסטן־ציִוניסטן־לעניניצעס״(?!), און אויך אַזעלכע, ווי דער „קאָמיטעט״ מיטן נאָמען „ייִסראָעל — פּאַלעסטינע״, וועמענס ציל עס איז — פירן ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן... די אַראַבער אין בעלגיע.

די ציִוניסטן האָבן באַוויזן, אַף וואָס זיי זײַנען פייִק, בעשאַס מײַן באַגעגעניש מיטן אַקטיוו פון דער געזעלשאַפט בעלגיע — סאָוועטנפאַרבאַנד. אין פאַרשיידענע ווינקלען פונעם זאַל האָבן זיי אַרויסגעשטעלט ספּעציִעלע טומלערס, סקאַנדאַליסטן, און וויפל מע האָט ניט געפּאָדערט, יענע זאָלן לאָזן צורו די פאַרזאַמלונג, אַפילע געדראָעט זיי מעשאַלייעך זײַן מיט קויעך, — האָבן זיי ניט אופגעהערט צו שרײַען מיט ווילדע קוילעס.

דער זאַל האָט אויסגעזען ווי אַן אָרט, וואָס ליגט האַרט באַם פראָנט. דאָס האָרעפּאַשנע בעלגיע איז דאָ געווען באַ זיך אין דער היים און האָט זיך אופגעפירט מיט אַזאַ באַדאַכטקײַט, פּונקט ווי די מענטשן, צו וועמענס היימען עס האָט זיך צוגערוקט די שלאַכט; פאַרקערט, די שרײַערס האָבן אויסגעזען ווי אַרײַנגעשמוגלטע פונעם סוינעס לאַגער פּאַניקמאַכער. מערסטנטייל האָבן די סקאַנדאַליסטן אַרויסגערופן געלעכטער, ווײַל זייערע טײַנעס און צוטשעפּעניש האָבן געהאַט אַ פּאָנעם פון כויזעק. איינער אַ הער האָט מאַמעש זיך געוואָרפן ווי אין קאַדאָכעס, באַגאָסן זיך מיט שווייס, געדראָעט די יעניקע, וועלכע האָבן אים געוואָלט רופן צו אָרדענונג, זײַן אופירונג איז געווען אַ העסלעכע, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, און דאָס, וואָס ער האָט געפרעגט, האָבן אַלעמאָל אַרויסגערופן געלעכטער...

— איך בין אין דער מילכאָמע פאַרוואָגלט געוואָרן פון וואַרשע אין סאָוועצקי סאָיוז, האָט מען מיך געצוווּנגען גיין אין דער אַרמיִע, און דאָרט האָב איך אַפילע אום שאַבעס געמוזט ליגן אין די אָקאָפּעס... — האָט ער געשריגן.

דער זאַל האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, ווען אַן עלטערער מענטש, וואָס איז געזעסן מיטן שרײַער אין איין ריי און האָט אים, זעט אויס, גוט געקענט, איז אַרויס מיט אַן אייצע:

— איר וואָלט שוין בעסער אָפּגעמאַכט מיטן דײַטש, ער זאָל, אַפּצולאָכעס די באָלשעוויקעס, ניט שיסן אום שאַבעס...

אין זאַל זײַנען בײַגעווען אַ סאַך בעלגיִער, און ס'האָט מיך געכידעשט זייער לאָיאַלקײַט בענעגייע דער קריגערײַ. איזאַבעלאַ בלום, פּרעזידענט פונעם וועלט־ראַט פאַר שאָלעם, וועלכע איז געקומען אָף דער באַגעגעניש, האָט מיט צופרידנקײַט נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס אין זאַל קומט פאָר. זי האָט מיר געזאָגט: „ס'איז אַ גוטער אוניווערסיטעט פאַר אַ בעלגיִער, וועלכער איז נעכטן געווען אָף אַן אַנטיסאָוועטישן מיטינג און געזען די פּאָליטישע מעלאָדראַמע מיט פאַרברעכן זיך די הענט און פאַרגלאָצן די אויגן, און הײַנט זיצט ער אָף דעם דאָזיקן היימיש־לאַכנדיקן איבערוף, ווו דער שעקער פון די פאַרשטעלטע מייליך־יוישערס שווימט אַרויף, ווי בוימל אָף וואַסער״.

האַקלאַל, דער אָפּגהאַרציקער ווײַט־ווײַט ניט־צוגעקעמטער און ניט־צוגעצוקערטער שמועס מיטן בריסעלער אוילעם האָט באַ מיר איבערגע־

לאָזט א געפיל, אז ווען די סטראטעגן פונעם קאלטן קריג רופן צונויף זייער ציִעניסטיש כאַיל אף א „וועלט־קאָנפערענץ“, איז עס מאכמעס דעם, וואָס עס איז זיי ניט פריילעך אף דער נעשאָמע, קיין אָנשפּאר אין פאָלק האָבן זיי ניט, און זיי פארשטייען, אז בלײַבן ווײַטער אף דער יידישער גאס קאָנען זיי בלויז מיט דער הילף פון הארצרײַסנדיקע מאָנאָלאָגן אף פּראָווינציִעלע יארידים, מיט שרײַען גוואלד, אז בא עמעצן אנדערש קומען פּאָר סטראשנע זאכן און מע מוז צוליב דעם האָבן פארזאָרגער־ציִעניסטן, אניט וועט אונטערגיין די וועלט.

ארויס אין גאס, נאָך דער באגעגעניש, האָב איך דערזען: לענגויס די הײַזער, אף די טראָטוארן, זײַנען בא דער קנאפּער שײַן פון שיטערע לאמטערנס געשטאנען א פּאָר הונדערט „דעמאָנסטראנטן“, ארויסגעכאפּטע פון די יעשיוועס און פון די שטאָט־קווארטאלן, ווו עס פירט זײַן באלע־בעסלדיקן לעבנשטייגער דער מיטלשיכט. אלעמאָל, ווען עמעצער פון די שטייענדיקערהייט־„דעמאָנסטרירנדיקע“ האָט געפּרוווט א שאָקל טאָן זיך צו דעם מיטן פון דער גאס, איז צו אים צוגעגאנגען א פּאָליציִאנט און דעליקאטנע, מיט א ווונק פונעם גומי־שטעקעלע, אוועקגעשטעלט אים אפן אָרט.

מיר וויסן, וואָס אזוינס איז דעמאָנסטראציע און דעמאָנסטראנטן. „מיר גייען אין דײַנע פּאָרנטיקע רייען, שפּאנענדיקע מענטשהײַט“. פאר מיר אָבער זײַנען געשטאנען כמורנע און כמארנע, וויינקיק־וויסנדיקע, גאָרנישט־ווילנדיקע, אָפּגענארטע, נעבעכדיקע ברוּים. צוויי פון זיי — א יִינגל מיט א מיידל, — וועלכע האָבן געהאלטן א פּלאקאט אף יידיש וועגן יידיש אין סאָוועטנפארבאנד, האָב איך צוגערופן און געבעטן, זיי זאָלן מיך דער־פרייען מיט א וואָרט יידיש. זעענדיק, אז דער פּאָליציִאנט, וואָס איז צו אונדז צוגעלאָפן, וויל ניט וואַרטן, ביזוואנען זיי וועלן זיך אויסלערנען מאמע־לאָשן, האָב איך געזאָגט דעם גענעראל־סעקרעטאר פון דער גע־זעלשאפט בעלגיע — פּססר מאָריס סענזשע, אז יאָ, איך בין מיט אים מאסקים — ס'איז צײַט צופאָרן אין קאפע און נעמען צו טעפּעלעך קאווע.

צוועלפטער בריוו

בעלגיע און ליוקסעמבורג — א שטוב מיט אן אלקער. זײַענדיק שוין אין בריסעל, — וויִאזוי פאָרט מען ניט צו אין גרויסן הערצאָגטום?

פון דער בעלגישער הויפּטשטאָט קומט מען אָן קיין ליוקסעמבורג דורך... ליוקסעמבורג, דאָס הייסט דורך דער פּראָווינץ ארום דער שטאָט ארלאָן, וועלכע טראָגט דעם נאָמען דערפאר, ווײַל אין די אמאָליקע צײַטן איז זי געווען א טייל פון דעם גרויסן הערצאָגטום ליוקסעמבורג, פּונקט ווי אנדערע פּראָווינצן פון דער הײַנטיקער בעלגיע האָבן געהערט: פלאנ־דריע צו האָלאנד, וואלאָניע צו פראנקרײַך.

פונדערווײַטנס, נאָך פונעם שכיינעסדיקן לאנד, זעט מען שוין דעם טאָל מיטן פארשטענדלעכן נאָמען „גרונד“, איבער וועלכן ס'איז אריבער־געוואָרפן א רויט־געפארבטע בריק אף הויכע, שיינע לאפעס (עס דוכט זיך

אויס, אַז אַ גיגאַנטישער רויטער פוקס איז פאַרגליווערט געוואָרן, אַריבערשפּרינגענדיק דעם טאָל). און אָט איז די פעסטונג אויף דעם שטיינערנעם באַרג „באָקפעלדזען“, וווּ ס'איז מיט טויזנט יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן ליוקסעמבורג...

באַקוקנדיק די שטאָט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף טרעפּ, וועלכע מע רופט אָן „לייטער פון קאַזאַקן“. געשיקט זיך, האָט אויך ליוקסעמבורג געהאַט איר זאַפּאָראָזשיער סיטש? עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז בעשאַס קוטוזאָווס כאַיל האָט אַ פּלייץ געטאָן איבער אייראָפּע, איז דאָ אײַנגעשטאַנען אַן עסקאַדראָן רוסישע קאַזאַקן. אויפן וועג צו זייער קוואַרטיר האָבן זיי אַ טרײַב געטאָן די פערד איבער די טרעפּ, און פון דעמלט אָן איז אין ליוקסעמבורג פאַראַן אַ לייטער פון קאַזאַקן — „עסקאַליע די קאַזאַק“...

איצט זעט איר שוין, וואָס פאַר אַ וווּנדער עס פלעגט געשען אין אַלקערל פון אייראָפּע. אויך הײַנטיקע צײַטן טרעפן טשיקאַווע זאַכן.

ווי באַוווּסט, איז ליוקסעמבורג אַ באַשטאַנדטייל פון „בענילוקס“, אַ טייל פון דער „אינטעגרירטער אייראָפּע“, אַ שותּף אין „אייראָפּעישן מאַרק“, אַ צד אין „צפון־אַטלאַנטישן פּאַקט“, אַן אָנטיילנעמער אין דער קאָמאַנדשאַפט פון „נאַטאָ“. דאָס אַלץ האָט אַזוי באַרויִקט דעם גרויסן הערצאָגס געמיט, אַז ער האָט אײַנמיטנדערינען גענומען און פאַנאַנדערגעלאָזט זײַן אַרמיי, אויסגעפאַרקויפט אויף אַן אַוקציאָן די שיך פון אַלע זײַנע סאָלדאַטן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער מיליטערישער מיניסטער פונעם לאַנד דערקלערט, אַז לויט זײַן מיינונג איז אילוזאָריש אַ צוזאַמענשטויס צווישן ליוקסעמבורג מיט די וועלט־מעדינעס (מיט אַמעריקע, סאָוועטנפאַרבאַנד, פראַנקרײַך, כינע און ענגלאַנד — צוזאַמענגענומען). פונדעסטוועגן, מוירע האָבנדיק, אַז אין דער אַבאָראָנע פון דער מײַרעוו־וועלט וועט כאָלילע בלײַבן אַ פּוסט אָרט, האָט ליוקסעמבורג פאַרהיט אַן אָטריאַד פון זעקס הונדערט וואָלאָנטיאָרן, בעראָש מיט דרײַסיק אָפיצערן און מיט איין ציינדאָקטער.

נו, און וואָס הערט זיך דאָ מיקויעך דער ייִדישער פראַגע?

גאָרנישט הערט זיך ניט. דאָס ליוקסעמבורגער פאָלק ווייסט ניט פון אַנטיסעמיטיזם, ס'איז אים אַלצייינס — אַ ייִד צי ניט אַ ייִד. עמעס, געווען אַ קאָמישער צופאַל, נאָר גיכער פון אַלץ האָט ער אַ שײַכעס צו דער, אַזוי צו זאָגן, צווישנפעלקערלעכער לאַגע פונעם הערצאָגטום.

אַנומלטן האָט אַ האָלענדישער זשורנאַליסט אויווער געווען אין דער שטאָט ליוקסעמבורג אויף די קלאָלים פונעם גאַסן־פאַרקער. ווען אַ פאָליציאַנט האָט אים אָפּגעשטעלט, איז ער געוואָרן מאָלע־רעציכע: ווי וואַגט דער פאָליציאַנט מיך אָפּשטעלן! איך בין אַזאַ און אַזאַ! איך רעפּרעזענטיר די און די בלאַט!

דער האָלענדער האָט זיך אַזוי צעשריגן און צעבושעוועט, אַז די גאַנצע גאַס איז זיך צונויפגעלאָפן. און וואָס מיינט איר? — מיטאַמאָל, פון דער העלער הויט, ניט וויסנדיק, מעגלעך, אויף וואָס פאַר אַ ריזיקע ער גייט, האָט דער פאָליציאַנט אַ זאָג געטאָן צום זשורנאַליסט: „גוטערברודער, מאַך ניט קיין ייִדישן יאַריד!“. דער זשורנאַליסט, פּונקט ווי מע וואָלט אים געקוילעט, האָט זיך צעשריגן: „אַנטיסעמיט! ער איז אַן אַנטיסעמיט!“. דער אוי־

לעם האָט, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז דער זשורנאַליסט האָט דערקענט אינעם פּאָליציאַנט אַ נאַרקאָמאַן, צי אַ גאַנגסטער, צי עפּעס נאָך ערגערס, און דער סערזשאַנט, וואָס איז געקומען צו לויפֿן, האָט אים געמוזט אַראָפּ־נעמען פֿונעם פּאָסטן. אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען פֿון האָלאַנד, ווו עס פֿונקציאָנירן פֿראַנק־און־פֿרײַ צענדליקער אַנטיסעמיטישע און ראַסיסטישע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפֿאָרן צוויי ספּעציעלע פֿאָרשטייער אויף אויספֿאָרשן די פֿראַגע וועגן דעם ליוקסעמבורגער אַנטיסעמיטיזם.

דעם עמעס גערעדט, איז אָבער ניט דאָס אַצינדער די פּראָבלעם פֿאַר ליוקסעמבורג. אַ סאַך ערגער זײַנען די פּרוּוון אַריבערצופּלאַנצן אַהער פּראָוואָקאַציעס אַרום דעם „אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד".

בעשאַס מײַן באַגעגעניש מיט די ליוקסעמבורגער זשורנאַליסטן האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז די צדאָדים האָבן זיך געביטן מיט די ערטער: די זשורנאַליסטן האָבן דערציילט, און איך האָב געהערט. מע האָט זיך דער־מאָנט, ווי אַזוי מיט אַ טעג צען צוריק האָט זיך אַהער געיאַוועט איינער אַ זשאַן האַלפּערין, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ פּראָפֿעסאָר אין דער פֿראַנצויזישער שטאָט גרענאָבל. קיין ליוקסעמבורג אָבער איז ער געקומען ניט מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכער שליכעס, נאָר ווי אַ שאַליעך פֿונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. פֿאַר דער עפֿנטלעכקײַט האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון אַ רײַזע קיין מאָסקווע, און ער קאָן דעריבער איבערגעבן „אַ פֿרישן גרוס וועגן די ליידן פֿון די רוסישע ייִדן". נאָר אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז ער איז געקומען גאָר פֿון דער שווייץ, פֿון ציריך, ווו ער איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ „פֿרישן גרוס"...

האַלפּערינען האָט אַראָפּגעבראַכט קיין ליוקסעמבורג דער אָרטיקער ראָוו בולץ. זײַן לעקציע וועגן די סאָוועטישע ייִדן האָט דער פּראָפֿעסאָר גע־לייענט אין דער סינאַגאָגע. די לעקציע פֿאַרדינט, איך זאָל זי דאָ פֿאַרציי־כענען אַזוי, ווי עס האָבן זי מיר געשילדערט די ליוקסעמבורגער זשורנאַ־ליסטן.

פֿאַקטיש איז עס געווען ניט קיין לעקציע, נאָר אַ מין דועט פֿונעם גרענאָבלער פּראָפֿעסאָר און דעם ליוקסעמבורגער ראָוו, פּינקטלעכער גע־רעדט — אַ ציעניסטישער אינסטרוקטאַזש צווישן די מיספּאַלעלים פֿון דער סינאַגאָגע, וועלכע האָבן, נעבעך, ניט געוווּסט, וואָס מע וויל פֿון זיי.

דער פּראָפֿעסאָר האָט מיט אַלע פֿאַרבן פֿון זײַן פּאַליטרע אָנגעמאָלט די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלכע ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן, און דאָ גלײַך איז ער צוגעטראָטן צום איניקער. די סאָוועט־טישע ייִדן, — האָט ער געזאָגט, — האָבן אים געבעטן איבערגעבן אַ הערצ־לעכע באַקאָשע צו די ייִדן פֿון ליוקסעמבורג, זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויס־שיקן קיין רוסלאַנד, לויט די אַדרעסן, וואָס האַלפּערין האָט מיט זיך גע־בראַכט, אַ ביסל ציעניסטישע ליטעראַטור, ווי אויך מאָגנדאָווידס, פֿלוג־בלעטלעך, פּראָיעקטן פֿון פּעטיציעס צו דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן אַליִע קיין ייִסראָעל. דערבײַ דאַרפֿן די ייִדן פֿון ליוקסעמבורג זיך ניט שרעקן, אַז די אַדרעסאַטן אין די סאָוועטישע שטעט וועלן האָבן צאָרעס פֿון די פּאַקעטן און פּעקלעך, וועלכע זיי וועלן באַקומען. די סאָוועטישע

ייִדן זײַנען מאמעש נאָכגעגאנגען פּוסטריט נאָכן גרענאָבלער פּראָפעסאָר און זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן: זיי דארפן מער גאָרניט... זאָל מען זיי פון ליוקסעמבורג צושיקן מאָגנדאָווידס מיט ציִעניסטישע ביכלעך... נאָכדעם, ווען זיי וועלן מירצעשעם שוין אָנקומען קיין ייִסראָעל, וועלן זיי מיט דאנקבארקייט אומקערן זייערע ליוקסעמבורגער ברידער און שוועסטער דעם ציִעניסטישן גמילעסכעסעד. דער ראָוו בולץ, ווי אן אייגענער, א ליוקסעמבורגער, האָט אַף זיך גענומען די ראָליע פון אן אינסטרוקטאָר. ער האָט אין זײַן דראָשע ניט פארפעלט צו געבן א פּאָר פּראקטישע אייצעס — ווי־אזוי די מאָגנדאָווידס פארפּאקעווען, אז זיי זאָלן ניט ארויספאלן; וויפל ביכלעך ארײַנלייגן אין יעדן פּעקל אאוו.

זײַענדיק אָפט צוגאסט אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט, זע איך, וואָס פאר א ראָליע עס שפּילן איצט אין די ייִדישע ייִשוּווים די ראבאָנים. עס כידעשט מיך, וואָס קיינער האָט זיך נאָך ביז איצט ניט דערטראכט א פּאָרש צו טאָן אָט דעם איניען.

שטויניגג און אופגעבראכטקײַט רופט ארויס דאָס גײַסטיקע געשטאלט פונעם הײַנטצײַטיקן ראָוו, שוין אָפּגערעדט פונעם אמעריקאנער ראבײַ, — אזא איינעם, וואָס האָט ביכלאל א קנאפּע שײַכעס צו גאָטס געהיימניסן. עס קאָן אויסזען פּאראדאָקסאל, נאָר גיכער שוין אין מאָסקווע, אַף ארכיי־פּאָור־גאס, איידער אין די מאנהעטן־טעמפּלען פון ניו־יאָרק, האלט זיך הײַנט אוף א גלייביקער ייִד אין אורשפּרינגלעכן זין פון וואָרט, ווי אויך א טראדיציִאָנעלער ראָוו, וואָס איז בעעמעס באָקי אין די הייליקע ספּאָרים און איז א שטיקל נאָזיר, אן אילוי, אן אָנעוו, אַף פּאָשעט לאָשן — אן אסקעט, א דערהויבענער, א צוריקגעהאלטענער. פאר די ייִדישע ייִשוּווים פון אמעריקע און אייראָפּע איז איצט כאראקטעריסטיש די פיגור פון א ראָוו א פּאָליטיקער, מערסטנס — א ציִעניסטישער אקטיוויסט. פיל פון אָט די ראבאָנים זײַנען אייגנצײַטיק „זשורנאליסטן" — מיטארבעטער פון דער געלער פּרעסע. בעשאס אנטיסאָוועטישע קאמפּאניעס זײַנען זיי די גרעסטע שרײַערס, און בעלי־סאָפּעק — די גרעסטע פארדינער. זיי טרעטן ארויס אלס אָרגאניזאטאָרן פון פארשיידנערליי פּאָליטישע פּראָוואָקאציעס. אין אלע אנטיסאָוועטישע ייִדישע אָרגאניזאציעס, מערסטנטייל בעראָש פון זיי, וועט איר טרעפן ראבאָנים. אין שפּיץ פון דער טרויעריק־באוווסטער אָרגאניזאציע „קאָנפערענץ פארן רוסישן ייִדנטום", וועלכע דיריזשירט מיט די סקאנדאלן ארום די סאָוועטישע ייִדן, שטייט א ראָוו. דער אָנפירער פון דער פאשיסטישער „דזשויִש דעפענס ליג" איז א ראָוו. א ראָוו א פאשיסט! די גרעסטע צאָל אנטיסאָוועטישע רעדעס קאָן מען הײַנט הערן אין די סינאגאָגעס פון די מײַרעוו־לענדער. דער סאמע פארשפּרייטער זשאנער פון א ראבאָנישער דראָשע איז — רעכילעס אַפן סאָוועטנפארבאנד. זײַענדיק פונקציאָנערן פון ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס, האָבן הײַנטצײַטיקע ראבאָנים איבערגעמאכט רעליגיעז־זיטלעכע סענטענציעס אין פּארטייִשע לאָזונגען. דערמאָנט זיך אין די ראבאָנים, וועלכע קומען פון מאָל צו מאָל פון אמעריקע אלס „טוריסטן" קיין מאָסקווע (פּופּקאָ, האָלענדער אא.) און דערנאָך

שרײַבן זיי — צוליב אויסשלאָגן זיך די הויצאָעס? — רעכילעס־מײַמאָרים אין די ציוניסטישע בלעטער.

ווען צווישן די אמעריקאנישע אָדער אייראָפּעישע ראבאָנים וואָלט זיך דורכגעוואָרפן א מין „שטארקע פערזענלעכקײַט", וואָלט מען געקאָנט ריידן וועגן דעם, אז, אָפּגעבנדיק זיך אזוי ראשיק מיט פּאָליטיק און אינטריגעס, וויל אזא ראָוו ווערן א „קארדינאַל" בא ייִדן. אָבער די ראבאָנים, וועלכע מיר זעען, זײַנען קליינע מענטשעלעך, מענאכעם־מענדלס פון זייער פאך, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט: דער קאלטער קריג האָט זיי געגעבן פּארנאָסע, זיי האָבן זיך פאריייניקט אין „קאונסילס", געשאפן אן ענגע ראבאָנישע קאָרפּאָראציע — און מע לעבט א גוטן טאָג!

איך זע פאָרויס, אז ווען אף דער ייִדישער גאס וועט זיך פארענדיקן דער קאלטער קריג, וועלן דאָרט די ערשטע ארבעטסלאָזע זײַן — ראבאָנים.

וואָס איז שײַעך ליוקסעמבורג, זײַנען, דאכט זיך, אין אָט דער מעדינע מער קיין ראבאָנים, אויסער בולצן, ניטאָ. עמעס, דער איינער, בולץ, איז, ווי מיר האָבן געזען, אזא פיפיקער, אז עס קאָן זיך דאכטן: ס'איז פול מיט אים דאָס גאנצע הערצאָגטום. דאָס איז אָבער בלויז אן אויסדאכטעניש. אינ־דערעמעסן איז בולץ פון פּאָליטישן שטאנדפּונקט א פּוסטע קיילע, און די ייִדן פון ליוקסעמבורג האָבן זיך ניט געײַלט נאָכפּאָלגן זײַן דראָשע. אפילע דער פאָרזיצער פון דער ליוקסעמבורגער קאָנסיסטאָריע עדמאָנד איזראעלי האָט אין זײַנער אן ארויסטרעטונג געגעבן צו וויסן, אז די אָרטיקע ייִדן זײַנען ליוקסעמבורגער אין ליוקסעמבורג, און ניט איסראַיילים אין ליוק־סעמבורג, און אז זיי וועלן זיך ניט אָנשליסן אין קיין שום ציוניסטישע קאמפּאניעס.

ווי עס זאָגט זיך אין דעם הימן פונעם גרויסן הערצאָגטום: „מיר ווילן פארבלײַבן אזעלכע, ווי מיר זײַנען"...

פּ. ס.

איך האָב באשלאָסן זיך אומקערן מאָרגן צוריק קיין מאָסקווע, און נאָכ־דעם וועל איך שוין צופאָרן קיין דענעמארק, אזוי ווי עס איז פון אָנהייב אָן געווען פארטראכט.

אלזאָ, פאר די לעצטע וואָכן האָב איך באזוכט עסטרײַך, בעלגיע, ליוק־סעמבורג און די שווייץ. דאָס איז, פארשטייט זיך, ווײַט ניט דער צענטער פון דער ספערע, וווּ עס וווינען ייִדן, פארקערט — אין אָט די לענדער איז דאָס ייִדישע לעבן, אזוי צו זאָגן, „ארײַנגעדרייט" אָדער קלאל אויסגעלאָשן. און דאָך איז דאָ אזוי גרויס דער טומל, וואָס עס הייבן אוף די ציוניסטן, אז גראָד אין בעלגיע אָדער אין עסטרײַך, אשטייגער, קאָן מען הײַנט זײַן אן איידעס פון פאסירונגען, וועלכע לאָזן ניט צורו אונדזער געדולדיק פאָלק.

אין די דאָזיקע לענדער האָב איך געזען דעם איצטיקן ציוניזם — אזא, ווי ער איז אינדערעמעסן. אין דער גלאָבאַלער סטראטעגיע פונעם קאלטן קריג איז, ווײַזט אויס, אָנגעמערקט צו אריבערטראָגן א היפּשע צאָל סקאנ־דאלן ארום דער ייִדישער פראגע קיין מײַרעוו־אייראָפּע, הארט צו די גרע־נעצן פונעם סאָוועטנפארבאנד. דער הויפּפּונקט פון אָט דער אָפּעראציע ווערט, ווארשײַנלעך, פאָרויסגעזען אין בריסעל, אף דער „וועלט־קאָנפע־רענץ". די פירער פונעם ציוניזם זײַנען געצוווּנגען צו האנדלען אצינד

לויטן פּרינציפּ אָדער אַריבער, אָדער אַרונטער. עס זײַנען אַראָפּגעוואָרפן אַלע מאַסקעס. ניטאָ קיין צײַט צו פּראָוועוון אײדעלע פּאָליטיק. ציִעניזם גראַמט זיך הײַנט מיט אַנטיסאָוועטיזם.

וואָס איז די סיבה דערפֿון?

ניט געקוקט אויף דער אילוזיע פֿון קלוימערשטע דערפֿאָלגן, לעבט דער ציִעניזם איבער אַ טיפֿן קריזיס — קאָן זײַן, דעם סאַמע געפֿערלעכסטן פֿאַר אים, ווײַל דאָס לעבן האָט פֿולקום באַשטעטיקט די ניט־רעאַלקײַט און ניט־צוועקמעסיקײַט פֿון דער אידיי — פֿאַרבײַטן די דיִאַספּאָרע מיט ייִסראָעל; 80 פּראָצ. ייִדן אין דער וועלט לעבן אויסער ייִסראָעל און זײַנען מיט טיפֿע וואָרצלען צוגעבונדן צו די לענדער פֿון זייער געבוירן. די „זיבן פֿעטע יאָר" נאָכן אויפֿקום פֿון דער ייִדישער מעדינע, ווען דער ציִעניזם האָט געבלאָזן פֿון זיך אַ גאַנצן „יאַ־טעבע־דאַם", — זײַנען שוין פֿון לאַנג פֿאַרבײַגעגאַנגען. איצט איז געקומען דער אינדערוואָכן — מיט מילכאָמע, אַרבעטסלאָזיקײַט, אַנטוישונג. די עקספּאַנסיִאָניסטישע פּאָליטיק פֿון די ייִסראָעלדיקע שפּאַרבערס האָט געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן מאַנגל אין פּרעסטיזש. קעדײַ ווי־ניט־איז פֿאַריכטן די געשעפֿטן, זײַנען נייטיק אַלוועלטלעכע קאַמפּאַניעס מיט פֿאַרשטאַרקטע דאָזעס פֿון נאַציִאָנאַלן דראַמאַטיזם און העמשעך־שאַנטאַזש. מע האָפֿט, אַז די נאַציִאָנאַלע דעמאַגאָגיע וועט צוציִען פֿאַרשיידענערליי קליינבירגער, פֿאַנאַטיקער און ווייניק אינפֿאָרמירטע מענטשן און אַז דער טומל קעגן סאָוועטנפֿאַרבאַנד וועט אונטערגעשטיצט ווערן מיצאַד דעם מעכטיקן אַמעריקאַנער באָס און זײַנע פֿאַרבינדעטע.

ביז דעם קאַלטן קריג איז דער ציִעניזם געווען אַ ווייניק־באַקאַנטע אין דער וועלט־עפֿנטלעכקײַט פּאָליטישע שטרעמונג. אין דער ערנסטער ליטעראַטור פֿלעגט ער דערמאָנט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאָדע אויף אוטאָפּישע פּראָיעקטן צו לייזן די פּראָבלעמען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. ערעוו דעם צווייטן וועלט־קריג האָט די מערהײַט באַאָבאַכטער געהאַלטן, אַז ס'איז אויסגעשעפּט דער רעזערוו פֿון ייִדישע יוגנטלײַט — אידעאַליסטן, וועלכע האָבן אין אָנהייב יאָרהונדערט זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע. קיין נײַע אידעאַליסטן פֿון אָט דעם מין זײַנען ניטאָ, און די „אַלטע" האָבן דאָרט אויפֿן אָרט, אין פּאַלעסטינע, באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלט ווערן אין געוויינלעכע קליינהענדלער, אָרעמע קיבוצניקעס, באַלמעלאָכעס. וואָס איז שײַעך די הייסע רעדנערס אויף די פֿאַרזאַמלונגען אין די שטעטלעך פֿונעם טכום, זײַנען זיי שוין צו יענער צײַט געווען „פּירער" מיט צווייפֿלהאַפֿטע ביוגראַפֿיעס.

ווען לויטן באַשלוס פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס איז אויסגעבילדעט געוואָרן מעדינאַס־ייִסראָעל, האָבן די קאָרפֿנקעפּ פֿונעם ציִעניזם — ווייצמאַן, בען־גוריִאָן, שאַרעט אאַ. זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס'איז פּונקט די צײַט צו דערקלערן אַלס זיג פֿון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע דאָס, וואָס עס איז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דעם זיג פֿון דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע. די דאָזיקע פּאָליטישע מיסטיפֿיקאַציע איז אויפֿגעקומען ניט אָן דעם וויסן פֿון די סטראַטעגן פֿונעם קאַלטן קריג, וועלכע האָבן נאָך טשערטשילס רעדע אין פֿולטאָן פֿאַרעכנט דעם ציִעניזם אין זייער כאַיִל. עס איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אַזאַ „לאָגיק", לויט וועלכער ייִסראָעל ווערט פּראָפּאַגאַנדיסטיש אידענטיפֿיצירט מיטן ציִעניזם, און אויף וויפֿל יעדער ייִד,

ווּ ער זאָל ניט לעבן, „מוז זײַן אַן אַנהענגער פֿון ייִסראָעל", ווערן, אַזוי־אַרום, די ייִדישע מאַסן, אַפֿילו אָן זייער וויסן, פֿאַרעכנט פֿאַר ציִעניסטן, און עס הייבן אָן צו באַווײַזן זיך פֿאַנטאַסטישע ציפֿערן פֿון הונדערטער טויזנטער ניט־געשטויגענע און ניט־געפֿלויגענע „מיטגלידער פֿון ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס", אַפֿילו אין יענע ייִדישע יישובֿים, ווּ דער ציִעניזם האָט קיין באָדן ניט. לעצטנס האָט גאָלדע מעיִר דערקלערט אין אירער אַ רעדע, אַז „יעדער איבערגעגעבענער ייִד אין דער דיִאַספּאָרע" דאַרף אונטערשרײַבן די אַזויגערופֿענע „ירושלאַיִמער פּלאַטפֿאָרמע", און דערמיט „ווערט ער אַ ציִעניסט". „מיר נייטיקן זיך אין אַ מיליאָן ציִעניסטן", — האָט באַשיידן געמאָלדן מעיִר.

די פּלאַטפֿאָרמע, וועלכע די פּרעמיערשע פֿון ייִסראָעל האָט אַוועקגעלייגט אַפֿן טיש, קעדײַ אַ מיליאָן ייִדן, בירגער פֿון אַנדערע לענדער, זאָלן זי אונטערכאַסמענען, — דאָס איז די רעזאָליוציע פֿונעם 27־טן אַלוועלטלעכן ציִעניסטישן קאָנגרעס, וועלכע פּראָקלאַמירט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אַן איינהײַטלעך אַלוועלטלעך פֿאָלק, אָן קלאַסן־ווידערשפּרוכן, אָן אָרעם און רײַך, אָן אידעאַלן פֿון סאָציאַלן איבערבוי — אַ פֿאָלק, וועמענס צענטער עס איז ייִסראָעל און וואָס גיט איבער דער רעגירונג פֿון ייִסראָעל דאָס רעכט צו פֿאַרטיידיקן די ייִדן אומעטום, ווּ זיי געפֿינען זיך „צײַטווײַליק".

טאַקע אָט דער דאָזיקער פּרינציפּ פֿאַרפּליכטעט אַלע אָנהענגער פֿונעם ציִעניזם צו אָנשליסן זיך אין די אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניעס.

אַזאַ איז דער וועג, מיט וועלכן דער ציִעניזם איז דערגאַנגען ביז צו די כוליגאַנישע מעטאָדן פֿון דער „דזשויִש דעפֿענס ליג", ביזן צונויפֿרופֿן אַן עקסטרעם־רעאַקציִאָנערע, אַנטיסאָוועטישע שיידים־קאָנפֿערענץ אין ברײַסעל.

דרײַצנטער בריוו

די אַנדערשקײַט פֿון דענעמאַרק אין פֿאַרגלײַך מיט די שכיינישע לענדער פֿון סקאַנדינאַוויע און פֿון צאָפֿן־מיִרעוו־אייראָפּע איז געווען די סיבה, פֿאַרוואָס עס האָט מיך שטענדיק געצויגן אַ קוק צו טאָן אויף אָט דעם לאַנד.

די אַנדערשקײַט זעט מען דאָ אויף יעדן טריט און שריט. דאָס פֿאָלק טיילט זיך אויס צווישן די אַנדערע סקאַנדינאַווישע פֿעלקער מיט זײַן פּראָסטן און פֿריילעכן כאַראַקטער. „סקאַנדינאַווישע פֿראַנצויזן" — אַזוי רופֿט מען די דענעמאַרקער. זיי האָבן ליב זיך פֿאַרווײַלן דורך די נעכט. אָן דעם פּאַרק טיוואָלי און אָן די טרינק־הײַזער אין ניוהאַוון איז שווער זיך פֿאָרשטעלן קאָפּענהאַגען. איך ווייס ניט אַן אַנדער לאַנד, וואָס זאָל האָבן אַזויפֿיל פּסעוודאָנימען, ווי דענעמאַרק. פֿאַר עקאָנאָמיסטן איז דאָס „די מילך־פֿערמע פֿון אייראָפּע", פֿאַר יאַם־לײַט — „אַ לאַנד אַ האַפֿן", פֿאַר סאָציִאָלאָגן — „די אימפּעריע פֿון היפּיס און פֿון סעקס". נו, און וועגן דעם ליטעראַרישן שעם פֿון דענעמאַרק איז שוין אָפּגערעדט. מע קאָן מיינען, אַז די ענגלישע ליטעראַטור האָט זיך געכאָוועט אַפֿן דענעמאַרקער באָדן, אין דעם שטעטל עלסינאָר, ווּהין שעקספּיר האָט אַריבערגעטראָגן האַמלעטן (קעדײַ אויסבאַהאַלטן יענעמס עמעסן אַדרעס — ענגלאַנד...). אָפּפּליִענדיק

פון מאָסקווע קיין קאָפּענהאַגען, האָב איך אין סאַלאָן פונעם אעראָפּלאַן זיך באַקאַנט מיט א פאַרפאַלק — יאַפּאַנער, פאַר וועלכע דער אעראָפּאָרט אין שערעמעטיעוואָ איז געווען א טראַנזיט־פּונקט. דער מאַן איז א פּראָפעסאָר פון א טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין אָסאַקאַ, די פרוי — א שטילע טויב, א מאַדאַם־פּראָפעסאָרשע. ווען זי האָט א זאָג געטאָן, אז זיי פאָרן אין „אַנ־דערסענס לאַנד", האָט ער זי פאַריכט: „פּינקטלעכער, אין לאַנד פון נילס באָר"...

פון אַרומגיין און אַרומפאָרן איבער קאָפּענהאַגען בין איך שוין עטוואָס מיד. איך האָב געזען דעם אַנקער, וואָס די שטאָט האָט אוועקגעשטעלט אין איר האַפן אַלס דענקמאָל די אומגעקומענע אין יאַם ווידערשטאַנד־קעמ־פער, בײַגעווען באַם אײַנדרוקספולן אומבײַט פונעם קאַראַול, וואָס האַלט די וואַך באַם קיניגלעכן פּאַלאַץ, אָפּגעשטאַט א וויזיט, פאַרשטייט זיך, דער באַרימטער בראָנזענער רוסאַלעטשקע, וועלכע דער סקולפּטאָר עריקסען האָט אַזוי היימיש אוועקגעזעצט אויף אַן אָנוואַלגער פון שטיינער באַם סאַמע ברעג פונעם יאַם־אײַנגוס.

ווי אין אַנדערע ערטער אַפן וועג פון מײַן רײַזע, האָב איך שוין אויך דאָ, אין קאָפּענהאַגען, ניט אויסגעמיטן סײַ א ניט־צוגעפּוצטע, אָן צירלעך־מאַנירלעך, פּרעסע־קאָנפערענץ, סײַ א פּאָר פּילבאַרע צוזאַמענשטויסן מיט די רעכילעס־טרײַבער.

אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ האָט א פאָרשטייער פון איינער פון די גרעסטע דענעמאַרקער צײַטונגען „פּאָליטיקען", א יונגערמאַן מיטן ניט־דע־נישן פאַמיליע־נאָמען ראַכלין, פאַרבעטן מיך צו באַזוכן זײַן רעדאַקציע.

איך בין מאַסקים געווען, און אָט זיצן מיר שוין אין א גרויסן ענג־אַרומ־געשטעלטן צימער, א מין רעדאַקציע־וואַרשטאַט מיט א גיגאַנטישן טיש, אויף וועלכן עס זעט זיך אָן דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצײַג פון דעם זשורנאַליסטישן פאַך: שערלעך, קליי, טינט־פלעשעלעך, ווירעס, פענעס, טעאַטראַלע בינאָק־לען, פּאַפּקעס, קאָנווערטן, וויזיט־קאַרטלעך, פאַרגרעסער־גלעזער, פאַרקלע־נער־גלעזער, ווערטערביכער, ברילן, מאַקעטן פון באַזונדערע צײַטונגס־זײַטן, ביולעטענען פון טעלעגראַף־אַגענטורן און פון מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציעס, טעלעפאָן־ביכער, אײַזנבאַן־ און אוויאַ־רעשימעס און א סאַך, א סאַך אַנדערע זאַכן פון דעם מין. ראַכלין האַלט אין איין צוזאָגן מיר, אז „באַלד וועט קומען דער הער פונדיק", „אין א רעגע אַרום וועט הער פונ־דיק זיך אַרײַניאָווען", „הער פונדיק ווייסט שוין, אז איר זײַט דאָ, וועט ער זיך ניט פאַרהאַלטן". איך האָב אָבער קיין באַשטעלונג אויף א הער פונ־דיק ניט געמאַכט, און איך ווייס גאָר ניט, ווער דאָס איז, האָב איך באַ זיך באַשלאָסן, אז די עטלעכע ווערטער, וועלכע ראַכלין ברענגט אַרויס, זײַנען גענומען פונעם היימישן רעדאַקציאָנעלן פאָלקלאָר, און פונדיק איז קלאָל ניט קיין נאָמען פון א מענטשן. און איך האָב אויף ראַכלינס צוזאָגן ניט גע־לייגט קיין אַכט. ערשט, עס עפנט זיך די טיר, און ס'גייט שנעל אַרײַן א פריילעכער, געמיטלעכער מענטש פון א יאָר פערציק, און ראַכלין שפּרינגט אויף פון אָרט און מאַכט צו אים: „הער פונדיק, אָט דאָס איז הער ווערגע־ליס"... פונדיק וויל זיך ניט זעצן צום טיש, און אין מעשעך פון דער מינוט, וואָס מיר שטייען איינער קעגן אַנדערן, זאָגט ער מיר אויף א פּערפעקטן

ייִדיש אַלץ, וואָס איך דאַרף וויסן: ער הייסט הערבערט. הערבערט פונדיק. די פאַמיליע איז ניט קיין פּאַטעטישע. אַ רוסישער פּאַרעוו האָט מינאַסטאַם זי דערלאַנגט דעם עלטער־עלטער־עלטער־זיידן זײַנעם, ווײַל באַם רוסישן פּאַרעוו איז מיסטאָמע געווען, האָט קיין פאַריבל ניט, אַ הינטל פונדיק. און ער, הערבערט פונדיק, איז שעף־רעדאַקטאָר פון „פּאָליטיקען". אַקאָרשט קומט ער פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, ווו ער האָט געהאַט צו באַהאַנדלען עטלעכע פראַגעס מיטן אַמבאַסאַדאָר. אַקוראַט אין צוויי און דרײַסיק מינוט אַרום פליט ער אַרויס אָף שאַבעס קיין ייִסראָעל. אַהיים פאָרט ער. ער בעט, איך זאָל אים מוכל זײַן, נאָר ער מוז שוין פאַרשווינדן, די מאַשין וואַרט באַם אַרײַנגאַנג. דער הער ראַכלין איז זײַן רעכטע האַנט. שאַלאָם!

אַרויסגעלאָפן פון צימער, צוריק אַרײַנגעלאָפן:

— צוויי זאַכן, בלויז צוויי זאַכן וויל איך באַווײַזן אײַך צו זאָגן. איינס: אויב איר מיינט, אַז די קאָנפערענץ אין בריסעל האָט גאָרנישט ניט גע־געבן, בין איך מיט אײַך ניט מאַסקים. שרײַען דאַרף מען! מיר אליין איז אויך אַ ביזאַיען פאַר דער קאָנפערענץ, אָבער שרײַען מוז מען! דער רוסי־שער פּאַרעוו וועט סאָפקאָלסאָף אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און אַרויסגעבן אונדז די ייִדעלעך זײַנע. דאָס איז נומער איינס. און נומער צוויי: איך וויל מיט מײַנע אייגענע אויגן זען רוסלאַנד, עס גייט מיר אויס דאָס כּײַעס. פאַרבעט זשע מיך צוגאַסט! קיין געלט וועט איר צו מײַן רײַזע ניט צולייגן, איך קאָן אַליין מײַן שטעטל באַשטיין. שאַלאָם!

אַזוי איז הערבערט פונדיק פאַרשוווּנדן געוואָרן, און איך בין געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל. די פראַגעס האָבן מאַמעש אַרויסגעקוקט פון מײַנע אויגן. ראַכלין האָט צוגעזאָגט זיי אַלע צו פאַרענטפערן.

ניין, ניט ער אַליין וועט געבן אַן ענטפער אָף מײַנע פראַגעס, אָף דעם האָט ער באַם הער פונדיק ניט באַקומען קיין דערלויבעניש.

די פראַגעס (ער ווייסט עס!) האָבן אַ שײַכעס צום „עצעם וואָרצל" פון דער צײַטונג „פּאָליטיקען", און ער, ראַכלין, איז ניט מער ווי אַ מיטאַרבע־טער פון דער רעדאַקציע. עמעס, ער איז דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר, מע ווייסט אים אפילע אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, אָבער ריידן וועגן דעם הער שעף־רעדאַקטאָר אין זײַן אָפּוועזנהײַט מעג בלויז איין מענטש, ער איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, אַן אייביקער: רעדאַקטאָרן בײַטן זיך, און ער בלײַבט איבער.

ווען דער „אייביקער" איז אַרײַנגעקומען, האָט ראַכלין זיך דורכגע־שמועסט מיט אים אָף דעם לאַנד־לאָשן, און יענער האָט גלײַך גענומען ענטפערן אָף די פראַגעס, וועלכע איך האָב נאָך ניט געשטעלט. אינצווישן האָב איך אַ פרעג געטאָן אָף ייִדיש ראַכלינען, ווער דער מענטש איז. ראַכלין האָט מיט איידעלער פאַרערונג פאַרנייגט אין אַ זײַט דעם קאָפּ און נאָך שטילער אַרויסגעשטאַמלט: „די צײַטונג „פּאָליטיקען" גיט אַרויס אַ קאָנצערן", — פּונקט ווי דאָס וואָלט שוין געווען דער ענטפער אָף מײַן פראַגע.

דער „אייביקער" האָט געזאָגט:

— די פראַגע, וואָס מע שטעלט זי אונדז אַלעמאָל און איר שטעלט זי אויך, האָט אין זיך בעפיירעש אַן אינערלעכע לאָגיק. אָבער, טײַערער מײַ־

נער! ווען מע זאָל מיט לאָגיק ניט פארשלאָגן די קעפּ בא די שול־קינדער, וואָלט די מענטשהײַט געהאַט טויזנטער איינשטיינס.

— אנטשולדיקט, וועגן וועלכער פראגע רעדט איר?

— אָך, טײַערער, מאכט זיך ניט, אז איר ווייסט ניט... יאָ, יאָ, אונדזער צײַטונג איז א ריין דענעמארקער. אפילע, אויב איר ווילט וויסן, א שטיקל אָפּיציאָז... און צוזאמען דערמיט איז איר רעדאקטאָר — ניט קיין בירגער פון דענעמארק...

מיטאמאָל איז מיר אלץ קלאָר געוואָרן. הערבערט פונדיק פליט באלד אָפּ אהיים קיין יִשׂראֵל. די דענעמארקער גרויסע טאָג־צײַטונג „פּאָליטי־קען" געפינט זיך, הייסט עס, אין די הענט פון געוויסע קרײַזן פון יִשׂ־ראֵל.

הערבערט פונדיק איז א יִשׂראֵלדיקער ציוניסט... אומאָפּהענגיק פון זײַן פּראָפעסיאָנעלער ווערט אלס זשורנאליסט און רעדאקטאָר (מע זאָגט, אז ער איז א באגאבטער מענטש), איז מיר א ראכמאָנעס אָף דענעמארק, אָף אָט דעם ווילן לאנד, וואָס קאָן זיך ניט אײַנשאפן אן אייגענעם רעדאק־טאָר, און עס דערלאָזט, אז מיט זײַנע בירגער זאָל אײַנקנעלן פּאָליטיק א מענטש פון אן אנדער מעדינע.

ווען דער „אייביקער" (קימאט שוין דער „אייבערשטער") איז אוועקגע־גאנגען, האָט ראכלין פארגעסן צו זײַן צוריקגעהאלטן אין די רייד, און ער האָט מיך געבעטן באַרויִקן, אז הערבערט פונדיק איז ניט קיין אויסנאם. ביז אים האָבן „פּאָליטיקען" רעדאגירט מענטשן פונעם זעלבן שניט. פונ־דיקן האָט דער קאָנצערן אויסגעשריבן פון טעל־אוויוו מיט אָנדערהאלבן יאָר צוריק. ער לעבט מיט זײַן פאמיליע אין יִשׂראֵל אָנהייבנדיק פון 1954. מיט דענעמארק פארבינדט אים דאָס, וואָס זײַן טאטע האָט דאָ גע־האט א פאבריק...

ראכלין זאָגט מיר:

— אונדזער צײַטונג איז טאקע א דענישע לאנד־צײַטונג, נאָר דאָס האָט איר ניט געשטערט און שטערט איר ניט צו האָבן ציִעניסטישע צילן...

דאָ דערמאָן איך זיך, אז אן אָנגעשטעלטער אין לייענזאל פון דער קאָ־פּענהאגענער קיניגלעכער ביבליאָטעק, וועלכע איך האָב באזוכט מיט עט־לעכע שאָ פאר דעם, האָט, ריידנדיק וועגן דער אָרטיקער פּרעסע, מיך פארזיכערט:

— די צײַטונג „פּאָליטיקען" איז אן אויסגעשפּראָכן נאציאָנאלע דענע־מארקער צײַטונג... ניט קיין אָנגעהעריקע צו וועלכער־ניט־איז פון די פּאָ־ליטישע גרופּירונגען...

אויב אזוי, איז ניטאָ וואָס צו באהאנדלען דאָ ווײַטער דעם איניען, בע־סער וועל איך אײַך דערציילן וועגן דער יִדישער אָפּטיילונג פון דער קי־ניגלעכער ביבליאָטעק. פילצאָליקע פּרעסע־ארטיקלען וועגן איר האָב איך געלייענט נאָך לאנג פאר מײַן קומען קיין דענעמארק. ווי עס פירט זיך אָפן מײַרעוו, איז די רעקלאמע טאָמיד אָף א מײַל פאָרויס פון דער ווירק־לעכקײַט. זעענדיק מיט די אייגענע אויגן די צוויי צימערן פון דער יִדישער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאגען, — איינעם א קאָנטאָר־צימער, אין וועלכן עס זיצט באם קאטאלאָג א געקומענע פון פּאָלקס־פּוילן באיאָרטע פרוי, זי הייסט

בערנשטיין, טאטיאַנע יאַקאָוולעוונע, און אַ צווייטן צימער — פֿאַר די עט־לעכע אויסשטעלונגס־סטענדן פֿון יעקאַר־האַמצאַטסן, — אין וועלכן עס דרייט זיך אַרום אַן אויסגעצערטער אידיליש־הימלשער לאַמעדוואָוניק־מענטש, און גלייבנדיק אַט די צוויי ענטוזיאַסטן אַפֿן וואָרט, אַז אין די היט־קאַמערן ליגן אוצרעס, אוצרעס, אוצרעס, — בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז דאָס איז גיכער פֿון אַלץ אַ יודאַיק־קאָלעקציע, אַן אוניקאַלע, פֿאַרשטייט זיך, אָבער ניט קיין פֿונקציאָנירנדיקע ביבליאָטעק, ניט אַזאַ, ווי, לעמאָשל, די ייִדישע אָפּטיילונגען אין דער מאָסקווער „לענינקע" און אין דער לענינגראַדער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אָף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען.

ווען דער קיניג פֿרעדעריק דער III האָט אין 1650 געשאָפֿן זײַן ביב־ליאָטעק און אוועקגעשטעלט אָף די פּאָליצעס די ערשטע העברעיִשע בי־כער, זײַנען נאָך אין דענעמאַרק קיין ייִדן ניט געווען. ערשט אין צוואַנ־ציק יאָר אַרום האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנלאָזן אין לאַנד ייִדן. איצט פֿאַר־מאָגט די ביבליאָטעק זיבעציק טויזנט בענדער יודאַיק. פֿאַראַן דאָ אַרום זעכציק העברעיִשע אינקונאַבולן, דאָס הייסט ביכער, וועלכע זײַנען גע־דרוקט ביזן 1500 יאָר, דירעקט נאָך גוטענבערגס דערפֿינדונג. מע קאָן דאָ זען דעם איינציקן אין דער וועלט עקזעמפּליאַר פֿון דער ערשטער איבער־זעצונג אָף איווריע־טײַטש פֿון אַ מאַכזור צו יאָמים־נוראָים, אָפּגעדרוקט אין קראָקע אין 1571, אויך דעם זעלטענעם מאַנוסקריפּט פֿונעם ראַמבאַמס „מורה נבוכים", וועלכער איז דערשינען אין באַרסעלאָנע אין 1348. מע־רער איידער ערגעץ־ווו זײַנען דאָ פֿאַראַן ביכער, וועלכע זײַנען אַרויסגע־גאַן אָף די שפּראַכן, וואָס די ייִדן האָבן באַנוצט אין טערקײַ, בולגאַריע, עפּיאָפּיע און אין אַנדערע אָריענטאַלישע לענדער.

די באַיאָרטע פֿרוי, וועלכע האָט מיר באַוויזן די רײַכקײַטן פֿון דער ביבליאָטעק, האָט באַזונדערס געלויבט דעם אָפּטו פֿונעם פּראָפֿעסאָר דאָ־וויד סימאָנסען. דאָס גאַנצע לעבן האָט סימאָנסען זיך פֿאַרנומען מיט פֿאָר־שונגען אַרום דעם ייִדישן ביכער־וועזן און מיט זאַמלען זעלטענע אויסגאַ־בעס. באַ פֿערציק טויזנט ביכער האָט די קאָפּענהאַגענער ביבליאָטעק באַקו־מען אין איר רעשוס, ווען פּראָפֿעסאָר סימאָנסען איז אין 1932 ניפֿטער גע־וואָרן.

אַגעוו, דערציילנדיק וועגן אָט דעם מענטשן, האָט די ביבליאָטעקערן אַרויסגענומען פֿון טיש־קעסטל אַ בלעטל פּאַפּיר און באַוויזן עס מיר, זאָגנ־דיק: „מיר האָבן עס צופֿעליק געפֿונען אין סימאָנסענס אַרכיוו".

אַפֿן פּאַפּיר איז געווען אָנגעצייכנט אָף העברעיִש: „מיט דעם בין איך מעכויעוו באַצאָלן דעם האַראַוו פּראָפֿעסאָר ד. סימאָנסען צוויי טויזנט קראָ־נען (2000 kron), וועלכע איך האָב באַקומען פֿון זײַן האַנט מעזומען אין טויזנט נײַן הונדערט פֿופֿצן אין כעשוווען אין קאָפּענהאַגען. ש. ראַבי־נאָוויטש, שאָלעם־אַלייכעם".

קאָן זײַן, דאָס איז ס'איינציקע ווערק, וואָס דער טראַגישסטער פֿון אַלע הומאָריסטן אין דער וועלט־ליטעראַטור האָט אָנגעשריבן אין קאָפּענהאַגען, אַפֿן וועג קיין אַמעריקע, געציילטע כאָדאָשים פֿאַר זײַן טויט...

געזעגענענדיק זיך מיט דער קיניגלעכער ביבליאָטעק, בין איך שפּעטער נאָך אַ גוטע שעה אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער דענעמאַרקער הויפּטשטאָט, זוכנדיק דאָס הויז, ווו עס מאַכט היינטצייטיקע פּאָליטיק די רייך־דענעמאַרקער צייטונג „פּאָליטיקען״.

אויפן פּלאַץ פון דער ראַטושע, אין סאַמע צענטער שטאָט, האָט אן אוי־לעם מענטשן, צווישן זיי צוויי היטער פון דער אָרדענונג, באַקוקט מיט נייגער אַ מעגושעמדיקן סוביעקט — אַ אַ מריין־שוואַרץ באוואַקסן אַרום־און־אַרום מיט האָר און אָנגעטאָן ווי אַ שטאָט־מעשוגענער, עפּעס אין אַ זאַק, אָן פּלודערן, אין גראָבע זאָקן, אָן שיך, אין אַ פּוטערנעם יאַלעם. ער האָט געפירט אַ קינדער־וועגעלע, אין וועלכן עס איז האַלב געלעגן אַ נאַקעט מיידל, קונציק צוגעדעקט מיט ראַגאָזשע־לענטעס.

אין דענעמאַרק איז, ווי באַוווּסט, אָפּגעשאַפן געוואָרן דער געזעץ, וועל־כער פאַרבאָט פּאָרנאָגראַפיע. דעריבער האָבן די צוויי פּאָליציאַנטן געקוקט בלויז, מע זאָל זיך ניט שטופּן. ווען עס זיינען צוגעקומען עטלעכע יונגע־לייט מיט אַ פּלאַקאַט פון דער „אַנטיפּאָרנאָגראַפישער ליגע״, האָט מען זיי געהייסן אָפּגיין אין אַ זייט און דאָרט מאַכן זייער „מיטינג״.

אויפן ראַטושע־פּלאַץ האָט זיך צונויפגענומען אַ היפּשער אוילעם. דאָס אויסגעטאָנענע מיידל איז „אַריין אין די פּעדערן״. זי האָט גענומען אַרויס־שלעפּן פון אונטער דער ראַגאָזשע דאָס אַ האַנט, דאָס די בריסט, דאָס אַ פוס, און איינצייטיק, זינגענדיק דאָס שלאַגער־ליד פון סערזש גענזבורג און דזשאַן בירקינד „איך האָב דיך אויך ניט ליב״, געווונקען מיט די אויגן אויף די אויסגעשטעלטע אין פרייען ווינקל פונעם קינדער־וועגעלע רעק־לאַמע־עקספּאָנאַטן פון דער סעקס־אינדוסטריע: ספּעציפישע פּאָטאָגראַפיעס און פּאַטעפּאָן־פּלאַסטינקעס, סעקס־אינסטרומענטן אאַז. אין דער צווייטער גרופּע, בא דער „אַנטיפּאָרנאָגראַפישער ליגע״, האָט אַ מיידל מיט אַ רופּאָר באַם מויל געהאַלטן אַ קורצע רעדע. די זעלבע רעדע האָט איבערגעכאַזערט אַ באָכער. זיי האָבן געזאָגט: „אונדזער היימלאַנד דענעמאַרק פאַרנעמט פון טאָמיד אָן איינס פון די ערשטע ערטער לויטן עקספּאָרט פון כאַזיירים. איצט זיינען מיר געוואָרן עקספּאָרטיאָרן פון פּאָרנאָגראַפישער כאַזערייַ. לאָ־מיר עס אופהערן!״.

מיטאַמאָל איז דער ראַטושע־פּלאַץ פאַרפלייצט געוואָרן פון היפּיס. איך האָב אפילע ניט באַמערקט, פונוואַנען זיי האָבן זיך גענומען. צוזאַמען מיט זיי, פונקט ווי אַן עסקאָרט, זיינען אַרויף אויף דעם פּלאַץ אַ פּאָר צענדליק פּאָליציי־לייט. פון די צייטונגען ווייס איך, אַז מע האָט ניט דערלויבט די היפּיס דורכצופירן אין קאָפּענהאַגען עפּעס אַ מין וועלט־צונויפלי זייערן, אָדער, לאָמיר זאָגן, אַ „וועלט־קאָנפערענץ״ (פאַרוואָס מעגן די ציעניסטן יאָ, און די היפּיס ניט?), און דאָך — ווי אַ כמאַרע האָבן זיך די אָרטיקע, די קאָפּענהאַגענער היפּיס אַ שפּרייט געטאָן איבער דעם גרעסטן פּלאַץ פון דער שטאָט.

נאַטירלעך, אויך דאָס, וואָס איך האָב געזען אויף דעם ראַטושע־פּלאַץ אין קאָפּענהאַגען, איז אַן עלעמענט פון דער אַנדערשקייט פון דענע־מאַרק...

פּערצענטער בריוו

פון פּראָפעסיאָנעל־שרײַבערישן שטאַנדפּונקט קאָן מען זאָגן, אַז די מערהײַט געשעענישן פון מײַן רײַזע איבער די לענדער פון אײראָפּע וויקלען ביז איצט זיך פאַנאַנדער אַרום אַ לעבנס־סוזשעט, ווו די קאָליזיע איז — די צוגרייטונג צו אַן אַקט פון צווישנפעלקערלעכן פּאָליטישן אַזשיאָטאַזש. דער סוזשעט וואָלט געהאַט זײַן קולמינאַציע־פּונקט, ווען די בריסעלער קאָנפערענץ אַרום די אינטערעסן פון די סאָוועטישע ייִדן, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד, זאָל האָבן עפּעס אַ זין. אָף וויפל די קאָנפערענץ איז אָבער געווען ניט מער ווי אַ זייפנבלאָז, וועט זיך סײַ דער לעבנס־סוזשעט, סײַ בישכיינעס מיט אים מײַן רײַזע באַגיין אָן אַן אַפּאָגיי, און די קאָליזיע וועט זיך „פאַנאַנדערבינדן" אָן און פאַר זיך.

ווען צו די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דערגאַנגען, אַז די פּראָוואָקאַטאָרן גרייטן זיך פאַרקאָנפערענצעווען זייער גאַסן־טומל, איז אַלץ געטאָן געוואָרן, קעדיי ערלעכע מענטשן זאָלן וויסן, אין וואָס דאָ גייט. ס'זעט אויס, אַז דאָס געדולד בא די סאָוועטישע ייִדן האָט געפּלאַצט. טויזנטער פון זיי האָבן אָפּגעשיקט בריוו אין די צײַטונגען פונעם לאַנד און אויסערן לאַנד. איינע פון די בוילעטסטע אַנטפּלעקונגען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און סאָלידאַרישקײַט איז געווען דאָס, וואָס די גאַנצע סאָוועטישע פּרעסע — אָף צענדליקער שפּראַכן און אין אַלע רעפּובליקן — האָט טאָג נאָך טאָג אָפּגעגעבן אירע זײַטן צוליב „ייִדישע אינטערעסן". אין גרויסן סאָוועטנלאַנד האָט מען אומעטום, אין יעדן ווינקעלע, זיך דערוווּסט וועגן די ציוניסטישע נידערטרעכטיקײַטן בענעגייע די סאָוועטישע ייִדן. די אויפגעבראַכטקײַט איז אַזויאַרום געווען אַן אַלגעמיינע, אַן „אַלפאַרבאַנדישע". אויך צו אויסלאַנד זײַנען דערגאַנגען די בריוו פון פיל הונדערטער ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. די בעלגישע רעגירונג האָט באַקומען נאָטעס און פּראָטעסטווענדונגען. אייניקע פּראָקלאַמירטע מיצאַד די ציוניסטן אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ (לעמאָשל, אַרטור מילער, פּאָל סאַרטער, ד"ר. נאַכעם גאָלדמאַן און אַנד.) האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון קומען קיין בריסעל. אַנדערע מער ווייניקער אָנשטענדיקע מענטשן האָבן גענומען אַ פּאָזיציע פון פאַרענטפערן זיך (אַגעוו, אויך די בעלגישע רעגירונג האָט זיך פאַרענטפערט: די בורזשואַזע פרײַהײַט דערלויבט, מע זאָל אין איין לאַנד אײַנאָרדענען סקאַנדאַלן קעגן אַ צווייט לאַנד...).

די פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" צוזאַמען מיט דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן דורכגעפירט אין מאָסקווע אַ שמועס אַרום „רונדן טיש". מיליאָנען מענטשן האָבן אַדאַנק דער צענטראַלער טעלעוויזיע פונעם לאַנד געהערט, וועגן וואָס מע האָט גערעדט באַם „רונדן טיש" (אַגעוו, אין ניו־יאָרק, אַשטייגער, ווו לויט דער סטאַטיסטיק איז אַמווייניקסטנס יעדער דריטער אייגנטימער פון אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אַ ייִד, — דאָרט קאָן אַפילע ניט געמאָלט זײַן, אַז אַ ייִדישער פאָרום אָף אַן „אינוויייניקסטער" טעמע זאָל טראַנסלירט ווערן דורך דער „גרויסער טעלעוויזיע" פאַר דער גאַנצער שטאָט, שוין אָפּגערעדט — פאַרן לאַנד).

בא דעם מאָסקווער „רונדן טיש" איז געמאָלדן געוואָרן פאַר דער וועלט־עפנטלעכקייט וועגן דער אופגעבראַכטקייט פון די סאָוועטישע ייִדן, און ניט געקוקט דערויף, האָט בא די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער בריסעלער קאָנפערענץ ניט געסטייעט קיין סייכל אָפּצושאַפן זי. די קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען מיט א וואָך צוריק, און זייענדיק איצט אין קאָפּענהאַגען, בישכיינעס מיט בריסעל, האָב איך די מעגלעכקייט צו אורטיילן וועגן איר, אַזוי צו זאָגן, לויט די פרישע שפּורן.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען פאַר מיר אין דעם פּראַט די באַ־געגעניש מיטן האָראַוו האַראָשי פון דענעמאַרק בינְיאָמין מעלכיאָר. זייענ־דיק פאַרבעטן צו אים אהיים, האָב איך געמיינט, אז עס שטייט פאַר א טעאָלאָגישער סיכסעך, אָבער פון די ערשטע ווערטער, וואָס דער דינאַמי־שער ראָוו האָט מיר געזאָגט, איז קלאָר געוואָרן, אז ער האָט אין זינען אַקטועלע פראַגן.

מעלכיאָר האָט אויסגעזען פאַרזאָרגט:

— אין בריסעל, מיט עטלעכע טעג צוריק, איז געווען אָפּגעמאַכט, אז אומקערנדיק זיך קיין קאָפּענהאַגען, וועל איך אין מיין שיל האָבן א דראָשע לויטן טאָג־סיידער פון דער קאָנפערענץ. דער אוילעם איז דאָ אָבער אַזוי אַנטוישט, אז די דראָשע איז בעמיילע איבעריק...

פאַרוואָס איז דער אוילעם אַנטוישט? אַף א ספּעקטאַקל אין טעאַטער זעט מען די אַקטיאָרן אין דעם גרים, מע הערט, וואָס די אַקטיאָרן דאַבערן. אַף דער בריסעלער קאָנפערענץ האָט מען געזען בעגינען מיט קאַכאַנען — פּאָליטישע פּסיכאָפּאַטן; מע האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די עטלעכע נעבעכ־דיקע פּראָוואָקאַטאָרן, שוין אַרויסגעפאָרענע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין יִיסראָעל, וועלכע האָבן דאָ געדאַרפט „פאַרשטעלן דאָס סאָוועטישע ייִדנ־טום".

בינְיאָמין (בענט) מעלכיאָר איז א מאַן פון די מיטעלע יאָרן. דעם „פּאָרטפעל" פונעם הויפּט־ראָוו האָט ער באַקומען בעיערושע פון זיין טאַטן, ד"ר. מאַרקוס מעלכיאָר, וועלכער האָט זייַנערצייט אַרויסגעגעבן דעם בוך „געלעבט און דערלעבט" — א באַשרייבונג, וויאַזוי עס זיינען אָפּגעראַטעװעט געוואָרן פון אומקום די ייִדן פונעם לאַנד.

וועגן דעם „קליינעם דיונקערק" (אַזוי רופט מען אין דענעמאַרק די אָפּעראַציע פון אַריבערפירן די ייִדן אַף פישער־שיפלעך קיין שוועדן) האָט אויך אָנגעשריבן א דאָקומענטאַלן בוך („אָקטיאַבער, 1943") דער דענישער ווידערשטענדלער אָגע בערטעלסען, א דעקאַן פון א גאַלאָכישן סעמינאַר אינעם שטעטל לינגבי, ווו די טראַנספּאָרטירונג איז געוואָרן פּלאַנירט און פאַרווירקלעכט. דער אַוטאָר פונעם פאָרוואָרט צו דעם דאָזיקן בוך איז האַנס העדטאָפט, א געוועזענער דענעמאַרקער פּרעמיער־מיניסטער, אויך אַן אָנטיילנעמער פון דער אָפּעראַציע. אין ר. מורס בוך „נילס באָר — דער מענטש און געלערנטער" איז פאַראַן א גענויע באַשרייבונג פונעם אָנטייל אין דער רעטונגס־אָפּעראַציע מיצאַד דעם געניאַלן געלערנטן. וולאַדימיר פּאָזנער, דער באַוווּסטער פראַנצויזישער פּראָזע־שרייבער, האָט געווידמעט דעם „קליינעם דיונקערק" זיין ראָמאַן „די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט".

אויך א פילם איז געשאפן געוואָרן, — די דענעמארקער פרײַנט האָבן מיר אים באוויזן, — ער הייסט „דער איינציקער וועג”.

אינקורצן האָבן די געשעענישן זיך פאנאנדערגעוויקלט אזוי. ווי באַווסט, האָבן די דײַטשן אין אָנהייב פון דער אָקופאציע ניט געטשעפעט די רעגירונג פון דענעמארק און ניט אראָפגעזעצט דעם קיניג כריסטיאַן. ס'איז געווען א פרווו צו שאפן אין אָט דעם לאנד א „מוסטערהאפטן פראָטעקטאָראט”. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אויך צו די דענעמארקער ייִדן האָבן זיך די דײַטשישע פאשיסטן ניט גלײַך דערקליבן. אָבער אין סענטיאבער 1943 איז אונטערן אויסרייד פון דערשטיקן די שטרײַק־כוואַליע אײַנגעפירט געוואָרן אין דענעמארק אויסגאנגס־צושטאנד, און, זעלבסטפארשטענדלעך, די ייִדן זײַנען געווען דאָס קאפאָרע־הינדל.

אין קאָפענהאגען האָט זיך באוויזן דער „מאלעך פון טויט”, דער קאָמענדאנט פון דער זיכערהײַטס־פאָליציי דר. מילדנער, און איבער די קעפ פון די דענעמארקער ייִדן האָט א בליץ געטאָן אייכמאנס האק. איינער א באאמטער אין דײַטשישן אויסערן־מיניסטעריום, דער פארוואלטער פון שיפן־צירקוליאציע אין קאָפענהאגענער האפן געאָרג דוקוויץ — א געוועזענער סאָציאַל־דעמאָקראט — האָט מיטגעטיילט זײַנע אמאָליקע דענישע קאָלעגן לויט דער פארטיי, און דורך זיי דער אונטערערדישער באוועגונג, די פראָטים פונעם פלאַן ארויסצופירן די ייִדן אין פארניכטונגס־לאַגערן פון מיזרעך־אייראָפע. אין א פערטל יאָרהונדערט ארום, בײַס דוקוויץ מיט זײַן פרוי זײַנען געקומען אף א באזוך קיין ייִסראָעל (דער „יאד וועשעם” האָט אים אָפיציעל דערקלערט אלס איינעם פון די „כסידיי אומעס האָוילאָם”), האָט ער דערציילט: „צו מײַן גרויס פארוואונדערונג האָבן די ייִדן ניט געגלייבט, אז די דײַטשישע אָקופאנטן גרייטן זיך צו פארניכטן זיי. אָבער נאָך לאנגע באמיִונגען האָבן מענטשן פון דער אונטערערד באוויזן צו איבערצײַגן די ייִדן, אז עס דראָעט זיי א טויט־געפאר...”

דעם 28 סענטיאבער 1943 איז דוקוויץ געקומען אין דער רעזידענץ פונעם דענעמארקער פרעמיער, וועלכער האָט שפעטער, אין דער האקדאָמע צו אָגע בערטעלסענס בוך, אופגעשטעלט דעם עפיזאָד אין זיקאָרן: „בעשאס איך בין געווען פארנומען אף א וויכטיקער רעגירונגס־בעראטונג, האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אז עמעצער מוז מיך טייקעף זען. ג. פ. דוקוויץ איז געשטאנען פאר מיר א בלאסער. ער האָט מיט א צעווייטעקט געמיט געזאָגט: „שיפן שטייען שוין פאראנקערט באם קאָפענהאגענער האפן. די געסטאפאָ וועט באפאלן די דענישע ייִדן אין זייערע היימען, ארופזעצן זיי אף די שיפן און זיי דעפאָרטירן צו אן אומבאקאנטן גוירל...”

ווײַטער שרײַבט דער דעמלטיקער פרעמיער האנס העדטאָפט: „איך און מײַנע פרײַנט מיניסטאָרן האָבן אײַנגעטיילט צווישן זיך די אופגאבן. דורך אומלעגאלע פאָליציי־קאנאלן האָבן מיר ארויסגערופן אווטאָמאָבילן און זיך אוועקגעלאָזט אין אלע ווינקעלעך פונעם לאנד. איך בין קיידעמקאָל אוועקגעפאָרן קיין שארלאָטענלונד (א פאָרשטאָט פון קאָפענהאגען), אין דער ווילע, ווו ס'האָט געווינט דער פאָרזיצער פון דער ייִדישער געמיינדע צ. ב. הענריקוס. קיינמאָל אין מײַן לעבן וועל איך ניט פארגעסן יענע באגעגעניש...”

בעשאס דער פרימאָרגן־טפילע דעם 29 סענטיאַבער, ערעוו ראָשעשאָנע, האָט הערשל מאַרקוס מעלכיאָר געוואָרנט די מיספּאַלעלים פון זײַן סינאַגאָגע, אַז די נאַציס פּלאַנירן אַרויסשיקן צו אומקום אַלע דענעמאַרקער ייִדן. ס'איז געווען אויסער יעדן ספֿק, אַז פון אַ באַליביקער אָפענער טיר, ווען די היטלערישע באַרבאַרן וועלן נעמען זיך יאָגן נאָך שוצלאָזע קינדער, זקיינים, פרויען, וועט אויסגעשטרעקט ווערן אַ העלפנדיקע האַנט. דער שול־לערער לאַרסען, איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון פּאָזנערס ראָמאַן „די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט", שילדערט אַזוי די דעמלטיקע סיטואַציע: „מע האָט אויף אַ קורצער צײַט זיך אָפּגעוווענדט פונעם סאַבאָטאַזש אויף די פאַבריקן. די פאַבריקן קאָנען צוּוואַרטן, די ייִדן ניט". פאַר די אויגן איז געשטאַנען די שכיינעסדיקע נאָרוועגיע, ווו די פאַשיסטן האָבן אויפן צווייטן יאָר פון דער מילכאָמע אַרויסגעשלעפּט אויף דײַטשישע פּראַכט־שיפן זיבן הונדערט נאָרוועגישע ייִדן, דעפּאָרטירט זיי אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי פאַרגאַזט. פון דער צווייטער זײַט, האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן אין נייטראַלן שוועדן די אַנדערע זיבן הונדערט נעפאַשעס פונעם נאָרוועגישן ייִדישן יישעוו, און זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

די מערהײַט דעניש ע ייִדן זײַנען גלײַך אַוועק אין די וועלדער פון צאָפן־זעלאַנד, אַרום עלסינאָר. דאָ האָט מען זיי קוידעמקאָל פאַרבאַהאַלטן אין די קאַטוילישע קירכעס, אין אַכסאַניעס אויפן ברעג יאַם, פּאַשעט אין די הײַזער און אין די וועלדער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר מיר, ווי פאַר אַ ייִדישן שרײַבער, ווען איך בין איצט געקומען קיין קאָפּענהאַגען, איז געווען אַ סאַך וויכטיקער צו דערוויסן זיך די פּראָטים פון דער דאָזיקער געשיכטע, איידער צו אויסהערן די דערציילונגען וועגן דער דורכגעפאַלענער „ייִדישער" קאָנפערענץ. און איך בין זיך מוידע, אַז ס'האָט מיך שטאַרק געצויגן צו עלסינאָר, אַ קוק צו טאָן, ווו דער אַקט פון גרויסער מענטשלעכקײַט איז דורכגעפירט געוואָרן. דעריבער האָב איך זיך דערפרייט, ווען דער געזאַנדטער פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין קאָפּענהאַגען ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש יעגאָריטשעוו האָט מיר נעכטן, שוין פאַרנאַכט־צו, פאָרגעלייגט:

— איר ווייסט וואָס? לאָמיר זיך דורכפאָרן מיט אײַך צוגאַסט צום יונגן פּרינץ האַמלעט. עמעס, ס'קאָן זײַן, אַז מיר האָבן פאַרשפּעטיקט, ווײַל ס'איז שוין די שאָ, ווען דער פּרינץ נעמט קיינעם ניט אויף...

דער שלאָס קראָנבאָרג אין עלסינאָר פאַרמאַכט טאַקע אויפדערנאַכט זײַנע טויערן, נאָר צוליב פאַרשטענדלעכע טײַמים האָב איך געענטפערט דעם געזאַנדטן:

— לאָמיר פאָרן.

אין וועג האָב איך דערציילט ניקאָלײַ גריגאָריעוויטשן, פאַרוואָס עס ווילט זיך מיר אַזוי אַ קוק טאָן אויף עלסינאָר — ניט אַזוי צוליבן ליטעראַרישן אינטערעס, ווי דערפאַר, וואָס דאָ איז פאַרהעלטניסמעסיק ניט לאַנג צוריק געלייזט געוואָרן די פראַגע, צי עס זאָלן זײַן, אָדער ניט זײַן מער פון זעקס טויזנט לעבנס אויף דער וועלט.

אָט איז שוין דאָס אָרט — די געצייכנדלטע וואַנט פון דער פעסטונג, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין די כוואַליעס פונעם יאַם, די שמאָלע, פאַרקײַלעכיקטע

פון אויבן פענצטער, דער הויכער גלאָקן־טורעם אין עלסינאָר. א באַיאָרטער מאַן, דער שוימער לעבן טויער, דערקענט דעם סאָוועטישן אמבאַסאַדאָר און לאָזט אונדז מיט גרויס אָפּשײַ דורך אזוי, אז מיר זאָלן קאָנען כאַטש פונדערווײַטנס באטראכטן דעם אלטן שלאָס — דאָס אינווייניקסטע הויפּל מיטן פאַנטאַן, אפילו דעם ארײַנגאנג אין די פארטונקלטע לאבירינטן.

דערווײַל איז שוין צוגעפאלן דער אָוונט, און אפן געדיכט־געוואָרענעם וואסער, לעבן האָריזאָנט, האָבן זיך בוילעטער ארויסגעזען פײַערלעך, ווי שטערן.

— דאָס איז שוועדן, — האָט געזאָגט, קוקנדיק צו יענעם ברעג, ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש יעגאָריטשעוו. — דער מעהאלעך איז דאָ ניט קיין גרויסער, סאכאקל דרײַסיק מײַל. מיט אָט דעם וועג האָבן די דענישע פישער, אונטער דער נאָז בא דער געסטאפּאָ, ארויסגעשמוגלט די ייִדן קיין שוועדן.

דאָס איז געווען דעם 1 און 2 סעפּטיאבער 1943, אין א קאלטן הארבסטיקן טאָג. א פלאָטיליע פון פישער־שיפלעך אין עלסינאָר האָט זיך קעגנגעשטעלט די פאראנקערטע שיפן באם קאָפּענהאגענער וועלט־האפן, וועלכע די מערדער האָבן צוגעגרייט פאר די ייִדן פון דענעמארק. אונטער דער גרעסטער געפאר האָבן די פאטריאָטן פונעם לאַנד ארויסגעפירט פאר א פאָר פינצטערע נעכט קיין שוועדן טויזנטער מישפּאָכעס מיט קליינע קינדער, מיט אלטע לײַט... צוויי הונדערט צוויי ייִדן זײַנען ארײַנגעפאלן אין די הענט פון דער געסטאפּאָ.

הײַנט־צו־טאָג וווינען אין דענעמארק זעקס טויזנט ייִדן. די קעהילע אין קאָפּענהאגען איז די עלטסטע אין סקאנדינאוויע. ניט לאנג צוריק האָט זי אָפּגעמערקט איר דרײַהונדערטיאָריקן יובליי.

קאָן זײַן, אז איך האָב אין אָט דעם בריוו פארצויגן די געשיכטע וועגן דער רעטונג פון די ייִדן אין דענעמארק. דאָס האָב איך געטאָן ניט בלויז דערפאר, וואָס בא אונדז איז די דאָזיקע אויסטערלישע געשיכטע ווייניק באוווסט. דער דענעמארקער היסטאָרישער עפּיזאָד באשטעטיקט די אומזיניקײַט און געפערלעכקײַט פון די פּרוּוון פונעם ציִעניזם צו צעקריגן די ייִדן מיט די פעלקער פון די לענדער, אין וועלכע זיי וווינען. ווי אומדאנקבאר עס וואָלטן געווען די דענעמארקער ייִדן, לעמאָשל, ווען זיי גיבן נאָך דער שענדלעכער פּראָפּאגאנדע, וואָס האָט ווי א שמוציקער שטראָם זיך געטראָגן פון דער בריסעלער קאָנפערענץ.

פארשטייט זיך, דער האָראוו הארָאשי פון דענעמארק בינ־יאָמין מעלכיאָר, אליין א ציִעניסט, האָט, אומקערנדיק זיך פון בריסעל, ניט געקאָנט גיין ווײַטער פון דער ארויסגעזאָגטער אין דעם שמועס מיט מיר אנטויזשונג. דערפאר אָבער האָט א רעפּאָרטיאָר אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאל” אונטערגעזאָגט (שוין פאָסט־פאקטום), וואָס עס וואָלטן בעסער געדארפט טאָן די שלימאזלדיקע פלאפלער אף דער בריסעלער קאָנפערענץ: „אין בריסעל וואָלטן אלע פינף הונדערט צי פיר הונדערט אָנטיילנעמער

געדאַרפט דערקלערן א דרײַטאָגיקן טאָנעס, געדאַרפט אויסזינגען קאָלנידרע און זיך ווי עס דאַרף צו זײַן אויסוויינען און קלאַפּן זיך אין האַרץ כּאַראָטע אָף די אַלע זאַכן, וואָס מע האָט געטאָן און ניט געטאָן, אָף די אַלע רייד, וואָס מע האָט גערעדט און ניט גערעדט"...

אזוי ענדיקט זיך דער סוזשעט, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום דעם אַקט פון צווישנפעלקערלעכן פּאָליטישן אַזשיאָטאַזש, וועלכן עס איז מיר אויסגעקומען צו נאָכפאָלגן פון דער נאָענט בײַס מײַן איצטיקער רײַזע איבער אייראָפּע.

1971

פּופּצנטער בריוו

אויב זיך באַגיין אָן די שוין דערעסן געוואָרענע רײַזע־ראָמאַנטיזירונגען, קאָן מען שילדערן די זאַך גאַנץ פּאָשעט.

האַלב אַכט אַזייגער אינדערפרי בין איך צוזאַמען מיט מײַן פרוי אַרויס פון אונדזער וווינונג אָף קראַסנאַיאַ פּרעסניאַ, אין מאָסקווע. מיר זײַנען צוגעפאָרן אין אעראָפּאָרט שערעמעטיעוואָ, און נאָך דעם, ווי מיר האָבן דאָרט אויסגעטרונקען צו טעפּעלעך קאַווע, האָב איך ניט געײַלט פאַרנומען אַן אָרט אין אַן אעראָפּלאַן „איל־62". דאָרט האָב איך, ווי טאָמיד אין דער צײַט, דורכגעבלעטערט א פּאָר צײַטונגען און אָפּגעגעסן פרישטיק. פאַרענדיקט עסן און נאָך ניט באַוויזן ווי עס געהער צו זײַן זיך דורכשמועסן מיט מײַן שאָכן וועגן די טאָג־נײַס, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אעראָפּלאַן איז שוין אַריבערגעפלויגן פון מאָסקווע קיין זשענעווע און אַז אין דער שווייץ איז איצט אָן פינף מינוט עלף, מיט צוויי שאָ פריִער, איידער אין מאָסקווע. באַם אַרויסגאַנג פונעם אעראָפּלאַן האָט מיך אָפּגעוואַרט א כאַווער, מיט וועלכן איך האָב זיך באַפרײַנדעט בײַס מײַן פאָריקן באַזוך אין דער שווייץ, און פירנדיק מיך פונעם אעראָפּאָרט קיין זשענעווע, האָט ער געזאָגט, אַז העיויס הײַנט איז שאַבעס, ווען אין דער שווייץ, פונקט ווי אומעטום, רוט מען, און ווײַל א צימער איז פאַר מיר שוין פאַרגרייט אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט בא דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, — וועט ער אַליין אָפּפירן אַהין מײַן טשעמאָדאַן, און איך, אויב איך האָב כיישעק, קאָן אָן שום מעניעס אַרויס פון דער מאַשין און זיך אָוועקלאָזן שפּאַצירן בא דער זשענעווער אָזערע, אָף דער „ברעג־גאַס פונעם פּרעזידענט ווילסאָן".

אזוי האָב איך טאַקע געטאָן, און איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך וואָלט אָט דעם בריוו מײַנעם געקאָנט אָנהייבן מיט די ווערטער:

אַרויסגעגאַנגען אין מאָסקווע אָף קראַסנאַיאַ פּרעסניאַ, בין איך אוועק שפּאַצירן אין זשענעווע בא דער זשענעווער אָזערע...

לאַנג האָב איך בא דער אָזערע זיך ניט פאַרהאַלטן. מײַסע זשענעווער טוישעוו, האָב איך אָן א וועגווײַזער זיך אוועקגעלאָזט „אַהיים". קוקנדיק

מיט געמאכטן גלײַכגילט אַף דעם ביז צום דעק דורכגעבלויטן וואסער, וואָס האָט זיך שטיל און ברייט געצויגן אַף רעכטס פון מיר, בין איך פאַמעלעכקע געגאַנגען פאַרבײַ וועלט־בארימטע פאַלאצן: דעם „האָטעל פונעם פרעזידענט" (אין 1919 האָט דער פרעזידענט ווילסאָן אײַנגעשאַפן די דאָזיקע געבײַדע פאַר דער „פעלקער־ליגע"), דעם מײַסעדיק דעקאָרירטן קאַפע־הויז „דער קאָטער אין שטיוול", דעם רעספעקטאַבעלן „האָטעל דע ריוו" („ברעג־האָטעל"). צוקומענדיק צום אלטן סקווער „מאָן רעפאָ" („מײַן אָפּרו"), האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, ניט זײַענדיק אימשטאנד אים פאַרבײַצוגיין דערעכגאגעוודיק. פאַראיאָרן, ווען איך בין געווען אין זשע־נעווע דאָס ערשטע מאָל, האָב איך געוווינט אין האָטעל מיטן זעלבן נאָ־מען — „מאָן רעפאָ" — אנטקעגניבער דעם סקווער. מײַנער א באקאנטער — ער איז א צײַט געווען איינער פון די ראטגעבער פונעם זשענעווער מו־ניציפּאַליטעט — האָט, זיצנדיק בא מיר אין צימער באם אָפענעם פענצטער, באוויזן מיט דער האנט אַף די צעצווײַגטע פלאטאנען, וועלכע שאַפן עט־לעכע גוט־פאַרשאָטנטע אלייען בא דער סאמע אָזערע, און דערציילט וועגן זײַנער א ניט־באפרידיקטער שטאדלאָנעס פאַר דער שטאָט־פאַרוואל־טונג וועגן אָנרופן דעם סקווער אַף לעניגס נאָמען.

— לענין האָט ליב געהאט ארומשפּאצירן אין „מאָן רעפאָ"...

גייענדיק ווײַטער, שנײַד איך דורך די רוישיקע רי דע לאָזאַן, קום ארויס אַף אוועניו דע פראַנס, ווו אַפן ראָג טיילט זיך אויס דער געמיט־לעכער, יאָמטעוודיק־פײַערלעכער (מיט פענער באם ארײַנגאנג) „רעזי־דאַנס האָטעל דע פראַנס" — א פּאַנסיאָנאט פאַר פאַרמעגלעכע מישפּאָכעס. אָפּגעווײַטערט פון דער גאס, הינטער אקוראטע פלויטן, זעען זיך ארויס, איינער לעבן אנדערן, א זאוואָד און א פּריוואטער קאָלעדזש. און אָט איז שוין פּלאַס דע נאַסיאָן, און אַף אים, פונקט אנטקעגן מיר — דער „פאַלאַץ פון די נאַציעס", וועלכן מע רופט דאָ הײַמיש פּאַלע. אין 1936 איז אהער אריבערגעפאָרן פונעם ווילסאָן־פּאַלאַץ די „פעלקער־ליגע". איצט געפינט זיך אין פּאַלע די אייראָפּעיִשע אָפּטיילונג פון דער אָרגאניזאציע פון די פאַרייניקטע נאציעס. פונדאנען ביז דער רעזידענץ פון דער סאָוועטישער פאַרשטייערשאַפט איז שוין מיט דער האנט צו דערלאנגען. איך פאַרקערע־ווע אַף לינקס פונעם פּאַלע, אַף דער אוועניו דע ליא פּע, און עס לויפט מיר אנטקעגן א מענטש.

— שאָלעם אלייכעם, איך האָב בא זיך געפּויעלט, אז ס'איז בעסער צוזוארטן אַף אײַך בא דער פּאָרטקע, איידער אין וועסטיביול באם דע־זשורנע, ווײַל דורכגיין דורך דער קאַליטקע — דאָס וועט איר דאָך מוזן, און דעם דעזשורנע קאָן מען אויסמײַדן.

— אנטשולדיקט, איר האָט מיך מיט עמעצן איבערגעפּלאָנטערט...

— כאסוועכאָלילע! איך בין געקומען אין דער סאָוועטישער פאַרשטייער־שאַפט מיקויעך א פּלאַן, וויאַזוי זיך דערשלאָגן, אז די יִסראָעל־מעדינע זאָל ווערן א ביסל לײַטישער, באדאכטער. איך גיי ארום און זוך, מיט וועמען זיך דורכצושמועסן, ערשט עס קומט מיר אנטקעגן א רוס מיט א טשעמאָדאנדל אין האנט. ווײַזט אויס, ערשט פון מאָסקווע. דערהערט, וועגן וואָס איך קלײַב זיך מיט אים ריידן, האָט ער מיר געזאָגט, אז וועגן

אזעלכע זאכן איז בעסער זיך אָן אייצע האַלטן מיט אײַך, און אַז איר וועט אָן ערעך אין אַ שאָ אַרום קומען פונעם אַעראָפּאָרט...

— ווער זײַנט איר, כאַווער?

באַ די דאָזיקע ווערטער מײַנע האָט דער מענטש מיטאַמאָל זיך צעווײנט. דאָס האָט מיך געצוווּנגען אַ קוק טאָן אויף אים אויפמערקזאַמער, און איך האָב דערזען אַ מיטלוווּקסיקן ניט ראַזירטן, שטאַרק אויסגעמאַטערטן מאַנצבל מיט רויטע, פון ניט דערשלאָפן, אויגן, מיט טונקל־גרויע זעקעלעך אונטער די אויגן. אַ שיוורע־קיילע. אין זײַן הוילעך האָט זיך געפילט, אַז ער האָט, ווי מע זאָגט, זיך אַראָפּגעלאָזט, ווײַל אפילו ווען ער זאָל זײַן דער גרעסטער קאַפּצן, איז עס ניט קיין סיבע צו פאַרבינדן מיט אַ קורץ שטריקל די שטיבלעטן בלויז דורך די אייבערשטע לעכלעך, מע קאָן געפינען אַ לענגער שטריקל און אַרײַנשנורעווען עס אין אַלע לעכלעך; אויך צווייען אַ קנעפּל, אויסשווענקען אַ העמדל קאָן דער גרעסטער אָרעמאַן. באַזונדערס בין איך געוואָרן נײַגעריק, ווען דער אומבאַקאַנטער האָט צעשפּיליעט דעם פּידזשאַק אויף אַרויסצונעמען פון דער זײַט־קעשענע עפּעס אַ פּאַפּיר, און כ׳האָב אויפן אונטערשלאַק דערזען די פאַבריק־מאַרקע „באָלשעוויטשקאַ״.

— ווער זײַנט איר, כאַווער? — האָב איך נאָכאַמאָל געפרעגט.

דער ייִד האָט מיר דערלאַנגט דעם פּאַפּיר און גענומען ריידן אויף רוסיש, מיט אַ „מײַרעוודיקן אַקצענט״, גיך־גיך, פאַרכלינענדיק זיך אַזש:

— דאָס ערשטע מאָל פאַר אָט די זיבן כאַדאָשים הער איך, מע זאָל מיך אָנרופן „כאַווער״. איינמאָל, אין ייִסראָעל, בין איך פאַרנאַכטלעך, קיינער זאָל ניט זען, אַרײַנגעקומען אין דעם הויז, וווּ עס קלײַבן זיך צונויף די קאָמוניסטן, און דאָרט, מיינט איר, האָט מען מיך אָנגענומען פאַר אַ כאַווער?

ער האָט מיר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער אַרײַן:

— איך אַליין רוף זיך איצט אויך ניט אָן מיטן נאָמען „כאַווער״. גלאָמפּ! — שרײַ איך צו זיך. — מענוווּל! דיעשאָווקע! ספּעקוליאַנט! פּערעבעזשטשיק!

די זידלווערטער האָט ער, וואָס ווײַטער, אַלץ מער גענומען אויסשרײַען, און מיט אַזויפיל האַרץ, אַז פאַרבײַגייער — אָנגעשטעלטע אין דער סאָוועטישער פאַרשטייערשאַפט — האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט, און אויך מײַן כאַווער, וואָס האָט מיך באַגעגנט אין אַעראָפּאָרט, איז אַרויס זיך דערוויסן, צי דער אומבאַקאַנטער פאַלט ניט אָן אויף מיר. דערווײַל האָב איך אויסגעלייענט אײנעם פּאַפּיר, אַז יאַקאָוו יעווסייעוויטש ברוידע איז אַרויסגעפאָרן פון ליטע קיין ייִסראָעל און ער פאַלט איצט אויף די קני פאַרן סאָוועטישן לאַנד, מע זאָל אים צוריק אַרײַנלאָזן. די באַקאָשע איז אַדרעסירט דעם פאַרשטייער פון פּססר באַ דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס.

דער ייִד שטופּט פון זיך אָפּ דעם פּאַפּיר, וואָס איך וויל אים אומקערן:

— זאָגט מיר ניט אָפּ. אַ ליגנדיקן שלאָגט מען ניט...

— וואָס ווילט איר, זאָל איך טאָן?

— גיט אָפּ דעם בריוו מיט אײַערע הענט און וואַרפט אַרײַן אַ פּאָר ווערטער. איך זאָג אײַך אָן שום גוזמא: איך אַליין האָב שוין די ווערט אַ מעשענעם פּיאַטאַק. אַלציינס וועל איך עס ניט איבערטראָגן. נאָר די קינדער... צוויי קינדער... דאָס ווײַב איז אין ישׂראל געשטאָרבן!..

— הערט אויף צו וויינען. אײַער בריוו וועט, נאַטירלעך, איבערגעגעבן ווערן. נאָר דער איניען נייטיקט זיך ניט אין ספּעציעלער שטאַדלאָנעס. עס גייט אין פּרינציפּ: זײַענדיק באַם פּוילן זינען, האָט איר אָפּגעגעבן דעם סאָוועטישן פּאַס, באַליידיקט די ווירדע פון אונדזער לאַנד...

— יאָ, טויזנט מאָל גערעכט...

— איז וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? פריִער האָט איר געשריגן: לאָזט מיך אַרויס! גיכער, גיכער! איצט שרײַט איר: גיכער! לאָזט מיך אַרײַן!.. וואָס אַזוינס איז געשען?

— טײַערער כאַווער, געשען איז דאָס, וואָס די אַליִע איז אַרויס באָקאָם. אַ גרויסער בלאָף! מע דאַרף שרײַען גוואַלד! אַלע טויזנטער מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעפאָרן, ווילן צוריק זיך אומקערן...

— איר טרײַבט איבער. ניט ווייניק אַקלימאַטיזירן זיך דאָרטן.

— עס אַקלימאַטיזירן זיך די געקומענע צו קרויווים... און ניט אַלע. עס אַקלימאַטיזירן זיך, קלוימערשט, יענע, ווער עס האָט געשפּילט מיט דער סאָוועטנמאַכט אַ פינצטערן צולאָכעס, און איצט האָבן זיי קיין אַנדער ברייִרע ניט... און בעמיילע, עס האַלט זיך פאַר אַקלימאַטיזירט אַזאַ בריִע, וואָס האָט שוין באַוויזן אַריבער צו די ציִעניסטן. די דאָזיקע קאַטעגאָריע וועט נאָך וויינען, וואַרט צו...

— אָט דאָס זאָג איך טאַקע: וואַרט צו. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעשוגאַס, האָט מען אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט איין מאָל געוואָרנט און געייצעט: אײַלט זיך ניט. און איצט דאַרף מען ווידער צו־וואַרטן: מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן...

— איר קאָנט וואַרטן, כאַווער. אָבער מײַן צײַט האָט זיך שוין פאַר־ענדיקט.

ער האָט דערציילט, אַז אין דער בורזשואַזער ליטע האָט ער זיך דערצויגן אין אַ ציִעניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און דעם אידעאַל וועגן ערעץ־ישׂראל האָט ער פאַרהיט... ביז קומען קיין ישׂראל. די לעבנס־דערפאַרונג האָט אים איצט אונטערגעזאָגט דעם פּלאַן, וויאַזוי זיך דערשלאָגן, אַז ישׂראל „זאָל ווערן לײַטישער", מיט וועלכן ער איז הײַנט געקומען צו לויפן אין דער סאָוועטישער פאַרשטייערשאַפט באַ דער אייראָפּעישער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַ־ציעס. עמעס, ער לייקנט ניט, אַז מיטן קומען אַהער האָט ער בעדייע דורכצופירן זײַן אייגענעם פּלאַן: זיך אומקערן צוריק אין סאָוועטנפאַר־באַנד. אָבער אויך דער אַלגעמיינער פּלאַן איז, זאָגט ער, אַ פּלאַן.

די פּראַקטיק פאַר די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז אַ סאָוועטישער ייִד, וואָס לעבט אָפּ אַ געוויסע צײַט אין ישׂראל, „וועט פריִער אָדער שפּעטער ווערן געשטימט מער סאָוועטיש איידער ביזן אַרויספאָרן". דאָס, וואָס ער ווייסט שוין, וויאַזוי עס לעבט זיך באַם סאָציאַליזם, און אויך זײַן ביטערע דערפאַרונג פונעם קאַפּיטאַליסטישן אָרט לעבן, איבערהויפּט

די אנטוישונג אין די ציוניסטישע פּאַראַנדקעס, — „דאָס אַלץ מאַכט פֿור־נעם געוועזענעם סאָוועטישן ייִדן אַ קעמפּער פֿאַר אַ בעסער ייִסראָעל". צוזעענדיק עס, איז דער אַמעריקער יונגער ציוניסט געקומען צום געדאַנק, אַז אויב קיין ייִסראָעל וועלן קומען נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט עמי־גראַנטן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלן זיי ביסלעכווײַז „איבערמאַכן די מעדינע". ער האָט מיך געפֿרעגט מיט גרויס אופֿריכטיקײַט:

— זאָגט אַליין, אויב אַ מענטש פֿאַרמאָגט אַזאַ פּלאַן, האָט דען ניט די ווערט אים דערלויבן זיך אומקערן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, קעדיי ער זאָל דעם פּלאַן ברענגען פֿאַר דער אָנפֿירונג? האַ?

איך האָב געענטפֿערט:

— איך מיין, אַז אויב אַ מענטש האָט אַזאַ פּלאַן, דאַרף ער, לעכאָל־האַפּאָכעס, זײַענדיק שוין אין ייִסראָעל, באַווײַזן, ווי־אַזוי דער פּלאַן ווערט פֿאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק.

דער ייִד האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר פֿײַנטלעך:

— פּאָקאָרנאָ בלאַגאָדאַריו. איך בין אין ייִסראָעל שוין געווען. זאָלן איצט פֿאָרן אַנדערע.

איך וועל אײַך ניט גיין דערציילן, וואָס ווײַטער איז צווישן מיר און דעם אימיגראַנט פֿאָרגעקומען, ס'איז אַזוי אויך קלאָר.

איצט זיץ איך שוין אין צימער, וווּ איך וועל וווינען עטלעכע טעג בײַם מײַן דורכפֿאָרן זשענעווע אויפֿן וועג קיין רוים. לעבן דער סאָוועטישער פֿאָרשטייערשאַפֿט, אויף אַ בערגל, בויט זיך אַ נײַע געבײַדע פֿאַר דער „צווישנפֿעלקערלעכער אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעט". און, זעט איר, האָט־גאָם ס'איז שאַבעס, און אָפּרו־טאָג, ווערט דאָ די אַרבעט ניט איבערגעריסן. איך הער זיך צו, ווי־אַזוי באַ די הייב־קראַנען רופֿן זיך איבער די בויער. באַ מיר, אַן ערשט־געקומענעם פֿון אַן אַנדער שפּראַך־סוויווע, קלינגען פֿונדערווײַטן די דיאַלאָגן אַזוי, פּונקט ווי דאָרט וואָלטן עטלעכע מענטשן דעקלאַמירט אַ פֿראַנצויזישן טעקסט.

זעכצנטער בריוו

פֿון דער אַוועניו דע ליאַ פּע צום צענטער פֿון דער שטאָט קאָן מען גיין פֿאַרבײַ דעם באָטאַנישן סאָד — אַ גאַניידנדיק ווינקעלע מיט אומ־גלייבלעך צעוואַקסענע און אומגלייבלעך הויכעביימער, אייניקע פֿון זיי האָבן בלעטער פֿון אומגלייבלעכע קאָלירן. אויף די אויסגעצאָליעטע העל־גרינע לאָנקעס שטייען גרינע בענק, טונקלערע, איידער די לאָנקעס.

הײַנט האָב איך זיך צוגעזעצט אויף איינער אַזאַ באַנק לעבן אַ באַיאָרטן מאַן, וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען מײַן ייִדיש און אַליין גערעדט אַזאַ דײַטש, אַז איך האָב אים אויך גרינג פֿאַרשטאַנען. ער איז געקומען פֿון ציריך צו דער טאָכטער, וועלכע וווינט אין זשענעווע און איז איצט אין די הויכע כאַדאָשים. לעבן אַרײַנגאַנג אין באָטאַנישן סאָד שטייט זײַן אויטאָמאָביל. ער איז אַ באַאַמטער אין „שווייצאַרישן קרעדיט־באַנק", איינעם פֿון די „פֿיר גרויסע", — די זײַלן פֿון דער ביז גאָר אימפּאָזאַנטער שווייצאַרישער

פינאנץ־אימפעריע. ס'איז אָנגענומען, אַז באַנק־באַאַמטע אין דער שווייץ מוזן זײַן שטאַרק אײַנגעהאַלטן אין די רייד, דאָס ווערטל „שווײַגן איז גאָלד" איז אָנגעמאָסטן פּונקט צו זיי. דער באַיאָרטער מאַן איז אָבער באַריידעוודיק. עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער איז איצט ניט אָף דער אַרבעט און געפינט זיך אַפילו אין אַן אַנדער שטאָט, דערבײַ איז דאָס געמיט בײַ אים אַ ביסל צערודערט פון דערוואַרטונג — וואָס וועט די קימפּעטאָרן אים הײַנט־מאָרגן אונטערטראָגן. צי עפּשער שטאַמט זײַן באַריידעוודיקייט פון דעם, וואָס אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ער געווען אַ זשורנאַליסט, דערצו נאָך אַ מיטאַרבעטער פון אַ סאָציאַלער בלאַט מיט אַ סאָציאַליסטישן פּראָפיל, און אויך איצט האָט ער פאַרהיט די טעווע צו גריבלען זיך אין פּראָבלעמען, זוכן אַן ענטפער אָף טאָג־פראַגן.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זיצנדיק מיט מיר אין סאָד אָף דער באַנק, האָט דער באַיאָרטער מאַן מיר דערציילט אַ שלאַל טשיקאַווע זאַכן. אין טאָך גענומען, האָט אין די רייד זײַנע זיך געפילט, אַז ער איז ניט נאָר אַ מייווין אָף דער פינאַנץ־אימפעריע, ווו ער איז איינס פון די שרײַפעלעך אין דער מאַשין, נאָר ער גלייבט אין דעם, אַז זי, אָט די אימפעריע, איז מעכטיקער און העכער פונעם מאָנבלאַן אַליין. ריידנדיק וועגן דער שווייץ, האָט ער מאַמעש געשאָטן מיט עפּיטעטן. דאָס קליינע זאַטע לענדעלע רופט ער אָן „שפּאָר־פּושקע פון דער וועלט", „הויפּט־מאַרק פון גאָלד", „אַ לאַנד אַ ראַנטיע". וועגן דער באַנהאָפשטראַסע אין ציריך, ווו עס שטייען די גרויסע בענק, זאָגט ער, אַז זי איז אַ „מיט גאָלד געפּלאַסטערטע גאַס". איך, פון מײַן זײַט, האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי, קומענדיק דאָס ערשטע מאָל אָף דער באַנהאָפשטראַסע, בין איך געבליבן שטיין אַנטוישט, ווײַל כ'האָב ניט געפונען אַפילו קיין אָנדײַט אָף דער גרויזאַמער מאַיעסטעטישקײַט פון אַ סיטי אָדער וואָלסטריט. אָנשטאָט וואָלקנקראַצערס מיט קאַלטן שטאָל־ און מאַרמאָר־גלאַנץ האָב איך דערזען צוגעקייטלטע איינער צום צווייטן מאַסיווע, שטרענגע מויערן פון אַ פּאָמפּעז־פאַרעלטערטן סטיל. אין די נידעריקע שטאָקן זײַנען טיר־און־פענצטער הערמעטיש פאַרהאַנגען און פאַרפּאַפּט. הינטער זיי, אין די שטילע קאַבינעטן, זיצן די „ציריכער גנאָמען" — אַזוי רופט מען אָן די אַדמיניסטראַטאָרן פון די בענק פאַר זייער געהיימען קויעך און פאַר דער אַנטשיידענער דייע, וואָס זיי האָבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, לעהייפּעך דעם אָנשטעל פון אַסקעטישער באַשיידנקײַט.

ווי עס זעט אויס, איז דער באַיאָרטער מאַן, מײַן נײַער באַקאַנטער, פונדעסטוועגן ניט פון די לעצטע שרײַפעלעך אין דער ציריכער באַנק־מאַשין. אַ סימען, אַז ער איז אַן אַרײַנגייער אין טיי־סאַלאָן שפּרינגלי, ווו צום „פײַף־אָ־קלאָק" טרעפט זיך „גאַנץ באַנהאָפשטראַסע", די סמעטענע פון דער גאַס. ווען מע זאָגט אין ציריך וועגן אַ מענטשן, אַז ער טרינקט טיי בײַ שפּרינגלי, באַטײַט עס, אַז ער איז ניט אַבי־ווער.

איך פרעג דעם באַיאָרטן מאַן, צי אָף באַנהאָפשטראַסע איז פאַראַן נאָך עפּעס, אויסער די בענק פּליוס שפּרינגלי. דער באַיאָרטער מאַן ענטפערט:

— אין דער דאָזיקער געגנט קאָסט יעדער קוואַדראַטער מעטער באָדן דרײַסיק טויזנט שווייצאַרישע פראַנק. וועט איר פרעגן: ווי אַזוי האָבן זיך

דאָ ביז איצט פאַרהיט עטלעכע געשעפטן און רעסטאָראַציעס, אויב אפילע די אַלמעכטיקע פינאַנסיסטן מיט זייערע בענק פאַרנעמען דאָ אַלע צוזאַמען בלויז בא אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון דער גאַס? איז אָבער וויכטיק צו וויסן אַט וואָס. אין בעיקרס זייגער־געשעפט קאָסט א מאָדערנער זייגער גאַנצע פינף טויזנט שווייצאַרישע פראַנק! אינעם געשעפט פון שפּילצײַג נעמט מען פאַר א ליאַלקע פיר הונדערט פראַנק! די יאַטקע פון ענריקאָ קאַריערי פאַרקויפט פלייש אויסשליסלעך אַריסטאָקראַטן פון קיניגלעכן ראַנג און „אויך" מיליאַרדערן... יאָ, אַזעלכע עטלעכע געשעפטן זײַנען אף באַנהאָפשטראַסע פאַרבליבן...

— כ'האָב דאָרט אויך געזען א קירכע...

— די פרײַמינסטער? דאָס איז די קירכע, וווהין באַנהאָפשטראַסע, אַפּלייגנדיק אין א זײַט דאָס גאָלד, קומט אָפּצוריכטן א טפילע... דאָ שעפּטשעט מען זיך דורך מיט גאָט, אין באַנק — מיטן קליענט...

— וואָס פאַרא סוידעס קאָן מען האָבן מיט א מענטשן, וואָס ברענגט אַרײַן זײַן געלט, מע זאָל עס אָפּהיטן?

— איר פאַרגעסט, אַז די שווייץ האָט איר קאַריערע אין דער וועלט אַלס הויפּט־מאַרק פון גאָלד געמאַכט, און א גרויסער מאָס, אַדאַנק דעם, וואָס די געלט־אָפּעראַציעס זײַנען דאָ פאַרוויקלט אין א געהיימען שלייער, און מע קאָן אַרײַנלייגן און אַרויסנעמען וויפל געלט מע וויל, אַזוי, אַז קיין האָן זאָל ניט קרייען.

— צוליב וואָס נייטיקט זיך דער דעפּאָנענט אין א געהיימער אַטמאָ־ספער אַרום זײַן געלט?

— איך זע, איר זײַט נאַיוו אין די זאַכן! דעפּאָנענטן זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע. אַמאָל, אין די ווײַטע צײַטן, זײַנען דאָס געווען, לעמאָשל, פאַרפאָלגטע הוגענאָטן, שפּעטער אַדל־לײַט, אַנטלאָפענע פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָליוציע. מע זאָגט, אַז ביז הײַנט געפינען זיך נאָך די קאַ־פּיטאַלן פון אַט די איכטיאָזאַוורען אין די קעלערס פון שווייצאַרישע בענק.

— וואָס האָבן דערפון די בענק?

— איר מיינט אַוודאי, אַז זיי קאָלעקציאָנירן פרעמדע פאַרמעגנס, פאַרבליבענע פון אַמאָליקע צײַטן? ניין! די אָנפאַרטרויטע קאַפּיטאַלן, דאָס גאָלד, צירונג, די ווערט־פּאַפּירן און גיטער, וועלכע זײַנען פאַרבליבן פון פאַרשוווּנדענע קלאַסן און קלאַנען, זײַנען טאָמיד אין אומגאַנג, און דאָס ברענגט אַרײַן קאָלאָסאַלע פּראָפיטן.

— פון שטוב איז, הייסט עס, פאַרטריבן געוואָרן דער פריערדיקער באַלעבאָס, און באַם נײַעם איז דער קעלער מיט אַלע זײַנע שפּײַזן פאַר־בליבן פאַר די מײַז...

— נו, אויך הײַנט זײַנען פאַראַן ניט ווייניק „שטיבער", פון וועלכע עס ווערן אַרויסגעטריבן די אַלטע באַלעבאַטים. נעמט כאָטשבי באַטיסטאַן פון קובאַ, פאַרוקן פון עגיפּטן. דיקטאַטאָרן, פעאָדאַלע הערשער באַהאַלטן זייערע קאַפּיטאַלן אין דער שווייץ. אויך פאַרשיידנערליי געהיימע אָרגאַ־ניזאַציעס, אונטערוועלט־קאָרפּאָראַציעס — אַשטייגער, די אַמעריקאַנער מאַפיע...

— אָבער אזעלכע, ווי מייער לאנסקי, כאַפּן זיך סאָפּקאָלסאָף אַרײַן אין קאַפּקאַן...
— פונוואַנען האָט איר עס גענומען? דער גאַנגסטער לאַנסקי איז איינער פון די פּאַרטרויטע מענטשן באַם ציוניזם. קיין ייִסראָעל איז ער אַנטלאָפן, ווי צו זיך אַהיים. און אייִנצײַטיק פּאַרמאָגט ער גענוג פּאַר־בינדונגען אין די פּאַרטונקלטע קאַבינעטן פון די שווייצאַרישע בענק. איר ווייסט, מיט וואָס מייער לאַנסקי איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער מאַפּיע?
— אַדרעאַבע, מיט וואָס?
— ער האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין דער אונטערוועלט פון פלאָרידע אַלס אַן אָנגעדונגענער מערדער, און אין דער זעלבער צײַט איז ער געווען אַ באַנקיר פון דער מאַפּיע. נאָך אין יענע יאָרן האָט ער זיך דערטראַכט צום געדאַנק, ווי־אַזוי צו רעפאָרמירן די אַמעריקאַנער מאַפּיע. דאָס געלט, וואָס זי האָט אָנגעראַבעוועט, דאַרף פאַרזעצן צו צירקולירן אין דער פינאַנציעלער סיסטעם פון רעספּעקטאַבעלע טרעסטן, פירמעס, קאָמפּאַניעס. לאַנסקיס מענטשן זײַנען געוואָרן ביזנעסמענער. מייער לאַנסקי האָט געקאַשערט דאָס אָנגעראַבעוועטע געלט מיט דער הילף פון די שווייצאַרישע בענק.
— ער פלעגט זיי אונטערקויפן?
— ניין, אַפילו דאָס האָט ער פאַרשפּאָרט צו טאָן. ווען ער פלעגט איבערשיקן מיט אָנפאַרטרויטע קורירן די גאַנגסטערישע מיליאָנען צו די פינאַנץ־מאַגנאַטן אין דער שווייץ, פלעגן אים צוניץ קומען די צוויי פעסטע קלאָלים פון דעם גרעסטן אין דער וועלט מאַרק פון גאָלד: ערשטנס, געלט שמעקט ניט; צווייטנס, שווײַגן איז גאָלד. נאָך דעם, ווי דאָס אָנגע־רויבטע געלט ליגט אָפּ אַ געוויסע צײַט אויף אַן אַנאָנימען דעפּאָזיטיוו אין ציריך אָדער אין זשענעווע, קערט עס זיך אום צוריק קיין אַמעריקע, שוין אַן אָפּגערייניקטס פון די בלוט־שפּורן — אַ געקאַשערטס.
— און צווינגען די פינאַנץ־מאַגנאַטן, זיי זאָלן ניט וואַגן אויסבאַהאַלטן געגאַנווועט געלט, — איז מעגלעך?
— אַנומלטן האָט דער אויטאָר פון דזשיימס באָנד, דער שרײַבער פלעמינג, געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין געהיימען לעבן פון די שווייצאַ־רישע בענק, האָט מען אים פון דאָרט געגעבן דעם וועג... די געשיכטע מיט מייער לאַנסקין דערצייל איך אײַך דערפאַר, ווײַל אַ סאַך מענטשן פאַרשטייען ניט: אַ באַנדיט, אַ גאַנגסטער „אַנטלויפט" פון אַמעריקע קיין ייִסראָעל. אומעטום שרײַבט מען וועגן דעם. ערלעכע מענטשן פּראָטעסטירן, און — ווי אַרבעס אין וואַנט, לאַנסקי האָט אַ לאַנגע צײַט זיך פּאָשעט אויסגעלאַכט פון דער וועלט. פאַרוואָס? ווײַל צווישן די ציוניסטישע פּראָטעקציעס אין טעל־אוויוו און די אָפּגעהיטע געהיימניסן אויף באַנ־האָפשטראַסע אין ציריך איז פאַרפעסטיקט אַ קאַנאַט, איבער וועלכן דער גאַנגסטער מייער לאַנסקי גייט אַרום, ווי אַ צירק־אַקראָבאַט, ניט באַהאַלטנ־דיק דאָס פּאָנעם פון דער עפנטלעכקײַט. ער ווייסט, אַז אין ערגסטן פאַל איז אונטער אים אונטערגעהאַנגען אַן אַמאָרטיזירנדיקע נעץ, וועלכע האַלט זיך אויף די צוויי סטויפעס: טעל־אוויוו און באַנהאָפשטראַסע.

איך האָב זיך דערמאָנט:

— פליִענדיק אהער, האָב איך אין עראָפּלאַן געבלעטערט אַן אלטן זשורנאַל, און דאָרט ווערט באַשריבן די רויב־אַקציע פון א באַנדע גאַנג־סטערס אין ענגלאַנד, וועלכע האָט אָװעקגענומען א פורגאָן מיט גאָלד, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן דער פירמע „ראָטשילד און די זין״. ניט לאַנג צוריק איז באַוווּסט געוואָרן, אַז א טייל פון אָט דעם גאָלד האָבן די גאַנגסטערס איבערגעפּעקלט אין דער שווייץ...

— ס׳איז א גאַנץ געוויינלעכער פאַל, נאָך איין בײַשפּיל, וויִאַזוי, קעדיי א קיצל טאָן דעם לייענער, טוען אָן די צײַטונגען א ראָמאַנטישן שלייער אױף דער אומלעגאַלער מאַפיע. צום באַדויערן, שרײַבט מען קימאַט ניט וועגן דער לעגאַלער מאַפיע. איך מיין די מיליאָנערסקע קנופּיעס אין פאַרשיידענע לענדער, וועלכע באַהאַלטן אויס אין די שווייצאַרישע בענק זייערע „קניפּלעך״, נעבעך, און דאָס העלפט זיי אויסצודרייען זיך פון שטײַערן, אָדער א ספּעקוליר טאָן ערעוו א דעוואַלוואַציע, אָדער בּיכלאַל אויסמײַדן א בייז־אויג...

דער באַיאָרטער מאַן האָט גערעדט מיט א מינע פון א זײַטיקן איידעס. זייער זעלטן האָט דאָס קאָל זײַנס באַקומען עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין איבעראַשט פון דעם, וואָס ער האָט מיר דאָ דערציילט, און אײנצײַטיק כידעשט מיך, וואָס ער לאָזט זיך אַזוי פרײַ ריידן, זײַענדיק אליין א מענטש פון דער ציריכער גאַס, ווו שווײַגן איז גאָלד, האָט ער געענטפערט:

— מעגלעך, אַז אַמאָל וועט זיך עס פאַר מיר שלעכט ענדיקן. איר וועט אָבער אַלץ פאַרשטיין, אויב איך וועל אײַך אויפדעקן איינעם א פּראַט. אַלע מײַנע אייגענע, אויסער דער טאָכטער, זײַנען אין אוישוויץ פאַרגאַזט געוואָרן. דער אַנשלוס האָט אונדז געטראָפן אין עסטרײַך. איצט, צוקוקנ־דיק זיך צו די פּראָנדקעס אױף דער באַנהאָפשטראַסע, פּרוּוו איך זיך דער־גרונטעוועך צום וויכטיקסטן פאַר מיר, נעמלעך צו דער פראַגע, פאַרוואָס ביז הײַנטיקן טאָג איז דאָס אומרעכט אַזוי גרויס, אַז עס ליגן ניט גערירט אין די בענק־קעלערס די פּעטע, אומריינע מיליאַרדן, וועלכע עס האָבן אַהין אַרײַנגעטראָגן די היטלערישע באַנדיטן, די געסטאַפּאָ־לײַט, ווען זיי האָבן פאַרשפּילט די מילכאָמע. מאַפיע איז מאַפיע, אָבער ניט זי איז דאָס וויכטיקסטע...

דאָס פּאָנעם באַם באַיאָרטן מאַן איז אין אַט דער רעגע געוועזן ווי צעטיילט אַפּצווייען. אין דער צײַט, ווען דער אונטערשטער טייל האָט גע־רעדט און נערוועז זיך געצוקט, האָבן אין אייבערשטן טייל זיך אָפּגע־שטעלט די אויגן און דער שטערן האָט זיך נאָך שטײַפער אין זיי אָנגע־שפּאַרט. מיטאַמאָל האָבן די צוויי טיילן, שטאַרק פאַרשיידענע, גענומען פּונקט ווי איבערגיסן זיך איינער אין דעם צווייטן און צווישן זיי האָט זיך דורכגעצויגן אַן אומזעבאַרע ליניע, וועלכע האָט זיי ווידער צונויפגע־נומען אין איין פּאָנעם, שוין א באַדאַכטן און פּאָרזיכטיקן. דאָס פּאָנעם האָט א קוק געטאָן אַנדערש און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב זיך צעפּלאַפּלט...

און גלײַך גענומען זיך באַרויִקן:

— נישקאָשע, איר זײַנט אַן אָנגעפּאָרענער, און איר האָט אײַערע אײגענע איניאַנים... די רוסן שטופּן ניט די נאָז אין פרעמדע געשעפטן.
איך האָב געקוקט אױף אים מיט מיטלײַד:

— געשיקט זיך, איז ניט מעגלעך עטװאָס אופהײבן דעם פאָרהאַנג, עפּענען כאָטש א שפּאַרונקעלע אין די הערמעטיש־פאַרפּראַפּטע פענצטער פון באַנהאָפשטראַסע? האָט דאָך אין אַמעריקע דער פּראָפעסאָר עלסבערג געפונען אין זיך געװאַגטקײַט צו פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע די געהײמע דאָקומענטן פון פּענטאַגאָן...

דער באַיאָרטער מאַן האָט א לאַך געטאָן:

— ניט לאַנג צוריק האָט געטראָפן א טשיקאַװער צופאַל, װעלכער האָט שיר ניט איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. עפּשער איז אײַך אױסגעקומען צו לײענען װעגן אַדאָלף װילמסן — ער האָט דאָס גאַנצע לעבן ביז אָט דעם צופאַל זיך פאַרנומען מיט אַרופּציִען צײַג אױף דיװאַנען, פאָטעלן, שטולן, דערנאָך איז ער אַלפּי־נעס געװאָרן א מיליאָנער, און הײַנט זיצט ער מיט זײַן פראַו אין טורמע...

— דערציילט, איך בעט אײַך...

— װילמסן האָט אָפּגעגליקט! ס׳איז צופעליק אים באַװוסט געװאָרן אײנער פון די אַמערסטן אָפּגעהיטע סוידעס — דער קאָד און דער שליסל צו די נומערן פון די דעפּאָנענט־צעטלעך אין שװײצאַרישן קאָרפּאָראַציעבאַנק. פאַרשטענדלעך, עס האָט זיך אופגעהױבן א טומל: װילמס האָט געקאָנט יעדע רעגע אופדעקן די פאַמיליעס פון די דעפּאָנענטן, װעלכע האָבן אין אַלגעמײן אַרײַנגעלײגט אין באַנק א סומע פון דרײַ הונדערט זיבעציק מיליאָן שװײצאַרישע פראַנק! װאָס טוט מען?

דער באַיאָרטער מאַן האָט שױן פון פריִער פאַרשטאַנען, אַז איך בין „נאַיװ אין די זאַכן", דעריבער האָט ער ניט געװאַרט, איך זאָל ענטפערן אױף דער אױעקגעשטעלטער פראַגע.

— מע טוט צװײ זאַכן, — האָט ער רויִק פאָרגעזעצט. — פריִער קױפט מען אונטער װילמסן, קעדײ ער זאָל זיך ניט אײַלן עפּעס צו פאָרנעמען. דערנאָך זעצט מען װילמסן אַרײַן אין טפיסע.

— גאָר פּאָשעט?

— יאָ. פּאָשעט. װילמס האָט, פאַרשטײט זיך, אױסגעשנאָרעט ניט װײניק געלט. לעמאָשל, א דעפּאָנענט פון אַמעריקע, װעלכער איז געװען אָנגעשראָקן, טאָמער דערװיסט מען זיך, אַז ער באַהאַלט אױס פונעם שטײַערן־אַמט זײַנע רעװאָכים, האָט אַרײַנגערוקט װילמסן אין דער יאַד אַרײַן א גאַנצן מיליאָן פראַנק! דערזען אַזאַ זאַך, האָט װילמס זיך אײַנגעקלאַמערט אין א צװײטן אַמעריקאַנער מולטימיליאָנער. ער װיל נאָך געלט, און שױן. ס׳איז געבליבן, אַז עס איז שױן צײַט אַרײַנזעצן אים אין טפיסע...

— מיט װאָסער אױסרײד?

— מע פאַרשפּאַרט אים „פאָרלױפיק", קעדײ אױסקלאָרן, פאַרװאָס, ניט געקוקט אױף דעם, װאָס די געשעפטן גײען בא אים שלעכט, באַקומט ער פון אױסלאַנד גרױסע סומעס געלט... בעשאַס ער און זײַן פרױ זײַנען „פאָרלױפיק" געזעסן, האָט די פּאָליצײ אונטערזוכט זײער הױז און געפונען דאָרט די פאָטאָ־קאָפּיע פון די דעפּאָנענט־כעזשבױנעס...

איבערגעכאַפּט אַ ווײַלע דעם אָטעם, האָט דער באַיאָרטער מאַן ווידער זיך צעלאַכט:

— האַ? וואָס וועט איר זאָגן אױף דער פּאַסירונג אין דער שווייצאַרי־שער באַנק־וועלט? איצט פאַרשטייט איר שוין, אַז פאַר וועלן מאַכן אַ שפּאַרונקעלע אין די הערמעטיש־פאַרפּראַפּטע פענצטער פון באַנהאָף־שטראַסע קאָן מען טײַער באַצאָלן...

— אויב אַזוי, פאַרשטיי איך ניט אַן אַנדער זאַך. איר ווילט זיך דערקלײַבן צו די אומריינע מיליאַרדן, וואָס די נאַציס האָבן אַרײַנגעלייגט אין די באַנק־קעלערן פון דער שווייץ, און אין דער זעלבער צײַט זעט איר ניט קיין אויסוועג...

— קאָן זײַן... קאָן זײַן... — האָט געשטאַמלט דער באַיאָרטער מאַן, — און דערווײַל לאָמיר, ווי עס רעדט זיך, „וועקסלען דעם געשפּרעך“...

איך האָב אױף אים אַ קוק געטאָן און זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווײַל אָנשטאָט אַפּאַטיע, אַפילו פאַרצווייפלונג, האָב איך אין זײַן אָנבליק דער־שפּירט געהיימע — יאָ, יאָ, געהיימע! — האָפענונג און דערמוטיקונג. ווײַ־טער האָבן מיר עטלעכע מינוט ניט געפירט קיין רעגלמעסיקן שמועס, ווי ביז איצט, נאָר זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער.

ער: בײַ אונדז אין ציריך איז פאַראַן אַ קראָם פון אײַז־קאַסטנס, הייסט זי „סיביר“. דער באַלעבאָס פון „סיביר“ איז אַ קאָמוניסט...

איך: בײַ אונדז אין רוסלאַנד איז דער באַלעבאָס פון סיביר אויך אַ קאָמוניסט...

אָדער —

ער: פון די איטאַליענער, וואָס קומען אױף אַרבעט אין דער שווייץ, איז ניט אויסצוהאַלטן.

איך: וואָס טוען זיי אַזוינס?

ער: זיי ריידן הויך אין די טראַמווײַען, שפּײַען אין די גאַסן, טשעפּען זיך צו אונדזערע מיידלעך...

איך: און ווער רייניקט אין דער שווייץ די גאַסן?

ער: די איטאַליענישע אימיגראַנטן, ווער דען? זיי באַדינען אויך די האָטעלן, די רעסטאָראַנען... אַזעלכע איטאַליענער, ווי מײַן איידעם, וועל־כער האַלט אַליין אַ רעסטאָראַן, זײַנען דאָ ווייניק...

איך: האָט איר, הייסט עס, אײַער טאָכטער ניט אויסגעהיט פון די איטאַליענער?

ער: וואָס עפּעס האָב איך זי געדאַרפט אויסהיטן? אַנטאָניאָ, כאָטש ער איז אַן איטאַליענער, פאַרדינט ניט ווייניקער פון אַ סאַך שווייצאַרצעס...

אָדער —

איך: פאַראַיאָרן האָב איך געזען דעם מוזיי אין קאַפּפּע. דאָ ניט ווײַט, לעבן זשענעווע...

ער: איר דערציילט מיר, וווּ קאַפּפּע שטייט... דער מוזיי איז דער איינציקער אין דער וועלט, וועלכער דערציילט וועגן בירגער פון דער שווייץ, וואָס האָבן זיך פאַרדונגען אין מיליטער פון פרעמדע מעדינעס. עקספּאָרט פון בלוט...

איך: עקספּאָרט פון בלוט... דער איצטיקער האַלבער מיליאָן איטאַ־ליעניש אַרבעטער אין דער שווייץ — דאָס איז עקספּאָרט פון הענט, עקספּאָרט פון פּלייצעס, פון מוסקולן. דער מיליאָן אַנגעדונגענע שווייצאַר־צעס, וועלכע האָבן אין די פאַרגאַנגענע צײַטן אָפּגעדינט אין מיליטער אונטער פרעמדע שטאַנדאַרטן, — דאָס איז עקספּאָרט פון בלוט. געשיקט זיך, פאַרשטייט איר ניט, אַז די עמיגראַציע פון הענט, ווען פון איטאַליע קומען מאַכנעס מענטשן אין די זאַוואָדן פון דער שווייץ, און די עמיגראַ־ציע פון בלוט, ווען פון דער שווייץ פלעגן מאַכנעס מענטשן אַוועקגיין אין די אַרמייען פון פראַנקרײַך, פּרײַסן, עסטרײַך, — דאָס אַלץ נעמט זיך פון איין און דער זעלבער סיבה?

ער: מע זוכט אַ פאַרדינסטל.

איך: די מענטשן האָבן ניט באַ זיך אין דער היים פון וואָס צו לעבן. עס טרײַבט זיי די נויט. אין קאַפּעלע האָב איך געזען דעם אָריגינאַל פון אַ קאָנטראַקט, וואָס לוידאָוויק XIV האָט אונטערגעשריבן באַם באַקו־מען הונדערט טויזנט שווייצאַרישע לאַנדסקנעכט. די הונדערט טויזנט וועלן אים טרײַ דינען און פאַרגיסן פאַר אים זייער בלוט, און ער וועט זיי עקיפּירן ווי עס דאַרף צו זײַן און זיי געבן צו זאַט עסן...

...מיטאַמאָל, אינמיטן שמועס, האָב איך דערפילט, אַז עמעצער שטייט הינטער אונדז, עטעמט מיר מאַמעש אין אויער אַרײַן. איך האָב זיך אויס־געקערעוועט און דערזען דעם נעכטיקן אימיגראַנט, וועלכער האָט פאַרגע־לייגט זײַן פּלאַן אַרויסצופירן קיין יִשׂראל נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן „איבערמאַכן" די מעדינע.

— וואָס טוט איר דאָ?! — האָב איך שטרענג אַ פרעג געטאָן.

— שאַט, שרעקט אײַך ניט, איך בין פון קיינעם ניט צוגעשיקט אײַך אונטערצוהערן. ווען איר זײַנט אַרויס פון טויער, האָב איך זיך אַ צי געַ־טאָן אײַך נאָכגיין, קעדיי ווידעראַמאָל זיך דורכשמועסן — עפּשער וועט איר סאָפּקאָלסאָף פאַרשטיין, וואָס עס טרײַבט מיך צו דער סאָוועטישער שטוב אין זשענעווע און פאַרוואָס עס איז מיר ליבער זיך אָפּוואַלגערן אַ נאַכט דאָ באַם פּלויט, איידער גיין צו פרעמדע פּלויטן...

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן באַיאָרטן מאַן. יענער האָט, ווײַזט אויס, אין קאָפּ באַ זיך באַרעכנט, וואָס עס קאָן באַטײַטן אַזאַ צוזאַמענשטעל פון מענטשן — איינעם אַן ערשט־געקומענעם פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אַ צווייטן אַן אַרויסגעפּאַרענעם פון דאָרט, און איצט אַ געקומענעם שוין פון יִשׂראל, — און ער האָט דאָס אַלץ פאַרבונדן מיטן פריִערדיקן שמועס אונדזערן:

— מיר ריידן דאָ וועגן עמיגראַציע... אויב מענטשן פאָרן אַרויס פון אַ לאַנד, איז עס דערפאַר, ווײַל עס טרײַבט זיי די נויט. אַזוי, צי ניט אַזוי?

— אַזוי, אַזוי, — האָב איך באַשטעטיקט.

— דערקלערט זשע מיר די סיבע, פאַרוואָס ייִדן פאָרן אַרויס פון רוס־לאַנד. פון סאָוועטן־רוסלאַנד! עפּשער האָבן זיי ניט באַ זיך אין דער היים פון וואָס צו לעבן?

דער עמיגראַנט האָט ניט געלאָזט, איך זאָל ענטפערן. ער האָט אַרויס־געַרעדט מיט אימפּעט:

— אין דער היים האָט מײַן מישפּאָכע געהאַט א דירע, וואָס אין יִסראָעל וואָלט זי געשטײַעט פאַר צוויי אַזעלכע מישפּאָכעס. איך מיטן ווײַב האָבן פאַרדינט דרײַ הונדערט פּערציק רובל א כוידעש, נאָך מיט א סמיטשעקל. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין יִסראָעל, האָבן מיר א טעלעוויזאָר מיט אַן אײַז־קאַסטן, מיט ליוסטרעס, מיט א מאַטאַראָליער פאָרן עלטערן יִנגל ניט געדאַרפט קויפן, פאַרקערט — מיר האָבן דאָרט געמוזט דאָס אַלץ פאַרקויפן. וואָס רעדט איר, מענטש אײנער! ווי אַזוי עפּנט זיך בא אײַך דאָס מויל צו זאָגן, אַז מיר האָבן בא זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן?

— איז עפּשער האָט איר ניט געהאַט אין סאָוועטנפאַרבאַנד אײַן יודיש לעבן?

— וואָס הייסט הײַנטיקע יאָרן א יִדיש לעבן, איך בעט אײַך? אָט וווינט איר אין שווייצאַריע, איז וואָס פאַר א יִדיש לעבן האָט איר אין שווייצאַריע? איר רעדט יִדיש? איר זינגט יִדיש? איר טאַנצט יִדיש? איר קאָכט יִדישע מײַכאָלים? איר פירט אײַערע געשעפטן אַף יִדיש? די קינדער אײַערע האָבן כאַסענע אַפּן יִדישן שטייגער? און צוריקגערעדט: אויב איר ווילט א יִדיש לעבן, איז מאַכט, אַז אין אײַער לאַנד זאָל זײַן א יִדיש לעבן. מאַכט איר דאָך ניט. און פון שווייצאַריע פאָרט איר אויך ניט אַרויס. פאַרוואָס?

ער האָט ניט געלאָזט קיין וואָרט אַרײַנשטעלן — ניט מיך, ניט דעם באַיאָרטן מאַן:

— איך וועל אײַך זאָגן, וואָס פאַר א יִדיש לעבן איך האָב געפונען אין יִסראָעל. די ציִעניסטן ריידן ניט אַף יִדיש. יעדערער באַנוצט דאָס לאָשן פונעם לאַנד, פון וועלכן ער איז געקומען. סאַבּרעס זײַנען אײַנגעוואָרצלט אין איווריט. מיט די שוואַרצע יִדן איז די מײַסע אַזוי: ווען איר פאַלט אַרײַן אין זייערן א געסל אָדער אַף א מאַרק, איז אַלצײנס ווי איר וואָלט פון ווילנע אָדער קעשענעוו אַריבערגעפאָרן קיין מאַראָקאָ אָדער קיין טײמען. יאָ, יאָ, וועגן וואָס פאַר א יִדיש לעבן קאָן דאָ גיין א רייד? אויב איר מיינט, אַז יִדיש לעבן הייסט דאַוונען אין קלויז, דאַרף מען צוליב דעם ניט פאָרן אין יִסראָעל. בא אונדז אין רוסלאַנד דאַוונט מען געשמאַקער, איידער דאָרטן. די זאַך איז נאָר אין דעם, וואָס אין סאָוועטנפאַרבאַנד דאַרפן מיר די סינאַגאָגעס ניט האָבן. אויסער די אַלטע לײַט, פאַרשטייט זיך...

איך האָב אים אַף א רעגע איבערגעשלאָגן די רייד:

— איר מאַכט אַלץ צונישט. אויב אין יִסראָעל איז דאָס שטייגער־לעבן, די קולטור איבערגעגאַנגען אַף איווריט, הייסט עס ניט, אַז עס איז געוואָרן אויס יִדיש לעבן...

— אָבער צו אַזאַ יִדיש לעבן איז ניטאָ וואָס צו לויפן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד!

דער באַיאָרטער מאַן האָט איבערגעכאַזערט זײַן פראַגע:

— פונדעסטוועגן, פאַרוואָס פאָרן יִדן אַרויס פון רוסלאַנד? עפּשער זוכן זיי אַריבערצוכאַפּן זיך פונעם סאָציִאַליזם צוריק אין קאַפּיטאַליזם? דער רעזשים געפעלט זיי ניט...

— ווען דאָס וואָלט געווען אזוי, — האָט געענטפערט דער אימיגראַנט, — וואָלט דער איניען געווען פולשטענדיק געלייזט. יִשׂראָעל איז דאָך הונ־דערטפּראָצענטיק קאַפּיטאַליסטיש. איר ווילט קאַפּיטאַליזם, האָט איר קאַפּי־טאַליזם. פאַרוואָס זשע לויפט מען מאַסנווײַז צוריק זיך איבערבעטן מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד? פאַרוואָס שטיי איך איצט בא זײַן שוועל און בעט זיך ראַכמים: לאָז אַרײַן!

זײַנע אַקסל האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ער האָט מיט בײדע הענט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם. דער באַיאָרטער מאַן האָט אים געפרעגט, ווו עס איז איצט זײַן ווײַב מיט די קינדער, און ווען ער האָט זיך נאָך שטאַר־קער צעוויינט און איך האָב שטילערהייט דערציילט דעם באַיאָרטן מאַן, אַז דאָס ווײַב איז אין יִשׂראָעל געשטאָרבן און די קינדער געפינען זיך ערגעץ דאָ אין זשענעווע, מיסטאָמע אַפּן וואָקזאַל, האָט דער באַיאָרטער מאַן אַרויסגענומען פונעם בײַטל אַן אַסיגנאַציע און אָפּגעגעבן זי דעם אימי־גראַנט. דער אומגליקלעכער האָט גענומען די אַסיגנאַציע. די הענט זײַנע און די ליפּן האָבן געציטערט. „איך נעם עס פאַר די קינדער", — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט און איז אײַליק און דערנידעריקט אַוועק צום טויער. דער באַיאָרטער מאַן האָט נאָך אַלץ געפּאַדערט אַן ענטפער:

— נו, און ער, אַט דער־אָ, אויב ער האָט גוט געלעבט, און אויב ער האָט געוווּסט, אַז אין יִשׂראָעל וועט ער פאַר זיך קײן קולטור אַף יִדיש ניט געפינען — יעדנפאַלס ניט מערער איידער אין דער ליטע, און אויב דעם קאַפּיטאַליזם דאַרף ער אַף טויזנט קאַפּאָרעס, — איז פאַרוואָס, זאָגט מיר, האָט ער זיך אופגעהויבן פון אָרט און איז אַרויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד?

— ער האָט געזוכט זײַן „אַמאָליקן אידעאַל". ס'האָט אים גענאָגט די אילוזיע, וועלכע מע האָט אין אים פאַרזייט אין דער פאַרמילכאָמעדיקער קליינבירגערלעכער יִדישער ליטע, דער פאַרפּעסטעטער מיט ציִעניזם, בונ־דיזם, יִדישיזם און דער רועך ווייסט מיט וואָס נאָך. ווען דער אידעאַל פון אַ יִדיש לאַנד אַף קלאַסנלאָזע, „ביבלישע" יעסוידעס איז מעגולגל געוואָרן אין דעם הײַנטצײַטיקן יִשׂראָעל, — דאַן האָט זיך דער אימיגראַנט אײַנגע־בראָכן.

— נאָר ווי קומט עס, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אין פינף און פופציק יאָר אַרום נאָך אײַער רעוואָליוציע, זאָלן זײַן אַזעלכע, ווי ער?

— פאַרוואָס רעכנט איר אַרײַן אין כעזשבן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע? ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די רויטע אַרמיי האָט דעם יונגן ציִעניסט ניט פאַרטריבן און ניט געמאַכט פון אים אין איין אויגנבליק אַ קאָמוניסט. זײַענדיק פאַרשפּאַרט מילכאָמע־צײַט אין געטאָ, האָט ער ווידער אין אָט די טראַגישע אומשטענדן ניט אויסגעמיטן די האַשפּאָע פון ציִעניסטישע קאַדעש־זאָגער. ערשט אָנהייבנ־דיק פון די פופציקער יאָרן, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט אהיים אַף צו אײַנפונדעווען ווידער דאָס לעבן, ערשט פון דעמלט דאַרף מען ציילן זײַנע סאָוועטישע יאָרן. אָבער אין אָט דער צײַט איז ער שוין געווען אַ מענטש אין מיטעלן עלטער, וועמענס נאַציִאָנאַלער געפיל איז, מעגלעך, פאַרשאַרפט געוואָרן פון דער דורכגעלעבטער נאַציִאָנאַלער טראַגעדיע, און

ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס איצט, ווען די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט ווידער אים פאַרטשאַדעט, האָט ער פאַרלוירן דעם סייכל, און ס'האָט זיך געפאָדערט דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּרעס, קעדיי פונעם קאָפּ זײַנעם זאָל ארויסגיין דער טשאַד סײַ פון אמאָל, סײַ פון איצט...

דער באַיאָרטער מאַן איז ניט אָפּגעטראָטן. עס האָט זיך געפילט, אַז ער וויל ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט צו דערגיין דעם פולן עמעס.

— גוט, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, — דאָס, וואָס איר זאָגט וועגן די ווילנער, לייגט זיך אָפּן סייכל. און מיסטאמע האָט עס א שײַכעס אויך צו א גרויסער צאָל ארויסגעפאָרענע ייִדן פון אנדערע מײַרעוודיקע געביטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין די צײַטונגען אָבער שרײַבט מען, אז עס זײַנען ארויסגעפאָרן אויך ייִדן פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו...

— די צײַטונגען דערציילן ניט, ווער עס איז ארויסגעפאָרן. איר וועט זיך ניט כידעשן, אויב א מענטש פאַרייניקט זיך צו זײַן מישפּאָכע, וואָס לעבט אין אן אנדער לאַנד, אָדער אויב א באַיאָרטער רעליגיִעזער ייִד פאָרט אוועק אין זײַן מעקאָ, אין ערעץ־ייִסראָעל, ווײַל ער וויל, אז דאָס געביין זײַנס זאָל ליגן אין דער „הייליקער ערד". פאַרשטייט זיך, אז ווען מע נעמט פאָרן, ציט זיך דאָס שטריקעלע ווײַטער: א זון מוז באַגלייטן אן אלטן טאַטן, א ווײַב — צי זי וויל יאָ צי זי וויל ניט, — פאָרט אוועק מיטן מאַן. און עס זײַנען ניט אויסגעשלאָסן אויך ספּעקוליאַציעס, און אָפּט מאַכט זיך, אז א שלימאַזל אין דעם אָדער אין יענעם פאַך טראַכט זיך: עך, א פּרוּוו טאָן אין ייִסראָעל... און אומצופרידענער מיט עפּעס טוט אָפּ א צולאָכעס און פאָרט אוועק. א שאַכערמאַכערניק מיינט, אז ער וועט שעפּן פולע דלאָניעס מיט גאָלד. פאַראַן אויך אָפּגענאַרטע, א סאַך אָפּגענאַרטע.

— און אָט די אלע ווילן אצינד זיך אומקערן אין סאָוועטן־רוסלאַנד?

— די אויסניכטערונג קומט נאָכן טרונק...

אזוי האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט, ביזוואַנען עס איז געקומען די צײַט זיך צעגיין יעדן צו זײַנע קאָפּדרייעניש, כאָטש וואָס איז שײַעך מיר, האָב איך ניט, ווי איר ווייסט, קיין גרויסע דײַגעס אין זשענעווע, פאַרקערט, די עטלעכע טעג, וואָס איך לעב דאָ, איידער איך וועל אָפּפאָרן קיין איטאַליע, זײַנען „טוריסטישע טעג": קיין שום איניאָנים, בלויז קוקן אָף גאָטס וועלט, הערן, וואָס מענטשן ריידן צו דיר, און שעפּן פון אלץ פאַרגעניגן.

זיבעצנטער בריוו

דער לײַנער „אל־איטאַליִא" איז פאַר א שאָ צײַט איבערגעפלויגן פון זשענעווע קיין רוים. אין מעשעך פונעם גאַנצן וועג בין איך אָן אופהער געשווומען אין א נעפּל פון מאַכשאָוועס, געזעגענענדיק זיך מיטן קליינעם לענדעלע, וואָס איז איבערגעפּולט ביז איבער די ראַנדן מיט בערג און טאָלן, מיט זון און שניי, מיט ענגע שטעטלעך — א שטיין אָף א שטיין — און מיט צעשפּרייטע פעלדער און וועלדער, מיט שפּיגלדיק־פאַרגליווערטע אָזערעס און שפּרודלדיק לויפנדיקע באַרג־טײַכן.

האגאם איך האָב זיך שוין שנעל געטראָגן איבערן יאַם־פלאַך, ניט איבער די שווייצארישע אלפּן, זײַנען פאר די אויגן נאָך אלץ געשטאַנען די פעלדזן־בערג, פארפאַראָשעטע מיט אייביקן שניי, וועלכער גלאנצט, פול מיט זון, און שטרײַכט אונטער די עקזאָטישע שיינקײַט פון די נידעריקע פּאַשע־ערטער, ווו סטאַדעס זאַטע קי זעען אויס ווי איליוסטראַציעס צו אידילישע מײַסע־ביכלעך. יעדע בעהיימע טראָגט ארום האלדז א בונטן לעדערנעם רימען, אף וועלכן עס הוידען זיך היפּשע מעשענע גלעקלעך. אין די בערג זעען זיך ארויס דאָ און דאָרט קליינע שאַלע — הילצערנע הײַזער מיט דרײַזײַטיק אָנגעבויגענע טשערעפּענע דעכער און מיט העל־געפארבטע לאָדנס. פליִענדיק שוין איבער איטאַליע, האָב איך נאָך אלץ ניט געקאָנט אָפּטרײַבן פון זיך דעם קישעף, וואָס עס פּילט א רײַזנדער, בייס ער קומט ארײַן אין א שווייצאריש דאָרף, ווו ברוינע און גרויע שטיבער מיט רויטע דעכער און מיט גרינע, געלע לאָדנס טאָפּטשען זיך ארום דעם פאָנטאַן פון טרינק־וואסער אפן פּלאַץ.

אפילע ווען אין מײַן בענקשאַפט האָט זיך ארײַנגעריסן א נײַע כוואַליע אײַנדרוקן און אָנהייבנדיק פונעם רוימער אעראָפּאָרט האָט אף מיר א שפּאַר געטאָן עפּעס מעכטיקערס, — אפילע דעמלט בין איך נאָך אלץ ניט געווען אימשטאַנד „ארויספאָרן" פון דער שווייץ און „ארײַנפאָרן" אין איטאַליע. פאר די אויגן האָבן זיך שוין געביטן, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ, די גאַסן פון רוים, און איך בין נאָך אלץ געווען אין זשענעווע. ווי עס גע־שעט אין אַזעלכע פאַלן, האָט א שטאַרקער טרייסל מיטגעהאָלפן, אז מײַן האַרץ זאָל פון דער זשענעווער צײַט זיך אריבערפירן אף דער רוימער.

— מיר פאָרן פארבײַ טיטוסעס טויער... — האָט א זאָג געטאָן דער שאָ־פער, און דאָס איז געווען דער „טרייסל", נאָך וועלכן ס׳איז צו די טיר־פעניש פון מײַן באַוווסטזײַן דערגאַנגען, אז איך בין שוין אין איטאַליע, און אין מײַן רײַזע הייבט זיך אָן עפּעס אַזוינס, אף וואָס איך וואַרט מיט נעשאָמע־ציטער.

וואָס וועט איר זאָגן אף דעם מענטשן, וועלכער טוט א מאַך צו אײַך אַזוי בענייבעי, אז די גרויע אלטע זאַך, וואָס שטייט נאָענט צום אָנגעלאָף פון מויערן און מאַשינעס און פארלירט זיך קימאַט צווישן זיי, — דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי טיטוסעס טויער; מיט געוויינלעכע ווערטער טוט ער דאָס א זאָג, אָט דער מענטש, און ער דרייט דערבײַ די „באַראַנ־קע" פונעם אווטאָמאָביל, און דאַכט זיך, אז ער האָט אפילע בא די רייד א וויש געטאָן די נאָז.

מיר פאָרן פארבײַ טיטוסעס טויער...

איצט פעלט נאָך, אז דער שאָפער זאָל מיטן זעלבן קאַלטן לונג־און־לעבער א זאָג טאָן וועגן דער קעגנ׳בערדיקער גרויסער כורווע, וואָס איז ארומגעצוימט מיט א צײַטווײַליקן פּלויט, אז דאָס איז, לעמאָשל, דער קאָ־ליזיי. און איך בלײַב מאַמעש זיצן א געפּלעפטער, ווען דאָס גלײַכגילטיקע קאָל גיט מיר צו וויסן:

— עטוואָס ווײַטער, פונקט אנטקעגן אונדז, זעט איר דעם קאָליזיי...

דער שאָפער, א רוימער טוישעוו, פירט אן אווטאָ פון דער פאָרשטייערשאפט פון דער סאָוועטישער נייס־אגענטור „נאָוואָסטי". לויט ווי איך האָב אויבן איבערגעגעבן זיינע רייד, קאָן זיך דוכטן, אז ער איז א מענטש מיט א פלעגמאטישן כאראקטער, לאכלוטן ניט קיין איטאליענער. איך האָב זיך אָבער איבערציַיגט, אז דאָס איז ניט אזוי, ווען ער האָט גליַיך נאָכן דערמאָנען דעם קאָליזיי, מאמעש אין איין אויגנבליק, אָפּגעטאָן פאראמאָל עטלעכע זאכן: מיט איין האנט א קערעווע געטאָן די מאשין אזוי, אז זי זאָל ארומגיין א צווייטע מאשין און זיך צושפארן צום טראָטואר, קעדיי דאָרטן זיך שפעטער אָפּשטעלן; מיט דער צווייטער האנט האָט ער דערלאנגט פון אונטער די פיס א צייַטונג, און אין דער זעלבער צייַט מיטביידע הענט זי צעעפנט, א טיטשע געטאָן אהין מיט דער נאָז און, ריידנדיק, גענומען אזוי דרייען מיט אלע צען פינגער באם סאמע פּאָנעם מייַנעם, אז איך האָב אויך גענומען זיך דרייען און בין שיר ניט ארויסגעפאלן פון דער מאשין.

— פארמאכט גוט דאָס טירל און פאלט ניט ארויס, איר וועט נאָך צוניץ קומען,— האָט ער זיך אָפּגעווענדט פון דער טעמע,— כאָטש, פון דער צווייטער זייַט, שטייען מיר דאָך שוין באם טראָטואר, און אויב אומפאלן, וועט איר דאָס באלד, דאכט זיך, טאָן פון געלעכטער...

לאכנדיק הויך אף א קאָל, האָט ער פאָרגעלייענט א נאָטיץ אין דער צייַטונג (דאָס איז געווען „מעסאדזשעראָ") וועגן דעם, אז א געוויסער מיסטער טאָמאס מעריקא, א קאליפאָרניער פאבריקאנט פון גוטאלין, האָט זיך אָנגעשלאָגן אלס קוינע פון דעם רוימער קאָליזיי און ער איז גרייט באצאָלן פאר אים א מיליאָן דאָלארן.

און כאָטש דער שאָפער האָט פּאָשעט זיך אויסגעלאכט פונעם קאליפאָרניער אזעספּאָנעם, און די גראנדיעזע כורווע פונעם אוראלטן סטאדיאָן אף פופציק טויזנט ערטער מיט זייַן גלאדיאטאָרן־ארענע איז רעאל געשטאנען גאָר־גאָר נאָענט לעבן מיר,— דאָך האָב איך, ווי א פריש־געקומענער, אופגענומען קימאט ערנסט און מיט גרויס אנגסט די מיטיילונג וועגן אזא קאפריז פון א פרעכן אמהאָרעץ. איך האָב בא דער געלעגנהייַט זיך דערמאָנט אין די סיסטעמאטישע גנייוועס פון קונסט־ווערק, וועלכע מע פירט ארויס שוין אזויפיל יאָרן פון איטאליע, דעם לוקסוס־סאָד פון אייראָפּע. אין זיקאָרן האָט דורכגעשווינדלט א פראזע (שוין וויפל מאָל אן איבערגעכאזערטע אין דער פרעסע), וואָס אן ענגלישער מיניסטער האָט בעשייַטע געזאָגט צו טוריסטן, איידער זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו די אפענינען: „אויב איר ווילט זען איטאליע, דארפט איר זיך צוייַלן, אנדערש וועט זייַן שפעט, איר קאָנט שוין דאָרט גאָרנישט ניט געפינען..."

דער שאָפער האָט נאָכאמאָל איבערגעכאזערט:

— מיר שטייען בא טיטוסעס טויער...

און צוגעגעבן:

— ... וועלכן די יידן פון רוים פלעגן טאָמיד אויסמייַדן. קעדיי ניט פארבייַגיין נאָענט לעבן אים, האָבן זיי אפילע דורכגעלייגט זייערן א באזונדערן וועג צום קאָליזיי. איצט איז דאָס אלץ שוין פארגעסן.

איך האָב א שפּאס געטאָן:

— לאָמיר זיך נעמען פאר די הענט — איר, א רוימער, און איך, א ייִד, — און לאָמיר אריינגיין אין רוים דורך טיטוסעס טויער...

שטייענדיק אונטערן דעכל פונעם טויער, האָב איך באקוקט די בארעליעף־בילדער און געהאט דערביי א געפיל, פונקט ווי כ'וואָלט, פארייסנדיק דעם קאָפ אף ארוף, געלייענט אף די שטיינער א בלאט געשיכטע. דער בארעליעף שילדערט דעם מיליטערישן פאראד־צוג פון די רוימער נאָך זייער אומקערן זיך אלס זיגער פון דער מילכאָמע מיט יעהודע. איך קוק אף די שטיינערנע פיגורן און דערמאָן זיך, וויִאזוי דעם פאראד האָט באשריבן זיינער אן אָנטיילנעמער יויסעף פלאוויִוס. אָט גייט דער סענאט, און דאָס זיינען די רוימישע פריסטערס, צווישן סענאט און די פריסטערס טראָגט מען קיין רוים טראָפייען. גלייך נאָך די פריסטערס שפאנען, פארקאָוועטע אין קייטן, די אָפגעקליבענע צוליב אָט דעם צוועק געפאנגענע. זיבן הונדערט זיינען זיי געווען. צווישן די עטלעכע, וואָס א בילד קאָן ארומכאפן, איז ניט שווער אויסצוטיילן די אָנפירער פון יעהודע. ווייזט אויס, אז אָט דער דאָזיקער איז שימען באר גיִורא, וועלכן די רוימער האָבן שפעטער אראָפגעוואָרפן פון א הויכן פעלדז אין אן אָפגרונט. און אָט טראָגט מען די הייליקע זאכן פונעם בייס־האמיקדעש: די מענוירע, די סייפערטוירע, די גאָלדענע און זילבערנע בעכערס, די צוועלף ברויטן — א סימבאָל פון די צוועלף שוואָטים — און נאָך כפייצים און רעליקוויעס. באם סאָף פון דער פראָצעסיע, נאָך דער לעצטער גרופע רוימער, זעט מען פאָרן טיטוסן אליין...

האקלאל, טייערע מיינע, איך בין אריינגעפאָרן אין רוים... באם קאָליזיי האָב איך זיך ניט אָפגעשטעלט — מע לאָזט אהין ניט ארײַן. לעצטנס זיינען טוריסטן דאָ ניט זיכער מיטן לעבן. בלויז אין מעשעך פון א פאָר וואָכן פארן פארמאכן אים האָבן זיך פון זיינע ווענט אָפגעוואלגערט דרייסיק גרויסע שטיינערנע הליבעס. די סיבע: אן אומופהערלעכע וויבראציע פונעם באָדן, וואָס ווערט ארויסגערופן פון די רעאקטיווע עראָפלאנען אינדערלופטן, פון די אויטאָמאָבילן אף דער ערד און פונעם מעטראָפאָליטען, וועמעס צוגן עס גייען דורך באם סאמע פונדאמענט פונעם קאָליזיי.

דעם בריוו שרייב איך אייך שוין אין „האָטעל ליוקס", אף וויִא גאיעטא — דער גאס, ווו עס געפינט זיך אויך די סאָוועטישע אמבאסאדע. אין דאָזיקן האָטעל שטעלן זיך געוויינלעך אָפ פאסאזשירן פונעם סאָוועטנפארבאנד. אין דער ווינדע איז צוגעקלאפט א שילדל אף צוויי שפראכן:

Capienza 4 persone
Не более 3-х человек

עפשער נאָך צושרייבן אף ייִדיש: „ניט מער ווי 2 מענטשן" און, אשטייגער, אף ענגליש: «No more than 1 person. . .». דער פרינציפ: מער מיט א שפראך אף דעם שילדל — ווייניקער מיט א מענטש אין דער ווינדע...

פון מיין פענצטער, אף יענער זייט גאס, זע איך א קליין גאלאנטערייגעשעפטל מיט א גרויסן פארביקן רעקלאמע־אויפשריפט: «Man and ladi». די צוויי פארקויפערנס, יונגע מיידלעך, אויסגעסטראָצלטע ווי פאוועס,

שטייען א גאנצע צײַט בא דער ארויסגאנג־טיר אפן טראָטואר און פאר־פירן שמועסן מיט פארבײַגייער. קוקנדיק אָף זיי, האָט זיך מיר אויך פאר־גלוסט ארויסגיין אין גאס. ווען איך שוין פארכאפן מיט זיך דעם בריוו און אים אײַך אָפשיקן. אין קאָנווערט לייג איך אויך ארײַן עטלעכע לידער, וועלכע כ׳האָב ערשט ארויסגעשריבן פון מײַן שווייצאריש נאָטיץ־ביכל.

אפן בארג יונגפראו

איך פיל זיך באגלײַך מיט געזאלבטע
אף פירקילאָמעטערשער הייך.
אדאנק די שווייצארישע אלפּן
צופוס כ׳האָב דעם הימל דערגרייכט.

און, גלייבט מיר, איך האָב דאָ די זכיה —
אזוי ווי די יונגפראו שיין —
אנטקעגן דער שטיינערנער בריע
מיט ווירדע מיט מענטשלעכער שטיין.

לעם מיר — מײַן באגלייטערן יעווא
(ניט כאווע, נאָר יעווא זי הייסט), —
א קינד פון די בערג, איז איר טעווע
אף אָפּגעטער קוקן ניט דרייסט.

זי זעט, ווי נאָך העכער פון וועלדער
און העכער פון שטאָט־טורעמס אויך
די יונגפראו, ניט קיין פארשטעלטע,
זיך וויקלט אין כמאריקן רויך.

און קניען עס ווילט זיך איר, יעווען,
און טפילע טאָן שטיל און געהיים,
אף זײַטיקע שטעגן פארקערעווען
און שעמעוודיק לויפן אהיים.

און שיין איר געשטאלט איז און ליכטיק,
און פריש איז איר פּאָרכטיקע רו,
און כ׳ווייס ניט, צי שיקער, צי ניכטער —
„די יונגפראו, — כ׳שעפּטשע, — ביסטו"...

די טײַכן ריין, אארע, ראָנע, סאארע

אָט דאָס טײַכעלע אארע,
וואָס פון ריין עס הייבט זיך אָן,
וועל איך רופן טײַכל ארן,
און די ראָנע — טײַך אראָן.

פון אארעס (ארנס) קלאָרע
קוואלן
סאארע זיך נעמט,
סאארע כ׳וועל רופן סאָרע
און זי גלעטן מיט די הענט.

— — — — — — — — — — — —

אָט די שפּיל, אין קלאנג פארוויקלט,
האָט, פונדעסטוועגן, א מיין.
אין א טײַך דער מענטש זיך שפּיגלט —
סאארע...
אארע...
ריין...

אין בערן, דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ

אין סאמע צענטער פון דער שטאָט בערן איז
פאראן א „בערן־גרוב״, אין וועלכער מע
האלט אויף א האלבן טוץ בערן.

ווו בערן, די שטאָט, איצטער רוישט,
געריושט האָט די טײַגע, כ׳מעג שווערן, —
אויב ניט, איז ווי קומט אינעם קויש
פון שטאָט
דאָס געזינד פון די בערן?

דער קויש פון דער שטאָט איז — א גרוב,
כ׳מעג שווערן — א טיפע בערלאָגע.
די גאס דאָ, א שטוב בא א שטוב,
מיט שטיין און מיט מארמאָר באלאָדן.

פון קראמגאסע קום איך צום טײַך
און האסטיק גיי דורך נידעגבריוקע.
היי, בערן! א יעגער צו אײַך
געקומען —
אף צוואנג און פארצוקונג!

די גרוב איז אָפּ יענער זײַט בריק.
א קינד האָט געבראַכט אהער מערן.
„די מאמע — זי האָט מיך געשיקט
מעכאבעד זײַן אונדזערע בערן.

זיי זײַנען בא זיך אין דער היים
געווען דאָ אמאָל, אין די וועלדער,
און איצטער, פארקלעמטע אין שטיין,
זיי בענקען, די בערעלעך, עלנטע...״

דאָס קינד האָט מיט ווארעמע הענט
געווישט זיך די ווארעמע טרערן,
און איך — פארן קינד זיך פארשעמט
און אויך פאר די בערן, כ׳מעג שווערן.

שפּראַכן

צי רעד איך אָפּ שווייצאַריש?
ניטאָ אזא מין שפּראַך.
די טעג כ׳האָב זיך באַנאַרישט —
גאַנץ צירִיך האָט געלאַכט, —
געפּרוּווט אין שטאָט געפינען
א שילד מיט שווייצער טײַטש,
ארויסגעלאָזט פון זינען,
אז דאָ מע רעדט אָפּ דײַטש.

אין גענף געזאָגט האָט פּאָשעט
א שאָכן לעם מײַן הויז:
ניט זוכט שווייצאַריש לאָשן,
דאָ זײַנט איר א פראַנצויז.
אין טעסין, לעם איטאַליע,
דאָרט איז מען א סיניאָר
(מע מאַכט בלויז עטוואָס קאַליע
דאָס איטאַליעניש וואָרט).

האקיצער, בא די שכיינים
עס נעמט די שווייץ אָן זאָרג
מיט דאָס־און־יענץ איניינעם
דאָס לאָשן אויך אָפּ באָרג.

א שײַלע כ׳האָב א שטאָלצע,
און וועגן דעם איך טראַכט:

ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זײַן —
א לאנד, און אָן א שפּראַך.

אָט נעמט, לעמאָשל, ייִדיש —
קיין נאָמען פון א לאנד, —
און דאָך,
ס׳איז ניט קיין כידעש,
וואָס כ׳האָב אונטער דער האנט
דאָס לאָשן ייִדיש טאָמיד.
איר פרעגט: מיט וואָסער מיין? —
ניין, ניט צוליב דעם קאָוועד,
נאָר צוליב זיך אליין.

א רעקלאמע די זייגערס „לאָנזשען"

Ф. С. Ларину

באדאכט,
מיט א טיקן,
אזוי ווי דער שטייגער,
עס קלאפט זײַן טיקטאק
דער שווייצארישער זייגער.

איך האָב אים געקויפט אין א דאָרף לעם קאלוגע
באם אלטיטשקן פיאָדאָר סטעפאנאָוויטש לארין,
און קלאל ניט געוווּסט, אז די זאך אָט די קלוגע
וועט ווען־עס־איז אומקערן זיך קיין שווייצאריע.

ס׳האָט פיאָדאָר סטעפאניטש דעם זייגער אליין נאָך
אין יאָר ניַינצן פיר אין סיביר אײַנגעהאנדלט.
א סוואָרע, עס האָט קיין יאפאָניע אים איינער
א סויכער געבראכט פון אווסטראליער קאנטן.

גאָר זעלטן די זייגערס „לאָנזשען" ווערן קאליע.
כ׳וועל מײַנעם ניט אָפּגעבן דאָ צו פאריכטן.
אוועקפירן כ׳וועל אים מיט זיך קיין איטאליע,
דערנאָך קיין קאלוגע.
און זאָגן וועל:
— ריכטיק
די צײַט גייט, סטעפאניטש, —
אזוי ווי דער שטייגער!
נא, נעם דיר צוריק דײַן שווייצאַרישן זייגער,

אכצנטער בריוו

אין רוים שרײַבן די צײַטונגען וועגן טעראָר־אַקטן, — „אַלס ענטפֿער אַף מינכען”, — וואָס די עקסטרעם־ציוניסטישע כעוורע פֿירן דורך אין אייניקע לענדער פֿון אייראָפּע. צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים, ווען אומפּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן פֿון דער פּאַלעסטינער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע „שוואַרצער סענטיאַבער” האָבן בײַס דער אַלוועלטלעכער אָלימפּיאַדע דערמאָרדעט אין מינכען עלף ייִסראָעלדיקע ספּאָרטסמענער, איז די וועלט־עפֿנטלעכקײַט געווען דערשיטערט און אופֿגעבראַכט. איצט הערט זיך פֿון טעל־אַוויוו דער רוף „טעראָר פֿאַר טעראָר”, און פֿון די לעצטע געשעענישן איז צו זען, אַז די שטורמאָוויקעס פֿון בעטאַר און פֿון האָראָוו קאַכאַנעס „ליגע” זײַנען צוגעטראָטן צו פֿאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אומזיניקן רוף.

הײַנט אינדערפֿרי איז באַוווּסט געוואָרן וועגן אַ מאָרד דאָ אין רוים, אַפֿן פּלאַץ אַניבאַליאַנאָ. דער אַראַבישער זשורנאַליסט אַבדעל זוײַטער, אַ סטודענט פֿונעם רוימישן אוניווערסיטעט, האָט זיך אומגעקערט פֿאַרנאַכט אַהיים, און לעם דער ווינדע האָבן אים דערשאָסן צוויי טעראָריסטן.

איך האָב אָנגעקלונגען אַלבערטאָ מאָראַוויאָן, איינעם פֿון די גרעסטע איטאַליענישע שרײַבער, און אים געפֿרעגט, צי ס'איז עמעס דאָס, וואָס די צײַטונגען שרײַבן, אַז אַבדעל זוײַטער האָט אים מיט אַ צײַט צוריק באַגלייט אין זײַנער אַ רײַזע איבער די לענדער פֿונעם נאָענטן מיזרעך. מאָראַוויאַ האָט געענטפֿערט, אַז זוײַטער איז בײַס דער רײַזע געווען זײַן איבערזעצער. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער אָקופּירטער מיצאַד ייִסראָעל שטאָט נאַבלוס, זײַן טאַטע איז באַוווּסט אין די אַראַבישע ליטעראַרישע קרײַזן ווי דער איבערזעצער פֿון וואָלטערן און רוסאָ.

— ווי מיינט איר, — האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט, — עפּשער האָט מען דערמאָרדעט אַבדעל זוײַטערן פֿאַר זײַן עקסטרעמיזם?

מאָראַוויאַ האָט דערווידערט:

— גאָט זאָל אָפּהיטן! אַבדעל איז געווען אַן איבערצײַגטער אָנהענגער פֿון אַ פּאָליטישער לייזונג פֿון דעם ייִסראָעל־אַראַבישן קאָנפֿליקט. באַזונדערס שאַרף האָט ער געטאַדלט דעם טעראָר...

— איז עפּשער האָבן אים דערפֿאַר טאַקע די טעראָריסטן דערהאַרגעט?

מאָראַוויאַ, וועלכער שטרײַכט אונטער בײַ יעדער געלעגנהײַט, אַז אין די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָבלעמען איז ער נייטראַל, און ווי אַן אַסימילירטער ייִד איז ער אין זיי ספּעציעל ניט פֿאַרינטערעסירט, — מאָראַוויאַ האָט אָן וואַקלונגען געזאָגט:

— אַבדעל זוײַטערן האָבן דערהאַרגעט די ציוניסטן, ווײַל ער האָט אין רוים אין די סטודענטישע און ליטעראַרישע קרײַזן מיט גרויס ווירדע אופֿגעקלערט די געשאַפֿענע לאַגע, באַווײַזנדיק, ווי אויסגאַנגלאָז עס איז דאָס אַרויסטרײַבן די פּאַלעסטינער אַראַבער פֿון זייערע היימען.

ציוניסטן אין איטאַליע... ווער זײַנען זיי און וועלכע ייִדישע מאַסן שטעלן זיי פֿאָר? איך האָב זיך פֿאַרגעבן די דאָזיקע פֿראַגע, ווײַל, ווי מיר איז באַוווּסט, זײַנען שוין אין איטאַליע קיין ייִדן, ווי אַ כאַראַקטעריסטישע

עטנישע גרופּע, ניטאָ. די הײַנטצײַטיקע פינף און דרײַסיק טויזנט איטאַליע־
נישע ייִדן, מערסטנטייל ספּאַרדישע, זײַנען הונדערטפּראָצענטיק איטאַ־
ליעניזירט. זיי רופן זיך ניט מיט קיין ייִדישע נעמען, אידענטיפיצירן זיך
ניט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן אַלס ייִדן. קיין אייגענע שפּראַך, אפילע
קיין ספּעציפישן איטאַליענישן דיִאַלעקט (אַמאָל האָט ער געהייסן דזשור־
דעאָ־איטאַליאַנאָ) האָבן זיי ניט. ווי בא אונדז דער עלטערער דאָר גרוזי־
נישע ייִדן, האַלט זיך אויך דאָ דער עלטערער דאָר בא „ייִדישקײַט" אָפּן
דינעם פאָדעם פון פאָרמעל־ריטועלער פרומקײַט: צוויי מאָל אין יאָר —
אין שול אַרײַן (דער מאַכזער איז אָפּגעדרוקט אין איטאַליעניש) און מיט־
גלידערשאַפט אין דער אָרטיקער קעהילע. אין די באַדינגונגען פון נעאָנאַ־
צישער אַקטיווקײַט זײַנען די איטאַליענישע ייִדן געייניקט אַנטקעגן די אָפּטע
אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם. און צולעצט, בא דער פּילבאַרער דעמאָגראַ־
פישער שקיִע, ווען דער ייִדישער ייִשעוו ווערט אַלץ מער אײַנגעשרומפּן
פון דעם, וואָס עס שטאַרבט אָפּ דער אַלטער דאָר, און אויך פון די געמיש־
טע כאַסענעס, — בא דעם אַלעם איז איטאַליע דאָך דער נאָענטסטער שאָכן
פון ייִסראָעל, און די ציִעניסטישע שעליכים, וויזיטיאָרן, אַגענטן לאָזן ניט
דעם אָפּשטאַמיקן פון ייִדן צו פאַרגעסן, ווער ער איז, פון וואָסער וואָרצל
ער שטאַמט. זיי האָבן זייער אייגענעם צוועק: די פּושקע און, מעגלעך,
עטוואָס אַליִע, אָבער אין לעצטן סאַכאַקל האָט דאָ די נאָענטקײַט צו ייִס־
ראָעל, בא די איצטיקע „ערד־ציטערנישן", וואָס לאָזן זיך פון דאָרט הערן,
אויך אַן אינערלעך־נאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג.

דער „באַזישער טעזיס" פונעם אָנגעפּאָרענעם ציִעניסט איז לעכאָלהאַ־
פּאָכעס אַזאַ: „דו ביסט אַ ייִד. געדענקסט עס, אָדער ניט? איז אָט וואָס:
אויב דו ביסט טאַקע אַ געטרײַער ייִד, דאַרפסטו עפּעס געבן פאַר ייִסראָעל,
און דאַן וועלן מיר שוין אַלציינס דיך פאַררעכענען פאַר אַ ציִעניסט..."

דער פּאָשעטער ייִד, וואָס זוכט אַן אַלטערנאַטיווע צו אָט דער ציִעניס־
טישער נאַציאָנאַלער דעמאַגאָגיע, געפינט זי אין די גרויסע געזעלשאַפטלע־
כע באַוועגונגען פון דער הײַנטצײַטיקײַט — אין אַכרײַעספולן פאַרן גוירל
פון גאַנץ איטאַליע קאַמף פון די קאָמוניסטן, אין דער טעטיקײַט פון פּיל־
צאָליקע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער ס'איז גענוג, אַז דער ציִע־
ניסטישער וואָרעם זאָל זיך דורכשלאָגן אַ וועג צום נאַציאָנאַלן „יאָדערל"
פון דער נעשאָמע, און דאַן טרעפט, אַז אפילע אַ פּראָגרעסיוו־דענקענדיקער,
אין אַלגעמיין, ייִד הייבט אָן „הינקען אָף ציִעניזם".

אין אַזאַ לאַנד, ווי איטאַליע, האָט ניט די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע
קיין שום אַנדערע אויסזיכטן, אויסער די, וועגן וועלכע איך שרײַב דאָ.
ציִעניזם איז אין איטאַליע אַן אַרטיקל פון אידעאָלאָגישן אימפּאָרט. אין דעם
האָב איך זיך איבערצײַגט בייס די טרעפונגען מיט געזעלשאַפטלעכע טוער,
שרײַבער, זשורנאַליסטן שוין אין אָט די ערשטע עטלעכע טעג, וואָס איך
געפין זיך אין רוים.

מיסטאַמע שטעלט איר זיך פאָר, ווי נײַגעריק איך בין געוואָרן, ווען מע
האָט מיר געזאָגט, אַז אין רוים גייט אַרויס אַ ייִדישער זשורנאַל. וויִאַזוי האָב
איך עס ניט געוווּסט? דער זשורנאַל טראָגט דעם נאָמען „שאַלאָם". „שאַ־
לאָם" — שאָלעם. זייער ווויל! איך קלינג אין רעדאַקציע, מע בעט מיך

קומען. און אַט בין איך שוין דאָרט, ווו עס ווערט רעדאַגירט די איטאַליע־נישע יידישע צײַטשריפט „שאַלאָם״.

— שאַלאָם! — רופט אויס, שמייכלענדיק צו מיר, א זשוואַווער, דאַרלע־כער סיניאָר מיט א ריין איטאַליענישן אויסזען. באַגעגענענדיק מיך באַם אַרײַנגאַנג, לייגט ער צונויף איינעם דרײַ פינגער פון דער רעכטער האַנט און הייבט אָן טעמפּעראַמענטפול ריידן אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר ווער־טער, אפן ריין־איטאַליענישן מאַניר.

— א גוטהעלף! — רוף איך זיך אָפּ, און, מאַכנדיק אַזוי, פּונקט ווי כ׳וואָלט אַרײַנגעלייגט די גראָבע פינגער פוןביידע הענט אין אויטשניטן פון א קאַמזויל, וועלכן איך טראָג ניט, הייב איך אָן אויך טעמפּעראַמענט־פול ריידן אומפאַרשטענדלעכע פאַר דעם סיניאָר ווערטער, אפן ריין־יידישן מאַניר.

פון דער דאָזיקער סצענקע ווערט קלאָר, אַז ניט געקוקט אפן ברייטן באַגעגענונגס־„שאַלאָם״, טרעפן זיך דאָ ניט קיין צוויי יידן, נאָר אַן איטאַ־ליענער מיט א יידן, און מע וועט דאַרפן אַרײַנפירן צווישן זיי א דריטן מענטשן — א יידישן איטאַליענער, אָדער אַן איטאַליענישן יידן, — קעדיי דאָס ניט אַלצײַנע דרייען מיט די פינגער בייסן דורכריידן זיך פון די צוויי זאָל געבן עפּעס מאַמאָשעסדיקס.

און טאַקע — פון אַן אַנדער צימער האָט זיך באַוויזן א יונגיטשקע פרוי. זי רעדט יידיש, זי איז געקומען קיין רוים פון ישׂראָעל אף צו העלפן דעם סיניאָר טאַס (אַזאַ פאַמיליע האָט ער) אַרויסצולאָזן דעם זשורנאַל „שאַ־לאָם״. אַליין איז זי ניט קיין זשורנאַליסטקע, נאָר זי וועט אים יאַקאָס „העלפן״, זאָגט זי. סיניאָר טאַס איז א מיטאַרבעטער פון עטלעכע צײַטונ־גען אין רוים און פּראָווינץ, נאָר זײַן הויפּט־זאָרג איז אָט דאָס־אָ ניט גרויסע זשורנאַלעכל פאַר די איטאַליענישע יידן. איך נעם אין האַנט א פינף־זעקס לעצטע נומערן פון „אָט דעם־אָ ניט גרויסן זשורנאַלעכל פאַר די איטאַליענישע יידן״ און בעט מײַנע גאַסטגעבער, זיי זאָלן מיר העלפן געפינען די מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין איטאַליע, וועלכע זײַנען אין זיי פאַרעפנטלעכט. און דאָ גיט דער זשוואַווער דאַרלעכער סיניאָר טאַס זיך א באַווײַז אין אַזאַ שײַן, אַז אַפילע איך, וואָס כ׳האָב אין מײַנע אָפּטע רײַזעס איבער דער וועלט זיך שוין, דאַנקען גאָט, אָנגעזען מיט אַלדאָס בייז, בין פון אומגעריכטקײַט געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט.

— הערט אויס, — האָט מיט א שטײַף קאָל געזאָגט טאַס, — מיר זײַנען ציוניסטן, און אין אונדזער זשורנאַל שרײַבן מיר פאַר די איטאַליענישע יידן וועגן דעם לעבן אין ישׂראָעל, ניט אין איטאַליע.

איך האָב דערווידערט:

— אין דער גאַנצער וועלט איז אָנגענומען, אַז א צײַטשריפט, וואָס גייט אַרויס אין א יישעוו, דערציילט זײַנע לייענער קוידעמקאָל און מערער פון אַלץ וועגן דעם, וואָס אָנבאַלאַנגט דעם דאָזיקן יישעוו...

צורוקנדיק נעענטער צו מיר זײַן שטול, האָט טאַס אונטערגעטראָגן די דרײַ צונויפגעלייגטע פינגער אונטער דער סאַמע נאָז מײַנער, און די יונ־גיטשקע פרוי פון ישׂראָעל האָט איבערגעזעצט זײַנע רייד:

— איר זײַנט גערעכט, אזוי איז טאַקע אָנגענומען אין דער גאַנצער וועלט. אָבער מיר, ציִעניסטן, מאַכן ניט נאָך דער וועלט. אויב מיר זיצן אין אַנדערע לענדער, איז דאָס בלויז, קעדיי אַרויסשלעפּן פון דאָרט די ייִדן, און צוליב דעם דאַרף מען אין אַ ייִדישן זשורנאַל—אומאָפּהענגיק, פון וועלכן גאַלעס ער קומט,— שרײַבן וועגן ייִסראָעל און נאָכאַמאָל וועגן ייִסראָעל...

איך האָב אַרויסגענומען מײַן נאָטיץ־ביכל און אָנגעהויבן אויסלייענען פון דאָרט אויף אַ קאָל דאָס צעטל פון אַנטיסעמיטישע אינצידענטן אין איטאַליע, וואָס כ׳האָב לעצטנס אַראָפּגעשריבן פון איטאַליענישע טעגלעכע צײַטונגען. אין דער שטאָט פּאַדואַ איז פּרײַטיקצונאַכטס, נאָכן דאַווענען, אויסגעבראָכן אין דער שול אַ סרייפע. ווען דאָס פײַער איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט מען אויף דער וואַנט אַנטדעקט אַן אויפשריפט: „וויוואַ פרעדאַ!״ (פרעדאַ איז דער דאָרטיקער נעאָנאַציסטישער פירער). אין אַ צווייטער שטאָט — גאָריציע — האָבן כוליגאַנעס פאַרשוועכט די סינאַגאָגע און איבּגאַנצן פאַרניכטעט דעם בעסוילעם. אַ רייִ ייִדן האָבן באַקומען דראָונגסבריוו, אין וועלכע ס׳איז, צווישן אַנדערס, געווען געשריבן: „דער פאַשיסטישער שטורעם־קויעך איז ניט געשטאָרבן. מיר וועלן זיך צוריקקערן און זיך אָפּרעכענען מיט אײַך״. אין מילאַן זײַנען אויף די ווענט פונעם הויז פון דער ייִדישער געמיינדע און אויף אַ קליניק, וועלכע געהערט צו אַ דאָקטער אַ ייִדן, אויפגעשריבן געוואָרן ראַסיסטישע לאָזונגען מיט האַקנקרייצן. אין רוים, אין דער סינאַגאָגע גאָריזיאַ, האָבן וואַנדאַלן צעשניטן מיט מעסערס די סייפער־טוירעס און סידורים און אויפגעבראָכן די אַלמערס פונעם אַרכיוו. די צענטראַלע קעהילע פון די ייִדן אין איטאַליע האָט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדע סטאַטיסטיק: אין לאַנד גייען אַרויס באַ הונדערט צײַטונגען און ביולעטענען, וואָס זייער שפּראַך דערמאָנט די שטרײַכערפּראָפּאַגאַנדע אין היטלערס צײַטן; אין מעשעך פון צווי כאָדאָשים זײַנען פאַרעגיסטרירט אַכצן אַנטיסעמיטישע אינצידענטן. דער פאָרזיצער פון דער ייִדישער קעהילע אין רוים דר. סערדזשיאָ פּיפּערנאָ האָט אין אַ מעמאָראַנדום פאַר דער איטאַליענישער רעגירונג אָנגעוויזן אויף דער סאַקאָנע, וואָס דראָעט דעם ייִדישן ייִשעוו איבער דער פאַרשטאַרקטער טעטיקײַט פון די נעאָנאַציסטישע עלעמענטן...

סיניאָר טאַס האָט מיך ניט געלאָזט לייענען ביזן סאָף:

— אומזיסט אײַער טירכע. איך ווייס וועגן די דאָזיקע פאַקטן אָן אײַך. די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס בלויז די קאָמוניסטן ווילן פאַרשענערן דאָס לעבן פון די ייִדן דאָ אין לאַנד. און אַזויאַרום זיי אויך אויף ווײַטער האַלטן אין דער פרעמד. אונדז אַרט ניט דער אַנטיסעמיטיזם. אין גאָלעס מוז ער זײַן. עס וווּנדערט אונדז, וואָס פאַר די ייִדן, קעדיי זיי זאָלן אַוועק פונעם גאָלעס קיין ייִסראָעל, איז ווייניק, ווען מע מאָלט אָן אויף דער וואַנט פון אַ סינאַגאָגע אַ פאַשיסטישן צייכן, זיי דאַרפן צוליב דעם האָבן אויף זיך אַליין דעם פאַשיזם!

די יונגיטשקע פרוי האָט אַ קוק געטאָן אויפן סיניאָר טאַס, ווי איינער רעדט: „טיפּעש, וואָס פלאַפּלסטו?״, און אַליין, פון איר זײַט, צוגעגעבן:

— איר ווייסט, אין דער צײַט, ווען מײַן קאָלעגע האָט דאָ אַזוי עמאָציאָנעל (אַ ביסל איבערגעטריבן, איר וועט געוויס אים מויכל זײַן דעם

דאָרעמדיקן טעמפּעראַמענט), בעשאַס ער האָט מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקײַט אָפּגעלייקנט די נויטווענדיקײַט צו וואַזגען זיך מיטן אַנטיסעמיטיזם אין גאָלעס אָנשטאָט ראַדיקאַל מיט אים צו פאַרענדיקן דורך אַריבערפירן די ייִדן קיין ייִסראָעל, — אין דער זעלבער צײַט האָב איך דערווײַל געבלעטערט די עטלעכע נומערן „שאַלאָם", און איך האָב געפונען צענדליקער, עפּשער הונדערטער שורעס, וווּ עס ווערט געטאַדלט דער אַנטיסעמיטיזם...

— דער אַנטיסעמיטיזם אין וועלכן לאַנד?

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס גייט אַ רייד וועגן אָפּיציעלן, מעלוכישן אַנטיסעמיטיזם.

— וועלכע פאַקטן ברענגט דער זשורנאַל?

— קיין פאַקטן ברענגט מען ניט. פונוואַנען זאָלן מיר דאָ וועגן זיי וויסן? מיר לעבן אין אַן אַנדער לאַנד. אָבער אומעטום רעדט מען דאָך וועגן דעם...

— אַנטשולדיקט. וועגן די פאַקטן פון אַנטיסעמיטיזם אין איטאַליע ווייסט איר, נאָר איר שרײַבט ניט וועגן זיי אין „שאַלאָם", ווײַל עס לוינט ניט דעם ציוניזם; פאַרקערט — קיין פאַקטן וועגן אַזויגערופענעם אָפּיציעלן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט איר ניט, נאָר איר שרײַבט אין „שאַלאָם", אַז אַזוינס איז פאַראַן, ווײַל דאָס, ווידער, לוינט אײַך... אָבער אַזאַ ליניע אין דער זשורנאַליסטיק באַטײַט דאָך — אין איין פאַל פאַר־שווײַגן די פאַקטן, אין אַ צווייטן פאַל פאַלסיפיצירן זיי...

טאָס האָט ניט געוווסט, וועגן וואָס מירריידן, האָט ער מיטאַמאָל גע־נומען שפּילן די ראָל פון אַ „מײַן ווייניקײַט" און, דערלאַנגענדיק פון דער פּאָליצע אַ נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט ער אים אַוועקגעלייגט (מיטן קאָפּ אַראָפּ...) אַפן טיש, און צו אים צוגעטוליעט, אַ פּערטלדיקס לויטן פאָרמאַט און אַ פּיל דינערס, איינס פון די העפטלעך פון „שאַלאָם".

— טוט אַ קוק אַף אונדזער „שאַלאָם", — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ שוואַך קאָל, — קיין ראָמאַן אָדער פּאָעמע ווען עסטו אהער ניט אַרײַנ־שפּאַרן. ניטאָ קיין אָרט אַף צו שרײַבן וועגן אַלע לענדער און וועגן אַלע פּראַגן...

— דעריבער שרײַבט איר בלויז וועגן צוויי לענדער: גוטס וועגן ייִס־ראָעל, שלעכטס וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. איטאַליע, די איטאַליענישע ייִדן פאַלן ביכלאַל אַרויס פונעם כעזשבן...

ווײַטער איז דער שמועס אונדזערער געגאַנגען לויט אַ שוין באַוווּסטער סכעמע. פּונקט ווי אין אַנדערע אַזעלכע ערטער, וווּהין איך, אַ סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער, קום צו פאָרן, סטאַרען זיך די אָרטיקע אָפּטריניקעס פאַר־נעם ייִדישן פאָלק און פון דער ייִדישער קולטור־זאָרג אַרײַנטרײַבן מיך אין אַ ווינקל מיט זייערע באַנאַליטעטן אין דער פאָרם פון טאַמעוואַטע קלאָץ־קאַשעס.

איך בין זיך מוידע: מיטן סיניאָר טאָס האָב איך דאָ געשפּילט אַ גע־וויסע שפּיל. ער האָט נאָך ניט געוווּסט, אָבער איך האָב שוין יאָ גע־וווּסט, אַז מאָרגן, אין דער צווייטער העלפט טאָג, איז אין צווישנפעל־קערלעכן זשורנאַליסטישן צענטער פאַרפלאַנירט מײַנע אַ פּרעסע־קאָנפע־רענץ. ווי עס איז שוין ניט איין מאָל געשען, קומען אַף אַזעלכע באַגעגע־

נישן עטלעכע זשורנאַליסטן פֿונעם ציוניסטישן כּיידער, און זיי פּרוּוון מיט
פּראָוואָקאַציאָנעלע פֿראַגעס און רעפּליקעס אַראָפּשטופּן דעם שמועס פֿון
זײַן נאָרמאַלן גאַנג: אָנשטאָט צו אינפֿאָרמירן די פֿאָרשטייער פֿון דער
פּרעסע וועגן די עמעסע פֿאַקטן פֿונעם ייִדישן לעבן און וועגן די קולטור־
אינטערעסן פֿון די ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אָנשטאָט צו אויפֿקלערן דעם
עכטן זין פֿון די הײַנטיקע ענדערונגען אינעם מאַצעוו פֿון די סאָוועטישע
ייִדן, וואָלט איך געמוזט (ווען איך דערלאָז עס) פֿירן די פּרעסע־קאָנפֿע־
רענץ לויטן סצענאַר פֿון די ציוניסטן.

וועגן טאָסן האָב איך זיך דערוווּסט אייניקע פּראָטים נאָך ביז אונד־
זער באַגעגעניש. לעמאָשל, בײַס איך האָב באַזוכט אין איר וווינונג שו־
לאַמיס קאַציזנע, די טאָכטער פֿונעם טאַלאַנטפֿולן ייִדישן שרײַבער, דעם
קאָדעש אַלטער קאַציזנע (זי איז, דוכט זיך, דער אייניציקער מענטש אין
רוים, פֿון די שטענדיקע אײַנוווינער, מיט וועלכן מע קאָן רעדן מאַמע־
לאָשן), האָט זי מיר צווישן אַנדערס דערציילט, אַז אַן ערעך מיט אַ האַלב
יאָר צוריק איז אין רוים צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַן „איטאַליעניש“ צונויפֿ־
קומעניש פֿון דער סעריע „קאָנפֿערענצן וועגן די סאָוועטישע ייִדן“, וועלכע
די ציוניסטן אינספּירירן אַמאָל אין איין לאַנד, אַמאָל אין אַ צווייטן. וואָס
איז שײַעך דער דאָזיקער „רוימישער קאָנפֿערענץ“, דאַרף מען וויסן דעם
דורכשניטלעכן איטאַליענישן געזעלשאַפֿטלעכן טוער, באַזונדערס די קאַטע־
גאָריע, וועלכע מע באַצייכנט אַלס אינטעלעקטואַלן (די ציוניסטן שלעפּן
אַף זייערע קאָנפֿערענצן הויפּטזאַכלעך אינטעלעקטואַלן, אַפּעלירנדיק צו
דער „באַרעמהאַרציקײַט“ און צום „הומאַניסטישן געפֿיל“), — מע דאַרף
וויסן אָט דעם סאָרט איטאַליענער, קעדיי פֿאַרשטיין, אַז אין זייער סוויווע
איז אַן אַנטיסאָוועטישער באַלאַגאַן ניט בעניִמצע. פּרוּווט, אַדעראַבע, אין
רוים אָדער אין מילאַן אָפּשטעלן אין גאַס דרײַ־פֿיר צופֿעליקע פֿאַרבײַגייער,
וועט זיכער איינער פֿון זיי זײַן אַ קאָמוניסט, און אין פֿיל פֿאַלן וועט אַ
צווייטער זיך אַרויסווײַזן פֿאַר אַזאַ, וואָס נעמט אויף מיטן סייכל די אַרגו־
מענטאַציע פֿון די קאָמוניסטן. אויב, אַשטייגער, אַן איטאַליענער פֿילט מיט
ייִסראָעל, הייסט עס אָבער ניט, אַז ער וועט דערלויבן אויסצונוצן אָט דעם
מיטגעפֿיל אין אַנטיסאָוועטישע צילן. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָ ניט
אין זינען עקסטרעם־רעכטע, צי, גאָט זאָל אָפּהיטן, אַנאַרכיסטן אָדער נעאָ־
פֿאַשיסטן. וועגן זיי איז אין דעם פֿאַל ניטאָ וואָס צו ריידן, ווײַל בײַ די
ציוניסטן קלעקט סייכל אַף ניט באַווײַזן זיך אין דער עפֿנטלעכקײַט אוי־
סער ייִסראָעל אין קאָמפּאַניע מיט אָט דעם אוילעם.

דערמאָנענדיק וועגן דער אַנטיסאָוועטישער קאָנפֿערענץ אין רוים, האָט
שולאַמיס קאַציזנע זי אָנגערופֿן „נעבעכדיקע“. און האָט צוגעגעבן:

— דאָס אַליין, וואָס דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער קאָנפֿערענץ איז גע־
ווען אַן אָרטיקער ייִסראָעל־אַגענט — זײַן נאָמען איז טאָס, — האָט אָפּגע־
שטויסן פֿון איר דעם סאָלידן פּאָליטיקער.

איצט, וויסנדיק שוין פֿון דער באַגעגעניש אין דער רעדאַקציע פֿון
„שאַלאָם“, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל עס איז אָט דער טאָס, האָב איך באַשטימט
אויסנוצן אונדזער שמועס אַלס אַ מין אַרײַנפֿיר צו דער מאָרגעדיקער
פּרעסע־קאָנפֿערענץ, קעדיי מאָרגן אוועקשטעלן אַ באַריער פֿאַר טאָסן, ער

זאָל ניט קאָנען טײַנען, אַז ער האָט נאָך ניט באַקומען קיין ענטפער אַף זײַנע אָפּגעריבענע פראַגעס. איך האָב אים געזאָגט:

— טאַס, לאָמיר זיצן נאָך אַ שאָ, נאָך צוויי שאָ, נאָך דרײַ שאָ, איר זאָלט האָבן די מעגלעכקײַט ביזן סאָף, ביזן גרונט קלאָר מאַכן פאַר זיך אַלץ, וואָס אײַך איז נאָך ניט קלאָר. צופרידנשטעלן וועל איך אײַך קיינמאָל ניט. איך און איר זײַנען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע מענטשן. אָבער ענטפערן אַף אַלע אײַערע פראַגעס בין איך מעכויעוו, און איך וויל עס טאָן איצט, בײַ אונדזער באַגעגעניש אין דער רעדאַקציע פון „שאַלאָם".

דער סיניאָר טאַס האָט זיך געשוווירן:

— אַף אַלע פראַגעס האָב איך שוין באַקומען אַן ענטפער.

— אַן אויסשעפּלעכן?

— אַן אויסשעפּלעכן.

— אונדזער שטאַנדפּונקט, דאָס, וואָס מיר רופן אָן אונדזער עמעס, איז אײַך קלאָר?

— קלאָר, קלאָר.

— אויב מאָרגן באַגעגענען מיר זיך ווידער, וועט איר ניט איבערכאַזערן נאָכאַמאָל די זעלבע פראַגעס?

טאַס האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן. מיר האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער. באַקוקנדיק די פײַנע צוויי פאַרייניקטע צווישן זיך צימערן, ווו דער שמועס איז פאָרגעקומען, האָב איך געפרעגט טאַסן:

— ווו נעמט איר געלט אַף אויסצוהאַלטן אײַער „שאַלאָם"?

דעם סיניאָר האָט אַ צי געטאָן צו הומאָר. ער האָט געענטפערט, איבערשטעלנדיק ביידע פּיס פון די שפּיץ פינגער אַף די אָפּצאַסן:

— פערציק פראָצענט פון אונדזער בודזשעט דעקט יִסראָעל, דער סאָכנוט. נו, און דאָס איבעריקע באַקומען מיר אין דאָלאַרן, פונעם צע־ער־או.

אויגנבליקלעך האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע. די יונגיטשקע פרוי פון יִסראָעל, אַ בלאָס־געוואָרענע, האָט אַרײַנגעשטעקט איר דורכדרינגלעכן בליק אין דעם סיניאָרס פּאָנעם; דער סיניאָר האָט אַראָפּגעשלונגען דעם הומאָריסטישן שמייכל און איז רויט געוואָרן, ווי אַ בוריק; איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן דעם סיניאָר איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אײַ־אײַ־אײַ, צוליב וואָס דאַרפט איר אַזוינס אַף זיך אויסטראַכטן...

דער סיניאָר איז צוגעלאָפן צו אַ ביכער־שראַנק און גענומען קלוימערשט זוכן אַף דער פּאָליצע.

איך האָב פאַרלאָזט די רעדאַקציע פון „שאַלאָם". ס'איז דורכגעגאַנגען אַ טאָג, און אַף מאָרגן נאָך מיטיק האָב איך ווידער, אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, דערזען דעם סיניאָר טאַס אַ זשוואַוון און דאַרלעכן, מיט אַ רייך־איטאַליענישן אויסזען. ער האָט געשמייכלט. אַלץ האָט איידעס געזאָגט, אַז ער איז אין אַ גוטער פאָרם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, נאָך דעם, ווי די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז אויך דער זיקאָרן איז בײַ אים אין אָרדענונג: ער געדענקט, אַז כ'האָב ניט געוואָלט, ער זאָל אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ איבערכאַזערן נאָכאַמאָל די זעלבע פראַגעס, אַף וועלכע ער האָט נעכטן באַקומען אַן אויסשעפּלעכן

ענטפער, און דעריבער האָט ער בעקיוון מיר פאַרגעבן ווידער די פּראָוואָ־קאַציאָנעלע קלאָץ־קאַשעס.

דאָס זעלבע האָבן געטאָן נאָך צוויי זשורנאַליסטן, וועלכע זײַנען געזעסן לעבן טאָסן, איינער אויף לינקס פון אים, דער צווייטער אויף רעכטס. איך האָב שוין געמוזט ניט שאַנעווען די עקסעלענץ פון די דרײַ און, אָפּשטעלנ־דיק אויף א פּאָר מינוט די פּרעסע־קאָנפערענץ, האָב איך דערציילט דאָס, וועגן וואָס כ׳האָב דאָ אויבן אײַך געשריבן. איך האָב געפרעגט בא די זשורנאַליסטן אָן אייצע: צי גיין מיטן וועג, וווהין טאַס און זײַנע פּרײַנט־לעך וועלן פירן, צי דורכשמועסן זיך וועגן טאָכיקע זאַכן. דער ענטפער איז געווען אזא: ווער עס ווייסט שוין אלץ פון פריער און די פּרעסע־קאָנפע־רענץ איז אים נייטיק צוליב אנדערע צוועקן, קאָן זיך גיין פונדאַנען. די קאָרעספּאָנדענטן זײַנען געקומען אהער, קעדיי באַקומען אינפאָרמאַציע פאַר זייערע צײַטונגען, און זיי בעטן, מע זאָל זיך דאָ פאַרנעמען מיט דעם און ניט מיט עפּעס אנדערש. ווײַטער איז אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ נאָך איין מאָל ארויסגעשווומען דער סיניאָר טאַס. ער האָט געפרעגט:

— מײַנע קאָלעגן, וואָס זיצן דאָ אין זאַל, האָבן זיך פון אײַער אָקאָרשט־דיקער מיטיילונג דערוווּסט, אז נעכטן זײַנט איר געווען צוגאַסט אין רע־דאַקציע פונעם זשורנאַל „שאַלאָם" און אז מיר האָבן אײַך געגני באַקאַנט מיטן אינהאַלט און מיט דער ליניע פונעם זשורנאַל. אויך איר האָט אונדז דערציילט וועגן דער צײַטשריפט „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס גייט ארויס אין מאָסקווע. און דאָך איז אונדז פאַרבליבן ניט קלאָר, פאַרוואָס אזא זשור־נאַל, ווי „שאַלאָם", קאָן ניט דערשײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך האָב געענטפערט:

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד קאָן אזא זשורנאַל, ווי „שאַלאָם", ניט דער־שײַנען. פאַרוואָס? „שאַלאָם" העצט אונטער א געוויסע קאַטעגאָריע ביר־גער פונעם לאַנד, אין וועלכן ער גייט ארויס, זיי זאָלן פאַרלאָזן אָט דאָס לאַנד און אריבערפאָרן אין א צווייטן. „שאַלאָם" טרײַבט אויך סיסטעמאַטיש רעכילעס אויף א דריט לאַנד, מיט וועלכן, אגעוו, דאָס לאַנד, אין וועלכן ער דערשײַנט, האַלט אונטער נאָרמאַלע און אפילע פרײַנטלעכע באַציִונגען. „שאַלאָם" עקזיסטירט אויף געלט־מיטלען, וועלכע קומען אָן פון אויסלענ־דישע קוואַלן.

ווען די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט, איז צו מיר צוגע־גאַנגען א קאָרעספּאָנדענט פון פראַנס־פּרעס און מיר דערציילט, אז אין פּאַריזש, אויף בעלוויל, האָט די ציִעניסטיש־טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע „באַוועגונג פון אקציע און פאַרטיידיקונג" — „מאַסאַדע" דורכגעפירט א באָמבע־אַטענטאַט קעגן א פּאַלעסטינער בוך־געשעפט. עס זײַנען דערבײַ פאַראַן פאַלגנדיקע איינצלהײַטן:

די ייִסראָעלדיקע צײַטונג „יעדיאָט אכראָנאָט" האָט געשריבן, אז די פּאַריזשער „מאַסאַדע" איז א פיליאַל פונעם ייִסראָעלדיקן „כיירוט". אויך פראַנס־פּרעס האָט מיטגעטיילט: „די „באַוועגונג פון אקציע און פּאַרטיי־דיקונג" — „מאַסאַדע" דינט פּאַקטיש ווי א שירעמע פאַר די מיטגלידער פון „בעטאַר", א פּאַשיזירטע אָרגאַניזאַציע פון דער ייִסראָעל־פּאַרטיי „כיי־רוט". אין פּאַריזש און אין בעלגיע האָבן די צײַטונגען אונטערגעשטראָכן,

אז „מאסאדע״ ווערט באוואָפנט מיט געווער פון אויסלאַנד. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אין יִשׂראל, ווו די געשעענישן פון אָט דעם מין וויקלען זיך פאַנאַנדער גאַנץ שנעל. ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז די טעראָריסטישע גרופּעס אין אייניקע לענדער האָבן זייערע באַזעס אין יִשׂראל. לעצטנס האָט מייער קאַכאַנע, דער באָס פון דער „ליגע פאַר פאַרטיידיקן די ייִדן״, זיך באַזעצט אין יִשׂראל און איבערגעפירט אַהין די קאָמאַנדשאַפט מיט זײַנע שטורמאָוויקעס. אין יִשׂראל האָט ער געעפנט אַן „אידעאָלאָגישע שול״ מיט אַן אינטערנאַט, ווו מע לערנט, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט האַנט־גראַנאַטן, רעוואָלווערן, ווי אַזוי אונטערלייגן באָמבעס. אין יִשׂראל איז שוין פון לאַנג טעטיק אַ באַנדע בעטאַריסטן — „יונגע וועלף״, — וועלכע האָט עפנטלעך געמאָלדן, אַז זי וועט טעראָריזירן די „פאַרעטער פון פאָלק״, וואָס טרעטן ארויס קעגן שאַפן מיט קויעך, אפן כעזשבן פונעם פאַלעסטינישן און אַנדערע אראַבישע פעלקער, אַ „גרויס יִשׂראל״.

מייער קאַכאַנע האָט ניט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז די טעראָריסטישע „ליגע״ וועט אויסשפּרייטן איר טעטיקייט אף די לענדער פון אייראָפּע, און געוואָרנט, אַז זײַנע בויאָבעס וועלן אָנווענדן אויך אַזאַ פאָרם פון טעראָר, ווי סעקרעסטרירן סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן. דערווײַל האָבן זיי מיט אַ פּאָר טעג צוריק געפּרוווט דורכשמוגלען דורכן לאָדער אעראָפּאָרט אַן אומלעגאַלן וואָפן־טראַנספּאָרט פון יִשׂראל אין אַנדערע לענדער, ארײַנגערעכנט פראַנקרײַך און איטאַליע, ווו די ערשטע טעראָריסטישע אקטן זײַנען שוין פאָרגעקומען.

אָט אַזוי קום איך ווידער צו די פראַגן, וועלכע איך האָב באַרירט אין אָנהייב פון אָט דעם בריוו: ווער האָט דערמאָרדעט אבדעל זוײַטערן? און — ווער זײַנען די ציוניסטן אין איטאַליע?

די ציוניסטן אין איטאַליע זײַנען ווילד־פרעמד דעם איטאַליענישן ייִדנטום. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער געווער־קאָנטראַבאַנדע אין לאָד — פאַגלין — אַ געוועזענער אָנפירער פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „אירגון״, וועלכע האָט פונקציאָנירט אין די צײַטן פונעם בריטישן מאַנדאַט, האָט באַם ארעסט געמאָלדן, אַז עס ווערן קאָמפּלעקטירט טעראָריסטישע גרופּעס, וואָס דאַרפן זײַן טעטיק אויסער יִשׂראל. זאָל מיר מוחל זײַן דער זשורנאַליסטישער צעך, נאָר ס׳איז קיין צווייפל ניט, אַז אַזעלכע זשורנאַליסטן אין רוים, ווי טאַס, מיט זײַן „וואָפן״ — דעם זשורנאַלעכל „שאַלאָם״, — זײַנען אויך, מיטן זעלבן וועג און מיט דעם זעלבן ציל, ארײַנגעשיקט קיין איטאַליע. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די זשורנאַליסטישע אָפּטיילונג פון דער טעראָריסטישער גרופּע.

וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ גרופּע אין איטאַליע רעדט מען אָפן. אין הײַנטיקן נומער פון „קאָריערע דעלאַ סעראַ״ האָב איך געלייענט, אַז, ווי מע האַלט, האָבן צום מאָרד אפן פּלאַץ אַניבאַליאַנאָ צוגעלייגט אַ האַנט די אַלטע קאַדרען פון די יִשׂראלדיקע אָרגאַניזאַציעס „אירגון״ און „שטערן״ און דעם ראָוו קאַכאַנעס „ליגע״, און אַז פון דער דאָזיקער אקציע ציט זיך אויך אַ פאָדעם צו דעם אופרײַס אין ביכער־געשעפט „פאַלעסטינע״ אין פּאַריזש.

ווען איך בין פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ געפאָרן צוריק אהיים, האָט א סאָוועטישער זשורנאַליסט א וויַיז געטאָן מיט דער האַנט אַף דער געביַי־דע פון דער ענגלישער געזאַנדשאַפט און מיך געפרעגט, צי איך ווייס וועגן איינער א דיווערסיע, וואָס די ציוניסטן האָבן דורכגעפירט טאַקע דאָ אין רוים?

— יאָ, דעם 31 אָקטיאַבער 1946 האָט „אירגון צווי לעומי" אופגעריסן די געזאַנדשאַפט פון גרויסבריטאַניע.

— דער זעלבער „אירגון"...

די ענגלענדער האָבן אויסגעבויט פאַר זייער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטיי־ערשאַפט א ניַיע מאָדערנע געביַידע. פונדערוויַיטנס דוכט זיך אויס, אז די טראַדיציאָנעלע דורכויסיקע ווענט זיַינען דאָ פארביטן מיט אראָפּהענגענ־דיקע — פונעם דאַך ביזן פונדאַמענט — לענגלעכע מראַמאָרנע פּליטעס. מיַין פריַינט, דער סאָוועטישער זשורנאַליסט, דערקלערט עס דערמיט, וואָס אופריַיסן א הויז פון אזא ארכיטעקטור איז שווערער, איידער אופריַיסן א הויז מיט קאָמפּאַקטע פאָרמען...

ניַינצנטער בריוו

צי איז רוים א שיינע שטאָט? ניין, אזא קאָמפּלימענט פּאַסט זיך ניט אָן צו רוים. דאָס אַלטע רוים איז קלאָל ניט קיין שטאָט, ווי אלע שטעט. גלייבט מיר, איך וויל זיך אָפּהיטן פון הויכע ווערטער, נאָר פּרוווט, אַדע־ראַבע, עס טאָן, ווען איר שריַיבט וועגן רוים, געפינענדיק זיך טאַקע דאָ־הי... איך געדענק ניט, צי איך בין דאָ שוין כאָטש איין נאַכט געשלאָפן. איך געדענק ניט, צי איך האָב דאָ גערוט. דוכט זיך, אז קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געטאָן, בלויז זיך צוגעקוקט צו רוים. בײַנאַכט שטערן מיר די עלעקטרישע פיַיערן, בײַטאָג — די אווטאָמאָבילן. איך וויל אריַינדרינגען אין די טיפענישן פונעם אוראַלט, אין זיַינע אינעווייניקייַטן. עפּשער — נאָך א שפּור, עפּשער — נאָך א וויַיט־וויַיטער אָטעם, עפּשער — א נאָך ניט פאַר־גליווערטער עכאָ פון די שטיינער־אַרויס.

די היסטאָרישע פאַרגייער האָבן אונדז איבערגעלאָזט בעיערושע שטיי־נער... פון דער ערד זיי געגומען און אין דער ערד אריַינגעפּאַסט. צונויפ־געלייגט פון זיי אייביקע ווענט און געמאַכט געניאַלע קאָפּיעס פון לעבע־דיקע וועזנס. פארשווינדנדיק פון דער וועלט, האָבן אונדזערע פאָרגייער איבערגעלאָזט נאָך זיך שטיינער, און פון די שטיינער דערוויסן מיר זיך דאָס, וואָס באַם אומבאַיט פון צייַטן וואָלט, קאָן זיַין, פארלאָרן געגאַנגען.

„האַרט, ווי א שטיין", „שווער, ווי א שטיין", „עלנט, ווי א שטיין". אָבער בעשום־אויפן ניט „שטום, ווי א שטיין". און בעפיירעש — ראַיעל, ווי א שטיין. געטריַי דעם מענטשן, ווי א שטיין... טאָמיד גרייט צוליבן מענטשן אַף אלץ: גרייט אפילע אויסצוהאַלטן די שווערע מאַסע פון יאָרטויזנטער, שאָלעם מאַכן מיט דער דערנידעריקונג, ווען מע זעט זיך אליין אַף דער כורווע פונעם געביַי, וואָס פון אים איז מען געוווען א טיילעכל. דער מענטש האָט געוווסט, וואָס ער טוט, ווען ער האָט מיט עטלעכע הונדערט

טויזנט יאָר צוריק, זוכנדיק א מאַטעריאַל פאַר זײַן אַרבעט, אויסגעקליבן פריִער פאַר אַלץ דעם שטיין...

די אייביקע שטאָט רוים איז דאָס אָרט, וווּהין דער מענטש קומט אַף א פערזענלעכער טרעפונג מיט שטיינער פון אַנדערע עפּאָכעס. אין רוים דער שטאָט זעט מען באַשײַמפּערלעך דרײַ שטעט, איבערגעמישטע צווישן זיך. די אַרכעאָלאָגישע פּאַנאָראַמע פונעם אוראַלטן רוים וואָלט געהאַט אין זיך פיל פּוסטקײַטן, נאָר עס האָט זיך דאָ אײַנגעפונדעוועט דער מיטלאַלטערלעכער פּויפּסטלעכער רוים מיט זײַנע פּאָמפּעזע געבײַען און מאָנומענטן, און, פאַרשטענדלעך, אויך די נײַע צײַט האָט אופגעשטעלט איר אייגענעם רוים — אַף דעם זעלבן אָרט, ווו עס שטייען די צוויי פריִערדיקע. איך האָב געהערט זאָגן, אַז די אָנשיכטונג פון פאַרשיידענע אַרכיטעקטור־סטילן געפעלט ניט א סאַך באַזוכער פון רוים. מיך פערזענלעך אַרט עס ניט, ווײַל איך וויל ניט, אַז רוים זאָל זײַן שײן, איך וויל, אַז רוים זאָל זײַן עכט און זאָל דערציילן דעם עמעס וועגן דעם, וואָס איז געשען.

ווען איך גיי אַרײַן אין די כורוועס פונעם אוראַלטן רוים, ווען איך שפּאַר זיך אָן באַ זײַנע ווענט, ריר זיך צו צו די שטיינער, — כאַפּט מיך אָן א געפיל, וועלכן מע קאָן אָנרופן „נעשאָמע־פאַרוואַנדלונג". דאָס האַרץ און דער מויעך ווערן קאָסמיש פאַרייניקט מיט פאַרשוווּנדענע צײַטן, עס שטעלן זיך אויס פאַר די אויגן אויסגעשטאָרבענע פעלקער: אָט דאָ האָבן זיי אָפּגעטומלט זייערע יאָרטויזנטער... אָט דאָס איז פון זיי פאַרבליבן... עס געדויערט ניט לאַנג, און, איבערשפּאַנענדיק דורך אַן אומזעבאַרער גרענעץ, דערהער איך, ווי עס רוישט און ראַשט די נײַע צײַט...

אַז דער הײַנטיקער רוים קאָן טומלען, — דאָס ווייסן אַלע. ס'איז אָבער טשיקאַווע, וואָס באַ אונדז, ייִדן, איז נאָך אין די אַגאַדעטעס אָפּגעמערקט געוואָרן דער אויסערגעוויינלעכער טומל, וואָס האַלט זיך אוף אין רוים. לויט דער אַגאַדעטע איז עס אַזש איינער פון די דרײַ גערוישן, וועלכע פאַרפולן מיט זיך די גאַנצע וועלט.

איך דערמאָן זיך אין די ייִדישע וואַריִאַציעס פון דער טעמע רוים, וועגן וועלכע איך האָב מיט פיל יאָרן צוריק געלייענט אין די אַגאַדעטעס. לעמאָשל, די ייִדן האָבן די באַוווּסטע לעגענדע וועגן דער אַנטשטייונג פון רוים איבערדערציילט אַף זייער אייגענעם אויפן, פאַרבינדנדיק זי מיט מאָמענטן פון דער ייִדישער מיטאָלאָגיע. לויט דער אַגאַדעטע, איז געשען אַזוי, אַז ווען שלוימע־האַמעלעך האָט גענומען צו זיך פאַר א ווײַב פּאַרעס א טאָכטער, איז פונעם הימל אַראָפּגעפלויגן דער מאַלעך מיכאָעל און אַרײַנגעשטעקט אין יאַם א לאַנגן פלאָקן, אַרום וועלכן ס'האָט זיך צונויפגעשווענקט אַן אינדזל און ס'איז אויסגעוואַקסן א געדיכטער וואַלד. אָט אַף דעם אינדזל איז עס אַנטשטאַנען רוים, וועלכן די אַגאַדעטע־שרײַבער רופן געוויינלעך כרך גדול שברומי, ווײַל מיטן נאָמען „רוים" באַצייכענען זיי די גאַנצע רוימישע אימפּעריע, און די שטאָט הייסט כרך גדול שברומי — דער גרויסער קראַך אין רוים.

ווײַטער גיט צו די אַגאַדעטע אַזא „סוזשעטישע ליניע" צו דער לעגענדע וועגן רוים. ראָמול און רעם האָבן אוועקגעשטעלט אַפן אינדזל צוויי הײַזקעס, וועלכע האָבן זיך גלײַך צעוואַלגערט. מע האָט ווידער זיי אופּ־

געבויט, און זיי זײַנען נאָכאמאָל צעפאלן געוואָרן. דאן האָט איינער אן אלטיטשקער — אבא קאָלאָן — געפאסקנט, אז ביזוואנען מע וועט די ליים פאר די ווענט ניט פארמישן מיטן וואסער פונעם טײַך עפראט, וועלן די הײַזקעס ניט בלײַבן שטיין. פארשטעלנדיק זיך פאר א ווײַן־הענדלער, האָט דער זאָקן דורכגעשמוגלט דורך די באָוול־פארפעסטיקונגען פעסער מיט עפראַטיש וואסער, אין וועלכן מ׳האָט אפסנײַ פארמישט די ליים און אויסגעבויט פעסטע הײַזער, די ערשטע אין „רומא דבבלון״, דעם „באָוולישן רוים״, ווי מ׳האָט דאן גערופן די שטאָט אדאנק דעם אויבן־באשריבענעם עפּיזאָד.

די גרייס פון דער שטאָט רוים ווערט אין אן אגאדעטע געשילדערט דורך טשיקאווע ציפערן: אין רוים זײַנען פאראן דרײַ הונדערט פינף און זעכציק מערק, אין יעדן מארק — דרײַ הונדערט פינף און זעכציק טורעמס, אין יעדן טורעם — דרײַ הונדערט פינף און זעכציק פּאַליצעס, וואָס אף יעדער איינער פון זיי איז דאָ אָרט פאר אזויפיל שפּײַז, וויפל ס׳איז נייטיק, קעדיי אָנצוקאָרמענען די גאנצע וועלט...

דערווײַל בין איך דאָ געוועזן בלויז אף איין מארק — אף דער בארימטער רוימישער באראָכאָלקע פּאָרטועסע. איך האָב מוירע, אז טאָמער וועל איך איצט, אין אָט דעם בריוו, ארײַנגיין אהין מיט אײַך צוזאמען און אָנהייבן אײַך באווײַזן, וואָס מע קאָן קויפן אין רוים אף א מארק פון אלטע זאכן, — וועלן מיר שוין ביזן סאָף בריוו צוריק פון דאָרט ניט ארויסגיין. דעריבער וועל איך זיך באנוגענען מיט פארצייכענען א בילדל, וואָס איך האָב געזען באם סאמע טויער פונעם מארק.

אפן טראָטואר, דאָרט, ווו דאָס שטופעניש איז באזונדערס גרויס, האָט א מאָלער אוועקגעשטעלט זײַן מאָלבערט, צו וועלכן ס׳איז צוגעפעסטיקט אן אופשריפט אף בלוי פאפיר: „גיב מיר א ביסל געלט אף דורכצוקומען דעם טאָג״. לעבן מאָלבערט ליגן צונויפגעלייגט לײַוונטן אין רעמלעך — דעם מאָלערס ווערק. ווען עס מאכט זיך א קוינע, נעמט דער מײַסטער — א שווארצבערדיקער שטאלטנער יונגערמאן — יעדע ראם באזונדער אין די הענט און שטעלט זי אוועק אף דער זוניקער זײַט פון דער גאס. אויב דער קוינע לאָזט זיך גיין ווײַטער, לייגט ער ווידער צונויף די בילדער — ניט געײַלט, מיט גרויס ווירדע — לעם מאָלבערט, און אליין נעמט ער מיט באוווּנדערונג און רעספעקט באטראכטן זײַן שאָכן — אן עקזאָטישן מאנצבל מיט א רויטן באנט אין לאץ און מיט א גאנצער טוץ מיליטערישע מעדאלן אף דער פּאָלע פונעם פּידזשאק, — וועלכער זיצט אפן טראָטואר און האלט אין איין אָנדרייען מיט א שליסעלע מעטאלענע הינדעלעך, זיי זאָלן פּיקן. ער טוט די ארבעט אזוי פלינק, אז אלע פופציק צי זעכציק הינדעלעך פּיקן איינצײַטיק דעם אספאלט, און קיין איינס בלײַבט ניט שטיין. זעענדיק, אז קיין קוינים קומען ניט, שפרינגט דער פארקויפער אין איין אויגנבליק אוף פון אָרט, הייבט אָן פריילעך טאנצן צווישן די טאנצנדיקע הינדעלעך און צעשרײַט זיך, אז מע הערט אף דער צענטער גאס: „מײַנע קינדער ווילן אויך פּיקן! סיניאָר, קויפט א הינדעלע!״.

איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דער פארקויפער פון בילדער און דער פארקויפער פון מעטאלענע הינדעלעך זײַנען צוויי לײַבלעכע ברידער אָדער נאָענטע כאווײרים. עפּעס האָט זיי ביידן

פאַרייניקט, ניט נאָר דאָ אפן מארק־פּלאַץ. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז סאָף טאָג וועלן זיי אוועקנעמען פונעם אספאַלט זייער סכוירע — די בילדער און די הינדעלעך — און צוזאמען גיין אהיים, מידע, אויסגעשעפּטע.

סאָף טאָג בין איך שוין געווען ווײַט פון פּאָרטוענסע, און איך באַדויער זייער, וואָס כ׳וועל שוין קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט זען די צוויי ברידער צי נאָענטע כאַווײרים, וועלכע האָבן אזוי פאַרביק און אײַנדרוקספול זיך אַרײַנגעמאָלט און אַרײַנגעפּיקט אין מײַן זיקאָרן.

מיד פון ארומגיין איבער די שמאָלע געסעלעך־קאָרידאָרן פון יענעם טייל שטאָט, ווו עס זײַנען ניט פאַראַן קיין טריומפאַלע טויערן און קיין פאַרפּאַראָשעטע מיט יאָרטויזנטער דענקמעלער, האָב איך אָנגעדונגען אַן אַלטמאָדישן פיאַקער — די ראָמאַנטישע דערמאָנונג וועגן אַמאָליקן רוים — און זיך דורכגעפאָרן צו דעם אוראַלטן רוימישן וועג וויאַ אַפּיאַ, בא וועלכן עס שטייען נאָך, דוכט זיך, די גײַסטער פון די לעגיאָנערן און פון די גלאַדיאַטאָרן, וועמען ס׳איז איצט פאַרשפּראָכן דער אַרײַנגאַנג אין רוים, ווײַל רוים איז שוין ניט קיין אַרענע פאַר זייערע טראַגישע און העראָישע „ספּעקטאַקלען״.

...הײַנט, פאַרן אָפּשיקן אײַך דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך זיך געטראָפן מיטן דירעקטאָר פונעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „אוניטאַ״ אַלדאָ טאָרטאָרעלאַ. אַ פּאַרטאָנער אין אַרויסלאָזן דעם אָרדנטלעכן נומער פון דער וויכטיקסטער אין איטאַליע פּאָליטישער צײַטונג, האָט ער דאָך, דערפרייענדיק זיך מיט דער מעגלעכקײַט אַ שמועס צו טאָן וועגן אַקטועלע אַספּעקטן פון דער „ייִדן־פראַגע״, פאַרבראַכט מיט מיר אַ לענגערע צײַט. טאָרטאָרעלאַ האָט אַרויסגעזאָגט אייניקע געדאַנקען, וועלכע איך האַלט פאַר וויכטיק אײַך איבערצוגעבן. זײַנע רייד זײַנען געווען פון אַזאַ מאַסשטאַב, אַז מע קאָן זיי אָפּנעמען ווי די מיינונג פון ברייטע שיכטן פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

— אין די אויגן פון די איטאַליענער, — האָט ער געזאָגט, — באַשטייט די געפערלעכקײַט פון דער ציִוניסטישער קאָנצעפּציע אין דעם, וואָס זיי, די ציִוניסטן, שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די ייִדן אין יעדן לאַנד, ווו יענע לעבן, אין אימיגראַנטן, וועלכע וואַרטן אָף דער געלעגנהײַט אַרויסצופאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, און דאָס איז מעסוגל אויפצושטעלן קעגן די ייִדן די אָרטיקע באַפעלקערונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי וואָרצלען זיך אין אָט די לענדער פון דורעס אָן און זײַנען פּראָדוקטיוו אין עקאָנאָמישן, קולטור־רעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ציִוניסטן אייגענען זיך צו דאָס רעכט צו פאַרטרעטן די ייִדישע אינטערעסן (אגעוו, אין גוירלדיקע צײַטן האָבן זיי געוווײַכט פון דעם...). זיי ווייסן קלוימערשט, און זיי נעמען אָף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט צו פּראָקלאַמירן, אַז די ייִדן געהערן מער ניט צום לאַנד, מיט וועלכן זיי און זייערע אָוועס זײַנען ביז איצט מיט לײַב און לעבן געווען פאַרבונדן; ייִדן, הייסט עס, זײַנען בא זיך אין דער היים „פרעמדע״.

— דער ייִסראָעלדיקער געזעץ וועגן צווייענדיקער בירגערשאַפט (ער גיט דאָס רעכט יעדן ייִדן, אומאָפּהענגיק פון וועלכן לאַנד ער איז אַ ביר־

גער, זיך רעכענען פאר א בירגער אויך פון ייִסראָעל) — דער דאָזיקער געזעץ איז א ציִעניסטישע פּראָוואָקאציע קעגן דעם ייִדישן פאָלק, ער איז דער גרעסטער קוואל פאר אנטיסעמיטיזם אין די הײַנטיקע צײַטן. ווי באוווּסט, האָט אפילע מוסאָלינין זיך ניט אײַנגעגעבן צו פארטרײַבן און פארניכטן די איטאליענישע ייִדן, ווײַל זיי זײַנען פון לאנגע צײַטן אָן איטאליעניזירט. און דאָך איז קיין צווייפל ניט, אז ווען בייס מוסאָליניס הערשאפט וואָלט שוין געווען עפּעס אזוינס, ווי דער ייִסראָעלדיקער געזעץ וועגן צווייענדיקער בירגערשאפט פאר די ייִדן, וואָלט עס געווען די געלעלאטע אָף אָפּצושיידן און כאפּן ייִדן, קעדיי באשולדיקן זיי אין דינען א צווייטער מעלוכע און צו פארניכטן זיי.

— מע קאָן פארשטיין, פארוואָס אין איטאליע האָט ניט דער ציִעניזם קיין באָדן. ער איז דאָ א קרעאטור פון אן אנדער מעלוכע, א ווערביר־אגענט. גאָר א קליינע צאָל איטאליענישע ייִדן זײַנען ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל. זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק, דערשיטערטע פונעם פעלער, וואָס זיי זײַנען באגאנגען. איטאליע, ווי באוווּסט, גיט א סאך עמיגראנטן, אָבער ניט קיין ייִסראָעל. דאָס ארויספאָרן אין אן אנדער לאנד אָף צײַטווײַליקער ארבעט איז א סאָציִאלע דערשײַנונג, ניט קיין נאציִאָנאלע. עס קאָן זיך דוכטן, אז די דאָזיקע טראדיציע האָט געדארפט ארויסרופן אן ענלעכע באוועגונג צווישן די איטאליענישע ייִדן („צווייבירגערשאפט״), אָבער דאָס איז ניט געשען. האגאם איטאליע איז געאָגראפיש דאָס נאָענטסטע לאנד צו ייִסראָעל, איז דער איטאליענישער ייִד ווײַטער פון די ייִסראָעל־עמאָציעס, איידער אן אנדערער.

אגעוו, דעם דאָזיקן לעצטן געדאנק טאָרטאָרעלאס האָט אויך ארויסגעזאָגט דער פּאָפּולערער אין איטאליע סורעאליסטישער טעאָרעטיקער, פּראָפעסאָר טעסטא, מיט וועלכן איך האָב געשמועסט נעכטן באטאָג. פּראָפעסאָר אלדאָ טעסטא האָט אָבער גערעדט וועגן דעם מיט פארדראָס, אפילע ארויסגעזאָגט שטוינונג, וואָס די איטאליענישע ייִדן זײַנען אזעלכע אקשאָנים און מע דארף זיי אײַנריידן אריבערצוּוואנדערן אין זייער „נאציִאָנאלער היים״. אין זײַנע ווערטער האָט געפונען א ווײַטן אָפּקלאנג דער פארבאָרגענער ווילן פון געוויסע קאטוילישע קרײַזן אין די לענדער פונעם „ייִדישן גאָלעס״ פּאָטער צו ווערן פון די אייביקע דיספּוטן בא זיך אין דער היים (צוליב אזעלכע צוועקן איז באקוועמער, אז דער צאד־שעקענעגעד, די ייִדן, זאָלן זײַן צונויפגעזאמלט אין איין לאנד).

אלדאָ טעסטא איז א טשיקאווע פיגור, וועגן אים לוינט עפּעס־וואָס צו דערציילן. זײַענדיק פּראָפעסאָר אין Academia del dialogo, וועלכע געפינט זיך אין דער שטאָט אורבינאָ, האָט ער מיט עטלעכע יאָר צוריק געעפנט אין רוים, אף וויִא דעי מאָנטי פּאריאָלי, א סאלאָן מיטן נאָמען Dialogo. פון דעמלט אָן גיט ער אויך ארויס א פּירכאדאָשימדיקע סאָלידע פילאָסאָפיש־פּובליציסטישע צײַטשריפט אונטערן זעלבן טיטל. קורץ: פּראָפעסאָר טעסטא איז מיט אלע אייוורים פאר דעם, אז מענטשן זאָלן צווישן זיך דיִאלאָגירן. ווען איך האָב אין רוים דאָס ערשטע מאָל דערהערט זײַן נאָמען, האָט עמעצער פון די בײַוועזנדע באמערקט מיט לײַדנשאפט: „דאָס איז דער זעלבער פּראָפעסאָר טעסטא, אין וועמענס סאלאָן עס האָבן

פֿאַריקן דינסטיק זיך דורכגעשמועסט אַף א פּריוואַטן אויפֿן די אמבאסאַדאָרן פֿון זעקס מעלוכעס, צווישן זיי — פֿון עגיפּטן און יִיסראָעל״... איך האָב דערווידערט, אַנווײַזנדיק, אַז א באַגעגעניש צווישן דיפּלאָמאַטן פֿון יִיסראָעל און עגיפּטן, אַפֿילע פֿון גאָר א קליינעם ראַנג, וואָלט ניט געבליבן אומבאַמערקט פֿאַר דער פּרעסע. און מע האָט מיר אַף דעם געענטפֿערט: אין דער הײַנטיקער פּאָליטישער אומגעבונג נייטיקט זיך די וועלט אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז בענעגייע דער אינפֿאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע בעערעך דאָס זעלבע, וואָס עס איז די לעוואָנע בענעגייע די פֿיש אין טײַך: אין דער צײַט, ווען אין טײַך רודערט זיך, איז די לעוואָנע פֿאַרנומען מיט „העכערע זאַכן״. דעם פּראָפֿעסאָר טעסטאַס סאַלאָן פֿאַרנעמט, הייסט עס, אַזאַ „לעוואָנע־פּאָזיציע״...

א גאַנץ געוויינלעכער לויטן אויסזען — מיטעלער וווּקס, א נידעריק אונטערגעשוירן בערדל, שיטערע האָר אַפֿן קאָפּ, ניט קיין אויסדריקלעך פּנעם, — האָט פּראָפֿעסאָר טעסטאַ מיך בעעמעס פֿאַרינטריגירט. פֿונוואַנען דער מאַגנעטיזם זײַנער? איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז אָפּשמועסנדיק מיט אים א שאָ צוויי, ניט ווייניקער, האָב איך קיין ענטפֿער אַף אָט דער פֿראַגע ניט געפֿונען.

מיט דער „רעטעניש פֿון פּאָפּולערקײַט״ טרעפֿן מיר זיך אָן אַף טריט און שריט. אַמאָליקע יאָרן האָט א געוויסן טיפּ מענטשן געדינט דער טיטל „קניאַז״, „גראַפֿיניאַ״, לעמאָשל; „וויקאָנט״, „באַראָנעסע״ אד״ג. — אַזעלכע ניט פֿון גאָט און ניט פֿון דער נאַטור געגעבענע אַטריבוטן האָבן אין די אַדל־קרײַזן דיקטירט די מאַדרייגע פֿון קלוימערשטער איידלקײַט, קלוגשאַפֿט. אָבער פֿונוואַנען נעמט זיך אין די הײַנטיקע צײַטן דער אַנעקדאָטישער פֿענאָמען, ווען, לאָמיר זאָגן, א פֿאַמיליע־נאָמען, וואָס איז „אַרופֿגעפֿאַלן אַף דער צונג״ פֿונעם אוילעם, אָדער עפּעס אַן אַנדער צופֿעליקײַט, איז גענוג, אַז מענטשן, וועלכע ווייסן מער גאָרניט וועגן דעם טרעגער פֿון אָט די „מײַלעס״, זאָלן ווערן עלעקטריזירט באַם דערמאָנען דעם נאָמען זײַנעם...

אין פּראָפֿעסאָר טעסטאַס סאַלאָן פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן א מין סימבאָל פֿון דיִאַלאָגן — צוויי פֿאַרייניקטע צווישן זיך שטולן, וואָס אויב צוויי מענטשן וועלן זיך אַף זיי אַוועקזעצן, וועט דעם ערשטנס מויל אויסקומען לעבן דעם צווייטנס אויער, און אין דער זעלבער צײַט וועט אויך דעם צווייטנס מויל זײַן נאָענט לעבן דעם ערשטנס אויער. טעסטאַן האָט געפּרייט, וואָס דער מיין פֿונעם סימבאָל איז צו מיר דערגאַנגען, און ער האָט צוגעצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט צו נאָך אַן אײַנפֿאַל זײַנעם:

— איר זעט די פֿיגור פֿון יעזוסן אין יענעם ווינקל? יעזוס איז ניט געקרייציקט! ניטאָ קיין צײלעם הינטער אים. טאַקע א טראַדיציאָנעלער יעזוס, אָבער ניט קיין אומגעבראַכטער...

און ער קאָמענטירט דעם אײַנפֿאַל:

— ס׳איז די אידיי פֿון א קאָמפּראָמיס צווישן די רעליגיעס... אין דער עפּאָכע פֿונעם מאַטעריִאַליזם וועלן צעקריגטע צווישן זיך רעליגיעס ניט קענען לאַנג אויסהאַלטן. דער אויסוועג: פֿאַרשיידענע גלויבנס, פֿאַרייניקט אײַך!..

איך האָב פארלאָזט אלדאָ טעסטאס סאלאָן, ניט וויסנדיק, וועמען אָפּצוגעבן גערעכט: יענע מענטשן, וועלכע האלטן דעם כאָשעוון פּראָפּעסאָר פאר א טשודאק, א מין היפּי פון געדאנק, צי פארקערט, יענע, וואָס מערקן אָפּ, אז אין טעסטאס סאלאָן דרייט זיך טאָמיד דער דיִאלאָג ארום דעליקאטע פּראָבלעמען, מערסטנטייל ארום נאָענטן מיזרעך, דערבײַ באנוצט טעסטא אָפט דעם אויסדרוק „די אמבאסאדע פון ייִסראָעל איז מיט דעם, וואָס איך זאָג אײַך, מאסקים"... ס'איז אויך פאר די אָרטיקע באאָבאכטער ניט דורכגעגאנגען אומבאמערקט דאָס, וואָס דער סאלאָן איז געגרינדעט געוואָרן אין א קורצער צײַט נאָכן „זעקסטאָגיקן קריג". עס זײַנען פאראן מענטשן, וועלכע שפּילן ניט אין זשמורקעס, און זיי זאָגן ארויס א מיינונג, אז די ציִעניסטישע צענטערן זײַנען פארינטערעסירט צו האָבן אין אזא שטאָט, ווי רוים, א מין „קלוב", צי „סאלאָן", ווו בא דעם אקטיוון טייל פון דער געזעלשאפטלעכקײַט ווערט פאָרמירט די שטעלונג צו אייניקע פונדאמענטאלע פארן ציִעניזם פראגן. אינעם שמועס מיט מיר האָט פּראָפּעסאָר אלדאָ טעסטא געהאלטן אין איין אונטערשטרײַכן, אז ער האָט אן אידיי, וויִאזוי צו לייזן די פּראָבלעם פון יערושאָלאיִם, און אז, נאטירלעך, „די אמבאסאדע פון ייִסראָעל איז מאסקים" מיט דעם, וואָס ער זאָגט דאָ ארויס. די דאָזיקע אידיי איז, אָפן גערעדט, ניט קיין אָריגינעלע. ניט ווייניק פּאָליטיקער, — פון די, וואָס ווילן ניט אנערקענען, אז די זאך בייטיקט זיך ניט אין קיין פּלאָנטער־אידייען, ס'איז שוין לאנג צײַט אויפצושטעלן די גערעכטיקײַט בענעגייע די אראבישע אײַנוווינער פונעם אָקופּירטן אלט־יערושאָלאיִם, — די דאָזיקע פּאָליטיקער לייגן שוין פון לאנג פאָר רעצעפּטן, וויִאזוי אינטערנאציִאָנאליזירן יערושאָלאיִם. פּראָפּעסאָר אלדאָ טעסטא פארבײַט דעם באגריף „אינטערנאציִאָנאליזירן" מיט „אינטעררעליגיִאָניזירן", דאָס הייסט יערושאָלאיִם זאָל אָפּגעגעבן ווערן די דרײַ וועלט־רעליגיעס און זאָל אײַנצײַטיק, אין, אזוי צו זאָגן, וועלטלעכן פּלאן, געהערן צו ייִסראָעל. אן אינטעררעליגיִעזע אווטאָנאָמיע פאר אלט־יערושאָלאיִם באטײַט, אז דער דאָזיקער טעריטאָריעלער איינס זאָל ארײַן אין באשטאנד פון ייִסראָעל, ווי א מין וואטיקאן...

צוואנציקסטער בריוו

איך האָב זיך דערמאָנט, אז דעם נעכטיקן בריוו צו אײַך האָב איך געשלאָסן מיט א שורע, אין וועלכער עס ווערט דערמאָנט דער וואטיקאן. דאָס וואָרט וואָלט מען געקאָנט אינעם הײַנטיקן בריוו ניט איבערכאזערן, נאָר ס'האָט זיך געמאכט אזוי, אז הײַנט איז גראָד זונטיק, ווען דער פּויפּסט ריכטעט אָפּ זײַן טפילע פארן פאָלק, און איך וועל אײַך ארויסשרײַבן, וויִאזוי איך בין אוועק מיטן שטראָם פון טויזנטער מענטשן אפן פּלאץ פונעם הייליקן פּעטער; דער פּלאץ און די בארימטע קאטעדראל, וועמענס נאָמען ער טראָגט, — דאָס איז, אייגנטלעך, א טייל טעריטאָריע פון דער וואטיקאנישער מעדינע...

איך בין געשטאנען צווישן דעם גרויסן אוילעם, צוגעדריקט צו א פּאָנ־

טאַן בישכיינעס מיטן ריזיקן אָבעליסק פון רויטן גראַניט, וועמענס שעם עס שטאַמט הויפּטזאַכלעך דערפון, וואָס דער אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ האָט אים אַראָפּגעבראַכט מיטן יאַם אַזש פון עגיפּטן און אין דרייַצן הונדערט יאָר אַרום האָבן אַכט הונדערט מענטשן מיט דער הילף פון הונדערט פופ־ציק פערד אים אַריבערגעשלעפּט, לויטן באַפעל פונעם פויפּסט, פון דעם צירק מאַקסימוס, וועלכן ער האָט מיט זיך באַפּוצט, צום פּלאַץ פון וואַטי־קאַן.

דער פויפּסט פּאַוועל VI, אָנגעטאָן אין א ווייַסער מאַנטיע, האָט זיך באַ־וויזן אַפן באַלקאָן, ריכטיקער געזאָגט אין פענצטער, אַפן פערטן שטאָק פון זייַן פּאַלאַץ. בעשאַס דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט, האָט דער פויפּסט אים געבענטשט.

אויב ס'איז ניט קיין גוזמע, אַז פון אַזאַ ווייַטן מעהאַלעך, ווי דער, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פונעם פויפּסט, איז מעגלעך צו זען די ניואַנסן אינעם מענטשנס געמיט, — וואָלט איך זאָגן, אַז דאָס פּאָנעם בא פּאַוועל VI האָט אויסגעדריקט פאַרזאָרגטקייַט. עפּשער איז עס דערפאַר, ווייַל ס'האָט זיך נאָך ניט אייַנגעשטילט דער טומל אַרום דעם בוך פונעם מעקסיקאַנישן גייַ־סטלעכן סאַנעז אַריאַגאַ „די קירכע פון די מאַרטירער", ווו ס'ווערט „אופּגע־דעקט", אַז אָנאַרדאָ מאַרטיני, דער עלטערזיידע פונעם הייַנטיקן פויפּסט, האָט אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־ראַבינער פון רוים און די עלטערן פונעם הייַנטיקן פויפּסט זייַנען געווען — דער טאַטע א געשמאַדטער, די מאַמע א געטויפטע... איי־איי־איי, אַזאַ קאָנפוז! און פון דער צווייטער זייַט, וואָס איז דאָ דער וווּנ־דער? דער אַפּאָסטאָל פּאַוועל, אַזוי צו זאָגן — פּאַוועל I, האָט דען ניט גע־הייסן שאול השלום, און ניט ער האָט דען, לויט דער עוואַנגעליע, געזאָגט: „עמי מגזע ישראל משבט בינימין עברי בן עברי" (איך שטאַם פונעם פאָלק יִשׂראָעל, פון דעם שייוועט ביניאָמין, מייַן פאָטער איז געווען א ייִד, און איך בין א ייִד)?..

ניין, ניט דאָס בוך פון א מעקסיקאַנער גאַלעך, וועלכן מע האָט, אַגעוו, גלייַך אַרייַנגעלייגט אין כיירעם, רופט אַרויס זאָרג באַם פויפּסט.

איז עפּשער האָט פּאַוועל VI אַגמעסנעפּעש פון דעם, וואָס עס איז קראַנק געוואָרן די מאָנאַשקע פּיאָרעלאַ? איר ווייסט, מיסטאַמע, אין וואָס דאָ גייט. באַם אַרייַנגאַנג אין דער קאַטעדראַלע פונעם הייליקן פּעטער איז פערציק טעג נאָכאַנאַנד געשטאַנען פּיאָרעלאַ און ניט אַרייַנגעלאָזט אין די פּאַראַד־נע טירן פונעם וואַטיקאַן די טוריסטקעס, וועלכע טראָגן מיני־קליידלעך. וועגן דעם, ווי וועגן א וועלט־געשעעניש, האָט געשריבן די גאַנצע פּרעסע. „א בושע, — האָט פּיאָרעלאַ געטייַנעט צו די אָנגעטאָן־אויסגעטאָנענע טוריסטקעס, — פאַרשטעלט די קני"... מע דערציילט, אַז זי האָט אַזויאַרום געגעבן אַכציק טויזנט מיידלעך און ווייַבלעך, אַראָפּגעפירטע פונעם גלייַכן וועג, מיט דער קני אין איינעם אָן אָרט... די סקאַנדאַלן זייַנען אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז אַפן פערציקסטן טאָג פון איר דעזשורסטווע איז פּיאָ־רעלאַ קראַנק געוואָרן אָף די נערוון.

גיכער פון אַלץ אָבער נעמט זיך דעם פויפּסטס זאָרג פון א בוך, אויב ניט פון דעם מעקסיקאַנערס — סאַנעז אַריאַגאָס, — איז שוין אָן שום סאָפּעק

פונעם האָלענדערס — סאַן וואַגנערס — בוך „די געטאָ לעבן דעם טײַך טיבער“, אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז אַ קאַפּוצינער גאַלעך מאַרי באַנוא האָט בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע געמאַכט באַמיִונגען אַף צו ראַטעווען ייִדן אין רוים, און ווען ער האָט זיך געווענדט צום פּויפּסט פּי XII נאָך הילף, האָט יענער פאַר די פיר טויזנט ייִדן פון דער שטאָט, איבער וועמענס קאָפּ עס איז געהאַנגען דער כאַלעף, אויסגעטיילט... אַ פּאָר זעקלעך מעל.

קוקנדיק אַף פּאַוועל VI פאַרדײַגעט פּאָנעם, שטעל איך זיך געבוי פּאָר, וויִאַזוי ער האָט אונטערגעהויבן, פאַרן אַרויסגיין אַפן באַלקאָן, דאָס פּאָרהענגל און זיך אײַנגעקוקט אין די עטלעכע צענדליק טויזנט פילפאַרביק־אָנגעטאָנענע מענטשן אַפן פּלאַץ; „אַהאַ, דאָס זײַנען דאָך טוריסטן“... — האָט ער מיסטאָמע דערבײַ אַ טראַכט געטאָן און זיך אָנגעפרעגט, צי מע האָט שוין, סאָפּקאָלסאָף, ווידער געעפנט פאַר באַזוכער די ערשטע קאַפּעלע פונעם קאַטעדראַל, אַף רעכטס פונעם אַרײַנגאַנג, ווו עס שטייט „פּיעטאַ“ — אַן אומגליקלעכע סײַ דערפאַר, וואָס אָט די סקולפּטור־גרופּע שילדערט דאָס באַוויינען אַ טויטן און אַליין דאָס וואָרט „פּיעטאַ“ באַטײַט טרויער, אַנגסט, סײַ ווײַל איינער אַ פּסיכאָפּאַט, אַ טוריסט פון אַוסטראַליע, האָט ניט לאַנג צוריק צעקלאַפּט די סקולפּטור מיט אַ האַמער, און מע האָט זי שוין געהאַלטן קימאַט פאַר פאַרפאַלן.

אַרײַנגייענדיק נאָך דער מעסע אין קאַטעדראַל, האָב איך פונדעסטוועגן אַ זוך געטאָן די מראַמאָרנע סקולפּטור־גרופּע און זי ניט געפונען אַף איר אָרט. ווען איר וועט באַקומען אָט דעם בריוו מײַנעם, וועט שוין עפּשער די פּאַסירונג מיט „פּיעטאַ“ „געהערן דער געשיכטע“. דעריבער — אָנשטאָט צו דערציילן אײַך דאָס, וואָס איר ווייסט שוין פון די צײַטונגען, וועל איך דאָ בלויז אָפּפרישן אין זיקאָרן, באַ אָט דער געלעגנהײַט, איינעם אַ היסטאָרישן פּראַט. איר ווייסט דאָך, אַז „פּיעטאַ“ איז איינס פון מיקעלאַנדזשעלאָס ערשטע ווערק. די צוויִעסדיק־ריינע מאַדאָנע האַלט אַף די קני דעם קערפּער פון איר זון יעזוס און, קוקנדיק מיט שטילן טרויער אַפן טויטן, האַלט זי אים אונטער מיט דער רעכטער האַנט און די לינקע האַנט איז עטוואָס אָפּגעפּירט אין אַ זײַט, ווי די מוטער וואָלט פרעגן: „פאַרוואָס קומט עס אים?“. אָט די האַנט האָט דער מעשוגענער טוריסט פון אַוסטראַליע אָפּגעהאַקט מיט זײַן האַמער! ער האָט אויך צעקרישלט דער מאַדאָנעס פּאָנעם...

די היסטאָרישע דעטאַל, וועלכע כ׳וויל אײַך דערמאָנען, איז אָט וועלכע: ווען „פּיעטאַ“ איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ טעמפּל, איז מיקעלאַנדזשעלאָ נאָך געווען ווייניק באַוווּסט, און אַלס אוטאָרן פונעם ווערק האָט מען אָנגערופן אַנדערע סקולפּטאָרן. ווען מיקעלאַנדזשעלאָ האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער איינמאָל באַנאַכט געקומען מיט אַ לאַמטערן אין טעמפּל און האָט אַף דער ברייטער טאַשמע, וואָס איז איבערגעצויגן איבערן אַקסל פון דער מאַדאָנע, אויסגעקריצט די ווערטער: „דאָס האָט מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי, פון פלאָרענץ, געמאַכט“. אַך, די פאַרשײַטע יוגנט! אין די עלטערע יאָרן האָט שוין דער געניִאַלער מײַסטער קיינמאָל אַזעלכעס ניט געטאָן. קומט טאַקע דעם יונגן מיקעלאַנדזשעלאָ אַ יאַשער־קויעך פון

דער גאנצער וועלט: „פיעטא" איז דאָס איינציקע ווערק זײַנס, וואָס איז פּערזענלעך פון אים אונטערגעשריבן...

צום שלוס וויל איך אײַנקורצן אײַך דערציילן וועגן מײַן וויזיט צו די ייִדישע קאטאקאָמבעס הינטער רוים. אין דעם נעכטיקן בריוו האָב איך פארבײַגייענדיק דערמאָנט, וויאַזוי איך בין אף א פּיאַקער געפאָרן צו וויא אפּיא, וועלכן מע רעכנט פאר איינעם פון די עלטסטע וועגן אין דער וועלט. מיט פיר הונדערט יאָר פאר אונדזער צײַט־רעכענונג האָט מען דורכגעלייגט דעם וועג לויטן באפעל פון דעם רוימישן מעלוכע־מאן אפּיא קלאוודיא. די אלטע שטיינער זײַנען היינט ארײַנגעריבן אין דער ערד, פארטראָגן מיט זאמד, צעקוועטשט ווי פלעצלעך. איבער זיי האָבן געשפאנט די רוימישע לעגיאָנערן. לענגויס וויא אפּיא זײַנען נאָכן זיג איבער ספארטאקן געשטאַנען אײַנגעגראָבן אין דער ערד צוויי לאנגע רייען הילצערנע ציילעמס, צו וועלכע ס'זײַנען געווען צוגעפעסטיקט די געקרייציקטע קערפּערס פון די אופגעשטאנענע קנעכט.

„אלע וועגן פירן קיין רוים" — דאָס דאַזיקע באפליגלטע וואָרט האָט געהאט א סמאך. נײַנצן וועגן האָבן געשטראָמט צום אוראלטן וועלט־קראך, און איינער פון זיי איז געווען וויא אפּיא. פונדאנעז, אפן פאָן פון בלוילעכע בערגלעך, זעען זיך ארויס די סילועטן פון אקוועדוקן, וועלכע האָבן צוגעפירט דאָס טרינק־וואסער צו דער שטאָט. א טייל אקוועדוקן איז דורכגעגאנגען אונטער דער ערד, א טייל — איבער הויכע ארקעס.

אָפּשטעלנדיק זיך אף א רעגע באם קייווער פונעם פילאָסאָף סענעקא, נעראָנס „רעבן", וועלכער איז באגאנגען זעלבסטמאָרד לויטן באפעל פון זײַן געזאלבטן טאלמיד, האָב איך פארקערעוועט צו די קאטאקאָמבעס. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אז ארײַנגיין אין זיי קאָן מען בלויז מיט א שריפט־לעכער דערלויבעניש פונעם אינספּעקטאָר פון אלטערטימלעכקײַטן באם וואטיקאן.

א בעפיירעשער אבסורד: די קאטאקאָמבעס, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער ייִדישער געשיכטע און וואָס אנטהאלטן ייִדישע קוואָרים, באהעל־טענישן, וואנט־געמעלן, אופשריפטן אף העברעיִש און ריטועלע באפוצונ־גען, — זײַנען לויט אן אָפּמאך צווישן דער מוסאָליני־רעגירונג און דעם וואטיקאן (אין 1929) איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער אופזיכט פון דער קריסטלעכער קירך.

נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען מיט א וועכטער איז מיר דאָך געלונגען צו באקוקן פון דער זײַט די אונטערערד. איך האָב זיך דערוווּסט, אז אנ־דערע קאטאקאָמבעס געפינען זיך אין נאָמענטאנא, אונטער דער ווילע, אין וועלכער ס'האָט אמאָל געוווינט אליין מוסאָליני, און איצט געהערט די ווילע און דער פארק ארום איר צום פרינץ טארלאניא.

דער פּראקטישער פרינץ קלײַבט זיך אויסבויען אף דעם אָרט א קוואר־טאל פון ווױין־הײַזער, און דאָס באטײַט, אז די אוניקאלע קאטאקאָמבעס זײַנען אונטער א געפאר.

פּ. ס.

איך לייג צו מײַנע עטלעכע לידער — איטאליענישע מאָטיוון, ארויסגע־כאפּטע פונעם נאָטיץ־ביכל.

א רעפּאָרטאַזש וועגן א רעגנבויגן,
אָנגעשריבן אפן וועג פון רוסלאנד קיין אייראָפּע

א רעגנבויגן —
און גאָר אונטער די פיס!
באם ראנד פון דער פארוואָלקנטקייט, וואָס איבער איך
מיך טראָגן זיך, ווי איבער א באזונטן שניי־פעלד,
און מיטאמאָל:
א רעגנבויגן!
ניט איבערן קאָפּ,
אונטער די פיס — א רעגנבויגן!

דאָרט אונטן, אף דער ערד,
אין דערפלעך אויסגעשווענקטע פונעם רעגן,
דאָרט שטייט מען בא די רינשטאָקן מיט פולע עמער.
און עס פארגלייכט א היימישער פּאָעט
מיט א קאַראָמיסל דעם הימל־בויגן.
ניטאָ אזא מין דאָרפס־מאלקע, וואָס אָפּזאָגן זי זאָל זיך
ארופצולייגן אף די שיינע אקסל
א רעגנבויגן
און אופהענגען אף אים
בא ביידע זייטן
צוויי עמער רעגן.

פון אעראָפּלאן איך קוק ארויס,
און ס׳כידעשט מיך,
וואָס אויך פון אָט דער הייך
איך זע דעם **רעגנבויגן,**
פונקט ווי כ׳וואָלט געשטאנען אף דער ערד—
די עקן צוויי אראָפּגעלאָזט, פארבויגן אף אראָפּ.

און כ׳טראכט:
דער כאָלאָל עפּשער
איז א הימל אין א הימל,
אזוי ווי די מאטריאָשקעס...
צי עפּשער גאָר איז עס אן אויסגעטראכטע זאך,
אז קלוימערשט
צוויי קילאָמעטער די הייך —
דאָס איז דער הימל...

אָט וועל איך פונעם לײנער באלד ארויס,
און אויב דער רעגנבויגן ליגט שוין יאָ אונטער די פיס,

וועל איך ארופּקריכן אף אים,
און ווי אף א פּאַרענטש
(איך טו עס אין מײַן שטוב, באַם לייטער)
זיך גרינג אראָפּגליטשן אף דר׳ערד,

און נאָך באַווײַזן זען —
איבערן קאָפּ
דעם רעגנבויגן.

אין מוזיי

אין מוזיי גייט אום דער שומער
(איך דערקען אים לויט די טריט) —
מיט א פּראָפיל פון א רוימער
און מיט אויגן פון א ייִד.
ווען אין זאל ווערט פוסט פארנאכט־צו
און עס לעשט זיך אוים די שײַן,
גייט ער אויסגעמאטערט, דאכט זיך,
אין דא ווינטשיס בילד אריַין.
אין דעם בילד דערפילט זיך בעסער,
זיצט אָן דײַגעס אינדערמיט
מיטן אָנשטעל פון א צעזאר,
מיטן אײַנפאל פון א ייִד.
אָט אזוי ביז אָנהייב טאָג,
ביז עס קומט דער אינדערפרי —
ביז די דײַגעס, ביז די זאָרגן,
ביז דער ארבעט, ביז דער מי.
דאן די אויגן עפנט קוים ער,
שארט פון בילד ארויס זיך מיד —
מיטן פּראָפיל פון א רוימער,
מיט די אויגן פון א ייִד.

צוגאסט בא מארטשעלאָן

איך האָב געוואָלט פארבײַגיין דיך,
פארוואָרפן שטעטעלע אין בארג־לאנד אפּענינער,
נאָר שולדיק איז דאָס ייִנגעלע מארטשעלאָ
(אין א געזינד דער איינציקער פארדינער) —
צוויי בענטשנדיקע קויטיק־מאָגערע,
ניט קינדערישע הענט

האָט ער א שפּאר געטאָן צו מיר און אויסגערופן טראגיש:
— סיניאָר! פארשטייט זיך, אז איר קאָנט
פארבײַגיין אונדזער אָרעם שטעטעלע. אײַך אָפּשטעלן
איך וואג נישט...
נאָר כ׳בעט אײַך! קומט צו אונדז ארײַן,
אפּילע אויב איר האָט קיין אינטערעס דערינען.
גיט מיר א לירע צו פארדינען!

עס האָט געדוכט:
מארטשעלאָס קאָל אין געסלעך דײַנע קלינגט פון אלע
שוועלן.
פארוואָרפן שטעטעלע, ווי קאָן מען אָפּזאָגן דעם ייִנגעלע
מארטשעלאָ?

איצט פירט ער מיך, ווי א דעראָבערער, צו זיך אהיים.
קונדייסים אף דער גאס פארוווּנדערט קוויטשען.
און ער איז אייפערזיכטיק, לאָזט ניט צו צו מיר
און שרײַט.
— אמיטשי!
קוועסטאָ ע׳ איל מי׳אָ אָ׳ספּיטע![1] — ער שרײַט
און ווידעראמאָל:
— לאָ פאָרטא׳טאָ י׳אָ![2]
און ס׳טראָגט זיך אין דער ווײַט
פון דעם כאלופּקעלע מארטשעלאָס, וואָס ער רופט עס
„פערמע״:
— ע ווע׳נוטאָ קווי פּ׳ער מע![3]

איך וואָלט געקאָנט פארבײַגיין דיך,
פארוואָרפן שטעטעלע אין בארג־לאנד אפּענינער,
נאָר כ׳מוז צוליב מארטשעלאָן
טאָן עס:
געבן אים א לירע צו פארדינען...

ייִדישע קאטאקאָמבעס אף וויִא אפּיִא

עפּשער טאקע בין איך ניט קיין אויסנאם,
עפּשער האָבן אָוועס מיך פארפירט
אין דער הייל, ווּו נארעריש און גרויזאם
ברענט א סטרעמפּל אײַז אָנשטאָט א ליכט.

---

[1] פרײַנט, דאָס איז מײַן גאסט!; [2] דאָס האָב איך אים געבראכט צו פירן!;
[3] ער איז געקומען צוליב מיר!

עפשער דאָ געברענט האָבן מענוירעס,
וואָס פון פלאַם געראַטעוועט זיי האָט
יענער דאַר, בא וועמען נײַע דוירעס
נעמען אָפּ פון אָוואר דעם געבאָט.

איך געקומען בין אהער, זײַט מויכל,
ניט צוליב אן אויסדערוויילטן צוועק.
כ׳האָב דערזען, ווי פון דער הייל א רויכל
ציט ארויס, און האָב געטראַכט מיט שרעק:

עפשער איז געשען אזא מין אויסנאַם —
כ׳וועל דערזען די אָוועס אומגעריכט...
נאָר אין הייל סײַ נאַרעריש, סײַ גרויזאַם
ברענט א סטרעמפּל אײַז אָנשטאָט א ליכט.

א טוריסטישע באלאדע

— עפשער באַם פּויפּסט
דיר קויפן זײַן קרוין,
מײַן טײַערע יעפּאַסטויער?
— קויף מיר, מײַן מאַן, א כורווע אין רוים,
לעם סאַמע טיטוס־טויער.

— כורוועס אין רוים
גיט מען אומזיסט, —
פאַר אלע ווײַבער אָפן.
— טאַקע אָט דאָס, מײַן מאַן, מיך פאַרדריסט,
לאָזט אין די נעכט ניט שלאָפן.

— עפשער מיט טיטוסן
ביסטו צעשיידט
פון בייסהאַמיקדעש־צײַטן?
— מײַן מאַן, עפּעס רעדסטו מאָדנע רייד,
איך האַלט מיך פאַר די זײַטן...

— כ׳וויל זאָגן:
אַף טיטוסן טראָגסט א פאַרדראָס,
היסטאָריש, אזוי צו זאָגן...
— מײַן מאַן, אויב א כורווע טײַער קאָסט,
איז קויף מיר אין רוים א פּאָר זאָקן...

רוים אין אָוונט

קומט דער אָוונט,
און די רוימער גאַסן,
די באַקאַנטע,
איך דערקען קוים־קוים.
גאַסן
זײַנען טונקל און געלאַסן,
א ספּעקטאַקל שפּילט זיך אָפּ אין רוים.

יעדערן עס פּאַסט די פרעמדע ראָליע,
גאַרנישט אינעם טאָעס מע פאַרלירט.
א מאָנאַשקע —
אויף א מאָטאָראָלער,
מיני־קלײדלעך —
אין א מאָנאַסטיר.

קלאָלעס. שוועס. דראָונגען און טרערן.
„נעם — און לעבו..."
„היי, גיב מיר, אָדער שטאַרב!.."
אקסעלבאַנטן בא קאַראַבינערן
און בא זוינעס באַנטן —
פון איין פאַרב.

אויף די פּלעצער שטייען מיט ראַכמאָנעס
העלדן פון פאַרצײַטנס — שוין גענוג?
אין די גאַסן גייען אום מאַדאָנעס,
וועמענס קינדער זיצן אויפן ברוק.
אין דער שטופּערײַ, אין טומל הער איך —
א פאַרליבטער שעפּטשעט, ווי א שפּרוך:
„קום אַרײַן, סיניאָרע, אין פּיצעריע,
נעם א פּיצל
פּיצאַ
און פאַרזוך..."

עס איז אָוונט,
און די רוימער גאַסן,
די באַקאַנטע,
איך דערקען קוים־קוים.
גאַסן
זײַנען טונקל און געלאַסן,
א ספּעקטאַקל שפּילט זיך אָפּ אין רוים.

כ׳זיץ לעם באַלאַניע אין א שענק

פונוואנען איז דער מענטש געגאן —
פון אפריקע, צי פון די אנדן?
געארבעט מיט א שטיין אין האנט,
צי דאן מיט שטיינער שוין געהאנדלט?

וואָס האָט מיט זיך דער מענטש געבראכט
אינעם פארמעסט פון פרייד און זאָרגן —
פון טריבע שענקלעך דעם פארנאכט,
צי פון די פעלדער דעם פרימאָרגן?

כ׳זיץ לעם באַלאַניע אין א שענק,
ווו פניי־סיניאָרן עסן־זויפן.
עס קומט ארײַן א קינד און ברענגט
אן עמער וואסער צו פארקויפן.

דערנאָך א מיידל קומט ארײַן,
צעשפּיליעט בא די בריסט דאָס קאָפּטל
און זאָגט, אז פאר א בוטל ווײַן
דו קאָנסט מיט איר דײַן ווילן אָפּטאָן.

נו, יאָ — דער מענטש, ער איז געגאן
פון דאָרט, פון דאָ, פון ערטער אנדערע, —
געארבעט מיט א שטיין אין האנט
און שוין מיט שטיינער אויך געהאנדלט.

איין־און־צוואנציקסטער בריוו

מיסטאמע כידעשט איר זיך, פארוואָס כ׳האָב ביז איצט נאָך ניט געשריבן וועגן דער ייִדישער געטאָ אין רוים. טאקע — פארוואָס?

ווען איך זאָל זײַן אן ארכעאָלאָג, לעמאָשל, וואָלט גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען: אָט דאָ, אפן רעכטן ברעג פונעם טײַך טיבער, איז דאָס סאמע אָרט אף צו דערזען די ארכעאָלאָגיע פונעם אמאָליקן ייִדישן לעבן אין דער אייביקער שטאָט. פונקט אזוי ווי עס טרעפט, אז א פלאסט פון שטיינקוילן ליגט אפן אויבערפלאך פון דער ערד — מע קאָן אים ארויס־באקומען, ניט גראָבנדיק קיין שאכטעס, — אזוי איז אויך דאָ אָפן פארן אויג די געטאָ־ארכעאָלאָגיע. עס ליגט פאר דיר פארגליווערטער אָוואר. באַ־שרײַב אים, און פארטיק.

און איך, קומענדיק אלע טאָג אין דער עלטסטער געטאָ פון דער וועלט, האָב געוואָרט, געוואָרט, געוואָרט, — אף וואָס האָב איך געוואָרט? אף די מענטשן! צי קען מען זיך באנוגענען מיט שטיינער פון דער געטאָ? און די מענטשן זײַנען ווו?

איך געדענק, ווי אין אמסטערדאם האָט מיך געמוטשעט דער זעלבער געפיל. אויך די דאָרטיקע געטאָ איז א מין כיראָסימא, — אירע מענטשן האָבן זיך ווי אויסגעדעמפט, און עס זײַנען פארבליבן בלויז אָפּשטעמפּלונ־גען פון זייערע פיאַטעס אף די שטיינער פון דער גאַס. איך האָב אין אמסטערדאמער געטאָ־ראַיאָן אָנגעשריבן א ליד, וואָס רופט זיך אָן „אמ־סטערדאם, ווהין האָסטו אהינגעטאָן שפּינאָזען?".

און אין לאָנדאָן האָב איך ארומגעבלאָנקעט איבער ווײַטשעפּל...

געטאָס זײַנען געוואָרן געשיכטע, נאָך מער — זיי זײַנען ארכעאָלאָגיע. איז עס גוט? צי שלעכט? ס'איז גוט, וואָס געטאָס זײַנען פארשוואונדן. שלעכט, וואָס דער קאפּיטאַליזם האָט ניט געגעבן קיין אלטערנאטיוו. אין אייניקע ערטער (אין ניו־יאָרקער וויליאמסבורג) האָט ער ניט געקאָנט בעסער צוטראכטן, ווי אָפּשטעלן דעם גאנג פון דער געשיכטע אין דער געטאָ.

דאָרט, ווו די אייראָפּעישע געטאָס זײַנען אמאָל געווען, האָבן זאמדן שוין פארשאָטן אַלץ מיטאנאנדער. וועגן נײַע שפּראָצונגען איז קיין רייד ניטאָ. איך בין ארומגעגאנגען איבערן אלטן שטאָט־פערטל פון רוים טראסטעווער, אפן רעכטן ברעג פונעם טיבער, אין די קרומע, שמאָלע, פינצטערע געסעלעך־ריוון, און ניט באגעגנט קיין נײַע מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן אָפּגעשאַפן די געטאָ בעקיוון, מיט א מיין, נאָכפאָלגנדיק א פּאָזיטיווע פּראָגראם. ניין, די געטאָ אין רוים האָט מען פארלאָזט, פּונקט אזוי ווי מע האָט פארלאָזט אנדערע כורוועס אין אָט דער שטאָט.

מיר ווייסן, אז כורוועס זײַנען פאראן פארשיידענע. פּאַוולאָווס הויז אין סטאלינגראד איז אויך א כורווע, אָבער אוועלכע?

ביז איצט האָב איך אײַך ניט געשריבן וועגן דער געטאָ, ווײַל איך האָב געדארפט בא זיך אליין פּוּעלן, צי ס'איז ביכלאל נייטיק באשרײַבן די גאסן, וואָס האָבן אמאָל געהייסן „געטאָ".

איינער א יידישער זשורנאליסט האָט באצייכנט אויך דעם וואטיקאן אלס געטאָ. אזוי צו זאָגן, אין רוים שטייען איינס קעגן דער אנדערער צוויי געטאָס.

יאָ, געטאָ איז טאקע א פארשלאָסענער און אָפּגעזונדערטער געביט. אָבער אויב אופנעמען עס פּאָרמעל, אבי א שטיק ערד איז אָפּגעטיילט פון דער וועלט מיט א וואנט, קאָן מען דאָך אויך די גיגאנטישע כינעזישע מעדינע אָנעמען פאר א געטאָ... וואָס איז שײַך דעם וואטיקאן, איז פּאַשעט אומעגלעך צו געפינען נאָך א צווייטן בײַשפּיל פון אזא מין פארשלאָסנקײַט, וועלכע זוכט, אז אלץ ארום זאָל פאר איר, צוליב אירע אינטערעסן, זײַן אָפן. אפילע א קינד ווייסט, אז געטאָ און אָרעמקײַט, געטאָ און רעכטלאָזיקײַט זײַנען סינאָנימען, און ווער וועט לייקענען, אז סינאָנימען זײַנען וואטיקאן און פאנטאסטישע רײַכקײַט, וואטיקאן און געזאלבטע מיט גאָטס נאָמען אלמעכטיקײַט.

פאראן עפּעס אזוינס, וואָס איז אין דער זעלבער מאָס אייגנטימלעך פארשיידענע געטאָס. אָבער עס איז קלאָר, אז געטאָ צו געטאָ איז ניט גלײַך. דער בונקער אין ווארשעווער געטאָ איז פון דעם זעלבן מין, ווי פּאַוולאָווס הויז אין סטאלינגראד! אָבער די אלטע שול אין רוימער געטאָ

מיטן יאַרמלקע־יִנגעלע באַם אַרײַנגאַנג, װעלכער רוקט אַרײַן אין האַנט דעם טוריסט אַ מאַכזער, געדרוקט אין איטאַליעניש, — די אויסגעלײדיקטע פֿון היסטאָרישקײַט און ניט־באַנײַטע מיט הײַנטיקײַט סינאַגאָגע איז פֿול מיטן זעלבן ערזאַץ פֿון פֿאָלקישקײַט, װעלכער װערט מיצאַד די אָבסקוראַנטן קאָנסערװירט אין װיליאַמסבורג.

געטאָס זײַנען שטענדיק געװען אַ סאָציאַלע דערשײַנונג, און הײַנט — אװאַדע.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר איך האָב אין דער אַרכעאָלאָגיע ניט געפֿונען אַזױנס, װעגן װאָס אַ סאָװעטישער יִדישער שרײַבער זאָל דאַרפֿן מיט גרױס אײַלעניש טײקעף־אומעיאַד מיטײלן זײַנע לײענער. אָט, װען אין די גאָר־גאָר אַלטע געסעלעך און ליקן פֿון דער געװעזענער רױמער געטאָ װאָלט איך געפֿונען כאָטש אײן לײען־קרײַזל פֿונעם יִדישן בוך, אָדער אַ בינע־זאַל, װוּ מע שטעלט אָן אײנאַקטער מיט, לעמאָשל, דער יִדישער װערסיע פֿון אַ הײַנטצײַטיקער אַל־איטאַליענישער פּראָבלעם, — אָט דעמלט װאָלט זיך צעשפּילט אין מיר דער אינטערעס.

יִדן זײַנען געקומען קײן רױם פֿון אַלעקסאַנדריִע מיט העכער צװײ טױזנט יאָר צוריק. מע רעכנט, אַז אין אָנהײב פֿונעם 2־טן יאָרהונדערט ערעװ אונדזער צײַט־רעכענונג האָבן זײ דאָ שױן געשאַפֿן אַ קעהילע. אַ סימען — אין 139־טן יאָר פֿאַר קריסטוסן האָט דער פּרעטאָר גיספּאַן אַרױסגעגעבן אַ דעקרעט, מע זאָל זײ אַרױסטרײַבן, און אױב מע טרײַבט עמעצן אַרױס, איז עס דער בעסטער באַװײַז, אַז ער איז דאָ.

די געשיכטע פֿון די יִדן אין רױם פֿאַרמאָגט אין זיך ניט װײניק פּיקאַנטע סוזשעטן. אַשטײגער, װען עס האָט רעגירט דער פּױפּסט ני־קאָלײַ IV (מיט אַ יאָר זיבן הונדערט צוריק), האָט אין זײַן הױף געהאַט אַ גרױסן שעם דער דאָקטער איסאַאַק בען מאָרדעכײַ. אונטער דער װירקונג פֿון דעם געלערנטן מאַן האָט דער פּױפּסט געטאָן אַ סאַך טױװעס דעם יִדישן יִשעװ, האַלטנדיק זײַן צאַד בײַס די פֿאַרפֿאָלגונגען, װאָס די יִדן האָבן געהאַט אױסצושטײן פֿון קאַטױלישע גײַסטלעכע. אַדאַנק דעם דאָק־טערס אױפֿקלערערישער טעטיקײַט האָט די קעהילע אײַנגעפֿירט אַ לימעד אױף צו דערלערנען מײַמאָנידס פֿילאָסאָפֿיע. נאָך מער: װען די כלוקעדײעס אַרום מײַמאָנידן זײַנען דערגאַנגען צו פֿראַנקרײַך, האָט די רױמישע קע־הילע אװעקגעשיקט אַהין אַ ראָװ מיטן נאָמען סימכע, און יענער האָט געבראַכט אױף די ברעגן פֿון דער סענע אַ קאָפּיע פֿון מײַמאָנידס קאָמענטאַרן צו דער מישנע: נאַט, לײענט עס אַלײן, װעט איר װיסן, װאָס פֿאַר אַ כאָכמע עס איז דאָ אַרײַנגעלײגט...

טשיקאַװע איז די „יִדישע ליניע" אין דער געשיכטע פֿונעם אוראַלטן רױם. באַ סטענדאַלן, אין זײַן בוך „שפּאַצירן איבער רױם", װערט דער־צײלט, אַז אין קלױסטער סאַן־דזשאַקאָמאָ געפֿינט זיך דער שטײן, אױף װעלכן מ'האָט קלױמערשט מאַלע געװען יעזוסן. אױפֿן שטײן איז נאָך דאָ אַ „סימען", װאָס דער פֿוס פֿונעם קינד האָט איבערגעלאָזט (אָפּשטעמפּלונ־גען פֿון פּיאַטעס אױף שטײנער...). עס װערט איבערגעגעבן אַ מײַסע, אַז אַ פֿור מיט רעליקװיעס, צװישן זײ אָט דער שטײן, איז געפֿאָרן צו דער קאַטעדראַלע פֿונעם הײליקן פּיאָטער, װוּ די רעליקװיעס האָבן געדאַרפֿט

אַפּגעהיט ווערן פאַר דער אייביקייט, נאָר אינמיטן וועג, לעם קלויסטער סאַן־דזשאַקאָמאָ, האָט אַן אומזעבאַרע האַנט אָפּגעשטעלט די פור — פונעם שטויס איז דאָס פערד שיר ניט אומגעפאַלן. די רעליקוויעס זײַנען שוין דאָ פאַרבליבן.

האַקלאַל, ווידעראַמאָל היסטאָריע און מיטאָלאָגיע, נאָכאַמאָל אַרכעאָ־לאָגיע...

הײַנט האָב איך פאַקטיש זיך געזעגנט מיט דער רוימער געטאָ — געווען דאָ דאָס לעצטע מאָל, גרייט שוין זיך לאָזן אין וועג. מאָרגן וועל איך צופאָרן אַף אַ פּאָר טעג קיין פלאָרענץ, און דערנאָך — אַהיים.

אינדערפרי איז געווען קילבלעך, ערטערווײַז אַפּילע קאַלט. פון די בערג האָט געבלאָזן אַ ווינט — „טראַמאָנטאַנאָ”. איך בין לאַנג אַרומגע־גאַנגען אין די געסלעך פון דער געטאָ. איבערן קאָפּ, אַף דורכגעצויגענע פון הויז צו הויז שטריק, האָבן געפלאַטערט אַפן ווינט די באַרימטע פענער פון טראַסטעווער — ווײַבערשע און מענערשע גרעט־שטיקלעך. איך האָב זיך געפילט איינזאַם. און מיטאַמאָל האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שטראָם פון היימישער וואַרעמקייט. אַ פּרוי פון אַ יאָר דרײַסיק, אָנגעטאָן אין אַזעלכע זאַכן, וואָס באַווײַזן, אַז זי איז אויסגעטאָן, האָט אַ רוף געטאָן עמעצן, אַריבערבייגנדיק זיך פונעם באַלקאָן פון דעם צווייטן שטאָק פון אָפּ־געריבן הויז, אַן אויסגעוואַלגערטס אין דער רויטער ווייסט וואָס. אַף דער צעוואַלגערטער הילצערנער טעראַסקע, אין וועלכער עס שפּאַרט זיך פונקט אָן דער באַלקאָן, האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע פּרוי פון אַ יאָר זעכציק, אַ פאַרקוטעטע אין אַ שוואַרצער ראָטאָנדע, וואָס פאַרשפּיליעט זיך ביז צום קין, און אין אַ שוואַרצער פאַטשיילע. ס'האָט אויסגעזען, ווי די יונגע וואָלט אַ רוף געטאָן די אַלטע ספּעציעל קעדיי ווײַזן אַ ספּעקטאַקל פון ווײַבערשער קריגערײַ, ווײַל ווי נאָר די צוויי האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן, איז אַוועק אַזאַ גוואַלד — מיט הענט־וואַרפעניש און צוצמאָקען מיט דער צונג, מיט פײַגן און איבערקרימעניש, — אַז אין מײַן זיקאָרן האָט זיך אָנגעהויבן דרייען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך אַף אַ קורצמעטראַ־זשיקן קינאָפילם מיט קאַדרען פון דער שוין פאַרגעסענער פריִער קינדהײַט.

אינגאַנצן אומגעריכט פאַר מיר איז געווען דער פינאַל פונעם ספּעקטאַקל. די צוויי פרויען האָבן אין איין אויגנבליק זיך אויפגעהערט צו קריגן. די עלטערע האָט, אָן אַן אַריבערגאַנג, גענומען זינגען עפּעס אַ קאַנסאָנעטע, די ייִנגערע האָט אָנגעהויבן געמיטלעך שמועסן מיט אַ באַוואָנציקטן מאַנצבל, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אין שאָטן אַפן טראָטואַר און נאָכגעשפּירט נאָכן ווײַבערשן דועט.

צוריק פון דער געטאָ בין איך געגאַנגען דורך די הינטערגעסלעך פון רוים. ביסקל דעם נאַוואָנאַ־פּלאַץ האָב איך אויסגעמיטן פּאַראַדנע מאַ־גיסטראַלן. בײַ בערניניס „פאָנטאַנען פון די פיר טײַכן” — „פאָנטאַנאָ דעי פיומי” — האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און שוין דאָס ווײַטלעך מאָל באַ־טראַכט די פאַרקערפּערטע אין מאַרמאָר און גראַניט מענטשלעכע שוואַכ־קײַטן באַ גרויסע קינסטלער. איך וועל אײַך דערמאָנען, אין וואָס דאָ גייט. די סוזשעטישע „אקס” פון דזשאָוואַני לאָרענסאָ בערניניס סקולפּטור־גרו־

פּע — דאָס זײַנען די מעכטיקע פיר מאַנצבלשע פיגורן, וועלכע סימבאָלי־זירן פיר וועלט־טײַכן: ניל, לאַ־פּלאַטאַ, גאַנג, דונײַ. ס'איז איבעריק צו ריידן וועגן דער מײַסטערשאַפט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס „פאָנטאַנאַ דעי פיומי". נאָר אָט — אַ קאָנפוז: איין פיגור פירט זיך אוף עפּעס זייער מאָדנע, ניט אַזוי ווי עס דרינגט אַרויס פון דער לאָגיק. אָנשטאָט צו „שפּילן אין אַנסאַמבל", אונטערהאַלטן די שטימונג און די פּראָפּאָרצן פון דער גאַנצער גרופּע „טײַכן", האָט גאָר איין פיגור אופגע־הויבן די האַנט אין דער הייך און מיט ווידערווילן פאַרשטעלט זיך די אויגן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די פיגור־פײַנשמעקערן „וויל ניט" קוקן אַף דער סטאַטוע פון אַ מאַדאָנע, וועלכע שטייט קעגנאיבער, אַפן דאַך פון דעם שכײנעסדיקן קלויסטער.

— מאָדנע, זייער מאָדנע, — קוועטשן מיט די פּלייצעס אייניקע טור־ריסטן, — אוממגלייבלעך, אַז אין אַ סקולפּטור־גרופּע זאָל איינע פון די פיגורן זיך אופירן מײַסע לעבעדיקער נעפעש, אַזוי, ווי ס'פאַרגלוסט זיך איר...

אָבער אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָ די סיבע — אַ קריגערײַ, ניט צווישן צוויי סקולפּטורן, נאָר צווישן צוויי סקולפּטאָרן. בערניני און זײַן מיטצײַטלער באָראָמיני — דער אוטאָר פון דער מאַדאָנע — האָבן זיך איבער עפּעס צעשטורכעט, און בערניני האָט ניט געקאָנט פאַרלײַדן, וואָס פונקט אַנטקעגן „פאָנטאַנאַ דעי פיומי" וועט שטיין די מאַדאָנע פון אָט דעם באָראָמיני.

יאָ, מיט אָריגינעלע וועגן זײַנען צו אונדז דערגאַנגען די לײַדנשאַפטן פונעם אָוואַר. אין מעשעך פון העכער דרײַ הונדערט יאָר איז דער פּלאַץ נאַוואָנאַ אַן אַרענע פאַר אַ דראַמע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אין דער „שע־פערישער סוויווע פון סקולפּטאָרן". מיינט אָבער ניט, אַז, לעמאָשל, בײַ די פּאָעטן איז אין אוראַלטן רוים געווען אַלץ גלאַט. בישכײנעס מיטן פּלאַץ נאַוואָנאַ איז פאַראַן אַ קליין פּלעצל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם דיכטער פּאַסקווינאָ. איז דאָ די געשיכטע ניט ווייניקער פּיקאַנט, איידער יענע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן בײַ בערנינים „טײַכן".

דער דיכטער פּאַסקווינאָ האָט געפירט אַ צולאָכעס ניט מיט עפּעס אַ סקולפּטאָר באָראָמיני, נאָר מיטן פּויפּסט אַליין! ער האָט געשריבן סאַטירעס, פול מיט סאַרקאַזם קעגן גאָטס פאַרטרעטער אַף דער ערד, און די פּויפּסט־לעכע מאַכט האָט, נאַטירלעך, פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן זיי. וואָס האָט געטאָן פּאַסקווינאָ? אַפן פּלעצל, וועגן וועלכן איך דערמאָן דאָ, פלעגט ער יעדע נאַכט אַרונטערלייגן אונטער דער סטאַטוע פון דער הייליקער מאַ־ריִע אַ נײַע סאַטירישע ליד, און אַף מאָרגן האָט שוין גאַנץ רוים זי אויסווייניק געלייענט אין די גאַסן, אַף די פּלעצער, אין די קאַפע־הײַזער.

מע דערציילט, אַז לויטן בײַשפּיל פון פּאַסקווינאָ האָט אין גאַנץ איטאַ־ליִע זיך פאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע פון אונטערלייגן אונטער סטאַטועס בלעטלעך פּאַפּיר מיט פערזן. ווען מע האָט וועגן דעם דערציילט אַלעק־סאַנדער בלאָקן, בײַס זײַן רײַזע איבער איטאַליע, האָט ער אַרויסגעזאָגט באַדויערונג, וואָס די מענטשהײַט האָט דורכגעלאָזט אַ געלעגנהײַט צו האָבן אַ זעלטענע זאַמלונג פון גראַפאָמאַניע, און דאָס איז געווען אַזוי

גרינג צו פאַרווירקלעכן, ווען עמעץ וואָלט זיך דערטראַכט אוועקצונעמען יעדן טאָג פון די סטאַטועס דאָס, וואָס באַנאַכט האָבן אונטערגעלייגט הונדערטער און עפּשער טויזנטער מענטשן, קראַנקע מיט גראַמענמאַכערײַ...

צוויי־און־צוואַנציקסטער בריוו

פאַרן אָפּפאָרן קיין פלאָרענץ בין איך געווען צוגאַסט באַם סענאַטאָר אומבערטאָ טעראַטשיני. ער האָט מיך אופגענומען אין זײַנע אַרבעט־צימערן אין סענאַט.

ווי איך האָב נאָך פריִער געקאָנט באַמערקן פון דער פּרעסע, נייטיקט זיך טעראַטשיני אין צוגאָבלעכער אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָפּן גערעדט, ווען אין „ל'עספּרעסאָ” האָט זיך באַוויזן (דאַכט זיך, אין מאַרט 1971) זײַנע אַן אַרויסזאָגונג אַרום דעם לענינגראַדער מישפּעט איבער דער גרופּע אַעראָפּלאַן־פאַרכאַפּער, איז שווער געווען צו מאַסקים זײַן מיט זײַן שטעלונג. איך האָב באַשטימט, זײַענדיק אין רוים, זיך דורכשמועסן מיטן אַלטן סענאַטאָר־קאָמוניסט. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן דעם אַנטיקווארן מעבל אין די סענאַט־צימערן אַ מידער פון די טאָג־דײַגעס, און גערעדט, אין גרונט, טאַקע וועגן דעם, אַז אָפּן מײַרעוו איז מען ניט גענוג באַקאַנט מיט די פאַקטן פון אונדזער לעבן: עס זײַנען פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון אינפאָרמאַציע.

מיר האָבן געשמועסט אַ גוטע פּאָר שאָ, און ווען איך בין אַרויסגע־גאַנגען פון דער געבײַדע פונעם סענאַט, איז שוין געווען סאָף טאָג. פאַרבײַפאָרנדיק דעם קאָליזיי, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו זען פונדאַנען דעם זון־פאַרגאַנג איבער רוים, בייס וועלכן די קאָכיק־צונטע לאַווע פון דער זון־שמעלצונג האַלט זיך אין איין אַריבערגיסן — פון דעם הימל אין די מעטאַלענע קופּאָלן פון דער שטאָט, און, ווידער, פון די שוין, דאַכט זיך, צעשמאָלצענע שטיקער מעש, קופּער, גאָלד אָפּן לײַב פון דער שטאָט — צוריק אין הימל אַרײַן.

דער קאָליזיי איז, ווײַזט זיך אַרויס, ניט אַזוי פּאַרהאַקט, מע זאָל שוין ניט קאָנען אַהין אַרײַנרוקן די נאָז. אַזאַ גרויסע כורווע איז פּאַשעט אומעג־לעך צו פאַרשליסן אָף אַ שלאָס. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין איינעם אַ דורכגאַנג, און דאָס בילד, וואָס כ'האָב דערזען, איז אומעגלעך איבער־צוגעבן מיט ווערטער. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין די נעכט איז דער קאָליזיי אַ מאָקעם־מיקלעט פאַר דער רוימישער אונטערוועלט. קלאַוור־דיִעס אַמפיטעאַטער איז אין פיל ערטער באַלויכטן מיט שײַטערס, אַרום וועלכע עס זיצן מענטשן — מאַנצבלען און פרויען — אָפּגעריסן און אָפּ־געשליסן, מע טרינקט, מע זינגט, מע שלאָגט זיך, מע שפּילט סצענעס, מע קושט זיך... די בראָדיאַגעס, פּראָסטיטוטקעס, קעשענע־גאַנאָווים, גלאַט פאַרפאַלענע מענטשן האָבן דאָ אײַנגעשטעלט זייערע קלאָלים, און אין רוים רעדט מען, אַז אַ פרעמדער קאָן פאַרנאַכט אַהער אַרײַנגיין, — פאַר־טאָג וועט מען אים פונדאַנען אַרויסטראָגן...

קיין פלאָרענץ בין איך געפאָרן מיט דער באַן. אין קופּע זײַנען אויסער מיר און מײַן באַגלייטער געזעסן פיר מאַנצבלען מיט אַן אַלציינעם אויס־

זען, אין אַלציינע פּידזשאַקלעך, מיט אַלציינע טשעמאָדאַנדלעך — ווי פּיר ברידער, דאָרפסלײַט, וואָס פאָרן אין באָד אַרײַן, — און זיי האָבן זיך שטאַרק געקריגט. צוביסלעך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ניט זיי קריגן זיך, נאָר זיי שטעלן אוף אין זיכּאָרן פּראָטים פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו זיי אַלעמען אַ דירעקטע שײַכעס. זיי זײַנען פונקציאָנערן פון דער נעאָנאַציסטישער פּאַרטיי „איטאַליענישע סאָציאַלע באַוועגונג", און פאָרן פאַרט מען אַף אַ מיטינג פון אָט דער כעוורע אין דעם שטעטל פּרעדאַפּיאָ, ניט ווײַט פון מילאַן, ווו אַפן אָרטיקן בעסוילעם איז אײַנגעמויערט אין דער וואַנט דאָס אַש פונעם דוטשע, וועלכן זיי רופן „קאַוואַלער בעניטאָ". זייערע געשרייען זײַנען אָט וועגן וואָס. לעמאָשל, אײנער זאָגט, אַז מוסאָליניס אַלמאָנע, די 82־יאָריקע ראַשעל (זיי רופן זי „ראַקעלע"), באַקומט שוין פאַר איר מאַנעלע אַ פּענסיע — די איטאַליענישע רעגירונג האָט נאָכגעגעבן איר פאָדערונג. דאַן שלאָגט אים איבער דער צווייטער און שרײַט אַפן גאַנצן וואַגאָן, ווענדנדיק זיך צו זײַנע כאַווײרים, צו מיר, צו די פּאַסאַזשירן, וועלכע גייען פאַרבײַ דער קופּע, — אַז „קאַוואַלער בעניטאָ" פאַרדינט בעפּיירעש אַ פּענסיע, ווײַל ער איז געווען זעקס יאָר אַ לערער אין אַן אָנפאַנג־שול, געדינט אַכט מיט אַ האַלב יאָר אין מיליטער, און צוואַנציק יאָר מיט אַכט כאָדאָשים און מיט זיבן און צוואַנציק טעג האָט ער „געאַרבעט אַלס דוטשע". דער דריטער שאָכן מײַנער כאַזערט איבער מיטן טעמפּעראַמענט פון אַ גאַסן־רעדנער די ווערטער, וואָס עס האָט ערשט נעכטן געזאָגט באַ אַ געלעגנהײַט ראַקעלע. זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט געקאָנט פאָדערן נאָך אַ גרעסערע פּענסיע — אַלס די אַלמאָנע פון אַ געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער איז „באַפרײַט געוואָרן פון די פליכטן" (אַ היסטאָרישע ספּראַווקע: די איטאַליענישע פּאַרטיזאַנער האָבן מוסאָלינין באַפרײַט אַף אַזאַ אויפן. דעם 25 יול 1943 האָבן זיי אים געקעפּט און אופגעהאַנגען דעם פייגער מיטן קאָפּ אַראָפּ אַף איינעם פון די מילאַנער פלעצער. — א. וו.); זי קאָן, זאָגט זי, פאָדערן מערער, נאָר עס ווילט זיך איר ניט שטעלן בעדיל־האַדאַל די איטאַליענישע מעדינע. אַ פּאַסאַזשיר, שוין אַלט־געהויקערט, וואָס גייט באַ אָט די רייד פון מײַן שאָכן פאַרבײַ אונדזער קופּע, שטעלט זיך אָפּ און זאָגט שטיל און פאַרזאָרגט: „דאַנקען גאָט, וואָס די בעסטיע פאָדערט ניט, מע זאָל איר אָפּגעבן גאַנץ איטאַליע, וועלכע איז אַמאָל געווען דאָס אייגנטום פון איר מאַן"... אַלע פיר שכיינים מײַנע — די מאַנצבלען מיט אַן אַלציינעם אויסזען, אין אַלציינע פּידזשאַקלעך, מיט אַלציינע טשעמאָדאַנדלעך, ווי פּיר ברידער, דאָרפסלײַט, וואָס פאָרן אין באָד אַרײַן, — וואַרפן זיך אַרויף אַף דעם אַלטן און נעמען אים זידלען מיט די לעצטע ווערטער. דער אַלטער איז ניט קיין לעמעלע, טוט ער אַ טראָג אונטער איינעם פון די שרײַער אַ ביינערדיקן פויסט אונטער דער סאַמע נאָז און גיט אים צו וויסן, אַז בעסאַכאַקל איז ער אַ געוועזענער „פּאַרטידזשאַנאַ" און איצט אַ „קאָמוניסטאַ". און דעם שרײַער פרעגט ער, צוליב וואָס שלעפּט ער זיך אַהין, אַף דער ווילע קאַרפּענאַ, בישכיינעס מיטן פּרעדאַפּיאָר בעסוילעם, ווו מוסאָליניס מאַדאַם האַלט אַ רעסטאָראַציע, פאַקטיש אַ יאַווקע פאַר פאַשיסטן. ווען דער כוצפּעניק שרײַט אויס, אַז ער און זײַנע כאַווײרים

װעלן דאָרט אױסטרינקען צו גלעזלעך „דזשאָװינעצא״ (דער װײַן איז אָנגערופֿן מיטן זעלבן נאָמען, װי מוסאָליניס פֿאַשיסטישער הימן), קומען אַרײַן פֿון דער שכײנעסדיקער קופּע צװײ געזונטע באָכערים און שטעלן זיך אַװעק שװײַגנדיק בײַ דער טיר. הינטער זײערע פּלײצעס זעט מען נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן. די שכײנים מײַנע מיטן אַלציינעם אױסזען װערן מיטאַמאָל אַזױ שטיל, אַז מע הערט, װי אַ פֿליג זשומעט אױף דער שױב פֿונעם װאַגאָן.

שאַ. דער אינצידענט איז פֿאַרענדיקט. מיר פֿאָרן װײַטער. אַ דרײ מיט די רעדער, און נאָך אַ דרײ — און מיר זײַנען אין פֿלאָרענץ, אין דער אַמאָליקער קרױנשטאָט פֿון טאָסקאַנע, װעלכע איז זױכע געװען, אַז דער קלאַסיקער פֿון גאָלדשמידערײַ — בענװענוטאָ טשעליני — זאָל אין זײַן צײַט באַהױפּטן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ באַזונדערע פֿלאָרענטינער נאַציאָנאַליטעט.

דאָס האָבן די עטרוסקן זי אָנגערופֿן „בליִענדיקע״ — „פֿלאָרענציע״, — װען זי איז געװען זײערער אַ ייִשעװ. װעגן דעם אײַנפֿאַל פֿון די עט־רוסקן, װי אױך װעגן טשעליניס זאָג האָב איך זיך דערװוּסט טאַקע דאָ אין פֿלאָרענץ, אױף דעם בריק פּאָנטע װעקיִאָ. װען איך װאָלט פֿון דעם בריק ניט געזען אַרום זיך דעם שטילן, גוטמוטיקן טײַך אַרנאָ, װאָלט איך געקאָנט מײנען, אַז איך געפֿין זיך אױף אַ האַנדלס־גאַס. פֿונדערװײַטן איז דער בריק ענלעך אױך אױף אַ פּראַכט־צוג, װעלכער פֿאָרט אַריבער אַ טײַך. די צירונג־געװעלבן, װאָס דערמאָנען אַלטע געקאָװעטע קאַסטנס, שטײען דאָ אין צװײ רײען, פֿון בײדע זײַטן בריק, פֿאַרשטעלנדיק מיט זיך דאָס װאַסער. איך קוק אַרײַן אין די געװעלבן און זע, װי שטאַרק פֿאַרנומענע און לױטן אױסזען אַזעלכע פּראָסטע מענטשן זײַנען פּונקט װי פֿאַרװעבט אין מײַסעדיקער שײַן־און־אָפּשײַן: זײ שמידן גאָלד און זילבער, שלײַפֿן דימענטן און בריליאַנטן, קריצן אױף מױערקעפּלעך קאַמײעס, בלאָזן אױס אָרנאַמענטן פֿון צעשמעלצטן גלאָז.

נאָענט לעבן די געװעלבן דערזע איך אַן אימפּראָװיזירטן מאַרק, און איך האַנדל דאָרט אײַן בײַ אַ טונקלהױטיקן מאַנצבל (ער שטאַמט פֿון די עטרוסקן) אַ פֿלאַש, װאָס איז אָנגעטאָן אין אַ מאַנטעלע פֿון אַ האָן: דאָס העלדזל פֿון דער פֿלאַש איז דער האַלדז פֿונעם האָן, עס פֿעלן אױך ניט — סײַ „פֿעדערן״, סײַ אַ רױטער „קאַם״, סײַ געלבלעך־גאָלדענע „פֿליגעלעך״... האַקלאַל, אַ האָן אַן עטרוסקישער — פֿיל אים אָן מיט פֿײַער־דיקן װײַן!

מײַן כאַװער, װאָס שטײט דערבײַ, דערמאָנט זיך, אַז אין מײַנער אַן אַלטער ליד רעדט זיך װעגן אַן עטרוסקישער שטאָט, װעלכע מע האָט אָפּגעגראָבן, און דאָרט גײ איך אַרום צװישן כורװעס און לעב דאָרט, און זוך מײַן פֿאַרלאָרענע ליבע, פּונקט װי כ'װאָלט געװען סײַ אַ הײַנ־טיקער מענטש, סײַ נאָך אַלץ אַ מענטש פֿון דער אָפּגעגראָבענער שטאָט:

ספּירא,
די רױמישע שטאָט,
איז פֿאַרשװוּנדן,
אַרױסגעפֿאַלן פֿון װעלטס זיקאָרן.

און איך האָב א ליימענעם קרוג דאָרט פארלאָרן
אין איינעם א וויטן, העט־וויטן יאָרהונדערט.

אצינד, אז מע ווייסט שוין, ווו ספירא געפינט זיך,
קער איך זיך אום אף פארצייטיקע ראָגן.
איך זוך אין פארשאָטענער שטאָט אין דער פינצטער —
דאָס מיידל איך זוך, וואָס דעם קרוג האָט געטראָגן.

אינגאנצן ערשט צוויי מיט א האלבן יאָרטויזנט
די רוימיש־עטרוסקישע שטאָט איז פארשאָטן.
הערט מען נאָך אלץ דאָרט אין אָוונט, אין דרויסן
דעם היימלעכן סקריפ באַם פארמאכן די לאָדן.

און זיכער איז נאָך ניט פארשטיינערט געוואָרן
מיַין שעפטשען „געליבטע", דאָס נאָכגיין פוסטריט איר,
דער קלאַפ פונעם קרוג, ווען דאָס מיידל, פארציטערט,
פון אקסל פון רעכטן זי האָט אים פארלאָרן.

דערנאָכדעם מע האָט מיך אין ספירא דערהארגעט,
געווען איז א שווערע מילכאָמע, א שכיטע,
און כ'האָב ניט באוויזן די שערבלעך פארהיטן,
צעדרויבלט זיי ליגן פון צייַטן פון הארבע.

איז זיַי זשע מיר מויכל, מיַין מיידל פון ספירא,
פאר דעם, וואָס געלאָזט כ'האָב פון טויט זיך פארפירן.

איך זאָג צו מיַין כאווער:

— א סימען האָסטו, אז די עטרוסקישע שטאָט איז טאקע אפאנעמעסן געווען... אָט איז אויך א האָן געקומען פון דאָרטן...

דער פלאָרענטינער טוישעוו שאָקלט מיטן קאָפּ:

— שטעט זיַינען אייביק. בריקן זיַינען אויך אייביק.

— אויב מע רייַסט די בריקן ניט אוף...

— כאָ! — טוט א בליק מיט די ציין און מיט די אויגן דער פלאָרענטינער. — דעם דאָזיקן בריק, פאָנטע וועקיִא, האָבן די עטרוסקן אופגעבויט, נאָך איידער עס איז אנטשטאנען די רוימישע אימפעריע. איך געדענק, כ'בין נאָך געווען א קינד, אין פיר־און־פערציקסטן יאָר איז עס געשען, די דייַטשן האָבן געוואָלט אופרייַסן פאָנטע וועקיִא. אופ־רייַסן פאָנטע וועקיִא! דאָס פאָלק פון פלאָרענץ האָט ניט דערלאָזט!

עס האָט אים פארכאפט דער אָטעם. ער איז בלאס געוואָרן. אָנגעכאפּט מיך פאר דער האנט, האָט ער מיך צוגעפירט צו א מעמאָריאַלער ברעט, וועלכע איז צוגעפעסטיקט צו דעם בריק:

— אליין דאנטע האָט באזונגען פאָנטע וועקיִא...

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום בראָנזענעם ביוסט, וועלכער שטייט דאָ דערנעבן, און, שוין אַ באַרויִקטער, פאָרגעזעצט:

— דאָס איז דער דענקמאָל טשעליניִן; עס האָבן אים אוועקגעשטעלט די גאָלדשמידער — זײַ ווייסן, וויִאַזוי צו שעצן ריין גאָלד. בענווענוטאָ טשעליני, זאָלט איר וויסן, האָט וועגן אונדז, פלאָרענטינער, געזאָגט גאָלדענע ווערטער...

אָט אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס טשעליני האָט געזאָגט וועגן די פלאָרענטינער.

איך האָב אויבן אָנגערופן דעם טײַך אַרנאָ „שטילער, גוטמוטיקער טײַך". נאָר אַזוי זעט ער אויס אַצינדער, ווען איך שטיי אויף איינעם פון די זיבן בריקן, וועלכע ס'האָט איבער אים אַריבערגעוואָרפן די שטאָט. עס גלייבט זיך קוים, אַז ער, דער „שטילער, גוטמוטיקער", האָט ניט לאַנג צוריק (ס'זײַנען פון דעמלט פאָריבער בלויז זעקס יאָר) זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פלאָרענץ, אָנגעשיקט אויף איר אַן עמעסן מאַבל און שיִר ניט אַראָפּגעשוונקט, אײַנגעשלונגען, צעשמעטערט די שטאָט, וואָס איז אַליין אַ געניִאַל ווערק פון דער מענטשהײַט און אין איר געפינען זיך אַזויפיל געניִאַלע ווערק, וואָס די מענטשהײַט האָט באַשאַפן.

געווען איז דאָס דעם 4 נאָיאַבער 1966. דער דרעמלענדיקער אַרנאָ האָט מיטאַמאָל זיך אַ הייב געטאָן און זיך אויסגעגאָסן אויף פלאָרענץ, גענומען אַראָפּשווענקען הײַזער, קלויסטערס, בריקן. אָנדערהאַלבן מעסלעס נאָכאַנאַנד, זעקס און דרײַסיק שאָ, האָט געבושעוועט אַרנאָ. ס'איז אָן אויפהער געגאַנגען אַ ווילדער שלאַקסרעגן. דער ווינט האָט געשלײַדערט איבער דער ערד אויטאָמאָבילן, ווי גלײַך דאָס וואָלטן געווען פּעקעלעך שוועבעלעך; מיט בלאָטע און שמוץ פונעם טײַך־דנאָ זײַנען באַדעקט געוואָרן די צוויי קאָפּיעס פון דער אומשטערבלעכער סקולפּטור פונעם יונגן דאָוויד, וועלכע ס'האָט אוועקגעשטעלט אויף צוויי פּלעצער פון דער שטאָט אַליין מיקעלאַנדזשעלאָ; די בלאָטיקע שפּריצן פון דער פינפמעטערדיקער כוואַליע און די אַרויסגעוואָרפענע דורך איר קלעצער, אײַזן־פּרענטעס, ביימער האָבן דערגרייכט דעם קופּאָל פונעם טעמפּל פון דער הייליקער מאַריִע דעל פיאָרע, דאָס ווערק פון ברונילעסקי, וועגן וועלכן מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געזאָגט: „שווער צו מאַכן אַזוי גוט, אוממעגלעך צו מאַכן בעסער"; נאָך דער פאַרפלייצונג האָבן רעסטאַווראַטאָרן און סאָלדאַטן לאַנג געריייניקט און געפּוצט דאָס אָרט אויפן סיניאָריִע־פּלאַץ, ווו מע האָט מיט קאַרגע פינף הונדערט יאָר צוריק אויפגעהאַנגען און שפּעטער פאַרברענט סאַוואָנאַראָלען, דעם מוירעד קעגן דער טיראַניִע פון די מעדיטשיס און פונעם פּויפּסטלעכן הויף. ס'איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט טײַך־אָפּפאַלן מאַקיִאַוועליס קייווער. אין דער קירכע סאַנטאַ קראָטשע איז צעגעסן געוואָרן פון מאַזוט איינס פון די ווערטפולסטע אין דער וועלט בילדער — טשימאַבועס „די קרייצונג". דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעריסן פון דער באַפּטיסטעריע[1] פונעם הייליקן דזשאָוואַני דעם שעדוווער פון לאָרענצאָ

---

[1] באַפּטיסטעריע — אַ געבײַדע אויף דורכצופירן דעם ריטואַל פון טויפן.

דזשיבערטי — די בראָנזענע באַצירונגען אויפֿן טויער, וועלכן דער זעלבער מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אָנגערופֿן „דער טויער פֿונעם גאַניידן״. אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פֿון פֿלאָרענץ זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן צוויי הונדערט פּופֿציק טויזנט בענדער — אוראַלטע ביכער, מאַנו־סקריפּטן!

וועגן אָט דעם מאַבול, וועלכן עס האָט איבערגעלעבט פֿלאָרענץ, האָט מיר דערציילט דער סעקרעטאַר פֿון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „איטאַליע — פּססר״ גרילי. אַרומפֿירנדיק מיך איבער די ערטער, ווו הײַנט זעט מען נאָך שפּורן פֿונעם אומגליק, האָט ער גערעדט וועגן זײַן שטאָט, ווי וועגן אַ לעבעדיק וועזן, וואָס עס שענקט אַלעמען פֿרייד און מאַכט אַלעמען זאַרגלאָז — און אַליין איז עס פֿאַרזאָרגט און באַלעסטיקט מיט שווערע דערמאָנונגען. ווען איך האָב באַקוקט די אָר־טיקע סינאַגאָגע — אַ פּרעכטיקן געבײַ באַצירט מיט פֿאַרביקן מאַרמאָר און גראַניט, — איז אויפֿגעקומען אַ רייד וועגן נאָך איין שווערער דערמאָנונג פֿון דער זוניקער שטאָט — וועגן דעם, וויאַזוי אין 1944 האָט זיך די דײַטשישע אָקופּאַנטן אײַנגעגעבן אַרויספֿירן פֿון צוויי פֿלאָרענצער מוישעוו־זקיינים צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק ייִדן, קעדיי זיי — אומבאַהאָלפֿענע, אַלטע, קראַנקע — „אויסזידלען״ קיין אוישוויץ, צו די קרעמאַטאָריעס. פֿלאָרענץ גרויסט זיך דערמיט, וואָס אַלפּי־קלאַל זײַנען די ייִדן דאָ געווען ווי ס׳געהער צו זײַן אויסבאַהאַלטן — סײַ אין די הײַזער פֿון דער שטאָט, סײַ אין די אַרומיקע ייִשוווים. אָבער דעם מוישעוו־זקיינים האָט מען ניט אויסגעהיט! — שווער געווען צו גלייבן, אַז די מערדער וועלן אויך אַהין אַרײַן.

אַגעוו, אַזאַ דערשיטערנדיקער פּראַט פֿון דער טראַגעדיע: ווי געזאָגט, האָבן די דײַטשן געכאַפּט צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק ייִדן. אָבער אויפֿן אָנדענק־טאָוול, וואָס איז אײַנגעמויערט אין דער וואַנט פֿון דער סינאַגאָגע, זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פֿון צוויי הונדערט נײַן און פֿערציק קדוישים. ווער איז דער צוויי הונדערט נײַן־און־פֿערציקסטער?

די פֿלאָרענטינער טוישוווים געדענקען נאָך ביז איצט דעם אַלטן פּראָ־פֿעסאָר פֿונעם אָרטיקן אוניווערסיטעט, דעם ראָוו פֿון שטאָט נאַטאַן קאַ־סוטאָ. זײַן באַהעלטעניש איז געווען אין אַ הויז פֿון איטאַליענער, ניט ווײַט פֿון דער סינאַגאָגע. בײַם דער „אויסזידלונג״ האָט ער פֿונעם פֿענצטער געזען, ווי מע יאָגט צונויף די ייִדן אויפֿן פּלאַץ פֿון דער שול, עס קומען אָן לאַסט־אויטאָמאָבילן און מע טרײַבט אַרײַן אין זיי די אומגליקלעכע זקיינים און קינדער. דאַן רײַסט ער זיך אַרויס פֿון די הענט פֿון זײַנע באַשיצער, פֿאַרלאָזט די באַהעלטעניש און לאָזט זיך לויפֿן מיט אַ וויי־געשריי צום פּלאַץ.

אַזוי־אַרום, זײַנען אין יענעם טאָג אַוועק פֿון פֿלאָרענץ קיין אוישוויץ, אין זייער לעצטן וועג, ניט צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק, נאָר צוויי הונדערט נײַן און פֿערציק ייִדן.

פֿלאָרענץ איז ניט גרויס. ווען איך בין הײַנט אינדערפֿרי געקומען צו פּיאַצאַלע מיקעלאַנדזשעלאָ, אויף יענער זײַט אַרנאָ, און פֿון דער טע־ראַסע אַ קוק געטאָן אויף דער גאַנצער שטאָט, האָט זיך מיר דערמאָנט אָן

אָרט אין דער טײַגע, ניט װײַט פון סוטארע, װוּ עס ליגט אין דער אײביקער שטילקײַט א העל־װאסערדיקע אָזערע, ארומגערינגלט פון אלע זײַטן מיט א בלױען רױכל פון די פארנעפּלטע בערגלעך. פּיאצאלע מיקעלאנדזשעלאָ זעט אױס אזױ, װי גלײַך דאָס װאָלט געװען אן אטעליע פונעם געניאלן מײַסטער, װעמענס נאָמען דער פּלאץ טראָגט; נאָך דעם מײַסטערס אװעקגײן פון דער װעלט שטײען דאָ ניט גערירט די װערק זײַנע: די סימבאָלישע פיגורן „טאָג", „נאכט", „אינדערפרי", „אָװנט", די קאָפּיע פון דער סקולפּטור פונעם יונגן העלד דאָװיד.

פלאָרענץ פארמאָגט דרײַ „דאָװידס". די צװײטע קאָפּיע שטײט אפן סיניאָריע־פּלאץ, דער אָריגינאל — אין מוזײ פון דער אקאדעמיע, אף װיא ריקאסאָלי. איך האָב ניט געקאָנט אװעקפאָרן צוריק קײן רױם, ניט אָנקוקנדיק זײ אלע דרײַ. פאר מיר איז דאָס װיכטיקסטע אין „דאָװידן" — די יונגע אײביקײַט זײַנע, דאָס קערפּערלעכע אלס קװאל און באשטעטיקונג פונעם גײַסטיקן קױעך. װײַסער מארמאָר גיט עס איבער אמבעסטן. אין אן אנדער צײַט, און אױך הײַנט, װאָלט מען דאָװידן אָנגעטאָן אין זײַנע זעלנערשע קלײדער, װײַל ס'איז אָנגענומען, אז קױעך פארמאָגט דער, װער עס איז גוט באװאָפנט, כאָטש אלײן מעג ער זײַן פיזיש א שװאכלינג. דער העלד איז עפעקטפול אין זײַן קלײדונג. מיקעלאנדזשעלאָס דאָװיד איז װי אן עפּל אף דער צװײַג, אין דעם טױ. זײַנע אלע אײגנשאפטן טראָגט ער אין זיך — דערונטער די אומפארמײַדלעכקײַט פונעם זיג איבערן ריז גאָליאס.

שפּאצירנדיק איבער דער שטאָט, בין איך ארײַנגעקומען אין קלױסטער סאן־לאָרענצאָ, ניט װײַט פון דער באפּטיסטעריע. ס'האָט מיך איבערראשט די פּראקטישקײַט פון דער הײַנטצײַטיקער קירך. אין די זונטיקס זײַנען פארמאכט אין שטאָט די קלײטן. אָבער אױב איר װילט עפּעס קױפן, קאָנט איר ארײַנגײן אין קלױסטער, דאָרט מעג מען האנדלען. אין עטלעכע זאלן פון סאן לאָרענצאָ, װעלכע רינגלען ארום דעם הױפּט־לאָקאל מיטן אלטאר און מיט די קװאָרים פון די מעדיטשיס, זײַנען אױסגעשטאט קראָמען, אין װעלכע איר קאָנט קױפן א מאָדערנעם האלדזטוך, א פּאסיקל צו די הױזן, א באָד־אָנצוג פאר אײַער פרױ. אין אײנעם א צימער, נעענטער צום אלטאר, ליגן ביכער. ביכער אין דער רוסישער שפּראך! איבער זײ — אן אױפשריפט אף רוסיש: „אונדזער כאָשעװער גאסט פון רוסלאנד! איר קאָנט נעמען די דאָזיקע ביכער אָן געצאָלטס, װי אן אומזיסטיק געשאנק". װאָס פארא ביכער לײגט אונדז פאָר דער קאטױלישער קלױסטער אין דער שטאָט פלאָרענץ? איך נעם אין דער האנט עטלעכע פון זײ. א נײַע אױסגאבע פון דער קאדעטישער קאָנטררעװאָליוציאָנערער זאמלונג פונעם אָנהײב יאָרהונדערט „װיעכי"; פּיאָטער סטרוּװעס אָן אָפּוס איבער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע; סאָלזשעניצינס „אװגוסט 1914". אף יעדן בוך — אן אױפשריפט: „פארלאג „פּאָסיעװ", פראנקפורט־אם־מײַן, מײַרעװדײַטשלאנד". די ביכער, װי געזאָגט, זײַנען אומזיסטע: נעם װיפל דו װילסט.

יאָ, איך בין איבערראשט פון דער פּראקטישקײַט פון דער הײַנטצײַטיקער קאטױלישער קירך...

דריַי־און־צוואַנציקסטער בריוו

נעכטן האָב איך פון פלאָרענץ זיך אומגעקערט קיין רוים. מאָרגן גאנצפרי פליט אָפּ פון רוים א סאָוועטישער עראָפּלאן אין „לאנד פון די שנייען". אך, ווי עס ציט מיך צו די שנייען...

ביזן אָפּפליִען זייַנען פארבליבן, הייסט עס, געציילטע שאָען. איך וועל שוין אין ערגעץ ניט גיין, מיט קיינעם זיך מער ניט טרעפן. נעכטן פארנאכט בין איך געווען צוגאסט בא דער שריפטשטעלערן — א לאורעאט פון א ליטעראטור־פרעמיע — נאטאַליע לעווי־גינזבורג. זי וווינט אין אן אלט הויז, ווו דער ערשטער שטאָק איז ניט צעטיילט אף באזונדערע כאדאָרים און זעט אויס, ווי, לעהאוודל, אן אריַינגאנג אין א הייל, און אף די העכערע שטאָקן לעבן מענטשן אין דירעס מיט אלע הייַנטצייַטיקע באקוועמלעכקייַטן: עלעקטרע, גאז, טעלעפאָן, טעלעוויזיע.

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט זיך קוינע־שעם געוועזן מיט אירע ראָמאנען „דער פאמיליען־ווערטערבוך" און „די קליינינקע מייַלעס". אין זיי ווערט באשריבן דאָס לעבן פון די צוויי פאמיליעס, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט דער פאמיליע־נאָמען לעווי־גינזבורג, דערביַי איז די מישפּאָכע פונעם טורינער פּראָפעסאָר לעווי א פארקערפּערונג פון דער בירגערלעכער אינטעליגענטיש־באדאכטער און אידיליש־אָפּגענארטער אסימילירטער יִדישער סוויווע, און דער יִנגערער דאָר — די לעאָן גינזבורגס — זייַנען די טרעגער פון דער אנטיפאשיסטישער אונטערערד, פונעם אקטיוון ווידערשטענדלערישן גייַסט. בעכיין איז דער פארבינדצייכן אין דער פאמיליע לעווי־גינזבורג ניט קיין איבעריקער, אָבער ס'האָט בעפּייִרעש א זין יענע צופעליקייַט, וואָס אין דער יִדישער שורע שטייט „לעווי" פון רעכטס און „גינזבורג" פון לינקס...

וועגן דעם האָב איך געשמועסט מיט נאטאליע לעווי־גינזבורג.

זי האָט מיט עטלעכע טעג פאר אונדזער באגעגעניש פארעפנטלעכט אן ארטיקל וועגן דער „יִדן־פראגע". איך האָב עס ניט געלייענט, נאָר כאוויירים האָבן מיר ווערטערלעך איבערגעזעצט א קאָמענטאר אונטערן נאָמען „צוויי יִדן וועגן די יִדן", וועלכן עס האָט, אלס דערמוטיקונג פאר דער פּאָפּולערער שרייַבערן, אָפּגעדרוקט אין „אוניטא" דער זשורנאליסט־קאָמוניסט מאוריציאָ פעררארא. לעווי־גינזבורג אליין האָט מיר געשילדערט די זאך אזוי. די „יִדן־פראגע" פירט זיך אוף, ווי, לעמאָשל, א קאץ, וועלכע — ווען מע טאסקעט זי ניט אריַין פון א צווייטן צימער און מע הייבט ניט אָן זי צו באוויַיזן פאר די געסט, לאָזט זי וועגן זיך ניט צו הערן, פונקט ווי זי וואָלט ביכלאל אף דער וועלט ניט געווען, אָבער ווי נאָר מע נעמט זיך מיט איר ארומטראָגן, איבערגעבנדיק זי פון האנט צו האנט, הייבט זי אָן זיך צו דראפּען.

— דאָס ריידן אָן אופהער וועגן א „יִדן־פראגע", — זאָגט נאטאליע לעווי־גינזבורג, — איז געוווּנטשן וועמען איר ווילט, נאָר ניט די יִדן.

ווען עס איז אוועק א רייד וועגן קאָלערליי אָבסקוראנטן און דינער פונעם קאלטן קריג, און איך האָב אין אָט דעם קאָנטעקסט באמערקט, אז יִדן זייַנען פאראן פארשיידענע — גוטע און שלעכטע, — האָט זי מיט דער

גרעסטער גאלאנטקייט דורכגעלאָזט, ווי ניט געהערט, דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דער קלאסן־דיפערענציאַציע אינעם יידישן פאָלק, און אײַ־בערגעכאַזערט א קאלאמבור, וועמענס אוטאָר עס איז סידניי סאָנינאָ (אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן, געוועזן אַמאָל פּאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון איטאליע), — אַז יעדעס לאנד האָט אַזעלכע יידן, וועלכע עס פארדינט צו האָבן...

אפן מײַרעוו, צווישן דער אינטעליגענץ, האָט מען ליב צו ריידן שיין. א געשפּרעך צווישן צוויי אָדער עטלעכע מענטשן איז אן איבונג אין אפאָריסטיק, א מין טורניר פון שיינריידערײַ, א טעאַטער־שטיק, בײַס וועלכן מע פאָזירט איינער פארן אנדערן.

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט זיך דערוווּסט, אַז איך קום ערשט פון פלאָרענץ, האָט זי זיך אף דעם אָפּגערופן אזוי: „פלאָרענץ פארמאָגט אַלע גוטע אייגנשאפטן פון רוים, אכוץ די שלעכטע"...

וועגן דער אזויגערופענער יידיש־איטאַליענישער ליטעראטור (איך באַנוץ די אומגאַנג־דעפיניציע; כ'האַלט אָבער, אַז אזא ליטעראטור איז ניטאָ: די ווערק, וועלכע זײַנען געשריבן אין יידיש, געהערן צו דער יידישער ליטעראטור, די ווערק מיט יידישער טעמאטיק אין דער איטאליע־נישער, אָדער רוסישער, אָדער ענגלישער שפּראך זײַנען אָנגעהעריק צו דער איטאליענישער, רוסישער, ענגלישער ליטעראטורן), — וועגן דער „יידישער ליטעראטור" פון די יידישע אוטאָרן, וועלכע שרײַבן אין איטאַ־ליעניש, זאָגט זי:

— אַלע ראָמאנען פון אַזעלכע שרײַבער, ווי איך, זײַנען פאקטיש קינסטלערישע אוטאָביאָגראַפיעס. זיי דערציילן די געשיכטע פון יידישע מישפּאָכעס, וועלכע פאַלן ארונטער אונטערן האַמער פון די וועלט־גע־שעענישן. נעמט, אשטייגער, דזשאָרדזשאָ באַסאַניס באַרימטן ראָמאַן „דער גאָרטן פון פינצי־קאָנטיני". דאָס אָרט פון דער האַנדלונג איז דעם אוו־טאָרס געבורט־שטאָט פערארא, דער העלד איז ער אַליין, דער אוטאָר. עס ווערט דערציילט וועגן זײַן דערהויבענער ליבע צו דעם מיידל מיקאָל, וועלכע גייט אוועק מיטן רויך אין דער גאַז־קאַמער פון אוישוויץ. באַם לייענער אין זיקאָרן פארקריצט זיך דעם אוטאָרס לעבנס־געשיכטע און די דראַמאַטישע געשעענישן אין דער אַלט־אײַנגעזעסענער יידישער מיש־פּאָכע מאַזיני — דער קאַלעס מישפּאָכע. אויב זיך גוט צוקוקן, איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז אף אן ענלעכער לעבנס־קאָליזיע זײַנען געבויט מײַנע ווערק. און א דריטער בײַשפּיל — פרימאָ לעוויס ראָמאַנען „אָט דאָס איז א מענטש" און „וואָפנשטילשטאַנד". אין ערשטן ראָמאַן ווערט געשיל־דערט די דעפּאָרטאַציע פון יידן אין טורין און זייער פּײַן און אומקום אין אוישוויץ, ביז יענעם מאָמענט, ווען די נאָך ניט פארגאַזטע און אומגע־בראַכטע אסירים האָבן דערזען דעם ערשטן סאָוועטישן רויטאַרמייער; און ווײַטער (אין צווייטן בוך) — דער „וואָפנשטילשטאַנד", וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט אף א קורצער צײַט גלײַך נאָכן קריג און פארן אָנהייב פון דער קאַלטער מילכאָמע. דער העלד פונעם ראָמאַן האָט זיך געראַטעוועט פון דער גאַז־קאַמער, און אפן וועג צוריק קיין טורין זוכט ער די

ווידערופשטעלונג פון ווערטן, דעם זין פון א העמשעך. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז שוין איצט אָפּגעשוואַכט. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז געווען אנטבלויזט אין אוישוויץ...

— דאָס הייסט, — רוף איך זיך אָן, — איר, און באַסאַני, און פּרימאָ לעווי און, מיסטאַמע, אויך דזשאָרדזשאָ וואַגערא־פּאַנאָ — ווי מיר דוכט, איינער פון די אמערסטן אינטערעסאַנטע איטאַליענישע שילדערער פונעם ייִדישן מאָטיוו, — איר זײַנט „ייִדישע שרײַבער" בלויז דאַן, ווען איר באַשרײַבט די טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק...

— דעם עמעס געזאָגט — יאָ. דאָס איבעריקע איז א פראַגע פון סטיל. איליא ערענבורג, א רוסישער שרײַבער, האָט געניצט אויסדריק־מיטלען, וועלכע האָבן פּיקסירט די נאַציאָנאַליטעט פונעם אווטאָר, און דאָס האָט ניט געשטערט אים זײַן א רוסישער שרײַבער, פּאַרקערט — אין זין פון סטיל־אייגנשאַפטן האָט עס אָנגעוויזן אף זײַן אינדיווידואַליטעט. ווען דער איטאַליענישער לייענער בלעטערט א בוך פון א ייִדישן אווטאָר, פילט ער באַשײַמפּערלעך, אז דער אווטאָר איז א ייִדישער — סײַ לויט דער הומאָ־ריסטישער מאַניר, סײַ לויטן ספּעציפישן אומעט, לויט דער נייגונג צו מאַנאָלאָגירן, צו אָפּשטעלן זיך בא דעם אָדער יענעם פאַקט און א פילאָ־סאָפיר טאָן, א „דריי טאָן מיטן גראָבן פינגער"...

— און ווען די האַנדלונג גייט, לויט דער צײַט, ווײַטער, ווען דער אוישוויצער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז שוין אריבערגעפירט אין רעטראָ־ספּעקציע, וואָס פאַר א פּאָזיטיווע פּראָגראַם האָט איר דאַן?

— שווער צו ריידן וועגן „פּראָגראַם". בא אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד זוכט מען אין אלץ „פּראָגראַמען", „פּלאַטפאָרמעס"...

— נו, לאָמיר זאָגן אנדערש. דער העלד פון אײַער ראָמאַן, דער איטאַ־ליענישער ייִד, האָט איבערגעלעבט דעם פאַשיזם און זיך אומגעקערט פון אוישוויץ קיין טורין, פערארא, רוים, פלאָרענץ, ווענעציע... באַשרײַבנדיק אים איצט, — אין וואָס זעט איר זײַן נאַציאָנאַלן אידעאַל?

מיר האָבן ביידע זיך צעלאַכט: אָך, דער סאָוועטישער מענטש! ראַק ער זוכט „אידייען", „אידעאַלן"...

— איך וויל, איר זאָלט מיך ריכטיק פאַרשטיין, — האָט זיך פאַרענט־פערט נאַטאַליע לעווי־גינזבורג, — פּאָליטישע אידעאַלן, געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַמען — מיר אין איטאַליע קערעווען זיך דען אויס צו זיי מיט דער פלייצע? אָ, ניין! איך פאַרזיכער אײַך, מיר זוכן זיי און גייען זיי טאָמיד אנטקעגן. נאָר בא אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער וועג צו זיי קלאָ־רער, איידער בא אונדז. אָט פרעגט איר זיך אָן וועגן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל בא מײַנע העלדן, בא די הײַנטצײַטיקע איטאַליענישע ייִדן. ווייס איך ניט, צי כ'וועל פאַרשטאַנען ווערן, אויב איך וועל ענטפערן, אז דער נאַציאָנאַלער אידעאַל געשטאַלטיקט זיך איבער אין א סאָציאַלן אידעאַל. די צוקונפט געהער דעם יונגן לעאָן גינזבורג, און ניט דעם אלטן פּראָ־פעסאָר לעווי...

איך האָב געזאָגט נאַטאַליע לעווי־גינזבורג, אז איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, וואָס זי מיינט, און אז זי און איך האָבן דאָ אלציינע אידייען,

שטייען אף איין פלאטפאָרמע, פריידיקן און אלצייגע פּראָגראַם, זײַנען באַגײַסטערט מיט אייגע און די זעלבע אידעאַלן.

באַמערקנדיק, אַז איך באַקוק פונדערווײַטן די ביכער־פּאָליצעס, האָט נאטאליע לעווי־גינזבורג דערלאַנגט פון דאָרט אַ נײַ סייפערל, גאַנץ פײַן אַרויסגעגעבן:

— דאָס איז אַ זאַמלונג פון נײַן און צוואַנציק נײַע העברעיִשע דיכ־טער (אָנגעהויבן פון ביאַליקן) אין דער איבערזעצונג אף איטאַליעניש. זי איז אָקאָרשט דערשינען.

איך האָב אַ פרעג געטאָן מיט גרויס נײַגער:

— ווי אָפט גייען בא אײַך אַרויס איבערזעצונגען פון איווריט און פון ייִדיש?

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט מיט אַ שמייכל מיך געוואָרנט, אַז זי וועט באַלד זאָגן אַ פראַזע אַף ייִדיש, וועלכע זי האָט אויסגעלערנט אדאנק איר באַהאַוונטקײַט אין דײַטש:

— אײַן מאָל אין אײַן יאָוועל...

איך האָב איבערגעזעצט:

— איין מאָל אין אַ יויוול...

— דאַנקע...

ניין, מע קען אפילע ניט ריידן וועגן וועלכער־ניט־איז רעגלמעסיקער אַרבעט אף צו באַקענען די איטאַליענער מיט די ליטעראַטורן בא ייִדן, און דאָך...

און דאָך האָט נאטאליע לעווי־גינזבורג ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַ פּאַטריאָטישן באַרים געטאָן:

— דער ערשטער ייִדישער בוך אין דער וועלט איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן בא אונדז אין איטאַליע. אין פּאַדוע, אויב כ׳האָב קיין טאָעס ניט, מיט פינף הונדערט יאָר צוריק...

איך האָב געפּרוווט פאָרזיכטיק דערווידערן:

— די פּראָווענצויִזן באַהויפּטן, אַז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריִער, איידער אין איטאַליע, איז אין אַוויניאָן שוין געווען ייִדישער דרוק־וועזן...

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן:

— אויב זיך צוהערן צו די פּראָווענצויִזן, איז ביז אָדאָם האָרישענען שוין געווען אַ פּראָווענצויִז...

פאַרשרײַבנדיק איצט אונדזער שמועס, טראַכט איך: און עפשער האָט נאָך די ליטעראַטור־וויסנשאַפט ניט געגעבן קיין פּינקטלעכן ענטפער, וואָס עס איז אַזוינס ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע מאָלערײַ, ייִדישע מוזיק?.. ס׳איז ניט אינגאַנצן קלאָר, וואָס עס איז דאָ באַטרעפנדיק: די פּערזענלעכ־קײַט פונעם אווטאָר, צי דער כאַראַקטער פון די אויסדריק־מיטלען, צי די סטיל־אייגנשאַפטן, צי די נאַציאָנאַלע אַטריבוטן פונעם מאַטעריאַל. צי עפשער דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט די אַלע, און מעגלעך נאָך אַנדערע, פאַקטאָרן?

וואָס פאַר אַ מיינונג מע זאָל וועגן דעם ניט האָבן, איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ פראַגע, וועלכע פאָדערט אַן ענטפער. אוועקפאָרן אָבער פון אַ

לאנד מיט א פראגע אף די ליפן — טויג ניט. וועל איך בעסער זיך אָנהייבן געזעגענען.

צוריק מיט עטלעכע יאָר, פארלאָזנדיק, נאָך א רײַזע, דאָס ווײַטע לאַנד אורוגווײַ, בין איך געשטאַנען בא אן איסוואַל — אף וועלכער שפּראַך אויסרופן „טשאו". אף שפּאַניש זאָגט מען „טשאו" באַם געזעגענען זיך, אף איטאַליעניש — באַם באַגעגענען זיך. האַגאַם איך האָב אין יענעם מאָ־מענט זיך טאַקע געזעגנט, האָב איך, וועלנדיק אונטערשטרײַכן, אַז די רײַזע ענדיקט זיך מיט הארציקער פרײַנטשאפט, געזאָגט „טשאו" אף איטאַליעניש. אויך איצט טו איך דאָס זעלבע, און דאָ אין איטאַליע וועט דער איטאַליענישער טײַטש פון „טשאו" קלינגען נאָך באַטירלעכער, איידער אין אורוגווײַ:

— שאָלעם־אַלייכעם — טשאו!

פ.ס.

אָפּשיקן דעם דאָזיקן בריוו מיט דער פּאָטשט וועל איך שוין ניט בא־ווײַזן, און סע וועט פּאָשעט ניט זײַן נייטיק, ווײַל אויב מיטנעמען אים מיט זיך, וועט ער קיין מאָסקווע קומען צו פליִען גיכער...

א נאָפּקעמינע, צי דעם בריוו וועט אײַך ברענגען דער פּאָטשטאַליאָן, צי איך אליין וועל אים ברענגען. אבי עס וועט זײַן א בריוו. אגעוו, איצט האָב איך די מעגלעכקײַט ארײַנשרײַבן אין אים אן אינטערעסאַנטן מאָמענט.

צווישן מײַנע שכיינים אין סאַלאָן פונעם ערעאָפּלאַן געפינט זיך דער איטאַליענישער מאָלער רענאַטאָ גוטוזאָ. איך וועל ניט גיין פאַר אײַך איבערכאַזערן, ווער ער איז און וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר זײַן שאַ־פונג. ער פליט קיין מאָסקווע אף דער עפענונג פון זײַן פּערסאָנעלער אויסשטעלונג. בא דער געלעגנהײַט וועט אויך פאַרקומען די צערעמאָניע פון איבערגעבן אים די צווישנפעלקערלעכע לענין־פּרעמיע „פאַר פעסטיקן דעם שאָלעם צווישן די פעלקער".

צוערשט זײַנען מיר געזעסן א שטול לעבן א שטול. איצט האָט אונדז צעטיילט, ריכטיקער געזאָגט — פאַרייניקט אן איבערזעצער. איז אָט — ארויסגעכאַפּט גלײַך פון גוטוזאָס מויל, און אוועקגעלייגט אפן פּאַפּיר, און נאָט אים אײַך, א פרישינקן, דעם טשיקאַווען געדאַנק, וועלכן עס זאָגט ארויס א הײַנטצײַטיקער מאָלער. גוטוזאָ טוט דורכן פענצטערל א קוק אף דער מילכיקײַט פונעם הימל, וואָס קלעפּט ארום אונדזער ערעאָפּלאַן, און ער זאָגט, האַלטנדיק די גאַנצע צײַט אראָפּגעלאָזט די געדיכטע ברע־מען, ווי גלײַך דער אופּגעקומענער בעשאַסמײַסע געדאַנק וואָלט געווען אן איי, און די ברעמען מיט די אויגן און מיטן שטערן — די הון, וועלכע ווארעמט אויס דעם געדאַנק, ער זאָל זיך בעסער אויספּיקן.

— אין דער מאָלערײַ, — זאָגט רענאַטאָ גוטוזאָ, — האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די הימל־טעמע. ערשטנס, איז אן אַנדערער דער קוק־ווינקל, די „פּאָזיציע" פונעם קינסטלער, ווען ער מאָלט דעם הימל־רוים. פריִער פלעגט ער קוקן אפן הימל בלויז פון אונטן ארויף — א שוואַך באַשעפעניש,

וואָס איז פאַרכאַפּט און באַגײַסטערט, און אויך באַגרענעצט, באַטראַכטנדיק דאָס אומבאַגרענעצטע, דעם „אייבערשטנס רעזידענץ" (אין דער אַרכי־טעקטור איז פון אָט דעם קוקן פון אונטן אַרויף געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו אויספורעמען דעם קלויסטער־קופּאָל). דער הײַנטיקער מאָלער, אופהייבנדיק זיך אַף אַן אַעראָפּלאַן, האָט זיך דערזען אינמיטן פון אַ ספערישן קײַלעך, ווו אין דער הייך און אין דער נידער איז די פּערספּעק־טיוו אַ קופּאָלאַרטיקע. דער אונטערשטער קופּאָל האָט אַ דנאָ — די ערד, און דאָס גיט אַ מעגלעכקײַט דעם פּראָגרעסיוו־דענקענדיקן קינסטלער אַרויסצוגיין פון מאַטעריאַליסטישע האַנאַכעס, פילן שטענדיק דעם באָדן אונטער די פיס, זײַן פאַרבונדן מיטן לאַנד, מיטן פאָלק, מיטן רעאַלן לעבן. צווייטנס, האָט זיך איצט אין דער טעמע געענדערט, ביז איר קעגנזאַץ, די פּאַליטרע. לעמאַשל, ווען מע קוקט אַפן הימל פון אונטן אַרויף, זײַנען די כמאַרעס טונקעלע, שוואַרצע („שוואַרץ, ווי אַ כמאַרע"...). פון אויבן דערזעען מיר אָבער, אַז זיי זײַנען שניי־ווײַס (מע דאַרף שוין נוצן דעם אויסדרוק „ווײַס, ווי אַ כמאַרע"...), און, פאַרשטייט זיך, דער גאַנצער קאָלאָריט ווערט אַן אַנדערער, די שטימונג — אַ פּרינציפּיעל־געענדערטע.

איך דערמאָן זיך, אַז מיט אַ צײַט צוריק האָט מיר דאָס זעלבע (נאָ־טירלעך, אינסטרומענטירט מיט קאַטעגאָריעס פון זײַן פאַך) געזאָגט דער שאַכמאַטיסט מיכאַיל טאַל:

— אין אַן אַעראָפּלאַן „שפּיל איך שאַך", איך באַטראַכט די העכסטע אידייע פון דער שפּיל. קוקנדיק פונעם הימל, ביסטו שוין אַפּאַנעמעסן „הע־כער פון דער ברעט". אַלע מאָסן און פּערספּעקטיוון זײַנען אַנדערע, איידער דאַן, ווען דו געפינסט זיך אַף דער ערד. די צוויי „פעלדער" — דאָס ווײַסע און דאָס שוואַרצע — זײַנען ניט צעריסן צווישן זיך, די מילכאָמע צווישן זיי פאַרלירט דעם לעצטן שפּור פון אַמביציעזקײַט, די צוויי קעגנזעצלעכע קאָלירן הייבן אָן אונטערהאַלטן צווישן זיך אַ קאָנטאַקט. די שלאַכט באַקומט דעם זין פון אַנטוויקלונג...

נאָר אָט איז שוין ווידער שערעמעטיעוואָ. די רעדער פון אונדזער לײַנער זוכן שוין די ערד. שאָלעם־אַלייכעם, מאָסקווע!

שאָלעם־אַלייכעם — טשאַו!

1971

פיר־און־צוואַנציקסטער בריוו

בעשאַס דער מילכאָמע, געדענק איך, האָט דאָס וואָרט „הינטערלאַנד" געהאַט פיל מערער באַדײַטן, איידער געוויינלעך. דער סאָלדאַט, וועלכער איז אין אַ שטילער מינוט געלעגן אין סעקרעט מיטן דער ביקס אַפן ברוסט־ווער, האָט געהאַלטן, אַז דער צווייטער סאָלדאַט, וואָס רוט אין זעלבן אָקאָפּ, געפינט זיך „אין הינטערלאַנד". ווען אַן אויסשפּירער פלעגט זיך דורכשמוגלען צום סוינס הינטער דער פײַער־ליניע, האָט ער די פּאָזיציע געלאָזט „אין הינטערלאַנד". אין 1943 איז מיר אויסגעקומען אַ קורצע צײַט צו דינען אין דער רײַטער־אויסשפּירונג. דאָס האָט באַטײַט „אַפּאַנעמעסן

מילכאָמע האלטן״ אין פארגלײַך מיטן פעכאָטע־איסשפיר, וועלכער האָט זיך גערעכנט בא די רײַטער פאר א „זיכער הינטערלאנד״.

„הינטערלאנד״ האָט, איסער דעם, געהייסן:

דאָס צווייטע „בײַוועלע״ („ניטאָטשקע״) פון די אָקאָפן; דאָס וועלדל, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען דער אָבאָז, די פעלד־קיך און דער לאזא־רעט; דאָס דערפל לעבן דער פײַער־ליניע, ווו אינטענדאנטן האָבן אײַנגע־הייצט א באָד; און אלע ווײַטערדיקע בײַפראָנט־יִישוווים — פוסטע, פאר־לאָזטע, צערוי:נירטע, פארברענטע, אָבער אייגענע, עטוואָס אָפגעווײַטערטע פון דער שיסערײַ. די פראָנטאָװיקעס האָבן באַצייכנט אלס א ווײַט הינ־טערלאנד די געגנטן, ווו די באַלויכטונג איז געווען פארמאסקירט מאכמעס נאָענטקײַט צום פראָנט. א גאַר־גאָר ווײַט הינטערלאנד, אָן אָרט פאר עוואקואציע, א רעטונג פאר טאטע־מאמע, קראנקע און קינדער, — זײַנען געווען מיטל־אזיע, אוראל; נו, און צולעצט — סיביר. דער קאנט צווישן קראסנאָיארסק און אולאן־אודע איז געווען יענץ הינטערלאנד, וואָס האָט געהאט צו דער פראָנט־ליניע בערערך אזא שײַכעס, ווי דאָס פעקעלע שוועבעלעך צום אייגנזײַטיקן אָנגעפּאָספּאָרטן רוקנדל, ווו „ס׳רײַבט זיך אָן״ פײַער...

פאר א מענטשן פון אָקאָפּ איז, געדענק איך, געווען אָן אָפּרו יעטווידעס הינטערלאנד, אָנהייבנדיק פון דעם ערדענעם ווענטל, נידעריקער פונעם ברוסטווער, צו וועלכן מע האָט געקענט צושפּארן אָף עטלעכע מינוט דעם קאָפּ.

איר כידעשט זיך מיסטאמע: פארוואָס שרײַב איך איצט וועגן דעם? איז די זאך גאנץ פּאָשעט. ווי פּאראדאָקסאל דאָס זאָל ניט זײַן, האָט מיר מײַן געפינען זיך איצט אין סאמע צענטער פון אייראָפּע דערמאָנט דאָס אמאָליקע „הינטערלאנד״, נאטירלעך — שוין ניט אין באדינגונגען פונעם הייסן קריג.

דאָס אָרט, ווו איך לעב שוין א כוידעש צײַט, הייסט קארלאָווי וואַרי (קארלסבאד), ווו אָנגעפּאָרענע מענטשן קעמפן ניט מיט קיינעם, שלאָגן זיך, כאָלילע, ניט צווישן זיך; דאָס אייניציקע, מיט וואָס זיי זײַנען פארנו־מען, איז — היילן זיך. נאָך דער לעצטער רײַזע קיין איטאליע, נאָך דעם, ווי איך בין אָפּגעווען, קאָן מען זאָגן, אומופהערלעך אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן אָט אָף איינעם, אָט אָף א צווייטן פראָנט פונעם קאלטן קריג, — האָב איך זיך דאָ דערפילט דאָס ערשטע מאָל, ווי אין „הינטער־לאנד״. דאנקען גאָט, איך לעב אין פולער שטילקײַט.

פארן אומקערן זיך קיין מאָסקווע וועל איך הײַנט אָף א קורצער צײַט צופאָרן אין דער גאָלדענער שטאָט פּראָג, ווו איך וועל ווידער זײַן אין „הינטערלאנד״.

ביזן ארויסקלײַבן זיך אין וועג ארײַן איז נאָך דאָ גענוג צײַט צו אָנ־שרײַבן אײַך דעם בריוו.

אויב איר ווייסט ניט, וואָס עס איז אזוינס קארלאָווי וואַרי, וועל איך אײַך דערמאָנען די ווערטער, וועלכע יאָהאן וואָלפגאנג געטע האָט געשריבן צו ווילהעלם הומבאָלדטן. ווײַמאר, קארלאָווי וואַרי און רוים, — האָט געטע געשריבן, — דאָס זײַנען די אייניציקע שטעט, אין וועלכע

ס׳ווילט זיך מיר לעבן... און הומבאָלדט האָט אויך געוווסט, וואָס ער רעדט, ווען ער האָט אָנגערופן קאַרלאָווי וואַרי ניט אַנדערש, ווי — דער בריליאַנט אין אַ שמאַראַגדענער בראָשקע, האָבנדיק אין זינען די אוניקאַלע „פּאָזי־ציע״ פון דער שטאָט, וועלכע ליגט אף די באַרג־אַראָפּהאַנגען און אפן דעק פון אַן ענגן טאָל. פאַרנאַכט, ווען אין טאָל צינדן זיך אָן די שטאָטישע פייַ־ערן, העל־רויטלעכע, וואַרעמע, פייַכטלעכע, וואָלט איך, פון מייַן זייַט, צו־געגעבן, אַז דער קאַרלאָוואַרער באַשפּרענקלטער מיט שייַן טאָל־דורכלויכט אין די בערג זעט אויס ווי אַן אופגעשניטענע גראַנאַט־פּרוכט, פון וועלכער אַ טייל ווייַמפּערלעך איז שוין פונעם אייַנגעווייד אַרויסגענומען.

און נאָך איינער, מאַמעש אַן אומגלייבלעכער פּראַט. איך בין גרייט זיך שווערן, אַז אין די נעכט, ווען ס׳ווערט אייַנגעשטילט דאָס האַווענייש, הער איך טאָמיד אין טאָל פון קאַרלאָווי וואַרי בעטהאָווענס מוזיק. נו, אַז די מוזיק איז בעטהאָווענס, איז ניט שווער צו דערקענען. אָבער מאָדנע איז דאָס, וואָס אין ערגעץ שפּילט מען זי ניט — ס׳איז מיט איר, אַזוי צו זאָגן, דורכגעזאַפּט די לופט. זי איז טאַקע, לויטן „האַנטשריפט״, בעטהאָווענס, אָבער אפילע אַ דורכשניטלעכער מייַוון וועט אייַך זאָגן, אַז ס׳איז ניט בעט־האָווענס אַ קאָנקרעטע ווערק, נאָר זייַן „אָטעם״, זייַנע קלאַנגען.

דער האָטעל, אין וועלכן איך ווין — מע רופט אים „אימפּעריאַל״, — אַ מאַסיווער טונקל־גרויער מויער מיט צוויי טורעמס אין ראָמאַנישן סטיל, שטייט אפן סאַמע שפּיץ פון אַ באַרג, און ווען כ׳גיי אַרויס אין אַ שפּע־טער שאָ זיך דורכשפּאַצירן, קאָן איך ניט אויסמייַדן צו אַרייַנקוקן אין דער סוידעספּולער שטאָט און זיך צוהערן צו איר. עס באַקומט זיך אַזוי, ווי גלייַך איך וואָלט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם טאָל און צוגעלייגט צו אים אַן אויער. און אַלעמאָל דערפּיל איך אַרום זיך בעטהאָווענס מוזיק. איך וואָלט עפּשער עס גערעכנט פאַר מייַנעם אַ קלאַנגען־מיראַזש, נאָר איינמאָל האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט אַ קאַרלאָוואַרער טוישעוו, און יענער האָט, שטעלט אייַך פאָר, צוגעשטימט מיט מיר און אַלס באַ־שטעטיקונג מיר דערציילט, אַז לוידוויג וואַן בעטהאָווען האָט, זייַענדיק אין קאַרלאָווי וואַרי, אייַנגעאָרדנט איינמאָל אַ קאָנצערט צוזאַמען מיטן איטאַליענישן פידלער דזשאַמבאַטיסטאַ פּאָלעדראָ, און אף אָט דעם קאָנ־צערט האָט בעטהאָווען געשפּילט אימפּראָוויזאַציעס. ס׳איז געווען אין אַן אומרויִקער צייַט, אין 1812, ווען נאַפּאָלעאָן האָט געטריבן קעגן רוסלאַנד די אונטערטעניקע אייראָפּע, און בייס דעם קאַרלאָוואַרער קאָנצערט איז קיינעם ניט אייַנגעפאַלן צו פאַרצייכענען אף פּאַפּיר די אימפּראָוויזאַציעס פונעם געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר.

— וואָס זשע איז פון דעם געוואָרן? — האָב איך זיך אָנגעפרעגט באַם טוישעוו פון קאַרלאָווי וואַרי.

— אויב איר ווילט, קאָן מען דעם איניען האַלטן פאַר פאַרענדיקט. בעטהאָווען, הייסט עס, האָט אימפּראָוויזירט, קיינער האָט די מוזיק ניט פאַרשריבן, און שוין — אַן עק, אַ סאָף. און אויב איר ווילט, איז פאַראַן אַ לעגענדע...

— וואָסער לעגענדע?

— אַ לעגענדע וועגן דעם, אַז בעטהאָווענס מוזיק, וואָס איז „אַרויס־

געצויגן געוואָרן" פון אָט דעם טאָל, האָט שפּעטער אין טאָל זיך אומגע־קערט און איז דאָרט אַף אייביק פאַרבליבן. דער קאָמפּאָזיטאָר, איר באַ־שעפער, וואָלט שוין אַלציינס קיין שליטע ניט געהאַט אַף איר. דעריבער זעצט זי פאָר איר לעבן זעלבשטענדיק, ווי מוזיק פון דעם טאָל...

מיטן טוישעוו פון קאַרלאָווי וואַרי האָב איך זיך באַקאַנט באַ פאָלגנדע אומשטענדן. איינער פון די גרעסטע פאַרגעניגנס, וואָס עס האָט דאָ אַ מענטש, זײַנען די שפּאַצירן איבער די ניט הויכע בערג, באַוואַקסענע מיט בוקאָווע וועלדער. אַ קלוגע האַנט האָט דורכגעלייגט סטעזשקעס און וועגן, וועלכע וויקלען זיך אין די בערג, ווי ספּיראַלן, פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ, דורכשנײַדנדיק פאַנטאַסטיש־שײנע ערטער, אַזעלכע ווי דער וויטקאָוו־באַרג, דער טאָל פונעם טײַך טעפּלאַ, דער גראַניטענער פעלדז „יעלעני סקאָק", אַף וועלכן עס שטייט — קאָן זײַן, נאָך פון קאַרל IV צײַטן — אַ דערשראָקענער בראָנזענער הירש, אָט באַלד וועט ער אַ שפּרונג טאָן אין טאָל אַרײַן.

איינמאָל האָב איך, שפּאַצירנדיק מיט מײַן פרוי, זיך פאַרהאַלטן אין די בערג עטוואָס מער ווי געוויינלעך. מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען דאָס דערפל גורקי און דעם באַרימטן אין אָט די ערטער „געטעס טורעם" און, דערגרייכנדיק דעם באַרג־שפּיץ „באַ דרײַ קרייצן", זיך גענומען אַראָפּ־לאָזן אין טאָל אַרײַן, צו דער קאָלאָנאַדע, וואָס באַצייכנט דאָס אָרט פון די קוואַלן, קעדיי דאָרט אויסטרינקען דאָס פאַרנאַכטיקע קווערטל וואַסער פונעם קוואַל וורזשידלאָ. באַם סאַמע אַראָפּשטײַגן האָט אונדז געטראָפן אַ רעגן, די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן, און מײַן פרוי איז געוואָרן אומרויִק. קעדיי מיר זאָלן גיכער קומען צום קוואַל, האָב איך אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבײַגייער און אים געפרעגט אַף דײַטש דעם וועג. דער פאַרבײַגייער האָט דערשפּירט מײַן אַקצענט און, ווײַזנדיק ווהין צו גיין, זיך צערעדט מיט מיר.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז איינער פון די ווייניק לעבן־געבליבענע אסירים פון טערעזיענשטאַדט. אַרטור איסאַקאָוויטש הייסט ער. אַן עלטערער מענטש, שוין אײַנגעבויגן אויסגעלאָשן. עס פילט זיך אָבער, אַז אונטער דעם אָפּגעקילטן אַש גיט פון מאָל צו מאָל אַ צאַפּל אַ פײַערל, וואָס איז אָן שום סאַפעק עלטער מיט אַ מיטוואָך פון דעם פײַער אין די אויוונס פון טערעזיענשטאַדטער קרעמאַטאָרי. ווײַזט אויס, אַז אַרטור איסאַקאָוויטש איז געווען אַמאָל אַ מענטש מיט אַ שאַרפן מויעך, מיט דרייסטע אַסאָציאַציעס. ער טוט אָן עפּן אויף די אויסגעבלייכטע אויגן־לעפּלעך, באַקוקט, ווי איך בין אויסגעווייקט פון דעם שפּעט־האַרבסטיקן רעגן, און מאַכט אַזאַ כעזשבן:

— אַמאָליקע צײַטן, באַם אימפּעראַטאָר פראַנץ II און נאָך אים, האָבן יידן געמעגט זיך היילן אין קאַרלסבאַד בלויז אין די ווינטער־כאָדאָשים — געגנוי פונעם 15 סענטיאַבער ביזן 15 מײַ. מע האָט אַזעלכע כאַלאָיִם גע־רופן „ווינטער־יידן"...

— קומט אויס, אַז איך בין איצט אַ מין „ווינטער־ייד"...

— יעדנפאַלס, ס'איז שוין נאָכן 15 סענטיאַבער...

איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז עמעס, אַז אין טערעזיענ־

שטאָדט האָט מען ניט געהאַרגעט קיין ייִדן. ער האָט ווידער באַוויזן די ווײַסקייַט, וואָס איז שוין קאַמע יאָרן פאַרטריקנט און אָנגעקאַרבט אויף דער אינווייניקסטער זײַט פון די אויגן־לעפלעך און פון די ליפּן, און ניט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו שפּאָרן זיך:

— אַוודאי זײַנט איר גערעכט: אין טערעזיענשטאָדט האָט מען ניט געהאַרגעט. מיר איז פּונקט אויסגעפאַלן צו אַרבעטן אין קרעמאַטאָריע, און די עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס אונדזער קאָמאַנדע האָט פאַר אַ קורצער צײַט פאַרבּרענט, זײַנען געשטאָרבן פון הונגער און אויסגעשעפּטקייַט. כאַסוועכאָלילע, קיין לעבעדיקע מענטשן האָט מען דאָ אין קרעמאַטאָרי ניט באַאַרבעט.

— טערעזין איז געווען אַ גרויס שטעטל?

— אַ שטעטל הינטער פּראַג, אַכציק מינוט פאָרן מיטן אויטאָבוס. מע האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט אין אַנדערע ווײַט־ערטער די טשעכן, און אויף ליידיקן פּלאַץ געמאַכט אַ „יודענשטאַדט". יאָ, יאָ, די דײַטשן האָבן גערופן טערעזיענשטאַדט — „מוסטער־געטאָ", אַפילו „געטאָ־גאַניידן". ס'איז געווען דאָרט אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע פון יודנראַטלער, אַ ייִדישע אָרדענונגס־דינסט. איך היט באַ זיך ביז איצט טערעזיענשטאַדטער „ייִדיש געלט" און „ייִדישע פּאָסט־מאַרקעס". געווען אין טערעזין אַ גרויסאַרטיקער סימפאָנישער אָרקעסטער. אין אים האָבן געשפּילט ייִדישע מוזיקאַנטן מיט אַ וועלט־נאָמען. און ווייסט איר, וואָס עס איז געווען זײַן הויפּט־פליכט? — ער פלעגט באַגעגענען מיט מוזיק יעדן נײַ־געקומענעם עשעלאָן ייִדן, און מיט מוזיק פלעגט ער אַרויסבאַגלייטן די עשעלאָנען קיין אָשווענטשים, צו די גאַז־קאַמערן...

אַרטור איסאַקאָוויטש האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— בכלל האָט אונדז, טשעכישע ייִדן, אָפּגעגליקט. ווען מע האָט פינף טויזנט ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע אַראָפּגעבראַכט קיין בירקענאַו דעם 7 סענטיאַבער פונעם דרײַ־און־פערציקסטן יאָר, האָט מען זיי, ווי מעיוכאָסים, באַזעצט מישפּאָכעסווײַז אין די באַראַקן, מע האָט ניט אָפּגענומען אַפילו די זאַכן... דעם סעקטאָר „ב־2־ב", אונדזער אָפּטיילונג אינעם לאַגער, האָט מען גערופן „טשעכישער פאַמיליען־לאַגער". ער האָט זיך קלוימערשט געפונען אונטער דער שוץ פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. מיר, די אסירים, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אויסשטאַטן דעם אייגענעם מאָקעם. פון דער היים פלעגן מיר באַקומען בריוו און פּעקלעך. איך דערמאָן זיך, אַז אַפילו דעם 5 מאַרט, באַם אַריבערפירן די מערהײַט פון אונדז אין סעקטאָר „ב־2־א", אויף דער שוועל פון די גאַז־קאַמערס, האָט מען אונדז געהייסן אָנשרײַבן אַהיים פּאָסט־קאַרטלעך, אָפּמערקנדיק זיי מיט אַ שפּעטערדיקער דאַטע. מע האָט געזאָגט, אַז מע פירט אונדז אַריבער קיין הויד־שלעזיען...

דער רעגן האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט. מיר זײַנען געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט אויפן העל־באַלויכטענעם מיט עלעקטרע אַספאַלטירטן וועג, וועלכער פירט פון קאַרלאָווי וואַרי קיין פּראַג, און באַ דער שײַן פון די נעאָן־לאַמטערנס האָב איך באַמערקט, אַז אַרטור איסאַקאָוויטשעס פּאָנעם איז אינגאַנצן ווײַס און אַזוי ווי אָפּגעשיילט, ווי דאָס ווײַסלעכל

באַ אַן אַלט־פאַרבאַקן איי. איך האָב אים געפרעגט, וויאַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, און ענטפערנדיק, האָט ער זיך אַפילע אַ לויב געטאָן:

— איך בין אין טערעזינענשטאַדט געווען אַ גוטער אַרבעטער באַ דער קרעמאַטאָרי. די אויוונס האָבן מאַמעש געגלאַנצט. אַף די רעלסן זײַנען טאָמיד געשטאַנען גרייט וואַגאָנעטקעס און הייב־שטאַנגען: אַפילע מײַן לעדערנער פאַרטעך מיט די הענטשקעס זײַנען טאָמיד געווען ווי באַ אַ ריינער אַרבעט. די דײַטשן האָבן דאָס ליב. און אַז מע האָט באַפוילן צושטעלן צו דער בירקענאַוער גאַז־קאַמער עטלעכע „אייגענע" אַרבעטער, טערעזינענשטאַדטער, האָט מען מיך אויך גענומען. דעם 8 מאַרט, פיר און פערציק, האָבן לאַסטוועגענער אָנגעהויבן פאַרנעמען די אַסירים, ס'האָט זיך דערמיט פאַרענדיקט דער גליקלעכער ספּעקטאַקל מיטן פאַמי־ליען־לאַגער. פון פינף טויזנט טשעכישע ייִדן, אָנגעקומענע מיט זעקס כאָדאָשים צוריק, זײַנען טויזנט צוויי הונדערט שוין צו יענער צײַט גע־שטאָרבן אַפן טערעזינענשטאַדטער אויפן, פון הונגער און אויסגעשעפּטקײַט. דרײַ טויזנט אַכט הונדערט מענטשן האָט מען אַרויסגעפירט צום דער־שטיקן אין גאַז־קאַמער... די אַרבעטער פון דער קרעמאַטאָרי האָבן באַ־דאַרפט זײַן די לעצטע. נאָר אַפן האָריזאָנט פון אָשווענטשים האָבן זיך שוין געזען די אויפלויכטן פון דער סאָוועטישער אַרטילעריע, און מע האָט אין אונדז פאַרגעסן...

אַרטור איסאַקאָוויטש האָט אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן, זיך אײַנגעקוקט אין עפּעס, וואָס איז געלעגן אַפן וועג, און אַפגיך אַרומגעגאַנגען דאָס אָרט. איך האָב דערזען ליגן אַפן אַספאַלט אַ טונקל־גרויע טויב מיט צעריסענע פעדערן — אַ קאָרבן פון יאַגנדיקע אויטאָמאָבילן, — און דאָס בילד האָט אַזוי זיך אַרײַנגעפּאַסט אין אונדזער שמועס, אַז ס'האָט פאַר־קלעמט באַם האַרצן.

אַ פּאָר מינוט זײַנען מיר געגאַנגען שווײַגנדיק. מײַן פרוי האָט זיך באַמיט ענדערן דעם שמועס און צוליב דעם אַ פרעג געטאָן באַ אַרטור איסאַקאָוויטשן וועגן זײַן פאַך. ווי עס טרעפט מיט אַ מענטשן, צו וועמען ס'האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ לאַנגן איבערײַס דער זיקאָרן, האָט אַרטור איסאַקאָוויטש זיך מיטאַמאָל פאַרלאָרן, און ער האָט אײַנצײַטיק אופגע־שײַנט, געוואָרן ערנסט און פײַערלעך, און ער האָט געענטפערט:

— אַ מוזיקאַנט בין איך אַמאָל געווען, אַ פידלער... געשפּילט אַ צײַט טאַקע אין טערעזינענשטאַדטער סימפאָנישן אָרקעסטער...

— און שפּעטער?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט. שפּעטער האָט מען מיך אָפּגעשיקט אַרבעטן אין קרעמאַטאָרי...

— פאַרוואָס?!

— די „מוסטערהאַפּטע געטאָ" אין טערעזינענשטאַדט האָט זיך געפונען אַף דער טעריטאָריע פון צוויי אַלטע פעסטונגען: אַ „גרויסער" און אַ „קליינער". אין דער „קליינער פעסטונג" פלעגן דורכגעפירט ווערן עק־זעקוציעס איבער ווידערשפּעניקע. איינמאָל בין איך אַרײַנגעפאַלן אַהין, ווײַל איך האָב אין באַראַק געשפּילט אַף מײַן פידל דעם טשעכאָסלאָוואַ־קישן הימן „וווּ איז מײַן לאַנד". פאַר שפּילן דעם הימן האָט מען מיר

אָפּגעהאַקט די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, מיט וועלכער איך פֿלעג האַלטן דעם סמיק... מיילע, אַף דער אַרבעט אין קרעמאַטאָרי בין איך זיך באַגאַנגען אָן די פֿינגער...

— זײַנט איר, הייסט עס, א מוזיקאַנט? — האָב איך איבערגעפֿרעגט.

— איר כידעשט זיך?

— איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס איר ווייסט די לעגענדע וועגן בעט־האָווענס אימפּראָוויזירטער מוזיק...

דער וועג האָט פֿאַרקערעוועט צו די קוואַלן. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט, און פֿון דעמלט אָן איז מיר שוין מער ניט אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט אַרטור איסאַקאָוויטשן.

אין עטלעכע מינוט אַרום פֿאָרן מיר אַרויס קיין פּראָג.

פֿינף־און־צוואַנציקסטער בריוו

אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום וועט שוין ווערן צען יאָר, זינט איך האָב גענומען אַרומפֿאָרן איבער לענדער פֿון דער וועלט, און אין ערגעץ האָב איך ניט געטראָפֿן אַזויפֿיל סימאָנים פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהײַט, ווי אין פּראָג. אין אָט דעם דוירעסדיק־טראַדיציאָנעלן צענטער פֿון די סלאַוון ווערט א גאַנצער שטאָט־כיילעק אופֿגעהאַלטן ווי א ייִדישער מוזיי. אַמסטערדאַם אָדער רוים באַווײַזן געוויינלעך פֿאַר טוריסטן דאָס אָרט, ווו ייִדן האָבן אין א פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע געהאַט זייער געטאָ. אין פּראָג, דאַקעגן, ווערט זאָרגפֿעליק אָפּגעהיט און קאָמענטירט דאָס, וואָס ייִדן האָבן אין מעשעך פֿון א יאָרטויזנט געשאַפֿן אינעם לאַנד.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געפֿײַערט געוואָרן טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין באָהעמיע און מאָראַוויע. די דאַטע שטעלט מען פֿעסט, אָריענ־טירנדיק זיך לויט א באַשרײַבונג, וועלכע ס'האָט איבערגעלאָזט דער שפּאַנישער ייִד איבראַהים איבן יאַקוב (אַוראָם בען־יאַנקעוו). ער האָט אָנטיילגענומען אין א דיפּלאָמאַטישער מיסיע צום קיניג אָטאָ I, וואָס איז געשיקט געוואָרן פֿונעם קאָרדאָווער קאַליף על־האַקאַמא II, און זײַענדיק אין פּראָג, האָט ער פֿאַרצייכנט זײַנע באָאָבאַכטונגען, באַזונדערס אין דער סוויווע פֿון די ייִדן, וועלכע האָבן שוין צו יענער צײַט געלעבט אין דער באָהעמישער הויפּטשטאָט. דער דאָקומענט געהערט צו די יאָרן 965—966, א קאָפּיע איז אַרויסגעשטעלט אין דער פּראָגער קלאַוס־שול.

ווי כ'האָב אײַך שוין געשריבן פֿון קאַרלאָווי וואַרי, בין איך דאָ, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ניט באַלעסטיקט מיט פּראָגראַמען, כ'בין, אַזוי צו זאָגן, פֿרײַ ווי א פֿויגל. אַף וויפֿל ס'איז ניטאָ קיין צײַט צו באַקוקן גאַנץ פּראָג, האָב איך באַשטימט זיך אופֿהאַלטן אין דער אַלטשטאָט — סטאַראָיע מיאַסטאָ, — ווײַל דאָ געפֿינט זיך דאָס ייִדישע שטאָט־פֿערטל. איך בין צום אָנהייב אַרופֿגעקומען אַף א געראַמען, עטוואָס אַסימעטרישן פּלאַץ, ווו כ'האָב געהאַט א געפֿיל, ווי כ'וואָלט שוין דאָ אַמאָל געווען. אויך ווען איך טרעף זיך מיט אַן אַלטן מענטשן, דוכט זיך מיר טאָמיד אויס, אַז דער אויסזען זײַנער איז מיר שוין באַקאַנט. אַפֿן סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ, —

אזוי רופט זיך דער פּלאַץ, פון וועלכן כ'האָב אָנגעהויבן מײַן באַקאַנטשאַפט מיט פּראָג, — האָב איך באַקוקט דעם דענקמאָל יאַן גוסן. כ'האָב זיך דער־מאָנט פאַרשיידענע פּראַטים וועגן דער אויפוויקונג, וואָס די פאָלקס־באַוועגונג האָט געהאַט אויפן ייִדישן יישעוו. אין דער פריִער יוגנט, געדענק איך, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושעם, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט פון היסטאָרישע ביכער, אַז גוס און זײַנע נאָכפאָלגער, רופנדיק דאָס פאָלק צום קאַמף קעגן דער רוימישער קירכע, האָבן אין זייערע דראָשעס אויפגעלעבט דעם נוסעך פון די נעוויִים. די פּראָגער גוסיטן פלעגן זינגען הימנען אויף לאַשנקוידעש, וועלכע ס'האָט פאַרפאַסט פאַר זיי דער דיכטער אוויגדאָר קאַרא.

דאָ דאַרף איך אָנווײַזן אויף איינעם אַ פאַרשפּרייטן טאָעס. אין פיל אַרבעטן, געווידמעט דעם ייִדישן יישעוו פון פּראָג, ווען די אווטאָרן רעכענען אויס, ווער פון די באַרימטע מענטשן עס האָט געלעבט אין אָט דער שטאָט, איז דער סאַמע ערשטער אין צעטל — יויסעף בען עפראַיִם קאַראָ, דער פאַרפאַסער פונעם שולכן־אָרעך. מע באַהויפּט אַפילע, אַז אויפן אַלטן ייִדישן בעסוילעם אין פּראָג קאָן מען איצט זען די מאַצייווע אויף זײַן קייווער.

מע פּלאָנטערט איבער צוויי היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן, וואָס איינער צום אַנדערן האָט קיין שײַכעס ניט. איינער איז קאַראָ, דער צווייטער קאַרא. דער שפּעטער פונעם שולכן־אָרעך איז קאַראָ, יויסעף בען עפראַיִם, און ער איז קיינמאָל אין פּראָג ניט געווען. געבוירן איז קאַראָ אין שפּאַ־ניע און געשטאָרבן אין פּאַלעסטינע.

אוויגדאָר בען ייִצכאָק קאַרא — דער גרויסער ליטורגישער פּאָעט און קאַבאַליסט — איז געשטאָרבן אין פּראָג אין 1439. אַגעוו, ערשט אין נײַן און פערציק יאָר אַרום איז געקומען אויף דער וועלט יויסעף בען עפראַיִם קאַראָ.

זאָלט איר טאַקע וויסן, קומענדיקע געסט פון דער גאָלדענער שטאָט פּראָג, אַז דאָרט איז אויפן אַלטן ייִדישן בעסוילעם באַערדיקט ניט דער שפּעטער פונעם שולכן־אָרעך, נאָר דער פאַרפאַסער פונעם געזאַנג „עכאָד יאָכיד אומעיעכאָד", פון סליכעס, פּיזמאָנים, עלעגיעס, ליטורגישע הימנען.

פאַר ספּעציאַליסטן וואָלט איך אָנגערופן אָט וואָס פאַר אַ פּראָבלעם. ווי באַוווּסט, איז אין 1389 פאָרגעקומען אין פּראָג אַ גרויזאַמער ייִדישער פּאָגראָם, בייס וועלכן עס זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן דרײַ טויזנט מענטשן. ביז איצט הערן זיך פאָדערונגען צווישן דעם עלטערן דאָר פּראָגער ייִדן, מע זאָל פאַרבאָטן גרינטלעך צו רעסטאַווירן די פּראָגער אַלט־נײַ־שול, ווײַל, לויט דער לעגענדע, זײַנען אירע ווענט באַגאָסן געוואָרן מיט דעם בלוט פון די קאָרבאָנעס. אַ שכיטע איז אין פּראָג געווען ניט קיין קלע־נערע, איידער די קעשענעווער אין 1903.

איך דערמאָן דאָ דעם קעשענעווער פּאָגראָם מיט אַ קיוון, עס זאָל גרינגער זײַן אַריבערצוּוואַרפן אַ בריקל צווישן דער עלעגיע פון אוויגדאָר קאַרא וועגן פּראָגער פּאָגראָם און כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס „די שכיטע־שטאָט".

ס'וואָלט ביכלאַל געווען קעדײַ צו נאָכשפּירן די ווירקונג פון אוויג־

דאָר קאַרא אָף כאַזים־נאַכמען ביאַליקן. פאַרשטייט זיך, איך האָב קויי־דעמקאָל אין זינען דאָס, וואָס אין א צײַט־דויער פון א האַלבן יאָרטויזנט כאַזערן זיך איבער די געשעעענישן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ענלעכע מאָטיוון בא ביידע גרויסע דיכטער; דאָס איז אָבער ניט די איינציקע סיבע, פאַרוואָס עס קלינגט אין אוניסאָן דאָס וואָרט, דער ווייי־און־צאָרן בא די צוויי שריפטשטעלער...

באַם דענקמאָל יאַן גוסן, אָפן סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ, האָב איך זיך באַקאַנט מיט א פּאָרפאָלק, וואָס זייער פאַמיליע איז קאַפקא, און דאָס, אייגנטלעך, האָט צוגעצויגן מײַן אופמערקזאַמקײַט. דער מאַנצבל — ער איז באַשטאַנען, איך זאָל אים רופן פּאָשעט „שאַבסי״ — האָט מיר גלײַך מיט־געטיילט, אז ער האָט קיין שום שײַכעס ניט צו פראַנץ קאַפקאַן, און דערבײַ צוגעגעבן: „בא אונדז איז פאַרשפּרייט די פאַמיליע קאַפקא, פּונקט ווי בא אײַך די פאַמיליע ראַבינאָוויטש״... כאַוועט שאַבסי קאַפקא איז א ספּעציאַליסט אין געביט פון עלעקטראָניק, ער אַרבעט אָף א זאַוואָד פון רעכענונגס־מאַשינעס. „הײַנטצײַטיקע גוילעמס״, — האָט שאַבסי קאַפקא געהיימניספול אַרײַנגערוימט מיר אין אויער, פּונקט ווי א גוילעם וואָלט „בא זיי״ געווען דאָס זעלבע געהיימע געווער, ווי אַמאָל „בא אונדז״, אַמווייניקסטנס, א רעאַקטיווע „קאַטיושאַ״. מײַן נײַער באַקאַנטער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א היימישן מענטשן, איבערהויפּט בישכיינעס מיט דער פרוי זײַנער, וואָס האָט גערעדט אומגערן, האַגאַם דעם מאַן האָט זי דאָ און דאָרט אונטערגעזאָגט א וואָרט אָף „ריינעם יידיש״ (ריינער יידיש באַטײַט בא די קאַפקאַס דער גאַליציאַנער דיאַלעקט).

דאָס פּאָרפאָלק האָט ביזן קריג געלעבט אין סלאָוואַקיע, ווו מע ניצט נאָך ביז הײַנט א ביסל יידיש. שאַבסי קאַפקא האָט וועגן דעם שפּראַך־איניען בא יידן זײַן אייגענע טעאָריע. אַגעוו, אָף צו איבערגעבן מיר דעם טאָך פון אָט דער טעאָריע איז אים צוהילף געקומען טאַקע פראַנץ קאַפקא, דער גרויסער טשעכיש־דײַטשישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט, ווי געזאָגט, קיין שום שײַכעס ניט צו אים, צו שאַבסי קאַפקאַן, — אין טשע־כאָסלאָוואַקיע איז צווישן די יידן די פאַמיליע קאַפקא ניט ווייניקער פאַרשפּרייט, ווי אין סאָוועטנפאַרבאַנד די פאַמיליע ראַבינאָוויטש...

איז אָט, איינמאָל האָט פראַנץ קאַפקא זיך געווענדט צו א פאַרזאַמ־לונג פון אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן פון פּראָג מיט אַזעלכע קלוג־שמייכלענדיקע ווערטער: „איך וויל אײַך זאָגן, מײַנע דאַמען און הערן, אז איר פאַרשטייט יידיש א סאַך בעסער, ווי אײַך דאַכט זיך״...

שאַבסי קאַפקא זאָגט אויך דאָס זעלבע.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז כאַוועט שאַבסי קאַפקא פאַרמישט אין שאַפן די „הײַנטצײַטיקע גוילעמס״. קאָן זײַן, אז דאָס האָט אים באַ־וועגט מיך אָוועקצופירן פונעם סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ צום פּראָגער שטאָ־טישן מאַגיסטראַט, ווו עס שטייען נאָך אַלץ אָף ביידע זײַטן פון דער אַרײַנגאַנג־טיר די סקולפּטורן פונעם פּראָגער ליימענעם גוילעם און פון זײַן באַשעפער — דעם מאַהאַראַל. שאַבסי קאַפקא האָט מיט דער הילף פון זײַן שווײַגנדיקער פרוי מיר איבערגעגעבן אָף א „ריינעם יידיש״ אייניקע פּראָטים, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן פּראָגער גוילעם. דערבײַ האָט ער

די פּראָטים ניט איבערדערציילט, נאָר קאָמענטירט, ווי מע טוט עס, שמועסנדיק מיט א מענטשן, וואָס איז אין קורס פון דער זאַך:

— איר זעט, דער גוילעם איז דאָ געמאַכט אנדערש ווי בא דעם מאַ־האַראַל. ער האָט ניט דאָס געשטאַלט פון א פּאָשעטן כּײַוועקײַעם, א ראָ־באָטניק, וואָס האַקט האָלץ און טראָגט וואַסער. דאָ איז ער א פאַרפּאַנ־צערטער ריטער און, ווי ס'איז אָנגענומען בא פאַרפּאַנצערטע ריטער, — מיט א פאַרבאַהאַלטענעם פּאָנעם. דער סקולפּטאָר האָט געקוקט אַפן גוי־לעם מיט די אויגן ניט פונעם אלטן צאַדיק, נאָר פון זײַן ראָמאַנטישער טאָכטער, וועלכע האָט זיך אינעם גוילעם אײַנגעליבט...

ס'איז טאַקע געשען אַן אויסערגעוויינלעכע טראַגעדיע. דעם מאַהאַ־ראַלס טאָכטער (אין דער סקולפּטור־גרופּע קלאַמערט זי זיך צו די פּיס פונעם טאַטן) האָט קלאָל ניט געוווּסט, אַז דער גוילעם איז א ניט־מענטש, א געשטאַלטיקײַט אָן א נעשאָמע. וואָס קאָן איר אָבער זאָגן דער טאַטע? מיט וואָס איר העלפן? זי איז פאַרליבט אין א פאָרמע פון ליים...

די טראַגעדיע פונעם מאַהאַראַל איז געווען, אויב איר ווילט, א פילאָ־סאָפישע און א סאָציאַלע. די באַרעכטיקונג פון זײַן „מאַכט איבער מאַטע־ריע" שטאַמט פון דער אידעאַליסטישער לערע וועגן גײַסט, וועלכע ליגט אין יעסאָד פון יעדער רעליגיע, אַרײַנגערעכנט די ייִדישע. מיטן וואָרט האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, דאָס הייסט אַרײַנגעטאָן לעבן אין כאַאָס. דער פּראָגער צאַדיק פונעם XVI יאָרהונדערט רעב יעהודע־לייב בען־בעצאַלעל, אָדער, ווי מע פלעגט אים רופן, „דער גרויסער רעבע ליוואַ", האָט מיט גאָטס נאָמען אַרײַנגעגעבן דעם קויעך־האַכאַ:ם אין א שטיק ליים, א פּראָסטן טשורבאַן, וועלכן ער האָט אויסגעקלעפּט אין דער פאָרם פון א מענטשן. דאָס אלץ איז לעגענדע. אָבער דער רעאַלער רעב יעהודע־לייב בען־בעצאַלעל איז טאַקע אפאַנעמעסן געווען א גרויסער זון פון זײַן צײַט — פונעם מיטלאַלטער, ווען קאַבאָלע, מיסטיק, קאָלערליי „מעכאַש־פים", אלכימיקער אדג. זײַנען פאַקטיש געווען די אָפּלייקענער פונעם פאַרגליווערטן, פונעם שוין אָפּגעלעבטן אין דער געזעלשאַפט. גופא אין דער אידיי צו שאַפן (זאָל זײַן — מיט דער הילף פון שיימעס פון דער קאַבאָלע) אַן ערדישן אווטאָמאַטישן קויעך איז פאַרלייגט די אָפּלייקענונג פון רעליגיעזע קאַנאָנען, די אנערקענונג פונעם מאַטעריעלן. און דאָ טאַקע נעסטעט זיך דעם מאַהאַראַלס טראַגעדיע. דער עצעם ציל צו שאַפן א מין אופזיכט־קויעך — דעם גוילעם — האָט ווידערשפּרעכט דער רעליגיעז־אידעאַליסטישער וועלט־אָנשויונג. דערצו נאָך האָט דער שעפער פונעם גוילעם פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער אים. דאָס הייסט — דאָס מאַטע־ריעלע, זײַענדיק א פּראָדוקט פונעם גײַסט, האָט מיט אייגענע קויכעס דעראָבערט פאַר זיך זעלבשטענדיקײַט, נאָך מער — בכוירע, ערשטיקײַט.

די מײַסע איז פאַרלאָפן אזוי. „דער גרויסער רעבע ליוואַ", האָבנדיק אין זינען צו פאַרטיידיקן די פּראָגער געטאָ פון א בלוט־בילבל, האָט גע־שאַפן דעם גוילעם — א מין „זעלבשוץ", וואָס האָט שפּעטער באַקומען פון אים אויך אנדערע לעבנס־פונקציעס. געשאַפן האָט דער מאַהאַראַל דעם גוילעם, ווי געזאָגט, מיט דער הילף פונעם סאַמע פאַרהוילענעם קאַבאָלע־מיטל: אַרײַנגעלייגט אין דעם ליימענעם טשורבאַן אַן אמולעט מיט א

געהיימניספולער טעטראגראמע. דאָס איז געווען דער שיים־האמפוירעש — דער דײַטלעכער נאָמען פון גאָט, אזא ווי ער איז, און ניט אין א פארשטעלטער פאָרם (ווי מע האָט דאן געגלייבט, איז עס דער ווירקזאמער שפרוך אַף צו אופטאָן אומגעוויינלעכע וווּנדער).

קורץ, אין די שמאָלע געסעלעך פונעם אלטן פראָג, דאָרט, ווו איך גיי איצט ארום מיטן מאָדערנעם פאָרפאָלק קאפקא, האָט זיך באוויזן צווישן לעבעדיקע מענטשן א ליימענער גוילעם, וואָס האָט געקאָנט אלץ טאָן לויטן באפעל פונעם הייליקן רעבן. דאָס הייסט, געקאָנט האָט ער בלויז הערן, פארשטיין דאָס געהערטע און טאָן וואָס מע הייסט אים. ריידן האָט ער ניט געקאָנט, וואָרעם ריידן — דאָס איז דער העכסטער גאָב, מיט וועלכן גאָט האָט באשאָנקען דעם מענטשן, און דער סאָד פון דעם איז באוווּסט בלויז אים, דעם אייבערשטן, און ער אנטפּלעקט אים פאר קיינעם ניט...

דער מאהאראל האָט געקאָנט טאָן מיטן גוילעם אלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. ער פלעגט אים געבן שווערע ארבעט, וואָס עס האָט ארויסגערופן בא דוירעס ייִדישע קינדער, אין די ווײַטערדיקע צײַטן, פיל מיטלײַד צום „עקספלואטירטן” (פונקט אזוי ווי די סימפּאטיע בא די רוסן איז אינגאנצן אַף דער זײַט פון זאָלושקע). נאָר איינמאָל איז געשען, ווי די לעגענדע דערציילט, אן אומגלייבלעכע זאך. באם ליימענעם גוילעם האָט זיך באוויזן אן אייגענער ווילן, ס'האָט אין אים א בלענד געטאָן דער פונק פון זעלבסטבאוווּסטזײַן. ער האָט באשטימט האנדלען אזוי, ווי ער אליין געפינט פאר נייטיק, און זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס עס זאָגט אים דער אלטער צאדיק. דאָס גײַסטיקע האָט אין דער סיסטעם פונעם אידעאליסט פארלאָרן דעם קאָנטראָל איבערן מאטעריעלן!

די מאטעריע האָט אליין ארויסגעוויזן גײַסט! „אלס אלעגאָריע קאָן מען זיך עס פאָרשטעלן, אָבער...” — מײַן קאָמענטאטאָר כאווער שאבסי קאפקא טוט מיר פארטרוילעך א שעפּטשע אפן אויער, פּונקט ווי ס'וואָלט געגאנגען א רייד אמוייניקסטנס וועגן א מעלוכישן סעקרעט: „ווען איך זאָל וועלן, וואָלט מײַן עלעקטראָנישע מאשין אפילע געשריבן ליבעלידער, אָבער אין לעצטן סאכאקל וועלן די לידער קומען פון מײַן גײַסט, ניט פון דער מאשינס. און פארגעסט ניט, אז איך קאָן די מאשין אָפּשטעלן, און — אויס מיט די ליבע־לידער...”

שאבסי קאפקאס שווײַגנדיקע פרוי האָט ניט אויסגעהאלטן:

— דער מאהאראל האָט דאָך אויך „אָפּגעשטעלט” דעם גוילעם...

ווען דער שוין קימאט אינגאנצן אויסגעמענטשלעכטער גוילעם האָט זיך א מעגושעמדיקן טראָג געטאָן איבער דער פראָגער געטאָ, איבערקערנדיק און אומוואָרפנדיק אלץ, וואָס עס האָט זיך אים געטראָפן אין וועג, ארויסרופנדיק ארום זיך א מעהומע און איבערשרעקנדיק ביז טויט די מענטשן, דאן האָט דער מאהאראל ארויסגעריסן פון זײַן מויל דעם אמולעט, אָפּגענומען דעם שיים־האמפוירעש, און יענער איז ווידער געוואָרן א שטיק ליים, ניט מער. ווי די לעגענדע דערציילט, ליגט נאָך אדהײַנט דאָס ליימענע לײַב פונעם גוילעם אפן בוידעם פון דער פראָגער אלט־ניי־שול.

— קומט, לאָמיר צוגיין אין דער אַלט־נײַ־שול, — האָב איך געבעטן.
— לײַדער איז שוין קיין צײַט ניטאָ. וועלן מיר אײַך אונטערפירן א פּאָר קווארטאלן...

מיר האָבן פאַרקערעוועט צום ייִדישן שטאָט־פּערטל. דער כאָוועך שאַבסי קאַפקאַ האָט מיר געהייסן קוקן, וואָס אונטער די פיס טוט זיך. איך האָב ערשט איצט דערזען די באַרימטע פּראַגער טראָטואַרן, אַף וועלכע עס זײַנען אויסגעלייגט פון פילפאַרביקע שטיינער אָדער פון קעראַמישע פּליטקעס געאָמעטרישע פיגורן, אָרנאַמענטן, קווייטן. לאַנג קוקן אונטער די פיס האָט זיך אָבער מיר ניט אײַנגעגעבן, ווײַל קאַפקאַס שווײַגנדיקע פרוי האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'איז שוין צײַט איבערפירן די אויגן פון די טראָטואַרן אַף די הײַזער־פאַסאַדן, לעבן די אַרײַנגאַנגען, ווו עס זעען זיך אַרויס ספּעציעלע צייכנס (אָנגעמאָלטע אָדער אויסגעקלעפּטע), וועלכע פלעגן אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט דינען אַף צו געפינען דאָס גייטיקע הויז (אין פּראָג האָט מען אָנגעהויבן נומערירן די שטיבער ערשט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק). איך האָב פון מאָל צו מאָל אויסגעשריגן, וואָס פאַר א צייכן איך זע אַף די ווענט, און די קאַפקאַס האָבן צוגעשטימט, אַז אַזוי איז עס טאַקע: א שוואַרצער בער, א גאָלדענער שטערן, א גרינע זשאַבע, א ווײַסע שוואַלב, דרײַ הערצער, דרײַ פידלען, דרײַ רויזן...

דורכגייענדיק פאַרבײַ דעם פּאָפּולערן אין פּראַג רעסטאָראַן „או קאַליכאַ" (אַהער פלעגט אַרײַנקומען דער העלד פון יאַראָסלאַוו גאַשעקס ראָמאַן „דער בראַווער סאָלדאַט שוויק"), האָבן מיר באַם אַרײַנגאַנג אויסגעטרונקען צו קופלען פּלזענער ביר „דוואַנאַצטקו" און זיך צעשיידט — די קאַפקאַס האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַף סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ, און איך בין אַוועק מיט דער פּאַרזשיזשסקער גאַס און, איבערגייענדיק אַף דער לינקער זײַט אירער, דערזען צוערשט די אײַנדרוקספולע סקולפּטור פון מוישע ראַביינו און דערנאָך די אַלט־נײַ־שול מיט דער כאַראַקטעריסטישער טורעמאַרטיקער, טרעפּלדיק־אויסגעשניצטער דאַך־וואַנט (דאָרט, אַפן בוידעם, ווו־הין עס פירן ניט קיין טרעפּ, ליגט טאַקע, לויט דער לעגענדע, דאָס ליימענע „געביין" פונעם גולעם. ס'איז א באַוווּסטער היסטאָרישער פאַקט, אַז דער זשורנאַליסט עגאָן ערווין קיש האָט געפּרוּווט אַמאָל דערקלײַבן זיך צום בוידעם־שטיבל מיט דער הילף פונעם דרויסנדיקן פײַערלעשער־לייטער, קעדיי זען, וואָס עס איז געבליבן פונעם גוילעם, נאָר ער האָט זיך אומגעקערט, ניט דערגרייכנדיק דעם ציל).

עס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן די דרײַשטאָקיקע געבײַדע פונעם ייִדישן ראָטהויז, וועלכע שאַפט צוזאַמען מיט דער אַלט־נײַ־שול א שמאָל געסעלע. איבערן דריטן שטאָק, פּונקט אונטער דעם קונציק־געשניצטן טורעם, האָב איך דערזען דעם זייגער מיט ייִדישע אויסיעס אַפן ציפערבלאַט אָנשטאָט ציפערן (אָנהייבנדיק פון אַן אַלעף, וועלכער פאַרבײַט די ציפער 1, און ביז יוד־בייס — 12), באַ וועלכן די ווײַזערס באַוועגן זיך פון רעכטס אַף לינקס, אַפן ייִדישן אופן...

אַראָפּגעשטיגן מיט עטלעכע טרעפּלעך, האָב איך זיך דערפילט, גלײַך איך וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט א ווינדע טיף־טיף, ווי אין א שאַכטע.

מער פון זיבן הונדערט יאָר שטייט שוין די שול אף איר פונדאמענט, וועלכן מע האָט, ווי עס דערציילט די לעגענדע, צונויפגעלייגט פון שטיי־נער, אראָפּגעבראכטע אזש פון די כורוועס פונעם בייס־האמיקדעש.

ס׳איז טשיקאווע: דער נאָמען „אלט־נײַ״ באצייכנט ניט די עלטער און אויך ניט די באנײַונג פון דער סינאגאָגע, ער נעמט זיך פון דעם, וואָס געבויט האָבן זי, ווי מע האלט, יידן, וועלכע זײַנען געקומען קיין באָהעמיע נאָכן כורבן־יערושאָלאַיִם. האָפנדיק, אז ס׳וועט לאנג ניט דויערן, ביז דער בייס־האמיקדעש וועט אופגעשטעלט ווערן, האָבן זיי אוועקגע־שטעלט די סינאגאָגע בא דער וולטאווע „אף דערווײַל״, אין העברעיִש — „על תנאי״, דה. מיט א באדינג. פון „אל טנײַ״ איז געוואָרן „אלט־נײַ״...

די טונקלקײַט אין דער אלט־נײַ־שול קומט פון אינווייניק, ניט פון דעם, וואָס עס איז פארשטעלט דער דרויסן. די פײַכטקײַט שפּארט ארויס פון די ווענט, פונעם דיל, פון דער סטעליע. די פינפווינקלדיקע קאָלאָנעס מאכן ענג די דורכגענג. פון דער היפשער צאָל האָלענדישע מעשענע זשיראנדאָלן לײַכטן בלויז צוויי אףביידע זײַטן פונעם אָרנקוידעש און איינער איבערן אָמעד.

עטלעכע היסטאָרישע סינאגאָגעס, אויסער דער אלט־נײַ־שול, וועלכע געפינען זיך אפן ניט גרויסן שעטעך פונעם יידישן שטאָט־פערטל, זײַנען איצט פיליאַלן פונעם מעלוכישן יידישן מוזיי. די היסטאָרישע זאמלונגען, וואָס ווערן דאָרט אָפּגעהיט, האָבן צו זיך קיין גלײַכן ניט. דאָס זײַנען טויזנטער און טויזנטער כפייצים פון גאָלד און זילבער, וועלכע עס האָבן אין פארשיידענע צײַטן און עפּאָכעס אויסגעארבעט די בעסטע גראווירער פון אייראָפּע; זעלטענע קסאוויאדן און ספאָרים וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פּראָג; דאָקומענטן, וואָס שילדערן די ליידן, דעם אומקום, דעם קאמף פארן לעבן פון די טשעכישע יידן בייס דער היטלערישער אינוואזיע; די רײַכסטע אין דער וועלט קאָלעקציע פון פּאָרויכעסן, טוירע־מענטעלעך, שטריקערײַען, באלעמער־צודעקן, וויקלשנורן, טוירע־קרוינען אדג. אאוו.

אין דער פּינקאס־סינאגאָגע שטייט א מאָנומענט די פארשניטענע טשע־כישע יידן. ערעוו דעם צווייטן וועלט־קריג האָט די יידישע באפעלקערונג פון טשעכאָסלאָוואקיע באטראָפן נײַנציק טויזנט נעפאשעס. הײַנט זײַנען אין לאנד פאראן בא אכצן טויזנט יידן. דאָרט, ווו עס שטייט דער דענק־מאָל, אין דער פּינקאס־סינאגאָגע, זײַנען די ווענט באדעקט מיט די נעמען פון 77.297 אומגעקומענע. אין מעשעך פון פינף יאָר נאָכן קריג האָט מען סיסטעמאטיזירט און אופגעשריבן אף די ווענט דאָס טרויעריקע צעטל, וואָס איז געמאכט געוואָרן אפן סמאך פון דעם כעזשבן, וועלכן ס׳האָט טאָגטעגלעך געפירט אן אָנגעשטעלטער אין טערעזיִענשטאדטער יודען־ראט — יויזעף פּאלאק. בלויז אף איין מענטשן האָט זיך טויע געוועזן פּא־לאק. אנומלטן איז אין דער פּינקאס־סינאגאָגע געקומען א ייד מיטן נאָמען אייזשען הילאר. דערזעענדיק זײַן פאמיליע אף דער וואנט, האָט ער דער־ציילט, וויאזוי ער איז ניצל געוואָרן פונעם טויט, און געבעטן פאריכטן דעם טאָעס. דאָס אָרט פון דעם אויסגעשלאָסענעם פונעם צעטל האָט פאר־נומען אליין דער צונויפשטעלער: יויזעף פּאלאק האָט באוויזן צו באגראָבן

אין דער ערד די רעשימעס פון די קדושים, און נאָכדעם איז ער אומגע־בראכט געוואָרן.

די עק־גאַס, אנטקעגן דער אלט־נײַ־שול און דעם געוועזענעם ראַטהויז, פאַרנעמט דער אלטער ייִדישער בעסוילעם. ניטאָ אזא מענטש פון אויס־לאַנד, וועלכער, קומענדיק קיין פּראָג, זאָל ניט באזוכן דאָס דאָזיקע ווינקל. איַינגעזונקענע אין דער ערד, האלב־אומגעפאַלענע, קימאַט שוין ארופגע־קראָכענע איינע אף דער אנדערער, פאַרייניקטע קלוימערשט אין איין אומוואלגער, אָבער גאנץ באַזונדערע יעדע פאַר זיך, ווארעמען זייערע אלטע ביינער הינטער פעלצעלעך פון מאָך און צײַט־שטויב מאַצייוועס פון רויען שטיין, וואָס אייניקע פון זיי האָבן שוין א „סטאַזש” פון פינף־זעקס הונדערט יערעלעך...

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאכט, בין איך אַרײַנגעקומען זיך מעלדן אין קולטור־ראַט פון די ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דער סעקרעטאַר פון דער קעהילע און פונעם ראַט אָטאָ הײַטלינגער, וועלכער האָט זיך פונקט פאַר־האַלטן נאָך דער אַרבעט, איז געווען שטאַרק פאַרכידעשט פון מײַן אומ־געריכטן וויזיט און געבעטן, איך זאָל אף א פּאָר טעג איבערבלײַבן אין פּראָג. איך האָב אים געענטפערט, אז ס'איז אוממעגלעך, און מיר זײַ־נען אָפּגעזעסן א שאָ אָנדערהאַלבן און געשמועסט. הײַטלינגערס ענט־פער אף איינער א פראַגע מײַנער וועל איך דאָ ברענגען. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר העלפן דערגיין צו דער סיבע, פאַרוואָס אין די לענ־דער פון אייראָפּע, ספּעציעל אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זײַנען אזוי אויסגע־שעפּט די דעמאָגראַפישע צײַגערס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

— איך קאָן אײַך ניט זאָגן וועגן גאנץ אייראָפּע, — האָט געענטפערט אָטאָ הײַטלינגער, — נאָר וואָס שײַעך טשעכאָסלאָוואַקיע, איז פאַראַן א גע־וויסער „סאָד”. די זאַך באַשטייט דערין, וואָס אין די היטלערישע צײַטן זײַנען צווישן די ייִדן מערסטנס אויסגעהאַרגעט געוואָרן די יונגע. אַפילע שטאַרבן מיט א „נאַטירלעכן טויט” — פון הונגער און פון אנדערע ליידן — פלעגט גיכער א יונגער. קורץ, די יונגע, פון וועלכע עס שפּינט זיך ווײַ־טער דער פאָדעם, זײַנען קימאַט אַלע פאַרשוווּנדן. נו, און פון אלטע לײַט — וואָס פאַר א צוווּקס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען פון זיי דער־וואַרטן?

אַרויסגייענדיק פונעם הויז, אין וועלכן עס געפינט זיך דער קולטור־ראַט, האָב איך אפן ערשטן שטאָק, דאָרט, ווו עס עפנט זיך א טיר צו דער ייִדישער גאָרקיך, זיך צונויפגעטראָפן מיט עטלעכע יונגעלײַט אין ברעזענטענע רעקלעך, מיט גרויסע קעגנפײַער־ברילן אף די דאַשעקעס פון האַרטע היטלען. זיי האָבן צונויפגעשטעלט אין א ווינקל זייערע שווייס־אינסטרומענטן, העקלעך, לאָמען און, איבערוואַרפנדיק זיך מיט טשעכישע ווערטער, אַרײַן אין עסצימער. דאָרט איז געווען שטאַרק ליכטיק. ווי ס'האָט מיר אויפגעקלערט אַן אָנגעשטעלטער פונעם ראַט, האָט זיך אין דער גאָר־קיך צונויפגעקליבן, גלײַך נאָך דער אָוונט־וואַכטע, די ייִדישע יוגנט אף צו באַהאַנדלען עפּעס א וויכטיקע פּראָבלעם.

די געסלעך פונעם ייִדישן קוואַרטאַל זײַנען געווען העל באַלויכטן. ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט אוועקגיין פון דאָרטן. איך האָב געפונען אַן

אָפּגעזונדערט אָרט, א קליין סקווערל, און, צושפּאַרנדיק זיך צום פּלויטל, פאַרשריבן די ערשטע שורעס פונעם לידער־ציקל וועגן דעם גוילעם. איצט איז דער גאַנצער ציקל שוין פאַרטיק, און איך שיק אים אייַך ארויס.

דער מאַהאַראַל האָט אָפּגענאַרט

אָפּגענאַרט דעם בוירע אוילעם:
ניט געשאָלטן, ניט געבענטשט,
און פון ליים געמאַכט א גוילעם,
וואָס איז שטאַרקער פון דעם מענטש

אָפּגענאַרט דעם מענטשן־אוילעם:
קלוימערשט צווישן יאָ און ניין
אויסגעקלעפּט פון ליים א גוילעם,
וואָס איז קלוג ווי גאָט אליין.

אָפּגענאַרט אויך אים, דעם גוילעם:
ניט פאַרבאָרגן, ניט געהיים —
ער געווען שוין צווישן גדוילים
און צוריק געוואָרן ליים.

זאָג מיר, גוילעם

וואָסער גוירל,
זאָג מיר, גוילעם,
האָט פאַרגרייט פאַר דיר דער צאַדיק?
און צי איז אין פּראָג דער אוילעם
פאַר א גוילעם־נעס שוין צייַטיק?

אויב דו וועסט באַם שטעפּער פּוי׳לן,
שאַפן זאָלסט מיט אלץ אליין זיך,
וועט דער מענטש דיר ניט באַפוילן,
און ניט העלפן וועט אים קיין־זאַך, —

האָבן וועסט אליין די דייע:
ווער און וואָס און ווען און וועמען,
פאָלגן וועסט ניט קיין קאַמייע,
און א שפּרוך וועט דיך ניט נעמען,

ווייַל עס איז אין פּראָג דער אוילעם
פאַר דעם גוילעם־נעס ניט צייַטיק.

וואָסער גורל,
זאָג מיר, גוילעם,
האָט פארגרייט פאר דיר דער צאדיק?

די בעהאָלע

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— יידן, היט זיך פאר אים, יידן!
היט זיך, יידן, פאר דעם גוילעם. טוט א רוף דעם מאהאראל,
וועלכער האָט דעם קוי׳ך האכאים אים אריינגעטאָן מיט פרידן,
און אצינד אין גוטן דערעך קוים ער האלט אים איין מיט גוואלד...

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— יידן, האלט דעם רעבנס יוירעש!
עפעס פונקט ווי ס׳וואָלט דער גוילעם בעגילופן גאָר געווען.
זאָל בא אים דער מאהאראל גלייך אָפנעמען דעם שיים האמפוירעש,
און — ניטאָ אין פראָג קיין גוילעם, קיינער האָט אים ניט געקענט...

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— אָט צעוואָרפט ער אלע קלייטן!
אָט צעמיימעסט ער די מענטשן... שאַט, עס גייט דער מאהאראל
— — — — — — — — — — — — —

ס׳גייט
דער גרויסער רעבע ליוואָ —
„האָב געשטעלט דיך, וועל דיך שפּרייטן...“ —
און דער גוילעם פאלט פארגליווערט,
צו דער ערד ער טוט א פאל...

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— יידן, ראטעוועט אים, יידן!
ראטעוועט דעם גוילעם, יידן! וויי, וואָס טוט דער מאהאראל!
ער אליין האָט קוי׳ך האכאים אים אריינגעטאָן מיט פרידן,
און אצינד דעם שיים האמפוירעש רייסט פון מויל זיינעם מיט גוואלד...
זאָגט אים, יידן, אז די אלטשטאָט אָן א מעסער טוט ער קוילען,
ווייל א שוימער,
א באהעלפער
איז געווען פאר אונדז דער גוילעם.

צו אייך איך רעד

היי, שפעטערדיקע גוירינים,
מייסטערס פון עלעקטראָנישע ראָבאָטן!
איך, דער ליימענער גוילעם,

וועל באַ מײַן צײַט זיך אָפּבעטן
און דערגיין צו אײַער צײַט,
ביז צו די לאַבאָראַטאָריעס.
באַגעגענען מיך אָן פֿײַערלעכקײַט
דאָרטן מע וועט, א סוואָרע.

פֿאַר מיר פֿלעגן פֿאַלן קוירים
די שלעגער אין פּראָג, ווען איך פֿלעג
אַרויסגיין — א ליימענער גוילעם —
אַנטקעגן באַיאַנעס אָן שרעק.

באַ אײַך מע וועט רופֿן מיך ראָבאָט,
און דרינגען עס וועט דערין:
פֿון מענטשלעכס קיין סימן כ׳האָב ניט,
בין פּאַשעט א מאַשין.
געמאַכט פֿון אַנטענעס און טרײַבלעך,
מײַן לאָשן — די ליכט פֿון טאַבלאָ,
מע וועט מיך צונויפֿקלײַבן
און אײַנשליסן אַף א שאָ,
איך זאָל פֿאַר דער צײַט דער קאַרגער
אויסרעכענען גיך און ריכטיק,
וואָס פֿון וואָס עס איז שטאַרקער,
וואָס פֿון וואָס עס איז וויכטיקער:
טויזנט פֿערד מיט פֿלייש און ביינער
צי פֿון שטאָל און אײַזן איינער...
— — — — — — — — — — — — — —

צו אײַך איך רעד, גאונים
פֿון עלעקטראָנישע צײַטן.
איך, דער ליימענער גוילעם,
וויל אַף בעסערס ניט בײַטן —
ניט די איינפֿאַכע טוירע,
וואָס מיר האָט מײַן שעפֿער געגעבן,
ניט מײַן ביטערן גוירל —
שווײַגן דאָס גאַנצע לעבן.

אדעראבע

— אויב איך פֿון כוימער בין געמאַכט און איר פֿון פֿלייש און בלוט,
אויב איר זײַנט מענטשן, טאָ פֿאַרוואָס בין איך אײַך גויווער?
פֿאַרוואָס, ווען ס׳קלעקט אײַך ניט קיין קויעך און קיין מוט,
איר רופֿט צוהילף א ליימענעם טשורבאַן — א גוילעם?

— אויב דו ביסט מעכטיקער פון אונדז, איז אדעראבע — נעם
און מאך פון פלייש א מענטש, און זאָל דײַן האנט זײַן גוירעם
צו געבן אים אזויפיל כיין און שווונג, אזא מין ברען,
אז מענטשן זאָלן אים ניט רופן
ליימענער גוילעם.

זעקס־און־צוואנציקסטער בריוו

כ׳וואָלט א באלן געוועןן וויסן, וויאזוי און לויט וועלכע סימאָנים האָבן אדמיניסטראַטאָרן בא די ווײַטע אָוועס אײַנגעשטעלט די גרענעצן צווישן לענדער. אָט דאָ־אָ, בא דעם דאָזיקן ריטשקעלע, איז פון דער זײַט אונדזער לאנד, און מיט א קלאַפטער ווײַטער, אָט פון דעם־אָ הרודקעלע ערד, איז שוין אײַער לאנד... אף דער געאָגראַפישער מאַפע זעט אויס די אָפּגרע־נעצונג גאנץ פּאָשעט: יעדער לאנד באַפארבט מען מיט אן אנדער פארב, און פאָטער. אָבער אז צוויי פעלקער שטייען, לעמאָשל, בא א וואלד, איז וויאזוי קאָן מען פעסטשטעלן, וועמעס ער איז לויטן נאַציאָנאלן סימען? און ווען די גרענעץ ליגט אין א מיטן פון א פעלד, איז — ביז אהער וועט מען ריידן אפן לאָשן פון יענעם לאנד, מע וועט טראָגן יענע נאַ־ציאָנאלע בגאָדים און מע וועט זינגען לידער און הימנען פון דאָרטן, און מיט א שפאן ווײַטער וועט שוין אלץ זײַן לויטן שטייגער פון דער קעגנעבערדיקער נאַציע?..

ווען דעם האָב איך געטראַכט, זיצנדיק אין צוג אפן וועג קיין בולגאַ־ריע. ווען מע פליט מיטן אעראָפּלאַן, „שנײַדט מען צו״ די געדאנקען לויטן הימל־רוים: די וועלט איז א דורכויסיקע, ניטאָ קיין צעטיילונג אף דער זײַט וואלד, אָדער פעלד אָדער טײַך, און אף יענער זײַט. די קורצע צײַט, וואָס גייט אוועק אף א לאנגן וועג, איז א באווײַז ניט נאָר פון נאָענטער שכיינעס צווישן אָפּגעגרענעצטע קאנטן, נאָר אויך פון דעם, אז די אָפּגע־גרענעצטקײַט גופא איז באדינגלעך. אנדערש איז אָבער, ווען מע פאָרט מיט דער באַן. א לאָקאָמאָטיוו איז ווי אן ערד־זשוק, וועלכן מע קאָן אָפּ־שטעלן מיט א שטרויעלע. עס טוט זיך א לאָז אראָפּ דאָס דרענגל פונעם גרענעץ־שלאגבאום, און די באַן שטעלט זיך אָפּ: דאָ, בא דעם דאָזיקן דרענגל, ענדיקט זיך יענץ לאנד און עס הייבט זיך אָן אן אנדערס...

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך קיין שרײַענדיקע ענדערונגען אינדער־לופטן, אף דער ערד, צווישן די מענטשן ניט באמערקט, ווען כ׳בין פון סאָוועטנפארבאנד אריבערגעפאָרן קיין רומעניע און פון רומעניע קיין בולגאַריע. דאנקען גאָט, וואָס עס איז אזוי גרינג געוואָרן דאָס קומען צו־גאסט צו פרײַנט... ארויסגייענדיק פונעם צוג אין דער הויפּטשטאָט פון בולגאַריע — סאָפיִע, בין איך אויך ניט ארײַנגעפאלן אין אן „אנדער וועלט״. פאַרקערט, דער געפיל פון אויסלאנד איז ניט געקומען צו מיר, און איך מוז זיך אײַך מודה זײַן, אז איך בין אפילע עטוואָס באומרויִקט. ביז איצט קאָן איך נאָך אלץ בא זיך ניט פּויעלן, אז איבערגייענדיק צוויי מע־לוכע־גרענעצן, געפין איך זיך שוין אין אן אנדער לאנד. די בולגאַרישע

כאווירים איזראעל מאיער און איזידאָר סאָלאָמאָנאָוו, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט באַם צוג, האָבן עס דערקלערט דערמיט, וואָס בולגאַריע איז אַ ליַיבלעכע שוועסטער פון רוסלאַנד.

מיט איין וואָרט: איך געפין זיך איצט אין בולגאַריע, אין דער שטאָט סאָפיִע. איך וווין אויף אַ גאַס לעבן סאַמע פּלאַץ פונעם 9־טן סעפּטעמבער, אויף וועלכן עס שטייט דער וויַיס־מאַרמאָרנער מאַוזאָליי פון געאָרגי דימיטראָוון און פונוואַנען עס הייבט זיך אָן אָט די שטאָט, אָט דאָס לאַנד, אָט דאָס וווּנדערלעכע פאָלק.

וועגן דעם פאָלק פון בולגאַריע האָב איך פאַרציַיכנט אין מיַין נאָטיץ־ביכל אַ לעגענדע, וואָס דער אָנהייב אירער („ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די ערדן פון דער וועלט צווישן די פעלקער" אאַזוו.) איז אַ באַקאַנטער אין דעם פאָלקלאָר פון פיל לענדער פון אייראָפּע; כ׳געדענק, ווי אין דער שווייץ האָב איך אויפגענומען ווי אַ ספּעציפיש־שווייצאַרישע די לעגענדע, וויאַזוי גאָט האָט זיך געכאַפּט, אַז אַלע ערדן אין דער וועלט זיַינען שוין צעטיילט, און פאַר שווייצאַריע איז פאַרבליבן „דאָס איבעריקע" — די געטלעך־שיינע בערג און טאָלן, טיַיכן און אָזערעס, וועלכע זי פאַרמאָגט איצט...

איז אָט — „ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די ערדן פון דער וועלט צווישן די פעלקער", האָט ער מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַן איַינגעמאַטערטן מענטשן. „ווער ביסטו?" — האָט געפרעגט דער ריבוינעשעלוילעם. „דער בולגאַר בין איך". — „וואָס ווילסטו?" — „איך וויל ערד אויף זי צו באַאַרבעטן". — „וווּ זשע ביסטו געווען פריִער, ווען איך האָב די ערד צעטיילט צווישן אַלעמען?" — „איך בין געווען פאַרנומען מיט אַקערן אין פעלד די ערד".

די לעגענדע האָט דעם זעלבן גוטן סאָף, ווי פיל שוועסטער־לעגענדעס אין אַנדערע לענדער. גאָט איז אַ פאָטער, און ער האָט אָפּגעגעבן דעם בולגאַר אַ שטיקל פון זיַין גאַניידן.

לאָמיר רעכענען, אַז דער ציל פון מיַין איצטיקער ריַיזע איז — אַ קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן, צי איז טאַקע דאָס לאַנד בולגאַריע אָפּגעשפּאָרט פון גאָטס גאַניידן...

זיבן־און־צוואַנציקסטער בריוו

קעדיי זאָגן, אַז דעם אָדער יענעם קאַנט קאָן מען צוגליַיכן צו אַ גאַניידן, איז ניט גענוג, עס זאָל אויסזען אַנטשפּרעכיק דאָס אָרט. אויב אין אַ גאַניידן־לאַנדשאַפט פעלט דאָס אויסגעליַיטערטע מענטשן־געשטאַלט, איז דער גאַניידן קיין גאַניידן ניט. אין בולגאַריע איז פאַראַן סיַי דאָס אָרט פאַרן גאַניידן און סיַי דער פּאַסיקער מענטש. אין די ערשטע עטלעכע טעג, וואָס איך געפין זיך דאָ, האָב איך זיך באַמיט באַגריַיפן די סיבע, פאַרוואָס אַלע מיַינע באַקאַנטע, וועלכע זיַינען געווען אין בולגאַריע, האָבן, אומקערנדיק זיך פון דאָרט, ניט געקאָנט זיך אָנלויבן פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געטראָפן.

עס מאַכט זיך, אַז אַ גאַנץ פאָלק באַשטייט אין דורכשניט פון מענטשן

מיט א גוטן געמיט. עפּשער איז געפּערלעך זיך צו אויסדריקן אַזוי, ווײַל עמעצער קאָן, פון זײַן זײַט, באַהויפּטן, אַז אַ צווייט פאָלק באַשטייט אין דורכשניט פון שלעכטע מענטשן. נאָר דערציילנדיק וועגן בולגאַריע, רעכן איך ניט אויס אַף דעם, אַז עמעצער וועט מײַנע רייד שלעכט אויסטײַטשן.

דאָס אָרט, ווו דער בולגאַר זיצט, אַזוי צו זאָגן, אַף דער פּריזבע פון זײַן יערושע־שטוב, און אַרום־און־אַרום איז דעם בולגאַרס אייגענע וועלט, — אַזאַ אָרט איז דער באַרג וויטאָשאַ, דער „צוקאָפּנס" פון סאָפיִע. אַף מאָרגן נאָך מײַן קומען אַהער האָבן די אָנפירער פון דער צענטראַלער פאַרוואַל־טונג פון דער קולטור־אויפקלערערישער געזעלשאַפט פון די בולגאַרישע ייִדן מיך פאַרבעטן אָפּעסן מיט זיי מיטיק אַף וויטאָשאַ, אין אַ ווינקל, וועל־כער רופט זיך קאַפּיטאַנאַ. די אַלטע וועגנט פונעם רעסטאָראַן, די ניט פּאָלירטע הילצערנע בענק און טישן, דאָס געפּעס, וואָס איז ווי אָקאָרשט אַראָפּגענומען פון אַ פּאָליצע אין אַ דאָרפישער כאַטע, די לײַנענע סער־וועטלעך און, הויפּזאַכלעך, די לאַכלוטן עפּעקטלאָזע באַלעבאַטים — סײַ די, וואָס זיצן בישכיינעס אַרום טיש, סײַ די צוויי מיידלעך, וועלכע זײַנען פאַרטאָן אין גרייטן צום טיש, — אַלץ און אַלע האָבן פון זיך אַרויסגעהויכט און אַרויסגעשײַנט נאַטירלעכקײַט, אָן אַ סימען פון פּאָזע און געמאַכטקײַט.

דאָ האָב איך זיך ווילנדיק־ניט־ווילנדיק צוגעקוקט צו יוסעף אַסטרו־קאָוון, דעם פאָרזיצער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער קול־טור־אויפקלערערישער געזעלשאַפט. דאָס אָרט, דאָס מעבל, די גאַנצע אומ־געבונג איז געווען אָן „אַסטרוקאָווישע" — אַ צוגעגנגלעכע ראַם פאַר אָט דעם מענטשן, לויט וועמענס אײַנלאַדונג איך בין, אַגעוו, איצט געקומען קיין בולגאַריע.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך געטראָפן מיט יוסעף אַסטרוקאָוון, אין פּאַריז מיט אַ יאָר אַכט צוריק, — האָט ער זיך אַזוי צונויפגעמישט מיט די אַנדערע מענטשן, זײַענדיק „באַפאַרבט" מיט מער געוויינלעכע פאַרבן, איידער זיי, אַז איך האָב שפּעטער, באַם שרײַבן מײַנע פּאַריזשער נאָטיצן, ניט געהאַט קיין סיבע צו אויסטיילן אים באַזונדער. ווײַזט אויס, כ'האָב באַדאַרפט באַגעגענען יוסעף אַסטרוקאָוון באַ אים אין לאַנד, אין זײַן אייגענער סוויווע, צוזאַמען מיט זײַן שטאָט סאָפיִע און מיט זײַן באַרג וויטאָשאַ, קעדיי דערשפּירן דאָס עכטע געשטאַלט זײַנס — די קאַרגע זשעסטן באַם ריידן, דאָס אײַנגעהאַלטענע גיין און שטיין, די דיסציפּלי־נירטקײַט אין אים אינווייניק, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך סײַ אָבליגאַטאָריש־קײַט, סײַ באַשיידנקײַט, סײַ גוטהאַרציקײַט, סײַ ראַיעלקײַט. זײַן גאַנצער אָנבליק איז אַזאַ, אַז קוקנדיק אַף אים, איז מיר אײַנגעפאַלן צו פּאַסקענען: „אָן סאָפעק — ער איז אַ ייִדּ, אָבער אין דער זעלבער צײַט — אַ בולגאַר". דערנאָך, ווען איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צוקוקן צו נאָך מענטשן אין סאָפיִע, אין סטאַנקע דימיטראָוו, אין אַנדערע ערטער, וועלכע כ'האָב די טעג באַזוכט, — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זעלבע קאָן מען און מע דאַרף זאָגן וועגן דעם פאַראַלגעמיינערטן טיפּ בולגאַרישער ייִד. פאַרברענ־טע „ייִדישיסטן", איך מיין עס ניט אין שפּראַכלעכן זין, נאָר אין זין פון אָנהאַלטן זיך אין אַ געוויסער דאָגמע פון טײַטשן די אָנגעהעריקײַט צום ייִדישן פאָלק, — נעמען אָן די דאָזיקע אַטריבוטן פון די „אַסטרוקאָווס", דאָס

הייסט פון די בולגאַרישע ייִדן, אַלס „ניט ייִדישס”, אָפּגעפרעמדטס, „אַסימי־לירטס”, אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי. יענע „ייִדישיסטן” זײַנען ניט בעקויעך צו פאַרשטיין, אַז ניט נאָר זיי זײַנען אָנגעהעריק צום ייִדישן פאָלק, פאַראַן אויך אַנדערע...

אין זײַן לעבנס־גאַנג איז יוסף אַסטרוקאָוו אַן אויסגעשפּראָכן קינד פון יוטשבינאַר — דעם קוואַרטאַל פון דער ייִדישער אָרעמקייט אין דער פאַרמילכאָמעדיקער סאָפיִע. ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן. איצט געפינט זיך אין דעם גרויסקראַכיש־אַרומגעבויטן ראַיאָן, וועלכער האָט אַמאָל געהייסן יוטשבינאַר, די פּרעכטיקע געבײַדע פונעם ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, דער פאַרצווײַגטער פּאַטריאָ־טישער אָרגאַניזאַציע, וועמענס אָנפירער עס איז אין מעשעך פון דעם לעצטן יאָרצענדליק אַסטרוקאָוו.

יוסף אַסטרוקאָוו איז שוין אַלט פולע זעכציק. פונקט אין דער מיטן פון זײַן וועג האָט מען אים, דעם דרײַסיקיאָריקן אָרגאַניזאַטאָר פונעם אומ־לעגאַלן קרײַז־קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד פון דער אַרבעטער־יוגנט אין סאָפיִע, פאַרמישפּעט אויף אייביקער טפיסע. די ריכטער האָבן אים אַרײַנ־געשריבן אין באַשולדיקונגס־אַקט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט זיך דער־וויסן וועגן זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט: דעם אָנטייל אין דער סטו־דענטן־באַוועגונג קעגן די פאַשיסטישע פּראָפעסאָרן פונעם אוניווערסיטעט אין סאָפיִע, די אַרבעט צווישן די בולגאַרישע סטודענטן, וואָס ער, אַסט־רוקאָוו, האָט געפירט אַלס שאַליעך פון דער פּאַרטיי אין דער הויפּט־שטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע פּראָג און שפּעטער אין בעלגראַד, דער הויפּטשטאָט פון יוגאָסלאַוויע.

ווען אין בולגאַריע ווערט געשאַפן דאָס אַנטיפאַשיסטישע פאָלקס־מיליי־טער, שיקט די פּאַרטיי אַהין, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קאָמוניסטן, אַסטרוקאָוון, דעם אָקאָרשט באַפרײַטן פון דער פּלעווענער טורמע. ער איז פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון אַ פּאָלק, שפּעטער — פונעם קאָמאַנדיר פון אַ טאַנקען־דיוויזיע, אַ געוויסע צײַט איז ער פּאָליטקאָמיסאַר אין ראַנג פון אַ קאָרפּוס־קאָמאַנדיר.

אַזאַ איז דער בולגאַרישער ייִד יוסף אַסטרוקאָוו. זײַן פולער נאָמען: דר. יוסף אַסטרוקאָוו־הערץ. זײַן גורל, זײַן וועג, זײַן קאַמפּס־לײַדנ־שאַפט — דאָס אַלץ איז אַזוי אַלגעמיין פאַר די ייִדן פון בולגאַריע, אַז לויט אַסטרוקאָוון קאָן מען אורטיילן וועגן דער אומבייגזאַמער געטרײַ־שאַפט פון די בולגאַרישע ייִדן צו זייער היימלאַנד.

אין דער געשיכטע פון בולגאַריע זײַנען פאַראַן ניט ווייניק פאַקטן פון פּאַטריאָטיזם און איבערגעגעבנקייט מיצאַד די ייִדישע בירגער. לעמאָשל, בייס דער בולגאַריש־סערבישער מילכאָמע פון 1885 האָבן די ייִדן מאַסנ־ווײַז זיך געשטעלט פרײַוויליק אונטער דער ביקס. עס זײַנען דאַן אויסגע־פאָרמירט געוואָרן צוויי, ווי מע האָט זיי גערופן, לעגיאָנען פון ייִדן: איי־נער מיט דרײַ הונדערט און דער צווייטער מיט פינף הונדערט סאָלדאַטן. די רושטשוקער געמיינדע האָט, אויסער דעם אייגענעם לעגיאָן, עקיפּירט אויף אירע מיטלען אַן עסקאַדראָן גוסאַרן פון זעקס הונדערט שווערדן. פער־ציק ייִדישע מיידלעך זײַנען געוואָרן באַרעמהאַרציקע שוועסטער. באַזונ־

דערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער רושטשוק־וואַרנער אָטריאַד. זײַנע פאַרלוסטן בלויז אין דער שלאַכט בײַ סליוווניצע זײַנען געווען הונדערט פינף און צוואַנציק טויטע. ווען די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער פּרינץ אַלעקסאַנדער באַטענבערגסקי פּערזענלעך איבערגעגעבן אַ גאָלדענע „מעדאַל פאַר געוואַגטקייט" דעם קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד דאַוויד מיזראַך און דערבײַ געהאַלטן אַזאַ רעדע: „אײַערע כאַווײרים, וועלכע זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, האָבן דערוויזן, אַז זיי זײַנען געווען עכטע יאָרשים פון די מאַקאַבייער; איר גופא האָט אין די שלאַכטן בײַ דראַגאָמאַן, סליוווניצע און פּיראָט באַשטעטיקט, אַז אין געוואַגטקייט און אין ליבע צום פאָטערלאַנד שטייט איר ניט אָפּ פון אַלע אַנדערע קריגער אין דער בולגאַרישער אַרמיי".

פון דער הויכקייט לעבן האָטעל „קאַפּיטאָטאָ" — צוויי טויזנט מעטער איבערן יאַם־ניוואָ — זעט מען ניט בלויז סאָפיע, נאָר דאָס גאַנצע רויקע נידערלאַנד צווישן וויטאָשאַ און דעם באַרגרוקן סטאַראַ־פּלאַנינאַ. מיר שטעלן זיך אָפּ בײַם „שטיינערנעם טײַך", אין וועלכן דאָס וואַסער שטראָמט הינטער אַ דורכזיכטיקן אָנוואַלגער פון גרויע וואַלונעס, וואָס איין גאָט ווייסט, פונוואַנען זיי האָבן זיך אַהער גענומען און ווער עס האָט פון זיי געמאַכט אַ מין דאַך־צודעק איבער דעם פּינע־ווײַסן האַסטיקן שטראָם.

עס פאַלט מיר אײַן אַ פאַרגלײַך צווישן די בולגאַרישע ייִדן מיט אָט די וואַלונעס. ס'איז עמעס, אַז אַסטרוקאָווס זיידעס זײַנען פון ערגעץ געקומען אויף אָט דער ערד — אַזוי ווי עס האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט פון ערגעץ די וואַלונעס. אָבער עס איז גאָר ניט צופעליק, וואָס דאָ האָבן זיי באַקומען אייגנשאַפטן, וועלכע נאָר אָט די ערד האָט זיי געקאָנט צוטיילן.

אין דער אוראַלטער געשיכטע איז פאַראַן אָן אָנווײַזונג, אַז נאָך דער מילכאָמע, וועלכע דער ייִדישער שייוועט בינ'יאָמין האָט געפירט מיט אַנדערע שוואָטים, האָבן בײַ טויזנט מענטשן פון אָט דעם שייוועט פאַרלאָזט זייערע היימען און זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ מיזיע. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז מיזיע איז דאָס הײַנטיקע צאָפן־בולגאַריע, און אויב צו דעם צוגעבן, אַז די מילכאָמע, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד, איז פאָרגעקומען אין XII יאָרהונדערט פאַר דער נײַער צײַט־רעכענונג, — איז דעמלט פאַרשטענדלעך די פראַגע: וואָס איז עס אַזוינס — בולגאַרישע ייִדן, אַ צוגענייט קנעפּל צום מאַלבעש, צי פונעם מאַלבעש־געוועב אַ פאָדעם צווישן פעדעם?

פאַרשטייט זיך, נאָך יענעם גאָר ווײַטן יאָרהונדערט זײַנען אַ סאַך וואַסערן אָפּגעשווומען. אין באַלקאַנישן באָדן האָבן זיך שוין אין דער נאָכקריסטוס־צײַט געוואָרצלט ייִדן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ווענעציע, שפּעטער — די אַנטלאָפענע פון טשומאָ־גזיירעס אין אייראָפּע און פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. די לעצטע, די ספאַרדים, האָבן פאַרשפּרייט זייער אײַנפלוס אויפן גאַנצן ייִשעוו, און פונדאַנען שטאַמט דער פּענאָמען פון ריידנדיקע אַלט־שפּאַניש (שפּאַניאָליש) ייִדן, וועלכע לעבן אין בולגאַריע.

מע דערציילט מיר דאָ, אַז ניט לאַנג צוריק האָט אַ ייִדישער זשורנאַליסט פון אַמעריקע, דאַפקע אַזאַ, וואָס גייט אַרום צווישן פּראָגרעסיווע, זיך אויסגעדריקט אַזוי, ווענדנדיק זיך צו בולגאַרישע ייִדן אין בולגאַריע:

„איר זײַט דען ייִדן? איר רעדט דאָך ניט אויף ייִדיש. באַוויַיזט, אַדעראַבע, מיט וואָס זײַט איר ייִדן"...

ער נייטיקט זיך אין באַווײַזן. ער גיט אַרויס אַן אַרײַנגאַנגס־שײַן אין פֿאָלק לויט פֿאָדערונגען, וועלכע ער האָט אײַנגעשטעלט. ער מאַכט זיך ניט ווּיסנדיק, אַז ייִדיש איז בלויז איינע פֿון די שפּראַכן בײַ ייִדן, און אַז דאָס פֿאָלק ייִדן איז ניט אַ נאָמען נאָך דער שפּראַך ייִדיש, נאָר פֿאַרקערט...

שטייענדיק מיט מײַנע כאַווירים, בולגאַרישע ייִדן, בײַם „שטיינערנעם טײַך" אויפֿן באַרג וויטאָשאַ, האָב איך געטראַכט: אָט די שטיינער, וועלכע האָבן אַזוי געדיכט זיך צונויפֿגעקײַקלט — ווער ווייסט ווען — אַהער, אָט דער טײַך, וואָס פֿליסט אונטער דעם „בריק" פֿון וואָלונעס, אָט דער באַרג, אין וועמענס לײַב עס נעסטען זיך דער טײַך און די שטיינער, — דאָס אַלץ איז דאָך אַ טייל פֿון דער בולגאַרישער ערד.

אַכט־און־צוואַנציקסטער בריוו

די רײַזע איבער בולגאַריע, וועלכע כ'האָב הײַנט באַטאָג, מיט אַ שאָ צוויי צוריק, פֿאַרענדיקט און אומגעקערט זיך קיין סאָפֿיִע, האָט מיך לאַכ־לוטן ניט אײַנגעמידט. דער פֿריִער פֿרילינג אין אָט דעם לאַנד, די באַק־וועמע וועגן, וועלכע זײַנען ענלעך אויף אַלייען, אַרומגעשטעלטע מיט עפּל־ביימער, פֿון איין זײַט, און מיט ווײַנטרויב־פּלאַנצן, פֿון דער צווייטער זײַט, די אויסערגעוויינלעכע גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט מיצאַד אַלע, אָן אויס־נאַם, מענטשן, וואָס טרעפֿן זיך אין וועג, — דאָס אַלץ האָט גורעם געווען אַ גרינגע רײַזע.

קיין וואַרנע בין איך געפֿלויגן מיטן אַעראָפּלאַן. פֿון דאָרט האָב איך פֿאַמעלעך „זיך גערוקט" צוריק קיין סאָפֿיִע, אָפּשטעלנדיק זיך אומעטום, ווו געוווּנטשן. קיין מער פּאַסיקן מיטרײַזנדער, ווי דער פּרעזידיום־מיט־גליד פֿונעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די בולגאַרישע ייִדן איזראַעל מאַיער, האָב איך זיך ניט געקאָנט ווינטשן. איזראַעל מאַיער איז ניט נאָר אַן ערודירטער, פֿילוויסנדיקער מענטש, אַ ביז גאָר באַוועגלעכער, סײַ אין די געדאַנקען, סײַ פֿיזיש באַם טאָן עפּעס, — ער איז דערצו נאָך אַ קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע אַלס איינער פֿון דער קאַהאָרטע רעוואָליוציאָ־נערע קעמפֿער, וועלכע האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק זיך פֿאַרמאָסטן קעגן דעם גוואַלדזאַמען קויעך פֿונעם בולגאַרישן צאַר באָריס, און זײַענדיק אין אונטערערד, שמאַכטנדיק אין די טפֿיסעס, מיִענדיק זיך שפּעטער באַם געבוי פֿון פֿאָלקס־בולגאַריע, האָבן זיי מיט די אייגענע הענט געשריבן דאָס נײַע בלעטל אין דער געשיכטע פֿונעם לאַנד.

וואַרנע האָט אין דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט געהייסן אָדעסאָס. ליגנ־דיק דערצו נאָך באַם שוואַרצן יאַם און זײַענדיק אַ שוועסטער־שטאָט פֿון אונדזער אָדעס, האָט זי אין מײַנע אויגן אויסגעזען טאַקע ש'יר ניט ווי יענע בלוט־אייגענע שטאָט, ווו מע קאָן זיך דורכגיין אויף דער דעריבאַסאָוו־קע אָדער צום באַרימטן „לייטער" און דאָרט אַ פּרווו טאָן זיך פֿאָרשטעלן, לעמאָשל, ווי עס שפּאַצירן אַרום געמיטלעך מענדעלע און ביאַליק, באַבעל

און באגריצקי... (אגעוו, אין ווארנע איז אויך פאראן א לייטער, וואָס פירט פונעם שטאָט־פּארק צום יאם).

אונדזער גאסט־אופנעמער איז דאָ געווען מאָיִס פּאסי, דער פּאָרזיצער פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די בולגארישע ייִדן און „איינציַיטיק" דער דירעקטאָר פונעם אינטער־נאציאָנאלן הויז פון געלערנטע אפן נאָמען פון פרעדעריק זשאָליאָ־קיורי. מאָיִס פּאסי: לאכלוטן אן אָפּגעפרעמדטער פון צאָרעס־קאָמפּלעקסן, א פאר־טאָנענער אין עפּעס אזוינס, וואָס איז אויסגערעכנט „פאר אלעמען, צוליב אלעמען", א קלאל־טוער מיט מאסשטאבן פון שטאָט און לאנד, אן אינטער־נאציאָנאליסט, אָבער בעשום־אופן ניט פאר דער צווייפלהאפטער פּריַיז פון נאציאָנאלן ניהיליזם; דאָס נאציאָנאלע שלעפּט ער ניט מיט גוואלד, נאָר ער איז אויך צו דעם ניט גליַיכגילטיק און — גאָט באהיט! — ער פילט זיך ניט ענג אין דעם.

וועגן דעם בולגארישן ייִד האָט עמעצער פון די אָנגעפּאָרענע ייִדישע זשורנאליסטן טרעפלעך באמערקט, אז ער איז א ייִד אָן קאָמפּלעקסן. וואָס באטיַיט עס?

איך געדענק פון דער קינדהייט, מע האָט מיך אמאָל אראָפּגעבראכט פון מיַין געבורט־שטעטל ליובאר אין שכיינעסדיקן שטעטל אָסטראָפּאָליע, פון־וואנען עס האָט געשטאמט מיַין מאמע, און דאָרט, אין אָסטראָפּאָליע, איז אין יענער ציַיט געוואָרן א שעם־דאָווער איינער א ייִד, — „דער דערשלאָ־גענער" האָט מען אים גערופן, — ווען ער איז אלע זיַינע יאָרן געווען דערדריקט פון א קאָמפּלעקס פון דער פארגאנגענהייט.

ס'איז קעדיַי צו פארצייכענען, אז אין אָסטראָפּאָליע פלעגט מען ניט ליב האָבן צו דערציילן מיַיסעס וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. קאָן זיַין דערפאר, וויַיל אָט דאָס דאָזיקע פּיצעמאָנצינקע שטעטעלע, דאָס מענטשן־נעסטעלע אָן א מינדסטן שפּור פון עקאָנאָמיק, דאָס פארוואָרפענע, ווי אפן וועג א פארלוירן קלומעקל, וואָס קיינער דארף עס ניט, — דאָס שטעטעלע אָסטראָפּאָליע איז געווען אזוי אָרעם און לער, אז ס'האָט פּאָשעט קיין קויעך ניט געהאט צו מאכן זיך א ווענז פונעם אייגענעם לעץ הערשעלע, ווען פאר די אויגן זיַינען גאָר לאכלוטן נישטאָ ניט נאָר די גווירים, וועמען הערשעלע האָט געטאָן אין טויט אריַין, נאָר אפילע די יעניקע אָרעמעליַיט, וואָס לויט די אָסטראָפּאָליער סטאנדארטן וואָלט מען אויך זיי געקאָנט פארעכענען פאר „גווירים". נייִן, וועגן רעב הערשעלען פלעגט מען דאָרט קיין מיַיסעס ניט דערציילן. אָבער אָן מיַיסעס — וויאזוי קאָן מען איבער־לעבן די לאנגע ווינטערס? דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס גאנץ צו־פעליק איז געוואָרן א שעם־דאָווער „דער דערשלאָגענער", וועמעס ביטע־רער גורל איז געווען נעענטער צום הארצן פון די אָסטראָפּאָליער, איידער הערשעלעס קונדייסעס.

— מאמע, — פלעג איך זיך אָנפרעגן, — וואָס אזוינס איז געשען מיטן דערשלאָגענעם, וואָס ער איז אזוי דערשלאָגן?

— מיט אים גופע, מיַין קינד, איז גאָרנישט ניט געשען. מע דערציילט, אז א שיקערער פּאָרעץ האָט אמאָל באפוילן אויסטאָן נאקעט זיַין עלטער־זיידן, און פאר דעם גאנצן שטעטל אין די אויגן האָט מען אים אזוי לאנג

געשמיסן, ביזוואגען ער האָט אויסגעהויכט די נעשאָמע, נעבעך. ווען דער דערשלאָגענער איז נאָך געווען א קינד, א נאָרמאל קינד, וויל איך זאָגן, האָט מען אים געהאלטן אין איין שרעקן מיט דער עקזעקוציע איבער זײַן עלטערזיידן. ער איז פון דעם אריַינגעפאלן אין א מאָרעשכוירע און אפן גאנצן לעבן געבליבן א דערשלאָגענער...

א ייִד מיט קאָמפּלעקסן — איז „דער דערשלאָגענער" אין נאַציאָנאלן אספּעקט. עס לעבט א מענטש, וועלכן ס'רינגלען ארום הײַנטיקע פּראָבלעמען, הײַנטיקע פריידן און ליידן, הײַנטיקע נויטווענדיקײַטן און מעגלעכקײַטן, אָבער דאָס אלעס גייט אים ניט אָן. מע זאָגט אים — „קאָסמאָס", און ער ענטפערט, אז דער קאָסמאָס־פלוג איז ניט בעניִמצע, ווײַל מיט אזויפיל און אזויפיל עפּאָכעס פאר אים האָט מען געשענדעט דעם בייס־האמיקדעש... מע רופט אָט דעם מענטשן עפּעס טאָן, און ער האלט אין איין איבערכאזערן: „די אינקוויזיציע־שײַטערן... די פּאָגראָמען אף ייִדן"... ארום אים גייט א קאמף פאר א בעסערער וועלט, א גערא‍נגל מיט די איבערבלײַבעכצן פונעם פאשיזם, און ער מאכט אן אויסרייד די קעמפער, פאר וואָס זיי זיצן ניט מיט פארבראָכענע הענט בא די שוין פארוואנדלטע אין מוזייען פאשיסטישע גאז־קאמערן... בייס די געזעלשאפטלעכקײַט מידט זיך שווער אף אויסוואָרצלען דעם אנטיסעמיטיזם, איז אָט דער מענטש פארנומען מיט פרעגן אָן א שיר קאשעס וועגן אנטיסעמיטיזם, און ער פרעגט מיט אזא אָנשטעל, פונקט ווי די וועלט וואָלט אים פּערזענלעך געווען א באלכויוו פאר דעם.

אין בולגאריע זע איך ייִדן אָן קאָמפּלעקסן.

בעשאס מיר האָבן באקוקט ווארנע, האָט מאָיס פּאסי זיך אָפּגעשטעלט אין איינעם א סקווערל לעבן א מענטשן, וועלכער איז געזעסן אין א מאָטאָר־וועגעלע — ער האָט ניט קיין פיס. אפילע ווען מיר זאָלן פּאָשעט דורכגיין פארבײַ אָט דעם מענטשן, וואָלט ער אויך צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקײַט. זײַן מעכטיקער קערפּער איז אריַינגעפּאסט אין א שמאָל וועגעלע. דער שיינער ווײַסער קאָפּ האָר זעט אויס ווי א הורבעלע שניי. פאראן אין דעם מענטשן אזוינס, וואָס איז טיף ווידערשפּרעכיק דער פאָרשטעלונג וועגן אן אינוואליד. אָנגעטאָן איז ער אין א לעדערנעם קאמזויל אונטער אן אקוראטן טונקעלן פּידזשאק. דער אויסדרוק אפן פּאָנעם — א רויִקער און איינצײַטיק א פארדײַגעטער.

— כאוווער סאשע, — האָט מאָיס פּאסי זיך אָנגערופן צו אים, — באווײַז אונדזער גאסט פון מאָסקווע, אז אין ווארנע רעדט מען אויך ייִדיש.

לויט ווי כאוווער סאשע דערציילט, געדענקט ער מאמע־לאָשן נאָך פון דער קינדהײַט, הא‍גאם ער איז שוין אלט אכציק יאָר און טאטע־מאמע האָבן אים ארויסגעפירט פון דעם אוקראַיִנישן אָדעס (אהער, אין דעם בולגארישן אָדעס...), ווען ער איז נאָך קיין צען יאָר ניט אלט געווען.

כאוווער סאשע איז פון די מענטשן מיט א זעלטן יונגן גײַסט. „איך האָב אין זיך קיין שום פּגאם ניט, — זאָגט ער, — איך פיל זיך ווי מיט פופציק יאָר צוריק. דאָס איינציקע — די פיס פעלן"...

ער איז זיכער, אז די פיס האָט מען ניט געמוזט אמפּוטירן. די דאָקטוירים האָבן א טאָעס געהאט. איזראעל מאיער, וואָס איז אויך מיט אים

גאנץ נאָענט באַקאַנט, דערציילט, אַז אין די יאָרן, ווען אין בולגאַריע האָט געוועלטיקט דער פאַשיזם, פלעגט ער טאָמיד זײַן אַף דעמאָנסטראַציעס דער פאָנענטרעגער. ס'איז געווען פון די שווערע זאַכן צו טראָגן אין מעשעך פון לאַנגע שאָען אַ פאָן — מע האָט געדאַרפט מיט איר מאַרשירן, לויפן, זיך צובייגן צו דער ערד, אַריבערקריכן איבער אַ פּלויט, און די פאָן איז דאָך געווען אַ וואָגיק־צעפלאַטערטע, מיט אַ שווער העלצל, וואָס מע האָט געמאַכט פון דער האַנט. כאַוווער סאַשע איז אַ גרויסער גיבער, אַן עמעסער העלד!

— איך בין איצטער אויך דער זעלבער, וואָס געווען, בלויז די פיס פעלן מיר... — כאַוווער סאַשע פאַרזשמורעט די אויגן, אַזאַ איז זײַן טעווע, און ער פאַרזיכערט מיך: — ווען, כאַלילע, עס זאָל עפּעס געשען שלעכטס, און ס'זאָל ווידער זײַן געפערלעך צו טראָגן די פאָן, וואָלטן מיר צוריק אָפּגע־וואַקסן די פיס...

— כאַוווער סאַשע, ווער ביסטו לויט דער נאַציאָנאַליטעט? — פרעג איך בא אים?

— איך בין אַ ייִד אַ בולגאַר.

— אַ בולגאַרישער ייִד?

— אַ ייִד אַ בולגאַר, זאָג איך דיר.

...מאָיס פאַסי, דער גוטהאַרציקער באַלעבאָס, פאַרנעמט זיך אָן אופהער מיט אונדז. עס דאַכט זיך, אַז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע הויז פון די גע־לערנטע איז אָפּגערוקט אַפן הינטערשטן פּלאַן, די פאָרומס מיט די קאָלאָק־וויומס זײַנען איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט, דער דרוגאַר דירעקטאָר איז פאַרנומען מיט אַרומפירן זײַנע געסט איבערן „זוניקן ברעג", איבער דעם „גאָלדענעם זאַמד".

באַזונדערס אײַנדרוקספול איז אונדזער באַזוך אין דערבײַיִקן שטעטל באַלטשיק, וואָס ליגט אַף די ברעג־הויכקײַטן, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ צום יאַם. די ווײַסע פעלדזן, העכערע פון די הײַזער, זעען אויס פונדערווײַטנס ווי ריזיקע געשפּענסטער.

דאָ איז שוין דאָרעם־דאָברודזשע, דאָס עקסטע ווינקל פון דעם גרע־נעץ־געביט מיט רומעניע. מיר האָבן באַקוקט אַן אַלטן פּאַלאַץ, וועלכן עס האָט אויסגעבויט די רומענישע קייסעריניע מאַריע. נאָך דער באַפרײַונג פונעם לאַנד האָט די בולגאַרישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אײַנגעאָרדנט אינעם פאַרק אַרום פּאַלאַץ אַ באָטאַנישן גאָרטן מיט אַן אוניקאַלער קאָ־לעקציע פון קאַקטוסן. אין די אַלטע געבײַדעס רוען אָפּ קולטור־טוער פונעם לאַנד.

מיר קערן זיך אום קיין וואַרנע, און פון דאָרט הייבט זיך אָן אונדזער רײַזע אַף צוריקוועגס קיין סאָפיע דורך די טיפענישן פונעם לאַנד. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַף דאָרעם מיטן ברעג פונעם שוואַרצן יאַם, און אײַנגיכן שטייט אויף פאַר אונדזערע אויגן, ווי אין אַ מײַסע, אַ פעלדזיק האַלב־אינדזל, צו וועלכן עס ציט זיך פון דער יאַבאָשע אַ לאַנגער שמאָלער פאַס ערד, און דאָרט, אַפן האַלב־אינדזל, וווּהין מיט אַן אויטאָמאָביל איז פאַר־באָטן אַרײַנצופאָרן, ווײַל מע קאָן בלײַבן שטעקן אין די שמאָלע געסע־לעך, האָט זיך פאַרהיט אַן אַלטער פּראַקטיִער ייִשעוו — מע רופט אים נעסע־

ביר — מיט זעלטענע לויט דער אַרכיטעקטור הילצערנע פּישער־הײַזקעס און מיט מער פון פערציק ביזאַנטישע קלויסטערס. אָפּגעגעסן מיטיק אין נעסעביר, שטעלן מיר זיך שפּעטער אָפּ אין נאָך איין ייִשעוו, וועלכן עס האָבן קימאַט מיט צוויי און אַ האַלבן טויזנט יאָר צוריק אוועקגעשטעלט די גריכישע קאָלאָניסטן — אין פּאָמאָריע, — און אָט איז שוין בורגאַס און דאָס אינדזל אין בורגאַסער אײַנגוס, וועלכן מע רופט „באָלשעוויק”.

אין 1925 זײַנען פון דעם מאָנאַסטיר אויפן אינדזל, וואָס דער צאַר באָריס האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע, אַנטלאָפן דרײַ און פערציק פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען עטלעכע צום טויט פאַרמישפּטע. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך דערקליבן אויף שיפלעך צום ברעג, און דערנאָך זײַנען זיי אַנטרונען געוואָרן — דערגרייכט די ערד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין אָנדענק פון אָט דער לעגענדאַרער פּליטע האָט מען דאָס אינדזל אָנגערופן „באָלשעוויק”.

אין בורגאַס האָב איך, נאָך מײַן אַרויסטרעטונג אינעם אָרטיקן ייִדישן קולטור־הויז, געשמועסט מיט עטלעכע ייִדן, וועלכע האָבן ניט לאַנג צוריק באַזוכט זייערע קרובֿים אין ייִסראָעל. די עמיגראַציע פון דער מערהײַט בולגאַרישע ייִדן קיין ייִסראָעל (פון קימאַט פופציק טויזנט זײַנען אין לאַנד פאַרבליבן עטוואָס מער פון פינף טויזנט) איז אויסגעפאַלן אויף דער צײַט, ווען די פאָלקסמאַכט איז נאָך ניט געווען פאַרפעסטיקט, און דער אַרויספאָר קיין פּאַלעסטינע איז פאַקטיש געווען אַ רעאַקציע אויף די אַלטע פאָראָנדקעס באַם צאַר באָריס, וועלכער האָט אין יאַנוואַר 1941 אײַנגעפירט דעם „געזעץ צו פאַרטיידיקן די נאַציע” — די בולגאַרישע קאָפּיע פון די נירנבערגער אַנטי־ייִדישע געזעצן.

און ס׳איז באַלערעוודיק, וואָס די בולגאַרישע ייִדן אין ייִסראָעל זײַנען אויך דאָרט אַ פּאַטריאָטישע סוויווע בענעגייע בולגאַריע. צווישן זיי זײַנען פאַראַן פיל קאָמוניסטן, פּראָגרעסיוו־דענקענדיקע טוער. די באַציִונגען מיט דער אַלטער היים ווערן ניט איבערגעריסן. קומענדיק אָפּט צוגאַסט קיין בולגאַריע, זײַנען די געוועזענע בולגאַרישע ייִדן באַגײַסטערט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד.

אין ייִסראָעל לעבן די בולגאַרישע ייִדן מאַטעריעל און גײַסטיק אָרעמער, איידער די פאַרבליבענע אין בולגאַריע. עמעס, „כאַפּן אויף צוריק” איז שוין שפּעט. מע האָט כאַסענע געמאַכט די קינדער, אויפן נײַעם אָרט איז מען אַרומגעוואַקסן מיט שטייגער. אָבער דער געפיל צום אַלטן היימלאַנד איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען אַן אויסגעוואַנדערטער ייִד קומט אַהין צוגאַסט, איז ער אַלפּי־קלאַל קימאַט ניט בעקויעך צוריק אוועקצופאָרן.

לעבנדיק אין בורגאַס, האָבן מיר געפונען צײַט אַרײַנצוקוקן אין נאָך איין גריכישער קאָלאָניע, דער סאַמע עלטסטער — סאָזאָפּאָל, — אַ שטעטל, וואָס איז צוליב די מאָלעריש־שיינע פּייזאַזשן, צוליבן אוניקאַל־אייגנאַרטיקן קאָלאָריט געוואָרן דאָס באַליבטע ווינק־אָרט פון אַ גרויסער צאָל מאָלער און סקולפּטאָרן, זייער קאָלעקטיווע, אַזוי צו זאָגן, אַטעליע. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן אויך ניט אויסגעמיטן דעם טײַך ראָפּאָטאַמאָ, אַ קילאָמעטער פופצן פון סאָזאָפּאָל. דער טײַך ראָפּאָטאַמאָ איז באַרימט מיט זײַנע ליליעס. טויזנטער ווײַסע קווייטן קוקן אַרויס פונעם וואַסער. אַ טײַך פון

ליליעס. פונקט ווי אין וויטאָשא פּליסט דער טײַך אונטער שטיינער, אזוי פּליסט ראָפּאָטאמאָ אונטער ליליעס...

אונדזער וועג האָט זיך ווײַטער געשלענגלט צווישן די באלקאנער בערג, אפן ראנד פון א טאָל, וואָס ציט זיך פונעם סאמע יאם, פארבײַ די הײַנט שוין אינדוסטריִעלע שטעט סליווען, קאזאנליק, און לאָזט זיך אראָפּ צו פּלאָוודיוו. לעבן קאזאנליק האָבן מיר פּארקערעוועט צו די דערפעלעך שיינאָווא און שיפּקא, ווו די רוסישע ארמיי האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אראָפּגעריסן די טערקישע האנט פון בולגאריעס גאָרגל און געלאָזט דאָס שוועסטער־לאנד פרײַער אָפּצואטעמען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באם שיפּקער דענקמאָל, באקוקט דעם רוסישן קלויסטער מיט די באגילדעטע „מאקאָווקעס”, זיך אופגעהויבן אפן בארג בוזלודזשא, צום אָרט, ווו דמיטרי בלאגאָיעוו האָט אין 1891 פּראָקלאמירט דאָס געבורט פון דער בולגארישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פּארטיי.

פּלאָוודיוו איז א גרויסער קראך. דאָ, באם טײַך מאריצא, טוען זיך אָפּ וועלט־זאכן. די באוווּסטע פּלאָוודיווער יארידן קומען פאָר בישכיינעס מיט מוזיק־פעסטיוואלן, צווישנפעלקערלעכע קאָנגרעסן.

צוויי יונגע אקטיוויסטן פון דער פּלאָוודיווער אָפּטיילונג פונעם ייִדישן קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד — דער דאָקטער אנאווי און זײַן מילדע כאווערטע מיט דער פארשטענדלעכער פאמיליע ליפּמאן — פירן אונדז שאָענלאנג ארום איבער דער שטאָט. מיר האָבן שוין געזען אלע זעקס בערג אינמיטן דעם פּראכטיקער פּלאכלאנד, אף וועלכע עס ליגט צעשפּרייט פּלאָוודיוו. אלע האָבן זיי טערקישע נעמען, וואָס ארויסריידן זיי איז מיר שווער, אָבער דעם גאָר הויכן בארג, ווו עס שטייט די גראניטענע פיגור פון דעם סאָוועטישן סאָלדאט — „אליאָשא”, באצייכנט מען שוין מיט א הײַנטיקן נאָמען — „דער בארג פון די באפרײַער”, — און אלעמען איז קלאָר, פונוואנען אזא נאָמען שטאמט.

אומקערנדיק זיך אין האָטעל נאָכן שפּאציר צו „אליאָשען”, האָב איך זיך צערעדט מיט איינעם א בולגאר. דער צופעליקער באקאנטער מײַנער איז געקומען קיין פּלאָוודיוו פון מאלאָ טירנאָווא, לעבן דער בולגאריש־טערקישער גרענעץ, קעדיי מעוואקער־כוילע זײַן א ברודער, וואָס איז געלעגן אין פּלאָוודיווער שפּיטאָל. א כוילע ווי אלע כאלאָיִם, נאָר הערט א מײַסע...

ווי באוווּסט, איז דעם 9־טן סענטיאבער 1944 פאָרגעקומען אין בולגאַ־ריע א פאָלקס־אופשטאנד קעגן דער מאָנארכיסטיש־פאשיסטישער קליקע. מיט א טאָג פריִער איז די סאָוועטישע ארמיי, פארפאָלגנדיק די היטלערישע אָקופּאנטן, ארײַנגעטראָטן דורך רומעניע קיין בולגאריע. עס איז פארבײַ א וואָך פון שטורמישע געשעענישן, און דאָ האָט אונדזער שטאב זיך דער־וווּסט, אז באנאכט איז פון סאָפיִע אנטלאָפן דער פּערסאָנאל פון דער דײַטשישער און איטאליענישער געזאנדשאפטן און פון די אנטשפּרעכיקע מיליטער־מיסיעס און צוזאמען מיט זיי — מיניסטאָרן פון דער בולגארישער פּראָפאשיסטישער רעגירונג, סאכאקל בא צוויי הונדערט באוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן פארכאפּט מיט זיך וויכטיקע ארכיוון און א טייל פונעם גאָלד־אויצער פון בולגאריע. דער ספּעציִעלער צוג, אין וועלכן זיי פאָרן,

דערנעענטערט זיך שוין צו דער טערקישער גרענעץ אין א ראיאָן, ווו ס׳זײַנען אין געגעבענעם מאָמענט נישטאָ ניט קיין בולגארישע מיליטער־טיילן, ניט קיין פארטיזאנער.

דער מארשאל טאָלבוכין האָט באשטימט כאפּן די פאשיסטישע פליטים מיט דער הילף פון דער אוויאציע. אַן עקספּעדיציע פון פינף באָמבארדיר־ערעראָפּלאנען איז דרינגענדיק אָפּגעפלויגן פון סאָפיִע. די אײַזנבאַן־ליניע איז אף איר גאנצער לענג געווען פוסט, אַן א מינדסטן רויכל. נאָר אָט איז דאָס קליינע סטאנציעלע מאלעוואָ, און דאָרט שטייט דער עשעלאָן. די סאָ־וועטישע באָמבארדירער האָבן מיט גרויס ריזיקע געלאנדעט בא דער סאמע סטאנציע און אָנגעצילט אף דעם עשעלאָן די גרויסקאליבערדיקע קוילנוואַרפער. פון די באָמבע־ליוקן זײַנען ארויסגעשפּרונגען אונדזערע אווטאָמאטלער. אין אָט דער רעגע האָט זיך באוויזן דער מאשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט דערציילט, אז מע האָט אים מיט קויעך גע־צוווּנגען פירן דעם צוג און אז צוריק מיט א פערטל שאָ האָבן די סאמע גדוילים צווישן די פּליטים זיך אוועקגעלאָזט אף צוויי אווטאָמאשינעס צו דער גרענעץ.

ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס איז געשען ווײַטער. קיי־נעם פון די פאשיסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אריבערצוגיין קיין טערקײַ.

דער מאשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו איז געווען מײַן האָטעל־באקאנטנס ברודער, וועלכער ליגט איצט א קראנקער אין פּלאָוודיווער שפּיטאָל.

...קיין סאָפיִע האָט אונדז פון פּלאָוודיוו אָפּגעפירט אין זײַן מאשין דער פּראָפעסאָר ניקאָ יאכיעל, איינער פון די אָנגעזעענע בולגארישע פּובלי־ציסטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. ער איז פארפאָרן נאָך אונדז צוזאמען מיט זײַן פרוי, וועלכע רעדט יידיש, און דאָס האָט מיר געמאכט „ווייכער דעם וועג”, ווי עס האָבן געמיינט מײַנע כאווירים־בולגארן.

מיר זײַנען געפאָרן אין א קיניגרײַך פון בערג. די שיפּוּעִם פון די ראָדאָפּן זײַנען געווען גאָר נאָענט. פון אויבן זײַנען ווי אראָפּגעהאנגען איבער אונדז וועלדער און בארג־לאָנקעס, נידעריקער האָבן זיך טונקל געשפּרייט ווײַנטרויבן־פּלאנטאציעס, און נאָך נידעריקער זײַנען צווישן סעדער און גערטענער געלעגן רויט־טשערעפּענע קליינע דערפלעך, מאָ־נאסטירן און שטאָט־דאטשעס. אנטקעגן די ראָדאָפּן ציִען זיך די סאָלידע באלקאן־בערג. אין דער ווײַטקייט קאָן מען אָפּן פאָן פון דעם הויכן הימל „אָנטאפּן” די ליניע פון דעם רילסקער בארג־רוקן — דאָרטן האָבן מיר פריִער מיט א טעג צען, נאָך מײַן קומען קיין בולגאריע, באזוכט דעם בא־רימטן רילסקער מאָנאסטיר, וועלכער שטייט צווישן יענע טויב־פאַרוואָר־פענע הויכקײַטן שוין פיל יאָרהונדערטער. אין מוזיי באם מאָנאסטיר האָב איך צווישן אנדערע עקספּאָנאטן געזען די הילצערנע קרייצונג, איבער וועלכער דער מאָנאך ראפאיִל האָט זיך געמידט צוועלף יאָר. אפן ציילעם זײַנען אויסגעקריצט 140 ביבלישע סוזשעטן מיט נײַן הונדערט מענטשן־פיגורעלעך, די גרייס פון א קערנדל רײַז.

קיין סאָפיִע, ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט א שאָ צוויי צוריק. אין קומענדיקן בריוו וועל איך אײַך ארויסשרײַבן, וואָס ווײַטער איז געשען.

נײַן־און־צוואַנציקסטער בריוו

מײַן באַגעגעניש מיט די בולגאַרישע שריפטשטעלער, וועלכע ווידמענען
זייערע ווערק דער ייִדישער טעמאַטיק, האָט מיר געהאָלפֿן זיך פֿאַנאַנדער־
צוקלײַבן אין אייניקע פֿראַגן. שמועסנדיק מיט אַזעלכע באַדײַטנדיקע שרײַ־
בער, ווי כאַיִם בענאַדאָוו, וויקטאָר באַרוך, דראַגאָמיר אַסענאָוו (ער איז
סעקרעטאַר פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון דער בולגאַרישער פֿאָלקס־רעפּוב־
ליק), אַרמאַנד באַרוך, סאַליס טאַדזשער, האָב איך זיך ווידער איבערצײַגט,
אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז דאָ אַ טעמאַטישע קאַטעגאָריע — ניט קיין
נאַציאָנאַל־שפּראַכלעכע. פּונקט ווי ס׳פּאַלט קיינעם ניט אײַן אַ געדאַנק,
אַז קינדער־ליטעראַטור דאַרף מען שרײַבן אויף אַן אַנדער שפּראַך, ניט אויף
בולגאַריש, אַזוי איז אויך ניטאָ קיין שפּראַך־פּראָבלעם אין באַצוג צו דער
ייִדישער טעמאַטיק. סאַליס טאַדזשער, לעמאָשל, האָט זיך געשטעלט אַ ציל
צו שילדערן דאָס לעבן פֿון די בולגאַרישע ייִדן אין די לאַגערן בעשאַס
דער דײַטשיש־פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. ער האָט אָנגעשריבן דעם בוך
„דער געלער שטערן“, האָבנדיק, נאַטירלעך, אין זינען ניט בלויז דעם ספּע־
ציִעל ייִדישן לייענער, נאָר דעם לייענער פֿון דער גאַנצער בולגאַרישער
ליטעראַטור. פֿאַרשטענדלעך, סאַליס טאַדזשערן האָט מיטגעהאָלפֿן די באַ־
האַונטקײַט אינעם מאַטעריאַל, דאָס וויסן דעם נאַציאָנאַל־ייִדישן קאָלאָ־
ריט, די ייִדישע שטייגער־באַזונדערקײַטן, דעם ייִדישן אידיאָם אאַז״וו. אָבער
די שפּראַך זײַנע איז בולגאַריש, דער אָפּנעמער פֿונעם בוך איז אַ בולגאַ־
ריש־לייענעדיקער — סײַ ווען ער איז לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ בול־
גאַר, סײַ ווען ער איז אַ ייִד.

דער היסטאָרישער פּראָצעס איז אין דעם פֿראַט געווען ניט קיין גראָד־
ליניקער. דער גרויסער שטראָם איבערגעוואָרצלטע ייִדישע מישפּאָכעס נאָכן
גייִרעש שפּאַניע האָט געבראַכט מיט זיך קיין בולגאַריע די לאַדינאָ־
שפּראַך — שפּאַניאָליש, אין יעסאָד פֿון וועלכער עס ליגט דער קאַטאַלאָ־
נישער שפּאַניש (קאַסטיליִאַניש) מיט אַ צומיש פֿון העברעיִזמען און אַראַ־
ביזמען, אַ געוווּנגדיקן, קעדיי לאַדינאָ זאָל קלינגען סעמיטיש. אין די נײַע
וווין־ערטער — בולגאַריע, סיריע, טערקײַ, גריכנלאַנד, איראַק, ליבאַן, ראָ־
דאָס און אאַנד. — האָט שפּאַניאָליש זיך באַרײַכערט מיט דער לעקסיק פֿון
לאַטײַן, גריכיש, טערקיש. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז די דאָזיקע באַ־
נײַונג וועט זײַן אימשטאַנד צוצופּאַסן די פֿרעמדע שפּראַך — שפּאַניאָליש —
צו די נײַע באַדינגונגען. דאָס לעבן אָבער האָט געפּסקנט אַנדערש. אין
בולגאַריע האָבן די ייִדן איבערגענומען די בולגאַרישע שפּראַך. די סיבע
דערפֿון איז, קודעמקאָל, די אַבסאָליוטע אָפּוועזנהײט פֿונעם אַנטיסעמיטיזם
באַם בולגאַרישן פֿאָלק, די גינסטיקע לעבנס־אַטמאָספֿער, דאָס אויסמײַדן
אויסשליסלעכע סיטואַציעס אין די נאַציאָנאַלע צווישנבאַציִונגען. אַפֿילע
ווען מיט העכער זעקס הונדערט יאָר צוריק האָט דער קייסער איוואַן
אַלעקסאַנדער כאַסענע געהאַט מיט דעם ייִדישן מיידל פֿון טירנאָוואָ סאָרע
און זי, סאָרע (שאַדאַ, שפּעטער פֿעאָדאָרע), איז געוואָרן די „נאָוואָפּראָס־
ועשטשענאַ צאַריצאַ“, די מוטער פֿונעם קומענדיקן בולגאַרישן קייסער
איוואַן שישמאַן, — אַפֿילע דאַן האָבן זיך אין בולגאַרישן פֿאָלק ניט געהערט

קיין שטימען, וועלכע זאָלן אויסטײַטשן אָט די געשעעניש אין שײַן פון צווישנגאַציאָנאַלע באַציִונגען.

היסטאָריש האָבן די ייִדן אין בולגאַריע אַזוי אָרגאַניש זיך אַרײַנגע־פאַסט אינעם אַלגעמיינעם פאָלקס־לעבן, אַז דער פאַשיזם — אויך ער איז געבליבן שטיין אָנמעכטיק פאַר אָט דער דערשײַנונג. ווען די רעגירונג פון באָריס III האָט געמאַכט אַ פּרווו צו קאָמפּלעקטירן עשעלאָנען פאַר די פאַרניכטונגס־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער פּוילישער טערי־טאָריע, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. איך וועל זיך באַנוגענען מיט ברענגען אַן אויסצוג פון אַ פּראָקלאַמאַציע פונעם סאָפיִער קרײַז־קאָמיטעט פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „בולגאַ־רישע מאַמעס! געשיקט זיך, וועט איר דערלאָזן, אַז די קינדער פון אײַערע ייִדישע שכיינעס זאָלן זײַן פאַרורטיילט אויף אַרויסגעשיקט צו ווערן מיט צוואַנג אויף אַ זיכערן טויט! שטעלט זיך אַוועק בײַ די טירן פון די ייִדישע היימען און לאָזט ניט, עס זאָל באַגאַנגען ווערן דער גוואַלדטאַט! באַהאַלט אויס די ייִדישע קינדער, זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די הענקער! אַרבעטער און אַרבעטערנס! איר זײַנט שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פונעם קאַמף פאַר פרײַהייט און אומאָפּהענגיקייט, קעגן נאַ־ציאָנאַלן יאָך. ס'איז צײַט, איר זאָלט צוטרעטן אָפן צו באַשיצן אונדזערע ברידער — די ייִדישע אַרבעטער! לאָזט זיך אַוועק מאַסנווײַז אין די ייִדישע קוואַרטאַלן, קעדיי אויסדריקן אײַער סאָלידאַריטעט מיט די אונטערדריק־טע ייִדישע בירגער! דערלאָזט ניט, מע זאָל זיי אַרויסשיקן פון סאָפיִע און פון בולגאַריע. ייִדן און ייִדישקעס! זײַט שטאָלץ מיט דעם, וואָס צוזאַמען מיטן גאַנצן בולגאַרישן פאָלק שטעלט איר זיך אַנטקעגן די ווילדע אַטאַ־קעס פונעם פאַרהאַסטן פאַשיזם. פאַרלאָזט ניט די הויפּטשטאָט און דאָס לאַנד! האַלט הויך די קעפּ, ס'איז שוין נאָענט דער זיג איבער די ראָצ־כים!".

צווישן די עקספּאָנאַטן פון אַ סטאַבילער אויסשטעלונג אין לאָקאַל פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע ייִדן, אויף סטאַמבאָליסקי־בולוואַר, 50, האָב איך געזען דעם אָריגינאַל פון אַ באַריכט, וועלכן דער היטלערישער גאַולייטער אין סאָפיִע אַדאָלף בעקערלע האָט אָפּגעשיקט דעם 7 יוני 1943 אין דער רײַכס־קאַנצעלאַריע קיין בערלין. „איך בין אַבסאָליוט איבערצײַגט, — האָט געשריבן בעקערלע, — אַז דער מיניסטער־פּרעזידענט און די בולגאַרישע רעגירונג שטרעבן אויך צו דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פּראַגע. זיי זײַנען אָבער געצווונגען זיך רעכענען מיט דעם אַרט דענקען פונעם בולגאַרישן פאָלק, וואָס האָט ניט דעם זעלבן אידעאָלאָגישן פאַרשטאַנד, ווי מיר. אויסגעוואַקסן צווישן טערקן, ייִדן, אַרמענער, גריכן און ציגײַנער, באַמערקט ניט דער בולגאַר בײַ די ייִדן אַזעלכע כעסרוינעס, וועלכע זאָלן באַרעכטיקן באַזונדערע מאָס־מיטלען קעגן זיי...".

און ס'איז גאָרניט צופעליק, וואָס אין סאַמע קריטישן מאָמענט זײַנען פּופּציק טויזנט אײַנוווינער פון סאָפיִע — ייִדן און ניט־ייִדן — אַרויס אויף אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער דעפּאָרטאַציע, און דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ שטאָט, וועלכע איז געווען אָקופּירט פון היטלעריסטן, — און אין רעזול־

טאט פון די צוזאמענשטויסן מיט דער פאָליציי האָבן פיל בולגארן פאַר־גאָסן זייער בלוט, און צווישן די ארעסטירטע איז מער פון א העלפט געווען ניט־ייִדן.

ברענגענדיק די דאָזיקע פאקטן, האָב איך אין זינען צו באטאָנען די גע־מיינזאמקייט פונעם גורל פון די בולגארישע ייִדן מיטן גאנצן פאָלק פון אָט דעם לאנד. בא אזא דוירעסדיקער צוזאמענגעלעבטקייט האָט בא די ייִדן ניט געקאָנט פארבלייבן אין טאָגטעגלעכן באנוץ א שפראך, וואָס איז אראָפּגעבראכט געוואָרן פון אן אנדער לאנד. שפאניאָליש איז אלץ מער און מער אוועק אין אָוואר.

צי גיט עס א גרונט צו ריידן וועגן א שפּראכלעכער אסימיליאציע ספּעציעל אין די באדינגונגען פון דער פאָלקס־דעמאָקראטישער אָרדענונג אין בולגאריע? פארשטייט זיך, אז ניט. ווען איך האָב באריִרט די דאָזיקע פראגע בייס מיין באגעגעניש מיט די בולגארישע שריפטשטעלער, וועלכע שרייבן אף ייִדישע טעמעס, איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן, אז אין אזא פלאך קאָן דער איניען באהאנדלט ווערן בלויז מיטן ציל צו פירן פּראָ־פּאגאנדיסטישע פּאָלעמיק. די בולגארישע ייִדן האָבן פארעכנט בולגאריש אלס זייער פאָלקס־שפראך אין רעזולטאט פון א דוירענדיקן היסטאָרישן פּראָצעס.

נעכטן פארנאכט, נאָך א זיצונג פון דעם פּרעזידיום פונעם קולטור־גע־זעלשאפטלעכן פארבאנד, האָבן די בולגארישע כאווערים געזונגען זייע־רע לאדינאָ־לידער. אין אסטרוקאָווס געראמען ארבעטס־צימער האָט זיך צונויפגעקליבן אן אוילעם ספּארדים, איך איינער בין צווישן זיי געווען אן אשקענאזי. זיי האָבן געזונגען מיט באשיידענע היימישע שטימען — עלטערע מענטשן שוין. יעדע ליד האָט מען געלאָזט שפּילן אף א פּאטעפאָן, און די פארזאמלטע האָבן אונטערגעזונגען. איך האָב ארייַנגעקוקט אין זיי־ערע פּנעמער און נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דערזען, אז זיי זיינען ניט קיין אויסגעוואָרצלטע מענטשן, די קייט פון זייערע דוירעס, דער גאנג זייערער צוזאמען מיט מענטשן פון אנדערע פעלקער, — דאָס אלץ איז באזיניקט, און בעשאס דעם זינגען זעען זיי אויס, ווי ביימער, וואָס רוישן מיט דער קרוין, פילנדיק דעם קויעך פון פארוואָרצלטקייט.

צווישן די פארזאמלטע איז געווען דער פּרעזידענט פון דער ספּארדיי־שער שול אין סאָפיע יִיצכאָק מאָסקאָנא, דער צונויפשטעלער פון א פיל־בענדיקן לאדינאָ־בולגארישן ווערטערבוך, וועלכן עס שטייט איצט פאָר ארויסצוגעבן. מאָסקאָנאס אופטו איז א באדייטנדיקער, עס גייט די רייד וועגן „אינוועטאריזירן" דעם ווערטער־אויצער פון שפּאניאָליש, אָפּהיטן אין פאָלקס־זיקאָרן א שפראך, וואָס פארשווינדט.

דער געשיכטלעכער גאנג פון די ספּארדישע ייִדן איז געווען און איז פארבליבן אזא, אז אין יעדן לאנד, ווו זיי לעבן, דרינגט ארייַן די לאנד־שפראך אין זייער שטוב, אין זייער מישפּאָכע, — דאָס אלטע, שפּאניש־אָפּשטאמיקע לאדינאָ־לאָשן פאלט ארויס פונעם טאָגטעגלעכן געברויך. אויך אין ייִסראָעל, ווו זעכציק פּראָצענט ייִדן זיינען ספּארדים, — אויך דאָ האָט לאדינאָ אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאר איוורית, און בא קיינעם רופט עס ניט ארויס קיין כידעש. אין דער זעלבער צייט קומט אָפט אויס צו לייענען

אין ייִסראָעלדיקע צײַטונגען, אז אין דער בולגארישער פאָלקס־רעפּובליק איז לאַדינאָ פארשוווּנדן „אין רעזולטאט פון צוואנגס־אסימיליאַציע״.

איך מיין, אז ניט אין בולגאריע, ניט אין ייִסראָעל, ניט אין אנדערע לענדער קאָן אין באַצוג צו די איצטיקע דורעס ספּאַרדישע ייִדן ביכלאַל ניט גיין קיין רייד וועגן שפּראַך־אסימיליאַציע. דער ייִד, וואָס איז גע־קומען קיין ייִסראָעל פון איראַק, האָט שוין דאָרט, אין איראַק, גערעדט אַף דער לאַנד־שפּראַך, אַף אַראַביש. בלויז אין שפּאַניע, מיט פינף הונדערט יאָר צוריק איז שפּאַניאָליש געווען א שפּראַך אַף איר נאַטירלעכן באָדן, און אין יענע דורעס, קאָן מען זאָגן, האָט א ייִד, אויב ער האָט איבערגענומען די לאַנד־שפּראַך, זיך שפּראַכלעך אסימילירט.

דער קולטור־אוצער פון לאַדינאָ פארשווינדט ניט. אין וועלכע־ניט־איז פיר יאָר אַרום נאָכן גייִרעש שפּאַניע, אין 1496, איז אַף די באַלקאַנען, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, שוין אָפּגעדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע ייִדישע בוך — אָן אָנהייב פון דער ליטעראַטור אין לאַדינאָ. אין דער דאָזיקער שפּראַך זײַנען אַרויס איבערזעצונגען פונעם טאַנאַך און פון שולכן־אָרעך. אָנהייבנ־דיק פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט באַווײַזט זיך א היפּשע צאָל וועלטלעכע אויסגאַבעס — אַנטאָלאָגיעס פון ספּאַרדישע לידער, באַלאַדעס, שפּריכווערט־לעך, ווי אויך אַלטע כראָניקעס, רײַזע־ביכער, איבערזעצונגען פון וויסנ־שאַפטלעכע ווערק.

מע דאַרף, אגעוו, ניט פארגעסן, אז דער גענ͏יאַלער העברעיִשער דיכ־טער יעהודע האַלייווי רעכנט זיך איינצײַטיק פאַרן ערשטן פּאָעט אַף קאַסטיליאַניש, און אין שפּאַניע איז זײַן נאָמען באַוווּסט יעדן שילער פון דער מיטלשול. ניט לאַנג צוריק איז אין ניו־יאָרקער נאָרטאָן־פארלאַג דער־שינען א בוך פון ענגלישע איבערזעצונגען פון דער לאַדינאָ־פּאָעזיע פונעם XVI און XVII יאָרהונדערטער — „דהי סעפאַרדיק טראַדישאַן״ (דער צונויפ־שטעלער פונעם בוך שרײַבט, אז דאָס איז „א מאָנומענט נאָך דער שפּאַניש־ספּאַרדישער ליטעראַטור ערעוו איר פארשווינדן״...) — און אין אָט דעם בוך איז אײַנגעשלאָסן דער פולער טעקסט (דרײַ הונדערט דרײַ סטאַנסן) פון דער „פּאָעמע די יאָסעף״ — אָן עפּיש ווערק אין לאַדינאָ (ערשטע העלפט פונעם XV יאָרהונדערט), וואָס איז באַזירט אַף דער געשיכטע וועגן יויסעף האַצאַדיק און איז געשריבן מיט העברעיִשע אויסיעס.

עס האָבן זיך פאַרהיט אין דער לאַדינאָ־שפּראַך צענדליקער ראָמאַנען און פּיעסן. די ערשטע צײַטונג, וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעגעבן (אין 1675), איז געווען „לאַ גאַסעטאַ דע אַמסטערדאַם״ (ערשט אין עלף יאָר אַרום איז דערשינען די ערשטע צײַטונג אין ייִדיש — „קוראַנטען״). פאַרן פּעריאָד פון דרײַ הונדערט יאָר זײַנען פארנאָטירט אָן ערעך דרײַ הונדערט צײַטונגען און זשורנאַלן אַף לאַדינאָ. די דאָזיקע שטורמישע געשיכטע האָט זיך אין דער הײַנטיקער צײַט אויסגעלאָזט מיט א האַלבער צײַטונג (די אַנדערע העלפט איז אַף טערקיש) אין איסטאַמבול, וועלכע רופט זיך „לאַ ווערא לוס״ — „די עמעסע ליכט״. אין 1948 האָט זיך „צעבראָכן״ די וואָכנצײַטונג „דער שטעקן״ („לאַ וואַרא״), וואָס איז ביז דאַן אַרויסגעגאַנגען אין ניו־יאָרק. דאַכט זיך, אז אין ייִסראָעל דערשײַנט נאָך עפּעס אַף שפּאַניאָליש...

וואָס איז שײַעך די ייִדן פון פאָלקס־בולגאַריע, איז זייער צײַטונג אין

דער בולגארישער שפּראַך „יעוורייסקי וועסטי״ באַוווסט און געשעצט אין די סאַמע ברייטסטע קרײַזן פונעם לאַנד. ס׳איז קעדײַ צו פאַרצייכע־נען, אַז דאָס איז די איינציקע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט, וועלכע האָט באַקומען דאָס רעכט צו דרוקן אין יעדן נומער באַנאַנד מיט איר נאָמען אַ רעפּראָדוקציע פון אַ מעלוכע־אָרדען, דאָס הייסט — די מעלוכע האָט, אָנערקענענדיק אירע פאַרדינסטן, זי באַלוינט מיט אָט דעם אָרדען.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „יעוורייסקי וועסטי״ איזידאָר סאָלאָמאָנאָוו איז אַ זשורנאַליסט פון אַ הויכער מאַדרייגע. ער אַרבעט אין דער אַלגע־מיינער לאַנד־פּרעסע, און די ייִדישע צײַטונג איז בײַ אים „דער צווייטער אָטעם״. געפינענדיק זיך מיט איזידאָר סאָלאָמאָנאָוון צווישן פּרעסע־לײַט, ווי אויך דאָן, ווען מיר זײַנען צוזאַמען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, פאַרבראַכט מיט כאַווײרים, — אומעטום האָב איך געהערט, ווי בולגאַרן און ייִדן רופן אים היימיש „איזי״: איזי ווייסט עפּעס דעם טײַטש פון אַזאַ און אַזאַ וואָרט; איזי זאָל מויכל זײַן, נאָר מאָרגן איז דער טערמין, ווען ער האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן אַן אַרטיקל...

אַנומלטן האָב איך געפרעגט איזין: דער ייִדישער ייִשעוו אין בולגאַריע איז אַ קליינער; בײַ וועלכן באַדינג וועט ער וואַקסן? איזי האָט אַ ווײַז געטאָן אויפן הערב פון סאָפע, אין וועלכן עס זײַנען אַרײַנגעשריבן די ווערטער: „וואַקסט, נאָר ווערט ניט אַלט״. דער באַדינג, אַז דער ייִדי־שער ייִשעוו זאָל וואַקסן, — האָט ער געענטפערט, — וועט קלאָר ווערן, אויב מירן די ווערטער אויפן הערב אַרויסזאָגן אַזוי: ווער ניט אַלט, וועסטו וואַקסן...

1973

אינהאלט

צוואַנציק טעג אין אַמעריקע 5

גאַנץ פּאַריז 93

מיט וואָס שיידט זיך אונטער פּאַריז פון ניו־יאָרק . . 95

א געשיכטע וועגן דעם געוועזענעם קאָזיאָנער ראַבינער
פון טשערניגאָוו שנייערסאָן און וועגן דעם געוועזענעם
נאָוואָזיבקאָווער שנײַדער דראַגונסקי 96

אויף דער אויסשטעלונג פון ייִדישן ווידערשטאַנד . . . 97

א שטרײַק אויפן פּאַריזשער אויפן 99

עטוואָס וועגן דאָרע טייטלבוים, הערשל מײַער, שאַרל
דאָבזשינסקי 101

שמאַד־שטיק פון דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע . . . 104

דער גאָלדפאַדען־כאַלעם 106

וועגן וואָס שמועסט מען אין פּאַריז 107

דיאַלאָג דורך מאָנאָלאָג 109

וועגן וואָס שמועסט מען פאַרט אין פּאַריז 111

„סאַוואַ?" — „סאַוואַ" 113

נאָר ניט אום שאַבעס 116

אין לוווּר 118

רי פאַראַדי, 14 120

ווען מיר וועלן אַריבערפאָרן די ווײַסל, ווען מיר וועלן
אַריבערפאָרן די וואַרטאַ... 123

Como el Uruguay no hay 149

אויפן וועג קיין מאָנטעווידעאָ שטעלט מען זיך אָפּ אין
אַמסטערדאַם 151

אורוגווײַער פּאַראַדאָקסן 158

אונדזערע פרײַנט אין „אונדזער פרײַנט" 163

די ייִדישע רעאַקציע — א פאַרזונקענע שיף 167

האָרנעראָ 175
אין א מיקראָוועלט פון דער צוקונפט 180
מיט מענטשן פון גוטן ווילן אף דער „בירגערלעכער זײַט" 182
צי בין איך טאקע ניט געווען אין ארגענטינע? 186
אורוגווײַער שרײַבער 190
טשאו 195

אין נעפל 199

צוליב וואָס בין איך געפאָרן קיין לאָנדאָן 201
אלץ קאפויר? 203
ווו ביסטו, ווײַטשעפל? 206
א באזוך אין הויז פון קלארקענוועל־גרין 213
דער וועג צום וועסטמינסטער 214
יידישע קולטור בא דער טעמזע 217
אויג־אף־אויג מיט דער מומע איטא 221
זונטיק אין לאָנדאָן 225
עטוואָס וועגן דעם לעבן און וועגן די זאָרגן פון קאָלעגן־
זשורנאליסטן 227
דערלאנג דײַן פראוודא־מאטקא, ברודערל! 231
מײַן באגעגעניש מיט שמועל־יוסעף אגנאָן 237
בירמינגהעם. מאנטשעסטער. עדינבורג 241
שוין צײַט, שוין לאנג צײַט, בעריק... 249

ווידער אין וועג 253

צי זײַנען דאָ יידן אין מאָנאקאָ 255
מיט מארק שאגאלן 259
פראנקרײַך איז ניט בלויז פאריזש 276
פאריזשער נײַס 278
ערעוו ראָשעשאָנע 285
צוויי טשיקאווע באגעגענישן 291
צוריק אהיים 294

בריוו פון אייראָפּע 297

Вергелис Арон

ПУТЕШЕСТВИЯ

(на еврейском языке)

Художник *М. З. Шлосберг*

Редактор *С. В. Гордон*
Худож. редактор *Д. С. Мухин*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 4/XI 1975 г. Подписано к печати 20/V 1976 г. Бумага 84×108¹/₃₂ № 1. Печ. л. 14¹/₄ (23,94). Уч.-изд. л. 26,72. Тираж 1600 экз. Заказ № 2953. Цена 92 коп. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13